STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00539

# GESHIKHTE FUN DER ALFARBANDISHER KOMUNISTISHER PARTEY (BOLSHEVIKES)

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ruth Chodos*
*in memory of*
*Irving Chodos*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

# געשיכטע
פון דער
# אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי
(באָלשעוויקעס)

קורצער קורס

---

אונטער דער רעדאקציע פון א קאָמיסיע פון צ.ק. אל.ק.פ.(ב.)

---

באוויליקט פון צ.ק. אל.ק.פ.(ב.). 1938 יאָר

פארלאג פאר ליטעראטור אויף אויסלענדישע שפראכן
מאָסקווע 1939

*Printed in the Union of Soviet Socialist Republics*

*Printed in the Union of Soviet Socialist Republics*

# אינהאלט


זײַט

אַרײַנפיר . . . . . . . . . . . . . . . . . 1

## קאפיטל I

### דער קאמף פאר שאפן די סאָציאַל-דעמאָקראטישע ארבעטער-פארטיי אין רוסלאנד.

### (די יאָרן 1883—1901).

1. די אָפשאפונג פונם לײַבאײגנטום-רעכט און די אנטוויקלונג פונם אינ-דוסטריעלן קאפיטאליזם אין רוסלאנד. דער אויפקום פון א מאָדערנעם אינדוסטריעלן פראָלעטאריאט. די ערשטע שריט פון דער ארבעטער-באוועגונג . . . . . . . . . . . . . . . . 3
2. דער פאָלקיזם און מארקסיזם אין רוסלאנד. פּלעכאנאָוו און זײַן גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא". פּלעכאנאָווס קאמף קעגן דעם פאָלקיזם. די פארשפּרײטונג פון מארקסיזם אין רוסלאנד . . . . . . . 10
3. דער אָנהויב פון לעניִנס רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט. דער פּעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרײַאונג פונם ארבעטער-קלאס" . . . 19
4. לעניִנס קאמף קעגן דעם פאָלקיזם און „לעגאלן מארקסיזם". די לעניִנישע אידייע פון א בונד פונם ארבעטער-קלאס מיטן פּויערטום. דער ערשטער צוזאמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי . . . . . . . . . . . . . . . . . 22
5. לעניִנס קאמף קעגן דעם „עקאָנאָמיזם". דאָס דערשײַנען פון דער לעניִנישער צײַטונג „איסקרא" . . . . . . . . . . . . . 27

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . . 30

## קאפיטל II

### די אויסבילדונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי. דער אויפקום פון די פראקציעס באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אינעווייניק אין דער פארטיי.

### (די יאָרן 1901—1904).

1. דער אויפשטײַג פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאנד אין די יאָרן 1901—1904 . . . . . . . . . . . . 32

2. דער לעניניסטישער פּלאַן פון אויסבויען די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי. דער אָפּאָרטוניזם פון די „עקאָנאָמיסטן”. דער קאַמף פון דער „איסקרא” פאַרן לענינישן פּלאַן. לענינס בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?”. די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי . . . . . . . . 36

3. דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. דאָס אָננעמען די פּראָגראַם און דעם סטאַטוט און דאָס שאַפן אַן איינהייטלאַכע פּאַרטיי. די מיינונגס=פאַרשיידנהייטן אויפן צוזאַמענפאָר און דער אויפקום פון צוויי שטרעמונגען אין דער פּאַרטיי: אַ באָלשעוויסטישע און אַ מענשעוויסטישע . . . . . . . . . 47

4. די שפּאַלטונגס=אַקציעס פון די מענשעוויסטישע לידערס און די פאַרשאַרפונג פונם קאַמף אינעווייניק אין דער פּאַרטיי נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר. דער אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס. לענינס בוך „אַ טראָט פאָראויס, צוויי טריט צוריק”. די אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי . . . . . . . . . . . . . . 53

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . . 63

קאַפּיטל III

## די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס אינם פּעריאָד פון דער רוסיש=יאַפּאַנישער מלחמה און פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע.

### (די יאָרן 1904—1907).

1. די רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה. דער ווייטערדיקער אויפשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די שטרייקס אין פּעטערבורג. די דעמאָנסטראַציע פון די אַרבעטער בײַם ווינטער=פּאַלאַץ דעם 9-טן יאַנואַר 1905=טן יאָר. די צעשיסונג פון דער דעמאָנסטראַציע. דער אָנהויב פון דער רעוואָליוציע . . . . . . . . . . . . . . . 65

2. די פּאָליטישע שטרייקס און דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטער. דער אָנוואוקס פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון די פּויערים. דער אויפשטאַנד אויף דער פּאַנצער=שיף „פּאָטיאָמקין” . . . . . . . . . . 71

3. די טאַקטישע מיינונגס=פאַרשיידנהייטן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. לענינס בוך „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע”. די טאַקטישע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי . . . 75

4. דער ווייטערדיקער אויפשטייג פון דער רעוואָליוציע. דער אַלרוסלענדישער פּאָליטישער שטרייק אין אָקטאָבער 1905=טן יאָר. דער צוריקטריט פונם צאַריזם. דער צאַרישער מאַניפעסט. דער אויפקום פון סאָוועטן פון אַרבעטער=דעפּוטאַטן . . . . . . . . . . . . . . 93

5. דער דעצעמבערישער באַוואָפנטער אויפשטאַנד. די מפּלה פונם אויפשטאַנד. דער צוריקטריט פון דער רעוואָליוציע. די ערשטע מלוכה=דומע. דער פערטער (פאַראייניקונגס=) צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי . . . . . . . 97

6. דאָס צעטרײַבן די ערשטע מלוכה־דומע. דאָס צונויפרופן די צווייטע מלוכה־דומע. דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. דאָס צעטרײַבן די צווייטע מלוכה־דומע. די סיבות פון דער מפּלה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע . . . . . . . . . . . . . . 106

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . . . 114

## קאַפּיטל IV

### די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס אינם פּעריאָד פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע. די אויספורעמונג פון די באָלשעוויקעס אין אַ זעלבסטשטענדיקער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי.

### (די יאָרן 1908—1912).

1. די סטאָליפּינישע רעאַקציע. די צעלייגונג אין די אָפּאָזיציאָנעלע שיכטן פון דער אינטעליגענץ. די ירידה־שטימונגען. דער איבערגאַנג פון אַ טייל פּאַרטיי־אינטעליגענץ אין לאַגער פון די שונאים פונם מאַרקסיזם און די פּרואוון צו רעווידירן די טעאָריע פונם מאַרקסיזם. לענינס שאַרפער ענטפער די רעוויזיאָניסטן אין זײַן בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם" און די פאַרטיידיקונג פון די טעאָרעטישע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי . . . . . . . . . . 117

2. וועגן דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם . . . . . . 127

3. די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס אין די יאָרן פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע. דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן די ליקווידאַטאָרן און קעגן די אָטזאָוויסטן . . . . . . . . . . . 161

4. דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן דעם טראָצקיזם. דער אַנטי־פּאַרטייאישער אויגוסט־בלאָק . . . . . . . . . . . . 166

5. די פּראַגער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין יאָר 1912. די אויספורעמונג פון די באָלשעוויקעס אין אַ זעלבסטשטענדיקער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי . . . 170

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . . . 175

## קאַפּיטל V

### די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אין די יאָרן פונם אויפשטײַג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

### (די יאָרן 1912—1914).

1. דער אויפשטײַג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די יאָרן 1912—1914 . . . . . . . . . . . . . . . . 178

2. די באָלשעוויסטישע צײַטונג „פּראַוודאַ". די באָלשעוויסטישע פראַקציע אין דער פערטער מלוכה־דומע . . . . . . . . . . . . 183

3. דער זיג פון די באָלשעוויקעס און די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס. דער ווינטערדיקער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. ערב דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה . . . . . . . . . . . 191

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . . 195

## קאַפּיטל VI

## די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אינם פּעריאָד פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די צווייטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

## (1914 יאָר—מערץ 1917 יאָר).

1. די אנטשטייאונג און די סיבות פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה . 196

2. דער אריבערגאַנג פון די פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אויף דער זייט פון זייערע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. די צעפאַלונג פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אויף באַזונדערע סאָציאַל־שאָוויניסטישע פּאַרטייען . 200

3. די טעאָריע און טאַקטיק פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין די פראַגן פון מלחמה, שלום און רעוואָלוציע . . . . . . . . 204

4. די מפּלה פונם צאַרישן מיליטער אויפן פראָנט. דער ווירטשאַפטלאַכער חורבן. דער קריזיס פונם צאַריזם . . . . . . . . . 212

5. די פעברואַר־רעוואָלוציע. דאָס פאַלן פונם צאַריזם. די אויסבילדונג פון די סאָוועטן פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. די אויסבילדונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג. די צווייִמאַכט . . . . . . . . . 214

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . . 220

## קאַפּיטל VII

## די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אינם פּעריאָד פון צוגרייטונג און דורכפירונג פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

## (אַפּריל 1917 יאָר—1918 יאָר).

1. די סיטואַציע אין לאַנד נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע. דאָס אַרויסגייִן פון אונטערערד און דאָס אַריבערגייִן צו אָפענער פּאָליטישער אַרבעט. לעגינס קומען קיין פּעטראָגראַד. לענינס אַפּריל־טעזיסן. די אײַנשטעלונג פון דער פּאַרטיי אויף אַריבערגייִן צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע . . . . . . . . . . . . . . . 222

2. דער אָנהויב פונם קריזיס פון דער צייטווייליקער רעגירונג. די אַפּריל־קאָנפערענץ פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי . . . . . . . . 229

3. די דערפאָלגן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין דער הויפּטשטאָט. דער ניט־געלונגענער אָנגריף פונם מיליטער פון דער צייטווייליקער רעגירונג אויפן פראָנט. דאָס דערשטיקן די יולי־דעמאָנסטראַציע פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן . . . . . . . . . . . . . 234

4. דער קורס פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אויף דער צוגרייטונג פון א באוואָפנטן אויפשטאנד. דער זעקסטער פּאַרטיי-צוזאמענפאָר . . . 239

5. די פארשווערונג פונם גענעראל קאָרנילאָוו קעגן דער רעוואָלוציע. די צעשמעטערונג פון דער פארשווערונג. דער אריבערגאנג פון די סאָוועטן אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע אויף דער זייַט פון די באָלשעוויקעס . 244

6. דער אָקטאָבער-אויפשטאנד אין פּעטראָגראַד און דער ארעסט פון דער צייַטווייַליקער רעגירונג. דער צווייטער סאָוועטן-צוזאמענפאָר און די אויסבילדונג פון דער סאָוועטן-רעגירונג. די דעקרעטן פונם צווייטן סאָוועטן-צוזאמענפאָר וועגן שלום, וועגן ערד. דער זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. די סיבות פונם זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע . 250

7. דער קאמף פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פאר דער פארפעסטיקונג פון דער סאָוועטן-מאכט. דער בריסקער שלום. דער זיבעטער פּאַרטיי-צוזאמענפאָר 262

8. דער לענינישער פּלאַן פון צוטרעטן צו דער סאָציאַליסטישער בויאונג. די „קאָמבעדן“ און די אייַנצוימונג פונם באלעגולפנטום. דער בונט פון די „לינקע“ עסערן און דאָס דערשטיקן אים. דער פינפטער סאָוועטן-צוזאמענפאָר און דאָס אָננעמען די קאָנסטיטוציע פון ר.ס.פ.ס.ר. . . . . 269

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . 273


## קאַפּיטל VIII

## די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אינם פּעריאָד פון דער אויסלענדישער קריגס-אינטערווענציע און פון בירגערקריג.

## (די יאָרן 1918—1920).


1. דער אָנהויב פון דער אויסלענדישער קריגס-אינטערווענציע. דער ערשטער פּעריאָד פונם בירגערקריג . . . . . . . . . . . . 275

2. די קריגס-מפּלה פון דייַטשלאנד. די רעוואָלוציע אין דייַטשלאנד. די אויסבילדונג פונם דריטן אינטערנאציאָנאל. דער אכטער פּאַרטיי-צוזאמענפאָר . 281

3. די פארשטארקונג פון דער אינטערווענציע. די בלאָקאדע קעגן סאָוועטן-לאנד. קאָלטשאַקס קריגס-מארש און דאָס צעשמעטערן אים. דעניקינס קריגס-מארש און דאָס צעשמעטערן אים. דער דרייַ-חדשים'דיקער אָטעם-איבערכאפּ. דער נייַנטער פּאַרטיי-צוזאמענפאָר . . . . . . . . . 288

4. דער אָנפאל פון די פּוילישע פּאַנעס אויפן סאָוועטן-לאנד. דער אויספאל פונם גענעראל וורangעל. דער דורכפאל פונם פּוילישן פּלאַן. די צעשמעטערונג פון וורangעלן. דער סוף פון דער אינטערווענציע . . . . . 294

5. וויאַזוי און פארוואָס האָט דאָס סאָוועטן-לאנד באזיגט די פאראייניקטע קרעפטן פון דער ענגליש-פראנצויזיש-יאפּאַניש-פּוילישער אינטערווענציע און פון דער בורזשואַז-פּריציש-ווייַסגוואַרדייִשער קאָנטר-רעוואָלוציע אין רוסלאנד? . . . . . . . . . . . . . . . . . 297

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . 301

## קאפיטל IX

## די באָלשעוויסטישע פאַרטיי אינם פּעריאָד פון אריבערגאנג צו פרידלאכער ארבעט פון אויפשטעלן די פאָלקסווירטשאפט.

### (די יאָרן 1921—1925).


1. דאָס סאָוועטן-לאנד נאָך דער ליקווידירונג פון דער אינטערווענציע און בירגערקריג. די שוועריקייטן פון אויפשטעלונגס-פּעריאָד . . . . . 303
2. די דיסקוסיע אין דער פאַרטיי וועגן די פּראָפּפאראיינען. דער צענטער פּאַרטיי-צוזאמענפאָר. די מפּלה פון דער אָפּאָזיציע. דער אריבערגאנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק (נעפּ) . . . . . . . . . 306
3. די ערשטע סך-הכל'ען פונם נעפּ. דער עלפטער פאַרטיי-צוזאמענפאָר. די אויס-בילדונג פונם פאַרבאנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. לענינס קראנקייט. לענינס קאָאָפּעראטיווער פּלאן. דער צוועלפטער פאַרטיי-צוזאמענפאָר 315
4. דער קאמף קעגן די שוועריקייטן פון אויפשטעלן די פאָלקסווירטשאפט. די פאַרשטארקונג פון דער אקטיווקייט פון די טראָצקיסטן אין צוזא-מענהאנג מיט לענינס קראנקייט. די נייע דיסקוסיע אין דער פאַרטיי. די מפּלה פון די טראָצקיסטן. לענינס טויט. דער לענינישער פּריזיוו. דער דרייצנטער פאַרטיי-צוזאמענפאָר . . . . . . . . . . 322
5. דער סאָוועטן-פאַרבאנד צום סוף פונם אויפשטעלונגס-פּעריאָד. די פראגע וועגן דער סאָציאַליסטישער בויאונג און דעם זיג פונם סאָציאַליזם אין אונזער לאנד. די „נייע אָפּאָזיציע" פון זינאָוויעוו — קאמעניעוו. דער פערצנטער פאַרטיי-צוזאמענפאָר. דער קורס אויף דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונם לאנד . . . . . . . . . . 330

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . 340


## קאפיטל X

## די באָלשעוויסטישע פאַרטיי אין קאמף פאַר דער סאָציאַליסטישער אינ-דוסטריאַליזירונג פונם לאנד.

### (די יאָרן 1926—1929).


1. די שוועריקייטן אינם פּעריאָד פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזא-ציע און דער קאמף קעגן זיי. די אויסבילדונג פונם טראָצקיסטיש-זינאָוו-יעווישן אנטיפּאַרטייאישן בלאָק. די אנטיסאָוועטישע ארויסטרעטונגען פונם בלאָק. די מפּלה פונם בלאָק . . . . . . . . . . 342
2. די דערפאָלגן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאציע. דאָס אָפּשטיין פון דער לאנדווירטשאפט. דער פופצנטער פאַרטיי-צוזאמענפאָר. דער קורס אויף דער קאָלעקטיוויזאציע פון דער לאנדווירטשאפט. די צעשמעטערונג פונם טראָצקיסטיש-זינאָוויעווישן בלאָק. פּאָליטישע צוויי'פּנים'דיקייט . 349
3. דער אָנגריף קעגן דעם באלעבאָפנטום. די בוכארעניש-ריקאָווישע אנטיפּאַר-טייאישע גרופּע. דאָס אָננעמען דעם ערשטן פינפיאָר-פּלאן. דער סאָציאַליס-טישער געוועט. דער אָנהויב פון דער מאסאָווער קאָלווירטישער באוועגונג 356

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . 365

## קאפיטל XI

## די באָלשעוויסטישע פארטיי אין קאמף פאר דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאנדווירטשאפט.

## (די יאָרן 1930—1934).


1. די צווישנפעלקערלאכע סיטואציע אין די יאָרן 1930—1934. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין די קאפיטאליסטישע לענדער. דאָס פארכאפן מאנדזשוריע דורך יאפאָניע. דאָס קומען פון די פאשיסטן צו דער מאכט אין דײַטשלאנד. צוויי נעסטן פון מלחמה . . . . . . . . . 367
2. פון דער פאָליטיק פון באגרענעצן די באלעגופישע עלעמענטן צו דער פאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באלעגופנטום, ווי א קלאס. דער קאמף קעגן די פארקריפלונגען פון דער פארטיי־פאָליטיק אין דער קאָלווירטישער באוועגונג. דער אָנגריף קעגן די קאפיטאליסטישע עלעמענטן איבערן גאנצן פראָנט. דער זעכצנטער פארטיי־צוזאמענפאָר . . . . . . . . 371
3. די אײַנשטעלונג אויף דער רעקאָנסטרוקציע פון אלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאפט. די ראָלע פון דער טעכניק. דער ווײַטערדיקער וואוקס פון דער קאָלווירטישער באוועגונג. די פאָליטאָפטיילן בײַ די מאשין־טראקטאָר־סטאנציעס. די סך־הכל'ען פון אויספילן דעם פינפיאָר אין פיר יאָר. דער זיג פונם סאָציאליזם איבערן גאנצן פראָנט. דער זיבעצנטער פארטיי־צוזאמענפאָר . . . . . . . . . . . . . 382
4. דער איבערגעבורט פון די בוכארינצעס אין פאָליטישע צוויי־פּנים'דיקע. דער איבערגעבורט פון די טראָצקיסטישע צוויי־פּנים'דיקע אין א ווײַס־גווארדייאישע באנדע מערדער און שפּיאָנען. די רוצח'ישע דערמאָרדונג פון ס. מ. קיראָוון. די מאָס־מיטלען פון דער פארטיי צו פארשטארקן די וואכזאמקײַט פון די באָלשעוויקעס . . . . . . . . . . 396

קורצע אויספירן . . . . . . . . . . . . . . 402


## קאפיטל XII

## די באָלשעוויסטישע פארטיי אין קאמף פאר פארענדיקן די בויאונג פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט און דאָס דורכפירן די נײַע קאָנסטיטוציע.

## (די יאָרן 1935—1937).


1. די צווישנפעלקערלאכע סיטואציע אין די יאָרן 1935—1937. די צײַטווײַליקע לינדערונג פונם עקאָנאָמישן קריזיס. דער אָנהויב פון א נײַעם עקאָנאָמישן קריזיס. דאָס פארכאפן אביסיניע דורך איטאליע. די דײַטשיש־איטאליענישע אינטערווענציע אין שפאניע. דאָס ארײַנרײַסן זיך פון יאפאָניע אין צענטראל־כינע. דער אָנהויב פון דער צווייטער אימפעריאליסטישער מלחמה . . . . . . . . . . . . . . 404
2. דער ווײַטערדיקער אויפשטײַג פון דער אינדוסטריע און פון דער לאנדווירטשאפט אין פ.ס.ס.ר. די פארטערמיניקע אויספילונג פונם צווייטן פינפ־

יאָר. די רעקאָנסטרוקציע פון דער לאנדווירטשאפט און די פארענדיקונג פון דער קאָלעקטיוויזאציע. די באדייטונג פון קאדרען. די סטאכאנאָווישע באַוועגונג. דער אויפשטייג פונם פאָלקס־וואוילשטאנד. דער אויפשטייג פון דער פאָלקס־קולטור. די קראפט פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע . . . 409

3. דער אכטער סאָוועטן־צוזאמענפאָר. דאָס אָננעמען די נייע קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר. . . . . . . . . . . . . . . . 417

4. די ליקווידירונג פון די רעשטלאך פון די בוכארינישע־טראָצקיסטישע שפּיאָנען, שעדיקער, פארעטער פונם היימלאנד. די צוגרייטונג צו די וואלן אין אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. דער קורס פון דער פארטיי אויף א פאנאנדער־געוויקלטער אינערלאך־פארטייאישער דעמאָקראטיע. די וואלן אין אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. . . . . . . . . . . . . . 423

שלום . . . . . . . . . . . . . . . . 431

אָנמערקונגען . . . . . . . . . . . . . . . . 444

# אַרײַנפיר.

די אלפארבאנדישע קאָמוניסטישע פארטיי (באָלשעוויקעס) האָט דורכגעמאכט א לאנגן און רומפולן וועג פון די ערשטע קליינינקע מארקסיסטישע קרײַזלאך און גרופעס, וואָס זײַנען אויפגעקומען אין רוסלאנד אין די 80־ער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט, ביז דער גרויסער באָלשעוויסטישער פארטיי, וואָס פירט איצט אָן מיט דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאליסטישער מלוכה פון ארבעטער און פויערים.

די אל.ק.פ.(ב.) איז אויסגעוואקסן אויפן יסוד פון דער ארבעטער־באוועגונג אינם פאָררעוואָליוציאָנערן רוסלאנד פון די מארקסיסטישע קרײַזלאך און גרופעס, וואָס האָבן זיך פארבונדן מיט דער ארבעטער־באוועגונג און ארײַנגעבראכט אין איר דעם סאָציאליסטישן באוואוסטזײַן. די אל.ק.פ.(ב.) האָט זיך געהאלטן און האלט זיך בײַ דער רעוואָליוציאָנערער לערע פון מארקסיזם־לעניניזם. אירע פירער האָבן אין די נײַע באדינגונגען פון דער עפּאָכע פון אימפעריאליזם, אימפעריאליסטישע מלחמות און פראָלעטארישע רעוואָליוציעס ווײַטער אנטוויקלט די לערע פון מארקס און ענגעלס, האָבן זי אויפגעהויבן אויף א נײַער שטופע.

די אל.ק.פ.(ב.) איז געוואקסן און האָט זיך געפעסטיקט אין פרינציפּיעלן קאמף קעגן די קליינבירגערלאכע פארטייען אינעווייניק אין דער ארבעטער־באוועגונג — קעגן די עסערן (און פריער נאָך קעגן זייערע פאָרגייער — די פאָלקיסטן), קעגן די מענשעוויקעס, אנארכיסטן, בורזשואזע נאציאָנאליסטן פון אלע קאָלירן, און אינעווייניק אין דער פארטיי — קעגן די מענשעוויסטישע, אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגען, — קעגן די טראָצקיסטן, בוכארינצעס, נאציאָנאל־אָפּנויגלער און אנדערע אנטי־לענינישע גרופעס.

די אל.ק.פ.(ב.) האָט זיך געפעסטיקט און פארהארטעוועט אין רעוואָליו־

צו־אָנערן קאַמף קעגן אַלע שונאים פונם ארבעטער־קלאַס, קעגן אַלע שונאים פון די ארבעטנדיקע — קעגן די פּריצים, קאַפּיטאַליסטן, באַלעגופים, שערי־קער, שפּיאָנען, קעגן אַלע גערונגענע אַגענטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ארומרינגלונג.

די געשיכטע פון דער אַל.ק.פּ.(ב.) איז די געשיכטע פון דרײַ רעוואָליו־ציעס: פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע פון 1905־טן יאָר, פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אין פעברואַר 1917־טן יאָר און פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין אָקטאָבער 1917־טן יאָר.

די געשיכטע פון דער אַל.ק.פּ.(ב.) איז די געשיכטע פון אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, פון אראָפּוואַרפן די מאַכט פון די פּריצים און קאַפּיטאַ־ליסטן, די געשיכטע פון צעשמעטערן די אויסלענדישע באַוואָפנטע אינטערווענ־ציע אין דער צײַט פונם בירגערקריג, די געשיכטע פון אויסבויען די סאָ־וועטישע מלוכה און די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין אונזער לאַנד.

דאָס דערלערנען די געשיכטע פון דער אַל.ק.פּ.(ב.) באַרײַכערט מיט דער דערפאַרונג פונם קאַמף פון די ארבעטער און פּויערים פון אונזער לאַנד פאַרן סאָציאַליזם.

דאָס דערלערנען די געשיכטע פון דער אַל.ק.פּ.(ב.), דאָס דערלערנען די געשיכטע פונם קאַמף פון אונזער פּאַרטיי קעגן אַלע שונאים פונם מאַרק־סיזם־לעניניזם, קעגן אַלע שונאים פון די ארבעטנדיקע העלפט צו באַהערשן דעם באָלשעוויזם, העכערט די פּאָליטישע וואַכזאַמקײַט.

דאָס דערלערנען די העראָאישע געשיכטע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי באַוואָפנט מיטן וויסן די געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויק־לונג און פונם פּאָליטישן קאַמף, מיטן וויסן די טרײַב־קרעפטן פון דער רע־וואָליוציע.

דאָס דערלערנען די געשיכטע פון דער אַל.ק.פּ.(ב.) פאַרפעסטיקט די זי־כערקײַט אינם ענדגילטיקן זיג פון דער גרויסער זאַך פון דער פּאַרטיי פון לענין—סטאַלין, אינם זיג פונם קאָמוניזם אין דער גאַנצער וועלט.

דער דאָזיקער בוך גיט איבער אינקורצן די געשיכטע פון דער אַלפאַרבאַנ־דישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס).

קאפיטל I

# דער קאמף פאר שאפן די סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער־פּארטיי אין רוסלאנד.

### (די יאָרן 1883—1901).

## 1. די אָפּשאפונג פונם לייבאייגנטום־רעכט און די אנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם אין רוסלאנד. דער אויפקום פון א מאָדערנעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט. די ערשטע שריט פון דער ארבעטער־באוועגונג.

דאָס צארישע רוסלאנד איז שפּעטער פון אנדערע לענדער ארויפגעטראָטן אויפן וועג פון קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג. ביז די 60־ער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט איז אין רוסלאנד געווען זייער ווייניק פאבריקן און זאוואָדן. עס האָט געהערשט די לייבאייגנטימערישע ווירטשאפט פון די אדלליים—פּריצים. ביי דער לייבאייגנטום־אָרדענונג האָט די אינדוסטריע ניט געקאָנט ווי געהעריק זיך אנטוויקלען. די געצוואונגענע ארבעט פון די לייבאייגענע האָט געגעבן א נידעריקע ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט אין דער לאנדווירטשאפט. דער גאנצער גאנג פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג האָט געשטויסן צו דער פארניכטונג פונם לייבאייגנטום־רעכט. אָפּגעשוואכט פון דער מלחמה־מפּלה בעת דער קרימער קאמפּאניע און אָנגעשראָקן פון די פּויערישע „בונטן" קעגן די פּריצים, איז די צארישע רעגירונג געווען געצוואונגען אָפּצושאפן אין יאָר 1861 דאָס לייבאייגנטום־רעכט.

נאָר אויך נאָך דער אָפּשאפונג פונם לייבאייגנטום־רעכט האָבן די פּריצים פאָרגעזעצט צו אונטערדריקן די פּויערים. די פּריצים האָבן בארויבט די פּויערים, אָפּגעמענדיק און אָפּשניידנדיק ביי זיי בעת דער „באפרייאונג" א באדייטנדיקן טייל ערד, מיט וועלכער די פּויערים האָבן פריער זיך באנוצט. דעם דאָזיקן טייל ערד האָבן די פּויערים אָנגעהויבן רופן „אָטרעזקי" (אָפּשניטן). מע האָט די פּויערים געצוואונגען צו צאָלן די פּריצים אויסקויפגעלט פאר זייער „באפרייאונג" — ביי צוויי מיליארד רובל.

נאָך דער אָפּשאפונג פונם לייבאייגנטום־רעכט זיינען די פּויערים געווען געצוואונגען צו ארענדירן פּריץ'ישע ערד אויף די שווערסטע באדינגונגען. חוץ דעם געלט־אָפּצאָל פאר דער ארענדע פלעגט דער פּריץ ניט זעלטן צווינגען די פּויערים צו באארבעטן אומזיסט מיטן פּויערשן געציי און פערד א

באשטימטן סכום פריצ'ישע ערד. דאָס האָט געהייסן „אָטראבאָטקי" (אָפּאַרבעטונגען), „בארשטשינא" (דאָס ארבעטן פארן פריץ). אָפטער פאר אלץ איז דער פויער געווען געצוואונגען צו צאָלן דעם פריץ פאר ארענדירן די ערד מיט נאטור פון דער גערעטעניש אין דער מאָס פון א העלפט פון זיין גערעטעניש. דאָס האָט געהייסן ארבעטן „איספּאָלו" (פון דער העלפט).

אזויארום איז פארבליבן כמעט די זעלבע לאגע, וואָס בעת'ן לייבאייגנטום=רעכט, מיט דעם אונטערשייד בלויז, וואָס איצט איז דער פויער געווען פערזענלאך פריי, — מע האָט אים ניט געקאָנט פארקויפן אָדער קויפן, ווי א זאך.

די פריצים פלעגן מיט פארשיידענע רויב=מיטלען (ארענדע, שטראפירונגען) ארויספרעסן די לעצטע זאפטן פון דער אָפּגעשטאנענער פויערשער ווירטשאפט. די גרונט=מאסע פויערטום האָט איבערן דרוק פון די פריצים ניט געקאָנט פארבעסערן איר ווירטשאפט. דערפון נעמט זיך די גוואלדיקע אָפּגעשטאנענקייט פון דער לאנדווירטשאפט אינם פאָררעוואָליוציאָנערן רוסלאנד, וואָס פלעגט ברענגען צו אָפטע אומגערעטענישן און צו הונגערס.

די רעשטלאך פון דער לייבאייגנטום=ווירטשאפט, די קאָלאָסאלע שטייערן און די אויסקויף=אָפּצאָלן צו די פריצים, וואָס דאָס פלעגט ניט זעלטן איבערשטייגן די הכנסה פון דער פויערשער ווירטשאפט, פלעגן ארויסרופן א רואינירונג, א פאראָרעמונג פון די פויערים=מאסן, פלעגן צווינגען די פויערים אוועקצוגיין פון די דערפער זוכן פארדינסטן. זיי זיינען געגאנגען אין די פאבריקן און זאוואָדן. די פאבריקאנטן האָבן באקומען ביליקע ארבעטסקראפט.

איבער די ארבעטער און פויערים איז געשטאנען א גאנצע ארמיי איספּראווניקעס, אוריאדניקעס, זשאנדארן, פּאָליציי=לייט, סטראזשניקעס, וועלכע האָבן באשיצט דעם קייסער, די קאפּיטאליסטן, די פריצים קעגן די ארבעטנדיקע, קעגן די עקספּלואטירטע. ביזן 1903=טן יאָר האָט עקזיסטירט לייבשטראָף. ניט געקוקט אויף דער אָפּשאפונג פונם לייבאייגנטום=רעכט, פלעגט מען די פויערים פאר דער מינדסטער שולד, פאר ניט באצאָלן קיין שטייערן שמייסן מיט ריטער. די ארבעטער פלעגן גע'ממית'ט ווערן פון דער פּאָליציי און פון די קאזאקן, באזונדערס בעת שטרייקס, ווען די ארבעטער פלעגן אָפּשטעלן די ארבעט, ווייל זיי האָבן מער ניט געקאָנט אויסהאלטן די אונטערדריקונגען פון די פאבריקאנטן. די ארבעטער און פויערים האָבן ניט געהאט קיינע פּאָליטישע רעכט אינם צארישן רוסלאנד. די צארישע זעלבסטהערשונג איז געווען דער ערגסטער שונא פונם פאָלק.

דאָס צארישע רוסלאנד איז געווען א טורמע פון פעלקער. די פילצאָליקע ניט=רוסישע פעלקערשאפטן פונם צארישן רוסלאנד זיינען געווען אבסאָליוט רעכטלאָז, האָבן כסדר געהאט אויסצושטיין אלערליי דערנידעריקונגען און באליידיקונגען. די צארישע רעגירונג פלעגט צוגעוואוינען די רוסישע

באפעלקערונג צו קוקן אויף די אָרטגעבירטיקע פעלקערשאפטן פון די נאציאָ־נאלע געגנטן, ווי אויף א נידעריקערער ראסע; זי פלעגט זיי אָפיציעל רופן „אינאָראָדצי“ (פרעמדשטאמיקע), פלעגט פלאנצן פאראכטונג און האס צו זיי. די צארישע רעגירונג פלעגט באוואוסטזיניק צעבלאָזן נאציאָנאלע שנאה, פלעגט אָנרייצן איין פאָלק אויפן אנדערן, אָרגאניזירן אידישע פּאָגראָמען, די טאָטעריש־ארמענישע שחיטה אין טראנסקאווקאז.

אין די נאציאָנאלע געגנטן האָבן אלע, אָדער כמעט אלע, מלוכה־שטעלעס פארנומען רוסישע טשינאָווניקעס. אלע ענינים אין די אנשטאלטן, אין די געריכטן זיינען געפירט געוואָרן אין דער רוסישער שפראך. עס איז געווען פארבאָטן ארויסצוגעבן צייטונגען און ביכער אויף נאציאָנאלע שפראכן, אין די שולן איז געווען פארבאָטן צו לערנען זיך אויף דער מוטערשפּראך. די צארישע רעגירונג האָט געשטרעבט צו דערשטיקן יעטווידע אנטפלעקונג פון נאציאָנאלער קולטור, האָט דורכגעפירט א פּאָליטיק פון „רוסיפיצירן“ אויף א צוואנגס־אופן די ניט־רוסישע נאציאָנאליטעטן. דער צאריזם איז ארויס־געטראָטן ווי א הענקער און פּייניקער פון די ניט־רוסישע פעלקער.

נאָך דער אָפּשאפונג פונם לייבאייגנטום־רעכט איז די אנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם אין רוסלאנד אוועק גאנץ שנעל, ניט געקוקט אויף די רעשטלאך לייבאייגנטום, וואָס האָבן נאָך געהאמעוועט די דאָזיקע אנטוויק־לונג. פאר 25 יאָר, פונם יאָר 1865 ביזן יאָר 1890, האָט די צאָל ארבעטער בלויז אויף די גרויסע פאבריקן, זאוואָדן און אייזנבאנען זיך פארגרעסערט פון 706 טויזנט ביז 1.433 טויזנט, דאָס הייסט מער ווי אין צוויי מאָל.

נאָך שנעלער האָט זיך גענומען אנטוויקלען די קאפּיטאליסטישע גרויס־אינדוסטריע אין רוסלאנד אין די 90־ער יאָרן. די צאָל ארבעטער אין די גרויסע פאבריקן און זאוואָדן, אין דער בארג־אינדוסטריע, אויף די אייזנ־באנען איז צום סוף פון די 90־ער יאָרן בלויז אין 50 גובערניעס פונם אײ־ראָפּעאישן רוסלאנד אויסגעוואקסן ביז 2.207 טויזנט, און אין גאנץ רוסלאנד— ביז 2.792 טויזנט.

דאָס איז געווען א מאָדערנער אינדוסטריעלער פּראָלעטאריאט, וואָס האָט זיך ראדיקאל אונטערגעשיידט פון די ארבעטער פון די פאבריקן פון לייב־אייגנטום־פּעריאָד און פון די ארבעטער פון דער קליינער, קוסטארישער און יעטווידער אנדערער אינדוסטריע, ווי מיט זיין באהעפטקייט אין גרויסע קאַ־פּיטאליסטישע אונטערנעמונגען, אזוי אויך מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע קאמפס־אייגנשאפטן.

דער אינדוסטריעלער אויפשטייג פון די 90־ער יאָרן איז אין דער ער־שטער ריי געווען פארבונדן מיט דער פארשטארקטער אייזנבאן־בויאונג. אין פארלויף פונם יאָרצענדליק (די יאָרן 1890—1900) איז אויסגעבויט געוואָרן העכער 21 טויזנט ווערסט נייע אייזנבאן־ליניעס. פאר די אייזנבאנען האָט זיך געפאָדערט א קאָלאָסאלער סכום מעטאל (אויף רעלסן, לאָקאָמאָטיוון, וואגאָ־

נעם). עס האָט זיך געפאָדערט אלץ מער הייצוואַרג, שטיינקוילן און נאַפט. דאָס האָט געבראַכט צו דער אַנטוויקלונג פון דער מעטאַלורגיע און פון דער הייצוואַרג־אינדוסטריע.

ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פלעגן אויך אינם פאָררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד נאָך יאָרן פון אינדוסטריעלן אויפשטײַג אָנקומען יאָרן פון אינדוסטריעלע קריזיסן, פון שטילשטאַנד אין דער אינדוסטריע, וואָס פלעגן שווער טרעפן דעם אַרבעטער־קלאַס, פלעגן פאַראורטיילן הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אויף אַרבעטסלאָזיקייט און דלות.

כאָטש די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם איז נאָך דער אָפּשאַפונג פונם לײַבאייגנטום־רעכט געגאַנגען אין רוסלאַנד גאַנץ שנעל, דאָך איז רוסלאַנד אין זײַן עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג זייער אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די קאָלאָסאַלע מערהייט באַפעלקערונג איז נאָך געווען באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט. אין זײַן באַרימטן בוך „די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד" האָט לענין געבראַכט וויכטיקע ציפערן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג־ציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1897. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט איז געווען באַשעפטיקט בײַ פינף זעקסטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און אין דער גרויסער און קליינער אינדוסטריע, אינם האַנדל, אויפן אײַזנבאַן־ און וואַסער־טראַנספּאָרט, אין דער בויאונג, בײַ דער וואַלד־אַרבעט און אַזוי ווײַטער איז געווען באַשעפטיקט סך־הכל בלויז בײַ איין זעקסט־חלק פון דער באַפעלקערונג.

דאָס באַווײַזט, אַז, ניט געקוקט אויף דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, איז רוסלאַנד געווען אַן אַגראַר לאַנד, אַן אָפּגעשטאַנענע אין עקאָנאָמישער הינזיכט, אַ קליינבירגערלאַך לאַנד, דאָס הייסט אַזאַ, וואו עס האָט נאָך געהאַט די אויבערהאַנט די קליין־אייגנטימערישע, ווייניק־פּראָדוקטיווע אינדיווידועלע פויערשעווירטשאַפט.

די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם איז געגאַנגען ניט בלויז אין שטאָט, נאָר אויך אין דאָרף. דאָס פויערטום, דער סאַמע צאָלרײַכער קלאַס פונם פאָררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד, האָט געהאַלטן אין צעפאַלן ווערן, האָט זיך דיפערענצירט. אינם דאָרף האָט זיך פון די אַממערסטן פאַרמעגלאַכע פויערים אויסגעטיילט אַ באַלעגופישער אויבערשיכט, אַ דאָרפישע בורזשואַזיע, און, פון דער צווייטער זײַט, זײַנען פיל פויערים רואינירט געוואָרן; עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פויערשע אָרעמשאַפט, דאָרפישע פּראָלעטאַריער און האַלב־פּראָלעטאַריער. און די צאָל מיטלפויערים איז מיט יעדן יאָר געוואָרן אַלץ קלענער.

אין יאָר 1903 איז אין רוסלאַנד געווען בײַ 10 מיליאָן פויערשע הויפן. אין זײַן בראָשור „צו דער דאָרפישער אָרעמשאַפט" האָט לענין אויסגערעכנט, אַז פון דער דאָזיקער צאָל הויפן איז געווען ניט ווייניקער פון דרײַ אַ האַלב מיליאָן הויפן פון פויערים, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין פערד.

אָט די אָרעמסטע פּויערשע הויפֿן פֿלעגן געוויינלאך פֿארזייען אן אומבאדײַטנדיק שטיקל ערד; די איבעריקע ערד ווידער פֿלעגן זיי פֿארדינגען די באַלעגופֿים, און אַליין פֿלעגן זיי אַוועקגיין זוכן אנדערע פֿאַרדינסטן. לויט זייער לאַגע זײַנען די אָרעמסטע פּויערים געווען נעענטער פֿאר אַלץ צום פּראָלעטאריאט. לענין האָט זיי אָנגערופֿן דאָרפֿישע פּראָלעטאריער אָדער האלב=פּראָלעטאריער.

פֿון דער אנדערער זײַט, האָבן אָנדערהאלבן מיליאָן רײַכע, באַלעגופֿישע פּויערשע הויפֿן (פֿון דער גאנצער צאָל 10 מיליאָן) ארײַנגענומען צו זיך אין די הענט א העלפֿט פֿון דעם גאנצן פּויערשן פֿארזיי. אָט די פּויערשע בורזשואזיע איז געוואָרן אַלץ רײַכער, אונטערדריקנדיק די אָרעמשאפֿט און דאָס מיטלפּויערטום, אָנלעבנדיק זיך אויף דער פּראצע פֿון די באטראקעס און טאָג=ארבעטער און ווערנדיק פֿארוואנדלט אין לאנדווירטשאפֿטלעכע קאפּיטאליסטן.

שוין אין די 70=ער יאָרן און באזונדערס אין די 80=ער יאָרן פֿונעם פֿאָריקן יאָרהונדערט האָט דער ארבעטער=קלאס אין רוסלאנד אָנגעהויבן אויפֿוואכן און האָט גענומען פֿירן א קאמף קעגן די קאפּיטאליסטן. די לאגע פֿון די ארבעטער אינעם צארישן רוסלאנד איז געווען אן אומגעהויער שווערע. אין די 80=ער יאָרן איז דער ארבעטס=טאָג אין די פֿאבריקן און זאוואָדן געווען ניט ווייניקער פֿון 12½ שעה, און אין דער טעקסטיל=אינדוסטריע פֿלעגט ער דערגיין ביז 14—15 שעה. עס איז ברייט אָנגעווענדט געוואָרן די עקספּלואטאציע פֿון פֿרויען= און קינדער=ארבעט. קינדער האָבן געארבעט פּונקט אזויפֿיל שעה, וויפֿל דערוואקסענע, נאָר באקומען פֿלעגן זיי, פּונקט ווי די פֿרויען, א סך א נידעריקערן ארבעטסלוין. דער ארבעטסלוין איז געווען ביז גאָר נידעריק. דער גרעסטער טייל ארבעטער פֿלעגט באקומען צו 7—8 רובל א חודש. די העכסט באלוינטע ארבעטער אויף די מעטאל=באארבעטנדיקע זאוואָדן און גוס=זאוואָדן פֿלעגן באקומען ניט מער פֿון 35 רובל א חודש. עס איז ניט געווען קיין שום ארבעטס=שוץ, און דאָס האָט געבראכט צו מאסנהאפֿטע צעגעזיקונגען און טויט=פֿאלן בײַ די ארבעטער. עס איז ניט געווען קיין פֿארזיכערונג פֿאר ארבעטער; מעדיצינישע הילף פֿלעגט געגעבן ווערן נאָר פֿאר געצאָלט. אומגעהויער שווער זײַנען געווען די וואוינונגס=באדינגונגען. אין קליינינקע „קעמערלאך“, אין ארבעטער=קאזארמעס האָבן געוואוינט צו 10—12 מאן ארבעטער. די פֿאבריקאנטן פֿלעגן אָפֿט באשווינדלען די ארבעטער בײַם אויסצאָלן דעם ארבעטסלוין, פֿלעגן צווינגען זיי צו קויפֿן אין דעם באלעבאָס'ס קלייטן פּראָדוקטן און צאָלן דרײַ מאָל אזויפֿיל, בארויבן די ארבעטער דורך שטראָפֿירונגען.

די ארבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿריידן צווישן זיך און געמיינזאם ארויסשטעלן דעם באלעבאָס פֿון דער פֿאבריק, פֿונם זאוואָד פֿאָדערונגען וועגן פֿארבעסערן זייער אומדערטרעגלעכע לאגע. זיי פֿלעגןווארפֿן די ארבעט, דאָס הייסט, דערקלערן א „סטאטשקע“, א שטרײַק. די ערשטע שטרײַקס אין די 70=ער און 80=ער יאָרן פֿלעגן געוויינלאך אויסברעכן איבער די אומגעהויע=

רע שטראַפֿירונגען, איבער דער שווינדלערײַ און גענאַרערײַ בעת׳ן צעצאָלן זיך מיט די אַרבעטער, איבערן אַראָפּזעצן די טאַריפֿן.

אַרויסגעבראַכטע פֿון געדולד, פֿלעגן די אַרבעטער בעת די ערשטע שטרײַקס טײלמאָל ברעכן די מאַשינעס, ברעכן די שויבן אין די פֿאַבריק־געבײַדעס, מאַכן אַ חורבן אין דעם באַלעבאָס׳ם קלייטן און קאָנטאָרן.

די פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז כּדי צו פֿירן אַ דערפֿאָלגרײַכן קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטן איז נויטיק אַן אָרגאַניזאַציע. עס האָבן אָנגעהויבן אויפֿקומען אַרבעטער־פֿאַרבאַנדן.

אין יאָר 1875 האָט זיך אין אָדעס אָרגאַניזירט דער „דרום־רוסלענדישער פֿאַרבאַנד פֿון אַרבעטער“. די דאָזיקע ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט 8—9 חדשים; דערנאָך איז זי דורך דער צאַרישער רעגירונג צעשמעטערט געוואָרן.

אין פּעטערבורג האָט זיך אין יאָר 1878 אָרגאַניזירט דער „צפֿון׳דיקער פֿאַרבאַנד פֿון די רוסישע אַרבעטער“, בראש פֿון וועלכן עס זײַנען געשטאַנען דער סטאָליער כאַלטורין און דער שלאָסער אָבנאָרסקי. אין דער פּראָגראַם פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרבאַנד איז געווען געזאָגט, אַז לויט זײַנע אויפֿגאַבעס שליסט ער זיך אָן אָן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטייען פֿון מערב. דער פֿאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַן ענדציל דורכפֿירן די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע — „אַראָפּוואַרפֿן די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מלוכה־אָרדענונג, ווי אַן אָרדענונג אַ העכסט אומגערעכטע“. איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונעם פֿאַרבאַנד — אָבנאָרסקי האָט אַ געוויסע צײַט געוואוינט אין אויסלאַנד, האָט זיך דאָרטן באַקענט מיט דער טעטיקײַט פֿון די מאַרקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און פֿונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפֿירט מאַרקס. דאָס האָט אַרויפֿגעלייגט אַ שטעמפּל אויף דער פּראָגראַם פֿונעם „צפֿון׳דיקן פֿאַרבאַנד פֿון די רוסישע אַרבעטער“. פֿאַר דער נאָענטסטער אויפֿגאַבע זײַנער האָט זיך דער דאָזיקער פֿאַרבאַנד געשטעלט די דערגרייכונג פֿון פּאָליטישער פֿרײַהײַט און פֿון פּאָליטישע רעכט פֿאַרן פֿאָלק (פֿרײַהײַט פֿון וואָרט, פֿון פּרעסע, רעכט פֿון פֿאַרזאַמלונגען און אַזוי ווײַטער). צווישן די נאָענטסטע פֿאָדערונגען איז אויך געווען די פֿאָדערונג צו באַגרענעצן דעם אַרבעטס־טאָג.

די צאָל מיטגלידער פֿונעם פֿאַרבאַנד האָט דערגרייכט 200 מאַן, און אַזוי־פֿיל איז אויך געווען מיטפֿילנדיקע. דער פֿאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן באַטייליקן זיך אין די אַרבעטער־שטרײַקס, האָט אָנגעפֿירט מיט זיי. די צאַרישע רעגירונג האָט צעשמעטערט אויך דעם דאָזיקן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד.

די אַרבעטער־באַוועגונג איז אָבער אַלץ ווײַטער געוואַקסן, אַרומכאַפּנדיק אַלץ נײַע און נײַע ראַיאָנען. די 80־ער יאָרן גיבן אַ גרויסע צאָל שטרײַקס. אין פֿאַרלויף פֿונם פֿינפֿיאָר (די יאָרן 1881—1886) זײַנען פֿאָרגעקומען העכער 48 שטרײַקס מיט 80 טויזנט שטרײַקנדיקע אַרבעטער.

א באזונדערס גרויסע באדײַטונג אין דער געשיכטע פון דער רעוואָליו־ציאָנערער באוועגונג האָט געהאַט דער גרויסער שטרײַק, וואָס איז אויסגע־בראָכן אין יאָר 1885 אויף מאָראָזאָווס פאבריק אין אָרעכאָוואָ־זויעוואָ.

אין דער דאָזיקער פאבריק האָבן געארבעט בײַ 8 טויזנט ארבעטער. די ארבעטס־באדינגונגען זײַנען מיט יעדן טאָג געוואָרן ערגער: פונם יאָר 1882 ביז 1884 איז דער ארבעטסלוין אראָפּגעזעצט געוואָרן פינף מאָל. דערבײַ זײַנען די טאריפן אין יאָר 1884 אראָפּגעזעצט געוואָרן מיטאמאָל אויף א פערטל, דאָס הייסט אויף 25 פּראָצענט. נאָר חוץ דעם האָט דער פאבריקאנט מאָראָזאָוו פארמוטשעט די ארבעטער מיט שטראפירונגען. ווי עס איז קלאָר געוואָרן אויפן געריכט נאָכן שטרײַק, פלעגט בײַ די ארבעטער פון יעדן פאר־דינטן רובל אָפּגענומען ווערן, אין דער פאָרם פון שטראפירונגען, פון 30 ביז 50 קאָפּיקעס לטובת דעם פאבריקאנט. די ארבעטער האָבן ניט אויסגעהאלטן די דאָזיקע רויבערײַ און האָבן אין יאנואר 1885־טן יאָר דערקלערט א שטרײַק.

דער שטרײַק איז געווען אָרגאניזירט פון פּרױער. אָנגעפירט מיט אים האָט דער פאָרגעשריטענער ארבעטער פּיאָטר מאָיסעיענקאָ, וועלכער איז פּרױער געווען א מיטגליד פונם „צפון'דיקן פארבאנד פון די רוסישע ארבעטער" און האָט שוין געהאט א רעוואָליוציאָנערע דערפארונג. ערב דעם שטרײַק האָט מאָיסעיענקאָ צוזאמען מיט אנדערע אממערסטן באוואוסטזיניקע וועבער אויסגעארבעט א ריי פאָדערונגען צום פאבריקאנט; די פאָדערונגען זײַנען באשטעטיקט געוואָרן אויף א געהיימער באראטונג פון די ארבעטער. פּרױער פון אלץ האָבן די ארבעטער געפאָדערט אָפּצושטעלן די רויבערישע שטראפירונגען.

דער דאָזיקער שטרײַק איז דערשטיקט געוואָרן מיט באוואָפנטער קראפט. העכער 600 ארבעטער זײַנען ארעסטירט געוואָרן, עטלעכע צענדליק פון זיי זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט.

ענלאכע שטרײַקס זײַנען פאָרגעקומען אין יאָר 1885 אין די פאבריקן אין איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק.

אָנגעשראָקן פונם וואוקס פון דער ארבעטער־באוועגונג, איז די צארישע רעגירונג אינם פאָלגנדיקן יאָר געווען געצוואונגען ארויסצוגעבן א געזעץ וועגן שטראפירונגען. אין דעם דאָזיקן געזעץ איז געווען געזאָגט, אז דאָס שטראפי־רונגס־געלט דארף גיין ניט אין קעשענע פונם פאבריקאנט, נאָר אויף די באַ־דערפענישן פון די ארבעטער גופא.

פון דער דערפארונג פונם מאָראָזאָווער און אנדערע שטרײַקס האָבן די ארבעטער פארשטאנען, אז זיי קאָנען זיך פיל דערשלאָגן דורך אָרגאניזירטן קאמף. די ארבעטער־באוועגונג האָט אָנגעהויבן אויסצוטיילן פון איר סביבה פייאיקע אָנפירער און אָרגאניזאטאָרן, וואָס האָבן גענומען פעסט פארטיידיקן די אינטערעסן פונם ארבעטער־קלאס.

אויפן באָדן פונם וואוקס פון דער ארבעטער־באוועגונג און אונטער דער

ווירקונג פון דער מערב-אייראָפּעאישער ארבעטער-באוועגונג הויבן אָן אין דער זעלבער צײַט זיך שאפן אין רוסלאנד די ערשטע מארקסיסטישע אָר-גאניזאציעס.

## 2. דער פּאָלקיזם און מארקסיזם אין רוסלאנד. פּלעכאנאָוו און זײַן גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא". פּלעכאנאָווס קאמף קעגן דעם פּאָלקיזם. די פארשפרייטונג פון מארקסיזם אין רוסלאנד.

איידער עס זײַנען אויפגעקומען די מארקסיסטישע גרופּעס האָבן אין רוסלאנד געפירט א רעוואָלוציאָנערע ארבעט די פּאָלקיסטן, וועלכע זײַנען געווען קעגנער פון מארקסיזם.

די ערשטע רוסישע מארקסיסטישע גרופּע איז אויפגעקומען אין יאָר 1883. דאָס איז געווען די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא" (באפרײַאונג פון ארבעט), וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן דורך ג. וו. פּלעכאנאָוו אין אויסלאנד, אין זשענעווע, וואוהין ער איז געווען .געצוואונגען אוועקצופאָרן צוליב די פארפאָלגונגען פון דער צארישער רעגירונג פאר רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט.

פּלעכאנאָוו איז אליין ביז דעם געווען א פּאָלקיסט. באקענענדיק זיך אין דער עמיגראציע מיטן מארקסיזם, האָט ער געריסן מיטן פּאָלקיזם און איז געוואָרן אן אָנגעזעענער פּראָפּאגאנדיסט פונם מארקסיזם.

די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא" האָט דורכגעמאכט א גרויסע אַר-בעט פון פארשפרייטן דעם מארקסיזם אין רוסלאנד. זי האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש די ווערק פון מארקס און ענגעלס: „מאניפעסט פון דער קאָ-מוניסטישער פּארטיי", „לוין-ארבעט און קאפּיטאל", „די אנטוויקלונג פון סאָציאליזם פון אוטאָפּיע צו וויסנשאפט" און אנדערע, זי האָט זיי אָפּגע-דרוקט אין אויסלאנד און גענומען געהיים פארשפרייטן אין רוסלאנד. ג. וו. פּלעכאנאָוו, זאסוליטש, אקסעלראָד און אנדערע אָנטיילנעמער פון דער דאָ-זיקער גרופּע האָבן אָנגעשריבן אויך א ריי ווערק, אין וועלכע זיי האָבן דער-קלערט די לערע פון מארקס און ענגעלס, דערקלערט די אידייען פונם וויסנ-שאפטלאכן סאָציאליזם.

מארקס און ענגעלס, די גרויסע לערער פונם פּראָלעטאריאט, האָבן, אין קעגנגעוויכט צו די סאָציאליסטן—אוטאָפּיסטן, די ערשטע אויפגעקלערט, אז דער סאָציאליזם איז ניט קיין אויסטראכטעניש פון טרוימער (אוטאָפּיסטן), נאָר א נויטווענדיקער רעזולטאט פון דער אנטוויקלונג פון דער מאָדערנער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. זיי האָבן באוויזן, אז די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג וועט פאלן פונקט אזוי, ווי עס איז געפאלן די לײַבאייגנטום-אָרדע-

נונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם שאַפט אַליין פאַר זיך אַ באַגראָבער אין פערזאָן פונם פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן באַוויזן, אַז נאָר דער קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט, נאָר דער זיג פונם פּראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשואַזיע וועט אויסלייזן די מענטשהייט פון קאַפּיטאַליזם, פון עקספּלואַטאַציע.

מאַרקס און ענגעלס האָבן געלערנט דעם פּראָלעטאַריאַט צו באַזיניקן זײַנע כחות, צו באַזיניקן זײַנע קלאַסן־אינטערעסן און פאַראייניקן זיך צוליב אַנטשיידנדיקן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע. מאַרקס און ענגעלס האָבן אַנטדעקט די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און האָבן וויסנשאַפטלאַך דערוויזן, אַז די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און דער קלאַסנקאַמף אין איר דאַרפן אומפאַרמײַדלאַך ברענגען דערצו, אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל פאַלן, דאַרפן ברענגען צום זיג פונם פּראָלעטאַריאַט, צו דער *דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט*.

מאַרקס און ענגעלס האָבן געלערנט, אַז באַפרײַען זיך פון דעם קאַפּיטאַלס מאַכט און פאַרוואַנדלען דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום אין אַ געזעלשאַפטלאַך אייגנטום איז אוממעגלאַך אויף אַ פרידלאַכן אופן, אַז אַט דאָס דערשלאָגן זיך קאָן דער אַרבעטער־קלאַס נאָר דורך אָנווענדן רעוואָלוציאָנערע געוואַלדטאַט קעגן דער בורזשואַזיע, דורך אַ *פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע*, דורך אײַנשטעלן זײַן פּאָליטישע הערשאַפט — די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע דאַרף דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרן און שאַפן אַ נײַע, קלאַסנלאָזע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

מאַרקס און ענגעלס האָבן געלערנט, אַז דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט איז דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער, דערפאַר — דער סאַמע פּאָרגעשריטענער קלאַס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַז בלויז אַזאַ קלאַס, ווי דער פּראָלעטאַריאַט, קאָן צונויפזאַמלען אַרום זיך אַלע קרעפטן, וואָס זײַנען אומצופרידן מיטן קאַפּיטאַליזם, און פירן זיי צו שטורעמען דעם קאַפּיטאַליזם. כדי אָבער צו באַזיגן די אַלטע וועלט און שאַפן די נײַע קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט האָבן זײַן אייגענע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגערופן קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

מיט פאַרשפּרייטן די אָנשויאונגען פון מאַרקס און ענגעלס האָט זיך טאַקע פאַרנומען די ערשטע רוסישע מאַרקסיסטישע גרופּע, די פּלעכאַנאָווישע גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא".

די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא" האָט אויפגעהויבן די פאָן פון מאַרקסיזם אין דער רוסישער אויסלענדישער פּרעסע אין דעם מאָמענט, ווען קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג איז נאָך אין רוסלאַנד ניט געווען. עס איז נויטיק געווען פריִער פאַר אַלץ טעאָרעטיש, אידייאיש דורכלייגן דעם וועג פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג. די הויפּט־אידייאישע שטערונג אויפן וועג פון פאַרשפּרייטן דעם מאַרקסיזם און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג זײַנען אין יענער צײַט געווען די פּאָלקיסטישע אָנשויאונגען, וואָס האָבן דעמאָלט גע-

הערשט צווישן די פּראָגרעסיווע ארבעטער און דער רעוואָליוציאָנער־געשטימטער אינטעליגענץ.

מיט דער אנטוויקלונג פונם קאפּיטאַליזם אין רוסלאַנד האָט דער ארבעטער־קלאַס געגומען ווערן א מעכטיקע פּראָגרעסיווע קראַפט, וואָס איז פייאיק צו אָן אָרגאַניזירטן רעוואָליוציאָנערן קאַמף. די פּראָגרעסיווע ראָלע פונם ארבעטער־קלאַס האָבן אָבער די פּאָלקיסטן ניט פאַרשטאַנען. די רוסישע פּאָלקיסטן האָבן געמאַכט דעם טעות, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז די הויפּט־רעוואָליוציאָנערע קראַפט איז ניט דער ארבעטער־קלאַס, נאָר דאָס פּויערטום, אַז די מאַכט פונם קייסער און פון די פּריצים קאָן מען אַראָפּוואַרפן בלויז דורך פּויערשע „בונטן". די פּאָלקיסטן האָבן ניט געקענט דעם ארבעטער־קלאַס און ניט פאַרשטאַנען, אַז אָן א בונד מיטן ארבעטער־קלאַס און אָן זײַן אָנפירונג וועלן די פּויערים אַליין ניט קאָנען באַזיגן דעם צאַריזם און די פּריצים. די פּאָלקיסטן האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז דער ארבעטער־קלאַס איז דער סאַמע רעוואָליוציאָנערער און סאַמע פּראָגרעסיווער קלאַס פון דער געזעלשאַפט.

די פּאָלקיסטן האָבן צוערשט געפּרוּווט אויפהויבן די פּויערים צום קאַמף קעגן דער צאַרישער רעגירונג. מיט דעם דאָזיקן ציל האָט די רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענטישע יוגנט — איבערגעטאָן אין פּויערשע קליידער — זיך געלאָזט אין דאָרף אַרײַן — „אין פּאָלק", ווי מע פלעגט דעמאָלט זאָגן. דערפון טאַקע האָט זיך גענומען דער נאָמען „פּאָלקיסטן". דאָס פּויערטום איז אָבער נאָך זיי ניט אוועק, ווײַל זיי האָבן אויך די פּויערים, ווי געהעריק, ניט געקענט און ניט פאַרשטאַנען. די מערהײַט פּאָלקיסטן איז ארעסטירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. דעמאָלט האָבן די פּאָלקיסטן באַשלאָסן פּאָרצוזעצן דעם קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג בלויז מיט זייערע אייגענע כחות, אָן דעם פּאָלק, און דאָס האָט געבראַכט צו נאָך מער ערנסטע פעלערן.

די פּאָלקיסטישע געהיימע געזעלשאַפט „נאַראָדנאַיא וואָליא" (פּאָלקס־פרײַהײַט) האָט גענומען זיך גרייטן צו דערמאָרדן דעם קייסער. דעם ערשטן מערץ 1881־טן יאָר האָט די נאַראָדוואָלצעס זיך אײַנגעגעבן צו דערהאַרגענען מיט א געוואָרפענער באָמבע דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דאָס האָט אָבער ניט געבראַכט קיין שום נוץ דעם פּאָלק. מיט דערמאָרדן באַזונדערע פּערזאָנען האָט מען ניט געקאָנט אַראָפּוואַרפן די צאַרישע זעלבסטהערשונג, ניט געקאָנט פאַרניכטן דעם פּריצ'ישן קלאַס. אויפן אָרט פון דעם דערהאַרגעטן קייסער איז געקומען אַן אַנדערער — אַלעקסאַנדער דער דריטער, וואָס פאַר זײַן צײַט איז די ארבעטער און פּויערים געוואָרן נאָך ערגער צו לעבן.

דער וועג, וואָס די פּאָלקיסטן האָבן אויסגעקליבן, צו קעמפן קעגן צאַריזם דורך איינצלנע מאָרדן, דורך אינדיווידועלן טעראָר, — איז געווען א פעלערהאַפטער און שעדלאַכער פאַר דער רעוואָליוציע. די פּאָליטיק פון אינדיווידועלן

טעראָר האָט געשטאַמט פון דער ניט־ריכטיקער פאָלקיסטישער טעאָריע וועגן אקטיווע „העלדן“ און פאסיוון „המון“, וועלכער דערוואַרט פון די „העלדן“ א העלדנטאַט. אָט די פאַלשע טעאָריע האָט געזאָגט, אַז בלויז באַזונדערע זיך אויסטיילנדיקע יחידים מאַכן די געשיכטע, און די מאַסע, דאָס פאָלק, דער קלאַס, דער „המון“, ווי עס פלעגן זיך מיט ביטול אויסדריקן די פאָלקיסטישע שרײַבער, איז ניט פייאיק צו באַוואוסטזיניקע, אָרגאַניזירטע אַקציעס, ער קאָן בלויז בלינד נאָכגיין נאָך די „העלדן“. דעריבער האָבן די פאָלקיסטן זיך אָפּגעזאָגט פון מאַסאָווער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט צווישן דעם פויערטום און אַרבעטער־קלאַס און זײַנען אַריבער צו אינדיווידועלן טעראָר. די פאָלקיסטן האָבן געצוואונגען אייניקע פון די גרעסטע רעוואָליוציאָנערן פון יענער צײַט—סטעפאַן כאַלטורינען—אָפּצושטעלן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם רעוואָליוציאָנערן אַרבעטער־פאַרבאַנד און דורכאויס זיך פאַרנעמען מיט טעראָר.

די פאָלקיסטן האָבן די אויפמערקזאַמקײַט פון די אַרבעטנדיקע אָפּגעווענדט פונעם קאַמף קעגן דעם קלאַס אונטערדריקער דורך פאַר דער רעוואָליוציע אומנוצלאַכע דערמאָרדונגען פון באַזונדערע פאָרשטייער פון דעם דאָזיקן קלאַס. זיי האָבן געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציאָנערער איניציאַטיוו און אַקטיווקײַט פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פויערטום.

די פאָלקיסטן האָבן געשטערט דעם אַרבעטער־קלאַס צו פאַרשטיין זײַן אָנפירנדיקע ראָלע אין דער רעוואָליוציע און האָבן פאַרהאַלטן דאָס שאַפן א זעלבסטשטענדיקע פאַרטיי פונעם אַרבעטער־קלאַס.

כאָטש די געהיימע אָרגאַניזאַציע פון די פאָלקיסטן איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך דער צארישער רעגירונג, דאָך האָבן די פאָלקיסטישע אָנשויאונגען נאָך לאַנג זיך געהאַלטן צווישן דער רעוואָליוציאָנער־געשטימטער אינטעליגענץ. די רעשטלאַך פון די פאָלקיסטן האָבן עקשנות'דיק זיך קעגנגעשטעלט דער פאַרשפרייטונג פונעם מאַרקסיזם אין רוסלאַנד, געשטערט דער אָרגאַניזירונג פונעם אַרבעטער־קלאַס.

דעריבער האָט דער מאַרקסיזם אין רוסלאַנד געקאָנט אויסוואַקסן און זיך פאַרפעסטיקן בלויז אין קאַמף קעגן דעם פאָלקיזם.

די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“ האָט פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַמף קעגן די פעלערהאַפטע אָנשויאונגען פון די פאָלקיסטן, האָט אויפגעוויזן, וואָס פאַר א שאָדן עס ברענגען דער אַרבעטער־באַוועגונג די לערע פון די פאָלקיסטן און זייערע קאַמפּס־מיטלען.

אין זײַנע ווערק, וואָס זײַנען געווענדט קעגן די פאָלקיסטן, האָט פּלעכאַנאָוו באַוויזן, אַז די אָנשויאונגען פון די פאָלקיסטן האָבן ניט קיין שום געמיינזאַמס מיטן וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם, כאָטש די פאָלקיסטן האָבן זיך אפילו אָנגערופן סאָציאַליסטן.

פּלעכאַנאָוו האָט דער ערשטער געגעבן א מאַרקסיסטישע קריטיק פון די פעלערהאַפטע אָנשויאונגען פון די פאָלקיסטן. דערלאַנגענדיק טרעפלאַכע קלעפּ

די פּאָלקיסטישע אָנשויאונגען, האָט פּלעכאַנאָוו גלײַכצײַטיק פּאַנאַנדערגעוויקלט א גלענצנדיקע פאַרטיידיקונג פון די מאַרקסיסטישע אָנשויאונגען.

אין וואָס זײַנען באַשטאַנען די גרונט־לאַך־פּעלערהאַפטע אָנשויאונגען פון די פּאָלקיסטן, וועמען פּלעכאַנאָוו האָט דערלאַנגט א צעשמעטערנדיקן קלאַפּ?

ערשטנס, האָבן די פּאָלקיסטן באַהויפּטעט, אז דער קאַפּיטאַליזם אין רוס־לאַנד שטעלט מיט זיך פאָר א „צופעליקע" דערשײַנונג, אז ער וועט זיך ניט אַנטוויקלען אין רוסלאַנד, פאָלגלאַך, עס וועט ניט וואַקסן און זיך ניט אַנט־וויקלען אויך קיין פּראָלעטאַריאַט.

צווייטנס, האָבן די פּאָלקיסטן ניט געהאַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס פאַרן פאָרגעשריטענעם קלאַס אין דער רעוואָלוציע. זיי האָבן געטרוימט וועגן דער־גרייכן דעם סאָציאַליזם אָן דעם פּראָלעטאַריאַט. די פּאָלקיסטן האָבן געהאַלטן פאַר דער הויפּט־רעוואָלוציאָנערער קראַפט דאָס פּויערטום, אָנגעפירט פון דער אינטעליגענץ, און די פּויערים־געמיינדע, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט, ווי אַן עמבריאָן און יסוד פונם סאָציאַליזם.

דריטנס, האָבן די פּאָלקיסטן געהאַט א פעלערהאַפטן און שעדלעכן קוק אויפן גאַנצן גאַנג פון דער געשיכטע פון דער מענשהײַט. זיי האָבן ניט גע־קענט און ניט פאַרשטאַנען די געזעצן פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. זיי זײַנען אין דער דאָזיקער הינזיכט געווען אַבסאָליוט אָפּגעשטאַנענע מענשן. די געשיכטע, לויט זייער מיינונג, מאַכן ניט קלאַסן און ניט דער קאַמף פון די קלאַסן, נאָר בלויז איינצלנע זיך אויס־טײלנדיקע פּערזענלעכקײַטן — „העלדן", וואָס נאָך זיי גייען נאָך בלינד די מאַסע, דער „המון", דאָס פאָלק, די קלאַסן.

קעמפנדיק קעגן די פּאָלקיסטן און דעמאַסקירנדיק זיי, האָט פּלעכאַנאָוו אָנגעשריבן א ריי מאַרקסיסטישע ווערק, אויף וועלכע עס האָבן זיך געלערנט און דערצויגן די מאַרקסיסטן אין רוסלאַנד. אַזעלכע ווערק פּלעכאַנאָווס, ווי „סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף", „אונזערע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן", „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָניסטישן קוק אויף דער געשיכטע", האָבן אָפּגערייניקט דעם באָדן פאַרן זיג פונם מאַרקסיזם אין רוסלאַנד.

אין זײַנע ווערק האָט פּלעכאַנאָוו איבערגעגעבן די גרונט־פראַגן פונם מאַרקסיזם. א באַזונדערס וויכטיקע באַדײַטונג געהאַט האָט זײַן בוך „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָניסטישן קוק אויף דער געשיכטע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1895. לענין האָט אָנגעוויזן, אז אויף דעם דאָזיקן בוך „איז דערצויגן געוואָרן א גאַנצער דור רוסישע מאַרקסיסטן" (לענין, ב. XIV, ז. 347, רוסיש).

אין זײַנע ווערק, וואָס זײַנען געווענדט קעגן די פּאָלקיסטן, האָט פּלעכאַנאָוו דערוויזן, אז ס'איז אומגעלומפּערט צו שטעלן די פראַגע אַזוי, ווי עס האָבן זי געשטעלט די פּאָלקיסטן: עס דאַרף, צי עס דאַרף זיך ניט אַנטוויקלען דער

קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד? די זאַך באַשטייט דערין, האָט געזאָגט פּלעכאַנאָוו, דערווײַזנדיק דאָס מיט פֿאַקטן, וואָס רוסלאַנד איז שוין אַרויפֿגעטראָטן אויפֿן וועג פֿון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און עס איז ניטאָ אַזאַ קראַפֿט, וואָס זאָל קאָנען אָפּקערן אים פֿון דעם דאָזיקן וועג.

די אויפֿגאַבע פֿון די רעוואָליוציאָנערן איז באַשטאַנען ניט אין פֿאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פֿונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, — דאָס וואָלטן זיי אַלצ-איינס ניט געקאָנט טאָן. די אויפֿגאַבע פֿון די רעוואָליוציאָנערן איז באַשטאַנען דערין, מע זאָל זיך אָנשפּאַרן אויף דער מעכטיקער רעוואָליוציאָנערער קראַפֿט, וואָס ווערט געבוירן דורך דער אַנטוויקלונג פֿונם קאַפּיטאַליזם, — אויפֿן אַרבעטער-קלאַס, אַנטוויקלען זײַן קלאַסן-באַוואוסטזײַן, אָרגאַניזירן אים, העלפֿן אים שאַפֿן זײַן אַרבעטער-פּאַרטיי.

פּלעכאַנאָוו האָט צעקלאַפּט אויך דעם צווייטן גרונטלאַד-פֿעלערהאַפֿטן קוק פֿון די פֿאָלקיסטן — זייער לייקענען די פֿאָרגעשריטענע ראָלע פֿונם פּראָלעטאַריאַט אינם רעוואָליוציאָנערן קאַמף. די פֿאָלקיסטן האָבן דעם אויפֿקום פֿונם פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד באַטראַכט, ווי אַ מין „היסטאָרישן אומגליק“; זיי האָבן געשריבן וועגן דער „מכה פֿון פּראָלעטאַריאַטישקייט“. פֿאַרטיידיקנדיק די לערע פֿונם מאַרקסיזם און איר פֿולע אָנווענדבאַרקייט צו רוסלאַנד, האָט פּלעכאַנאָוו דערוויזן, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס פּויערטום וועגט אַריבער אין צאָל און דער פּראָלעטאַריאַט איז פֿאַרהעלטניסמעסיק קליין אין צאָל, — איז גראָד אויפֿן פּראָלעטאַריאַט, אויף זײַן וואוקס דאַרפֿן די רעוואָליוציאָנערן לייגן זייערע הויפּט-האָפֿענונגען.

פֿאַרוואָס גראָד אויפֿן פּראָלעטאַריאַט?

דערפֿאַר, ווײַל דער פּראָלעטאַריאַט, ניט געקוקט אויף זײַן איצטיקער קליינצאָליקייט, איז אַזאַ אַרבעטנדיקער קלאַס, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער אַממערסטן פּאָרגעשריטענער ווירטשאַפֿט-פֿאָרם, — מיט דער גרויס-פּראָדוקציע, דעריבער האָט ער אַ גרויסע צוקונפֿט.

דערפֿאַר, ווײַל דער פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ קלאַס, וואַקסט פֿון יאָר צו יאָר, אַנטוויקלט זיך פּאָליטיש, לאָזט זיך צוליב די אַרבעטס-באַדינגונגען אין דער גרויס-פּראָדוקציע לײַכט אָרגאַניזירן און איז צוליב זײַן פּראָלעטאַרישער לאַגע אַממערסטן רעוואָליוציאָנער, ווײַל אין דער רעוואָליוציע האָט ער ניט וואָס צו פֿאַרלירן, חוץ זײַנע קייטן.

אַנדערש האַלט עס מיטן פּויערטום.

דאָס פּויערטום (עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם איינצל-פּויערטום. — רעד.), ניט געקוקט אויף זײַן פֿילצאָליקייט, איז אַזאַ אַרבעטנדיקער קלאַס, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער אַממערסטן אָפּגעשטאַנענער ווירטשאַפֿט-פֿאָרם, — מיט דער קליין-פּראָדוקציע, איבער דעם האָט עס ניט און קאָן ניט האָבן קיין גרויסע צוקונפֿט.

דאָס פּויערטום ניט בלויז עס וואַקסט ניט, ווי אַ קלאַס, נאָר, פֿאַר-

קערט, עס ווערט צעפאלן פון יאָר צו יאָר אויף א בורזשואזיע (באלעגו=
פים) און אויף אן אָרעמשאפט (פראָלעטאריער, האלב=פראָלעטאריער). דערצו
נאָך לאָזט זיך דאָס פויערטום מחמת זײַן צעשטויבטקײַט שווערער אָרגאניזירן
און עס גייט ווייניקער גערן, איידער דער פראָלעטאריאט, אין דער רעוואָליו=
צ:אָנערער באוועגונג צוליב זײַן קליין=אייגנטימערישער לאגע.

די פאָלקיסטן האָבן באהויפּטעט, אז אין רוסלאנד וועט דער סאָצ:אליזם
קומען ניט דורך דער דיקטאטור פונם פראָלעטאריאט, נאָר דורך דער פויערים=
געמיינדע, וועלכע זיי האָבן געהאלטן פארן עמבר:אָן און פארן יסוד פון סאָ=
צ:אליזם. די געמיינדע איז אָבער ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זײַן ניט
קיין יסוד, ניט קיין עמבר:אָן פונם סאָצ:אליזם, ווײַל אין דער געמיינדע האָבן
געהערשט די באלעגופים, די „מיראָיעדן“ (בלוטצאפּערס), וואָס האָבן עקספּלו=
אטירט די אָרעמפויערים, די באטראקעס, די ווירטשאפטלאך=שוואכע מיטל=
פויערים. דער פאָרמעל עקזיסטירנדיקער געמיינדישער ערדבאזיץ און די פון
צייט צו צייט פאָרגעקומענע ערד=איבערפארטיילונגען לויט נפשות האָבן אין
קיין שום מאָס ניט געענדערט די לאגע. מיט דער ערד האָבן זיך באנוצט יענע
מיטגלידער פון דער געמיינדע, וועלכע האָבן פארמאָגט ארבעטס=פי, אינווענ=
טאר, זריעה, דאָס הייסט, די פארמעגלאכע מיטלפויערים און באלעגופים. די
פויערים, וואָס האָבן ניט פארמאָגט קיין פערד, די אָרעמפויערים און בכלל די
ווירטשאפטלאך=שוואכע זײַנען געצוואונגען געווען אָפּצוגעבן די ערד די באלע=
גופים און גיין פארדינגען זיך, ווערן באטראקעס. די פויערים=געמיינדע איז
אינדער'אמת'ן געווען א באקוועמע פאָרם צו פארדעקן די באלעגופישע דרוק=
ווירקונג און א ביליק מיטל אין די הענט פונם צאריזם צו איינמאָנען
שטײַערן פון די פויערים לויטן פרינציפּ פון אלגעמיינער ערבות. דערפאר טא=
קע האָט דער צאריזם ניט געטשעפּעט די פויערים=געמיינדע. עס וואָלט לע=
כערלאך געווען צו האלטן אזא געמיינדע פאר אן עמבר:אָן אָדער פאר א יסוד
פון סאָצ:אליזם.

פלעכאנאָוו האָט צעקלאפּט אויך דעם דריטן גרונטלאך=פעלערהאפטן קוק
פון די פאָלקיסטן בנוגע דער ערשטראנגיקער ראָלע אין דער געזעלשאפטלא=
כער אנטוויקלונג פון „העלדן“, פון זייער אויסטיילנדיקע פערזענלאכקײַטן, פון
זייערע אידייען, און וועגן דער נישטיקער ראָלע פון דער מאסע, פונם „המון“,
פונם פאָלק, פון די קלאסן. פלעכאנאָוו האָט באשולדיקט די פאָלקיסטן אין
א י ד ע א ל י ז ם, דערווײַזנדיק, אז דער אמת איז ניט אויף דער זײַט פונם אי=
דעאליזם, נאָר אויף דער זײַט פונם מ א ט ע ר י א ל י ז ם פון מארקס—
ענגעלס.

פלעכאנאָוו האָט אנטוויקלט און באגרינדעט דעם שטאנדפּונקט פונם
מארקסיסטישן מאטעריאליזם. אין הסכם מיטן מארקסיסטישן מאטעריאליזם,
האָט ער אויפגעוויזן, ווערט די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט אינם לעצטן
סך=הכל באשטימט ניט דורך די וואונטשן און אידייען פון די זיך אויסטיילנ=

דיקע פערזענלאכקייטן, נאָר דורך דער אַנטוויקלונג פון די מאַטעריעלע עקזיסטענץ-באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט, דורך די ענדערונגען אין די אופנים פון פּראָדוצירן די מאַטעריעלע גיטער, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט, דורך די ענדערונגען אין די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן פון די קלאַסן אין געביט פון פּראָדוצירן די מאַטעריעלע גיטער, דורכן קאַמף פון די קלאַסן פאַר דער ראָלע און אָרט אין געביט פון פּראָדוצירן און פאַרטיילן די מאַטעריעלע גיטער. ניט אידייען באַשטימען די געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע לאַגע פון די מענטשן, נאָר די געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע לאַגע פון די מענטשן באַשטימט זייערע אידייען. די זיך אויסטיילנדיקע פּערזענלאַכקייטן קאָנען ווערן צונישט, אויב זייערע אידייען און וואונטשן גייען אין קעגנזאַץ צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, אין קעגנזאַץ צו די באַדערפענישן פון דעם פאָרגעשריטענעם קלאַס, און — פאַרקערט — די זיך אויסטיילנדיקע מענטשן קאָנען ווערןווירקלאַך זיך אויסטיילנדיקע פּערזענלאַכקייטן, אויב זייערע אידייען און וואונטשן דריקן ריכטיק אויס די באַדערפענישן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, די באַדערפענישן פון דעם פאָרגעשריטענעם קלאַס.

אויף די באַהויפּטונגען פון די פאָלקיסטן וועגן דעם, אַז די מאַסע — דאָס איז א המון, אַז נאָר העלדן מאַכן די געשיכטע און פאַרוואַנדלען דעם המון אין א פאָלק, האָבן די מאַרקסיסטן געענטפערט: ניט קיין העלדן מאַכן די געשיכטע, נאָר די געשיכטע מאַכט העלדן, הייסט עס, — ניט די העלדן באַשאַפן דאָס פאָלק, נאָר דאָס פאָלק באַשאַפט די העלדן און באַוועגט פאָראויס די געשיכטע. העלדן, זיך אויסטיילנדיקע פּערזענלאַכקייטן קאָנען שפּילן אַן ערנסטע ראָלע אינם לעבן פון דער געזעלשאַפט בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי וועלן קענען ריכטיק פאַרשטיין די אַנטוויקלונגס-באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט, פאַרשטיין, — וויאַזוי צו ענדערן זיי צום בעסערן. העלדן, זיך אויסטיילנדיקע פּערזענלאַכקייטן קאָנען אַריינפאַלן אין דער לאַגע פון לעכערלאַכע און קיינעם ניט נויטיקע שלימאַזלס, — אויב זיי וועלן ניט קענען ריכטיק פאַרשטיין די אַנטוויקלונגס-באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט און וועלן אָנהויבן שפּאַרן קעגן די היסטאָרישע באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט, איינרייידנדיק זיך, אַז זיי זיינען עס די „מאַכערס" פון דער געשיכטע.

צו דעם דאָזיקן מין העלדן שלימאַזלס האָבן געהערט טאַקע די פאָלקיסטן.

פּלעכאַנאָווס ליטעראַרישע ווערק, זיין קאַמף קעגן די פאָלקיסטן האָבן גרינטלאַך אונטערגעריסן דעם איינפלוס פון די פאָלקיסטן צווישן דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ. די אידייאישע צעשמעטערונג פונם פאָלקיזם איז נאָך אָבער געווען ווייט ניט פאַרענדיקט. די דאָזיקע אויפגאַבע—דערשלאָגן דעם פאָלקיזם, ווי א שונא פונם מאַרקסיזם — איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון לענינען.

די מערהייט פאָלקיסטן האָט אינגיכן נאָך דער צעשמעטערונג פון דער

פּאַרטיי „נאראָדנאיא וואָליא“ זיך אָפּגעזאָגט פון רעוואָליוציאָנערן קאמף קעגן דער צארישער רעגירונג, האָט אָנגעהויבן פּריידיקן שלום, א פּשרה מיט דער צארישער רעגירונג. די פּאָלקיסטן זײַנען אין די 80-ער און 90-ער יאָרן געוואָרן אויסדריקער פון די אינטערעסן פונם באלעגופנטום.

די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“ האָט צונויפגעשטעלט צוויי פּראָיעקטן פון א פּראָגראם פון די רוסישע סאָציאל-דעמאָקראטן (דעם ערשטן אין יאָר 1884 און דעם צווייטן אין יאָר 1887). דאָס איז געווען זייער א וויכטיקער שריט פאר דער צוגרייטונג צו שאפן א מארקסיסטישע סאָציאל-דעמאָקראטישע פּארטיי אין רוסלאנד.

די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“ האָט אָבער געהאַט אויך ערנסטע פּעלערן. אין איר ערשטן פּראָיעקט פון א פּראָגראם זײַנען נאָך געווען רעשטלאך פון פּאָלקיסטישע אָנשויאונגען; עס איז דערלאָזט געוואָרן די טאקטיק פון אינדיווידועלן טעראָר. פּלעכאנאָוו האָט, ווײַטער, ניט גענומען אין חשבון, אז אין גאנג פון דער רעוואָליוציע קאָן און דארף דער פּראָלעטאריאט פירן נאָך זיך דאָס פּויערטום, אז נאָר אין בונד מיטן פּויערטום וועט דער פּראָלעטאריאט קאָנען אָפּהאלטן א זיג איבערן צאריזם. פּלעכאנאָוו האָט, ווײַטער, באטראכט די ליבעראלע בורזשואזיע, ווי א קראפט, וואָס קאָן געבן שטיצע דער רעוואָליוציע, כאָטש אפילו ניט קיין פעסטע שטיצע; דאָס פּויערטום האָט ער אָבער אין אייניקע ווערק זײַנע אינגאנצן אראָפּגעוואָרפן פון חשבון, דערקלערנדיק, צום בײַשפּיל, אז:

„חוץ דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאריאט זעען מיר ניט קיין אנדערע געזעלשאפטלאכע קרעפטן, אויף וועלכע עס וואָלטן געקאָנט ביי אונז זיך אָנשפּארן די אָפּאָזיציאָנעלע אָדער רעוואָליוציאָנערע קאָמבינאציעס“ (פּלעכאנאָוו, ב. III, ז. 119, רוסיש).

די דאָזיקע פעלערהאפטע אָנשויאונגען פּלעכאנאָווס זײַנען געווען דער עמבריאָן פון זײַנע קינפטיקע מענשעוויסטישע אָנשויאונגען.

סאי די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“, סאי די מארקסיסטישע קרײַזלאך פון יענער צײַט זײַנען נאָך ניט געווען פארבונדן פּראקטיש מיט דער ארבעטער-באוועגונג. דאָס איז נאָך געווען דער פּעריאָד, ווען אין רוסלאנד האָבן די טעאָריע פונם מארקסיזם, די אידייען פונם מארקסיזם, די פּראָגראם-הנחות פון דער סאָציאל-דעמאָקראטיע געהאלטן אין אנטשטיין און באפעסטיקן זיך. די סאָציאל-דעמאָקראטיע האָט אינם יאָרצענדליק פון די יאָרן 1884—1894 נאָך עקזיסטירט אין דער פאָרם פון באזונדערע קליינע גרופּעס און קרײַזלאך, וואָס זײַנען ניט געווען פארבונדן אָדער זײַנען געווען זייער קנאפּ פארבונדן מיט דער מאסאָווער ארבעטער-באוועגונג. פּונקט ווי אן עופּה'לע, וואָס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן, נאָר וואָס אנטוויקלט זיך שוין אין דער מוטערטראכט, אזוי האָט די סאָציאל-דעמאָקראטיע איבערגעלעבט, ווי לענין האָט געשריבן, „א פּראָצעס פון מוטערטראכט-אנטוויקלונג“.

די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא" האָט „בלויז טעאָרעטיש געגרינדעט די סאָציאַל=דעמאָקראטיע און געמאכט דעם ערשטן שריט דער ארבעטער=באוועגונג אקעגן", — האָט אָנגעוויזן לענין.

לייזן די אויפגאבע פון פאראייניקן דעם מארקסיזם מיט דער ארבעטער=באוועגונג אין רוסלאנד, ווי אויך פון פארריכטן די פעלערן פון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא" איז אויסגעקומען לענינען.

## 3. דער אָנהייב פון לענינס רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט. דער פּעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרײַאונג פונם ארבעטער־קלאס".

וולאדימיר אילאיטש לענין, דער גרינדער פונם באָלשעוויזם, איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סימבירסק (איצט אוליאנאָווסק) אין יאָר 1870. אין יאָר 1887 איז לענין אָנגעקומען אין קאזאנער אוניווערזיטעט, ער איז אָבער אינגיכן ארעסטירט געוואָרן און אויסגעשלאָסן געוואָרן פונם אוניווערזיטעט פאר באטייליקן זיך אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פון די סטודענטן. אין קאזאן איז לענין ארײַנגעטראָטן אין א מארקסיסטיש קרײַזל, וואָס עס האָט אָרגאניזירט פעדאָסעיעוו. נאָך לענינס אריבערפאָרן קיין סאמארע האָט זיך ארום אים גיך אויסגעבילדעט דאָס ערשטע קרײַזל פון די סאמארער מארקסיסטן. שוין דעמאָלט האָט לענין אלעמען איבערראשט מיט זײַן קענען דעם מארקסיזם.

סוף 1893=טן יאָר איז לענין אריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג. שוין די ערשטע ארויסטרעטונגען לענינס האָבן געמאכט א שטארקן אײַנדרוק אויף די אָנטיילנעמער פון די פּעטערבורגער מארקסיסטישע קרײַזלאך. דאָס אויסערגעוויינלאך טיף קענען מארקסן, דאָס קענען אָנווענדן דעם מארקסיזם צו דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סיטואציע פון רוסלאנד פון יענער צײַט, דער הייסער, אייזנפעסטער גלויבן אינם זיג פון דער ארבעטער=זאך, דער אויסגעצייכנטער אָרגאניזאציאָנעלער טאלאנט — דאָס אלץ האָט געמאכט לענינען פארן אָנערקענטן אָנפירער פון די פּעטערבורגער מארקסיסטן.

לענין האָט ארויסגערופן צו זיך די הייסע ליבע פון די פאָרגעשריטענע ארבעטער, מיט וועלכע ער האָט געלערנט אין די קרײַזלאך.

„אונזערע לעקציעס, — דערמאָנט זיך דער ארבעטער באבושקין וועגן לענינס לימודים אין די ארבעטער=קרײַזלאך, — האָבן געטראָגן א כאראקטער זייער א לעבעדיקן, אן אינטערעסאנטן; מיר פלעגן אלע זײַן זייער צופרידן מיט די דאָזיקע לעקציעס און מיר זײַנען כסדר אנטציקט געווען פונם אינטעלעקט פון אונזער לעקטאָר".

אין יאָר 1895 האָט לענין פאראייניקט אין פּעטערבורג אלע מארקסיסטישע ארבעטער=קרײַזלאך (זיי זײַנען שוין געווען בײַ 20) אין איין „פארבאנד פון

קאמף פאר דער באפרייאונג פונם ארבעטער־קלאס". דערמיט האָט ער צוגעגרייט די שאפונג פון דער רעוואָליוציאָנערער מארקסיסטישער ארבעטער־פּארטיי.

לענין האָט געשטעלט פארן „פארבאנד פון קאמף" די אויפגאבע צו פארבינדן זיך ענגער מיט דער מאסאָווער ארבעטער־באוועגונג און פּאָליטיש אָנצופירן מיט איר. פון דער פּראָפּאגאנדע פון מארקסיזם צווישן דער ניט גרויסער צאָל פאָרגעשריטענע ארבעטער, וואָס זײַנען געווען צונויפגעקליבן אין פּראָפּאגאנדיסטישע קרײַזלאך, האָט לענין פאָרגעלייגט אריבערצוגיין צו אקטועלער פּאָליטישער אגיטאציע צווישן די ברייטע מאסן פונם ארבעטער־קלאס. דער דאָזיקער קער אין דער זײַט פון מאסן־אגיטאציע האָט געהאט אן ערנסטע באדײַטונג פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער ארבעטער־באוועגונג אין רוסלאנד.

אין די 90־ער יאָרן האָט די אינדוסטריע איבערגעלעבט א פּעריאָד פון אויפשטײַג. עס איז געוואקסן די צאָל ארבעטער. עס האָט זיך פארשטארקט די ארבעטער־באוועגונג. פון יאָר 1895 ביז יאָר 1899 האָבן, לויט ניט־פולע אָנגאבן, געשטרײַקט ניט ווייניקער פון 221 טויזנט ארבעטער. די ארבעטער־באוועגונג איז פארוואנדלט געוואָרן אין אן ערנסטער קראפט פונם פּאָליטישן לעבן פון לאנד. דאָס לעבן גופא האָט באשטעטיקט די אָנשויאונגען פון די מארקסיסטן, וואָס זיי האָבן פארטיידיקט אין קאמף קעגן די פאָלקיסטן, וועגן דער פאָרגעשריטענער ראָלע פון דעם ארבעטער־קלאס אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג.

אונטער לענינס אָנפירונג האָט דער „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרייאונג פונם ארבעטער־קלאס" פארבונדן דעם קאמף פון די ארבעטער פאר די עקאָנאָמישע פאָדערונגען — פאר פארבעסערן די ארבעטס־באדינגונגען, פאר פארקירצן דעם ארבעטס־טאָג, פאר העכערן דעם ארבעטסלוין — מיטן פּאָליטישן קאמף קעגן דעם צאריזם. דער „פארבאנד פון קאמף" האָט דערצויגן די ארבעטער פּאָליטיש.

אונטער לענינס אָנפירונג האָט דער פּעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרייאונג פונם ארבעטער־קלאס" צום ערשטן מאָל אין רוסלאנד גענומען פארווירקלאכן די פאראייניקונג פונם סאָציאליזם מיט דער ארבעטער־באוועגונג. ווען ס'פלעגט אויסברעכן א שטרײַק אין א וועלכער־עס־איז פאבריק, פלעגט זיך דער „פארבאנד פון קאמף", וואָס האָט דורך די אָנטיילנעמער פון זײַנע קרײַזלאך גוט געוואוסט די לאגע אין די אונטערנעמונגען, תיכף אָפּרופן מיט ארויסלאָזן פלוגבלעטלאך, מיט ארויסלאָזן סאָציאליסטישע פּראָקלאמאציעס. אין די דאָזיקע פלוגבלעטלאך פלעגן אויפגעדעקט ווערן די אונטערדריקונגען פון די ארבעטער מצד די פאבריקאנטן; עס פלעגט אויפגעקלערט ווערן, וויאזוי די ארבעטער דארפן קעמפן פאר זייערע אינטערעסן; עס פלעגן פארעפנטלאכט ווערן די פאָדערונגען פון די ארבעטער.

די פלוגבלעטלאך האָבן דערציילט דעם גאנצן אמת וועגן די געשווירן פונם קאפיטאליזם, וועגן דעם דלות'דיקן לעבן פון די ארבעטער, וועגן זייער אומגעהויער=שווערער 12—14=שעה'יקער ארבעט, וועגן זייער רעכטלאָזער לאגע. טאָקע דאָ פלעגן אויך ארויסגעשטעלט ווערן די אנטשפּרעכנדיקע פּאָליטישע פאָדערונגען. סוף 1894=טן יאָר האָט לענין בײַם אָנטייל פונם ארבעטער באבושקין אָנגעשריבן דאָס ערשטע אזא אגיטאציאָנעל פלוגבלעטל און א ווענדונג צו די ארבעטער פונם סעמיאניקאָווער זאוואָד אין פעטערבורג, וואָס זײַנען ארויס אין א שטרײַק. הארבסט 1895=טן יאָר האָט לענין אָנגעשריבן א פלוגבלעטל צו די שטרײַקנדיקע ארבעטער און ארבעטערינס פון טאָרנטאָנס פאבריק. די דאָזיקע פאבריק האָט געהערט צו ענגלישע פאבריקאנטן, וואָס פלעגן באקומען מיליאָניקע פּראָפיטן. דער ארבעטס=טאָג האָט דאָ געדויערט העכער 14 שעה, און פארדינען פלעגן די וועבער בײַ 7 רובל א חודש. דער שטרײַק האָט זיך געענדיקט דערפאָלגרײַך פאר די ארבעטער. פאר א קורצער צײַט האָט דער „פארבאנד פון קאמף" אָפּגעדרוקט צענדליקער אזוינע פלוגבלעטלאך, ווענדונגען צו די ארבעטער פון פארשיידענע פאבריקן. יעדעס פלוגבלעטל אזא פלעגט שטארק הויבן דעם גײַסט פון די ארבעטער. די ארבעטער האָבן געזען, אז עס העלפן זיי, אז עס פארטיידיקן זיי די סאָציאליסטן.

אונטער דער אָנפירונג פונם „פארבאנד פון קאמף" איז דורכגעגאנגען דער שטרײַק פון 30 טויזנט פעטערבורגער טעקסטיל=ארבעטער זומער 1896=טן יאָר. די גרונט=פאָדערונג איז געווען פארקירצן דעם ארבעטס=טאָג. אונטערן דרוק פון דעם דאָזיקן שטרײַק איז די צארישע רעגירונג געווען געצוואונגען ארויסצוגעבן דעם געזעץ פון 2=טן יוני 1897=טן יאָר, וואָס באגרענעצט דעם ארבעטס=טאָג ביז 11½ שעה; ביז דעם דאָזיקן געזעץ איז דער ארבעטס=טאָג בכלל ניט געווען באגרענעצט.

אין דעצעמבער 1895=טן יאָר האָט די צארישע רעגירונג ארעסטירט לענינען. נאָר אויך אין טורמע האָט לענין ניט אויפגעהערט פירן דעם רעוואָלוציאָנערן קאמף. ער האָט געהאָלפן דעם „פארבאנד פון קאמף" מיט זײַנע עצות און אָנווײַזונגען, איבערשיקנדיק פון טורמע בראָשורן און פלוגבלעטלאך. אין טורמע האָט לענין אָנגעשריבן די בראָשור „וועגן שטרײַקס" און דאָס פלוגבלעטל „צו דער צארישער רעגירונג", אין וועלכן ער האָט דעמאסקירט דעם ווילדן ווילקיר פון דער צארישער רעגירונג. אין טורמע טאקע האָט לענין אָנגעשריבן דעם פּראָיעקט פון א פּראָגראם פון דער פארטיי (געשריבן מיט מילך צווישן די שורות פון א מעדיצינישן בוך).

דער פעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף" האָט געגעבן א מעכטיקן שטויס צו פאראייניקן די ארבעטער=קרײַזלאך אין אזוינע פארבאנדן אויך אין אנדערע שטעט און געגנטן פון רוסלאנד. אינמיטן פון די 90=ער יאָרן אנטשטייען מארקסיסטישע אָרגאניזאציעס אין טראנסקאווקאז. אין יאָר 1894 ווערט געבילדעט אין מאָסקווע דער מאָסקווער „ארבעטער=פארבאנד". אין סיביר האָט

זיך סוף 90־ער יאָרן אָרגאַניזירט דער סיבירער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרבאַנד“. אין די 90־ער יאָרן זײַנען אין איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, יאַראָסלאַוול, קאָסטראָמאַ אַנטשטאַנען מאַרקסיסטישע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך נאָכדעם פאַראייניקט אינם „צפון׳דיקן פאַרבאַנד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי“. אין ראָסטאָוו־אויפן־דאָן, אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין קיִעוו, ניקאָלאַיעוו, טולע, סאַמאַרע, קאַזאַן, אָרעכאָוואָ־זויעוואָ און אין אַנדערע שטעט ווערן אין דער צווייטער העלפט 90־ער יאָרן געשאַפן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס און פאַרבאַנדן.

די באַדײַטונג פונם פּעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרײַאונג פונם אַרבעטער־קלאַס“ איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט, לויט לענינס אויסדרוק, פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם ערשטן ערנסטן **עמבריאָן פון אַ רעוואָליוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג.**

אויף דער רעוואָליוציאָנערער דערפאַרונג פונם פּעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף“ האָט לענין זיך געשטיצט אין זײַן ווײַטערדיקער אַרבעט פון שאַפן די מאַרקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד.

נאָכן אַרעסט פון לענינען און זײַנע נאָענטסטע מיטקעמפער האָט זיך דער באַשטאַנד פון דער אָנפירונג מיטן פּעטערבורגער „פאַרבאַנד פון קאַמף“ באַדײַטנדיק געענדערט. עס האָבן זיך באַוויזן נײַע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן „יונגע“, און לענינען מיט זײַנע מיטקעמפער — „אַלטע“. זיי האָבן גענומען פירן אַ פעלערהאַפטע פּאָליטישע ליניע; זיי האָבן דערקלערט, אַז מע דאַרף די אַרבעטער רופן בלויז צום עקאָנאָמישן קאַמף קעגן די באַלעבאַטים; וואָס איז שייך אָבער פּאָליטישן קאַמף, איז דאָס די זאַך פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וואָס צו איר דאַרף געהערן די אָנפירונג מיטן פּאָליטישן קאַמף.

די דאָזיקע מענטשן האָט מען אָנגעהויבן רופן „עקאָנאָמיסטן“.

דאָס איז געווען די ערשטע פּשרה־מאַכערישע, אָפּאָרטוניסטישע גרופּע אין די רייען פון די מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד.

## 4. לענינס קאַמף קעגן דעם פּאָלקיזם און „לעגאַלן מאַרקסיזם“. די לענינישע אידייע פון אַ בונד פונם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום. דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

כאָטש פּלעכאַנאָוו האָט שוין אין די 80־ער יאָרן דערלאַנגט דעם הויפּטקלאַפּ דער פּאָלקיסטישער סיסטעם פון אָנשויאונגען, דאָך האָבן די אָנשויאונגען פון די פּאָלקיסטן אין אָנהויב פון די 90־ער יאָרן נאָך אַלץ געפונען מיטגעפיל בײַ אַ געוויסן טייל פון דער רעוואָליוציאָנערער יוגנט. אַ טייל פון דער יוגנט האָט נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז רוסלאַנד קאָן אויסמײַדן דעם קאַפּיטאַליס־

טישן אנטוויקלונגס-וועג, אז די הויפּט-ראָלע אין דער רעוואָלוציע וועט שפּילן דאָס פּויערטום און ניט דער ארבעטער-קלאַס. די רעשטלאַך פון די פאָלקיסטן האָבן מיט אלערליי מיטלען זיך באמיט צו שטערן דער פארשפּרייטונג פונם מארקסיזם אין רוסלאנד; זיי האָבן גענומען פירן א קאמף קעגן די מארק-סיסטן, באמיענדיק זיך אויף אלע אופנים זיי צו דיסקרעדיטירן. מע האָט באַדארפט ביזן סוף אידייאיש צעשמעטערן דעם פאָלקיזם, כדי צו זיכערן די ווייטערדיקע פארשפּרייטונג פונם מארקסיזם און די מעגלאכקייט צו שאפן א סאָציאל-דעמאָקראטישע פּארטיי.

די דאָזיקע ארבעט האָט אָפּגעטאָן לענין.

אין זיין בוך: „וואָס זיינען אזוינס די „פריינט פון פאָלק" און וויאזוי זיי האלטן מלחמה קעגן די סאָציאל-דעמאָקראטן?" (1894-טן יאָר) האָט לענין ביזן סוף אויפגעדעקט דאָס אמת'ע פּנים פון די פאָלקיסטן, ווי פאלשע „פריינט פון פאָלק", וואָס גייען אין דער ווירקלאכקייט קעגן דעם פאָלק.

די פאָלקיסטן פון די 90-ער יאָרן האָבן אין תוך שוין לאנג געהאט זיך אָפּגעזאָגט פון יעטווידן רעוואָלוציאָנערן קאמף קעגן דער צארישער רעגירונג. די ליבעראלע פאָלקיסטן האָבן געפּריידיקט מאכן שלום מיט דער צארישער רעגירונג. „זיי מיינען פשוט, — האָט לענין געשריבן וועגן די פאָלקיסטן פון יענער צייט, — אז אויב מע זאָל רעכט און דערצו נאָך וואָס איידעלער א בעט טאָן ביי דער דאָזיקער רעגירונג, קאָן זי אלץ גוט איינאָרדענען" (לענין, ב. I, ז. 161, רוסיש).

די פאָלקיסטן פון די 90-ער יאָרן האָבן פארמאכט די אויגן אויף דער לאגע פון דער אָרעמשאפט אין דאָרף, אויף דעם קלאסנקאמף אין דאָרף, אויף דער עקספּלואטאציע פון דער אָרעמשאפט דורכן באלעגופּנטום און האָבן גע-לויבט אין הימל אריין די אנטוויקלונג פון די באלעגופּישע ווירטשאפטן. זיי זיינען אין תוך גענומען ארויסגעטראָטן ווי אויסדריקער פון די אינטערעסן פונם באלעגופּנטום.

אין דער זעלבער צייט האָבן די פאָלקיסטן אין זייערע זשורנאלן געפירט א העצע קעגן די מארקסיסטן. באוואוסטזיניק פארקריפּלענדיק און פעלשנדיק די אָנשויאונגען פון די רוסישע מארקסיסטן, האָבן די פאָלקיסטן פארזיכערט, אז די מארקסיסטן ווילן כלומר'שט די רואינירונג פונם דאָרף, אז די מארק-סיסטן ווילן כלומר'שט „אויסקאָכן יעדן מוזשיק אינם פאבריק-קעסל". דעמאַס-קירנדיק די דאָזיקע פאלשע פאָלקיסטישע קריטיק, האָט לענין באוויזן, אז עס האנדלט זיך ניט וועגן די „וואונטשן" פון די מארקסיסטן, נאָר וועגן דעם ווירק-לאכן גאנג פון דער אנטוויקלונג פונם קאפּיטאליזם אין רוסלאנד, וואָס ביי אים ווערט די צאָל פונם פּראָלעטאריאט אומפארמיידלאַך פארגרעסערט. דער פּראָלעטאריאט וועט אָבער זיין דער באגרעבער פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג.

לענין האָט באוויזן, אז די אמת'ע פריינט פון פאָלק, וואָס ווילן פארגיכטן

דעם קאפיטאליסטישן און פריצ'ישן דרוק, פארניכטן דעם צאריזם, זיינען ניט די פאָלקיסטן, נאָר די מארקסיסטן.

אין זיין בוך „וואָס זיינען אזוינס די פריינט פון פאָלק" האָט לענין צום ערשטן מאָל ארויסגערוקט די אידייע פון רעוואָליוציאָנערן בונד פון די ארבע־טער און פויערים, ווי א הויפט־מיטל אראָפצוווארפן דעם צאריזם, די פרי־צים, די בורזשואזיע.

לענין האָט אין א ריי ווערק זיינע פון דעם דאָזיקן פעריאָד קריטיקירט יענע מיטלען פון פאָליטישן קאמף פון די פאָלקיסטן, מיט וועלכע עס האָט זיך באנוצט די גרונט־גרופע פון די פאָלקיסטן — די נאראָדאָוואָלצעס, און שפעטער — די פאַרזעצער פון די פאָלקיסטן — די עסערן, באזונדערס די טאקטיק פון אינדיווידועלן טעראָר. לענין האָט געהאלטן די דאָזיקע טאקטיק פאר שעדלאך פאר דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, ווייל זי האָט דעם קאמף פון די מאסן פארביטן אויפן קאמף פון יחידים—העלדן. זי האָט באטייט אומגלויבן אין דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקס־באוועגונג.

אינם בוך „וואָס זיינען אזוינס די פריינט פון פאָלק" האָט לענין אָנגע־מערקט די גרונט־אויפגאבעס פון די רוסישע מארקסיסטן. לויט לענינס מיינונג האָבן די רוסישע מארקסיסטן אין דער ערשטער ריי געדארפט אָרגאניזירן פון די אָפגעזונדערטע מארקסיסטישע קריזלאך אן איינהייטלאכע סאָציאַליס־טישע ארבעטער־פארטיי. לענין האָט אָנגעוויזן ווייטער, אז גראָד דער ארבע־טער־קלאס פון רוסלאנד אין בונד מיטן פויערטום וועט אראָפוווארפן די צאַ־רישע זעלבסטהערשונג, און נאָך דעם וועט דער רוסישער פראָלעטאריאט אין בונד מיט די ארבעטנדיקע און עקספלואטירטע מאסן, האנט ביי האנט מיטן פראָלעטאריאט פון אנדערע לענדער, גיין מיטן גלייכן וועג פון אָפענעם פאָ־ליטישן קאמף צו דער זיגרייכער קאָמוניסטישער רעוואָליוציע.

אזויארום האָט לענין מיט העכער 40 יאָר צוריק ריכטיק אָנגעוויזן דעם קאמפס־וועג פונם ארבעטער־קלאס, באשטימט זיין ראָלע, ווי א פאָרגעשריטענע רעוואָליוציאָנערע קראפט פון דער געזעלשאפט, באשטימט די ראָלע פונם פויערטום, ווי א פארבינדעטן פונם ארבעטער־קלאס.

דער קאמף פון לענינען און פון זיינע אָנהענגער קעגן דעם פאָלקיזם האָט שוין אין די 90־ער יאָרן געבראכט צו אן ענדגילטיקער אידייאישער צעשמע־טערונג פונם פאָלקיזם.

א קאָלאָסאלע באדייטונג האָט אויך געהאט לענינס קאמף קעגן דעם „לע־גאלן מארקסיזם". צו א גרויסער געזעלשאפטלאכער באוועגונג, ווי עס פאסירט שטענדיק אין דער געשיכטע, שמירן זיך געוואוינלאך צו צייטווייליקע „מיטלוי־פער". אזעלכע „מיטלויפער" זיינען אויך געווען די אזוי גערופענע „לעגאלע מארקסיסטן". דער מארקסיזם האָט זיך גענומען ברייט פארשפרייטן אין רוסלאנד. און אָט האָבן די בורזשואזע אינטעליגענטן אָנגע־הויבן זיך פוצן אין מארקסיסטישע קליידער. זיי האָבן געדרוקט זייערע ארטיק־

לען אין לענגלע, דאָס הייסט, דערלויבטע דורך דער צארישער רעגירונג, צײַ-טונגען און זשורנאַלן. דעריבער האָט מען זיי טאַקע אָנגעהויבן רופן „לעגאַלע מאַרקסיסטן".

זיי האָבן אויף זייער אופן געפירט א קאַמף קעגן דעם פּאָלקיזם. דעם דאָ-זיקן קאַמף און די פּאָן פונם מאַרקסיזם האָבן זיי אָבער געפּרואווט אויסנוצן, כדי אונטערצואווארפן און צוצופּאַסן די ארבעטער-באוועגונג צו די אינטערעסן פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט, צו די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע. פון מאַרקס'ס לערע האָבן זיי ארויסגעוואָרפן דעם סאַמע עיקר — די לערע וועגן דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, וועגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. דער אָנגעזעענסטער לעגאַלער מאַרקסיסט פּיאָטר סטרוווע האָט געלויבט אין הימל אַרײַן די בורזשואזיע און אָנשטאָט רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, — האָט ער גערופן צו „אָנערקענען אונזער אומקולטורעלקײַט און גיין אין דער לער צום קאַפּיטאַליזם".

אין קאַמף קעגן די פּאָלקיסטן האָט לענין געהאַלטן פאַר דערלאָזבאר א צײַטווײַליקן פאַרשטענדיקונג מיט די „לעגאַלע מאַרקסיסטן", כדי אויסצונוצן זיי קעגן די פּאָלקיסטן, צום בײַשפּיל, געמיינזאַם ארויסלאָזן א געדרוקטן זאַ-מלבוך קעגן די פּאָלקיסטן. נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט לענין מיט דער גאַנצער שאַרפקײַט קריטיקירט די „לעגאַלע מאַרקסיסטן", דעמאַסקירנדיק זייער ליבעראַל-בורזשואזן תוך.

פיל פון די דאָזיקע „מיטלויפער" זײַנען נאָכדעם געוואָרן קאַדעטן (די הויפּט-פּארטיי פון דער רוסישער בורזשואזיע), און אין דער צײַט פונם בירגערקריג — פאַרביסענע ווײַסגווארדייער.

צוגלײַך מיט די „פאַרבאַנדן פון קאַמף" אין פּעטערבורג, מאָסקווע, קיִעוו און א.וו. זײַנען אויפגעקומען סאָציאַל-דעמאָקראטישע אָרגאַניזאַציעס אויך אין די מערב'דיקע נאַציאָנאַלע ראַנד-געביטן פון רוסלאַנד. אין די 90-ער יאָרן האָבן זיך אויסגעטיילט מאַרקסיסטישע עלעמענטן פון צווישן דער פּוילישער נאַציאָ-נאַליסטישער פּאַרטיי און האָבן געבילדעט די „סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע". סוף 90-ער יאָרן ווערן געשאַפן אָרגאַניזאַציעס פון דער לעטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אין אָקטאָבער 1897-טן יאָר איז אין די מערב-גובערניעס פון רוסלאַנד געשאַפן געוואָרן דער אַלגעמיינער אידישער סאָציאַל-דעמאָקראַ-טישער פאַרבאַנד — דער „בונד".

אין יאָר 1898 האָבן עטלאַכע „פאַרבאַנדן פון קאַמף", דער פּעטערבור-גער, מאָסקווער, קיִעווער, יעקאַטערינאָסלאַווער און דער „בונד" געמאַכט דעם ערשטן פּרואוו צו פאַראייניקן זיך אין א סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. מיט דעם דאָזיקן ציל האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער ארבעטער-פּארטיי (ר.ס.ד.א.פּ.) אין מערץ 1898-טן יאָר אין מינסק.

אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. זײַנען געווען סך-הכל 9 אָנ-

טיילנעמער. לענין איז אויפן צוזאמענפאָר ניט געווען, ווײַל אין דער דאָזיקער צײַט האָט ער זיך געפונען אין פארשיקונג אין סיביר. דער צענטראַל־קאָמי־טעט פון דער פארטיי, וואָס איז אויסגעווײלט געוואָרן אויפן צוזאמענפאָר, איז אינגיכן ארעסטירט געוואָרן. דער „מאניפעסט“, וואָס איז ארויסגעלאָזט גע־וואָרן אין נאָמען פונם צוזאמענפאָר, איז נאָך אין פיל הינזיכטן געווען ניט קיין צופרידנשטעלנדיקער. אין אים איז אויסגעמיטן געוואָרן די אויפגאבע פון פראָלעטאריאט צו דערגרייכן די פּאָליטישע מאכט; עס איז גאָרניט געזאָגט גע־וואָרן וועגן דער העגעמאָניע פונם פראָלעטאריאט; עס איז אויסגעמיטן געוואָרן די פראגע וועגן די פארבינדעטע פונם פראָלעטאריאט אין זײַן קאמף קעגן דעם צאריזם און דער בורזשואזיע.

דער צוזאמענפאָר האָט אין זײַנע באשלוסן און אינם „מאניפעסט“ פּראָ־קלאמירט די שאפונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער־פארטיי.

אין דעם דאָזיקן פאָרמעלן אקט, וואָס האָט אָפּגעשפּילט א גרויסע רעוואָ־ליוציאָנער־פּראָפּאגאנדיסטישע ראָלע, איז באַשטאנען די באדײַטונג פונם ערשטן צוזאמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ.

דאָך, ניט געקוקט אויפן פאָרגעקומענעם ערשטן צוזאמענפאָר, איז פאקטיש די מארקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע פארטיי אין רוסלאנד נאָך ניט געווען געשאפן. דעם צוזאמענפאָר האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פאר־אייניקן און פארבינדן אָרגאניזאציאָנעל די באזונדערע מארקסיסטישע קרײַז־לאך און אָרגאניזאציעס. ס'איז נאָך ניט געווען קיין איינהײַטלאכע ליניע אין דער ארבעט פון די אָרטיקע אָרגאניזאציעס; עס איז ניט געווען קיין פּראָגראם פון דער פארטיי, קיין סטאטוט פון דער פארטיי; עס איז ניט געווען קיין אָנ־פירונג פון איין צענטער.

מחמת דעם און איבער א רײַ אנדערע סיבות האָט די אידייאישע צע־שפּליטערטקײַט אין די אָרטיקע אָרגאניזאציעס זיך גענומען פארגרעסערן, און דער דאָזיקער אומשטאנד האָט געשאפן גינסטיקע באדינגונגען, אז אין דער ארבעטער־באוועגונג זאָל זיך פארשטארקן די אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונג — דער „עקאָנאָמיזם“.

עס זײַנען נויטיק געווען עטלאכע יאָר אָנגעשטרענגטע ארבעט פון לענינען און פון דער צײַטונג „איסקרא“, וואָס ער האָט אָרגאניזירט, כדי בײַצוקומען די צעשפּליטערטקײַט, באקעמפן די אָפּאָרטוניסטישע וואקלענישן און צוגרייטן די אויסבילדונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער־פארטיי.

## 5. לעניִנס קאַמף קעגן דעם „עקאָנאָמיזם". דאָס דערשײַנען פון דער לענינישער צײַטונג „איסקראַ".

אויפן ערשטן צוזאמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. איז לענין ניט געווען. אין דער דאָזיקער צײַט האָט ער זיך געפונען אין פארשיקונג אין סיביר, אינם דאָרף שושענסקאָיע, וואוהין עס האָט אים פארטריבן די צארישע רעגירונג נאָך דעם, ווי ער איז א לאנגע צײַט אָפּגעזעסן אין דער פּעטערבורגער טורמע אין צוזאמענהאנג מיטן ענין פונם „פארבאנד פון קאמף".

גאָר אויך אין פארשיקונג האָט לענין פאָרגעזעצט די רעוואָליוציאָנערע ארבעט. אין פארשיקונג האָט לענין פארענדיקט דאָס העכסט־וויכטיקע וויסנשאפטלאכע ווערק „די אנטוויקלונג פונם קאפּיטאליזם אין רוסלאנד", וואָס האָט פארענדיקט די אידייאישע צעשמעטערונג פונם פאָלקיזם. דאָרטן טאקע· האָט ער אָנגעשריבן די באוואוסטע בראָשור „די אויפגאבעס פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטן".

ניט געקוקט דערויף, וואָס לענין איז געווען אָפּגעריסן פון דער אוממיטלבארער רעוואָליוציאָנער־פּראקטישער ארבעט, האָט ער דאָך באוויזן אײַנצוהיטן געוויסע פארבינדונגען מיט פּראקטיקער, האָט געפירט פון זײַן פארשיקונגס־אָרט מיט זיי א קאָרעספּאָנדענץ, געמאכט אָנפראגן, געגעבן זיי עצות. לענינען האָט אין דער דאָזיקער צײַט באזונדערס אינטערעסירט די פראגע וועגן די „עקאָנאָמיסטן". ער האָט בעסער, ווי עמעצער אנדערש, פארשטאנען, אז דער „עקאָנאָמיזם" איז דאָס גרונט־קעמערל פון פּשרה־מאכערײַ, פון אָפּאָרטוניזם, אז דער זיג פונם „עקאָנאָמיזם" אין דער ארבעטער־באוועגונג וועט באטײַטן אן אונטערדרײַם פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונם פּראָלעטאריאט, א מפּלה פונם מארקסיזם.

און לענין האָט גענומען באקעמפן די „עקאָנאָמיסטן" שוין פון די ערשטע טעג פון זייער אויפקומען.

די „עקאָנאָמיסטן" האָבן באהויפּטעט, אז די ארבעטער דארפן פירן בלויז אן עקאָנאָמישן קאמף; וואָס איז שייך ווידער דעם פּאָליטישן קאמף, איז זאָל אים פירן די ליבעראלע בורזשואזיע, וועלכע די ארבעטער דארפן שטיצן. לענין האָט געהאלטן, אז אזא מין פריידיקונג פון די „עקאָנאָמיסטן" איז אן אָפּקער אָן א זײַט פון מארקסיזם, א לייקענונג פון דער נויטיקײַט פון א זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער פּארטיי פארן ארבעטער־קלאס, א פּרואוו צו פארוואנדלען דעם ארבעטער־קלאס אין א פּאָליטישן צוגאָב צו דער בורזשואזיע.

אין יאָר 1899 האָט א גרופּע „עקאָנאָמיסטן" (פּראָקאָפּאָוויטש, קוסקאָווא און אנדערע, וועלכע זײַנען דערנאָך געוואָרן קאדעטן) ארויסגעלאָזט איר מאניפעסט. זיי זײַנען ארויסגעטראָטן קעגן דעם רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם און האָבן געפאָדערט אָפּצוזאָגן זיך פון שאפן א זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פּאר=

טיי פונם פראָלעטאַריאַט, אָפּצוזאָגן זיך פון זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פאָ־דערונגען פונם ארבעטער־קלאַס. די „עקאָנאָמיסטן" האָבן געהאלטן, אז פּאָלי־טישער קאַמף — דאָס איז די זאַך פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וואָס איז שייך די ארבעטער, וועט פון זייערטוועגן גענוג זײַן בלויז דער עקאָנאָמישער קאַמף קעגן די באַלעבאַטים.

באַקענענדיק זיך מיט דעם דאָזיקן אָפּאָרטוניסטישן דאָקומענט, האָט לענין צונויפגערופן א באַראַטונג פון די פּאָליטישע פארשיקטע—מאַרקסיסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אינדערנאָענט, און 17 חברים בראש מיט לענינען האָבן ארויסגעטראָגן א שאַרפן דעמאַסקירנדיקן פּראָטעסט קעגן די אָנשויאונגען פון די „עקאָנאָמיסטן".

דער דאָזיקער פּראָטעסט, אָנגעשריבן פון לענינען, איז פארשפּרייט געוואָרן אין די מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס איבער גאַנץ רוסלאַנד און האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פונם מאַרקסיסטישן געדאַנק און פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד.

די רוסישע „עקאָנאָמיסטן" האָבן געפּרייַדיקט די זעלבע אָנשויאונגען, וואָס עס האָבן געפּרייַדיקט די קעגנער פונם מאַרקסיזם אין די אויסלענדישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, די אזוי גערופענע בערנשטייניאַנער, דאָס הייסט, די אָנהענגער פון דעם אָפּאָרטוניסט בערנשטיין.

דעריבער איז לענינס קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן" אין דער זעלבער צײַט געווען א קאַמף קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּאָרטוניזם.

דעם גרונט־קאַמף קעגן דעם „עקאָנאָמיזם", פאַר שאַפן די זעלבסטשטענ־דיקע פּאָליטישע פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט האָט דורכגעפירט די אומלע־גאַלע צײַטונג „איסקרא", וואָס לענין האָט אָרגאַניזירט.

אָנהויב 1900־טן יאָר האָבן לענין און אנדערע מיטגלידער פונם „פאַרבאַנד פון קאַמף" זיך אומגעקערט פון דער סיבירער פארשיקונג קיין רוסלאַנד. לענין האָט פאַרטראַכט צו שאַפן א גרויסע אַלגעמיין־רוסישע אומלעגאַלע מאַרקסיס־טישע צײַטונג. די גרויסע צאָל קליינע מאַרקסיסטישע קרײַזלאַך און אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט אין רוסלאַנד, זײַנען נאָך ניט געווען פאַר־בונדן צווישן זיך. אין דעם דאָזיקן מאָמענט, ווען, לויט חבר סטאַלינס אויס־דרוק, „די קוסטאַרערײַ און קרײַזלערײַ האָבן צעפרעסן די פּאַרטיי פון אויבן ביז אראָפּ, ווען די אידייאישע צעשפּליטערטקײַט איז געווען דער כאַראַקטער־שטריך פונם אינערלאַכן לעבן פון דער פּאַרטיי", איז דאָס שאַפן אן אַלגע־מיין־רוסישע אומלעגאַלע צײַטונג געווען די גרונט־אויפגאַבע פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטן. בלויז אזא צײַטונג האָט געקאָנט פאַרבינדן צווישן זיך די אָפּגעזונדערטע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס און צוגרייטן די באַשאַפונג פון א ווירקלאַכער פּאַרטיי.

אזא צײַטונג איז אָבער ניט מעגלאַך געווען צו אָרגאַניזירן אין צאַרישן

רוסלאַנד איבער די פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען. אין פאַרלויף פון א חודש — צוויי וואָלטן די צארישע שפּיקעס אויסגעשפּירט די צײַטונג און געמאכט א סוף צו איר. דעריבער האָט לענין באַשלאָסן ארויסצוגעבן זי אין אויסלאַנד. דאָ האָט זיך די צײַטונג געדרוקט אויף א זייער דינעם און שטאַרקן פּאַפּיר, און זי פלעגט געהיים איבערגעשיקט ווערן קיין רוסלאַנד. באַזונדערע נומערן פון „איסקרא“ זײַנען איבערגעדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד אין געהיימע דרוקערײַען אין באַקו, אין קישענעוו, אין סיביר.

אין האַרבסט 1900-טן יאָר איז וולאַדימיר איליאיטש אוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, כדי צונויפריידן זיך מיט די חברים פון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“ וועגן ארויסגעבן אַן אַלגעמיין-רוסישע פּאָליטישע צײַטונג. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט לענין אין אַלע פּרטים באַטראַכט אין פאַרשיקונג. אויפן וועג פון פאַרשיקונג האָט לענין אײַנגעאָרדנט וועגן דער דאָזיקער פראַגע א ריי באַראַטונגען אין אופא, פּסקאָוו, מאָסקווע, פּעטערבורג. אומעטום האָט ער אָפּגערעדט מיט די חברים וועגן שיקן פאַר געהיימער קאָרעספּאָנדענץ, וועגן אַדרעסן אויף צושיקן ליטעראַטור און א. וו. און האָט באַהאַנדלט מיט זיי דעם פּלאַן פונעם קומענדיקן קאַמף.

די צארישע רעגירונג האָט געפילט, אַז אין לענינס פּערזאָן האָט זי א העכסט געפערלאַכן שונא. דער צארישער אָכראַניק, זשאַנדאַר זובאַטאָוו, האָט אין זײַן געהיימער קאָרעספּאָנדענץ געשריבן, אַז „גרעסער פון אוליאַנאָוון איז אין דער רעוואָלוציע איצט קיינער ניטאָ“, און מחמת דעם האָט ער געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו אָרגאַניזירן דאָס דערמאָרדן לענינען.

ווען לענין איז געקומען צו פאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“, דאָס הייסט, מיט פּלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן, וו. זאַסוליטש, וועגן ארויסגעבן געמיינזאַם די „איסקרא“. לענין האָט געהאַט אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן פון ארויסגעבן זי פון אָנהויב ביזן סוף.

אין דעצעמבער 1900-טן יאָר איז אין אויסלאַנד דערשינען דער ערשטער נומער פון דער צײַטונג „איסקרא“. אונטערן קעפּל פון דער צײַטונג זײַנען געווען די באַוואוסטע ווערטער (דער עפּיגראַף): „א י ז א י ס ק ר י וו אָ ז ג אָ ר י ט ס י א פּ ל א מ י א“ (פון א פונק וועט זיך צעפּלאַקערן א פלאַם). די דאָזיקע ווערטער זײַנען גענומען געוואָרן פון דעם ענטפער פון די דעקאַבריסטן דעם פּאָעט פּושקין, וועלכער האָט זיי געשיקט א באַגריסונג אין דער סיבירער פאַרשיקונג.

און ווירקלאַך, פון דעם פונק — „איסקרא“, וואָס לענין האָט אָנגעצונדן, האָט זיך נאָכדעם צעפּלאַקערט דער פלאַם פון דער גרויסער רעוואָליוציאָנערער שׂרפה, וואָס האָט פאַרברענט אויף אַש די אַדעליק-פּריץ׳ישע צארישע מאָנאַרכיע און די בורזשואזע מאַכט.

# קורצע אויספירן.

די מארקסיסטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבעטער-פּארטיי אין רוסלאנד איז געשאפן געוואָרן אין קאמף אין דער ערשטער ריי קעגן דעם פאָלקיזם, קעגן זײנע אָנשויאונגען, וועלכע זײנען פעלערהאפט און שעדלאך פאר דער זאך פון דער רעוואָלוציע.

ערשט דעמאָלט, ווען מע האָט אידייאיש צעקלאפּט די אָנשויאונגען פון די פאָלקיסטן, איז מעגלאך געווען אָפּצורייניקן דעם באָדן פאר דער שאפונג פון דער מארקסיסטישער ארבעטער-פּארטיי אין רוסלאנד. אן אנטשיידנדיקן קלאפּ דעם פאָלקיזם האָט אין די 80-ער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט דערלאנגט פּלעכאנאָוו און זײן גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“.

לענין האָט אין די 90-ער יאָרן פארענדיקט די אידייאישע צעשמעטערונג פונם פאָלקיזם, דערשלאָגן דעם פאָלקיזם.

די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודא“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1883, האָט דורכגעמאכט א גרויסע ארבעט פון פארשפּרייטן דעם מארק-סיזם אין רוסלאנד, האָט טעאָרעטיש געגרינדעט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און געמאכט דעם ערשטן שריט דער ארבעטער-באוועגונג אקעגן.

מיט דער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם איז אין רוסלאנד שנעל געוואקסן די צאָל פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט. אינמיטן פון די 80-ער יאָרן איז דער ארבעטער-קלאס ארויפגעטראָטן אויפן וועג פון אָרגאניזירטן קאמף, אויפן וועג פון מאסן-ארויסטרעטונגען אין דער פאָרם פון אָרגאניזירטע שטרײקס. נאָר די מארקסיסטישע קרײזלאך און גרופּעס האָבן זיך פארנומען בלויז מיט פּראָפּאגאנדע, האָבן ניט פארשטאנען די צוועקמעסיקײט פון אריבערגײן צו מאסן-אגיטאציע אינם ארבעטער-קלאס, דעריבער זײנען זיי נאָך פראקטיש ניט געווען פארבונדן מיט דער ארבעטער-באוועגונג, ניט אָנגעפירט מיט איר.

לענינס גרינדן דעם פּעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף פאר דער באַ-פרײאונג פונם ארבעטער-קלאס“ (1895-טן יאָר), וועלכער האָט אָנגעהויבן פירן א מאסן-אגיטאציע צווישן די ארבעטער און האָט אָנגעפירט מיט די מאסן-שטרײקס, האָט באטײט א נײעם עטאפּ — דעם אריבערגאנג צו מאסן-אגיטאַ-ציע צווישן די ארבעטער און די פאראייניקונג פונם מארקסיזם מיט דער אר-בעטער-באוועגונג. דער פּעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף פאר דער באַ-פרײאונג פונם ארבעטער-קלאס“ איז געווען דער ערשטער עמבריאָן פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטארישער פּארטיי אין רוסלאנד. באלד נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך געגרינדעט דער פּעטערבורגער „פארבאנד פון קאמף“, האָבן זיך געשאפן אָרגאניזאציעס פון מארקסיסטן אין אלע וויכטיקסטע אינדוסטריעלע צענטערס, ווי אויך אין די ראנד-געביטן.

אין יאָר 1898 איז פארווירקלאכט געוואָרן דער ערשטער, הגם נאָך ניט-געלונגענער פּרווו צו פאראייניקן די מארקסיסטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע

אָרגאַניזאַציעס אין אַ פּאַרטיי — עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַ־מענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט נאָך אָבער ניט געשאַפן די פּאַרטיי: עס איז ניט געווען ניט קיין פּראָגראַם, ניט קיין סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, ניט קיין אָנפירונג פון איין צענטער; עס איז כמעט ניט גע־ווען קיין שום פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע מאַרקסיסטישע קרייזלאַך און גרופּעס.

כדי צו פאַראייניקן און פאַרבינדן צווישן זיך די אָפּגעזונדערטע מאַרקסי־סטישע אָרגאַניזאַציעס אין איין פּאַרטיי, האָט לענין אַרויסגערוקט און פאַר־ווירקלאַכט דעם פּלאַן פון שאַפן די ערשטע אַלגעמיין־רוסישע צייטונג פון די רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטן — „איסקראַ".

די הויפּט־קעגנער פון שאַפן אַן איינהייטלאַכע פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַר־טיי זיינען אין דעם דאָזיקן פּעריאָד געווען די „עקאָנאָמיסטן". זיי האָבן גע־לייקנט די נויטיקייט פון אַזאַ פּאַרטיי, זיי האָבן אונטערגעהאַלטן די אָפּגעזונ־דערטקייט און קוסטאַרעריי פון באַזונדערע גרופּעס. טאַקע קעגן זיי האָבן דאָס לענין און די צייטונג „איסקראַ", וואָס ער האָט אָרגאַניזירט, געווענדט זייערע קלעפּ.

דאָס אַרויסלאָזן די ערשטע נומערן „איסקראַ" (די יאָרן 1900—1901) איז געווען אַן אַריבערגאַנג צו אַ נייעם פּעריאָד — צום פּעריאָד, ווען פון די אָפּגעזונדערטע גרופּעס און קרייזלאַך האָט זיך ווירקלאַך אויסגעבילדעט די איינהייטלאַכע רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

קאפיטל II

# די אויסבילדונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פּאַרטיי. דער אויפקום פון די פראַקציעס באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אינעווייניק אין דער פאַרטיי.

*(די יאָרן 1901—1904)*.

## 1. דער אויפשטייַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1901 — 1904.

סוף XIX יאָרהונדערט איז אין אייראָפּע אויסגעבראָכן אן אינדוסטריעלער קריזיס. דער דאָזיקער קריזיס האָט אינגיכן פארכאַפּט אויך רוסלאַנד. אין די קריזיס־יאָרן — 1900—1903 — זיינען פארמאַכט געוואָרן ביז 3 טויזנט גרויסע און קליינע אונטערנעמונגען. עס זיינען ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס העכער 100 טויזנט ארבעטער. דער ארבעטסלוין פון די ארבעטער, וואָס זיינען איבערגעבליבן אין די אונטערנעמונגען, האָט זיך שאַרף פארקלענערט. די אומבאַדייטנדיקע הנחות, וואָס די ארבעטער האָבן פריער געהאַט ארויסגעריסן בייַ די קאַפּיטאַליסטן אין די עקשנות'דיקע עקאָנאָמישע שטרייקס, האָבן אצינד די קאַפּיטאַליסטן צוריקגענומען.

דער אינדוסטריעלער קריזיס, די ארבעטסלאָזיקייט האָבן ניט אָפּגעשטעלט און ניט אָפּגעשוואַכט די ארבעטער־באַוועגונג. פארקערט, דער קאַמף פון די ארבעטער האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אן אלץ מער רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער. פון עקאָנאָמישע שטרייקס האָבן די ארבעטער גענומען אריבערגיין צו פּאָליטישע שטרייקס. די ארבעטער גייען, ענדלאַך, אריבער צו דעמאָנסטראַציעס, שטעלן ארויס פּאָליטישע פאָדערונגען וועגן דעמאָקראַטישע פרייהייטן, שטעלן ארויס דעם לאָזונג: „נידער מיט דער צארישער זעלבסטהערשונג“.

אין יאָר 1901 איז דער ערשטמאַיאיקער שטרייק אינם מיליטערישן אָבוכאָווער זאוואָד אין פּעטערבורג פארוואַנדלט געוואָרן אין א בלוטיקן צוזאַמענשטויס צווישן די ארבעטער און דעם מיליטער. די ארבעטער האָבן געקאָנט קעגנשטעלן דעם באַוואָפנטן צארישן מיליטער נאָר שטיינער און שטיקער אייזן. דער עקשנות'דיקער ווידערשטאַנד פון די ארבעטער איז געבראָכן געוואָרן. און דערנאָך איז געקומען די גרויזאַמע צערעכענונג: בייַ 800 ארבעטער זיינען ארעסטירט געוואָרן, פיל זיינען ארייַנגעוואָרפן געוואָרן אין די טורמעס און

פארשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. די העראָאישע „אָבוכאָווער באַשיצונג“ האָט אָבער געהאַט אַ באַדײַטנדיקע ווירקונג אויף די אַרבעטער אין רוסלאַנד, האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון מיטגעפיל צווישן די אַרבעטער.

אין מערץ 1902־טן יאָר קומען פאָר גרויסע שטרײַקס און אַ דעמאָנסטראַציע פון די באַטומער אַרבעטער, אָרגאַניזירט פונם באַטומער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָמיטעט. די באַטומער דעמאָנסטראַציע האָט אויפגערודערט די אַרבעטער און די פויערים־מאַסן פון טראַנסקאַווקאַז.

אין דעם זעלבן 1902־טן יאָר קומט פאָר אין ראָסטאָוו־אויפן־דאָן אַ גרויסער שטרײַק. צוערשט האָבן פאַרשטרײַקט די אײַזנבאַן־אַרבעטער; אינגיכן האָבן זיך אָן זיי אָנגעשלאָסן אַרבעטער פון פיל זאַוואָדן. דער שטרײַק האָט אויפגערודערט אַלע אַרבעטער; אויף די מיטינגען הינטער דער שטאָט האָבן אין פאַרלויף פון עטלאַכע טעג זיך צונויפגעזאַמלט ביז 30 טויזנט אַרבעטער. אויף די דאָזיקע מיטינגען האָט מען געלייענט אויפן קול סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָקלאַמאַציעס; עס זײַנען אַרויסגעטראָטן רעדנער. די פּאָליציי און די קאָזאַקן זײַנען ניט בכח געווען צו צעטרײַבן די פילטויזנטדיקע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער. ווען די פּאָליציי האָט דערמאָרדעט עטלאַכע אַרבעטער, האָט זיך אויף מאָרגן אויף זייער לויה צונויפגענומען אַ קאָלאָסאַלע דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער. ערשט דעמאָלט, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט צונויפגעזאַמלט מיליטער פון די שכנ׳ישע שטעט, איז זי אימשטאַנד געווען צו דערשטיקן דעם שטרײַק. מיטן קאַמף פון די ראָסטאָווער אַרבעטער האָט אָנגעפירט דער דאָנער קאָמיטעט פון דער ר.ס.ד.א.פּ.

נאָך גרעסערע מאַסשטאַבן האָבן אָנגענומען די שטרײַקס אין יאָר 1903. אין דעם דאָזיקן יאָר קומען פאָר אין דרום פּאָליטישע מאַסן־שטרײַקס, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט טראַנסקאַווקאַז (באַקו, טיפליס, באַטום) און די גרעסטע שטעט פון אוקראַאינע (אָדעס, קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו). די שטרײַקס ווערן אַלץ מער עקשנות׳דיקע, אָרגאַניזירטע. אין אונטערשייד פון די פריערדיקע אַרויסטרעטונגען פונם אַרבעטער־קלאַס האָבן כמעט אומעטום אָנגעהויבן אָנפירן מיטן פּאָליטישן קאַמף פון די אַרבעטער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן.

דער אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד האָט זיך אויפגעהויבן צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער צאַרישער מאַכט.

די אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַט איר ווירקונג אויפן פויערטום. פרילינג און זומער 1902־טן יאָר האָט זיך אין אוקראַאינע (אין פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניעס) און אין בײַוואָלגע פאַנאַנדערגעוויקלט די פויערים־באַוועגונג. די פויערים האָבן געצונדן די פּריצ׳ישע גיטער, פאַרכאַפּט די פּריצ׳ישע ערד, דערהאַרגעט די פון זיי פאַרהאַסטע זעמסקע נאַטשאַלניקעס און פּריצים. קעגן די אויפגעשטאַנענע פויערים איז געשיקט געוואָרן מיליטער; מע האָט אין די פויערים געשאָסן; מע האָט זיי הונדערטערווײַז אַרעסטירט; די אָנפירער

און די אָרגאַניזאַטאָרן האָט מען אַרײַנגעוואָרפן אין די טורמעס; נאָר די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פון די פויערים איז ווײַטער געוואַקסן.

די רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון די אַרבעטער און פויערים האָבן באַוויזן, אַז אין רוסלאַנד ווערט רײַף און עס דערנענטערט זיך די רעוואָליוציע.

אונטער דער ווירקונג פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פון די אַרבעטער פאַרשטאַרקט זיך אויך די סטודענטישע אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג. די רעגירונג האָט געענטפערט אויף די סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס און שטרײַקס מיט פאַרמאַכן די אוניווערזיטעטן; הונדערטער סטודענטן האָט זי אַרײַנגעוואָרפן אין די טורמעס און, ענדלאַך, צוגעטראַכט אָפּצוגעבן די ניט־געהאָרכזאַמע סטודענטן פאַר סאָלדאַטן. אַלס ענטפער דערויף האָבן די שטודירנדיקע פון אַלע העכערע לערן־אַנשטאַלטן ווינטער 1901—1902 יאָר אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינעם סטודענטן־שטרײַק. דער דאָזיקער שטרײַק האָט אַרומגעכאַפּט ביז 30 טויזנט מאַן.

די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער און פויערים און באַזונדערס די רעפּרעסיעס קעגן די סטודענטן האָבן געצוואונגען אַ ריר צו טאָן זיך אויך די ליבעראַלע בורזשואַ און די ליבעראַלע פּריצים, וועלכע זײַנען געזעסן אין די אַזוי גערופענע זעמסטוועס, געצוואונגען זיי אויפצוהויבן די שטים פון „פּראָטעסט" קעגן די „עקסטרעמקײַטן" פון דער צאַרישער רעגירונג, וואָס האָט רעפּרעסירט זייערע זינדלאַך די סטודענטן.

ווי שטיץ־פּונקטן פאַר די זעמסקע ליבעראַלן האָבן געדינט די זעמסקע אופּראַוועס. זעמסקע אופּראַוועס האָבן געהייסן די אָרטיקע פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, וואָס האָבן געהאַט צו שאַפן איבער ריין אָרטיקע אָנגעלעגנהײַטן, אין שייכות צו דער דאָרפישער באַפעלקערונג (דורכפירן וועגן, אײַנאָרדענען שפּיטאָלן און שולן). די ליבעראַלע פּריצים האָבן געשפּילט אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע אין די זעמסקע אופּראַוועס. זיי זײַנען געווען נאָענט פאַרבונדן מיט די ליבעראַלע בורזשואַ און האָבן זיך כמעט צונויפגעגאָסן מיט זיי, ווייל זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן אין זייערע גיטער אַריבערצוגיין פון דער האַלב־לײַבאייגנטימערישער ווירטשאַפט צו דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, ווי צו אַ מער לוינבאַרער. אָט די ביידע גרופּעס ליבעראַלן זײַנען, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען פאַר דער צאַרישער רעגירונג; זיי זײַנען אָבער געווען קעגן די „עקסטרעמקײַטן" פונעם צאַריזם, מורא האָבנדיק, אַז גראָד די דאָזיקע „עקסטרעמקײַטן" קאָנען פאַרשטאַרקן די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג. מורא האָבנדיק פאַר די „עקסטרעמקײַטן" פונעם צאַריזם, האָבן זיי זיך נאָך מער געשראָקן פאַר דער רעוואָליוציע. פּראָטעסטירנדיק קעגן די „עקסטרעמקײַטן" פונעם צאַריזם, האָבן די ליבעראַלן פאַרפאָלגט צוויי צילן: ערשטנס, „אַרײַנגעבן שׂכל" דעם קייסער, צווייטנס, — אַרויפטאָן אויף זיך אַ מאַסקע פון „גרויסער אומצופרידנקײַט" מיטן צאַריזם, געווינען דעם צוטרוי פונעם פאָלק, אָפּשפּאַלטן דאָס פאָלק אָדער

א טייל פונם פאָלק פון דער רעוואָליוציע און דערמיט גופא אָפּשוואַכן די רעוואָליוציע.

פאַרשטייט זיך, די זעמסקע־ליבעראַלע באַוועגונג האָט ניט פאָרגעשטעלט עפּעס געפערלאַכס פאַר דער עקזיסטענץ פונם צאַריזם, דאָך האָט זי געדינט פאַר א באַווייז, אַז מיט די „דור־דורות'דיקע" זײַלן פונם צאַריזם האַלט עס ניט גאָר גלאַט.

די זעמסקע־ליבעראַלע באַוועגונג האָט געבראַכט אין יאָר 1902 צו דער אָרגאַניזירונג פון דער בורזשואַזער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע" (באַפרײַאונג), וואָס האָט געבילדעט דעם קערן פון דער קינפטיקער בורזשואַזער הויפּט־פּאַרטיי אין רוסלאַנד — פון דער פּאַרטיי קאַדעטן.

זעענדיק, ווי עס צעפלייצט זיך איבערן לאַנד מיט אַן אַלץ גרויזאַמערן שטראָם די אַרבעטער־ און פּויערים־באַוועגונג, נעמט דער צאַריזם אָן אַלע מאָס־מיטלען, כדי אָפּצושטעלן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אַלץ אָפטער און אָפטער ווערט קעגן די אַרבעטער־שטרײַקס און דעמאָנסטראַציעס אָנגעווענדט מיליטער־קראַפט; — די קויל און די נאַהײַקע ווערן דער געוויינלאַכער ענטפער פון דער צאַרישער רעגירונג אויף די אַרויסטרעטונגען פון די אַרבעטער און פּויערים; די טורמעס און די פאַרשיקונגס־ערטער ווערן איבער־געפולט.

צוגלײַך מיט דער פאַרשטאַרקונג פון די רעפּרעסיעס פּרואווט די צאַרישע רעגירונג אָננעמען אויך אַנדערע, מער „עלאַסטישע" מאָס־מיטלען, וואָס טראָגן ניט קיין כאַראַקטער פון רעפּרעסיעס, כדי אָפּצואווענדן די אַרבעטער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. עס ווערן געמאַכט פּרואוון צו שאַפן פאַלשע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אונטער דער אַפּוטרופּסות פון זשאַנדאַרן און פּאָליציי. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָט מען דעמאָלט אָנגערופן אָרגאַניזאַציעס פון „פּאָליציייאישן סאָציאַליזם", אָדער זובאַטאָווישע אָרגאַניזאַציעס (לויט דער פאַמיליע פונם זשאַנדאַר־פּאָלקאָווניק זובאַטאָוו, וועלכער האָט געשאַפן די דאָזיקע פּאָליציייִשע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס). די צאַרישע אָכראַנקע האָט זיך דורך אירע אַגענטן געפּלײַסט אײַנריידן די אַרבעטער, אַז די צאַרישע רעגירונג איז כלומרשט אַליין גרייט צו העלפן די אַרבעטער באַפרידיקן זייערע עקאָנאָמישע פאָדערונגען. „צו וואָס זאָל מען זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, צו וואָס מאַכן א רעוואָליוציע, אַז דער קייסער אַליין שטייט אויפן צד פון די אַרבעטער", — פּלעגן די זובאַטאָווצעס טענה'ן צו די אַרבעטער. די זובאַטאָווצעס האָבן געשאַפן אין עטלאַכע שטעט זייערע אָרגאַניזאַציעס. לויטן מוסטער פון די זובאַטאָווישע אָרגאַניזאַציעס און מיט די זעלבע צוועקן האָט דער גלח גאַפּאָן געשאַפן אין יאָר 1904 די אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „סאָבראַניע רוסקיך פאַבריטשנאָ־זאַוואָדסקיך ראַבאָטשיך פּעטערבורגאַ" (פאַרזאַמלונג פון די רוסישע פאַבריק־זאַוואָדישע אַרבעטער פון פּעטערבורג).

דער פּרואוו פון דער צאַרישער אָכראַנקע אונטערצוואַרפן צו זיך די

ארבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. ספּראַוועון זיך מיט דער אָנ־וואַקסנדיקער ארבעטער־באַוועגונג מיט אַזויגע מאָס־מיטלען איז די צארישע רע־גירונג ניט געווען אימשטאַנד. די וואַקסנדיקע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונם ארבעטער־קלאַס האָט אָפּגעראַמט פון איר וועג די דאָזיקע פּאָליצייאישע אָר־גאַניזאַציעס.

## 2. דער לענינישער פּלאַן פון אויסבויען די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי. דער אָפּאָרטוניזם פון די „עקאָנאָמיסטן". דער קאַמף פון דער „איסקרא" פאַרן לענינישן פּלאַן. לענינס בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?". די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי.

ניט געקוקט דערויף, וואָס אין יאָר 1898 איז פּאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועל־כער האָט געמאָלדן וועגן דער אויסבילדונג פון דער פּאַרטיי, איז די פּאַרטיי דאָך ניט געשאַפן געוואָרן. ס'איז ניט געווען קיין פּראָגראַם און קיין סטאַטוט פון דער פּאַרטיי. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אויסגעוויילט אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר, איז ארעסטירט געוואָרן און איז שוין מער ניט אויפגעשטעלט געוואָרן, ווייל ס'איז ניט געווען ווער עס זאָל אים אויפשטעלן. נאָך מער, נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר האָבן די אידייאישע צעשפּליטערטקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשטויבטקייט פון דער פּאַרטיי זיך נאָך מער פאַר־שטאַרקט.

אויב די יאָרן 1884—1894 זיינען געווען א פּעריאָד פון זיג איבערן פאָל־קיזם און פון דער אידייאישער צוגרייטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און די יאָרן 1894—1898 — א פּעריאָד פון א פּרואוו, אמת, ניט קיין געלונ־גענעם, צו שאַפן פון די באַזונדערע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, איז דער פּעריאָד נאָכן יאָר 1898 געוואָרן א פּעריאָד פון פאַרשטאַרקונג פון דעם אידייאישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן מישמאַש אין דער פּאַרטיי. דער זיג פונם מאַרקסיזם איבערן פאָלקיזם און די רעוואָליוציאָ־נערע ארויסטרעטונגען פונם ארבעטער־קלאַס, וואָס האָבן באַוויזן די גערעכט־קייט פון די מאַרקסיסטן, האָבן פאַרשטאַרקט די סימפּאַטיעס פון דער רעוואָ־ליוציאָנערער יוגנט צום מאַרקסיזם. דער מאַרקסיזם איז געוואָרן א מאָדע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין די מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן א פּלייץ געטאָן גאַנצע מאַסן רעוואָליוציאָנערע יוגנט פון דער אינטעליגענץ, וואָס זיינען געווען שוואַך אין טעאָריע, ניט דערפאַרן אין אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָ־ליטישער הינזיכט און האָבן געהאַט בלויז א נעפּלהאַפטע, מערסטנטייל ניט ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם מאַרקסיזם, א פאָרשטעלונג, וואָס איז גע־שעפּט געוואָרן פון די אָפּאָרטוניסטישע שרייבערייען פון די „לעגאַלע מאַרק־

סיסטן", וועלכע האָבן פארפולט די פרעסע. דער דאָזיקער אומשטאנד האָט גע־בראכט צו אן ארפּזעצונג פונם טעאָרעטישן און פּאָליטישן ניוואָ פון די מארקסיסטישע אָרגאניזאציעס, געבראכט דערצו, אז עס זיינען אהין ארײנגע־טראָגן געוואָרן „לעגאַל־מארקסיסטישע" אָפּאָרטוניסטישע שטימונגען, געבראכט צו דער פארשטארקונג פון דער אידייאישער צעשפּליטערטקייט, פון די פּאָלי־טישע וואקלענישן און פונם אָרגאניזאציאָנעלן מישמאש.

דער אָנוואוקס פונם אויפשטייג פון דער ארבעטער־באוועגונג און די בפּי־רוש'ע נאָענטקייט פון דער רעוואָליוציע האָבן געפאָדערט צו שאפן אן איינ־הייטלאכע צענטראליזירטע פארטיי פונם ארבעטער־קלאס, וועלכע איז פייאיק אָנצופירן מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. נאָר דער צושטאנד פון די אָרטיקע פארטיי־אָרגאנען, פון די אָרטיקע קאָמיטעטן, גרופּעס און קרייזלאך איז געווען אזא נעבאכדיקער, און זייער אָרגאניזאציאָנעלע אָפּגעזונדערטקייט און אידייאישע פארשיידנשטימיקייט — אזוי גרויס, אז די אויפגאבע צו שאפן אזא פארטיי האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אומגעהויערע שוועריקייטן.

די שוועריקייטן זיינען באשטאנען ניט בלויז דערין, וואָס בויען די פארטיי איז אויסגעקומען אונטערן פייער פון די אכזריות'דיקע פארפאָלגונגען מצד דעם צאריזם, וועלכער האָט געהאלטן אין איין ארויסרייסן פון די רייען פון די אָרגאניזאציעס די בעסטע טוער און געוואָרפן זיי אין פארשיקונגען, אין די טורמעס, אויף קאטאָרגע. די שוועריקייטן זיינען נאָך באשטאנען דערין, וואָס א באדייטנדיקער טייל אָרטיקע קאָמיטעטן און זייערע טוער האָט פון גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן, אויסער זייער אָרטיקער קליין־פּראקטישער אר־בעט, האָט ניט פארשטאנען דעם שאָדן דערפון, וואָס ס'איז ניטאָ קיין אָרגא־ניזאציאָנעלע און אידייאישע איינהייט פון דער פארטיי, איז געווען צוגעוואוינט צו דער צעדרויבלטקייט פון דער פארטיי, צום אידייאישן מישמאש אין דער פארטיי, און האָט געהאלטן, אז מע קאָן זיך באגיין אָן אן איינהייטלאכער צענטראליזירטער פארטיי.

כדי צו שאפן א צענטראליזירטע פארטיי, האָט מען געדארפט בייקומען די דאָזיקע אָפּגעשטאנענקייט, די אינערטקייט און דעם שמאָלן פּראקטיציזם פון די אָרטיקע אָרגאנען.

דאָס איז אָבער ניט אַלץ. עס האָט עקזיסטירט אין דער פארטיי א גאנץ צאָלרייכע גרופּע מענשן, וואָס האָבן פארמאָגט זייערע פרעסע־אָרגאנען, די „ראבאָטשאיא מיסל" (ארבעטער־געדאנק) אין רוסלאנד און די „ראבאָטשעיע דעלאָ" (ארבעטער־זאך) אין אויסלאנד, א גרופּע, וועלכע האָט טעאָרעטיש בא־רעכטיקט די אָרגאניזאציאָנעלע צעשטויבטקייט און די אידייאישע צעשפּלי־טערטקייט אין דער פארטיי, האָט ניט זעלטן אפילו זיי באזונגען און האָט געהאלטן, אז די אויפגאבע צו שאפן אן איינהייטלאכע צענטראליזירטע פּאָלי־טישע פארטיי פונם ארבעטער־קלאס איז ניט קיין נויטיקע און איז אן אָנגע־טראכטע אויפגאבע.

דאָס זײַנען געווען די „עקאָנאָמיסטן“ און זייערע נאָכפאָלגער.

כדי צו שאפן אן איינהײַטלאכע פאָליטישע פארטיי פונם פראָלעטאריאט, האָט מען פריער פון אלץ באדארפט צעקלאפּן די „עקאָנאָמיסטן“.

פאר אויספילן די דאָזיקע אויפגאבעס און פאר אויסבויען די פארטיי פונם ארבעטער־קלאס האָט זיך טאקע גענומען לענין.

איבער דער פראגע — פון וואָס אָנהויבן די אויסבויאונג פון דער איינהײַטלאכער פארטיי פונם ארבעטער־קלאס — זײַנען געווען פארשיידענע מיינונגען. אייניקע האָבן געמיינט, אז די אויסבויאונג פון דער פארטיי דארף מען אָנהויבן פון צונויפרופן דעם צווייטן צוזאמענפאָר פון דער פארטיי, וועלכער וועט טאקע פאראייניקן די אָרטיקע אָרגאניזאציעס און וועט שאפן די פארטיי. לענין איז געווען קעגן אזא מיינונג. ער האָט געהאלטן, אז פריער, איידער מע רופט צונויף דעם צוזאמענפאָר, דארף מען קלאָר מאכן די פראגע וועגן די צילן און די אויפגאבעס פון דער פארטיי, דארף מען וויסן — וואָס פאר א פארטיי ווילן מיר אויסבויען, דארף מען זיך אידייאיש פאנאנדערגרענעצן מיט די „עקאָנאָמיסטן“, דארף מען זאָגן דער פארטיי ערלאך און אָפן, אז עס עקזיסטירן צוויי פארשיידענע מיינונגען וועגן די צילן און די אויפגאבעס פון דער פארטיי, — די מיינונג פון די „עקאָנאָמיסטן“ און די מיינונג פון די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראטן, דארף מען נעמען פירן א ברייטע פרעסע־פּראָפּאגאנדע פאר די אָנשויאונגען פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראטיע פונקט אזוי, ווי עס פירן זי די „עקאָנאָמיסטן“ פאר זייערע אָנשויאונגען אין זייערע פרעסע־אָרגאנען, דארף מען געבן א מעגלאכקייט די אָרטיקע אָרגאניזאציעס צו מאכן א באוואוסטזיניקן אויסוואל צווישן די דאָזיקע צוויי שטרעמונגען, — און ערשט נאָך דעם, ווען די דאָזיקע נויטיקע פאָרלויפיקע ארבעט וועט אָפּגעטאָן ווערן, — וועט מען קאָנען צונויפרופן דעם פארטיי־צוזאמענפאָר.

לענין האָט אָפן געזאָגט:

„פריער, איידער מע פאראייניקט זיך, און צוליב דעם, כדי צו פאראייניקן זיך, איז צוערשט נויטיק אנטשיידן און באשטימט צו פאנאנדערגרענעצן זיך“ (לענין, ב. IV, ז. 378, רוסיש).

דעריבער האָט לענין געהאלטן, אז די אויסבויאונג פון דער פאָליטישער פארטיי פונם ארבעטער־קלאס דארף מען אָנהויבן פון אָרגאניזירן אן אלגעמיין־רוסישע פאָליטישע קאמפּס־צײַטונג, וואָס פירט פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע פאר די אָנשויאונגען פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, — אז די אוועקשטעלונג פון אזא צײַטונג דארף זײַן דער ערשטער שריט פון אויסבויען די פארטיי.

אין זײַן באוואוסטן ארטיקל „פון וואָס דארף מען אָנהויבן?“ האָט לענין אָנגעוואָרפן א קאָנקרעטן פּלאן פון אויסבויען די פארטיי און אנטוויקלט אים דערנאָך אין זײַן בארימטן בוך „וואָס דארף מען טאָן?“

„דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער טעטיקייט, דער ערשטער פּראַקטי־שער שריט צו שאַפן די געוואונטשענע אָרגאַניזאַציע *, ענדלאַך, דער גרונט־פאָדעם, וואָס, האַלטנדיק זיך אָן אים, וואָלטן מיר געקאָנט אומ־אָפּנוויגלאַך אַנטוויקלען, פאַרטיפן און פאַרברייטערן די דאָזיקע אָרגאַ־ניזאַציע, דאַרף, לויט אונזער מיינונג, זײַן, — האָט לענין געזאָגט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, — די אָרגאַניזירונג פון אַ אַלגעמיין־רוסישער פּאָליטישער צײַטונג... אָן איר איז אוממעגלאַך סיסטעמאַטיש צו פירן די פּרינציפּיעל־אויסגעהאַלטענע און אַלזײַטיקע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וואָס דאָס איז די שטענדיקע און הויפּט־אויפגאַבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בכלל און באַזונדערס די לעבנסנויטיקע אויפגאַבע פונם איצטיקן מאָמענט, ווען דער אינטערעס צו פּאָליטיק, צו די פראַגן פון סאָציאַליזם איז דערוועקט אין די אַממערסטן ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג" (דאָרטן, ז. 110).

לענין האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ צײַטונג וועט דינען ניט בלויז ווי אַ מיטל פון אידייאישער באַהעפטונג פון דער פּאַרטיי, נאָר אויך ווי אַ מיטל פון אָר־גאַניזאַציאָנעלער פאַראייניקונג פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אין אַ פּאַרטיי. די נעץ אַגענטן און קאָרעספּאָנדענטן פון אַזאַ צײַטונג, וואָס זײַנען פאָרשטייער פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועט דינען פאַר דעם קאַרקאַס, אַרום וועלכן עס וועט טאַקע אָרגאַניזאַציאָנעל צונויפגעזאַמלט ווערן די פּאַרטיי. ווײַל, האָט געזאָגט לענין, „די צײַטונג איז ניט בלויז אַ קאָלעקטיווער פּראָ־פּאַגאַנדיסט און קאָלעקטיווער אַגיטאַטאָר, נאָר אויך אַ קאָלעקטיווער אָר־גאַניזאַטאָר".

„די דאָזיקע נעץ אַגענטן, האָט לענין געזאָגט אין דעם זעלבן אַר־טיקל, וועט זײַן דער קאַרקאַס גראָד פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וועלכע מיר דאַרפן: אַ גענוג גרויסע, כדי אַרומצוכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד; אַ גענוג ברייטע און פאַרשיידנזײַטיקע, כדי דורכצופירן אַ שטרענגע און דעטאַלע אַרבעטס־צעטיילונג; אַ גענוג אויסגעהאַלטענע, כדי צו קענען בײַ אַלער־ליי אומשטענדן, בײַ אַלערליי „קערן" און אומגעריכטקײַטן אומאָפּנויג־לאַך פירן אי ר אַרבעט; אַ גענוג בויגעוודיקע, כדי צו קענען, פון איין זײַט, אַרויסדרייען זיך פון אַ שלאַכט אין אָפענעם פעלד מיט דעם איבערוועגנדיקן לויט זײַן קראַפט פײַנט, ווען ער האָט צונויפגעזאַמלט אין איין פּונקט אַלע כחות, און פון דער צווייטער זײַט, כדי צו קענען באַנוצן זיך מיט דער ניט־רירעוודיקייט פון דעם דאָזיקן פײַנט און אָנ־פאַלן אויף אים דאָרטן און דעמאָלט, וואו מע דערוואַרט ווייניקער פון אַלץ אַן אָנפאַל" (דאָרטן, ז. 112).

אַזאַ צײַטונג דאַרף זײַן די „איסקראַ".

---

* עס רעדט זיך וועגן שאַפן די פּאַרטיי. — ר ע ד.

און ווירקלאַך, די „איסקראַ“ איז טאַקע געוואָרן אַזאַ אַלגעמיין=רוסישע פּאָליטישע צײַטונג, וואָס האָט צוגעגרייט די אידייאישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַהעפטונג פון דער פּאַרטיי.

וואָס איז שייך דעם געבוי און דעם באַשטאַנד פון דער פּאַרטיי גופא, האָט לענין געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי דאַרף באַשטיין פון צוויי טיילן: א) פון אַן ענגן קרײַז רעגולערע קאַדראָווע אָנפירנדיקע טוער, וואָוהין עס דאַרפן הויפּטזאַכלאַך אַרײַנגיין פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, דאָס הייסט, טוער, וואָס זײַנען פרײַ פון אַלע אַנדערע באַשעפטיקונגען, חוץ פּאַרטיי=אַרבעט, וואָס באַזיצן דעם נויטיקן מינימום טעאָרעטישע קענטעניסן, פּאָליטישע דערפאַרונג, אָרגאַניזאַציאָנעלע געוואוינהײַטן און די קונסט צו קעמפן קעגן דער צאַרישער פּאָליציי, די קונסט אויסצובאַהאַלטן זיך פון דער פּאָליציי און ב) פון אַ ברייטער נעץ פעריפעריאישע פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס, פון אַ צאָלרײַכער מאַסע פּאַרטיי=מיטגלידער, וואָס זײַנען אַרומגערינגלט מיטן מיטגעפיל און מיט דער אונטערשטיצונג פון הונדערטער טויזנטער אַרבעטנדיקע.

„איך באַהויפּט, האָט לענין געשריבן, אַז (1) קיין איין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קאָן ניט זײַן פעסט אָן אַ שטאַנדהאַפטיקער אָרגאַניזאַציע פון אָנפירער און אַזאַ, וואָס היט אײַן די ירושה׳דיקײַט; (2) אַז וואָס ברייטער עס איז די מאַסע, וואָס ווערט סטיכיש אַרײַנגעצויגן אין קאַמף... אַלץ דרינגלאַכער איז די נויטווענדיקײַט אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע און אַלץ פעסטער דאַרף זײַן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע... (3) אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע דאַרף באַשטיין הויפּטזאַכלאַך פון מענשן, וואָס באַשעפטיקן זיך פּראָפעסיאָנעל מיט רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט; (4) אַז אין אַ זעלבסטהערשעריש לאַנד, איז וואָס מער מיר וועלן פאַרשמעלערן דעם באַשטאַנד מיטגלידער פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע ביז דעם, אַז אין איר זאָלן אָנטיילנעמען בלויז אַזעלכע מיטגלידער, וואָס באַשעפטיקן זיך פּראָפעסיאָנעל מיט רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט און האָבן באַקומען אַ פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג אין דער קונסט פון קאַמף קעגן דער פּאָליטישער פּאָליציי, אַלץ שווערער וועט זײַן „אויסצופאַנגען“ אַזאַ אָרגאַניזאַציע, און — (5) — אַלץ ברייטער וועט זײַן דער באַשטאַנד פערזאָנען אי פונם אַרבעטער=קלאַס, אי פון די איבעריקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, וואָס וועלן האָבן די מעגלאַכקײַט צו באַטייליקן זיך אין דער באַוועגונג און אַקטיוו צו אַרבעטן אין איר“ (לענין, ב. IV, ז. 456, רוסיש).

וואָס איז שייך דעם כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי, וואָס ווערט געשאַפן, און איר ראָלע בנוגע דעם אַרבעטער=קלאַס, ווי אויך די צילן און די אויפגאַבעם פון דער פּאַרטיי, האָט לענין געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי דאַרף זײַן אַ פאָרגעשריטענער אָטריאַד פונם אַרבעטער=קלאַס, אַז זי דאַרף זײַן אַן אָנפירנדיקע קראַפט פון דער אַרבעטער=באַוועגונג, וואָס פאַראייניקט און ריכטעט דעם

קלאסנקאמף פונם פראָלעטאריאט. דער ענדציל פון דער פארטיי איז—אראָפּ־וואַרפן דעם קאפּיטאַליזם און איינשטעלן דעם סאָציאַליזם. דער נאָענטסטער ציל איז — אראָפּוואַרפן דעם צאריזם און איינשטעלן א דעמאָקראטישע אָרדענונג. און אזוי ווי אראָפּוואַרפן דעם קאפּיטאליזם איז אוממעגלאך אָן דעם, ווי מע זאָל פריער אראָפּוואַרפן דעם צאריזם, באשטייט די הויפּט־אויפגאבע פון דער פארטיי אינם געגעבענעם מאָמענט דערין, אז מע זאָל אויפהויבן דעם ארבעטער־קלאַס, אויפהויבן דאָס גאנצע פאָלק צום קאמף קעגן דעם צאריזם, פאנאנדערוויקלען די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־באַוועגונג קעגן דעם צאריזם און אומוואַרפן דעם צאריזם, ווי די ערשטע און ערנסטע שטערונג אויפן וועג צום סאָציאַליזם.

„די געשיכטע האָט פאר אונז אצינד אוועקגעשטעלט, האָט לעניז געזאָגט, די נאָענטסטע אויפגאבע, וואָס איז די אממערסטן רעוואָלוציאָנערע פון אלע נאָענטסטע אויפגאבעס פונם פּראָלעטאַריאט פון א וועלכן־ניט־איז אנדערן לאנד. די פארווירקלאכונג פון דער דאָזיקער אויפגאבע, די צעשטערונג פון דער סאמע מעכטיקער פעסטונג ניט בלויז פון דער אייראָפּעאישער, נאָר אויך (קאָנען מיר איצט זאָגן) פון דער אזיאטישער רעאקציע וואָלט געמאכט דעם רוסישן פּראָלעטאַריאט פארן אוואנגארד פון דעם אינטערנאציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט“ (דאָרטן, ז. 382).

און ווייטער:

„מיר דאַרפן געדענקען, אז דער קאמף קעגן דער רעגירונג פאר באזונדערע פאָדערונגען, דאָס אויסקעמפן באזונדערע הנחות, — דאָס זיינען בלויז קליינע צוזאמענשטויסן מיטן שונא, דאָס זיינען קליינע געראנגלען אויף די פאָרפּאָסטנס, און דער אנטשיידענער געראנגל שטייט נאָך פאָר. עס שטייט פאר אונז אין איר פולער קראפט דעם שונא׳ס פעסטונג, פון וועלכער עס באשיטן אונז כמארעס קוילן פון הארמאטן און ביקסן, וואָס ברענגען אום די בעסטע קעמפער. מיר דארפן איינגעמען די דאָזיקע פעסטונג, און מיר וועלן זי איינעמען, אויב מיר וועלן אלע קרעפטן פונם אויפוואכנדיקן פּראָלעטאריאט פאראייניקן מיט אלע קרעפטן פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין איין פארטיי, צו וועלכער עס וועט זיך א ציי טאָן אלץ, וואָס איז פאראן אין רוסלאנד לעבעדיקס און ערלאַכס. און נאָר דעמאָלט וועט מקוים ווערן די גרויסע נביאות פון דעם רוסישן ארבעטער־רעוואָלוציאָנער פּיאָטר אלעקסעיעוו: „ס׳וועט זיך אויפהויבן די מוסקולדיקע האנט פון מיליאָנען ארבעטס־לייט, און דער יאָך פון דעספּאָטיזם, וואָס איז ארומגעצאַמט מיט סאָלדאטישע באגנעטן, וועט צעפליען ווערן, ווי שטויב!“ (דאָרטן, ז. 59).

אזא איז געווען דער לענינישער פּלאן פון שאפן די פארטיי פונם ארבע־טער־קלאַס אין די באדינגונגען פונם צאריש־זעלבסטהערשערישן רוסלאנד.

די „עקאָנאָמיסטן" האָבן גלײַך גענומען באשיסן דעם לעניניש<ן פּלאַן.

די „עקאָנאָמיסטן" האָבן באהויפּטעט, אַז דער אלגעמײן־פּאָליטישער קאַמף קעגן דעם צאַריזם איז די זאַך פון אַלע קלאַסן, פריִער פון אַלץ—די זאַך פון דער בורזשואזיע, דעריבער שטעלט ער ניט פאָר קיין ערנסטן אינטערעס פאַרן ארבעטער־קלאַס, ווײַל דער הויפּט־אינטערעס פון די ארבעטער באַשטייט אין עקאָנאָמישן קאַמף קעגן די באַלעבאַטים פאַר העכערן דעם ארבעטסלוין, פאַר־בעסערן די ארבעטס־באַדינגונגען און אַזוי ווייטער. דעריבער דאַרפן די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן אוועקשטעלן ווי זייער נאָענטסטע הויפּט־אויפגאַבע ניט דעם פּאָליטישן קאַמף קעגן דעם צאַריזם, ניט דאָס אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, נאָר די אָרגאַניזירונג פונעם „עקאָנאָמישן קאַמף פון די ארבעטער קעגן די באַלע־באַטים און קעגן דער רעגירונג", דערבײַ איז אונטער עקאָנאָמישן קאַמף קעגן דער רעגירונג פאַרשטאַנען געוואָרן דער קאַמף פאַר פאַרבעסערן די פאַבריק־זאַוואָדישע געזעצגעבונג. די „עקאָנאָמיסטן" האָבן פאַרזיכערט, אַז אויף אַזאַ אופן וואָלט מען געקאָנט „צוגעבן דעם עקאָנאָמישן קאַמף גופא א פּאָליטישן כאַראַקטער".

די „עקאָנאָמיסטן" האָבן זיך שוין ניט דערוועגט פאָרמעל צו דערווידערן קעגן דער נויטיקייט פון א פּאָליטישער פּאַרטיי פאַרן ארבעטער־קלאַס. זיי האָבן אָבער געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי דאַרף ניט זײַן קיין אָנפירנדיקע קראַפט פון דער ארבעטער־באַוועגונג, אַז זי דאַרף זיך ניט אַרײַנמישן אין דער סטיכי־שער באַוועגונג פונעם ארבעטער־קלאַס און ווער רעדט נאָך — אָנפירן מיט איר, נאָר זי דאַרף נאָכגיין נאָך איר, שטודירן זי און אָפּלערנען פון איר.

ווײַטער, האָבן די „עקאָנאָמיסטן" באהויפּטעט, אַז די ראָלע פון דעם באַ־וואוסטזיניקן עלעמענט אין דער ארבעטער־באַוועגונג, די אָרגאַניזירנדיקע און ריכטנדיקע ראָלע פון דעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזײַן, פון דער סאָציאַליס־טישער טעאָריע איז נישטיק, אָדער כמעט נישטיק, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע דאַרף ניט הייבן די ארבעטער ביז צו דער מדרגה פון סאָציאַליס־טישן באַוואוסטזײַן, נאָר, פאַרקערט, זי דאַרף זיך אַליין צופּאַסן און אַראָפּ־לאָזן ביז צום גראַד פון די דורכשניטלאַכע אָדער אפילו פון די מער אָפּגע־שטאַנענע שיכטן פונעם ארבעטער־קלאַס, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף ניט אײַנפלאַנצן אינעם ארבעטער־קלאַס דעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזײַן, נאָר זי דאַרף אויסוואַרטן ביז די סטיכישע באַוועגונג פונעם ארבעטער־קלאַס וועט אַליין אויסאַרבעטן דעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזײַן מיט אירע אייגענע כחות.

וואָס איז שייך דעם לענינישן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּלאַן פון אויסבויען די פּאַרטיי, האָבן זיי אים געהאַלטן פאַר עפּעס א מין גוואַלדטאַט איבער דער סטיכישער באַוועגונג.

לענין האָט אויף די שפּאַלטן פון דער „איסקראַ" און, באַזונדערס, אין זײַן בארימטן בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?" זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער דאָזיקער

אָפּאָרטוניסטישער פילאָזאָפיע פון די „עקאָנאָמיסטן“ און געמאַכט פון איר תיל-תל.

1) לעניו האָט באַוויזן, אַז אָפּווענדן דעם אַרבעטער-קלאַס פונם אַלגעמיין-פּאָליטישן קאַמף קעגן דעם צאַריזם און באַגרענעצן זײַנע אויפגאַבעס מיטן עקאָנאָמישן קאַמף קעגן די באַלעבאַטים און קעגן דער רעגירונג, איבערלאָזנדיק גאַנץ אי די באַלעבאַטים, אי די רעגירונג, — הייסט פאַראורטיילן די אַרבעטער אויף אייביקער שקלאַפערײַ. דער עקאָנאָמישער קאַמף פון די אַרבעטער קעגן די באַלעבאַטים און קעגן דער רעגירונג איז אַ טרייד-יוניאָניסטישער קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען צו פאַרקויפן די אַרבעטס-קראַפט די קאַפּיטאַליסטן; די אַרבעטער ווילן אָבער קעמפן ניט בלויז פאַר בעסערע באַדינגונגען צו פאַרקויפן זייער אַרבעטס-קראַפט די קאַפּיטאַליסטן, נאָר אויך פאַר פאַרניכטן די עצם קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, וואָס פאַראורטיילט זיי צו דער נויטווענדיקייט פון פאַרקויפן זייער אַרבעטס-קראַפט די קאַפּיטאַליסטן און צו ווערן עקספּלואַטירט. די אַרבעטער קאָנען אָבער ניט פאַנאַנדערוויקלען דעם קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, זיי קאָנען ניט פאַנאַנדערוויקלען דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, כל זמן עס שטייט אין וועג דער אַרבעטער-באַוועגונג דער צאַריזם, דער קייט-הונט פונם קאַפּיטאַליזם. דעריבער באַשטייט די נאָענטסטע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי און פונם אַרבעטער-קלאַס דערין, אַז מע זאָל אָפּראַמען פון וועג דעם צאַריזם און דערמיט גופא דורכשלאָגן אַ וועג צום סאָציאַליזם.

2) לעניו האָט באַוויזן, אַז באַזינגען דעם סטיכישן פּראָצעס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און לייקענען די אָנפירנדיקע ראָלע פון דער פּאַרטיי, רעדוצירנדיק איר ראָלע צו דער ראָלע פון אַ רעגיסטראַטאָר פון געשעענישן, — הייסט פּריידיקן „כוואָסטיזם“ („עקיזם“), פּריידיקן, אַז די פּאַרטיי זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן עק פונם סטיכישן פּראָצעס, אין אַ פּאַסיווער קראַפט פון דער באַוועגונג, וואָס איז פעיִק בלויז נאָכצוקוקן דעם סטיכישן פּראָצעס און פאַרלאָזן זיך אויף זעלבסטשטראָם. פּריידיקן אַזוינס — הייסט פירן די זאַך דערצו, אַז עס זאָל פאַרניכטעט ווערן די פּאַרטיי, — דאָס הייסט איבערלאָזן דעם אַרבעטער-קלאַס אָן אַ פּאַרטיי, דאָס הייסט איבערלאָזן דעם אַרבעטער-קלאַס אומבאַוואָפנט. נאָר איבערלאָזן דעם אַרבעטער-קלאַס אומבאַוואָפנט, אין דער צײַט, ווען פאַרן אַרבעטער-קלאַס שטייען אַזעלכע שונאים, ווי דער צאַריזם, וואָס איז באַוואָפנט מיט אַלע קאַמפס-מיטלען, און די בורזשואַזיע, וואָס איז אָרגאַניזירט אויף אַ מאָדערנעם אופן און וואָס פאַרמאָגט איר פּאַרטיי, וועלכע פירט אָן מיט איר קאַמף קעגן דעם אַרבעטער-קלאַס, — הייסט פאַרראַטן דעם אַרבעטער-קלאַס.

3) לעניו האָט באַוויזן, אַז בוקן זיך פאַר דער סטיכישקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און אַראָפּזעצן די ראָלע פון באַוואוסטזיניקייט, אַראָפּזעצן די ראָלע פון סאָציאַליסטישן באַוואוסטזײַן, פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע,—

דאָס באַטײַט, ערשטנס, איזדיעקעווען זיך איבער די ארבעטער, וועלכע צ:ען זיך צו באַוואוסטזיניקײַט, ווי צו ליכט, צווייטנס,—מאכן ווערטלאָז אין די אויגן פון דער פּארטיי די טעאָריע, דאָס הייסט, אַנטווערטן דאָס געווער, וואָס מיט זײַן הילף דערקענט זי די געגנווארט און זעט פאָראויס די צוקונפט, און, דריטנס,—אראָפּקײַקלען זיך אינגאַנצן און ענדגילטיק אין זומפּ פון אָפּאָרטוניזם.

„אָן א רעוואָליוצ:אָנערער טעאָריע, האָט לענין געזאָגט, קאָן אויך ניט זײַן קיין רעוואָליוצ:אָנערע באַוועגונג... די ראָלע פון א פאָרגעשריטענעם קעמפּער קאָן אויספילן נאָר די פּארטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך א פאָרגעשריטענער טעאָריע" (**לענין**, ב. IV, ז. 380, רוסיש).

4) לענין האָט באַוויזן, אז די „עקאָנאָמיסטן" נארן אָפּ דעם ארבעטער=קלאַס, באַהויפּטנדיק, אז די סאָצ:אַליסטישע אידעאָלאָגיע קאָן אַנטשטיין פון דער סטיכישער באַוועגונג פונם ארבעטער=קלאַס, ווײַל אינדער'אמת'ן אַנטשטייט די סאָצ:אַליסטישע אידעאָלאָגיע ניט פון דער סטיכישער באַוועגונג, נאָר פון דער וויסנשאַפט. לייקענענדיק די נויטיקײַט פון ארײַנברענגען אינם ארבעטער=קלאַס דעם סאָצ:אַליסטישן באַוואוסטזײַן, רייניקן די „עקאָנאָמיסטן" דערמיט גופא אָפּ דעם וועג פאר דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע, זיי פארלײַכטערן ארײַנצוברענגען זי, אײַנפלאַנצן זי אינם ארבעטער=קלאַס, — הייסט עס, זיי באַגראָבן די אידייע פון פאראייניקן די ארבעטער=באַוועגונג מיטן סאָצ:אַליזם, זיי העלפן דער בורזשואזיע.

„**יעטווידעס** בוקן זיך פאר דער סטיכישקײַט פון דער ארבעטער=באַוועגונג, האָט געזאָגט לענין, יעטווידע פארמינערונג פון דער ראָלע פונם „באַוואוסטזיניקן עלעמענט", פון דער ראָלע פון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע **באַטײַט** דערמיט גופא, — **אַבסאָליוט אומאָפּהענגיק דערפון, צי וויל עס דער, וואָס פארמינערט, אָדער וויל עס ניט, — פארשטארקן דעם אײַנפלוס פון דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע אויף די ארבעטער**" (דאָרטן, ז. 390).

און ווײַטער:

„די פראגע שטייט **נאָר אזוי**: די בורזשואזע אָדער די סאָצ:אַליסטישע אידעאָלאָגיע. קיין מיטן איז דאָ ניטאָ... דעריבער איז **יעטווידע** פארמינערונג פון דער סאָצ:אַליסטישער אידעאָלאָגיע, **יעטווידע באַזײַטיקונג** פון איר באַטײַט דערמיט גופא פארשטארקן די בורזשואזע אידעאָלאָגיע" (דאָרטן, ז. 391—392).

5) אונטערצ:ענדיק די סך=הכל'ען צו אלע פעלערן פון די „עקאָנאָמיסטן", איז לענין געקומען צו דעם אויספיר, אז די „עקאָנאָמיסטן" ווילן האָבן ניט קיין פּארטיי פון סאָצ:אַלער רעוואָליוציע, וואָס באַפרײַט דעם ארבעטער=קלאַס פונם קאַפּיטאַליזם, נאָר א פּארטיי פון „סאָצ:אַלע רעפאָרמעס", וועלכע זעען פאָראויס די אײַנהיטונג פון דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַליזם,

אז די „עקאָנאָמיסטן“ זײַנען דעריבער רעפאָרמיסטן, וואָס פאַרראַטן די גרונט־אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט.

6) לענין האָט, ענדלאַך, באַוויזן, אַז דער „עקאָנאָמיזם“ — דאָס איז ניט קיין צופעליקע דערשײַנונג אין רוסלאַנד, אַז די „עקאָנאָמיסטן“ זײַנען דורכפירער פון דעם בורזשואַזן אײַנפלוס אויפן אַרבעטער־קלאַס, אַז זיי האָבן פאַרבינדעטע אין די מערב־אייראָפּעאישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין דער פּערזאָן פון די רעוויזיאָניסטן, — די אָנהענגער פונם אָפּאָרטוניסט בערנשטיין. אין מערב האָט זיך צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלץ מער גענומען פאַרפעסטיקן די אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונג, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אונטער דער פאָן פון „פרײַהײַט צו קריטיקירן“ מאַרקסן, האָט געפאָדערט אַ „רעוויזיע“, דאָס הייסט איבערקוקן מאַרקס'ס לערע (פונדאַנען שטאַמט דער נאָמען „רעוויזיאָניזם“), האָט געפאָדערט אָפּצוזאָגן זיך פון רעוואָליוציע, פון סאָציאַליזם, פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. לענין האָט באַוויזן, אַז פונקט אַזאַ ליניע פון אָפּזאָגן זיך פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף, פון סאָציאַליזם, פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט — האָבן געפירט די רוסישע „עקאָנאָמיסטן“.

אָט דאָס זײַנען די טעאָרעטישע גרונט־הנחות, וואָס לענין האָט אַנטוויקלט אין זײַן בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?“.

די פאַרשפּרייטונג פון „וואָס דאַרף מען טאָן?“ האָט געבראַכט דערצו, אַז אין אַ יאָר אַרום נאָך זײַן דערשײַנען (דערשינען איז ער אין מערץ 1902־טן יאָר), צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איז פון די אידייאישע פּאָזיציעס פונם „עקאָנאָמיזם“ פאַרבליבן בלויז אַן אומאָנגענעמע דעראינערונג, און די מערהײַט פּאַרטיי־טוער האָט די צונעמעניש „עקאָנאָמיסט“ אָנגעהויבן אויפנעמען ווי אַ באַליידיקונג.

דאָס איז געווען אַ פולשטענדיקע אידייאישע צעשמעטערונג פונם „עקאָנאָמיזם“, אַ צעשמעטערונג פון דער אידעאָלאָגיע פונם אָפּאָרטוניזם, עקיזם, זעלבסטשטראָם.

דערמיט באַגרענעצט זיך אָבער ניט די באַדײַטונג פון לענינס ווערק „וואָס דאַרף מען טאָן?“

די היסטאָרישע באַדײַטונג פון „וואָס דאַרף מען טאָן?“ באַשטייט דערין, וואָס לענין האָט אין אָט דעם באַרימטן בוך זײַנעם:

1) דער ערשטער אין דער געשיכטע פונם מאַרקסיסטישן געדאַנק אַנטבלויזט ביז צו די וואָרצלען די אידייאישע קוואַלן פונם אָפּאָרטוניזם און באַוויזן, אַז זיי באַשטייען פריִער פון אַלץ אין בוקן זיך פאַר דער ספּיבישקײַט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין אַראָפּזעצן די ראָלע פונם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזײַן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג;

2) אויפגעהויבן אויף אַ הויך די באַדײַטונג פון דער טעאָריע, פון דער

באוואוסטזיניקײַט, פון דער פּאַרטיי, ווי א רעוואָליוציאָניזירנדיקע און אָנפירנ־דיקע קראַפט פון דער סטיכישער ארבעטער־באַוועגונג;

3) גלײַכצײַטיק באַגרינדעט די מאַרקסיסטישע גרונט־הנחה, וואָס זאָגט, אז די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי איז די פאַראייניקונג פון דער ארבעטער־באַווע־גונג מיטן סאָציאַליזם;

4) געגעבן א גענויע פאָנאַנדערארבעטונג פון די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי.

די טעאָרעטישע הנחות, וואָס זײַנען אַנטוויקלט געוואָרן אין „וואָס דאַרף מען טאָן?", זײַנען נאָכדעם געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער אידעאָלאָגיע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

פאַרמאָגנדיק אזא טעאָרעטיש רײַכטום, האָט די „איסקרא" געקאָנט פּאָ־נאַנדערוויקלען און האָט ווירקלאַך פאַנאַנדערגעוויקלט א ברייטע קאַמפּאַניע פאַרן לעניניש פּלאַן פון אויסבויען די פּאַרטיי, פאַר צונויפזאַמלען די קרעפטן פון דער פּאַרטיי, פאַרן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, פאַר א רעוואָ־ליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קעגן די „עקאָנאָמיסטן", קעגן אַלע און אַלערליי אָפּאָרטוניסטן, קעגן די רעוויזיאָניסטן.

די וויכטיקסטע זאַך פון דער „איסקרא" איז געווען דאָס אויסאַרבעטן א פּראָיעקט פון א פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי. די פּראָגראַם פון דער ארבעטער־פּאַרטיי איז, ווי באַוואוסט, א קורצע וויסנשאַפטלאַך־פאָרמולירטע איבערגעבונג פון די צילן און אויפגאַבעס פונם קאַמף פונם ארבעטער־קלאַס. די פּראָגראַם שטעלט פעסט סיי דעם ענדציל פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פונם פּראָלעטאַריאַט, סיי אויך יענע פאָדערונגען, פאַר וועלכע די פּאַרטיי קעמפט אויפן וועג צום ענדציל. דעריבער האָט די אויסאַרבעטונג פונם פּראָיעקט פון דער פּראָגראַם ניט געקאָנט ניט האָבן קיין ערשטראַנגיקע באַדײַטונג.

בעת דער אויסאַרבעטונג פונם פּראָיעקט פון דער פּראָגראַם זײַנען אינע־ווייניק אין דער רעדאַקציע „איסקרא" אַנטשטאַנען ערנסטע מיינונגס־פאַרשיי־דנהײַטן צווישן לענינען און פּלעכאַנאָוון, און אויך מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע. די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן און שטרײַטן האָבן שיר ניט געבראַכט צו א פולשטענדיקן איבערײַס צווישן לענינען און פּלעכאַ־נאָוון. נאָר דער איבערײַס איז נאָך דעמאָלט ניט פאָרגעקומען. לענין האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אז אינם פּראָיעקט פון דער פּראָגראַם איז ארײַנגעטראָגן געוואָרן דער וויכטיקסטער פּונקט וועגן דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און ס'איז דײַטלאַך אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער אָנפירנדיקער ראָלע פונם ארבע־טער־קלאַס אין דער רעוואָליוציע.

לענינען געהערט אויך אין דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי דער גאַנצער אַגראַר־טייל פון דער דאָזיקער פּראָגראַם. לענין איז שוין דעמאָלט געשטאַנען פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד; נאָר אויפן ערשטן עטאַפּ פונם קאַמף האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויסצורוקן די פאָדערונג פון אומקערן צו

די פויערים די „אָפּשניטן", דאָס הייסט די ערד, וואָס די פּריצים האָבן בעת דער „באַפרייאונג" פון די פויערים אָפּגעשניטן פון דער פויערשער ערד. קעגן דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד איז אַרויסגעטראָטן פּלעכאַנאָוו.

לעניגס שטרייטן מיט פּלעכאַנאָוון איבער דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי האָבן טיילווייז באַשטימט די קאָנקרעטע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס.

## 3. דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דאָס אָננעמען די פּראָגראַם און דעם סטאַטוט און דאָס שאַפן אַן איינהייטלאַכע פּאַרטיי. די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אויפן צוזאַמענפאָר און דער אויפקום פון צוויי שטרעמונגען אין דער פּאַרטיי: א באָלשעוויסטישע און א מענשעוויסטישע.

אַזוי־אַרום האָבן דער זיג פון די לעניניסטישע פּרינציפּן און דער דערפאָלגרייכער קאַמף פון דער „איסקראַ" פאַרן לענינישן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּלאַן צוגעגרייט אַלע גרונט־באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק, כדי צו שאַפן די פּאַרטיי, אָדער, ווי מע האָט דעמאָלט געזאָגט, — שאַפן א ווירקלאַכע פּאַרטיי. די איסקריסטישע ריכטונג האָט געזיגט צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. איצטער האָט מען געקאָנט צונויפרופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי.

דעם 17־טן (30־טן) יולי 1903־טן יאָר האָט זיך געעפנט דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. דער צוזאַמענפאָר איז זיך צונויפגעקומען אין אויסלאַנד, געהיים. צוערשט זיינען די זיצונגען זיינע פאָרגעקומען אין בריסעל. דערנאָך האָט אָבער די בעלגישע פּאָליציי פאָרגעלייגט די דעלעגאַטן פונם צוזאַמענפאָר צו פאַרלאָזן בעלגיע. דעמאָלט איז דער צוזאַמענפאָר אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

סך־הכל זיינען אויפן צוזאַמענפאָר זיך צונויפגעפאָרן 43 דעלעגאַטן פון 26 אָרגאַניזאַציעס. יעדער קאָמיטעט האָט געהאַט דאָס רעכט שיקן אויפן צוזאַמענפאָר צו 2 דעלעגאַטן, נאָר אייניקע האָבן געשיקט בלויז צו איינעם. אַזוי־אַרום האָבן די 43 דעלעגאַטן געהאַט 51 שטימען מיט באַשטימונגס־רעכט.

די הויפּט־אויפגאַבע פונם צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען „אין שאַפן א ווירקלאַכע פּאַרטיי אויף יענע פּרינציפּיעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות, וואָס זיינען אַרויסגערוקט און פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן דורך דער „איסקראַ" (לענין, ב. VI, ז. 164, רוסיש).

דער באַשטאַנד פונם צוזאַמענפאָר איז געווען נישט קיין איינאַרטיקער. אויפן צוזאַמענפאָר זיינען נישט געווען פאַרטראָטן די אויסגעשפּראָכענע „עקאָ־

נאָמיסטן" צוליב דער מפּלה, וואָס זיי האָבן געכאַפּט. נאָר אין דעם דאָזיקן פּע־ריאָד האָבן זיי זיך אַזוי קונציק איבערגעניצעוועט, אַז זיי האָט זיך איינגע־געבן דורכצושלעפּן עטלאַכע דעלעגאַטן זייערע. חוץ דעם, האָבן די דעלעגאַטן פונם „בונד" בלויז אויפן וואָרט זיך אונטערגעשיידט פון די „עקאָנאָמיסטן", פאַקטיש זײַנען זיי געשטאַנען פאַר די „עקאָנאָמיסטן".

אויפן צוזאַמענפאָר זײַנען, אַזויאַרום, בײַגעווען ניט בלויז אָנהענגער פון דער „איסקרא", נאָר אויך קעגנער אירע. אָנהענגער פון דער „איסקרא" זײַ־נען געווען 33, דאָס הייסט, די מערהײַט. נאָר ניט אַלע, וואָס האָבן זיך צוגע־רעכנט צו די איסקראָוועצעס, זײַנען געווען עכטע איסקראָוועצעס — לענינצעס. די דעלעגאַטן האָבן זיך צעקלאַפּט אויף עטלאַכע גרופּירונגען. די אָנהענגער פון לענינען, אָדער די פעסטע איסקראָוועצעס, האָבן געהאַט 24 שטימען, 9 איסקראָוועצעס זײַנען געגאַנגען נאָך מאַרטאָוון. דאָס זײַנען געווען ניט קיין שטאַנדהאַפטיקע איסקראָוועצעס. אַ טייל דעלעגאַטן האָט זיך געוואַקלט צווישן דער „איסקרא" און אירע קעגנער — אַזעלכע זײַנען אויפן צוזאַמענפאָר גע־ווען 10 שטימען. דאָס איז געווען דער צענטער. די אָפענע קעגנער פון דער „איסקרא" האָבן געהאַט 8 שטימען (3 „עקאָנאָמיסטן" און 5 בונדאָוועצעס). עס איז גענוג געווען, אַז די איסקראָוועצעס זאָלן זיך צעשפּאַלטן, און די שונאים פון דער „איסקרא" וואָלטן געקאָנט באַקומען די אויבערהאַנט.

דערפון איז צו זעען, וואָס פאַר אַ קאָמפּליצירטע סיטואַציע עס איז גע־ווען אויפן צוזאַמענפאָר. לענין האָט אַוועקגעלייגט פיל כחות, כדי צו זיכערן דעם זיג פון דער „איסקרא" אויפן צוזאַמענפאָר.

די וויכטיקסטע זאַך פונם צוזאַמענפאָר איז געווען — אָננעמען די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי. די הויפּט־פּראַגע, וואָס האָט אַרויסגערופן דערווידערונגען מצד דעם אָפּאָרטוניסטישן טייל פונם צוזאַמענפאָר בײַם באַהאַנדלען די פּראָ־גראַם, — איז געווען די פּראַגע וועגן דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. די אָפּאָרטוניסטן זײַנען ניט מסכים געווען מיטן רעוואָליוציאָנערן טייל פונם צו־זאַמענפאָר אויך איבער אַ ריי אַנדערע פּראָגראַם־פּראַגן. זיי האָבן אָבער באַ־שלאָסן צו געבן אַ שלאַכט, דער עיקר, איבער דער פּראַגע וועגן דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, פאַררופנדיק זיך דערויף, וואָס אַ ריי סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטייען אין אויסלאַנד האָט ניט אין איר פּראָגראַם קיין פּונקט וועגן דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, דעריבער וואָלט מען אויך געקאָנט ניט אײַנשליסן אים אין דער פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע.

די אָפּאָרטוניסטן האָבן אויך דערווידערט קעגן אײַנשליסן אין דער פּראָ־גראַם פון דער פּאַרטיי די פאָדערונגען בנוגע דער פּויערים־פּראַגע. די דאָזיקע מענטשן האָבן ניט געוואָלט קיין רעוואָליוציע; דעריבער האָבן זיי זיך געהאַלטן פּרעמד צו דעם פאַרבינדעטן פונם אַרבעטער־קלאַס — צום פּויערטום, זיך באַצויגן צו אים אומפרײַנטלאַך.

די בונדאָווצעס און די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דערווידערט קעגן רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג. לעניןן האָט שטענדיק געלערנט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז מחויב צו קעמפן קעגן דעם נאַציאָנאַלן דרוק. דערווידערן קעגן דער דאָזיקער פאָדערונג אין דער פּראָגראַם איז געווען אַלצאַיינס, ווי פאַרלייגן אָפּצוזאָגן זיך פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, ווערן אַ מיטהעלפער פונם נאַציאָנאַלן דרוק.

לענין האָט דערלאַנגט אָט די אַלע דערווידערונגען אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען די פּראָגראַם, וועלכע עס האָט פאָרגעלייגט די „איסקרא".

די דאָזיקע פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן — פון אַ פּראָגראַם־מאַקסימום און אַ פּראָגראַם־מינימום. אין דער פּראָגראַם־מאַקסימום האָט זיך גערעדט וועגן דער הויפּט־אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי פונם אַרבעטער־קלאַס — וועגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועגן אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן, וועגן איינשטעלן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. אין דער פּראָגראַם־מינימום האָט זיך גערעדט וועגן די נאָענטסטע אויפגאַבעס פון דער פּאַרטיי, וואָס ווערן דורכגעפירט נאָך ביזן אַראָפּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, ביזן איינשטעלן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט: וועגן אַראָפּוואַרפן די צאַרישע זעלבסטהערשונג, איינשטעלן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, איינפירן פאַר די אַרבעטער אַן 8־שעה'יקן אַרבעטס־טאָג, פאַרניכטן אין דאָרף אַלע רעשטלאַך פון לייבאייגנטום, אומקערן די פּויערים די ערד, וואָס די פּריצים האָבן ביי זיי אָפּגענומען (די „אָפּשניטן").

שפּעטער האָבן די באָלשעוויקעס די פאָדערונג צו אומקערן די „אָפּשניטן" פאַרביטן אויף דער פאָדערונג צו קאָנפיסקירן די גאַנצע פּריצ'ישע ערד.

די פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר, איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי פונם אַרבעטער־קלאַס.

זי האָט עקזיסטירט ביזן אַכטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, ווען אונזער פּאַרטיי האָט נאָכן זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אָנגענומען אַ נייע פּראָגראַם.

נאָכן אָננעמען די פּראָגראַם איז דער צווייטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אַריבערגעגאַנגען צום באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט פון פּאַרטיי־סטאַטוט. אָנגענומען די פּראָגראַם און געשאַפן די יסודות פאַר דער אידייאישער פאַראייניקונג פון דער פּאַרטיי, האָט דער צוזאַמענפאָר אויך געדאַרפט אָננעמען אַ סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, כּדי צו מאַכן אַ סוף צו דער קוסטאַרעריי און קרייזלעריי, צו דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צעדרויבלטקייט און אָפּוועזנקייט פון אַ פעסטער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי.

אויב דאָס אָננעמען די פּראָגראַם איז אַדורך פאַרהעלטנישמעסיק גלאַט, האָט אָבער די פראַגע וועגן דעם סטאַטוט פון דער פּאַרטיי אַרויסגערופן אויפן

צוזאמענפאַר פארבימערטע שטרייטיקייטן. אממערסטנס שארפע מיינונגס־פאר־שיידנהייטן האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט איבער דער פאָרמולירונג פונם ערשטן פאראגראף פונם סטאטוט — וועגן מיטגלידערשאפט אין דער פארטיי. ווער קאָן זיין א מיטגליד פון דער פארטיי, א וועלכער דארף זיין דער באשטאנד פון דער פארטיי, וואָס דארף מיט זיך פאָרשטעלן די פארטיי אין אָרגאניזאציאָנע־לער הינזיכט — אן אָרגאניזירט גאנצעס, אָדער עפעס אזוינס ניט קיין אויס־געפורעמטס — אָט דאָס זיינען געווען די פראגן, וואָס זיינען אנטשטאנען אין צוזאמענהאנג מיטן ערשטן פאראגראף פונם סטאטוט. עס האָבן געקעמפט צוויי פאָרמולירונגען: לענינס פאָרמולירונג, וועלכע עס האָבן געשטיצט פלעכא־נאָוו און די פעסטע איסקראָווצעס, און מארטאָווס פאָרמולירונג, וועלכע עס האָבן געשטיצט אקסעלראָד, זאסוליטש, די ניט־שטאנדהאפטיקע איסקראָווצעס, טראָצקי און דער גאנצער אָפן אָפּאָרטוניסטישער טייל פונם צוזאמענפאָר.

לענינס פאָרמולירונג האָט געזאָגט, אז א מיטגליד פון דער פארטיי קאָן זיין יעדער איינער, ווער עס אָנערקענט די פראָגראם פון דער פארטיי, שטיצט די פארטיי אין מאטעריעלער הינזיכט און איז א מיטגליד פון איינער פון אי־רע אָרגאניזאציעס. מארטאָווס פאָרמולירונג, ווידער, האלטנדיק דאָס אָנערקע־נען די פראָגראם און דאָס מאטעריעלע שטיצן די פארטיי פאר נויטווענדיקע באדינגונגען פון פארטיי־מיטגלידערשאפט, האָט אָבער ניט געהאלטן דעם אָנ־טייל אין איינער פון די אָרגאניזאציעס פון דער פארטיי פאר א תנאי פון מיטגלידערשאפט אין דער פארטיי, האלטנדיק, אז א מיטגליד פון דער פארטיי קאָן אפילו זיין ניט קיין מיטגליד פון איינער פון די אָרגאניזאציעס פון דער פארטיי.

לענין האָט באטראכט די פארטיי, ווי אן א ר ג א נ י ז י ר ט ן אָטריאד, וואָס זיינע מיטגלידער פאררעכענען זיך אין דער פארטיי ניט אליין, נאָר זיי ווערן אָנגענומען אין דער פארטיי דורך איינער פון אירע אָרגאניזאציעס און ווארפן זיך, הייסט עס, אונטער דער פארטיי־דיסציפלין, בעת מארטאָוו האָט באטראכט די פארטיי ווי עפעס אָרגאניזאציאָנעל נ י ט א ו י ס ג ע פ ו ־ ר ע מ ט ס, וואָס די מיטגלידער דערפון פאררעכענען זיך אליין אין דער פאר־טיי און זיינען, הייסט עס, ניט מחויב זיך אונטערצואווארפן דער פארטיי־די־סציפלין, וויבאלד זיי גייען ניט אריין אין קיין איינער פון די אָרגאניזאציעס פון דער פארטיי.

אזוי־ארום האָט מארטאָווס פאָרמולירונג, אין אונטערשייד פון דער לעניני־שער פאָרמולירונג, ברייט געעפנט די טירן פון דער פארטיי פאר ניט־שטאנד־האפטיקע, ניט־פראָלעטארישע עלעמענטן. ערב דער בורזשואזי־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע זיינען צווישן דער בורזשואזער אינטעליגענץ געווען אזוינע מענשן, וואָס האָבן צייטווייליק מיטגעפילט דער רעוואָליוציע, זיי האָבן פון צייט צו צייט געקאָנט אפילו טאָן א קליינע געפעליקייט דער פארטיי. די דאָזיקע מענשן וואָלטן אָבער ניט געקומען אריינטרעטן אין אן אָרגאניזאציע, אונטער־

ווארפן זיך דער פארטיי=דיסציפלין, אויספילן פארטיי=אויפגעבונגען, זיי וואָלטן
זיך ניט געשטעלט אין די גיעפארן, וואָס זיינען געווען דערמיט פארבונדן. און
אזעלכע מענשן האָבן מארטאָוו און אנדערע מענשעוויקעס פאָרגעלייגט צו רע=
כענען פאר מיטגלידער פון דער פארטיי, פאָרגעלייגט צו געבן זיי דאָס רעכט
און די מעגלאכקייט צו ווירקן אויף די פארטיי=ענינים. זיי האָבן אפילו פאָרגע=
לייגט געבן יעדן שטרייקער דאָס רעכט צו „פאררעכענען" זיך פאר א מיטגליד
פון דער פארטיי, הגם אין די שטרייקס האָבן אָנטיילגענומען אויך ניט=סאָציאַ=
ליסטן, אנארכיסטן, עסערן.

עס האָט זיך באקומען אזוי, אז אָנשטאָט א מאָנאָליטישער און שלאכט=
גרייטער, דייטלאך=אָרגאניזירטער פארטיי, פאר וועלכער עס האָבן אויפן צוזא=
מענפאָר געקעמפט לענין און די לענינצעס, האָבן די מארטאָווצעס געוואָלט
האָבן א פארשיידנפארביקע און צעשוואומענע, ניט אויסגעפורעמטע פארטיי,
וואָס האָט ניט געקאָנט זיין קיין שלאכט=פארטיי כאָטשבי דערפאר, ווייל זי
וואָלט געווען א פארשיידנפארביקע און וואָלט ניט געקאָנט האָבן קיין פעסטע
דיסציפלין.

דאָס, וואָס די ניט=שטאנדהאפטיקע איסקראָווצעס האָבן זיך אָפגעשפאָלטן
פון די פעסטע איסקראָווצעס, זייער בונד מיטן צענטער און דאָס, וואָס צו
זיי האָבן זיך פאראייניקט די אָפענע אָפּאָרטוניסטן, — האָט געגעבן מארטאָוון
אן איבערוואָג אין דער דאָזיקער פראגע. מיט א מערהייט פון 28 שטימען
קעגן 22 ביי איין אָפּגעהאלטענעם האָט דער צוזאמענפאָר אָנגענומען דעם
ערשטן פאראגראף פונם סטאטוט אין מארטאָווס פאָרמולירונג.

נאָך דער שפאלטונג פון די איסקראָווצעס איבערן ערשטן פאראגראף פונם
סטאטוט האָט דער קאמף אויפן צוזאמענפאָר זיך נאָך מער פארשארפט. דער
צוזאמענפאָר האָט זיך דערנעענטערט צום שלוס, צו די וואלן פון די אָנפירנ=
דיקע אינסטיטוציעס פון דער פארטיי — פון דער רעדאקציע פונם צענטראל=
אָרגאן פון דער פארטיי („איסקרא") און פונם צענטראל=קאָמיטעט. נאָר איי=
דער דער צוזאמענפאָר איז אריבער צו די וואלן, זיינען פאָרגעקומען עטלאכע
געשעענישן, וואָס האָבן געענדערט די כחות=פארהעלטעניש אויפן צוזאמענ=
פאָר.

אין צוזאמענהאנג מיטן סטאטוט פון דער פארטיי איז דעם צוזאמענפאָר
אויסגעקומען צו באשעפטיקן זיך מיטן „בונד". דער „בונד" האָט פרעטענדירט
אויף א באזונדערער לאגע אין דער פארטיי. ער האָט געפאָדערט, אז מע זאָל
אים אָנערקענען פארן איינציקן פארטרעטער פון די אידישע ארבעטער אין
רוסלאנד. איינגיין אויף דער דאָזיקער פאָדערונג פונם „בונד" האָט באטייט
צעטיילן די ארבעטער אין די פארטיי=אָרגאניזאציעס לויטן נאציאָנאלן סימן,
זיך אָפּזאָגן פון איינהייטלאכע טעריטאָריעלע קלאסן=אָרגאניזאציעס פונם אר=
בעטער=קלאס. דער צוזאמענפאָר האָט אָפּגעוואָרפן דעם בונדישן אָרגאניזא=
ציאָנעלן נאציאָנאליזם. דעמאָלט האָבן די בונדאָווצעס פארלאָזט דעם צוזא=

מענפֿאַר. עס זײַנען אַוועק פֿונם צוזאַמענפֿאַר אויך צווײ „עקאָנאָמיסטן", וועלכע דער צוזאַמענפֿאַר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען זייער אויסלענדישן פֿאַרבאַנד פֿאַר א פֿאַרטרעטער פֿון דער פּאַרטיי אין אויסלאַנד.

דאָס אַוועקגיין פֿון זיבן אָפּאָרטוניסטן פֿונם צוזאַמענפֿאַר האָט געענדערט די כּחות־פֿאַרהעלטעניש לטובֿת די לעניניצעס.

די פֿראַגע וועגן דעם באַשטאַנד פֿון די צענטראַלע אינסטיטוציעס פֿון דער פּאַרטיי איז פֿון סאַמע אָנהויב אָן געווען אין צענטער פֿון לענינס אויפֿמערקזאַמקייט. לענין האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק דורכצופֿירן אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿעסטע און קאָנזעקווענטע רעוואָלוציאָנערן. די מאַרטאָווצעס האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן, אַז אינם צענטראַל־קאָמיטעט זאָלן האָבן די איבערהאַנט די ניט־שטאַנדהאַפֿטיקע, אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן. די מערהייט פֿונם צוזאַמענפֿאַר איז אין דער דאָזיקער פֿראַגע אַוועק נאָך לענינען. אין צענטראַל־קאָמיטעט זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן לענינס אָנהענגער.

לויט לענינס פֿאָרשלאָג זײַנען אין דער רעדאַקציע פֿון דער „איסקרא" אויסגעוויילט געוואָרן לענין, פּלעכאַנאָוו און מאַרטאָוו. מאַרטאָוו האָט געפֿאָדערט אויפֿן צוזאַמענפֿאַר, אַז אין באַשטאַנד פֿון דער רעדאַקציע „איסקרא" זאָלן אויסגעוויילט ווערן אַלע זעקס אַלטע רעדאַקטאָרן פֿון דער „איסקרא", וואָס די מערהייט זייערע איז באַשטאַנען פֿון מאַרטאָווס אָנהענגער. דער צוזאַמענפֿאַר האָט מיט א מערהייט אָפּגעוואָרפֿן דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן דער דרײַלינג, וועלכן עס האָט פֿאָרגעלייגט לענין. דעמאָלט האָט מאַרטאָוו געמאָלדן, אַז ער וועט אין דער רעדאַקציע פֿונם צענטראַל־אָרגאַן ניט אַרײַן.

אויף אַזא אופֿן האָט דער צוזאַמענפֿאַר מיט זײַן אָפּשטימונג איבער דער פֿראַגע וועגן די צענטראַלע אינסטיטוציעס פֿון דער פּאַרטיי פֿאַרפֿעסטיקט די מפּלה פֿון מאַרטאָווס אָנהענגער און דעם זיג פֿון לענינס אָנהענגער.

פֿון דעם מאָמענט אָן האָט מען לענינס אָנהענגער, וואָס האָבן באַקומען אויפֿן צוזאַמענפֿאַר די מערהייט שטימען בײַ די וואַלן, גענומען רופֿן באָלשעוויקעס (פֿונם וואָרט באָלשינסטוואָ — מערהייט), און די קעגנער לענינס, וואָס האָבן באַקומען די מינדערהייט שטימען, האָט מען גענומען רופֿן מענשעוויקעס (פֿונם וואָרט מענשינסטוואָ — מינדערהייט).

אונטערציִענדיק די סך־הכּל'ען צו דער אַרבעט פֿונם צווייטן צוזאַמענפֿאַר, קאָן מען קומען צו פֿאָלגנדיקע אויספֿירן:

1) דער צוזאַמענפֿאַר האָט פֿאַרפֿעסטיקט דעם זיג פֿונם מאַרקסיזם איבערן „עקאָנאָמיזם", איבערן אָפֿענעם אָפּאָרטוניזם;

2) דער צוזאַמענפֿאַר האָט אָנגענומען די פּראָגראַם און דעם סטאַטוט, געשאַפֿן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און אויסגעבויט, אַזוי אַרום, די ראַמען פֿאַר אַן איינהייטלעכער פּאַרטיי;

3) דער צוזאַמענפֿאַר האָט אויפֿגעדעקט די אָנוועזנקייט פֿון ערנסטע אָר־

גאניזאציאָנעלע מיינונגס־פארשיידנהייטן, וועלכע האָבן צעטיילט די פארטיי אויף צוויי טיילן, אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, וואָס די ערשטע פון זיי פארטיידיקן די אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, און די צווייטע קײַקלען זיך אין זומפּ פון אָרגאניזאַ־ציאָנעלער צעשוואומענקייט, אין זומפּ פון אָפּאָרטוניזם;

4) דער צוזאמענפאָר האָט באוויזן, אז דאָס אָרט פון די אַלטע אָפּאָר־טוניסטן, וואָס די פארטיי האָט שוין צעקלאפּט, דאָס אָרט פון די „עקאָנאָ־מיסטן" — הויבן אָן פארנעמען אין דער פארטיי נײַע אָפּאָרטוניסטן, — די מענשעוויקעס;

5) דער צוזאמענפאָר האָט אין געביט פון אָרגאניזאציאָנעלע פראגן זיך ארויסגעוויזן ניט אויף דער הויך פון זײַן לאגע; ער האָט געהאט וואקלונגען, טיילמאָל געגעבן אפילו אן איבערוואָג די מענשעוויקעס, און כאָטש ער האָט זיך לסוף פאררעכט, דאָך האָט ער ניט געקענט ניט בלויז דעמאַסקירן דעם אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס אין די אָרגאניזאציאָנעלע פראגן און איזאָ־לירן זיי אין דער פארטיי, נאָר אפילו שטעלן פאר דער פארטיי אזא מין אויפגאבע.

אָט דער לעצטער אומשטאנד איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות, פאר־וואָס דער קאמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָט זיך נאָכן צוזאַ־מענפאָר ניט בלויז ניט אײַנגעשטילט, נאָר, פארקערט, זיך נאָך מער פארשארפט.

## 4. די שפּאַלטונגס־אקציעס פון די מענשעוויסטישע לידערס און די פארשארפונג פונם קאמף אינעווייניק אין דער פאר־טיי נאָכן צווייטן צוזאמענפאָר. דער אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס. לענינס בוך „א טראָט פאָראויס, צוויי טריט צוריק". די אָרגאניזאציאָנעלע יסודות פון דער מארקסיס־טישער פארטיי.

נאָכן צווייטן צוזאמענפאָר האָט דער קאמף אינעווייניק אין דער פארטיי זיך נאָך מער פארשארפט. די מענשעוויקעס האָבן מיט אַלע כחות זיך באַ־מיט אראָפּצורײַסן די באשלוסן פונם צווייטן פארטיי־צוזאמענפאָר און פאר־כאַפּן די צענטערס פון דער פארטיי. די מענשעוויקעס האָבן געפאָדערט אײַנ־צושליסן זייערע פאָרשטייער אין דער רעדאקציע פון דער „איסקרא" און אין צ.ק. אין אזא צאָל, אז זיי זאָלן האָבן די מערהייט אין דער רעדאקציע און פונקט אזא צאָל מענשעוויקעס אין צ.ק., ווי די באָלשעוויקעס האָבן. מחמת דעם, וואָס דאָס האָט ווידערגעשפּראָכן די דירעקטע באשלוסן פונם צווייטן צוזאמענפאָר, האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעוואָרפן די פאָדערונגען פון די מענ־שעוויקעס. דעמאָלט האָבן די מענשעוויקעס געהיים פון דער פארטיי געשאפן זייער אנטיפארטייאישע פראקציאָנעלע אָרגאניזאציע, וואָס בראש פון איר

זיינען געשטאנען מארטאָוו, טראָצקי און אקסעלראָד, און האָבן „אויפגעהויבן, ווי מארטאָוו האָט געשריבן, אן אויפשטאנד קעגן דעם לעניניזם". פאר א מעטאָד פון קאמף קעגן דער פארטיי האָבן זיי אויסגעקליבן — „דעזאָרגאניזירן די גאנצע פארטיי־ארבעט, קאליע מאכן די זאך, טאָרמאָזירן אלץ און אלעם" (לענינס אויסדרוק). זיי האָבן זיך פארפעסטיקט אין דער „אויסלענדישער ליגע" פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטן, וואָס $^{9}/_{10}$ פון איר זיינען באשטאנען פון אינטעליגענטן—עמיגראנטן, אָפּגעריסן פון דער ארבעט אין רוסלאנד, און האָבן גענומען באשיסן פון דאָרטן די פארטיי, לענינען, די לענינצעם.

די מענשעוויקעס האָט שטארק געהאָלפן פּלעכאנאָוו. אויפן צווייטן צוזאמענפאָר איז פּלעכאנאָוו געגאנגען צוזאמען מיט לענינען. נאָר נאָכן צווייטן צוזאמענפאָר האָט זיך פּלעכאנאָוו געלאָזט אָנשרעקן פון די מענשעוויקעס דורך דער דראָאונג פון א שפּאלטונג. ער האָט באשלאָסן אום יעטווידן פּריַיז „שלום מאכן" מיט די מענשעוויקעס. צו די מענשעוויקעס האָט פּלעכאנאָוון געצויגן די לאסט פון זיינע פריִערדיקע אָפּאָרטוניסטישע פעלערן. פון א שלום־מאכער מיט די אָפּאָרטוניסטן—מענשעוויקעס איז פּלעכאנאָוו אינגיכן אליין געוואָרן א מענשעוויק. פּלעכאנאָוו האָט געפאָדערט איינצושליסן אין באשטאנד פון דער רעדאקציע „איסקרא" אלע אלטע רעדאקטאָרן—מענשעוויקעס, וואָס זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורכן צוזאמענפאָר. לענין האָט, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט איינגיין הערויף, און ער איז ארויסגעטראָטן פון דער רעדאקציע „איסקרא", כדי צו פארפעסטיקן זיך אינם צ.ק. פון דער פארטיי און פון דער דאָזיקער פּאָזיציע שלאָגן די אָפּאָרטוניסטן. ברעכנדיק דעם ווילן פונם צוזאמענפאָר, האָט פּלעכאנאָוו איינער אליין קאָאָפּטירט אין באשטאנד פון דער רעדאקציע „איסקרא" די געוועזענע רעדאקטאָרן—מענשעוויקעס. פון דעם מאָמענט אָן, פונם נומער 52 „איסקרא", האָבן די מענשעוויקעס זי פארוואנדלט אין זייערן אן אָרגאן און האָבן גענומען פּריידיקן דורך דער „איסקרא" זייערע אָפּאָרטוניסטישע אָנשויאונגען.

פון דעם מאָמענט אָן האָט מען אָנגעהויבן ריידן אין דער פארטיי וועגן דער אלטער „איסקרא", ווי וועגן דער לענינישער, באָלשעוויסטישער „איסקרא", און וועגן דער נייער „איסקרא", ווי וועגן דער מענשעוויסטישער, אָפּאָרטוניסטישער.

מיטן אריבערגאנג פון דער „איסקרא" אין די הענט פון די מענשעוויקעס איז זי געוואָרן אן אָרגאן פון קאמף קעגן לענינען, קעגן די באָלשעוויקעס, אן אָרגאן פון פּראָפּאגאנדע פון מענשעוויסטישן אָפּאָרטוניזם, פריִער פון אלץ, אין געביט פון אָרגאניזאציאָנעלע פראגן. זיך פאראייניקט מיט די „עקאָנאָמיסטן" און מיט די בונדאָוצעס, האָבן די מענשעוויקעס אָנגעהויבן אויף די שפּאלטן פון דער „איסקרא" א צוג קעגן, ווי זיי האָבן געזאָגט, — דעם לעניניזם. פּלעכאנאָוו האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטן אויף די פּאָזיציעס פון שלום־מאכעריַי און האָט זיך אין א געוויסער צייט ארום אויך פאראייניקט

צום צוג. און אזוי טאקע האָט עס געמוזט פּאסירן לויט דער לאָגיק פון דער זאך: ווער עס באשטייט אויף שלום־מאכערײַ מיט די אָפּאָרטוניסטן, יענער מוז זיך אראָפּקײַקלען צום אָפּאָרטוניזם. פון די שפּאלטן פון דער נײַער „איס־קרא" האָבן זיך פון דער ברייטער האנט א שאָט געטאָן מעלדונגען און אר־טיקלען וועגן דעם, אז די פּארטיי דארף ניט זײַן קיין אָרגאניזאציאָנעל־גאנ־צעס, אז מע דארף דערלאָזן אינם באשטאנד פון דער פּארטיי די עקזיסטענץ פון פרײַע גרופּעס און יחידים, וואָס זײַנען ניט מחויב אונטערצוואווארפן זיך די באשלוסן פון אירע אָרגאנען, אז מע דארף לאָזן יעדן אינטעליגענט, וואָס פילט מיט דער פּארטיי, ווי אויך „יעדן שטרײַקער" און „יעדן דעמאָנסטראנט" צו דערקלערן זיך פאר א מיטגליד פון דער פּארטיי, אז די פאָדערונג אונטער־צוואווארפן זיך אלע באשלוסן פון דער פּארטיי איז א „פאָרמעל־ביוראָקראטי־שע" באציאונג צו דער זאך, אז די פאָדערונג וועגן דעם — די מינדערהײַט זאָל זיך אונטערוואָרפן דער מערהײַט, באטײַט „מעכאניש אונטערדריקן" דעם ווילן פון די מיטגלידער פון דער פּארטיי, אז די פאָדערונג וועגן דעם — אלע מיטגלידער פון דער פּארטיי, אי די לידערס, אי די פּשוט'ע מיטגלידער, זאָלן זיך אלצאיינס אונטערוואָרפן דער דיסציפּלין פון דער פּארטיי — באטײַט אײַנשטעלן „לײַבאייגנטום־רעכט" אין דער פּארטיי, אז „מיר" דארפן אין דער פּארטיי ניט קיין צענטראליזם, נאָר אנארכישן „אויטאָנאָמיזם", וואָס גיט דאָס רעכט באזונדערע פּערזאָנען און אָרגאניזאציעס פון דער פּארטיי ניט אויסצו־פילן די באשלוסן פון דער פּארטיי.

דאָס איז געווען א צעיושעטע פּראָפּאגאנדע פון אָרגאניזאציאָנעלער צע־לאָזנקייט, פון אונטערגראָבן די פּארטייאישקייט און די פּארטיי־דיסציפּלין, פון לויבן אין הימל ארײַן דעם אינטעליגענטישן אינדיווידואליזם, פון בארעכטיקן די אנארכישע אומדיסציפּלינירטקייט.

די מענשעוויקעס האָבן בפירוש געשלעפּט די פּארטיי צוריק פונם צווייטן צוזאמענפאָר פון דער פּארטיי צו אָרגאניזאציאָנעלער צעדרויבלטקייט, צו קרײַזלערײַ, צו קוסטארערײַ.

מע האָט געמוזט געבן די מענשעוויקעס אן אנטשיידנדיקן שארפן ענטפער.

דעם דאָזיקן שארפן ענטפער האָט זיי געגעבן לענין אין זײַן בארימטן בוך „א טראָט פאָראויס, צוויי טריט צוריק", וואָס איז דערשינען אין מאי 1904־טן יאָר.

אָט זײַנען די אָרגאניזאציאָנעלע גרונטלאגעס, וואָס לענין האָט אנטוויקלט אין דעם דאָזיקן בוך און וואָס זײַנען דערנאָך געוואָרן די אָרגאניזאציאָנעלע יסודות פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי.

1) די מארקסיסטישע פּארטיי איז א טייל פונם ארבעטער־קלאס, זײַנער אן אָטריאַד. אָטריאַדן האָט אָבער דער ארבעטער־קלאס א סך, — הייסט עס, ניט יעדער אָטריאַד פונם ארבעטער־קלאס קאָן אָנגערופן ווערן פּארטיי פונם ארבעטער־קלאס. די פּארטיי אונטערשיידט זיך פון אנדערע אָטריאַדן פונם אר־

בעטער-קלאס פריִער פון אלץ דערמיט, וואָס זי איז ניט קיין פּשוט'ער אָט-ריאד, נאָר א *פאָרגעשריטענער* אָטריאד, א *באוואוסטזיניקער* אָטריאד, א *מארקסיסטישער* אָטריאד פונם ארבעטער-קלאס, אנ אָטריאד, וועלכער איז באוואָפנט מיטן וויסן דאָס געזעלשאפטלאכע לעבן, מיטן וויסן די געזעצן פון דער אנטוויקלונג פונם געזעלשאפטלאכן לעבן, מיטן וויסן די געזעצן פון קלאסנקאמף און איז, מחמת דעם, פייאיק צו פירן דעם ארבעטער-קלאס, אָנצופירן מיט זײַן קאמף. דעריבער טאָר מען ניט צונויפמישן די פארטיי און דעם ארבעטער-קלאס, ווי מע טאָר ניט צונויפמישן א טייל מיטן גאנצן; מע טאָר ניט פאָדערן, אז יעדער שטרײַקער זאָל זיך קאָנען דערקלערן פאר א מיטגליד פון דער פארטיי, ווײַל ווער עס מישט צונויף די פארטיי און דעם קלאס, דער זעצט אראָפּ דעם ניוואָ פון באוואוסטזיניקײַט פון דער פארטיי ביז צום ניוואָ פון „יעדן שטרײַקער“, דער פארניכטעט די פארטיי אלס פאָרגעשריטענעם באוואוסטזיניקן אָטריאד פונם ארבעטער-קלאס. די אויפגאבע פון דער פארטיי באשטייט ניט דערין, אז זי זאָל *אראָפּזעצן* איר ניוואָ ביז צום ניוואָ פון „יעדן שטרײַקער“, נאָר דערין, אז זי זאָל *אויפהויבן* די מאסן ארבעטער, *אויפהויבן* „יעדן שטרײַקער“ ביז צום ניוואָ פון דער פארטיי.

„מיר זײַנען די פארטיי פון א קלאס, האָט לענין געשריבן, און דעריבער דארף *כמעט דער גאנצער קלאס* (און אין מלחמה-צײַטן, אין דער עפּאָכע פון בירגערקריג, טאקע אבסאָליוט דער גאנצער קלאס) זײַן טעטיק אונטער דער אָנפירונג פון אונזער פארטיי, דארף צושטיין צו אונזער פארטיי, ווי ווײַט מעגלאך שטײַפער; עס וואָלט אָבער געהייסן מאנילאָווטשינע און „עקיזם“ צו מיינען, אז כמעט דער גאנצער קלאס אָדער דער גאנצער קלאס איז ווען-עס-איז אימשטאנד, בײַם קאפּיטאליזם, אויפצוהויבן זיך ביז צו דער באוואוסטזיניקײַט און אקטיווקײַט פון זײַן פאָרגעשריטענעם אָטריאד, פון זײַן סאָציאל-דעמאָקראטישער פארטיי. קיין איין נאָך פארשטאנדיקער סאָציאל-דעמאָקראט האָט ניט געצווייפלט דערין, אז בײַם קאפּיטאליזם איז אפילו די פראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציע (א מער פּרימיטיווע, א מער צוטריטלאכע פאר דער באוואוסטזיניקײַט פון די ניט-אנטוויקלטע שיכטן) ניט אימשטאנד ארומצוכאפּן כמעט דעם גאנצן אָדער דעם גאנצן ארבעטער-קלאס. בלויז אָפּנארן זיך, צומאכן די אויגן אויף דער קאָלאָסאלקײַט פון אונזערע אויפגאבעס, פארשמעלערן די דאָזיקע אויפגאבעס — וואָלט באטײַט פארגעסן וועגן דעם אונטערשייד צווישן דעם פאָרגעשריטענעם אָטריאד און די אלע מאסן, וועלכע ציִען זיך צו אים, פארגעסן וועגן דער שטענדיקער פליכט פונם פאָרגעשריטענעם אָטריאד *אויפצוהויבן* אלץ מער און מער ברייטע שיכטן ביז צו דעם דאָזיקן פאָרגעשריטענעם ניוואָ“ (*לענין*, ב. VI, ז. 205—206, רוסיש).

2) די פאַרטיי איז ניט בלויז דער פאַרגעשריטענער, דער באַוואוסטזיניקער אַטריאַד פונם ארבעטער־קלאַס, נאָר, צוזאַמען דערמיט, אויך — אַן אָ ר ג אַ־נ י ז י ר ט ע ר אַטריאַד פונם ארבעטער־קלאַס, אַן אַטריאַד, וואָס האָט זײַן דיס־ציפּלין, וועלכע איז אָבליגאַטאָריש פאַר זײַנע מיטגלידער. דעריבער דאַרפן די מיטגלידער פון דער פאַרטיי אומבאַדינגט זײַן מיטגלידער פון איינער פון די אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַרטיי. ווען די פאַרטיי וואָלט געווען ניט קיין אָ ר־ג אַ נ י ז י ר ט ע ר אַטריאַד פונם קלאַס, ניט קיין ס י ס ט ע ם פ ו ן אָ ר ג אַ נ י־ז אַ צ י ע, נאָר אַ פּשוט'ע סומע מענשן, וואָס דערקלערן זיך אַליין פאַר מיט־גלידער פון דער פאַרטיי, גייען אָבער ניט אַרײַן אין קיין איינער פון די אָרגאַ־ניזאַציעס פון דער פאַרטיי און זײַנען, ווי עס באַטײַט, נ י ט אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט, דאָס הייסט, — זיי זײַנען ניט מחויב אונטערצואוואַרפן זיך די פאַרטיי־באַ־שלוסן, — וואָלט די פאַרטיי קיינמאָל ניט געהאַט קיין איינהײַטלאַכן ווילן; זי וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרווירקלאַכן די איינהײַט פון די אַקציעס פון אירע מיטגלידער, — הייסט עס, זי וואָלט ניט געהאַט קיין מעגלאַכקײַט אָנצופירן מיטן קאַמף פונם ארבעטער־קלאַס. די פאַרטיי קאָן בלויז אין דעם פאַל אָנפירן פּראַקטיש מיטן קאַמף פונם ארבעטער־קלאַס און ריכטן אים צו איין ציל, ווען אַלע אירע מיטגלידער וועלן זײַן אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט אין אַן איינ־הײַטלאַכן אַלגעמיינעם אַטריאַד, וואָס איז באַהעפט דורך דער איינהײַט פון ווילן, דורך דער איינהײַט פון אַקציעס, דורך דער איינהײַט פון דיסציפּלין.

די דערווידערונג פון די מענשעוויקעס, אַז אין אַזאַ פאַל וועלן פיל אינ־טעליגענטן, לאָמיר זאָגן, פּראָפעסאָרן, סטודענטן, גימנאַזיסטן א.ד.ג. איבער־בלײַבן אויסער דער פאַרטיי, ווײַל זיי ווילן ניט אַרײַנטרעטן אין די אָדער יענע אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַרטיי אָדער דערפאַר, ווײַל זיי האַלטן פאַר אַ באַ־לעסטיקונג פאַר זיך די דיסציפּלין פון דער פאַרטיי, אָדער דערפאַר, ווי פּלע־כאַנאָוו האָט געזאָגט אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר, ווײַל זיי האַלטן פאַר אַ „דער־נידעריקונג פאַר זיך דאָס אַרײַנטרעטן אין דער אָדער אַנדערער אָרטיקער אָרגאַ־ניזאַציע“, — די דאָזיקע דערווידערונג פון די מענשעוויקעס שלאָגט דאָך די מענ־שעוויקעס גופא, ווײַל די פאַרטיי דאַרף ניט האָבן אַזוינע מיטגלידער, וואָס פילן זיך באַלעסטיקט פון פאַרטיי־דיסציפּלין און האָבן מורא אַרײַנצוטרעטן אין אַ פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די ארבעטער האָבן קיין מורא ניט פאַר דיסציפּ־לין און אָרגאַניזאַציע און זיי טרעטן גערן אַרײַן אין אַן אָרגאַניזאַציע, אויב זיי האָבן באַשלאָסן צו ווערן מיטגלידער פון דער פאַרטיי. פאַר דיסציפּלין און אָרגאַניזאַציע האָבן מורא אינדיווידואַליסטיש־געשטימטע אינטעליגענטן, און זיי וועלן ווירקלאַך פאַרבלײַבן אויסער דער פאַרטיי. נאָר דאָס איז דאָך טאַקע גוט, ווײַל די פאַרטיי וועט פּטור ווערן פון אַן אָנפלייץ פון ניט־שטאַנד־האַפטיקע עלעמענטן, אַן אָנפלייץ, וועלכער האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אַצינד, אינם פערי׳אָד, ווען עס הויבט זיך אָן אַן אויפשטײַג פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע.

„אויב איך זאָג, האָט לענין געשריבן, אז די פארטיי דארף זײַן א סומע (און ניט קיין איינפאכע אריפמעטישע סומע, נאָר א קאָמפלעקס) פון אָרגאניזאציעס, איז... דריק איך אויס דערמיט אבסאָליוט קלאָר און פינקטלאך מײַן וואונש, מײַן פאָדערונג, אז די פארטיי, ווי דער פאָרגעשריטענער אָטריאד פונם קלאס, זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אזוינס, וואָס איז ווי ווײַט מעגלאך מער אָרגאניזירט, אז די פארטיי זאָל אויפנעמען אין זיך בלויז אזוינע עלעמענטן, וואָס דערלאָזן כאָטש א מינימום אָרגאניזירטקײַט...“ (לענין, ב. VI, ז. 203, רוסיש).

און ווײַטער:

„אויפן וואָרט פארטיידיקט מארטאָווס פאָרמולע די אינטערעסן פון די ברייטע שיכטן פונם פראָלעטאריאט; פאקטיש וועט די דאָזיקע פאָרמולע דינען די אינטערעסן פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ, וואָס ווײַכט אויס פראָלעטארישע דיסציפלין און אָרגאניזאציע. קיינער וועט זיך ניט באשליסן צו לייקענען, אז די אינטעליגענץ, ווי א באזונדערער שיכט פון די מאָדערנע קאפיטאליסטישע געזעלשאפטן, ווערט כאראקטעריזירט, אין אלגעמיין און אינגאנצן גענומען, גראָד מיט אינדיווידואליזם און מיט דער אומפייאיקײַט צו דיסציפלין און אָרגאניזאציע“ (דאָרטן, ז. 212).

און נאָך:

„דער פראָלעטאריאט האָט קיין מורא ניט פאר אָרגאניזאציע און דיסציפלין... דער פראָלעטאריאט וועט זיך ניט נעמען זאָרגן וועגן דעם, אז די הערן פראָפעסאָרן און גימנאזיסטן, וואָס ווילן ניט ארײַנטרעטן אין אן אָרגאניזאציע, זאָלן אָנערקענט ווערן ווי פארטיי-מיטגלידער פאר דער ארבעט אונטערן קאָנטראָל פון אן אָרגאניזאציע... ניט דעם פראָלעטאריאט, נאָר א ייניקע אינטעליגענטן אין אונזער פארטיי פעלט זעלבסטדערציאונג אין גײַסט פון אָרגאניזאציע און דיסציפלין“ (דאָרטן, ז. 307).

3) די פארטיי איז ניט פשוט אן אָרגאניזירטער אָטריאד, נאָר די „העכסטע פאָרם פון אָרגאניזאציע“ צווישן אלע אנדערע אָרגאניזאציעס פונם ארבעטער-קלאס, אן אָרגאניזאציע, וואָס איז בארופן אָנצופירן מיט אלע איבעריקע אָרגאניזאציעס פונם ארבעטער-קלאס. די פארטיי, ווי די העכסטע פאָרם פון אָרגאניזאציע, וואָס באשטייט פון די בעסטע מענשן פונם קלאס, וועלכע זײַנען באוואָפנט מיט דער פאָרגעשריטענער טעאָריע, מיטן וויסן די געזעצן פון קלאסנקאמף און מיט דער דערפארונג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, האָט אלע מעגלאכקײַטן אָנצופירן — און איז מחויב אָנצופירן — מיט אלע אנדערע אָרגאניזאציעס פונם ארבעטער-קלאס. די שטרעבונג פון די מענשעוויקעס צו פארמינערן און אראָפּזעצן די אָנפירנדיקע

ראָלע פון דער פארטיי פירט צו אַן אָפשוואכונג פון אלע אנדערע אָרגאניזאציעס פונם פראָלעטאריאט, וואָס ווערן אָנגעפירט פון דער פארטיי, — דאָס הייסט, — צו אַן אָפשוואכונג און אנטוואָפענונג פונם פראָלעטאריאט, ווײַל „בײַם פראָלעטאריאט איז ניטאָ קיין אנדער געווער אין קאמף פאר דער מאכט, חוץ אָרגאניזאציע“ (דאָרטן, ז. 328).

4) די פארטיי איז א פארקערפערונג פון דער פארבינדונג פונם פאָרגעשריטענעם אָטריאד פונם ארבעטער־קלאס מיט די מיליאָניקע מאסן פונם ארבעטער־קלאס. א ווי ווײַט בעסטער פאָרגעשריטענער אָטריאד די פארטיי זאָל ניט זײַן און ווי ווײַט גוט אָרגאניזירט זי זאָל ניט זײַן, קאָן זי דאָך ניט לעבן און זיך אנטוויקלען אָן פארבינדונגען מיט די אומפארטייאישע מאסן, אָן דער פארמערונג פון די דאָזיקע פארבינדונגען, אָן דער פארפעסטיקונג פון די דאָזיקע פארבינדונגען. א פארטיי, וואָס האָט זיך אײַנגעשלאָסן אין זיך אליין, וואָס האָט זיך אָפגעזונדערט פון די מאסן און האָט פארלאָרן אָדער אפילו אָפגעשוואכט די פארבינדונגען מיט איר קלאס, — מוז פארלירן דעם צוטרוי און די אונטערשטיצונג פון די מאסן, — הייסט עס — זי מוז אומפארמײַדלאך אומקומען. כדי צו לעבן מיט א פולן לעבן און אנטוויקלען זיך, דארף די פארטיי פארמערן די פארבינדונגען מיט די מאסן און זיך דערשלאָגן דעם צוטרוי פון די מיליאָניקע מאסן פון איר קלאס.

„כדי צו זײַן א סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי, האָט לענין געזאָגט, דארף מען זיך דערשלאָגן די אונטערשטיצונג גראָד פונם קלאס“ (דאָרטן, ז. 208).

5) כדי ריכטיק פונקציאָנירן און פלאנמעסיק אָנפירן מיט די מאסן, — דארף די פארטיי זײַן אָרגאניזירט אויף די יסודות פון צענטראליזם, מיט אַן איינהײַטלאכן סטאטוט, מיט אַן איינהײַטלאכער פארטיי־דיסציפלין, מיט אַן איינהײַטלאכן אָנפירנדיקן אָרגאן בראש, אין פערזאָן פונם פארטיי־צוזאמענפאָר, און אין דער צײַט צווישן די צוזאמענפאָרן — אין פערזאָן פונם צ.ק. פון דער פארטיי, מיט אונטערווארפן זיך מצד דער מינדערהײַט דער מערהײַט, מצד באזונדערע אָרגאניזאציעס — דעם צענטער, מצד די נידעריקערע אָרגאניזאציעס — די העכערע. אָן די דאָזיקע באדינגונגען קאָן די פארטיי פונם ארבעטער־קלאס ניט זײַן קיין ווירקלאכע פארטיי, קאָן ניט אויספילן אירע אויפגאבעס פון אָנפירן מיטן קלאס.

פארשטייט זיך, אז איבער דער אומלעגאלער עקזיסטענץ פון דער פארטיי אין די באדינגונגען פון דער צארישער זעלבסטהערשונג האָבן די פארטיי־אָרגאניזאציעס אין יענער צײַט ניט געקאָנט געבויט ווערן אויפן יסוד פון געוויילטקײַט פון אונטן, מחמת דעם איז די פארטיי געווען געצוואונגען צו האָבן א שטרענג־קאָנספיראטיוון כאראקטער. לענין האָט אָבער געהאלטן, אז אָט די צײַטווײַליקע דערשײַנונג אינם לעבן פון אונזער פארטיי וועט אָפפאלן

באלד פון די ערשטע טעג, ווי עס וועט ליקווידירט ווערן דער צאריזם, ווען די פּארטיי וועט ווערן אָן אָפענע, א לעגאלע, און די פּארטיי־אָרגאניזאציעס וועלן זיך בויען אויף די יסודות פון דעמאָקראטישע וואלן, אויף די יסודות פון ד ע־מ אָ ק ר א ט י ש ן צ ע נ ט ר א ל י ז ם.

„פ ר י ע ר, האָט לענין געשריבן, איז אונזער פּארטיי ניט געווען קיין אָרגאניזירט פאָרמעל גאנצעס, נאָר בלויז א סומע פון באזונדערע גרו־פּעס; דעריבער האָבן קיין אנדערע באציאונגען צווישן די דאָזיקע גרו־פּעס, אויסער אידייאישער איינפלוס־ווירקונג, אפילו ניט געקאָנט זיין. א י צ ט זיינען מיר געוואָרן אן אָרגאניזירטע פּארטיי, און דאָס באטייט טאקע די שאפונג פון מאכט, די פארוואנדלונג פונם אויטאָריטעט פון אידייען אין אן אויטאָריטעט פון מאכט, דאָס באטייט דאָס אונטערוואַרפן זיך מצד די נידעריקערע פּארטייאישע אינסטאנצן די העכערע" (ל ע נ י ן, ב. VI, ז. 291, רוסיש).

באשולדיקנדיק די מענשעוויקעס אין אָרגאניזאציאָנעלן ניהיליזם און פּריצ'ישן אנארכיזם, וואָס דערלאָזט ניט איבער זיך קיין מאכט פון דער פּאר־טיי און פון איר דיסציפּלין, האָט לענין געשריבן:

„דעם רוסישן ניהיליסט איז אָט דער פּריצ'ישער אנארכיזם באזונ־דערס אייגנטימלאך. די פּארטיי־אָרגאניזאציע דאכט זיך אים אויס ווי א משונה'דיקע „פאבריק", דאָס אונטערוואַרפן זיך מצד א טייל דעם גאנצן און מצד דער מינדערהייט דער מערהייט שטעלט זיך אים פאָר ווי „פארקנעכטונג"... די ארבעטס־צעטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון א צענטער רופט ביי אים ארויס טראגיקאָמישע געיאָמערן קעגן דער פארוואנדלונג פון מענשן אין „רעדלאך און שרייפעלאך" (דערביי רעכנט זיך פאר א באזונדערס מערדערישן מין פון דער דאָזיקער פּאר־וואנדלונג דאָס פארוואנדלען רעדאקטאָרן אין מיטארבעטער), דאָס דער־מאָנען וועגן דעם אָרגאניזאציאָנעלן סטאטוט פון דער פּארטיי רופט ארויס א פאראכטונגס־גרימאסע און א ביטול'דיקע (אויפן אדרעס פון די „פאָרמאליסטן") באמערקונג, אז מע וואָלט געקאָנט גאָר אָן א סטאטוט" (דאָרטן, ז. 310).

6) די פּארטיי, אויב זי וויל איינהיטן די א י נ ה י י ט פון אירע רייען, דאַרף זי אין איר פּראקטיק דורכפירן א ן א י י נ ה י י ט ל א כ ע פּראָלעטארישע דיסציפּלין, וואָס איז א ל צ א י י נ ס אָבליגאטאָריש פאר אלע פּארטיי־מיטגלי־דער, סיי פאר די לידערס, סיי פאר די פּשוט'ע מיטגלידער. דעריבער דאַרף אין דער פּארטיי ניט זיין קיין איינטיילונג אויף „אויסדערוויילטע", וואָס פאר זיי איז די דיסציפּלין ניט אָבליגאטאָריש, און אויף „ניט־אויסדערוויילטע", וועלכע זיינען מחויב אונטערצוּוואַרפן זיך דער דיסציפּלין. אָן דעם דאָזיקן תנאי קאָנען ניט איינגעהיט ווערן די גאנצקייט פון דער פּארטיי און די איינ־הייט פון אירע רייען.

„די פולסטע אָפּוועזנקייט, האָט לענין געשריבן, פון ראציאָנעלע ארגומענטן קעגן דער רעדאקציע, וואָס איז באשטימט געוואָרן דורכן צוזאמענפּאָר, ווערט ביי מארטאָוון און קאָמפּאניע בעסער פון אלץ אילוסטרירט מיט זייער אייגן ווערטל: „מיר זיינען ניט קיין לייב-אייגענע!“... די פסיכאָלאָגיע פון דעם בורזשואזן אינטעליגענט, וועלכער פאררעכנט זיך צו די „אויסדערוויילטע נשמות“, וואָס שטייען העכער פון מאסן-אָרגאניזאציע און מאסן-דיסציפלין, טרעט דאָ ארויס זעלטן בולט... דעם אינטעליגענטישן אינדיווידואליזם... ווייזט זיך אויס יעטוועדע פראָלעטארישע אָרגאניזאציע און דיסציפלין ווי לייבאייגנטום-רעכט“ (דאָרטן, ז. 282).

און ווייטער:

„אין דעם ערך, ווי עס ווערט אויסגעבילדעט ביי אונז אן עכטע פארטיי, דארף דער באוואוסטזיניקער ארבעטער זיך אויסלערנען אונטערשיידן צווישן דער פסיכאָלאָגיע פון א קריגער פון דער פראָלעטארישער ארמיי און דער פסיכאָלאָגיע פון א בורזשואזן אינטעליגענט, וועלכער בראווירט מיט דער אנארכישער פראזע; ער דארף זיך אויסלערנען פאָדערן, אז ניט בלויז די פשוט'ע, נאָר אויך די „מענשן פון אויבן-אָן“ זאָלן אויספילן די פליכטן פון א פארטיי-מיטגליד“ (דאָרטן, ז. 312).

אונטערצייענדיק די סך-הכל'ען צום אנאליז פון די מיינונגס-פארשיידנהייטן און קוואליפיצירנדיק די פאָזיציע פון די מענשעוויקעס ווי „אָפּאָרטוניזם אין אָרגאניזאציאָנעלע פראגן“, האָט לענין געהאלטן, אז איינע פון די הויפט-זינד פונם מענשעוויזם איז דאָס ניט-דערשאצן די באדייטונג פון דער פארטייאישער אָרגאניזאציע, אלס געווער פונם פראָלעטאריאט אין זיין קאמף פאר זיין באפרייאונג. די מענשעוויקעס האָבן געהאלטן, אז די פארטייאישע אָרגאניזאציע פונם פראָלעטאריאט האָט ניט קיין ערנסטע באדייטונג פארן זיג פון דער רעוואָליוציע. להפוך די מענשעוויקעס האָט לענין געהאלטן, אז בלויז די אידייאישע פאראייניקונג פונם פראָלעטאריאט איז ניט-גענוג פאר א זיג, — כדי צו זיגן, איז נויטיק „פארפעסטיקן“ די אידייאישע אייגנהייט „מיט מאטעריעלער אָרגאניזאציע-אייגנהייט“ פונם פראָלעטאריאט. לענין האָט געהאלטן, אז נאָר ביי דעם דאָזיקן באדינג קאָן דער פראָלעטאריאט ווערן אן אומבאזיגבארע קראפט.

„ביי דעם פראָלעטאריאט, האָט לענין געשריבן, איז ניטאָ קיין אנדער געווער אין קאמף פאר דער מאכט, חוץ אָרגאניזאציע. ווערנדיק צעאייניקט דורך דער הערשאפט פון דער אנארכישער קאָנקורענץ אין דער בורזשואזער וועלט, צוגעדריקט פון דער געצוואונגענער ארבעט פארן קאפיטאל, כסדר אָפּגעוואָרפן „אויפן דעק“ פון פולשטענדיקן דלות, פארווילדעוועטקייט און דעגענערירונג, קאָן דער פראָלעטאריאט ווערן און ער וועט אומפארמיידלאך ווערן אן אומבאזיגבארע קראפט

נאָר אדאנק דעם, וואָס די אידייאישע פאראייניקונג זײַנע דורך די פּרינציפּן פונם מארקסיזם ווערט פארפעסטיקט דורך דער מאטעריעלער איינהײַטלאכקײַט פון אָרגאניזאציע, וואָס באהעפט די מיליאָנען ארבעטנדיקע אין אן ארמיי פונם ארבעטער־קלאס. קעגן דער דאָזיקער ארמיי וועט ניט אײַנשטיין ניט די אויסגעוועלטערטע מאכט פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג, ניט די אויסגעוועלטערט ווערנדיקע מאכט פונם צווישנפעלקערלאכן קאפיטאל" (לעניןן, ב. VI, ז. 328, רוסיש).

מיט די דאָזיקע גביא׳ישע ווערטער פארענדיקט לענין זײַן בוך.

אָט דאָס זײַנען די אָרגאניזאציאָנעלע גרונט־הנחות, וואָס לענין האָט אנטוויקלט אין זײַן באריכמטן בוך „א טראָט פאָראויס, צוויי טריט צוריק".

די באדײַטונג פון דעם דאָזיקן בוך באשטייט פריער פון אלץ דערין, וואָס ער האָט פארטיידיקט די פארטייאישקײַט קעגן דער קרײַזלערײַ און די פארטיי קעגן די דעזאָרגאניזאטאָרן, האָט צעשמעטערט דעם מענשעוויסטישן אָפּאָרטוניזם אין די אָרגאניזאציאָנעלע פראגן און האָט געלייגט די אָרגאניזאציאָנעלע יסודות פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

דערמיט אָבער שעפּט זיך ניט אויס די באדײַטונג פון בוך. זײַן היסטאָרישע באדײַטונג באשטייט דערין, וואָס אין אים האָט לענין דער ערשטער אין דער געשיכטע פונם מארקסיזם פאנאנדערגעארבעט די לערע וועגן דער פארטיי, אלס דער אָנפירנדיקער אָרגאניזאציע פונם פראָלעטאריאט, אלס גרונט־געווער אין די הענט פונם פּראָלעטאריאט, אָן וועלכן עס איז ניט מעגלאך צו זיגן אין קאמף פאר דער פּראָלעטארישער דיקטאטור.

די פארשפרייטונג פון לענינס בוך „א טראָט פאָראויס, צוויי טריט צוריק" צווישן די פארטיי־טוער האָט געבראכט דערצו, אז די מערהײַט אָרטיקע אָרגאניזאציעס האָט זיך באהעפט ארום לענינען.

נאָר וואָס ענגער די אָרגאניזאציעס האָבן זיך באהעפט ארום די באָלשעוויקעס, אלץ פארביטערטער האָבן זיך אויפגעפירט די מענשעוויסטישע לידערס.

זומער 1904־טן יאָר האָבן די מענשעוויקעס פארכאפּט די מערהײַט אינם צ.ק., אדאנק דער הילף פון פּלעכאנאָוון און דעם פארראט פון צוויי דעמאָראליזירטע באָלשעוויקעס, קראסין און נאָסקאָוו. ס׳איז קלאָר געוועזן, אז די מענשעוויקעס פירן די זאך צו א שפּאלטונג. דאָס פארלירן די „איסקרא" און דעם צ.ק. האָט געשטעלט די באָלשעוויקעס אין א שווערער לאגע. עס איז נויטיק געוועזן צו אָרגאניזירן אן אייגענע באָלשעוויסטישע צײַטונג. עס איז נויטיק געוועזן צו אָרגאניזירן א נײַעם — דעם דריטן צוזאמענפאָר פון דער פּארטיי, כדי צו שאפן א נײַעם צ.ק. פון דער פארטיי און אָפּפארטיקן זיך מיט די מענשעוויקעס.

פאר דער דאָזיקער זאך האָט זיך גענומען לענין, האָבן זיך גענומען די באָלשעוויקעס.

די באָלשעוויקעס האָבן גענומען פירן א קאמף פאר צונויפרופן דעם דריטן צוזאמענפאָר פון דער פּארטיי. אין אויגוסט 1904־טן יאָר איז אין דער שווייץ אונטער לעניגס אָנפירונג פאָרגעקומען א בעראַטונג פון 22 באָל־שעוויקעס. די דאָזיקע בעראַטונג האָט אָנגענומען א ווענדונג „צו דער פּאר־טיי", וואָס איז געוואָרן פאר די באָלשעוויקעס א פּראָגראם פון קאמף פאר צונויפרופן דעם דריטן צוזאמענפאָר.

אויף דריי געגנט־קאָנפערענצן פון די באָלשעוויסטישע קאָמיטעטן (אויף דער דרום'דיקער, קאווקאזער און צפון'דיקער) איז אויסגעוויילט געוואָרן א ביו־ראָ פון די קאָמיטעטן פון דער מערהייט, און זי האָט גענומען פירן א פּראַק־טישע צוגרייטונג צום דריטן צוזאמענפאָר פון דער פּארטיי.

דעם 4־טן יאנואר 1905־טן יאָר איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער באָלשעוויסטישער צייטונג „וופּעריאָד" (פאָראויס).

אזויארום האָבן זיך אין דער פּארטיי אויסגעבילדעט צוויי אָפּגעזונדערטע פראקציעס, באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, מיט אייגענע צענטערס, מיט איי־גענע פּרעסע־אָרגאנען.

## קורצע אויספירן.

אינם פּעריאָד פון די יאָרן 1901—1904 וואקסן און פארשטארקן זיך אין רוסלאנד אויפן יסוד פונם וואוקס פון דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג די מארקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס. אין איינ־געשפּארטן פּרינציפּיעלן קאמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן" זיגט די רעוואָליוציאָ־נערע ליניע פון דער לעניגישער „איסקרא"; עס ווערן בייגעקומען די אידיי־אישע צעשפּליטערטקייט און „קוסטארערײַ".

די „איסקרא" פארבינדט צווישן זיך די אָפּגעזונדערטע סאָציאַל־דעמאָקרא־טישע קרייזלאך און גרופּעס און גרייט צו דעם צווייטן צוזאמענפאָר פון דער פּארטיי. אויפן צווייטן צוזאמענפאָר אין יאָר 1903 האָט זיך אויסגעבילדעט די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער־פּארטיי; עס זיינען אָנגע־נומען געוואָרן די פּראָגראם, דער סטאטוט פון דער פּארטיי, עס זיינען גע־שאפן געוואָרן די צענטראלע אָנפירנדיקע אָרגאנען פון דער פּארטיי.

אין קאמף, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן צווייטן צוזאמענפאָר, פארן ענד־גילטיקן זיג פון דער איסקראָווישער ריכטונג קומען אויף אינעווייניק אין דער ר.ס.ד.א.פּ. צוויי גרופּעס. די גרופּע באָלשעוויקעס און די גרופּע מענשעוויקעס.

די הויפּט־מיינונגס־פארשיידנהייטן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשע־וויקעס נאָכן צווייטן צוזאמענפאָר וויקלען זיך פאנאנדער איבער די אָרגאני־זאציאָנעלע פראגן.

די מענשעוויקעס דערנעענטערן זיך מיט די „עקאָנאָמיסטן" און פארנעמען זייער אָרט אין דער פּארטיי. דער אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס רופט

זיך דערווײַל אָפּ אין געביט פֿון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן. די מענשעוויקעס זײַנען קעגן א רעוואָלוציאָנערער קאַמפּס־פּאַרטיי פֿון לעניניש טיפּ. זיי זײַנען פֿאַר א צעשוואומענער, נים־אָרגאַניזירטער, עקיסטישער פּאַרטיי. זיי פֿירן א ליניע פֿון שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי. מיט פּלעכאַנאָוום הילף פֿאַרכאַפּן זיי די „איסקרא“ און דעם צ.ק., אויסנוצנדיק די דאָזיקע צענטערס פֿאַר זייערע שפּאַלטונגס־צילן.

זעענדיק די געפֿאַר פֿון א שפּאַלטונג מצד די מענשעוויקעס, נעמען די באָלשעוויקעס אָן מאָס־מיטלען אײַנצוצוימען די שפּאַלטער; זיי מאָביליזירן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿאַר צונויפֿרופֿן דעם דריטן צוזאַמענפֿאָר, גיבן ארויס זייער צײַטונג „וופּעריאָד“.

אזוי־ארום איז ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, אינם פּעריאָד פֿון דער זיך שוין אָנגעהויבענער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה טרעטן ארויס די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס, ווי אָפּגעזונדערטע איינע פֿון דער אנדערער פּאָליטישע גרופּעס.

### קאַפּיטל III

# די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס אינם פעריאָד פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע.

### (די יאָרן 1904—1907).

1. די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. דער ווײַטערדיקער אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאנד. די שטרײַקס אין פּעטערבורג. די דעמאָנסטראַציע פון די ארבעטער בײַם ווינטער־פּאלאַץ דעם 9־טן יאנואר 1905־טן יאָר. די צעשיסונג פון דער דעמאָנסטראַציע. דער אָנהייב פון דער רעוואָליוציע.

פונם סוף XIX יאָרהונדערט האָבן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות אָנגעהויבן א פארשטארקטן קאמף פאר דער הערשאפט אויפן שטילן אָקעאַן, פאר צעטיילן כינע. אין דעם דאָזיקן קאמף האָט זיך באטייליקט אויך דאָס צארישע רוסלאנד. אין יאָר 1900 האָט דאָס צארישע מיליטער צוזאמען מיטן יאפּאָנישן, דײַטשישן, ענגלישן, פראנצויזישן מיט אומדערהערטער אכזריות דערשטיקט אין כינע דעם פאָלקס־אויפשטאנד, וועלכער איז געווען מיט זײַן שארף געצילט קעגן די אויסלענדער—אימפּעריאַליסטן. פריער נאָך האָט די צארישע רעגירונג געצוואונגען כינע איבערצוגעבן רוסלאנד דעם ליאַאָדונער האלבאינזל מיט דער פעסטונג פּאָרט־ארטור. רוסלאנד האָט זיך דערשלאָגן דאָס רעכט צו בויען אײַזנבאנען אויף דער כינעזישער טעריטאָריע. עס איז אויסגעבויט געוואָרן אן אײַזנבאן אין צפון־מאנדזשוריע — די כינעזישע מזרח־אײַזנבאן (ק.וו.זש.ד.) און עס איז אַרײַנגעפירט געוואָרן רוסיש מיליטער צו באשיצן זי. צפון־מאנדזשוריע איז ארונטערגעפאלן אונטער דער מיליטערישער אָקופּאַציע פונם צארישן רוסלאנד. דער צאריזם האָט זיך גענומען צושארן צו קאָרייע. די רוסישע בורזשואזיע האָט געבויט פּלענער צו שאפן א „זשעלטאָראָסיע“ (געל־רוסלאנד) אין מאנדזשוריע.

אין זײַנע פארכאפּונגען אויפן ווײַטן מזרח האָט זיך דער צאריזם צוזאמענגעשטויסן מיט אן אנדער רויבער — מיט יאפּאָניע, וועלכע איז גיך פארוואנדלט געוואָרן אין אן אימפּעריאַליסטיש לאנד און האָט אויך געשטרעבט

צו פאַרכאַפּונגען אויפן אזיאַטישן קאָנטינענט, אין דער ערשטער ריי אויפן חשבון פון כינע. יאַפּאַניע האָט, פונקט ווי דאָס צארישע רוסלאַנד, געשטרעבט צונעמען פאַר זיך קאָרייע און מאַנדזשוריע. יאַפּאַניע האָט שוין דעמאָלט געטרוימט צו פאַרכאַפּן סאַכאַלין און דעם ווייטן מזרח. ענגלאַנד, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון צארישן רוסלאַנד אויפן ווייטן מזרח, איז געהיים געווען אויפן צד פון יאַפּאַניע. עס האָט געגרייט א רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה. צו דער דאָזיקער מלחמה איז די צארישע רעגירונג געשטויסן געוואָרן דורך דער גרויס-בורזשואזיע, וואָס האָט געזוכט נייע מערק, און דורך די אַממערסטן רעאַקציאָנערע שיכטן פּריצים.

ניט וואַרטנדיק ביז די צארישע רעגירונג וועט דערקלערן מלחמה, האָט יאַפּאַניע די ערשטע אָנגעהויבן די מלחמה. האָבנדיק א גוטע אויסשפּירונג אין רוסלאַנד, האָט יאַפּאַניע אויסגערעכנט, אז אין דעם דאָזיקן קאַמף וועט זי האָבן ניט קיין צוגעגרייטן קעגנער. אין יאַנואַר 1904-טן יאָר איז יאַפּאַניע אומגעריכט, ניט דערקלערנדיק קיין מלחמה, אָנגעפאַלן אויף דער רוסישער פעסטונג פּאָרט-אַרטור און האָט פאַרשאַפט דעם רוסישן פלאָט, וואָס האָט זיך געפונען אין פּאָרט-אַרטור, ערנסטע פאַרלוסטן.

אָט אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה.

די צארישע רעגירונג האָט אויסגערעכנט, אז די מלחמה וועט איר העלפן צו פאַרפעסטיקן איר פּאָליטישע לאַגע און אָפּשטעלן די רעוואָליוציע. אירע אויסרעכענונגען האָבן זיך אָבער ניט באַרעכטיקט. די מלחמה האָט נאָך מער צעטרייסלט דעם צאַריזם.

שלעכט באוואָפנט און שלעכט געשולט, אָנגעפירט פון טאַלאַנטלאָזע און פאַרקויפטע גענעראַלן, האָט די רוסישע אַרמיי אָנגעהויבן ליידן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער.

פון דער מלחמה האָבן זיך אָנגעלעבט די קאַפּיטאַליסטן, טשינאָווניקעס, גענעראַלן. אַרום און אַרום האָט געהערשט גנבה. דאָס מיליטער איז באַזאָרגט געוואָרן שלעכט. ווען עס פלעגן אויספעלן האַרמאַטן-קוילן (סנאַריאַדן), פלעגט די אַרמיי ווי פון חוזק וואַגן באַקומען וואַגאָנען מיט הייליקע בילדער (איקאָנעס). די סאָלדאַטן פלעגן זאָגן מיט פאַרביטערונג: „די יאַפּאַנער שלאָגן אונז מיט סנאַריאַדן, און מיר זיי — מיט איקאָנעס". אָנשטאָט אַריבערצופירן די פאַרוואונדעטע, האָבן ספּעציעלע צוגן אַרויסגעפירט דאָס פאַרמעגן, וואָס די צארישע גענעראַלן האָבן אָנגערויבט.

די יאַפּאַנער האָבן באַלאַגערט און נאָכדעם איינגענומען די פעסטונג פּאָרט-אַרטור. געבראַכט דער צארישער אַרמיי א ריי מפּלות, האָבן זיי זי אונטער מוקדען צעשמעטערט. די דרייהונדערט-טויזנטקעפּיקע צארישע אַרמיי האָט אין דער דאָזיקער שלאַכט פאַרלאָרן ביז 120 טויזנט מאַן געהאַרגעטע, פאַרוואונדעטע, געפאַנגענע. גלייך נאָך דעם זיינען אינם צוזאַמער דורכגוס געקומען די פולשטענדיקע צעשמעטערונג און אומקום פונם צארישן פלאָט, וועל-

בער איז געשיקט געוואָרן פון באַלטישן ים צו הילף דעם באַלאַגערטן פּאָרט-אַרטור. די מפּלה ביי צוסימאַ האָט באַטייט אַ פולשטענדיקע קאַטאַסטראָפע: פון צוואַנציק קריגס-שיפן, וואָס דער קייסער האָט געשיקט, זיינען דריי-צן דערטרונקען און פאַרניכטעט געוואָרן, פיר זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט ענדגילטיק פאַרשפּילט די מלחמה.

די צאַרישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו שליסן אַ שענדלאַכן שלום מיט יאַפּאַניע. יאַפּאַניע האָט פאַרכאַפּט קאָרייע, צוגענומען ביי רוסלאַנד פּאָרט-אַרטור און אַ העלפט סאַכאַלין.

די פאָלקס-מאַסן האָבן ניט געוואָלט די דאָזיקע מלחמה און האָבן פאַר-שטאַנען איר שעדלאַכקייט פאַר רוסלאַנד. פאַר דער אָפּגעשטאַנענקייט פונם צאַרישן רוסלאַנד האָט דאָס פאָלק טייער באַצאָלט.

די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס האָבן זיך פאַרשיידן באַצויגן צו דער דאָזיקער מלחמה.

די מענשעוויקעס, דערונטער טראָצקי, האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויף די פּאָזיציעס פון באַשיצלערײַ, דאָס הייסט, פון פאַרטיידיקן דאָס „פאָטערלאַנד" פונם קייסער, פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

לענין און די באָלשעוויקעס האָבן, פאַרקערט, געהאַלטן, אַז די מפּלה פון דער צאַרישער רעגירונג אין אָט דער רויבערישער מלחמה איז נוצלאַך, ווייל זי וועט ברענגען צו דער אָפּשוואַכונג פונם צאַריזם און צו דער פאַר-שטאַרקונג פון דער רעוואָליוציע.

די מפּלות פונם צאַרישן מיליטער האָבן אויפגעדעקט פאַר די ברייטסטע פאָלקס-מאַסן די צעפוילטקייט פונם צאַריזם. דער האַס צום צאַריזם איז אין די פאָלקס-מאַסן מיט יעדן טאָג געוואַקסן. דאָס פאַלן פון פּאָרט-אַרטור איז דער אָנהויב פונם פאַלן פון דער זעלבסטהערשונג, האָט לענין געשריבן.

דער קייסער האָט געוואָלט מיט דער מלחמה דערשטיקן די רעוואָליוציע. דערשלאָגן האָט ער זיך דעם היפּוך. די רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה האָט פאַר-שנעלערט די רעוואָליוציע.

אינם צאַרישן רוסלאַנד איז דער קאַפּיטאַליסטישער דרוק פאַרשטאַרקט גע-וואָרן דורכן דרוק פונם צאַריזם. די אַרבעטער האָבן געליטן ניט בלויז פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, פון קאַטאָרזשנער אַרבעט, נאָר אויך פון דער רעכטלאָזיקייט פונם גאַנצן פאָלק. דעריבער האָבן די באַוואוסטזיני-קע אַרבעטער געשטרעבט צו שטעלן זיך בראש פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף קעגן דעם צאַריזם. דאָס פויערטום האָט זיך געשטיקט פון ערדלאָזיקייט, פון די פיל-צאָליקע רעשטלאַך פון לייבאייגנטום; עס איז געווען פאַרקנעכטעט ביים פּריץ און באַלעגוף. די פעלקער, וואָס האָבן באַוואוינט דאָס צאַרישע רוסלאַנד, האָבן געקרעכצט אונטער אַ דאָפּלטן דרוק — פון זייערע אייגענע און פון

די רוסישע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. דער עקאָנאָמישער קריזיס פון די יאָרן 1900—1903 האָט פאַרשטאַרקט די פּלאָגן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן; די מלחמה האָט די דאָזיקע פּלאָגן נאָך מער פאַרשאַרפט. די מפּלות אין דער מלחמה האָבן פאַרשטאַרקט אין די מאַסן דעם האַס צום צאַריזם. עס האָט אָנגעהויבן פּלאַצן דאָס געדולד ביים פאָלק.

ווי עס איז צו זען, זיינען סיבות פאַר אַ רעוואָלוציע געווען מער ווי גענוג.

אין דעצעמבער 1904־טן יאָר איז אונטער דער אָנפירונג פונם באַקוער קאָמיטעט באָלשעוויקעס דורכגעפירט געוואָרן אַ ריזיקער, גוט אָרגאַניזירטער שטרייק פון די באַקוער אַרבעטער. דער דאָזיקער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט מיטן זיג פון די אַרבעטער, מיט שליסן דעם ערשטן אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד קאָלעקטיוון אָפּמאַך צווישן די אַרבעטער און די נאַפט־אינדוסטריעלער.

דער באַקוער שטרייק איז געווען דער אָנהויב פונם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אין טראַנסקאַווקאַז און אין אַ ריי ראַיאָנען פון רוסלאַנד.

„דער באַקוער שטרייק האָט געדינט אַלס סיגנאַל פון די רומפולע יאַנואַר־פעברואַר־אַרויסטרעטונגען אין גאַנץ רוסלאַנד" (סטאַלין).

דער דאָזיקער שטרייק איז געווען אַ מין בליץ פאַר אַ געוויטער — ערב דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן שטורעם.

דער אָנהויב פונם רעוואָלוציאָנערן שטורעם זיינען געווען די געשעענישן פונם 9־טן (22־טן) יאַנואַר 1905־טן יאָר אין פּעטערבורג.

דעם 3־טן יאַנואַר 1905־טן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייק אויפן גרעסטן זאַוואָד פון פּעטערבורג—אויפן פּוטילאָווער (איצט קיראָווער זאַוואָד). דער דאָזיקער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן איבער דעם, וואָס מע האָט אָפּגעזאָגט פונם זאַוואָד פיר אַרבעטער. דער שטרייק אויפן פּוטילאָווער זאַוואָד איז זיך שנעל צעוואַקסן; עס זיינען צו אים צוגעשטאַנען אַנדערע זאַוואָדן און פאַבריקן פון פּעטערבורג. דער שטרייק איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער. די באַוועגונג איז גרויזאַם געוואַקסן. די צאַרישע רעגירונג האָט באַשלאָסן דערשטיקן די באַוועגונג ביים סאַמע אָנהויב.

נאָך אין יאָר 1904, פאַר דעם פּוטילאָווער שטרייק, האָט די פּאָליציי געשאַפן מיט דער הילף פונם פּראָוואָקאַטאָר דעם גלח גאַפּאָן אירע אַן אָרגאַניזאַציע צווישן די אַרבעטער — „סאָבראַניע רוסקיך פאַבריטשנאָ־זאַוואָדסקיך ראַבאָטשיך" (פאַרזאַמלונג פון די רוסישע פאַבריק־זאַוואָדישע אַרבעטער). די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אירע אָפּטיילונגען אין אַלע ראַיאָנען פון פּעטערבורג. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שטרייק, האָט דער גלח גאַפּאָן פאָרגעלייגט אויף די פאַרזאַמלונגען פון זיין געזעלשאַפט אַ פּראָוואָקאַטאָרישן פּלאַן: דעם 9־טן יאַנואַר זאָלן זיך אַלע אַרבעטער צונויפזאַמלען און אין אַ

פרידלאַכער פּראָצעסיע מיט קלויסטער־פאָנעז און צארישע פּאָרטרעטן זיך לאָזן גיין צום ווינטער־פּאַלאַץ און דערלאַנגען דעם קייסער א פּעטיציע (א בקשה) וועגן זייערע נויטן. דער קייסער, הייסט עס, וועט ארויסגיין צום פאָלק, וועט אים אויסהערן און באפרידיקן זײַנע פאָדערונגען. גאַפּאָן האָט זיך אונ־טערגענומען העלפן דער צארישער אָכראַנקע: ארויסרופן א צעשיסונג פון די ארבעטער און דערטרינקען אין בלוט די ארבעטער־באַוועגונג. נאָר דער פאָ־ליציייאישער פּלאַן האָט זיך אויסגעקערעוועט קעגן דער צארישער רעגירונג.

די פּעטיציע איז באהאנדלט געוואָרן אויף ארבעטער־פארזאמלונגען; עס זײַנען אין איר ארײַנגעטראָגן געוואָרן אויסבעסערונגען און ענדערונגען. אויף די דאָזיקע פארזאמלונגען זײַנען ארויסגעטראָטן אויך באָלשעוויקעס, ניט אָנ־רופנדיק זיך אָפן באָלשעוויקעס. אונטער זייער ווירקונג זײַנען אין דער פּע־טיציע אײַנגעשלאָסן געוואָרן די פאָדערונגען וועגן פרײַהײַט פון פּרעסע און וואָרט, וועגן פרײַהײַט פון ארבעטער־פאראייניגן, וועגן צונויפרופן א גרינדונגס־פארזאמלונג אויף צו ענדערן די מלוכה־אָרדענונג פון רוסלאַנד, וועגן גלײַכ־הײַט פון אלע פאר'ן געזעץ, וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכה, אָפּשטעלן די מלחמה, אײַנשטעלן אן 8־שעה'יקן ארבעטס־טאָג, איבערגעבן די ערד צו די פּויערים.

ארויסטרעטנדיק אויף די דאָזיקע פארזאמלונגען, האָבן די באָלשעוויקעס אויפגעוויזן די ארבעטער, אז פרײַהײַט קאָן מען זיך ניט דערשלאָגן דורך ביטעס צום קייסער, נאָר מע קעמפט זי אויס מיט געווער אין די הענט. די באָלשעוויקעס האָבן געוואָרנט, אז מע וועט אין די ארבעטער שיסן. אָפּ־האַלטן די פּראָצעסיע צום ווינטער־פּאַלאַץ האָבן זיי אָבער ניט געקאָנט. א באדײַטנדיקער טייל ארבעטער האָט נאָך געגלויבט, אז דער קייסער וועט זיי העלפן. די באַוועגונג האָט מיט א קאָלאָסאַלער קראַפט ארומגעכאַפּט די מאַסן.

אין דער פּעטיציע פון די פּעטערבורגער ארבעטער איז געזאָגט געוואָרן:

„מיר, ארבעטער פון דער שטאָט פּעטערבורג, אונזערע פרויען, קינ־דער און הילפלאָזע זקנים — די עלטערן, זײַנען געקומען צו דיר, קיי־סער, זוכן אמת און שוץ. מיר זײַנען פאראָרעמט געוואָרן; מע אונ־טערדריקט אונז; מע באַלעסטיקט אונז מיט האָרעוואניע איבער די כחות; מע איזדיעקעוועט זיך איבער אונז; מע האַלט אונז ניט פאר קיין מענטשן... האָבן מיר געדולדעט; נאָר מע שטויסט אונז אלץ ווייטער און ווײַטער אין תהום פון דלות, פון רעכטלאָזיקײַט און אומ־וויסן; עס שטיקן אונז דעספּאָטיזם און ווילקיר... עס עקט זיך דאָס גע־דולד. עס איז פאר אונז געקומען יענער שרעקלאַכער מאָמענט, ווען עס איז בעסער שוין דער טויט, איידער עס זאָל דויערן ווײַטער די אומ־דערטרעגלאַכע פּײַן..."

דעם 9־טן יאנואר 1905־טן יאָר גאנצפרי האָבן זיך די ארבעטער אוועקגעלאָזט צום ווינטער־פאלאַץ, וואו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען דער קייסער. די ארבעטער זײַנען געגאנגען צום קייסער מיט גאנצע געזינדן — מיט די פרויען, קינדער און אלטע לײַט, געטראָגן דעם קייסערס פאָרטרעטן און קלויסטער־פאָנען, געזונגען תפילות, געגאנגען אומבאוואָפנט. סך־הכל האָבן זיך פארזאמלט אויף די גאסן העכער 140 טויזנט מאן.

ניקאָלאי דער צווייטער האָט זיי באגעגנט אומפרײַנטלאך. ער האָט באַפוילן צו שיסן אין די אומבאוואָפנטע ארבעטער. העכער טויזנט ארבעטער זײַנען דעם דאָזיקן טאָג דערהארגעט געוואָרן דורכן צארישן מיליטער, העכער 2 טויזנט זײַנען פארוואונדעט געוואָרן. די פעטערבורגער גאסן זײַנען פארגאָסן געוואָרן מיט ארבעטער־בלוט.

די באָלשעוויקעס זײַנען געגאנגען צוזאמען מיט די ארבעטער. פיל פון זיי זײַנען דערהארגעט אָדער ארעסטירט געוואָרן. די באָלשעוויקעס האָבן דאָ גופא אויף די גאסן, וואָס זײַנען געווען פארגאָסן מיט ארבעטער־בלוט, דערקלערט די ארבעטער, ווער עס איז דער שולדיקער פון אָט דער שוידערלאכער רציחה און וויאזוי מע דארף קעגן אים קעמפן.

דעם טאָג פון 9־טן יאנואר האָט מען אָנגעהויבן רופן „דער בלוטיקער זונטאג". דעם 9־טן יאנואר האָבן די ארבעטער באקומען א בלוטיקע לעקציע. אין דעם דאָזיקן טאָג איז צעשאָסן געוואָרן דאָס גלויבן פון די ארבעטער אינם קייסער. זיי האָבן פארשטאנען, אז נאָר דורך קאמף קאָן מען זיך דערשלאָגן רעכט פאר זיך. שוין אָוונט־צו דעם 9־טן יאנואר האָט מען אין די ארבעטער־ראיאָנען גענומען בויען באריקאדן. די ארבעטער האָבן געזאָגט: „דער קייסער האָט אונז אײַנגעקאטשעוועט, נו — וועלן מיר אים אויך אײַנקאטשעווען!"

די שרעקלאכע ידיעה וועגן דער בלוטיקער רציחה פונם קייסער האָט זיך צעטראָגן אומעטום. צאָרן און האס האָבן ארומגעכאפט דעם גאנצן ארבעטער־קלאס, דאָס גאנצע לאנד. עס איז ניט געווען קיין איין שטאָט, וואו די ארבעטער זאָלן ניט האָבן געשטרײַקט, ווי א צייכן פון פראָטעסט קעגן דער רציחה פונם קייסער, און וואו זיי זאָלן ניט האָבן ארויסגעשטעלט קיין פאָליטישע פאָדערונגען. די ארבעטער זײַנען איצט געגאנגען אויף דער גאס מיטן לאָזונג „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג". די צאָל שטרײַקער האָט אין יאנואר דערגרייכט א ריזיקע ציפער — 440 טויזנט. פאר איין חודש האָבן געשטרײַקט מער ארבעטער, איידער פארן גאנצן פאָריקן יאָרצענדליק. די ארבעטער־באַוועגונג האָט זיך אויפגעהויבן אויף א קאָלאָסאלער הויך.

אין רוסלאנד האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע.

## 2. די פּאָליטישע שטרייקס און דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטער. דער אָנוואוקס פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון די פויערים. דער אויפשטאַנד אויף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין“.

נאָכן 9־טן יאַנואַר האָט דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף פון די אַרבעטער אָנגענומען אַ מער שאַרפן, פּאָליטישן כאַראַקטער. פון עקאָנאָמישע שטרייקס און סאָלידאַריטעט־שטרייקס האָבן די אַרבעטער גענומען אַריבערגיין צו פּאָליטישע שטרייקס, צו דעמאָנסטראַציעס, און ערטערווייז — צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דעם צאַרישן מיליטער. אַ באַזונדערס עקשנות'דיקן און אָרגאַניזירטן כאַראַקטער האָבן די שטרייקס געהאַט אין די גרויסע שטעט, וואו עס זיינען געווען קאָנצענטרירט באַדייטנדיקע מאַסן אַרבעטער, — אין פּעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע, ריגע, באַקו. אין די ערשטע רייען פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט זיינען געגאַנגען די מעטאַליסטן. די פּאָרגעשריטענע אָטריאַדן אַרבעטער האָבן מיט זייערע שטרייקס פאַנאַנדערגעוועקט די ווייניקער באַוואוסטזיניקע שיכטן, אויפגעהויבן צום קאַמף דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. דער איינפלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז גיך געוואַקסן.

די ערשטמאַיאיקע דעמאָנסטראַציעס זיינען אין אַ ריי ערטער באַגלייט געווען פון צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיטן מיליטער. אין וואַרשע זיינען אין רעזולטאַט פון צעשיסן די דעמאָנסטראַציע געווען עטלאַכע הונדערט דערהאַרגעטע און פאַרוואונדעטע. אויף דער צעשיסונג אין וואַרשע האָבן די אַרבעטער, לויטן רוף פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, געענטפערט מיט אַן אַלגעמיינעם פּראָטעסט־שטרייק. אין פאַרלויף פון גאַנץ מאַי האָבן ניט אויפגעהערט די שטרייקס און די דעמאָנסטראַציעס. אין די מאַי־שטרייקס אין רוסלאַנד האָבן אָנטיילגענומען העכער 200 טויזנט אַרבעטער. די אַרבעטער פון באַקו, לאָדז, איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך אַן אַלגעמיינעם שטרייק. אָלץ אָפטער האָבן די שטרייקנדיקע אַרבעטער און דעמאָנסטראַנטן געהאַט צוזאַמענשטויסן מיטן צאַרישן מיליטער. אַזעלכע צוזאַמענשטויסן זיינען געווען אין אַ ריי שטעט — אין אָדעס, וואַרשע, ריגע, לאָדז און אַנדערע.

אַ באַזונדערס שאַרפן כאַראַקטער האָט דער קאַמף אָנגענומען אינם גרויסן אינדוסטריעלן צענטער פון פּוילן — אין דער שטאָט לאָדז. די אַרבעטער פון לאָדז האָבן באַדעקט די שטאָטישע גאַסן מיט צענדליקער באַריקאַדן און האָבן דריי טעג (22—24 יוני 1905־טן יאָר) געפירט גאַסן־שלאַכטן קעגן צאַרישן מיליטער. די באַוואָפנטע אַרויסטרעטונג האָט זיך דאָ צונויפגעגאָסן מיטן אַלגעמיינעם שטרייק. לענין האָט די לאָדזשע שלאַכטן געהאַלטן פאַר דעם ערשטן באַוואָפנטן אַרויסטריט פון די אַרבעטער אין רוסלאַנד.

צווישן די זומער־שטרייקס צייכנט זיך באַזונדערס אויס דער שטרייק פון

די איוואַנאָוואָ=וואָזנעסענסקער אַרבעטער. ער האָט געדויערט פון סוף מאַי ביז אָנהויב אויגוסט 1905=טן יאָר, דאָס הייסט, כמעט צוויי און א האלב חדשים. אינם שטרייק האָבן אָנטיילגענומען ביי 70 טויזנט אַרבעטער; צווישן זיי זיינען געווען פיל פרויען. מיטן שטרייק האָט אָנגעפירט דער צפון'דיקער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס. כמעט יעדן טאָג פלעגן הינטער דער שטאָט, אויפן טייך טאַלקאַ, זיך צונויפזאַמלען טויזנטער אַרבעטער. דאָ, אויף די פאַרזאַמלונגען, פלעגן זיי באַהאַנדלען זייערע אַרבעטער=נויטן. אויף די פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטער פלעגן אַרויסטרעטן באָלשעוויקעס. כדי צו דערשטיקן דעם שטרייק, האָט די צאַרישע מאַכט באַפוילן דעם מיליטער צעטרייבן די אַרבעטער, שיסן אין זיי. עס זיינען דערהאַרגעט געוואָרן עטלאַכע צענדליק און פאַרוואונדעט געוואָרן עטלאַכע הונדערט אַרבעטער. די שטאָט איז דערקלערט געוואָרן אין באַלאַגערונגס=צושטאַנד. די אַרבעטער האָבן זיך אָבער געהאַלטן פעסט און זיינען צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען. די אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס האָבן געהונגערט, נאָר זיי האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. בלויז דער העכסטער גראַד אויסצערונג האָט געצוואונגען די אַרבעטער שטעלן זיך צו דער אַרבעט. דער שטרייק האָט פאַרהאַרטעוועט די אַרבעטער; ער האָט באַוויזן א מוסטער פון מוט, פעסטקייט, אויסגעהאַלטנקייט, סאָלידאַריטעט פונם אַרבעטער=קלאַס. ער האָט געדינט ווי אן עכטע שול פון פאָליטישער דערציאונג פאַר די איוואַנאָווא=וואָזנעסענסקער אַרבעטער.

אינם פערלויף פון דעם דאָזיקן שטרייק האָבן די איוואַנאָוואָ=וואָזנעסענסקער אַרבעטער געשאַפן א ראַט פון באַפולמעכטיקטע, וועלכער איז פאַקטיש געווען איינער פון די ערשטע סאָוועטן פון אַרבעטער=דעפוטאַטן אין רוסלאַנד.

די פּאָליטישע שטרייקס פון די אַרבעטער האָבן אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע לאַנד. באַלד נאָך דער שטאָט האָט זיך גענומען אויפהויבן דאָס דאָרף. פון פרילינג האָבן זיך אָנגעהויבן פויערים=אומרוען. די פויערים זיינען אין ריזיקע המונים געגאַנגען קעגן די פּריצים, געשמעטערט זייערע גיטער, די צוקער= און בראַנפן=זאַוואָדן, געצונדן די פּריצ'ישע פּאַלאַצן און הויפן. אין א ריי ערטער האָבן די פויערים פאַרכאַפּט די פּריצ'ישע ערד, געהאַקט מאַסנווייז וואַלד, געפאָדערט, אז מע זאָל איבערגעבן דעם פּאָלק די ערד פון די פּריצים. די פויערים האָבן פאַרכאַפּט פּריצ'יש ברויט און אַנדער פּראָוויאַנט און פאַרטיילט עם צווישן די הונגערנדיקע. די פּריצים זיינען פון פּחד געווען געצוואונגען צו לויפן אין די שטעט. די צאַרישע רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט סאָלדאַטן און קאָזאַקן צו דערשטיקן די אויפשטאַנדן פון די פויערים. דאָס מיליטער פלעגט צעשיסן פויערים, אַרעסטירן די „זאַטשינשטשיקעס“ (איניציאַטאָרן), שמייסן און פייניקן זיי. די פויערים האָבן אָבער ניט אויפגעהערט צו קעמפן.

די באַוועגונג פון די פויערים האָט זיך גענומען אַלץ ברייטער פאַרשפּרייטן אין צענטער פון רוסלאַנד, אין ביי=וואָלגע, אין טראַנסקאַווקאַז, באַזונדערס אין גרוזיע.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אַלץ טיפער גענומען אַרײַנדרינגען אין דאָרף. דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווענדונג צו די פּויע־רים: „פּויערים, צו אײַך איז געווענדט אונזער וואָרט". די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע קאָמיטעטן אין טווערער, סאַראַטאָווער, פּאָלטאַווער, טשערניגאָווער, יעקאַטערינאָסלאַווער, טיפליסער און פיל אַנדערע גובערניעס האָבן אַרויס־געלאָזט אויפרופן צו די פּויערים. אין די דערפער פלעגן די סאָציאַל־דעמאָק־ראַטן אײַנאָרדענען פאַרזאַמלונגען, אָרגאַניזירן קרײַזלאַך פון פּויערים, שאַפן פּויערים־קאָמיטעטן. זומער 1905־טן יאָר זײַנען אין אַ ריי ערטער פאָרגע־קומען שטרײַקס פון די לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעטער, אָרגאַניזירט דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

דאָס איז אָבער געווען בלויז אַן אָנהויב פונם פּויערשן קאַמף. די פּויע־רים־באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט בלויז 85 אויעזדן, דאָס הייסט, אַן ערך אַ זיבעטל פון דער גאַנצער צאָל אויעזדן פונם אייראָפּעאישן טייל פון צאַרישן רוסלאַנד.

די אַרבעטער־ און פּויערים־באַוועגונג און די ריי מפּלות פונם רוסישן מי־ליטער אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָבן געהאַט זייער ווירקונג אויף דער אַרמיי. אָט דער אָנשפּאַר פונם צאַריזם האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

אין יוני 1905־טן יאָר איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד אינם שוואַרץ־ים'ישן פלאָט, אויף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין". די פּאַנצער־שיף איז אין דער דאָזיקער צײַט געשטאַנען ניט ווײַט פון אָדעס, וואו עס איז פאָר־געקומען אַן אַלגעמיינער שטרײַק פון די אַרבעטער. די אויפגעשטאַנענע מאַט־ראָסן האָבן זיך צערעכנט מיט די פון זיי אַממערסטן פאַרהאַסטע אָפיצירן און האָבן געבראַכט די פּאַנצער־שיף קיין אָדעס. די פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין" איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער זײַט פון דער רעוואָלוציע.

לענין האָט צוגעגעבן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג. ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן אָנפירן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג, זאָלן זי פאַרבינדן מיט דער באַוועגונג פון די אַרבעטער, פּויערים און אָרטיקע גאַרניזאָנען.

דער קייסער האָט אַרויסגעשיקט קעגן „פּאָטיאָמקינען" קריגס־שיפן; די מאַטראָסן פון די דאָזיקע שיפן האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו שיסן אין זייע־רע אויפגעשטאַנענע חברים. עטלאַכע טעג האָט אויף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין" געפלאַטערט די רויטע פאָן פון דער רעוואָלוציע. נאָר דעמאָלט, אין יאָר 1905, איז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס ניט געווען די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג, ווי דאָס איז געווען שפּעטער, אין יאָר 1917. אויפן „פּאָטיאָמקין" זײַנען געווען ניט ווייניק מענשעוויקעס, עסערן און אַנאַרכיסטן. דעריבער איז, ניט געקוקט דערויף, וואָס אינם אויפשטאַנד האָבן אָנטיילגענומען איינצלנע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט ער דאָך ניט גע־האַט קיין ריכטיקע און גענוג דערפאַרענע אָנפירונג. אַ טייל מאַטראָסן האָט

זיך אין די אנטשיידנדיקע מאָמענטן א וואקל געטאָן. די איבעריקע שיפן פונם שווארץ־ים'ישן פלאָט זײַנען ניט צוגעשטאנען צו דער אויפגעשטאנענער פאנ־צער־שיף. ניט האָבנדיק קיין קוילן און קיין פּראָוויזיע, איז די רעוואָליוציאָ־נערע פאנצער־שיף געווען געצוואונגען אוועקגיין צו די ברעגן פון רומעניע און זיך אונטערגעבן דער רומענישער מאכט.

דער אויפשטאנד פון די מאטראָסן אויף דער פאנצער־שיף „פּאָטיאָמקין“ האָט זיך פארענדיקט מיט א מפּלה. די מאטראָסן, וואָס זײַנען נאָכדעם אריינ־געפאלן אין די הענט פון דער צארישער רעגירונג, זײַנען איבערגעגעבן גע־וואָרן צום געריכט. א טייל איז געקעפּט געוואָרן, א טייל איז פארשיקט גע־וואָרן אויף קאטאָרגע. נאָר דער עצם פאקט פון דעם אויפשטאנד האָט גע־האט אן אויסשליסלאך־וויכטיקע באדײַטונג. דער אויפשטאנד אויף דער פאנ־צער־שיף „פּאָטיאָמקין“ איז געווען די ערשטע רעוואָליוציאָנערע מאסן־ארויס־טרעטונג אין דער ארמיי און פלאָט, דער ערשטער אריבערגאנג פון א גרויסן צארישן מיליטער־טייל אויף דער זײַט פון דער רעוואָליוציע. דער דאָזיקער אויפשטאנד האָט פאר די ארבעטער־ און פּויערים־מאסן און באזונדערס פאר די סאָלדאטן־ און מאטראָסן־מאסן גופא געמאכט מער פארשטענדלאך און נע־ענטער דעם געדאנק וועגן דער פאראייניקונג פון דער ארמיי און פלאָט צום ארבעטער־קלאס, צום פאָלק.

דער אריבערגאנג פון די ארבעטער צו פּאָליטישע מאסן־שטרײַקס און דע־מאָנסטראציעס, די פארשטארקונג פון דער פּויערים־באוועגונג, די באוואָפנטע צוזאמענשטויסן פונם פאָלק מיט דער פּאָליציי און מיטן מיליטער, ענדלאך, דער אויפשטאנד אינם שווארץ־ים'ישן פלאָט, — דאָס אלץ האָט גערעדט וועגן דעם, אז עס ווערן רײַף די באדינגונגען פאר א באוואָפנטן אויפשטאנד פונם פאָלק. דער דאָזיקער אומשטאנד האָט געצוואונגען די ליבעראלע בור־זשואזיע ערנסט זיך א ריר צו טאָן. מורא האָבנדיק פאר דער רעוואָליוציע און צוזאמען דערמיט שרעקנדיק דעם קייסער מיט רעוואָליוציע, האָט זי גע־זוכט אן אויסגלײַך מיטן קייסער קעגן דער רעוואָליוציע און האָט געפאָדערט קליינע רעפאָרמען „פארן פאָלק“, כדי צו „בארואיקן“ דאָס פאָלק, צעשפּאלטן די כחות פון דער רעוואָליוציע און דערמיט גופא באוואָרענען זיך קעגן דעם „שוידער פון דער רעוואָליוציע“. „מע דארף צושנײַדן ערד די פּויערים, אניט וועלן זיי אונז צעשנײַדן“, — האָבן געזאָגט די ליבעראלע פּריצים. די ליבע־ראלע בורזשואזיע האָט זיך געגרייט צו טיילן די מאכט מיטן קייסער. „דער פּראָ־לעטאריאט קעמפט, די בורזשואזיע גנב'עט זיך צו דער מאכט“, — האָט לענין געשריבן אין די דאָזיקע טעג וועגן דער טאקטיק פונם ארבעטער־קלאס און דער טאקטיק פון דער ליבעראלער בורזשואזיע.

די צארישע רעגירונג האָט פאָרגעזעצט שטיקן די ארבעטער און פּויערים מיט גרויזאמער אכזריות. זי האָט אָבער ניט געקאָנט ניט זען, אז בלויז מיט רעפּרעסיעס איז ניט מעגלאך צו ספּראווען זיך מיט דער רעוואָליוציע. דערי־

בער האָט זי צוגלײַך מיט די רעפּרעסיעס גענומען אָנווענדן די פּאָליטיק פון לאווירן. פון איין זײַט, האָט זי מיט דער הילף פון אירע פּראָוואָקאַטאָרן גענומען אָנרייצן איינס אויף דאָס אנדערע די פעלקער פון רוסלאַנד, אײַנאָרדענענדיק *אידישע פּאָגראָמען און אן ארמעניש-טאָטערישע שחיטה. פון דער אנדערער זײַט, האָט זי צוגעזאָגט צונויפרופן א „פארטרעטונגס-אינסטיטוציע" אין דער פאָרם פון א „זעמסקי סאָבאָר" אָדער פון א מלוכה-דומע און האָט באאויפטראָגט דעם מיניסטער בוליגין פאנאנדערצוארבעטן א פּראָיעקט פון אזא דומע, דערבײַ אָבער אויף אזא אופן, אז די דאָזיקע דומע זאָל ניט האָבן קיין געזעצגעבערישע רעכט. די אלע מאָס-מיטלען זײַנען פארגענומען געוואָרן, כדי צו צעשפּאלטן די כחות פון דער רעוואָליוציע און אָפּצורײַסן פון דער רעוואָליוציע די מעסיקע שיכטן פונם פאָלק.

די באָלשעוויקעס האָבן דערקלערט א באָיקאָט דער בוליגינישער דומע, שטעלנדיק זיך פאר א ציל אראָפּצורײַסן די דאָזיקע קאריקאטור אויף א פאָלקס-פארטרעטונג.

די מענשעוויקעס, פארקערט — האָבן באשלאָסן ניט אראָפּצורײַסן די דומע און האָבן געהאלטן פאר נויטיק צו באטייליקן זיך אין איר.

### 3. די טאקטישע מיינונגס-פארשיידנהײַטן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. דער דריטער צוזאמענפאָר פון דער פארטיי. לענינס בוך „צוויי טאקטיקעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע אין דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע". די טאקטישע יסודות פון דער מארקסיסטישער פארטיי.

די רעוואָליוציע האָט געבראכט אין באוועגונג אלע קלאסן פון דער געזעלשאפט. דער קער אינם פּאָליטישן לעבן פונם לאנד, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דער רעוואָליוציע, האָט זיי אראָפּגערוקט פון די אלטע, אײַנגעזעסענע פּאָזיציעס און זיי געצוואונגען צו איבערגרופּירן זיך, צוגעפּאסט צו דער נײַער סיטואציע. יעדער קלאס, יעדע פארטיי האָבן זיך באמיט אויסצוארבעטן אן אייגענע טאקטיק, אן אייגענע ליניע פון אויפפירונג, אן אייגענע באציאונג צו די אנדערע קלאסן, און אייגענע באציאונג צו דער רעגירונג. אפילו די צארישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען אויסצוארבעטן איר אייגענע, אומגעוואוינלאכע פאר איר, נײַע טאקטיק, צוזאָגנדיק צונויפצורופן א „פארטרעטונגס-אינסטיטוציע" — די בוליגינישע דומע.

עס איז נויטיק געווען אויך דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פארטיי אויסצוארבעטן איר אייגענע טאקטיק. דאָס האָט געפאָדערט דער אָנוואקסנדיקער אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציע. דאָס האָבן געפאָדערט די דרינגענדיקע פּראק-

טישע פראגן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פארן פּראָלעטאריאט: וועגן אָרגאניזירן א באוואָפנטן אויפשטאנד, וועגן אראָפּווארפן די צארישע רעגירונג, וועגן שאפן א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, וועגן דעם אָנטייל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע אין דער דאָזיקער רעגירונג, וועגן דער באציאונג צום פּויערטום, וועגן דער באציאונג צו דער ליבעראלער בורזשואזיע א.ד.ג. עס איז נויטיק געווען אויסצוארבעטן אַן אייגהײַטלאכע און דורכגעטראכטע מארקסיסטישע טאקטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע.

צוליב דעם אָפּאָרטוניזם און די שפּאלטונגס-אקציעס פון די מענשעוויקעס האָט אָבער די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראטיע זיך ארויסגעוויזן אין דער דאָזיקער צײַט צעשפּאָלטן אויף צוויי פראקציעס. די שפּאלטונג האָט מען נאָך ניט געקאָנט האלטן פאר א פולשטענדיקער, און די דאָזיקע צוויי פראקציעס זײַנען נאָך פאָרמעל ניט געווען קיין צוויי פארשיידענע פּארטייען; פאקטיש האָבן זיי אָבער שטארק דערמאָנט אָן צוויי פארשיידענע פּארטייען, וואָס האָבן זייערע אייגענע צענטערס, זייערע אייגענע צײַטונגען.

דער פארטיפערונג פון דער שפּאלטונג האָט מיטגעהאָלפן דער אומשטאנד, וואָס די מענשעוויקעס האָבן צו זייערע אלטע מיינונגס-פארשיידנהייטן מיט דער מערהײַט פון דער פּארטיי איבער די אָרגאניזאציאָנעלע פראגן צוגעגעבן נײַע מיינונגס-פארשיידנהײַטן, — מיינונגס-פארשיידנהייטן איבער טאקטישע פראגן.

די אָפּוועזנקײַט פון אַן אייגהײַטלאכער פּארטיי האָט געבראכט צו דער אָפּוועזנקײַט פון אַן אייגהײַטלאכער פּארטיי-טאקטיק.

מע וואָלט געקאָנט געפינען אַן אויסוועג פון דער לאגע, ווען מע זאָל תיכף צונויפרופן דעם אָרדנטלאכן דריטן צוזאמענפאָר פון דער פּארטיי, אײַנשטעלן אויפן צוזאמענפאָר אַן אייגהייטלאכע טאקטיק און פארפליכטן די מינדערהײַט ערלאך דורכצופירן אין לעבן די באשלוסן פונם צוזאמענפאָר, אונטערוואַרפן זיך די באשלוסן פון דער מערהײַט פונם צוזאמענפאָר. גראָד דעם דאָזיקן אויסוועג האָבן טאקע די באָלשעוויקעס פאָרגעלייגט די מענשעוויקעס. נאָר די מענשעוויקעס האָבן אפילו ניט געוואָלט הערן וועגן א דריטן צוזאמענפאָר. האלטנדיק פאר א פארברעכן איבערצולאָזן אויף ווײַטער די פּארטיי אָן א טאקטיק, וואָס זאָל זײַן באוויליקט פון דער פּארטיי און אָבליגאטאָריש פאר אלע פּארטיי-מיטגלידער, האָבן די באָלשעוויקעס באשלאָסן נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פון צונויפרופן דעם דריטן צוזאמענפאָר.

אויפן צוזאמענפאָר זײַנען אײַנגעלאדן געוואָרן אלע אָרגאניזאציעס פון דער פּארטיי, ווי די באָלשעוויסטישע, אזוי אויך די מענשעוויסטישע. די מענשעוויקעס האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אינם דריטן צוזאמענפאָר און האָבן באשלאָסן צונויפרופן זייערן אַן אייגענעם צוזאמענפאָר. זיי האָבן זייער צוזאמענפאָר אָנגערופן קאָנפערענץ, ווײַל בײַ זיי האָט זיך ארויסגעוויזן ווייניק דעלעגאטן; פאקטיש איז עס אָבער געווען א צוזאמענפאָר, א

פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון די מענשעוויקעס, וואָס די באַשלוסן זײַנע האָבן זיך גערעכנט אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע מענשעוויקעס.

אין אַפּריל 1905־טן יאָר איז אין לאָנדאָן צונויפגערופן געוואָרן דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אויפן צוזאַמענפאָר זײַנען זיך צונויפגעפאָרן 24 דעלעגאַטן פון 20 באָלשעוויסטישע קאָמיטעטן. עס זײַנען געווען פאָרגעשטעלט אַלע גרויסע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי.

דער צוזאַמענפאָר האָט פאַראורטיילט די מענשעוויקעס, ווי א „זיך אָפּגעשפּאָלטענעם טייל פון דער פּאַרטיי", און איז אַריבער צו די אָרדנטלאַכע פראַגן פון אויסאַרבעטן די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי.

גלײַכצײַטיק מיטן צוזאַמענפאָר האָט אין זשענעווע זיך פאַרזאַמלט די קאָנפערענץ פון די מענשעוויקעס.

„צוויי צוזאַמענפאָרן — צוויי פּאַרטייען", — אַזוי האָט באַשטימט די לאַגע לענין.

אי דער צוזאַמענפאָר, אי די קאָנפערענץ האָבן, אין תוך גענומען, באַהאַנדלט איינע און די זעלבע טאַקטישע פראַגן. נאָר באַשלוסן איבער די דאָזיקע פראַגן זײַנען אָנגענומען געוואָרן פון א דירעקט־קעגנזעצלאַכן כאַראַקטער. די צוויי פאַרשיידענע רייען רעזאָלוציעס, וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר און אויף דער קאָנפערענץ, האָבן אויפגעדעקט די גאַנצע טיפקײַט פון די טאַקטישע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן צווישן דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי און דער קאָנפערענץ פון די מענשעוויקעס, צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס.

אָט זײַנען די גרונט־פּונקטן פון די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן.

די טאַקטישע ליניע פונם דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַלטן, אַז, ניט געקוקט אויפן בורזשואַז־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דער פאָרקומענדיקער רעוואָלוציע, ניט געקוקט דערויף, וואָס זי קאָן ניט אינם געגעבענעם מאָמענט אַרויסגיין פון די ראַמען פון דעם, וואָס עס איז דערלאָזבאַר בײַם קאַפּיטאַליזם, איז אין דעם פולשטענדיקן זיג אירן פאַראינטערעסירט פריִער פון אַלץ דער פּראָלעטאַריאַט, ווײַל דער זיג פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע וואָלט געגעבן דעם פּראָלעטאַריאַט די מעגלאַכקײַט צו אָרגאַניזירן זיך, אויפצוהויבן זיך פּאָליטיש, באַקומען דערפאַרונג און געוואוינהײַטן פון פּאָליטישער אָנפירונג מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן און אַריבערגיין פון דער רעוואָלוציע דער בורזשואַזער צו א רעוואָלוציע א סאָציאַליסטישער.

די טאַקטיק פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אויסגערעכנט אויפן פולשטענדיקן זיג פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, קאָן אונטערגעשטיצט ווערן בלויז פונם פויערטום, ווײַל דאָס פויערטום קאָן ניט אָפּרעכענען זיך מיט די פּריצים און באַקומען די פּריצ'ישע ערד אָן א פולשטענ־

דיקן זיג פון דער רעוואָלוציע. דאָס פויערטום איז דעריבער א נאטירלאכער פארבינדעטער פונם פראָלעטאריאט.

די ליבעראלע בורזשואזיע איז ניט פאראינטערעסירט אינם פולשטענדיקן זיג פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע, ווייל זי דארף האָבן די צארישע מאכט ווי א בייטש קעגן די ארבעטער און פויערים, פאר וועמען זי האָט מער פון אלץ מורא, און זי וועט זיך באמיִען איינצוהיטן די צארישע מאכט, באגרעגעצנדיק זי עטוואָס אין רעכט. דעריבער וועט די ליבעראלע בורזשואזיע זיך באמיִען צו פארענדיקן די זאך דורך אן אויסגלייך מיטן קייסער אויף דער באזע פון א קאָנסטיטוציִאָנעלער מאָנארכיע.

די רעוואָלוציע וועט זיגן בלויז אין דעם פאל, ווען בראש פון איר וועט שטיין דער פראָלעטאריאט, ווען דער פראָלעטאריאט, ווי דער פירער פון דער רעוואָלוציע, וועט קענען זיכערן א בונד מיטן פויערטום, ווען די ליבעראלע בורזשואזיע וועט זיין איזאָלירט, ווען די סאָציִאַל-דעמאָקראטיע וועט נעמען אן אקטיוון אָנטייל אין דער זאך פון אָרגאניזירן דעם פאָלקס-אויפשטאנד קעגן דעם צאריזם, ווען אין רעזולטאט פונם זיגרייכן אויפשטאנד וועט געשאפן ווערן א צייטווייליקע רעוואָלוציִאָנערע רעגירונג, וואָס איז פייאיק ארויסצורייסן די וואָרצלען פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע און צונויפרופן אן אלפאָלקישע גרינדונגס-פארזאמלונג, ווען די סאָציִאַל-דעמאָקראטיע וועט זיך ניט אָפזאָגן ביי גינסטיקע באדינגונגען צו באטייליקן זיך אין דער צייטווייליקער רעוואָלוציִאָנערער רעגירונג, כדי צו דערפירן די רעוואָלוציע ביזן סוף.

**די טאקטישע ליניע פון דער קאָנפערענץ פון די מענשעוויקעס.** אזוי ווי די רעוואָלוציע איז א בורזשואזע, קאָן דער פירער פון דער רעוואָלוציע זיין בלויז די ליבעראלע בורזשואזיע. ניט מיטן פויערטום דארף זיך דערנעענטערן דער פראָלעטאריאט, נאָר מיט דער ליבעראלער בורזשואזיע. דער עיקר איז דאָ — ניט אָפשרעקן די ליבעראלע בורזשואזיע מיט דער אייגענער רעוואָלוציִאָנערישקייט און ניט געבן איר קיין מאָטיוו פאר אָפשאָקלען זיך פון דער רעוואָלוציע, ווייל אויב זי וועט זיך אָפשאָקלען פון דער רעוואָלוציע, וועט די רעוואָלוציע אָפגעשוואכט ווערן.

עס איז מעגלאך, אז דער אויפשטאנד וועט זיגן, נאָר די סאָציִאַל-דעמאָקראטיע דארף נאָכן זיג פונם אויפשטאנד אָפגיין אָן א זייט, כדי ניט אָפצושרעקן די ליבעראלע בורזשואזיע. ס'איז מעגלאך, אז אין רעזולטאט פונם אויפשטאנד וועט געשאפן ווערן א צייטווייליקע רעוואָלוציִאָנערע רעגירונג, נאָר די סאָציִאַל-דעמאָקראטיע דארף אין קיין פאל ניט אָנטיילנעמען אין איר, ווייל די דאָזיקע רעגירונג וועט ניט זיין קיין סאָציִאַליסטישע לויט איר כאראקטער, און דער עיקר, — וואָס מיט איר אָנטייל אין דער רעגירונג און מיט איר רעוואָלוציִאָנערישקייט קאָן די סאָציִאַל-דעמאָקראטיע אָפשרעקן די ליבעראלע בורזשואזיע און דערמיט אונטעררייסן די רעוואָלוציע.

פון שטאנדפונקט פון די פערספעקטיוון פון דער רעוואָליוציע וואָלט בע־סער געווען, ווען עס וואָלט צונויפגערופן געוואָרן א וועלכע־עס־איז פאר־טרעטונגס־אינסטיטוציע, א מין „זעמסקי סאָבאָר" אָדער א מלוכה־דומע, אויף וועלכער דער ארבעטער־קלאס וואָלט געקאָנט מאכן א דרוק פון אויס, כדי צו פארוואנדלען זי אין א גרינדונגס־פארזאמלונג אָדער שטויסן זי דערצו, אז זי זאָל צונויפרופן א גרינדונגס־פארזאמלונג.

דער פּראָלעטאריאט האָט זיך זײַנע באזונדערע, ריין ארבעטער־אינטערעסן, און ער וואָלט זיך געדארפט באשעפטיקן מאקע מיט די דאָזיקע אינטערעסן און ניט פרואוון ווערן דער פירער פון דער בורזשואזער רעוואָליוציע, וועלכע איז אן אלגעמיין־פּאָליטישע רעוואָליוציע און וועלכע האָט א שייכות, דעריבער, צו אלע קלאסן און ניט בלויז צום פּראָלעטאריאט.

אָט דאָס זײַנען געווען, אינקורצן, די צוויי טאקטיקעס פון די צוויי פראק־ציעס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעטער־פארטיי.

א קלאסישע קריטיק פון דער טאקטיק פון די מענשעוויקעס און א גע־ניאלע באגרינדונג פון דער באָלשעוויסטישער טאקטיק האָט געגעבן לענין אין זײַן היסטאָרישן בוך „צוויי טאקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אין דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע".

דער בוך איז דערשינען אין יולי 1905־טן יאָר, דאָס הייסט, אין צוויי חדשים ארום נאָכן דריטן צוזאמענפאָר פון דער פארטיי. אורטיילנדיק לויטן נאָמען פונם בוך, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז לענין באריירט דאָ די פראגן פון דער טאקטיק בלויז פונם פעריאָד פון דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע און האָט אין זינען נאָר די רוסישע מענשעוויקעס. אינדער'אמת'ן אָבער האָט ער, קריטיקירנדיק די טאקטיק פון די מענשעוויקעס, צוזאמען דער־מיט אויך דעמאסקירט די טאקטיק פונם אינטערנאציאָנאלן אָפּאָרטוניזם; בא־גרינדנדיק, ווידער, די טאקטיק פון די מארקסיסטן אינם פעריאָד פון דער בור־זשואזער רעוואָליוציע און דורכפירנדיק דעם אונטערשייד צווישן א רעוואָליו־ציע א בורזשואזער און א רעוואָליוציע א סאָציאַליסטישער, — האָט ער צו־זאמען דערמיט פאָרמולירט די יסודות פון דער מארקסיסטישער טאקטיק אינם פעריאָד פונם אריבערגאנג פון א רעוואָליוציע א בורזשואזער צו א רעוואָליוציע א סאָציאַליסטישער.

אָט דאָס זײַנען די טאקטישע גרונט־הנחות, וואָס לענין האָט אנטוויקלט אין זײַן בראָשור „צוויי טאקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אין דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע".

1) די טאקטישע גרונט־הנחה, וואָס דרינגט אדורך לענינס בוך, איז די אידייע וועגן דעם, אז דער פּראָלעטאריאט קען און דארף זײַן דער פירער פון דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, דער אָנפירער פון דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין רוסלאנד.

לענין האָט אָנערקענט דעם בורזשואזן כאראקטער פון דער דאָזיקער רע־

וואָליוציע, ווײַל זי איז, ווי ער האָט אָנגעוויזן, „ניט פּייאיק אומ מיטלבאר ארויסצוגייען פון די ראמען פון בלויז א דעמאָקראטישער איבערקערעניש".
ער האָט אָבער געהאַלטן, אז זי איז ניט קיין רעוואָליוציע פון אן אויבער־שיכט, נאָר א פאָלקס־רעוואָליוציע, אזא, וואָס ברענגט אין באוועגונג דאָס גאנצע פאָלק, דעם גאנצן ארבעטער־קלאַס, דאָס גאנצע פויערטום. דעריבער האָט לענין געהאַלטן פאר א פארראַט בנוגע די אינטערעסן פונם פּראָלעטאריאַט די פּרואוון פון די מענשעוויקעס צו פארמינערן די באדײַטונג פון דער בורזשואזער רעוואָליוציע פארן פּראָלעטאריאַט, אראָפּצוזעצן די ראָלע פונם פּראָלעטאריאַט אין איר און באזײַטיקן פון איר דעם פּראָלעטאריאַט.

„דער מארקסיזם, האָט לענין געשריבן, לערנט דעם פּראָלעטאריער ניט צו באזײַטיקן זיך פון דער בורזשואזער רעוואָליוציע, ניט גלײַכ־גילטיק באציִען זיך צו איר, ניט אָפּגעבן די אָנפירונג אין איר דער בורזשואזיע, נאָר, פארקערט, — העכסט ענערגיש אָנטיילנעמען, אויפן אנטשיידנסטן אופן קעמפן פארן קאָנזעקווענטן פּראָלעטארישן דעמאָק־ראטיזם, פאר דערפירן די רעוואָליוציע ביזן סוף" (לענין, ב. VIII, ז. 58, רוסיש).

„מיר דארפן ניט פארגעסן, האָט לענין ווײַטער געשריבן, אז ס'איז ניטאָ און עס קאָן ניט זײַן בײַ דער איצטיקער צײַט קיין אנדער מיטל צו דערגרייכן דעם סאָציאַליזם, ווי פולשטענדיקע פּאָליטישע פרײַ־הײַט, ווי א דעמאָקראטישע רעפּובליק" (דאָרטן, ז. 104).

לענין האָט פאָראויסגעזען צוויי מעגלאכע אויסגאנגען פון דער רעוואָליוציע:

א) אָדער די זאך וועט זיך ענדיקן מיט אן אנטשיידנעם זיג איבערן צאריזם, מיט אראָפּוואַרפן דעם צאריזם און אײַנשטעלן א דעמאָקראטישע רעפּובליק;

ב) אָדער, אויב ס'וועט ניט קלעקן קיין כּוח, קאָן זיך די זאך ענדיקן מיט אן אויסגלײַך צווישן קייסער מיט דער בורזשואזיע אויפן חשבון פונם פאָלק, מיט עפּעס אן ארומגעשניטענער קאָנסטיטוציע, גיכער פאר אלץ — מיט א קאריקאטור אויף אזא קאָנסטיטוציע.

דער פּראָלעטאריאַט איז פאראינטערעסירט אין א בעסערן אויסגאנג, דאָס הייסט אין אן אנטשיידענעם זיג איבערן צאריזם. אזא אויסגאנג איז אָבער מעגלאך בלויז אין דעם פאל, ווען דער פּראָלעטאריאַט וועט קענען ווערן דער פירער, דער אָנפירער פון דער רעוואָליוציע.

„דער אויסגאנג פון דער רעוואָליוציע, האָט לענין געשריבן, הענגט אָפּ דערפון, צי דער ארבעטער־קלאַס וועט שפּילן די ראָלע פון א מיטהעלפער פון דער בורזשואזיע, א מעכטיקן לויט דער קראַפט פון זײַן אָנדראַנג אויף דער זעלבסטהערשונג, נאָר אן אָנמעכטיקן פּאָלי־טיש, אָדער די ראָלע פון אן אָנפירער פון דער פאָלקס־רעוואָליוציע" (דאָרטן, ז. 32).

לעגין האָט געהאַלטן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט אַלע מעגלאַכקייטן פּטור צו ווערן פון דעם גורל פון אַ מיטהעלפער פון דער בורזשואַזיע און ווערן אַן אָנפירער פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. די דאָזיקע מעגלאַכקייטן באַשטייען לויט לענינען אין פאָלגנדיקן:

ערשטנס, איז „דער פּראָלעטאַריאַט, זייענדיק לויט דער לאַגע זיינער דער אַממערסטן פּאָרגעשריטענער און איינציקער קאָנזעקווענט־רעוואָלוציאָנערער קלאַס, דערמיט גופא באַרופן צו שפּילן אַן אָנפירנדיקע ראָלע אין דער אַלגעמיין־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד" (דאַרטן, ז. 75).

צווייטנס, האָט דער פּראָלעטאַריאַט זיין אייגענע, אומאָפּהענגיקע פון דער בורזשואַזיע, פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס גיט אים די מעגלאַכקייט צו באַהעפטן זיך „אין אַן איינהייטלאַכער און זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער קראַפט" (דאַרטן, ז. 75).

דריטנס, איז דער פּראָלעטאַריאַט מער פאַראינטערעסירט אינם אַנטשיידענעם זיג פון דער רעוואָלוציע, איידער די בורזשואַזיע, וואָס מחמת דעם איז „אין אַ געוויסן זין די בורזשואַזע רעוואָלוציע מער לויגבאַר פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, איידער פאַר דער בורזשואַזיע" (דאַרטן, ז. 57).

„דער בורזשואַזיע לוינט אָנצושפּאַרן זיך, האָט לענין געשריבן, אויף געוויסע רעשטלאַך פונם אַמאָל קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, צום ביישפּיל, אויף דער מאָנאַרכיע, אויף דער שטענדיקער אַרמיי א.ד.ג. דער בורזשואַזיע לוינט, אַז די בורזשואַזע רעוואָלוציע זאָל ניט אָפּראַמען צופיל אַנטשיידן אַלע רעשטלאַך פונם אַמאָל, נאָר זי זאָל איבערלאָזן אייניקע פון זיי, דאָס הייסט, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע זאָל זיין ניט קיין פולשטענדיק קאָנזעקווענטע, זאָל ניט דערגיין ביזן סוף, זאָל ניט זיין אַנטשיידן און אָנ'רחמנות'דיק... דער בורזשואַזיע לוינט בעסער, אַז די נויטיקע איבערגעשטאַלטונגען אין בורזשואַז־דעמאָקראַטישער ריכטונג זאָלן פאָרקומען לאַנגזאַמער, בהדרגה'דיקער, פאָרזיכטיקער, אומאַנטשלאָסענער, דורך רעפאָרמען און ניט דורך אַ רעוואָלוציע... אַז די דאָזיקע איבערגעשטאַלטונגען זאָלן ווי ווייט מעגלאַך ווייניקער אַנטוויקלען די רעוואָלוציאָנערע זעלבסטטעטיקייט, איניציאַטיוו און ענערגיע פונם פּשוט'ן פאָלק, דאָס הייסט, פונם פּויערטום און באַזונדערס פון די אַרבעטער, ווייל אַנדערש וועט די אַרבעטער נאָך גרינגער זיין, ווי די פראַנצויזן זאָגן, „איבערצולייגן די ביקס פון איין אַקסל אויפן צווייטן", דאָס הייסט, ווענדן קעגן דער בורזשואַזיע גופא דאָס זעלבע געווער, מיט וועלכן עס וועט זיי באַזאָרגן די בורזשואַזע רעוואָלוציע, — די זעלבע פרייהייט, וועלכע זי וועט געבן, די זעלבע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, וואָס וועלן אַנטשטיין אויפן באָדן, וואָס איז אָפּגערייניקט פון לייבאייגנטום. פאַרקערט, דעם אַרבעטער־קלאַס

לויט בעסער, אז די נויטיקע איבערגעשטאַלטונגען אין בורזשואַז-דעמאָקראַטישער ריכטונג זאָלן פאָרקומען גראָד ניט אויף א רעפאָרמאַטאָרישן, נאָר אויף א רעוואָליוציאָנערן וועג, ווײַל דער רעפאָרמאַטאָרישער וועג איז א וועג פון אָפּציִעניש, פון פארשלעפּעניש, פון א פּײַנלאַך-לאנגזאמער אָפּשטארבונג פון די פוילנדיקע טיילן פונם פאָלקס-אָרגאניזם. פון דער פוילונג זייערער לײַדן פריִער פאר אַלץ און מער פאר אַלץ דער פּראָלעטאריאט און דאָס פויערטום. דער רעוואָליוציאָנערער וועג איז א וועג פון א שנעלער, אמווייניקסטן שמערצלאכער אָפּעראַציע בנוגע דעם פּראָלעטאריאט, א וועג פון דירעקט באַזײַטיקן די פוילנדיקע טיילן, א וועג פון קלענסטער נאָכגיביקײַט און פאָרזיכטיקײַט בנוגע דער מאָנארכיע און צו איר אנטשפּרעכנדיקע עקלהאפטע און פאסקודנע צעפוילטע אינסטיטוציעס, וואָס פאר'סם'ען מיט זייער פוילעניש די לופט" (לענין, ב. VIII, ז. 57—58, רוסיש).

„דעריבער, האָט לענין פאָרגעזעצט, קעמפט טאקע דער פּראָלעטאריאט פאר א רעפּובליק אין די ערשטע רייען, אָפּוואַרפנדיק מיט פאראכטונג די נארישע און פאר אים אומווירדיקע עצות זיך צו רעכענען דערמיט, צי וועט זיך ניט אָפּשאָקלען די בורזשואַזיע" (דאָרטן, ז. 94).

צוליב דעם, אז די מ ע ג ל א כ ק ײַ ט ן פון דער פּראָלעטארישער אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע זאָלן פארוואנדלט ווערן אין א ו ו י ר ק ל א כ ק ײַ ט, צוליב דעם, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל ווערן פ א ק ט י ש דער פירער, דער אָנפירער פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע,—צוליב דעם זײַנען, לויט לענינען, נויטיק ווייניקסטנס צוויי באַדינגונגען.

צוליב דעם איז נויטיק, ערשטנס, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל האָבן א פארבינדעטן, וואָס איז פאראינטערעסירט אין דעם אנטשיידענעם זיג איבערן צאריזם און וואָס קאָן זײַן געשטימט צו אויפנעמען די אָנפירונג פונם פּראָלעטאריאט. דאָס האָט געפאָדערט די עצם אידייע פון אָנפירונג, ווײַל דער אָנפירער הערט אויף צו זײַן אן אָנפירער, אויב עס זײַנען ניטאָ קיין אָנגעפירטע, דער פירער הערט אויף צו זײַן א פירער, אויב עס זײַנען ניטאָ קיין געפירטע. פאר אזא פארבינדעטן האָט לענין געהאלטן דאָס פויערטום.

צוליב דעם איז נויטיק, צווייטנס, אז דער קלאַס, וואָס קעמפט קעגן דעם פּראָלעטאריאט פאר דער אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע און וואָס שטרעבט צו דערשלאָגן זיך, אז ער אליין זאָל ווערן איר איינציקער אָנפירער, — זאָל אָפּגעשטויסן ווערן פונם אָנפירונגס-געביט און זאָל איזאָלירט ווערן. דאָס האָט אויך געפאָדערט די עצם אידייע פון אָנפירונג, וואָס שליסט אויס די מעגלאכקײַט צו דערלאָזן צוויי אָנפירער פון דער רעוואָליוציע. פאר אזא קלאַס האָט לענין געהאלטן די ליבעראַלע בורזשואַזיע.

„א קאָנזעקווענטער קעמפער פאר דעמאָקראַטיזם, האָט לענין געשריבן, קאָן זײַן נאָר דער פּראָלעטאריאט. א זיגרײַכער קעמפער פאר

דעמאָקראַטיזם קאָן ער ווערן נאָר בײַ דעם באַדינג, ווען צו זײַן רע־
וואָליוציאָנערן קאַמף וועט צושטייַן די מאַסע פּויערטום" (דאָרטן, ז. 65).
און ווײַטער:

„דאָס פּויערטום שליסט אין זיך אײַן א מאַסע האַלב־פּראָלעטאַ־
רישע עלעמענטן צוגלײַך מיט קליינבירגערלאַכע. דאָס מאַכט אים אויך
פאַר ניט־שטאַנדהאַפטיק, צווינגענדיק דעם פּראָלעטאַריאַט צו באַהעפטן
זיך אין א שטרענג־קלאַסן־פּאַרטיי. די ניט־שטאַנדהאַפטיקײַט פונם פּוי־
ערטום אונטערשיידט זיך אָבער אויף א ראַדיקאַלן אופן פון דער ניט־
שטאַנדהאַפטיקײַט פון דער בורזשואַזיע, ווײַל דאָס פּויערטום איז אינם
געגעבענעם מאָמענט פאַראינטערעסירט ניט אַזויפיל אין דער אומבאַ־
דינגטער אָפּהיטונג פון פּריוואַט־אייגנטום, וויפל אין אָפּנעמען די פּריוואַט־
ישע ערד, איינעם פון די הויפּט־מינים פון דעם דאָזיקן אייגנטום. ניט
ווערנדיק דערפון סאָציאַליסטיש, ניט אויפהערנדיק צו זײַן קליינבירגער־
לאַך, איז דאָס פּויערטום פייאיק צו ווערן א פולשטענדיקער און ראַדי־
קאַלסטער אָנהענגער פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע. דאָס פּויער־
טום וועט אומפאַרמײַדלאַך ווערן אַזאַ, אויב נאָר דער גאַנג פון די רע־
וואָליוציאָנערע געשעענישן, וואָס קלערט אים אויף, וועט זיך ניט אי־
בעררײַסן צו פרי דורכן פאַרראַט פון דער בורזשואַזיע און דורך א מפּלה
פונם פּראָלעטאַריאַט. דאָס פּויערטום וועט, בײַם אָנגעוויזענעם תּנאי,
אומפאַרמײַדלאַך ווערן א זײַל פון דער רעוואָליוציע און פון דער רע־
פּובליק, ווײַל נאָר די רעוואָליוציע, וואָס וועט האָבן פולשטענדיק גע־
זיגט, וועט קאָנען געבן דעם פּויערטום אַלץ אין געביט פון ערד־רע־
פאָרמעס, דאָס אַלץ, וואָס דאָס פּויערטום וויל, וועגן וואָס עס טרוימט,
וואָס עס איז ווירקלאַך אים נויטיק" (דאָרטן, ז. 94).

אַנאַליזירנדיק די דערווידערונגען פון די מענשעוויקעס, וואָס האָבן באַ־
הויפּט, אַז אַזאַ מין טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס „וועט צווינגען די בורזשו־
אַזע קלאַסן אָפּצושאָקלען זיך פון דער רעוואָליוציע און וועט דערמיט אָפּ־
שוואַכן איר שוואונג", און כאַראַקטעריזירנדיק זיי, די דערווידערונגען, ווי א
„טאַקטיק פון פאַרראַטן די רעוואָליוציע", ווי א „טאַקטיק פון פאַרוואַנדלען
דעם פּראָלעטאַריאַט אין א נעבאַכדיקער נאָכשלעפּעניש פון די בורזשואַזע
קלאַסן", האָט לענין געשריבן:

„ווער עס פאַרשטייט ווירקלאַך די ראָלע פונם פּויערטום אין דער
זיגרײַכער רוסישער רעוואָליוציע, דער וואָלט ניט פייאיק געווען צו זאָגן,
אַז דער שוואונג פון דער רעוואָליוציע וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, ווען
די בורזשואַזיע וועט זיך אָפּשאָקלען. ווײַל אינדער'אמת'ן וועט זיך ערשט
דעמאָלט אָנהויבן דער עכטער שוואונג פון דער רוסישער רעוואָליוציע,
ערשט דעמאָלט וועט עס זײַן ווירקלאַך דער גרעסטער רעוואָליוציאָנע־
רער שוואונג, וואָס איז מעגלאַך אין דער עפּאָכע פון א בורזשואַז־

דעמאָקראַטישער איבערקערעניש, ווען די בורזשואַזיע וועט זיך אָפּשאָקלען און ווי אַן אַקטיווער רעוואָליוציאָנער וועט אַרויסטרעטן די מאַסע פּויערטום צוגלײַך מיטן פּראָלעטאַריאַט. כדי צו זײַן אַ קאָנזעקווענט־דערפירטע ביזן סוף, דאַרף אונזער דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע זיך אָנשפּאַרן אויף אַזעלכע כחות, וועלכע זײַנען פייאיק צו פּאַראַליזירן די אומפאַרמײַדלאַכע אומקאָנזעקווענטקײַט פון דער בורזשואַזיע, דאָס הייסט, וואָס זײַנען טאַקע פייאיק צו „צווינגען זי אָפּצושאָקלען זיך" (לענין, ב. VIII, ז. 95—96, רוסיש).

אָט אַזאַ איז די טאַקטישע גרונט־הנחה וועגן דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ פירער פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע, די טאַקטישע גרונט־הנחה וועגן דער העגעמאָניע (אָנפירנדיקער ראָלע) פונם פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַזער רעוואָליוציע, וואָס לענין האָט אַנטוויקלט אין זײַן בוך „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע".

דאָס איז געווען אַ נײַע אײַנשטעלונג פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי אין די פראַגן פון טאַקטיק אין דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע, אַן אײַנשטעלונג, וואָס האָט זיך טיף אונטערגעשיידט פון די טאַקטישע אײַנשטעלונגען, וואָס האָבן ביז דעמאָלט עקזיסטירט אינם מאַרקסיסטישן אַרסענאַל. ביז אַהער פלעגט די זאַך זיך אויסלאָזן צו דעם, אַז אין די בורזשואַזע רעוואָליוציעס, אין מערב, צום בײַשפּיל, איז די אָנפירנדיקע ראָלע פאַרבליבן פאַר דער בורזשואַזיע; דער פּראָלעטאַריאַט האָט ווילנדיק־ניט־ווילנדיק געשפּילט די ראָלע פון אירן אַ מיטהעלפער, און דאָס פּויערטום איז געווען אַ רעזערוו פון דער בורזשואַזיע. די מאַרקסיסטן האָבן געהאַלטן אַזאַ קאָמבינאַציע פאַר אַ מער אָדער ווייניקער אומפאַרמײַדלאַכער, דאָ אויפן אָרט צוגעבנדיק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דערבײַ פאַרטיידיקן ווי ווײַט מעגלאַך זײַנע נאָענטסטע קלאַסן־פאָדערונגען און האָבן זײַן אייגענע פּאָליטישע פּאַרטיי. אַצינד, אין דער נײַער היסטאָרישער סיטואַציע, האָט זיך די זאַך אַ קער געטאָן לויט לענינס אײַנשטעלונג אויף אַזאַ אופן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט גענומען ווערן די אָנפירנדיקע קראַפט פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע; די בורזשואַזיע האָט גענומען אָפּגעשטויסן ווערן פון דער אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע, און דאָס פּויערטום האָט גענומען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רעזערוו פונם פּראָלעטאַריאַט.

די ריידערײַ וועגן דעם, אַז פּלעכאַנאָוו „איז אויך געשטאַנען" פאַר דער העגעמאָניע פונם פּראָלעטאַריאַט, באַזירט זיך אויף אַ מיספאַרשטייעניש. פּלעכאַנאָוו האָט קאָקעטירט מיט דער אידייע פון העגעמאָניע פונם פּראָלעטאַריאַט און האָט גאָרנישט געהאַט קעגן אָנערקענען זי אויפן וואָרט, — דאָס איז ריכטיק; פאַקטיש איז ער אָבער געווען קעגן דעם תוך פון דער דאָזיקער אידייע. די העגעמאָניע פונם פּראָלעטאַריאַט באַטײַט די אָנפירנדיקע ראָלע פונם פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַזער רעוואָליוציע בײַ דער פּאָליטיק פון אַ ב ו נ ד

פונם פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום, בײַ דער פּאָליטיק פון איזאָלירן די ליבעראַלע בורזשואַזיע, בעת פּלעכאַנאָוו איז, ווי באַוואוסט, געווען קעגן דער פּאָליטיק פון איזאָלירן די ליבעראַלע בורזשואַזיע, פאַר דער פּאָליטיק פון א פּשרה מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, קעגן דער פּאָליטיק פון א בונד פונם פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום. אינדער'אמת'ן איז פּלעכאַנאָווס טאַקטישע אײַנשטעלונג געווען א מענשעוויסטישע אײַנשטעלונג פון לייקענען די העגעמאָניע פונם פּראָלעטאַריאַט.

2) אלס דאָס וויכטיקסטע מיטל צו אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם און דעראָבערן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק האָט לענין געהאַלטן דעם זיגרײַכן באַוואָפנטן אויפשטאַנד פונם פאָלק. טראָץ די מענשעוויקעס האָט לענין געהאַלטן, אז „די אַלגעמיין-דעמאָקראַטישע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג האָט שוין געבראַכט צו דער נויטווענדיקײַט פון א באַוואָפנטן אויפשטאַנד", אז דאָס „אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַן אויפשטאַנד" איז שוין „אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין טאָג-אָרדענונג, ווי איינע פון די וועזנטלעכע און נויטווענדיקע הויפּט-אויפגאַבעם פון דער פּאַרטיי", אז ס'איז נויטיק „אָנצונעמען די סאַמע ענערגישע מאָס-מיטלען צו באַוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט און זיכערן די מעגלעכקײַט פון אוממיטלבאַרער אָנפירונג מיטן אויפשטאַנד" (דאָרט, ז. 75).

כדי צוצופירן די מאַסן צום אויפשטאַנד און מאַכן דעם אויפשטאַנד גופא פאַר אַן אַלפאָלקישן, האָט לענין געהאַלטן פאַר נויטיק צו געבן אַזעלכע לאָזונגען, אַזעלכע רופן צו די מאַסן, וואָס וואָלטן געקאָנט צעבינדן די רעוואָליוציאָנערע איניציאַטיוו פון די מאַסן, אָרגאַניזירן זיי צום אויפשטאַנד און דעזאָרגאַניזירן דעם מאַכט-אַפּאַראַט פונם צאַריזם. פאַר אַזעלכע לאָזונגען האָט ער געהאַלטן די טאַקטישע באַשלוסן פונם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס צו פאַרטיידיקן זיי איז געווען געווידמעט לענינס בוך „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע".

פאַר אַזעלכע לאָזונגען האָט ער געהאַלטן:

א) די אָנווענדונג פון „פּאָליטישע מאַסן-שטרײַקס, וואָס קאָנען האָבן א וויכטיקע באַדײַטונג בײַם אָנהויב און אין סאַמע גאַנג פונם אויפשטאַנד" (דאָרט, ז. 75);

ב) דאָס אָרגאַניזירן „די תיכף'דיקע פאַרווירקלעכונג אויף א רעוואָליוציאָנערן אופן פונם 8-שעה'יקן אַרבעטס-טאָג און אַנדערע פאָדערונגען פונם אַרבעטער-קלאַס, וואָס שטייען אויף דער ריי" (דאָרט, ז. 47);

ג) „די תיכף'דיקע אָרגאַניזירונג פון רעוואָליוציאָנערע פּויערים-קאָמיטעטן, כדי דורכצופירן" אויף א רעוואָליוציאָנערן אופן „אַלע דעמאָקראַטישע איבערגעשטאַלטונגען" ביז דער קאָנפיסקירונג פון דער פּריץ'ישער ערד (דאָרט, ז. 88);

ד) די באַוואָפענונג פון די אַרבעטער.

דאָ זײַנען באַזונדערס אינטערעסאַנט צוויי מאָמענטן:

ערשטנס, די טאַקטיק פון רעוואָליוציאָנערער פאַרווירקלאַכונג פונם 8־שעה'יקן אַרבעטס־טאָג אין שטאָט און פון די דעמאָקראַטישע אײַ־בערגעשטאַלטונגען אין דאָרף, דאָס הייסט, אַזאַ פאַרווירקלאַכונג, וועלכע רעכנט זיך ניט מיט דער מאַכט, רעכנט זיך ניט מיטן געזעץ, איגנאָרירט אי די מאַכט, אי די געזעצלאַכקײַט, בּרעכט די עקזיסטירנדיקע געזעצן און שטעלט אײַן נײַע אָרדענונגען אויף אַן אייגנוויליקן אופן, אין סדר פון אַ געשעענעם פאַקט. דאָס איז געווען אַ נײַ טאַקטיש מיטל, וואָס דאָס אָנ־ווענדן אים האָט פּאַראַליזירט דעם מאַכט־אַפּאַראַט פונם צאַריזם און האָט צעבונדן די אַקטיוויטעט און די שעפערישע איניציאַטיוו פון די מאַסן. אויפן יסוד פון דער דאָזיקער טאַקטיק זײַנען אויסגעוואַקסן רעוואָליו־ציאָנערע שטרײַק־קאָמיטעטן אין שטאָט און רעוואָליוציאָנערע פּויערים־קאָ־מיטעטן אין דאָרף, וואָס די ערשטע פון זיי האָבן זיך דערנאָך אַנטוויקלט אין סאָוועטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, און די צווייטע — אין סאָוועטן פון פּויערים־דעפּוטאַטן.

צווייטנס, די אָנווענדונג פון פּאָליטישע מאַסן־שטרײַקס, די אָנ־ווענדונג פון אַלגעמיינע פּאָליטישע שטרײַקס, וואָס האָבן דערנאָך, אין גאַנג פון דער רעוואָליוציע, געשפּילט אַן ערשטראַנגיקע ראָלע אין דער רעוואָליו־ציאָנערער מאָביליזירונג פון די מאַסן. דאָס איז געווען אַ נײַ, זייער וויכטיק געווער אין די הענט פונם פּראָלעטאַריאַט, אַ געווער, וואָס איז ביז דעמאָלט ניט געווען באַקאַנט אין דער פּראַקטיק פון די מאַרקסיסטישע פּאַרטייען און וואָס האָט דערנאָך באַקומען בירגער־רעכט.

לעניין האָט געהאַלטן, אַז אין רעזולטאַט פון אַ זיגרײַכן אויפשטאַנד פונם פאָלק דאַרף די צאַרישע רעגירונג פאַרביטן ווערן מיט אַ צײַטווײַלי־קער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג. די אויפגאַבעס פון דער צײַטווײַליקער רע־וואָליוציאָנערער רעגירונג באַשטייען אין פאַרפעסטיקן די דעראָבערונגען פון דער רעוואָליוציע, אין דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון דער קאָנטר־רעוואָ־ליוציע און אין פאַרווירקלאַכן די פּראָגראַם־מינימום פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. לעניין האָט געהאַלטן, אַז אָן דער פאַרווירקלאַכונג פון די דאָזיקע אויפגאַבעס איז ניט מעגלאַך קיין אַנט־שיידענער זיג איבערן צאַריזם. נאָר כדי צו פאַרווירקלאַכן די דאָזיקע אויפ־גאַבעס און דערשלאָגן זיך אַן אַנטשיידענעם זיג איבערן צאַריזם, דאַרף די צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג זײַן ניט קיין געוואוינלאַכע רעגירונג, נאָר אַ רעגירונג פון דיקטאַטור פון די קלאַסן, וואָס האָבן געזיגט, — פון די אַרבעטער און פּויערים, זי דאַרף זײַן אַ רעוואָליוציאָנערע דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. פאַררופנדיק זיך אויף מאַרקס'ס באַוואוסטער הנחה וועגן דעם, אַז „יעטווידע צײַטווײַליקע מלוכה'שע אײַנאָרדענונג נאָך אַ רעוואָליוציע פאָדערט דיקטאַטור און דערבײַ אַן ענערגישע דיקטאַטור", איז

לעניִן געקומען צום אויספֿיר, אַז די צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, אויב זי וויל זיכערן אַן אַנטשיידענעם זיג איבערן צאַריזם, קאָן זי ניט זײַן קיין שום אַנדער זאַך, ווי די דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום.

„אַן אַנטשיידענער זיג פֿון דער רעוואָליוציע איבערן צאַריזם, האָט לעניִן געשריבן, איז די *רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום*... און אַזאַ זיג וועט זײַן גראָד אַ דיקטאַטור, דאָס הייסט, זי וועט דאַרפֿן אומפֿאַרמײַדלאַך זיך אָנשפּאַרן אויף מיליטערישער קראַפֿט, אויף דער באַוואָפֿענונג פֿון דער מאַסע, אויף אַן אויפֿשטאַנד, און ניט אויף די אָדער יענע, אויף אַ „לעגאַלן", „פֿרידלאַכן אויפֿן", געשאַפֿענע אינסטיטוציעס. דאָס קאָן זײַן בלויז אַ דיקטאַטור, ווײַל די פֿאַרווירקלאַכונג פֿון די איבערגעשטאַלטונגען, וואָס זײַנען תּיכּף און אומבאַדינגט נויטיק פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט און פֿאַרן פּויערטום, וועט אַרויסרופֿן אַ פֿאַרביטערטן ווידערשטאַנד אי מצד די פּריצים, אי מצד די גרויס־בורזשואַ, אי מצד דעם צאַריזם. אָן אַ דיקטאַטור איז אוממעגלאַך אײַנצוברעכן דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד, אָפּצושלאָגן די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע פּרוּוון. דאָס וועט אָבער, פֿאַרשטייט זיך, זײַן ניט קיין סאָציאַליסטישע, נאָר אַ דעמאָקראַטישע דיקטאַטור. זי וועט ניט קאָנען אָנרירן (אָן אַ גאַנצער ריי צווישן־שטופֿעס פֿון דער רעוואָליוציאָנערער אַנטוויקלונג) די יסודות פֿונם קאַפּיטאַליזם. זי וועט, אין בעסטן פֿאַל, קאָנען אַרײַנברענגען אַ ראַדיקאַלע איבערפֿאַרטיילונג פֿונם ערד־אייגנטום לטובֿת דעם פּויערטום, דורכפֿירן אַ קאָנזעקווענטן און פֿולן דעמאָקראַטיזם ביז צו אַ רעפּובליק, אַרויסרײַסן מיטן וואָרצל אַלע אַזיאַטישע, קנעכטישע שטריכן ניט בלויז פֿונם דאָרפֿישן שטייגער, נאָר אויך פֿונם פֿאַבריק־שטייגער, מאַכן אַן אָנהויב צו פֿאַרבעסערן ערנסט די לאַגע פֿון די אַרבעטער און צו העכערן זייער לעבנס־ניוואָ; ענדלאַך — דאָס לעצטע לויט דער ריי, נאָר ניט לויט דער וויכטיקײַט — אַריבערטראָגן די רעוואָליוציאָנערע שׂרפֿה קיין אייראָפּע. אַזאַ מין זיג וועט נאָך כּלל ניט מאַכן פֿון אונזער בורזשואַזער רעוואָליוציע אַ רעוואָליוציע אַ סאָציאַליסטישע; די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש וועט ניט אַרויסגיין אוממיטלבאַר פֿון די ראַמען פֿון די בורזשואַזע געזעלשאַפֿטלאַך־עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטענישן; דאָך וועט די באַדײַטונג פֿון אַזאַ מין זיג זײַן אַ גיגאַנטישע פֿאַר דער קינפֿטיקער אַנטוויקלונג אי פֿון רוסלאַנד, אי פֿון דער גאַנצער וועלט. קיין זאַך וועט אין אַזאַ מאָס ניט אויפֿהויבן די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פֿונם אַלוועלטלאַכן פּראָלעטאַריאַט, קיין זאַך וועט אַזוי שטאַרק ניט פֿאַרקירצן דעם וועג, וואָס פֿירט צו זײַן פֿולשטענדיקן זיג, ווי אָט דער אַנטשיידענער זיג פֿון

דער רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד" (לענין, ב. VIII, ז. 62—63, רוסיש).

וואָס איז שייך דער באַציאונג פון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע צו דער
צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג און צו דער דערלאָזבאַרקייט, אַז די
סאָציאַל=דעמאָקראַטיע זאָל אין איר אָנטיילנעמען, האָט לענין פולשטענדיק
פאַרטיידיקט די אַנטשפּרעכנדיקע רעזאָליוציע פונם דריטן פּאַרטיי=צוזאַמענ=
פאָר, וועלכע זאָגט:

„אָפּהענגיק פון דער קרעפטן=פאַרהעלטעניש און פון אַנדערע פאַק=
טאָרן, וואָס לאָזן זיך ניט פּינקטלאַך פאָראויס צו באַשטימען, איז
דערלאָזבאַר, אַז די באַפולמעכטיקטע פון אונזער פּאַרטיי זאָלן אָנטייל=
נעמען אין דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, מיטן
צוועק צו קעמפן אום׳ברחמנות׳דיק קעגן אַלע קאָנטר=רעוואָליוציאָנערע
פּרואוון און צו פאַרטיידיקן די זעלבסטשטענדיקע אינטערעסן פונם אַר=
בעטער=קלאַס; ווי אַ נויטווענדיקער באַדינג פון אַזאַ מין אָנטיילנעמען
ווערט געשטעלט דער שטרענגער קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי איבער
אירע באַפולמעכטיקטע און די אומאָפּנויגלאַכע איינהיטונג פון דער
אומאָפּהענגיקייט פון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, וואָס שטרעבט צו אַ
פולשטענדיקער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש און איז אויף אַזויפיל
אום׳בשלום׳דיק פיינטלאַך צו אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען; אומאָפּהענ=
גיק דערפון, צי עס וועט מעגלאַך זיין דער אָנטייל פון דער סאָציאַל=
דעמאָקראַטיע אין דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג,
דאַרף מען אין די סאַמע ברייטע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט פּראָפּאַ=
גאַנדירן די אידייע פון דער נויטווענדיקייט פון אַ שטענדיקן דרוק אויף
דער צייטווייליקער רעגירונג מצד דעם באַוואָפנטן און פון דער סאָ=
ציאַל=דעמאָקראַטיע אָנגעפירטן פּראָלעטאַריאַט מיטן צוועק צו אָפּהיטן,
פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן די דערגאָבערונגען פון דער רעוואָליוציע"
(דאָרטן, ז. 37).

די דערווידערונגען פון די מענשעוויקעס, אַז די צייטווייליקע רעגירונג
וועט דאָך פאָרט זיין אַ בורזשואַזע רעגירונג, אַז מע קאָן ניט דערלאָזן דעם
אָנטייל פון די סאָציאַל=דעמאָקראַטן אין אַזאַ רעגירונג, אויב מע זאָל ניט
וועלן באַגיין דעם זעלבן פעלער, וואָס עס איז באַגאַנגען דער פראַנצויזישער
סאָציאַליסט מיליעראַן, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער פראַנצויזישער
בורזשואַזער רעגירונג, — האָט לענין אָפּגעווענדט מיט דער אָנווייזונג דערויף,
אַז די מענשעוויקעס מישן דאָ צונויף צוויי פאַרשיידענע זאַכן און ווייזן
ארויס זייער אומפייאיקייט צוצוגיין מאַרקסיסטיש צו דער פראַגע: אין
פראַנקרייך האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אָנטייל פון די סאָציאַליסטן אין אַ
רעאַקציאָנערער בורזשואַזער רעגירונג אין אַ פּעריאָד פון אָפּוועזנקייט פון אַ רעוואָליוציאָנערער לאַגע אין לאַנד, און דאָס האָט פאַרפליכ=

מעט די סאָציאַליסטן ניט אָנטיילצונעמען אין אַזאַ רעגירונג; אין רוסלאַנד אָבער האַנדלט זיך וועגן דעם אָנטייל פון די סאָציאַליסטן אין אַ רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזער רעגירונג, וואָס קעמפט פאַר דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין בריין-פעריאָד פון דער רעוואָלוציע, — דאָס איז אַן אומשטאַנד, וואָס מאַכט דערלאָזבאַר און ביי גינסטיקע באַדינגונגען — אָבליגאַטאָריש דעם אָנטייל פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן אין אַזאַ רעגירונג — כדי צו שלאָגן די קאָנטר-רעוואָלוציע ניט בלויז „פון אונטן", פון אויסן, נאָר אויך „פון אויבן", פון אינעווייניק אין דער רעגירונג.

3) שטרעבנדיק פאַר דעם זיג פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע און פאַר דער דערגרייכונג פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, האָט לענין כלל ניט געמיינט צו בלייבן שטעקן אויפן דעמאָקראַטישן עטאַפּ און באַגרענעצן דעם שוואונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג מיט אויספילן די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע אויפגאַבעס. פאַרקערט: לענין האָט געהאַלטן, אַז באַלד נאָכן אויספילן די דעמאָקראַטישע אויפגאַבעס דאַרף זיך אָנהויבן אַ קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט און פון די אַנדערע עקספּלואַטירטע מאַסן שוין פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. לענין האָט דאָס געוואוסט און האָט געהאַלטן פאַר דער פליכט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אָנצונעמען אַלע מיטלען דערצו, אַז די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע זאָל אָנהויבן אַריבערוואַקסן אין אַ רעוואָלוציע אַ סאָציאַליסטישער. די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום איז נויטיק געווען לענינען ניט צוליב דעם, כדי, האָבנדיק פאַרענדיקט דעם זיג פון דער רעוואָלוציע איבערן צאַריזם, פאַרענדיקן אויף דעם די רעוואָלוציע, נאָר צוליב דעם, כדי צו פאַרלענגערן ווי מעגלאַך מער דעם צושטאַנד פון רעוואָלוציע, פאַרניכטן ביזן גרונט די רעשטלאַך פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, אַריבערוואַרפן קיין אייראָפּע דעם פלאַם פון דער רעוואָלוציע און, געבנדיק אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט דעם פּראָלעטאַריאַט אַ מעגלאַכקייט זיך אויפצוקלערן פּאָליטיש און אָרגאַניזירן זיך אין אַ גרויסער אַרמיי, — אָנהויבן אַ דירעקטן איבערגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

רעדנדיק וועגן דעם שוואונג פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע און וועגן דעם, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי דאַרף צוגעבן דעם דאָזיקן שוואונג, האָט לענין געשריבן:

„דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דורכפירן ביזן סוף די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, פאַראייניקנדיק צו זיך די מאַסע פּויערטום, כדי צו דערשטיקן מיט קראַפט דעם ווידערשטאַנד פון דער זעלבסטהערשונג און פאַראַליזירן די ניט-שטאַנדהאַפטיקייט פון דער בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף מאַכן אַ סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, פאַראייניקנדיק צו זיך די מאַסע האַלב-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, כדי איינברעכן מיט קראַפט דעם ווידערשטאַנד פון דער

בורזשואזיע און פּאַראַליזירן די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פונם פּויערטום און פונם קלייַנבירגערטום. אָט אַזעלכע זײַנען די אויפגאַבעס פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס די נײַ־איסקראָווצעס (דאָס הייסט די מענשעווי־קעס. — ר ע ד.) שטעלן פאַר אַזוי שמאָל אין אַלע זייערע אַרויסזאָגונגען און רעזאָליוציעס וועגן דעם שוואונג פון דער רעוואָליוציע"
(לענין, ב. VIII, ז. 96, רוסיש).

אָדער נאָך:

„בראַש פונם גאַנצן פאָלק און באַזונדערס פונם פּויערטום — פאַר פולשטענדיקער פרײַהײַט, פאַר א קאָנזעקווענטער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש, פאַר א רעפּובליק! בראַש פון אַלע אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע — פאַר סאָציאַליזם! אַזאַ דאַרף זײַן אין דער ווירקלאַכקייט די פּאָליטיק פונם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, אַזאַ איז דער קלאַסן־לאָזונג, וואָס דאַרף דורכדרינגען און באַשטימען מיט זיך די ליזונג פון יעדער טאַקטישער פראַגע, פון יעדן פּראַקטישן שריט פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אין דער צײַט פון דער רעוואָליוציע"
(דאָרטן, ז. 105).

כדי עס זאָלן ניט פאַרבלײַבן קיין שום אומקלאָרקייטן, האָט לענין אין צוויי חדשים אַרום נאָך דעם, ווי עס איז דערשינען זײַן בוך „צוויי טאַקטיקעס", אינם אַרטיקל „די באַציאונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דער פּויערים־באַוועגונג" — דערקלערט:

„פון דער רעוואָליוציע דער דעמאָקראַטישער וועלן מיר גלײַך אָנהויבן אַריבערגיין און פּונקט אין דער מאָס פון אונזער קראַפט, פון דער קראַפט פונם באַוואוסטזיניקן און אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, וועלן מיר אָנהויבן אַריבערגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. מיר שטייען פאַר אַן אומאויפהערלאַכער רעוואָליוציע. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויפן האַלבן וועג" (דאָרטן, ז. 186).

דאָס איז געווען א נײַע אײַנשטעלונג אין דער פראַגע וועגן דער פאַרהעלטעניש צווישן דער בורזשואזער און דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציעס, א נײַע טעאָריע פון דער כחות־איבערגרופּירונג אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט צום סוף פון דער בורזשואזער רעוואָליוציע צוליבן דירעקטן אַריבערגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, — די טעאָריע פון *אַריבערוואַקסונג* פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אין א רעוואָליוציע א סאָציאַליסטישער.

אויסאַרבעטנדיק אָט די נײַע אײַנשטעלונג, האָט זיך לענין געשטיצט, ערשטנס, אויף מאַרקס'ס באַוואוסטער הנחה וועגן דער אומאויפהערלאַכער רעוואָליוציע, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין סוף פון די פערציקער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט אין דער „ווענדונג צום פאַרבאַנד פון די קאָמוניסטן", און, צווייטנס, אויף מאַרקס'ס באַוואוסטן געדאַנק וועגן דער נויטיקייט צונויפצופּאָרן

די פויערשע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג מיט דער פראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט אינם בריוו צו ענגעלסן אין יאָר 1856, וואו ער האָט געזאָגט: „די גאַנצע זאַך וועט אין דײַטשלאַנד זײַן אָפּהענגיק פון דער מעגלאַכקײַט צו שטיצן די פראָלעטאַרישע רעוואָליוציע דורך אַ מין צווייטער אויפלאַגע פון דער פויערים-מלחמה". די דאָזיקע געניאַלע געדאַנקען פון מאַרקסן האָבן אָבער נאָכדעם ניט געקראָגן זייער אַנטוויקלונג אין די ווערק פון מאַרקס און ענגעלס, און די טעאָרעטיקער פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי צו באַגראָבן זיי אין קבר און אויסמעקן זייער זכרון. אויף לענינס גורל איז אויסגעפאַלן די אויפגאַבע — אַרויסשלעפן אויף דער העלער שײַן מאַרקס'ס פאַרגעסענע הנחות און פולשטענדיק אויפשטעלן זיי. אויפשטעלנדיק די דאָזיקע הנחות פון מאַרקסן, האָט אָבער לענין זיך ניט באַגרענעצט, — און האָט זיך ניט געקאָנט באַגרענעצן, — מיט פשוט איבער'חזר'ן זיי, נאָר ער האָט זיי אַנטוויקלט ווײַטער און איבערגעאַרבעט אין אַ האַרמאָנישער טעאָריע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, אַרײַנפירנדיק אין דער זאַך אַ נײַעם מאָמענט, ווי אַן *אָבליגאַטאָרישן* מאָמענט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, — דעם *בונד* פונם פראָלעטאַריאַט מיט די האַלב-פראָלעטאַרישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף, ווי אַ *באַדינג* פאַרן זיג פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

די דאָזיקע אײַנשטעלונג האָט געמאַכט אַ תל פון די טאַקטישע פאָזיציעס פון דער מערב-אייראָפעאישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען דערפון, אַז נאָך דער בורזשואַזער רעוואָליוציע דאַרפן די פויערים-מאַסן, דערונטער די אָרעמפויערשע מאַסן, — אומבאַדינגט אָפּגיין פון דער רעוואָליוציע, און מחמת דעם דאַרף נאָך דער בורזשואַזער רעוואָליוציע אָנקומען אַ דויערנדיקער פעריאָד פון אַן איבעררײַס, אַ דויערנדיקער פעריאָד פון „פרידן-אײַנשטעלונג" פון אַ 50—100 יאָר, אויב ניט מער, וואָס אין פאַרלויף פון אים וועט דער פראָלעטאַריאַט „פרידלאַך" עקספּלואַטירט ווערן, און די בורזשואַזיע וועט „געזעצלאַך" זיך אָנלעבן, ביז עס וועט ניט קומען די צײַט פאַר אַ נײַער, סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

דאָס איז געווען אַ נײַע טעאָריע פון דער *סאָציאַליסטישער* רעוואָליוציע, וואָס ווערט פאַרווירקלאַכט ניט דורכן איזאָלירטן פראָלעטאַריאַט קעגן דער *גאַנצער* בורזשואַזיע, נאָר דורכן פראָלעטאַריאַט דעם העגעמאָן, וואָס האָט *פאַרבינדעטע* אין פערזאָן פון די האַלב-פראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, אין פערזאָן פון די מיליאָנען „אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסן".

לויט דער דאָזיקער טעאָריע האָט די העגעמאָניע פונם פראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַזער רעוואָליוציע *בײַם בונד* פונם פראָלעטאַריאַט מיטן פויערטום געדאַרפט אַריבערוואַקסן אין העגעמאָניע פונם פראָלעטאַריאַט אין

דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע ב יי ם ב ו נ ד פונם פּראָלעטאַריאַט מיט די איבעריקע אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסן, און די דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום האָט געדאַרפט צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער סאָציאַליסטישער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

זי האָט אומגעוואָרפן די גאַנגבאַרע טעאָריע פון די מערב-אייראָפּעאישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן געלייקנט די רעוואָליוציאָנערע מעגלאַכקייטן פון די האַלב-פּראָלעטאַרישע מאַסן פון שטאָט און דאָרף, און וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען דערפון, אַז „חוץ דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט זעען מיר ניט קיין אַנדערע געזעלשאַפטלאַכע כחות, אויף וועלכע עס וואָלטן זיך ביי אונז געקאָנט אָנשפּאַרן די אָפּאָזיציאָנעלע אָדער רעוואָליוציאָנערע קאָמבינאַציעס“ (פּלעכאַנאָווס ווערטער, וואָס זיינען טיפּיש פאַר די מערב-אייראָפּעאישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן).

די מערב-אייראָפּעאישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן געהאַלטן, אַז אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע וועט דער פּראָלעטאַריאַט זיין א ל יי ן, קעגן דער ג אַ נ צ ע ר בורזשואַזיע, אָ ן פאַרבינדעטע, קעגן אַ ל ע ניט-פּראָלעטאַרישע קלאַסן און שיכטן. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז דער קאַפּיטאַל עקספּלואַטירט ניט בלויז די פּראָלעטאַריער, נאָר אויך מיליאָנען האַלב-פּראָלעטאַרישע שיכטן פון שטאָט און דאָרף, וואָס זיינען דערדריקט דורכן קאַפּיטאַליזם און וואָס קאָנען זיין פאַרבינדעטע פונם פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פאַר באַפרייען די געזעלשאַפט פון קאַפּיטאַליסטישן דרוק. דעריבער האָבן די מערב-אייראָפּעאישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן געהאַלטן, אַז די באַדינגונגען פאַר א סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין אייראָפּע זיינען נאָך ניט רייף געוואָרן, אַז מע קאָן די דאָזיקע באַדינגונגען האַלטן פאַר רייף-געוואָרענע בלויז דעמאָלט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט ווערן די מערהייט פון דער נאַציע, די מערהייט פון דער געזעלשאַפט אין רעזולטאַט פון דער ווייטערדיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

אָט די פוילע און אַנטי-פּראָלעטאַרישע איינשטעלונג פון די מערב-אייראָפּעאישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָט די לענינישע טעאָריע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אין לענינס טעאָריע איז נאָך ניט געווען קיין דירעקטער אויספיר וועגן דער מעגלאַכקייט פונם זיג פונם סאָציאַליזם אין איין, באַזונדער גענומען, לאַנד. עס זיינען אָבער אין איר געווען פאַרלייגט אַלע אָדער כמעט אַלע גרונט-עלעמענטן, וואָס זיינען נויטיק צוליב דעם, כדי פריער אָדער שפּעטער מאַכן אַזאַ אויספיר.

ווי באַוואוסט, איז לענין געקומען צו אַזאַ אויספיר אין 1915-טן יאָר, דאָס הייסט, אין 10 יאָר אַרום.

אָט דאָס זיינען די טאַקטישע גרונט-הנחות, וואָס לענין האָט אַנטוויקלט

אין זײַן היסטאָרישן בוך „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע“.

די היסטאָרישע באַדײַטונג פון דעם דאָזיקן ווערק לענינס באַשטייט פריער פון אַלץ דערין, וואָס ער האָט אידייאיש צעשמעטערט די קלײנבירגערלאַכע טאַקטישע אײַנשטעלונג פון די מענשעוויקעס, האָט באַוואָפנט דעם אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד צו דער ווײַטערדיקער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער בור־זשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע, צו אַ נײַעם אָנדראַנג אויפן צאַריזם און האָט געגעבן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַ קלאָרע פּערספּעקטיוו וועגן דער נויטווענדיקייט פון דער איבערוואַקסונג פון דער בורזשואַזער רעוואָליו־ציע אין אַ רעוואָליוציע אַ סאָציאַליסטישער.

דערמיט ווערט אָבער ניט אויסגעשעפּט די באַדײַטונג פון לענינס ווערק. זײַן אומשאַצבאַרע באַדײַטונג באַשטייט דערין, וואָס עס האָט באַרײַכערט דעם מאַרקסיזם מיט אַ נײַער טעאָריע פון רעוואָליוציע און האָט געלייגט די יסו־דות פון יענער רעוואָליוציאָנערער טאַקטיק פון דער באָלשעוויסטישער פּאַר־טיי, וואָס מיט איר הילף האָט דער פּראָלעטאַריאַט פון אונזער לאַנד אין יאָר 1917 אָפּגעהאַלטן דעם זיג איבערן קאַפּיטאַליזם.

## 4. דער ווײַטערדיקער אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציע. דער אַלרוסלענדישער פּאָליטישער שטרײַק אין אָקטאָבער 1905־טן יאָר. דער צוריקטריט פונם צאַריזם. דער צאַרישער מאַני־פעסט. דער אויפקום פון סאָוועטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

האַרבסט־צו פון יאָר 1905 האָט די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אַרומגע־כאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. זי איז אָנגעוואַקסן מיט אַ ריזיקער קראַפט.

דעם 19־טן סעפּטעמבער האָט זיך אין מאָסקווע אָנגעהויבן אַ שטרײַק פון די דרוקער. ער האָט זיך איבערגעוואָרפן קיין פּעטערבורג און אין אַ ריי אַנדערע שטעט. אין מאָסקווע גופא איז דער שטרײַק פון די דרוקער גע־שטיצט געוואָרן מצד די אַרבעטער פון אַנדערע פּראָדוקציעס און איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרײַק.

אָנהויב אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרײַק אויף דער מאָסקווע־קאַזאַנער אײַזנבאַן. אין אַ טאָג אַרום האָט פאַרשטרײַקט דער גאַנצער מאָס־קווער אײַזנבאַן־קנופּ. אינגיכן האָט דער שטרײַק אַרומגעכאַפּט אַלע אײַזנבאַ־נען פונם לאַנד. עס האָבן אויפגעהערט אַרבעטן די פּאָסט און דער טעלע־גראַף. די אַרבעטער האָבן אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד זיך פאַר־זאַמלט אויף פּילטויזנטדיקע מיטינגען און באַשלאָסן אָפּצושטעלן די אַרבעט. דער שטרײַק האָט אַרומגעכאַפּט איין פאַבריק נאָך דער אַנדערער, איין זאַוואָד נאָכן אַנדערן, איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, איין ראַיאָן נאָכן אַנדערן. צו

די שטרײַקנדיקע ארבעטער האָבן זיך פאראייניקט קלײנע אָנגעשטעלטע, שטודירנדיקע, אינטעליגענץ — אדוואָקאטן, אינזשענירן, דאָקטוירים.

דער אָקטאָבערישער פאָליטישער שטרײַק איז געוואָרן אן אלרוסלענדישער און האָט ארומגעכאפט כמעט דאָס גאנצע לאנד, ביז צו די ווײַטסטע ראיאָנען, ארומגעכאפט כמעט אלע ארבעטער, ביז די סאמע אָפגעשטאנענע שיכטן. אין דעם אלגעמײנעם פאָליטישן שטרײַק האָט אָנטײלגענומען בײַ א מיליאָן בלויז אינדוסטריעלע ארבעטער, ניט רעכענענדיק די אײַזנבאנער, די פאָסט- און טעלעגראַף-אָנגעשטעלטע און אנדערע, וועלכע האָבן אויך געגעבן א גרויסע צאָל שטרײַקנדיקע. דאָס גאנצע לעבן פונם לאנד איז אָפגעשטעלט געוואָרן. די קראפט פון דער רעגירונג איז פאראליזירט געוואָרן.

דער ארבעטער-קלאס האָט זיך געשטעלט בראש פונם קאמף פון די פאָלקס-מאסן קעגן דער זעלבסטהערשונג.

דער לאָזונג פון די באָלשעוויקעס וועגן א פאָליטישן מאסן-שטרײַק האָט געגעבן זײַנע רעזולטאטן.

דער אָקטאָבערישער אלגעמײנער שטרײַק, וואָס האָט באוויזן די קראפט, די מעכטיקײַט פון דער פראָלעטארישער באוועגונג, האָט געצוואונגען דעם אויף טויט איבערגעשראָקענעם קײסער ארויסצוטרעטן מיטן מאניפעסט פונם 17-טן אָקטאָבער. אינם מאניפעסט פונם 17-טן אָקטאָבער 1905-טן יאָר זײַנען צוגעזאָגט געוואָרן דעם פאָלק די „אומוואקלבארע יסודות פון בירגערלאכער פרײַהײַט: ווירקלאכע אומבארירלאכקײַט פון פערזאָן, פרײַהײַט פון געוויסן, פון וואָרט, פון פארזאמלונגען און פון פאראײנען". עס איז צוגעזאָגט געוואָרן צונויפצורופן א געזעצגעבערישע דומע, צוציִען צו די וואלן אלע קלאסן פון דער באפעלקערונג.

אזויארום איז דורך דער קראפט פון דער רעוואָליוציע אָפגעראמט געוואָרן די בוליגינישע בעראטונגס-דומע. די באָלשעוויסטישע טאקטיק פון באָיקאָט פון דער בוליגינישער דומע האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א ריכטיקער.

און דאָך, ניט געקוקט דערויף, איז דער מאניפעסט פונם 17-טן אָקטאָבער געווען אן אָפנארן די פאָלקס-מאסן, א צאריש שפיצל, א מין אָטעם-איבערכאפ, וואָס דער קײסער האָט גענדארפט נויטיק האָבן, כדי אײַנצושלעפערן די לײַכטגלויביקע, געווינען צײַט, אָננעמען זיך מיט כחות און דערנאָך דערלאנגען א קלאפ דער רעוואָליוציע. צוזאָגנדיק אויפן וואָרט פרײַהײַט, האָט די צארישע רעגירונג אין דער ווירקלאכקײַט קײן שום ממשות'דיקס ניט געגעבן. די ארבעטער און די פויערים האָבן דערווײַל, חוץ צוזאָגענישן פון דער רעגירונג, גאָרנישט ניט באקומען. אָנשטאָט דער דערווארטער ברײטער פאָליטישער אמניסטיע איז דעם 21-טן אָקטאָבער געגעבן געוואָרן אן אמניסטיע אן אומבאדײַטנדיקן טײל פאָליטישע ארעסטירטע. אין דער זעלבער צײַט האָט די רעגירונג מיטן ציל צו צעשפליטערן די כחות פונם פאָלק אָרגאניזירט א רײ בלוטיקע אידישע פאָגראָמען, בעת וועלכע עס זײַנען אומגעקומען טויזנטער

און טויזנטער מענשן, און כדי אָפּצורעכענען זיך מיט דער רעוואָליוציע, האָט זי געשאפן באנדיטישע פּאָליצייאישע אָרגאניזאציעס: דעם „סאָיוז רוסקאָוואָ נאראָדא“ (פארבאנד פון רוסישן פאָלק), „סאָיוז מיכאאילא ארכאנגעלא“ (פארבאנד פונם ארכאנגעל מיכאאיל). די דאָזיקע אָרגאניזאציעס, וואו עס האָבן געשפּילט אן אָנגעזעענע ראָלע די רעאַקציאָנערע פּריצים, סוחרים, גלחים און האלב־קרימינעלע לומפּן־עלעמענטן, האָט דאָס פאָלק גענומען רופן מיטן נאָמען „די שווארצע מאה“. די שווארץ־מאה'ניקעס פלעגן אָפּן צע'ממית'ן און דערמאָרדן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי פאָרגעשריטענע ארבעטער, רעוואָליוציאָנערן צווישן דער אינטעליגענץ, סטודענטן, אונטערצינדן און צעשיסן מיטינגען און פארזאמלונגען פון די בירגער. אָט אזוי האָבן עס דערוויַל אויסגעזעען די רעזולטאטן פונם צארישן מאניפעסט.

דעמאָלט איז אין פאָלק געווען גאנגבאר אזא מין לידעלע וועגן דעם קייסערס מאניפעסט:

„דער צאר האָט זיך דערשראָקן, געגעבן א מאניפעסט:
פאר די טויטע—פריַהייט, די לעבעדיקע — ארעסט“.

די באָלשעוויקעס האָבן אויפגעקלערט די מאסן, אז דער מאניפעסט פונם 17־טן אָקטאָבער איז א פאסטקע. די אויפפירונג פון דער רעגירונג נאָכן מאניפעסט האָבן זיי געשטעמפּלט, ווי א פּראָוואָקאציע. די באָלשעוויקעס האָבן גערופן די ארבעטער צום געווער, צום צוגרייטן א באוואָפנטן אויפשטאנד.

די ארבעטער האָבן זיך נאָך מער ענערגיש גענומען שאפן שלאכט־דרוזשינעס. ס'איז זיי קלאָר געוואָרן, אז דער ערשטער זיג פונם 17־טן אָקטאָבער, וועלכער איז ארויסגעריסן געוואָרן דורכן אלגעמיינעם פּאָליטישן שטריַק, פאָדערט פון זיי וויַטערדיקע אָנשטרענגונגען, וויַטערדיקן קאמף אויף אראָפּצוּוואַרפן דעם צאריזם.

דעם מאניפעסט פון 17־טן אָקטאָבער האָט לענין אָפּגעשאצט, ווי א מאָמענט פון א געוויסן צייַטוויַליקן גלייַכגעוויכט פון כחות, ווען, האָבנדיק ארויסגעריסן בייַם קייסער דעם מאניפעסט, זייַנען דער פּראָלעטאריאט און דאָס פויערטום נאָך ניט בכח אומצוּוואַרפן דעם צאריזם, און דער צאריזם קאָן שוין ניט רעגירן בלויז מיט די פריערדיקע מיטלען און איז געצוואונגען צוצוזאָגן אויפן וואָרט „בירגערלאכע פריַהייטן“ און א „געזעצגעבערישע“ דומע.

אין די שטורמישע טעג פונם אָקטאָבערישן פּאָליטישן שטריַק, אינם פייַער פון קאמף קעגן צאריזם, האָט די רעוואָליוציאָנערע שעפערישקייט פון די ארבעטער־מאסן באשאפן א נייַ מעכטיק געווער — די סאָוועטן פון די ארבעטער־דעפּוטאטן.

די סאָוועטן פון די ארבעטער־דעפּוטאטן, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א פארזאמלונג פון דעלעגאטן פון אלע פאבריקן און זאוואָדן, זייַנען

געווען אזא פּאָליטישע מאסן־אָרגאניזאציע פונם ארבעטער־קלאס, וואָס איז נאָך ניט געזעען געוואָרן אין דער וועלט. די סאָוועטן, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל געבוירן געוואָרן אין יאָר 1905, זיינען געווען א פ אָ ר ב י ל ד פון דער סאָוועטן־מאכט, וואָס דער פּראָלעטאריאט האָט אונטער דער אָנפירונג פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי געשאפן אין יאָר 1917. די סאָוועטן זיינען געווען א נייע רעוואָליוציאָנערע פאָרם פון פּאָלקס־שאפונג. זיי זיינען געשאפן געוואָרן אויסשליסלאך דורך די רעוואָליוציאָנערע שיכטן פון דער באפעלקערונג, ברעכנדיק אלערליי געזעצן און נאָרמעס פונם צאריזם. זיי זיינען געווען אן אנטפּלעקונג פון דער זעלבסטטעטיקייט פונם פאָלק, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן צום קאמף קעגן דעם צאריזם.

די באָלשעוויקעס האָבן באטראכט די סאָוועטן, ווי עמבריאָנען פון דער רעוואָליוציאָנערער מאכט. זיי האָבן געהאלטן, אז די קראפט און די באדייטונג פון די סאָוועטן איז דורכאויס אָפּהענגיק פון דער קראפט און דערפאָלג פונם אויפשטאנד.

די מענשעוויקעס האָבן ניט געהאלטן די סאָוועטן ניט פאר קיין עמבריאָנעלע אָרגאנען פון דער רעוואָליוציאָנערער מאכט, ניט פאר קיין אָרגאנען פון אויפשטאנד. זיי האָבן אויף זיי געקוקט, ווי אויף אָרגאנען פון אָרטיקער זעלבסטפארוואלטונג, ווי אויף א מין דעמאָקראטיזירטע שטאָטישע זעלבסט־פארוואלטונגען.

דעם 13־טן (26־טן) אָקטאָבער 1905־טן יאָר זיינען אין פּעטערבורג אין אלע פאבריקן און זאוואָדן פאָרגעקומען וואלן אין סאָוועט פון די ארבעטער־דעפּוטאטן. בייגאכט איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פונם סאָוועט. גלייך נאָך פּעטערבורג אָרגאניזירט זיך א סאָוועט פון ארבעטער־דעפּוטאטן אין מאָסקווע.

דער סאָוועט פון די ארבעטער־דעפּוטאטן פון פּעטערבורג, ווי דער סאָוועט פונם גרעסטן אינדוסטריעלן און רעוואָליוציאָנערן צענטער פון רוסלאנד, פון דער הויפּטשטאָט פון דער צארישער אימפּעריע, האָט געדארפט שפּילן אן אנטשיידנדיקע ראָלע אין דער רעוואָליוציע פון יאָר 1905. ער האָט אָבער זיינע אויפגאבעס ניט אויסגעפילט איבער דער שלעכטער, מענשעוויסטישער אָנפירונג מיטן סאָוועט. ווי באוואוסט, איז לענין נאָך דעמאָלט ניט געווען אין פּעטערבורג, ער האָט זיך נאָך אלץ געפונען אין אויסלאנד. די מענשעוויקעס האָבן זיך באנוצט מיט לענינס אָפּוועזנקייט, האָבן זיך דורכגעשמוגלט אין פּעטערבורגער סאָוועט און האָבן פארכאפּט אין אים די אָנפירונג. עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס ביי אזעלכע באדינגונגען האָט זיך די מענשעוויקעס כרוסטאליאָוו, טראָצקין, פּארוואוסן און אנדערע איינגעגעבן א קער צו טאָן דעם פּעטערבורגער סאָוועט קעגן דער פּאָליטיק פון אויפשטאנד. אָנשטאָט צו דערנעענטערן די סאָלדאטן מיטן סאָוועט און פארבינדן זיי אין אלגעמיינעם קאמף, האָבן זיי געפאָדערט צו דערווייטערן די סאָלדאטן פון פּעטער־

בורג. אָנשטאָט צו באוואָפענען די אַרבעטער און גרייטן זיי צו אַן אויפ־שטאַנד, האָט זיך דער סאָוועט געשטויסן אויף איין אָרט און האָט זיך נעגאַטיוו באַצויגן צו דער צוגרייטונג פון אַן אויפשטאַנד.

גאָר אַן אַנדער ראָלע האָט געשפּילט אין דער רעוואָליוציע דער מאָסקווער סאָוועט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. דער מאָסקווער סאָוועט האָט גלייך פון די ערשטע טעג פון זײַן עקזיסטענץ דורכגעפירט ביזן סוף אַ רעוואָליוציאָנערע פּאָליטיק. די אָנפירונג אינם מאָסקווער סאָוועט האָט געהערט צו די באָלשעוויקעס. אַדאַנק די באָלשעוויקעס איז אין מאָסקווע צוגלײַך מיטן סאָוועט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן אַנטשטאַנען אַ סאָוועט פון סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן. דער מאָסקווער סאָוועט איז געוואָרן אַן אָרגאַן פון באוואָפנטן אויפשטאַנד.

אין פאַרלויף פון אָקטאָבער—דעצעמבער 1905־טן יאָר זײַנען געשאַפן געוואָרן סאָוועטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן אין אַ ריי גרויסע שטעט און כמעט אין אַלע אַרבעטער־צענטערס. עס זײַנען געמאַכט געוואָרן פּרואוון צו אָרגאַניזירן סאָוועטן פון סאָלדאַטישע און מאַטראָסישע דעפּוטאַטן, פאַראייניקן זיי מיט די סאָוועטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. וואו־ניט־וואו זײַנען געשאַפן געוואָרן סאָוועטן פון אַרבעטער־ און פּויערים־דעפּוטאַטן.

דער אײַנפלוס פון די סאָוועטן איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי זײַנען אָפט אַנטשטאַנען סטיכיש, זײַנען געווען ניט־אויסגעפורעמט און צעשוואָומען אין זייער באַשטאַנד, זײַנען זיי דאָך געווען טעטיק, ווי אַ מאַכט. די סאָוועטן האָבן אויף אַ פאַרבאַפונגס־אופן פאַרווירקלאַכט די פרײַהײַט פון פּרעסע, אײַנגעשטעלט אַן 8־שעה'יקן אַרבעטס־טאָג, זיך געווענדט צום פאָלק מיט אַ רוף ניט צו צאָלן קיין שטײַערן דער צאַרישער רעגירונג. אין באַזונדערע פאַלן האָבן זיי קאָנפיסקירט דאָס געלט פון דער צאַרישער רעגירונג און עס פאַרווענדט אויף די באַדערפעניշן פון דער רעוואָליוציע.

## 5. דער דעצעמבערישער באוואָפנטער אויפשטאַנד. די מפּלה פונם אויפשטאַנד. דער צוריקטריט פון דער רעוואָליוציע. די ערשטע מלוכה־דומע. דער פערטער (פאַרייניקונגס־) צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי.

אין אָקטאָבער און נאָוועמבער 1905־טן יאָר האָט דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף פון די מאַסן ווײַטער זיך אַנטוויקלט מיט אַ קאָלאָסאַלער קראַפט. עס האָבן ניט אויפגעהערט די שטרײַקס פון די אַרבעטער.

דער קאַמף פון די פּויערים קעגן די פּריצים האָט אין האַרבסט 1905־טן יאָר אָנגענומען ברייטע מאַסשטאַבן. די פּויערים־באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט העכער אַ דריטל אויעזדן פונם גאַנצן לאַנד. סאַראַטאָווער, טאַמבאָווער, טשערניגאָווער, טיפליסער, קוטאַאיסער און אייניקע אַנדערע גובערניעס זײַנען אַרומ־

געכאַפּט געוואָרן מיט עכטע פּויערים־אויפשטאַנדן. דאָך איז דער אָנדראַנג פון די פּויערים־מאַסן געווען נאָך ניט גענוגנדיקער. דער פּויערים־באַוועגונג האָבן געפעלט אָרגאַניזירטקייט און אָנפירונג.

עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די אומרוען אויך צווישן די סאָלדאַטן אין א ריי שטעט — אין טיפליס, וולאַדיוואָסטאָק, טאַשקענט, סאַמאַרקאַנד, קורסק, סוכום, וואַרשע, קיעוו, ריגע. עס איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד אין קראָנשטאַדט און צווישן די מאַטראָסן פונם שוואַרץ־ים׳ישן פלאָט אין סעוואַסטאָפּאָל (אין נאָוועמבער 1905־טן יאָר). נאָר, זײַענדיק אָפּגעזונדערט, זײַנען די דאָזיקע אויפשטאַנדן דערשטיקט געוואָרן דורכן צאַריזם.

ווי א מאָטיוו פאַר די אויפשטאַנדן אין באַזונדערע טיילן פון דער אַרמיי און פלאָט איז ניט זעלטן געווען די זייער גראָבע באַהאַנדלונג מצד די אָפיצירן, די שלעכטע שפּײַז („אַרבעס־בונטן“) און א. וו. די מאַסע אויפגעשטאַנענע מאַטראָסן און סאָלדאַטן האָט נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרן באַוואוסטזײַן פון דער נויטיקייט אַראָפּצוואַרפן די צאַרישע רעגירונג, פון דער נויטיקייט ענערגיש פאָרצוזעצן דעם באַוואָפנטן קאַמף. די אויפגעשטאַנענע מאַטראָסן און סאָלדאַטן זײַנען נאָך געווען צו פרידלאַך, גוטמוטיק געשטימט, ניט זעלטן זײַנען זיי באַגאַנגען פעלערן, באַפרײַענדיק די אָפיצירן, וואָס זײַנען געווען אַרעסטירט אין אָנהויב פונם אויפשטאַנד, און האָבן זיך געלאָזט באַרואיקן פון די צוזאָגענישן און אײַנריידענישן פון נאַטשאַלסטווע.

די רעוואָלוציע איז צוגעקומען האַרט צו א באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די באָלשעוויקעס האָבן גערופן די מאַסן צו א באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דעם קייסער און די פּריצים, האָבן זיי אויפגעקלערט זײַן אומפאַרמײַדלאַכקייט. אומדערמידלאַך האָבן די באָלשעוויקעס געגרייט דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. עס איז געפירט געוואָרן א רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן די סאָלדאַטן און מאַטראָסן; עס זײַנען געשאַפן געוואָרן אין דער אַרמיי מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי. עס זײַנען געשאַפן געוואָרן אין א ריי שטעט שלאַכט־דרוזשינעס פון אַרבעטער; די דרוזשיניקעס האָט מען געלערנט, ווי צו באַגייִן זיך מיט געווער. עס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויפקויף פון געווער אין אויסלאַנד און דאָס איבערשיקן עס געהיים קיין רוסלאַנד. אין דער אָרגאַניזירונג פונם געווער־טראַנספּאָרט האָבן אָנטיילגענומען אָנגעזעענע טוער פון דער פּאַרטיי.

אין נאָוועמבער 1905־טן יאָר האָט זיך לענין אומגעקערט קיין רוסלאַנד. אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון די צאַרישע זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען, האָט לענין אין די דאָזיקע טעג גענומען א דירעקטן אָנטייל אין צוגרייטן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. זײַנע אַרטיקלען אין דער באָלשעוויסטישער צײַטונג „נאָוואַיאַ זשיזן“ (נײַ לעבן) האָבן געדינט פאַר אָנווײַזונגען אין דער טאָגטעגלאַכער אַרבעט פון דער פּאַרטיי.

אין דער דאָזיקער צײַט האָט חבר סטאַלין געפירט א קאָלאָסאַלע רעוואָ־

ליוציאָנערע ארבעט אין טראנסקאווקאז. חבר סטאלין האָט דעמאַסקירט און געשמעטערט די מענשעוויקעס, ווי קעגנער פון דער רעוואָליוציע און פונם באוואָפנטן אויפשטאנד. ער האָט פעסט געגרייט די ארבעטער צו אן אנטשיידענער שלאכט קעגן דער זעלבסטהערשונג. אויף א מיטינג אין טיפליס אין טאָג, ווען ס'איז פארעפנטלאכט געוואָרן דער צארישער מאניפעסט, האָט חבר סטאלין געזאָגט צו די ארבעטער:

„וואָס דארפן מיר, כדי ווירקלאך צו זיגן? דערצו דארף מען דריי זאכן: דאָס ערשטע — באוואָפענונג, דאָס צווייטע — באוואָפענונג, דאָס דריטע — נאָכאמאָל און נאָכאמאָל באוואָפענונג".

אין דעצעמבער 1905-טן יאָר האָט זיך אין פינלאנד, אין טאמערפאָרס, צונויפגעזאמלט א קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס. כאָטש די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס זײַנען פאָרמעל געווען אין איין סאָציאַל-דעמאָקראטישער פארטיי, זײַנען זיי אָבער פאקטיש געווען צוויי פארשיידענע פארטייען מיט זייערע אייגענע באזונדערע צענטערס. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן זיך צום ערשטן מאָל פערזענלאך באגעגנט לענין און סטאלין. ביז דעמאָלט פלעגן זיי האלטן די פארבינדונג צווישן זיך דורך בריוו אָדער דורך חברים.

פון די באשלוסן פון דער טאמערפאָרסער קאָנפערענץ דארף מען פארצייכענען צוויי באשלוסן: איינער — וועגן אויפשטעלן די איינהייט פון דער פארטיי, וועלכע איז פאקטיש געווען צעשפּאָלטן אויף צוויי פארטייען, און דער אנדערער — וועגן באָיקאָטירן די ערשטע אזוי גערופענע וויטע-דומע.

אזוי ווי צו דער דאָזיקער צײַט האָט זיך שוין אין מאָסקווע געהאט אָנגעהויבן דער באוואָפנטער אויפשטאנד, האָט די קאָנפערענץ, לויט לענינס עצה, אײַליק פארענדיקט איר ארבעט, און די דעלעגאטן זײַנען זיך פאנאנדערגעפאָרן אויף די ערטער, כדי פערזענלאך אָנטיילצונעמען אינם אויפשטאנד.

עס האָט אָבער ניט געדרעמלט אויך די צארישע רעגירונג. זי האָט זיך אויך געגרייט צו אן אנטשיידענעם קאמף. געשלאָסן א שלום מיט יאפּאָניע און פארגרינגערט דערמיט איר שווערע לאגע, איז די צארישע רעגירונג אריבערגעגאנגען אין אָנגריף אויף די ארבעטער און פּויערים. די צארישע רעגירונג האָט דערקלערט קריגס-צושטאנד אין א ריי גובערניעס, וואָס זײַנען געווען ארומגעכאפּט דורך פּויערים-אויפשטאנדן, זי האָט ארויסגעגעבן אכזריות'דיקע באפעלן — „קיין ארעסטירטע זאָלן ניט זײַן", „קיין קוילן ניט זשאלעווען"; זי האָט פאראָרדנט צו ארעסטירן די אָנפירער פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג און צעטרײַבן די סאָוועטן פון די ארבעטער-דעפּוטאטן.

די מאָסקווער באָלשעוויקעס און דער מאָסקווער סאָוועט פון די ארבעטער-דעפּוטאטן, מיט וועלכן זיי האָבן אָנגעפירט און וועלכער איז געווען פארבונדן מיט די ברייטע מאסן ארבעטער, האָבן אין צוזאמענהאנג דערמיט באשלאָסן דורכצופירן א תיכף'דיקע צוגרייטונג צו א באוואָפנטן אויפשטאנד. דעם 5-טן (18-טן) דעצעמבער האָט דער מאָסקווער קאָמיטעט אָנגענומען א בא-

שלום: פאַרלייגן דעם סאָוועט צו מעלדן אן אַלגעמיין=פּאָליטישן שטרייק, כּדי אין גאנג פונם קאמף אריבערפירן אים אין אן אויפשטאנד. דער דאָזיקער באַשלוס איז געשטיצט געוואָרן אויף מאסאָווע ארבעטער=פאַרזאמלונגען. דער מאָסקווער סאָוועט האָט דיסקאָנטירט דעם ווילן פונם ארבעטער=קלאס און האָט איינמוטיק באשטימט אָנצוהויבן אן אלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק.

אָנהויבנדיק דעם אויפשטאנד, האָט דער פּראָלעטאריאט פון מאָסקווע געהאט זיין אייגענע שלאכט=אָרגאניזאציע — ביי טויזנט דרוזשיניקעס, וואָס העבער א העלפט פון זיי זיינען געווען באָלשעוויקעס. שלאכט=דרוזשינעס זיינען אויך געווען אין א ריי פאבריקן פון מאָסקווע. ארום און ארום האָבן די אויפשטענדלער געהאט ביי צוויי טויזנט דרוזשיניקעס. די ארבעטער האָבן גערעכנט צו נייטראליזירן דעם גארניזאָן, אָפּשפּאלטן א טייל פונם גארניזאָן און אוועקפירן אים נאָך זיך.

דעם 7=טן (20=טן) דעצעמבער האָט זיך אין מאָסקווע אָנגעהויבן א פּאָליטישער שטרייק. דעם שטרייק האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן צו פארשפּרייטן איבערן גאנצן לאנד, — ער איז ניט גענוג געשטיצט געוואָרן אין פּעטערבורג, און דאָס האָט פון סאמע אָנהויב אָן אָפּגעשוואכט די שאנסן אויפן דערפאָלג פונם אויפשטאנד. די ניקאָלאיעווער, איצט אָקטאָבערישע, אייזנבאַן איז געבליבן אין די הענט פון דער צארישער רעגירונג. די באוועגונג אויף דער דאָזיקער ליניע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, און די רעגירונג האָט געקאָנט אריבערוואַרפן פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע גווארדייאישע פּאָלקן צו דערשטיקן דעם אויפשטאנד.

אין מאָסקווע גופא האָט זיך דער גארניזאָן געוואקלט. טיילווייז אויסרעכענענדיק אויף דער אונטערשטיצונג פונם גארניזאָן, האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן דעם אויפשטאנד. נאָר די רעוואָליוציאָנערן האָבן דורכגעלאָזט די צייט, און די צארישע רעגירונג האָט זיך ספּראַוועט מיט די אומרויען אינם גארניזאָן.

דעם 9=טן (22=טן) דעצעמבער האָבן זיך אין מאָסקווע באוויזן די ערשטע באריקאדן. אינגיכן זיינען די גאסן פון מאָסקווע באדעקט געוואָרן מיט באריקאדן. די צארישע רעגירונג האָט געלאָזט אין גאנג ארטילעריע. זי האָט צונויפגעזאמלט מיליטער, וואָס האָט אין פיל מאָל אריבערגעשטיגן די כחות פון די אויפשטענדלער. אין פארלויף פון 9 טעג האָבן עטלאכע טויזנט באוואָפנטע ארבעטער געפירט א העראָאישן קאמף. ערשט דעמאָלט, ווען דער צאַריזם האָט אריבערגעוואָרפן פּאָלקן פון פּעטערבורג, פון טווער און פון דער מערב=געגנט, איז ער אימשטאנד געווען צו דערשטיקן דעם אויפשטאנד. די אָנפירנדיקע אָרגאנען פונם אויפשטאנד זיינען ערב דער סאמע שלאכט טיילווייז ארעסטירט געוואָרן, טיילווייז איזאָלירט געוואָרן. דער מאָסקווער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס איז ארעסטירט געוואָרן. די באוואָפנטע ארויסטרעטונג איז פארוואנדלט געוואָרן אין אן אויפשטאנד פון באזונדערע ראיאָנען,

פּאַנאַנדערגעשיידטע איינער פון דעם אַנדערן. געבליבן אָז אַן אָנפירנדיקן צענטער, ניט האָבנדיק קיין אַלגעמיין־שטאַטישן פּלאַן פון קאַמף, האָבן די ראַיאָנען זיך באַגרענעצט הויפּטזאַכלאַך מיט באַשיצונג. דאָס איז געווען דער גרונט־קוואַל פון דער שוואַכקייט פונם מאָסקווער אויפשטאַנד און איינע פון די סיבות פון זײַן מפּלה, ווי דאָס האָט נאָכדעם פאַרצייכנט לענין.

א באַזונדערס עקשנות׳דיקן און פאַרביטערטן כאַראַקטער האָט געטראָגן דער אויפשטאַנד אויף דער רויטער פּרעסניע אין מאָסקווע. די רויטע פּרעסניע איז געווען די הויפּט־פּעסטונג פונם אויפשטאַנד, איר צענטער. דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט די בעסטע שלאַכט־דרוזשינעס, מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפירט די באָלשעוויקעס. די רויטע פּרעסניע איז אָבער דערשטיקט געוואָרן דורך פײַער און שווערד, פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט; זי האָט געפלאַקערט אין ווי־דערשײַן פון שרפות, וואָס זײַנען אָנגעצונדן געוואָרן דורך דער אַרטילעריע. דער מאָסקווער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן.

אויפשטאַנדן זײַנען פאָרגעקומען ניט בלויז אין מאָסקווע. מיט רעוואָלוי־ציאָנערע אויפשטאַנדן איז אויך געווען אַרומגעכאַפּט א ריי אַנדערע שטעט און ראַיאָנען. באַוואָפנטע אויפשטאַנדן זײַנען פאָרגעקומען אין קראַסנאָיאַרסק, מאָטאָווילִיכע (פּערם), נאָוואָראָסעיסק, סאָרמאָווע, סעוואַסטאָפּאָל, קראָנ־שטאַדט.

צו א באַוואָפנטן קאַמף האָבן זיך אויפגעהויבן אויך די אונטערדריקטע פעלקער פון רוסלאַנד. כמעט גאַנץ גרוזיע איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַן אויפשטאַנד. א גרויסער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען אין אוקראַאינע אין דאָנ־באַס: אין גאָרלאָווקע, אַלעקסאַנדראָווסק, לוגאַנסק (וואָראָשילאָווגראַד). אַן עקשנות׳דיקן כאַראַקטער האָט געטראָגן דער קאַמף אין לעטלאַנד. אין פינ־לאַנד האָבן די אַרבעטער געשאַפן זייער רויטע גוואַרדיע און אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד.

נאָר די אַלע אויפשטאַנדן האָט דער צאַריזם, פּונקט ווי דעם מאָסקווער אויפשטאַנד, דערשטיקט מיט אוממענטשלאַכער אַכזריות.

די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס האָבן געגעבן א פאַרשיידענע אָפּ־שאַצונג דעם דעצעמבערישן באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

דער מענשעוויק פּלעכאַנאָוו האָט נאָכן באַוואָפנטן אויפשטאַנד פאָרגע־וואָרפן דער פּאַרטיי: „מע האָט זיך ניט געדאַרפט נעמען פאַרן געווער". די מענשעוויקעס האָבן אויפגעוויזן, אַז אַן אויפשטאַנד איז א ניט נויטיקע און שעדלאַכע זאַך, אַז אין דער רעוואָלוציע קאָן מען זיך באַגיין אָן אַן אויפ־שטאַנד, אַז א דערפאָלג קאָן מען זיך דערשלאָגן ניט דורך א באַוואָפנטן אויפ־שטאַנד, נאָר דורך פרידלאַכע קאַמפּף־מיטלען.

די באָלשעוויקעס האָבן געשטעמפּלט אַזא אָפּשאַצונג, ווי א פאַררעטערי־שע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די דערפאַרונג פון דעם מאָסקווער באַוואָפנטן אויפשטאַנד האָט בלויז באַשטעטיקט די מעגלאַכקייט פון א דערפאָלגרײַכן

באוואָפּנטן קאמף פונם ארבעטער־קלאס. אויף פּלעכאַנאָווס פּאַרוואורף: „מע האָט זיך ניט געדארפט נעמען פארן געווער", האָט לענין געענטפערט:

„פארקערט, מע האָט געדארפט נאָך מער אנטשיידן, ענערגיש און אָנגרייפעריש זיך נעמען פארן געווער, מע האָט געדארפט דערקלערן די מאסן די אוממעגלאכקייט פון בלויז א פרידלאכן שטרייק אליין און די נויטיקייט פון שרעקלאָזן און אָנ'רחמנות'דיקן באוואָפנטן קאמף" (לענין, ב. X, ז. 50, רוסיש).

דער דעצעמבער־אויפשטאנד פון יאָר 1905 איז געווען דער העכסטער פּונקט פון דער רעוואָליוציע. אין דעצעמבער האָט די צארישע זעלבסטהערשונג געבראכט א מפּלה דעם אויפשטאנד. נאָך דער מפּלה פונם דעצעמבער־אויפשטאנד האָט זיך אָנגעהויבן א קער צו א בהדרגה'דיקן צוריקטריט פון דער רעוואָליוציע. אויפן אָרט פונם אויפשטייג פון דער רעוואָליוציע איז געקומען איר שטופנווייזער גאנג בארג־אראָפּ.

די צארישע רעגירונג האָט זיך געאיילט אויסצונוצן די דאָזיקע מפּלה, כדי צו דערשלאָגן די רעוואָליוציע. די צארישע הענקער און טורמע־לייט האָבן פּאנאנדערגעוויקלט זייער בלוטיקע ארבעט. שטראָף־עקספּעדיציעס אין פּוילן, לעטלאנד, עסטלאנד, טראנסקאווקאז, סיביר האָבן געבושעוועט מיט דער גאנצער קראפט.

דאָך איז די רעוואָליוציע נאָך ניט געווען דערשטיקט. די ארבעטער און די רעוואָליוציאָנערע פּויערים זיינען צוריקגעטראָטן לאנגזאם, מיט שלאכטן. אין קאמף זיינען ארייננגעצויגן געוואָרן נייע שיכטן ארבעטער. אין די שטרייקס האָט אין יאָר 1906 אָנטיילגענומען העכער א מיליאָן ארבעטער. אין 1907־טן יאָר — 740 טויזנט. די פּויערים־באוועגונג האָט אין דער ערשטער העלפט 1906־טן יאָר ארומגעכאפּט ביי א העלפט אויעזדן פונם צארישן רוסלאנד, אין דער צווייטער העלפט יאָר — א פינפטל פון אלע אויעזדן. די אומרוען אין דער אַרמיי און פלאָט האָבן געדויערט ווייטער.

די צארישע רעגירונג האָט אין איר קאמף קעגן דער רעוואָליוציע זיך ניט באגרענעצט בלויז מיט רעפּרעסיעס אליין. דערשלאָגנדיק זיך די ערשטע דערפאָלגן אדאנק די רעפּרעסיעס, האָט זי באשלאָסן צו דערלאנגען א נייעם קלאפּ דער רעוואָליוציע דורך צונויפרופן א נייע, „געזעצגעבערישע" דומע. מיטן צונויפרופן די דאָזיקע דומע האָט זי גערעכנט אָפּשפּאלטן די פּויערים פון דער רעוואָליוציע און דערמיט מאכן א סוף צו דער רעוואָליוציע. אין דעצעמבער 1905־טן יאָר האָט די צארישע רעגירונג ארויסגעגעבן א געזעץ וועגן צונויפרופן א נייע „געזעצגעבערישע" דומע, אין אונטערשייד פון דער אלטער, בוליגינישער „באראטונגס"־דומע, וועלכע איז אראָפּגעשמיסן געוואָרן דורכן באָלשעוויסטישן באָיקאָט. דער צארישער וואל־געזעץ איז, פארשטייט זיך, געווען אן אנטידעמאָקראטישער. די וואלן זיינען געווען ניט קיין אלגעמיינע. ביי העכער א העלפט באפעלקערונג איז בכלל אָפּגענומען געוואָרן דאָס

שטימרעכט, צום בײַשפּיל, בײַ פרויען און בײַ העכער 2 מיליאָן אַרבעטער. די וואלן זײַנען געווען ניט קיין גלײַכע. די וויילער זײַנען אײַנגעטיילט געוואָרן אויף 4 קוריעס, ווי מע פלעגט דעמאָלט זאָגן: אויף אַן ערדבאזיצערישער (די פּריצים), אויף א שטאָטישער (די בורזשואזיע), אויף א פּויערשער און אויף אַן אַרבעטערשער. די וואלן זײַנען געווען ניט קיין דירעקטע, נאָר פילשטופּי־קע. די וואלן זײַנען פּאַקטיש געווען ניט קיין געהיימע. דער וואַל־געזעץ האָט געזיכערט, אַז אין דער דומע זאָל א הײַפּל פּריצים און קאַפּיטאַליסטן הערשן איבער מיליאָנען אַרבעטער און פּויערים.

מיט דער דומע האָט דער קייסער געוואָלט אָפּווענדן די מאַסן פון דער רעוואָלוציע. א באַדײַטנדיקער טייל פּויערטום האָט אין יענער צײַט געגלויבט אין דער מענלאַכקײַט צו באַקומען דורך דער דומע ערד. די קאַדעטן, די מענ־שעוויקעס און די עסערן האָבן אָפּגענאַרט די אַרבעטער און די פּויערים, אַז מע קאָן כלומר׳שט אָן אַן אויפשטאַנד, אָן א רעוואָלוציע זיך דערשלאָגן אַזעלכע אָרדענונגען, וואָס זײַנען נויטיק פאַרן פאָלק. אין קאַמף קעגן דעם דאָ־זיקן גענאַרן דאָס פאָלק האָבן די באָלשעוויקעס דערקלערט און דורכגעפירט א טאַקטיק פון באָיקאָט קעגן דער ערשטער מלוכה־דומע אין הסכם מיטן באַ־שלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ.

פירנדיק א קאַמף קעגן דעם צאַריזם, האָבן די אַרבעטער צוזאַמען דער־מיט געפאָדערט אַן אייניקײַט פון קרעפטן פון דער פאַרטיי, די פאַראייניקונג פון דער פאַרטיי פונם פראָלעטאַריאַט. באַוואָפנטע מיט דעם באַוואוסטן באַ־שלוס פון דער טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ וועגן אייניקײַט, האָבן די באָלשע־וויקעס געשטיצט די דאָזיקע פאָדערונג פון די אַרבעטער און האָבן פאָרגע־לייגט די מענשעוויקעס צונויפצורופן א פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי. אונטערן דרוק פון די אַרבעטער־מאַסן זײַנען די מענשעוויקעס געווען געצוואונגען אײַנגיין אויף א פאַראייניקונג.

לענין איז געווען פאַר א פאַראייניקונג; ער איז אָבער געווען פאַר אַזא פאַראייניקונג, בײַ וועלכער עס זאָלן ניט פאַרווישט ווערן די מיינונגס־פאַרשיי־דנהײַטן איבער די פראַגן פון דער רעוואָלוציע. א גרויסן שאָדן האָבן גע־בראַכט דער פאַרטיי די שלום־מאַכער (באָגדאַנאָוו, קראַסין און אַנדערע), וועלכע האָבן זיך באַמיט צו דערווײַזן, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין ערנסטע מיי־נונגס־פאַרשיידנהײַטן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. קעמפנדיק קעגן די שלום־מאַכער, האָט לענין געפאָדערט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן קו־מען אויפן צוזאַמענפאָר מיט זייער אייגענער פּלאַטפאָרם, כדי פאַר די אַרבע־טער זאָל זײַן קלאָר, אויף וועלכע פּאָזיציעס די באָלשעוויקעס שטייען און אויף וואָס פאַר א באָדן עס קומט פאָר די פאַראייניקונג. די באָלשעוויקעס האָבן אויסגעאַרבעט אַזא פּלאַטפאָרם און האָבן זי איבערגעגעבן צו דער באַהאַנד־לונג פון די מיטגלידער פון דער פאַרטיי.

אין אַפּריל 1906־טן יאָר איז אין שטאָקהאָלם (שוועדן) זיך צונויפגעקומען

דער פּערטער צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ., וועלכן מע האָט אָנגערופן פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר. אויפן צוזאַמענפאָר זײַנען בײַגעווען 111 דע־לעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט, וואָס האָבן פאַרטראָטן 57 אָרטיקע אָרגאַ־ניזאַציעס פון דער פּאַרטיי. חוץ דעם זײַנען אויפן צוזאַמענפאָר געווען פאָר־שטייער פון די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען: 3 — פונם „בונד“, 3 — פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און 3— פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע.

מחמת דער צעשמעטערונג פון די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס בעת און נאָך דעם דעצעמבער־אויפשטאַנד האָבן ניט אַלע באָלשעוויסטישע אָרגאַני־זאַציעס געקאָנט שיקן דעלעגאַטן. חוץ דעם האָבן די מענשעוויקעס אין די „פּריוואַטס־טעג“ פון יאָר 1905 אויפגענומען אין זייערע רייען א מאַסע קליינ־בירגערלעכע אינטעליגענץ, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס מיטן רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם. עס איז גענוג אָנצואווײַזן דערויף, אַז די טיפליסער מענשעוויקעס (און אין טיפליס איז געווען ווייניק אינדוסטריעלע אַרבעטער) האָבן געשיקט אויפן צוזאַמענפאָר פונקט אַזויפיל דעלעגאַטן, וויפל עס האָט געשיקט די גרעסטע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע — די פּעטערבורגער. מחמת דעם האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז אויפן שטאָקהאָלמער צוזאַמענ־פאָר איז די מערהײַט, אמת, אַן אומבאַדײַטנדיקע, געווען אויף דער זײַט פון די מענשעוויקעס.

אַזאַ באַשטאַנד פונם צוזאַמענפאָר האָט באַשטימט דעם מענשעוויסטישן כאַראַקטער פון די באַשלוסן איבער א גאַנצער ריי פראַגן.

אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען בלויז א פאָרמעלע פאַראייניקונג. אין תוך זײַנען די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס פאַרבליבן בײַ זייערע אָנשויאונגען, מיט זייערע אייגענע זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס.

די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אויפן פערטן צו־זאַמענפאָר, זײַנען געווען: די אַגראַר־פראַגע, די אָפּשאַצונג פונם מאָמענט און פון די קלאַסן־אויפגאַבעס פונם פּראָלעטאַריאַט, די באַציאונג צו דער מלוכה־דומע, אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

ניט געקוקט דערויף, וואָס די מענשעוויקעס זײַנען אויף דעם דאָזיקן צו־זאַמענפאָר געווען אין דער מערהײַט, זײַנען זיי געצוואונגען געווען אָנצונעמען די לענינישע פאָרמולירונג פונם ערשטן פּאַראַגראַף פונם סטאַטוט וועגן פּאַר־טיי־מיטגלידערשאַפט, כדי ניט אָפּצושטויסן פון זיך די אַרבעטער.

אין דער אַגראַר־פראַגע האָט לענין פאַרטיידיקט די נאַציאָנאַליזי־רונג פון דער ערד. לענין האָט געהאַלטן פאַר מעגלאַך די נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד בלויז בײַם זיג פון דער רעוואָלוציע, בלויז נאָכן אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם. די נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד וואָלט אין דעם דאָזיקן פאַל פאַרלײַכטערט דעם פּראָלעטאַריאַט אין בונד מיט דער דאָרפישער אָרעמשאַפט דעם אַריבערגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. די נאַציאָנאַליזירונג

פון דער ערד האָט געפאָדערט אָפּנעמען אָן געצאָלט (קאָנפיסקירן) די גאנצע פּריצ'ישע ערד לטובת די פויערים. די באָלשעוויסטישע אגראר־פּראָגראם האָט גערופן די פויערים צו א רעוואָליוציע קעגן דעם קייסער און די פּריצים.

אויף אנדערע פּאָזיציעס זיינען געשטאנען די מענשעוויקעס. זיי האָבן פארטיידיקט די פּראָגראם פון מוניציפּאַליזירונג. לויט דער דאָזיקער פּראָגראם האָט די פּריצ'ישע ערד געדארפט אריינקומען ניט אין רשות, אפילו ניט אין באנוץ פון די פויערשע געזעלשאפטן, נאָר אין רשות פון די מוניציפּאַליטעטן (דאָס הייסט, פון די אָרטיקע זעלבסטפארוואלטונגען אָדער זעמסטוועס). די פויערים וואָלטן געדארפט די דאָזיקע ערד ארענדירן, יעדערער לויט זיינע כחות.

די מענשעוויסטישע פּראָגראם פון מוניציפּאַליזירונג איז געווען א פּשרה־מאכערישע, דעריבער — א שעדלאכע פאר דער רעוואָליוציע. זי האָט ניט געקאָנט מאָביליזירן די פויערים צום רעוואָליוציאָנערן קאמף; זי איז ניט געווען אויסגערעכנט אויף א פולשטענדיקער פארניכטונג פון דעם פּריצ'ישן ערד־באזיץ. די מענשעוויסטישע פּראָגראם איז געווען אויסגערעכנט אויף א האלבלאכן אויסגאנג פון דער רעוואָליוציע. די מענשעוויקעס האָבן ניט געוואָלט אויפהויבן די פויערים צו א רעוואָליוציע.

דער צוזאמענפאָר האָט מיט א מערהייט שטימען אָנגענומען די מענשעוויסטישע פּראָגראם.

די מענשעוויקעס האָבן אנטפּלעקט זייער אנטי־פּראָלעטארישן, אָפּאָרטוניסטישן תוך בעת'ן באהאנדלען די רעזאָלוציע וועגן דער אָפּשאצונג פונם איצטיקן מאָמענט און וועגן דער מלוכה־דומע. דער מענשעוויק מארטינאָוו איז אָפן ארויסגעטראָטן קעגן דער העגעמאָניע פונם פּראָלעטאריאט אין דער רעוואָליוציע. ענטפערנדיק די מענשעוויקעס, האָט חבר סטאלין אוועקגעשטעלט די פראגע שארף:

„אָדער די העגעמאָניע פונם פּראָלעטאריאט, אָדער די העגעמאָניע פון דער דעמאָקראטישער בורזשואזיע — אָט וויאזוי עס שטייט די פראגע אין דער פּארטיי, אָט אין וואָס עס באשטייען אונזערע מיינונגס־פארשיידנהייטן".

וואָס איז שייך דער מלוכה־דומע האָבן די מענשעוויקעס אין זייער רעזאָלוציע זי געלויבט אין הימל אריין, ווי דאָס בעסטע מיטל צו לייזן די פראגן פון דער רעוואָליוציע, צו באפרייען דאָס פאָלק פונם צאריזם. די באָלשעוויקעס, פארקערט, האָבן באטראכט די דומע ווי אן אָנמעכטיקן צוגאָב צום צאריזם, ווי א שירמע, וואָס דעקט צו די וואונדן פונם צאריזם, א שירמע, וועלכע דער צאריזם וועט תיכף אָפּווארפן, ווי נאָר זי וועט ווערן פאר אים אומבאקוועם.

אין דעם צענטראל־קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן פערטן צוזאמענפאָר, זיינען אריינגעגאנגען 3 באָלשעוויקעס און 6 מענשעוויקעס. אין

דער רעדאקציע פונם צענטראל־אָרגאַן זײַנען אַרײַנגעגאַנגען בלויז מענשעוויקעס אליין.

ס'איז קלאָר געווען, אז דער אינערלאַד־פּאַרטייאישער קאמף וועט פאָרגעזעצט ווערן.

דער קאמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָט זיך נאָכן פערטן צוזאמענפאָר צעפלאקערט מיט א נײַער קראפט. אין די אָרטיקע, פאָרמעל־פאראייניקטע אָרגאניזאציעס, זײַנען זייער אָפט ארויסגעטראָטן מיט באַריכטן וועגן דעם צוזאמענפאָר צוויי פאָרטרעגער — איינער פון די באָלשעוויקעס, דער אנדערער — פון די מענשעוויקעס. אין רעזולטאט פון דער באַהאנדלונג פון די צוויי ליניעס האָט זיך די מערהײַט מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע מערסטנטייל געשטעלט אויף דער זײַט פון די באָלשעוויקעס.

דאָס לעבן האָט אַלץ מער דערוויזן, אז גערעכט זײַנען די באָלשעוויקעס. דער מענשעוויסטישער צ.ק., וואָס איז ארויסגעוויילט געוואָרן דורכן פערטן צוזאמענפאָר, האָט אַלץ מער אנטפּלעקט זײַן אָפּאָרטוניזם, זיין פולשטענדיקע אומפייאיקייט אָנצופירן מיטן רעוואָליוציאָנערן קאמף פון די מאסן. זומער און הארבסט 1906־טן יאָר האָט זיך דער רעוואָליוציאָנערער קאמף פון די מאסן ווידער פארשטארקט. אין קראָנשטאדט און אין סוועאבאָרג זײַנען אויפגעשטאנען די מאטראָסן; עס האָט זיך צעפלאקערט דער קאמף פונם פויערטום קעגן די פריצים. און דער מענשעוויסטישער צ.ק. האָט געגעבן אָפּאָרטוניסטישע לאָזונגען, נאָך וועלכע די מאסן זײַנען ניט געגאנגען.

## 6. דאָס צעטרײַבן די ערשטע מלוכה־דומע. דאָס צונויפרופן די צווייטע מלוכה־דומע. דער פינפטער צוזאמענפאָר פון דער פארטיי. דאָס צעטרײַבן די צווייטע מלוכה־דומע. די סיבות פון דער מפּלה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע.

אזוי ווי די ערשטע מלוכה־דומע האָט זיך ארויסגעוויזן פאר ניט גענוג געהאָרכזאם, האָט די צארישע רעגירונג זומער 1906־טן יאָר זי צעטריבן. זי האָט נאָך מער פארשטארקט די רעפּרעסיעס קעגן פאָלק, פאנאנדערגעוויקלט א פּאָגראָם־טעטיקייט פון שטראָף־עקספּעדיציעס איבערן גאנצן לאנד און האָט געמאָלדן וועגן איר באשלוס צונויפצורופן אינגיכן די צווייטע מלוכה־דומע. די צארישע רעגירונג איז בפירוש אַלץ פרעכער געוואָרן. זי האָט שוין ניט מורא געהאט פאר דער רעוואָליוציע, זעענדיק, אז די רעוואָליוציע גייט בארג־אראָפּ.

די באָלשעוויקעס האָבן געדארפט לייזן די פראגע וועגן אָנטיילנעמען אָדער באָיקאָטירן די צווייטע דומע. ריידנדיק וועגן באָיקאָט, האָבן די באָלשעוויקעס געוואוינלאך געהאט אין זינען אן אקטיוון באָיקאָט און ניט קיין פשוט'ן און פּאסיוון אָפּהאלטן זיך פון אָנטיילנעמען אין די וואלן. די באָלשעוויקעס האָבן

באטראכט דעם אקטיוון באָיקאָט ווי א רעוואָליוציאָנער מיטל צו וואָרענען דאָס פאָלק וועגן דעם פּרואוו פונם קייסער אריבערצופירן דאָס פאָלק פונם רעוואָליוציאָנערן וועג אויפן וועג פון צארישער „קאָנסטיטוציע“, ווי א מיטל אראָפּצורייסן אזא מין פּרואוו און צו אָרגאניזירן א נייעם אָנדראנג פונם פאָלק אויפן צאריזם.

די דערפארונג פונם באָיקאָט פון דער בוליגינישער דומע האָט באוויזן, אז דער באָיקאָט איז „געווען די איינציק־ריכטיקע טאקטיק, וועלכע איז אינגאנצן באשטעטיקט געוואָרן דורך די געשעענישן“ (לעניו, ב. X, ז. 27, רוסיש).

דער דאָזיקער באָיקאָט איז געווען א געלונגענער, מחמת ער האָט ניט בלויז געוואָרנט דאָס פאָלק וועגן דער געפאר פונם צאריש־קאָנסטיטוציאָנעלן וועג, נאָר ער האָט אויך אראָפּגעריסן די דומע, איידער זי האָט נאָך באוויזן צו געבוירן ווערן. ער איז געווען געלונגען דערפאר, ווייל ער איז דורכגעפירט געוואָרן ביים אָנוואקסנדיקן אויפשטייג פון דער רעוואָליוציע און האָט זיך געשטיצט אויף דעם דאָזיקן אויפשטייג, און ניט ביים בארג־אראָפּ־גאנג פון דער רעוואָליוציע, ווייל אראָפּרייסן די דומע קאָן מען נאָר אין די באדינגונגען פון אויפשטייג פון דער רעוואָליוציע.

דער באָיקאָט פון דער וויטע־דומע, דאָס הייסט, פון דער ערשטער דומע, איז דורכגעפירט געוואָרן נאָך דער מפּלה פונם דעצעמבער־אויפשטאנד, ווען דער קייסער האָט זיך ארויסגעוויזן ווי א זיגער, דאָס הייסט, ווען מע האָט געקאָנט מיינען, אז די רעוואָליוציע האָט גענומען גיין בארג־אראָפּ.

„נאָר ס'איז זעלבסטפארשטענדלאך, האָט לענין געשריבן, דעם דאָזיקן זיג (פונם קייסער. — ר ע ד.) איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין גרונט צו האלטן פאר אן אנטשיידנעם זיג. דער דעצעמבער־אויפשטאנד פון 1905־טן יאָר האָט געהאט זיין פאָרזעצונג אין דער פאָרם פון א גאנצער ריי אָפּגעזונדערטע און טיילווייזע מיליטערישע אויפשטאנדן און שטרייקס זומער 1906־טן יאָר. דער לאָזונג פון באָיקאָט פון דער וויטע־דומע איז געווען א לאָזונג פון קאמף פאר דער קאָנצענטרירונג און פאראלגעמיינערונג פון די דאָזיקע אויפשטאנדן“ (לעניו, ב. XII, ז. 20, רוסיש).

דער באָיקאָט פון דער וויטע־דומע האָט ניט געקאָנט אראָפּרייסן די דומע, כאָטש ער האָט היפּש ארונטערגעריסן דעם אויטאָריטעט פון דער דאָזיקער דומע און האָט אָפּגעשוואכט דעם גלויבן פון א טייל באפעלקערונג אין דער דומע. ער האָט ניט געקאָנט אראָפּרייסן די דומע, ווייל ער איז דורכגעפירט געוואָרן, ווי עס איז איצט קלאָר געוואָרן, אין דער סיטואציע פון גיין בארג־אראָפּ, פון ירידה פון דער רעוואָליוציע. דעריבער האָט זיך דער באָיקאָט פון דער ערשטער דומע אין 1906־טן יאָר ארויסגעוויזן פאר ניט קיין געלונגענעם. אין פארבינדונג דערמיט האָט לענין אין זיין בארימטער בראָשור „די קינדער־קראנקייט פון „לינקשאפט“ אינם קאָמוניזם“ געשריבן:

„דער באָלשעוויסטישער באָיקאָט פונם „פּאַרלאַמענט“ אין 1905־טן יאָר האָט באַרײַכערט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט מיט אַן אויסערסט־ווערטפולער פּאָליטישער דערפאַרונג, האָבנדיק באַוויזן, אַז בײַ דער צונויפפּאָרונג פון לעגאַלע און אומלעגאַלע, פון פּאַרלאַמענטאַרישע און אויסערפּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען פון קאַמף איז אַמאָל נוצלאך און אפילו אָבליגאַטאָריש צו קענען אָפּזאָגן זיך פון פּאַרלאַמענטאַרישע... א פעלער, הגם ניט קיין גרויסער, אַזאַ, וואָס לאָזט זיך לײַכט פאַרריכטן, איז שוין געווען דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן באָיקאָטירט די „דומע“ אין 1906־טן יאָר... צו פּאָליטיק און צו פּאַרטייען קאָן מען—מיט די אנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען—אָנווענדן דאָס, וואָס באַציט זיך צו באַזונדערע מענטשן. קלוג איז ניט דער, ווער עס מאַכט ניט קיין פעלערן, אַזעלכע מענטשן זײַנען ניטאָ און קאָנען ניט זײַן; קלוג איז דער, ווער עס מאַכט פעלערן ניט זייער קיין וועזנטלאַכע און ווער עס קען לײַכט און גיך זיי פאַרריכטן“ (לענין, ב. XXV, ז. 182—183, רוסיש).

וואָס איז שייך דער צווייטער מלוכה־דומע, האָט לענין געהאַלטן, אַז מחמת דער געענדערטער סיטואַציע און דער ירידה פון דער רעוואָלוציע, דאַרפן די באָלשעוויקעס „איבערקוקן די פראַגע וועגן באָיקאָט פון דער מלוכה־דומע“ (לענין, ב. X, ז. 26, רוסיש).

„די געשיכטע האָט באַוויזן, האָט לענין געשריבן, אַז ווען די דומע זאַמלט זיך צונויף, ווערט געשאַפן א מעגלאַכקייט פון נוצלאַכער אַגיטאַציע פון אינעווייניק פון איר און ארום איר; — אַז די טאַקטיק פון דערנעענטערונג מיטן רעוואָלוציאָנערן פּויערטום קעגן די קאַדעטן איז מעגלאך אינעווייניק אין דער דומע“ (דאָרטן, ז. 29).

פון דעם אַלעם איז אַרויסגעדרונגען, אַז מע דאַרף קענען ניט בלויז אַנטשיידן אָנגרײַפן, אָנגרײַפן אין די ערשטע רייען, ווען עס איז פאַראַן אַן אויפשטײַג פון דער רעוואָלוציע, נאָר אויך ריכטיק צוריקטרעטן, צוריקטרעטן די לעצטע, ווען עס איז שוין ניטאָ קיין אויפשטײַג, ענדערנדיק די טאַקטיק אין הסכם מיט דער געענדערטער סיטואַציע, צוריקטרעטן ניט צעשפּליטערטערהייט, נאָר אָרגאַניזירט, רואיק, אָן פּאַניק, אויסנוצנדיק די מינדסטע מעגלאַכקײַטן, כדי אַרויסצופירן די קאַדרען פון אונטערן שונא'ס קלאַפּ, זיך איבערבויען, אָנזאַמלען כחות און זיך צוגרייטן צו א נײַעם אָנגריף אויפן שונא.

די באָלשעוויקעס האָבן באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין די וואַלן אין דער צווייטער דומע.

די באָלשעוויקעס זײַנען אָבער געגאַנגען אין דער דומע אַרײַן ניט צוליב אָרגאַנישער „געזעצגעבערישער“ אַרבעט אין איר אין בלאָק מיט די קאַדעטן, ווי דאָס האָבן געטאָן די מענשעוויקעס, נאָר כדי אויסצונוצן זי ווי א טריבונע אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע.

דער מענשעוויסטישער צ.ק., פאַרקערט, האָט גערופן צו שליסן וואַל־פאַרשטענדיקונגען מיט די קאַדעטן, שטיצן אין דער דומע די קאַדעטן, באַטראַכטנדיק די דומע ווי אַ געזעצגעבערישע אינסטיטוציע, וואָס איז פּייאיק איינצוימען די צאַרישע רעגירונג.

די מערהייט פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאָליטיק פונם מענשעוויסטישן צ.ק.

די באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט צונויפרופן אַ נייעם צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי.

אין מאַי 1907־טן יאָר איז זיך אין לאָנדאָן צונויפגעקומען דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. צו דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט די ר.ס.ד.א.פּ. (צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס) געציילט ביז 150 טויזנט מיטגלידער. סך־הכל זיינען אויפן צוזאַמענפאָר בײַגעווען 336 דעלעגאַטן. באָלשעוויקעס זיינען געווען 105, מענשעוויקעס — 97. די איבעריקע דעלעגאַטן האָבן פאָרגעשטעלט די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס — די פּוילישע און לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און דעם „בונד“, וועלכע זיינען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער ר.ס.ד.א.פּ. אויפן פאָריקן צוזאַמענפאָר.

טראָצקי האָט געפּרוּווט צונויפקלאַפּן אויפן צוזאַמענפאָר זיינע אַ באַזונדערע צענטריסטישע, דאָס הייסט, אַ האַלב־מענשעוויסטישע גרופּקע, נאָר קיינער איז נאָך אים ניט געגאַנגען.

אַזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבן געפירט נאָך זיך די פּאָליאַקן און די לעטן, האָבן זיי געהאַט אויפן צוזאַמענפאָר אַ שטאַנדהאַפטיקע מערהייט.

איינע פון די גרונט־פראַגן פונם קאַמף אויפן צוזאַמענפאָר איז געווען די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו די בורזשואַזע פּאַרטייען. איבער דער דאָזיקער פראַגע איז צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס געגאַנגען אַ קאַמף נאָך אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר האָט געגעבן אַ באָלשעוויסטישע אָפּשאַצונג אַלע ניט־פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען — די שוואַרצ'מאה'־ניקעס, די אָקטיאַבריסטן, קאַדעטן, עסערן — און האָט פאָרמולירט די באָלשעוויסטישע טאַקטיק בנוגע די דאָזיקע פּאַרטייען.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַוויליקט די פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס און האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו פירן אַן אָנ'רחמנות'דיקן קאַמף סײַ קעגן די שוואַרצ'מאה'דיקע פּאַרטייען — קעגן „סאָיוז רוסקאָוואָ נאַראָדאַ“, קעגן די מאָנאַרכיסטן, קעגן ראַט פונם פאַראייניקטן אַדלטום, סײַ קעגן „פאַרבאַנד פונם 17־טן אָקטאָבער“ (אָקטיאַבריסטן), קעגן דער האַנדלס־אינדוסטריעלער פּאַרטיי און קעגן דער פּאַרטיי פון „פרידלאַכער באַנײַאונג“. די דאָזיקע אַלע פּאַרטייען זיינען געווען אויסגעשפּראָכן קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע.

וואָס איז שייך דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, דער פּאַרטיי קאַדעטן, האָט דער צוזאַמענפאָר פאָרגעלייגט צו פירן אַן אומ'בשלום'דיקן דעמאַסקירנדיקן

קאמף קעגן איר. דער צוזאמענפאָר האָט פאָרגעלייגט צו דעמאסקירן דעם צביעות׳דיקן, פאַלשן „דעמאָקראַטיזם" פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי און קעמפן קעגן די פּרואוון פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע צו שטעלן זיך בראָש פון דער באַוועגונג פונעם פויערטום.

בנוגע די אַזוי גערופענע פאָלקיסטישע אָדער אַרבעטס־פּאַרטייען (די פאָלקס־סאָציאַליסטן, די אַרבעטס־גרופּע (טרודאָוואַיאַ גרופּאַ), די עסערן) האָט דער צוזאמענפאָר רעקאָמענדירט צו אַנטבלויזן זייערע פּרואוון פון מאַסקירן זיך אַלס סאָציאַליסטן. אין דער זעלבער צייט האָט דער צוזאמענפאָר דערלאָזט באַזונדערע פאַרשטענדיקונגען מיט די דאָזיקע פּאַרטייען צוליב אַן אַלגעמיינעם און גלײַכצײַטיקן אָנגריף קעגן דעם צאַריזם און קעגן דער קאַדעטישער בורזשואַזיע, אויף וויפל די דאָזיקע פּאַרטייען זײַנען דעמאָלט געווען דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און האָבן אויסגעדריקט די אינטערעסן פונעם קליינבירגערטום פון שטאָט און דאָרף.

נאָך פאַרן צוזאמענפאָר זײַנען די מענשעוויקעס אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרשלאָג וועגן צונויפרופן אַן אַזוי גערופענעם „אַרבעטער־צוזאמענפאָר". דער פּלאַן פון די מענשעוויקעס איז באַשטאַנען דערין, אַז מע זאָל צונויפרופן אַזאַ צוזאמענפאָר, אין וועלכן עס זאָלן אָנטיילנעמען אי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אי די עסערן, אי די אַנאַרכיסטן. דער דאָזיקער „אַרבעטער"־צוזאמענפאָר האָט געזאָלט שאַפן עפּעס אַ מין „אומפּאַרטייאישע פּאַרטיי" אָדער אַ מין „ברייטע", קליינבירגערלאַכע פּראָגראַמלאָזע אַרבעטער־פּאַרטיי. לענין האָט דעמאַסקירט אָט דעם העכסט שעדלאַכן פּרואוו פון די מענשעוויקעס — צו ליקווידירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי און לאָזן צעשוואומען ווערן דעם פאָרגעשריטענעם אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דער קליינבירגערלאַכער מאַסע. דער צוזאמענפאָר האָט שאַרף פאַראורטיילט דעם מענשעוויסטישן לאָזונג פון אַן „אַרבעטער־צוזאמענפאָר".

אַ באַזונדער אָרט אין דער אַרבעט פונעם צוזאמענפאָר האָט פאַרנומען די פראַגע וועגן די פּראָפסאַראייִנען. די מענשעוויקעס האָבן פאַרטיידיקט די „נייטראַלקײַט" פון די פּראָפסאַראייִנען, דאָס הייסט, זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן דער אָנפירנדיקער ראָלע פון דער פּאַרטיי אין די פּראָפסאַראייִנען. דער צוזאמענפאָר האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון די מענשעוויקעס און האָט אָנגענומען אַ באָלשעוויסטישע רעזאָלוציע וועגן די פּראָפסאַראייִנען. אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע איז געווען אָנגעוויזן, אַז די פּאַרטיי דאַרף זיך דערשלאָגן די אידייאישע און פּאָליטישע אָנפירונג מיט די פּראָפסאַראייִנען.

דער פינפטער צוזאמענפאָר האָט באַטײַט אַ גרויסן זיג פון די באָלשעוויקעס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. די באָלשעוויקעס האָבן זיך אָבער ניט געגומען גרויסהאַלטן, רוען אויף די לאָרבער־קרענץ. ניט דאָס האָט זיי לענין געלערנט. די באָלשעוויקעס האָבן געוואוסט, אַז פאָראויס שטייט נאָך פאָר אַ קאַמף קעגן די מענשעוויקעס.

חבר סטאלין האָט אין זײַן אַרטיקל „גאָטיצן פון א דעלעגאַט“, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1907, געגעבן אזא אָפּשאַצונג די רעזולטאַטן פונם צוזאַמענפאָר:

„די פאַקטישע פאַראייניקונג פון די פאָרגעשריטענע אַרבעטער פון גאַנץ רוסלאַנד אין אן איינהייטלאַכער אַלרוסלענדישער פּאַרטיי אונטער דער פאָן פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל-דע-מאָקראַטיע — אַזאַ איז דער זין פונם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר, אַזאַ איז זײַן אַלגעמיינער כאַראַקטער“.

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט חבר סטאַלין געבראַכט אָנגאַבן וועגן דעם באַשטאַנד פונם צוזאַמענפאָר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן זײַנען געשיקט געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר דער עיקר פון די גרויסע אינדוסטריעלע ראַיאָנען (פּעטערבורג, מאָסקווע, אוראַל, איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק און אַנדערע). די מענשעוויקעס אָבער זײַנען אַרײַנגעפאַלן אויפן צוזאַמענפאָר פון ראַיאָנען מיט א קליין-פּראָדוקציע, פון ראַיאָנען, וואו עס זײַנען געווען אין דער מערהייט האַנטווערקער-אַרבעטער, האַלב-פּראָלעטאַריער, און אויך פון א ריי ריין פּויערשע ראַיאָנען.

„עס איז באַשײַמפּערלאַך, — האָט אָנגעוויזן חבר סטאַלין, אונ-טערצײַענדיק די סך-הכל'ען פונם צוזאַמענפאָר, — אַז די טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס איז די טאַקטיק פון די גרויס-אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריער, די טאַקטיק פון יענע ראַיאָנען, וואו די קלאַסן-ווי-דערשפּרוכן זײַנען באַזונדערס קלאָר און דער קלאַסנקאַמף איז באַ-זונדערס שאַרף. דער באָלשעוויזם — דאָס איז די טאַקטיק פון די עכטע פּראָלעטאַריער. פון דער אַנדערער זײַט, איז ניט ווייניקער באַ-שײַמפּערלאַך אויך דאָס, אַז די טאַקטיק פון די מענשעוויקעס איז דער עיקר די טאַקטיק פון האַנטווערקער-אַרבעטער און פון פּויערשע האַלב-פּראָלעטאַריער, די טאַקטיק פון יענע ראַיאָנען, וואו די קלאַסן-ווידערשפּרוכן זײַנען ניט אינגאַנצן קלאָר און דער קלאַסנקאַמף איז פאַרמאַסקירט. דער מענשעוויזם — דאָס איז די טאַקטיק פון די האַלב-בורזשואַזע עלעמענטן פונם פּראָלעטאַריאַט. אָט דאָס דערציילן די ציפערן“ (פּראָטאָקאָלן פונם פינפטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ., ז. XI און XII, 1935-טן יאָר, רוסיש).

צעטרײַבנדיק די ערשטע דומע, האָט דער קייסער געדעכנט באַקומען א מער געהאָרכזאַמע צווייטע דומע. נאָר אויך די צווייטע דומע האָט ניט באַרעכטיקט די דערוואַרטונגען. דער קייסער האָט דעריבער באַשלאָסן צע-טרײַבן אויך די דאָזיקע דומע און צונויפרופן א דריטע דומע בײַ א מער פאַרערגערטן וואַל-געזעץ — האָפנדיק, אַז זי וועט זײַן א מער געהאָרכ-זאַמע.

אינגיכן נאָכן פינפטן צוזאַמענפאָר האָט די צאַרישע רעגירונג געמאַכט

די אזוי גערופענע דריט־יונישע איבערקערעניש. דעם 3־טן יוני 1907־טן יאָר האָט דער קייסער צעטריבן די צווייטע מלוכה־דומע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דומע־פראַקציע, וואָס האָט געציילט 65 דעפּוטאַטן, איז ארעסטירט און פארשיקט געוואָרן קיין סיביר. עס איז פארעפנטלאכט געוואָרן א נייער וואַל־געזעץ. די רעכט פון די ארבעטער און פויערים זיינען נאָך מער ארומגעשניטן געוואָרן. די צארישע רעגירונג האָט פארגעזעצט אָנצוגרייפן.

דער צארישער מיניסטער סטאָליפּין האָט פאנאנדערגעוויקלט זיין בלוטיקע עקזעקוציע איבער די ארבעטער און פויערים. טויזנטער רעוואָליוציאָנערע ארבעטער און פויערים זיינען צעשאָסן געוואָרן דורך די שטראָף־עקספּעדיציעס און געהאנגען געוואָרן. אין די צארישע הענקער־שטיבלאך האָט מען געמאטערט און געפּייניקט די רעוואָליוציאָנערן. באזונדערס אכזריות'דיק זיינען פארפאָלגט געוואָרן די ארבעטער־אָרגאניזאציעס, אין דער ערשטער ריי די באָלשעוויקעס. די צארישע שפּיקעס האָבן געזוכט לענינען, וועלכער האָט געוואוינט געהיים אין פינלאנד. זיי האָבן געוואָלט צערעכענען זיך מיטן פירער פון דער רעוואָליוציע. מיט א קאָלאָסאלער געפאר האָט זיך לענינען אין דעצעמבער 1907־טן יאָר איינגעגעבן ווידער ארי־בערקלייבן זיך קיין אויסלאנד, אין עמיגראציע.

עס זיינען אָנגעקומען די שווערע יאָרן פון דער סטאָליפּינישער רעאקציע.

די ערשטע רוסישע רעוואָליוציע האָט זיך, אזויארום, פארענדיקט מיט א מפּלה.

דערצו האָבן מיטגעווירקט די פאָלגנדיקע סיבות:

1. עס איז נאָך ניט געווען אין דער רעוואָליוציע קיין פעסטער בונד פון די ארבעטער און פויערים קעגן דעם צאריזם. די פויערים האָבן זיך אויפגעהויבן צום קאמף קעגן די פּריצים און זיינען געגאנגען אויף א בונד מיט די ארבעטער קעגן די פריצים. זיי האָבן אָבער נאָך ניט פארשטאנען, אז ניט האָבנדיק אראָפּגעוואָרפן דעם קייסער, איז אוממעגלאך אראָפּצוּוואַרפן די פּריצים, זיי האָבן ניט פארשטאנען, אז דער קייסער האנדלט פאראיינס מיט די פריצים, און א באדייטנדיקער טייל פויערים האָט נאָך געגלויבט דעם קייסער און געלייגט האָפענונגען אויף דער צארישער מלוכה־דומע. דעריבער האָבן פיל פויערים ניט געוואָלט גיין אויף א בונד מיט די ארבעטער צו אראָפּוואַרפן דעם צאריזם. די פויערים האָבן מער געגלויבט דער פּשרה־מאכערישער פארטיי עסערן, איידער די עכטע רעוואָליוציאָנערן — די באָלשעוויקעס. אין רעזולטאט פון דעם איז דער קאמף פון די פויערים קעגן די פריצים געווען ניט גענוג אָרגאניזירט. לענין האָט אָנגעוויזן:

„...די פויערים האָבן געהאנדלט צו צעשטויבט, ניט אָרגאניזירט, ניט גענוג אָנגרייפעריש, און דערין באשטייט איינע פון די גרונט־סיבות פון דער מפּלה פון דער רעוואָליוציע" (לענין, ב. XIX, ז. 354, רוסיש).

2. דאָס, וואָס א באַדײַטנדיקער טייל פּויערים האָט ניט געוואָלט גיין צוזאַמען מיט די ארבעטער אויף אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף דער אויפפירונג פון דער ארמיי, וואָס די מערהײַט אירע זײַנען געווען זין פון פּויערים, אָנגעטאָנענע אין סאָלדאַטישע שינעלן. אין באַזונדערע טיילן פון דער צאַרישער ארמיי זײַנען פאָרגעקומען אומרוען און אויפשטאַנדן, נאָר די מערהײַט סאָלדאַטן האָט נאָך געהאָלפן דעם קייסער דערשטיקן די שטרײַקס און אויפשטאַנדן פון די ארבעטער.

3. ניט גענוג סאָלידאַריש האָבן אויך געהאַנדלט די ארבעטער. די פאָרגעשריטענע אָטריאַדן פונם ארבעטער־קלאַס האָבן אין 1905־טן יאָר פאַנאַנדערגעוויקלט א העראָאישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די מער אָפּגעשטאַנענע שיכטן — די ארבעטער פון די אַמווייניקסטן אינדוסטריעלע גובערניעס, די, וואָס וואוינען אין דאָרף, — האָבן זיך צעוויגט לאַנגזאַמער. זייער אָנטייל אינם רעוואָליוציאָנערן קאַמף האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין 1906־טן יאָר, נאָר צו דער דאָזיקער צײַט איז שוין דער אַוואַנגאַרד פונם ארבעטער־קלאַס געווען אין א באַדײַטנדיקער מאָס אָפּגעשוואַכט.

4. דער ארבעטער־קלאַס איז געווען די פאָרגעשריטענע קראַפט, די גרונט־קראַפט פון דער רעוואָליוציע; נאָר אין די רייען פון דער פּאַרטיי פונם ארבעטער־קלאַס זײַנען ניט געווען די נויטיקע איינהײַט און באַהעפטקײַט. די ר.ס.ד.א.פּ.— די פּאַרטיי פונם ארבעטער־קלאַס — איז געווען צעקלאַפּט אויף צוויי גרופּעס: אויף באָלשעוויקעס און אויף מענשעוויקעס. די באָלשעוויקעס האָבן געפירט א קאָנזעקווענטע רעוואָליוציאָנערע ליניע און גערופן די ארבעטער אַראָפּצוּוואַרפן דעם צאַריזם; די מענשעוויקעס האָבן מיט זייער פּשרה־מאַכערישער טאַקטיק טאָרמאָזירט די רעוואָליוציע, געפּלאָנטערט א באַדײַטנדיקן טייל ארבעטער, געשפּאָלטן דעם ארבעטער־קלאַס. דעריבער זײַנען די ארבעטער ארויסגעטראָטן אין דער רעוואָליוציע ניט שטענדיק סאָלידאַריש, און, ניט האָבנדיק נאָך קיין איינהײַט אין זײַנע אייגענע רייען, האָט דער ארבעטער־קלאַס ניט געקאָנט ווערן דער עכטער פירער פון דער רעוואָליוציע.

5. דער צאַרישער זעלבסטהערשונג האָבן געהאָלפן אינם דערשטיקן די רעוואָליוציע פון 1905־טן יאָר די מערב־אייראָפּעאישע אימפּעריאַליסטן. די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע קאַפּיטאַלן, וואָס זיי האָבן ארײַנגעלייגט אין רוסלאַנד, און פאַר די קאָלאָסאַלע הכנסות. חוץ דעם האָבן זיי מורא געהאַט, אז אין פאַל, אויב די רוסישע רעוואָליוציע וועט זיגן, וועלן זיך אויפהויבן אויף א רעוואָליוציע אויך די ארבעטער פון אנדערע לענדער. דעריבער האָבן די מערב־אייראָפּעאישע אימפּעריאַליסטן געהאָלפן דעם קייסער דעם הענקער. די פראַנצויזישע באַנקירן האָבן געגעבן א גרויסע הלוואה דעם קייסער אויף צו דערשטיקן די רעוואָליוציע.

דער דריטשישער קייזער האָט געהאַלטן גרייט א פּילטויזנטדיקע ארמיי פאַר אן אינטערווענציע צו הילף דעם רוסישן קייסער.

6. עס האָט ערנסט געהאָלפן דעם קייסער דער שלום מיט יאַפּאַניע, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1905־טן יאָר. די מפּלה אין דער מלחמה און דער באַדראָענדיקער וואוקס פון דער רעוואָליוציע האָבן גע־צוואונגען דעם קייסער צואיילן זיך מיט אונטערשרייבן דעם שלום. די מפּלה אין דער מלחמה האָט אָפּגעשוואַכט דעם צאַריזם. דאָס שליסן דעם שלום האָט פאַרפעסטיקט די לאַגע פונם קייסער.

## קורצע אויספירן.

די ערשטע רוסישע רעוואָליוציע שטעלט מיט זיך פאָר א גאַנצע היסטאָ־רישע פּאַזע אין דער אנטוויקלונג פון אונזער לאַנד. די דאָזיקע היסטאָרי־שע פּאַזע באַשטייט פון צוויי פּעריאָדן: פון דעם ערשטן פּעריאָד, ווען די רעוואָליוציע איז געגאַנגען באַרג־אַרויף — פון דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק אין אָקטאָבער צום באוואָפנטן אויפשטאַנד אין דעצעמבער, אויס־נוצנדיק די שוואַכקייט פונם קייסער, וועלכער האָט געליטן מפּלות אויף די פעלדער פון מאַנדזשוריע, אָפּראַמענדיק די בוליגינישע דומע און אַרויס־רייסנדיק ביים קייסער א הנחה נאָך א הנחה, און פון דעם צווייטן פּע־ריאָד, ווען דער קייסער קומט צו־זיך נאָכן שליסן דעם שלום מיט יאַפּאַניע און נוצט אויס די שרעק פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע פאַר דער רע־וואָליוציע, נוצט אויס די וואַקלונגען פונם פּויערטום, וואַרפט זיי צו ווי עפּעס א נדבה די וויטע־דומע און גייט אַריבער אין אָנגריף קעגן דעם אַר־בעטער־קלאַס, קעגן דער רעוואָליוציע.

פאַר א וועלכע־עס־איז דריי יאָר רעוואָליוציע (די יאָרן 1905—1907) באַקומען דער אַרבעטער־קלאַס און דאָס פּויערטום אַזאַ רייכע שול פון פּאָ־ליטישער דערציאונג, וואָס אַזאַ וואָלטן זיי ניט געקאָנט באַקומען פאַר דריי־סיק יאָר געוואוינלאַכער פרידלאַכער אַנטוויקלונג. עטלאַכע יאָר רעוואָליוציע האָבן געמאַכט קלאָר דאָס, וואָס מע וואָלט ניט געקאָנט קלאָר מאַכן אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן ביי פרידלאַכע באַדינגונגען פון אַנטוויקלונג.

די רעוואָליוציע האָט אויפגעדעקט, אַז דער צאַריזם איז א פאַרביסע־נער שונא פונם פאָלק, אַז דער צאַריזם — דאָס איז יענער הויקער, וואָס נאָר דער קבר קאָן אים אויסגלייכן.

די רעוואָליוציע האָט באַוויזן, אַז די ליבעראַלע בורזשואַזיע זוכט א בונד ניט מיטן פאָלק, נאָר מיטן קייסער, אַז זי איז א קאָנטר־רעוואָליוציאָ־נערע קראַפט, וואָס א פאַרשטענדיקונג מיט איר איז אַלצאיינס ווי פאַרראַטן דאָס פאָלק.

די רעוואָליוציע האָט באַוויזן, אַז דער פירער פון דער בורזשואַזי־דע־

מאַקראַטישער רעוואָליוציע קאָן זײַן בלויז דער ארבעטער־קלאַס, אַז בלויז ער איז פײאיק אָפּשטופּן די ליבעראַלע קאַדעטישע בורזשואַזיע, ארויסבאַפרײַען דאָס פּויערטום פון אונטער איר ווירקונג, צעשמעטערן די פּריצים, דערפירן די רעוואָליוציע ביזן סוף און אָפּרייניקן דעם וועג צום סאָציאַליזם.

די רעוואָליוציע האָט, ענדלאַך, באַוויזן, אַז דאָס ארבעטנדיקע פּויערטום איז, ניט געקוקט אויף זײַנע וואַקלונגען, דאָך די איינציקע ערנסטע קראַפט, וואָס איז פײאיק צו גיין אויף א בונד מיטן ארבעטער־קלאַס.

צוויי ליניעס האָבן געקעמפט אין דער ר.ס.ד.א.פּ. בעת דער רעוואָליוציע, די ליניע פון די באָלשעוויקעס און די ליניע פון די מענשעוויקעס. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן א קורס אויף פאַנאַנדערוויקלען די רעוואָליוציע, אויף אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם דורך א באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אויף דער העגעמאָניע פונם ארבעטער־קלאַס, אויף איזאָלירן די קאַדעטישע בורזשואַזיע, אויף א בונד מיטן פּויערטום, אויף שאַפן א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג פון פאָרשטייער פון די ארבעטער און פּויערים, אויף דערפירן די רעוואָליוציע ביזן זיגרײַכן סוף. די מענשעוויקעס, פאַרקערט, האָבן געהאַלטן א קורס אויף צונויפוויקלען די רעוואָליוציע. אָנשטאָט אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם דורך אן אויפשטאַנד האָבן זיי פאָרגעלייגט רעפאָרמירן און „אויסבעסערן" אים; אָנשטאָט דער העגעמאָניע פונם פּראָלעטאַריאַט — די העגעמאָניע פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, אָנשטאָט דעם בונד מיטן פּויערטום — א בונד מיט דער קאַדעטישער בורזשואַזיע, אָנשטאָט א צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג — די מלוכה־דומע, ווי א צענטער פון די „רעוואָליוציאָנערע כחות" פונם לאַנד.

אָט אַזוי האָבן זיך די מענשעוויקעס אראָפּגעקײַקלט אין זומפּ פון פּשרה־מאַכערײַ און זײַנען געוואָרן דורכפירער פון דעם בורזשואַזן אײַנפלוס אויפן ארבעטער־קלאַס, געוואָרן פאַקטיש אַגענטן פון דער בורזשואַזיע אינם ארבעטער־קלאַס.

די באָלשעוויקעס האָבן זיך ארויסגעוויזן ווי די איינציקע רעוואָליוציאָנער־מאַרקסיסטישע קראַפט אין דער פּאַרטיי און אינם לאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזעלכע ערנסטע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן האָט זיך די ר.ס.ד.א.פּ. ארויסגעוויזן פאַקטיש צעשפּאָלטן אויף צוויי פּאַרטייען, אויף דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס און דער פּאַרטיי מענשעוויקעס. דער פערטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט גאָרניט געענדערט אין דער פאַקטישער זאַכלאַגע אינעווייניק אין דער פּאַרטיי. ער האָט נאָר אײַנגעהיט און עטוואָס פאַרפעסטיקט די פאָרמעלע איינהײַט פון דער פּאַרטיי. דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט געמאַכט א טראָט פאָראויס אין דער זײַט פון דער פאַקטישער פאַראייניקונג פון דער פּאַרטיי, דערבײַ איז די דאָזיקע פאַראייניקונג פאָרגעקומען אונטער דער פאָן פונם באָלשעוויזם.

אונטערציִענדיק די סך־הכל'ען פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג,

האָט דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי פּאַראורטיילט די ליניע פון די מענשעוויקעס, ווי א פשרה־מאַכערישע, און האָט באַוויליקט די באָל־שעוויסטישע ליניע, ווי א רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישע; דערמיט האָט ער אַן איבעריק מאָל באַשטעטיקט דאָס, וואָס איז שוין געווען באַשטעטיקט דורכן גאַנצן גאַנג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע.

די רעוואָליוציע האָט באַוויזן, אַז די באָלשעוויקעס קענען אָנגרייפן, ווען דאָס פאָדערט די סיטואַציע, אַז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אָנצוגרייפן אין די ערשטע רייען און פירן נאָך זיך דאָס פאָלק צום שטורם. די רעוואָליוציע האָט אָבער אויסער דעם באַוויזן, אַז די באָלשעוויקעס קענען אויך צוריקטרעטן אין אָרדענונג, ווען די סיטואַציע נעמט אָן אַן אומגינסטיקן כאַראַקטער, ווען די רעוואָליוציע גייט באַרג־אַראָפּ, אַז די באָלשעוויקעס האָבן זיך אויס־געלערנט ריכטיק צוריקטרעטן, אָן פּאַניק און טומלעניש, כדי איינצוהיטן די קאַדרען, אָנגעמען זיך מיט כחות און, איבערבויענדיק זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער סיטואַציע, פונדאַסניי זיך לאָזן אין אַן אָנגריף אויפן שונא.

מע קאָן ניט באַזיגן דעם שונא אָן דער קענטעניש ריכטיק אָנצוגרייפן.

מע קאָן ניט אויסמיידן קיין צעשמעטערונג בעת א מפּלה אָן דער קענ־טעניש ריכטיק צוריקטרעטן, צוריקטרעטן אָן פּאַניק, אָן צעטומלטקייט.

## קאפיטל IV

# די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס אינם פעריאָד פון דער סטאָליפינישער רעאקציע. די אויספורעמונג פון די באָלשעוויקעס אין א זעלבסטשטענדיקער מארקסיסטישער פארטיי.

### (די יאָרן 1908—1912).

## 1. די סטאָליפינישע רעאקציע. די צעלייגונג אין די אָפּאָזיציאָנעלע שיכטן פון דער אינטעליגענץ. די ירידה־שטימונגען. דער אריבערגאנג פון א טייל פארטייאישער אינטעליגענץ אין לאגער פון די שונאים פונם מארקסיזם און די פרואוון צו רעווידירן די טעאָריע פונם מארקסיזם. לענינס שארפער ענטפער די רעוויזיאָניסטן אין זיין בוך „מאטעריאליזם און עמפיריאָקריטיציזם" און די פארטיידיקונג פון די טעאָרעטישע יסודות פון דער מארקסיסטישער פארטיי.

די צווייטע מלוכה־דומע איז פאנאנדערגעלאָזט געוואָרן דורך דער צארישער רעגירונג דעם 3־טן יוני 1907־טן יאָר. דעם דאָזיקן טאָג איז אָנגענומען אין דער געשיכטע צו רופן דער טאָג פון דער דריט־יונישער מלוכה־איבערקערעניש. די צארישע רעגירונג האָט ארויסגעגעבן א נייעם געזעץ וועגן די וואלן אין דער דריטער מלוכה־דומע און האָט דערמיט גופא געבראָכן איר אייגענעם מאניפעסט פונם 17־טן אָקטאָבער 1905־טן יאָר, ווייל לויט דעם דאָזיקן מאניפעסט האָט זי געדארפט ארויסגעבן נייע געזעצן בלויז מיט דער הסכמה פון דער דומע. די סאָציאַל־דעמאָקראטישע פראקציע פון דער צווייטער דומע איז איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט; די פאָרשטייער פונם ארבעטער־קלאס זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן אויף קאטאָרגע און אין פארשיקונג אויף צוואנגס־באזעצונג.

דער נייער וואל־געזעץ איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אזוי, אז ער האָט אויף א סך פארגרעסערט אין דער דומע די צאָל פאָרשטייער פון די פריצים און פון דער האנדלס־אינדוסטריעלער בורזשואזיע. אין דער זעלבער

צײַט איז אין עטלאכע מאָל פארקירצט געװאָרן די אזוי אויך קלײנע צאָל פאָרשטײער פון די פויערים און ארבעטער.

די דריטע דומע איז לויט איר באשטאנד געװען א שװארצ'מאה'דיק־קאדעטישע. פון דער אלגעמײנער צאָל 442 דעפוטאטן זײַנען אין איר געװען: רעכטע (שװארצ'מאה'ניקעס) — 171, אָקטיאבריסטן און מיטגלידער פון קרוב'ישע צו זײ גרופּעס — 113, קאדעטן און מיטגלידער פון נאָענטע צו זײ גרופּעס — 101, טרודאָװיקעס — 13, סאָציאל־דעמאָקראטן — 18.

אין פּערזאָן פון די רעכטע (זײ האָבן אזוי געהײסן דערפאר, װײַל זײ זײַנען געזעסן אין דער דומע אויף דער רעכטער זײַט) זײַנען געװען פאָרגעשטעלט די פארביסנסטע שונאים פון די ארבעטער און פויערים — די שװארצ'מאה'דיקע פּריצים—לײַבאײגנטימער, װאָס פלעגן אײַנאָרדענען מאסן־עקזעקוציעס און צעשיסונגען פון די פויערים בעת'ן דערשטיקן די פויערים־באװעגונג, װאָס זײַנען געװען די אָרגאניזאטאָרן פון אידישע פּאָגראָמען, פון צע'ממית'ן ארבעטער־דעמאָנסטראציעס, פון װילדע אונטערצינדונגען פון די לאָקאלן, װאו עס פלעגן פאָרקומען מיטינגען אין די טעג פון דער רעװאָליוציע. די רעכטע זײַנען געשטאנען פאר דערשטיקן די ארבעטנדיקע אויפן סאמע אכזריות'דיקן אופן, פאר אומבאגרענעצטער צארישער מאכט, קעגן דעם צארישן מאניפעסט פונם 17־טן אָקטאָבער 1905־טן יאָר.

נאָענט צו די רעכטע האָט זיך אין דער דומע אָנגעשלאָסן די פּארטײ אָקטיאבריסטן, אָדער דער „פארבאנד פונם 17־טן אָקטאָבער". די אָקטיאבריסטן האָבן פאָרגעשטעלט די אינטערעסן פונם גרויס־אינדוסטריעלן קאפּיטאל און פון די גרויסע פּריצים, װאָס האָבן געפירט די װירטשאפט אויף א קאפּיטאליסטישן אופן (אין אָנהויב רעװאָליוציע פון 1905־טן יאָר איז צו די אָקטיאבריסטן אריבער א היפּשער טײל קאדעטן פון צװישן די גרויסע פּריצים). די אָקטיאבריסטן האָבן זיך אונטערגעשײדט פון די רעכטע בלויז מיטן אָנערקענען — אי דאָס בלויז אויפן װאָרט — דעם מאניפעסט פונם 17־טן אָקטאָבער. די אָקטיאבריסטן האָבן פולשטענדיק געשטיצט סײ די אינערלאכע, סײ די אויסערלאכע פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג.

די קאדעטן, אָדער די „קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראטישע" פּארטײ, האָבן אין דער דריטער דומע געהאט װײניקער ערטער, אײדער אין דער ערשטער און צװײטער דומע. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, װאָס א טײל פּריצ'ישע שטימען איז פון די קאדעטן אריבער צו די אָקטיאבריסטן.

אין דער דריטער דומע איז געװען פאָרגעשטעלט א קלײנצאָליקע גרופּע קלײנבירגערלאכע דעמאָקראטן, די אזוי גערופענע טרודאָװיקעס. די טרודאָװיקעס האָבן זיך אין דער דומע געװאקלט צװישן די קאדעטן און דער ארבעטער־דעמאָקראטיע (די באָלשעװיקעס). לענין האָט אָנגעװיזן, אז כאָטש די טרודאָװיקעס זײַנען מורא'דיק שװאך אין דער דומע, דאָך שטעלן זײ פאָר מאסן, פויערישע מאסן. די װאקלונגען פון די טרודאָװיקעס צװישן

די קאדעטן און דער ארבעטער־דעמאָקראטיע זײַנען אומפארמײַדלאך ארויסגעדרונגען פון דער קלאסן־לאגע פון קליינע באלעבאטים. לענין האָט פאר די דעפּוטאטן—באָלשעוויקעס, פאר דער ארבעטער־דעמאָקראטיע ארויסגערוקט די אויפגאבע — „העלפן די שוואכע קליינבירגערלאכע דעמאָקראטן, ארויסרײַסן זיי פון אונטער דער ווירקונג פון די ליבעראלן, באהעפטן דעם לאגער פון דער דעמאָקראטיע קעגן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קאדעטן און ניט בלויז קעגן די רעכטע...“ (לענין, ב. XV, ז. 486, רוסיש).

סאי אינם גאנג פון דער רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר, סאי באזונדערס נאָך איר מפּלה האָבן זיך די קאדעטן אלץ מער ארויסגעוויזן פאר א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער קראפט. זיי האָבן אלץ מער אראָפּגעוואָרפן פון זיך די „דעמאָקראטישע“ מאסקע, זײַנען ארויסגעטראָטן ווי עכטע מאָנארכיסטן, פּארטיידיקער פונם צאריזם. אין יאָר 1909 האָט א גרופּע העכסט אָנגעזעענע קאדעטישע שרײַבער ארויסגעלאָזט א זאמלבוך „וועכי“ (וועג־צייכנס), אין וועלכן די קאדעטן האָבן אין נאָמען פון דער בורזשואזיע באדאנקט דעם צאריזם פארן דערשטיקן די רעוואָלוציע. פּויזענדיק און ארויסווײַזנדיק קנעכטישקײַט פאר דער צארישער רעגירונג פון בײַטש און תליה, האָבן די קאדעטן אָפן געשריבן, אז מע דארף „בענטשן די דאָזיקע מאכט, וואָס בלויז זי אליין מיט אירע באגנעטן און טורמעס באשיצט נאָך אונז (דאָס הייסט, די ליבעראלע בורזשואזיע) פונם פאָלקס־צאָרן“.

צעטריבן די צווייטע מלוכה־דומע און זיך צערעכנט מיט דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פראקציע פון דער מלוכה־דומע, האָט די צארישע רעגירונג גענומען אויף א פארשטארקטן אופן פארניכטן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאניזאציעס פונם פּראָלעטאריאט. די קאטאָרגע־טורמעס, פעסטונגען און פארשיקונגס־ערטער זײַנען איבערפולט געוואָרן מיט רעוואָלוציאָנערן. די רעוואָלוציאָנערן האָט מען חיה'ש גע'ממית'ט אין די טורמעס, געפּײַניקט און געמאטערט. דער שווארצ'מאה'דיקער טעראָר האָט געבושעוועט מיט דער גאנצער קראפט. דער צארישער מיניסטער סטאָליפּין האָט באדעקט דאָס לאנד מיט תליות. עס זײַנען געקעפּט געוואָרן עטלעכע טויזנט רעוואָלוציאָנערן. די תליה האָט מען אין יענער צײַט גערופן „דער סטאָליפּינישער האלזטוך“.

דערשטיקנדיק די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פון די ארבעטער און פּויערים, האָט די צארישע רעגירונג זיך ניט געקאָנט באגרענעצן בלויז מיט רעפּרעסיעס, שטראָף־עקספּעדיציעס, צעשיסונגען, מיט טורמע, קאטאָרגע. די צארישע רעגירונג האָט מיט אומרו צוגעזען, ווי דער נאאיווער גלויבן פונם פּויערטום אין דעם „צאר־באטיושקא“ (פאָטערל־קייסער) פארשווינדט אלץ מער און מער. דעריבער האָט זי אָנגעווענדט א גרויסן מאנעוור,—זי האָט פארטראכט צו שאפן זיך א פעסטן אָנשפּאר אין דאָרף אין פּערזאָן פונם צאָלרײַכן קלאס דאָרפישע בורזשואזיע — פונם באלעגופנטום.

דעם 9־טן נאָוועמבער 1906־טן יאָר האָט סטאָליפּין ארויסגעגעבן א נײַעם

ערד־געזעץ וועגן אויסטיילן די פויערים פון דער געמיינדע אויף כוטאָרן. לויטן סטאָליפינישן ערד־געזעץ איז צעשטערט געוואָרן דער געמיינדישער ערד־באַנוץ. יעדן פויער איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו נעמען זײַן ערד־חלק אין פערזענלאכן באזיץ, זיך אויסטיילן פון דער געמיינדע. דער פויער האָט געקאָנט זײַן ערד־חלק פארקויפן, בעת פריִער האָט ער אויף דעם קיין רעכט ניט געהאט. די געזעלשאפט איז געווען מחויב אויסצוטיילן ערד די פויערים, וואָס גייען ארויס פון דער געמיינדע, אין איין אָרט (א כוטאָר, אן אָטרוב).

די רײַכע פויערים — די באַלעגופים האָבן דערבײַ באקומען די מעגלאכקײַט אויפצוקויפן בײַ די ווירטשאפטלאך שוואכע פויערים פאר א ביליקן פרײַז זייער ערד. אין פארלויף פון עטלאכע יאָר גאָכן ארויסגעבן דעם דאָזיקן געזעץ איז העכער א מיליאָן ווירטשאפטלאך שוואכע פויערים געבליבן אינגאנצן אָן ערד און איז רואינירט געוואָרן. אויפן חשבון פון דעם, וואָס די ווירטשאפטלאך שוואכע פויערים האָבן אָנגעוואָרן די ערד, איז אויסגעוואקסן די צאָל באלעגופישע כוטאָרן און אָטרובן. טיילמאָל זײַנען דאָס געווען אמת'ע מאיאָנטקעס, וואו עס איז ברייט אָנגעווענדט געוואָרן גדרונגענע, באטראקישע ארבעט. די רעגירונג האָט געצוואונגען די פויערים אויסצוטיילן פון דער געמיינדע פאר די באלעגופים—כוטאָראנער די בעסטע ערד.

אויב בעת דער „באפרײַאונג” פון די פויערים האָבן די פריצים גערויבט די פויערישע ערד, האָבן איצטער די באלעגופים גענומען רויבן די געמיינדע־ערד, באקומענדיק די בעסטע באצירקן און אויפקויפנדיק פאר ביליקע פרײַזן די ערד־חלקים בײַ דער אָרעמשאפט.

די צארישע רעגירונג האָט ארויסגעגעבן די באלעגופים היפשע הלוואות אויף אויפצוקויפן ערד און אײַנצואָרדענען די כוטאָרן. פון די באלעגופים האָט סטאָליפין געוואָלט מאכן קליינינקע פריצים, טרײַע פארטיידיקער פון דער צארישער זעלבסטהערשונג.

סך־הכל האָבן פאר נײַן יאָר (פון 1906־טן ביז 1915־טן יאָר) זיך אויסגעטיילט פון דער געמיינדע העכער צוויי מיליאָן הויף־באלעבאטים.

די סטאָליפינשטשינע האָט נאָך מער פארערגערט די לאגע פון די פויערים, וואָס האָבן געהאט ווייניק ערד, און פון דער דאָרפישער אָרעמשאפט. די דיפערענצירונג פונם פויערטום האָט זיך פארשטארקט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאמענשטויסן צווישן די פויערים און די באלעגופים—כוטאָראנער.

צוזאמען דערמיט האָט דאָס פויערטום גענומען פארשטיין, אז עס וועט ניט באקומען די פריצ'ישע ערד, כל זמן עס עקזיסטירן די צארישע רעגירונג און די פריצ'יש־קאדעטישע מלוכה־דומע.

אין די יאָרן, ווען עס האָט זיך פארשטארקט דאָס אויסטיילן זיך אויף די כוטאָרן (1907—1909), גייט צוערשט די פויערים־באוועגונג בארג־אראָפּ, נאָר אינגיכן, אין די יאָרן 1910—1911 און שפּעטער, קומט פאָר, אויפן

באַדן פונם צוזאַמענשטויס צווישן די געמיינדע־פויערים מיט די כוטאָראַנער, א פארשטארקונג פון דער פויערים־באוועגונג קעגן די פריצים און די באַלע־גופים—כוטאָראַנער.

אויך אין געביט פון דער אינדוסטריע זײַנען נאָך דער רעוואָליוציע פאָר־געקומען באדײַטנדיקע ענדערונגען. די קאָנצענטרירונג פון דער אינדוסטריע, דאָס הייסט, די פארגרעסערונג און די צונויפזאמלונג פון דער אינדוסטריע אין די הענט פון אלץ גרעסערע קאפיטאליסטישע גרופעס, האָט זיך באדײַטנ־דיק פארשטארקט. נאָך ביז דער רעוואָליוציע פון 1905־טן יאָר האָבן זיך די קאפיטאליסטן אָנגעהויבן פאראייניקן אין פארבאנדן, כדי צו העכערן די פרײַזן אויף סחורות אינם לאנד גופא, און דעם באקומענעם איבער־רווח פארווענדן אין א פאָנד אויף צו סטימולירן דעם עקספּאָרט, כדי צו קאָנען ארויסוואַרפן סחורות אויף די אויסערלאנדישע מערק אויף נידעריקע פרײַזן און דערשלאָגן די אויסערלאנדישע מערק. אזוינע פארבאנדן, אזוינע פאראייניקונגען פון די קאפיטאליסטן (מאָנאָפּאָליעס) האָבן געהייסן טרעסטן און סינדיקאטן. נאָך דער רעוואָליוציע האָט זיך די צאָל בורזשואזע טרעסטן און סינדיקאטן נאָך מער פארגרעסערט. עס האָט זיך אויך פארגרעסערט די צאָל גרויסע בענק און עס איז געוואקסן זייער ראָלע אין דער אינדוסטריע. עס האָט זיך פארגרעסערט דער צופלוס פון אויסלענדישע קאפיטאלן קיין רוסלאנד.

אזויארום איז דער קאפיטאליזם אין רוסלאנד אלץ מער געוואָרן א מאָ־נאָפּאָליסטישער, אן אימפעריאליסטישער קאפיטאליזם.

נאָך עטלאכע יאָר שטילשטאנד האָט די אינדוסטריע ווידער אויפגעלעבט: עס איז אויסגעוואקסן דער ארויסבאקום פון קוילן, די אויסארבעטונג פון מעטאל, דער ארויסבאקום פון נאפט; עס האָט זיך פארגרעסערט די פּראָ־דוקציע פון געוועבן, פון צוקער, עס איז שטארק אויסגעוואקסן דער ארויס־פיר פון תבואה קיין אויסלאנד.

כאָטש רוסלאנד האָט אין דער דאָזיקער צײַט געמאכט א געוויסן שריט פאָראויס אין זײַן אינדוסטריע, דאָך איז עס נאָך אלץ געבליבן אן אָפּגע־שטאנען לאנד אין פארגלײַך מיט מערב־אייראָפּע און אן אָפּהענגיקס פון די אויסלענדישע קאפיטאליסטן. אין רוסלאנד איז ניט געווען אוועקגעשטעלט די פּראָדוקציע פון מאשינעס און ווערקשטעלן — זיי פלעגן ארײַנגעפירט ווערן פון אויסלאנד. עס איז אויך ניט געווען קיין אויטאָמאָביל־אינדוסטריע; עס איז ניט געווען קיין כעמישע אינדוסטריע; ס'איז ניט געווען קיין פּראָ־דוקציע פון מינעראלע באמיסטיקונגען. אין דער פּראָדוקציע פון באוואָפענונג איז רוסלאנד אויך אָפּגעשטאנען פון אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער.

אָנווײַזנדיק אויפן נידעריקן ניוואָ פונם מעטאל־געברויך אין רוסלאנד, ווי אויף א סימן פון זײַן אָפּגעשטאנענקײַט, האָט לענין געשריבן:

„פארן האלבן יאָרהונדערט נאָך דער באפרײַאונג פון די פויערים איז דער געברויך פון אײַזן אין רוסלאנד אויסגעוואקסן אין פינף מאָל,

און דאָך פארבלײַבט רוסלאַנד אַן אומגעהויער, אומגעזעען אָפּגעשטאַ־
נען לאַנד, אַן אָרעמס און אַ האַלב ווילדס, אַן אויסגעשטאָטס מיט
מאָדערנע פּראָדוציר־געצײַג אין פיר מאָל ערגער פון ענגלאַנד, אין
פינף מאָל ערגער פון דײַטשלאַנד, אין צען מאָל ערגער פון אַמעריקע"
(לענין, ב. XVI, ז. 543, רוסיש).

א דירעקטער רעזולטאַט פון דער ווירטשאַפטלאַכער און פּאָליטישער אָפּ־געשטאַנענקײַט פון רוסלאַנד איז געווען דאָס, וואָס סאַי דער רוסישער קאַפּי־טאַליזם, אַזוי אויך דער צאַריזם גופא זײַנען געווען אָפּהענגיק פון דעם מערב־אייראָפּעאישן קאַפּיטאַליזם.

דאָס האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס אַזוינע וויכטיקסטע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט, ווי קוילן, נאַפט, עלעקטריע־אינדוסטריע, מעטאַלור־גיע, האָבן זיך געפונען אין די הענט פונם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, און כמעט אַלע מאַשינעס, די גאַנצע אויסשטאַטונג איז דאָס צאַרישע רוסלאַנד געווען געצוואונגען אַרײַנצופירן פון אויסלאַנד.

דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די פאַרקנעכטנדיקע אויסלענדישע הלוואות, וואָס כדי צו באַצאָלן די פּראָצענטן פאַר זיי האָט דער צאַריזם יערלאַך אַרויסגעפּרעסט פון דער באַפעלקערונג פיל הונדערטער מיליאָנען רובל.

דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די געהיימע אָפּמאַכן מיט די „פאַר־בינדעטע", לויט וועלכע דער צאַריזם האָט זיך פאַרפליכטעט אין פאַל פון אַ מלחמה אַרויסצושטעלן מיליאָנען רוסישע סאָלדאַטן אויף די אימפּעריאַ־ליסטישע פראָנטן, כדי אונטערצושטיצן די „פאַרבינדעטע" און זיכערן משוגע־נע רווחים די ענגליש־פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן.

די יאָרן פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע האָבן זיך באַזונדערס אויס־געצייכנט מיט רוצח'ישע אָנפאַלן פון די זשאַנדאַרן און פּאָליציי־לײַט, פון די צאַרישע פּראָוואָקאַטאָרן און שוואַרץ'מאה'דיקע פּאָגראָמשטשיקעס אויפן אַרבעטער־קלאַס. נאָר נישט בלויז די צאַרישע „אָפּריטשניקעס" זײַנען דער־גאַנגען די אַרבעטער די יאָרן מיט רעפּרעסיעס. אין דעם פּרט זײַנען נישט אָפּגעשטאַנען פון זיי די פאַבריקאַנטן און זאַוואָדטשיקעס, וועלכע האָבן באַ־זונדערס פאַרשטאַרקט דעם אָנגריף אויפן אַרבעטער־קלאַס אין די יאָרן פון שטילשטאַנד פון דער אינדוסטריע און פונם וואוקס פון דער אַרבעטסלאָזי־קײַט. די פאַבריקאַנטן פלעגן מאַסנווײַז אָפּזאָגן די אַרבעטער פון דער אַר־בעט (דערקלערן לאָקאַוטן), האָבן אײַנגעפירט „שוואַרצע ביכער", אין וועל־כע מע פלעגט אַרײַנשרײַבן די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וואָס האָבן אַק־טיוו אָנטיילגענומען אין די שטרײַקס. די, וואָס פלעגן אַרײַנפאַלן אין אָט דעם „שוואַרצן בוך" אָדער „שוואַרצן צעטל", האָט מען נישט אָנגענומען אויף אַרבעט אין קיין איין אונטערנעמונג, וואָס איז אַרײַנגעגאַנגען אינם פאַר־באַנד פון די פאַבריקאַנטן פון דעם דאָזיקן אינדוסטריע־צווײַג. די טאַריפן זײַנען שוין אין 1908־טן יאָר אַראָפּגעזעצט געוואָרן אויף 10—15 פּראָצענט.

דער ארבעטס־טאָג איז אומעטום פארלענגערט געוואָרן ביז 10—12 שעה. עס האָטווידער גענומען אויפבלי̈ען די סיסטעם פון רויבערישע שטראָפירונגען.

די מפּלה פון דער רעוואָליוציע פון 1905־טן יאָר האָט ארויסגערופן א צעפאלונג און א צעלייגונג צווישן די מיטלויפער פון דער רעוואָליוציע. באזונדערס האָבן זיך די צעלייגונג און די ירידה־שטימונגען פארשטארקט צווישן דער אינטעליגענץ. די מיטלויפער, וואָס זײַנען אין די רייען פון דער רעוואָליוציע געקומען פון דער בורזשואזער סביבה אינם פעריאָד פון שטורמישן אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציע, זײַנען אָפּגעגאַנגען פון דער פארטיי אין די טעג פון דער רעאקציע. א טייל פון זיי איז אוועק אין לאגער פון די אָפענע שונאים פון דער רעוואָליוציע, א טייל האָט זיך פארשטעקט אין די גאנץ־געבליבענע לעגאַלע געזעלשאפטן פונם ארבעטער־קלאס און האָט זיך באמיט אראָפּצופירן דעם פּראָלעטאריאט פונעם רעוואָליוציאָנערן וועג, האָט זיך באמיט צו דיסקרעדיטירן די רעוואָליוציאָנערע פארטיי פונם פּראָלעטאריאט. אָפּגייענדיק פון דער רעוואָליוציע, האָבן זיך די מיטלויפער באמיט זיך צופּאסן צו דער רעאקציע, אײַנלעבן זיך מיטן צאריזם.

די צארישע רעגירונג האָט אויסגענוצט די מפּלה פון דער רעוואָליוציע, כדי צו פארווערבירן די סאמע פּחדנ׳ישע מיטלויפער פון דער רעוואָליוציע און די מיטלויפער, וואָס האָבן געציטערט פאר דער אייגענער פעל, פאר איערע אגענטן—פאר פּראָוואָקאטאָרן. די נידערטרעכטיקע יודאס—פּראָוואָקאטאָרן, וואָס די צארישע אָכראנקע האָט ארײַנגעשיקט אין די ארבעטער־ און פּארטיי־אָרגאניזאציעס, האָבן געשפּיאָנעוועט פון אינעווייניק און פארראטן די רעוואָליוציאָנערן.

דער אָנגריף פון דער קאָנטר־רעוואָליוציע איז געגאנגען אויך אויפן אידעאָלאָגישן פראָנט. עס איז אויפגעקומען א גאנצע קאָפּטע מאָדישע שרײַבער, וואָס האָבן „קריטיקירט" און „געמאכט צו בלאָטע גלײַך" דעם מארקסיזם, באשפּיגן די רעוואָליוציע, זיך איזדיעקעוועט איבער איר, באזונגען פארראט, באזונגען געשלעכטלאכע אויסגעלאסנקײַט אונטערן שלייער פון „קולט פון דער פּערזענלאכקײַט".

אין געביט פון פילאָזאָפיע האָבן זיך פארשטארקט די פּרואוון צו „קריטיקירן", רעווידירן דעם מארקסיזם, און עס האָבן זיך אויך באוויזן כל׳ערליי רעליגיעזע שטרעמונגען, צוגעדעקט מיט כלומר׳שט „וויסנשאפטלאכע" ארגומענטן.

„קריטיקירן" דעם מארקסיזם איז געוואָרן א מאָדע.

אָט די אלע הערן, ניט געקוקט אויף זייער גאנצער פארשיידנפארביקײַט, האָבן פארפאָלגט איין אלגעמיינעם ציל — אָפּווענדן די מאסן פון דער רעוואָליוציע.

די ירידה־שטימונגען און דער אומגלויבן האָבן אָנגערירט אויך איין טייל פּארטייאישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך געהאלטן פאר מארקסיסטן, נאָר

זיי זײַנען קיינמאָל ניט געשטאַנען פעסט אויף די פּאָזיציעס פונם מאַרקסיזם. צווישן זיי זײַנען געווען אַזוינע שרײַבער, ווי באָגדאַנאָוו, באַזאַראָוו, לונאַטשאַרסקי (וועלכע זײַנען אין 1905־טן יאָר צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס), יושקעוויטש, וואַלענטינאָוו (מענשעוויקעס). זיי האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט גלײַכצײַטיק א „קריטיק" קעגן די פילאָזאָפיש־טעאָרעטישע יסודות פונם מאַרקסיזם, דאָס הייסט, קעגן דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, און קעגן זײַנע וויסנשאַפטלאַך־היסטאָרישע יסודות, דאָס הייסט, קעגן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. פון געוואוינלאכער קריטיק האָט זיך די דאָזיקע קריטיק אונטערגעשיידט דערמיט, וואָס זי איז געפירט געוואָרן ניט אָפן און ערלאַך, נאָר פאַרוואַלירט און צביעות'דיק אונטערן פלאַג פון „פאַרטיידיקן" די גרונט־פּאָזיציעס פונם מאַרקסיזם. מיר, האָבן זיי גע'טענה'ט, זײַנען אין גרונט מאַרקסיסטן, מיר וואָלטן אָבער געוואָלט „אויסבעסערן" דעם מאַרקסיזם, באַפרײַען אים פון אייניקע גרונט־הנחות. אינדער'אמת'ן זײַנען זיי געווען פײַנטלאַך צום מאַרקסיזם, ווײַל זיי האָבן זיך באַמיט אונטערצורײַסן די טעאָרעטישע יסודות פונם מאַרקסיזם, כאָטש אויפן וואָרט האָבן זיי צביעות'דיק געלייקנט זייער פײַנטלאַכקײַט צום מאַרקסיזם און האָבן צוויי'פּנים'דיק פאָרגעזעצט אָנצורופן זיך מאַרקסיסטן. די געפאַר פון אַזאַ צביעות'דיקער קריטיק איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי, די קריטיק, איז געווען אויסגערעכנט אויף אָפּצונאַרן די פּשוט'ע פּאַרטיי־טוער און האָט זיי געקאָנט אַרײַנברענגען אין טעות. און וואָס מער צביעות'דיק עס איז געפירט געוואָרן אָט די קריטיק אויף אַרונטערצורײַסן די טעאָרעטישע יסודות פונם מאַרקסיזם, אַלץ געפערלאַכער איז זי געוואָרן פאַר דער פּאַרטיי, ווײַל אַלץ ענגער האָט זי זיך צונויפגעשלאָסן מיטן אַלגעמיינעם מאַרש פון דער רעאַקציע קעגן דער פּאַרטיי, קעגן דער רעוואָליוציע. א טייל אינטעליגענטן, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פונם מאַרקסיזם, איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבן פּריידיקן די נויטיקײַט צו שאַפן א נײַע רעליגיע (די אַזוי גערופענע „גאָטזוכער" און „גאָטבויער").

פאַר די מאַרקסיסטן איז געשטאַנען א דרינגענדיקע אויפגאַבע — געבן דעם געהעריקן שאַרפן ענטפער אָט די איבערגעבורטלער אין געביט פון דער טעאָריע פונם מאַרקסיזם, אַרונטעררײַסן פון זיי די מאַסקע, אויפדעקן זיי ביזן סוף און פּאַרטיידיקן, אויף אַזאַ אופן, די טעאָרעטישע יסודות פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי.

מע האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז פאַר דער אויספילונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע וועלן זיך נעמען פּלעכאַנאָוו און זײַנע מענשעוויסטישע פרײַנט, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר „באַוואוסטע טעאָרעטיקער פונם מאַרקסיזם". יענע האָבן אָבער געפונען פאַר גלײַכער אָפּצוקומען מיט א פּאָר אומבאַדײַטנדיקע אַרטיקלען פון א פּעליעטאָניש־קריטישן כאַראַקטער, און — פּטור.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אויסגעפילט לענין אין זײַן באַרימטן בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1909.

„פאר א קנאפן האלב יאָר, האָט לענין געשריבן אין דעם דאָזיקן בוך, זײַנען דערשינען פיר ביכער, וואָס זײַנען געווידמעט דער עיקר און כמעט דורכאויס די אָנפאלן אויפן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. אהערצו געהערן פריִער פאר אלץ די „עטיודן איבער (? מע וואָלט געדאַרפט זאָגן: קעגן) דער פילאָזאָפיע פונם מאַרקסיזם", ספּב, 1908, א זאמלונג ארטיקלען פון באזאראָוו, באָגדאנאָוו, לונאטשארסקי, בערמאן, געלפאנד, יושקעוויטש, סוואָראָוו; דערנאָך די ביכער: יושקעוויטשעס — „דער מאטעריאַליזם און דער קריטישער רעאַליזם", בערמאנס — „די דיאַלעקטיק אין ליכט פון דער מאָדערנער דערקענטניש־טעאָריע", וואלענטינאָווס — „די פילאָזאָפישע קאָנסטרוקציעס פונם מארקסיזם"... אָט די אלע פערזאָנען, — ניט געקוקט אויף די שארפע פארשיידנהײַטן פון פּאָליטישע אָנשויאונגען, — פאראייניקט דורך דער שנאה קעגן דעם דיאַלעקטישן מאטעריאליזם, פרעטענדירן אין דער זעלבער צײַט דערויף, אז זיי זײַנען אין דער פילאָזאָפיע מארקסיסטן! ענגעלסעס דיאַלעקטיק איז מיסטיק,—זאָגט בערמאן, ענגעלסעס אָנשויאונגען זײַנען „פארעלטערט", — טוט א וואָרף פארבײַגייענדיק, אזוי ווי עפּעס זעלבסטפארשטענדלאכס, באזאראָוו, — דער מאטעריאַליזם ווײַזט זיך ארויס פאר אָפּגעפרעגט דורך אונזערע דרייסטע קריגער, וועלכע פאררופן זיך שטאָלץ אויף דער „מאָדערנער דערקענטניש־טעאָריע", אויף דער „נײַסטער פילאָזאָפיע" (אָדער „נײַסטן פּאָזיטיוויזם"), אויף דער „פילאָזאָפיע פון דער מאָדערנער נאטורוויסנשאפט", אָדער אפילו אויף דער „פילאָזאָפיע פון דער נאטורוויסנשאפט פונם XX יאָרהונדערט" (לענין, ב. XIII, ז. 11, רוסיש).

ענטפערנדיק לונאטשארסקין, וועלכער האָט, ווי א בארעכטיקונג פאר זײַנע פריַינט — די רעוויזיאָניסטן אין דער פילאָזאָפיע, געזאָגט: „אפשר האָבן מיר א טעות, נאָר מיר זוכן", — האָט לענין געשריבן:

„וואָס איז שייך מיר, בין איך אויך א „זוכנדיקער" אין דער פילאָזאָפיע. נעמלאך: אין די דאָזיקע נאָטיצן (עס האנדלט זיך וועגן בוך „מאטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם". — רעד.) האָב איך זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע אויסצוזוכן, אויף וואָס האָבן זיך עס אויסגעלונקען די מענשן, וועלכע דערלאַנגען אונטערן אויסזעען פון מארקסיזם עפּעס אומגעהויער מטושטש'עס, פארפּלאָנטערטס און רעאקציאָנערס" (דאָרטן, ז. 12).

פאקטיש אָבער איז לענינס בוך ווײַט ארויס פון די ראמען פון אָט דער באשיידענער אויפגאבע. אינדער'אמת'ן איז לענינס בוך ניט בלויז א קריטיק פון באָגדאנאָוון, יושקעוויטשן, באזאראָוון, וואלענטינאָוון און פון זייערע פילאָזאָפישע לערער, — אווענאריאוס און מאך, וואָס האָבן זיך געפּרואווט אין

זייערע ווערק אונטערטראָגן א ראַפינירטן און צוגעגלעטן אידעאַליזם — אין קעגנגעוויכט צום מארקסיסטישן מאַטעריאַליזם. לעניגס בוך איז צוזאַמען דער־מיט א פארטיידיקונג פון די טעאָרעטישע יסודות פונם מאַרקסיזם — פון דעם דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם — און א מאַטעריאַליסטי־שע פאַראַלגעמיינערונג פון אַלעם וויכטיקן און וועזנטלאַכן פון דעם, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן דורך דער ווינסנשאַפט און, פריער פון אַלץ, דורך דער נאַטורוויסנשאַפט פאַר א גאַנצן היסטאָרישן פעריאָד, פאַרן פעריאָד, זינט עס איז געשטאָרבן ענגעלס ביז עס איז דערשינען לעניגס בוך „מאַטעריא־ליזם און עמפּיריאָקריטיציזם".

צעקריטיקירט ווי געהעריק די רוסישע עמפּיריאָקריטיקער און זייערע אויסלענדישע לערער, קומט לעגין אין זיין בוך צו פאָלגנדיקע אויספירן קעגן דעם פילאָזאָפיש־טעאָרעטישן רעוויזיאָניזם:

1) „אַן אַלץ מער ראַפינירטע פאַלסיפיצירונג פונם מאַרקסיזם, אַלץ מער ראַפינירטע צופּוצונגען פון אַנטימאַטעריאַליסטישע לערעס אונטער מאַרקסיזם, — אָט מיט וואָס עס ווערט כאַראַקטעריזירט דער מאָדערנער רעוויזיאָניזם אי אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אי אין די פראַגן פון טאַקטיק, אי אין דער פילאָזאָפיע בכלל" (לעגין, ב. XIII, ז. 270, רוסיש);

2) „די גאַנצע שול פון מאַך און אַווענאַריאוס גייט צום אידעאַ־ליזם" (דאָרטן, ז. 291);

3) „אונזערע מאַכיסטן זיינען אַלע געבליבן שטעקן אין אידעאַליזם" (דאָרטן, ז. 282);

4) „הינטער דער גנאָסעאָלאָגישער סכאָלאַסטיק פון עמפּיריאָקרי־טיציזם קאָן מען ניט ניט זען דעם קאַמף פון פּאַרטייען אין דער פי־לאָזאָפיע, — א קאַמף, וואָס אין לעצטן סך־הכל דריקט ער אויס די טענדענצן און די אידעאָלאָגיע פון די פיינטלאַכע קלאַסן פון דער מאָ־דערנער געזעלשאַפט" (דאָרטן, ז. 292);

5) „די אָביעקטיווע ראָלע, די קלאַסן־ראָלע פון דעם עמפּיריאָקרי־טיציזם ווערט דורכאויס רעדוצירט צו באַדינען די פידעאיסטן (רעאַק־ציאָנערן, וואָס גיבן אָפּ דעם פאָרצוג דער אמונה לגבי דער וויסנשאַפט.— רעד.) אין זייער קאַמף קעגן דעם מאַטעריאַליזם בכלל און קעגן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם בפרט" (דאָרטן, ז. 292);

6) „דער אידעאַליזם דער פילאָזאָפישער איז... דער וועג צו פּאָפּאָווטשטשינע (קלעריקאַלער אָבסקוראַנטיזם)" (דאָרטן, ז. 304).

כדי אָפּצושאַצן די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון לעגינס בוך אין דער גע־שיכטע פון אונזער פּאַרטיי און פאַרשטיין — וואָס פאַר א טעאָרעטיש ריינ־טום לעגין האָט פאַרטיידיקט קעגן אַלע און אַלערליי רעוויזיאָניסטן און אי־בערגעבוירטלער פונם פעריאָד פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע, איז נויטיק,

כאָטשבי אינקורצן, זיך באקענען מיט די יסודות פון דעם דיאלעקטישן און היסטאָרישן מאטעריאליזם.

דאָס איז נאָך מער נויטיק דערפאר, ווײַל דער דיאלעקטישער און היסטאָרישער מאטעריאליזם בילדן דעם טעאָרעטישן פונדאמענט פונם קאָמוניזם, די טעאָרעטישע יסודות פון דער מארקסיסטישער פארטיי, איז עס די פליכט פון יעדן אקטיוון טוער פון אונזער פארטיי צו וויסן די דאָזיקע יסודות און, פאָלגלאך, באהערשן זיי.

אלזאָ:

1) וואָס איז אזוינס דיאלעקטישער מאטעריאליזם?

2) וואָס איז אזוינס היסטאָרישער מאטעריאליזם?

## 2. וועגן דיאלעקטישן און היסטאָרישן מאטעריאליזם.

דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם איז די וועלט-אָנשויאונג פון דער מארקסיסטיש-לעניניסטישער פארטיי. זי הייסט דיאלעקטישער מאטעריאליזם דערפאר, ווײַל איר צוגאנג צו די נאטור-דערשײַנונגען, איר מעטאָד פון דערלערנען די נאטור-דערשײַנונגען, איר מעטאָד פון דערקענען די דאָזיקע דערשײַנונגען איז א *דיאלעקטישער*, און איר אויסטײַטשן די נאטור-דערשײַנונגען, איר אויפפאסן די נאטור-דערשײַנונגען, איר טעאָריע איז א *מאטעריאליסטישע*.

דער היסטאָרישער מאטעריאליזם איז די פארשפרייטונג פון די הנחות פונם דיאלעקטישן מאטעריאליזם אויף דער דערלערנונג פונם געזעלשאפטלאכן לעבן, די אָנווענדונג פון די הנחות פונם דיאלעקטישן מאטעריאליזם צו די דערשײַנונגען פונם לעבן פון דער געזעלשאפט, צו דער דערלערנונג פון דער געזעלשאפט, צו דער דערלערנונג פון דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט.

כאראקטעריזירנדיק זייער דיאלעקטישן מעטאָד, פאררופן זיך געוואוינלאך מארקס און ענגעלס אויף העגעלן, ווי אויף דעם פילאָזאָף, וועלכער האָט פאָרמולירט די גרונט-שטריכן פון דער דיאלעקטיק. דאָס באטײַט אָבער ניט, אז מארקס'ס און ענגעלסעס דיאלעקטיק איז אידענטיש צו העגעלס דיאלעקטיק. אינדער'אמת'ן האָבן מארקס און ענגעלס גענומען פון העגעלס דיאלעקטיק בלויז איר „ראציאָנעלן קערן", אָפּוואַרפנדיק דעם העגעלישן אידעאליסטישן שאָלאכץ און אנטוויקלענדיק די דיאלעקטיק ווײַטער, כדי צוצוגעבן איר א מאָדערנעם וויסנשאפטלאכן אויסזעען.

„מײַן דיאלעקטישער מעטאָד, זאָגט מארקס, איז אין יסוד זײַנעם ניט בלויז פארשיידן פון דעם העגעלישן, נאָר ער איז זײַן דירעקטער קעגנזאץ. פאר העגעלן איז דער פראָצעס פון דענקען, וועלכן ער פארוואנדלט אונטערן נאָמען אידייע אפילו אין א זעלבסטשטענדיקן סובּיעקט, דער דעמיאורג (באשעפער) פון דעם ווירקלאכן, וואָס בילדעט

בלויז זײַן אויסערלאכע דערשײַנונג. בײַ מיר איז, פאַרקערט, דאָס אי־דעאלע ניט עפּעס אנדערש, ווי דאָס מאטעריעלע, וואָס איז אריבערגעזעצט אין דעם מענטשנס קאָפּ און איז אין אים איבערגעשטאלטעט" (ק. מ א ר ק ס, נאָכוואָרט צו דער צווייטער דײַטשישער אויפלאגע פונעם 1־טן באנד „קאפּיטאל").

כאראקטעריזירנדיק זייער מאטעריאליזם, פאררופן זיך געוואוינלאך מארקס און ענגעלס אויף פייערבאכן, ווי אויף דעם פילאָזאָף, וועלכער האָט אויפגעשטעלט דעם מאטעריאליזם אין זײַנע רעכט. דאָס באטײַט אָבער ניט, אז דער מאטעריאליזם פון מארקסן און ענגעלסן איז אידענטיש צום מאטעריאליזם פון פייערבאכן. אינדער'אמת'ן האָבן מארקס און ענגעלס גענומען פון פייערבאכס מאטעריאליזם זײַן „גרונט־קערן", האָבן אנטוויקלט אים ווײַטער אין א וויסנשאפטלאך־פילאָזאָפישער טעאָריע פון מאטעריאליזם און האָבן אָפּגעוואָרפן אָן א זײַט זײַנע אידעאליסטישע און רעליגיעז־עטישע אָנשיכטונגען. עס איז באוואוסט, אז, זײַענדיק אין גרונט א מאטעריאליסט, איז פייערבאך געווען קעגן דעם נאָמען — מאטעריאליזם. ענגעלס האָט ניט איין מאָל דערקלערט, אז פייערבאך, „ניט געקוקט אויף דעם מאטעריאליסטישן יסוד, האָט זיך נאָך ניט באפרײַט פון די אלטע אידעאליסטישע פענטעס", אז „דערווירקלאכער אידעאליזם פייערבאכס ווערט תיכף אָנטפּלעקט, ווי נאָר מיר קומען צו צו זײַן עטיק און פילאָזאָפיע פון רעליגיע" (ק. מ א ר ק ס און פ. ע נ ג ע ל ס, ב. XIV, ז. 652—654).

דיאלעקטיק שטאמט פונם גריכישן וואָרט „דיאלעגאָ", וואָס באטײַט פירן א שמועס, פירן א פּאָלעמיק. אונטער דיאלעקטיק האָט מען אין אלטערטום פארשטאנען די קונסט צו דערשלאָגן זיך דעם אמת דורך אויפדעקן די ווידערשפּרוכן אין דעם קעגנערס אורטיילונגען און דורך בײַקומען די דאָזיקע ווידערשפּרוכן. אינם אלטערטום האָבן אייניקע פילאָזאָפן געהאלטן, אז אויפדעקן ווידערשפּרוכן אינם דענקען און צוזאמענשטויסן קעגנזעצלאכע מיינונגען איז דאָס בעסטע מיטל צו אנטפּלעקן דעם אמת. אָט דער דיאלעקטישער אופן פון דענקען, וואָס איז נאָכדעם פארשפּרייט געוואָרן אויף די דערשײַנונגען פון דער נאטור, האָט זיך פארוואנדלט אינם דיאלעקטישן מעטאָד פון דערקענען די נאטור, וועלכער האָט באטראכט די נאטור־דערשײַנונגען ווי אייביק זיך באוועגנדיקע און זיך ענדערנדיקע, און די אנטוויקלונג פון דער נאטור—ווי א רעזולטאט פון אנטוויקלונג פון ווידערשפּרוכן אין דער נאטור, ווי א רעזולטאט פון קעגנזײַטיקער ווירקונג פון קעגנזעצלאכע כחות אין דער נאטור.

אין איר יסוד איז די דיאלעקטיק דירעקט קעגנזעצלאך צו דער מעטאַפיזיק.

1) דער מארקסיסטישער ד י א ל ע ק ט י ש ע ר מ ע ט אָ ד ווערט כאראקטעריזירט מיט פאָלגנדיקע גרונט־שטריכן:

א) אין קעגנזאץ צו דער מעטאפיזיק באטראכט די דיאלעקטיק די נאטור

ניט ווי א צופעליקע אָנהויפונג פון געגנשטאַנדן, דערשיינונגען, וואָס זיינען אָפּגעריסן איינס פונם אנדערן, איזאָלירט איינס פונם אנדערן און ניט אָפּהענגיק איינס פונם אנדערן, — נאָר ווי א געקניפּטס, איינהייטלאַך גאנצעס, וואו די געגנשטאַנדן, די דערשיינונגען זיינען אָרגאניש פארבונדן איינס מיטן אנדערן, זיינען אָפּהענגיק איינס פונם אנדערן און באשטימען איינס דאָס אנדערע.

דעריבער האַלט דער דיאַלעקטישער מעטאָד, אז קיין איין דערשיינונג אין דער נאַטור קאָן ניט פארשטאַנען ווערן, אויב מע זאָל זי נעמען איזאָלירט, אָן א צוזאַמענהאַנג מיט די ארומיקע דערשיינונגען, ווייל יעטווידע דערשיינונג אין יעטווידן געביט פון דער נאַטור קאָן פארוואַנדלט ווערן אין אן אבסורד, אויב מע זאָל זי באטראַכטן אויסער דעם צוזאַמענהאַנג מיט די ארומיקע באַדינגונגען, אָפּגעריסן פון זיי; און, פארקערט, יעטווידע דערשיינונג קאָן פארשטאַנען און באגרינדעט ווערן, אויב זי ווערט באטראַכט אין איר אומצעטיילבארער פארבינדונג מיט די ארומיקע דערשיינונגען, אין איר באַדינגטקייט פון די דערשיינונגען, וואָס רינגלען זי ארום.

ב) אין קעגנזאַץ צו דער מעטאַפיזיק באטראַכט די דיאַלעקטיק די נאַטור ניט ווי א צושטאַנד פון רו און אומבאַוועגלאַכקייט, פון פארגליווערטקייט און אומפארענדערלאַכקייט, נאָר ווי א צושטאַנד פון אומאויפהערלאַכער באַוועגונג און ענדערונג, פון אומאויפהערלאַכער באנייאונג און אנטוויקלונג, וואו שטענדיק אנטשטייט עפּעס און אנטוויקלט זיך, ווערט עפּעס צעשטערט און לעבט אָפּ זיין צייט.

דעריבער פאָדערט דער דיאַלעקטישער מעטאָד, אז די דערשיינונגען זאָלן באטראַכט ווערן ניט בלויז פונם שטאַנדפּונקט פון זייער קעגנזייטיקער פארבינדונג און באַדינגטקייט, נאָר אויך פונם שטאַנדפּונקט פון זייער באַוועגונג, פון זייער ענדערונג, פון זייער אנטוויקלונג, פונם שטאַנדפּונקט פון זייער אנטשטייאונג און אָפּשטאַרבונג.

פארן דיאַלעקטישן מעטאָד איז פריִער פאַר אַלץ וויכטיק ניט דאָס, וואָס דאַכט זיך אויס איצט פעסט, הויבט שוין אָבער אָן אָפּצושטאַרבן, נאָר דאָס, וואָס אנטשטייט און אנטוויקלט זיך, אויב אפילו דאָס זעט אויס איצט ניט פעסט, ווייל פאַר אים איז ניט בייקומבאַר בלויז דאָס, וואָס אנטשטייט און אנטוויקלט זיך.

„די גאַנצע נאַטור, זאָגט ענגעלס, פון קלענסטן ביזן גרעסטן, פון א זאַמדעלע ביז דער זון, אָנגעהויבן פון א פּראָטיסט (דאָס לעבעדיקע אורקעמערל.—רעד.) ביז דעם מענטשן, געפינט זיך אין אייביקער אנטשטייאונג און פארניכטונג, אין אומאויפהערלאַכער פליסונג, אין כסדר'דיקער באַוועגונג און פארענדערונג" (דאָרטן, ז. 484).

דעריבער, זאָגט ענגעלס, נעמט די דיאַלעקטיק „די געגנשטאַנדן און זייערע אינטעלעקטועלע אָפּשפּיגלונגען הויפּטזאַכלאַך אין זייער קעגנזייטיקער פארבינ-

דונג, אין זייער געקייטלטקייט, אין זייער באוועגונג, אין זייער אנטשטייאונג און פארשוווינדונג" (ק. מארקס און פ. ענגעלס, ב. XIV, ז. 23).

ג) אין קעגנזאץ צו דער מעטאפיזיק באטראכט די דיאלעקטיק דעם אנט־וויקלונגס־פראָצעס ניט ווי אן איינפאכן פראָצעס פון וואוקס, וואו די קוואנ־טיטאטיווע ענדערונגען פירן ניט צו קיין קוואליטאטיווע ענדערונגען, — נאָר ווי אזא אנטוויקלונג, וואָס גייט אריבער פון אומבאדייטנדיקע און פארבאָרגע־נע קוואנטיטאטיווע ענדערונגען צו ענדערונגען אָפענע, צו ענדערונגען ראדיקא־לע, צו ענדערונגען קוואליטאטיווע, וואו די קוואליטאטיווע ענדערונגען קומען אָן ניט בהדרגה'דיק, נאָר גיך, מיטאמאָל, אין דער פאָרם פון א שפרונגארטיקן איבערגאנג פון איין צושטאנד צו אן אנדער צושטאנד; זיי קומען אָן ניט צו־פעליק, נאָר געזעצמעסיק; זיי קומען ווי א רעזולטאט פון אָנזאמלען אומבא־מערקבארע און בהדרגה'דיקע קוואנטיטאטיווע ענדערונגען.

דעריבער האלט דער דיאלעקטישער מעטאָד, אז דעם פראָצעס פון אנט־וויקלונג דארף מען פארשטיין ניט ווי א באוועגונג איבער א קרייז, ניט ווי אן איינפאכע איבער'חזר'ונג פון דעם דורכגעגאנגענעם, נאָר ווי א באוועגונג א פראָגרעסירנדיקע, ווי א באוועגונג איבער א שטייגנדיקער ליניע, ווי אן אי־בערגאנג פונם אלטן קוואליטאטיוון צושטאנד צו א נייעם קוואליטאטיוון צו־שטאנד, ווי אן אנטוויקלונג פונם איינפאכן צום קאָמפּליצירטן, פונם נידערי־קערן צום העכערן.

„די נאטור, זאָגט ענגעלס, איז דער פּרואוו־שטיין פון דער דיאלעק־טיק, און די מאָדערנע נאטורוויסנשאפט, וואָס האָט צוגעשטעלט פאר דעם דאָזיקן פּרואוו אן אויסערסט רייכן, מיט יעדן טאָג אלץ גרעסער ווערנדיקן מאטעריאל, האָט דערמיט גופא דערוויזן, אז אין דער נאטור קומט, סוף כל סוף, אלץ פאָר דיאלעקטיש און ניט מעטאפיזיש, אז זי באוועגט זיך ניט אין אן אייביק־איינארטיקן, כסדר פונדאָסניי זיך איבער'חזר'נדיקן קרייז, נאָר זי לעבט דורך א ווירקלאכע געשיכטע. דאָ דארף מען פריער פאר אלץ אָנווייזן אויף דארווינען, וועלכער האָט דערלאנגט דעם גוואלדיקסטן קלאפּ דער מעטאפיזישער נאטור־אויפפא־סונג דערמיט, וואָס ער האָט דערוויזן, אז די גאנצע היינטיקע אָרגאני־שע נאטור, די געוויקסן און די בעלי־חיים, און דערמיט אויך דער מענטש, איז א פּראָדוקט פון אן אנטוויקלונגס־פראָצעס, וואָס האָט גע־דויערט מיליאָנען יאָרן" (דאָרטן, ז. 23).

כאראקטעריזירנדיק די דיאלעקטישע אנטוויקלונג, ווי אן איבערגאנג פון קוואנטיטאטיווע ענדערונגען צו קוואליטאטיווע ענדערונגען, זאָגט ענגעלס:

„אין דער פיזיק... איז יעדע פארענדערונג אן איבערגאנג פון קוואנטיטעט אין קוואליטעט — א רעזולטאט פון דער קוואנטיטאטיווער פארענדערונג, וואָס איז איינגעטימלאך דעם קערפּער, אָדער פונם מיט־

געטיילטן אים סכום באַוועגונג פון א וועלכער-עס-איז פאָרם. אזוי, צום בײַשפּיל, האָט די טעמפּעראַטור פון וואסער די ערשטע צײַט קיין שום באַדײַטונג ניט בנוגע איר טראָפּנדיק-פליסיקן צושטאנד; נאָר בײַ א פארגרעסערונג אָדער פארקלענערונג פון דער טעמפּעראַטור פון פליסיקן וואסער קומט אָן א מאָמענט, ווען אָט דער צושטאנד פון צונויפגעקייטלטקײַט (קאָהעזיע) ענדערט זיך, און דאָס וואסער ווערט פארוואנדלט: אין איין פאל — אין דאמף, אין צווייטן — אין אײַז... אזוי, אשטייגער, איז נויטיק א באַשטימטער מינימום קראַפט פון שטראָם, אז א פּלאַטינום-דראָט זאָל אָנהויבן געבן ליכט; אזוי, אשטייגער, האָט יעדער מעטאל זײַן שמעלץ-ווארעמקײַט; אזוי, אשטייגער, האָט יעדע פליסיקײַט בײַם געגעבענעם דרוק איר באַשטימטן פריר-פּונקט און זיד-פּונקט — אויף וויפל מיר זײַנען אימשטאנד בײַ אונזערע מיטלען ארויסצוקריגן די אנטשפּרעכנדיקע טעמפּעראַטור; אזוי, ענדלאך, האָט יעדער גאז זײַן קריטישן פּונקט, בײַ וועלכן מע קאָן אים דורכן אנטשפּרעכנדיקן דרוק- און אָפּקילונגס-אופן פארוואנדלען אין א פליסיקן צושטאנד... די אזוי גערופענע קאָנסטאנטן פון דער פיזיק (די איבערגאנגס-פּונקטן פון איין צושטאנד אין א צווייטן צושטאנד.—ר ע ד.) זײַנען מערסטנטייל ניט עפּעס אנדערש, ווי דער נאָמען פון די קנופּ-פּונקטן, וואו די קוואנטיטאַטיווע (פארענדערונג) פארגרעסערונג אָדער פארקלענערונג פון דער באַוועגונג רופט ארויס א קוואַליטאַטיווע פארענדערונג אינם צושטאנד פון דעם אנטשפּרעכנדיקן קערפּער,—וואו, פאָלגלאך, די קוואנטיטעט גייט אריבער אין קוואַליטעט" (דאָרטן, ז. 527—528).

אריבערגייענדיק, ווײַטער, צו כעמיע, זעצט ענגעלס פאָר:

„די כעמיע קאָן מען אָנרופן די וויסנשאַפט וועגן די קוואַליטאַטיווע פארענדערונגען פון קערפּערס, וואָס קומען פאָר אונטער דער ווירקונג פון דער פארענדערונג פון דעם קוואנטיטאַטיוון באַשטאנד. דאָס האָט שוין געוואוסט העגעל גופא... לאָמיר נעמען זויערשטאָף: אויב אין א מאָלעקול פאראייניקן זיך דאָ דרײַ אטאָמען און ניט קיין צוויי, ווי געוויינלאך, האָבן מיר פאר זיך אָזאָן — א קערפּער, וואָס מיט זײַן ריח און ווירקונג אונטערשיידט ער זיך באַשטימט פון געוויינלאכן זויערשטאָף. און וואָס זאָל מען זאָגן וועגן די פארשיידענע פּראָפּאָרצן, אין וועלכע דאָס זויערשטאָף פאראייניקט זיך מיט אזאָט אָדער מיט שוועבל, און וואָס יעדער פון זיי גיט א קערפּער, וועלכער איז קוואַליטאַטיוו אנדערש פון אַלע אנדערע קערפּערס!" (דאָרטן, ז. 528).

ענדלאך, קריטיקירנדיק דיורינגען, וועלכער זידלט אָן א שיר העגעלן און גלײַך אויפן אָרט נעמט ער בײַ אים איבער בשתיקה די באַוואוסטע הנחה וועגן דעם, אז דער אריבערגאנג פונם קעניגרײַך פון דער עמפּפינדונגסלאָזער וועלט אין

קענײגרײַך פֿון עמפּינדונג, פֿונם קענײגרײַך פֿון דער ניט־אָרגאַנישער װעלט אין קענײגרײַך פֿונם אָרגאַנישן לעבן — איז אַ שפּרונג אין אַ נײַעם צושטאַנד, זאָגט ענגעלס:

„דאָס איז דאָך העגעלס קנופּ־ליניע פֿון מאָס־פֿאַרהעלטענישן, װאו אַ ריין־קװאַנטיטאַטיװע פֿאַרגרעסערונג אָדער פֿאַרקלענערונג רופֿט אַרױס אין באַשטימטע קנופּ־פּונקטן אַ קװאַליטאַטיװן שפּרונג, װי, צום בײַשפּיל, אין דעם פֿאַל פֿון אָנװאַרעמען אָדער אָפּקילן װאַסער, װאו די זיד־ און פֿריר־פּונקטן זײַנען עס יענע קנופּן, װאָס — בײַ אַ נאָרמאַלן דרוק — קומט אין זײ פֿאָר דער שפּרונג אין אַ נײַעם אַגרע־גאַט־צושטאַנד, װאו די קװאַנטיטעט, פֿאָלגלאַך, גײט אַריבער אין קװאַ־ליטעט“ (ק. מאַרקס און פֿ. ענגעלס, ב. XIV, ז. 45—46).

ד) אין קעגנזאַץ צו דער מעטאַפֿיזיק גײט די דיאַלעקטיק אַרױס דערפֿון, אַז פֿאַר די נאַטור־געגנשטאַנדן, פֿאַר די נאַטור־דערשײַנונגען זײַנען אײגנטימ־לאַך אינערלאַכע װידערשפּרוכן, װײַל זײ אַלע האָבן זײער נעגאַטיװע און פּאָ־זיטיװע זײַט, זײער פֿאַרגאַנגענהײַט און צוקונפֿט, זײער אָפּלעבנדיקס און זיך אַנטװיקלענדיקס, אַז דער קאַמף פֿון די דאָזיקע קעגנזאַצן, דער קאַמף צװישן דעם אַלטן און דעם נײַעם, צװישן דעם אָפּשטאַרבנדיקן און דעם געבױרן־װערנדיקן, צװישן דעם אָפּלעבנדיקן און דעם זיך אַנטװיקלענדיקן, בילדעט דעם אינערלאַכן אינהאַלט פֿונם אַנטװיקלונגס־פּראָצעס, דעם אינערלאַכן אינהאַלט פֿון דער פֿאַרװאַנדלונג פֿון די קװאַנטיטאַטיװע ענדערונגען אין קװאַליטאַ־טיװע.

דעריבער האַלט דער דיאַלעקטישער מעטאָד, אַז דער פּראָצעס פֿון אַנט־װיקלונג פֿון נידעריקערן צום העכערן קומט פֿאָר ניט אין סדר פֿון האַרמאָ־נישער פֿאַנאַנדערװיקלונג פֿון די דערשײַנונגען, נאָר אין סדר פֿון אױפֿדעקן די װידערשפּרוכן, װאָס זײַנען אײגנטימלאַך די געגנשטאַנדן, די דערשײַנונגען, אין סדר פֿון „קאַמף“ פֿון די קעגנזעצלאַכע טענדענצן, װאָס װירקן אױפֿן גרונט פֿון די דאָזיקע װידערשפּרוכן.

„אין אײגנטלאַכן זין איז דיאַלעקטיק, זאָגט לענין, די דערלערנונג פֿון דעם װידערשפּרוך אין דעם עצם װעזן פֿון די געגנ־שטאַנדן“ (לענין, „פֿילאָזאָפֿישע העפֿטן“, ז. 263, רוסיש).

און װײַטער:

„אַנטװיקלונג איז „קאַמף“ פֿון קעגנזאַצן“ (לענין, ב. XIII, ז. 301, רוסיש).

אָט דאָס זײַנען אינקורצן די גרונט־שטריכן פֿון דעם מאַרקסיסטישן דיאַ־לעקטישן מעטאָד.

ס'איז ניט שװער צו פֿאַרשטײן, װאָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג עס האָט די פֿאַרשפּרײטונג פֿון די הנחות פֿונם דיאַלעקטישן מעטאָד אױף דער דערלערנונג פֿונם געזעלשאַפֿטלאַכן לעבן, אױף דער דערלערנונג פֿון דער גע־

שיכטע פון דער געזעלשאפט, וואָס פאר א קאָלאָסאַלע באדײַטונג עס האָט די אָנווענדונג פון די דאָזיקע הנחות צו דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט, צו דער פּראקטישער טעטיקײַט פון דער פּארטײַ פונם פּראָלעטאריאט.

אויב אין דער וועלט זײַנען ניטאָ קיין איזאָלירטע דערשײַנונגען, אויב אַלע דערשײַנונגען זײַנען צווישן זיך פארבונדן און באשטימען איינס דאָס אנדערע, איז קלאָר, אז יעדע געזעלשאפטלאכע אָרדענונג און יעדע געזעלשאפטלאכע באוועגונג אין דער געשיכטע דארף מען אָפּשאצן ניט פון שטאנדפּונקט פון „אייביקער גערעכטיקײַט" אָדער פון א וועלכער־עס־איז אנדערער פּאָראוים אָנגענומענער אידייע, ווי דאָס טוען ניט זעלטן די היסטאָריקער, נאָר פונם שטאנדפּונקט פון יענע באדינגונגען, וואָס האָבן געבוירן די דאָזיקע אָרדענונג און די דאָזיקע געזעלשאפטלאכע באוועגונג און מיט וועלכע זיי זײַנען פארבונדן.

די שקלאפן־באזיצערישע אָרדענונג איז פאר די הײַנטצײַטיקע באדינגונגען אן אומזין, א קעגן־נאטירלאכע טפּשות. די שקלאפן־באזיצערישע אָרדענונג אין די באדינגונגען פון דער צעפאלנדיקער אורעלטער געמיינדע־אָרדענונג איז אן אבסאָליוט פארשטענדלאכע און געזעצמעסיקע דערשײַנונג, ווײַל זי באטײַט א טראָט פּאָראויס אין פארגלײַך מיט דער אורעלטער געמיינדע־אָרדענונג.

די פאָדערונג פון א בורזשואז־דעמאָקראטישער רעפּובליק אין די עקזיס־טענץ־באדינגונגען פונם צאריזם און בורזשואזער געזעלשאפט, לאָמיר זאָגן, אין יאָר 1905 אין רוסלאנד איז געווען אן אבסאָליוט פארשטענדלאכע, ריכ־טיקע און רעוואָליוציאָנערע פאָדערונג, ווײַל א בורזשואזע רעפּובליק האָט דעמאָלט באטײַט א טראָט פּאָראויס. די פאָדערונג פון א בורזשואז־דעמאָ־קראטישער רעפּובליק פאר אונזערע איצטיקע באדינגונגען אין פ.ס.ס.ר. איז אן אומזיניקע און קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע פאָדערונג, ווײַל א בורזשואזע רעפּובליק אין פארגלײַך מיט דער סאָוועטן־רעפּובליק איז א טראָט צוריק.

אַלץ איז אָפּהענגיק פון די באדינגונגען, פון אָרט און צײַט.

עס איז פארשטענדלאך, אז אָן אזא היסטאָרישן צוגאנג צו געזעל־שאפטלאכע דערשײַנונגען איז ניט מעגלאך די עקזיסטענץ און די אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט וועגן געשיכטע, ווײַל נאָר אזא צוגאנג לייזט אויס די הי־סטאָרישע וויסנשאפט פון פארוואנדלען זיך אין א כאאָס פון צופעליקײַטן און אין א קופּע העכסט אומגעלומפּערטע פעלערן.

ווײַטער. אויב די וועלט געפינט זיך אין אומאויפהערלאכער באוועגונג און אנטוויקלונג, אויב די אָפּשטארבונג פון דעם אלטן און דער אָנוואוקס פון דעם נײַעם איז א געזעץ פון דער אנטוויקלונג, איז קלאָר, אז עס זײַנען ניטאָ מער קיין „אומפארענדערלאכע" געזעלשאפטלאכע אָרדענונגען, קיין „אייביקע פּרינ־ציפּן" פון פּריוואט־אייגנטום און עקספּלואטאציע, קיין „אייביקע אידייען" פון

אונטערגעוואָרפנקייט פון די פויערים צו די פריצים, פון די ארבעטער צו די קאפיטאליסטן.

הייסט עס, אז די קאפיטאליסטישע אָרדענונג קאָן מען פארבייטן מיט דער סאָציאליסטישער אָרדענונג, פונקט אזוי ווי די קאפיטאליסטישע אָרדענונג האָט אין איר צייט פארביטן די פעאָדאלע אָרדענונג.

הייסט עס, אז מע דארף זיך אָריענטירן ניט אויף יענע שיכטן פון דער געזעלשאפט, וואָס אנטוויקלען זיך ניט מער, כאָטש זיי שטעלן מיט זיך אפילו פאָר אינם געגעבענעם מאָמענט א הערשנדיקע קראפט, נאָר אויף יענע שיכטן, וואָס אנטוויקלען זיך, וואָס האָבן א צוקונפט, כאָטש זיי שטעלן מיט זיך אפילו ניט פאָר אינם געגעבענעם מאָמענט קיין הערשנדיקע קראפט.

אין די אכציקער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט, אין דער עפּאָכע פון קאמף פון די מארקסיסטן קעגן די פאָלקיסטן, האָט דער פּראָלעטאריאט אין רוסלאנד מיט זיך פאָרגעשטעלט אן אומבאדייטנדיקע מינדערהייט אין פארגלייך מיטן אייגנצל-פויערטום, וואָס האָט געבילדעט די קאָלאָסאלע מערהייט פון דער באפעלקערונג. דער פּראָלעטאריאט האָט זיך אָבער געהאלטן אין אנטוויקלען, ווי א קלאס, בשעת דאָס פויערטום, ווי א קלאס, האָט געהאלטן אין צעפאלן זיך. טאקע דערפאר, ווייל דער פּראָלעטאריאט האָט זיך געהאלטן אין אנטוויקלען, ווי א קלאס, האָבן די מארקסיסטן זיך אָריענטירט אויפן פּראָלעטאריאט. און זיי האָבן קיין טעות ניט געהאט, ווייל, ווי באוואוסט, איז דער פּראָלעטאריאט פון אן אומבאדייטנדיקער קראפט אויסגעוואקסן נאָכדעם אין אן ערשטראנגיקער היסטאָרישער און פּאָליטישער קראפט.

הייסט עס, כדי קיין טעות ניט האָבן אין פּאָליטיק, דארף מען קוקן פאָרויס און ניט צוריק.

ווייטער. אויב דער אריבערגאנג פון לאנגזאמע קוואנטיטאטיווע פארענדערונגען אין גיכע און מיטאמאָליקע קוואליטאטיווע פארענדערונגען איז א געזעץ פון דער אנטוויקלונג, איז קלאָר, אז די רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן, וואָס עס מאכן די אונטערדריקטע קלאסן, שטעלן מיט זיך פאָר א פולקום נאטירלאכע און אומפארמיידלאכע דערשיינונג.

הייסט עס, דער אריבערגאנג פון קאפיטאליזם צו סאָציאליזם און די באפרייאונג פונם ארבעטער-קלאס פון אונטערן קאפיטאליסטישן דרוק קאָן פארווירקלאכט ווערן ניט מיטן וועג פון לאנגזאמע פארענדערונגען, ניט מיטן וועג פון רעפאָרמעס, נאָר בלויז מיטן וועג פון א קוואליטאטיווער פארענדערונג פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, מיטן וועג פון א רעוואָלוציע.

הייסט עס, כדי קיין טעות ניט האָבן אין פּאָליטיק, דארף מען זיין א רעוואָלוציאָנער און ניט קיין רעפאָרמיסט.

ווייטער. אויב די אנטוויקלונג קומט פאָר אין סדר פון אויפדעקן די אינערלאכע ווידערשפּרוכן, אין סדר פון צוזאמענשטויסן פון די קעגנזעצלאכע קרעפטן אויף דער באזע פון די דאָזיקע ווידערשפּרוכן, כדי ביַיצוקומען אָט די

ווידערשפּרוכן, איז קלאָר, אז דער קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט איז א פולשטענדיק גאַטירלאַכע און אומפאַרמײַדלאַכע דערשײַנונג.

הייסט עס, ניט פאַרשמירן דאַרף מען די ווידערשפּרוכן פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאָראָנדקעס, נאָר אויפדעקן זיי און צעוויקלען, ניט לעשן דאַרף מען דעם קלאַסנקאַמף, נאָר דערפירן אים ביזן סוף.

הייסט עס, כדי קיין טעות ניט האָבן אין פּאָליטיק, דאַרף מען דורכפירן אַן אומקאָמפּראָמיסלאַכע פּראָלעטאַרישע קלאַסן־פּאָליטיק און ניט קיין רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק פון האַרמאָניע פון די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט און פון דער בורזשואַזיע, און ניט קיין פּשרה־מאַכערישע פּאָליטיק פון „אַרײַנוואַקסן“ פונם קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַליזם.

אַזוי האַלט עס מיטן מאַרקסיסטישן דיאַלעקטישן מעטאָד, אויב מע זאָל אים נעמען אין דער אָנווענדונג צום געזעלשאַפטלאַכן לעבן, אין דער אָנווענדונג צו דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט.

וואָס איז שייך דעם מאַרקסיסטישן פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם, איז ער אין זײַן יסוד דירעקט קעגנזעצלאַך צום פילאָזאָפישן אידעאַליזם.

2) דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפישער מ א ט ע ר י א ל י ז ם ווערט כאַראַקטעריזירט מיט פאָלגנדיקע גרונט־שטריכן:

א) אין קעגנזאַץ צום אידעאַליזם, וועלכער האַלט די וועלט פאַר א פאַרקערפּערונג פון אַן „אַבסאָליוטער אידייע“, פון א „וועלט־גײַסט“, פון „באַוואוסטזײַן“, — גייט מאַרקס'ס פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם אַרויס דערפון, אַז די וועלט איז לויט איר נאַטור מ א ט ע ר י ע ל, אַז די פילאַרטיקע דערשײַנונגען אין דער וועלט שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשיידענע פאָרמען פון דער זיך באַוועגנדיקער מאַטעריע, אַז די קעגנזײַטיקע פאַרבינדונג און די קעגנזײַטיקע באַדינגטקײַט פון די דערשײַנונגען, וואָס ווערן אײַנגעשטעלט דורכן דיאַלעקטישן מעטאָד, שטעלן מיט זיך פאָר געזעצמעסיקײַטן פון דער אַנטוויקלונג פון דער זיך באַוועגנדיקער מאַטעריע, אַז די וועלט אַנטוויקלט זיך לויט די געזעצן פון דער באַוועגונג פון דער מאַטעריע און נויטיקט זיך ניט אין קיין שום „וועלט־גײַסט“.

„די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשויאונג, זאָגט ענגעלס, באַטײַט

> פּשוט אויפפאַסן די נאַטור אַזוי, ווי זי איז, אָן קיין שום זײַטיקע צוגאָבן“ (ק. מ א ר ק ס און פ. ע נ ג ע ל ס, ב. XIV, ז. 651).

באַרירנדיק די מאַטעריאַליסטישע אָנשויאונג פון דעם אַלטערטימלאַכן פילאָזאָף — הערַאַקליט, לויט וועלכן „די וועלט, אַן אייגהײַט פון אַלץ, איז ניט באַשאַפן געוואָרן דורך קיינעם פון די געטער און דורך קיינעם פון די מענשן, נאָר זי איז געווען, איז און וועט זײַן אַן אייביק־לעבנדיק פײַער, וואָס ווערט געזעצמעסיק אויפגעפלאַקערט און געזעצמעסיק פאַרלאָשן“, — זאָגט לענין: „זייער א גוטע דערקלערונג פון די פּרינציפּן פונם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם“ (ל ע נ י ן, „פילאָזאָפישע העפטן“, ז. 318, רוסיש).

ב) אין קעגנזאץ צום אידעאליזם, וועלכער באהויפט, אז רעאל עקזיסטירט בלויז אונזער באוואוסטזיין, אז די מאטעריעלע וועלט, דאָס זיין, די נאטור עקזיסטירט בלויז אין אונזער באוואוסטזיין, אין אונזערע עמפפינדונגען, פאָרשטעלונגען, באגריפן, — גייט דער מארקסיסטישער פילאָזאָפישער מאטעריאליזם ארויס דערפון, אז די מאטעריע, די נאטור, דאָס זיין שטעלט מיט זיך פאָר אן אָביעקטיווע רעאלקייט, וואָס עקזיסטירט אויסער און אומאָפּהענגיק פונם באוואוסטזיין, אז מאטעריע איז ערשטיק (אורשפרינגלאך), ווייל זי איז דער קוואל פון די עמפפינדונגען, פון די פאָרשטעלונגען, פונם באוואוסטזיין, און באוואוסטזיין איז צווייטיק (אָפּשפרינגלאך, דעריוואטיוו), ווייל ער איז אן אָפּבילדונג פון מאטעריע, אן אָפּבילדונג פון דעם זיין, אז דאָס דענקען איז א פּראָדוקט פון דער מאטעריע, וואָס האָט דערגרייכט אין איר אנטוויקלונג א הויכע שטופע פון פולקומהייט, נעמלאך,—א פּראָדוקט פון דעם מארך, און דער מארך — איז דער אָרגאן פון דענקען, אז מע טאָר דעריבער ניט אָפּטיילן דאָס דענקען פון דער מאטעריע, אויב מע וויל ניט אריינפאלן אין א גראָבן טעות.

„די העכסטע פראגע פון דער גאנצער פילאָזאָפיע, זאָגט ענגעלס, איז די פראגע וועגן דער פארהעלטעניש פונם דענקען צום זיין, פון דעם גייסט צו דער נאטור. ...די פילאָזאָפן האָבן זיך איינגעטיילט אין צוויי גרויסע לאגערן, לויט דעם, וויאזוי זיי האָבן געענטפערט אויף דער דאָזיקער פראגע. יענע, וואָס האָבן באהויפט, אז דער גייסט האָט עקזיסטירט פאר דער נאטור... האָבן געבילדעט דעם לאגער פון אידעאליזם. די אנדערע, ווידער, וואָס האָבן געהאלטן די נאטור פאר דעם הויפּט-אורשפרונג, האָבן געהערט צו די פארשיידענע שולן פונם מאטעריאליזם" (ק. מארקס, אויסגעוויילטע ווערק, ב. I, ז. 329).

און ווייטער:

„די שטאָפלאכע, זינלאך-אויפנעמבארע וועלט, צו וועלכער מיר אליין געהערן, איז די איינציק-ווירקלאכע וועלט... אונזער באוואוסטזיין און דענקען, ווי איבערזינלאך עס זאָל זיך אונז ניט אויסדאכטן, איז א פּראָדוקט פון א שטאָפלאכן קערפּערלאכן אָרגאן, פונם מארך. די מאטעריע איז ניט קיין פּראָדוקט פונם גייסט, נאָר דער גייסט גופא איז בלויז דער העכסטער פּראָדוקט פון דער מאטעריע" (דאָרטן, ז. 332).

בארירנדיק די פראגע וועגן מאטעריע און דענקען, זאָגט מארקס:

„מע קאָן דעם געדאנק ניט אָפּטיילן פון דער מאטעריע, וועלכע דענקט. די מאטעריע איז דער סוביעקט פון אלע פארענדערונגען" (דאָרטן, ז. 302).

כאראקטעריזירנדיק דעם מארקסיסטישן פילאָזאָפישן מאטעריאליזם, זאָגט לענין:

„בכלל אַנערקענט דער מאַטעריאַליזם דאָס אָביעקטיוו=רעאַלע זײַן (די מאַטעריע) ווי אַן אומאָפּהענגיקס פונם באַוואוסטזײַן, פון דער עמפּפינדונג, פון דער דערפאַרונג... דער באַוואוסטזײַן... איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם זײַן, אין בעסטן פאַל אַ בערך ריכטיקע (אַדעקוואַטע, אידעאַל=פּינקטלאַכע) אָפּשפּיגלונג זײַנע" (לענין, ב. XIII, ז. 266—267, רוסיש).

און ווײַטער:

א) „מאַטעריע איז דאָס, וואָס, ווירקנדיק אויף אונזערע חושים=אָרגאַנען, שאַפט עס עמפּפינדונג; די מאַטעריע איז אָביעקטיווע רעאַלקײַט, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן אין עמפּפינדונג... די מאַטעריע, די נאַטור, דאָס זײַן, דאָס פיזישע איז דאָס ערשטיקע (אורשפּרינגלאַכע), און דער גײַסט, דער באַוואוסטזײַן, די עמפּפינדונג, דאָס פּסיכישע — איז דאָס צווייטיקע (אָפּשפּרינגלאַכע, דעריוואַטיווע)" (דאָרטן, ז. 119—120).

ב) „דאָס בילד פון דער וועלט איז אַ בילד דערפון, וויאַזוי די מאַטעריע באַוועגט זיך און וויאַזוי די „מ א ט ע ר י ע ד ע נ ק ט" (דאָרטן, ז. 288).

ג) „דער מאַרך איז דער אָרגאַן פון געדאַנק" (דאָרטן, ז. 125).

ג) אין קעגנזאַץ צום אידעאַליזם, וועלכער באַשטרײַט די מעגלאַכקײַט צו דערקענען די וועלט און אירע געזעצמעסיקײַטן, גלויבט ניט אין דער וואָרהאַפטיקײַט פון אונזערע קענטענישן, אַנערקענט ניט דעם אָביעקטיוון אמת און האַלט, אַז די וועלט איז פול מיט „זאַכן אין זיך", וואָס די וויסנשאַפט קאָן זיי קיינמאָל ניט דערקענען, — גייט דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם אַרויס דערפון, אַז די וועלט און אירע געזעצמעסיקײַטן זײַנען פולשטענדיק דערקענבאַר, אַז אונזערע קענטענישן וועגן די געזעצן פון דער נאַטור, וואָס זײַנען דורכקאָנטראָלירט דורך דער דערפאַרונג, דורך דער פּראַקטיק, זײַנען וואָרהאַפטיקע קענטענישן, וואָס האָבן די באַדײַטונג פון אָביעקטיווע אמת'ן, אַז אין דער וועלט זײַנען ניטאָ קיין אומדערקענבאַרע זאַכן; עס זײַנען בלויז פאַראַן זאַכן, וואָס זײַנען נאָך ניט דערקענט געוואָרן, נאָר וואָס וועלן אויפגעדעקט און דערקענט ווערן דורך די קרעפטן פון דער וויסנשאַפט און פּראַקטיק.

קריטיקירנדיק די הנחה פון קאַנטן און פון אַנדערע אידעאַליסטן וועגן דער אומדערקענבאַרקײַט פון דער וועלט און וועגן די אומדערקענבאַרע „זאַכן אין זיך" און פאַרטיידיקנדיק די באַוואוסטע הנחה פונם מאַטעריאַליזם וועגן דער וואָרהאַפטיקײַט פון אונזערע קענטענישן, שרײַבט ענגעלס:

„די אַנטשיידנסטע אָפּפרעגונג פון די דאָזיקע, ווי אויך פון אַלע אַנדערע, פילאָזאָפישע דריידלאַך באַשטייט אין דער פּראַקטיק, נעמלאַך, אין דעם עקספּערימענט און אין דער אינדוסטריע. אויב מיר קאָנען דערווײַזן די ריכטיקײַט פון אונזער אויפפאַסן אַ נאַטור=דערשײַ=

נונג דערמיט, וואָס מיר אַליין מאַכן זי, רופן זי אַרויס פון אירע באַ־דינגונגען, צווינגען זי דערצו נאָך דינען פאַר אונזערע צילן, דעמאָלט קומט א סוף צו דער קאַנטישער אומאויפפאַסבאַרער „זאַך אין זיך". די כעמישע שטאָפן, וואָס בילדן זיך אויס אין די קערפּערס פון בעלי־חיים און געוויקסן, זיינען געבליבן אַזעלכע „זאַכן אין זיך", ביז די אָר־גאַנישע כעמיע האָט זיי ניט גענומען אויסאַרבעטן איינס נאָכן אַנדערן; דערמיט גופא איז די „זאַך אין זיך" געוואָרן אַ זאַך פאַר אונז, ווי, צום ביישפיל, אַליזאַרין, דאָס פאַרב־שטאָף פון קראַפּ־גראָז, וואָס מיר באַקומען איצט ניט פון די וואָרצלען פון קראַפּ־גראָז, וואָס וואַקסט אויס אין פעלד, נאָר אַ סך ביליקער און איינפאַכער פון שטיינקויל־דזעגעכץ. קאָפּערניקס זון־סיסטעם איז אין פאַרלויף פון 300 יאָר גע־ווען אַ היפּאָטעזע, אַ העכסט וואַרשיינלאַכע, נאָר דאָך אַ היפּאָטעזע. ווען לעווערייע האָט אָבער, אויפן גרונט פון די אָנגאַבן פון דער דאָזי־קער סיסטעם, ניט בלויז דערוויזן, אַז עס מוז עקזיסטירן נאָך איינע, ביז אַהער אומבאַוואוסטע, פּלאַנעט, נאָר ער האָט דורך אַן אויסרעכע־נונג אויך פעסטגעשטעלט דאָס אָרט, וואו די פּלאַנעט דאַרף זיך געפי־נען אינם הימל־רוים, און ווען נאָכדעם האָט גאַלע ווירקלאַך געפונען די דאָזיקע פּלאַנעט, איז קאָפּערניקס סיסטעם דערוויזן געוואָרן" (ק. מארקס, אויסגעוויילטע ווערק, ב. I, ז. 330).

באַשולדיקנדיק באָגדאַנאָוון, באַזאַראָוון, יושקעוויטשן און אַנדערע מאַכס אָנהענגער אין פידעאיזם און פאַרטיידיקנדיק די באַוואוסטע הנחה פונם מאַ־טעריאַליזם וועגן דעם, אַז אונזערע וויסנשאַפטלאַכע קענטענישן וועגן די גע־זעצמעסיקייטן אין דער נאַטור זיינען וואָרהאַפטיקע, אַז די געזעצן פון דער וויסנשאַפט שטעלן מיט זיך פאַר דעם אָביעקטיוון אמת, זאָגט לענין:

„דער מאָדערנער פידעאיזם וואַרפט כלל ניט אָפּ די וויסנשאַפט; ער וואַרפט בלויז אָפּ די „צו גרויסע פּרעטענזיעס" פון דער וויסנשאַפט, נעמלאַך, די פּרעטענזיע אויף אַן אָביעקטיוון אמת. אויב עס עקזיס־טירט אַן אָביעקטיווער אמת (ווי עס האַלטן די מאַטעריאַליסטן), אויב די נאַטורוויסנשאַפט אַליין איז בלויז פייאיק, אָפּשפּיגלענדיק די אוי־סערלאַכע וועלט אין דער „דערפאַרונג" פון דעם מענטשן, צו געבן אונז דעם אָביעקטיוון אמת, ווערט יעטווידער פידעאיזם אָפּגעוואָרפן אומ־באַדינגט" (לענין, ב. XIII, ז. 102, רוסיש).

אָט דאָס זיינען אינקורצן די כאַראַקטער־שטריכן פונם מאַרקסיסטישן פי־לאָזאָפישן מאַטעריאַליזם.

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג עס האָט די פאַרשפּרייטונג פון די הנחות פונם פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם אויף דער דערלערנונג פונם געזעלשאַפטלאַכן לעבן, אויף דער דערלערנונג פון דער גע־שיכטע פון דער געזעלשאַפט, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג עס האָט די

אָנווענדונג פון די דאָזיקע הנחות צו דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט, צו דער פּראַקטישער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט.

אויב די פאַרבינדונג פון די נאַטור־דערשיינונגען און זייער קעגנזייטיקע באַדינגטקייט שטעלן מיט זיך פאָר געזעצמעסיקייטן פון דער נאַטור־אַנט־וויקלונג, דרינגט דערפון ארויס, אז די פאַרבינדונג און קעגנזייטיקע באַדינגט־קייט פון די דערשיינונגען פונם געזעלשאַפטלאַכן לעבן — שטעלן אויך מיט זיך פאָר ניט קיין צופעליקע זאַך, נאָר געזעצמעסיקייטן פון דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

הייסט עס, דאָס געזעלשאַפטלאַכע לעבן, די געשיכטע פון דער געזעל־שאַפט הערט אויף צו זיין אן אָנהויפונג פון „צופעליקייטן", ווייל די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט ווערט א געזעצמעסיקע אנטוויקלונג פון דער געזעל־שאַפט און די דערלערנונג פון דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט ווערט פאַרוואַנדלט אין א וויסנשאַפט.

הייסט עס, די פּראַקטישע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַ־ריאַט דאַרף זיך באַזירן ניט אויף די גוטע וואונטשן פון די „זיך אויסטיילנדי־קע פּערזאָנען", ניט אויף די פאָדערונגען פון „פאַרנונפט", פון „אוני־ווערסאַלער מאָראַל" א. ד. גל., נאָר אויף די געזעצמעסיקייטן פון דער אנט־וויקלונג פון דער געזעלשאַפט, אויף דער דערלערנונג פון די דאָזיקע געזעצ־מעסיקייטן.

ווייטער. אויב די וועלט איז דערקענבאַר און אונזערע קענטענישן וועגן די געזעצן פון דער נאַטור־אנטוויקלונג זיינען וואָרהאַפטיקע קענטענישן, וואָס האָבן א באַדייטונג פון אָביעקטיוון אמת, דרינגט דערפון ארויס, אז דאָס גע־זעלשאַפטלאַכע לעבן, די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט איז אויך דערקענ־באַר, און די אָנגאַבן פון דער וויסנשאַפט וועגן די געזעצן פון דער אנטוויק־לונג פון דער געזעלשאַפט, — זיינען וואָרהאַפטיקע אָנגאַבן, וואָס האָבן די בא־דייטונג פון אָביעקטיווע אמת'ן.

הייסט עס, די וויסנשאַפט וועגן דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט קאָן, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט פון די דערשיינונגען פונם געזעלשאַפטלאַכן לעבן, ווערן פונקט אזא פּינקטלאַכע וויסנשאַפט, ווי, לאָמיר זאָגן, ביאָלאָגיע, א וויסנשאַפט, וואָס איז פּייאיק אויסצונוצן די געזעצן פון דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט צוליב פּראַקטישער אָנווענדונג.

הייסט עס, אין איר פּראַקטישער טעטיקייט דאַרף די פּאַרטיי פונם פּראָ־לעטאַריאַט זיך האַלטן ניט ביי וועלכע־עס־איז צופעליקע מאָטיוון, נאָר ביי די געזעצן פון דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, ביי די פּראַקטישע אויס־פירן פון די דאָזיקע געזעצן.

הייסט עס, דער סאָציאַליזם ווערט פון א טרוים וועגן א בעסערער צו־קונפט פון דער מענשהייט פאַרוואַנדלט אין א וויסנשאַפט.

הייסט עס, די פאַרבינדונג פון דער וויסנשאַפט מיט דער פּראַקטישער טע־

טיקײַט, די פארבינדונג פון דער טעאָריע מיט דער פּראקטיק, זייער אייגנהײַט דארף ווערן דער וועגווײַזנדיקער שטערן פון דער פּארטיי פונם פּראָלעטאריאט.

ווײַטער. אויב די נאטור, דאָס זײַן, די מאטעריעלע וועלט איז דאָס ערשטיקע (אורשפּרינגלאכע), און דער באוואוסטזײַן, דאָס דענקען איז דאָס צווייטיקע (אָפּשפּרינגלאכע, דעריוואטיווע), אויב די מאטעריעלע וועלט שטעלט מיט זיך פאָר אן אָביעקטיווע רעאלקײַט, וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פונם באוואוסטזײַן פון די מענשן, און דער באוואוסטזײַן איז אן אָפּבילדונג פון דער דאָזיקער אָביעקטיווער רעאלקײַט, דרינגט דערפון ארויס, אז דאָס מאטעריעלע לעבן פון דער געזעלשאפט, איר זײַן איז אויך דאָס ערשטיקע (אורשפּרינגלאכע), און דאָס גײַסטיקע לעבן אירס — איז דאָס צווייטיקע (אָפּשפּרינגלאכע, דעריוואטיווע), אז דאָס מאטעריעלע לעבן פון דער געזעלשאפט איז אן אָביעקטיווע רעאלקײַט, וואָס עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פונם ווילן פון די מענשן, און דאָס גײַסטיקע לעבן פון דער געזעלשאפט איז אן אָפּשפּיגלונג פון דער דאָזיקער אָביעקטיווער רעאלקײַט, אן אָפּשפּיגלונג פון דעם זײַן.

הייסט עס, דעם קוואל פון דער פאָרמירונג פונם גײַסטיקן לעבן פון דער געזעלשאפט, דעם קוואל פון דער אָפּשטאמונג פון די געזעלשאפטלאכע אידייען, פון געזעלשאפטלאכע טעאָריעס, פון פּאָליטישע אָנשויאונגען, פון פּאָליטישע אינסטיטוציעס דארף מען זוכן ניט גופא אין די אידייען, טעאָריעס, אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, נאָר אין די באדינגונגען פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט, אין דעם געזעלשאפטלאכן זײַן, וואָס זײַן אָפּשפּיגלונג זײַנען די דאָזיקע אידייען, טעאָריעס, אָנשויאונגען א.ד.גל.

הייסט עס, אויב אין פארשיידענע פּעריאָדן פון דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט לאָזן זיך מערקן פארשיידענע געזעלשאפטלאכע אידייען, טעאָריעס, אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, אויב בײַ דער שקלאפּן-באזיצערישער אָרדענונג טרעפן מיר איינע געזעלשאפטלאכע אידייען, טעאָריעס, אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, בײַם פעאָדאליזם — אנדערע, בײַם קאפּיטאליזם — דריטע, דערקלערט זיך דאָס ניט מיט דער „נאטור“, ניט מיט דער „אייגנשאפט“ פון די עצם אידייען, טעאָריעס, אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, נאָר מיט די פארשיידענע באדינגונגען פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט אין פארשיידענע פּעריאָדן פון דער געזעלשאפטלאכער אנטוויקלונג.

וואָס עס איז דאָס זײַן פון דער געזעלשאפט, וואָס ס'זײַנען די באדינגונגען פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט, אזעלכע זײַנען אירע אידייען, טעאָריעס, פּאָליטישע אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס.

אין צוזאמענהאנג דערמיט זאָגט מארקס:

„ניט דער באוואוסטזײַן פון די מענשן באשטימט זייער זײַן, נאָר, פארקערט, זייער געזעלשאפטלאך זײַן באשטימט זייער באוואוסטזײַן“ (ק. מ א ר ק ס, אויסגעוויילטע ווערק, ב. I, ז. 269).

הייסט עס, כדי קיין טעות ניט האָבן אין פּאָליטיק און ניט אַרײַנפּאַלן אין דער לאַגע פון פּוסטע טרוימער, דאַרף די פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט אַרויסגיין אין איר טעטיקייט ניט פון קיין אַבסטראַקטע „פּרינציפּן פונם מענ־שלאַכן פאַרנונפט", נאָר פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאַפט, ווי אַן אַנטשיידנדיקע קראַפט פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג, ניט פון די גוטע וואונשן פון „גרויסע מענשן", נאָר פון די רעאַ־לע באַדערפענישן פון דער אַנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער גע־זעלשאַפט.

דאָס פאַלן פון די אוטאָפּיסטן, דערונטער פון די פּאָלקיסטן, אַנאַרכיסטן, עסערן, דערקלערט זיך, אגב, דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט אָנערקענט די פּרי־מאַט־ראָלע פון די באַדינגונגען פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאַפט אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און, אַרײַנפאַלנדיק אין אידעאַ־ליזם, האָבן זיי געבויט זייער פּראַקטישע טעטיקייט ניט אויפן יסוד פון די באַדערפענישן פון דער אַנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעל־שאַפט, נאָר אומאָפּהענגיק פון זיי און טראָץ זיי, — געבויט אויפן יסוד פון „אידעאַלע פּלענער" און „אוניווערסאַלע פּראָיעקטן", אָפּגעריסענע פונם רעאַלן לעבן פון דער געזעלשאַפט.

די קראַפט און די לעבנסהאַפטיקייט פונם מאַרקסיזם־לעניניזם באַשטייט דערין, וואָס אין זײַן פּראַקטישער טעטיקייט שפּאַרט ער זיך אָן גראָד אויף די באַדערפענישן פון דער אַנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעל־שאַפט, קיינמאָל ניט אָפּרײַסנדיק זיך פונם רעאַלן לעבן פון דער געזעלשאַפט.

פון מאַרקס'ס ווערטער דרינגט אָבער ניט אַרויס, אַז די געזעלשאַפטלאַ־כע אידייען, טעאָריעס, פּאָליטישע אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס האָבן ניט קיין באַדײַטונג אינעם לעבן פון דער געזעלשאַפט, אַז זיי האָבן ניט קיין צוריק־ווירקונג אויפן געזעלשאַפטלאַכן זײַן, אויף דער אַנטוויקלונג פון די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט. מיר האָבן דאָ דערווײַל גערעדט וועגן דער *אָפּשטאַמונג* פון די געזעלשאַפטלאַכע אידייען, טעאָ־ריעס, אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, וועגן זייער *אַנטשטייאונג*, וועגן דעם, אַז דאָס גײַסטיקע לעבן פון דער געזעלשאַפט איז אַן אָפּשפּיגלונג פון די באַדינגונגען פון איר מאַטעריעלן לעבן. וואָס איז שייך דער *באַדײַ־טונג* פון די געזעלשאַפטלאַכע אידייען, טעאָריעס, אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, וואָס איז שייך זייער *ראָלע* אין דער געשיכטע, איז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם ניט בלויז וואָס ער לייקנט ניט אָפּ, נאָר, פאַר־קערט, ער שטרײַכט אונטער זייער ערנסטע ראָלע און באַדײַטונג אינם לעבן פון דער געזעלשאַפט, אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט.

געזעלשאַפטלאַכע אידייען און טעאָריעס זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע. עס זײַנען פאַראַן אַלטע אידייען און טעאָריעס, וואָס האָבן אָפּגעלעבט זייער צײַט און וואָס דינען די אינטערעסן פון די אָפּלעבנדיקע כחות פון דער געזעל־

שאפט. די באַדײַטונג זייערע באַשטייט דעריז, וואָס זיי טאָרמאָזירן די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, איר באַוועגונג פאָראויס. עס זײַנען פאראַן נײַע, פאָרגעשריטענע אידייען און טעאָריעס, וואָס דינען די אינטערעסן פון די פאָרגעשריטענע כחות פון דער געזעלשאפט. זייער באַדײַטונג באַשטייט דעריז, וואָס זיי פארלײַכטערן די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, איר באַוועגונג פאָראויס; דערבײַ באַקומען זיי אלץ א גרעסערע באַדײַטונג, וואָס פּינקטלאכער זיי שפּיגלען אָפּ די באַדערפענישן פון דער אנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט.

נײַע געזעלשאפטלאכע אידייען און טעאָריעס אנטשטייען ערשט נאָך דעם, ווי די אנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט האָט אוועקגעשטעלט פאר דער געזעלשאפט נײַע אויפגאבעס. נאָר נאָך דעם, ווי זיי זײַנען אנטשטאנען, ווערן זיי א ביז גאָר ערנסטע קראפט, וואָס פארלײַכטערט דאָס לייזן די נײַע אויפגאבעס, וועלכע זײַנען אוועקגעשטעלט געוואָרן דורך דער אנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט, פארלײַכטערט די באַוועגונג פון דער געזעלשאפט פאָראויס. אָט דאָ לאָזט זיך טאקע פילן די געוואלדיק־גרויסע אָרגאניזירנדיקע, מאָביליזירנדיקע און איבערגעשטאלטנדיקע באַדײַטונג פון די נײַע אידייען, נײַע טעאָריעס, נײַע פּאָליטישע אָנשוואונגען, נײַע פּאָליטישע אינסטיטוציעס. דערפאר טאקע אייגנטלאך אנטשטייען זיי, די נײַע געזעלשאפטלאכע אידייען און טעאָריעס, ווײַל זיי זײַנען נויטיק פאר דער געזעלשאפט, ווײַל אָן זייער אָרגאניזירנדיקער, מאָביליזירנדיקער און איבערגעשטאלטנדיקער ארבעט איז אוממעגלאך צו לייזן די רײַף־געוואָרענע אויפגאבעס פון דער אנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט. אנטשטאנען אויף דער באזע פון די נײַע אויפגאבעס, וואָס זײַנען געשטעלט געוואָרן דורך דער אנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט, שלאָגן פאר זיך דורך די נײַע געזעלשאפטלאכע אידייען און טעאָריעס א וועג; זיי ווערן דאָס אייגנס פון די פאָלקס־מאסן, זיי מאָביליזירן די פאָלקס־מאסן, אָרגאניזירן זיי קעגן די אָפּלעבנדיקע כחות פון דער געזעלשאפט און פארלײַכטערן, אזוי־ארום, אראָפּצוּוואַרפן די אָפּלעבנדיקע כחות פון דער געזעלשאפט, וועלכע טאָרמאָזירן די אנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט.

אָט אזוי, אנטשטאנען אויף דער באזע פון די רײַף־געוואָרענע אויפגאבעס פון דער אנטוויקלונג פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט, פון דער אנטוויקלונג פונם געזעלשאפטלאכן זײַן, — ווירקן נאָכדעם די געזעלשאפטלאכע אידייען, טעאָריעס און פּאָליטישע אינסטיטוציעס גופא אויפן געזעלשאפטלאכן זײַן, אויפן מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט, שאפנדיק די באַדינגונגען, וואָס זײַנען נויטיק, כדי צו דערפירן ביזן סוף דאָס לייזן די רײַף־געוואָרענע אויפגאבעס פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט און צו מאכן פאר מעגלאך איר ווײַטערדיקע אנטוויקלונג.

אין צוזאמענהאנג דערמיט זאָגט מארקס:

„די טעאָריע ווערט א מאטעריעלע קראפט, ווי נאָר זי באהערשט די מאסן“ (ק. מארקס און פ. ענגעלס, ב. I, ז. 406).

הייסט עס, כדי צו האָבן די מעגלאכקייט אויפצואווירקן אויף די באדינגונגען פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט און פארגיכערן זייער אנטוויקלונג, פארגיכערן זייער פארבעסערונג, דארף די פארטיי פונם פראָלעטאריאט זיך אָנשפארן אויף אזא געזעלשאפטלאכער טעאָריע, אויף אזא געזעלשאפטלאכער אידייע, וואָס שפיגלט ריכטיק אָפּ די אנטוויקלונגס-באדערפענישן פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט און איז מחמת דעם פייאיק צו ברענגען אין באוועגונג די ברייטע מאסן פונם פאָלק, פייאיק צו מאָביליזירן זיי און אָרגאניזירן פון זיי די גרויסע ארמיי פון דער פראָלעטארישער פארטיי, וועלכע איז גרייט צו צעקלאפּן די רעאקציאָנערע כחות און דורכלייגן דעם וועג פאר די פּראָגרעסיווע כחות פון דער געזעלשאפט.

דאָס פאלן פון די „עקאָנאָמיסטן“ און מענשעוויקעס דערקלערט זיך, אגב, דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט אָנערקענט די מאָביליזירנדיקע, אָרגאניזירנדיקע און איבערגעשטאלטנדיקע ראָלע פון דער פּראָגרעסיווער טעאָריע, פון דער פּראָגרעסיווער אידייע און, ארײַנפאלנדיק אין וואולגארן מאטעריאליזם, האָבן זיי רעדוצירט זייער ראָלע כמעט צו א נול,—פאָלגלאך, זיי האָבן פארורטיילט די פארטיי צו פּאסיווקייט, צו נעבאכדיקער עקזיסטענץ.

די קראפט און די לעבנסהאפטיקייט פונם מארקסיזם-לעניניזם באשטייט דערין, וואָס ער שפּארט זיך אָן אויף א פּראָגרעסיווער טעאָריע, וועלכע שפיגלט ריכטיק אָפּ די אנטוויקלונגס-באדערפענישן פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט, הויבט אויף די טעאָריע אויף דער פּאסיקער כאר איר הויך און האלט פאר זײַן חוב אויסצונוצן ביזן גרונט איר מאָביליזירנדיקע, אָרגאניזירנדיקע און איבערגעשטאלטנדיקע קראפט.

אָט אזוי לייזט דער היסטאָרישער מאטעריאליזם די פראגע וועגן דער פארהעלטעניש צווישן דעם געזעלשאפטלאכן זײַן און דעם געזעלשאפטלאכן באוואוסטזײַן, צווישן די באדינגונגען פון דער אנטוויקלונג פונם מאטעריעלן לעבן און דער אנטוויקלונג פונם גײַסטיקן לעבן פון דער געזעלשאפט.

עס בלײַבט אויסצוקלאָרן די פראגע: וואָס דארף מען פון שטאנדפונקט פונם היסטאָרישן מאטעריאליזם פארשטיין אונטער די „באדינגונגען פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט“, וועלכע באשטימען אין לעצטן סך-הכל די פיזיאָנאָמיע פון דער געזעלשאפט, אירע אידייען, אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס און א. וו.

אינדער'אמת'ן, — וואָס זײַנען עס פאר א „באדינגונגען פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט“, וועלכע זײַנען זייערע אונטערשייד-שטריכן?

אָן ספק, אז אין דעם באגריף „באדינגונגען פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט“ גייט, פריער פאר אלץ, ארײַן די נאטור, וואָס רינגלט ארום די

געזעלשאפט, די געאָגראפישע סביבה, וואָס איז איינע פון די נויטווענדיקע און באשטענדיקע באדינגונגען פונם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט און וואָס ווירקט, פארשטייט זיך, אויף דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט. וואָס איז די ראָלע פון דער געאָגראפישער סביבה אין דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט? צי איז ניט די געאָגראפישע סביבה יענע הויפט־קראפט, וואָס באשטימט די פיזיאָגנאָמיע פון דער געזעלשאפט, דעם כאראקטער פון דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג פון מענשן, דעם אריבערגאנג פון איין אָרדענונג צו אן אנדערער?

דער היסטאָרישער מאטעריאליזם ענטפערט אויף דער דאָזיקער פראגע נעגאטיוו.

די געאָגראפישע סביבה איז, זיכער, איינע פון די באשטענדיקע און נויטווענדיקע באדינגונגען פון דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט און זי ווירקט, פארשטייט זיך, אויף דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, — זי פארגיכערט אָדער פארלאנגזאמט דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון דער געזעלשאפט. די ווירקונג אירע איז אָבער ניט קיין באשטימענדיקע ווירקונג, ווייל די ענדערונגען און די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט קומען פאָר אָן אן ערך שנעלער, ווי די ענדערונגען און די אנטוויקלונג פון דער געאָגראפישער סביבה. אין פארלויף פון דריי טויזנט יאָר האָבן אין אייראָפּע באוויזן אומצובייטן זיך דריי פארשיידענע געזעלשאפטלעכע אָרדענונגען: די אוראלטע געמיינדע־אָרדענונג, די שקלאפן־באזיצערישע אָרדענונג, די פעאָדאלע אָרדענונג, און אינם מזרח־טייל פון אייראָפּע, אין פ.ס.ס.ר., האָבן זיך אומגעביטן אפילו פיר געזעלשאפטלעכע אָרדענונגען. נאָר פאר דעם זעלבן פעריאָד האָבן די געאָגראפישע באדינגונגען אין אייראָפּע אָדער זיך כלל ניט געענדערט אָדער זיי האָבן זיך געענדערט אזוי אומבאדייטנדיק, אז די געאָגראפיע זאָגט זיך אפילו אָפּ צו ריידן וועגן דעם. און דאָס איז פארשטענדלאך. פאר וויפל־ס'ניט־איז ערנסטע ענדערונגען פון דער געאָגראפישער סביבה פאָדערן זיך מיליאָנען יאָרן, בעת אפילו פאר העכסט־ערנסטע ענדערונגען פון דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג פון מענשן איז גענוג עטלאכע הונדערט אָדער א פּאָר טויזנט יאָר.

דערפון דרינגט אָבער ארויס, אז די געאָגראפישע סביבה קאָן ניט זיין די הויפט־סיבה, די באשטימענדיקע סיבה פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, ווייל דאָס, וואָס בלייבט כמעט ניט געענדערט אין פארלויף פון צענדליקער טויזנטער יאָרן, קאָן ניט דינען ווי א הויפט־סיבה פאר דער אנטוויקלונג פון דעם, וואָס מאכט דורך ראדיקאלע ענדערונגען אין פארלויף פון הונדערטער יאָרן.

ס'איז אָן ספק, ווייטער, אז דער וואוקס פון דער באפעלקערונג, די אָדער יענע געדיכטקייט פון דער באפעלקערונג, גייט אויך אריין אין דעם באגריף „באדינגונגען פון דעם מאטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט", ווייל די

מענשן זײַנען א נויטווענדיקער עלעמענט פון די באַדינגונגען פונם מאטע־ריעלן לעבן פון דער געזעלשאפט, און אַז דער אַנוועזנקייט פון א געוויסן מי־נימום מענשן קאָן ניט זײַן קיין שום מאטעריעל לעבן פון דער געזעלשאפט. צי איז ניט דער וואוקס פון דער באפעלקערונג יענע הויפט־קראפט, וואָס בא־שטימט דעם כאראקטער פון דער געזעלשאפטלאכער אָרדענונג פון די מענשן?

דער היסטאָרישער מאטעריאליזם ענטפערט אויף דער דאָזיקער פראגע אויך נעגאטיוו.

פארשטייט זיך, אז דער וואוקס פון דער באפעלקערונג האָט א ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט; ער פארלײַכטערט אָדער פאר־לאנגזאמט די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט; ער קאָן אָבער ניט זײַן די הויפט־קראפט פון דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, און זײַן ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט קאָן ניט זײַן קיין *באשטי־מענדיקע* ווירקונג, ווײַל אַן און פאר זיך גיט ניט דער וואוקס פון דער באפעלקערונג קיין שליסל צו דערקלערן, פארוואָס ווערט די געגעבענע געזעל־שאפטלאכע אָרדענונג אומגעביטן גראָד אויף אזא מין נײַער אָרדענונג און ניט אויף א וועלכער־עס־איז אנדערער; פארוואָס ווערט די אוראלטע געמיינ־דע־אָרדענונג אומגעביטן גראָד אויף דער שקלאפן־באזיצערישער אָרדענונג, די שקלאפן־באזיצערישע אָרדענונג — אויף דער פעאָדאלער, די פעאָדאלע — אויף דער בורזשואזער און ניט אויף א וועלכער־עס־איז אנדער אָרדענונג.

ווען דער וואוקס פון דער באפעלקערונג וואָלט געווען די באשטימענדיקע קראפט פון דער געזעלשאפטלאכער אנטוויקלונג, וואָלט א גרעסערע געדיכט־קייט פון דער באפעלקערונג געמוזט אומבאדינגט ארויסרופן צום לעבן אן אנטשפרעכנדיק העכערן טיפ געזעלשאפטלאכע אָרדענונג. אין דער ווירקלעכ־קייט לאָזט זיך דאָס אָבער ניט מערקן. די געדיכטקייט פון דער באפעלקערונג אין כינע איז אין פיר מאָל גרעסער, איידער אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע; דאָך שטייען די פאראייניקטע שטאטן, פון שטאנדפונקט פון דער געזעלשאפטלאכער אנטוויקלונג, העכער, איידער כינע, ווײַל אין כינע הערשט נאָך אלץ די האלב־פעאָדאלע אָרדענונג, בעת די פאראייניקטע שטאטן האָבן שוין לאנג דערגרייכט די העכסטע סטאדיע פון אנטוויקלונג פונם קא־פיטאליזם. די געדיכטקייט פון דער באפעלקערונג אין בעלגיע איז אין 19 מאָל גרעסער, איידער אין די פאראייניקטע שטאטן, און אין 26 מאָל גרעסער, איידער אין פ.ס.ס.ר., דאָך שטייען די פאראייניקטע שטאטן העכער פון בעלגיע פון שטאנדפונקט פון דער געזעלשאפטלאכער אנטוויקלונג, און פון פ.ס.ס.ר. איז בעלגיע אָפּגעשטאנען אויף א גאנצער היסטאָרישער עפּאָכע, ווײַל אין בעלגיע הערשט די קאפיטאליסטישע אָרדענונג, בעת פ.ס.ס.ר. האָט שוין פארענדיקט מיטן קאפיטאליזם און האָט בײַ זיך איינגעשטעלט די סאָציאליסטישע אָרדענונג.

דערפון דרינגט אָבער ארויס, אז דער וואוקס פון דער באפעלקערונג איז ניט

און קאָן ניט זײַן די הויפּט־קראַפט פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפטלאַכער אָרדענונג, די פיזיאָגנאָמיע פון דער געזעלשאַפט.

אין וואָס זשע באַשטייט, אויב אַזוי, יענע הויפּט־קראַפט אין דער סיסטעם פון די באַדינגונגען פונם מאַטעריעלן לעבן פון דער געזעלשאַפט, וואָס באַשטימט די פיזיאָגנאָמיע פון דער געזעלשאַפט, דעם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפטלאַכער אָרדענונג, די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט פון איין אָרדענונג צו אַן אַנדערער?

פאַר אַזאַ קראַפט האַלט דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם דעם אופן פון ארויסבאַקומען מיטלען צום לעבן, וועלכע זײַנען נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון מענטשן, דעם אופן פון פּראָדוצירן מאַטעריעלע גיטער — שפּײַז, קליידונג, שוכוואַרג, וואוינונגען, הייצוואַרג, פּראָדוציר־געצײַג א.ד.גל., וואָס זײַנען נויטיק דערצו, אַז די געזעלשאַפט זאָל קאָנען לעבן און זיך אַנטוויקלען.

כדי צו לעבן, דאַרף מען האָבן שפּײַז, קליידונג, שוכוואַרג, אַ וואוינונג, הייצוואַרג אדג.; כדי צו האָבן די דאָזיקע מאַטעריעלע גיטער, דאַרף מען זיי פּראָדוצירן, און כדי צו פּראָדוצירן זיי, דאַרף מען האָבן פּראָדוציר־געצײַג, וואָס מיט זייער הילף פּראָדוצירן מענטשן שפּײַז, קליידונג, שוכוואַרג, וואוינונגען, הייצוואַרג א.ד.גל., מע דאַרף קענען פּראָדוצירן די דאָזיקע געצײַג, מע דאַרף זיך קענען באַנוצן מיט די דאָזיקע געצײַג.

די פּראָדוציר־געצײַג, וואָס מיט זייער הילף ווערן פּראָדוצירט די מאַטעריעלע גיטער, די מענטשן, וואָס ברענגען אין באַוועגונג די פּראָדוציר־געצײַג און פאַרווירקלאַכן די פּראָדוצירונג פון די מאַטעריעלע גיטער אדאַנק דער געוויסער פּראָדוציר־דערפאַרונג און די געוואוינהייטן צו אַרבעט, — אָט די אַלע עלעמענטן צוזאַמען בילדן די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט.

די פּראָדוקטיוו־קרעפטן בילדן אָבער בלויז איין זײַט פון דער פּראָדוקציע, איין זײַט פון דעם פּראָדוציר־אופן, די זײַט, וואָס דריקט אויס די פאַרהעלטעניש פון מענטשן צו די געגנשטאַנדן און צו די קרעפטן פון דער נאַטור, וועלכע ווערן אויסגענוצט פאַר פּראָדוצירן מאַטעריעלע גיטער. די אַנדערע זײַט פון דער פּראָדוקציע, די אַנדערע זײַט פון דעם פּראָדוציר־אופן בילדן די פאַרהעלטענישן פון מענטשן איינער צום אַנדערן אין פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע, די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן פון די מענטשן. די מענטשן פירן אַ קאַמף מיט דער נאַטור און נוצן אויס די נאַטור פאַר פּראָדוצירן מאַטעריעלע גיטער ניט איזאָלירט איינער פונם אַנדערן, ניט ווי יחידים, וואָס זײַנען אָפּגעריסן איינער פונם אַנדערן, נאָר געמיינזאַם, גרופּעסווײַז, געזעלשאַפטווײַז. דעריבער איז די פּראָדוקציע שטענדיק און בײַ אַלע באַדינגונגען אַ געזעלשאַפטלאַכע פּראָדוקציע. פאַרווירקלאַכנדיק די פּראָדוצירונג

פון מאטעריעלע גיטער, שטעלן צווישן זיך די מענטשן אײַן די אָדער יענע קאַנקרעטע פאַרהעלטענישן אינעווייניק אין דער פּראָדוקציע, די אָדער יענע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן. די דאָזיקע פאַרהעלטענישן קאָנען זײַן פאַרהעלטענישן פון מיטאַרבעט און פון קעגנזײַטיקער הילף פון מענטשן, וואָס זײַנען פרײַ פון עקספּלואַטאַציע; זיי קאָנען זײַן פאַרהעלטענישן פון הערשאַפט און אונטערגעוואָרפנקייט; זיי קאָנען, ענדלאַך, זײַן איבערגאַנגס־פאַרהעלטענישן פון איין פאָרם פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן צו א צווייטער פאָרם. וואָס פאַר א כאַראַקטער די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן זאָלן אָבער ניט האָבן, זײַנען זיי — שטענדיק און בײַ אַלע אָרדענונגען — פּונקט אַזאַ נויטווענדיקער עלעמענט פון דער פּראָדוקציע, ווי די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט.

„אין דער פּראָדוקציע, זאָגט מאַרקס, ווירקן די מענטשן ניט בלויז אויף דער נאַטור, נאָר אויך איינער אויפן אַנדערן. זיי קאָנען ניט פּראָדוצירן, ניט פאַראייניקנדיק זיך אויף א געוויסן אופן צוליב געמיינזאַמער טעטיקייט און צוליב קעגנזײַטיקן אויסטויש מיט זייער טעטיקייט. כדי צו פּראָדוצירן, טרעטן די מענטשן אַרײַן אין באַשטימטע באַציאונגען און פאַרהעלטענישן צווישן זיך, און בלויז דורך די דאָזיקע געזעלשאַפטלאַכע באַציאונגען און פאַרהעלטענישן קומט פאָר זייער אויפווירקונג אויף דער נאַטור, קומט פאָר די פּראָדוקציע“ (ק. מ אַ ר ק ס און פ. ע נ ג ע ל ס, ב. V, ז. 429).

הייסט עס, די פּראָדוקציע, דער פּראָדוציר־אופן כאַפּט אַרום סײַ די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, סײַ אויך די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן פון די מענטשן, זײַענדיק, אַזוי אַרום, די פאַרקערפּערונג פון זייער אייניקייט אינם פּראָצעס פון פּראָדוצירן די מאַטעריעלע גיטער.

א י י נ ע פ ו ן ד י ב א ז ו נ ד ע ר ה ײַ ט ן פון דער פּראָדוקציע באַשטייט דערין, וואָס קיינמאָל בלײַבט זי ניט שטעקן אויף א לאַנגן פּעריאָד אויף איין פּונקט און זי געפינט זיך שטענדיק אין א צושטאַנד פון ענדערונג און אַנטוויקלונג; דערבײַ רופן די ענדערונגען אינם פּראָדוציר־אופן אומפאַרמײַדלאַך אַרויס אַן ענדערונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלאַכער אָרדענונג, פון די געזעלשאַפטלאַכע אידייען, פּאָליטישע אָנשויאונגען, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, — זיי רופן אַרויס אַן איבערבוי פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלאַכער און פּאָליטישער סטרוקטור. אויף פאַרשיידענע שטופן פון דער אַנטוויקלונג באַנוצן זיך די מענטשן מיט פאַרשיידענע פּראָדוציר־אופנים, אָדער, פּשוט’ער גערעדט, — זיי פירן א פאַרשיידענעם אַרט לעבן. בײַ דער אוראַלטער געמיינדע עקזיסטירט איין פּראָדוציר־אופן, בײַ דער שקלאַפערײַ עקזיסטירט א צווייטער פּראָדוציר־אופן, בײַם פעאָדאַליזם — א דריטער פּראָדוציר־אופן און א.וו. אַנטשפּרעכנדיק דערצו זײַנען אויך די געזעלשאַפטלאַכע אָרדענונג פון די מענטשן, זייער גײַסטיק לעבן, זייערע אָנשויאונגען, זייערע פּאָליטישע אינסטיטוציעס — פאַרשיידן.

וואָס פאַר אַ פּראָדוציר־אופן עס איז בײַ דער געזעלשאַפט, — אַזאַ איז אין גרונט די געזעלשאַפט גופא, אַזוינע זײַנען אירע אידייען און טעאָריעס, די פּאָליטישע אָנשויאונגען און אינסטיטוציעס.

אָדער, פּשוט׳ער גערעדט: וואָס פאַר אַן אַרט לעבן עס איז בײַ די מענטשן, אַזאַ אַרט דענקען איז בײַ זיי.

דאָס באַטײַט, אַז די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט איז, פריִער פאַר אַלץ, די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, די געשיכטע פון די פּראָדוציר־אופנים, וועלכע בײַטן אום איינער דעם אַנדערן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער, די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן פון מענטשן.

הייסט עס, די געשיכטע פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג איז צו־זאַמען דערמיט די געשיכטע פון די עצם פּראָדוצירער פון די מאַטעריעלע גיטער, די געשיכטע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס זײַנען די גרונט־כחות פונם פּראָדוציר־פּראָצעס און וואָס פאַרווירקלאַכן די פּראָדוצירונג פון די מאַטעריעלע גיטער, וועלכע זײַנען נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט.

הייסט עס, די היסטאָרישע וויסנשאַפט, אויב זי וויל זײַן אַ ווירקלאַכע וויסנשאַפט, קאָן זי מער ניט רעדוצירן די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט־לאַכער אַנטוויקלונג צו האַנדלונגען פון קעניגן און אַרמייען־פירער, צו האַנד־לונגען פון „דעראָבערער" און „אײַנגעמער" פון מלוכות, נאָר זי דאַרף, פריִער פאַר אַלץ, זיך באַשעפטיקן מיט דער געשיכטע פון די פּראָדוצירער פון די מאַטעריעלע גיטער, מיט דער געשיכטע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, מיט דער געשיכטע פון די פעלקער.

הייסט עס, דעם שליסל צו דערלערנען די געזעצן פון דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט דאַרף מען זוכן ניט אין די קעפּ פון די מענטשן, ניט אין די אָנשויאונגען און אידייען פון דער געזעלשאַפט, נאָר אין דעם פּראָדוציר־אופן, וואָס די געזעלשאַפט פּראַקטיצירט אין יעדן געגעבענעם היסטאָרישן פּע־ריאָד, — אין דער עקאָנאָמיק פון דער געזעלשאַפט.

הייסט עס, די סאַמע ערשטע אויפגאַבע פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט איז דערלערנען און אויפדעקן די געזעצן פון דער פּראָדוקציע, די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און פון פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, די געזעצן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

הייסט עס, די פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט, אויב זי וויל זײַן אַ ווירק־לאַכע פּאַרטיי, דאַרף זי, פריִער פאַר אַלץ, באַהערשן דאָס וויסן די געזעצן פון דער פּראָדוקציע־אַנטוויקלונג, דאָס וויסן די געזעצן פון דער עקאָנאָמי־שער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

הייסט עס, כדי קיין טעות ניט האָבן אין פּאָליטיק, דאַרף די פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט סײַ אין דער אויסבויאונג פון איר פּראָגראַם, סײַ אויך אין

איר פּראַקטישער טעטיקייט, פריער פאַר אַלץ, אַרויסגיין פון די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, פון די געזעצן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

די צווייטע באַזונדערהייט פון דער פּראָדוקציע באַשטייט דערין, וואָס אירע ענדערונגען און איר אַנטוויקלונג הויבן זיך שטענדיק אָן פון די ענדערונגען און פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, פריער פאַר אַלץ — פון די ענדערונגען און פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־געצייג. די פּראָדוקטיוו־קרעפטן זיינען, הייסט עס, דער אַממערסטן באַוועגלעכער און רעוואָליוציאָנערער עלעמענט פון דער פּראָדוקציע. צוערשט ענדערן זיך און אַנטוויקלען זיך די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, און דערנאָך, אָפּהענגיק פון די דאָזיקע ענדערונגען און אַנטשפּרעכנדיק צו זיי — ענדערן זיך די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן פון די מענטשן, די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון די מענטשן. דאָס באַטייט אָבער ניט, אַז די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן ווירקן ניט אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און די לעצטע זיינען ניט אָפּהענגיק פון די ערשטע. אַנטוויקלענדיק זיך אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, ווירקן די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן פון זייער זייט אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, פאַרגיכערנדיק זי אָדער פאַרלאַנגזאַמענדיק. דערביי איז נויטיק צו פאַרצייכענען, אַז די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן קאָנען ניט צו לאַנג אָפּשטיין פונם וואוקס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און זיך געפינען אין אַ ווידערשפּרוך מיט אים, ווייל די פּראָדוקטיוו־קרעפטן קאָנען זיך אין דער פולער מאָס אַנטוויקלען בלויז אין דעם פאַל, ווען די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן אַנטשפּרעכן דעם כאַראַקטער, דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און מאַכן פּלאַץ פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן. דעריבער, איז ווי די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן זאָלן ניט אָפּשטיין פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, דאַרפן זיי — פריער אָדער שפּעטער — קומען אין אַן אַנטשפּרעכונג — און זיי קומען ווירקלאַך אין אַן אַנטשפּרעכונג — צום אַנטוויקלונגס־צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, צום כאַראַקטער פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן. אין קעגנפאַל וואָלטן מיר געהאַט אַ ראַדיקאַלע צעשטערונג פון דער איינהייט פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן אין דער סיסטעם פון דער פּראָדוקציע, אַן איבעררייס פון דער פּראָדוקציע אינגאַנצן גענומען, אַ קריזיס פון דער פּראָדוקציע, אַ צעשטערונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן.

אַ ביישפּיל פון ניט־אַנטשפּרעכונג פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן צום כאַראַקטער פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, אַ ביישפּיל פון אַ קאָנפליקט צווישן זיי — זיינען די עקאָנאָמישע קריזיסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו דאָס פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען געפינט זיך אין אַ שרייענדיקער ניט־אַנטשפּרעכונג מיטן געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער

פונם פראָדוציר=פראָצעס, מיטן כאראקטער פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן. א רעזולטאט פון דער דאָזיקער ניט=אנטשפּרעכונג זיינען די עקאָנאָמישע קריזיסן, וואָס פירן צו דער צעשטערונג פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן; דערביי שטעלט מיט זיך פאָר אָט די ניט=אנטשפּרעכונג גופא דעם עקאָנאָמישן יסוד פון א סאָציאלער רעוואָליוציע, וואָס דער באַרוף אירער באשטייט אין צעשטערן די איצטיקע פראָדוציר=פארהעלטענישן און שאפן נייע, וועלכע אנטשפּרעכן דעם כאראקטער פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן.

און, פארקערט, א ביישפּיל פון פולשטענדיקער אנטשפּרעכונג פון די פראָדוציר=פארהעלטענישן צום כאראקטער פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן איז די סאָציאליסטישע פאָלקסווירטשאפט אין פ.ס.ס.ר., וואו דאָס געזעלשאפטלאכע אייגנטום אויף די פראָדוציר=מיטלען געפינט זיך אין פולער אנטשפּרעכונג צום געזעלשאפטלאכן כאראקטער פונם פראָדוציר=פראָצעס און וואו עס זיינען מחמת דעם ניטאָ ניט קיין עקאָנאָמישע קריזיסן, ניט קיין צעשטערונג פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן.

הייסט עס, די פראָדוקטיוו=קרעפטן זיינען ניט בלויז דער אממערסטן באוועגלאכער און רעוואָליוציאָנערער עלעמענט פון דער פראָדוקציע. זיי זיינען צוזאמען דערמיט דער באשטימענדיקער עלעמענט פון דער אנטוויקלונג פון דער פראָדוקציע.

וואָס עס זיינען די פראָדוקטיוו=קרעפטן, אזעלכע דארפן זיין אויך די פראָדוציר=פארהעלטענישן.

אויב דער צושטאנד פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן ענטפערט אויף דער פראגע וועגן דעם, מיט וועלכע פראָדוציר=געצייג מענשן פראָדוצירן די נויטיקע פאר זיי מאטעריעלע גיטער, ענטפערט שוין דער צושטאנד פון די פראָדוציר=פארהעלטענישן אויף אן אנדער פראגע: אין וועמענס באזיץ געפינען זיך די פ ר אָ ד ו צ י ר=מ י ט ל ע ן (די ערד, די וועלדער, די וואסערן, די ערד=אוצרות, די רוי=מאטעריאלן, די פראָדוציר=געצייג, די פראָדוציר=געביידעס, די מיטלען פון פארקער און פארבינדונג א.ד.גל.), אין וועמענס רשות עס געפינען זיך די פראָדוציר=מיטלען, אינם רשות פון דער גאנצער געזעלשאפט, אָדער אינם רשות פון באזונדערע פערזאָנען, גרופּעס, קלאסן, וואָס נוצן זיי אויס פאר עקספּלואטירן אנדערע פערזאָנען, גרופּעס, קלאסן.

אָט איז א סכעמאטיש בילד פון דער אנטוויקלונג פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן פון די אוראלטע צייטן אָן ביז אונזערע טעג. דער אריבערגאנג פון גראָבע שטיין=געצייג צום פייל=און=בויגן און אין צוזאמענהאנג דערמיט דער אריבערגאנג פונם יעגערישן ארט לעבן צום פארהיימישן בעלי=חיים און צי דער אוראלטער פיצוכט; דער אריבערגאנג פון שטיין=געצייג צו מעטאל=געצייג (אייזערנע האק, די סאָכע מיט אן אייזערנעם לעמעש א.ד.גל.) און, אנטשפּרעכנדיק דערצו, דער אריבערגאנג צו קולטיווירן געוויקסן און צו ערדארבעט; די ווייטערדיקע פארבעסערונג פון די מעטאל=געצייג פאר באארבעטן מאטע=

ריאלן, דער אריבערגאנג צום שמידערישן בלאַזזאק, דער אריבערגאנג צו טע־פּערײַ און, אנטשפּרעכנדיק דערמיט, די אנטוויקלונג פון דער האנטווערקערײַ, דאָס אָפּטיילן האנטווערקערײַ פון ערדארבעט, די אנטוויקלונג פון א זעלבסט־שטענדיקער האנטווערקערישער און דערנאָך מאנופאקטורישער פּראָדוקציע; דער אריבערגאנג פון האנטווערקערישע פּראָדוציר־געצײַג צו דער מאשין און די פארוואנדלונג פון דער האנטווערקעריש־מאנופאקטורישער פּראָדוקציע אין א מאשין־אינדוסטריע; דער אריבערגאנג צו א סיסטעם פון מאשינעס און דער אויפקום פון דער מאָדערנער מאשיניזירטער גרויס־אינדוסטריע, — אזא איז דאָס אלגעמיינע, ווײַט ניט קיין פול, בילד פון דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאפט אין פארלויף פון דער געשיכטע פון דער מענשהײַט. דערבײַ איז פארשטענדלאך, אז די אנטוויקלונג און די פאר־בעסערונג פון די פּראָדוציר־געצײַג איז פארווירקלאכט געוואָרן דורך די מענשן, וואָס האָבן א שייכות צו דער פּראָדוקציע, און ניט אומאָפּהענגיק פון די מענשן, — הייסט עס, צוזאמען מיט דער ענדערונג און אנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־געצײַג האָבן זיך געענדערט און אנטוויקלט די מענשן, ווי דער וויכ־טיקסטער עלעמענט פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, האָבן זיך געענדערט און אנט־וויקלט זייער פּראָדוציר־דערפארונג, זייערע געוואוינהײַטן צו ארבעט, זייער קע־נען זיך באנוצן מיט די פּראָדוציר־געצײַג.

אין הסכם מיט דער ענדערונג און אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאפט אין פארלויף פון דער געשיכטע — האָבן זיך געענ־דערט און אנטוויקלט די פּראָדוציר־פארהעלטענישן פון די מענשן, זייערע עקאָנאָמישע פארהעלטענישן.

דער געשיכטע זײַנען באקאנט פינף גרונט־טיפּן פּראָדוציר־פארהעלטע־נישן: דער אור־אלט־געמיינדישער, דער שקלאפן־באזיצערישער, דער פעאָדאלער, דער קאפּיטאליסטישער, דער סאָציאליסטישער.

בײַ דער אור־אלטער געמיינדע־אָרדענונג איז דער יסוד פון די פּראָדוציר־פארהעלטענישן דאָס געזעלשאפטלאכע אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. דאָס אנטשפּרעכט אין גרונט דעם כאראקטער פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן אין דעם דאָזיקן פעריאָד. דאָס שטיין־געצײַג און דער פײַל־און־בויגן, וועלכער איז שפּעטער אויפגעקומען, האָבן אויסגעשלאָסן די מעגלאכקײַט צו קעמפן איינציקווײַז מיט די נאטור־כחות און רויב־חיות. כדי צונויפזאמלען פרוכט אין וואלד, פאנגען פיש אין וואסער, אויסבויען א וועלכע־עס־איז וואוינונג, זײַנען מענשן געצוואונגען צו ארבעטן געמיינזאם, אויב זיי ווילן ניט ווערן קיין קרבן פון הונגער־טויט, פון רויב־חיות אָדער פון די שכנ׳ישע געזעל־שאפטן. די געמיינזאמע ארבעט פירט צו געמיינזאם אייגנטום אויף די פּראָ־דוציר־מיטלען, ווי אויך אויף די פּראָדוקטן פון דער פּראָדוקציע. דאָ האָט מען נאָך ניט קיין באגריף וועגן פּריוואט־אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיטלען, אויב ניט רעכענען דאָס פּערזענלאכע אייגנטום אויף איינציקע פּראָדוציר־געצ־

צײַג, וואָס זײַנען צוזאמען דערמיט געצײַג צו פארטיידיקן זיך פון רויב=חיות. דאָ איז ניטאָ קיין עקספלואטאציע, קיין קלאסן.

בײַ דער שקלאפן=באזיצערישער אָרדענונג איז דער יסוד פון די פראָדוציר=פארהעלטענישן דאָס אייגנטום פונם שקלאפן=באזיצער אויף די פראָדוציר=מיטלען, און אויך אויף דעם ארבעטס=מאן פון דער פראָדוקציע, — אויפן שקלאף, וואָס דער שקלאפן=באזיצער קאָן אים פארקויפן, קויפן, טויטן, ווי א בהמה. אזוינע פראָדוציר=פארהעלטענישן אנטשפרעכן אין גרונט דעם צושטאנד פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן אין דעם דאָזיקן פעריאָד. אָנשטאָט שטיין=געצײַג האָבן אצינד די מענשן געהאט אין זייער רשות מעטאל=געצײַג; אָנשטאָט דער דלות'דיקער און פרימיטיווער יעגער=ווירטשאפט, וואָס האָט ניט געוואוסט ניט פון קיין פיצוכט, ניט פון קיין ערדארבעט, זיינען אויפגעקומען פיצוכט, ערדארבעט, האנטווערקערײַ, איז אויפגעקומען אן ארבעטס=פארטיילונג צווישן די דאָזיקע פראָדוציר=צווײַגן; עס איז אויפגעקומען די מעגלעכקײַט פון פראָדוקטן=אויסטויש צווישן באזונדערע פערזאָנען און געזעלשאפטן, די מעגלעכקײַט פון אָנזאמלען רײַכטום אין די הענט פון ווייניקע, א ווירקלעכע אָנזאמלונג פון פראָדוציר=מיטלען אין די הענט פון א מינדערהײַט, די מעגלעכקײַט, אז די מערהײַט זאָל אונטערגעוואָרפן ווערן דער מינדערהײַט און פארוואנדלט ווערן אין שקלאפן. דאָ איז שוין ניטאָ קיין געמיינזאמע און פרײַע ארבעט פון אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט אינם פראָדוציר=פראָצעס, — דאָ הערשט צוואנגס=ארבעט פון די שקלאפן, וואָס ווערן עקספלואטירט פון די ניט=ארבעטנדיקע שקלאפן=באזיצער. ס'איז דעריבער אויך ניטאָ קיין געמיינזאם אייגנטום אויף די פראָדוציר=מיטלען, ווי אויך אויף די פראָדוקטן פון דער פראָדוקציע. אָנשטאָט דעם קומט דאָס פריוואט=אייגנטום דאָ איז דער שקלאפן=באזיצער דער ערשטער און גרינטלעכער פולווערטיקער אייגנטימער.

רײַכע און אָרעמע, עקספלואטאטאָרן און עקספלואטירטע, פולבארעכטיקטע און רעכטלאָזע, א פארביסענער קלאסנקאמף צווישן זיי — אזא איז דאָס בילד פון דער שקלאפן=באזיצערישער אָרדענונג.

בײַ דער פעאָדאלער אָרדענונג איז דער יסוד פון די פראָדוציר=פארהעלטענישן דאָס אייגנטום פון דעם פעאָדאל אויף די פראָדוציר=מיטלען און דאָס ניט=פולע אייגנטום אויפן ארבעטס=מאן פון דער פראָדוקציע, — אויפן לײַבאייגענעם, וואָס דער פעאָדאל קאָן אים שוין ניט טויטן, נאָר ער קאָן אים פארקויפן, קויפן. צוגלײַך מיטן פעאָדאלן אייגנטום עקזיסטירט דאָס אינדיווידועלע אייגנטום פונם פויער און האנטווערקער אויף די פראָדוציר=געצײַג און אויף זײַן פריוואטער ווירטשאפט, וואָס איז באזירט אויף פערזענלעכער ארבעט. אזוינע פראָדוציר=פארהעלטענישן אנטשפרעכן אין גרונט דעם צושטאנד פון די פראָדוקטיוו=קרעפטן אין דעם דאָזיקן פעריאָד. די ווײַטערדיקע פארבעסערונג פון שמעלצן און באארבעטן אײַזן; די פארשפרייטונג פונם אײַזער=

נעם אקער און פונם וועבשטול; די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פון דער ערד=ארבעט, פון גערטנערײַ, ווײַן=פּראָדוקציע, פּוטער=פּראָדוקציע; דער אויפקום פון מאנופאקטור=אונטערנעמונגען צוגלײַך מיט האנטווערקער=ווארשטאטן. — אָט דאָס זײַנען די גרונט=שטריכן פונם צושטאנד פון די פּראָדוקטיוו=קרעפטן.

די נײַע פּראָדוקטיוו=קרעפטן פאָדערן, אז דער ארבעטס=מאן זאָל האָבן א וועלכע=ס'ניט=איז איניציאַטיוו אין דער פּראָדוקציע און א נייגונג צו ארבעט, א פאראינטערעסירטקייט אין דער ארבעט. דעריבער ווארפט אוועק דער פעאָדאַל דעם שקלאַף, ווי אן ארבעטס=מאַן, וואָס איז ניט פאראינטערעסירט און איז אבסאָליוט איניציאַטיוולאָז אין דער ארבעט, און האלט פאר בעסער האָבן צו טאָן מיטן לייב=אייגענעם, וועלכער האָט זיך זײַן ווירטשאפט, זײַנע פּראָדוציר=געצײַג און וועלכער האָט אין דער ארבעט א געוויסע פאראינטערעסירטקייט, וואָס איז נויטיק, כדי צו באארבעטן די ערד און אויסצאָלן דעם פעאָדאַל מיט נאטור פון זײַן גערעטעניש.

דאָס פּריוואַט=אייגנטום באקומט דאָ א ווײַטערדיקע אנטוויקלונג. די עקספּלואַטאציע איז כמעט פּונקט אזוי אכזריות'דיקע, ווי בײַ דער שקלאַפערײַ, — זי איז בלויז עטוואָס געלינדערט. דער קלאסנקאמף צווישן די עקספּלואַטאַטאָרן און די עקספּלואַטירטע איז דער גרונט=שטריך פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג.

בײַ דער קאפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז דער יסוד פון די פּראָדוציר=פארהעלטענישן דאָס קאפּיטאַליסטישע אייגנטום אויף די פּראָדוציר=מיטלען בײַ דער אָפּוועזנקײַט פון אייגנטום אויף די ארבעטס=לײַט פון דער פּראָדוקציע, — די לוין=ארבעטער, וואָס דער קאפּיטאַליסט קאָן זיי ניט טויטן, קאָן זיי ניט פארקויפן, ווײַל זיי זײַנען פרײַ פון פערזענלאכער אָפּהענגיקײַט, נאָר זיי זײַנען בארויבט פון פּראָדוציר=מיטלען, און כדי ניט צו שטארבן פון הונגער, זײַנען זיי געצוואונגען צו פארקויפן זייער ארבעטס=קראפט דעם קאַפּיטאַליסט און טראָגן אויפן האלז דעם יאָך פון עקספּלואַטאציע. צוגלײַך מיטן קאפּיטאַליסטישן אייגנטום אויף די פּראָדוציר=מיטלען עקזיסטירט און האָט די ערשטע צײַט א ברייטע פארשפּרייטונג דאָס פּריוואַט=אייגנטום אויף פּראָדוציר=מיטלען, וואָס באזירט זיך אויף פערזענלאכער ארבעט, פונם פּויער און האנטווערקער, וועלכע זײַנען באפרײַט פון לײַבאייגנטימערישער אָפּהענגיקײַט. אָנשטאָט האנטווערקער=ווארשטאטן און מאנופאקטור=אונטערנעמונגען זײַנען אויפגעקומען ריזיקע פאבריקן און זאוואָדן, באוואָפנטע מיט מאשינעס. אָנשטאָט די אדל=גיטער, וואָס ווערן באארבעט מיט פּרימיטיווע פּויערשע פּראָדוציר=געצײַג, זײַנען אויפגעקומען גרויסע קאפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיעס, וואָס ווערן געפירט אויף דער באזע פון אגראָטעכניק און וואָס זײַנען באזאָרגט מיט לאנדווירטשאפטלאכע מאשינעס.

די נײַע פּראָדוקטיוו=קרעפטן פאָדערן, אז די ארבעטס=לײַט פון דער פּראָדוקציע זאָלן זײַן מער קולטורעלע און פארשטאנדיקע, איידער די דערשלאָ=

גענע און פינסטערע לעבּ־אײגענע, אַז זײ זאָלן זײַן פעיִק צו פאַרשטײן אַ מאַשין און ריכטיק צו באַגײן זיך מיט איר. דעריבער האַלטן די קאַפּיטאַליסטן פאַר בעסער האָבּן צו טאָן מיט לוין־אַרבעטער, וואָס זײַנען פרײַ פון די לעבּ־אײגנטימערישע פּענטעס, זײַנען גענוג קולטורעל, כּדי ריכטיק צו באַגײן זיך מיט די מאַשינעס.

אַנטװיקלט ביז צו אַ קאָלאָסאַלן פאַרנעם די פּראָדוקטיװ־קרעפטן, האָט אָבּער דער קאַפּיטאַליזם זיך פאַרפּלאָנטערט אין אומדערלײזבּאַרע פאַר אים װידערשפּרוכן. פּראָדוצירנדיק אַלץ מער און מער סחורות און אַראָפּזעצנדיק די פּרײַזן אויף די סחורות, פאַרשאַרפט דער קאַפּיטאַליזם די קאָנקורענץ, ער רואינירט די מאַסע קלײנע און מיטעלע פּריװאַט־אײגנטימער, מאַכט זײ פאַר פּראָלעטאַריער און זעצט אַראָפּ זײער קויף־פעיִקײט, מחמת דעם װערט דער אָפּזאַץ פון די פּראָדוצירטע סחורות אוממעגלאַך. פאַרברײטערנדיק, װידער, די פּראָדוקציע און צונויפזאַמלענדיק אין ריזיקע פאַבּריקן און זאַװאָדן מיליאָנען אַרבעטער, גיט דער קאַפּיטאַליזם צו דעם פּראָדוציר־פּראָצעס אַ געזעלשאַפט־לאַכן כאַראַקטער און רײַסט אונטער דערמיט גופא די אײגענע באַזע זײַנע, װײַל דער געזעלשאַפטלאַכער כאַראַקטער פונם פּראָדוציר־פּראָצעס פאָדערט אַ געזעלשאַפטלאַך אײגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען, בעת דאָס אײגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען פאַרבלײַבּט אַ פּריװאַט־קאַפּיטאַליסטישעס, אַזאַ, װאָס פּאַרט זיך ניט מיטן געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער פונם פּראָ־דוציר־פּראָצעס.

אָט די אומפאַראײנבאַרע װידערשפּרוכן צװישן דעם כאַראַקטער פון די פּראָדוקטיװ־קרעפטן און די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן גיבּן צו װיסן װעגן זיך אין די פּעריִאָדישע קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע, װען די קאַפּיטאַליסטן, ניט געפינענדיק קײן צאָל־פעיִקן נאָכפרעג מחמת דער רואינירונג פון דער מאַסע באַפעלקערונג, װאָס זײ אַלײן האָבּן פאַרשאַפט, זײַנען געצװאונגען צו פאַרברענען פּראָדוקטן, פאַרניכטן פאַרטיקע סחורות, אָפּשטעלן די פּראָדוק־ציע, צעשטערן די פּראָדוקטיװ־קרעפטן, בעת מיליאָנען פון דער באַפעלקערונג זײַנען געצװאונגען צו לײַדן אַרבעטסלאָזיקײט און הונגער ניט צוליבּ דעם, װײַל עס פעלן סחורות, נאָר צוליבּ דעם, װײַל עס איז אויסגעאַרבעט געװאָרן צופיל סחורות.

דאָס באַטײַט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן האָבּן אויפגעהערט צו אַנטשפּרעכן דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקטיװ־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט און האָבּן זיך געשטעלט אין אַן אומפאַראײנבאַרן װידער־שפּרוך מיט זײ.

דאָס באַטײַט, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז שװאַנגער מיט אַ רעװאָלוציע, װעלכע איז באַרופן דאָס איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע אײגנטום אויף די פּראָדו־ציר־מיטלען צו פאַרבײַטן אויף סאָציאַליסטישן אײגנטום.

דאָס באַטײַט, אַז דער שאַרפסטער קלאַסנקאַמף צװישן די עקספּלואַטא־

מאָרן און די עקספּלואַטירטע איז דער גרונט־שטריך פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער אָרדענונג.

בײַ דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וואָס איז דערווײַל פאַרווירקלאַכט בלויז אין פ.ס.ס.ר., איז דער יסוד פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן דאָס גע־זעלשאַפטלאַכע אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. דאָ זײַנען שוין ניטאָ ניט קיין עקספּלואַטאַטאָרן, ניט קיין עקספּלואַטירטע. די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן ווערן פאַרטיילט לויט דער אַרבעט אין הסכם מיטן פּרינציפּ: „ווער עס אַר־בעט ניט, דער עסט ניט". די קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן פון די מענטשן אינם פּראָדוציר־פּראָצעס ווערן דאָ כאַראַקטעריזירט ווי פאַרהעלטענישן פון חבר'ישער מיטאַרבעט און סאָציאַליסטישער קעגנזײַטיקער הילף פון די אַרבעטס־לײַט, וואָס זײַנען פרײַ פון עקספּלואַטאַציע. דאָ געפינען זיך די פּראָדוציר־פאַרהעל־טענישן אין פולשטענדיקער אַנטשפּרעכונג מיטן צושטאַנד פון די פּראָדוק־טיוו־קרעפטן, ווײַל דער געזעלשאַפטלאַכער כאַראַקטער פונם פּראָדוציר־פּראָ־צעס ווערט געפעסטיקט דורכן געזעלשאַפטלאַכן אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען.

דעריבער ווייסט ניט די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע אין פ.ס.ס.ר. פון קיין פּעריאָדישע קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע און פון די אומגעלומפּערטקײַטן, וואָס זײַנען מיט זיי פאַרבונדן.

דעריבער אַנטוויקלען זיך דאָ די פּראָדוקטיוו־קרעפטן מיט אַ פאַרשנע־לערטן טעמפּ, ווײַל די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, וואָס אַנטשפּרעכן זיי, גיבן זיי די פולע רחבות פאַר אַזאַ אַנטוויקלונג.

אַזאַ איז דאָס בילד פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־פאַהעלטענישן פון די מענטשן אין פאַרלויף פון דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט.

אָט אַזוי איז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, פריער פאַר אַלץ — פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־געצײַג, וואָס מחמת איר ברענגען די ענדערונגען און די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פריער אָדער שפּעטער צו די אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען און צו דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן.

„דער געברויך און די שאַפונג פון אַרבעטס־מיטלען *, זאָגט מאַרקס, איז כאָטש זיי זײַנען אין אַן עמבריאָנעלער פאָרם אייגנטימלאַך פאַר געוויסע מינים בעלי־חיים, בילדן זיי אָבער דעם ספּעציפישן כאַראַק־טער־שטריך פון דעם מענטשלאַכן אַרבעטס־פּראָצעס, און דעריבער דע־פינירט פראַנקלין דעם מענטשן ווי אַ בעל־חי, וואָס מאַכט געצײַג. פּונקט אַזאַ וויכטיקײַט, ווי דער געבוי פון די רעשטן בײנער האָט פאַר

* אונטער „אַרבעטס־מיטלען" פאַרשטייט מאַרקס דער עיקר די פּראָדוציר־גע־צײַג. — ר ע ד.

שטודירן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרשוואונדענע מינים בעלי־חיים, פונקט אַזאַ וויכטיקייט האָבן די רעשטן פון די אַרבעטס־מיטלען פאַר שטודירן די פאַרשוואונדענע געזעלשאַפטלאַך־עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס. די עקאָנאָמישע עפּאָכעס אונטערשיידן זיך ניט לויט דעם, וואָס עס ווערט פּראָדוצירט, נאָר לויט דעם, ווי עס ווערט פּראָדוצירט... די אַרבעטס־מיטלען זיינען ניט בלויז אַ מאָס פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענשלאַכער אַרבעטס־קראַפט, נאָר אויך אַ ציינער פון די געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטענישן, ביי וועלכע די אַרבעט ווערט געטאָן" (ק. מ אַ ר ק ס, „קאַפּיטאַל", ב. I, ז. 121, אויפלאַגע פון 1935 יאָר).

און ווייטער:

א) „די געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטענישן זיינען ענג פאַרבונדן מיט די פּראָדוקטיוו־קרעפטן. דערגאָבערנדיק נייע פּראָדוקטיוו־קרעפטן, ענדערן די מענשן זייער פּראָדוציר־אופן, און מיט דער ענדערונג פונם פּראָדוציר־אופן, דעם אופן פון זיכערן זייער לעבן, — ענדערן זיי אַלע זייערע געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטענישן. די האַנט־מיל גיט אייך די געזעלשאַפט מיטן סיוזערען (פעאָדאַל. — ר ע ד.) אין דער שפּיץ, די דאַמף־מיל — די געזעלשאַפט מיטן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליסט" (ק. מ אַ ר ק ס און פ. ע נ ג ע ל ס, ב. V, ז. 364).

ב) „אומאויפהערלאַך קומט פאָר אַ באַוועגונג פון וואוקס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, אַ צעשטערונג פון די געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטענישן, אַן אַנטשטייאונג פון אידייען, אומבאַוועגלאַך איז בלויז די אַבסטראַקציע פון דער באַוועגונג" (דאָרטן, ז. 364).

כאַראַקטעריזירנדיק דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן אינם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", זאָגט ענגעלס:

„די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע און די אומפאַרמיידלאַך פון איר אַרויסדרינגענדיקע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט פון יעטווידער היסטאָרישער עפּאָכע בילדן דעם יסוד פון איר פּאָליטישער און אינטעלעקטועלער געשיכטע... אין הסכם דערמיט, זינט דער צעפאַלונג פון דעם אוראַלטן געמיינדישן ערד־באַזיץ, איז די גאַנצע געשיכטע געווען אַ געשיכטע פון קלאַסנקאַמף, פון קאַמף צווישן די עקספּלואַטירטע און די עקספּלואַטירנדיקע, צווישן די אונטערטעניקטע און הערשנדיקע קלאַסן אויף פאַרשיידענע שטופן פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג... איצט האָט דער דאָזיקער קאַמף דערגרייכט צו אַ שטופע, אויף וועלכער דער עקספּלואַטירטער און אונטערדריקטער קלאַס (דער פּראָלעטאַריאַט) קאָן זיך שוין ניט באַפרייען פון דעם אים עקספּלואַטירנדיקן און אונטערדריקנדיקן קלאַס (פון דער בורזשואַזיע), ניט באַפרייענדיק אין דער זעלבער צייט די גאַנצע געזעלשאַפט אויף שטענדיק פון עקספּלואַטאַ־

ציע, אונטערדריקונג און קלאַסנקאַמף...״ (ענגעלסעס פאָרוואָרט צו דער דײַטשישער אויסגאַבע פונעם „מאַניפעסט״).

די דריטע באַזונדערהײַט פון דער פּראָדוקציע באַשטייט דערין, וואָס די אַנטשטייאונג פון די נײַע פּראָדוקטיוו-קרעפטן און פון די זיי אַנט-שפּרעכנדיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן קומט פאָר ניט באַזונדער פון דער אַלטער אָרדענונג, ניט נאָך דער פאַרשווינדונג פון דער אַלטער אָרדענונג, נאָר אין שויס פון דער אַלטער אָרדענונג; זי קומט פאָר ניט אין רעזולטאַט פון דער בכיוון׳דיקער, באַוואוסטזיניקער טעטיקײַט פון מענטשן, נאָר סטיכיש, אומ-באַוואוסטזיניק, אומאָפּהענגיק פונעם ווילן פון די מענטשן. זי קומט פאָר סטי-כיש און אומאָפּהענגיק פונעם ווילן פון די מענטשן איבער צוויי סיבות:

ערשטנס, דערפאַר, ווײַל די מענטשן זײַנען ניט פרײַ אין דעם אויסוואַל פון דעם אָדער יענעם פּראָדוציר-אופן, ווײַל, אַרײַנטרעטנדיק אין לעבן, טרעפט שוין יעדער נײַער דור גרייטע פּראָדוקטיוו-קרעפטן און פּראָדוציר-פאַרהעלטע-נישן, ווי א רעזולטאַט פון דער אַרבעט פון די פריִקע דורות, און דעריבער מוז ער די ערשטע צײַט אָננעמען דאָס אַליץ, וואָס ער טרעפט אין א גרייטן צו-שטאַנד אין געביט פון דער פּראָדוקציע, און צופּאַסן זיך צו דעם, כדי צו באַ-קומען די מעגלאַכקײַט פון פּראָדוצירן מאַטעריעלע גיטער.

צווייטנס, דערפאַר, ווײַל פאַרבעסערנדיק דאָס אָדער יענעם פּראָדוציר-געצײַג, דעם אָדער יענעם עלעמענט פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן, באַזיניקן ניט די מענטשן, זיי פאַרשטייען ניט און פאַרטראַכטן זיך ניט איבער דעם, צו וואָס פאַר א געזעלשאַפטלאַכע רעזולטאַטן עס דאַרפן ברענגען די דאָזיקע פאַרבעסערונגען; זיי טראַכטן בלויז וועגן זייערע וואָכעדיקע אינטערעסן, וועגן דעם, ווי צו פאַרלײַכטערן זייער אַרבעט און דערשלאָגן זיך א וועלכע-עס-איז אוממיטלבאַרע, ממשות׳דיקע נוץ פאַר זיך.

ווען אייניקע מיטגלידער פון דער אוראַלט-געמיינדישער געזעלשאַפט זײַ-נען בהדרגה און טאַפּנדיקערהייט אריבער פון שטיין-געצײַג צו אײַזן-געצײַג, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט און זיך ניט פאַרטראַכט איבער דעם, צו וואָס פאַר א געזעלשאַפטלאַכע רעזולטאַטן דאָס דאָזיקע נײַעס וועט ברענגען; זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען און האָבן ניט באַזיניקט, אז דער אריבערגאַנג צו מעטאַל-געצײַג באַטײַט אן איבערקערעניש אין דער פּראָדוק-ציע, אז ער וועט סוף כל סוף ברענגען צו דער שקלאַפן-באַזיצערישער אָר-דענונג, — זיי האָבן פּשוט געוואָלט פאַרגרינגערן זייער אַרבעט און דערשלאָגן זיך א נאָענטסטע ממשות׳דיקע נוץ, — זייער באַוואוסטזיניקע טעטיקײַט האָט זיך באַגרענעצט מיט די ענגע ראַמען פון אָט דער וואָכעדיקער פּערזענלאַכער נוץ.

ווען די יונגע בורזשואזיע פון אייראָפּע האָט אינם פּעריאָד פון דער פעאָ-דאַלער אָרדענונג באַגלײַך מיט קליינע צעך-וואַרשטאַטן געגומען בויען גרוי-סע מאַנופאַקטורישע אונטערנעמונגען און האָט, אויף אזא אופן, באַוועגט פאָראויס די פּראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, האָט זי, פאַרשטייט

זיך, ניט געוואוסט און זיך ניט פאַרטראַכט איבער דעם, צו וואָס פאַר א געזעלשאַפטלעכע פאָלגן אָט דאָס נײַעם וועט ברענגען; זי האָט ניט באַזיניקט און ניט פאַרשטאַנען, אַז אָט דאָס „קלײנינקע" נײַעם וועט ברענגען צו אַזאַ איבערגרופּירונג פון די געזעלשאַפטלעכע כחות, וואָס דאַרף זיך ענ־דיקן מיט אַ רעוואָליוציע אי קעגן דער קעניגלאַכער מאַכט, וואָס אירע גנע־דיקײַטן האָט זי אַזוי הויך געשאַצט, אי קעגן די אַדל־לײַט, אין וועמענס רייען אירע בעסטע פאַרשטייער האָבן גאַנץ אָפט געטרויםט אַרײַנצופאַלן, — זי האָט פשוט געוואָלט ביליקער מאַכן די פּראָדוקציע פון די סחורות, אַרויסוואַרפן וואָס מער סחורות אויף די מערק פון אַזיע און פון דער נאָרוואָס אַנטדעק־טער אַמעריקע און באַקומען וואָס מער רוח, — איר באַוואוסטזיניקע טעטי־קײַט האָט זיך באַגרענעצט מיט די ענגע ראַמען פון אָט דער וואָכעדיקער פּראַקטיק.

ווען די רוסישע קאַפּיטאַליסטן, צוזאַמען מיט די אויסלענדישע קאַפּיטאַ־ליסטן, האָבן אינטענסיוו פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד די מאָדערנע מאַשיניזיר־טע גרויס־אינדוסטריע, איבערלאָזנדיק דעם צאַריזם אומגערירט און אָפּגעבנ־דיק די פּויערים אויף פאַרצוקונג צו די פּריצים, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט און זיך ניט פאַרטראַכט איבער דעם, צו וואָס פאַר א געזעל־שאַפטלעכע פאָלגן עס וועט ברענגען אָט דער ערנסטער וואוקס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, זיי האָבן ניט באַזיניקט און ניט פאַרשטאַנען, אַז אָט דער ערנסטער שפּרונג אין געביט פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעל־שאַפט וועט ברענגען צו אַזאַ מין איבערגרופּירונג פון די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, וואָס וועט געבן די מעגלאַכקײַט דעם פּראָלעטאַריאַט צו פאַראייניקן צו זיך דאָס פּויערטום און מאַכן אַ זיגרײַכע סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע, — זיי האָבן פשוט געוואָלט אָן אַ שיר פאַרברייטערן די אינדוסטריעלע פּראָדוק־ציע, באַהערשן דעם קאָלאָסאַלן אינערלאַכן מאַרק, ווערן מאָנאָפּאָליסטן און אַרויספּאָמפּען פון דער פאָלקסווירטשאַפט וואָס מער רוח, — זייער באַ־וואוסטזיניקע טעטיקײַט איז ניט געגאַנגען ווײַטער פון זייערע וואָכעדיקע ענג־פּראַקטישע אינטערעסן.

אין הסכם דערמיט זאָגט מאַרקס:

„אין דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוצירונג פון זייער לעבן (דאָס הייסט אין דער פּראָדוצירונג פון די מאַטעריעלע גיטער, וואָס זײַנען נויטיק פאַרן לעבן פון די מענשן. — רעד.) טרעטן די מענשן אַרײַן אין באַשטימטע, נויטווענדיקע, פון זייער ווילן **אומאָפּהענגיקע*** פאַרהעלטענישן — פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, וואָס אַנטשפּרעכן דער באַשטימטער שטופע פון אַנטוויקלונג פון זייערע מאַטעריעלע פּראָדוק־טיוו־קרעפטן" (ק. מאַרקס, אויסגעוויילטע ווערק, ב. I, ז. 269).

---

* קורסיוו פון דער רעדאַקציע.

דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז די ענדערונגען פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן און דער אַריבערגאַנג פון די אַלטע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן צו נײַע גייט דורך גלאַט, אָן קאָנפליקטן, אָן אויפטרייסלונגען. פאַרקערט, אַזאַ אַריבערגאַנג קומט געוויינלעך פאָר דורך רעוואָלוציאָנערער אָראָפּוואַרפונג פון די אַלטע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן און דורך באַפעסטיקן נײַע. ביז אַ געוויסן פעריאָד קומט פאָר די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און די ענדערונגען אין געביט פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן סטיכיש, אומאָפּהענגיק פונעם ווילן פון די מענטשן. דאָס איז אָבער בלויז ביז אַ געוויסן מאָמענט, ביז דעם מאָמענט, ווען די אַנטשטאַנענע און די זיך אַנטוויקלענדיקע פּראָדוקטיוו־קרעפטן וועלן באַוויזן ווי געהעריק רײַף צו ווערן. נאָך דעם, ווי די נײַע פּראָדוקטיוו־קרעפטן זײַנען רײַף געוואָרן, ווערן די עקזיסטירנדיקע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן און זייערע טרעגער — די הערשנדיקע קלאַסן פאַרוואַנדלט אין יענער „אומבײַקומבאַרער" פאַרצאַמונג, וואָס מע קאָן זי אָפּראַמען פון וועג בלויז דורך דער באַוואוסטזיניקער טעטיקײַט פון די נײַע קלאַסן, דורך געוואַלט־אַקטן פון די דאָזיקע קלאַסן, דורך אַ רעוואָלוציע. דאָ טרעט באַזונדערס בולט אַרויס די קאָלאָסאַלע ראָלע פון די נײַע געזעלשאַפטלאַכע אידייען, נײַע פּאָליטישע אינסטיטוציעס, פון דער נײַער פּאָליטישער מאַכט, וועלכע זײַנען באַרופן דורך קראַפט אָפּצושאַפן די אַלטע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן. אויפן גרונט פון דעם קאָנפליקט צווישן די נײַע פּראָדוקטיוו־קרעפטן און די אַלטע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, אויפן גרונט פון די נײַע עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט אַנטשטייען נײַע געזעלשאַפטלאַכע אידייען; די נײַע אידייען אָרגאַניזירן און מאָביליזירן די מאַסן; די מאַסן באַהעפטן זיך אין אַ נײַער פּאָליטישער אַרמיי, זיי שאַפן אַ נײַע רעוואָלוציאָנערע מאַכט און נוצן זי אויף צוליב דעם, כדי דורך קראַפט אָפּצושאַפן די אַלטע אָרדענונגען אין געביט פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן און באַפעסטיקן נײַע אָרדענונגען. דער סטיכישער פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג טרעט אָפּ דאָס אָרט דער באַוואוסטזיניקער טעטיקײַט פון די מענטשן, די פרידלאַכע אַנטוויקלונג — דער געוואַלט־איבערקערעניש, די עוואָלוציע — דער רעוואָלוציע.

> „דער פּראָלעטאַריאַט, זאָגט מאַרקס, אין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע פאַראייניקט זיך נויטווענדיק אין אַ קלאַס... דורך אַ רעוואָלוציע פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ הערשנדיקן קלאַס און ווי אַ הערשנדיקער קלאַס שאַפט ער אָפּ דורך געוואַלט די אַלטע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן" („מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אויסגאַבע פון 1938־טן יאָר, ז. 52).

און ווײַטער:

> א) „דער פּראָלעטאַריאַט וועט אויסנוצן זײַן פּאָליטישע הערשאַפט צוליב דעם, כדי אַרויסצורײַסן בײַ דער בורזשואַזיע טראָט נאָך טראָט דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, צענטראַליזירן די גאַנצע פּראָדוציר־געצײַג אין

די הענט פון דער מלוכה, דאָס הייסט, פונם פּראָלעטאריאט, וואָס איז אָרגאניזירט ווי א הערשנדיקער קלאס, און כדי ווי מעגלאך גיכער צו פארגרעסערן דעם סכום פּראָדוקטיוו=קרעפטן („מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי", אויסגאבע פון 1938=טן יאָר, ז. 50).

ב) „געוואלט איז די הייב=אם פון יעטווידער אלטער געזעלשאפט, ווען זי איז שוואנגער מיט א נייער" (מ א ר ק ס, „קאפּיטאל", ב. I, ז. 603, 1935=טן יאָר).

אָט איז די גענויע פאָרמולירונג פון דעם תוך פונם היסטאָרישן מאטעריאליזם, וואָס מארקס האָט געגעבן אין יאָר 1859 אינם היסטאָרישן „פאָרוואָרט" צו זיין בארימטן בוך „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע":

„אין דער געזעלשאפטלאכער פּראָדוצירונג פון זייער לעבן טרעטן די מענטשן ארײַן אין באשטימטע, נויטווענדיקע, פון זייער ווילן אומאָפּהענגיקע פארהעלטענישן — פּראָדוציר=פארהעלטענישן, וואָס אנטשפּרעכן דער באשטימטער שטופע פון אנטוויקלונג פון זייערע מאטעריעלע פּראָדוקטיוו=קרעפטן. דער סכום פון די דאָזיקע פּראָדוציר=פארהעלטענישן בילדעט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאפט, דעם רעאלן באזיס, אויף וועלכן עס דערהויבט זיך א יורידישער און פּאָליטישער אויבערבוי און וועלכן עס אנטשפּרעכן באשטימטע פאָרמען פונם געזעלשאפטלאכן באוואוסטזיין. דער אופן פון פּראָדוצירן דאָס מאטעריעלע לעבן באשטימט דעם סאָציאלן, פּאָליטישן און גייסטיקן לעבנס=פּראָצעס בכלל. ניט דער באוואוסטזיין פון די מענטשן באשטימט זייער זיין, נאָר, פארקערט, זייער געזעלשאפטלאכער זיין באשטימט זייער באוואוסטזיין. אויף א געוויסער שטופע פון זייער אנטוויקלונג קומען די מאטעריעלע פּראָדוקטיוו=קרעפטן פון דער געזעלשאפט אין א ווידערשפּרוך מיט די פאראנענע פּראָדוציר=פארהעלטענישן, אָדער — וואָס דאָס איז בלויז א יורידישער אויסדרוק דערפון — מיט די אייגנטום=פארהעלטענישן, אין וועלכע זיי האָבן זיך ביז אהער געהאט באוועגט. פון אנטוויקלונגס=פאָרמען פון די פּראָדוקטיוו=קרעפטן ווערן די דאָזיקע פארהעלטענישן פארוואנדלט אין זייערע פּענטעס. דעמאָלט קומט אָן די עפּאָכע פון א סאָציאלער רעוואָלוציע. מיט דער פארענדערונג פון דער עקאָנאָמישער באזע קומט פאָר מער אָדער ווייניקער גיך אן איבערקערעניש אינם גאנצן אומגעהויערן אויבערבוי. ביים באטראכטן אזוינע איבערקערענישן מוז מען שטענדיק אונטערשיידן די מאטעריעלע, מיט נאטורוויסנשאפטלאכער פּינקטלאכקייט קאָנסטאטירבארע איבערקערעניש אין די עקאָנאָמישע פּראָדוציר=באדינגונגען פון די יורידישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע, קינסטלערישע אָדער פילאָזאָפישע, קורץ: פון די אידעאָלאָגישע פאָרמען, אין וועלכע די מענטשן באזייניקן דעם דאָזיקן קאָנפליקט

און קעמפן מיט אים. פונקט ווי מע קאָן ניט וועגן אַן איינצלנעם מענטשן אורטיילן אויפן גרונט פון דעם, וואָס ער טראַכט וועגן זיך אַליין, פונקט אַזוי קאָן מען ניט אורטיילן וועגן אַזאַ מין איבערקערעניש-עפּאָכע לויט איר באַוואוסטזײַן. פאַרקערט, דעם דאָזיקן באַוואוסטזײַן דאַרף מען דערקלערן פון די ווידערשפּרוכן פונעם מאַטעריעלן לעבן, פון דעם פאַראַנענעם קאָנפליקט צווישן די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קרעפטן און די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן. קיין איין געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציע גייט ניט אונטער פריער, איידער עס וועלן זיך אַנטוויקלען אַלע פּראָדוקטיוו-קרעפטן, פאַר וועלכע זי גיט גענוג פּלאַץ, און נײַע, העכערע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן קומען קיינמאָל ניט אויף פריער, איידער ס'וועלן רײַף ווערן די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר זייער עקזיסטענץ אין דעם שויס פון דער אַלטער געזעלשאַפט גופא. דעריבער שטעלט פאַר זיך די מענטשהייט שטענדיק בלויז אַזוינע אויפגאַבעס, וועלכע זי קאָן לייזן, ווײַל בײַ אַ גענעטערער באַטראַכטונג ווײַזט זיך שטענדיק אַרויס, אַז די עצם אויפגאַבע אַנטשטייט בלויז דעמאָלט, ווען די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון איר לייזונג זײַנען שוין פאַראַן אָדער, יעדנפאַלס, זיי געפינען זיך אין פּראָצעס פון ווערן" (ק. מ א ר ק ס, אויסגעוויילטע ווערק ב. I, ז. 269—270).

אַזוי האַלט עס מיטן מאַרקסיסטישן מאַטעריאַליזם, ווען מע זאָל אים נעמען אין דער אָנווענדונג צום געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין דער אָנווענדונג צו דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט.

אָט דאָס זײַנען די גרונט-שטריכן פון דעם דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

דערפון איז צו זעען, וואָס פאַר אַ טעאָרעטיש רײַכטום לענין האָט פאַר דער פּאַרטיי פאַרטיידיקט קעגן די אַטענטאַטן מצד די רעוויזיאָניסטן און איבערגעבוירטלער, און וואָס פאַר אַ וויכטיקע באַדײַטונג עס האָט געהאַט די דערשײַנונג פון לענינס בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם" פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער פּאַרטיי.

## 3. די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס אין די יאָרן פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע. דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן די ליקווידאַטאָרן און קעגן די אָטזאָוויסטן.

אין די יאָרן פון רעאַקציע איז אין די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס געווען אין פיל מאָל שווערער צו אַרבעטן, איידער אינם פאָריקן פעריאָד פון דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער רעוואָלוציע. די צאָל מיטגלידער פון דער פּאַרטיי האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט. פיל קלייןבירגערלעכע מיטלויפער פון דער פּאַרטיי,

באזונדערס אינטעליגענטן, האָבן פאַרלאָזן די פּאַרטיי־רייען, מורא האָבנדיק פאַר די פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג.

לענין האָט אויפגעוויזן, אַז אין אַזעלכע מאָמענטן דאַרפן רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זיך צולערנען. אינם פּעריאָד פון אויפשטייג פון דער רעוואָלוציע האָבן זיי זיך געלערנט אָנגרייפן; אינם פּעריאָד פון רעאַקציע דאַרפן זיי זיך אויסלערנען, ווי אַזוי ריכטיק צוריקצוטרעטן, ווי אַזוי אַריבערצוגיין אין אונטער־ערד, ווי אַזוי איינצוהיטן און פאַרפעסטיקן די אומלעגאַלע פּאַרטיי, ווי אַזוי אויסצונוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן, די אַלערליי לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס, די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אויף צו פאַרפעסטיקן די פאַרבינדונגען מיט די מאַסן.

די מענשעוויקעס זיינען צוריקגעטראָטן אין פּאַניק, ניט גלויבנדיק אין דער מעגלעכקייט פון א נייעם אויפשטייג פון דער רעוואָלוציע; זיי האָבן זיך שענדלעך אָפּגעזאָגט פון די רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען פון דער פּראָגראַם און פון די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון דער פּאַרטיי; זיי האָבן געוואָלט ליקווידירן, פאַרניכטן די רעוואָלוציאָנערע אומלעגאַלע פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט. דעריבער האָט מען דעם דאָזיקן מין מענשעוויקעס גענומען אָנרופן ל י ק ו י ד א ט אָ ר ן.

אין אונטערשייד פון די מענשעוויקעס זיינען די באָלשעוויקעס געווען זיכער דערין, אַז אין די נאָענטסטע יאָרן וועט אָנקומען א רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג, און אַז די פּאַרטיי איז מחויב גרייטן די מאַסן צו דעם דאָזיקן נייעם אויפשטייג. די גרונט־אויפגאַבעס פון דער רעוואָלוציע זיינען ניט געווען געלייזט. דאָס פּויערטום האָט ניט באַקומען די פּריץ׳ישע ערד, די אַרבעטער האָבן ניט באַקומען קיין 8־שעה׳יקן אַרבעטס־טאָג; עס איז ניט אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן די פאַרהאַסטע פונם פאָלק צאַרישע זעלבסטהערשונג, וועלכע האָט איבעראַנייעם דערשטיקט יענע קליינע פּאָליטישע פרייהייטן, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי ביי איר אויסגעקעמפט אין 1905־טן יאָר. אַזוי־אַרום זיינען פאַרבליבן אין קראַפט די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די רעוואָלוציע אין 1905־טן יאָר. דעריבער זיינען די באָלשעוויקעס געווען זיכער אין א נייעם אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן זיך געגרייט צו אים, געזאַמלט די כחות פונם אַרבעטער־קלאַס.

די זיכערקייט אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון א נייעם אויפשטייג פון דער רעוואָלוציע האָבן די באָלשעוויקעס געשעפּט באַך אויך אין דעם פאַקט, וואָס די רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר האָט אויסגעלערנט דעם אַרבעטער־קלאַס צו דעראָבערן זיינע רעכט אין רעוואָלוציאָנערן מאַסן־קאַמף. אין די יאָרן פון רעאַקציע, אין די יאָרן פון אָנגריף פונם קאַפּיטאַל האָבן די אַרבעטער ניט געקאָנט פאַרגעסן די דאָזיקע לעקציעס פון 1905־טן יאָר. לענין האָט געבראַכט בריוו פון אַרבעטער, אין וועלכע זיי האָבן, דערציילנדיק וועגן די זיך אויפסניי אָנגעהויבענע אונטערדריקונגען און איזדיעקעגישן מצד

די פאבריקאנטן, געזאָגט: „וואַרט, עס וועט ווידער קומען דאָס 1905-טע יאָר!“.

דער פּאָליטישער גרונט-ציל פון די באָלשעוויקעס איז פארבליבן דער זעלבער, וואָס אין 1905-טן יאָר — אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, דערפירן ביזן סוף די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע, אריבערגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. די באָלשעוויקעס האָבן אויף קיין איין מינוט ניט פארגעסן וועגן דעם דאָזיקן ציל; זיי האָבן פאַרגעזעצט ארויסצורוקן פאר די מאסן די רעוואָליוציאָנערע גרונט-לאָזונגען: א דעמאָקראַטישע רעפּובליק, קאָנפיסקירונג פון דער פּריצ'ישער ערד, און 8-שעה'יקער ארבעטס-טאָג.

די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי האָט אָבער ניט געקאָנט פארבלייבן די זעלבע, וואָס אינם פּעריאָד פון אויפשטייג פון דער רעוואָליוציע פון 1905-טן יאָר. מע האָט ניט געקאָנט, צום ביישפּיל, אין דער נאָענטסטער צייט רופן די מאסן צו אן אלגעמיין-פּאָליטישן שטרייק אָדער צו א באוואָפנטן אויפשטאנד, ווייל מע האָט געהאט פאר זיך א ירידה פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, א גוואַלדיקע מידקייט פונם ארבעטער-קלאַס, און ערנסטע פארשטארקונג פון די רעאַקציאָנערע קלאַסן. די פּאַרטיי האָט ניט געקאָנט זיך ניט רעכענען מיט דער נייער סיטואַציע. די טאַקטיק פון אָנגריף האָט מען געדארפט פארביטן אויף א טאַקטיק פון שוץ, אויף א טאַקטיק פון צונויפזאמלען די כחות, אויף א טאַקטיק פון אָפּפירן די קאַדרען אין אונטערערד און די ארבעט פון דער פּאַרטיי פירן פון דער אונטערערד, אויף א טאַקטיק פון צונויפפּאָרן די אומלעגאַלע ארבעט מיט דער ארבעט אין די לעגאַלע ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

און די באָלשעוויקעס האָבן באוויזן אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאַבע.

„מיר האָבן געקענט לאנגע יאָרן ארבעטן ביז דער רעוואָליוציע. ניט אומזיסט האָט מען אונז אָנגערופן שטיין-הארטע. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן אויסגעבילדעט א פּראָלעטארישע פּאַרטיי, וועלכע וועט ביי זיך ניט אראָפּפאַלן פון דעם, וואָס עס האָט זיך ניט איינגעגעבן דער ערשטער קריגס-אָנדראַנג, וועלכע וועט ניט פארלירן דעם קאָפּ, וועט ניט פארכאַפּט ווערן פון אַוואַנטיורעס“, — האָט געשריבן לענין (לענין, ב. XII, ז. 126, רוסיש).

די באָלשעוויקעס האָבן געקעמפט פאר אייגהיטן און פארפעסטיקן די אומלעגאַלע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס. אין דער זעלבער צייט האָבן אָבער די באָלשעוויקעס געהאַלטן פאר נויטיק אויסצונוצן אַלע לעגאַלע מעגלאַכקייטן, יעטוועדע לעגאַלע געלעגנהייט, וואָס מיט איר הילף וואָלט מען געקאָנט אונטערהאַלטן און איינהיטן די פארבינדונגען מיט די מאסן און פארשטארקן דערמיט גופא די פּאַרטיי.

„דאָס איז געווען א פּעריאָד, ווען אונזער פּאַרטיי האָט זיך א קער געטאָן פון אָפענעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף קעגן דעם צאַריזם צו היני-

טעראָרימיקע וועגן פון קאַמף, צו אויסנוצן אַלע און אַלערליי לעגאַלע מעגלאַכקייטן — פון די פאַרזיכערונגס־קאַסעס ביז דער דומע־טריבונע. דאָס איז געווען אַ פּערזאָד פון צוריקטרעטן, נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך אַרויסגעוויזן צעקלאַפּט אין דער רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר. אָט דער קער האָט פון אונז געפאָדערט צו באַהערשן• נייע מעטאָדן פון קאַמף, כדי, אָנגעמענדיק זיך מיט כחות, ווידער זיך לאָזן אין אַן אָפּע־נעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם צאַריזם" (סטאַלין, סטענאָ־גראַפישער באַריכט פונם XV צוזאַמענפאָר, ז. 366—367, 1935 י., רוסיש).

די גאַנץ־געבליבענע לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען אַ מין צודעק פאַר די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי און אַ מיטל פון פאַרבינדונג מיט די מאַסן. כדי אייַנצוהיטן די פאַרבינדונג מיט די מאַסן, האָבן די באָלשעוויקעס אויסגענוצט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַנדערע לעגאַלע געזעלשאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציעס: די קראַנקן־פאַרזיכערונגס־קאַסעס, די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון, די קלובן און קולטור־געזעלשאַפטן, די פאָלקס־הייַזער. די באָלשעוויקעס האָבן אויסגענוצט די טריבונע פון דער מלוכה־דומע אויף צו דעמאַסקירן די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג, אויף צו דע־מאַסקירן די קאַדעטן, אויף צוציִען די פּויערים אויף דער זייט פונם פּראָלע־טאַריאַט. דאָס אייַנהיטן די אומלעגאַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און דאָס אָנפירן דורך דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע מיט אַלע אַנדערע מינים פּאָליטישער אַרבעט האָבן געזיכערט דער פּאַרטיי די דורכפירונג פון אַ ריכטיקער פּאַרטיי־ליניע, די צוגרייטונג פון קרעפטן צו אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייַג.

די באָלשעוויקעס האָבן פאַרווירקלאַכט זייער רעוואָלוציאָנערע ליניע, קעמ־פנדיק אויף צוויי פראָנטן, קעגן צוויי מינים אָפּאָרטוניזם אין דער פּאַר־טיי: קעגן די ליקווידאַטאָרן, די אָפענע קעגנער פון דער פּאַרטיי, און קעגן די אַזוי גערופענע אָטזאָוויסטן, די פאַרבאָרגענע אומפרייַנט פון דער פּאַרטיי.

לעניִן, די באָלשעוויקעס האָבן געפירט אַן אומ'בשלום'דיקן קאַמף קעגן דער ליקווידאַטאָרייַ פון סאַמע אָנהויב אַנטשטיין פון דער דאָזיקער אָפּאָרטוניסטי־שער שטרעמונג. לעניִן האָט אויפגעוויזן, אַז די ליקווידאַטאָרייַ איז אַן אַגענ־טור פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע אין דער פּאַרטיי.

אין דעצעמבער 1908־טן יאָר איז אין פּאַריז פאָרגעקומען די פינפטע (אַלרוסלענדישע) קאָנפערענץ פון דער ר.ס.ד.א.פּ. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט לויט לענינס פאָרשלאָג פאַראורטיילט די ליקווידאַטאָרייַ, דאָס הייסט, די פּרואוון פון אַ געוויסן טייל פּאַרטייאישע אינטעליגענץ (מענשעוויקעס) צו „ליקווידירן די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציע ר.ס.ד.א.פּ. און פאַרבייטן זי אויף אַ פאָרמלאָזער פאַראייניקונג אין די ראַמען פון לעגאַלקייט אום יעטווידן פּרייַז, אַפילו אויב די לעצטע זאָל געקויפט ווערן פאַרן פּרייַז פון בפירוש אָפּזאָגן

זיך פון דער פּראָגראַם, טאַקטיק און טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי" (די אַל.ק.פּ.(ב.) אין רעזאָליוציעס, טייל I, ז. 128, רוסיש).

די קאָנפערענץ האָט גערופן אַלע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס צו אַן אַנטשיי-דענעם קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרישע פּרוּוון.

די מענשעוויקעס האָבן זיך אָבער ניט אונטערגעוואָרפן דעם דאָזיקן באַשלוס פון דער קאָנפערענץ און האָבן זיך אַלץ מער אַראָפּגעקײַקלט אויפן וועג פון ליקווידאַטאָרנטע, פון פאַרראַטן די רעוואָליוציע, פון דערנעענטערן זיך מיט די קאַדעטן. די מענשעוויקעס האָבן זיך אַלץ אָפענער אָפּגעזאָגט פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראָגראַם פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, פון דער פאָדערונג פון א דעמאָקראַטישער רעפּובליק, פון אן 8-שעה'יקן ארבעטס-טאָג, פון קאָנפיסקירן די פּריצ'ישע ערד. פאר דעם פּרײַז פון אָפּזאָגן זיך פון דער פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער פּאַרטיי האָבן די מענשעוויקעס געוואָלט באַקומען פון דער צארישער רעגירונג א דערלויבעניש אויף דער עקזיסטענץ פון אן אָפענער, לעגאַלער, כלומר'שט „ארבעטער"-פּאַרטיי. די מענשעוויקעס זײַנען גרייט געווען שלום מאַכן מיטן סטאָליפּינישן רעזשים, צופּאַסן זיך צו אים. דעריבער האָט מען די ליקווידאַטאָרן אָנגערופן אויך „סטאָליפּינישע ארבעטער-פּארטיי".

גלײַכצײַטיק מיטן קאַמף קעגן די אָפענע קעגנער פון דער רעוואָליוציע — די ליקווידאַטאָרן, וואָס בראש פון זיי זײַנען געשטאַנען: דאַן, אַקסעלראָד, פּאָטרעסאָוו, דערבײַ האָבן זיי געהאָלפן מאַרטאָוו, טראָצקי און אַנדערע מענשעוויקעס, — האָבן די באָלשעוויקעס אויך געפירט אן אומ'בשלום'דיקן קאַמף קעגן די פאַרבאָרגענע ליקווידאַטאָרן, קעגן די אָטזאָוויסטן, וואָס האָבן זייער אָפּאָרטוניזם מאַסקירט מיט א „לינקער" פראַזע. מיטן נאָמען אָטזאָוויסטן האָט זיך אָנגעהויבן רופן א טייל געוועזענע באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געפאָדערט אָפּצורופן די ארבעטער-דעפּוטאַטן פון דער מלוכה-דומע און בכלל אָפּשטעלן יעטווידע ארבעט אין די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אין יאָר 1908 האָט א טייל באָלשעוויקעס גענומען פאָדערן, מע זאָל אָפּרופן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן פון דער מלוכה-דומע. דערפון שטאַמט דער נאָמען „אָטזאָוויסטן" (אָפּרופלער). די אָטזאָוויסטן האָבן געבילדעט זייערע א באַזונדערע גרופּע (באָגדאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי, אַלעקסינסקי, פּאָקראָווסקי, בובנאָוו און אַנדערע), וועלכע האָט אָנגעהויבן א קאַמף קעגן לעענינען און דער לעענינישער ליניע. די אָטזאָוויסטן האָבן זיך אַנטשיידן אָפּגעזאָגט צו ארבעטן אין די פּראָפעסיאָנעלע ארבעטער-פאַראיינען און אין אַנדערע לעגאַלע געזעלשאַפטן. דערמיט האָבן זיי געבראַכט גרויס שאָדן דער ארבעטער-זאַך. די אָטזאָוויסטן האָבן געוואָלט די פּאַרטיי אָפּרײַסן פון אַרבעטער-קלאַס, האָבן געוואָלט אָפּנעמען אירע פאַרבינדונגען מיט די אומפּאַרטייאישע מאַסן, האָבן געוואָלט זיך פאַרשליסן אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע און צוזאַמען דערמיט זי שטעלן אונטער א קלאַפּ, אָפּנעמענדיק

די מעגלאכקײַט אויסצונוצן די לעגאַלע צודעקן. די אָטזאָוויסטן האָבן ניט פארשטאַנען, אַז אין דער מלוכה־דומע און דורך איר קאָנען די באָלשעוויקעס ווירקן אויפן פּויערטום, קאָנען דעמאַסקירן די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג, די פּאָליטיק פון די קאַדעטן, וועלכע האָבן אויף אַ שווינדלערישן אופן זיך באַמיט אָוועקפירן נאָך זיך דאָס פּויערטום. די אָטזאָוויסטן האָבן געשטערט צונויפזאַמלען די כחות פאַר אַ נײַעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטײַג.

די אָטזאָוויסטן זײַנען דעריבער געווען „ליקווידאַטאָרן אויף דער לינקער זײַט“— זיי האָבן זיך באַמיט ליקווידירן די מעגלאכקײַט פון אויסנוצן די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס און האָבן זיך פאַקטיש אָפּגעזאָגט פון דער פּראָלעטאַרישער אָנפירונג מיט די ברייטע אומפּאַרטייאישע מאַסן, זיך אָפּגעזאָגט פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

די באַראַטונג פון דער פאַרברייטערטער רעדאַקציע פון דער באָלשעוויסטישער צײַטונג „פּראָלעטאַרי“, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אין 1909־טן יאָר אויף צו באַהאַנדלען די אויפפירונג פון די אָטזאָוויסטן, האָט פאַראורטיילט די אָטזאָוויסטן. די באָלשעוויקעס האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן ניט קיין שום געמיינזאַמס מיט די אָטזאָוויסטן, און האָבן זיי אויסגעשלאָסן פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע.

סאַי די ליקווידאַטאָרן, סאַי די אָטזאָוויסטן זײַנען סך־הכל געווען ניט מער, ווי קליינבירגערלאַכע מיטלויפער פונם פּראָלעטאַריאַט און פון זײַן פּאַרטיי. אין אַ מאָמענט אַ שווערן פאַרן פּראָלעטאַריאַט האָבן די ליקווידאַטאָרן און די אָטזאָוויסטן באַזונדערס באַשײַמפּערלאַך באַוויזן זייער עכט פּנים.

## 4. דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן דעם טראָצקיזם. דער אַנטיפּאַרטייאישער אויגוסט־בלאָק.

אין דער צײַט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן געפירט אַן אומ׳בשלום׳דיקן קאַמף אויף צוויי פראָנטן — קעגן די ליקווידאַטאָרן און אָטזאָוויסטן — פאַר אַן אויסגעהאַלטענער ליניע פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, האָט טראָצקי געשטיצט די מענשעוויקעס—ליקווידאַטאָרן. טאַקע אין די דאָזיקע יאָרן האָט אים לענין אָנגערופן „יודושקאַ טראָצקי“. טראָצקי האָט אָרגאַניזירט אין ווין (עסטרײַך) אַ ליטעראַרישע גרופּע און האָט גענומען אַרויסגעבן אַן „אויסער־פראַקציאָנעלע“, אינדער׳אמת׳ן אָבער אַ מענשעוויסטישע, צײַטונג. לענין האָט דעמאָלט אַזוי געשריבן וועגן טראָצקין: „טראָצקי האָט זיך גענומען פירן, ווי אַ העכסט נידערטרעכטיקער קאַריעריסט און פראַקציאָנער... ער פּלוידערט וועגן דער פּאַרטיי, און פירט ער זיך אויף ערגער פון אַלע אַנדערע פראַקציאָנערן“.

שפּעטער, אין יאָר 1912, איז טראָצקי געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם אויגוסט־בלאָק, דאָס הייסט, פון דעם בלאָק פון אַלע אַנטיבאָלשעוויסטישע

גרופּעס און שטרעמונגען קעגן לענינען, קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אין אָט דעם צום באָלשעוויזם פײַנטלאַכן בלאָק האָבן זיך פאַראייניקט אי די ליקווידאַטאָרן, אי די אָטזאָוויסטן, האָבנדיק דערמיט דערוויזן זייער קרוב׳ע־שאַפט. טראָצקי און די טראָצקיסטן האָבן אין אַלע גרונט־פראַגן פאַרנומען א ליקווידאַטאָרישע פּאָזיציע. נאָר די ליקווידאַטאָרן זײַנען האָט טראָצקי מאַס־קירט מיט צענטריזם, דאָס הייסט מיט שלום־מאַכערײַ, באַהויפּטנדיק, אַז ער שטייט אויסער די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס און וויל זיך כלומר׳שט דער־שלאָגן א שלום צווישן זיי. לענין האָט מכּה דעם געזאָגט, אַז טראָצקי איז נידערטרעכטיקער און שעדלאַכער פון די אָפענע ליקווידאַטאָרן, ווײַל ער נאַרט אָפּ די ארבעטער, אַז ער שטייט כלומר׳שט „אויסער פראַקציעס“, אינדער־אמת׳ן אָבער שטיצט ער פולשטענדיק די מענשעוויקעס—ליקווידאַטאָרן. דער טראָצקיזם איז געווען די הויפּט־גרופּע, וואָס האָט געפּלאַנצט צענטריזם.

„דער צענטריזם, — שרײַבט חבר סטאַלין, — איז א באַגריף א פּאָליטישער. זײַן אידעאָלאָגיע איז די אידעאָלאָגיע פון צופּאַסלערײַ, די אידעאָלאָגיע פון אונטערוואַרפן די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן צו די אינטערעסן פונם קליינבירגערטום אינם באַשטאַנד פון איין אַלגעמיינער פּאַרטיי. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז פרעמד און דערווידער דעם לענינעיזם“ (סטאַלין, פראַגן פון לענינעיזם, ז. 379, 9־טע אויפלאַגע, רוסיש).

אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָבן זיך קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, ריקאָוו אַרויס־געוויזן פּאַקטיש אַלס פאַרבאָרגענע אַגענטן פון טראָצקין, ווײַל זיי האָבן אים ניט זעלטן אַרויסגעוויזן הילף קעגן לענינען. בײַ דער מיטהילף פון זינאָוויעוון, קאַמעניעוון, ריקאָוון און אַנדערע פאַרבאָרגענע פאַרבינדעטע פון טראָצקין איז טראָץ לענינען אין יאַנואַר 1910־טן יאָר צונויפגערופן געוואָרן א פּלע־נום פונם צ.ק. צו דער דאָזיקער צײַט האָט זיך דער באַשטאַנד פונם צ.ק. אין רעזולטאַט פון די אַרעסטן פון א ריי באָלשעוויקעס געענדערט, און די זיך וואַקלענדיקע עלעמענטן האָבן באַקומען א מעגלאַכקײַט דורכצופירן אַנטי־לענינישע באַשלוסן. אַזוי, אַשטייגער, איז אויף דעם דאָזיקן פּלענום באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרמאַכן די באָלשעוויסטישע צײַטונג „פּראָלעטאַרי“ און געבן געלט־שטיצע טראָצקיס צײַטונג „פּראַוודא“, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין ווין. קאַמעניעוו איז אַרײַן אין דער רעדאַקציע פון טראָצקיס צײַטונג און האָט צוזאַמען מיט זינאָוויעוון געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען טראָצקיס צײַטונג אין אן אָרגאַן פונם צ.ק.

בלויז לויט לענינס קאַטעגאָרישער פאָדערונג האָט דער יאַנואַר־פּלענום פונם צ.ק. אָנגענומען א באַשטימונג וועגן פאַראורטיילן די ליקווידאַטאָרײַ און דעם אָטזאָוויזם; נאָר אויך דאָ זײַנען זינאָוויעוו און קאַמעניעוו באַשטאַ־נען אויפן טראָצקיסטישן פאָרשלאָג, מע זאָל ניט אָנרופן די ליקווידאַטאָרן בײַ זייער אמת׳ן נאָמען.

עס האָט זיך באקומען אזוי, ווי לענין האָט דאָס פאָראויסגעזעען און געוואָרנט: בלויז די באָלשעוויקעס האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דעם באשלוס פונם פלענום פון צ.ק., האָבן פארמאכט זייער אָרגאן „פראָלעטארי“; די מענשעוויקעס אָבער האָבן פאָרגעזעצט ארויסצוגעבן זייער פראקציאָנעלן ליקווידאטאָרישן „גאָלאָס סאָציאל־דעמאָקראטא“ (די שטים פונם סאָציאל־דעמאָקראט).

לענינס פאָזיציע האָט פולשטענדיק געשטיצט חבר סטאלין, וועלכער איז ארויסגעטראָטן אינם נומ. 11 פונם „סאָציאל־דעמאָקראט“ מיט א ספעציעלן ארטיקל. אין דעם דאָזיקן ארטיקל איז פאראורטיילט געוואָרן די אויפפירונג פון די מיטהעלפער פונם טראָצקיזם, עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער נויטיקייט צו ליקווידירן די אומנאָרמאלע לאגע, וואָס האָט זיך געשאפן אין דער באָלשעוויסטישער פראקציע מחמת דער פאררעטערישער אויפפירונג פון קאמעניעוון, זינאָוויעוון, ריקאָוון. אינם ארטיקל זיינען ארויסגערוקט געוואָרן די אָרדנטלאכע אויפגאבעס, וואָס זיינען שפעטער פארווירקלאכט געוואָרן אויף דער פראגער פארטיי־קאָנפערענץ: צונויפרופן אן אלגעמיין־פארטייאישע קאָנפערענץ, ארויסגעבן א לעגאלע פארטיי־צייטונג און שאפן אן אומלעגאלן פראקטישן פארטיי־צענטער אין רוסלאנד. חבר סטאלינס ארטיקל האָט זיך באזירט אויף די באשלוסן פונם באקוער קאָמיטעט, וועלכער האָט דורכאויס געשטיצט לענינען.

אין קעגנגעוויכט צו טראָצקיס אנטיפארטייאישן אויגוסט־בלאָק, וואוהין עס זיינען אריינגעגאנגען אויסשליסלאך אנטיפארטייאישע עלעמענטן פון די ליקווידאטאָרן און טראָצקיסטן ביז די אָטזאָוויסטן און גאָטבויער, איז געשאפן געוואָרן א פארטייאישער בלאָק פון די אָנהענגער פון איינהייט און פארפעסטיקן די אומלעגאלע פראָלעטארישע פארטיי. אין דעם דאָזיקן בלאָק זיינען אריינגעגאנגען די באָלשעוויקעס בראש מיט לענינען און א קליינע צאָל מענשעוויקעס—פארטייער בראש מיט פלעכאנאָוון. פארבלייבנדיק אין א ריי פראגן אויף מענשעוויסטישע פאָזיציעס, האָבן פלעכאנאָוו און זיין גרופע פארטייער—מענשעוויקעס זיך אנטשיידן אָפגעגרענעצט פונם אויגוסט־בלאָק און פון די ליקווידאטאָרן און גענומען זיך דערשלאָגן א פארשטענדיקונג מיט די באָלשעוויקעס. לענין האָט אָנגענומען פלעכאנאָווס פאָרשלאָג און איז געגאנגען אויף א צייטווייליקן בלאָק מיט פלעכאנאָוון קעגן די אנטיפארטייאישע עלעמענטן, ארויסגייענדיק דערפון, אז אזא בלאָק לוינט פאר דער פארטיי און איז אן אומקום פאר די ליקווידאטאָרן.

חבר סטאלין האָט פולשטענדיק געשטיצט דעם דאָזיקן בלאָק. ער איז געווען אין דער דאָזיקער צייט אין פארשיקונג. אין א בריוו צו לענינען פון פארשיקונג האָט חבר סטאלין געשריבן:

„לויט מיין מיינונג איז די ליניע פונם בלאָק (לענין — פלעכאנאָוו) די איינציק ריכטיקע: 1) זי, און בלויז זי, אנטשפרעכט די ווירקלאכע אינטערעסן פון דער ארבעט אין רוסלאנד, וואָס פאָדערן צו באהעפטן

אלע ווירקלאך-פּארטייאישע עלעמענטן; 2) זי, און בלויז זי, פארגיכערט דעם פּראָצעס פון דער באפרייאונג פון די לעגאלע אָרגאניזאציעס פון אונטערן דרוק פון די ליקווידאטאָרן, אויסגראָבנדיק א גרוב צווישן די ארבעטער מעקעס * און די ליקווידאטאָרן, צעזייענדיק און אוועקהארגענענדיק די לעצטע" (זאמלונג „לענין און סטאלין", ב. I, ז. 529—530, רוסיש).

אדאנק דער געניטער צונויפּפאָרונג פון דער אונטערערדישער ארבעט מיט דער לעגאלער ארבעט האָט זיך די באָלשעוויקעס איינגעגעבן צו ווערן אָן ערנסטע קראפט אין די אָפענע ארבעטער-אָרגאניזאציעס. דאָס האָט זיך, אגב, געלאָזט פילן אין דעם ערנסטן איינפלוס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געהאט אויף די ארבעטער-גרופּעס פון די פיר לעגאלע צוזאמענפאָרן — פון די פאָלקס-אוניווערזיטעטן, פונם פרויען-צוזאמענפאָר, פון די פאבריק-זאוואָדישע דאָקטוירים און פונם אנטיאלקאָהאָל-צוזאמענפאָר, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן פעריאָד. די ארויסטרעטונגען פון די באָלשעוויקעס אויף די דאָזיקע לעגאלע צוזאמענפאָרן האָבן געהאט א גרויסע פּאָליטישע באדייטונג, האָבן געפונען אָן אָפּקלאנג אינם גאנצן לאנד. ארויסטרעטנדיק, צום ביישפּיל, אויפן צוזאמענפאָר פון די פאָלקס-אוניווערזיטעטן, האָט די באָלשעוויסטישע ארבעטער-דעלעגאציע דעמאסקירט די פּאָליטיק פונם צאריזם, וועלכער האָט געשטיקט יעטווידע קולטור-ארבעט, און זי האָט אויפגעוויזן, אז אָן דער ליקווידירונג פונם צאריזם איז ניט דענקבאר קיין עכטער קולטור-אויפשטייג אינם לאנד. ארויסטרעטנדיק אויפן צוזאמענפאָר פון די פאבריק-זאוואָדישע דאָקטוירים, האָט די ארבעטער-דעלעגאציע דערציילט וועגן די שוידערלאכע סאניטארע באדינגונגען, אין וועלכע די ארבעטער קומט אויס צו ארבעטן און לעבן, און איז געקומען צום אויספיר, אז אָן אראָפּווארפן די צארישע אָרדענונג קאָן ווי געהעריק ניט אוועקגעשטעלט ווערן די פאבריק-מעדיצין.

די באָלשעוויקעס האָבן ביסלאכוויין ארויסגעשטויסן די ליקווידאטאָרן פון די פארשיידענע גאנץ-געבליבענע לעגאלע אָרגאניזאציעס. די אייגנארטיקע טאקטיק פון אייניקייטס-פראָנט מיט דער פּלעכאנאָווישער פּארטיי-גרופּע האָט געגעבן די באָלשעוויקעס א מעגלעכקייט צו דעראָבערן א ריי מענשעוויסטישע ארבעטער-אָרגאניזאציעס (וויבאָרגער ראיאָן, יעקאטערינאָסלאוו און אנד.).

אין אָט דעם שווערן פעריאָד האָבן די באָלשעוויקעס מיט זייער ארבעט געוויזן א מוסטער, וויאזוי מע דארף צונויפפאָרן די לעגאלע ארבעט מיט דער אומלעגאלער.

* מעקעס — א פארקירצטער נאָמען פון די מענשעוויקעס. — רעד.

## 5. די פּראַגער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין יאָר 1912. די אויספּאַרעמונג פון די באָלשעוויקעס אין א זעלבסטשטענדיקער מארקסיסטישער פּאַרטיי.

דער קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן און אָטזאָוויסטן, ווי אויך דער קאַמף קעגן די טראָצקיסטן, האָט אוועקגעשטעלט פאַר די באָלשעוויקעס א לעבנס־נויטיקע אויפגאַבע — באַהעפטן אינאיינעם אַלע באָלשעוויקעס און אויספאָרעמען זיי אין א זעלבסטשטענדיקער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דאָס איז געווען דרינגלאַך נויטיק ניט בלויז צוליב דעם, כדי מאַכן א סוף צו די אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגען אין דער פּאַרטיי, וואָס האָבן געשפּאָלטן דעם ארבעטער־קלאַס. דאָס איז נויטיק געווען צו טאָן אויך צוליב דעם, כדי צו דערפירן ביזן סוף די זאַך פון צונויפזאַמלען די כחות פונם ארבעטער־קלאַס און צוגרייטן דעם ארבעטער־קלאַס צום נײַעם רעוואָליוציאָנערן אויפשטײַג.

נאָר כדי אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאַבע, איז פריער פאַר אַלץ נויטיק געווען די פּאַרטיי אָפּרייניקן פון די אָפּאָרטוניסטן, פון די מענשעוויקעס.

אצינד האָט שוין קיינער פון די באָלשעוויקעס ניט געצווייפלט דערין, אז דאָס ווײַטערדיקע פאַרבלײַבן פון די באָלשעוויקעס אין איין פּאַרטיי מיט די מענשעוויקעס איז געוואָרן ניט דענקבאַר. די פאַררעטערישע אויפפירונג פון די מענשעוויקעס אינם פעריאָד פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע, זייערע פּרוּוון צו ליקווידירן די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי און אָרגאַניזירן א נײַע, א רעפאָרמיסטישע פּאַרטיי — האָבן געמאַכט פאַר אומפאַרמײַדלאַך אן אײַנרײַס מיט זיי. געפינענדיק זיך אין איין פּאַרטיי מיט די מענשעוויקעס, האָבן די באָלשעוויקעס אזוי אָדער אנדערש גענומען אויף זיך די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלאַכקײַט פאַר דער אויפפירונג פון די מענשעוויקעס. נעמען אָבער אויף זיך די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלאַכקײַט פאַר דעם אָפענעם פאַרראַט פון די מענשעוויקעס, איז שוין געוואָרן ניט דענקבאַר, אויב די באָלשעוויקעס האָבן ניט געוואָלט אַליין ווערן קיין פאַררעטער פון דער פּאַרטיי און פונם ארבעטער־קלאַס. די איינהײַט מיט די מענשעוויקעס אין די ראַמען פון איין פּאַרטיי האָט, אזוי־ארום, גענומען אריבערוואַקסן אין א פאַרראַט בנוגע דעם ארבעטער־קלאַס און זײַן פּאַרטיי. דעריבער איז נויטיק געווען צו דערפירן דעם פאַקטישן אײַנרײַס מיט די מענשעוויקעס ביזן סוף, דערפירן ביז א פאָרמעל־אָרגאַניזאַציאָנעלן אײַנרײַס מיט זיי און ארויסטרײַבן די מענשעוויקעס פון דער פּאַרטיי.

בלויז אויף דעם דאָזיקן וועג האָט מען געקאָנט ווידער־אויפשטעלן די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט מיט אן איינהײַטלאַכער פּראָגראַם, מיט אן איינהײַטלאַכער טאַקטיק, מיט אן איינהײַטלאַכער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע.

בלויז אויף דעם דאָזיקן וועג האָט מען געקאָנט אײַנשטעלן די ווירקלאַכע

(און ניט בלויז פאָרמעלע) פארטיי-איינהייט, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך די מענשעוויקעס.

די דאָזיקע אויפגאבע האָט געדארפט אויספילן די זעקסטע אלגעמיין-פארטייאישע קאָנפערענץ, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געגרייט.

די דאָזיקע אויפגאבע איז אָבער געווען בלויז איין זייט פון דער זאך. א פאָרמעלער אײנרײַם מיט די מענשעוויקעס און די אויספורעמונג פון די באָלשעוויקעס אין א באזונדערער פארטיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט, פארשטייט זיך, זייער א וויכטיקע פאָליטישע אויפגאבע. פאר די באָלשעוויקעס איז אָבער געשטאנען נאָך א צווייטע, א מער וויכטיקע, אויפגאבע. די אויפגאבע איז באשטאנען ניט בלויז דערין, אז מע זאָל אײנרײַסן מיט די מענשעוויקעס און אויספורעמען זיך אין א באזונדערער פארטיי, נאָר, פריער פאר אלץ, דערין, אז, האָבנדיק אײַנגעריסן מיט די מענשעוויקעס, זאָל מען שאפן א נײַע פארטיי, שאפן א פארטיי פון א נײַעם טיפּ, וואָס שיידט זיך אונטער פון די געוואוינלאכע סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטייען פון מערב, א פרײַע פון אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן, א פייאיקע צו פירן דעם פּראָלעטאריאט צום קאמף פאר מאכט.

קעמפנדיק קעגן די באָלשעוויקעס, האָבן אלע מענשעוויקעס, אָן אונטערשייד פון שאטירונגען, פון אקסעלראָד און מארטינאָוו ביז מארטאָוו און טראָצקין, — כסדר באנוצט דאָס געווער, וואָס איז גענומען געוואָרן פונם אורסענאל פון די מערב-אייראָפּעאישע סאָציאל-דעמאָקראטן. זיי האָבן געוואָלט האָבן אין רוסלאנד פונקט אזא מין פארטיי, ווי, לאָמיר זאָגן, די דײַטשישע אָדער די פראנצויזישע סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטיי. דערפאר טאקע האָבן זיי געקעמפט קעגן די באָלשעוויקעס, ווײַל זיי האָבן געשפירט אין זיי עפּעס נײַעס, אומגעוואוינלאכס, אזוינס, וואָס אונטערשיידט זיך פון דער סאָציאל-דעמאָקראטיע פון מערב. און וואָס האָבן מיט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט די סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטייען פון מערב? א געמיש, א צונויפמישאכץ פון מארקסיסטישע און אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן, פון פרײַנט און קעגנער פון דער רעוואָליוציע, פון אָנהענגער און קעגנער פון פארטייאישקײַט — מיט א בהדרגה'דיקער אידייאישער שלום-מאכערײַ צווישן די ערשטע מיט די לעצטע, מיט א בהדרגה'דיק-פאקטישן אונטערווארפן זיך מצד די ערשטע צו די לעצטע. מאכן שלום מיט די אָפּאָרטוניסטן, מיט די פאררעטער פון דער רעוואָליוציע, — צוליב וואָס? — האָבן די באָלשעוויקעס געפרעגט בײַ די מערב-אייראָפּעאישע סאָציאל-דעמאָקראטן. צוליב „פרידן אין דער פארטיי", צוליב „איינהייט" — האָט מען געענטפערט די באָלשעוויקעס. אן איינהייט מיט וועמען, מיט די אָפּאָרטוניסטן? יאָ, — האָבן זיי געענטפערט, — מיט די אָפּאָרטוניסטן. ס'איז קלאָר געווען, אז אזוינע פארטייען קאָנען ניט זײַן קיין רעוואָליוציאָנערע פארטייען.

די באָלשעוויקעס האָבן ניט געקאָנט ניט זען, אז נאָך ענגעלסעס טויט

האָבן די מערב-אייראָפּעאישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען געגומען איבערגעבוירן ווערן פון פּאַרטייען פון סאָציאַלער רעוואָליוציע אין פּאַרטייען פון „סאָציאַלע רעפאָרמען“, און יעדע פון די דאָזיקע פּאַרטייען איז, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַן אָנפירנדיקער קראַפט אין אַ צוגאָב צו איר אייגענער פּאַרלאַמענט-גרופּע.

די באָלשעוויקעם האָבן ניט געקאָנט ניט וויסן, אַז פון אַזאַ פּאַרטיי וועט קיין געזונטס ניט צוקומען דעם פּראָלעטאַריאַט, אַז אַזאַ פּאַרטיי איז ניט פּייאיק צו פירן דעם אַרבעטער-קלאַס אויף אַ רעוואָליוציע.

די באָלשעוויקעם האָבן ניט געקאָנט ניט וויסן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף האָבן ניט אַזאַ פּאַרטיי, נאָר אַן אַנדערע, אַ נײַע, אַן עכטע מאַרקסיסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זײַן אומ'בשלום'דיק בנוגע די אָפּאָרטוניסטן און רעוואָליוציאָנער בנוגע דער בורזשואַזיע, וואָס זאָל זײַן פעסט באַהעפט און מאָנאָליטיש, וואָס זאָל זײַן אַ פּאַרטיי פון סאָציאַלער רעוואָליוציע, אַ פּאַרטיי פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

די באָלשעוויקעם האָבן געוואָלט בײַ זיך האָבן גראָד אַזאַ מין פּאַרטיי, אַ נײַע פּאַרטיי. און די באָלשעוויקעם האָבן געבויט, געגרייט אַזאַ פּאַרטיי. די גאַנצע געשיכטע פונם קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן“, מענשעוויקעם, טראָצקיסטן, אָטזאָוויסטן, אידעאַליסטן פון אַלע קאָלירן ביז די עמפּיריאָקריטיקער אײַנגעשלאָסן, — איז געווען אַ געשיכטע פון צוגרייטן גראָד אַזאַ מין פּאַרטיי. די באָלשעוויקעם האָבן געוואָלט שאַפן אַ נײַע, אַ *באָלשעוויסטישע* פּאַרטיי, וועלכע איז פּייאיק צו זײַן אַ מוסטער פאַר אַלע די, וואָס האָבן געוואָלט האָבן אַן עכטע רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטישע פּאַרטיי. די באָלשעוויקעם האָבן געגרייט אַזאַ פּאַרטיי שוין פון דער צײַט פון דער אַלטער „איסקראַ“. זיי האָבן זי געגרייט עקשנות'דיק, אײַנגעשפּאַרט, ניט געקוקט אויף גאָרניט. די גרינטלעכע און אַנטשיידנדיקע ראָלע האָבן אין אָט דער צוגרייטונגס-אַרבעט געשפּילט אַזעלכע ווערק לענינס, ווי „וואָס דאַרף מען טאָן?“, „צוויי טאַקטיקעס“ און א. וו. לענינס בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?“ איז געווען די *אידעאָלאָגישע* צוגרייטונג פון אַזאַ פּאַרטיי. לענינס בוך „אַ טראָט פאָראויס, צוויי טריט צוריק“ איז געווען די *אָרגאַניזאַציאָנעלע* צוגרייטונג פון אַזאַ פּאַרטיי. לענינס בוך „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע“ איז געווען די *פּאָליטישע* צוגרייטונג פון אַזאַ פּאַרטיי. ענדלאַך, לענינס בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם“ איז געווען די *טעאָרעטישע* צוגרייטונג פון אַזאַ פּאַרטיי.

מע קאָן מיט זיכערקײַט זאָגן, אַז קיינמאָל נאָך אין דער געשיכטע איז קיין איין פּאָליטישע גרופּע ניט געווען אַזוי גרינטלאַך צוגעגרייט צום אויספורעמען זיך אין אַ פּאַרטיי, ווי די באָלשעוויסטישע גרופּע.

בײַ די דאָזיקע באַדינגונגען האָט די אויספורעמונג פון די באָלשעוויקעם

אין א פאַרטיי פאַרגעשטעלט מיט זיך א פולשטענדיק גרייטע און רייף־גע־וואַרענע זאַך.

די אויפגאַבע פון דער זעקסטער פאַרטיי־קאָנפערענץ איז באַשטאַנען אין באַקרוינען די שוין גרייטע זאַך מיטן אַקט פון אַרויסטרײַבן די מענשעוויקעס און פון אויספורעמען די נײַע פאַרטיי, די פאַרטיי באָלשעוויקעס.

די זעקסטע אַלרוסלענדישע פאַרטיי־קאָנפערענץ איז פאַרגעקומען אין פּראַג אין יאַנואַר 1912־טן יאָר. העכער 20 פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זײַנען גע־ווען פאַרטראָטן אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ. זי האָט פאָרמעל געהאַט דעריבער די באַדײַטונג פון א פאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

אין דער מיטטיילונג וועגן דער קאָנפערענץ, וואָס האָט געגעבן צו וויסן וועגן דער אויפשטעלונג פונם צעשטערטן צענטראַלן אַפּאַראַט פון דער פאַרטיי, וועגן דער שאַפונג פון א צ.ק. פון דער פאַרטיי, האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז די יאָרן פון רעאַקציע זײַנען פאַר דער פאַרטיי די סאַמע שווערע יאָרן, זינט די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אויסגעבילדעט ווי א באַ־שטימטע אָרגאַניזאַציע. ניט געקוקט אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, אויף די שווע־רע קלעפּ פון אויסן, אויפן פאַרראַט און די וואַקלונגען פון די אָפּאָרטוניסטן אינעווייניק אין דער פאַרטיי, האָט די פאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט אײַנגעהיט איר פאָן און איר אָרגאַניזאַציע.

„ס'איז גאַנץ געבליבן ניט בלויז די פאָן פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איר פּראָגראַם, אירע רעוואָלוציאָנערע געבאָטן, ס'איז גאַנץ גע־בליבן איר אָרגאַניזאַציע, וואָס עס האָבן זי געקאָנט אונטעררײַסן און אָפּשוואַכן, נאָר ניט געקאָנט אָפּמעקן ביזן גרונט קיינע שום פאַרפאָלגונגען"—איז געזאָגט געוואָרן אין דער מיטטיילונג פון דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ האָט פאַרצייכנט די ערשטע סימנים פון א נײַעם אויפ־שטײַג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און אַן אויפלעבונג פון דער פאַרטיי־אַרבעט.

לויט די פאַרטראָגן פון די ערטער האָט די קאָנפערענץ קאָנסטאַטירט, אַז „אומעטום אויף די ערטער ווערט צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַר־בעטער געפירט אן ענערגישע אַרבעט צו פאַרפעסטיקן די אָרטיקע אומלעגאַ־לע ס.־ד. אָרגאַניזאַציעס און גרופּן".

די קאָנפערענץ האָט פאַרצייכנט, אַז אויף די ערטער איז אומעטום אָנער־קענט געוואָרן דער וויכטיקסטער כּלל פון דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק אינעם פּעריאָד פון צוריקטרעטן — דער כּלל וועגן צונויפפאָרן די אומלעגאַלע אַרבעט מיט דער לעגאַלער אין פאַרשיידענע לעגאַלע אַרבעטער־געזעלשאַפטן און פאַראייגען.

די פּראַגער קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט א באָלשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. אין באַשטאַנד פון דעם דאָזיקן צ.ק. זײַנען אַרײַנ־געגאַנגען לענין, סטאַלין, אָרדזשאָניקידזע, סווערדלאָוו, ספּאַנדאַריאַן, גאָלאָ־

שטשאָקין און אנדערע. די חברים סטאַלין און סווערדלאָוו זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן אין צ.ק. אונטער די אויגן, ווײַל זיי זײַנען געווען אין פארשיקונג. צווישן די קאנדידאטן פונם צ.ק. איז אויסגעוויילט געוואָרן חבר קאַלינין.

ס'איז געשאפן געוואָרן א פראקטישער צענטער אויף אָנצופירן מיט דער רעוואָליוציאָנערער ארבעט אין רוסלאנד (א רוסישע ביוראָ פונם צ.ק.) בראש מיט חבר סטאַלין. אין דער רוסישער ביוראָ פונם צ.ק. זײַנען, חוץ חבר סטאַלין, ארײַנגעגאנגען די חברים יא. סווערדלאָוו, ס. ספּאנדאריאן, ס. אָרדזשאָניקידזע, מ. קאַלינין, גאָלאָשטשאָקין.

די פּראגער קאָנפערענץ האָט אונטערגעצויגן דעם סך-הכל פונם גאנצן פּאָריקן קאמף פון די באָלשעוויקעס קעגן דעם אָפּאָרטוניזם און האָט באַשטימט ארויסצוטרײַבן פון דער פּארטיי די מענשעוויקעס.

ארויסגעטריבן די מענשעוויקעס פון דער פּארטיי, האָט די פּראגער קאָנפערענץ אויסגעפורעמט די זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי.

צעשמעטערט אידייאיש און אָרגאַניזאַציאָנעל די מענשעוויקעס, ארויסגעטריבן זיי פון דער פּארטיי, האָבן די באָלשעוויקעס אײַנגעהיט פאר זיך די אַלטע פאָן פון דער פּארטיי — ר.ס.ד.א.פּ. דעריבער האָט די פּארטיי באָלשעוויקעס ביזן 1918-טן יאָר פאָרגעזעצט זיך אָנצורופן רוסלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע ארבעטער-פּארטיי מיטן צוגאָב אין קלאַמערן — „באָלשעוויקעס".

לענין האָט געשריבן צו גאָרקין וועגן די סך-הכל'ען פון דער פּראגער קאָנפערענץ אין אָנהויב 1912-טן יאָר:

„ענדלאך האָט זיך אײַנגעגעבן — טראָץ די ליקווידאטאָרישע אויסוואורפן—ווידער-אויפלעבן די פּארטיי און איר צענטראַל-קאָמיטעט. איך האָף, אז איר וועט זיך פרייען דערמיט צוזאמען מיט אונז" (לענין, ב. XXIX, ז. 19, רוסיש).

אָפּשאצנדיק די באדײַטונג פון דער פּראגער קאָנפערענץ, זאָגט חבר סטאַלין:

„די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט געהאַט די גרעסטע באדײַטונג אין דער געשיכטע פון אונזער פּארטיי, ווײַל זי האָט אײַנגעשטעלט א גרענעץ צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס און האָט פאראייניקט די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס אינם גאנצן לאַנד אין אַן אייניטלעכער באָלשעוויסטישער פּארטיי" (סטענאָגראַפישער באריכט פונם XV צוזאמענפאָר פון דער אל.ק.פּ.(ב.), ז. 361—362, רוסיש).

נאָכן ארויסטרײַבן די מענשעוויקעס און דער אויספורעמונג פון די באָלשעוויקעס אין א זעלבסטשטענדיקער פּארטיי איז די פּארטיי באָלשעוויקעס געוואָרן פעסטער און שטארקער. די פּארטיי פארפעסטיקט זיך דערמיט, וואָס זי רייניקט זיך אָפּ פון אָפּאָרטוניסטישע עלע-

מענטן — דערין איז איינער פון די לאָזונגען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אַלס אַ פּאַרטיי פון אַ נייעם טיפּ, וועלכע איז פּרינציפּיעל אַנדערש, ווי די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אָנגרופנדיק זיך אויפן וואָרט מאַרקסיסטישע, האָבן די פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פאַקטיש געדולדעט אין זייער סביבה קעגנער פונם מאַרקסיזם, אָפענע אָפּאָרטוניסטן, און זיי האָבן זיי געלאָזט צעלייגן, אומברענגען דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. די באָלשעוויקעס, פאַרקערט, האָבן געפירט אַן אומ'בשלום'דיקן קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטן, אָפּגערייניקט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי פון דער אומרייניקייט פון אָפּאָרטוניזם און האָבן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז זיי האָבן געשאַפן אַ פּאַרטיי פון אַ נייעם טיפּ, אַ לענינישע, די פּאַרטיי, וואָס האָט נאָכדעם דעראָבערט די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

ווען עס וואָלטן אין די רייען פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי פאַרבליבן די אָפּאָרטוניסטן, וואָלט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי ניט געקאָנט אַרויסגיין אַניף אַ וועג און אָוועקפירן נאָך זיך דעם פּראָלעטאַריאַט; זי וואָלט ניט געקאָנט נעמען די מאַכט און אָרגאַניזירן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, זי וואָלט ניט געקאָנט אַרויסגיין פון בירגערקריג ווי אַ זיגער, זי וואָלט ניט געקאָנט אויסבויען דעם סאָציאַליזם.

די פּראַגער קאָנפערענץ האָט אין אירע באַשלוסן ווי אָרדנטלאַכע פּאָליטישע הויפּט-לאָזונגען פון דער פּאַרטיי אַרויסגערוקט די פּראָגראַם-מינימום: אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אַן 8-שעה'יקער אַרבעטס-טאָג, קאָנפיסקירונג פון דער גאַנצער פּריצ'ישער ערד.

אונטער די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען האָבן די באָלשעוויקעס דורכגעפירט די וואַל-קאַמפּאַניע בײַ די וואַלן אין דער פערטער מלוכה-דומע.

אונטער די דאָזיקע לאָזונגען איז געגאַנגען דער נײַער אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון די אַרבעטער-מאַסן אין די יאָרן 1912—1914.

## קורצע אויספירן.

די יאָרן 1908—1912 זײַנען געווען אַ ביז גאָר שווערער פּעריאָד פאַר דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט. נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָליוציע, אין די באַדינגונגען פון ירידה פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג און מידקייט פון די מאַסן האָבן די באָלשעוויקעס געענדערט זייער טאַקטיק און זײַנען פון דירעקטן קאַמף קעגן דעם צאַריזם אַריבער צו הינטערארומיקע וועגן פון דעם דאָזיקן קאַמף. אין די שווערע באַדינגונגען פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע האָבן די באָלשעוויקעס אויסגענוצט די מינדסטע לעגאַלע מעגלאַכקייטן אויף אײַנצוהיטן די פאַרבינדונג מיט די מאַסן (פון די פּאַרזיכערונגס-קאַסעס און פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן ביז דער דומע-טריבונע). די באָלשעוויקעס

האָבן אומדערמידלאַך געזאַמלט קרעפטן פאַר אַ נײַעם אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.

אין דער שווערער סיטואַציע פון דער מפּלה פון דער רעוואָליוציע, פון פאַנאַנדערפאַלונג פון די אָפּאָזיציאָנעלע שטראָמונגען, פון אַנטוישונג אין דער רעוואָליוציע און פאַרשטאַרקונג פון די רעוויזיאָניסטישע אויספאַלן מצד די אינטעליגענטן, וואָס זײַנען אָפּגעגאַנגען פון דער פּאַרטיי (באָגדאַנאָוו, באַזאַראָוו און אַנד.), קעגן די טעאָרעטישע יסודות פון דער פּאַרטיי, האָבן זיך די באָלשעוויקעס אַרויסגעוויזן פאַר דער איינציקער קראַפט אין דער פּאַרטיי, וואָס האָבן ניט צונויפגעוויקלט די פּאַרטיי־פאָן, האָבן אײַנגעהיט טרײַהײַט צו דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי און האָבן אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון די „קריטיקער" פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע (לענינס בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם"). די אידייאישע מאַרקסיסטיש=לענינישע פאַרהאַרטעוועטקייט, דאָס באַנעמען די פּערספּעקטיוון פון דער רעוואָליוציע האָבן געהאָלפן דעם גרונט=קערן פון די באָלשעוויקעס, וואָס איז געווען באַהעפט אַרום לענינען, פאַרטיידיקן די פּאַרטיי און אירע רעוואָליוציאָנערע פּרינציפּן. „ניט אומזיסט האָט מען אונדז אָנגערופן שטיין=האַרטע", — האָט לענין געזאָגט וועגן די באָלשעוויקעס.

די מענשעוויקעס גייען אין דעם דאָזיקן פּעריאָד אַלץ מער אָפּ פון דער רעוואָליוציע. זיי ווערן ליקווידאַטאָרן, זיי פאָדערן ליקווידירן, פאַרניכטן די אומלעגאַלע רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט, זיי זאָגן זיך אַלץ אָפֿענער אָפּ פון דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, פון די רעוואָליוציאָנערע אויפגאַבעס און לאָזונגען פון דער פּאַרטיי; זיי פּרואוון זיך אָרגאַניזירן זייער אייגענע, רעפאָרמיסטישע פּאַרטיי, וועלכע די אַרבעטער האָבן געקרוינט מיטן נאָמען „סטאָליפּינישע אַרבעטער=פּאַרטיי". טראָצקי שטיצט די ליקווידאַטאָרן, צודעקנדיק זיך צבֿוע'קיש מיטן לאָזונג פון „איינהײַט פון דער פּאַרטיי", אינדער'אמת'ן אָבער — פון איינהײַט מיט די ליקווידאַטאָרן.

פון דער אַנדערער זײַט, פאָדערט אַ טייל באָלשעוויקעס, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען די נויטיקײַט פון אַ קער צו נײַע, הינטעראָרומיקע וועגן פון קאַמף קעגן דעם צאַריזם, אָפּצוזאָגן זיך פון אויסנוצן די לעגאַלע מעגלאַכקייטן, פאָדערט אָפּרופן די אַרבעטער=דעפּוטאַטן פון דער מלוכה=דומע. די אָטזאָוויסטן שטויסן די פּאַרטיי אָפּצורײַסן זיך פון די מאַסן; זיי שטערן דער צונויפזאַמלונג פון די כּחות פאַר אַ נײַעם רעוואָליוציאָנערן אויפשטײַג. צודעקנדיק זיך מיט „לינקע" פראַזן, זאָגן זיך די אָטזאָוויסטן אין תוך אָפּ פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף, פּונקט אַזוי, ווי די ליקווידאַטאָרן.

די ליקווידאַטאָרן און די אָטזאָוויסטן פאַראייניקן זיך קעגן לענינען אין אַן אַלגעמיינעם בלאָק, אין דעם אויגוסט=בלאָק, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך טראָצקין.

אין קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן און אָטזאָוויסטן, אין קאַמף קעגן דעם

אויגוסט־בלאָק באַקומען די באָלשעוויקעס די אויבערהאַנט און פאַרטיידיקן מיט דערפאָלג די אומלעגאַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי.

די וויכטיקסטע געשעעניש פון דעם דאָזיקן פּעריאָד איז די פּראַגער קאָנפערענץ פון דער ר.ס.ד.א.פּ. (יאַנואַר 1912־טן יאָר). אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זײַנען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער פּאַרטיי די מענשעוויקעס, עס איז אויף שטענדיק געמאַכט געוואָרן אַ סוף צו דער פאָרמעלער פאַראייניקונג פון די באָלשעוויקעס אין איין פּאַרטיי מיט די מענשעוויקעס. פון אַ פּאָליטישער גרופּע ווערן די באָלשעוויקעס אויסגעפורעמט אין דער זעלבסטשטענדיקער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (באָלשעוויקעס). די פּראַגער קאָנפערענץ האָט געלייגט דעם אָנהויב פון דער פּאַרטיי פון נײַעם טיפּ, פון דער פּאַרטיי פונם לעניניזם, פון דער *באָלשעוויסטישער* פּאַרטיי.

דאָס, וואָס די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי האָט זיך אָפּגערייניקט פון די אָפּאָרטוניסטן, פון די מענשעוויקעס, — אָט די אָפּרייניקונג, וואָס עס האָט פאַרווירקלאַכט די פּראַגער קאָנפערענץ, האָט געהאַט אַ וויכטיקע, אַן אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי און פון דער רעוואָלוציע. ווען די באָלשעוויקעס וואָלטן ניט געהאַט אַרויסגעטריבן פון דער פּאַרטיי די פאַררעטער פון דער אַרבעטער־זאַך, די פּשרה־מאַכער—מענשעוויקעס, וואָלט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי ניט געקאָנט אין יאָר 1917 אויפהויבן די מאַסן צום דעראָבערן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

## קאַפּיטל V

# די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אין די יאָרן פונם אויפשטײַג פון דער ארבעטער־באַוועגונג פאַר דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

## (די יאָרן *1912—1914*).

### 1. דער אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין די יאָרן 1912—1914.

דער טריאומף פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. עס האָט ניט געקאָנט זײַן פעסט אזא רעגירונג, וואָס האָט ניט געוואָלט געבן דעם פאָלק גאָרניט, אויסער בײַטש און תליות. די רעפּרעסיעס זײַנען געוואָרן אזא געוואוינלאכע זאך, אז זיי האָבן אויפגעהערט צו שרעקן דאָס פאָלק. בײַ די ארבעטער האָט אָנגעהויבן פארשווינדן די מידקײַט, וואָס איז אָנגעוויייעט געוואָרן אין די ערשטע יאָרן פון דער מפּלה פון דער רעוואָליוציע. די ארבעטער האָבן זיך ווידער גענומען אויפהויבן צום קאמף. די פּאָראויסזעאונג פון די באָלשעוויקעס וועגן דער אומפארמײַדלאכקײַט פון א נײַעם רעוואָליוציאָנערן אויפשטײַג האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א ריכטיקער. שוין אין יאָר 1911 האָט די צאָל שטרײַקער איבערגעשטיגן 100 טויזנט, בעת אין די פאָריקע יאָרן האָט זי באטראָפן סך־הכל 50—60 טויזנט מאן. נאָך די פּראגער פּארטיי־קאָנפערענץ אין יאנואר 1912־טן יאָר האָט פארצייכנט, אז עס האָט זיך אָנגעהויבן אן אויפלעבונג אין דער ארבעטער־באַוועגונג. נאָר אן עכטער אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג הויבט זיך אָן אין אפּריל—מאי 1912־טן יאָר, ווען עס זײַנען אויסגעבראָכן פּאָליטישע מאסן־שטרײַקס אין צוזאמענהאנג מיט דער לענער צעשיסונג פון ארבעטער.

דעם 4־טן אפּריל 1912־טן יאָר, בעת א שטרײַק אויף די לענער גאָלדגריבער אין סיביר, איז לויטן באפעל פון א צארישן זשאנדאר־אָפיציר דערהארגעט און פארוואונדעט געוואָרן העכער 500 ארבעטער. די צעשיסונג פון דעם אומבאוואָפנטן המון לענער שאכטיאָרן, וואָס זײַנען פרידלאך געגאנגען פירן אונטערהאנדלונגען מיט דער אדמיניסטראציע, האָט אויפגערודערט דאָס גאנצע לאנד. אָט די נײַע בלוטיקע רציחה פון דער צארישער זעלבסטהערשונג איז באגאנגען געוואָרן צוליב די אינטערעסן פון די באלעבאטים פון די לע=

נער גאָלד־גריבער—די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן, כדי איבערברעכן דעם עקאָנאָמישן שטרײַק פון די שאַכטיאָרן. די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן און זייערע רוסישע קאָמפּאַניאָנען פלעגן באַקומען פון די לענער גריבער משוגע'נע פּראָפיטן — העכער 7 מיליאָן רובל יערלעך — אויפן חשבון פון דער סאַמע אומפאַר־שעמטער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער. זיי האָבן געצאָלט די אַרבעטער א בּישטיקל אַרבעטסלוין, געשפּײַזט זיי מיט שלעכטע, פּוילע פּראָדוקטן. ניט אויסגעהאַלטן די אונטערדריקונגען און די איזדיעקעגישן, זײַנען 6 טויזנט אַר־בעטער פון די לענער גאָלד־גריבער אַרויס אין א שטרײַק.

אויף דער לענער צעשיסונג האָט דער פּראָלעטאַריאַט געענטפערט מיט מאַסן־שטרײַקס, מיט דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע, אין אַלע אינדוסטריעלע צענטערס און ראַיאָנען.

„מיר זײַנען געווען אַזוי דערשטוינט און דערשיטערט, אַז מיר האָבן ניט געפונען גלײַך די פּאַסיקע ווערטער. וואָס פאַר א פּראָטעסט מיר זאָלן ניט האָבן געמאָלדן, וואָלט דאָס געווען א שוואַכער שאָטן פון דעם נשמה־אויפברויז, וואָס יעדערער פון אונז האָט איבערגעלעבט. קיין זאַך וועט אונז ניט העלפן: ניט קיין טרערן, ניט קיין פּראָטעסטן, נאָר בלויז אַן אָרגאַניזיר־טער מאַסן־קאַמף", — אַזוי האָבן געשריבן די אַרבעטער פון איינער א גרוי־סע אונטערנעמונגען אין זייער רעזאָליוציע.

דער שטורמישער צאָרן פון די אַרבעטער האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען דער צאַרישער מיניסטער מאַקאַראָוו האָט אַלס ענטפער אויף דער אָנ־פראַגע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דער מלוכה־דומע מכח דער לענער צעשיסונג פרעך דערקלערט: „אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זײַן!" די צאָל אָנטיילנעמער פון די פּאָליטישע פּראָטעסט־שטרײַקס קעגן דער בלוטיקער הריגה פון די לענער אַרבעטער איז אויסגעוואַקסן ביז 300 טויזנט.

די לענער טעג האָבן זיך, ווי אַן אוראַגאַן, אַרײַנגעריסן אין דער אַט־מאָספער פון „באַרואיקונג", וואָס דער סטאָליפּינישער רעזשים האָט געשאַפן.

אָט וואָס חבר סטאַלין האָט געשריבן מכח דעם אין דער באָלשעוויסטי־שער פּעטערבורגער צײַטונג „זוועזדאַ" (שטערן) אין יאָר 1912:

„די לענער שאָסן האָבן צעבראָכן דאָס אײַז פון שווײַגן, און — ס'האָט זיך א ריר געטאָן דער טײַך פון דער פאָלקס־באַוועגונג. ס'האָט זיך א ריר געטאָן!.. אַלדאָס בייז און אומברענגענדיקס, וואָס איז גע־ווען אינם הײַנטצײַטיקן רעזשים, אַלץ, אויף וואָס עס האָט געקרענקט דאָס פיל־לײַדנדיקע רוסלאַנד — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין איין פאַקט, אין די געשעענישן אויף דער לענע. אָט פאַרוואָס גראָד די לענער שאָסן האָבן געדינט פאַר א סיגנאַל פון שטרײַקס און דע־מאָנסטראַציעס".

אומזיסט האָבן די ליקווידאַטאָרן און די טראָצקיסטן געהאַלטן אין באַ־

גראָבן די רעוואָליוציע. די לענער געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז די רעוואָליו-ציאָנערע כחות לעבן, אַז אינם אַרבעטער-קלאַס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ קאָ-לאָסאַלע מאַסע רעוואָליוציאָנערע ענערגיע. די ערשטמאַיאיקע שטרײַקס פון 1912-טן יאָר האָבן אַרומגעכאַפּט בײַ 400 טויזנט אַרבעטער. די דאָזיקע שטרײַקס האָבן געטראָגן אַ בולט פּאָליטישן כאַראַקטער; זיי זײַנען דורכגע-גאַנגען אונטער די באָלשעוויסטישע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען: אַ דעמאָ-קראַטישע רעפּובליק, אַן 8-שעה'יקער אַרבעטס-טאָג, קאָנפיסקירונג פון דער גאַנצער פּריץ'ישער ערד. די דאָזיקע גרונט-לאָזונגען זײַנען געווען אויסגערעכנט אויף צו פאַראייניקן ניט בלויז די ברייטע מאַסן אַרבעטער, נאָר אויך די פּויע-רים און סאָלדאַטן צוליב אַ רעוואָליוציאָנערן אָנגריף קעגן דער זעלבסטהערשונג.

„דער גראַנדיעזער מאַי-שטרײַק פונם אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט און די מיט אים פאַרבונדענע גאַסן-דעמאָנסטראַציעס, רעוואָליוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס און רעוואָליוציאָנערע רעדעס פאַר המונים אַרבעטער האָבן קלאָר באַוויזן, אַז רוסלאַנד איז אַרײַנגעטראָטן אין אַ פּעריאָד פון רעוואָליוציאָנערן אויפשטײַג", — האָט לענין געשריבן אינם אַרטיקל „רעוואָליוציאָנערער אויפשטײַג" (לענין, ב. XV, ז. 533, רוסיש).

באַומרואיקט פון דער רעוואָליוציאָנערישקײַט פון די אַרבעטער, זײַנען די ליקווידאַטאָרן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שטרײַק-קאַמף, אָנרופנדיק אים „שטרײַק-אַזאַרט". דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט האָבן די ליקווידאַטאָרן און זייער פאַרבינדעטער טראָצקי געוואָלט פאַרבײַטן אויף אַ „פּעטיציע-קאַמפּאַניע". די אַרבעטער איז פּאָרגעלייגט געוואָרן אונטערצושרײַבן אַ פּאַפּירל, אַ „פּעטיציע", מיט אַ בקשה וועגן „רעכט" (וועגן אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען פון פאַראייניגן, פון שטרײַקס א.ד.גל.), כדי דערנאָך איבערצושיקן דאָס דאָזיקע פּאַפּירל אין דער מלוכה-דומע. די ליקווידאַטאָרן האָט זיך אײַנ-געגעבן צונויפזאַמלען בלויז 1.300 אונטערשריפטן, בעת אַרום די רעוואָליו-ציאָנערע לאָזונגען, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגערוקט, האָבן זיך באַ-העפט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער.

דער אַרבעטער-קלאַס איז אַוועק מיטן וועג, וועלכן עס האָבן אָנגעוויזן די באָלשעוויקעס.

די עקאָנאָמישע סיטואַציע אינם לאַנד האָט אין דעם דאָזיקן פּעריאָד פאָרגעשטעלט מיט זיך פּאָלגנדיק בילד:

אָנשטאָט דעם אינדוסטריעלן שטילשטאַנד איז שוין אין יאָר 1910 געקו-מען אַן אויפלעבונג, אַ פאַרברייטערונג פון דער פּראָדוקציע אין די גרונט-צווײַגן פון דער אינדוסטריע. אויב די טשוהון-שמעלצונג האָט אין יאָר 1910 באַטראָפן 186 מיליאָן פּוד, און אין 1912-טן יאָר—256, האָט זי אין יאָר 1913 באַטראָפן 283 מיליאָן פּוד. די אויסאַרבעטונג פון שטיינקוילן האָט אין יאָר 1910 באַטראָפן 1.522 מיליאָן פּוד, און אין יאָר 1913 — שוין 2.214 מיליאָן פּוד.

גלייכצייטיק מיטן וואוקס פון דער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע איז געגאנגען א שנעלער וואוקס פונם פּראָלעטאריאט. די באזונדערקייט פון דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע איז געווען די ווייטערדיקע קאָנצענטרירונג פון דער פּראָדוקציע אין גרויסע און גרעסטע אונטערנעמונגען. אויב אין יאָר 1901 האָבן אין גרויסע אונטערנעמונגען מיט א צאָל ארבעטער פון 500 און מער געארבעט 46,7% פון דער גאנצער צאָל ארבעטער, האָבן שוין אין יאָר 1910 אין דעם דאָזיקן טיפּ אונטערנעמונגען געארבעט ביי 54%, דאָס הייסט, העכער א העלפט פון אלע ארבעטער. דאָס איז געווען אן אומגעהערטע קאָנצענטרירונג פון דער אינדוסטריע. אפילו אין אזא אנטוויקלט אינדוסטריעל לאנד, ווי צפון-אמעריקע, האָט אין דער דאָזיקער צייט געארבעט אין די גרויסע אונטערנעמונגען בלויז ביי א דריטל פון אלע ארבעטער.

דער וואוקס און די קאָנצענטרירטקייט פונם פּראָלעטאריאט אין די גרויסע אונטערנעמונגען ביי דער אָנוועזנקייט פון אזא רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, ווי די פּארטיי באָלשעוויקעס, האָט פארוואנדלט דעם ארבעטער-קלאס פון רוסלאנד אין דער גרעסטער קראפט פונם פּאָליטישן לעבן פון לאנד. די בארבארישע פאָרמען פון עקספּלואטירן די ארבעטער אין די אונטערנעמונגען, צוזאמען מיטן אומדערטרעגלאכן פּאָליציי-רעזשים פון די צארישע „אָפּריטשניקעס", האָבן צוגעגעבן יעדן ערנסטן שטרייק א פּאָליטישן כאראקטער. און די איבערפלעכטונג פונם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאמף האָט צוגעגעבן די מאסן-שטרייקס א באזונדערע רעוואָלוציאָנערע קראפט.

אין אוואנגארד פון דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער-באוועגונג איז געגאנגען דער העראָאישער פּראָלעטאריאט פון פּעטערבורג, נאָך פּעטערבורג זיינען געגאנגען דער בייבאלטישער קאנט, מאָסקווע און מאָסקווער גובערניע, ווייטער ביי וואָלגע און דרום-רוסלאנד. אין יאָר 1913 כאפט די באוועגונג ארום דעם מערב-קאנט, פּוילן, קאווקאז. ארום און ארום האָבן אין יאָר 1912 לויט די אָפיציעלע באריכטן געשטרייקט 725 טויזנט, און לויט אנדערע מער פולע אָנגאבן — העכער א מיליאָן ארבעטער; אין יאָר 1913 לויט די אָפיציעלע באריכטן — 861 טויזנט, און לויט מער פולע אָנגאבן — 1.272 טויזנט. אין דער ערשטער העלפט 1914-טן יאָר האָבן זיך אין די שטרייקס שוין באטייליקט ביי אָנדערהאלבן מיליאָן ארבעטער.

אזויארום האָט דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג פון די יאָרן 1912—1914, דער שטורעם פון דער שטרייק-באוועגונג דערנעענטערט דאָס לאנד צו דער סיטואציע, וועלכע איז געווען ביים אָנהויב רעוואָליוציע פון 1905-טן יאָר.

די רעוואָלוציאָנערע מאסן-שטרייקס פונם פּראָלעטאריאט האָבן געהאט אן אלגעמיינע פאָלקס-באדייטונג. זיי זיינען געווען געווענדט קעגן דער זעלבסטהערשונג. די שטרייקס האָבן ארויסגערופן דעם מיטגעפיל ביי דער קאָלאָסאלער מערהייט פון דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג. די פאבריקאנטן

און די זאוואָדטשיקעס האָבן פאר די שטרײַקס נקמה גענומען פון די אַר־
בעטער מיט לאָקאאוטן. אין יאָר 1913 האָבן אין מאָסקווער גובערניע די קאַ־
פּיטאַליסטן ארויסגעוואָרפן אויף דער גאס 50 טויזנט טעקסטיל־ארבעטער.
אין מערץ 1914־טן יאָר זײַנען אין פּעטערבורג אין פאַרלויף פון איין טאָג
אָפּגעזאָגט געוואָרן 70 טויזנט ארבעטער. די ארבעטער פון אנדערע אונטער־
נעמונגען און אינדוסטריע־צווײַגן זײַנען צו הילף געקומען די שטרײַקנדיקע
און די פון לאָקאאוט געליטענע חברים מיט מאסנהאפטע געלט־זאמלונגען,
טיילמאָל מיט סאָלידאריטעט־שטרײַקס.

דער אויפשטײַג פון דער ארבעטער־באַוועגונג און די מאסן־שטרײַקס האָבן
געוועקט און אײַנגעצויגן אין קאמף אויך די פויערים־מאסן. די פויערים
האָבן זיך ווידער גענומען אויפהויבן צום קאמף קעגן די פּריצים; זיי האָבן
פאַרניכטעט פּריצ'ישע גיטער און באַלעגופּישע כוטאָרן. אין די יאָרן 1910—
1914 זײַנען פאָרגעקומען העכער 13 טויזנט פויערים־ארויסטרעטונגען.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגען אויך צווישן
דעם מיליטער. אין יאָר 1912 איז פאָרגעקומען א באוואָפנטע ארויסטרע־
טונג צווישן דעם מיליטער אין טורקעסטאן. עס האָבן גערײַפט אויפשטאנדן
אינם באלטישן פלאָט און אין סעוואסטאָפּאָל.

די רעוואָליוציאָנערע שטרײַק־באַוועגונג און דעמאָנסטראציעס, אָנגעפירטע
פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי, האָבן באַוויזן, אז דער ארבעטער־קלאס
פירט א קאמף ניט פאר קיין טיילווײַזע פאָדערונגען, ניט פאר קיין „רעפאָר־
מען", נאָר פאר באפרײַען דאָס פאָלק פונם צאַריזם. דאָס לאנד איז געגאנ־
גען אקעגן א נײַער רעוואָליוציע.

כדי זײַן נעענטער צו רוסלאנד, איז לענין זומער 1912־טן יאָר אריבער־
געפאָרן פון פּאריז קיין גאליציע (געוועזענע עסטרײַך). דאָ זײַנען אונטער זײַן
פאָרזיץ פאָרגעקומען צוויי בעראטונגען פון די מיטגלידער פונם צ.ק. און פון
פאראנטוואָרטלאכע טוער: איינע — אין קראָקע סוף 1912־טן יאָר און די
אנדערע — אין הארבסט 1913־טן יאָר אין שטעטל פּאָראָנינאָ, לעבן קראָקע.
אויף די דאָזיקע בעראטונגען זײַנען אָנגענומען געוואָרן באשלוסן איבער די
וויכטיקסטע פראגן פון דער ארבעטער־באַוועגונג: וועגן רעוואָליוציאָנערן אויפ־
שטײַג, וועגן די שטרײַקס און וועגן די אויפגאבעס פון דער פּארטיי, וועגן
דער פארפעסטיקונג פון די אומלעגאלע אָרגאניזאציעס, וועגן דער סאָציאַל־
דעמאָקראטישער דומע־פראקציע, וועגן דער פּארטיי־פּרעסע, וועגן דער פאר־
זיכערונגס־קאמפּאניע.

## 2. די באָלשעוויסטישע צײַטונג „פּראוודא". די באָלשעוויסטישע פראקציע אין דער פערטער מלוכה־דומע.

א מעכטיק געווער אין די הענט פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי פאר פּארפעסטיקן אירע אָרגאניזאציעס און דערגרייכן די ווירקונג אין די מאסן איז געווען די טעגלאכע באָלשעוויסטישע צײַטונג „פּראוודא", וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין פּעטערבורג. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין הסכּם מיט לעבינס אָנווײַזונג, לויט דער איניציאטיוו פון סטאלינען, אָלמינסקין און פּאָלעטאיעוון. די מאסאָווע ארבעטער־צײַטונג „פּראוודא" איז געבוירן געוואָרן צוזאמען מיטן נײַעם אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. דעם 22־טן אפּריל (5־טן מאי לויטן נײַעם סטיל) 1912־טן יאָר איז דערשינען דער ערשטער נומער אירער. דאָס איז געווען אן אמת'ער יום־טוב פאר די ארבעטער. לכּבוד דער דערשײַנונג פון דער „פּראוודא" איז באשלאָסן געוואָרן צו רעכענען דעם 5־טן מאי פאר א יום־טוב־טאָג פון דער ארבעטער־פּרעסע.

נאָך ביז דער „פּראוודא" פלעגט דערשײַנען א וועכנטלאכע באָלשעוויסטישע צײַטונג „זוועזדא", וואָס איז געווען אויסגערעכנט פאר פאָרגעשריטענע ארבעטער. די „זוועזדא" האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין די לענער טעג. אין איר איז געווען פארעפנטלאכט א ריי קעמפערישע פּאָליטישע ארטיקלען פון לענינען און סטאלינען, וואָס האָבן מאָביליזירט דעם ארבעטער־קלאס צום קאמף. אין די באדינגונגען פונם רעוואָליוציאָנערן אויפשטײַג איז שוין אָבער א וועכנטלאכע צײַטונג פאר דער באָלשעוויסטישער פּארטיי געווען ניט גענוג. מע האָט געדארפט האָבן א טעגלאכע פּאָליטישע מאסן־צײַטונג, וואָס איז אויסגערעכנט אויף די ברייטסטע שיכטן ארבעטער. אזא צײַטונג איז טאקע געווען די „פּראוודא".

אין דעם דאָזיקן פּעריאָד איז די ראָלע פון דער „פּראוודא" געווען אן אויסשליסלאך גרויסע. די „פּראוודא" האָט דעראָבערט אויף דער זײַט פונם באָלשעוויזם ברייטע מאסן פונם ארבעטער־קלאס. אין די אומשטענדן פון אומאויפהערלאכע פּאָליציייאישע פארפאָלגונגען, שטראפירונגען און קאָנפיסקירונגען פאר פארעפנטלאכן ארטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן, וואָס האָבן ניט געשמעקט דער צענזור, האָט די „פּראוודא" געקאָנט עקזיסטירן בלויז בײַ דער אקטיווער שטיצע פון צענדליקער טויזנטער פאָרגעשריטענע ארבעטער. די קאָלאָסאלע געלט־שטראפירונגען האָט די „פּראוודא" געהאט די מעגלאכקייט צו באַצאָלן בלויז אדאנק די ברייטע געלט־זאמלונגען צווישן די ארבעטער. גאנץ אָפט פלעגט א באדײַטנדיקער טייל טיראזש פון די קאָנפיסקירטע נומערן „פּראוודא" דאָך ארײַנפאלן צום לייענער, ווײַל די פאָרגעשריטענע ארבעטער פלעגן נאָך בײַנאכט קומען אין דער דרוקערײַ און אוועקטראָגן מיט זיך פּעקלאך צײַטונגען.

די צארישע רעגירונג האָט פאר צוויי מיט א האלב יאָר אכט מאָל פאר־

מאכט די „פּראוודא"; נאָר ביי דער שטיצע פון די ארבעטער פלעגט זי ווי־דער אָנהויבן דערשיינען אונטער א נייעם, ענלאכן נאָמען, צום ביישפיל — „זא פראוודו" (פארן אמת), „פוט פראוודי" (דער וועג פון אמת), „טרו־דאָוואיא פּראוודא" (דער ארבעטס־אמת).

אין דער צייט, ווען די „פּראוודא" פלעגט זיך צעגיין דורכשניטלאך צו 40 טויזנט עקזעמפּליארן א טאָג, איז דער טיראזש פון דער מענשעוויסטי־שער טעגלאכער ציטונג „לוטש" (שטראל) געווען ניט מער פון 15—16 טויזנט.

די ארבעטער האָבן געהאלטן די „פּראוודא" פאר זייער אייגענער ארבע־טער־ציטונג; זיי האָבן זיך צו איר באצויגן מיט גרויס צוטרוי און פיל־באר זיך צוגעהערט צו איר שטים. יעדער עקזעמפּליאר „פּראוודא" פלעגט, איבערגייענדיק פון האנט צו האנט, באדינען צענדליקער לייענער, פאָרמירן זייער קלאסן־באוואוסטזיין, דערציִען, אָרגאניזירן, רופן צום קאמף.

וועגן וואָס האָט געשריבן די „פּראוודא"?

אין יעדן נומער „פּראוודא" זיינען געווען פארעפנטלאכט צענדליקער קאָ־רעספּאָנדענצן פון ארבעטער, אין וועלכע ס'זיינען באשריבן געוואָרן דאָס אר־בעטער־לעבן, די ווילדע עקספּלואטאציע, די פארשיידענע אונטערדריקונגען און איזדיעקענישן מצד די קאפּיטאליסטן, מצד זייערע פארוואלטערס און מייסטערס איבער די ארבעטער. דאָס זיינען געווען שארפע, טרעפלאכע דע־מאסקירונגען פון די קאפּיטאליסטישע פאָראָנדקעס. ניט זעלטן פלעגט אין די גאָטיצן פון דער „פּראוודא" מיטגעטיילט ווערן וועגן זעלבסטמאָרדן פון הונגערנדיקע ארבעטסלאָזע, וואָס האָבן זיך מיאש געווען צו געפינען אר־בעט.

די „פּראוודא" האָט געשריבן וועגן די נויטן און פאָדערונגען פון די אר־בעטער פון פארשיידענע פאבריקן און אינדוסטריע־צווייגן, האָט געשריבן, וויאזוי די ארבעטער קעמפן פאר זייערע פאָדערונגען. כמעט אין יעדן נומער פלעגט געשריבן ווערן וועגן שטרייקס אין פארשיידענע אונטערנעמונגען. ווען עס פלעגן פאָרקומען גרויסע, דויערנדיקע שטרייקס, פלעגט די ציטונג אָר־גאניזירן די ארבעטער פון אנדערע אונטערנעמונגען און אינדוסטריע־צווייגן צו העלפן מיט זייערע זאמלונגען די שטרייקער. טיילמאָל פלעגן אין די שטרייק־פאָנדן צונויפגעזאמלט ווערן צענדליקער טויזנטער רובל — קאָלאָ־סאלע סומען פאר יענער צייט, אויב מע זאָל נעמען אין אכט, אז די מער־הייט ארבעטער האָט באקומען סך־הכל צו 70—80 קאָפּיקעס א טאָג. דאָס האָט דערצויגן די ארבעטער אין גייסט פון פּראָלעטארישער סאָלידארישקייט און באוואוסטזיין פון אייגהייט פון די אינטערעסן פון אלע ארבעטער.

אויף יעדער פּאָליטישער געשעעניש, אויף יעדן זיג אָדער מפּלה פלעגן זיך די ארבעטער אָפּרופן מיט צושיקן אין דער „פּראוודא" בריוו, באגריסונ־גען, פּראָטעסטן און אזוי ווייטער. אין אירע ארטיקלען האָט די „פּראוודא"

פון א קאָנזעקווענטן באָלשעוויסטישן שטאנדפּונקט באלויכטן די אויפגאבעם פון דער ארבעטער=באוועגונג. א לעגאלע צײַטונג האָט ניט געקאָנט אָפן רופן אראָפּצואווארפן דעם צאריזם. ס'איז אויסגעקומען שרײַבן מיט רמזים, וואָס די באוואוסטזיניקע ארבעטער האָבן זיי גוט פארשטאנען און וואָס האָבן אויפגעקלערט די מאסן. ווען, צום בײַשפּיל, אין דער „פּראוודא" איז געווען געשריבן וועגן די „פולע און ניט=ארומגעשניטענע פאָדערונגען פונם פינפטן יאָר", האָבן די ארבעטער פארשטאנען, אז דאָ האנדלט זיך וועגן די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס — וועגן די לאָזונגען פאר אראָפּווארפן דעם צאריזם, פאר א דעמאָקראטישער רעפּובליק, פאר קאָנפיסקירונג פון דער פּריצ'ישער ערד, פאר אן 8=שעה'יקן ארבעטס=טאָג.

די „פּראוודא" האָט אָרגאניזירט די פאָרגעשריטענע ארבעטער ערב די וואלן אין דער פערטער דומע. זי האָט דעמאסקירט די פאררעטערישע פּאָזיציע פון די אָנהענגער פון א פארשטענדיקונג מיט דער ליבעראלער בורזשואזיע, פון די אָנהענגער פון דער „סטאָליפּינישער ארבעטער=פּארטיי" — די מענשעוויקעס. די „פּראוודא" האָט גערופן די ארבעטער צו שטימען פאר די אָנהענגער פון די „ניט=ארומגעשניטענע פאָדערונגען פונם פינפטן יאָר", דאָס הייסט, פאר די באָלשעוויקעס. די וואלן זײַנען געווען פילשטופיקע. צוערשט האָט מען אויף די ארבעטער=פארזאמלונגען געוויילט באפולמעכטיקטע, נאָכדעם האָבן די באפולמעכטיקטע געוויילט וואלמענער, און די וואלמענער האָבן שוין אָנטײלגענומען אין די וואלן פונם ארבעטער=דעפּוטאט אין דער דומע. אינם טאָג פון די וואלן האָט די „פּראוודא" פארעפנטלעכט דעם צעטל פון די וואלמענער—באָלשעוויקעס, פאר וועלכן זי האָט רעקאָמענדירט די ארבעטער צו שטימען. פארעפנטלעכן דעם דאָזיקן צעטל פריער האָט מען ניט געטאָרט, כדי ניט צו שטעלן אונטער א געפאר פון ארעסט די אָנגעמערקטע קאנדידאטן.

די „פּראוודא" האָט געהאָלפן אָרגאניזירן ארויסטרעטונגען פונם פּראָלעטאריאט. אין מאָמענט פונם גרויסן לאָקאאוט אין פּעטערבורג פרילינג 1914=טן יאָר, ווען ס'איז ניט צוועקמעסיק געווען צו מעלדן א מאסן=שטרײַק, האָט די „פּראוודא" גערופן די ארבעטער צו אנדערע פאָרמען פון קאמף — צו מאסן=מיטינגען אין די זאוואָדן, צו דעמאָנסטראציעס אויף דער גאס. שרײַבן וועגן דעם אָפן אין דער צײַטונג האָט מען ניט געטאָרט; נאָר דער דאָזיקער רוף איז געווען קלאָר פאר די באוואוסטזיניקע ארבעטער, וועלכע האָבן געלייענט לענינס ארטיקל אונטערן באשיידענעם קעפּל „וועגן די פאָרמען פון דער ארבעטער=באוועגונג", אין וועלכן ס'איז געזאָגט געוואָרן, אז דעם שטרײַק דארף מען אינם געגעבענעם מאָמענט פארבײַטן אויף א מער העכערער פאָרם פון דער ארבעטער=באוועגונג, וואָס דאָס האָט באטײַט א רוף צו אָרגאניזירן מיטינגען און דעמאָנסטראציעס.

אָט אזוי איז פארווירקלעכט געוואָרן די צונויפפּאָרונג פון דער אומלע=

גאלער רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט פון די באָלשעוויקעס מיט דער לעגאלער
אגיטאציע און אָרגאניזירונג פון די ארבעטער=מאסן דורך דער „פראוודא“.

די „פראוודא“ האָט געשריבן ניט בלויז וועגן ארבעטער=לעבן, וועגן אר=
בעטער=שטרייקס און דעמאָנסטראציעס. די „פראוודא“ האָט סיסטעמאטיש
באלויכטן דאָס פויערשע לעבן, די הונגערס פונם פויערטום, די עקספּלואטא=
ציע פון די פויערים מצד די פּריצים—לייבאייגנטימער, די בארויבונג פון
דער בעסטער פויערשער ערד דורך די באלעגופים—כוטאָראנער אין רע=
זולטאט פון דער סטאָליפּינישער „רעפאָרם“. די „פראוודא“ האָט באוויזן די
באוואוסטזיניקע ארבעטער, ווי פיל ברענשטאָף עס האָט זיך אָנגעזאמלט אין
דאָרף. די „פראוודא“ האָט געלערנט דעם פּראָלעטאריאט, אז די אויפגאבעס
פון דער רעוואָליוציע פון 1905=טן יאָר זיינען ניט געלייזט געוואָרן, אז עס
שטייט פאָר א נייע רעוואָליוציע. די „פראוודא“ האָט געלערנט, אז אין אָט
דער צווייטער רעוואָליוציע דארף דער פּראָלעטאריאט ארויסטרעטן ווי אן
עכטער פירער, ווי אן אָנפירער פונם פאָלק, אז ער וועט האָבן אין דער דאָ=
זיקער רעוואָליוציע אזא שטארקן פארבינדעטן, ווי דאָס רעוואָליוציאָנערע
פויערטום.

די מענשעוויקעס האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן, אז דער פּראָלעטאריאט
זאָל אויפהערן טראכטן וועגן רעוואָליוציע. די מענשעוויקעס האָבן איינגע'=
טענה'ט מיט די ארבעטער: הערט אויף טראכטן וועגן פאָלק, וועגן די הונגערס
פון די פויערים, וועגן דער הערשאפט פון די שווארצ'מאה'דיקע פּריצים—
לייבאייגנטימער, קעמפט בלויז פאר דער „פרייהייט פון קאָאליציעס“, דער=
לאנגט וועגן דעם „פּעטיציעס“ דער צארישער רעגירונג. די באָלשעוויקעס
האָבן אויפגעקלערט די ארבעטער, אז אָט די מענשעוויסטישע פּרייזדיקונג אָפּ=
צוזאָגן זיך פון רעוואָליוציע, אָפּצוזאָגן זיך פון א בונד מיטן פויערטום ווערט
געפירט אין די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, אז די ארבעטער וועלן זי=
כער באזיגן דעם צאריזם, אויב זיי וועלן צוציען אויף זייער זייט דאָס פויער=
טום, ווי זייער פארבינדעטן, אז די פארדאָרבענע פּאסטעכער, ווי די מענשע=
וויקעס, אשטייגער, דארפן אָפּגעשליידערט ווערן, ווי שונאים פון דער רעוואָ=
ליוציע.

וועגן וואָס האָט די „פראוודא“ געשריבן אינם אָפּטייל „פויערים=לעבן“?
לאָמיר נעמען ווי א ביישפּיל עטלאכע קאָרעספּאָנדענצן פארן 1913=טן יאָר.

די קאָרעספּאָנדענץ אונטערן קעפּל „אן אגראר=פּראָצעס“ האָט מיטגע=
טיילט פון סאמארע, אז פון די 45 פויערים פונם דאָרף נאָוואָכאסבולאט,
בוגולמער אויעזד, וואָס זיינען באשולדיקט געוואָרן אין קעגנשטעלן זיך דעם
ערד=מעסטער ביים אויסטיילן די אָטרובשטשיקעס (די, וואָס טיילן זיך אויס
אויף באזונדערע ערד=חלקים) געמיינדע=ערד, איז א באדייטנדיקער טייל פאר=
אורטיילט געוואָרן צו לאנגע יאָרן תפיסה.

א קורצינקע קאָרעספּאָנדענץ פון פּסקאָווער גובערניע האָט מיטגעטיילט:

„די פויערים פונם דאָרף פּסיצא (לעבן דער סטאַנציע זאוואליע) האָבן אַרויס־געוויזן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד די סטראַזשניקעס. עס זײַנען פאַראַן פאַר־וואונדעטע. די סיבה פונם צוזאַמענשטויס זײַנען — אַגראַרע מיספאַרשטייע־נישן. קיין פּסיצא זײַנען צוזאַמענגעצויגן געוואָרן סטראַזשניקעס; ס'זײַנען אַהין אַרויסגעפאָרן דער וויצע־גובערנאַטאָר און דער פּראָקוראָר".

אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אופער גובערניע האָט מיטגעטיילט וועגן אַן אויס־פאַרקויף פון די פויערשע ערד־חלקים, וועגן דעם, אַז דער הונגער און דער געזעץ וועגן אַרויסגיין פון דער דאָרפישער געמיינדע האָבן פאַרשטאַרקט דעם פּראָצעס פון פאַרערדלאָזיקן די פויערים. אָט, אַשטייגער, דער כוטאָר באָרי־סאָווקא. דאָ זײַנען פאַראַן 27 הויפן, וואָס באַזיצן 543 דעסיאַטינעס אַקער־ערד. פאַר דער צײַט פונם הונגער האָבן 5 באַלעבאַטים פאַרקויפט אויף איי־ביק 31 דעס. צו 25—33 רובל אַ דעסיאַטין, און די ערד איז ווערט אין 3—4 מאָל טײַערער. דאָ גופא האָבן 7 הויפן פאַר'משכון'ט 177 דעס. און באַקומען צו 18—20 רובל פאַר אַ דעסיאַטין אויף 6 יאָר צו 12 פּראָצענט אַ יאָר. אויב מע זאָל נעמען אין אַכט די פאַראָרעמונג פון דער באַפעלקע־רונג און די משוגע'נע פּראָצענטן, קאָן מען זיכער זאָגן: פון די 177 דעסיאַ־טין מוז אַ העלפט אַריבערגיין אין די הענט פונם וואוכערניק, ווײַל ס'איז אַ ספק, צי וועט אפילו אַ העלפט פון די בעלי־חובות קאָנען באַצאָלן אַזאַ קאָ־לאָסאַלע סומע אין פאַרלויף פון 6 יאָר.

אין זײַן אַרטיקל „דער גרויס־פּריצ'ישער און קליינפויערשער ערד־באַזיץ אין רוסלאַנד", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „פּראַוודאַ", האָט לענין באַשײַמפּערלאַך באַוויזן די אַרבעטער און פויערים, וואָס פאַר אַ קאָ־לאָסאַלע ערד־רײַכטימער עס געפינען זיך אין די הענט פון די פּאַראַזיטן — פּריצים. בלויז 30 טויזנט גרעסטע פּריצים האָבן פאַרמאָגט בײַ 70 מיליאָן דעסיאַטין ערד. פּונקט אַזויפיל ערד איז אויסגעפאַלן אויפן חלק פון 10 מיליאָן פויערשע הויפן. אויף יעדן גרויסן פּריץ איז דורכשניטלאַך אויסגעפאַלן צו 2.300 דעסיאַטין, אויף יעדן פויערשן הויף, אַרײַנרעכענענדיק אויך די באַ־לעגופישע הויפן, — דורכשניטלאַך צו 7 דעסיאַטין; דערבײַ האָבן 5 מיליאָן ווירטשאַפטלאַך־שוואַכע פויערשע הויפן, דאָס הייסט, אַ העלפט פונם גאַנצן פויערטום, פאַרמאָגט אויף אַ הויף ניט מער פון איינע—צוויי דעסיאַטין ערד. די דאָזיקע פאַקטן האָבן באַשײַמפּערלאַך באַוויזן, אַז דער וואָרצל פונם פויערשן דלות און הונגער ליגט אין דעם גרויסן פּריצ'ישן ערד־באַזיץ, אין די איבערבלײַבאַכצן פונם לײַבאייגנטום, וואָס דאָס פויערטום קאָן זיך פון זיי באַפרײַען בלויז דורך אַ רעוואָליוציע, וועלכע איז אָנגעפירט פונם אַרבעטער־קלאַס.

דורך די אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן דאָרף, פלעגט די „פּראַווו־דאַ" אַרײַנדרינגען אין דאָרף אַרײַן, וועקנדיק צו רעוואָליוציאָנערן קאַמף די פאַרגעשריטענע פויערים.

אינם פּערזאָד, ווען די „פּראַוודא“ איז געשאַפן געוואָרן, האָבן די אומלעגאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס זיך געפונען אינגאַנצן אין די הענט פון די באָלשעוויקעס; נאָר די לעגאַלע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע — די דומע-פראַקציע, די פּרעסע, די פאַרזיכערונגס-קאַסעס, די פּראָפפאַראיינען — זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן געווען אָפּגעקעמפט בײַ די מענשעוויקעס. ס'איז נויטיק געווען אן אנטשיידענער קאַמף פון די באָלשעוויקעס פאַר ארויסטרײַבן די ליקווידאַטאָרן פון די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס פונם ארבעטער-קלאַס. דער דאָזיקער קאַמף איז באַקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג אדאנק דער „פּראַוודא“.

די „פּראַוודא“ איז געשטאַנען אין צענטער פונם קאַמף פאַר פּאַרטייאישקײַט, פאַר דער ווידערבאַשאַפונג פון דער מאַסאַווער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-פּאַרטיי. די „פּראַוודא“ האָט באַהעפט די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס ארום די אונטערערדישע נעסטן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און האָט געריכטעט די ארבעטער-באַוועגונג צו איין באַשטימטן ציל — צו דער צוגרייטונג פון דער רעוואָליוציע.

די „פּראַוודא“ האָט געהאַט א ריזיקע צאָל ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן. בלויז פאַר איין יאָר זײַנען אין איר אָפּגעדרוקט געוואָרן העכער 11 טויזנט ארבעטער-קאָרעספּאָנדענצן. די „פּראַוודא“ פלעגט זיך אָבער פאַרבינדן מיט די ארבעטער-מאַסן ניט בלויז דורך בריוו און קאָרעספּאָנדענצן. א גרויסע צאָל ארבעטער פון די אונטערנעמונגען פלעגט יעדן טאָג ארײַנקומען אין דער רעדאַקציע. אין דער רעדאַקציע „פּראַוודא“ איז געווען קאָנצענטרירט א באַדײַטנדיקער טייל אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט פון דער פּאַרטיי. דאָ פלעגן אײַנגעאָרדנט ווערן באַגעגענישן מיט פאָרשטייער פון די אָרטיקע פּאַרטיי-קאָמערלאַך; אהער פלעגן אָנקומען ידיעות וועגן דער פּאַרטיי-ארבעט אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, פונדאַנען פלעגן איבערגעגעבן ווערן פּאַרטיי-דירעקטיוון פונם פּעטערבורגער קאָמיטעט און פונם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

אין רעזולטאַט פון צוויי א האלב יאָר עקשנות'דיקן קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן פאַר דער ווידערבאַשאַפונג פון דער מאַסאָוועער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-פּאַרטיי האָבן זיך די באָלשעוויקעס דערשלאָגן דערצו, אז צו זומער 1914-טן יאָר זײַנען נאָך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, נאָך דער „פּראַוודיסטישער“ טאַקטיק נעגאַנגען פיר פינפטל פון די אקטיווע ארבעטער פון רוסלאַנד. וועגן דעם האָט געדעדט, צום בײַשפּיל, דער פאַקט, וואָס פון דער אלגעמיינער צאָל 7 טויזנט ארבעטער-גרופּעס, וועלכע האָבן אין 1914-טן יאָר דורכגעפירט זאמלונגען לטובת די ארבעטער-צײַטונגען, האָבן 5.600 גרופּעס געזאמלט געלט פאַר דער באָלשעוויסטישער פּרעסע און בלויז 1.400 גרופּעס — פאַר דער מענשעוויסטישער. דערפאַר אָבער האָבן די מענשעוויקעס געהאַט א סך „רײַכע פרײַנט“ צווישן דער ליבעראַלער בורזשואזיע און בורזשואזער אינטעליגענץ, וואָס פלעגן געבן העכער א העלפט מיטלען, וועלכע זײַנען נויטיק געווען אויף אויסצוהאלטן די מענשעוויסטישע צײַטונג.

די באָלשעוויקעס האָט מען דעמאָלט גערופן „פּראַוודיסטן". מיט דער „פּראַוודאַ" איז געוואַקסן אַ גאַנצער דור פונם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט נאָכדעם דורכגעפירט די סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָליוציע. הינטער דער „פּראַוודאַ" זײַנען געשטאַנען צענדליקער און הונדערטער טויזנטער אַרבעטער. אין די יאָרן פונם רעוואָליוציאָנערן אויפשטײַג (1912—1914) איז געלייגט געוואָרן דער פעסטער פונדאַמענט פון דער מאַסאָווער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וואָס קיין שום פאַרפאָלגונגען פונם צאַריזם אין פּעריאָד פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה האָבן אים ניט געקאָנט צעשטערן.

„די „פּראַוודאַ" פון 1912־טן יאָר — דאָס איז די פונדאַמענטלייגונג פאַרן זיג פונם באָלשעוויזם אין 1917־טן יאָר" (סטאַלין).

אַ צווייטער אַלגעמיין־רוסלענדישער לעגאַלער פּאַרטיי־אָרגאַן איז געווען די באָלשעוויסטישע פראַקציע אין דער פערטער מלוכה־דומע.

אין יאָר 1912 האָט די רעגירונג באַשטימט וואַלן אין דער פערטער דומע. אונזער פּאַרטיי האָט צוגעגעבן אַ גרויסע באַדײַטונג דעם אָנטייל אין די וואַלן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דומע־פראַקציע און די צײַטונג „פּראַוודאַ" זײַנען געווען די גרונטיקע לעגאַלע שטיץ־פּונקטן פון אַלגעמיין־רוסלענדישן מאַסשטאַב, וואָס דורך זיי האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי דורכגעפירט איר רעוואָליוציאָנערע אַרבעט אין די מאַסן.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז אַרויסגעטראָטן בײַ די וואַלן אין דער דומע זעלבסטשטענדיק אונטער אירע אייגענע לאָזונגען, דערלאַנגענדיק קלעפּ גלײַכצײַטיק אי די רעגירונגס־פּאַרטייען, אי דער ליבעראַלער בורזשואַזיע (די קאַדעטן). די וואַל־קאַמפּאַניע האָבן די באָלשעוויקעס געפירט אונטער די לאָזונגען פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אַן 8־שעה'יקן אַרבעטס־טאָג, קאָנפיסקירונג פון דער פּריץ'ישער ערד.

די וואַלן אין דער פערטער דומע זײַנען פאָרגעקומען אין האַרבסט 1912־טן יאָר. אומצופרידן מיטן גאַנג פון די וואַלן אין פּעטערבורג, האָט די רעגירונג אין אָנהויב אָקטאָבער געפּרוּווט ברעכן די וואַל־רעכט פון די אַרבעטער אין אַ ריי גרעסטע זאַוואָדן. אַלס ענטפער דערויף האָט דער פּעטערבורגער קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי, לויטן פאָרשלאָג פונם חבר סטאַלין, גערופן די אַרבעטער פון די גרעסטע אונטערנעמונגען צו אַן איינטאָגיקן שטרײַק. זײַענדיק אַוועקגעשטעלט אין אַ שווערער לאַגע, איז די רעגירונג געווען געצוואונגען נאָכצוגעבן, און די אַרבעטער האָבן אויף די פאַרזאַמלונגען באַקומען אַ מעגלעכקײַט אויסצואוויילן יענע, וועמען זיי האָבן געוואָלט. די אַרבעטער האָבן מיט אַ קאָלאָסאַלער מערהײַט געשטימט פאַרן „נאַקאַז" (אָנזאָג) צו די באַפולמעכטיקטע און דעם דעפּוטאַט, וועלכן ס'האָט צונויפגעשטעלט חבר סטאַלין. דער „אָנזאָג פון די פּעטערבורגער אַרבעטער צו זייער אַרבעטער־דעפּוטאַט" האָט דערמאָנט וועגן די ניט־געלייזטע אויפגאַבעס פון 1905־טן יאָר.

„...מיר מיינען, — איז געזאָגט געוואָרן אינם „אָנזאָג“, — אז רוס־לאַנד לעבט ערב אָנקומענדיקע מאסן־באוועגונגען, קאָן זיין, נאָך מער טיפע, איידער אינם פינפטן יאָר... דער איניציאטאָר פון די דאָזיקע באוועגונגען וועט זיין, אזוי ווי אינם פינפטן יאָר, דער אממערסטן פאָר־געשריטענער קלאס פון דער רוסישער געזעלשאפט, דער רוסישער פראָ־לעטאריאט. זיין פארבינדעטער ווידער קאָן זיין בלויז דאָס פיל־ליידנ־דיקע פויערטום, וואָס איז בלויז פאראינטערעסירט אין דער אנט־קנעכטונג פון רוסלאַנד“.

דער „אָנזאָג“ האָט דערקלערט, אז די קינפטיקע ארויסטרעטונגען פונם פאָלק דארפן אָננעמען די פאָרם פון קאמף אויף צוויי פראָנטן — סאי קעגן דער צארישער רעגירונג, סאי אויך קעגן דער ליבעראלער בורזשואזיע, וואָס זוכט א פארשטענדיקונג מיטן צאריזם.

לענין האָט צוגעגעבן א גרויסע באדייטונג דעם „אָנזאָג“, וואָס האָט גע־רופן די ארבעטער צו רעוואָלוציאָנערן קאמף. און די ארבעטער אין זייערע רעזאָלוציעס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם דאָזיקן רוף.

די באָלשעוויקעס האָבן געזיגט ביי די וואלן, און אין דער דומע איז פון די ארבעטער פון פעטערבורג ארויסגעוויילט געוואָרן חבר באדאיעוו.

די ארבעטער האָבן געוויילט אין דער דומע באזונדער פון די איבעריקע שיכטן באפעלקערונג (די אזוי גערופענע ארבעטער־קוריע). פון ניין דעפּוטאטן פון דער ארבעטער־קוריע זיינען זעקס געווען מיטגלידער פון דער באָלשעוויס־טישער פּארטיי: באדאיעוו, פעטראָווסקי, מוראנאָוו, סאמאָילאָוו, שאגאָוו און מאלינאָווסקי (וועלכער האָט זיך נאָכדעם ארויסגעוויזן פאר א פּראָוואָקאטאָר). די באָלשעוויסטישע דעפּוטאטן זיינען דורכגעגאנגען פון די גרעסטע אינדוס־טריעלע צענטערס, וועלכע האָבן געציילט ניט ווייניקער פון $^{4}/_{5}$ פונם ארבעטער־קלאס. נאָר אייניקע ליקווידאטאָרן זיינען אויסגעוויילט געוואָרן ניט פון די אר־בעטער, דאָס הייסט, ניט לויט דער ארבעטער־קוריע. דעריבער האָבן זיך אין דער דומע ארויסגעוויזן 7 ליקווידאטאָרן קעגן 6 באָלשעוויקעס. צוערשט האָבן די באָלשעוויקעס און די ליקווידאטאָרן געבילדעט אין דער דומע איין אלגע־מיינע סאָציאל־דעמאָקראטישע פראקציע. נאָך אן עקשנות'דיקן קאמף קעגן די ליקווידאטאָרן, וועלכע האָבן געשטערט דער רעוואָלוציאָנערער ארבעט פון די באָלשעוויקעס, זיינען די דעפּוטאטן—באָלשעוויקעס אין אָקטאָבער 1913־טן יאָר לויט דער אָנווייזונג פונם צענטראל־קאָמיטעט פון דער באָלשע־וויסטישער פּארטיי ארויסגעטראָטן פון דער פאראייניקטער סאָציאל־דעמאָקרא־טישער פראקציע און האָבן געבילדעט א זעלבסטשטענדיקע באָלשעוויסטישע פראקציע.

די באָלשעוויסטישע דעפּוטאטן זיינען ארויסגעטראָטן אין דער דומע מיט רעוואָלוציאָנערע רעדעס, אין וועלכע זיי האָבן דעמאסקירט די זעלבסטהער־שערישע אָרדענונג, געמאכט אָנפראגן דער רעגירונג וועגן די עקזעקוציעס

איבער די ארבעטער, ווען דער אוממענטשלאכער עקספלואטאציע פון די אר־בעטער מצד די קאפיטאליסטן.

זיי זיינען אין דער דומע אויך ארויסגעטראָטן איבער דער אגראר־פראגע, געדופן אין זייערע רעדעס די פויערים צום קאמף קעגן די לייבאייגנטימער—פריצים, דעמאסקירט די קאדעטישע פארטיי, וואָס איז געווען קעגן קאָנפיס־קירן די פריצ'ישע ערד און איבערגעבן זי צו די פויערים.

די באָלשעוויקעס האָבן אריינגעטראָגן אין דער מלוכה־דומע א געזעץ־פראָיעקט וועגן אן 8־שעה'יקן ארבעטס־טאָג, וועלכן די שווארצ'מאה'יקע דומע האָט, פארשטייט זיך, ניט אָנגענומען, נאָר וועלכער האָט אָפגעשפילט א גרוי־סע אגיטאציאָנעלע ראָלע.

די באָלשעוויסטישע פראקציע אין דער דומע איז געווען ענג פארבונדן מיטן צ.ק. פון דער פארטיי, מיט לענינען און האָט באקומען פון אים אָנווייזונגען. אוממיטלבאר האָט מיט איר אָנגעפירט חבר סטאלין, אין דער צייט, ווען ער האָט זיך געפונען אין פעטערבורג.

ניט באגרענעצנדיק זיך מיט דער ארבעט אין דער דומע, האָבן די דעפו־טאטן—באָלשעוויקעס אנטוויקלט א גרויסע טעטיקייט אויסער דער דומע. זיי פלעגן ארויספאָרן אויף די פאבריקן און זאוואָדן, ארומפאָרן איבער די ארבעטער־צענטערס פון לאנד מיט פאָרטראָגן, איינאָרדענען געהיימע פארזאמ־לונגען, אויף וועלכע זיי פלעגן אויפקלערן די באשלוסן פון דער פארטיי, שאפן נייע פארטיי־אָרגאניזאציעס. די דעפוטאטן האָבן געניט צונויפגעפּאָרט די לע־גאלע טעטיקייט מיט דער אומלעגאלער, אונטערערדישער ארבעט.

## 3. דער זיג פון די באָלשעוויקעס אין די לעגאלע אָרגאניזא־ציעס. דער ווייטערדיקער וואוקס פון דער רעוואָליוציאָנע־רער באוועגונג. ערב דער אימפעריאַליסטישער מלחמה.

די פארטיי באָלשעוויקעס האָט אין דעם דאָזיקן פעריאָד באוויזן מוסטערן פון אָנפירונג מיט אלע פאָרמען און אנטפלעקונגען פונם קלאסנקאמף פונם פראָלעטאריאט. זי האָט געבויט אונטערערדישע אָרגאניזאציעס. זי האָט ארויסגעגעבן אומלעגאלע פלוגבלעטלאך. זי האָט געפירט א געהיימע רעוואָ־ליוציאָנערע ארבעט אין די מאסן. צוזאמען דערמיט האָט זי אלץ מער בא־הערשט די פארשיידענע לעגאלע אָרגאניזאציעס פונם ארבעטער־קלאס. די פארטיי האָט געשטרעבט צו דעראָבערן די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, די פאָלקס־הייזער, די אָוונט־אוניווערזיטעטן, די קלובן, די פארזיכערונגס־אנ־שטאלטן. די דאָזיקע לעגאלע אָרגאניזאציעס האָבן פון לאנג אָן געדינט ווי אן אָפדאך פאר די ליקווידאטאָרן. די באָלשעוויקעס האָבן גענומען פירן אן ענער־גישן קאמף פאר פארוואנדלען די לעגאלע געזעלשאפטן אין אָנשפאר־פונקטן פון אונזער פארטיי. מייסטערהאפט פאראייניקנדיק די אומלעגאלע ארבעט

מיט דער לעגאלער, האָבן די באָלשעוויקעס דעראָבערט אויף זייער זייט אין ביידע הויפּטשטעט די מערהייט פּראָפעסיאָנעלע פאראייניקונגען. א באזונ־דערס גלענצנדיקן זיג האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעהאלטן בעת די וואלן פון דער פארוואלטונג פונעם מעטאליסטן־פאראיין אין פּעטערבורג אין יאָר 1913: אויף א פארזאמלונג פון 3 טויזנט מעטאליסטן האָבן קוים 150 מאן געשטימט פאר די ליקווידאטאָרן.

דאָס זעלבע דארף מען זאָגן וועגן אזא לעגאלער אָרגאניזאציע, ווי די סאָ־ציאל־דעמאָקראטישע פראקציע אין דער פערטער מלוכה־דומע. כאָטש די מענ־שעוויקעס האָבן אין דער דומע געהאט 7 דעפּוטאטן און די באָלשעוויקעס 6 דעפּוטאטן, האָט דער מענשעוויסטישער זיבנלינג, וואָס איז דורכגעגאנגען, דער עיקר, פון ניט קיין ארבעטער־ראיאָנען, קוים פארטראָטן $^{1}/_{5}$ פונעם ארבעטער־קלאס, בעת דער באָלשעוויסטישער זעקסטלינג, וועלכער איז דורכגעגאנגען פון די גרונטיקע אינדוסטריעלע צענטערס פונעם לאנד (פּעטערבורג, מאָסקווע, איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק, קאָסטראָמא, יעקאטערינאָסלאוו, כארקאָוו), האָט פארטראָטן העכער $^{4}/_{5}$ פונעם ארבעטער־קלאס פונעם לאנד. די ארבעטער האָבן פאר זייערע דעפּוטאטן געהאלטן דעם זעקסטלינג (באדאיעוו, פּעטראָווסקי א. אנד.), און ניט דעם זיבנלינג.

די באָלשעוויקעס האָט זיך איינגעגעבן צו דעראָבערן די לעגאלע אָרגאני־זאציעס דערפאר, ווייל, ניט געקוקט אויף די ווילדע פארפאָלגונגען מצד דעם צאריזם און אויף דער העצע מצד די ליקווידאטאָרן און טראָצקיסטן, האָבן זיי באוויזן איינצוהיטן די אומלעגאלע פּארטיי און א פעסטע דיסציפּלין אין זייע־רע רייען, האָבן פעסט פארטיידיקט די אינטערעסן פונעם ארבעטער־קלאס, זיי־נען געווען ענג פארבונדן מיט די מאסן און האָבן געפירט אן אומ'בשלום'דיקן קאמף קעגן די שונאים פון דער ארבעטער־באוועגונג.

אזויארום האָט זיך דער זיג פון די באָלשעוויקעס און די מפּלה פון די מענשעוויקעס אין די לעגאלע אָרגאניזאציעס אנטוויקלט איבער דער גאנצער ליניע. סאי אין געביט פון אגיטאציע פון דער דומע־טריבונע, סאי אויך אין געביט פון דער ארבעטער־פּרעסע און פון אנדערע לעגאלע אָרגאניזאציעס זיי־נען די מענשעוויקעס אָפּגעוואָרפן געוואָרן אין הינטערגרונט. ארומגעכאפּט פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, האָט דער ארבעטער־קלאס באשטימט זיך באהעפט ארום די באָלשעוויקעס, אָפּוואַרפנדיק אָן א זייט די מענשעוויקעס.

צו דעם אלעם האָבן זיך די מענשעוויקעס ארויסגעוויזן באנקראָט אין גע־ביט פון דער נאציאָנאלער פראגע. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אין די ראנד־געביטן פון רוסלאנד האָט געפאָדערט א קלאָרע פּראָגראם איבער דער נאציאָנאלער פראגע. נאָר די מענשעוויקעס האָבן ניט געהאט קיין שום פּראָ־גראם, אויב ניט רעכענען די „קולטור־אויטאָנאָמיע” פונעם „בונד”, וועלכע האָט קיינעם ניט געקאָנט באפרידיקן. בלויז די באָלשעוויקעס האָבן געהאט א מארקסיסטישע פּראָגראם איבער דער נאציאָנאלער פראגע, די פּראָגראם,

וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן אינם חבר סטאַלינס אַרטיקל „דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע" און אין לענינס אַרטיקלען „וועגן דעם רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג" און „קריטישע נאָטיצן איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע".

קיין וואונדער ניט, וואָס נאָך אַזוינע מפּלות פונם מענשעוויזם האָט דער אויגוסט־בלאָק געמוזט ווערן אין פאַלאָרן אין אַלע עקן ... א צונויפגעשטעלטער פון פאַר־שיידנפאַרביקע עלעמענטן, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן דעם אָנדראַנג פון די באָלשעוויקעס און האָט אָנגעהויבן צעפאַלן זיך אויף טיילן. א געשאַפענער צוליב קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, איז זיך דער אויגוסט־בלאָק אײַנגיכן צע־פאַלן אונטער די קלעפּ פון די באָלשעוויקעס. צוערשט זײַנען פונם בלאָק אַוועק די „וּפּערי‌אָדאָווצעס" (באָגדאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי א. אנד.), נאָכדעם זײַנען אַרויס די לעטן, דערנאָך זײַנען זיך צעקראָכן די איבעריקע.

געכאַפּט א מפּלה אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, האָבן זיך די ליקווי־דאַטאָרן געווענדט נאָך הילף צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז זיי געקומען צו הילף. אונטערן אויסרייד פון „שלום מאַכן" צווישן די באָלשעוויקעס מיט די ליקווידאַטאָרן, אונטערן אויסרייד פון אײַנשטעלן א „שלום אין דער פּאַרטיי" האָט דער צווייטער אינטערנאַציאָ־נאַל אויפגעפאָדערט די באָלשעוויקעס אויפהערן קריטיקירן די פּשרה־מאַכערי־שע פּאָליטיק פון די ליקווידאַטאָרן. די באָלשעוויקעס זײַנען אָבער געווען אומ־בשלום'דיק: זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אונטערוואַרפן זיך די באַשלוסן פונם אָפּאָרטוניסטישן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און זײַנען ניט אײַנגעגאַנגען אויף קיין שום הנחות.

דער זיג פון די באָלשעוויקעס אין די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס איז ניט גע־ווען און האָט ניט געקאָנט זײַן קיין צופעליקער. ער איז ניט געווען קיין צו־פעליקער ניט נאָר דערפאַר, ווײַל בלויז די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט א ריכ־טיקע מאַרקסיסטישע טעאָריע, א קלאָרע פּראָגראַם און אין שלאַכטן א פאַר־האַרטעוועטע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי. ער איז ניט געווען קיין צופעליקער אויך דערפאַר, ווײַל דער זיג פון די באָלשעוויקעס האָט אָפּ־געשפּיגלט דעם וואוקס פונם רעוואָלוציאָנערן אויפשטײַג.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער האָט זיך אַלץ מער פאַ־נאַנדערגעוויקלט, אַרומכאַפּנדיק נײַע שטעט און געגנטן. מיטן אָנקום פונם יאָר 1914 האָבן די שטרײַקס פון די אַרבעטער ניט בלויז ניט געמוזט זיך אײַנ־שטילן, נאָר, פאַרקערט, זיי האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערוויקלען מיט א נײַער קראַפט. די שטרײַקס זײַנען געוואָרן אַלץ מער אײַנגעשפּאַרטע, זיי האָבן אַרום־געכאַפּט אַלץ א גרעסערע צאָל אַרבעטער. דעם 9־טן יאַנואַר האָבן געשטרײַקט 250 טויזנט אַרבעטער, דערונטער 140 טויזנט אין פּעטערבורג. דעם 1־טן מאַי האָט געשטרײַקט העכער א האַלב מיליאָן, דערונטער אין פּעטערבורג — העכער 250 טויזנט. אין די שטרײַקס האָבן די אַרבעטער אַרויסגעוויזן אוי־

סערגעוואוינלאכע שטאנדהאפטיקײט. אויפן אָבוכאָווער זאוואָד אין פּעטערבורג האָט דער שטרײק געדויערט העכער צוויי חדשים, אויף לעסנערס זאוואָד — בײַ דרײַ חדשים. די מאסן־אָפּ'סמ'ונגען אין א ריי אונטערנעמונגען פון פּעטערבורג האָבן ארויסגערופן א שטרײק פון 115 טויזנט ארבעטער און גלײַך נאָך דעם דעמאָנסטראציעס. די באוועגונג האָט געהאלטן אין איין אָנוואקסן. סך־הכל האָבן פארן ערשטן האלביאָר פון 1914־טן יאָר (אײַנגעשלאָסן אויך דעם אָנהויב יולי) געשטרײַקט 1.425 טויזנט ארבעטער.

אין מאי האָט זיך אָנגעהויבן אן אלגעמיינער שטרײק פון די נאפט־אינדוסטריעלע ארבעטער אין באקו, וועלכער האָט צוגעשמידט צו זיך די אויפמערקזאמקײט פון דעם גאנצן פּראָלעטאריאט פון רוסלאנד. דער שטרײַק איז דורכגעגאנגען אָרגאניזירט. דעם 20־טן יוני איז אין באקו פּאָרגעקומען א דעמאָנסטראציע פון 20 טויזנט ארבעטער. די פּאָליציי האָט אָנגענומען קעגן די באקוער ארבעטער אכזריות'דיקע מאָס־מיטלען. אלס צייכן פון פּראָטעסט און סאָלידארישקײט מיט די באקוער ארבעטער האָט זיך אָנגעהויבן א שטרײק אין מאָסקווע, וועלכער האָט זיך אריבערגעוואָרפן אין אנדערע ראיאָנען.

דעם 3־טן יולי איז אויפן פּוטילאָווער זאוואָד אין פּעטערבורג פּאָרגעקומען א מיטינג וועגן דעם באקוער שטרײַק. די פּאָליציי האָט געשאָסן אין די ארבעטער. א גוואלדיקע אויפרעגונג האָט ארומגעכאפּט דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאריאט. דעם 4־טן יולי האָבן אין פּעטערבורג לויטן רוף פונם פּעטערבורגער פּארטיי־קאָמיטעט פארשטרײקט, אלס צייכן פון פּראָטעסט, 90 טויזנט ארבעטער. דעם 7־טן יולי האָבן געשטרײַקט 130 טויזנט, דעם 8־טן יולי— 150 טויזנט, דעם 11־טן יולי—200 טויזנט.

אלע זאוואָדן זײַנען ארומגעכאפּט געוואָרן מיט אויפרעגונג; אומעטום זײַנען פּאָרגעקומען מיטינגען און דעמאָנסטראציעס. די זאך איז דערגאנגען ביז צו פּרואוון פון בויען באריקאדן. באריקאדן האָט מען אויך געבויט אין באקו און אין לאָדז. אין א ריי פּונקטן האָט די פּאָליציי געשאָסן אין די ארבעטער. כדי צו דערשטיקן די באוועגונג, האָט די רעגירונג פּאָרגענומען „אויסעראָרדנטלאכע" מאָס־מיטלען; די הויפּטשטאָט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א קריגס־לאגער, די „פּראוודא" איז פארמאכט געוואָרן.

אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיך אָבער באוויזן אויף דער סצענע א נײַע קראפט פון א צווישנפעלקערלאכן כאראקטער — די אימפּעריאליסטישע מלחמה, — וועלכע האָט געמוזט ענדערן דעם גאנג פון די געשעענישן. פּונקט אין דער צײַט פון די יוליער רעוואָלוציאָנערע געשעענישן איז אין פּעטערבורג געקומען צו פאָרן צוליב אונטערהאנדלונגען מיטן קייסער וועגן דעם אָנהויב פון דער פּאָרשטייענדיקער מלחמה דער פראנצויזישער פּרעזידענט פּואנקארע. אין עטלאכע טעג ארום האָט דײַטשלאנד דערקלערט א מלחמה רוסלאנד. די צארישע רעגירונג האָט זיך באנוצט מיט דער מלחמה צוליב דעם, כדי צו צעשמעטערן די באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציעס און דערשטיקן די

ארבעטער־באַוועגונג. דער אויפשטײַג פון דער רעוואָליוציע איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דער וועלט־מלחמה, אין וועלכער די צארישע רעגירונג האָט גע־זוכט א רעטונג פון דער רעוואָליוציע.

## קורצע אויספירן.

אין די יאָרן פונם נײַעם רעוואָליוציאָנערן אויפשטײַג (1912—1914) האָט זיך די פּארטיי באָלשעוויקעס געשטעלט בראש פון דער ארבעטער־באַוועגונג און האָט זי געפירט אונטער די באָלשעוויסטישע לאָזונגען צו א נײַער רע־וואָליוציע. די פּארטיי האָט פארשטאנען ווי צו פארווירקלאכן די פאראייניקונג פון דער אומלעגאלער ארבעט מיט דער לעגאלער. אײַנברעכנדיק דעם ווידער־שטאנד פון די ליקווידאטאָרן און פון זייערע פרײַנט — טראָצקיסטן און אָטזאָ־וויסטן, האָט זי באהערשט אלע פאָרמען פון דער לעגאלער באַוועגונג און האָט געמאכט די לעגאלע אָרגאניזאציעס פאר אָנשפּאר־פּונקטן פון איר רע־וואָליוציאָנערער ארבעט.

קעמפנדיק קעגן די שונאים פונם ארבעטער־קלאס און קעגן זייערע אגענטן אין דער ארבעטער־באַוועגונג, האָט די פּארטיי פארפעסטיקט אירע רייען און פארברייטערט אירע פארבינדונגען מיטן ארבעטער־קלאס. ברייט אויסנוצנדיק די דומע־טריבונע פאר רעוואָליוציאָנערער אגיטאציע און האָבנדיק געשאפן די אויסגעצייכנטע מאסאָווע ארבעטער־צײַטונג „פּראוודא", האָט די פּארטיי דער־צויגן א נײַעם דור רעוואָליוציאָנערע ארבעטער—פּראוודיסטן. דער דאָזיקער שיכט ארבעטער איז אין די יאָרן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה פאר־בליבן טרײַ צו דער פאָן פונם אינטערנאציאָנאליזם און פון פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. טאקע ער איז נאָכדעם געווען דער יאָדער פון דער באָלשעוויס־טישער פּארטיי אין די טעג פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע אין 1917־טן יאָר.

ערב דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה האָט די פּארטיי אָנגעפירט מיט די רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגען פונם ארבעטער־קלאס. דאָס זײַנען געווען אוואנגארד־שלאכטן, וועלכע זײַנען איבערגעריסן געוואָרן דורך דער אימפּע־ריאַליסטישער מלחמה, וועלכע זײַנען אָבער נאָכדעם, אין דרײַ יאָר ארום, ווידער באנײַט געוואָרן, כדי אראָפּצוואַרפן דעם צאריזם. אין שווערן פּעריאָד פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה איז די באָלשעוויסטישע פּאר־טיי ארײַנגעטראָטן מיט פאנאנדערגעוויקלטע פאָנען פון פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם.

## קאַפּיטל VI

# די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אינם פּעריאָד פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די צווייטע רעוואָליוציע אין רוסלאַנד.

### *(1914* יאָר — מערץ *1917* יאָר).

## 1. די אנטשטייאונג און די סיבות פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

דעם 14-טן (27-טן) יולי 1914-טן יאָר האָט די צארישע רעגירונג דערקלערט אַן אַלגעמיינע מאָביליזאציע. דעם 19-טן יולי (1-טן אויגוסט) האָט דײַטשלאַנד דערקלערט א מלחמה רוסלאַנד.

רוסלאַנד איז ארײַנגעטראָטן אין דער מלחמה.

נאָך לאַנג פאַרן אָנהויב פון דער מלחמה האָבן לענין, די באָלשעוויקעס פאָראויסגעזעען איר אומפאַרמײַדלאַכקײַט. אויף די אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן פון די סאָציאַליסטן איז לענין ארויסגעטראָטן מיט זײַנע פאָרשלאָגן, וואָס זײַנען געווען געריכטעט דערצו, אַז מע זאָל באַשטימען די רעוואָליוציאָנערע אויפפירונגס-ליניע פון די סאָציאַליסטן אין פאַל, אויב עס וועט אויסברעכן א מלחמה.

לענין האָט אויפגעוויזן, אַז מלחמות זײַנען אַן אומפאַרמײַדלאַכער באַגלײַטער פונם קאַפּיטאַליזם. די רויבערײַ פון פרעמדע לענדער, דאָס דעראָבערן און באַרויבן די קאָלאָניעס, דאָס פאַרכאַפּן נײַע מערק זײַנען ניט איין מאָל געווען די סיבות פון דעראָבערונגס-מלחמות פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. מלחמה איז פאַר די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פּונקט אַזא נאַטירלאַכער און געזעצלאַכער צושטאַנד, ווי די עקספּלואַטאַציע פונם ארבעטער-קלאַס.

באַזונדערס זײַנען מלחמות געוואָרן אומפאַרמײַדלאַך, ווען דער קאַפּיטאַליזם איז סוף XIX און אָנהויב XX יאָרהונדערט ענדגילטיק אריבערגעוואַקסן אין דער העכסטער און לעצטער שטופע פון זײַן אַנטוויקלונג — אינם אימפּעריאַליזם. בײַם אימפּעריאַליזם האָבן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אינם לעבן פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות באַקומען די מעכטיקע פאַראייניקונגען (מאָנאָפּאָליעס) פון די קאַפּיטאַליסטן און די בענק. דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל איז געוואָרן באַלעבאָס אין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל האָט געפאָדערט נײַע מערק, דאָס פאַרכאַפּן נײַע קאָלאָניעס, נײַע ערטער פאַרן ארויספיר פון קאַפּיטאַל, נײַע קוואַלן פון רוישטאָף.

נאָך שוין סוף XIX יאָרהונדערט איז די גאנצע טעריטאָריע פונם ערדקײַלאך געווען צעטיילט צווישן די קאפיטאליסטישע מלוכות. די אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם אין דער עפּאָכע פונם אימפעריִאליזם קומט אָבער פאָר העכסט ניט־גלײַכמעסיק און שפרונגארטיק: איינע לענדער, וואָס זײַנען פריִער געווען אויפן ערשטן אָרט, אנטוויקלען זייער אינדוסטריע פארהעלטענישמעסיק לאנגזאם, אנדערע, וואָס זײַנען פריִער געווען הינטערשטעליק, יאָגן מיט שנעלע שפרונגען זיי אָן און יאָגן זיי אריבער. עס האָט זיך געענדערט די פארהעלטעניש פון די עקאָנאָמישע און מיליטערישע כחות צווישן די אימפעריִאליסטישע מלוכות. עס איז אויפגעקומען א שטרעבונג צו א נײַער איבערפארטיילונג פון דער וועלט. דער קאמף פאר א נײַער איבערפארטיילונג פון דער וועלט האָט ארויסגערופן די אומפארמײַדלאכקײַט פון אן אימפעריִאליסטישער מלחמה. די מלחמה פון 1914־טן יאָר איז געווען א מלחמה פאר איבערפארטיילן די וועלט און די ווירקונגס־ספערן. זי איז א לאנגע צײַט פאר דעם צוגעגרייט געוואָרן פון אלע אימפעריִאליסטישע מלוכות. די שולדיקע אין איר זײַנען די אימפעריִאליסטן פון אלע לענדער.

באזונדערס אָבער איז די דאָזיקע מלחמה געגרייט געוואָרן דורך דײַטשלאנד און עסטרײַך, פון איין זײַט, דורך פראנקרײַך, ענגלאנד און דעם אָפּהענגיקן פון זיי רוסלאנד — פון דער אנדערער זײַט. אין יאָר 1907 איז אנטשטאנען די דרײַען־פארשטענדיקונג, אָדער די אנטאנט, — א פארבאנד פון ענגלאנד, פראנקרײַך און רוסלאנד. א צווייטן אימפעריִאליסטישן פארבאנד האָבן געבילדעט דײַטשלאנד, עסטרײַך־אונגארן און איטאליע. איטאליע איז אָבער אין אָנהויב מלחמה פון 1914־טן יאָר ארויסגעטראָטן פון דעם דאָזיקן פארבאנד און האָט זיך נאָכדעם אָנגעשלאָסן אָן דער אנטאנט. דײַטשלאנד און עסטרײַך־אונגארן זײַנען געשטיצט געוואָרן דורך בולגאריע און טערקײַ.

צוגרייטנדיק זיך צו דער אימפעריִאליסטישער מלחמה, האָט דײַטשלאנד געשטרעבט אָפּצונעמען בײַ ענגלאנד און פראנקרײַך די קאָלאָניעס, בײַ רוסלאנד — אוקראאינע, פוילן, בײַבאלטיק. האָבנדיק אויסגעבויט די באגדאדער אײַזנבאן, האָט דײַטשלאנד באדראָט דער הערשאפט פון ענגלאנד אויפן נאָענטן מזרח. ענגלאנד האָט מורא געהאט פארן וואוקס פון די ים־באוואָפענונגען פון דײַטשלאנד.

דאָס צארישע רוסלאנד האָט געשטרעבט צו צעטיילן טערקײַ, געטרוימט וועגן דעראָבערן די דורכגוסן פונם שווארצן ים צום מיטללענדישן ים (די דארדאנעלן), וועגן פארכאפן קאָנסטאנטינאָפּאָל. אין די פלענער פון דער צארישער רעגירונג איז אויך ארײַנגעגאנגען דאָס פארכאפן גאליציע — א טייל פון עסטרײַך־אונגארן.

ענגלאנד האָט געשטרעבט מיט דער הילף פון דער מלחמה צעקלאפן זײַן געפערלאכן קאָנקורענט — דײַטשלאנד, וועמענס סחורות עס האָבן פאר דער

מלחמה אליין מער אָנגעהויבן ארויסצושטויסן אויפן וועלט־מארק די ענגלישע סחורות. חוץ דעם, האָט ענגלאנד געפּלאנעוועט צו פארכאפּן ביי טערקיי מעסאָפּאָטאמיע, פּאלעסטינע און זיך פעסט פארפונדעווען אין עגיפּטן.

די פראנצויזישע קאפּיטאליסטן האָבן געשטרעבט צו פארכאפּן ביי דייטשלאנד די רייכע אין קוילן און אייזן סאארער באסיין און עלזאס־לאָטארינגיע, וואָס דייטשלאנד האָט זי אָפּגענומען ביי פראנקרייך אין דער מלחמה פון די יאָרן 1870—1871.

אזויארום האָבן צו דער אימפּעריאליסטישער מלחמה געבראכט די ביז גאָר גרויסע ווידערשפּרוכן צווישן צוויי גרופּעס קאפּיטאליסטישע מלוכות.

אָט די רויבערישע מלחמה פאר איבערפארטיילן די וועלט האָט אָנגערירט די אינטערעסן פון אלע אימפּעריאליסטישע לענדער, און דערפאר זיינען שפּעטער אין איר אריינגעצויגן געוואָרן יאפּאָניע, די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און א ריי אנדערע מלוכות.

די מלחמה איז געוואָרן אן אלוועלטלאכע.

די אימפּעריאליסטישע מלחמה איז געגרייט געוואָרן דורך דער בורזשואזיע טיף געהיים פון אירע פעלקער. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט יעדע אימפּעריאליסטישע רעגירונג זיך באמיט דערווייזן, אז ניט זי איז אָנגעפאלן אויף די שכנים, נאָר מע איז אָנגעפאלן אויף איר. די בורזשואזיע האָט גענארט דאָס פאָלק, אויסבאהאלטנדיק די אמת'ע צילן פון דער מלחמה, איר אימפּעריאליסטישן, פארכאפּערישן כאראקטער. יעדע אימפּעריאליסטישע רעגירונג האָט דערקלערט, אז די מלחמה ווערט געפירט צוליב פארטיידיקן איר היימלאנד.

אָפּנארן דאָס פאָלק האָבן דער בורזשואזיע געהאָלפן די אָפּאָרטוניסטן פונם צווייטן אינטערנאציאָנאל. די סאָציאל־דעמאָקראטן פונם צווייטן אינטערנאציאָנאל האָבן נידערטרעכטיק פארראטן די זאך פונם סאָציאליזם, די זאך פון דער אינטערנאציאָנאלער סאָלידאריטעט פונם פּראָלעטאריאט. זיי זיינען ניט בלויז ניט ארויסגעטראָטן קעגן דער מלחמה, נאָר, פארקערט, זיי האָבן געהאָלפן דער בורזשואזיע אָנצוהעצן די ארבעטער און פּויערים פון די מלחמה־האלטנדיקע מלוכות איינע קעגן די אנדערע אונטערן פלאג פון פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד.

רוסלאנד איז ניט צופעליק ארויסגעטראָטן אין דער אימפּעריאליסטישער מלחמה אויפן צד פון דער אנטאנט — פון פראנקרייך און ענגלאנד. מע מוז האָבן אין זינען, אז פארן 1914־טן יאָר האָבן די וויכטיקסטע אינדוסטריע־צווייגן פון רוסלאנד זיך געפונען אין די הענט פונם אויסלענדישן קאפּיטאל — הויפּטזאכלאך, פונם פראנצויזישן, ענגלישן און בעלגישן, דאָס הייסט, פון די אנטאנט־לענדער. די וויכטיקסטע מעטאלורגישע זאוואָדן פון רוסלאנד האָבן זיך געפונען אין די הענט פון פראנצויזישע קאפּיטאליסטן. אינגאנצן גענומען איז די מעטאלורגיע כמעט אויף דריי פערטל (אויף 72 פּראָצענט) געווען

אָפּהענגיק פונם אויסלענדישן קאַפּיטאַל. אין דער שטיינקוילן־אינדוסטריע — אין דאָנבאַס — איז געווען דאָס זעלבע בילד. ביי אַ העלפט פונם גאַנצ־ארויסבאַקום האָט זיך געפונען אין די הענט פונם ענגליש־פראַנצויזישן קאַפּיטאַל. אַ באַדייטנדיקער טייל פּראָפיטן פון דער רוסישער אינדוסטריע איז געגאַנגען אין די אויסלענדישע, דער עיקר — אין די ענגליש־פראַנצויזישע, בענק. אָט די אַלע אומשטענדן פּליוס די מיליאַרדיקע הלוואות, וואָס דער קייסער האָט געשלאָסן אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד, האָבן דעם צאַריזם צוגעשמידט צום ענגליש־פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם, פאַרוואַנדלט רוסלאַנד אין אַ צינז־צאָלער פון די דאָזיקע לענדער, אין זייערער אַ האַלב־קאָלאָניע.

אָנהויבנדיק די מלחמה, האָט די רוסישע בורזשואַזיע אויסגערעכנט צו פאַרריכטן אירע געשעפטן: דעראָבערן נייע מערק, אָנלעבן זיך אויף די מיליטערישע באַשטעלונגען און ליפערונגען און פאַראיינס דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, אויסנוצנדיק די מלחמה־סיטואַציע.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה ניט צוגעגרייט. די אינדוסטריע פון רוסלאַנד איז געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. עס האָבן אין איר געהערשט אַלטע פאַבריקן און זאַוואָדן מיט אַן אָפּגענוצטער אויסשטאַטונג. די לאַנדווירטשאַפט האָט, ביי דער אָנוועזנקייט פון אַ האַלב־לייבאייגנטימערישן ערד־באַזיץ און פון אַ מאַסע פאַראָרעמטן, רואינירטן פויערטום, ניט געקאָנט דינען ווי אַ פעסטע עקאָנאָמישע באַזע צו פירן אַ דויערנדיקע מלחמה.

דער קייסער האָט זיך אָנגעשפּאַרט דער עיקר אויף די פּריצים—לייבאייגנטימער. די גרויסע שוואַרצ'מאה'יקע פּריצים אין בלאָק מיט די גרויסע קאַפּיטאַליסטן האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין לאַנד און אין דער מלוכה־דומע. זיי האָבן דורכאויס געשטיצט די אינערלאַכע און אויסערלאַכע פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג. די רוסישע אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע האָט געלייגט האָפענונגען אויף דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, ווי אויף אַ געפּאַנצערטן פויסט, וואָס האָט איר געקאָנט זיכערן דאָס פאַרכאַפּן נייע מערק און נייע לענדער, פון איין זייט, און דערשטיקן די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער און פויערים — פון דער אַנדערער זייט.

די פּאַרטיי פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע — די קאַדעטן — האָט זיך אַרויסגעשטעלט כלומר'שט ווי אַן אָפּאָזיציע; די אויסערלאַכע פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג האָט זי אָבער געשטיצט אָן רעזערוואַציעס.

די קליינבירגערלאַכע פּאַרטייען פון די עסערן און מענשעוויקעס האָבן פון סאַמע אָנהויב מלחמה, מאַסקירנדיק זיך מיטן פלאַג פון סאָציאַליזם, געהאָלפן דער בורזשואַזיע אָפּצונאַרן דאָס פאָלק, אויסצובאַהאַלטן דעם אימפּעריאַליסטישן, דעם רויבערישן כאַראַקטער פון דער מלחמה. זיי האָבן געפּרידיקט די נויטיקייט צו פאַרטיידיקן, די נויטיקייט צו באַשיצן דאָס בורזשואַזע „פאָטערלאַנד“ קעגן די „פּרייסישע באַרבאַרן“; זיי האָבן געשטיצט די פּאָליטיק פון

„בירגער־פרידן” און האָבן, אזויארום, געהאָלפן דער רעגירונג פונם רוסישן קייסער צו פירן די מלחמה, פונקט אזוי, ווי די דײַטשישע סאָציאַל־דעמאָ־קראטן האָבן געהאָלפן דער רעגירונג פונם דײַטשישן קייזער צו פירן די מלחמה קעגן די „רוסישע בארבארן”.

בלויז די פארטיי באָלשעוויקעס איז געבליבן געטרײַ צו דער גרויסער פאָן פונם רעוואָליוציאָנערן אינטערנאציאָנאליזם, פארבלײַבנדיק פעסט אויף די מארקסיסטישע פאָזיציעס פון אנטשיידענעם קאמף קעגן דער צארישער זעלבסטהערשונג, קעגן די פריצים און קאפיטאליסטן, קעגן דער אימפעריאַ־ליסטישער מלחמה. די באָלשעוויסטישע פארטיי האָט באלד פון די ערשטע מלחמה־טעג זיך געהאלטן בײַ דער אײַנשטעלונג, אז די מלחמה איז אָנגע־הויבן געוואָרן ניט צוליב פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד, נאָר צוליב פארכאפן פרעמדע לענדער, צוליב בארויבן פרעמדע פעלקער אין די אינטערעסן פון די פריצים און קאפיטאליסטן, אז קעגן דער דאָזיקער מלחמה דארפן די ארבע־טער פירן אן אנטשיידענע מלחמה.

דער ארבעטער־קלאַס האָט געשטיצט די פארטיי באָלשעוויקעס.

אמת, דער בורזשואַז־פאטריאָטישער טשאד, וואָס האָט אין אָנהויב מלחמה ארומגעכאפט די אינטעליגענץ און די באלעגופישע שיכטן פונם פויער־טום, האָט אָנגערירט אויך א געוויסן טייל ארבעטער. דאָס זײַנען אָבער דער עיקר געווען מיטגלידער פונם כוליגאנישן „סאָיוז רוסקאָוואָ נאראָדא” און א טייל עסעריש־מענשעוויסטיש־געשטימטע ארבעטער; זיי האָבן, פארשטייט זיך, ניט אָפגעשפיגלט און האָבן ניט געקאָנט אָפשפיגלען די שטימונגען פונם ארבעטער־קלאַס. די דאָזיקע עלעמענטן האָבן זיך עם טאקע ארויסגעוויזן ווי אָנטיילנעמער פון די שאָוויניסטישע מאניפעסטאציעס פון דער בורזשואזיע, וואָס די צארישע רעגירונג האָט אָרגאניזירט אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה.

## 2. דער אריבערגאנג פון די פארטייען פונם צווייטן אינטער־נאציאָנאַל אויף דער זײַט פון זייערע אימפעריאַליסטישע רעגירונגען. די צעפאַלונג פונם צווייטן אינטערנאציאָנאַל אויף באזונדערע סאָציאַל־שאָוויניסטישע פארטייען.

לענין האָט ניט איין מאָל געוואָרנט וועגן דעם אָפּאָרטוניזם פונם צווייטן אינטערנאציאָנאַל און וועגן דער ניט־שטאנדהאפטיקײַט פון זײַנע פירער. ער האָט די גאנצע צײַט גע׳טענה׳ט, אז די פירער פונם צווייטן אינטערנאציאָ־נאַל זײַנען בלויז אויפן וואָרט קעגן מלחמה, אז אין פאַל, ווען די מלחמה וועט אָנקומען, קאָנען זיי ענדערן זייער פאָזיציע און אריבערלויפן אויף דער זײַט פון דער אימפעריאַליסטישער בורזשואזיע, קאָנען ווערן אָנהענגער פון

דער מלחמה. און שוין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָבן באשטעטיקט לענינס פאָראויסזעאונג.

אין יאָר 1910 איז אויפן קאָנגרעס פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין קאָפּענהאגען אָנגענומען געוואָרן א באשלוס, אז די סאָציאַליסטן דארפן אין די פארלאמענטן שטימען קעגן מלחמה־קרעדיטן. בעת דער מלחמה אויף די באלקאנען אין יאָר 1912 האָט דער צווישנפעלקערלאכער קאָנגרעס פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין באזעל דערקלערט, אז די ארבעטער פון אלע לענדער האלטן פאר א פארברעכן צו שיסן איינער אינם אנדערן צוליב דער פארגרע־סערונג פון די פּראָפיטן פון די קאפּיטאליסטן. אזוי איז עס געווען אויפן וואָרט, אין רעזאָליוציעס.

ווען עס האָט אָבער א קנאל געטאָן דער דונער פון דער אימפּעריאליסטי־שער מלחמה און מע האָט געדארפט די דאָזיקע באשלוסן דורכפירן אין לעבן, האָבן זיך די פירער פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ארויסגעוויזן פאר פאר־רעטער, פאר פעלשער פונם פּראָלעטאריאט, האָבן זיך ארויסגעוויזן פאר די־נער פון דער בורזשואזיע, — זיי זײַנען געוואָרן אָנהענגער פון דער מלחמה.

דעם 4־טן אויגוסט 1914־טן יאָר האָט די דײַטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע געשטימט אין פארלאמענט פאר מלחמה־קרעדיטן, פאר אונטערשטיצן די אימפּעריאליסטישע מלחמה. דאָס זעלבע האָט געטאָן די איבערוועגנ־דיקע מערהײַט סאָציאַליסטן פון פראנקרײַך, ענגלאנד, בעלגיע און אנדערע לענדער.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. ער איז זיך פאקטיש צעפאלן אויף באזונדערע סאָציאַל־שאָוויניסטישע פארטייען, וואָס האלטן מלחמה איינע מיט דער אנדערער.

פארראטנדיק דעם פּראָלעטאריאט, זײַנען די פירער פון די סאָציאַליסטי־שע פארטייען אריבערגעגאנגען אויף דער פּאָזיציע פון סאָציאַל־שאָוויניזם און פון פארטיידיקן די אימפּעריאליסטישע בורזשואזיע. זיי האָבן געהאָלפן די אימפּעריאליסטישע רעגירונגען פארטומלען דעם ארבעטער־קלאס און פארגיפטן אים מיטן סם פון נאַציאָנאליזם. די דאָזיקע סאָציאַל־פאררעטער האָבן אונטערן פלאג פון פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד געגומען אָנהעצן די דײַטשישע ארבע־טער אויף די פראנצויזישע, און די ענגלישע און די פראנצויזישע ארבעטער — אויף די דײַטשישע. בלויז אן אומבאדײַטנדיקע מינדערהײַט אינם צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל איז געבליבן אויף אן אינטערנאַציאָנאליסטישער פּאָזיציע און איז אוועק קעגן שטראָם, אמת, ניט גאָר איינגאנצן זיכער און ניט איינגאנצן באשטימט, נאָר דאָך איז זי אוועק קעגן שטראָם.

בלויז די פארטיי באָלשעוויקעס האָט תיכף און אָן קיין שום וואקלונגען אויפגעהויבן די פאָן פון אנטשיידענעם קאמף קעגן דער אימפּעריאליסטישער מלחמה. אין די טעזיסן וועגן דער מלחמה, וואָס לענין האָט אָנגעשריבן אין האָרבסט 1914־טן יאָר, האָט לענין אָנגעוויזן, אז דאָס פאלן פונם צווייטן אינ־

טערנאַציאָנאַל איז ניט קיין צופעליקײט. דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אומגעבראַכט די אָפּאָרטוניסטן, קעגן וועלכע עס האָבן שוין לאַנג געוואָרנט די בעסטע פאָרשטייער פונם רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאַריאַט.

די פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל זײַנען אויך ביז דער מלחמה געווען אָנגעשטעקט מיט אָפּאָרטוניזם. די אָפּאָרטוניסטן האָבן אָפן געפּריידיקט דאָס אָפּזאָגן זיך פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, געפּריידיקט די טעאָריע פון „פרידלאַכער ארײַנוואַקסונג פונם קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַליזם". דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט געוואָלט קעמפן קעגן אָפּאָרטוניזם; ער איז געשטאַנען פאַר א שלום מיט אים און האָט אים געלאָזט זיך פאַרפעסטיקן. האַלטנדיק זיך בײַ א שלום-מאַכערישער פּאָליטיק בנוגע דעם אָפּאָרטוניזם, איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אליין געוואָרן אן אָפּאָרטוניסטישער.

די אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע האָט אויפן חשבון פון אירע רווחים פון די קאָלאָניעס, פון עקספּלואַטירן די אָפּגעשטאַנענע לענדער סיסטע־מאַטיש דורך א העכערן ארבעטסלוין און דורך אַנדערע געשאַנקען אונטערגע־קויפט דעם אויבערשיכט פון די קוואַליפיצירטע ארבעטער, די אַזוי גערופענע ארבעטער-אריסטאָקראַטיע. פון דעם דאָזיקן צווישן-שיכט ארבעטער איז ארויסגעקומען ניט ווייניק אָנפירער פון די פּראָפעסיאָנעלן און קאָאָפּעראַטיוון, מוניציפּאַלע און פּאַרלאַמענט-דעפּוטאַטן, טוער פון דער פּרעסע און פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. מורא האָבנדיק צו פאַרלירן זייער לאַ־גע, זײַנען די דאָזיקע מענשן אין מאָמענט פון דער מלחמה געוואָרן קעגנער פון דער רעוואָלוציע, געוואָרן די סאַמע היציקע פאַרטיידיקער פון זייער בור־זשואַזיע, פון זייערע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען.

די אָפּאָרטוניסטן זײַנען געוואָרן סאָציאַל-שאָוויניסטן.

די סאָציאַל-שאָוויניסטן, דערונטער די רוסישע מענשעוויקעס און עסערן, האָבן געפּריידיקט קלאַסן-פרידן פון די ארבעטער מיט דער בורזשואַזיע אינם לאַנד גופא און מלחמה מיט די אַנדערע פעלקער אויסער דעם אייגענעם לאַנד. זיי האָבן גענאַרט די מאַסן מכח די אמת'ע שולדיקע פון דער מלחמה, דערקלערנדיק, אַז די בורזשואַזיע פון זייער לאַנד איז ניט שולדיק אין דער מלחמה. פיל סאָציאַל-שאָוויניסטן זײַנען געוואָרן מיניסטאָרן פון די אימ־פּעריאַליסטישע רעגירונגען פון זייער לאַנד.

ניט ווייניקער געפערלאַך פאַר דער זאַך פונם פּראָלעטאַריאַט זײַנען געווען די פאַרבאָרגענע סאָציאַל-שאָוויניסטן, די אַזוי גערופענע צענטריסטן. די צענ־טריסטן — קאַוטסקי, טראָצקי, מאַרטאָוו און אַנדערע האָבן באַרעכטיקט און פאַרטיידיקט די אָפענע סאָציאַל-שאָוויניסטן, הייסט עס, זיי האָבן צוזאַמען מיט די סאָציאַל-שאָוויניסטן פאַרראַטן דעם פּראָלעטאַריאַט, צודעקנדיק זייער פאַרראַט מיט „לינקע" פראַזן וועגן קאַמף קעגן דער מלחמה, וואָס זײַנען געווען אויסגערעכנט אויף אָפּנאַרן דעם ארבעטער-קלאַס. פאַקטיש האָבן די צענ־טריסטן געשטיצט די מלחמה, ווײַל דער פאָרשלאָג פון די צענטריסטן ניט צו

שטימען קעגן די קרעדיטן אויף מלחמה און זיך באַנוגענען מיט אָפּהאַלטן זיך ביים אָפּשטימען די קרעדיטן אויף מלחמה — האָט באַטייט שטיצן די מלחמה. זיי האָבן אויך, ווי די סאָציִאַל-שאָוויניסטן, געפּאָדערט אָפּצוזאָגן זיך פון קלאַסנקאַמף בעת דער מלחמה, כדי ניט שטערן דער אייגענער אימפּעריִאַליסטישער רעגירונג צו פירן די מלחמה. דער צענטריסט טראָצקי איז אין אַלע וויכטיקסטע פראַגן פון מלחמה און סאָציִאַליזם געווען קעגן לענינען, קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

לענין האָט באַלד פון די ערשטע טעג פון דער מלחמה גענומען זאַמלען כחות צו שאַפן א נייעם, א דריטן אינטערנאַציִאָנאַל. שוין אינם מאַניפעסט קעגן דער מלחמה אין נאָוועמבער 1914-טן יאָר האָט דער צ.ק. פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַוועקגעשטעלט די אויפגאַבע צו שאַפן א דריטן אינטערנאַציִאָנאַל אָנשטאָט דעם צווייטן אינטערנאַציִאָנאַל, וואָס האָט געליטן א שענדלאַכן קראַך.

אין פעברואַר 1915-טן יאָר איז אין לאָנדאָן אויף דער קאָנפערענץ פון די סאָציִאַליסטן פון די אַנטאַנט-לענדער לויט לענינס אויפטראָג ארויסגעטראָטן חבר ליטווינאָוו. ליטווינאָוו האָט אויפגעפאָדערט, אַז די סאָציִאַליסטן (וואַנדערוועלדע, סאַמבאַ, געד) זאָלן ארויסטרעטן פון די בורזשואַזע רעגירונגען פון בעלגיע און פראַנקרייך און זאָלן פולשטענדיק איינרייסן מיט די אימפּעריִאַליסטן, אָפּזאָגן זיך פון מיטאַרבעטן מיט זיי. ער האָט געפאָדערט פון אַלע סאָציִאַליסטן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן זייערע אימפּעריִאַליסטישע רעגירונגען און אַז זיי זאָלן פאַראורטיילן דאָס שטימען פאַר די מלחמה-קרעדיטן. נאָר ליטווינאָווס שטים האָט אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ דורכגעקלונגען איינזאַם.

אָנהויב סעפּטעמבער 1915-טן יאָר איז זיך אין צימערוואַלד צונויפגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די אינטערנאַציִאָנאַליסטן. לענין האָט די דאָזיקע קאָנפערענץ אָנגערופן „ערשטער שריט" אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציִאָנאַלער באַוועגונג קעגן מלחמה. לענין האָט געבילדעט אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ די צימערוואַלדער לינקע גרופּע. נאָר אין אָט דער צימערוואַלדער לינקער האָט די איינציק-ריכטיקע, ביזן סוף קאָנזעקווענטע פּאָזיציע קעגן דער מלחמה פאַרנומען בלויז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס בראש מיט לענינען. די צימערוואַלדער לינקע האָט ארויסגעגעבן אויף דער דייטשישער שפּראַך דעם זשורנאַל „דער אָנזאָגער", אין וועלכן עס האָבן זיך געדרוקט לענינס אַרטיקלען.

אין יאָר 1916 האָט זיך איינגעגעבן צונויפרופן אינם שווייצאַרישן דאָרף קינטאַל א צווייטע קאָנפערענץ פון די אינטערנאַציִאָנאַליסטן. זי הייסט צווייטע צימערוואַלדער קאָנפערענץ. צו דער דאָזיקער צייט האָבן שוין כמעט אין אַלע לענדער זיך געהאַט אויסגעטיילט גרופּעס אינטערנאַציִאָנאַליסטן; עס האָט זיך שאַרפער אָנגעמערקט די צעשפּאַלטונג צווישן די אינטערנאַציִאָנאַליסטישע

עלעמענטן מיט די סאָציאַל־שאָוויניסטן. און דער עיקר — די מאַסן אליין זיי־נען צו דער דאָזיקער צײַט לינקער געוואָרן אונטערן אײַנפלוס פון דער מלחמה און פון די אומגליקן, וואָס זי האָט געבראַכט. דער קינטאַלער מאַניפעסט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין רעזולטאַט פון א פאַרשטענדיקונג צווישן די פאַר־שיידענע גרופּעס, וואָס האָבן געקעמפט אויף דער קאָנפערענץ. ער איז געווען א טראָט פאָראויס אין פאַרגלײַך מיטן צימערוואַלדער מאַניפעסט.

נאָר אויך די קינטאַלער קאָנפערענץ האָט ניט אָנגענומען די גרונט־הנחות פון דער פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס: די פאַרוואַנדלונג פון דער אימפּע־ריאַליסטישער מלחמה אין א בירגערקריג, די מפּלה פון די אייגענע אימפּע־ריאַליסטישע רעגירונגען אין דער מלחמה, די אָרגאַניזירונג פון א דריטן אינטערנאַציאָנאַל. דאָך האָט די קינטאַלער קאָנפערענץ מיטגעהאָלפן דער אויסטיילונג פון די אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, וואָס פון זיי האָט זיך נאָכדעם געבילדעט דער קאָמוניסטישער דריטער אינטערנאַציאָנאַל.

לענין האָט קריטיקירט די פעלערן פון די ניט־קאָנזעקווענטע אינטערנאַצי־אָנאַליסטן פון צווישן די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַזוינע, ווי ראָזע ליוק־סעמבורג, קאַרל ליבקנעכט; נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט ער זיי גע־האָלפן צו פאַרנעמען א ריכטיקע פּאָזיציע.

## 3. די טעאָריע און טאַקטיק פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין די פראַגן פון מלחמה, שלום און רעוואָלוציע.

די באָלשעוויקעס זײַנען ניט געווען קיין פּשוט'ע פּאַציפיסטן (אָנהענגער פון שלום), וואָס זיפצן וועגן שלום און באַגרענעצן זיך מיט דער פּראָפּאַגאַנ־דע פון שלום, ווי דאָס האָט געטאָן די מערהײַט לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די באָלשעוויקעס זײַנען געשטאַנען פאַר אן אַקטיוון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר שלום ביז צום אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער קריגערישער אימפּעריאַ־ליסטישער בורזשואַזיע. די באָלשעוויקעס האָבן די זאַך פון שלום פאַרבונדן מיט דער זאַך פון זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, האַלטנדיק, אַז דאָס אַממערסטן־ריכטיקע מיטל צו ליקווידירן די מלחמה און דערגרייכן א גערעכטיקן שלום, א שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, — איז אַראָפּ־וואַרפן די מאַכט פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע.

קעגן דעם מענשעוויסטיש־עסערישן אָפּזאָגן זיך פון רעוואָלוציע און דעם פאַררעטערישן לאָזונג וועגן אײַנהיטן „בירגער־פרידן“ בעת דער מלחמה — האָבן די באָלשעוויקעס אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון „פ א ר וו א נ ד ל ע ן  ד י  א י מ פּ ע ר י א ל י ס ט י ש ע  מ ל ח מ ה  א י ן  א  ב י ר ג ע ר ק ר י ג“. דער דאָ־זיקער לאָזונג האָט באַטײַט, אַז די אַרבעטנדיקע, דערונטער די באַוואָפנטע אַרבעטער און פּויערים, וואָס זײַנען איבערגעטאָן אין סאָלדאַטישע שינעלן, דאַרפן אויסקערעווען דאָס געווער קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע און אַראָפּ־

וואַרפן איר מאַכט, אויב זיי ווילן פּטור ווערן פון דער מלחמה און דערשלאָגן זיך א גערעכטיקן שלום.

קעגן דער מענשעוויסטיש־עסערישער פּאָליטיק פון פאַרטיידיקן דאָס בור־זשואזע פאָטערלאַנד האָבן די באָלשעוויקעס ארויסגערוקט די פּאָליטיק פון „א מפּלה פון דער אייגענער רעגירונג אין דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה". דאָס האָט באַטײַט, אז מע מוז שטימען קעגן מלחמה־קרעדיטן, שאַפן אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין דער אַרמיי, שטיצן דאָס ברידערן זיך פון די סאָלדאַטן אויפן פראָנט און אָרגאַני־זירן רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען פון די אַרבעטער און פּויערים קעגן דער מלחמה, אריבערפירנדיק זיי אין אן אויפשטאַנד קעגן דער אייגענער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג.

די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן, אז דאָס קלענסטע בייז פאַרן פאָלק אין דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה וואָלט געווען א קריגס־מפּלה פון דער צאַ־רישער רעגירונג, ווײַל דאָס וואָלט פאַרלײַכטערט דעם זיג פונם פאָלק איבערן צאַריזם און דעם דערפאָלגרײַכן קאַמף פונם אַרבעטער־קלאַס פאַר דער באַ־פרייאונג פון אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפערײַ און פון די אימפּע־ריאַליסטישע מלחמות. דערבײַ האָט לענין געהאַלטן, אז די פּאָליטיק פון א מפּלה פון דער אייגענער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג דאַרפן דורכפירן ניט בלויז די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, נאָר אויך די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פונם אַרבעטער־קלאַס פון אַלע מלחמה־האַלטנדיקע לענדער.

די באָלשעוויקעס זײַנען ניט געווען קעגן יעטווידער מלחמה. זיי זײַנען געווען בלויז קעגן א פאַרכאַפּערישער, קעגן אן אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן, אז עס זײַנען פאַראַן צווייערליי מינים מלחמות:

א) א מלחמה א גערעכטיקע, ניט קיין פאַרכאַפּערישע, א באַפרײַערי־שע, אזא, וואָס איר ציל איז אָדער פאַרטיידיקן דאָס פאָלק פון אן אויסער־לאַנדישן אָנפאַל און פון פּרואוון צו פאַרשקלאַפן עס, אָדער באַפרײַען דאָס פאָלק פון דער שקלאַפערײַ פונם קאַפּיטאַליזם, אָדער, ענדלאַך, באַפרײַען די קאָלאָ־ניעס און אָפּהענגיקע לענדער פון אונטערן דרוק פון די אימפּעריאַליסטן, און

ב) א מלחמה אן אומגערעכטיקע, א פאַרכאַפּערישע, אזא, וואָס האָט דעם ציל צו פאַרכאַפּן און פאַרשקלאַפן פרעמדע לענדער, פרעמדע פעלקער.

א מלחמה פונם ערשטן מין האָבן די באָלשעוויקעס געשטיצט. וואָס איז שייך א מלחמה פונם צווייטן מין, האָבן די באָלשעוויקעס געהאַלטן, אז מע דאַרף קעגן איר פירן אן אַנטשיידענעם קאַמף ביז צו א רעוואָלוציע און ביזן אראָפּוואַרפן די אייגענע אימפּעריאַליסטישע רעגירונג.

א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַרן אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט האָבן געהאַט לענינס טעאָרעטישע אַרבעטן אין דער צײַט פון דער מלחמה.

פרילינג 1916-טן יאָר האָט לענין אָנגעשריבן דאָס ווערק: „דער אימפעריאַליזם, ווי די העכסטע סטאַדיע פונם קאַפיטאַליזם“. לענין האָט אין דעם דאָזיקן בוך באַוויזן, אַז דער אימפעריאַליזם — דאָס איז די העכסטע סטאַדיע פונם קאַפיטאַליזם, ווען ער האָט שוין באַוויזן פון אַ „פּראָגרעסיוון“ קאַפיטאַליזם צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ קאַפיטאַליזם אַ פּאַראַזיטישן, אין אַ קאַפיטאַליזם אַ פאַרפוילט ווערנדיקן, אַז דער אימפעריאַליזם — דאָס איז דער שטאַרבנדיקער קאַפיטאַליזם. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט באַטייט, אַז דער קאַפיטאַליזם וועט אַליין אָפּשטאַרבן, אָן אַ רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט, אַז ער וועט אַליין צעפוילט ווערן אויף זיין וואָרצל. לענין האָט שטענדיק געלערנט, אַז אָן אַ רעוואָליוציע פונם אַרבעטער-קלאַס איז אוממעגלעך אַראָפּצוּוואַרפן דעם קאַפיטאַליזם. דעריבער האָט לענין, דעפינירנדיק דעם אימפעריאַליזם אַלס שטאַרבנדיקן קאַפיטאַליזם, צוזאַמען דערמיט באַוויזן אין דעם דאָזיקן בוך, אַז „דער אימפעריאַליזם — דאָס איז דער ערב פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע פונם פּראָלעטאַריאַט“.

לענין האָט באַוויזן, אַז דער קאַפיטאַליסטישער דרוק אין דער עפּאָכע פונם אימפעריאַליזם פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער, אַז אין די באַדינגונגען פונם אימפעריאַליזם וואַקסט די אויפגעבראַכטקייט פונם פּראָלעטאַריאַט קעגן די יסודות פונם קאַפיטאַליזם; עס וואַקסן אָן די עלעמענטן פון רעוואָליוציאָנערן אויפרייס אינעווייניק אין די קאַפיטאַליסטישע לענדער.

לענין האָט באַוויזן, אַז אין דער עפּאָכע פונם אימפעריאַליזם ווערט פאַרשאַרפט דער רעוואָליוציאָנערער קריזיס אין די קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער; עס וואַקסן אָן די עלעמענטן פון אויפגעבראַכטקייט קעגן דעם אימפעריאַליזם, עס וואַקסן אָן די עלעמענטן פון אַ באַפרייאונגס-מלחמה קעגן דעם אימפעריאַליזם.

לענין האָט באַוויזן, אַז אין די באַדינגונגען פונם אימפעריאַליזם האָבן די ניט-גלייכמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג און די ווידערשפּרוכן פונם קאַפיטאַליזם זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט, אַז דער קאַמף פאַר מערק אויף אָפּצוזעצן די סחורות און אַרויספירן קאַפיטאַל, דער קאַמף פאַר קאָלאָניעס, פאַר רויוואַרג-קוואַלן מאַכט פאַר אוממפאַרמיידלעך פּעריאָדישע אימפעריאַליסטישע מלחמות פאַר אַ נייער איבערפאַרטיילונג פון דער וועלט.

לענין האָט באַוויזן, אַז טאַקע צוליב אָט דער ניט-גלייכמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפיטאַליזם קומען פאָר אימפעריאַליסטישע מלחמות, וואָס שוואַכן אָפּ די כחות פונם אימפעריאַליזם און מאַכן פאַר מעגלעך אַ דורכרייס פונם פראָנט אימפעריאַליזם דאָרטן, וואו ער וועט זיך אַרויסווייזן אַממערסטן שוואַך.

אויפן גרונט פון דעם אַלעם איז לענין געקומען צום אויספיר, אַז עס איז פולשטענדיק מעגלעך, דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ערגעץ-וואו איז איין אָרט אָדער אין עטלאַכע ערטער דורכרייסן דעם אימפעריאַליסטישן פראָנט, אַז

ס'איז מעגלאך א זיג פונם סאָציאַליזם צוערשט אין עטלאכע לענדער אָדער אפילו אין איין, באזונדער גענומען, לאנד, אז א גלײַכצײַטיקער זיג פונם סאָציאַליזם אין אלע לענדער איז איבער דער ניט-גלײַכמעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג פונם קאפּיטאליזם אין די דאָזיקע לענדער — אוממעגלאך, אז דער סאָציאַליזם וועט זיגן צוערשט אין איין אָדער אין עטלאכע לענדער, און די איבעריקע לענדער וועלן אין פארלויף פון א געוויסער צײַט פארבלײַבן בורזשואזע לענדער.

אָט איז די פאָרמולירונג פון דעם געניאַלן אויספיר, וועלכן לענין האָט געגעבן אין צוויי פארשיידענע ארטיקלען, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אינם פעריאָד פון דער אימפעריאַליסטישער מלחמה:

1) „די ניט-גלײַכמעסיקײַט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אנטוויקלונג איז אן אומבאדינגטער געזעץ פונם קאפּיטאליזם. פונדאנען דרינגט ארויס, אז ס'איז מעגלאך א זיג פונם סאָציאַליזם צוערשט אין א קלײנער צאָל אָדער אפילו אין איין, באזונדער גענומען, קאפּיטאליסטיש לאנד. דער צום זיג געקומענער פּראָלעטאריאט פון דעם דאָזיקן לאנד וואָלט, האָבנדיק עקספּראָפּריאירט די קאפּיטאליסטן און האָבנדיק אָרגאניזירט בײַ זיך די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע, זיך געשטעלט קעגן דער איבעריקער, קאפּיטאליסטישער וועלט, צוציענדיק צו זיך די אונטערדריקטע קלאסן פון אנדערע לענדער“... (פונם ארטיקל „וועגן דעם לאָזונג פון פאראייניקטע שטאטן פון אייראָפּע“, אָנגעשריבן אין אויגוסט 1915-טן יאָר) (לענין, ב. XVIII, ז. 232—233, רוסיש).

2) „די אנטוויקלונג פונם קאפּיטאליזם קומט פאָר אין דער העכסטער מאָס ניט-גלײַכמעסיק אין פארשיידענע לענדער. און אנדערש קאָן עס גאָר ניט זײַן בײַ דער סחורה-פּראָדוקציע. דערפון קומט דער אומבאשטרײַטבארער אויספיר: דער סאָציאַליזם קאָן ניט זיגן גלײַכצײַטיק אין אלע לענדער. ער וועט זיגן צוערשט אין איין אָדער אין עטלאכע לענדער, און די איבעריקע וועלן אין פארלויף פון א געוויסער צײַט פארבלײַבן בורזשואזע אָדער פאָרבורזשואזע. דאָס דארף ארויסרופן ניט בלויז רײַבונגען, נאָר אויך א דירעקטע שטרעבונג פון דער בורזשואזיע פון די אנדערע לענדער צו צעשמעטערן דעם זיגרײַכן פּראָלעטאריאט פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה. אין די דאָזיקע פאלן וואָלט א מלחמה פון אונזער זײַט געווען א געזעצלאכע און א גערעכטיקע. דאָס וואָלט געווען א מלחמה פאר סאָציאַליזם, פאר באפרײַען פון די אנדערע פעלקער“ (פונם ארטיקל „די קריגס-פּראָגראם פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע“, אָנגעשריבן אין הארבסט 1916-טן יאָר) (לענין, ב. XIX, ז. 325, רוסיש).

דאָס איז געווען א נײַע, א פארענדיקטע טעאָריע פון דער סאָציאַליסטי-

שער רעוואָליוציע, א טעאָריע וועגן דער מעגלאכקייט פונם זיג פונם סאָציאַ־ליזם אין באזונדערע לענדער, וועגן די באדינגונגען פון זיין זיג, וועגן די פּערספּעקטיוון פון זיין זיג, א טעאָריע, וואָס די יסודות אירע האָט לענין אָנגעצייכנט נאָך אין 1905־טן יאָר אין דער בראָשור „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע".

זי איז ראַדיקאַל זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט יענער איינשטעלונג, וואָס האָט געהאַט אַן אומגאַנג צווישן די מאַרקסיסטן אינם פּעריאָד פונם פאָר־אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם, ווען די מאַרקסיסטן האָבן גע־האַלטן, אַז דער זיג פונם סאָציאַליזם אין איין א וואָסער־ניט־איז לאַנד איז אוממעגלאך, אַז דער זיג פונם סאָציאַליזם וועט פאָרקומען גלייכצייטיק אין אַלע ציוויליזירטע לענדער. לענין האָט, אויפן גרונט פון די אָנגאַבן וועגן דעם אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם, וועלכע ער האָט געבראַכט אין זיין אויסגעצייכנטן בוך „דער אימפּעריאַליזם, ווי די העכסטע סטאַדיע פונם קאַ־פּיטאַליזם", איבערגעקערט די דאָזיקע איינשטעלונג, ווי א פאַרעלטערטע, און האָט געגעבן א נייע טעאָרעטישע איינשטעלונג, וואָס לויט איר ווערט דער גלייכצייטיקער זיג פונם סאָציאַליזם אין אַלע לענדער געהאַלטן פאַר אוממעגלאך, און דער זיג פונם סאָציאַליזם אין איין, באַזונדער גענומען, קאַפּיטאַליסטיש לאַנד ווערט אָנערקענט פאַר מעגלאך.

די אומשאַצבאַרע באַדייטונג פון דער לענינישער טעאָריע פון דער סאָ־ציאַליסטישער רעוואָליוציע באַשטייט ניט בלויז דערין, וואָס זי האָט באַריי־כערט דעם מאַרקסיזם מיט א נייער טעאָריע און האָט אים א רוק געטאָן פאָראויס. איר באַדייטונג באַשטייט נאָך דערין, וואָס זי גיט א רעוואָליוציאָ־נערע פּערספּעקטיוו די פּראָלעטאַריער פון באַזונדערע לענדער, זי צעבינדט זייער איניציאַטיוו אין פּראַט פון אָנדראַנג אויף זייער אייגענער, נאַציאָנאַלער, בורזשואַזיע; זי לערנט זיי אויסצונוצן די מלחמה־סיטואַציע אויף צו אָרגאַני־זירן אַזא אָנדראַנג און פאַרפעסטיקט זייער גלויבן אינם זיג פון דער פּראָלע־טאַרישער רעוואָליוציע.

אַזא איז געווען די טעאָרעטישע און טאַקטישע איינשטעלונג פון די באָל־שעוויקעס אין די פראַגן פון מלחמה, שלום און רעוואָליוציע.

אויפן גרונט פון דער דאָזיקער איינשטעלונג האָבן די באָלשעוויקעס דורכ־געפירט זייער פּראַקטישע אַרבעט אין רוסלאַנד.

ניט געקוקט אויף די אכזריות'דיקע פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען, האָבן די דומע־דעפּוטאַטן — די באָלשעוויקעס באַדאַיעוו, פּעטראָווסקי, מוראַנאָוו, סאַמאָילאָוו, שאַגאָוו אין אָנהייב פון דער מלחמה פאָרגענומען א רייזע איבער א ריי אָרגאַניזאַציעס מיט פאָרטראָגן וועגן דער באַציאונג פון די באָלשעווי־קעס צו דער מלחמה און רעוואָליוציע. אין נאָוועמבער 1914־טן יאָר איז איינ־געאָרדנט געוואָרן א באַראַטונג פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון דער מלוכה־דומע צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו דער מלחמה.

אויפן דריטן טאָג איז די דאָזיקע זיצונג אין איר פולן באשטאנד ארעסטירט געוואָרן. דער גערײכט האָט פאראורטײלט אלע דעפוטאטן צו אָפּנעמען בײַ זײ די רעכט און צו פארשיקן זײ קײן מזרח־סיביר אויף צוואנגס־באזעצונג. די צארישע רעגירונג האָט באשולדיקט די באָלשעװיסטישע דעפוטאטן פון דער מלוכה־דומע „אין מלוכה־פארראט“.

אויפן גערײכט איז קלאָר געוואָרן דאָס בילד פון דער טעטיקײט פון די דומע־דעפוטאטן, וואָס האָט פארשאפט כבוד אונזער פארטײ. מוטיק האָבן זיך אויפגעפירט די באָלשעװיקעס—דעפוטאטן פארן צארישן גערײכט, פאר־וואנדלענדיק אים אין א טריבונע אויף דעמאסקירן די פארכאפערישע פּאָלי־טיק פונם צאריזם.

אנדערש האָט זיך אויפגעפירט קאמעניעוו, וועלכער איז צוגעצויגן גע־וואָרן לויט דעם דאָזיקן ענין. איבער זײַן פּחדנות האָט ער זיך באלד בײַ דער ערשטער געפאר אָפּגעזאָגט פון דער פּאָליטיק פון דער באָלשעװיסטישער פארטײ. קאמעניעוו האָט אויפן גערײכט דערקלערט, אז ער איז ניט מסכים מיט די באָלשעװיקעס אין דער פראגע וועגן מלחמה, און ווי א באווײַז דערצו האָט ער געבעטן ארויסצורופן פאר אן עדות דעם מענשעװיק יאָרדאנסקי.

א גרויסע ארבעט האָבן די באָלשעװיקעס דורכגעפירט קעגן די קריגס־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן, וואָס האָבן באדינט די מלחמה, קעגן די פּרוּוון פון די מענשעװיקעס אונטערצואווארפן די ארבעטער אונטער דער ווירקונג פון דער אימפּעריאליסטישער בורזשואזיע. די בורזשואזיע איז געווען בלוטיק פאראינטערעסירט צו פאַרשטעלן פאר אלעמען די אימפּעריאליסטישע מלחמה, ווי א מלחמה אן אלפאָלקישע. די בורזשואזיע האָט זיך דערשלאָגן בעת דער מלחמה א גרויסן אײַנפלוס אויף די מלוכה־ענינים, האָבנדיק געשאפן אירע אן אלרוסלענדישע אָרגאניזאציע — פארבאנדן פון די זעמסטוועס און פון די שטעט. זי האָט געדארפט אונטערווארפן אונטער איר אָנפירונג און אײַנ־פלוס אויך די ארבעטער. די בורזשואזיע האָט צוגעטראכט צוליב דעם א מיטל — שאפן „ארבעטער־גרופּעס“ בײַ די קריגס־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן. די מענשעװיקעס האָבן אונטערגעכאפּט די דאָזיקע אידייע פון דער בורזשוא־זיע. דער בורזשואזיע האָט געלוינט צוציען אין די דאָזיקע קריגס־אינדוס־טריעלע קאָמיטעטן פאָרשטייער פון די ארבעטער, וועלכע זאָלן אגיטירן צווישן די ארבעטער־מאסן פאר דער נויטיקײט צו פארשטארקן די ארבעטס־פּראָדוק־טיוויקײט אין די פאבריקן און זאוואָדן, וואָס ארבעטן אויס הארמאטן־קוילן, הארמאטן, ביקסן, פּאטראָנעס, און אין אנדערע פאבריקן און זאוואָדן, וואָס האָבן געארבעט פאר דער שויך. „אלץ פאר דער מלחמה, אלע אויף דער מלחמה“, — אזא איז געווען דער לאָזונג פון דער בורזשואזיע. פאקטיש האָט דער דאָזי־קער לאָזונג באטײַט: „לעב זיך אָן וויפל עס לאָזט זיך פון די קריגס־ליפע־רונגען און פון פארכאפּן פרעמדע לענדער“. די מענשעװיקעס האָבן גענומען א טיכטיקן אָנטייל אין אָט דעם פסעוודאָ־פּאטריאָטישן געשעפט, וואָס די

בורזשואזיע האָט אונטערגענומען. העלפנדיק די קאַפּיטאַליסטן, האָבן זיי אינטענסיוו אַגיטירט די אַרבעטער פאַר אָנטיילנעמען אין די וואַלן פון די „אַרבעטער־גרופּעס“ ביי די קריגס־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן. די באָלשעוויקעס זיינען געווען קעגן דעם דאָזיקן אויפטו. זיי זיינען געווען פאַר אַ באָיקאָט פון די קריגס־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן און האָבן מיט דערפאָלג דורכגעפירט דעם דאָזיקן באָיקאָט. אַ טייל אַרבעטער האָט אָבער פונדעסטוועגן אָנטיילגענומען אין דער טעטיקייט פון די קריגס־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן אונטער דער אָנפירונג פונם באַוואוסטן מענשעוויק גוואָזדיעוו און דעם פּראָוואָקאַטאָר אַבראָסימאָוו. ווען די באַפעלמעכטיקטע פון די אַרבעטער האָבן זיך אָבער אין סעפּטעמבער 1915־טן יאָר צונויפגעזאַמלט צו די ענדגילטיקע וואַלן אין די „אַרבעטער־גרופּעס“ פון די קריגס־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מערהייט באַפעלמעכטיקטע איז קעגן באַטייליקן זיך אין זיי. די מערהייט פאַרשטייער פון די אַרבעטער האָט אָנגענומען אַ שאַרפע רעזאָלוציע קעגן דעם אָנטייל אין די קריגס־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן, האָבנדיק דערקלערט, אַז די אַרבעטער שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע — קעמפן פאַר שלום, פאַר אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם.

אַ גרויסע אַרבעט האָבן די באָלשעוויקעס פאַנאַנדערגעוויקלט אויך אין דער אַרמיי און אינם פלאָט. זיי האָבן די מאַסן סאָלדאַטן און מאַטראָסן אויפגעקלערט, ווער עס איז שולדיק אין די אומגעהערטע מלחמה־שוידערס און אין די ליידן פונם פאָלק; זיי האָבן אויפגעקלערט, אַז אַ רעוואָלוציע—דאָס איז פאַרן פאָלק דער איינציקער אויסוועג פון דער אימפּעריאַליסטישער שחיטה. די באָלשעוויקעס האָבן געשאַפן קעמערלאַך אין דער אַרמיי און אינם פלאָט, אויפן פראָנט און אין די מיליטער־טיילן פונם הינטערלאַנד, פאַרשפּרייט פלוגבלעטלאַך מיט אַ רוף קעגן דער מלחמה.

אין קראָנשטאַדט האָבן די באָלשעוויקעס געשאַפן אַ „הויפּט־קאָלעקטיוו פון דער קראָנשטאַדטער מיליטער־אָרגאַניזאַציע“, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיטן פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. בײַם פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי איז געשאַפן געוואָרן אַ מיליטער־אָרגאַניזאַציע אויף צו פירן אַן אַרבעט אינם גאַרניזאָן. אין אויגוסט 1916־טן יאָר האָט דער נאַטשאַלניק פון דער פּעטראָגראַדער אָכראַנקע ראַפּאָרטירט, אַז אינם „קראָנשטאַדטער קאָלעקטיוו איז די זאַך אַוועקגעשטעלט זייער ערנסט, קאָנספּיראַטיוו, און די אָנטיילנעמער זיינען אַלע שווייַגעוודיקע און פאַרזיכטיקע מענשן. אָט דער קאָלעקטיוו האָט פאַרשטייער אויך אויפן ברעג“.

די פּאַרטיי האָט אויפן פראָנט געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר ברידערונג צווישן די סאָלדאַטן פון די מלחמה־האַלטנדיקע אַרמייען, אונטערשטרייכנדיק, אַז דער שונא — דאָס איז די וועלט־בורזשואזיע און אַז די מלחמה קאָן מען פאַרענדיקן נאָר פאַרוואַנדלענדיק די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ בירגערקריג

גערקריג און ווענהנדיק דאָס געווער קעגן דער אייגענער בורזשואזיע און איר רעגירונג. ס'האָבן זיך אָפּטער איבערגע'חזר'ט אזוינע פאַלן, ווען באַזונדערע מיליטער־טיילן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין אָנגריף. אזוינע פאַקטן זײַנען געווען שוין אין יאָר 1915 און באזונדערס אין יאָר 1916.

א באזונדערס גרויסע ארבעט האָבן די באָלשעוויקעס פאַנאַנדערגעוויקלט אין די ארמייען פונם צפון־פראָנט אינם ראיאָן פון בײַבאַלטיק. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער ארמיי פונם צפון־פראָנט דער גענעראל רוזסקי האָט מיט־געטיילט זײַן העכערער קאָמאַנדשאַפט אין אָנהויב 1917־טן יאָר וועגן דער קאָלאָסאַלער רעוואָליוציאָנערער ארבעט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט אויף דעם דאָזיקן פראָנט.

די מלחמה איז געווען א גוואַלדיקער איבערבראָך אינם לעבן פון די פעלקער, אינם לעבן פונם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־קלאַס. זי האָט געשטעלט אין קאָן דעם גורל פון מלוכות, דעם גורל פון פעלקער, דעם גורל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דעריבער איז זי צוזאַמען דערמיט געווען א פּרואוו־שטיין, א נסיון פאַר אַלע פּאַרטייען און שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך אָנגערופן סאָציאַליסטישע. צי וועלן די דאָזיקע פּאַרטייען און שטרעמונגען פאַרבלײַבן געטרײַ צו דער זאַך פונם סאָציאַליזם, צו דער זאַך פונם אינטערנאַציאָנאַליזם, אָדער זיי וועלן געפינען פאַר בעסער צו פאַרראַטן דעם ארבעטער־קלאַס, צונויפוויקלען זייערע פאָנען און וואַרפן זיי צו די פיס פון זייער נאַציאָנאַלער בורזשואזיע, — אזוי איז דעמלט געשטאַנען די פראַגע.

די מלחמה האָט באַוויזן, אַז די פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, זיי האָבן פאַרראַטן דעם ארבעטער־קלאַס און פאַרנויגט זייערע פאָנען פאַר דער אייגענער, נאַציאָנאַלער, אימפּעריאַליסטישער בורזשואזיע.

און אַנדערש האָבן גאָר ניט געקאָנט האַנדלען די דאָזיקע פּאַרטייען, וואָס האָבן קולטיווירט אין זייער סביבה אָפּאָרטוניזם און וואָס זײַנען דערצויגן געוואָרן אויף הנחות די אָפּאָרטוניסטן, די נאַציאָנאַליסטן.

די מלחמה האָט באַוויזן, אַז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס איז געווען די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט מיט ערע אויסגעהאַלטן דעם נסיון און איז ביזן סוף געבליבן טרײַ צו דער זאַך פון סאָציאַליזם, צו דער זאַך פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

און דאָס איז פאַרשטענדלאַך: בלויז א פּאַרטיי פונם נײַעם טיפּ, בלויז א פּאַרטיי, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין גײַסט פון אום'בשלום'דיקן קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם, בלויז א פּאַרטיי, וואָס איז פרײַ פון אָפּאָרטוניזם און נאַציאָנאַליזם — בלויז אזא פּאַרטיי האָט געקאָנט אויסהאַלטן דעם גרויסן נסיון און פאַרבלײַבן טרײַ צו דער זאַך פונם ארבעטער־קלאַס, צו דער זאַך פונם סאָציאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז געווען גראָד אזא פּאַרטיי.

## 4. די מפּלה פונם צארישן מיליטער אויפן פראָנט. דער ווירט־שאַפטלאַכער חורבן. דער קריזיס פונם צאַריזם.

די מלחמה האָט זיך שוין געצויגן דרײַ יאָר. די מלחמה האָט אוועקגענו־מען מיליאָנען מענשלאַכע לעבנס, דערהאַרגעטע, פאַרוואונדעטע, געשטאָרבענע אין רעזולטאַט פון די עפּידעמיעס, וואָס די מלחמה האָט ארויסגערופן. די בורזשואַזיע און די פּריצים האָבן זיך אָנגעלעבט אויף דער מלחמה. די אַרבע־טער און פּויערים האָבן אָבער געליטן אַלץ מער נויט און דחקות. די מלחמה האָט חרוב געמאַכט די פאָלקסווירטשאַפט פון רוסלאַנד. בײַ 14 מיליאָן געזונ־טע אַרבעטס־לײַט זײַנען גענומען געוואָרן אין דער אַרמיי, אָפּגעריסן געוואָרן פון דער ווירטשאַפט. פאַבריקן און זאַוואָדן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז פאַרקלענערט געוואָרן דער תבואה־פאַרזיי — עס האָבן אויסגעפעלט אַרבעטס־לײַט. די באַפעלקערונג און די סאָלדאַטן אויפן פראָנט האָבן געהונגערט, זײַ־נען געווען נאַקעט און באָרוועס. די מלחמה האָט אויפגעפרעסן אַלע רעסורסן פונם לאַנד.

די צאַרישע אַרמיי האָט געליטן אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה. די דײַטשישע אַר־טילעריע האָט פאַרשאָטן דאָס צאַרישע מיליטער מיט אַ האָגל האַרמאַטן־קוילן. בײַ דער צאַרישער אַרמיי האָבן אויסגעפעלט האַרמאַטן, ס׳האָבן אויסגע־פעלט האַרמאַטן־קוילן; עס האָבן אויסגעפעלט אַפילו ביקסן. טײלמאָל איז אויף דרײַ סאָלדאַטן געווען איין ביקס. שוין אין דער צײַט פון דער מלחמה האָט זיך אויפגעדעקט דער פאַרראַט פונם צאַרישן קריגס־מיניסטער סוכאָמלינאָוו, וועל־כער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן פאַרבונדן מיט דײַטשישע שפּיאָנען. סו־כאָמלינאָוו האָט אויסגעפילט די אויפגעבונג פון דער דײַטשישער אויסשפּי־רונג — אַראָפּרײַסן דאָס באַזאָרגן דעם פראָנט מיט האַרמאַטן־קוילן, ניט געבן דעם פראָנט קיין האַרמאַטן, ניט געבן קיין ביקסן. אייניקע צאַרישע מיניסטאָרן און גענעראַלן האָבן אַליין בשתיקה מיטגעהאָלפן די דערפאָלגן פון דער דײַ־טשישער אַרמיי: צוזאַמען מיט דער קייסערינע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די דײַטשן, האָבן זיי אַרויסגעגעבן די דײַטשן מיליטער־סודות. ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס די צאַרישע אַרמיי האָט געליטן אַ מפּלה און איז געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן. צום יאָר 1916 האָבן שוין די דײַטשן באַוויזן צו פאַרכאַפּן פּוילן און אַ טייל פון בײַבאַלטיק.

דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן האַס און צאָרן צו דער צאַרישער רעגירונג צווישן די אַרבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן, אינטעליגענץ, האָט פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די פאָלקס־מאַסן קעגן דער מלחמה, קעגן דעם צאַריזם ווי אין הינטערלאַנד, אַזוי אויך אויפן פראָנט, ווי אין צענטער, אַזוי אויך אין די ראַנד־געביטן.

אַן אומצופרידנקײַט האָט גענומען אַרומכאַפּן אויך די רוסישע אימפּע־

ריאַליסטישע בורזשואזיע. זי איז געווען דערצאָרנט דערפון, וואָס ביים צאַריזם הויף האָבן געבאַלעבאַטעוועט אַזעלכע שווינדלער, ווי ראַספּוטין, וועלכע האָבן אָפן געפירט אַ ליניע אויף שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט די דייטשן. זי האָט זיך אַלץ מער איבערצייגט, אַז די צאַרישע רעגירונג איז ניט פעיִק צו פירן אַ דערפאָלגרייכע מלחמה. זי האָט מורא געהאַט, אַז כדי צו ראַטעווען זיין לאַגע, קאָן דער צאַריזם איינגיין אויף אַ סעפּאַראַטן שלום מיט די דייטשן. דעריבער האָט די רוסישע בורזשואזיע באַשלאָסן דורכצופירן אַ הויף־איבערקערעניש, כדי אַראָפּצוזעצן דעם קייסער ניקאָלאַי דעם צווייטן און אַוועקזעצן אָנשטאָט אים פאַר אַ קייסער מיכאַאיל ראָמאַנאָוון, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער בורזשואזיע. דערמיט האָט די בורזשואזיע געוואָלט שיסן צוויי האָזן: ערשטנס, דערקלייבן זיך צו דער מאַכט און זיכערן, אַז די אימפּעריאַליסטישע מלחמה זאָל געפירט ווערן ווייטער, צווייטנס, דורך אַ קליינער הויף־איבערקערעניש פאַרלויפן דעם וועג דעם אָנקום פון דער גרויסער פאָלקס־רעוואָלוציע, וואָס אירע כוואַליעס האָבן געהאַלטן אין אָנוואַקסן.

אין דער דאָזיקער זאַך האָט די רוסישע בורזשואזיע געהאַט די פולע שטיצע מצד דער ענגלישער און פראַנצויזישער רעגירונגען. זיי האָבן געזען, אַז דער קייסער איז ניט פעיִק פאָרצוזעצן די מלחמה. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער קייסער וועט פאַרענדיקן די זאַך מיט אַ סעפּאַראַטן שלום מיט די דייטשן. ווען די צאַרישע רעגירונג וואָלט געשלאָסן אַ סעפּאַראַטן שלום, וואָלטן די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך אָנגעוואָרן אין דער פּערזאָן פון רוסלאַנד אַ פאַרבינדעטן אין דער מלחמה, וועלכער האָט ניט בלויז אָפּגעצווענדט אויף זיינע פראָנטן די כחות פונם קעגנער, נאָר וועלכער האָט אויך צוגעשטעלט קיין פראַנקרייך צענדליקער טויזנטער אָפּגעקליבענע רוסישע סאָלדאַטן. דעריבער האָבן זיי געשטיצט די רוסישע בורזשואזיע אין אירע פּרואוון צו מאַכן אַ הויף־איבערקערעניש.

דער קייסער האָט זיך, אַזוי־אַרום, אַרויסגעוויזן איזאָלירט.

אין דער צייט, ווען אויפן פראָנט האָבן ניט אויפגעהערט די דורכפאַלן, איז דער ווירטשאַפטלעכער חורבן אַלץ מער און מער געוואַקסן. אין די יאַנואַר—פעברואַר־טעג פון יאָר 1917 האָט דער חורבן אויפן געביט פון שפּייז, רוי־וואַרג און הייצוואַרג דערגרייכט זיין העכסטע אַנטוויקלונג און גרעסטע שאַרפקייט. עס האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט דער צופיר פון פּראָדוקטן קיין פּעטראָגראַד און מאָסקווע. עס האָבן זיך גענומען פאַרמאַכן איין אונטערנעמונג נאָך דער אַנדערער. דאָס פאַרמאַכן זיך פון די אונטערנעמונגען האָט פאַרשטאַרקט די אַרבעטסלאָזיקייט. באַזונדערס אומדערטרעגלאַך איז געוואָרן די לאַגע פון די אַרבעטער. אַלץ ברייטערע מאַסן פונם פאָלק זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַן אויסוועג פון דער אומדערטרעגלעכער לאַגע איז פאַראַן בלויז איינער — אַראָפּוואַרפן די צאַרישע זעלבסטהערשונג.

דער צאריזם האָט בפירוש איבערגעלעבט א טויט=קריזיס.

די בורזשואזיע האָט גערעכנט צו לייזן דעם קריזיס דורך א הויף=איבערקעריניש.

דאָס פאָלק האָט אים אָבער געלייזט אויף זײַן אופן.

## 5. די פעברואר־רעוואָליוציע. דאָס פאלן פונם צאריזם. די אויסבילדונג פון די סאָוועטן פון ארבעטער־ און סאָלדאטן־דעפוטאטן. די אויסבילדונג פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. די צוויימאכט.

דאָס יאָר 1917 האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם שטרײַק פון דעם 9=טן יאנואר. בעת׳ן שטרײַק זײַנען פאָרגעקומען דעמאָנסטראציעס אין פעטראָגראד, אין מאָסקווע, אין באקו, אין ניזשני=נאָווגאָראָד; דערבײַ האָט אין מאָסקווע דעם 9=טן יאנואר אָנטיילגענומען אינם שטרײַק בײַ א דריטל פון אלע ארבעטער. די צוויי=הונדערט=טויזנטדיקע דעמאָנסטראציע אויפן טווערסקאָי בולוואר איז צעטריבן געוואָרן דורך רײַטער=פאָליציי. אין פעטראָגראד האָבן זיך אויפן וויבאָרגער שאָסיי צו די דעמאָנסטראנטן פאראייניקט סאָלדאטן.

„די אידייע פון אן אלגעמיינעם שטרײַק, — האָט ראפּאָרטירט די פעטראָגראדער פאָליציי, — באקומט פון טאָג צו טאָג נײַע אָנהענגער און ווערט פאָפולער, ווי זי איז געווען אין 1905=טן יאָר".

די מענשעוויקעס און די עסערן האָבן זיך באמיט ארײַנצופירן די זיך אָנגעהויבענע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אין די ראמען, וואָס זײַנען נויטיק דער ליבעראלער בורזשואזיע. צום טאָג פון דער עפענונג פון דער מלוכה=דומע, דעם 14=טן פעברואר, האָבן די מענשעוויקעס פאָרגעלייגט צו אָרגאניזירן א פראָצעסיע פון די ארבעטער צו דער מלוכה=דומע. די ארבעטער=מאסן זײַנען אָבער אוועק נאָך די באָלשעוויקעס, ניט צו דער דומע, נאָר אויף א דעמאָנסטראציע.

דעם 18=טן פעברואר 1917=טן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן א שטרײַק פון די פוטילאָווער ארבעטער אין פעטראָגראד. דעם 22=טן פעברואר האָבן געשטרײַקט די ארבעטער פון דער מערהײַט גרעסטע אונטערנעמונגען. אין אינטערנאציאָנאלן פרויען=טאָג, דעם 23=טן פעברואר (8=טן מערץ), זײַנען די ארבעטערנס, לויטן רוף פונם פעטראָגראדער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס, ארויסגעגאנגען אויף דער גאס דעמאָנסטרירן קעגן הונגער, מלחמה, צאריזם. די דעמאָנסטראציע פון די ארבעטערנס האָבן געשטיצט די ארבעטער מיט אן אלגעמיינער שטרײַק=ארויסטרעטונג אין פעטראָגראד. דער פאָליטישער שטרײַק האָט גענומען אריבערוואקסן אין אן אלגעמיינער פאָליטישער דעמאָנסטראציע קעגן דער צארישער אָרדענונג.

דעם 24־טן פעברואר (9־טן מערץ) ווערט די דעמאָנסטראַציע באַנײַט מיט א גרעסערער קראַפט. עס האָבן שוין געשטרײַקט בײַ 200 טויזנט אַרבעטער.

דעם 25־טן פעברואר (10־טן מערץ) כאַפּט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אַרום דעם גאַנצן אַרבעטערישן פּעטראָגראַד. די פּאָליטישע שטרײַקס אין די ראַיאָנען גייען אַריבער אין אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרײַק אין גאַנץ פּעטראָגראַד. אומעטום קומען פאָר דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. איבער די מאַסן אַרבעטער—רויטע פאָנען מיט לאָזונגען: „נידער מיטן קייסער!", „נידער מיט דער מלחמה!", „ברויט!".

דעם 26־טן פעברואר (11־טן מערץ) אינדערפרי הויבט אָן דער פּאָליטישער שטרײַק און די דעמאָנסטראַציע אַריבערוואַקסן אין פּרוּוון פון אַן אויפשטאַנד. די אַרבעטער אַנטוואָפענען די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע און באַוואָפענען זיך אַליין. דער באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי ענדיקט זיך אָבער מיט א צעשיסונג פון דער דעמאָנסטראַציע אויפן זנאַמענסקער פּלאַץ.

דער גענעראַל כאַבאַלאָוו, וואָס איז געווען קאָמאַנדיר פונם פּעטראָגראַדער מיליטער־קרײַז, מעלדעט, אַז די אַרבעטער דאַרפן צוקערן צו דער אַרבעט דעם 28־טן פעברואר (13־טן מערץ), אַניט וועלן זיי אָפּגעשיקט ווערן אויפן פראָנט. דעם 25־טן פעברואר (10־טן מערץ) גיט דער קייסער אָפּ א באַפעל דעם גענעראַל כאַבאַלאָוו: „איך באַפויל גלײַך מאָרגן אָפּשטעלן אין דער הויפּטשטאָט די אומאָרדענונגען".

„אָפּשטעלן" די רעוואָלוציע האָט מען שוין זיכער ניט געקאָנט.

דעם 26־טן פעברואר (11־טן מערץ) בײַטאָג האָט די 4־טע ראָטע פונם רעזערוו־באַטאַליאָן פונם פּאַוולאָווער פּאָלק גענומען שיסן, אָבער ניט אין די אַרבעטער, נאָר אין די אָטריאַדן רײַטער־גאָראָדאָוואָיעס, וואָס זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין א שיסערײַ מיט די אַרבעטער. דער קאַמף פאַרן מיליטער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט א העכסט ענערגישער און עקשנות'דיקער, באַזונדערס מצד די פרויען—אַרבעטערנס, וועלכע האָבן זיך געווענדט אוממיטלבאַר צו די סאָלדאַטן, זיך געברידערט מיט זיי, גערופן זיי העלפן דעם פאָלק אַראָפּצוּוואַרפן די פון זיי פאַרהאַסטע צאַרישע זעלבסטהערשונג.

די אָנפירונג מיט דער פּראַקטישער אַרבעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָט אין דער דאָזיקער צײַט פאַרווירקלאַכט די ביוראָ פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי בראש מיטן חבר מאָלאָטאָוו, וועלכער האָט זיך געפונען אין פּעטראָגראַד. די ביוראָ פונם צ.ק. האָט דעם 26־טן פעברואר (11־טן מערץ) אַרויסגעלאָזט א מאַניפעסט מיט א רוף פאָרצוזעצן דעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן דעם צאַריזם, צו שאַפן א צײַטווײַליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג.

דעם 27־טן פעברואר (12־טן מערץ) האָט דאָס מיליטער אין פּעטראָגראַד זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אין די אַרבעטער און האָט גענומען אַריבערגיין אויף

דער זייט פונם אויפגעשטאנענעם פּאָלק. נאָך אינדערפרי דעם 27־טן פעברואר זיינען געווען בלויז 10 טויזנט סאָלדאטן אויפשטענדלער, און אין אָוונט זיי־נען זיי שוין געווען העכער 60 טויזנט.

די אויפגעשטאנענע ארבעטער און סאָלדאטן האָבן גענומען ארעסטירן די צארישע מיניסטאָרן און גענעראַלן, באפרייען פון די טורמעס די רעוואָלוציאָנערן. די באפרייטע פּאָליטישע ארעסטירטע האָבן זיך איינגעשלאָסן אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאמף.

אויף די גאסן איז נאָך געגאנגען א שיסעריי מיט די גאָראָדאָוואָיען און זשאנדארן, וואָס האָבן זיך פארקליבן אויף די בוידעמער פון די הייזער מיט קוילנוואַרפערס. נאָר דער שנעלער אריבערגאנג פונם מיליטער אויף דער זייט פון די ארבעטער האָט אנטשיידט דעם גורל פון דער צארישער זעלבסטהער־שונג.

ווען די ידיעה וועגן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין פעטראָגראד האָט זיך פארשפרייט אין אנדערע שטעט און אויפן פראָנט, האָבן די ארבעטער און סאָלדאטן אומעטום גענומען אראָפּוואַרפן די צארישע באאמטע.

די בורזשואז־דעמאָקראטישע פעברואר־רעוואָלוציע האָט געזיגט.

די רעוואָלוציע האָט געזיגט דערפאר, ווייל דער ארבעטער־קלאס איז גע־ווען דער איניציאטאָר פון דער רעוואָלוציע און איז געשטאנען בראש פון דער באוועגונג פון די מיליאָנען מאסן פויערים, איבערגעטאָנענע אין סאָלדאטישע שינעלן — „פאר שלום, פאר ברויט, פאר פרייהייט“. די העגעמאָניע פונם פּראָלעטאריאט האָט באשטימט דעם דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע.

„די רעוואָליוציע האָט געמאכט דער פּראָלעטאריאט, ער האָט ארויסגעוויזן העראָאיזם, ער האָט פארגאָסן בלוט, ער האָט מיטגע־צויגן מיט זיך די ברייטסטע מאסן פון דער ארבעטנדיקער און אָרעמ־סטער באפעלקערונג...“, — האָט לענין געשריבן אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָליוציע (לענין, ב. XX, ז. 23—24, רוסיש).

די ערשטע רעוואָליוציע פון 1905־טן יאָר האָט צוגעגרייט דעם שנעלן זיג פון דער צווייטער רעוואָליוציע פון 1917־טן יאָר.

„אָן די דריי יאָר גרעסטע קלאסן־שלאכטן און רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פונם רוסישן פּראָלעטאריאט פון די יאָרן 1905—1907 וואָלט ניט מעגלאך געווען אזא שנעלע אין זין פון פארענדיקן איר אָנפאנג־לאכן עטאפּ, אין עטלאכע טעג, צווייטע רעוואָליוציע“, — האָט אָנ־געוויזן לענין (דאָרט, ז. 13).

שוין אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָליוציע זיינען אויפגעקומען סאָ־וועטן. די רעוואָליוציע, וואָס האָט געזיגט, האָט זיך אָנגעשפּארט אויף די סאָוועטן פון ארבעטער־ און סאָלדאטן־דעפּוטאטן. די אויפגעשטאנענע ארבע־טער און סאָלדאטן האָבן געשאפן סאָוועטן פון ארבעטער־ און סאָלדאטן־דע־פּוטאטן. די רעוואָליוציע פון 1905־טן יאָר האָט באוויזן, אז די סאָוועטן זיי־

נען אָרגאנען פון באוואָפנטן אויפשטאנד און אין דער זעלבער צײַט זײַנען זיי אַן עמבריאָן פון א נײַער, רעוואָליוציאָנערער מאכט. די אידייע פון די סאָוועטן האָט געלעבט אינם באוואוסטזײַן פון די ארבעטער=מאסן, און זיי האָבן זי פארווירקלאכט שוין אויפן צווייטן טאָג נאָכן אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, מיט דעם אונטערשייד אָבער, וואָס אין 1905=טן יאָר זײַנען געשאפן געוואָרן סאָוועטן בלויז פון א ר ב ע ט ע ר=דעפּוטאטן, און אין פעברואר 1917=טן יאָר זײַנען לויט דער איניציאַטיוו פון די באָלשעוויקעס אויפגעקומען סאָוועטן פון א ר ב ע ט ע ר= און ס אָ ל ד א ט ן=דעפּוטאטן.

אין דער צײַט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעפירט מיטן אוממיטלבארן קאמף פון די מאסן אויף די גאסן, האָבן די פּשרה=מאכערישע פארטייען, די מענשעוויקעס און עסערן פארכאפּט די דעפּוטאטן=ערטער אין די סאָוועטן, בילדנדיק אין זיי זייערע א מערהײַט. דערצו האָט טיילווײַז מיטגעהאָלפן דאָס, וואָס די מערהײַט לידערס פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי האָט זיך געפונען אין די טורמעס און אין פארשיקונג (לענין האָט זיך געפונען אין עמיגראציע, סטאלין און סווערדלאָוו אין סיבירער פארשיקונג), בעת די מענשעוויקעס און עסערן האָבן זיך פרײַ ארומגעשפּאצירט איבער די גאסן פון פּעטראָגראד. אזויארום האָבן זיך בראָש פונם פּעטראָגראדער סאָוועט און פון זײַן אויספיר=קאָמיטעט ארויסגעוויזן פאָרשטייער פון די פּשרה=מאכערישע פארטייען: מענשעוויקעס און עסערן. דאָס זעלבע איז געווען אין מאָסקווע און אין א ריי אנדערע שטעט. בלויז אין איוואנאָוואָ=וואָזנעסענסק, קראסנאָיארסק און אין אייניקע אנדערע שטעט האָט די מערהײַט אין די סאָוועטן פון סאמע אָנהויב אָן געהערט די באָלשעוויקעס.

דאָס באוואָפנטע פאָלק — די ארבעטער און סאָלדאטן האָבן, שיקנדיק זייערע פאָרשטייער אין סאָוועט, געקוקט אויף אים, ווי אויף אן אָרגאן פון פאָלקס=מאכט. זיי האָבן געהאלטן און געגלויבט, אז דער סאָוועט פון די ארבעטער= און סאָלדאטן=דעפּוטאטן וועט פארווירקלאכן אלע פאָדערונגען פונם רעוואָליוציאָנערן פאָלק און אז אין דער ערשטער ריי וועט געשלאָסן ווערן שלום.

די צו גרויסע צוטרוילאכקײַט פון די ארבעטער און סאָלדאטן האָט אָבער אָפּגעשפּילט מיט זיי א ביטערן שפּאס. די עסערן און מענשעוויקעס האָבן אפילו ניט געטראכט וועגן ליקווידירן די מלחמה, וועגן דערגרייכן שלום. זיי האָבן געמיינט אויסנוצן די רעוואָליוציע צוליב דעם, כדי פאָרצוזעצן די מלחמה. וואָס איז שייך דער רעוואָליוציע און די רעוואָליוציאָנערע פאָדערונגען פונם פאָלק, האָבן די עסערן און מענשעוויקעס געהאלטן, אז די רעוואָליוציע האָט זיך שוין געענדיקט, און איצט באשטייט די אויפגאבע אין פארפעסטיקן זי און אריבערגיין אויף די רעלסן פון „נאָרמאלער“, קאָנסטיטוציאָנעלער עקזיסטענץ צוזאמען מיט דער בורזשואזיע. דעריבער האָט די עסעריש=מענשעוויסטישע אָנפירונג פונם פּעטראָגראדער סאָוועט אָנגענומען

אלע מיטלען, וואָס זײַנען פון איר געווען אָפּהענגיק, כדי צו פאַרשמירן די פראַגע וועגן דער ליקווידירונג פון דער מלחמה, די פראַגע וועגן שלום און צו איבערגעבן די מאַכט דער בורזשואַזיע.

דעם 27־טן פעברואַר (12־טן מערץ) 1917־טן יאָר האָבן די ליבעראַלע דעפּוטאַטן פון דער מלוכה־דומע לויט אַ הינטערקוליסן־פאַרשטענדיקונג מיט די עסעריש־מענשעוויסטישע לידערס געבילדעט אַ צײַטווײַליקן קאָמיטעט פון דער מלוכה־דומע בראַש מיטן פאָרזיצער פון דער פערטער דומע, דעם פּריץ און מאָנאַרכיסט ראָדזיאַנקאָ. און אין עטלאַכע טעג אַרום נאָך דעם האָבן דער צײַטווײַליקער קאָמיטעט פון דער מלוכה־דומע און די עסעריש־מענשעוויסטישע לידערס פונם אויספיר־קאָמיטעט פונם סאָוועט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן בסוד פון די באָלשעוויקעס זיך צונויפגערעדט וועגן אויספאָרמירן אַ נײַע רעגירונג פון רוסלאַנד, — אַ בורזשואַזע צײַטווײַליקע רעגירונג בראַש מיטן פירשט לוואָוו, וועמען דער קייסער ניקאָלאַי דער צווייטער האָט נאָך ביז דער פעברואַר־איבערקערעניש געהאַט אָנגעמערקט פאַר פּרעמיער־מיניסטער פון זײַן רעגירונג. אין באַשטאַנד פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג זײַנען אַרײַן דער הויפּט פון די קאַדעטן מיליוקאָוו, דער הויפּט פון די אָקטיאַבריסטן גוטשקאָוו און אַנדערע אָנגעזעענע פאָרשטייער פונם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, און ווי אַ פאָרשטייער פון דער „דעמאָקראַטיע" איז אַרײַנגעפירט געוואָרן דער עס־ער קערענסקי.

עס האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז די עסעריש־מענשעוויסטישע לידערס פונם אויספירקאָם פונם סאָוועט האָבן אָפּגעגעבן די מאַכט דער בורזשואַזיע, און דער סאָוועט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט דערנאָך וועגן דעם, האָט מיט זײַן מערהײַט באַוויליקט די האַנדלונגען פון די עסעריש־מענשעוויסטישע לידערס, ניט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון די באָלשעוויקעס.

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט די נײַע מלוכה־מאַכט אין רוסלאַנד, וואָס איז באַשטאַנען, ווי לענין האָט געזאָגט, „פון פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע און פון פאַרבורזשואַזעוועטע פּריצים".

נאָר צוגלײַך מיט דער בורזשואַזער רעגירונג האָט עקזיסטירט אַ צווייטע מאַכט — דער סאָוועט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. די סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן אינם סאָוועט — דאָס זײַנען געווען, דער עיקר, פּויערים, וואָס זײַנען מאָביליזירט געוואָרן אויף דער מלחמה. דער סאָוועט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן איז געווען אַן אָרגאַן פון אַ בונד פון די אַרבעטער און פּויערים קעגן דער צאַרישער מאַכט און צוזאַמען דערמיט — אַן אָרגאַן פון זייער מאַכט, אַן אָרגאַן פון דיקטאַטור פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום.

אַזוי־אַרום האָט זיך באַקומען אַן אייגנאַרטיקער איבערפלעכט פון צוויי מאַכטן, פון צוויי דיקטאַטורן: פון אַ דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, אין

פערזאָן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, און פון א דיקטאטור פונם פראָלעטא־ריאט און פויערטום אין פערזאָן פונם סאָוועט פון די ארבעטער־ און סאָל־דאטן־דעפוטאטן.

עס האָט זיך באקומען א צוויימאכט.

מיט וואָס איז צו דערקלערן דאָס, וואָס אין די סאָוועטן האָט זיך פון אָנהויב ארויסגעוויזן א מערהייט מענשעוויקעס און עסערן?

מיט וואָס איז צו דערקלערן דאָס, וואָס די ארבעטער און פויערים, וועלכע האָבן געזיגט, האָבן פרײַוויליק אָפּגעגעבן די מאכט די פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע?

לענין האָט דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס עס האָבן אויפגעוואכט און זיך א ציי געגעבן צו פאָליטיק מיליאָנען מענשן, ניט באהאוונטע אין פאָליטיק. דאָס זײַנען מערסטנטייל געווען קליין־באלעבאטים, פויערים, ארבעטער, וואָס זײַנען ניט לאנג צוריק געווען פויערים, מענשן, וואָס זײַנען געשטאנען אינ־מיטן צווישן דער בורזשואזיע און דעם פראָלעטאריאט. רוסלאנד איז דעמאָלט געווען דאָס סאמע קליינבירגערלאכע לאנד פון אלע גרויסע אייראָפּעאישע לענדער. און אין דעם לאנד האָט די „גיגאנטישע קליינבירגערלאכע כוואליע פארפלייצט אלץ, דערדריקט דעם באוואוסטזיניקן פראָלעטאריאט ניט בלויז מיט איר צאָליקייט, נאָר אויך אידייאיש, דאָס הייסט, אָנגעשטעקט, פארכאפּט זייער ברייטע קרײַזן ארבעטער מיט קליינבירגערלאכע אָנשויאונגען אויף פאָליטיק" (לענין, ב. XX, ז. 115, רוסיש).

אָט די כוואליע פון דער קליינבירגערלאכער סטיכיע האָט עס ארויסגע־בראכט אויף דער אויבערפלאך די קליינבירגערלאכע פארטייען פון די מענשע־וויקעס און עסערן.

לענין האָט אָנגעוויזן, אז א צווייטע סיבה איז די ענדערונג פונם באַ־שטאנד פונם פראָלעטאריאט אין דער צײַט פון דער מלחמה און די ניט־גענוג־גנדיקע באוואוסטזיניקייט און אָרגאניזירטקייט פונם פראָלעטאריאט אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע. אין דער צײַט פון דער מלחמה זײַנען פאָרגעקומען באַ־דײַטנדיקע ענדערונגען אינם באשטאנד פונם פראָלעטאריאט גופא. בײַ 40 פראָצענט קאדראָווע ארבעטער זײַנען מאָביליזירט געוואָרן אין דער ארמיי. אין די יאָרן פון מלחמה האָבן זיך ארײַנגעכאפּט אין די אונטערנעמונגען, כדי זיך אויסצובאהאלטן פון דער מאָביליזאציע, פיל קליין־אייגנטימער, קוס־טארן, קרעמער, פרעמדע דער פראָלעטארישער פסיכאָלאָגיע.

אָט די קליינבירגערלאכע צווישן־שיכטן פון די ארבעטער זײַנען עס טאקע געווען דער נערהאפּטער באָדן פאר די קליינבירגערלאכע פאָליטיקער — פאר די מענשעוויקעס און עסערן.

אָט פארוואָס די ניט באהאוונטע אין פאָליטיק ברייטע מאסן פונם פאָלק, פארפלייצט פון דער כוואליע פון דער קליינבירגערלאכער סטיכיע און פאר־שיכור'ט פון די ערשטע דערפאָלגן פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיך אין די ער־

שטע חדשים פון דער רעוואָליוציע ארויסגעוויזן אין געפאנגענשאפט בײַ די פּשרה־מאכערישע פּארטייען און זײַנען אײַנגעגאנגען אויף אָפּטרעטן דער בורזשואזיע די מלוכה־מאכט, מיינענדיק נאיוו, אז די בורזשואזיע מאכט וועט ניט שטערן די סאָוועטן צו פירן זייער ארבעט.

פאר דער באָלשעוויסטישער פּארטיי איז געשטאנען די אויפגאבע — מיט געדולדיקער אויפקלער־ארבעט אין די מאסן אויפדעקן דעם אימפּעריאליסטישן כאראקטער פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, דעמאסקירן דעם פאַרראַט פון די עסערן און מענשעוויקעס און באווײַזן, אז ס'איז ניט מעגלאך צו דערשלאָגן זיך קיין שלום אָן פארבײַטן די צײַטווײַליקע רעגירונג אויף א רעגירונג פון די סאָוועטן.

און די פּארטיי באָלשעוויקעס האָט זיך גענומען צו דער דאָזיקער ארבעט מיט דער גאנצער ענערגיע.

זי שטעלט אויף אירע לעגאלע פּרעסע־אָרגאנען. שוין אין פינף טעג ארום נאָך דער פעברואר־רעוואָליוציע הויבט אָן צו דערשײַנען די צײַטונג „פּראוודא“ אין פּעטראָגראד, און אין עטלאכע טעג ארום נאָך דעם — דער „סאָציאל־דעמאָקראט“ אין מאָסקווע. די פּארטיי הויבט אָן ארויסצוטרעטן בראש פון די מאסן, וואָס באפרײַען זיך פונם צוטרוי צו דער ליבעראלער בורזשואזיע, פונם צוטרוי צו די מענשעוויקעס און עסערן. זי קלערט געדולדיק אויף די סאָלדאטן, די פּויערים די נויטיקײַט פון געמיינזאמע אקציעס מיטן ארבעטער־קלאס. זי קלערט זיי אויף, אז די פּויערים וועלן ניט באקומען ניט קיין שלום, ניט קיין ערד אָן דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע, אָן פארבײַטן די בורזשואזע צײַטווײַליקע רעגירונג אויף א רעגירונג פון די סאָוועטן.

## קורצע אויספירן.

די אימפּעריאליסטישע מלחמה איז אנטשטאנען מחמת דער ניט־גלײַכ־מעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג פון די קאפּיטאליסטישע לענדער, מחמת דער צעשטערונג פונם גלײַכגעוויכט צווישן די הויפּט־מלוכות, מחמת דער נויטי־קײַט פאר די אימפּעריאליסטן אויפסנײַ איבערצופארטיילן די וועלט דורך א מלחמה און צו שאפן א נײַעם גלײַכגעוויכט פון קרעפטן.

די מלחמה וואָלט ניט געהאט אזא צעשטערונגס־כאראקטער און זי וואָלט זיך, אפשר, כלל ניט פאנאנדערגעוויקלט מיט אזא קראפט, ווען די פּארטייען פונם צווייטן אינטערנאציאָנאל וואָלטן ניט פארראטן דער זאך פונם ארבע־טער־קלאס, ווען זיי וואָלטן ניט געבראָכן די באשלוסן פון די קאָנגרעסן פונם צווייטן אינטערנאציאָנאל קעגן מלחמה, ווען זיי וואָלטן זיך אנטשלאָסן אקטיוו ארויסצוטרעטן און אויפצוהויבן דעם ארבעטער־קלאס קעגן זייערע אימפּעריא־ליסטישע רעגירונגען, קעגן די מלחמה־אונטערצינדער.

די באָלשעוויסטישע פארטיי האָט זיך ארויסגעוויזן ווי די איינציקע פּראָלעטארישע פארטיי, וואָס איז געבליבן טרײַ צו דער זאך פון סאָציאַליזם און אינטערנאציאָנאַליזם און האָט אָרגאניזירט א בירגערקריג קעגן דער אייגענער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג. אלע איבעריקע פארטייען פונם צווייטן אינטערנאציאָנאַל, זײַענדיק פארבונדן מיט דער בורזשואזיע דורך זייערע אָנפירנדיקע אויבער-קעפּלאך, האָבן זיך ארויסגעוויזן אין געפאנגענשאפט בײַם אימפּעריאַליזם, זײַנען אריבערגעלאָפן אויף דער זײַט פון די אימפּעריאַליסטן.

זײַענדיק אן אָפּשפּיגלונג פון דעם אלגעמיינעם קריזיס פונם קאפּיטאַליזם, האָט די מלחמה פארשארפט דעם דאָזיקן קריזיס און האָט אָפּגעשוואכט דעם וועלט-קאפּיטאַליזם. די ארבעטער פון רוסלאנד און די פארטיי באָלשעוויקעס האָבן זיך ארויסגעוויזן ווי די ערשטע אין דער וועלט, וואָס האָבן מיט דערפאָלג אויסגענוצט די שוואכקײַט פונם קאפּיטאַליזם, האָבן דורכגעריסן דעם פראָנט פונם אימפּעריאַליזם, אראָפּגעוואָרפן דעם קייסער און געשאפן די סאָוועטן פון די ארבעטער- און סאָלדאטן-דעפּוטאטן.

פאר'שיכור'טע פון די ערשטע דערפאָלגן פון דער רעוואָליוציע און באַרואיקטע פון די פארזיכערונגען פון די מענשעוויקעס און עסערן, אז פון איצט אָן וועט אלץ אָוועקגיין גוט, דריגגען זיך דורך די ברייטע מאסן קליינבירגערטום, סאָלדאטן און אויך ארבעטער מיט צוטרוי צו דער צײַטווײַליקער רעגירונג, שטיצן זי.

פאר דער באָלשעוויסטישער פארטיי האָט זיך געשטעלט די אויפגאבע— אויפקלערן די פאר'שיכור'טע פון די ערשטע דערפאָלגן ארבעטער- און סאָלדאטן-מאסן, אז צו א פולשטענדיקן זיג פון דער רעוואָליוציע איז נאָך ווײַט, אז כל זמן די מאכט געפינט זיך אין די הענט פון דער בורזשואזער צײַטווײַליקער רעגירונג און אין די סאָוועטן באלעבאטעווען פּשרה-מאכער, —די מענשעוויקעס און עסערן, וועט דאָס פאָלק ניט באקומען ניט קיין שלום, ניט קיין ערד, ניט קיין ברויט, אז צוליב א פולשטענדיקן זיג איז נויטיק צו מאכן נאָך א טראָט פאָראויס און איבערגעבן די מאכט צו די סאָוועטן.

## קאַפּיטל VII

# די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אינם פּעריאָד פון צוגרייטונג און דורכפירונג פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

*(אַפּריל 1917 יאָר — 1918 יאָר)*.

### 1. די סיטואַציע אין לאַנד נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע. דאָס אַרויסגיין פון דער פּאַרטיי פון אונטערערד און דאָס אַריבערגיין צו אָפענער פּאָליטישער אַרבעט. לענינס קומען קיין פּעטראָגראַד. לענינס אַפּריל־טעזיסן. די איינשטעלונג פון דער פּאַרטיי אויף אַריבערגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

די געשעענישן און די אויפפירונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָבן מיט יעדן טאָג באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער ליניע פון די באָלשעוויקעס. זיי האָבן אַלץ קלאָרער באַוויזן, אַז די צייטווייליקע רעגירונג שטייט ניט פאַרן פאָלק, נאָר קעגן פאָלק, ניט פאַר שלום, נאָר פאַר מלחמה, אַז זי וויל ניט און קאָן ניט געבן ניט קיין שלום, ניט קיין ערד, ניט קיין ברויט. די אויפקלערונגס-טעטיקייט פון די באָלשעוויקעס האָט געפונען אַ גינסטיקן באָדן.

אין דער צייט, ווען די אַרבעטער און די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן די צאַרישע רעגירונג און געהאַלטן אין פאַרניכטן די וואָרצלען פון דער מאָנאַרכיע, האָט די צייטווייליקע רעגירונג בפירוש געשטרעבט אויפצוהיטן די מאָנאַרכיע. דעם 2-טן מערץ 1917-טן יאָר האָט זי געהיים געשיקט גוטשקאָוון און שולגינען צום קייסער. די בורזשואַזיע האָט געוואָלט איבערגעבן די מאַכט ניקאָלאַי ראָמאַנאָווס ברודער — מיכאַאילן. נאָר ווען גוטשקאָוו האָט אויף אַ מיטינג פון אײַזנבאַנער פאַרענדיקט זײַן רעדע מיטן אויסרוף „זאָל לעבן דער אימפּעראַטאָר מיכאַאיל“, האָבן די אַרבעטער געפאָדערט, מע זאָל גוטשקאָוון תיכף אַרעסטירן און באַזוכן, זאָגנדיק מיט אויפגעבראַכטקייט: „כריין איז ניט זיסער פון רעטאַך“.

עס איז קלאָר געווען, אַז די אַרבעטער וועלן ניט דערלויבן אויפצושטעלן די מאָנאַרכיע.

אין דער צייט, ווען די אַרבעטער און פּויערים האָבן, פאַרגיסנדיק בלוט, געוואָרט, עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די רעוואָליוציע און פאַרווירקלאַכנדיק די

מלחמה, האָבן געוואָלט זיך דערשלאָגן ברויט און ערד, געפאָדערט אנטשיידע=
נע מאָס=מיטלען אין קאמף קעגן דעם חורבן, איז די צײַטווײַליקע רעגירונג גע=
בליבן טויב צו אָט די לעבנסנויטיקע פאָדערונגען פונם פאָלק. די דאָזיקע רע=
גירונג, וואָס איז באשטאנען פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון די קאפי=
טאליסטן און פּריצים, האָט אפילו ניט געטראכט צו באפרידיקן די פאָדערונ=
גען פון די פּויערים וועגן איבערגעבן זיי די ערד. זי האָט אויך ניט געקאָנט
געבן קיין ברויט די ארבעטנדיקע, ווײַל צוליב דעם איז נויטיק געווען אָנצורירן
די אינטערעסן פון די גרויסע ברויט=הענדלער; מע וואָלט געדארפט מיט אלע
מיטלען נעמען ברויט בײַ די פּריצים, בײַ די באלעגופים, און דאָס האָט זיך
די רעגירונג ניט אנטשלאָסן צו טאָן, ווײַל זי איז אליין געווען פארבונדן מיט
די אינטערעסן פון די דאָזיקע קלאסן. זי האָט אויך ניט געקאָנט געבן קיין
שלום. פארבונדן מיט די ענגליש=פראנצויזישע אימפּעריאליסטן, האָט די צײַט=
ווײַליקע רעגירונג ניט בלויז ניט געטראכט וועגן אָפּשטעלן די מלחמה, נאָר,
פארקערט, זי האָט געפּרואווט אויסנוצן די רעוואָליוציע פאר א מער אקטיוון
אָנטייל פון רוסלאנד אין דער אימפּעריאליסטישער מלחמה, כדי צו פארווירק=
לאכן אירע אימפּעריאליסטישע פּלענער וועגן פארכאפּן קאָנסטאנטינאָפּאָל און
די דורכגוסן, וועגן פארכאפּן גאליציע.

ס'איז קלאָר געווען, אז צו דער צוטרוילאכער באציאונג מצד די פאָלקס=
מאסן צו דער פּאָליטיק פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג דארף אינגיכן קומען
א סוף.

ס'איז אלץ קלאָרער געוואָרן, אז די צווייִמאכט, וואָס האָט זיך אויסגע=
בילדעט נאָך דער פעברואר=רעוואָליוציע, קאָן זיך שוין לאנג ניט האלטן, ווײַל
דער גאנג פון די געשעענישן האָט געפאָדערט, אז די מאכט זאָל קאָנצענטרירט
ווערן ערגעץ=וואו אין איין אָרט: אָדער אין די הענט פון דער צײַטווײַליקער
רעגירונג, אָדער אין די הענט פון די סאָוועטן.

אמת, די פּשרה=מאכערישע פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס און עסערן האָט
נאָך דערווײַל געהאט א שטיצע בײַ די פאָלקס=מאסן. עס זײַנען נאָך געווען
ניט ווייניק ארבעטער, און נאָך מער סאָלדאטן און פּויערים, וועלכע האָבן
געגלויבט, אז „אינגיכן וועט קומען די גרינדונגס=פארזאמלונג און וועט אלץ
אײַנאָרדענען צום גוטן“, וועלכע האָבן געמיינט, אז די מלחמה ווערט געפירט
ניט צוליב פארכאפּונגען, נאָר אויס נויטווענדיקײַט — כדי צו פארטיידיקן
די מלוכה. אזעלכע מענשן האָט לענין אָנגערופן געוויסנהאפט גרײַזנדיקע
באשיצלער. צווישן אָט די אלע מענשן איז די עסעריש=מענשעוויסטישע
פּאָליטיק פון צוזאָגענישן און אײַנרעדענישן נאָך געשאצט געוואָרן דערווײַל
ווי א ריכטיקע פּאָליטיק. עס איז אָבער קלאָר געווען, אז די צוזאָגענישן און
אײַנרעדענישן וועלן לאנג ניט אָנהאלטן, ווײַל דער גאנג פון די געשעענישן און
די אויפפירונג פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג האָבן מיט יעדן טאָג אויפגע=
דעקט און באוויזן, אז די פּשרה=מאכערישע פּאָליטיק פון די עסערן און מענ=

שעוויקעם איז א פּאָליטיק פון פאַרשלעפּעניש און פון אָפּנאַרן צוטרויליכע מענשן.

די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט ניט שטענדיק זיך באַגרענעצט מיט דער פּאָליטיק פון באַהאַלטענעם קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די מאַסן, מיט דער פּאָליטיק פון הינטערקוליסן־קאָמבינאַציעס קעגן דער רע־וואָלוציע. זי האָט טיילמאָל געמאַכט פּרוּוון אַריבערצוגיין אין אַן אָפענעם אָנגריף קעגן די דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן, פּרוּוון „אויפצושטעלן די דיסצי־פּלין", באַזונדערס צווישן די סאָלדאַטן, פּרוּוון „אײַנצושטעלן אָרדענונג", דאָס הייסט, אַרײַנפירן די רעוואָלוציע אין די ראַמען, וואָס זײַנען נויטיק דער בורזשואַזיע. ווי זי האָט זיך אָבער ניט באַמיט אין דער דאָזיקער ריכטונג, האָט זיך עס איר ניט אײַנגעגעבן, און די פאָלקס־מאַסן האָבן מיט גרויס דראַנג פאַרווירקלאַכט די דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן — פרײַהײַט פון וואָרט, פון פּרעסע, פון פאַראייניגנען, פון פאַרזאַמלונגען, פון דעמאָנסטראַציעס. די אַר־בעטער און סאָלדאַטן האָבן זיך באַמיט פולשטענדיק אויסנוצן די דעמאָקראַ־טישע רעכט, וואָס זיי האָבן צום ערשטן מאָל דעראָבערט, כדי אַקטיוו זיך באַטייליקן אינם פּאָליטישן לעבן פונם לאַנד, כדי צו באַנעמען און באַזיניקן די געשאַפענע לאַגע און אָנצונעמען א באַשלוס, ווי־אַזוי צו האַנדלען ווײַטער.

נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע זײַנען די אָרגאַניזאַציעס פון דער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי, וואָס האָבן געאַרבעט אומלעגאַל אין די שווערסטע באַ־דינגונגען פונם צאַריזם, אַרויסגעגאַנגען פון אונטערערד און גענומען פאַנאַנ־דערוויקלען אן אָפענע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. די צאָל מיט־גלידער פון די אָרגאַניזאַציעס פון די באָלשעוויקעס האָט אין דער דאָזיקער צײַט באַטראָפן ניט מער פון 40—45 טויזנט מאַן. דאָס זײַנען אָבער געווען קאַדרען פאַרהאַרטעוועטע אין קאַמף. די פּאַרטיי־קאָמיטעטן זײַנען רעאָרגאַני־זירט געוואָרן אויף די יסודות פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. ס'איז אײַנגע־שטעלט געוואָרן די געוויילטקײַט פון אַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען פון אונטן ביז אויבן.

דער אַריבערגאַנג פון דער פּאַרטיי אויף א לעגאַלער לאַגע האָט אַנטפּלעקט מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין דער פּאַרטיי. קאַמעניעוו און אייניקע טוער פון דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע, צום בײַשפּיל, ריקאָוו, בובנאָוו, נאָגין זײַנען גע־שטאַנען אויף א האַלב־מענשעוויסטישער פּאָזיציע פון באַדינגלאַך שטיצן די צײַטווײַליקע רעגירונג און די פּאָליטיק פון די באַשיצלער. סטאַלין, וועלכער האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון פאַרשיקונג, מאָלאָטאָוו און אַנדערע, צו־זאַמען מיט דער מערהײַט פון דער פּאַרטיי, האָבן פּאַרטיידיקט די פּאָליטיק פון אומצוטרוי צו דער צייטווײַליקער רעגירונג, זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן דער באַשיצלערײַ און האָבן גערופן צו אַקטיוון קאַמף פאַר שלום, צום קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. א טייל טוער פון דער פּאַרטיי האָט

זיך געוואקלט, אָפּשפּיגלענדיק זייער פּאָליטישע אָפּגעשטאַנענקייט, וועלכע איז געווען א רעזולטאַט דערפון, וואָס זיי האָבן זיך א לאַנגע צייט געפונען אין טורמע אָדער אין פארשיקונג.

עס האָט זיך געפילט די אָפּוועזנקייט פונם פּאַרטיי־פירער — פון לענינען.

דעם 3־טן (16־טן) אפריל 1917־טן יאָר, נאָך א לאַנגער צייט פארטריבן זײַן, האָט זיך קיין רוסלאַנד אומגעקערט לענין.

לענינס קומען האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאר דער פּאַרטיי, פאר דער רעוואָלוציע.

נאָך פון דער שווייץ, ווי נאָר ער האָט באַקומען די ערשטע ידיעות וועגן דער רעוואָליוציע, האָט לענין געשריבן צו דער פּאַרטיי און צו דעם ארבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד אין די „בריוו פון דער ווײַט“:

„ארבעטער! איר האָט באַוויזן וואונדער פון פּראָלעטארישן העראָאיזם, פון פאָלקס־העראָאיזם אינם בירגערקריג קעגן דעם צאַריזם. איר דאַרפט באַווײַזן וואונדער פון פּראָלעטארישער און אַלגעמיינער פאָלקס־אָרגאַניזירונג, כדי צוצוגרייטן אײַער זיג אינם צווייטן עטאַפּ פון דער רעוואָליוציע“ (לענין, ב. XX, ז. 19, רוסיש).

קיין פּעטראָגראַד איז לענין געקומען צו פאָרן דעם 3־טן אפּריל בײַנאַכט. אויפן פינלענדישן וואָקזאַל און אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ האָבן זיך פארזאַמלט צו באַגעגענען לענינען טויזנטער ארבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן. אן אומבאַשרײַבלאַכע באַגײַסטערונג האָט ארומגעכאַפּט די מאַסן, ווען לענין איז ארויסגעגאַנגען פון וואַגאָן. זיי האָבן אונטערגעכאַפּט לענינען אויף די הענט און אַזוי ארײַנגעטראָגן זייער פירער אינם גרויסן זאַל פונם וואָקזאַל, וואו די מענשעוויקעס טשכעאידזע און סקאָבעליעוו האָבן אין נאָמען פונם פּעטראָגראַדער סאָוועט געגומען האַלטן „באַגריסונגס“־רעדעס, אין וועלכע זיי האָבן „אויסגעדריקט די האָפענונג“, אז לענין וועט געפינען מיט זיי „א געמיינזאַמע שפּראַך“. לענין האָט זיי אָבער אפילו ניט אָנגעהויבן צו הערן; ער איז דורכגעגאַנגען פארבײַ זיי צו דער מאַסע ארבעטער און סאָלדאַטן און האָט פון א פּאַנצער־אויטאָמאָביל געהאַלטן זײַן באַרימטע רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופן די מאַסן צום קאַמף פארן זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. „זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע!“ — אַזוי האָט לענין פארענדיקט די דאָזיקע ערשטע רעדע זײַנע נאָך לאַנגע יאָרן פון פארטריבן זײַן.

געקומען קיין רוסלאַנד, האָט לענין מיט דער גאַנצער ענערגיע זיך אָפּגעגעבן דער רעוואָליוציאָנערער ארבעט. אויף מאָרגן נאָכן אָנקומען איז לענין ארויסגעטראָטן מיט א פּאָרטראָג וועגן דער מלחמה און דער רעוואָליוציע אויף א פארזאַמלונג פון די באָלשעוויקעס, און נאָכדעם האָט ער איבערגע'חזר'ט די טעזיסן פון זײַן פּאָרטראָג אויף א פארזאַמלונג, וואו אחוץ באָלשעוויקעס זײַנען בײַגעווען אויך מענשעוויקעס.

דאָס זײַנען געווען לענינס באַרימטע אפריל־טעזיסן, וואָס האָבן געגעבן

דער פּארטיי און דעם פּראָלעטאריאַט אַ קלאָרע רעוואָלוציאָנערע ליניע פון אריבערגאַנג פון דער בורזשואזער רעוואָלוציע צו דער סאָציאַליסטישער.

לעניגס טעזיסן האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַר דער רעוואָ־ לוציע, פאַר דער ווײַטערדיקער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. די רעוואָלוציע האָט באַטײַט אַ ביז גאָר גרויסן איבערבראָך אינם לעבן פונם לאַנד, און די פּאַרטיי האָט אין די נײַע באַדינגונגען פון קאַמף, נאָכן אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, זיך געגוויטיקט אין אַ נײַער אָריענטירונג, כדי דרייסט און זיכער זיך לאָזן מיט אַ נײַעם וועג. די דאָזיקע אָריענטירונג האָבן געגעבן דער פּאַר־ טיי לעגינס טעזיסן.

לעגינס אַפּריל־טעזיסן האָבן געגעבן אַ גענִיאַלן פּלאַן פון קאַמף פון דער פּאַרטיי פאַר דעם אַריבערגאַנג פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוּ־ ציע צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, פאַר דעם אַריבערגאַנג פונם ער־ שטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע צום צווייטן עטאַפּ — צום עטאַפּ פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. דורך דער גאַנצער פּאַריקער געשיכטע אירער איז די פּאַרטיי געווען צוגעגרייט צו אָט דער גרויסער אויפגאַבע. נאָך אין 1905־טן יאָר האָט לעניגן אין זײַן בראָשור „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָ־ ציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע" געזאָגט, אַז נאָכן אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם וועט דער פּראָלעטאַריאַט אַריבערגיין צו פּאַרווירק־ לאַכן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. דאָס נײַע אין די טעזיסן איז באַשטאַ־ נען דערין, וואָס זיי האָבן געגעבן אַ טעאָרעטיש באַגרינדעטן, קאָנקרעטן פּלאַן פון צוטרעטן צום אַריבערגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אין עקאָנאָמישן געביט זײַנען די איבערגאַנגס־מאָסמיטלען באַשטאַנען אין נאַציאָנאַליזירן די גאַנצע ערד אין לאַנד בײַ אַ קאָנפיסקירונג פון דער פּריוואַ־ ישער ערד, אין צונויפגיסן אַלע בענק אין איין נאַציאָנאַלער באַנק און אין אײַנפירן אַ קאָנטראָל איבער איר מצד דעם סאָוועט פון די אַרבעטער־דעפּו־ טאַטן, אין אײַנפירן אַ קאָנטראָל איבער דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן.

אין פּאָליטישן געביט האָט לעגין פאָרגעלייגט אַריבערצוגיין פון אַ פּאַר־ לאַמענטאַרישער רעפּובליק צו אַ רעפּובליק פון סאָוועטן. דאָס איז געווען אַן ערנסטער שריט פאָראויס אין געביט פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פונם מאַרקסיזם. ביז אַהער האָבן די מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער געהאַלטן די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק פאַר דער בעסטער פּאָליטישער פאָרם פון אַרי־ בערגאַנג צום סאָציאַליזם. אַצינד האָט לעגין פאָרגעלייגט צו פאַרבײַטן די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק אויף אַ רעפּובליק פון סאָוועטן, ווי די אַממערסטן צוועקמעסיקע פאָרם פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט אינם איבערגאַנגס־פּעריאָד פונם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם.

„די אייגנאַרטיקײַט פון דעם לויפנדיקן מאָמענט אין רוסלאַנד, איז געזאָגט געוואָרן אין די טעזיסן, באַשטייט אינם א ר י ב ע ר ג א נ ג פון

דעם ערשטן עטאַפּ פון דער רעוואָליוציע, וואָס האָט געגעבן די מאַכט דער בורזשואַזיע מחמת דער ניט־גענוגנדיקער באַוואוסטזיניקייט און אָרגאַניזירטקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט, — צום צווייטן עטאַפּ אירן, וואָס דאַרף געבן די מאַכט אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון די אָרעמסטע שיכטן פּויערטום" (לענין, ב. XX, ז. 88, רוסיש).

און ווײַטער:

„ניט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק, — אומקערן זיך צו איר צוריק פון די סאָוועטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן וואָלט געווען א טראָט צוריק, — נאָר א רעפּובליק פון סאָוועטן פון די אַרבעטער־, באַטראַקעס־ און פּויערים־דעפּוטאַטן איבערן גאַנצן לאַנד, פון אונטן ביז אויבן" (דאָרטן, ז. 88).

די מלחמה, האָט לענין געזאָגט, פאַרבלײַבט אויך בײַ דער נײַער, בײַ דער צײַטווײַליקער רעגירונג א רויבערישע, אן אימפּעריאַליסטישע מלחמה. די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי באַשטייט דעריין, מע זאָל דאָס אויפקלערן די מאַסן און מע זאָל זיי באַווײַזן, אז ענדיקן די מלחמה ניט מיט קיין געוואַלטזאַמען, נאָר מיט אן עכט־דעמאָקראַטישן שלום קאָן מען ניט אָן אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע.

בנוגע דער צײַטווײַליקער רעגירונג האָט לענין אַרויסגערוקט דעם לאָזונג: „קיין שום שטיצע דער צײַטווײַליקער רעגירונג!".

לענין האָט, ווײַטער, אויפגעוויזן אין די טעזיסן, אז אונזער פּאַרטיי געפינט זיך דערווײַל אין די סאָוועטן אין א מינדערהייט, אז דאָרטן הערשט דער בלאָק פון די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס פירט דורך דעם בורזשואַזן אײַנפלוס אויפן פּראָלעטאַריאַט. דעריבער איז די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי באַשטאַנען אין:

„אויפקלערן די מאַסן, אז דער סאָוועט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן איז די איינציק־מעגלעכע פאָרם פון א רעוואָליוציאָנערער רעגירונג און דעריבער, כל זמן די דאָזיקע רעגירונג גיט זיך אונטער דעם אײַנפלוס פון דער בורזשואַזיע, קאָן אונזער אויפגאַבע באַשטיין בלויז אין א געדולדיקער, סיסטעמאַטישער, אײַנגעשפּאַרטער אויפקלערונג, וואָס פּאַסט זיך באַזונדערס צו די פּראַקטישע באַדערפענישן פון די מאַסן, אין אן אויפקלערונג פון די פעלערן פון זייער טאַקטיק. כל זמן מיר זײַנען אין דער מינדערהייט, פירן מיר אן אַרבעט פון קריטיקירן און אויסקלאָרן די פעלערן, פריידיקנדיק אין דער זעלבער צײַט די נויטווענדיקייט פון אן איבערגאַנג פון דער גאַנצער מלוכה־מאַכט צו די סאָוועטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן..." (דאָרטן, ז. 88).

דאָס האָט באַטײַט, אז לענין האָט ניט גערופן צו אן אויפשטאַנד קעגן דער צײַטווײַליקער רעגירונג, וואָס אינעם געגעבענעם מאָמענט האָט זי געהאַט

דעם צוטרוי פון די סאָוועטן; ער האָט ניט געפאָדערט אראָפּצוואַרפן זי; ער האָט זיך נאָר געוואָלט דערשלאָגן דורך אויפקלערונגס- און ווערבירונגס-אַרבעט צו דעראָבערן א מערהייט אין די סאָוועטן, ענדערן די פּאָליטיק פון די סאָוועטן, און דורך די סאָוועטן — ענדערן דעם באַשטאַנד און די פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

דאָס איז געווען אַן איינשטעלונג אויף א פרידלאַכער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע.

ווייטער, האָט לענין געפאָדערט אראָפּצוואַרפן דאָס „שמוציקע גרעט" — אָפּזאָגן זיך פונם נאָמען פון דער פּאַרטיי סאָציאַל-דעמאָקראַטישע. סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן זיך גערופן אי די פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אי די רוסישע מענשעוויקעס. דער דאָזיקער נאָמען איז דורך די אָפּאָרטוניסטן, דורך די פאַררעטער פונם סאָציאַליזם פאַרשמוצט און געשענדט געוואָרן. לענין האָט פאָרגעלייגט אָנצורופן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי קאָמוניסטישע פּאַרטיי, ווי עס האָבן גערופן זייער פּאַרטיי מאַרקס און ענגעלס. אַזאַ נאָמען איז א וויסנשאַפטלאַך-ריכטיקער, ווייל דער ענדציל פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי איז דערגרייכן דעם קאָמוניזם. פון דעם קאַפּיטאַליזם קאָן די מענשהייט אַריבערגיין אוממיטלבאַר בלויז צום סאָציאַליזם, דאָס הייסט, צו א געמיינזאַמען באַזיץ פון די פּראָדוציר-מיטלען און צו א פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן לויט דער מאָס פון יעדערנס אַרבעט. לענין האָט געזאָגט, אַז אונזער פּאַרטיי קוקט ווייטער. דער סאָציאַליזם דאַרף אומפאַרמיידלאַך בהדרגה'דיק אַריבערוואַקסן אין קאָמוניזם, וואָס אויף זיין פאָן איז אָנגעשריבן: „פון יעדערן — לויט זיינע פייאיקייטן, יעדערן — לויט זיינע באַדערפענישן".

ענדלאַך, האָט לענין אין זיינע טעזיסן געפאָדערט צו שאַפן א נייעם אינטערנאַציאָנאַל, שאַפן דעם דריטן, קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פריי פון אָפּאָרטוניזם, פון סאָציאַל-שאָוויניזם.

לענינס טעזיסן האָבן אַרויסגערופן א צאָרן-געברום צווישן דער בורזשואַזיע, די מענשעוויקעס און עסערן.

די מענשעוויקעס האָבן זיך געווענדט צו די אַרבעטער מיט אַן אויפרוף, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט א וואָרענונג, אַז „די רעוואָליוציע איז אין געפאַר". די געפאַר איז, לויט דער מיינונג פון די מענשעוויקעס, געווען דערין, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז די מאַכט זאָל אַריבערגיין צו די סאָוועטן פון די אַרבעטער- און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן.

פּלעכאַנאָוו האָט אין זיין צייטונג „יעדינסטוואָ" (אייניקייט) אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט לענינס רעדע אָנגערופן „א רעדע פון היץ". פּלעכאַנאָוו האָט זיך פאַררופן אויף די ווערטער פון דעם מענשעוויק טשכעאידזע, וועלכער האָט געמאָלדן: „אויסן דער רעוואָליוציע וועט פאַרבלייבן איין לענין, און מיר וועלן גיין מיט אונזער וועג".

דעם 14-טן אפריל איז פאָרגעקומען די פעטראָגראַדער אַלשטאָטישע קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס. זי האָט באַוויליקט לענינס טעזיסן און האָט זיי געלייגט אין יסוד פון איר אַרבעט.

אין א געוויסער צייט אַרום האָבן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַרטיי אויך באַוויליקט לענינס טעזיסן.

די גאַנצע פאַרטיי, כוץ עטלאַכע יחידים פונם טיפ קאַמעניעוו, ריקאָוו, פּיאַטאַקאָוו, האָט אָנגענומען לענינס טעזיסן מיט א קאָלאָסאַלער באַפרידיקונג.

## 2. דער אָנהויב פונם קריזיס פון דער צייטווייליקער רעגירונג. די אַפּריל־קאָנפערענץ פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי.

אין דער צייט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך געגרייט צו דער ווייטערדיקער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער רעוואָליוציע, האָט די צייטווייליקע רעגירונג פאָרגעזעצט צו טאָן איר אַנטי-פאָלקס-אַרבעט. דעם 18-טן אַפּריל האָט דער אויסערן-מיניסטער פון דער צייטווייליקער רעגירונג מיליוקאָוו געמאָלדן די פאַרבינדעטע וועגן דער „שטרעבונג פון גאַנצן פאָלק צו דערפירן די וועלט-מלחמה צו אַן אַנטשיידענעם זיג און וועגן דעם, אַז די צייטווייליקע רעגירונג האָט בדעה פולשטענדיק אָפּצוהיטן די פאַרפליכטונגען, וואָס זיינען גענומען געוואָרן בנוגע אונזערע פאַרבינדעטע".

אַזוי אַרום האָט די צייטווייליקע רעגירונג געשוואָרן טריי צו די צאַרישע אָפּמאַכן און האָט צוגעזאָגט צו פאַרגיסן נאָך אַזויפיל פאָלקס-בלוט וויפל פאַר די אימפּעריאַליסטן וועט זיך פאָדערן צו דערגרייכן א „זיגרייכן סוף".

דעם 19-טן אַפּריל איז די דאָזיקע מעלדונג („מיליוקאָווס נאָטע") באַוואוסט געוואָרן די אַרבעטער און סאָלדאַטן. דעם 20-טן אַפּריל האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פאַרטיי באָלשעוויקעס גערופן די מאַסן צו א פּראָטעסט קעגן דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגירונג. דורכגעדרונגענע מיטן געפיל פון צאָרן קעגן „מיליוקאָווס נאָטע", זיינען דעם 20—21-טן אַפּריל (3—4-טן מאַי) 1917-טן יאָר די אַרבעטער- און סאָלדאַטן-מאַסן, ניט ווייניקער פון א 100 טויזנט מאַן, אַרויסגעגאַנגען אויף א דעמאָנסטראַציע. אויף די פאָנען האָבן געשימערט די לאָזונגען: „פאַרעפנטלאַכן די געהיימע אָפּמאַכן!", „נידער מיט דער מלחמה!", „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן!". די אַרבעטער און די סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען פון די פאָרשטעט צום צענטער, צום אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען די צייטווייליקע רעגירונג. אויף נעווסקי פּראָספּעקט און אין אַנדערע ערטער זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט באַזונדערע גרופּעס פון דער בורזשואַזיע.

די מער אָפענע קאָנטער-רעוואָליוציאָנערן, ווי דער גענעראַל קאָרנילאָוו,

האָבן גערופֿן צו צעשיסן די דעמאָנסטראַנטן און האָבן אפילו אָפּגעגעבן אַנט־שפּרעכנדיקע באַפֿעלן. נאָר ווען די מיליטער־טיילן האָבן באַקומען אַזעלכע באַפֿעלן, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט זיי אויסצופֿילן.

א קליינע גרופּע מיטגלידער פֿונם פּעטראָגראַדער פּאַרטיי־קאָמיטעט (באַגדאַטיעוו און אַנדערע) האָט בעת דער דעמאָנסטראַציע אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג תיכּף אַראָפּצוואַרפֿן די צײַטווײַליקע רעגירונג. דער צ.ק. פֿון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס האָט שאַרף פֿאַראורטיילט די אויפֿפֿירונג פֿון אָט די „לינקע" אַוואַנטיוריסטן, האַלטנדיק אַזאַ לאָזונג פֿאַר אַ ניט־רעכטצײַטיקן און ניט־ריכטיקן, וואָס שטערט דער פּאַרטיי צו דעראָבערן די מערהייט פֿון די מאַסן אויף איר זײַט און וואָס ווידערשפּרעכט דער אַנטשטעלונג פֿון דער פּאַרטיי אויף א פֿרידלאַכער אַנטוויקלונג פֿון דער רעוואָלוציע.

די געשעענישן פֿונם 20—21־טן אַפּריל האָבן באַטײַט דעם אָנהויב פֿונם קריזיס פֿון דער צײַטווײַליקער רעגירונג.

דאָס איז געווען דער ערשטער ערנסטער שפּאַלט אין דער פּשרה־מאַכערישער פּאָליטיק פֿון די מענשעוויקעס און עסערן.

דעם 2־טן מאַי 1917־טן יאָר זײַנען אונטערן דרוק פֿון די מאַסן אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿונם באַשטאַנד פֿון דער צײַטווײַליקער רעגירונג מיליוקאָוו און גוטשקאָוו.

עס האָט זיך געבילדעט די ערשטע צײַטווײַליקע קאָאַליציע־רעגירונג, וואָס אין איר באַשטאַנד זײַנען צוגלײַך מיט פֿאָרשטייער פֿון דער בורזשואַזיע אַרײַנגעגאַנגען מענשעוויקעס (סקאָבעליעוו, צערעטעלי) און עסערן (טשערנאָוו, קערענסקי און אַנד.).

די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן אין 1905־טן יאָר געלייקנט די דערלאָזבאַרקײַט, אַז פֿאָרשטייער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָלן זיך באַטייליקן אין אַ צײַטווײַליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, האָבן איצט, אַזויאַרום, געפֿונען פֿאַר דערלאָזבאַר, אַז זייערע פֿאָרשטייער זאָלן זיך באַטייליקן אין דער צײַטווײַליקער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער רעגירונג.

דאָס איז געווען דער אַריבערגאַנג פֿון די מענשעוויקעס און עסערן אין לאַגער פֿון דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע.

דעם 24־טן אַפּריל 1917־טן יאָר האָט זיך געעפֿנט די זיבעטע (אַפּרילער) קאָנפֿערענץ פֿון די באָלשעוויקעס. צום ערשטן מאָל, זינט עס עקזיסטירט די פּאַרטיי, האָט זיך אָפֿן פֿאַרזאַמלט אַ קאָנפֿערענץ פֿון די באָלשעוויקעס, וואָס לויט איר באַדײַטונג פֿאַרנעמט זי אין דער פּאַרטיי־געשיכטע פּונקט אַזאַ אָרט, ווי אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר.

די אַלרוסלענדישע אַפּריל־קאָנפֿערענץ האָט באַוויזן אַ שטורמישן וואוקס פֿון דער פּאַרטיי. אויף דער קאָנפֿערענץ זײַנען בײַגעווען 133 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט און 18 מיט באַראַטונגס־רעכט. זיי האָבן פֿאָרטראָטן 80 טויזנט אָרגאַניזירטע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי.

די קאָנפערענץ האָט באהאנדלט און אויסגעארבעט די ליניע פון דער פּאַר־טיי אין אלע גרונט־פראגן פון מלחמה און רעוואָלוציע: וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט, וועגן דער מלחמה, וועגן דער צײַטווײַליקער רעגירונג, וועגן די סאָ־וועטן, וועגן דער אגראר־פראגע, וועגן דער נאציאָנאלער פראגע און א.וו.

אין זײַן פאָרטראָג האָט לענין אנטוויקלט די הנחות, וואָס ער האָט שוין פריִער געהאט ארויסגעזאָגט אין די אפּריל־טעזיסן. די אויפגאבע פון דער פּארטיי איז באשטאנען אין פארווירקלאכן דעם אריבערגאנג פון דעם ערשטן עטאפּ פון דער רעוואָלוציע, „וואָס האָט געגעבן די מאכט דער בורזשואזיע... צום צווייטן עטאפּ אירן, וואָס דארף געבן די מאכט אין די הענט פונם פּראָלעטאריאט און פון די אָרעמסטע שיכטן פויערטום" (לענין). די פּארטיי דארף נעמען א קורס אויף צוגרייטן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. ווי די נאָענטסטע אויפגאבע פון דער פּארטיי האָט לענין ארויסגערוקט דעם לאָזונג: „די גאנצע מאכט די סאָוועטן!".

דער לאָזונג „די גאנצע מאכט די סאָוועטן" האָט באטײַט, אז מע מוז מאכן א סוף צו דער צווייִמאכט, דאָס הייסט, צו דער צעטיילונג פון דער מאכט צווישן דער צײַטווײַליקער רעגירונג און די סאָוועטן, אז מע דארף איבערגעבן די גאנצע מאכט די סאָוועטן, און די פאָרשטייער פון די פּריצים און קאפּיטאליסטן — ארויסטרײַבן פון די מאכט־אָרגאנען.

די קאָנפערענץ האָט פעסטגעשטעלט, אז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבעס פון דער פּארטיי איז אומדערמידלאך צו דערקלערן די מאסן אָט דעם אמת, אז „די צײַטווײַליקע רעגירונג איז לויט איר כאראקטער אן אָרגאן פון הערשאפט פון די פּריצים און בורזשואזיע", ווי אויך צו דעמאסקירן די אומברענגערישקײַט פון דער פּשרה־מאכערישער פּאָליטיק פון די עסערן און מענשעוויקעס, וואָס נארן אָפּ דאָס פאָלק מיט פאלשע צוזאָגנישן און וואָס שטעלן עס אונטער דעם קלאפּ פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און קאָנטר־רעוואָלוציע.

אויף דער קאָנפערענץ זײַנען קעגן לענינען ארויסגעטראָטן קאמעניעוו און ריקאָוו. צוזאמען מיט די מענשעוויקעס האָבן זיי געהאלטן אין איין איבער־חזר'ן, אז רוסלאנד איז נאָך ניט רײַף פאר א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אז אין רוסלאנד איז מעגלאך בלויז א בורזשואזע רעפּובליק. זיי האָבן פאָרגעלייגט דער פּארטיי און דעם ארבעטער־קלאס צו באגרענעצן זיך מיט „קאָנטראָלירן" די צײַטווײַליקע רעגירונג. אין תוך זײַנען זיי, ווי די מענשע־וויקעס, געשטאנען אויף דער פּאָזיציע פון אויפהיטן דעם קאפּיטאליזם, אויפ־היטן די מאכט פון דער בורזשואזיע.

זינאָוויעוו איז אויך ארויסגעטראָטן אויף דער קאָנפערענץ קעגן לענינען איבער דער פראגע, צי זאָל די באָלשעוויסטישע פּארטיי פארבלײַבן אין דער צימערוואלדער פאראייניקונג, אָדער זי זאָל אײַנגרײַסן מיט דער דאָזיקער פאראייניקונג און שאפן א נײַעם אינטערנאציאָנאל. ווי עס האָבן באוויזן די

מלחמה־יאָרן, האָט די דאָזיקע פּאַראייניקונג, פירנדיק אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר שלום, פּאַקטיש דאָך ניט אײַנגעריסן מיט די בורזשואַזע באַשיצלער. דעריבער איז לעגין באַשטאַנען, אַז מע זאָל תיכּף אַרויסטרעטן פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג און אָרגאַניזירן אַ נײַעם, אַ קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. זינאָוויעוו האָט פאָרגעלייגט צו פאַרבלײַבן מיט די צימערוואַלדער. לעגין האָט אַנטשיידן פאַראורטיילט די דאָזיקע אַרויסטרעטונג זינאָוויעווס, אָנרופנדיק זי „אַרכיאָפּאָרטוניסטישע און שעדלאַכע” טאַקטיק.

די אַפּריל־קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט אויך די אַגראַר־פראַגע און די נאַציאָנאַלע פראַגע.

איבער לעגינס פאָרטראָג וועגן דער אַגראַר־פראַגע האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן קאָנפיסקירן די פּריוואַטע ערד און איבערגעבן זי אין רשות פון די פּויערים־קאָמיטעטן און וועגן נאַציאָנאַליזירן די גאַנצע ערד אינעם לאַנד. די באָלשעוויקעס האָבן גערופן דאָס פּויערטום צו קאַמף פאַר ערד און האָבן דערוויזן די פּויערים־מאַסן, אַז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס איז די איינציקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס העלפט ווירקלאַך די פּויערים אַראָפּצוואַרפן די פּריצים.

אַ גרויסע באַדײַטונג האָט געהאַט דעם חבר סטאַלינס פאָרטראָג איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע. לעגין און סטאַלין האָבן נאָך ביז דער רעוואָלוציע, ערב דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, פונאַנדערגעאַרבעט די יסודות פון דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע. לעגין און סטאַלין האָבן געזאָגט, אַז די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי דאַרף שטיצן די נאַציאָנאַלע באַפרײַאונגס־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער, וואָס איז געווענדט קעגן דעם אימפּעריאַליזם. אין פאַרבינדונג דערמיט האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג ביז צום אָפּטיילן זיך און בילדן זעלבסטשטענדיקע מלוכות. דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָט אויף דער קאָנפערענץ פאַרטיידיקט דער פאָרטרעגער פונם צ.ק. חבר סטאַלין.

קעגן לעגינען און סטאַלינען איז אַרויסגעטראָטן פּיאַטאַקאָוו, וועלכער האָט צוזאַמען מיט בוכאַרינען נאָך אין די מלחמה־יאָרן פאַרנומען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַ נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע פּאָזיציע. פּיאַטאַקאָוו און בוכאַרין זײַנען געווען קעגן רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג.

די אַנטשיידענע און קאָנזעקווענטע פּאָזיציע פון דער פּאַרטיי אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דער קאַמף פון דער פּאַרטיי פאַר פולשטענדיקער גלײַכבאַרעכטיקונג פון נאַציעס און פאַר פאַרניכטונג פון אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלן דרוק און נאַציאָנאַלער ניט־גלײַכבאַרעכטיקונג האָבן איר געזיכערט די סימפּאַטיעס און די שטיצע מצד די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן.

אָט איז דער טעקסט פון דער רעזאָלוציע איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס עס האָט אָנגענומען די אַפּריל־קאָנפערענץ:

„די פּאָליטיק פון נאציאָנאלער אונטערדריקונג, זײַענדיק א ירושה פון דער זעלבסטהערשונג און פון דער מאָנארכיע, ווערט געשטיצט פון די פּריצים, קאפּיטאליסטן און קלײנבירגערטום אין די אינטערעסן פון פארהיטן זײערע קלאסן־פּריווילעגיעס און פון צעשײדן די ארבעטער פון פארשײדענע פעלקערשאפטן. פארשטארקנדיק די שטרעבונגען צו אונטערטעניקן די שוואכע פעלקער, איז דער מאָדערנער אימפּעריאליזם א נײַער פאקטאָר פון דער פארשארפונג פונם נאציאָנאלן דרוק.

אויף וויפל עס איז דערגרײכבאר אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט די באזײַטיקונג פון נאציאָנאלן דרוק, איז דאָס מעגלאך בלויז בײַ א קאָנזעקווענט־דעמאָקראטישער רעפּובליקאנישער אײַנאָרדענונג און פארוואלטונג פון דער מלוכה, וואָס זיכערט פולע גלײַכבארעכטיקונג פון אלע נאציעס און שפּראכן.

פאר אלע נאציעס, וואָס גײען ארײַן אין באשטאנד פון רוסלאנד, דארף אָנערקענט ווערן דאָס רעכט אויף פרײַ אָפּטײלן זיך און אויף אויסבילדן א זעלבסטשטענדיקע מלוכה. די לײקענונג פון דאָזיקן רעכט און דאָס ניט־אָננעמען קײן מאָס־מיטלען, וואָס גאראנטירן זײַן פּראקטישע פארווירקלאכבארקײַט, איז אלצאײנס ווי שטיצן די פּאָליטיק פון פארכאפּונגען אָדער אנעקסיעס. בלויז דאָס אָנערקענען דורכן פּראָלעטאריאט די רעכט פון נאציעס אויף אָפּטײלן זיך זיכערט די פולע סאָלידאריטעט פון די ארבעטער פון פארשײדענע נאציעס און העלפט מיט דער ווירקלאך־דעמאָקראטישער דערנעענטערונג פון נאציעס...

די פראגע וועגן דעם רעכט פון נאציעס אויף פרײַ אָפּטײלן זיך טאָר מען ניט צונויפמישן מיט דער פראגע וועגן דער צוועקמעסיקײַט פאר דער אָדער יענער נאציע צו אָפּטײלן זיך אין דעם אָדער יענעם מאָמענט. אָט די לעצטע פראגע דארף די פּארטײ פונם פּראָלעטאריאט לײזן אין יעדן באזונדערן פאל אבסאָליוט זעלבסטשטענדיק, פון שטאנדפּונקט פון די אינטערעסן פון דער גאנצער געזעלשאפטלאכער אנטוויקלונג און פון די אינטערעסן פונם קלאסנקאמף פונם פּראָלעטאריאט פאר סאָציאליזם.

די פּארטײ פאָדערט א ברײטע געגנטלאכע אויטאָנאָמיע, אָפּשאפן דעם אויפזיכט פון אויבן, אָפּשאפן די אָבליגאטאָרישע מלוכה־שפּראך און פעסטשטעלן די גרענעצן פון די זעלבסטפארוואלטנדיקע און אויטאָנאָמע געגנטן אויפן גרונט פון דיסקאָנטירן דורך דער אָרטיקער באפעלקערונג גופא דיווירטשאפטלאכע באדינגונגען און שטײגער־באדינגונגען, דעם נאציאָנאלן באשטאנד פון דער באפעלקערונג און אזוי ווײַטער.

די פּארטײ פונם פּראָלעטאריאט ווארפט אנטשײדן אָפּ די אזוי גערופענע „קולטור־נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע”, דאָס הײסט, ארויסנעמען פון דער קאָמפּעטענץ פון דער מלוכה דאָס שול־וועזן א.ד.גל. און איבער־

געבן דאָס אין די הענט פון א מין נאציאָנאלע סיימען. די ארבעטער, וואָס וואוינען אין איין אָרט און וואָס ארבעטן אפילו אין איינע און די זעלבע אונטערנעמונגען, גרענעצט די קולטור=נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע קינסטלאך אָפּ לויט דער אָנגעהעריקייט צו דער אָדער יענער „נאציאָנאלער קולטור“, דאָס הייסט, זי פארשטארקט די פארבינדונג פון די ארבעטער מיט דער בורזשואזער קולטור פון באזונדערע נאציעס, בעת די אויפגאבע פון דער סאָציאַל=דעמאָקראטיע באשטייט אין פארשטארקן די אינטערנאציאָנאלע קולטור פונם אלוועלטלאכן פּראָלעטאריאט.

די פּארטיי פאָדערט אײנצושליסן אין דער קאָנסטיטוציע א גרונטגעזעץ, וואָס דערקלערט פאר ניט=גילטיק וועלכע=ניט=איז פּריווילעגיעס פון איינער פון די נאציעס, וואָסער=ניט=איז ברעכן די רעכט פון די נאציאָנאלע מינדערהײטן.

די אינטערעסן פונם ארבעטער=קלאס פאָדערן א צונויפגיסונג פון די ארבעטער פון אלע נאציאָנאליטעטן פון רוסלאנד אין איינהײטלאכע פּראָלעטארישע אָרגאניזאציעס, פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, קאָאָפּעראטיוו=אויפקלערערישע און אזוי ווײטער. בלויז אזא צונויפגיסונג פון די ארבעטער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן אין איינהײטלאכע אָרגאניזאציעס וועט געבן דעם פּראָלעטאריאט די מעגלאכקײט צו פירן א זיגרײכן קאמף קעגן דעם אינטערנאציאָנאלן קאפּיטאל און קעגן דעם בורזשואזן נאציאָנאליזם" (די אל.ק.פּ.(ב.) אין רעזאָליוציעס, טייל I, ז. 239—240, רוסיש).

אזויארום איז אויף דער אפּריל=קאָנפערענץ דעמאסקירט געוואָרן די אָפּאָרטוניסטישע, אנטילענינישע ליניע פון קאמעניעוון, זינאָוויעוון, פּיאטאקאָוון, בוכארינען, ריקאָוון און פון זייערע קליינצאָליקע גענינונגס=קאָלעגן.

די קאָנפערענץ איז איינמוטיק געגאנגען נאָך לענינען, פארנעמענדיק א דײטלאכע פּאָזיציע אין אלע וויכטיקסטע פראגן און פירנדיק א ליניע אויפן זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

## 3. די דערפאָלגן פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי אין דער הויפּטשטאָט. דער ניט־געלונגענער אָנגריף פונם מיליטער פון דער־צײַטווײַליקער רעגירונג אויפן פראָנט. דאָס דערשטיקן די יולי־דעמאָנסטראציע פון ארבעטער און סאָלדאטן.

אויפן גרונט פון די באשלוסן פון דער אפּריל=קאָנפערענץ האָט די פּארטיי פאנאנדערגעוויקלט א קאָלאָסאלע ארבעט צו דעראָבערן די מאסן, צו דערציען און אָרגאניזירן זיי אויף א שלאכט=אופן. די ליניע פון דער פּארטיי איז אין דעם דאָזיקן פעריאָד באשטאנען דעריז, מע זאָל דורך געדולדיקן דער=

קלערן די באָלשעוויסטישע פּאָליטיק און דורך דעמאַסקירן די פּשרה־מאַכערײַ פון די מענשעוויקעס און עסערן איזאָלירן פון די מאַסן די דאָזיקע פּאַרטייען, דעראָבערן די מערהײַט אין די סאָוועטן.

חוץ דער אַרבעט אין די סאָוועטן האָבן די באָלשעוויקעס געפירט אַ קאָ־לאָסאַלע אַרבעט אין די פּראָפפאַראיינען, אין די פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמי־טעטן.

באַזונדערס האָבן די באָלשעוויקעס געגומען פירן אַ גרויסע אַרבעט אין דער אַרמיי. אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן מיליטער־אָרגאַניזאַציעס. אויף די פראָנטן און אין הינטערלאַנד האָבן די באָלשעוויקעס אומדערמידלאַך געאַרבעט איבער דער אָרגאַניזירונג פון די סאָלדאַטן און מאַטראָסן. אין הינ־זיכט פון רעוואָלוציאָניזירן די סאָלדאַטן האָט אַ באַזונדערס גרויסע ראָלע געשפּילט די באָלשעוויסטישע פראָנט־צײַטונג „אָקאָפּנאַיאַ פּראַווּדאַ" (טראַנ־שייען־אמת).

אַדאַנק דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדיסטיש־אַגיטאַציאָנעלער אַרבעט פון די באָלשעוויקעס האָבן די אַרבעטער שוין אין די ערשטע חדשים פון דער רע־וואָלוציע אין פיל שטעט איבערגעוויילט די סאָוועטן, באַזונדערס די ראַיאָנע, אַרויסשמײַסנדיק די מענשעוויקעס און עסערן און אויסקלײַבנדיק אָנשטאָט זיי אָנהענגער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

די אַרבעט פון די באָלשעוויקעס האָט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן, באַזונדערס אין פּעטראָגראַד.

דעם 30־טן מאַי — 3־טן יוני 1917־טן יאָר איז פאָרגעקומען אַ פּעטראָ־גראַדער קאָנפערענץ פון די פאַבזאַווקאָמען. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זײַנען שוין געגאַנגען נאָך די באָלשעוויקעס דרײַ פערטל דעלעגאַטן. דער פּעט־ראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט איז כמעט פולשטענדיק געגאַנגען נאָך דעם באָל־שעוויסטישן לאָזונג — „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן!".

דעם 3־טן (16־טן) יוני 1917־טן יאָר איז זיך צונויפגעקומען דער ערשטער אַלרוסלענדישער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר. די באָלשעוויקעס זײַנען נאָך געווען אין אַ מינדערהײַט אין די סאָוועטן, — זיי האָבן געהאַט אויפן צוזאַמענפאָר עטוואָס מער פון 100 דעלעגאַטן קעגן 700—800 מענשעוויקעס, עסערן און אַנדערע.

די באָלשעוויקעס האָבן אויפן ערשטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר מיט אײַנגע־שפּאַרטקײַט דעמאַסקירט די קאַטאַסטראָפּאַלישקײַט פון אַ פּשרה מיט דער בורזשואַזיע, האָבן אויפגעדעקט דעם אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון דער מלחמה. לענין איז אויפן צוזאַמענפאָר אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט דערוויזן די ריכטיקײַט פון דער ליניע פון די באָלשעווי־קעס, דערקלערנדיק, אַז בלויז די מאַכט פון די סאָוועטן קאָן געבן ברויט די אַרבעטנדיקע, ערד די פּויערים, זיך דערשלאָגן שלום, אַרויספירן דאָס לאַנד פונם חורבן.

אין דער זעלבער צייט איז אין די ארבעטער-ראיאָנען פון פעטראָגראַד אָנגעגאנגען א מאסן-קאמפּאניע פאר אָרגאניזירן א דעמאָנסטראציע און ארויסשטעלן פאָדערונגען דעם סאָוועטן-צוזאמענפאָר. וועלנדיק פארלויפן דעם וועג דער סטיכישער דעמאָנסטראציע פון די ארבעטער און רעכענענדיק אויסנוצן אין זיינע צילן די רעוואָליוציאָנערע שטימונג פון די מאסן, האָט דער אויספיר-קאָמיטעט פונם פעטראָגראדער סאָוועט באשלאָסן צו באשטימען אין פעטראָגראד א דעמאָנסטראציע אויפן 18-טן יוני (1-טן יולי). די מענשעוויקעס און עסערן האָבן אויסגערעכנט דערויף, אז די דעמאָנסטראציע וועט דורכגיין אונטער אנטיבאָלשעוויסטישע לאָזונגען. די באָלשעוויסטישע פארטיי האָט זיך גענומען ענערגיש גרייטן צו דער דאָזיקער דעמאָנסטראציע. חבר סטאלין האָט דעמאָלט געשריבן אין דער „פּראוודא“, אז „...אונזער אויפגאבע איז — דערשלאָגן זיך, אז די דעמאָנסטראציע אין פעטראָגראד דעם 18-טן יוני זאָל דורכגיין אונטער אונזערע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען“.

די דעמאָנסטראציע פונם 18-טן יוני 1917-טן יאָר, וואָס איז פאָרגעקומען ביי דעם קבר פון די קרבנות פון דער רעוואָליוציע, האָט זיך ארויסגעוויזן אלס עכטער דורכקוק פון די כחות פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי. זי האָט באוויזן די אָנוואקסנדיקע רעוואָליוציאָנערישקייט פון די מאסן און דעם שטייגנדיקן צוטרוי זייערן צו דער באָלשעוויסטישער פארטיי. די לאָזונגען פון די מענשעוויקעס און עסערן וועגן צוטרוי צו דער צייטווייליקער רעגירונג, וועגן דער נויטיקייט פאָרצוזעצן די מלחמה זיינען דערטרונקען געוואָרן אין דער קאָלאָסאלער מאסע באָלשעוויסטישע לאָזונגען. 400 טויזנט דעמאָנסטראנטן זיינען דורכגעגאנגען מיט די לאָזונגען אויף די פאָנען: „נידער מיט דער מלחמה!“, „נידער מיט די צען מיניסטאָרן קאפּיטאליסטן!“, „די גאנצע מאכט די סאָוועטן!“.

דאָס איז געווען א פולשטענדיקער דורכפאל פון די מענשעוויקעס און עסערן, א דורכפאל פון דער צייטווייליקער רעגירונג אין דער הויפּטשטאָט.

באקומען די שטיצע פונם ערשטן סאָוועטן-צוזאמענפאָר, האָט אָבער די צייטווייליקע רעגירונג באשלאָסן פאָרצוזעצן די אימפּעריאליסטישע פּאָליטיק. גראָד אין טאָג פונם 18-טן יוני האָט די צייטווייליקע רעגירונג, אויספילנדיק דעם ווילן פון די ענגליש-פראנצויזישע אימפּעריאליסטן, אוועקגעטריבן די סאָלדאטן אויפן פראָנט אין אן אָנגריף. אין דעם דאָזיקן אָנגריף האָט די בורזשואזיע געזען די איינציקע מעגלאכקייט צו מאכן א סוף מיט דער רעוואָליוציע. אין פאל, ווען דער אָנגריף וואָלט זיך איינגעגעבן, האָט די בורזשואזיע געהאָפט ארייננעמען די גאנצע מאכט אין אירע הענט, אָפּשטויסן די סאָוועטן און דערשטיקן די באָלשעוויקעס. ווען ער וואָלט זיך ניט איינגעגעבן, וואָלט מען געקאָנט ארויפוואַרפן די גאנצע שולד אויף די זעלבע באָלשעוויקעס, באשולדיקנדיק זיי אין דעמאָראליזירן די ארמיי.

מע האָט געקאָנט ניט צווייפלען דערין, אז דער אָנגריף וועט דורכפאלן,

און ער איז ווירקלאך דורכגעפאלן. די מידקײַט פון די סאָלדאטן, זייער ניט פארשטיין די ציל פונם אָנגריף, דער אומצוטרוי צו דעם פּרעמדן פּאר די סאָלדאטן קאָמאנדירן־באשטאנד, דאָס אויספעלן פון הארמאטן־קוילן און ארטילעריע, — דאָס אלץ האָט באשטימט דעם דורכפאל פונם אָנגריף אויפן פּראָנט.

די ידיעה וועגן דעם אָנגריף אויפן פּראָנט און דערנאָך וועגן דעם דורכפאל פונם אָנגריף האָט אויפגערודערט די הויפּטשטאָט. די אויפגעבראכטקײַט פון די ארבעטער און סאָלדאטן האָט ניט געהאט קיין גרענעץ. עס האָט זיך באקומען, אז, פּראָקלאמירנדיק א שלום־פּאָליטיק, האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג אָפּגענארט דאָס פאָלק. עס האָט זיך באקומען, אז די צײַטווײַליקע רעגירונג איז פאר פּאָרזעצן די אימפּעריאליסטישע מלחמה. עס האָט זיך באקומען, אז דער וועיק (אלרוסלענדישער צענטראלער אויספיר־קאָמיטעט) פון די סאָוועטן און דער פּעטראָגראדער סאָוועט האָבן ניט געוואָלט אָדער האָבן ניט געקאָנט קעגנשטעלן זיך די פארברעכערישע האנדלונגען פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג און האָבן זיך אליין גאָכגעשלעפּט נאָך איר אין עק.

די רעוואָליוציאָנערע אויפרעגונג פון די פּעטראָגראדער ארבעטער און סאָלדאטן האָט אריבערגעפלייצט איבער די ברעגן. דעם 3־טן (16־טן) יולי האָבן אין פּעטראָגראד, אינם וויבאָרגער ראיאָן, סטיכיש זיך אָנגעהויבן דעמאָנסטראציעס. זיי האָבן געדויערט א גאנצן טאָג. די באזונדערע דעמאָנסטראציעס זײַנען זיך צעוואקסן אין אן אלגעמיינער גראנדיעזער באוואָפנטער דעמאָנסטראציע אונטערן לאָזונג פון אריבערגאנג פון דער מאכט צו די סאָוועטן. די באָלשעוויסטישע פּארטיי איז געווען קעגן א באוואָפנטער ארויסטרעטונג אין דעם דאָזיקן מאָמענט, ווײַל זי האָט געהאלטן, אז דער רעוואָליוציאָנערער קריזיס איז נאָך ניט רײַף, אז די ארמיי און די פּראָווינץ זײַנען נאָך ניט גרייט צו שטיצן דעם אויפשטאנד אין דער הויפּטשטאָט, אז אן איזאָלירטער און פריצײַטיקער אויפשטאנד אין דער הויפּטשטאָט קאָן בלויז פארלײַכטערן דער קאָנטער־רעוואָליוציע צו צעשמעטערן דעם אוואנגארד פון דער רעוואָליוציע. ווען ס'איז אָבער קאָנטיק געוואָרן, אז אײַנהאלטן די מאסן פון א דעמאָנסטראציע איז אוממעגלאך, האָט די פּארטיי באשטימט אָנטיילצונעמען אין דער דעמאָנסטראציע, כדי צוצוגעבן איר א פרידלאכן און אָרגאניזירטן כאראקטער. דער פּארטיי באָלשעוויקעס האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן, און הונדערטער טויזנטער דעמאָנסטראנטן האָבן זיך אוועקגעלאָזט צום פּעטראָגראדער סאָוועט און צום וועיק פון די סאָוועטן, וואו זיי האָבן געפאָדערט פון די סאָוועטן צו נעמען די מאכט אין זייערע הענט, אײַנרײַסן מיט דער אימפּעריאליסטישער בורזשואזיע און דורכפירן אן אקטיווע שלום־פּאָליטיק.

ניט געקוקט אויפן פרידלאכן כאראקטער פון דער דעמאָנסטראציע, זײַנען קעגן די דעמאָנסטראנטן ארויסגעשטעלט געוואָרן רעאקציאָנערע מילי־

טער=טײלן — יונקערישע און אָפיצירישע אָטריאַדן. די גאַסן פון פּעטראָגראַד זײַנען געדיכט פאַרגאָסן געװאָרן מיט בלוט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן. אױף צעשמעטערן די אַרבעטער זײַנען אַרױסגערופן געװאָרן פון פראָנט די סאַמע פינסטערע, קאָנטר=רעװאָלוציאָנערע מיליטער=טײלן.

דערשטיקט די אַרבעטער= און סאָלדאַטן=דעמאָנסטראַציע, האָבן די מענשעװיקעס און עסערן אין בונד מיט דער בורזשואַזיע און מיט די װײַסגװאַרדײאישע גענעראַלן זיך אַרױפגעװאָרפן אױף דער באָלשעװיסטישער פּאַרטײ. דעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „פּראַװדאַ" האָט מען חרוב געמאַכט. די „פּראַװדאַ", די „סאָלדאַטסקאַיאַ פּראַװדאַ" און אַ רײ אַנדערע באָלשעװיסטישע צײַטונגען זײַנען פאַרמאַכט געװאָרן. אױף דער גאַס האָבן יונקערס דערמאָרדעט דעם אַרבעטער װאָאינאָװ בלױז דערפאַר, װאָס ער האָט פאַרקױפט דעם „ליסטאָק פּראַװדי". מע האָט אָנגעהױבן אַנטװאָפענען די רױטגװאַרדײער. די רעװאָלוציאָנערע טײלן פונם פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן האָט מען אַרױסגעפירט פון דער הױפּטשטאָט און אָפּגעשיקט אױפן פראָנט. עס זײַנען געמאַכט געװאָרן אַרעסטן אינם הינטערלאַנד און אױף די פראָנטן. דעם 7=טן יולי איז אַרױסגעגעבן געװאָרן אַ באַפעל װעגן אַרעסטירן לענינען. עס איז אַרעסטירט געװאָרן אַ רײ גרױסע טוער פון דער באָלשעװיסטישער פּאַרטײ. ס'איז צעשמעטערט געװאָרן די דרוקערײַ „טרוד", װאו עס האָבן זיך געדרוקט די באָלשעװיסטישע אױסגאַבן. אין דער מיטטײלונג פונם פּראָקוראָר פון דער פּעטראָגראַדער געריכט=פּאַלאַטע איז געװען געזאָגט, אַז לענין און אַ רײ אַנדערע באָלשעװיקעס װערן צוגעצױגן צום געריכט פאַר „מלוכה=פאַרראַט" און פאַר אָרגאַניזירן אַ באַװאָפנטן אױפשטאַנד. די באַשולדיקונג קעגן לענינען איז פאַבריצירט געװאָרן אינם שטאַב פונם גענעראַל דעניקין אױפן סמך פון באַװײַזן מצד שפּיאָנען און פּראָװאָקאַטאָרן.

אַזױאַרום האָט די צײַטװײַליקע קאָאַליציע=רעגירונג, װאָס אין איר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אַזעלכע אָנגעזעענע פאָרשטײער פון די מענשעװיקעס און עסערן, װי צערעטעלי און סקאָבעליעװ, קערענסקי און טשערנאָװ, — זיך אַראָפּגעקײַקלט אין זומפּ פון אָפענעם אימפּעריאַליזם און קאָנטר=רעװאָלוציע. אַנשטאָט אַ שלום=פּאָליטיק האָט זי גענומען דורכפירן אַ פּאָליטיק פון פאָרזעצן די מלחמה. אַנשטאָט אָפּהיטן די דעמאָקראַטישע רעכט פונם פאָלק האָט זי גענומען דורכפירן אַ פּאָליטיק פון ליקװידירן די דאָזיקע רעכט און צערעכענען זיך מיט די אַרבעטער און סאָלדאַטן מיט דער קראַפט פון געװער.

דאָס, װאָס עס האָבן זיך ניט אַנטשלאָסן צו טאָן די פאָרשטײער פון דער בורזשואַזיע — גוטשקאָװ און מיליוקאָװ, דאָס האָבן זיך אַנטשלאָסן צו טאָן די „סאָציאַליסטן" — קערענסקי און צערעטעלי, טשערנאָװ און סקאָבעליעװ.

עס האָט זיך געענדיקט די צװײמאַכט.

זי האָט זיך געענדיקט צום גונסטן פון דער בורזשואַזיע, װײַל די גאַנצע מאַכט איז אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער צײַטװײַליקער רעגירונג, און

די סאָוועטן מיט זייער עסעריש-מענשעוויסטישער אָנפירונג זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א צוגאָב צו דער צײַטווײַליקער רעגירונג.

עס האָט זיך געענדיקט דער פרידלאכער פעריאָד פון דער רעוואָליוציע, ווײַל אויפן טאָג-סדר איז געשטעלט געוואָרן דער באַגנעט.

מחמת דער געענדערטער סיטואַציע האָט די באָלשעוויסטישע פאַרטיי באַשלאָסן צו ענדערן איר טאַקטיק. זי איז אריבער אין אונטערערד, האָט אויסבאַהאַלטן איר פירער לענין אין טיפער אונטערערד און גענומען גרייטן זיך צו אַן אויפשטאַנד, כדי אראָפּצוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע מיט דער קראַפט פון געווער און אײַנשטעלן די סאָוועטן-מאַכט.

## 4. דער קורס פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי אויף דער צוגרייטונג פון א באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דער זעקסטער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

אין אומשטענדן פון אַן אומגעהויערער העצע מצד דער בורזשואַזער און קלייןבירגערלאַכער פרעסע איז זיך צונויפגעקומען אין פעטראָגראַד דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי באָלשעוויקעס. ער איז זיך צונויפגעקומען אין צען יאָר ארום נאָכן פינפטן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר און אין פינף יאָר ארום נאָך דער פראַגער קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס. דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט פונם 26-טן יולי ביזן 3-טן אויגוסט 1917-טן יאָר און איז דורכגעגאַנגען אומלעגאַל. אין דער פרעסע איז נאָר געמאָלדן געוואָרן וועגן דעם צונויפרוף פונם צוזאַמענפאָר, דאָס אָרט פונם צוזאַמענפאָר איז ניט אָנגעוויזן געוואָרן. די ערשטע זיצונגען זײַנען פאָרגעקומען אויף דער ווײַבאָרגסקאַיא סטאָראָנא. די לעצטע זיצונגען זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אין א שול-געבײַדע בײַ נאַרוועסקיע וואָראָטא, וואו עס איז איצט אויסגעבויט א קולטור-הויז. די בורזשואַזע פרעסע האָט געפאָדערט ארעסטירן די אָנטיילנעמער פונם צוזאַמענפאָר. די שפּיקעס האָבן זיך ארויסגעשלאָגן פון די כחות צו געפינען דאָס אָרט, וואו עס זײַנען פאָרגעקומען די זיצונגען פונם צוזאַמענפאָר, נאָר זיי האָבן עס ניט געפונען.

אזוי זײַנען עס די באָלשעוויקעס, אין פינף חדשים ארום נאָכן אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, געווען געצוואונגען צונויפזאַמלען זיך געהיים, און דער פירער פון דער פראָלעטאַרישער פאַרטיי, לענין, איז געווען געצוואונגען אין דער דאָזיקער צײַט אויסצובאַהאַלטן זיך אין א בײַדל לעבן דער סטאַנציע ראַזליוו.

פאַרפאָלגט דורך די שפּיר-הינט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, האָט לענין ניט געקאָנט זײַן אויפן צוזאַמענפאָר; ער האָט אָבער אָנגעפירט מיט

אים פון אונטערערד דורך זיינע מיטקעמפער און שילער אין פעטראָגראַד: סטאַלין, סווערדלאָוו, מאָלאָטאָוו, אָרדזשאָניקידזע.

אויפן צוזאמענפאָר זיינען ביינעווען 157 דעלעגאטן מיט באשטימונגס-רעכט און 128 מיט בעראטונגס-רעכט. די פארטיי האָט צו יענער צייט געציילט ביי 240 טויזנט מאן. צום 3-טן יולי, דאָס הייסט, ביז דער צעשמעטערונג פון דער ארבעטער-דעמאָנסטראציע, ווען די באָלשעוויקעס האָבן נאָך געארבעט לעגאל, האָט די פארטיי פארמאָגט 41 פרעסע-אָרגאנען, פון זיי 29 אויף דער רוסישער שפראך און 12 אויף אנדערע שפראכן.

די רדיפות אויף די באָלשעוויקעס, אויפן ארבעטער-קלאס אין די יולי-טעג האָבן ניט בלויז ניט פארקלענערט דעם איינפלוס פון אונזער פארטיי, נאָר, פארקערט — זיי האָבן אים נאָך מער פארגרעסערט. די דעלעגאטן פון די ערטער האָבן געבראכט א מאסע פאקטן וועגן דעם, אז די ארבעטער און סאָלדאטן האָבן גענומען מאסנוויז פארלאָזן די מענשעוויקעס און עסערן, אָנרופנדיק זיי מיט פאראכטונג „סאָציאל-טורעמשטשיקעס“. די ארבעטער און סאָלדאטן, מיטגלידער פון די פארטייען פון די מענשעוויקעס און עסערן, האָבן געריסן זייערע מיטגליד-בילעטן און זיינען מיט א קללה אוועקגעגאנגען פון זייערע פארטייען, בעטנדיק די באָלשעוויקעס אויפצונעמען זיי אין זייער פארטיי.

די גרונט-פראגן פונם צוזאמענפאָר זיינען געווען דער פאָליטישער באריכט פונם צענטראל-קאָמיטעט און די פראגע וועגן דער פאָליטישער לאגע. אין די פאָרטראָגן איבער די דאָזיקע פראגן האָט חבר סטאלין מיט דער גאנצער בולט'קייט באוויזן, אז ניט געקוקט אויף אלע אָנשטרענגונגען פון דער בורזשואזיע צו דערשטיקן די רעוואָליוציע, וואקסט די רעוואָליוציע און אנטוויקלט זיך. ער האָט באוויזן, אז די רעוואָליוציע שטעלט די פראגע וועגן פארווירקלאכן דעם ארבעטער-קאָנטראָל איבער דער פראָדוקציע און איבער דער פארטיילונג פון די פראָדוקטן, וועגן איבערגעבן די ערד צו די פויערים, וועגן איבערגעבן די מאכט פון די הענט פון דער בורזשואזיע אין די הענט פונם ארבעטער-קלאס און פויערשער אָרעמשאפט. ער האָט געזאָגט, אז די רעוואָליוציע ווערט לויט איר כאראקטער — א סאָציאליסטישע.

די פאָליטישע לאגע אין לאנד האָט זיך נאָך די יולי-טעג שארף געענדערט. ס'איז געוואָרן אוים צווייִמאכט. די סאָוועטן מיט זייער עסעריש-מענשעוויסטישער אָנפירונג האָבן ניט געוואָלט נעמען די גאנצע מאכט. דעריבער זיינען די סאָוועטן געוואָרן מאכטלאָזע. די מאכט האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער בורזשואזער צייטווייליקער רעגירונג, און די לעצטע האָט פאָרגעזעצט צו אנטוואָפענען די רעוואָליוציע, צו ברעכן אירע אָרגאניזאציעס, צו צעשמעטערן די פארטיי באָלשעוויקעס. די מעגלאכקייטן פון א פרידלאכער אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע זיינען פארשוואונדן. עס בלייבט איבער, האָט געזאָגט חבר סטאלין, איינס — נעמען די מאכט מיט געוואלט,

האָבנדיק אראָפּגעוואָרפן די צאַטוואָליקע רעגירונג. נעמען אָבער די מאכט מיט געוואלט קאָן בלויז דער פּראָלעטאריאט אין בונד מיט דער דאָרפישער אָרעמשאַפט.

די סאָוועטן, וואָס מיט זיי פירן נאָך אלץ אָן די מענשעוויקעס און עסערן, האָבן זיך אראָפּגעקײַקלט אין לאַגער פון דער בורזשואזיע און קאָנען בײַ דער געגעבענער לאגע ארויסטרעטן בלויז אין דער ראָלע פון מיטהעלפער פון דער צאַטוואָליקער רעגירונג. דער לאָזונג „די גאנצע מאכט די סאָוועטן", האָט געזאָגט חבר סטאלין, דארף נאָך די יולי-טעג אראָפּגענומען ווערן. דאָס צאַטוואָליקע אראָפּנעמען דעם דאָזיקן לאָזונג באַטײַט אָבער כלל ניט קיין אָפּזאָגן זיך פון קאמף פאר דער מאכט פון די סאָוועטן. עס האנדלט זיך ניט וועגן די סאָוועטן בכלל, ווי וועגן אָרגאנען פון רעוואָלוציאָנערן קאמף, נאָר בלויז וועגן די געגעבענע סאָוועטן, וואָס ווערן אָנגעפירט פון די מענשעוויקעס און עסערן.

„דער פרידלאכער פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט, — האָט געזאָגט חבר סטאלין, — ס'איז אָנגעקומען א פּעריאָד א ניט-פרידלאכער, א פּעריאָד פון געראנגלען און אויפרײַסן..." (פּראָטאָקאָלן פונם זעקסטן צוזאמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ.(ב.), ז. 111, רוסיש).

די פּארטיי איז געגאנגען צו א באוואָפנטן אויפשטאנד.

אויפן צוזאמענפאָר האָבן זיך געפונען מענשן, וואָס, אָפּשפּיגלענדיק דעם בורזשואזן אײַנפלוס, זײַנען זיי ארויסגעטראָטן קעגן דעם קורס אויף א סאָציאליסטישער רעוואָלוציע.

דער טראָצקיסט פּרעאָבראזשענסקי האָט פאָרגעלייגט אין דער רעזאָלוציע וועגן דער דעראָבערונג פון דער מאכט אָנצואווײַזן, אז נאָר ווען עס וועט זײַן א פּראָלעטארישע רעוואָלוציע אין מערב, וועט מען קאָנען ריכטן דאָס לאנד אויפן סאָציאליסטישן וועג.

קעגן דעם דאָזיקן טראָצקיסטישן פאָרשלאָג איז ארויסגעטראָטן חבר סטאלין.

„ס'איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלאכקײַט, — האָט געזאָגט חבר סטאלין, — אז גראָד רוסלאנד וועט זײַן דאָס לאנד, וואָס לייגט דורך דעם וועג צום סאָציאליזם... מע דארף אָפּוואַרפן די אָפּגעלעבטע פאָרשטעלונג וועגן דעם, אז בלויז אייראָפּע קאָן אונז אָנווײַזן דעם וועג. עס עקזיסטירט א דאָגמאטישער און א מארקסיזם א שעפערישער. איך שטיי אויף דעם באָדן פונם לעצטן" (דאָרטן, ז. 233—234).

בוכארין, געפינענדיק זיך אויף טראָצקיסטישע פּאָזיציעס, האָט באהויפּטעט, אז די פּויערים זײַנען געשטימט באשיצלעריש, אז זיי געפינען זיך אין א בלאָק מיט דער בורזשואזיע און וועלן ניט גיין נאָכן ארבעטער-קלאס.

דערווידערנדיק בוכארינען, האָט חבר סטאַלין אויפגעוויזן, אַז פּויערים זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע: עס זײַנען פאַראַן פאָרמעגלאַכע פּויערים, וואָס שטיצן די אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע, און עס איז פאַראַן אַ פּויערשע אָרעמשאַפט, וואָס זוכט אַ בונד מיטן אַרבעטער־קלאַס און וועט אים שטיצן אין קאַמף פאַרן זיג פון דער רעוואָליוציע.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָפּגעוואָרפן פּרעאָבראַזשענסקיס און בוכארינס אויסבעסערונגען און האָט באַשטעטיקט חבר סטאַלינס פּראָיעקט פון דער רעזאָליוציע.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַהאַנדלט די עקאָנאָמישע פּלאַטפאָרם פון די באָלשעוויקעס און האָט זי באַשטעטיקט. אירע גרונט־פּונקטן זײַנען: קאָנפיסקירונג פון דער פּריוואַטער ערד און נאַציאָנאַליזירונג פון דער גאַנצער ערד אינעם לאַנד, נאַציאָנאַליזירונג פון די בענק, נאַציאָנאַליזירונג פון דער גרויס־אינדוסטריע, אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און איבער דער פאַרטיילונג.

דער צוזאַמענפאָר האָט אונטערגעשטראָכן די באַדײַטונג פונם קאַמף פאַר דעם אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע בײַם אַריבערגיין צו נאַציאָנאַליזירן די גרויס־אינדוסטריע.

דער זעקסטער צוזאַמענפאָר האָט אין אַלע זײַנע באַשלוסן מיט אַ באַזונדערער קראַפט אונטערגעשטראָכן די לעניניסטישע הנחה וועגן בונד פונם פּראָלעטאַריאַט מיטן אָרעמסטן פּויערטום, ווי אַ תנאי פון זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

דער צוזאַמענפאָר האָט פאַראורטיילט די מענשעוויסטישע טעאָריע פון נייטראַלקײַט פון די פּראָפאַראיינען. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעוויזן, אַז די ערנסטע אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַרן אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד, קאָנען אויסגעפילט ווערן בלויז אין דעם פאַל, ווען די פּראָפאַראיינען וועלן פאַרבלײַבן קלאַסאָווע קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס אָנערקענען די פּאָליטישע אָנפירונג פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ רעזאָליוציע „וועגן די יוגנט־פאַרבאַנדן“, וואָס האָבן אין יענער צײַט ניט זעלטן געגומען סטיכיש אַנטשטיין. אין רעזולטאַט פון דער ווײַטערדיקער אַרבעט האָט זיך דער פּאַרטיי אײַנגעגעבן צו פאַרפעסטיקן פאַר דער פּאַרטיי אָט די יונגע אָרגאַניזאַציעס, ווי אַ פּאַרטיי־רעזערוו.

אויפן צוזאַמענפאָר איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן לענינס מעלדן זיך צום געריכט. קאַמעניעוו, ריקאָוו, טראָצקי און אַנדערע האָבן נאָך ביזן צוזאַמענפאָר געהאַלטן, אַז לענין דאַרף זיך מעלדן צום געריכט פון די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן. חבר סטאַלין האָט זיך אַנטשיידן אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז לענין זאָל זיך מעלדן צום געריכט. דער זעקסטער צוזאַמענפאָר האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַז לענין זאָל זיך מעלדן צום געריכט,

האלטנדיק, אז דאָס וועט זײַן ניט קיין געריכט, נאָר אַן אָפּרעכעניש. דער צוזאמענפאָר האָט ניט געצווייפלט דערין, אז די בורזשואזיע וויל זיך דערשלאָגן בלויז איינס — פיזיש אָפּרעכענען זיך מיט לענינען, ווי מיט איר געפערלאכסטן שונא. דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעדריקט א פּראָטעסט קעגן דער בורזשואז-פּאָליצייאישער העצע, וואָס איז געווענדט קעגן די פירער פונם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט, און האָט געשיקט א באגריסונג לענינען.

דער זעקסטער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען א נײַעם סטאטוט פון דער פּארטיי. אינם פּארטיי-סטאטוט איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז אלע אָרגאניזאציעס פון דער פּארטיי דארפן געבויט ווערן אויף די יסודות פון ד ע מ אָ ק ר א ט י ש ן צ ע נ ט ר א ל י ז ם.

דאָס האָט באטײַט:

1) די געוויילטקײַט פון אלע אָנפירנדיקע פּארטיי-אָרגאנען פון אויבן ביז אראָפּ;

2) די פּעריאָדישע באריכט-אָפּגעבונג פון די פּארטיי-אָרגאנען פאר זייערע פּארטיי-אָרגאניזאציעס;

3) שטרענגע פּארטיי-דיסציפּלין און דאָס אונטערווארפן זיך מצד דער מינדערהײַט דער מערהײַט;

4) אומבאדינגטע אָבליגאטאָרישקײַט פון די באשלוסן פון די העכערע אָרגאנען פאר די נידעריקערע און פאר אלע פּארטיי-מיטגלידער.

אינם פּארטיי-סטאטוט איז געזאָגט געוואָרן, אז אין דער פּארטיי ווערן מענשן אָנגענומען דורך די אָרטיקע אָרגאניזאציעס לויט א רעקאָמענדאציע פון צוויי פּארטיי-מיטגלידער און נאָך דער באשטעטיקונג פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון די מיטגלידער פון דער פּארטיי-אָרגאניזאציע.

דער זעקסטער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען אין דער פּארטיי די „מעזשראיאָנצעס" צוזאמען מיט זייער לידער טראָצקי. דאָס איז געווען א קליינע גרופּע, וואָס האָט עקזיסטירט אין פּעטראָגראד פונם 1913-טן יאָר אָן און איז באשטאנען פון טראָצקיסטן—מענשעוויקעס און א טייל געוועזענע באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער פּארטיי. די „מעזשראיאָנצעס" זײַנען בעת דער מלחמה געווען א צענטריסטישע אָרגאניזאציע. זיי האָבן געקעמפט קעגן די באָלשעוויקעס, נאָר אין פיל הינזיכטן זײַנען זיי ניט געווען מסכים אויך מיט די מענשעוויקעס, פארנעמענדיק, אזוי-ארום, א צווישנדיקע, צענטריסטישע, א וואקלדיקע לאגע. בעת'ן זעקסטן פּארטיי-צוזאמענפאָר האָבן די „מעזשראיאָנצעס" דערקלערט, אז זיי זײַנען אין אלץ מסכים מיט די באָלשעוויקעס און בעטן אָנגעמען זיי אין דער פּארטיי. דער צוזאמענפאָר האָט באפרידיקט זייער בקשה, אויסרעכענענדיק דערויף, אז זיי קאָנען מיט דער צײַט ווערן עכטע באָלשעוויקעס. אייניקע פון די „מעזשראיאָנצעס", צום בײַשפּיל, וואָלאָדארסקי, אוריצקי און אנדערע זײַנען נאָכדעם* ווירקלאך געוואָרן באָלשעוויקעס. וואָס איז שייך טראָצקין און אייניקע נאָענטע פרײַנט זײַנע, זיי-

נען זיי, ווי עס האָט זיך נאָכדעם ארויסגעוויזן, אריין אין דער פּארטיי ניט כדי צו ארבעטן לטובת דער פּארטיי, נאָר כדי צו צעטרייסלען און אויפרײַסן זי פון אינעווייניק.

אלע באשלוסן פונם זעקסטן צוזאמענפאָר זײַנען געווען געווענדט אויף צוגרייטן דעם פּראָלעטאריאט און דאָס אָרעמסטע פּויערטום צו א באוואָפנטן אויפשטאנד. דער זעקסטער צוזאמענפאָר האָט אָנגעצילט די פּארטיי אויף א באוואָפנטן אויפשטאנד, אויף א סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.

דער מאניפעסט פון דער פּארטיי, וואָס דער צוזאמענפאָר האָט ארויסגעלאָזט, האָט גערופן די ארבעטער, סאָלדאטן, פּויערים גרייטן די קרעפטן צו די אנטשיידענע געראנגלען מיט דער בורזשואזיע. ער האָט זיך געענדיקט מיט אזוינע ווערטער:

„איז גרייט זיך צו נײַע שלאכטן, קאמפּס=חברים אונזערע! פעסט, מוטיק און רואיק, ניט לאָזנדיק זיך פּארפירן פון פּראָוואָקאציע, זאמלט כחות, שטעלט זיך אויס אין שלאכט=קאָלאָנעס! אונטער דער פאָן פון דער פּארטיי, פּראָלעטאריער און סאָלדאטן! אונטער אונזער פאָן, אונטערדריקטע פונם דאָרף!“.

## 5. די פארשווערונג פונם גענעראל קאָרנילאָוו קעגן דער רעוואָליוציע. די צעשמעטערונג פון דער פארשווערונג. דער אריבערגאנג פון די סאָוועטן אין פּעטראָגראד און מאָסקווע אויף דער זײַט פון די באָלשעוויקעס.

פארכאפּט די גאנצע מאכט, האָט די בורזשואזיע זיך גענומען גרייטן צו צעשמעטערן די אָנמעכטיק געוואָרענע סאָוועטן און צו שאפן אן אָפענע קאָנטר=רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור. דער מיליאָנער ריאבושינסקי האָט פרעך דערקלערט, אז אן אויסוועג פון דער לאגע זעט ער דערין, וואָס „די ביינערדיקע האנט פונם הונגער, דער פאָלקס=דלות וועט א נעם טאָן פארן גאָרגל די פסעוודאָ=פרײַנט פון פאָלק—די דעמאָקראטישע סאָוועטן און קאָמיטעטן“. אויפן פראָנט האָבן געווילדעוועט פעלד=געריכטן און טויט=שטראָף פאר די סאָלדאטן. דעם 3=טן אויגוסט 1917=טן יאָר האָט דער הויפּט=קאָמאנדיר גענעראל קאָרנילאָוו ארויסגעשטעלט א פאָדערונג אײַנצופירן טויט=שטראָף אויך אינם הינטערלאנד.

דעם 12=טן אויגוסט האָט זיך אין מאָסקווע אינם גרויסן טעאטער געעפנט די מלוכה=בעראטונג, וואָס די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט צונויפגערופן, כדי צו מאָביליזירן די כחות פון דער בורזשואזיע און פּריצים. אויף דער בעראטונג זײַנען בײַגעווען דער עיקר פארשטייער פון די פּריצים, פון דער בורזשואזיע, פונם גענעראליטעט, פונם אָפיצירנטום, פונם קאזאקנטום. די סאָ-

וועט זײַנען געווען פֿאַרגעשטעלט אויף דער בעראַטונג דורך די מענשעווי־קעס און עסערן.

אינם טאָג פֿון דער עפֿענונג פֿון דער מלוכה־בעראַטונג האָבן די באָלשע־וויקעס אָרגאַניזירט אין מאָסקווע אַלס פּראָטעסט אַן אַלגעמיינעם שטרײַק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די מערהײַט אַרבעטער. גלײַכצײַטיק זײַנען פֿאָרגע־קומען שטרײַקס אויך אין אַ רײ אַנדערע שטעט.

דער עס־ער קערענסקי האָט אין בארימערישער היץ געדראָט אין זײַן רעדע אויף דער בעראַטונג צו דערשטיקן מיט „אײַזן און בלוט“ יעטווידע פּרוּוון פֿון רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, דערונטער די פּרוּוון פֿון די פּויערים אײגנווילִיק צו פאַרכאַפּן פּריצ'ישע ערד.

דער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער גענעראַל קאָרנילאָוו האָט אָפֿן געפֿאָדערט „אָפּצושאַפֿן די קאָמיטעטן און די סאָוועטן“.

אין סטאַווקע, ווי עס האָט זיך דעמאָלט גערופֿן דער שטאַב פֿונם הויפּט־קאָמאַנדיר, — צום גענעראַל קאָרנילאָוו האָבן זיך אַ לאָז געטאָן באַנקירן, סוחרים, פֿאַבריקאַנטן, צוזאַמענגדיק געלט און שטיצע.

צום גענעראַל קאָרנילאָוו האָבן זיך אויך געמאָלדן די פֿאָרשטייער פֿון די „פֿאַרבינדעטע“, דאָס הייסט, פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך, פֿאָדערנדיק ניט צו זאַמען מיט דער אַרויסטרעטונג קעגן דער רעוואָליוציע.

עס איז געגאַנגען צו אַ פֿאַרשווערונג פֿונם גענעראַל קאָרנילאָוו קעגן דער רעוואָליוציע.

קאָרנילאָווס פֿאַרשווערונג איז געגרייט געוואָרן אָפֿן. כּדי אָפּצואַווענדן פֿון איר די אויפֿמערקזאַמקײַט, האָבן די פֿאַרשווערער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די באָלשעוויקעס אין פּעטראָגראַד גרייטן אַן אויפֿשטאַנד צום טאָג פֿונם האַלביאָריקן יוביליי פֿון דער רעוואָליוציע — צום 27־טן אויגוסט. די צײַט־ווײַליקע רעגירונג בראש מיט קערענסקין האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די באָלשעוויקעס, פֿאַרשטאַרקט דעם טעראָר קעגן דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי. צוזאַמען דערמיט האָט גענעראַל קאָרנילאָוו געזאַמלט מיליטער, כּדי אַ רוק טאָן עס אויף פּעטראָגראַד, ליקווידירן די סאָוועטן און שאַפֿן אַ רעגירונג פֿון מיליטערישער דיקטאַטור.

וועגן זײַן קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער אַרויסטרעטונג האָט זיך קאָרנילאָוו פֿאַרלויפֿיק געהאַט צונויפֿגערעדט מיט קערענסקין. נאָר אין סאַמע מאָמענט פֿון קאָרנילאָווס אַרויסטרעטונג האָט קערענסקי שאַרף געענדערט דעם פֿראָנט, האָט זיך אָפּגעגרענעצט פֿון זײַן פֿאַרבינדעטן. קערענסקי האָט מורא געהאַט, אַז די פֿאָלקס־מאַסן, אויפֿהויבנדיק זיך קעגן דער קאָרנילאָווטשינע און צע־שמעטערנדיק זי, וועלן פֿאַראײנם שוין אויך אָפּראַמען קערענסקיס בורזשואַזע רעגירונג, אויב זי וועט זיך טאַקע באַלד ניט אָפּגרענעצן פֿון דער קאָרנילאָוו־שטשינע.

דעם 25־טן אויגוסט האָט קאָרנילאָוו אַ רוק געטאָן אויף פּעטראָגראַד דעם

3-טן רײַטער-קאָרפּוס אונטער דער קאָמאַנדע פונם גענעראַל קרימאָוו, דערקלערנדיק, אַז ער האָט בדעה „ראַטעווען דאָס היימלאַנד". אַלס ענטפער אויפן קאָרנילאָוו-אויפשטאַנד האָט דער צ.ק. פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי גערופן די אַרבעטער און סאָלדאַטן צו אַן אַקטיוון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דער קאָנטר-רעוואָליוציע. די אַרבעטער האָבן זיך גיך אָנגעהויבן באַוואָפענען און גרייטן זיך צום ווידערשטאַנד. די רויטגוואַרדייאישע אָטריאַדן זײַנען אין די דאָזיקע טעג אויסגעוואַקסן אין עטלאַכע מאָל. די פּראָפּפאַראיינען האָבן מאָביליזירט זייערע מיטגלידער. די רעוואָליוציאָנערע מיליטער-טיילן פון פּעטראָגראַד זײַנען אויך געבראַכט געוואָרן אין שלאַכט-גרייטקײַט. אַרום פּעטראָגראַד האָט מען געגראָבן שוצגראָבנס, געשטעלט דראָט-פּאַרצאַמונגען, צענומען די צופאָר-וועגן. עטלאַכע טויזנט באַוואָפנטע קראָנשטאַדטער מאַטראָסן זײַנען אָנגעקומען צו באַשיצן פּעטראָגראַד. צו דער „ווילדער דיוויזיע", וואָס האָט אָנגעגריפן אויף פּעטראָגראַד, זײַנען געשיקט געוואָרן דעלעגאַטן, וואָס האָבן אויפגעקלערט די סאָלדאַטן—באַרג-לײַט דעם זין פון דער קאָרנילאָווישער אַרויסטרעטונג, און די „ווילדע דיוויזיע" האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוגרײַפן אויף פּעטראָגראַד. אַגיטאַטאָרן זײַנען אויך געשיקט געוואָרן אין אַנדערע קאָרנילאָווישע מיליטער-טיילן. אומעטום, וואו ס'איז געווען אַ געפאַר, זײַנען געשאַפן געוואָרן רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטן און שטאַבן צו קעמפן קעגן דער קאָרנילאָווטשינע.

די אויף טויט איבערגעשראָקענע עסעריש-מענשעוויסטישע לידערס, דערונטער קערענסקי, האָבן אין די דאָזיקע טעג געזוכט שוץ בײַ די באָלשעוויקעס, ווײַל זיי האָבן זיך איבערצײַגט, אַז די איינציקע רעאַלע קראַפט אין דער הויפּטשטאָט, וואָס איז פייאיק צו צעקלאַפּן קאָרנילאָוון, — דאָס זײַנען די באָלשעוויקעס.

מאָביליזירנדיק די מאַסן אויף צעשמעטערן די קאָרנילאָווטשינע, האָבן אָבער די באָלשעוויקעס ניט אויפגעהערט דעם קאַמף אויך קעגן קערענסקיס רעגירונג. די באָלשעוויקעס האָבן דעמאַסקירט פאַר די מאַסן קערענסקיס רעגירונג, די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס האָבן מיט דער גאַנצער פּאָליטיק זייערער אָביעקטיוו געהאָלפן קאָרנילאָווס קאָנטר-רעוואָליוציאָנערער פאַרשווערונג.

אין רעזולטאַט פון די אַלע מאָס-מיטלען איז די קאָרנילאָווטשינע צעשמעטערט געוואָרן. דער גענעראַל קרימאָוו האָט זיך דערשאָסן. קאָרנילאָוו און זײַנע מיטהעלפער — דעניקין און לוקאָמסקי זײַנען אַרעסטירט געוואָרן (אָגב, קערענסקי האָט זיי אינגיכן באַפרײַט).

די צעשמעטערונג פון דער קאָרנילאָווטשינע האָט מיט איין קלאַפּ אויפגעדעקט און באַלויכטן די כחות-פאַרהעלטעניש צווישן דער רעוואָליוציע און דער קאָנטר-רעוואָליוציע. זי האָט באַוויזן די פאַראורטיילטקײַט פונם גאַנצן קאָנטר-רעוואָליוציאָנערן לאַגער, אָנגעהויבן פון די גענעראַלן און דער קאַדעטי-

שער פּאַרטיי ביז די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין געפאַנגענשאַפט ביי דער בורזשואזיע. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די פּאָליטיק פון פאַרציִען די אומדערטרעגלאַכע מלחמה און דער ווירטשאַפטלאַכער חורבן, וואָס איז אַרויסגערופן דורך דער פאַרצויגענער מלחמה, האָבן ענדגילטיק אונטערגעריסן זייער אײַנפלוס צווישן די פאָלקס־מאַסן.

די צעשמעטערונג פון דער קאָרנילאָווטשינע האָט, ווײַטער, באַוויזן, אַז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסן אין אַן אַנטשיידנדיקער קראַפט פון דער רעוואָליוציע, וואָס איז פייאיק צו צעקלאַפּן יעטווידע אינטריגעס פון דער קאָנטר־רעוואָליוציע. אונזער פּאַרטיי איז נאָך ניט געווען קיין רעגירנדיקע פּאַרטיי; זי האָט אָבער געהאַנדלט אין די טעג פון דער קאָרנילאָווטשינע ווי אַן עכטע רעגירנדיקע קראַפט, ווײַל אירע אָנווײַזונגען האָבן די אַרבעטער און סאָלדאַטן אויסגעפילט אָן וואַקלונגען.

ענדלאַך, האָט די צעשמעטערונג פון דער קאָרנילאָווטשינע באַוויזן, אַז די סאָוועטן, וואָס האָבן אויסגעדאַכט צו זײַן געשטאָרבן, אַנטהאַלטן אינדער'אמת'ן אין זיך די גרעסטע קראַפט פון רעוואָליוציאָנערן ווידערשטאַנד. ס'האָט קיין צווייפל ניט געקאָנט זײַן, אַז גראָד די סאָוועטן און זייערע רעווקאָמען האָבן פאַרצאַמט דעם וועג דעם קאָרנילאָווישן מיליטער און איינגעבראָכן זײַנע כחות.

דער קאַמף קעגן דער קאָרנילאָווטשינע האָט אויפגעלעבט די אויסגעצערטע סאָוועטן פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, האָט זיי באַפרײַט פון דער געפאַנגענשאַפט פון דער פּשרה־מאַכערישער פּאָליטיק, האָט זיי אַרויסגעפירט אויפן ברייטן וועג פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף און אַ קער געטאָן זיי אין דער זײַט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

דער אײַנפלוס פון די באָלשעוויקעס אין די סאָוועטן איז אויסגעוואַקסן, ווי קיינמאָל.

דער אײַנפלוס פון די באָלשעוויקעס האָט גענומען גיך וואַקסן אויך אין דאָרף.

דער קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד האָט באַוויזן די ברייטע מאַסן פּויערטום, אַז די פּריצים און גענעראַלן, האָבנדיק צעשמעטערט די באָלשעוויקעס און די סאָוועטן, וועלן זיך דערנאָך אָנזעצן אויפן פּויערטום. דעריבער האָבן זיך די ברייטע מאַסן פּויערשע אָרעמשאַפט אַלץ ענגער גענומען באַהעפטן אַרום די באָלשעוויקעס. וואָס איז שייך די מיטל־פּויערים, וואָס זייערע וואַקלונגען האָבן טאָרמאָזירט די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע אינם פּעריאָד פון אַפּריל ביז אויגוסט 1917־טן יאָר, איז נאָכן צעשמעטערן קאָרנילאָוון האָבן זיי בפירוש גענומען אויסקערעווען זיך אין דער זײַט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, פאַראייניקנדיק זיך צו דער אָרעמפּויערישער מאַסע. די ברייטע מאַסן פּויערטום האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז בלויז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס קאָן זיי אויסלייזן פון דער מלחמה, איז פייאיק צעשמעטערן די פּריצים און איז גרייט

אָפּצוגעבן די ערד די פּויערים. סעפּטעמבער און אָקטאָבער פון 1917־טן יאָר גיבן א קאָלאָסאַלע העכערונג פון דער צאָל פּאַרכאַפּונגען פון דער פּריץ'ישער ערד מצד די פּויערים. דאָס אייגנווילּיקע פּאַראַקערן די פּריץ'ישע ערד קומט פּאָר אומעטום. קיין שום איינרעדענישן, קיין שום שטראָף־עקספּעדיציעס קאָנען שוין ניט אָפּשטעלן די פּויערים, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן צו א רעוואָליוציע.

דער אויפשטייג פון דער רעוואָליוציע איז אָנגעוואַקסן.

עס האָט זיך פּאַנאַנדערגעוויקלט א פּעריאָד פון אויפלעבונג און באַנייאונג פון די סאָוועטן, א פּעריאָד פון ב אָ ל ש ע וו י ז י ר ו נ ג פון די סאָוועטן. איבערוויילנדיק זייערע דעפּוטאַטן, שיקן די פאַבריקן, די זאַוואָדן, די מיליטערטיילן אין די סאָוועטן, אַנשטאָט מענשעוויקעס און עסערן, פאָרשטייער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אויף מאָרגן נאָכן זיג איבער דער קאָרנילאָווּשטשינע, דעם 31־טן אויגוסט, זאָגט זיך דער פּעטראָגראַדער סאָוועט ארויס פאַר דער פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס. דער אַלטער מענשעוויסטיש־עסערישער פּרעזידיאום פונם פּעטראָגראַדער סאָוועט בראש מיט טשכעאידזען גייט אוועק אין דעמיסיע, אָפּרייניקנדיק דאָס אָרט פאַר די באָלשעוויקעס. דעם 5־טן סעפּטעמבער גייט אריבער דער מאָסקווער סאָוועט פון די ארבעטער־דעפּוטאַטן אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס. דער עסעריש־מענשעוויסטישער פּרעזידיאום פונם מאָסקווער סאָוועט גייט אויך אוועק אין דעמיסיע, אָפּרייניקנדיק דעם וועג פאַר די באָלשעוויקעס.

דאָס האָט באַטייט, אז די גרונט־פאָר'הנחות, וואָס זיינען נויטיק פאַר א דערפאָלגרייכן אויפשטאַנד, זיינען שוין רייף געוואָרן.

עס האָט זיך פונדאַסניי געשטעלט אין טאָג־סדר דער לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן!“.

דאָס איז שוין אָבער ניט געווען דער אַלטער לאָזונג, אז די מאַכט זאָל אריבערגיין אין די הענט פון די מענשעוויסטיש־עסערישע סאָוועטן. ניין, — דאָס איז געווען א לאָזונג פון אויפשטאַנד פון די סאָוועטן קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג מיטן ציל איבערצוגעבן די גאַנצע מאַכט אין לאַנד די סאָוועטן, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון די באָלשעוויקעס.

צווישן די פּשרה־מאַכערישע פּאַרטייען האָט זיך אָנגעהויבן א צעשפּליטערטקייט.

ביי די עסערן האָט זיך אונטערן דרוק פון די רעוואָליוציאָנער־געשטימטע פּויערים אויסגעטיילט א לינקער פליגל — די „לינקע“ עסערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אויסדריקן אומצופרידנקייט מיט דער פּאָליטיק פון פּשרה־מאַכעריי מיט דער בורזשואַזיע.

ביי די מענשעוויקעס, ווידער, האָט זיך אויך באַוויזן א גרופּע „לינקע“, די אַזוי גערופענע „אינטערנאַציאָנאַליסטן“, וועלכע עס האָט געצויגן צו די באָלשעוויקעס.

וואָס איז שייך די אנארכיסטן, זײַנען זיי איצט, זײַענדיק לויט זייער אײַנפלוס אזוי אויך א נישטיקע גרופּע, ענדגילטיק זיך צעפאלן אויף קליינע גרופּקעלאך, וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קרימינעל=גנבֿ'ישע און פּראָוואָקאטאָרישע עלעמענטן פון דער אונטערוועלט; אנדערע זײַנען אוועק אין „אידייאישע" עקספּראָפּריאטאָרן, וואָס האָבן גערויבט די פּויערים און דעם ניט פארמעגלאכן שטאָטישן עולם און אָפּגענומען בײַ די ארבעטערקלובן זייערע לאָקאלן, זייערע אָפּשפּאָרונגען; און די דריטע האָבן אָפן אריבערגעוואנדערט אין לאגער פון די קאָנטער=רעוואָליוציאָנערן, אײַנאָרדענענדיק זייער פּערזענלאך לעבן אויף די הינטערהויפן בײַ דער בורזשואזיע. אלע זײַנען זיי געווען קעגן יעטווידער מאכט, דערונטער און באזונדערס — קעגן דער רעוואָליוציאָנערער מאכט פון די ארבעטער און פּויערים, ווײַל זיי זײַנען געווען זיכער, אז די רעוואָליוציאָנערע מאכט וועט זיי ניט לאָזן רויבן דאָס פאָלק און צעשלעפּן דאָס פאָלקס=פּארמעגן.

נאָך דער צעשמעטערונג פון דער קאָרנילאָווטשינע האָבן די מענשעוויקעס און עסערן געמאכט נאָך איין פּרואוו אָפּצושוואכן דעם אָנוואקסנדיקן רעוואָליוציאָנערן אויפשטײַג. מיט דעם דאָזיקן צוועק האָבן זיי דעם 12=טן סעפּטעמבער 1917=טן יאָר צונויפגערופן אן אלרוסלענדישע דעמאָקראטישע בארטונג פון פאָרשטייער פון די סאָציאליסטישע פּארטייען, פון די פּשרה=מאכערישע סאָוועטן, פון די פּראָפפאראיינען, זעמסטוועס, האנדלס=אינדוסטריעלע קרײַזן און מיליטער=טיילן. די בארטונג האָט אויסגעטיילט א פּאָרפּארלאמענט (א צײַטווײַליקן ראט פון דער רעפּובליק). די פּשרה=מאכער האָבן געמיינט מיט דער הילף פונם פּאָרפּארלאמענט אָפּצושטעלן די רעוואָליוציע און אריבערפירן דאָס לאנד פונם וועג פון א סאָוועטישער רעוואָליוציע אויפן וועג פון בורזשואז=קאָנסטיטוציאָנעלער אנטוויקלונג, אויפן וועג פון בורזשואזן פּארלאמענטאריזם. דאָס איז אָבער געווען א האָפענונגסלאָזער פּרואוו פון די באנקראָטירטע פּאָליטיקער א קער צו טאָן צוריק די ראָד פון דער רעוואָליוציע. ער האָט געמוזט לײַדן א מפּלה, און ער האָט ווירקלאך געליטן א מפּלה. די ארבעטער האָבן חוזק געמאכט איבער די פּארלאמענטישע איבונגען פון די פּשרה=מאכער. פון חוזק וועגן האָבן זיי דעם פּאָרפּארלאמענט אָנגערופן „פּאָרבאָד=שטוב".

דער צ.ק. פון דער פּארטיי באָלשעוויקעס האָט באשלאָסן צו באָיקאָטירן דעם פּאָרפּארלאמענט. אמת, די באָלשעוויסטישע פראקציע פונם פּאָרפּארלאמענט, וואו עס זײַנען געזעסן אזוינע מענשן, ווי קאמעניעוו, טעאָדאָראָוויטש, האָט ניט געוואָלט פארלאָזן די ווענט פונם פּאָרפּארלאמענט. נאָר דער צ.ק. פון דער פּארטיי האָט זיי געצוואונגען אוועקצוגיין פונם פּאָרפּארלאמענט.

אויף דער באטייליקונג אינם פּאָרפּארלאמענט זײַנען עקשנות'דיק באשטאנען קאמעניעוו און זינאָוויעוו, וועלכע האָבן געשטרעבט אָפּצוהאלטן דערמיט די פּארטיי פון צוגרייטן דעם אויפשטאנד. קעגן דעם אָנטייל אינם פּאָרפּאר=

לאמענט איז אנטשיידן ארויסגעטראָטן אויף דער באָלשעוויסטישער פּראַקטיק פון דער אַלרוסלענדישער דעמאָקראַטישער באַראַטונג חבר סטאַלין. ער האָט דעם פּאָרפּאַרלאַמענט אָנגערופן „דאָס מפּיל'ע פון דער קאָרנילאָווי־שטשינע".

לענין און סטאַלין האָבן געהאַלטן פאַר אַן ערנסטן פעלער אפילו אַ קורצ־ווײַליקע באַטייליקונג אינעם פּאָרפּאַרלאַמענט, ווײַל דאָס האָט געקאָנט זייען איליוזאָרישע האָפענונגען צווישן די מאַסן, אַז דער פּאָרפּאַרלאַמענט קאָן כלומר'שט אינדער'אמת'ן עפּעס אויפטאָן פאַר די אַרבעטנדיקע.

אין דער זעלבער צײַט האָבן די באָלשעוויקעס ענערגיש געגרייט דאָס צו־נויפרופן דעם צווייטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר, וואו זיי האָבן גערעכנט צו באַקומען די מערהײַט. ניט געקוקט אויף אַלע דריידלאַך פון די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס זײַנען געזעסן אינעם וויציק, איז אונטערן אָנדראַנג פון די באָלשעוויסטישע סאָוועטן דער צווייטער אַלרוסלענדישער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר באַשטימט געוואָרן אויף דער צווייטער העלפט אָקטאָבער 1917־טן יאָר.

## 6. דער אָקטאָבער־אויפשטאַנד אין פּעטראָגראַד און דער אַרעסט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. דער צווייטער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר און די אויסבילדונג פון דער סאָוועטן־רעגי־רונג. די דעקרעטן פונם צווייטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר וועגן שלום, וועגן ערד. דער זיג פון דער סאָציאַליסטישער רע־וואָלוציע. די סיבּות פונם זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

די באָלשעוויקעס האָבן זיך גענומען אינטענסיוו גרייטן צו דעם אויפשטאַנד. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז, האָבנדיק באַקומען די מערהײַט אין די ביידע הויפּט־שטאָטישע סאָוועטן פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן — אינעם מאָסקווער און פּעטראָגראַדער, קאָנען די באָלשעוויקעס און דאַרפן נעמען די מלוכה־מאַכט אין זייערע הענט. אונטערצײַענדיק די סך־הכל'ען פונם דורכגע־מאַכטן וועג, האָט לענין אונטערגעשטראָכן: „די מערהײַט פונם פאָלק איז פאַר אונז". אין זײַנע אַרטיקלען און בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט און צו די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט לענין געגעבן אַ קאָנקרעטן פּלאַן פונם אויפשטאַנד: וועגן דעם, ווי אַזוי אויסצונוצן די מיליטער־טיילן, דעם פלאָט און די רויטגוואַרדייער, וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אַנטשיידנדיקע פּונקטן אין פּעטראָגראַד מע דאַרף פאַרכאַפּן, כדי צו זיכערן דעם דערפאָלג פונם אויפ־שטאַנד און אַזוי ווײַטער.

דעם 7־טן אָקטאָבער איז לענין אומלעגאַל געקומען צו פאָרן פון פינלאַנד קיין פּעטראָגראַד. דעם 10־טן אָקטאָבער 1917־טן יאָר איז פאָרגעקומען די

היסטאָרישע זיצונג פונם צ.ק. פון דער פּאַרטיי, אויף וועלכער ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אין די נאָענטסטע טעג אָנצוהויבן דעם באוואָפנטן אויפשטאַנד. די היסטאָרישע רעזאָליוציע פונם צ.ק. פון דער פּאַרטיי, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך לענינען, האָט געזאָגט:

„דער צ.ק. אָנערקענט, אז ווי די צווישנפעלקערלאַכע לאַגע פון דער רוסישער רעוואָליוציע (דער אויפשטאַנד אינם פלאָט אין דײַטשלאַנד, ווי די שאַרפסטע אַנטפּלעקונג פונם אָנוואוקס פון דער אַלוועלטלאַכער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין גאַנץ אייראָפּע, דערנאָך די דראָאונג מצד א שלום פון די אימפּעריאַליסטן מיטן צוועק צו דערשטיקן די רעוואָליוציע אין רוסלאַנד), אזוי אויך די קריגס-לאַגע (דער אומצווייפלהאַפטער באַשלוס פון דער רוסישער בורזשואזיע און פון קערענסקין מיט קאָמפּאַניע אָפּצוגעבן פּעטראָגראַד די דײַטשן), אזוי אויך דאָס, וואָס די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי האָט דעראָבערט די מערהײַט אין די סאָוועטן, — דאָס אַלץ אין פאַרבינדונג מיטן פּויערים-אויפשטאַנד און מיטן קער פונם פאָלקס-צוטרוי צו אונזער פּאַרטיי (די וואַלן אין מאָסקווע), ענדלאַך, די בפירוש'ע צוגרייטונג פון א צווייטער קאָרנילאָווש טשינע (דאָס אַרויספירן דאָס מיליטער פון פּעטראָגראַד, דאָס צופירן צו פּעטראָגראַד קאַזאַקן, די אַרומרינגלונג פון מינסק דורך קאַזאַקן און אַנד.),—דאָס אַלץ שטעלט אויפן טאָג-סדר דעם באוואָפנטן אויפשטאַנד.

אָנערקענענדיק אזוי‌אַרום, אז דער באוואָפנטער אויפשטאַנד איז אומפאַרמײַדלאַך און איז פולשטענדיק רײַף געוואָרן, לייגט דער צ.ק. פאָר אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי נעמען דאָס ווי א לייטונג און פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַהאַנדלען און לייזן אַלע פּראַקטישע פראַגן (פונם סאָוועטן-צוזאַמענפאָר פון דער צפון-געגנט, פונם אַרויספירן דאָס מיליטער פון פּעטראָגראַד, פון דער אַרויסטרעטונג פון די מאָסקווער און מינסקער א.א.וו.)“ (לעניז, ב. XXI, ז. 330, רוסיש).

קעגן דעם דאָזיקן היסטאָרישן באַשלוס זײַנען אַרויסגעטראָטן און האָבן געשטימט צוויי מיטגלידער פונם צ.ק. — קאַמעניעוו און זינאָוויעוו. זיי האָבן פונקט ווי די מענשעוויקעס, געטרוימט וועגן א בורזשואזער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק און האָבן געטריבן רכילות אויפן אַרבעטער-קלאַס, באַהויפּטנדיק, אז ער האָט ניט קיין כחות צו פאַרווירקלאַכן די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע, אז ער איז נאָך ניט דערוואַקסן צו נעמען די מאַכט.

כאָטש טראָצקי האָט אויף דער דאָזיקער זיצונג אָפן ניט געשטימט קעגן דער רעזאָליוציע, האָט ער אָבער פאָרגעלייגט אזא אויסבעסערונג צו דער רעזאָליוציע, וואָס האָט געזאָלט צונישט מאַכן און דורכוואַרפן דעם אויפשטאַנד. ער האָט פאָרגעלייגט ניט אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד ביז דער עפע-

נונג פונם צווייטן סאָוועטן=צוזאמענפאָר, וואָס דאָס האָט באטײַט — פארציִען דעם אויפשטאנד, פאָראויס דעשיפרירן דעם טאָג פונם אויפשטאנד, וואָרענען וועגן דעם די צײַטווײַליקע רעגירונג.

דער צ.ק. פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי האָט פאנאנדערגעשיקט באפולמעכטיקטע קיין דאָנבאס, אויף אוראל, קיין העלסינגפאָרס, קיין קראָנשטאדט, אויפן דרום=מערב=פראָנט און א. וו. צו אָרגאניזירן דעם אויפשטאנד אויף די ערטער. די חברים וואָראָשילאָוו, מאָלאָטאָוו, דזערזשינסקי, אָרדזשאָניקידזע, קיראָוו, קאהאנאָוויטש, קויבישעוו, פרונזע, יאראָסלאווסקי און אנדערע האָבן באקומען ספּעציעלע אויפגעבונגען פון דער פארטיי אָנצופירן מיטן אויפשטאנד אויף די ערטער. אויף אוראל, אין שאדרינסק, האָט צווישן די מיליטער=לײַט געפירט אן ארבעט חבר זשדאנאָוו. אויפן מערב=פראָנט, אין ווײַסרוסלאנד, האָט געגרייט צום אויפשטאנד די סאָלדאטן=מאסע חבר יעזשאָוו. די באפולמעכטיקטע פונם צ.ק. האָבן באקאנט געמאכט די אָנפירער פון די אָרטיקע באָלשעוויסטישע אָרגאניזאציעס מיטן פּלאן פונם אויפשטאנד און האָבן זיי געבראכט אין מאָביליזאציע=גרייטקײַט, כדי צו געבן הילף דעם אויפשטאנד אין פעטראָגראד.

לויט דער אָנווײַזונג פונם צענטראל=קאָמיטעט פון דער פארטיי איז בײַם פעטראָגראדער סאָוועט געשאפן געוואָרן א מיליטער=רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, וועלכער איז געוואָרן דער לעגאלער שטאב פונם אויפשטאנד.

אין דער זעלבער צײַט האָט אָבער אויך די קאָנטר=רעוואָלוציע אײַליק געזאמלט אירע כחות. דאָס אָפיצירנטום האָט זיך אָרגאניזירט אינם קאָנטר=רעוואָלוציאָנערן „אָפיצירן=פארבאנד“. אומעטום האָבן די קאָנטר=רעוואָלוציאָנערן געשאפן שטאבן צו פאָרמירן שלאָג=באטאליאָנען. צו ענדע אָקטאָבער האָט די קאָנטר=רעוואָלוציע געהאט אין איר רשות 43 שלאָג=באטאליאָנען. עס זײַנען ספּעציעל אָרגאניזירט געוואָרן באטאליאָנען פון געאָרגיע=קאוואלערן.

קערענסקיס רעגירונג האָט געשטעלט די פראגע וועגן דעם, אז די רעגירונג זאָל אריבערפאָרן פון פעטראָגראד קיין מאָסקווע. דערפון איז געווען קאָנטיק, אז זי האָט זיך געגרייט אָפּצוגעבן פעטראָגראד די דײַטשן, כדי ניט דערלאָזן צו אן אויפשטאנד אין פעטראָגראד. דער פּראָטעסט פון די פעטראָגראדער ארבעטער און סאָלדאטן האָט געצוואונגען די צײַטווײַליקע רעגירונג צו פארבלײַבן אין פעטראָגראד.

דעם 16=טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען א פארברייטערטע זיצונג פונם צ.ק. פון דער פארטיי. אויף דער דאָזיקער זיצונג איז אויסגעוויילט געוואָרן א פארטיי=צענטער אויף אָנצופירן מיטן אויפשטאנד בראש מיטן חבר סטאלין. דער דאָזיקער פארטיי=צענטער איז געווען דער אָנפירנדיקער קערן פונם מיליטער=רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט בײַם פעטראָגראדער סאָוועט און האָט אָנגעפירט פּראקטיש מיטן גאנצן אויפשטאנד.

אויף דער זיצונג פונם צ.ק. זײַנען די קאפּיטוליאנטן זינאָוויעוו און קאמע־ניעוו ווידער ארויסגעטראָטן קעגן דעם אויפשטאנד. באקומען א ווידערשטאנד, האָבן זיי זיך געלאָזט אויף אן אָפענער ארויסטרעטונג אין דער פרעסע קעגן דעם אויפשטאנד, קעגן דער פּארטיי. דעם 18־טן אָקטאָבער איז אין דער מענ־שעוויסטישער צײַטונג „נאָוואיא זשיזן" אָפּגעדרוקט געוואָרן קאמעניעווס און זינאָוויעווס א מעלדונג וועגן דעם, אז די באָלשעוויקעס גרייטן אן אויפשטאנד, און וועגן דעם, אז זיי האלטן דעם אויפשטאנד פאר אן אוואנטיורע. אזויארום האָבן קאמעניעוו און זינאָוויעוו אויפגעדעקט פאר די שונאים דעם באשלוס פונם צ.ק. וועגן דעם אויפשטאנד, וועגן דער אָרגאניזירונג פונם אויפשטאנד אין דער נאָענטסטער צײַט. דאָס איז געווען א פאררעט. לענין האָט אין צוזא־מענהאנג דערמיט געשריבן: „קאמעניעוו און זינאָוויעוו האָבן ארויסגעגעבן ראָדזיאנקאָן און קערענסקין דעם באשלוס פונם צ.ק. פון זייער אייגע־נער פּארטיי וועגן דעם באוואָפנטן אויפשטאנד". לענין האָט געשטעלט פארן צ.ק. די פראגע וועגן אויסשליסן זינאָוויעוון און קאמעניעוון פון דער פּארטיי.

געוואָרנטע דורך די פאררעטער, האָבן די שונאים פון דער רעוואָלוציע תיכף אָנגעהויבן אָנצונעמען מיטלען, כדי ניט צו דערלאָזן דעם אויפשטאנד און צעשמעטערן דעם אָנפירנדיקן שטאב פון דער רעוואָלוציע — די פּארטיי באָלשעוויקעס. די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט אײַנגעאָרדנט א געהיימע באראַ־טונג, אויף וועלכער עס איז געלייזט געוואָרן די פראגע וועגן די מאָס־מיטלען פון קאמף קעגן די באָלשעוויקעס. דעם 19־טן אָקטאָבער האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג אײַליק ארויסגערופן קיין פּעטראָגראד מיליטער פונם פראָנט. איבער די גאסן האָבן אָנגעהויבן ארומצופאָרן פארשטארקטע פּאטרולן. באזונדערס גרויסע קרעפטן האָט די קאָנטר־רעוואָלוציע באוויזן צונויפזאמלען אין מאָס־קווע. בײַ דער צײַטווײַליקער רעגירונג איז געווען אויסגעארבעט א פּלאן: א טאָג פאר דער עפענונג פונם צווייטן סאָוועטן־צוזאמענפאָר אטאקירן און פארנעמען דעם סמאָלני־אינסטיטוט, דאָס אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען דער צ.ק. פון די באָלשעוויקעס, און צעשמעטערן דעם אָנפירנדיקן צענטער פון די באָלשע־וויקעס. צוליב דעם איז צו פּעטראָגראד צונויפגעצויגן געוואָרן מיליטער, אויף וועמענס טרײַהײַט די רעגירונג האָט אויסגערעכנט.

נאָר די טעג און שעה'ן פון דער עקזיסטענץ פון דער צײַטווײַליקער רעגי־רונג זײַנען שוין געווען געציילטע. קיין שום קראפט האָט שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן דעם זיגרײַכן מארש פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

דעם 21־טן אָקטאָבער האָבן די באָלשעוויקעס אוועקגעשיקט אין אלע רע־וואָליוציאָנערע מיליטער־טיילן קאָמיסארן פונם מיליטער־רעוואָליוציאָנערן קאָ־מיטעט. יעדן טאָג ביזן אויפשטאנד איז אין די מיליטער־טיילן, אין די פאב־ריקן און זאוואָדן געגאנגען אן ענערגישע שלאכט־צוגרייטונג. באשטימטע אויפ־געבונגען האָבן באקומען אויך די קריגס־שיפן — דער קרייסער „אווראָרא" און „זאריא סוואָבאָדי".

אויף דער זיצונג פונם פּעטראָגראַדער סאָוועט האָט טראָצקי אין באַרימערישער היץ אויסגעפּלוידערט פאַרן שונא דעם טערמין פונם אויפשטאַנד, דעם טאָג, אויף וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן באַשטימט דעם אָנהויב פונם אויפשטאַנד. כדי ניט געבן קיין מעגלאַכקײַט קערענסקיס רעגירונג אַראָפּצורײַסן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, האָט דער צ.ק. פון דער פאַרטיי באַשלאָסן אָנצוהויבן און דורכפירן דעם אויפשטאַנד פריִער פונם אָנגעמערקטן טערמין און מיט א טאָג פריִער פאַר דער עפענונג פונם צווייטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר.

קערענסקי האָט אָנגעהויבן זײַן ארויסטרעטונג דעם 24־טן אָקטאָבער (6־טן נאָוועמבער) אינדערפרי מיטן ארויסגעבן א באַפעל וועגן פאַרמאַכן דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פאַרטיי באָלשעוויקעס „ראַבאָטשי פּוט" (אַרבעטער־וועג) און וועגן שיקן פאַנצער־אויטאָמאָבילן צום לאָקאַל פון דער רעדאַקציע פון „ראַבאָטשי פּוט" און פון דער דרוקערײַ פון די באָלשעוויקעס. נאָך צו 10 אזייגער אינדערפרי האָבן לויט דער אָנווײַזונג פונם חבר סטאַלין די רויטגוואַרדייער און רעוואָליוציאָנערע סאָלדאַטן אָפּגעשטויסן די פאַנצער־אויטאָמאָבילן און אײַנגעשטעלט א פאַרשטאַרקטע וואַך בײַ דער דרוקערײַ און בײַ דער רעדאַקציע פון „ראַבאָטשי פּוט". צו 11 אזייגער אינדערפרי איז „ראַבאָטשי פּוט" דערשינען מיט א רוף — אַראָפּוואַרפן די צײַטווײַליקע רעגירונג. גלײַכצײַטיק זײַנען לויט דער אָנווײַזונג פונם פאַרטיי־צענטער פונם אויפשטאַנד דרינגענדיק צונויפגעצויגן געוואָרן צו סמאָלני אָטריאַדן רעוואָליוציאָנערע סאָלדאַטן און רויטגוואַרדייער.

דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן.

דעם 24־טן אָקטאָבער בײַנאַכט איז אין סמאָלני אָנגעקומען לענין, וועלכער האָט אוממיטלבאַר גענומען אין זײַנע הענט די אָנפירונג מיטן אויפשטאַנד. די גאַנצע נאַכט זײַנען צו סמאָלני צוגעקומען רעוואָליוציאָנערע מיליטער־טיילן און אָטריאַדן פון דער רויטער גוואַרדיע. די באָלשעוויקעס האָבן זיי געשיקט אין צענטער פון דער הויפּטשטאָט — אַרומצורינגלען דעם ווינטער־פּאַלאַץ, וואו עס האָט זיך באַפעסטיקט די צײַטווײַליקע רעגירונג.

דעם 25־טן אָקטאָבער (7־טן נאָוועמבער) האָט די רויטע גוואַרדיע און דאָס רעוואָליוציאָנערע מיליטער פאַרנומען די וואָקזאַלן, די פּאָסט, דעם טעלעגראַף, די מיניסטעריומס, די מלוכה־באַנק.

ס'איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן דער פאָרפּאַרלאַמענט.

סמאָלני, וואו עס האָבן זיך געפונען דער פּעטראָגראַדער סאָוועט און דער צ.ק. פון די באָלשעוויקעס, איז געוואָרן דער שלאַכט־שטאַב פון דער רעוואָליוציע, פונוואַנען עס זײַנען געגאַנגען די שלאַכט־באַפעלן.

די פּעטראָגראַדער אַרבעטער האָבן אין די דאָזיקע טעג באַוויזן, אַז זיי האָבן אונטער דער אָנפירונג פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי דורכגעמאַכט א גוטע שול. די רעוואָליוציאָנערע מיליטער־טיילן, וואָס זײַנען צוגעגרייט געוואָרן צום אויפשטאַנד דורך דער אַרבעט פון די באָלשעוויקעס, האָבן פּינקט־

לאך אויסגעפילט די שלאכט=באפעלן און האָבן זיך געשלאָגן זײַט בײַ זײַט מיט דער רויטער גוואַרדיע. דער ים=פלאָט איז ניט אָפּגעשטאַנען פון דער ארמיי. קראָנשטאדט איז געווען א פעסטונג פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי, וואו מע האָט שוין לאַנג ניט אָנערקענט די מאכט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. דער קרייסער „אווראָרא“ האָט מיטן דונער פון זײַנע הארמאטן, אָנגעצילעוועטע אויפן ווינטער=פּאלאַץ, אָנגעזאָגט דעם 25=טן אָקטאָבער דעם אָנהויב פון א נײַער ערע — די ערע פון דער גרויסער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.

דעם 25=טן אָקטאָבער (7=טן נאָוועמבער) איז פארעפנטלאכט געוואָרן די ווענדונג פון די באָלשעוויקעס „צו די בירגער פון רוסלאנד“. אין דער דאָזיקער ווענדונג איז געזאָגט געוואָרן, אז די בורזשואזע צײַטווײַליקע רעגירונג איז אראָפּגעזעצט געוואָרן, אז די מלוכה=מאכט איז אריבערגעגאנגען אין די הענט פון די סאָוועטן.

די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט זיך אויסבאהאלטן אינם ווינטער=פּאלאַץ אונטער דער וואך פון יונקערס און פון שלאָג=באטאליאָנען. אין דער נאכט פונם 25=טן אויפן 26=טן אָקטאָבער האָבן די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער, סאָלדאטן און מאטראָסן מיט שטורם גענומען דעם ווינטער=פּאלאַץ און ארעסטירט די צײַטווײַליקע רעגירונג.

דער באוואָפנטער אויפשטאנד אין פּעטראָגראד האָט געזיגט.

דער צווייטער אלרוסלענדישער סאָוועטן=צוזאמענפאָר האָט זיך געעפנט אין סמאָלני 10 אזייגער מיט 45 מינוט אין אָוונט דעם 25=טן אָקטאָבער (7=טן נאָוועמבער) 1917=טן יאָר, ווען דער זיגרײַכער אויפשטאנד אין פּעטראָגראד איז שוין געווען אין פולן ברען און די מאכט אין דער הויפּטשטאָט האָט זיך פאקטיש געפונען אין די הענט פונם פּעטראָגראדער סאָוועט.

די באָלשעוויקעס האָבן באקומען אויפן צוזאמענפאָר אן איבערוועגנדיקע מערהײַט. די מענשעוויקעס, די בונדאָווצעס און די רעכטע עסערן, זעענדיק, אז זייער לידעלע איז געענדיקט, האָבן פארלאָזט דעם צוזאמענפאָר, מעלדנדיק, אז זיי זאָגן זיך אָפּ אָנטיילצונעמען אין זײַן ארבעט. די אָקטאָבער=רעוואָליוציע, האָבן זיי אין דער מעלדונג, וואָס זיי האָבן פארעפנטלאכט אויפן סאָוועטן=צוזאמענפאָר, אָנגערופן „מיליטערישע פארשווערונג“. דער צוזאמענפאָר האָט געשטעמפּלט די מענשעוויקעס און עסערן, פארצייכענענדיק, אז ניט בלויז ער באדויערט ניט זייער אוועקגיין, נאָר ער באגריסט עס, ווײַל אדאנק דעם אוועקגיין פון די פאררעטער איז דער צוזאמענפאָר ווירקלאך געוואָרן א רעוואָליוציאָנערער צוזאמענפאָר פון די ארבעטער= און סאָלדאטן=דעפּוטאטן.

אין נאָמען פונם צוזאמענפאָר איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דעם אריבערגאנג פון דער גאנצער מאכט אין די הענט פון די סאָוועטן.

„אָנשפּארנדיק זיך אויפן ווילן פון דער קאָלאָסאלער מערהײַט ארבעטער, סאָלדאטן און פּויערים, אָנשפּארנדיק זיך אויף דעם פאָרגעקו=

מענעם אין פעטראָגראַד זיגרײַכן אויפשטאַנד פון די אַרבעטער און פונם גאַרניזאָן, נעמט דער צוזאַמענפאָר די מאַכט אין זײַנע הענט", — איז געזאָגט געוואָרן אינם אויפרוף פונם צווייטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר.

בײַנאַכט דעם 26־טן אָקטאָבער (8־טן נאָוועמבער) 1917־טן יאָר האָט דער צווייטער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר אָנגענומען דעם דעקרעט וועגן שלום. דער צוזאַמענפאָר האָט פאָרגעלייגט די מלחמה־האַלטנדיקע לענדער צו שליסן תיכף אַ וואָפנשטילשטאַנד ווייניקסטנס אויף דרײַ חדשים, כדי צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום. ווענדנדיק זיך צו די רעגירונגען און צו די פעלקער פון אַלע מלחמה־האַלטנדיקע לענדער, האָט דער צוזאַמענפאָר אין דער זעלבער צײַט זיך געווענדט צו די „באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פון די דרײַ פאָרגעשריטנסטע נאַציעס פון דער מענטשהײַט און פון די סאַמע גרעסטע מלוכות, וואָס באַטייליקן זיך אין דער איצטיקער מלחמה: פון ענגלאַנד, פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד". ער האָט גערופן די דאָזיקע אַרבעטער צו העלפן „דערפאָלגרײַך דערפירן ביזן סוף די זאַך פון שלום און צוזאַמען דערמיט די זאַך פון באַפרײַען די אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסן פון באַפעלקערונג פון יעטווידער שקלאַפערײַ און יעטווידער עקספּלואַטאַציע".

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער צווייטער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר אָנגענומען דעם דעקרעט וועגן ערד, לויט וועלכן „דאָס פּריצ'ישע אייגנטום אויף דער ערד ווערט אָפּגעשאַפט תיכף אָן שום אויסקויף". ווי אַ יסוד פון דעם דאָזיקן ערד־געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן דער אַלפּויערשער אָנזאָג, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן גרונט פון 242 אָרטיקע פּויערשע אָנזאָגן. לויט דעם דאָזיקן אָנזאָג איז דאָס רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד אָפּגעשאַפט געוואָרן אויף שטענדיק און פאַרביטן געוואָרן אויף אַלפאָלקישן, מלוכה'שן אייגנטום אויף ערד. די ערד פון די פּריצים, פון דער צאַרישער פאַמיליע און פון די מאָנאַסטירן איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אומזיסטיקן באַנוץ פון אַלע אַרבעטנדיקע.

אַרום און אַרום האָט דאָס פּויערטום לויט דעם דאָזיקן דעקרעט באַקומען פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע העכער 150 מיליאָן דעסיאַטין נײַע ערד, וואָס האָט זיך פריער געפונען אין די הענט פון די פּריצים, פון דער בורזשואַזיע, פון דער צאַרישער פאַמיליע, פון די מאָנאַסטירן, פון די קירכעס.

די פּויערים זײַנען באַפרײַט געוואָרן פון די יערלאַכע אַרענדע־אָפּצאָלן צו די פּריצים אין אַ סומע פון בײַ 500 מיליאָן רובל גאָלד.

אַלע ערד־אוצרות (נאַפט, קוילן, אַרץ און א. וו.), די וועלדער, די וואַסערן זײַנען אַריבער אין אייגנטום פונם פאָלק.

ענדלאַך, איז אויפן צווייטן אַלרוסלענדישן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר אויסגעפאָרמירט געוואָרן די ערשטע סאָוועטן־רעגירונג, — דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן. דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן

דורכאויס פון באָלשעוויקעס. פארן פאָרזיצער פונם ערשטן ראטפאָלקאָם איז אויסגעוויילט געוואָרן לענין.

אזוי האָט זיך פארענדיקט דער היסטאָרישער צווייטער סאָוועטן-צוזאמענפאָר.

די דעלעגאטן פונם צוזאמענפאָר זײַנען זיך פאנאנדערגעפאָרן אויף די ערטער, כדי צו פארשפרייטן די ידיעה וועגן דעם זיג פון די סאָוועטן אין פעטראָגראד און צו זיכערן די פארשפרייטונג פון דער סאָוועטן-מאכט אין גאנצן לאנד.

ניט מיטאמאָל איז אין אלע ערטער די מאכט אריבער צו די סאָוועטן. אין דער צײַט, ווען אין פעטראָגראד האָט שוין עקזיסטירט די סאָוועטן-מאכט, זײַנען נאָך אין מאָסקווע אין פארלויף פון עטלאכע טעג אָנגעגאנגען אײַנגעשפארטע און פארביטערטע שלאכטן אויף די גאסן. כדי ניט צו דערלאָזן, אז די מאכט זאָל אריבערגיין אין די הענט פונם מאָסקווער סאָוועט, האָבן די קאָנטר-רעוואָליוציאָנערע פארטייען פון די מענשעוויקעס און עסערן צוזאמען מיט די ווײַסגווארדייער און יונקערס אָנגעהויבן א באוואָפנטן קאמף קעגן די ארבעטער און סאָלדאטן. ערשט אין עטלאכע טעג ארום זײַנען די בונטאָוושטשיקעס צעקלאפט געוואָרן. און אין מאָסקווע איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די מאכט פון די סאָוועטן.

אין פעטראָגראד גופא און אין אייניקע זײַנע ראיאָנען זײַנען באלד אין די ערשטע טעג פונם זיג פון דער רעוואָליוציע געמאכט געוואָרן פון די קאָנטר-רעוואָליוציאָנערן פרואוון אראָפצוווארפן די סאָוועטן-מאכט. דעם 10-טן נאָוועמבער 1917-טן יאָר האָט קערענסקי, וועלכער איז בעת'ן אויפשטאנד אנטלאָפן פון פעטראָגראד אין ראיאָן פונם צפון-פראָנט, צונויפגעזאמלט אייניקע קאזאקישע טיילן און האָט זיי א רוק געטאָן אויף פעטראָגראד אין דער שפיץ מיטן גענעראל קראסנאָוו. דעם 11-טן נאָוועמבער 1917-טן יאָר האָט די קאָנטר-רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע — „דער קאָמיטעט פאר ראטעווען דאָס היימלאנד און די רעוואָליוציע“ — בראָש מיט די עסערן אויפגעהויבן אין פעטראָגראד א בונט פון די יונקערס. די בונטאָווששיקעס זײַנען אָבער צעקלאפט געוואָרן אָן איבעריקער מי. אין פארלויף פון איין טאָג, דעם 11-טן נאָוועמבער פארנאכט-צו, האָבן די מאטראָסן און די רויטגווארדייער ליקווידירט דעם יונקערישן בונט, און דעם 13-טן נאָוועמבער איז בײַ די פולקאָווער הויכן צעשמעטערט געוואָרן גענעראל קראסנאָוו. פונקט ווי בעת'ן אָקטאָבער-אויפשטאנד, האָט לענין פערזענלאך אָנגעפירט מיטן צעשמעטערן דעם אנטיסאָוועטישן בונט. זײַן אײַזערנע פעסטקײַט און רואיקע זיכערקײַט אינם זיג האָבן באגײַסטערט און באהעפט די מאסן. דער שונא איז צעקלאפט געוואָרן. קראסנאָוו איז גענומען געוואָרן אין געפאנגענשאפט און האָט געגעבן אן „ערנוואָרט“, אז ער וועט אויפהערן דעם קאמף קעגן דער סאָוועטן-מאכט. אויף דעם דאָזיקן „ערנוואָרט“ איז ער אָפגעלאָזט געוואָרן, אָבער, ווי עס האָט זיך נאָכדעם ארויסגעשטעלט,

האָט קראַסנאָוו געבראָכן זײַן גענעראַליש וואָרט. וואָס איז שייך קערענסקין, האָט ער, אַן איבערגעטאָנענער אין ווייבערשע קליידער, באַוויזן צו פֿאַרשווינדן „אין אַן אומבאַוואוסטער ריכטונג“.

אין מאָהילעוו, אין דער סטאַווקע (הויפּט-קוואַרטיר) פֿונם הויפּט-קאָמאַנדיר פֿונם מיליטער, האָט גענעראַל דוכאָנין אויך געפּרוּווט מאַכן אַ בונט. ווען די סאָוועטן-רעגירונג האָט פֿאָרגעלייגט דוכאָנינען תּיכּף צוטרעטן צו אונטערהאַנדלונגען מיט דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפֿט וועגן וואָפֿנשטילשטאַנד, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויסצופֿילן דעם פֿאָרשריפֿט פֿון דער רעגירונג. דעמאָלט איז דוכאָנין דורך אַ באַפֿעל פֿון דער סאָוועטן-מאַכט אַראָפּגעזעצט געוואָרן פֿון זײַן אַמט. די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע סטאַווקע איז צעשמעטערט געוואָרן. דערבײַ איז דוכאָנין דערהאַרגעט געוואָרן דורך די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אויפֿגעשטאַנען קעגן אים.

עס האָבן אַ פּרוּוו געטאָן מאַכן אַן אויספֿאַל קעגן דער סאָוועטן-מאַכט אויך די באַוואוסטע אָפּאָרטוניסטן אין דער פּאַרטיי גופֿא: קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, ריקאָוו, שליאַפּניקאָוו און אַנדערע. זיי האָבן גענומען פֿאָדערן צו שאַפֿן אַן „איינאַרטיק-סאָציאַליסטישע רעגירונג“ מיטן אָנטייל פֿון די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט זיי נאָרוואָס געהאַט אַראָפּגעוואָרפֿן. דעם 15-טן נאָוועמבער 1917-טן יאָר האָט דער צ.ק. פֿון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט אָפּגעוואָרפֿן אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט די דאָזיקע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, און קאַמעניעוון מיט זינאָוויעוון האָט זי דערקלערט פֿאַר שטרייקברעכער פֿון דער רעוואָלוציע. דעם 17-טן נאָוועמבער האָבן קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, ריקאָוו, מיליוטין, ניט זײַענדיק איינשטימיק מיט דער פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי, געמאָלדן, אַז זיי גייען אַרויס פֿונם באַשטאַנד פֿון צ.ק. אינם זעלבן טאָג, דעם 17-טן נאָוועמבער, האָט נאָגין פֿון זײַן אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פֿון ריקאָוון, וו. מיליוטינען, טעאָדאָראָוויטשן, אַ. שליאַפּניקאָוון, ד. ריאַזאַנאָוון, יורעניעוון, לאַרינען, וואָס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין ראַט פֿון די פֿאָלקס-קאָמיסאַרן, אָנגעגעבן אַ מעלדונג וועגן דער ניט-איינשטימיקײַט מיט דער פּאָליטיק פֿונם צ.ק. פֿון דער פּאַרטיי און וועגן דעם, אַז די אָנגערופֿענע פּערזאָנען גייען אַרויס פֿונם באַשטאַנד פֿון ראַט פֿון די פֿאָלקס-קאָמיסאַרן. די פּליטה פֿון אַ הײַפֿל פּחדנים האָט אַרויסגערופֿן אַ יובל בײַ די שונאים פֿון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. די גאַנצע בורזשואַזיע און אירע מיטהעלפֿער זײַנען געווען פֿול מיט ביישוויליקער פֿרייד, געשריִען וועגן אַ פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿונם באָלשעוויזם, האָבן פֿאָראויסגעזאָגט דעם אומקום פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דאָס הײַפֿל דעזערטירן האָט אָבער אויף קיין איין מינוט ניט אַ וואַקל געטאָן די פּאַרטיי. דער צ.ק. פֿון דער פּאַרטיי האָט זיי מיט פֿאַראַכטונג געשטעמפּלט פֿאַר דעזערטירן פֿון דער רעוואָלוציע און פֿאַר מיטהעלפֿער פֿון דער בורזשואַזיע און איז אַריבערגעגאַנגען צו די אָרדנטלעכע ענינים.

וואָס איז שייך די „לינקע" עסערן, האָבן זיי, וועלנדיק אויפהיטן דעם אײנ־פלוס אין די פויערישע מאסן, וועלכע האָבן בפירוש מיטגעפילט די באָלשעוויקעס, באשלאָסן ניט צו קריגן זיך מיט די באָלשעוויקעס און אײנהיטן דערווײל אן אײנהײט־פראָנט מיט זיי. דער צוזאמענפאָר פון די פויערים־סאָוועטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1917־טן יאָר, האָט אָנערקענט אלע דעראָבערונגען פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָליוציע און די דעקרעטן פון דער סאָוועטן־מאכט. ס'איז געשלאָסן געוואָרן א פארשטענדיקונג מיט די „לינקע" עסערן, און עטלאכע „לינקע" עסערן זײנען אײנגעשלאָסן געוואָרן אין באשטאנד פון ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארן (קאָלעגײעוו, ספירידאָנאָווא, פראָשיאן און שטיינבערג). די דאָזיקע פארשטענדיקונג האָט אָבער עקזיסטירט בלויז ביזן אונטערשרייבן דעם בריסקער שלום און דער אויסבילדונג פון די אָרעמשאפט־קאָמיטעטן, ווען עס איז אינם פויערטום פאָרגעקומען א טיפע דיפערענצירונג און ווען די „לינקע" עסערן, אָפשפיגלענדיק אלץ מער די אינטערעסן פונם באלעגופּנטום, האָבן אויפגעהויבן א בונט קעגן די באָלשעוויקעס און זײנען דורך דער סאָוועטן־מאכט צעשמעטערט געוואָרן.

פון אָקטאָבער 1917־טן יאָר ביז יאנואר—פעברואר 1918־טן יאָר האָט די סאָוועטישע רעוואָליוציע באוויזן צו פארשפרייטן זיך איבערן גאנצן לאנד. די פארשפרייטונג פון דער מאכט פון די סאָוועטן איבער דער טעריטאָריע פונם קאָלאָסאלן לאנד איז געגאנגען מיט אזא שנעלן טעמפּ, אז לענין האָט דאָס אָנגערופן „טריאומפאלער מארש" פון דער סאָוועטן־מאכט.

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָליוציע האָט געזיגט.

פון דער ריי סיבות, וואָס האָבן באשטימט אזא, פארהעלטניסמעסיק לײכטן, זיג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין רוסלאנד, דארף מען פארצייכענען די פאָלגנדיקע הויפּט־סיבות:

1. די אָקטאָבער־רעוואָליוציע האָט געהאט פאר זיך אזא, פארהעלטניסמעסיק שוואכן, שלעכט־אָרגאניזירטן, פּאָליטיש ווייניק דערפארענעם שונא, ווי די רוסישע בורזשואזיע. עקאָנאָמיש נאָך ניט קיין פארפעסטיקטע און א דורכאויס אָפּהענגיקע פון די רעגירונגס־באשטעלונגען, האָט די רוסישע בורזשואזיע ניט געהאט ניט קיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקײט, ניט די גענוגנדיקע איניציאטיוו, וואָס איז נויטיק, כדי צו געפינען אן אויסוועג פון דער לאגע. זי האָט ניט געהאט ניט קיין דערפארונג פון פּאָליטישע קאָמבינאציעס און פּאָליטישער אָפּנארערײ אין גרויסן מאסשטאב, ווי דאָס פארמאָגט, צום בײשפּיל, די פראנצויזישע בורזשואזיע, ניט קיין שול פון שווינדלערישע קאָמפּראָמיסן פון א גרויסן פארנעם, ווי דאָס האָט, צום בײשפּיל, די ענגלישע בורזשואזיע. ערשט נעכטן געזוכט א פארשטענדיקונג מיטן קייסער, וואָס איז אראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער פעברואר־רעוואָליוציע, האָט זי, ווען זי איז נאָכדעם געקומען צו דער מאכט, ניט געקענט צוטראכטן עפּעס בעסערס, ווי פאָרצוזעצן אין אלע גרונטפראגן די פּאָליטיק פונם פארהאסטן קייסער. זי איז, פּונקט ווי דער קייסער,

געשטאנען פאר א „מלחמה ביזן זיגרײַכן סוף״, ניט געקוקט דערויף, וואָס די מלחמה איז געוואָרן איבער די כחות פארן לאנד און האָט ביזן העכסטן גראד אויסגעמאטערט דאָס פאָלק, די ארמיי. זי איז, פונקט ווי דער קייסער, געשטאנען פאר אײַנהיטן אין גרונט דאָס פריוואַטע אייגנטום אויף ערד, ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס פויערטום האָט זיך געעקשנט פון ערדלאָזיקײַט און פונם פריצ׳ישן דרוק. וואָס איז שייך דער פאָליטיק בנוגע דעם ארבעטער־קלאס, איז די רוסישע בורזשואזיע אין איר האס צום ארבעטער־קלאס אוועק ווײַטער פונם קייסער, ווײַל זי האָט זיך באמיט ניט בלויז אײַנצוהיטן און פארפעסטיקן דעם דרוק פון די זאוואָדטשיקעס און פאבריקאנטן, נאָר אויך מאכן אים אומדערטרעגלאך אדאנק דער אָנווענדונג פון מאסן־לאָקאאוטן.

קיין וואונדער ניט, וואָס דאָס פאָלק האָט ניט געזען קיין ממשות׳דיקן אונטערשייד צווישן דער פאָליטיק פונם קייסער און דער פאָליטיק פון דער בורזשואזיע, און דעם האס צום קייסער האָט דאָס פאָלק אריבערגעטראָגן אויף דער צײַטווײַליקער רעגירונג פון דער בורזשואזיע.

כל זמן די פשרה־מאכערישע פארטייען פון די עסערן און מענשעוויקעס האָבן נאָך געהאט א געוויסן אײַנפלוס אינם פאָלק, האָט זיך די בורזשואזיע געקאָנט צודעקן מיט זיי און אײַנהאלטן פאר זיך די מאכט. נאָר נאָך דעם, ווי די מענשעוויקעס און עסערן האָבן זיך דעמאסקירט פאר אגענטן פון דער אימפעריאליסטישער בורזשואזיע און האָבן דערמיט גופא בײַ זיך אָפּגענומען דעם אײַנפלוס אינם פאָלק, איז די בורזשואזיע און איר צײַטווײַליקע רעגירונג געבליבן הענגען אינדערלופטן.

2. בראש פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע איז געשטאנען אזא רעוואָליוציאָנערער קלאס, ווי דער ארבעטער־קלאס פון רוסלאנד, א קלאס, וואָס איז פארהארטעוועט געוואָרן אין שלאכטן, וואָס האָט אין א קורצער צײַט דורכגעמאכט צוויי רעוואָליוציעס און וואָס האָט צום ערב פון דער דריטער רעוואָליוציע דערוואָרבן דעם אויטאָריטעט פון א פירער פונם פאָלק אין קאמף פאר שלום, פאר ערד, פאר פרײַהײַט, פאר סאָציאליזם. ווען ס׳וואָלט ניט געווען אזא פירער פון דער רעוואָליוציע, וואָס האָט פארדינט דעם צוטרוי פונם פאָלק, ווי דער ארבעטער־קלאס פון רוסלאנד, וואָלט אויך ניט געווען קיין בונד פון די ארבעטער און פויערים, און אָן אזא בונד וואָלט ניט געקאָנט זיגן די אָקטאָבער־רעוואָליוציע.

3. דער ארבעטער־קלאס פון רוסלאנד האָט געהאט אזא ערנסטן פארבינדעטן אין דער רעוואָליוציע, ווי די פויערשע אָרעמשאפט, וואָס האָט באטראָפן די קאָלאָסאלע מערהײַט פון דער פויערשער באפעלקערונג. די דערפארונג פון די אכט חדשים רעוואָליוציע, וואָס מע קאָן זי דרייסט פארגלײַכן צו דער דערפארונג פון עטלאכע צענדליק יאָר „נאָרמאלע״ אנטוויקלונג, איז ניט אדורך אומזיסט פאר די ארבעטנדיקע מאסן פויערטום. אין דער דאָזיקער צײַט האָבן זיי געהאט די מעגלאכקײַט אויסצופרואוון אין דער פראקטיק אלע פאר־

טייען אין רוסלאַנד און זיך איבערצײַגן, אַז ניט די קאַדעטן, ניט די עסערן און מענשעוויקעס ווילן זיך ניט נעמען ערנסט קריגן מיט די פּריצים און פאַרגיסן בלוט צוליב די פּויערים, אַז אין רוסלאַנד איז פאַראַן בלויז איין פּאַרטיי, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט די פּריצים און וואָס איז גרייט צו דערשטיקן די פּריצים, כדי צו באַפרידיקן די פּויערשע נויטן, — דאָס איז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געדינט ווי אַ רעאַלער יסוד פאַרן בונד פונם פּראָלעטאַריאַט און דער פּויערשער אָרעמשאַפט. די עקזיסטענץ פון אַ בונד פונם אַרבעטער=קלאַס און דער פּויערשער אָרעמשאַפט האָט באַשטימט אויך די אויפפירונג פון די מיטלפּויערים, וואָס האָבן זיך לאַנג געוואַקלט און האָבן בלויז פאַרן אָקטאָבער=אויפשטאַנד ווי געהעריק זיך אַ קער געטאָן אין דער זײַט פון דער רעוואָליוציע, האָבנדיק זיך פאַראייניקט צו דער פּויערשער אָרעמשאַפט.

עס איז איבעריק צו דערווײַזן, אַז אָן אַזאַ בונד וואָלט די אָקטאָבער=רעוואָליוציע ניט געקאָנט זיגן.

4. בראש פונם אַרבעטער=קלאַס איז געשטאַנען אַזאַ, אויסגעפּרוווטע אין פּאָליטישע שלאַכטן, פּאַרטיי, ווי די פּאַרטיי באָלשעוויקעס. נאָר אַזאַ פּאַרטיי, ווי די פּאַרטיי באָלשעוויקעס, אַ גענוג דרייסטע, כדי צו פירן דאָס פאָלק צו אַן אַנטשיידענעם שטורם, און אַ גענוג פאָרזיכטיקע, כדי אויסצומײַדן אַלע און אַלערליי אונטערוואַסער=שטיינער אויפן וועג צום ציל, — נאָר אַזאַ פּאַרטיי האָט געקאָנט אַזוי געניט פאַראייניקן אין איין אַלגעמיינעם רעוואָליוציאָנערן שטראָם אַזוינע פאַרשיידענע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונגען, ווי די אַלגעמיין=דעמאָקראַטישע באַוועגונג פאַר שלום, די פּויעריש=דעמאָקראַטישע באַוועגונג פאַר פאַרכאַפּן די פּריצ׳ישע ערד, די נאַציאָנאַלע באַפרײַאונגס=באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער פאַר נאַציאָנאַלער גלײַכבאַרעכטיקונג און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פונם פּראָלעטאַריאַט פאַר אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע, פאַר אײַנשטעלן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

קיין צווייפל ניט, אַז די פאַראייניקונג פון אָט די פאַרשיידענע רעוואָליוציאָנערע שטראָמען אין איין אַלגעמיינעם מעכטיקן רעוואָליוציאָנערן שטראָם האָט אַנטשיידט דעם גורל פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד.

5. די אָקטאָבער־רעוואָליוציע האָט זיך אָנגעהויבן אין אַזאַ מאָמענט, ווען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה איז נאָך געווען אין ברען, ווען די וויכטיקסטע בורזשואַזע מלוכות זײַנען געווען צעשפּאָלטן אויף צוויי פײַנטלאַכע לאַגערן, ווען, זײַענדיק פאַרנומען מיט דער מלחמה איינער קעגן אַנדערן און אָפּשוואַכנדיק איינער דעם אַנדערן, האָבן זיי ניט געהאַט קיין מעגלאַכקײַט ערנסט אַרײַנצומישן זיך אין די „רוסישע ענינים“ און אַקטיוו אַרויסצוטרעטן קעגן דער אָקטאָבער=רעוואָליוציע.

קיין צווייפל ניט, אַז דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט באַדײַטנדיק פאַרלײַכטערט דעם זיג פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער=רעוואָליוציע.

## 7. דער קאַמף פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטן־מאַכט. דער בריסקער שלום. דער זיבעטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

כדי צו פאַרפעסטיקן די סאָוועטן־מאַכט, האָט מען געדאַרפט צעשטערן, צעברעכן דעם אַלטן, דעם בורזשואַזן מלוכה־אַפּאַראַט און אויף זײַן אָרט שאַפן אַ נײַעם אַפּאַראַט פון דער סאָוועטן־מלוכה. ווײַטער, האָט מען געדאַרפט צעשטערן די רעשטלאַך פון דער שטאַנדן־אָרדענונג און דעם רעזשים פון נאַציאָנאַלן דרוק, אָפּשאַפן די פּריווילעגיעס פון דער קירך, ליקווידירן די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע פּרעסע און קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון אַלערליי מינים, די לעגאַלע און די אומלעגאַלע, פאַנאַנדערלאָזן די בורזשואַזע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. ענדלאַך, האָט מען באַלד נאָך דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד געדאַרפט נאַציאָנאַליזירן אויך די גאַנצע גרויס־אינדוסטריע און נאָכדעם — אַרויסגיין פונם מלחמה־צושטאַנד, מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, וואָס האָט מער פאַר אַלץ געשטערט דער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטן־מאַכט.

אָט די אַלע מאָס־מיטלען זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים פון סוף יאָר 1917 ביזן מיטן 1918־טן יאָר.

דער סאַבאָטאַזש פון די טשינאָווניקעס פון די אַלטע מיניסטעריומס, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די עסערן און מענשעוויקעס, איז אײַנגעבראָכן און ליקווידירט געוואָרן. די מיניסטעריומס זײַנען אָפּגעשאַפט געוואָרן און אָנשטאָט זיי זײַנען געשאַפן געוואָרן סאָוועטישע פאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַטן און אַנטשפּרעכנדיקע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ העכסטער ראַט פון דער פאָלקסווירטשאַפט אויף צו פאַרוואַלטן מיט דער אינדוסטריע פונם לאַנד. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַלרוסלענדישע אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע (וו.טש.ק.) בראש מיט פ. דזערזשינסקי אויף צו קעמפן קעגן קאָנטר־רעוואָליוציע און סאַבאָטאַזש. ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דעקרעט וועגן שאַפן די רויטע אַרמיי און פלאָט. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס די וואַלן צו איר זײַנען אין גרונט פאָרגעקומען נאָך ביז דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע און וועלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן די דעקרעטן פונם צווייטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר וועגן שלום, וועגן ערד, וועגן איבערגאַנג פון דער מאַכט צו די סאָוועטן, — איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן.

מיטן ציל ענדגילטיק צו ליקווידירן די רעשטלאַך פון פעאָדאַליזם, פון שטאַנדן־אָרדענונג און ניט־גלײַכבאַרעכטיקונג אין אַלע געביטן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן דעקרעטן וועגן אָפּשאַפן די שטאַנדן, וועגן פאַרניכטן די נאַציאָנאַלע באַגרענעצונגען און גלויבנס־באַגרענעצונגען, וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכה און די שול פון דער קירך, וועגן גלײַכבאַרעכטיקונג פון די פרויען, וועגן גלײַכבאַרעכטיקונג פון די נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד.

אין א ספּעציעלער באַשטימונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג, וואָס איז באַוואוסט ווי די „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון די פעלקער פון רוסלאַנד", איז איינגעשטעלט געוואָרן, אַז די פרייע אַנטוויקלונג פון די פעלקער פון רוסלאַנד און זייער פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג זיינען א געזעץ.

כדי אונטערצורייסן די עקאָנאָמישע קראַפט פון דער בורזשואַזיע און צו אָרגאַניזירן די נייע סאָוועטישע פאָלקסווירטשאַפט, פריער פאַר אַלץ — צו אָרגאַניזירן די נייע, סאָוועטישע אינדוסטריע — זיינען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן די בענק, די אייזנבאַנען, דער אויסערן־האַנדל, דער האַנדלס־פלאָט און די גאַנצע גרויס־אינדוסטריע אין אַלע אירע צווייגן: די קוילן־אינדוסטריע, די מעטאַלורגישע, די נאַפט־אינדוסטריע, די כעמישע, די מאַשינבויערישע, די טעקסטיל־אינדוסטריע, די צוקער־אינדוסטריע און א. וו.

מיטן צוועק צו באַפרייען אונזער לאַנד פון דער פינאַנציעלער אָפּהענגיקייט און פון דער עקספּלואַטאַציע פון די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן זיינען אַנולירט (אָפּגעשאַפט) געוואָרן די אויסלענדישע הלוואות פון רוסלאַנד, וועלכע עס האָבן געשלאָסן דער קייסער און די צייטווייליקע רעגירונג. די פעלקער פון אונזער לאַנד האָבן ניט געוואָלט צאָלן פאַר די חובות, וואָס מע האָט געמאַכט אויף פאַרזעצן די רויבערישע מלחמה און וואָס האָבן געשטעלט אונזער לאַנד אין פאַרקנעכטנדיקער אָפּהענגיקייט פונם אויסלענדישן קאַפּיטאַל.

אָט די אַלע און ענלאַכע צו זיי מאָס־מיטלען האָבן ראַדיקאַל אונטערגעריסן די כחות פון דער בורזשואַזיע, פון די פּריצים, פון די רעאַקציאָנערע משוי־נאָוניקעס, פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און — באַדייטנדיק פאַרפעסטיקט די סאָוועטן־מאַכט אינעווייניק אין לאַנד.

מע האָט אָבער ניט געקאָנט האַלטן די לאַגע פון דער סאָוועטן־מאַכט פאַר א פולשטענדיק פאַרפעסטיקטער, כל זמן רוסלאַנד האָט זיך געפונען אין א צושטאַנד פון מלחמה מיט דייטשלאַנד און עסטרייך. כדי ענדגילטיק צו פאַרפעסטיקן די סאָוועטן־מאַכט, האָט מען געדאַרפט מאַכן א סוף צו דער מלחמה. דעריבער האָט די פּאַרטיי פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַמף פאַר שלום באַלד פון די ערשטע טעג פונם זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די סאָוועטן־רעגירונג האָט פאָרגעלייגט „אַלע מלחמה־האַלטנדיקע פעלקער און זייערע רעגירונגען תיכף אָנצוהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן א גערעכטיקן דעמאָקראַטישן שלום". נאָר די „פאַרבינדעטע" — ענגלאַנד און פראַנקרייך — האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון דער סאָוועטן־רעגירונג. מחמת דעם, וואָס פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום, האָט די סאָוועטן־רעגירונג, אויספילנדיק דעם ווילן פון די סאָוועטן, באַשלאָסן צוטרעטן צו אונטערהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד און עסטרייך.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 3־טן דעצעמבער אין ברעסט־ליטאָווסק (בריסק). דעם 5־טן דעצעמבער איז אונטערגעשריבן געוואָרן

א פארשטענדיקונג וועגן וואפנשטילשטאנד, וועגן אפשטעלן צײטווײליק די קריגס־אפעראציעס.

די אונטערהאנדלונגען זײנען פארגעקומען אין אומשטענדן פון חורבן פון דער פאלקסווירטשאפט, אין אומשטענדן פון אלגעמיינער מידקײט מחמת דער מלחמה און דעם אוועקגיין פון אונזערע מיליטער־טײלן פון פראנט, אין אומשטענדן פון א פאנאנדערפאל פונם פראנט. בעת די אונטערהאנדלונגען איז קלאר געווארן, אז די דײטשישע אימפעריאליסטן שטרעבן צו פארכאפן קאלאסאלע שטיקער טעריטאריע פון דער געוועזענער צארישער אימפעריע, און פוילן, אוקראאינע און די בײבאלטישע לענדער ווילן זיי פארוואנדלען אין מלוכות, אפהענגיקע פון דײטשלאנד.

פארזעצן די מלחמה אין די דאזיקע באדינגונגען — האט באדײט שטעלן אין קאן די עקזיסטענץ פון דער נארוואס געבוירענער סאוועטן־רעפובליק. פארן ארבעטער־קלאס און פארן פויערטום האט זיך געשטעלט די נויטווענדיקײט אײנצוגיין אויף שווערע שלום־באדינגונגען, צוריקטרעטן פארן דעמאלט סאמע געפערלאכן רויבער — פארן דײטשישן אימפעריאליזם, כדי צו באקומען אן אטעם־איבערכאפ, פארפעסטיקן די סאוועטן־מאכט און שאפן א נײע, א רויטע ארמיי, וואס זאל זײן פייאיק צו פארטיידיקן דאס לאנד פון אן אנפאל פון די שונאים.

אלע קאנטער־רעוואליוציאנערן, אנגעהויבן פון די מענשעוויקעס און עסערן און געענדיקט מיט די פארביסנסטע ווײסגווארדייער, האבן געפירט א ווילדע אגיטאציע קעגן אונטערשרײבן דעם שלום. זייער ליניע איז געווען קלאר: זיי האבן געוואלט אראפרײסן די שלום־אונטערהאנדלונגען, פראוואצירן אן אנגריף פון די דײטשן און שטעלן אונטער א קלאפ די נאך ניט פעסט געווארענע סאוועטן־מאכט, שטעלן אונטער א געפאר די דעראבערונגען פון די ארבע־טער און פויערים.

אלס זייערע פארבינדעטע אין אט דעם פינסטערן ענין האבן זיך ארויסגע־וויזן טראצקי און זײן געהילף בוכארין, וואס איז צוזאמען מיט ראדעקן און פיאטאקאוון געשטאנען בראש פון א פײנטלאכער צו דער פארטיי גרופע, וועלכע האט זיך צוליב מאסקירונג וועגן גערופן גרופע פון „לינקע קאמו־ניסטן". טראצקי און די גרופע „לינקע קאמוניסטן" האבן געפירט אינע־ווייניק אין דער פארטיי א פארביטערטן קאמף קעגן לענינען, פאדערנדיק פאר־צוזעצן די מלחמה. די דאזיקע מענשן האבן בפירוש געגאנגען וואסער אויף די רעדער פון די דײטשישע אימפעריאליסטן און פון די קאנטער־רעוואליוציאנערן אין לאנד גופא, ווײל זיי האבן געפירט די זאך דערצו, אז די יונגע סאוועטן־רעפובליק, וואס האט נאך ניט געהאט קיין ארמיי, זאל אוועקגעשטעלט ווערן אונטערן קלאפ פונם דײטשישן אימפעריאליזם.

דאס איז געווען עפעס א מין פראוואקאטארישע פאליטיק, וועלכע האט זיך קונציק מאסקירט מיט לינקע פראזן.

דעם 10=טן פעברואר 1918=טן יאָר זײַנען די שלום=אונטערהאַנדלונגען אין בריסק איבערגעריסן געוואָרן. ניט געקוקט דערויף, וואָס לענין און סטאַלין זײַנען אין נאָמען פונעם צ.ק. פון דער פּאַרטיי באַשטאַנען אויף אונטערשרײַבן דעם שלום, האָט טראָצקי, זײַענדיק פאָרזיצער פון דער סאָוועטישער דעלע=גאַציע אין בריסק, פאַררעטעריש געבראָכן די בפירוש'ע דירעקטיוון פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. ער האָט געמאָלדן, אַז די סאָוועטן=רעפּובליק זאָגט זיך אָפּ אונטערצושרײַבן דעם שלום אויף די באַדינגונגען, וואָס דײַטשלאַנד לייגט פאָר, און האָט אין דער זעלבער צײַט מיטגעטיילט די דײַטשן, אַז די סאָוועטן=רעפּובליק וועט קיין מלחמה ניט פירן און זי זעצט פאָר די דעמאָ=ביליזאַציע פון דער אַרמיי.

דאָס איז געווען אומגעהויערלאַך. מערער האָבן די דײַטשישע אימפּעריאַליסטן אַפילו ניט געקאָנט פאָדערן פונעם פאַררעטער פון די אינטערעסן פונעם סאָוועטן=לאַנד.

די דײַטשישע רעגירונג האָט איבערגעריסן דעם וואָפנשטילשטאַנד און איז אַריבער אין אָן אַנגריף. די רעשטלאַך פון אונזער אַלטער אַרמיי זײַנען ניט בײַגעשטאַנען אַקעגן דעם אָנדראַנג פונעם דײַטשישן מיליטער און האָבן זיך גענומען צעלויפן. די דײַטשן האָבן זיך שנעל דורכגערוקט פאָראויס, פאַרכאַפּנ=דיק אַ קאָלאָסאַלע טעריטאָריע און באַדראָענדיק פּעטראָגראַד. אַרײַנגעריסן זיך אין סאָוועטן=לאַנד, האָט זיך דער דײַטשישער אימפּעריאַליזם געשטעלט פאַר אַ ציל אַראָפּצוואַרפן די סאָוועטן=מאַכט און פאַרוואַנדלען אונזער היימ=לאַנד אין זײַנער אַ קאָלאָניע. די אַלטע, צערוּאינירטע צאַרישע אַרמיי האָט ניט געקאָנט בײַשטיין קעגן די באַוואָפנטע חילות פונעם דײַטשישן אימפּעריאַליזם. זי האָט זיך אָפּגעקײַקלט אונטער די קלעפּ פון דער דײַטשישער אַרמיי.

די באַוואָפנטע אינטערווענציע פון די דײַטשישע אימפּעריאַליסטן האָט אָבער אַרויסגערופן אַ מעכטיקן רעוואָלוציאָנערן אויפשטײַג אינעם לאַנד. אַלס ענטפער אויף דעם רוף, וואָס עס האָבן געוואָרפן די פּאַרטיי און די סאָוועטן=רעגירונג, — „דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד איז אין געפאַר“, — האָט דער אַרבעטער=קלאַס געענטפערט מיט אַ פאַרשטאַרקטער פאָרמירונג פון רויטאַרמייאישע טיילן. די יונגע אָטריאַדן פון דער נײַער אַרמיי — פון דער אַרמיי פונעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק — האָבן העראָאיש אָפּגעשלאָגן דעם אָנדראַנג פונעם ביז די ציין באַוואָפנטן דײַטשישן רויבער. אונטער נאַרווע און פּסקאָוו איז די דײַטשישע אָקופּאַנטן געגעבן געוואָרן אַן אַנטשיידנדיקער ווידערשטאַנד. זייער באַוועגונג פאָראויס צו פּעטראָגראַד איז אָפּגעשטעלט גע=וואָרן. דער טאָג פון ווידערשטאַנד דעם מיליטער פונעם דײַטשישן אימפּעריאַ=ליזם — דער 23=טער פעברואר — איז געוואָרן דער געבורטס=טאָג פון דער יונגער רויטער אַרמיי.

נאָך דעם 18=טן פעברואר 1918=טן יאָר האָט דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי אָנ=גענומען לענינס פאָרשלאָג צו שיקן אַ טעלעגראַמע דער דײַטשישער רעגירונג

וועגן שליסן תיכף שלום. כדי צו זיכערן פאר זיך מער לוינבארע שלום־באַדינגונגען, האָבן די דײַטשן פאָרגעזעצט דעם אָנגריף, און ערשט דעם 22־טן פעברואר האָט די דײַטשישע רעגירונג אויסגעדריקט די הסכּמה אונטערצושרײַבן א שלום, דערבײַ זײַנען די שלום־באַדינגונגען געווען א סך שווערערע, ווי די פריִערדיקע.

לענינען, סטאַלינען און סווערדלאָוון איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן אן עקשנות'דיקן קאַמף אין צ.ק. קעגן טראָצקין, בוכארינען און אנדערע טראָצקיסטן, כדי צו דערשלאָגן זיך א באשלוס וועגן שלום. לענין האָט אָנגעוויזן, אז בוכארין און טראָצקי „האָבן פאַקטיש געהאָלפן די דײַטשישע אימפּעריאַליסטן און געשטערט דעם וואוקס און דער אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע אין דײַטשלאַנד" (לענין, ב. XXII, ז. 307, רוסיש).

דעם 23־טן פעברואר האָט דער צ.ק. באַשטימט אָננעמען די באַדינגונגען פון דער דײַטשישער קאָמאנדשאַפט און אונטערשרײַבן א שלום־אָפּמאך. דער פאַרראַט פון טראָצקין און פון בוכארינען האָט געקאָסט טײַער דער סאָוועטן־רעפּובליק. לעטלאַנד, עסטלאַנד, שוין אָפּגערעדט פון פּוילן, זײַנען אָפּגעגאַנגען צו דײַטשלאַנד; אוקראַאינע איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער סאָוועטן־רעפּובליק און פארוואַנדלט געוואָרן אין א וואַסאַלער (אָפּהענגיקער) דײַטשישער מלוכה. די סאָוועטן־רעפּובליק האָט זיך פארפליכט צו צאָלן די דײַטשן קאָנטריבוציע.

דערווײַל האָבן די „לינקע קאָמוניסטן", פאָרזעצנדיק דעם קאַמף קעגן לענינען, זיך אראָפּגעקײַקלט אַלץ טיפער און טיפער אין זומפּ פון פאַרראַט.

די מאָסקווער געגנטלאַכע ביוראָ פון דער פּאַרטיי, וואָס איז צײַטווײַליק פארכאַפּט געוואָרן דורך די „לינקע קאָמוניסטן" (בוכארין, אָסינסקי, יאַקאָוולעווא, סטוקאָוו, מאַנצעוו), האָט אָנגענומען א שפּאַלטונגס־רעזאָליוציע פון אומצוטרוי דעם צ.ק. און האָט דערקלערט, אז זי האַלט „קוים פאר מעגלאך אויסצומײַדן א שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי אין דער נאָענטסטער צײַט". זיי זײַנען דערגאַנגען אין דער דאָזיקער רעזאָליוציע ביז אָננעמען אן אנטיסאָוועטישן באַשלוס: „אין די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציע, — האָבן די „לינקע קאָמוניסטן" געשריבן אין דעם דאָזיקן באשלוס, — האַלטן מיר פאר צוועקמעסיק צו גיין אויף דער מעגלאַכקײַט צו פארלירן די סאָוועטן־מאַכט, וועלכע ווערט איצט א ריין פאָרמעלע".

לענין האָט דעם דאָזיקן באשלוס אָנגערופן „מאָדנער און משונה'דיקער".

אין יענער צײַט איז נאָך פאר דער פּאַרטיי ניט געווען קלאָר די ווירקלאַכע סיבּה פון אזא אַנטיפּאַרטייאישער אויפפירונג מצד טראָצקין און די „לינקע קאָמוניסטן". ווי דאָס האָט אָבער פעסטגעשטעלט דער ניט לאַנג פאָרגעקומענער פּראָצעס פונם אנטיסאָוועטישן „רעכט־טראָצקיסטישן בלאָק" (אָנהויב 1938־טן יאָר), זײַנען, ווײַזט זיך ארויס, בוכארין און די גרופּע „לינקע קאָמוניסטן", וואָס ער איז געשטאַנען בראש פון איר, צוזאַמען מיט טראָצ־

קין און מיט די „לינקע" עסערן געווען אין א געהיימער פארשווערונג קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג. בוכארין, טראָצקי און זייערע פארשווערונגס־קאָמפּאַניאָנען, ווײַזט זיך ארויס, האָבן זיך געשטעלט פאר א ציל — אראָפּרײַסן דעם בריסקער שלום־אָפּמאך, ארעסטירן וו. אי. לענינען, י. וו. סטאלינען, יא. מ. סווערדלאָוון, דערמאָרדן זיי און אויספאָרמירן א נײַע רעגירונג פון בוכארינצעס, טראָצקיסטן און „לינקע" עסערן.

אָרגאניזירנדיק די געהיימע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע פארשווערונג, האָט די גרופּע „לינקע קאָמוניסטן" בײַ טראָצקים שטיצע גלײַכצײַטיק געפירט אן אָפענע אטאקע קעגן דער באָלשעוויסטישער פארטיי, שטרעבנדיק צו צעשפּאלטן די פארטיי און דעמאָראליזירן די פארטיי־רייען. די פארטיי האָט זיך אָבער אין אָט דעם שווערן מאָמענט באהעפט ארום לענינען, סטאלינען, סווערדלאָוון און האָט געשטיצט דעם צענטראל־קאָמיטעט אין דער פראגע וועגן שלום פונקט אזוי, ווי אויך אין אלע אנדערע פראגן.

די גרופּע „לינקע קאָמוניסטן" האָט זיך ארויסגעוויזן איזאָלירט און צעקלאפּט.

כדי ענדגילטיק צו לייזן די פראגע וועגן שלום איז צונויפגערופן געוואָרן דער זיבעטער פארטיי־צוזאמענפאָר.

דער זיבעטער פארטיי־צוזאמענפאָר האָט זיך געעפנט דעם 6־טן מערץ 1918־טן יאָר. דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאמענפאָר, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן נאָך דעם, ווי אונזער פארטיי האָט גענומען די מאכט. אויפן צוזאמענפאָר זײַנען געווען 46 דעלעגאטן מיט באשטימונגס־רעכט און 58 מיט בעראטונגס־רעכט. אויפן צוזאמענפאָר זײַנען געווען פארטראָטן 145 טויזנט פארטיי־מיטגלידער. אינדער'אמת'ן איז אין דער פארטיי אין דער דאָזיקער צײַט געווען ניט ווייניקער פון 270 טויזנט מיטגלידער. די דאָזיקע דיפערענץ דערקלערט זיך דערמיט, וואָס איבער דעם עקסטרע־כאראקטער פונם צוזאמענפאָר האָט א באדײַטנדיקער טייל אָרגאניזאציעס ניט באוויזן צו שיקן דעלעגאטן, און די אָרגאניזאציעס, וואָס די טעריטאָריע זייערע איז געווען צײַטווײַליק אָקופּירט דורך די דײַטשן, האָבן ניט געהאט קיין מעגלאכקײַט צו שיקן דעלעגאטן.

באריכטנדיק וועגן דעם בריסקער שלום, האָט לענין אויף דעם דאָזיקן צוזאמענפאָר געזאָגט, אז „...אָט דער שווערער קריזיס, וואָס אונזער פארטיי לעבט איבער אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס עס האָט זיך אין איר אויסגעבילדעט א לינקע אָפּאָזיציע, איז איינער פון די גרעסטע קריזיסן, וואָס עס לעבט איבער די רוסישע רעוואָליוציע" (דאָרט, ז. 321).

מיט 30 שטימען קעגן 12 בײַ 4 אָפּגעהאלטענע איז אָנגענומען געוואָרן לענינס רעזאָליוציע איבער דער פראגע וועגן דעם בריסקער שלום.

לענין האָט אויף מאָרגן נאָכן אָננעמען די רעזאָליוציע געשריבן אין ארטיקל „דער אומגליקלאכער שלום":

„אומדערטרעגלאך שווער זײַנען די שלום־באַדינגונגען. און דאָך וועט די געשיכטע נעמען אירס... צו דער ארבעט פון אָרגאַניזירן, אָר־גאַניזירן און אָרגאַניזירן. די צוקונפט איז, גיט געקוקט אויף קיין שום נסיונות — פאר אונז" (לענין, ב. XXII, ז. 288, רוסיש).

אין דער רעוואָלוציע פונם צוזאַמענפאָר איז פאַרצייכנט געוואָרן, אז אויך ווײַטער זײַנען אומפאַרמײַדלאך קריגס־ארויסטרעטונגען פון די אימפּע־ריאַליסטישע מלוכות קעגן דער סאָוועטן־רעפּובליק, דעריבער האַלט דער צו־זאַמענפאָר פאַר דער גרונט־אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי אָננעמען די העכסט ענערגישע און אנטשיידענע מאָס־מיטלען צו העכערן די זעלבסט־דיסציפּלין און דיסציפּלין פון די ארבעטער און פּויערים, צוצוגרייטן די מאַסן צו א מסירת־נפש'דיקער פאַרטיידיקונג פונם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד, צו אָר־גאַניזירן די רויטע אַרמיי, צו אָרגאַניזירן די אַלגעמיינע מיליטער־צוגרייטונג פון דער באַפעלקערונג.

באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער לענינישער ליניע אין דער פראַגע וועגן בריסקער שלום, האָט דער צוזאַמענפאָר פאַראורטיילט די פּאָזיציע פון טראָצקין און בוכאַרינען און געשטעמפּלט דעם פּרוּוו פון די „לינקע קאָ־מוניסטן", וואָס האָבן געליטן א מפּלה, פאַרצוזעצן אויפן צוזאַמענפאָר גופא די שפּאַלטונגס־ארבעט.

דאָס שליסן דעם בריסקער שלום האָט געגעבן דער פּאַרטיי די מעגלאַכ־קייט צו געווינען צײַט, כדי צו פאַרפעסטיקן די סאָוועטן־מאַכט, צו ברענ־גען אין אָרדענונג די ווירטשאַפט פונם לאַנד.

דאָס שליסן דעם שלום האָט געגעבן א מעגלאַכקייט אויסצונוצן די צוזאַ־מענשטויסן אינם לאַגער פונם אימפּעריאַליזם (די אַליִיִרטע מלחמה צווישן עסטרײַך־דײַטשלאַנד מיט דער אַנטאַנט), דעמאָראַליזירן די כחות פונם קעגנער, אָרגאַניזירן די סאָוועטישע ווירטשאַפט, שאַפן די רויטע אַרמיי.

דאָס שליסן דעם שלום האָט געגעבן דעם פּראָלעטאַריאַט א מעגלאַכקייט אײַנצוהיטן פאַר זיך דאָס פּויערטום און אָנזאַמלען כחות אויף צעשמעטערן די ווײַסגוואַרדייאישע גענעראַלן אינם פּעריאָד פונם בירגערקריג.

אינם פּעריאָד פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע האָט לענין געלערנט די באָל־שעוויסטישע פּאַרטיי, וויאַזוי מע דאַרף אומדערשראָקן און אנטשיידן אָנגרײַפן, ווען ס'זײַנען פאַראַן דערצו די נויטיקע באַדינגונגען. אינם פּעריאָד פונם בריסקער שלום האָט לענין געלערנט די פּאַרטיי, וויאַזוי מע דאַרף אין אָרדע־נונג צוריקטרעטן אין א מאָמענט, ווען די קרעפטן פונם שונא שטײַגן בפירוש איבער אונזערע קרעפטן, כדי מיט דער גרעסטער ענערגיע גרייטן א נײַעם אָנ־גריף קעגן די שונאים.

די געשיכטע האָט באַוויזן די גאַנצע ריכטיקייט פון דער לענינישער ליניע.

אויפן זיבעטן צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס וועגן ענדערן דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי און אויך וועגן ענדערן די פּראָגראַם פון דער

פארטיי. די פארטיי האָט זיך גענומען אָנרופן רוסלענדישע קאָמוניסטישע פארטיי (באָלשעוויקעס)—ר.ק.פ.(ב.). לענין האָט פאָרגעלייגט אָנצורופן אונזער פארטיי קאָמוניסטישע, ווייל דער דאָזיקער נאָמען אנטשפרעכט פינקטלאך דעם ציל, וואָס די פארטיי שטעלט פאר זיך, — פארווירקלאכן דעם קאָמוניזם.

אויף צוגויפשטעלן די נייע פראָגראם פון דער פארטיי איז אויסגעווילט געוואָרן א ספעציעלע קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען ארײַן לענין, סטאלין און אנדערע; דערביי איז ווי א יסוד פון דער פראָגראם אָנגענומען געוואָרן דער פראָיעקט, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן דורך לענינען.

אזויארום האָט דער זיבעטער צוזאמענפאָר אויסגעפילט א קאָלאָסאלע היסטאָרישע ארבעט: ער האָט צעקלאפט די פארבאָרגענע שונאים אין דער פארטיי גופא, די „לינקע קאָמוניסטן״ און די טראָצקיסטן; ער האָט זיך דערשלאָגן אן ארויסגאנג פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה; ער האָט זיך דערשלאָגן שלום, אן אָטעם-איבערכאפּ; ער האָט געגעבן דער פארטיי א מעגלאכקייט צו געווינען צייט אויף אָרגאניזירן די רויטע ארמיי און האָט פארפליכטעט די פארטיי איינצופירן א סאָציאליסטישע אָרדענונג אין דער פאָלקסווירטשאפט.

## 8. דער לענינישער פלאן פון צוטרעטן צו דער סאָציאליסטישער בויאונג. די „קאָמבעדן״ און די איינצוימונג פונם באַלעגופּנטום. דער בונט פון די „לינקע״ עסערן און דאָס דערשטיקן אים. דער פינפטער סאָוועטן-צוזאמענפאָר און דאָס אָננעמען די קאָנסטיטוציע פון ר.ס.פ.ס.ר.

געשלאָסן שלום און באקומען אן אָטעם-איבערכאפּ, איז די סאָוועטן-מאכט צוגעטראָטן צו פאנאנדערוויקלען די סאָציאליסטישע בויאונג. דעם פעריאָד פון נאָוועמבער 1917-טן יאָר ביז פעברואר 1918-טן יאָר האָט לענין אָנגערופן פעריאָד פון „רויטגווארדייאישער אטאקע אויפן קאפיטאל״. אין פארלויף פון דער ערשטער העלפט 1918-טן יאָר האָט זיך דער סאָוועטן-מאכט איינגעגעבן איינצוברעכן דיווירטשאפטלאכע מעכטיקייט פון דער בורזשואזיע, קאָנצענטרירן אין די אייגענע הענט די קאָמאנדע-הויכן פון דער פאָלקסווירטשאפט (די פאבריקן, זאוואָדן, בענק, אייזנבאנען, דעם אויסערן-האנדל, דעם האנדלס-פלאָט א.ד.גל.), צעברעכן דעם בורזשואזן אפּאראט פון דער מלוכה-מאכט און זיגרייך ליקווידירן די ערשטע פרואוון פון דער קאָנטר-רעוואָליוציע אראָפּצוּוואַרפן די סאָוועטן-מאכט.

דאָס אלץ איז נאָך אָבער געווען ווייט ניט גענוג. כדי א רוק צו טאָן זיך פאָראויס, האָט מען געדארפט פון צעשטערן דאָס אלטע אריבערגיין צו בויען דאָס נייע. דעריבער האָט זיך אין פרילינג 1918-טן יאָר אָנגעהויבן אן אריבערגאנג צו א נייעם עטאפּ פון דער סאָציאליסטישער בויאונג — „פון עקספּראָפּריאירן די עקספּראָפּריאטאָרן״ צו אָרגאניזאציאָנעל פארפעסטיקן די אָפּגעהאל-

טענע זיגן, צו בויען די סאָוועטישע פאָלקסווירטשאפט. לענין האָט געהאלטן פאר נויטיק מאקסימאל אויסצונוצן דעם אָטעם־איבערכאפּ, כדי צוטרעטן צו אויסבויען דעם פונדאמענט פון דער סאָציאליסטישער עקאָנאָמיק. די באָלשע־וויקעס האָבן זיך געדארפט אויסלערנען אויף א נײַעם אופן אָרגאניזירן די פּראָ־דוקציע און פארוואלטן מיט איר. לענין האָט געשריבן, אז די פארטיי באָלשע־וויקעס האָט איבערצײַגט רוסלאנד, די פארטיי באָלשעוויקעס האָט אויסגע־קעמפט רוסלאנד בײַ די רײַכע פארן פאָלק, אצינד, האָט לענין געזאָגט, דארף זיך די פארטיי באָלשעוויקעס אויסלערנען פארוואלטן מיט רוסלאנד.

ווי די הויפּט־אויפגאבעס אויף דעם דאָזיקן עטאפּ האָט לענין געהאלטן די אויפגאבעס פון דיסקאָנטירן דאָס, וואָס סע ווערט פּראָדוצירט אין דער פאָלקס־ווירטשאפט, און פונם קאָנטראָל איבער דער פארווענדונג פון דער גאנצער אויס־געארבעטער פּראָדוקציע. אין לאנד האָבן געהאט די אויבערהאנט די קליינביר־גערלאכע עלעמענטן אין דער ווירטשאפט. די מיליאָנען קליינע באלעבאטימלאך אין שטאָט און אין דאָרף זײַנען געווען א באָדן פארן וואוקס פונם קאפּיטאליזם. אָט די קליינע באלעבאטימלאך האָבן ניט אָנערקענט ניט קיין ארבעטס־דיסצי־פּלין, ניט קיין אלגעמיין־מלוכה'שע דיסציפּלין, זיי האָבן זיך ניט אונטערגע־וואָרפן ניט קיין דיסקאָנט, ניט קיין קאָנטראָל. אין אָט דעם שווערן מאָמענט האָט א באזונדערע געפאר מיט זיך פאָרגעשטעלט די קליינבירגערלאכע סטיכיע פון ספּעקוליאציע און הענדלערײַ און די פּרואוון פון די קליינע באלעבאטימ־לאך און הענדלער אָנצולעבן זיך אויף דער פאָלקס־נויט.

די פארטיי האָט גענומען פירן אן ענערגישן קאמף קעגן דער צעקראָכנקײַט אין דער פּראָדוקציע, קעגן דער אָפּוועזנקײַט פון ארבעטס־דיסציפּלין אין דער אינדוסטריע. די נײַע ארבעטס־געוואוינהײַטן זײַנען לאנגזאם באהערשט געוואָרן דורך די מאסן. מחמת דעם איז דער קאמף פאר ארבעטס־דיסציפּלין געוואָרן אין דעם דאָזיקן פּעריאָד די צענטראלע אויפגאבע.

לענין האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטיקײַט פאנאנדערצואוויקלען אין דער אינדוסטריע דעם סאָציאליסטישן געוועט, אײַנפירן שטיק־לוין, קעמפן קעגן אויסגלײַכערײַ, אָנווענדן צוגלײַך מיט די איבערצײַגונגס־מיטלען פון דערציאונג אויך די מעטאָדן פון צוואנג בנוגע יענע, וועלכע ווילן וואָס מער בארײַסן די מלוכה, וואָס פוסטעפּאסעווען און פארנעמען זיך מיט ספּעקוליאציע. ער האָט געהאלטן, אז די נײַע דיסציפּלין — די ארבעטס־דיסציפּלין, די דיסציפּלין פון חבר'שער פארבינדונג, די דיסציפּלין די סאָוועטישע — ווערט דורך די מיליאָ־נען ארבעטנדיקע אויסגעארבעט אין דער אלטעגלאכער פּראקטישער ארבעט. ער האָט אָנגעוויזן, אז „די דאָזיקע זאך וועט פארנעמען א גאנצע היסטאָרישע עפּאָכע" (לענין, ב. XXIII, ז. 44, רוסיש).

אָט די אלע פראגן פון דער סאָציאליסטישער בויאונג, די פראגן פון שאפן נײַע, סאָציאליסטישע פּראָדוציר־פארהעלטענישן, האָט לענין באלויכטן אין זײַן בארימטן ווערק „די אָרדנטלאכע אויפגאבעס פון דער סאָוועטן־מאכט".

די „לינקע קאָמוניסטן“ האָבן, ארויסטרעטנדיק פאראייניגס מיט די עסערן און מענשעוויקעס, גענומען פירן א קאמף קעגן לעגינען אויך איבער די דאָזיקע פראגן. בוכארין, אָסינסקי און אנדערע זיינען ארויסגעטראָטן קעגן איינפלאנצן דיסציפלין, קעגן איינפערזאָניקער אָנפירונג אין די אונטערנעמונגען, קעגן אויסנוצן די ספּעציאַליסטן אין דער אינדוסטריע, קעגן דורכפירן דעם ווירטשאפטלאכן אויסהאלט. זיי האָבן געטריבן רכילות אויף לעגינען, טענה׳נדיק, אז אזא פּאָליטיק באטייט א צוריק-קער צו די בורזשואזע פּאָראָנדקעס. גלייכצייטיק האָבן די „לינקע קאָמוניסטן“ געפּריידיקט די טראָצקיסטישע אָנשויאונגען, אז די סאָציאַליסטישע בויאונג און דער זיג פונם סאָציאַליזם אין רוסלאנד זיינען אוממעגלאך.

הינטער די „לינקע“ פראזן האָט זיך ביי די „לינקע קאָמוניסטן“ אויסבאהאלטן די פּארטיידיקונג פונם באלעגוף, פונם פּויליאק, פונם ספּעקוליאנט, וועלכע זיינען געווען קעגן דיסציפּלין און האָבן זיך פיינטלאך באצויגן צו דער מלוכה׳שער רעגולירונג פונם ווירטשאפטלאכן לעבן, צום דיסקאָנט און קאָנטראָל.

האָבנדיק געלייזט די פראגן פון אָרגאניזירן די נייע, די סאָוועטישע אינדוסטריע, איז די פּארטיי אריבער צו די פראגן פונם דאָרף. אין דאָרף האָט אין דער דאָזיקער צייט געברויזט דער קאמף פון דער אָרעמשאפט קעגן דעם באלעגופנטום. די באלעגופים זיינען געקומען צו די כחות און גענומען פארכאפּן די ערד, וואָס איז אָפּגענומען געוואָרן ביי די פּריצים. די אָרעמשאפט האָט זיך גענויטיקט אין הילף. קעמפנדיק קעגן דער פּראָלעטארישער מלוכה, פלעגן די באלעגופים זיך אָפּזאָגן צו פארקויפן דער מלוכה תבואה לויט פעסטע פרייזן. זיי האָבן געוואָלט דורך הונגער צווינגען די סאָוועטן-מלוכה אָפּצוזאָגן זיך פון דורכפירן די סאָציאַליסטישע מאָס-מיטלען. די פּארטיי האָט אוועקגעשטעלט די אויפגאבע — צעשמעטערן דאָס קאָנטר-רעוואָליוציאָנערע באלעגופנטום. כדי צו אָרגאניזירן די אָרעמשאפט און צוליבן דערפאָלגרייכן קאמף קעגן דעם באלעגופנטום, וואָס האָט פארמאָגט תבואה-מותרות, איז אָרגאניזירט געוואָרן א מארש פון די ארבעטער אין דאָרף אריין.

> „חברים ארבעטער! — האָט לענין געשריבן — געדענקט, אז די לאגע פון דער רעוואָליוציע איז א קריטישע. געדענקט, אז ראטעווען די רעוואָליוציע קאָנט נאָר איר, — מער קיינער נית. צענדליקער טויזנטער אָפּגעקליבענע, פאָרגעשריטענע, דעם סאָציאַליזם איבערגעגעבענע ארבעטער, וואָס זיינען ניט פייאיק אונטערצוגעבן זיך אויף כאבאר און גנבה, וואָס זיינען פייאיק צו שאפן אן אייזערנע קראפט קעגן די באלעגופים, ספּעקוליאנטן, מאראָדיאָרן, כאבארניקעס, דעזאָרגאניזאטאָרן, — אָט וואָס ס׳איז נויטיק“ (דאָרטן, ז. 25).

„דער קאמף פאר ברויט — דאָס איז א קאמף פאר סאָציאַליזם“, — האָט

לעגין געזאָגט. און אונטער דעם דאָזיקן לאָזונג איז געגאַנגען די אָרגאַניזירונג פון די ארבעטער פארן מארש אין דאָרף אריין. עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן א ריי דעקרעטן, וואָס שטעלן איין א דערנערונגס־דיקטאַטור און וואָס גיבן די אָרגאַנען פון די פאָלקס־קאָמיסאריאַטן פאר דערנערונג אויסעראָרדנטלאכע פול־מאכטן איינצוקויפן תבואה לויט פעסטע פרייזן.

לויטן דעקרעט פונם 11־טן יוני 1918־טן יאָר זיינען געשאפן געוואָרן אָרעמשאפט־קאָמיטעטן (קאָמבעדן). די „קאָמבעדן" האָבן געשפילט א גרויסע ראָלע אין קאמף קעגן דעם באַלעגופּנטום, אין דער איבערפארטיילונג פון דער קאָנפיסקירטער ערד און פארטיילונג פונם ווירטשאפטלאכן אינווענ־טאר, אין דער פארגרייטונג פון די דערנערונגס־מותרות ביי די באַלעגופים, אינם באזאָרגן מיט דערנערונג די ארבעטער־צענטערס און די רויטע ארמיי. 50 מי־ליאָן העקטאר באַלעגופּישע ערד איז אריבער אין די הענט פון דער אָרעמ־שאפט און פון די מיטלפּויערים. ס'איז קאָנפיסקירט געוואָרן ביים באַלעגופּנטום א באדייטנדיקער טייל פּראָדוציר־מיטלען לטובת דער אָרעמשאפט.

די אָרגאַניזירונג פון די אָרעמשאפט־קאָמיטעטן איז געווען א וויטערדיקער עטאפּ אין דער פאנאנדערוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין דאָרף. די „קאָמבעדן" זיינען געווען די אָנשפּאר־פּונקטן פון דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט אין דאָרף. דורך די „קאָמבעדן" איז אין א באדייטנדיקער מאָס געגאַנגען די פאָרמירונג פון די קאדרען פון דער רויטער ארמיי צווישן דער פּויערשער באפעלקערונג.

דער מארש פון די פּראָלעטאריער אין דאָרף אריין און די אָרגאַניזירונג פון די אָרעמשאפט־קאָמיטעטן האָבן פארפעסטיקט די סאָוועטן־מאכט אין דאָרף און האָבן געהאט א קאָלאָסאלע פּאָליטישע באדייטונג פאר דער דעראָבערונג פונם מיטלפּויער אויף דער זייט פון דער סאָוועטן־מאכט.

צום סוף 1918־טן יאָר, ווען די „קאָמבעדן" האָבן געהאט אויסגעפילט זייערע אויפגאבעס, האָבן זיי אויפגעהערט צו עקזיסטירן און זיך צונויפגעגאָסן מיט די סאָוועטן אין דאָרף.

דעם 4־טן יולי 1918־טן יאָר האָט זיך געעפנט דער פינפטער סאָוועטן־צו־זאמענפאָר. אויפן צוזאמענפאָר האָבן די „לינקע" עסערן פאנאנדערגעוויקלט א פארביטערטן קאמף קעגן לענינען, צו פארטיידיקן די באַלעגופים. זיי האָבן געפאָדערט אָפּצושטעלן דעם קאמף קעגן דעם באַלעגופּנטום און אָפּזאָגן זיך פון שיקן ארבעטערשע דערנערונגס־אָטריאַדן אין דאָרף אריין. ווען די „לינקע" עסערן האָבן זיך איבערצייגט, אז זייער ליניע באגעגנט א פעסטן ווידערשטאנד מצד דער מערהייט פונם צוזאמענפאָר, האָבן זיי אָרגאַניזירט א בונט אין מאָס־קווע, פארכאפּט דאָס טריאָכסוויאַטיטעלסקי געסל און פון דאָרטן האָבן זיי געהאט אָנגעהויבן צו באשיסן פון ארטילעריע דעם קרעמל. נאָר אין פארלויף פון עטלאכע שעה האָבן די באָלשעוויקעס דערשטיקט אָט די „לינק"־עסערישע אוואַנטיורע. אין א ריי פּונקטן פונם לאנד האָבן די אָרטיקע אָרגאַניזאציעס פון

די „לינקע“ עסערן אויך געפּרואווט אויפשטיין, נאָר אומעטום איז די דאָזיקע אוואַנטיורע שנעל ליקווידירט געוואָרן.

ווי עס איז איצט פעסטגעשטעלט געוואָרן אויפן פּראָצעס פונם אַנטיסאָוועטישן „רעכט-טראָצקיסטישן בלאָק“, איז דער בונט פון די „לינקע“ עסערן אויפגעהויבן געוואָרן מיטן וויסן און מיט דער הסכמה פון בוכאַרינען און טראָצקין און איז געווען אַ טייל פונם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער קאָנטער-רעוואָליוציאָנערער פאַרשווערונג פון די בוכאַרינצעס, טראָצקיסטן און „לינקע“ עסערן קעגן דער סאָוועטן-מאַכט.

אין דער זעלבער צייט האָט דער „לינקער“ עס-ער בליומקין, שפּעטער טראָצקיסט אַן אַגענט, זיך פאַרקליבן אין דער דייטשישער געזאַנדשאַפט און האָט, מיטן ציל צו פּראָוואָצירן אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד, דערמאָרדעט מירבאַכן — דעם דייטשישן געזאַנדטן אין מאָסקווע. דער סאָוועטן-רעגירונג האָט זיך אָבער איינגעגעבן אָפּצוואַרענדן די מלחמה און אַראָפּצורייסן די פּראָוואָקאַציע פון די קאָנטער-רעוואָליוציאָנערן.

אויפן פינפטן סאָוועטן-צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון ר.ס.פ.ס.ר., — די ערשטע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע.

## קורצע אויספירן.

אין פאַרלויף פון די אַכט חדשים פון פעברואַר ביז אָקטאָבער 1917-טן יאָר פירט די פּאַרטיי באָלשעוויקעס אויס אַ ביז גאָר שווערע אויפגאַבע: זי דעראָבערט די מערהייט אינם אַרבעטער-קלאַס, אין די סאָוועטן, זי ציט צו אויף דער זייט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע מיליאָנען פּויערים. זי רייסט אַרויס די דאָזיקע מאַסן פון אונטערן איינפלוס פון די קלייבבירגערלאַכע פּאַרטייען (עסערן, מענשעוויקעס, אַנאַרכיסטן), טראָגט נאָך טראָט דעמאַסקירט זי די פּאָליטיק פון די דאָזיקע פּאַרטייען, וואָס איז געווענדט קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע. די פּאַרטיי באָלשעוויקעס וויקלט פאַנאַנדער אַ קאָלאָסאַלע פּאָליטישע אַרבעט אויפן פראָנט און אינם הינטערלאַנד, צוגרייטנדיק די מאַסן צו דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער-רעוואָליוציע.

די אַנטשיידנדיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי אין דעם דאָזיקן פּעריאָד זיינען: לעניננס קומען פון עמיגראַציע, לעניננס אַפּריל-טעזיסן, די אַפּריל-קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי און דער זעקסטער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. אין די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי שעפּט דער אַרבעטער-קלאַס קראַפט און זיכערקייט אין זיג; ער קריגט אַן ענטפער אויף די וויכטיקסטע פראַגן פון דער רעוואָליוציע. די אַפּריל-קאָנפערענץ ריכטעט די פּאַרטיי צום קאַמף פאַר איבערגיין פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. דער זעקסטער צוזאַמענפאָר צילט אָן די פּאַרטיי אויף אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער בורזשואַזיע און איר צייטווייליקער רעגירונג.

די פשרה־מאכערישע פארטייען פון די עסערן און מענשעוויקעס, די אנארכיסטן און אנדערע ניט־קאָמוניסטישע פארטייען פארענדיקן זייער אנטוויקלונג: אלע ווערן זיי בורזשואזע פארטייען שוין פאר דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע, וועלכע פארטיידיקן די גאנצקייט און אָפּגעהיטקייט פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג. די פארטיי באָלשעוויקעס איינע אליין פירט אָן מיטן קאמף פון די מאסן פאר אראָפּוואַרפן די בורזשואזיע און איינשטעלן די מאכט פון די סאָוועטן.

גלייכצייטיק צעקלאפּן די באָלשעוויקעס די פּרוּוון פון די קאפּיטוליאנטן אינעווייניק אין דער פארטיי — פון זינאָוויעוון, קאמעניעוון, ריקאָוון, בוכארינען, טראָצקין, פּיאטאקאָוון אָפּצואווענדן די פארטיי פונם וועג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

אָנגעפירט פון דער פארטיי באָלשעוויקעס, ווארפט אראָפּ דער ארבעטער־קלאס אין בונד מיט דער פויערשער אָרעמשאפט, ביי דער שטיצע פון די סאָלדאטן און מאטראָסן, די מאכט פון דער בורזשואזיע, שטעלט איין די מאכט פון די סאָוועטן, גרינדעט א נייעם טיפּ מלוכה—די סאָציאַליסטישע סאָוועטישע מלוכה, — שאפט אָפּ דאָס פּריצ'ישע אייגנטום אויף ערד, גיט איבער די ערד אין באנוץ דעם פויערטום, נאציאָנאַליזירט אלע ערדן אין לאנד, עקספּראָפּריאירט די קאפּיטאליסטן, קעמפט אויס אן ארויסגאנג פון דער מלחמה, — א שלום, באקומט דעם נויטיקן אָטעם־איבערכאפּ און שאפט, אזוי ארום, די באדינגונגען פאר דער פאנאנדערוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

די סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָליוציע האָט צעקלאפּט דעם קאפּיטאליזם, אָפּגענומען ביי דער בורזשואזיע די פּראָדוציר־מיטלען און פארוואנדלט די פאבריקן, די זאוואָדן, די ערד, די אייזנבאנען, די בענק — אין אייגנטום פונם גאנצן פאָלק, אין געזעלשאפטלאך אייגנטום.

זי האָט איינגעשטעלט די דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט און איבערגעגעבן די אָנפירונג מיט דער קאָלאָסאלער מלוכה דעם ארבעטער־קלאס, האָבנדיק געמאכט אים, אזוי ארום, פארן הערשנדיקן קלאס.

דערמיט גופא האָט די סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָליוציע געעפנט א נייע ערע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט — די ערע פון פּראָלעטארישע רעוואָליוציעס.

קאַפּיטל VIII

# די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אינעם פּעריאָד פון דער אויסלענדישער קריגס־אינטערווענציע און פון בירגערקריג.

**(די יאָרן 1918—1920).**

## 1. דער אָנהויב פון דער אויסלענדישער קריגס־אינטערווענציע. דער ערשטער פּעריאָד פונעם בירגערקריג.

דאָס שליסן דעם ברעסטער שלום און די פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטן=מאכט אין רעזולטאַט פון אַ ריי רעוואָליוציאָנער=עקאָנאָמישע מאָס=מיטלען אירע אין דעם מאָמענט, ווען די מלחמה אין מערב איז נאָך געווען אין פולן ברען, — האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע בהלה צווישן די אימפּעריאַליסטן פון מערב, באַזונדערס צווישן די אימפּעריאַליסטן פון דער אַנטאַנט.

די אימפּעריאַליסטן פון דער אַנטאַנט האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס שליסן אַ שלום צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד קאָן פאַרלײַכטערן די קריגס=לאַגע פון דײַטשלאַנד און אַנטשפּרעכנדיק פאַרשוועריקן די לאַגע פונעם מיליטער פון דער אַנטאַנט אויפן פראָנט. ווײַטער, האָבן זיי מורא געהאַט, אַז דאָס אײַנשטעלן שלום צווישן רוסלאַנד און דײַטשלאַנד קאָן פאַרשטאַרקן דעם דראַנג צו שלום אין אַלע לענדער, אויף אַלע פראָנטן און דערמיט אונטערדרײַסן די זאַך פון מלחמה, די זאַך פון די אימפּעריאַליסטן. לסוף האָבן זיי מורא געהאַט, אַז די עקזיסטענץ פון דער סאָוועטן=מאַכט אויף דער טעריטאָריע פון אַ קאָלאָסאַל לאַנד און אירע דערפאָלגן אינעם לאַנד, וואָס זײַנען געקומען נאָכן אַראָפּוואַרפן דאָרטן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, קאָנען דינען ווי אַן אָנשטעקנדיקער בײַשפּיל פאַר די אַרבעטער און סאָלדאַטן פון מערב, וואָס זײַנען אַרומגעכאַפּט מיט אַ טיפער אומצופרידנקײַט פון דער פאַרצויגענער מלחמה, און קאָנען — לויטן בײַשפּיל פון די רוסן — אויסקערעווען די באַנגעטן קעגן זייערע אייגענע הערשער און אונטערדריקער. צוליב דעם האָבן די רעגירונגען פון דער אַנטאַנט באַשלאָסן אָנצוהויבן אַ קריגס=אינטערווענציע (אַן אַרײַנמישונג) אין רוסלאַנד, כדי אַראָפּצוואַרפן די סאָוועטן=מאַכט און אוועקשטעלן אַ בורזשואַזע מאַכט, וועלכע וואָלט אויפגעשטעלט אין לאַנד די בורזשואַזע פּאָראָנדקעס, וואָלט

אָפּגעשאַפט דעם שלום־אָפּמאַך מיט די דײַטשן און וואָלט ווידער־אויפגעשטעלט דעם קריגס־פראָנט קעגן דײַטשלאַנד און עסטרײַך.

די אימפּעריאַליסטן פון דער אַנטאַנט זײַנען נאָך מער גערן געגאַנגען אויף אָט דעם פּינקט, אויפן דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען געווען איבערצײַגט אין דער ניט־פעסטקײַט פון דער סאָוועטן־מאַכט און האָבן ניט געצווייפלט אין דער אומ־פאַרמײַדלאַכקײַט פון איר גיכן פאַלן בײַ געוויסע אָנשטרענגונגען מצד די שונאים אירע.

נאָך מער בהלה האָבן די דערפאָלגן פון דער סאָוועטן־מאַכט און די פאַר־פעסטיקונג אירע אַרײַנגעבראַכט אין די רייען פון די אַראָפּגעוואָרפענע קלאַסן — פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, אין די רייען פון די צעקלאַפּטע פּאַרטייען — פון די קאַדעטן, מענשעוויקעס, עסערן, אַנאַרכיסטן, פאַרשיידענערליי בורזשואזע נאַציאָנאַליסטן, אין די רייען פון די ווײַסגוואַרדייאישע גענעראַלן, פונם קאַזאַ־קישן אָפיצירנטום א.ד.גל.

אָט די אַלע פײַנטלאַכע עלעמענטן האָבן באַלד פון די ערשטע טעג פונם זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געשריִען פון אַלע דעכער, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט ניט קיין באָדן אין רוסלאַנד, אַז זי איז פאַראורטיילט, אַז זי וועט אומבאַדינגט אומקומען אין איין אָדער צוויי וואָכן אַרום, אין אַ חודש אַרום אָדער, העכסטנס — אין צוויי—דרײַ חדשים אַרום. נאָר אַזוי ווי די סאָוועטן־מאַכט האָט אַלץ עקזיסטירט און זיך געפעסטיקט, ניט געקוקט אויף די באַ־שווערונגען פון אירע שונאים, זײַנען די שונאים פון דער סאָוועטן־מאַכט אינע־ווייניק אין רוסלאַנד געצוואונגען געווען צו אָנערקענען, אַז די סאָוועטן־מאַכט איז אַ סך שטאַרקער, ווי זיי האָבן פריִער געמיינט, אַז כדי אַראָפּצוואַרפן די סאָוועטן־מאַכט זײַנען נויטיק ערנסטע אָנשטרענגונגען און אַ פאַרביטערטער קאַמף פון אַלע כחות פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. דעריבער האָבן זיי באַ־שלאָסן פאַרצונעמען אַ ברייטע קאָנטר־רעוואָלוציאָנער־בונטאַרישע אַרבעט פון אויפזאַמלען די כחות פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע, פון צונויפשלאָגן מיליטער־קאַדרען, פון אָרגאַניזירן בונטן, פריִער פאַר אַלץ, אין די קאַזאַקישע און באַלע־גופישע ראַיאָנען.

אַזוי אַרום האָבן זיך שוין אין דער ערשטער העלפט פון 1918־טן יאָר אויס־געבילדעט צוויי באַשטימטע כחות, וואָס זײַנען געווען גרייט צו גיין אַראָפּ־וואַרפן די סאָוועטן־מאַכט: די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן פון דער אַנטאַנט און די קאָנטר־רעוואָלוציע אינעווייניק אין רוסלאַנד.

קיין איינער פון די דאָזיקע כחות האָט ניט פאַרמאָגט קיין גענוגנדיקע מיטלען, כדי צו לאָזן זיך זעלבסטשטענדיק אויף אַראָפּוואַרפן די סאָוועטן־מאַכט. די קאָנטר־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט געהאַט געוויסע מיליטער־קאַדרען און אויך אַ געוויסע צאָל מענשן־קראַפט, דער עיקר אין פערזאָן פונם קאַזאַקישן אויבערשיכט און פונם באַלעגופנטום, וואָס זײַנען נויטיק אויף אויפצוהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. זי האָט אָבער ניט פאַרמאָגט קיין געלט

און קיין באוואָפענונג. די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן, פאַרקערט, האָבן גע־האַט געלט און באוואָפענונג, זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט „אָפּלאָזן“ אויף דער אינטערווענציע קיין גענוגנדיקע צאָל מיליטער־קרעפטן ניט בלויז דערפאַר, ווייל די דאָזיקע קרעפטן זײַנען גוטיק געווען פאַר דער מלחמה קעגן דײַטשלאַנד און עסטרײַך, נאָר אויך דערפאַר, ווײַל די דאָזיקע קרעפטן האָבן זיך געקאָנט אַרויסווײַזן פאַר ניט גאָר זיכערע אינם קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט.

די באַדינגונגען פון קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט האָבן דיקטירט א פאַראייניקונג פון ביידע אַנטיסאָוועטישע כחות, פון דעם אויסלענדישן און דעם אינערלאַכן. און די דאָזיקע פאַראייניקונג האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער ערשטער העלפט פון 1918־טן יאָר.

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט קעגן דער סאָוועטן־מאַכט די אויסלענ־דישע קריגס־אינטערווענציע, וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורך די קאָנטר־רע־וואָליוציאָנערע בונטן מצד די שונאים פון דער סאָוועטן־מאַכט אינעווייניק אין רוסלאַנד.

אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער אָטעם־איבערכאַפּ און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג אין רוסלאַנד, דאָס הייסט, דער קריג פון די אַר־בעטער און פויערים פון די פעלקער פון רוסלאַנד קעגן די אויסערלאַכע און אינערלאַכע שונאים פון דער סאָוועטן־מאַכט.

די אימפּעריאַליסטן פון ענגלאַנד, פראַנקרײַך, יאַפּאַניע, אַמעריקע האָבן אָנ־געהויבן די קריגס־אינטערווענציע אָן א מלחמה־דערקלערונג, כאָטש די אינטער־ווענציע איז געווען א מלחמה קעגן רוסלאַנד, דערבײַ א מלחמה פונם ערגסטן טיפּ. געהיים, אויף א גנב׳ישן אופן, האָבן די דאָזיקע „ציוויליזירטע“ רויבער זיך אונטערגע׳גנב׳עט און אַרויסגעזעצט זייער מיליטער אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד.

די ענגלענדער און פראַנצויזן האָבן אַרויסגעזעצט מיליטער אין צפון פון רוסלאַנד, פאַרנומען אַרכאַנגעלסק און מורמאַנסק, געשטיצט דאָרטן דעם ווײַס־גוואַרדייאישן בונט, אַראָפּגעוואָרפן די מאַכט פון די סאָוועטן און געשאַפן א ווײַסגוואַרדייאישע „רעגירונג פונם צפון פון רוסלאַנד“.

די יאַפּאַנער האָבן אַרויסגעזעצט מיליטער אין וולאַדיוואָסטאָק, פאַרכאַפּט פּרימאָריע (בײַ־ים־פּראָווינץ), צעטריבן די סאָוועטן און געשטיצט די ווײַס־גוואַרדייאישע בונטאָווטשיקעס, וואָס האָבן אויפגעשטעלט נאָכדעם די בור־זשואַזע פּאָראָנדקעס.

אויף צפון־קאַווקאַז האָבן די גענעראַלן קאָרנילאָוו, אַלעקסעיעוו, דעניקין בײַ דער שטיצע פון די ענגלענדער און פראַנצויזן אָרגאַניזירט א ווײַסגוואַרדייאישע „פרײַוויליקע אַרמיי“, אויפגעהויבן א בונט פון דעם קאַזאַקישן אויבערשיכט און אָנגעהויבן א מאַרש קעגן די סאָוועטן.

אויפן דאָן האָבן די גענעראַלן קראַסנאָוו און מאַמאָנטאָוו בײַ דער געהיימער שטיצע פון די דײַטשישע אימפּעריאַליסטן (שטיצן זיי אָפן האָבן זיך די דײַטשן

ניט אנטשלאָסן מחמת דער עקזיסטענץ פונם שלום=אָפּמאַך מיט רוסלאַנד)
אויפגעהויבן א בונט פון די דאָנער קאזאקן, פארנומען די דאָנער געגנט און
אָנגעהויבן א מארש קעגן די סאָוועטן.

אויף דער מיטל=וואָלגע און אין סיביר איז דורך די אינטריגעס פון די ענג=
לענדער און פראנצויזן אָרגאניזירט געוואָרן א בונט פונם טשעכאָסלאָוואקישן
קאָרפּוס. דעם דאָזיקן קאָרפּוס, וואָס איז באשטאנען פון קריגס=געפאנגענע,
האָט די סאָוועטן=רעגירונג דערלויבט ארויסצופאָרן צו זיך אהיים דורך סיביר
און ווייטן מזרח. נאָר אויפן וועג איז ער דורך די עסערן און די ענגלענדער
און פראנצויזן אויסגענוצט געוואָרן פאר א בונט קעגן דער סאָוועטן=מאכט.
דער בונט פונם קאָרפּוס האָט געדינט פאר א סיגנאל צו א בונט פונם באלע=
גופנטום אויף דער וואָלגע און אין סיביר און פון די עסעריש=געשטימטע אר=
בעטער אויף וואָטקינסקער און איזשעווסקער זאוואָדן. אויף דער וואָלגע איז גע=
שאפן געוואָרן די סאמארער ווייסגווארדייאיש=עסערישע רעגירונג. אין אָמסק —
די סיבירער ווייסגווארדייאישע רעגירונג.

דייטשלאנד האָט זיך ניט באטייליקט און האָט ניט געקאָנט זיך באטייליקן
אין אָט דער אינטערווענציע פונם בלאָק פון די ענגלענדער, פראנצויזן, יאפּאָ=
נער און אמעריקאנער, כאָטשבי דערפאר, ווייל עס האָט זיך געפונען אין א צו=
שטאנד פון מלחמה מיט דעם דאָזיקן בלאָק. נאָר ניט געקוקט אויף דעם דאָ=
זיקן אומשטאנד און אויף דער עקזיסטענץ פון א שלום=אָפּמאַך צווישן רוס=
לאנד און דייטשלאנד, האָט קיינער פון די באָלשעוויקעס ניט געצווייפלט דערין,
אז די דייטשישע רעגירונג פונם קייזער ווילהעלם איז פונקט אזא פארביסענער
שונא פונם סאָוועטן=לאנד, ווי די ענגליש=פראנצויזיש=יאפּאָניש=אמעריקאנישע
אינטערווענטן. און ווירקלאך, די דייטשישע אימפּעריאליסטן האָבן געטאָן אלץ,
וואָס איז מעגלאך און אוממעגלאך, כדי צו איזאָלירן, אָפּשוואכן און אומברענ=
גען דאָס סאָוועטן=לאנד. זיי האָבן אָפּגעריסן פון סאָוועטן=רוסלאנד, אמת, לויט
אן „אָפּמאַך" מיט דער אוקראאינישער ראַדע, — אוקראאינע, ארייַנגעפירט
קיין אוקראאינע לויט דער בקשה פון דער ווייסגווארדייאישער אוקראאינישער
ראדע זייער מיליטער און זיך גענומען אוממענשלאך רויבן און אונטערדריקן
דאָס אוקראאינישע פאָלק, פארווערנדיק אים אונטערצוהאלטן א וועלכע=עס=איז
פארבינדונג מיט סאָוועטן=רוסלאנד. זיי האָבן אָפּגעריסן פון סאָוועטן=רוסלאנד
טראנסקאווקאז, ארייַנגעפירט אהין לויט דער בקשה פון די גרוזינישע און אזער=
בייַדזשאנישע נאציאָנאליסטן דייטשיש און טערקיש מיליטער און גענומען בא=
לעבאטעווען אין טיפליס און אין באקו. זיי האָבן געשטיצט מיט אלערליי מיט=
לען, אמת, פון הינטעראָרום — מיט באוואָפענונג און מיט פּראָוויאנט דעם
צעבונטעוועטן גענעראל אויפן דאָן — קראסנאָוון קעגן דער סאָוועטן=מאכט.

אזויארום האָט זיך סאָוועטן=רוסלאנד ארויסגעוויזן אָפּגעשניטן פון זייַנע
גרונט=ראיאָנען פון דערנערונג, רוישטאָף און הייצוואַרג.

שווער איז געווען אין דעם דאָזיקן פעריאָד אין סאָוועטן=רוסלאנד. ס'האָט

אויסגעפעלט ברויט. ס'האָט אויסגעפעלט פלייש. הונגער האָט געפּייניקט די ארבעטער. די ארבעטער פון מאָסקווע און פּעטראָגראַד פלעגט מען ארויסגעבן צו אן אכטל פונט ברויט אויף צוויי טעג. עס זײַנען געווען טעג, ווען מע פלעגט כלל ניט ארויסגעבן קיין ברויט. די זאַוואָדן האָבן ניט געארבעט, אָדער כמעט ניט געארבעט: עס האָט אויסגעפעלט רוווארג, הייצווארג. נאָר דער ארבעטער־קלאַס איז בײַ זיך ניט אראָפּגעפאַלן. עס איז בײַ זיך ניט אראָפּגע־פאַלן די פּאַרטיי באָלשעוויקעס. די אומגעהויערע שוועריקײַטן פון דעם דאָזיקן פּעריאָד און דער פאַרצווייפלטער קאַמף קעגן זיי האָט באַוויזן, וואָס פאַר א ניט־אויסשעפּלאַכע ענערגיע עס איז פאַרבאָרגן אינם ארבעטער־קלאַס, און ווי גרויס, ווי אומגעהויער עס איז די קראַפט פונם אויטאָריטעט פון דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי.

די פּאַרטיי האָט דערקלערט דאָס לאַנד פאַר א קריגס־לאַגער און האָט אי־בערגעבויט דאָס ווירטשאַפטלאַכע און קולטור־פּאָליטישע לעבן פון לאַנד אויף א קריגס־שטייגער. די סאָוועטן־רעגירונג האָט דערקלערט, אז „דאָס סאָציאַלי־סטישע פאָטערלאַנד איז אין געפאַר“ און האָט גערופן דאָס פאָלק צו א ווי־דערשטאַנד. לענין האָט געגעבן א לאָזונג — „אַלץ פאַרן פראָנט“, און הונדער־טער טויזנטער ארבעטער און פּויערים זײַנען אוועק אלס פרײַוויליקע אין דער רויטער ארמיי, אויפן פראָנט. ארום א העלפט פונם גאַנצן באַשטאַנד פון דער פּאַרטיי און פונם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד איז אוועק אויפן פראָנט. די פּאַרטיי האָט אויפגעהויבן דאָס פאָלק צו א פּ אָ ט ע ר ל ע נ ד י ש ע ר מ ל ח מ ה קעגן דער באַפאַלונג פונם מיליטער פון דער אויסלענדישער אינטערווענציע, קעגן די בונטן פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן, וואָס זײַנען אראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע. דער ראַט פון ארבעטער־ און פּויערים־שוץ, וואָס לענין האָט אָרגאַניזירט, האָט אָנגעפירט מיט באַזאָרגן דעם פראָנט מיט מענטשן, דערנערונג, קליידונג, באַוואָפענונג. דער אריבערגאַנג פון דעם פרײַווי־ליקײַט־פּרינציפּ צו אָבליגאַטאָרישער מיליטער־פליכט האָט צוגעצויגן אין דער רויטער ארמיי הונדערטער טויזנטער נײַע קאָנטינגענטן, און אין א קורצן טער־מין איז די רויטע ארמיי געוואָרן א מיליאָניקע.

ניט געקוקט אויף דער שווערער לאַגע פונם לאַנד און אויף דער יונגקייט פון דער רויטער ארמיי, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן קרעפטיק צו ווערן, האָט מען דאָך אין רעזולטאַט פון די אָנגענומענע שוץ־מיטלען שוין געקאָנט זען די ערשטע דערפאָלגן. גענעראַל קראַסנאָוו איז אָפּגעשטויסן געוואָרן פון צאַריצין, וועלכן ער האָט געהאַלטן, אז ער וועט אים געוויס פאַרכאַפּן, און איז אָפּגע־וואָרפן געוואָרן אויף יענער זײַט דאָן. די אָפּעראַציעס פונם גענעראַל דעניקין זײַנען לאָקאַליזירט געוואָרן אין א קליינעם ראַיאָן פון צפון־קאַווקאַז, און גענע־ראַל קאָרנילאָוו איז דערהאַרגעט געוואָרן אין די שלאַכטן קעגן דער רויטער ארמיי. די טשעכאָסלאָוואַקן און די עסעריש־ווײַסגוואַרדייאישע באַנדעס זײַנען ארויסגעיאָגט געוואָרן פון קאַזאַן, פון סימבירסק, פון סאַמאַרע און זײַנען אָפּ־

געשטויסן געוואָרן צו אוראַל. דער בונט פונם ווײַסגוואַרדייער סאַווינקאָוו אין יאַראָסלאַוול, אָרגאַניזירט דורך דעם הויפּט פון דער ענגלישער מיסיע אין מאָס־קווע לאָקאַרט, איז צעשמעטערט געוואָרן, און לאָקאַרט איז אַרעסטירט געוואָרן. בנוגע די עסערן, וואָס האָבן דערמאָרדעט די חברים אוריצקי און וואָלאָ־דאַרסקי און וואָס האָבן געמאַכט אַ רוצח'ישן אַטענטאַט אויף לענינס לעבן, איז פאַרן ווײַסן טעראָר קעגן די באָלשעוויקעס אָנגעווענדט געוואָרן דער רויטער טעראָר, און זיי זײַנען צעשמעטערט געוואָרן אין אַלע וויכטיק־ס'ניט־איז באַדײַ־טנדיקע פּונקטן פון צענטראַל־רוסלאַנד.

אין די שלאַכטן קעגן די שונאים האָט זיך פאַרהאַרטעוועט און געמוטיקט די יונגע רויטע אַרמיי.

די קאָמוניסטן—קאָמיסאַרן, וואָס האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין דער רויטער אַרמיי, האָבן אָפּגעשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין פּרט פון פאַרפעסטיקן די אַרמיי, אין פּרט פון איר פּאָליטישער אויפקלערונג, אין פּרט פון פאַר־שטאַרקן איר שלאַכטפייאיקייט, איר דיסציפּלין.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט פאַרשטאַנען, אַז אָט די דערפאָלגן פון דער רויטער אַרמיי באַשליסן ניט די זאַך און זײַנען בלויז די ערשטע דער־פאָלגן אירע. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס שטייען פאַר נײַע שלאַכטן, נאָך מער ערנסטע, אַז דאָס לאַנד קאָן צוריק אומקערן פאַר זיך די פאַרלוירענע ראַיאָנען פון דערנערונג, רוואַרג און הייצוואַרג בלויז אין רעזולטאַט פון דויערנדיקע און ערנסטע שלאַכטן קעגן די שונאים. דעריבער האָבן זיך די באָלשעוויקעס גענומען אינטענסיוו גרייטן צו אַ דויערנדיקער מלחמה, האָבנדיק באַשטימט אוועקצושטעלן דאָס גאַנצע הינטערלאַנד צו דינסט דעם פראָנט. די סאָוועטן־רעגירונג האָט אײַנגעפירט דעם קריגס־קאָמוניזם. די סאָוועטן־מאַכט האָט אוועקגעשטעלט אונטער איר קאָנטראָל, חוץ דער גרויס־אינדוסטריע — די מיטל־ און קליין־אינדוסטריע, כדי אָנצוזאַמלען סחורות פון מאַסן־געברויך און באַזאָרגן מיט זיי די אַרמיי און דאָס דאָרף. זי האָט אײַנגעפירט אַ מאָנאָפּאָל פונם ברויט־האַנדל, פאַרווערט פּריוואַטן ברויט־האַנדל און אײַנגעשטעלט די „פּראָדראַזווערסטקע", כדי צו נעמען אויפן דיסקאָנט אַלע דערנערונגס־מותרות בײַ די פּויערים, אָנזאַמלען רעזערוון ברויט און באַזאָרגן מיט דערנע־רונג די אַרמיי, די אַרבעטער. לסוף האָט זי אײַנגעפירט אַלגעמיינע אַרבעטס־פליכט פאַר אַלע קלאַסן. צווינגענדיק די בורזשואַזיע צו אָבליגאַטאָרישער פיזי־שער אַרבעט און באַפרײַענדיק, אַזוי אַרום, די אַרבעטער צוליב אַנדערער, פאַרן פראָנט מער וויכטיקער, אַרבעט, האָט די פּאַרטיי פאַרווירקלאַכט דעם פּרינציפּ: „ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט".

אָט די גאַנצע סיסטעם מאָס־מיטלען, וואָס זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן אויס־שליסלאַך דורך די שווערע באַדינגונגען פון לאַנדשוץ און וואָס האָבן געהאַט אַ צײַטווײַליקן כאַראַקטער, איז אָנגערופן געוואָרן קריגס־קאָמוניזם.

דאָס לאַנד האָט זיך געגרייט צו אַ דויערנדיקן און ערנסטן בירגערקריג

קעגן די אויסערלאכע און אינערלאכע שונאים פון דער סאָוועטן־מאכט. זי האָט געדארפט פארדרייפאכן די צאָל פון דער ארמיי צום ענדע 1918־טן יאָר. זי האָט געדארפט אָנזאמלען מיטלען צו באזאָרגן די דאָזיקע ארמיי.

לענין האָט אין די דאָזיקע טעג אָנגעוויזן:

„מיר האָבן באשלאָסן צו האָבן אן ארמיי פון 1.000.000 מאן צו פרילינג־צו, מיר דארפן איצינד אן ארמיי פון דריי מיליאָן מאן. מיר קאָנען זי האָבן. און מיר וועלן זי האָבן".

## 2. די קריגס־מפּלה פון דייטשלאַנד. די רעוואָליוציע אין דייטש־לאַנד. די אויסבילדונג פונם דריטן אינטערנאציאָנאַל. דער אכטער פארטיי־צוזאמענפאָר.

אין דער צייט, ווען דאָס סאָוועטן־לאנד האָט זיך געגרייט צו נייע שלאכטן קעגן דער אויסלענדישער אינטערווענציע, זיינען אין מערב, אין הינטערלאנד און אויף די פראָנטן פון די מלחמה־האלטנדיקע לענדער פאָרגעקומען אנטשיי־דנדיקע געשעענישן. דייטשלאנד און עסטרייך האָבן זיך געשטיקט אין די קלע־מען פון דער מלחמה און פון דערנערונגס־קריזיס. אין דער צייט, ווען ענגלאנד, פראנקרייך און צפון־אמעריקע האָבן פאנאנדערגעוויקלט אלץ נייע און נייע רע־זערוון, זיינען ביי דייטשלאנד און עסטרייך אויסגעשעפּט געוואָרן די לעצטע מאָ־גערע רעזערוון. עס האָט געהאלטן ביי דעם, אז די ביז צום לעצטן גראד אויס־געצערטע דייטשלאנד און עסטרייך האָבן געמוזט אין דער נאָענטסטער צייט ליידן א מפלה.

צוזאמען דערמיט האָט אינעווייניק אין דייטשלאנד און אין עסטרייך גע־ברויזט דער צאָרן פונם פאָלק קעגן דער אומענדלאכער און אומברענגערישער מלחמה, קעגן די אימפּעריאליסטישע רעגירונגען פון די דאָזיקע לענדער, וואָס האָבן דערפירט דאָס פאָלק צו אויסצערונג, צו הונגער. עס האָט זיך דאָ אויך אָפּגערופן דער קאָלאָסאלער רעוואָלוציאָנערער איינפלוס פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע, די ברידערונג פון די סאָוועטישע סאָלדאטן מיט די עסטרייך־דייטשישע סאָלדאטן אויפן פראָנט נאָך ביזן ברעסקער שלום און, נאָכדעם, די ווירקונג פונם עצם פאקט פון אָפּשטעלן די מלחמה קעגן סאָוועטן־רוסלאנד און פון שליסן דעם שלום מיט אים. דער ביישפּיל פון רוסלאנד, וואו דאָס פאָלק האָט דורכן אראָפּוואַרפן די אייגענע אימפּעריאליסטישע רעגירונג זיך דער־שלאָגן, עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די פארהאסטע מלחמה, — אָט דער בייש־פּיל האָט ניט געקאָנט ניט דינען ווי א לעקציע פאר די עסטרייך־דייטשישע אר־בעטער. און די דייטשישע סאָלדאטן, וואָס זיינען געשטאנען אויפן מזרח־פראָנט און זיינען דערנאָך, נאָכן ברעסקער שלום, אריבערגעפירט געוואָרן אויפן מערב־פראָנט, האָבן ניט געקאָנט ניט פאנאנדערלייגן דאָרטן די דייטשישע ארמיי מיט זייערע דערציילונגען וועגן דער ברידערונג מיט די סאָוועטישע סאָלדאטן און

װעגן דעם, װי־אַזױ די סאָװעטישע סאָלדאַטן זײַנען פּטור געװאָרן פון דער מלחמה. װאָס איז שייך דער עסטרײַכישער אַרמײ, האָט זי אָנגעהױבן פאַנאַנ־דערגעלײגט װערן נאָך פריער צוליב די זעלבע סיבות.

אין רעזולטאַט פון אָט די אַלע אומשטענדן האָט זיך אינם דײַטשישן מי־ליטער פאַרשטאַרקט דער דראַנג צו שלום, עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון דעם די פריערדיקע שלאַכטפײַאיקײט, און עס האָט אָנגעהױבן צוריקטרעטן אונטערן דרוק פונם אַנטאַנט־מיליטער, און אין דײַטשלאַנד גופא איז אין נאָװעמבער 1918־טן יאָר אױסגעבראָכן אַ רעװאָלוציע, װאָס האָט אַראָפּגעװאָרפן װילהעל־מען און זײַן רעגירונג.

דײַטשלאַנד איז געװען געצװאונגען צו אָנערקענען זיך פאַר באַזיגט און האָט גענומען בעטן שלום בײַ דער אַנטאַנט.

אָט אַזױ איז דײַטשלאַנד, אַ מלוכה אַן ערשטראַנגיקע, מיט אײן קלאַפּ אַראָפּגעזעצט געװאָרן צו דער לאַגע פון אַ צװײטראַנגיקער מלוכה.

פון שטאַנדפּונקט פון דער לאַגע פון דער סאָװעטן־מאַכט האָט דער דאָ־זיקער אומשטאַנד געהאַט אַ געװיסע נעגאַטיװע באַדײַטונג, װײַל ער האָט פאַרװאַנדלט די אַנטאַנט־מלוכות, װעלכע האָבן אָרגאַניזירט די אינטערװענציע קעגן דער סאָװעטן־מאַכט, אין אַ הערשנדיקער קראַפט פון אײראָפּע און אַזיע, האָט זײ געגעבן די מעגלאַכקײט צו פאַרשטאַרקן די אינטערװענציע און אָר־גאַניזירן אַ בלאָקאַדע קעגן סאָװעטן־לאַנד, צונױפציענדיק ענגער דעם שלײף אַרום דער סאָװעטן־מאַכט. און אַזױ האָט עס טאַקע פּאַסירט, װי מיר װעלן װײַטער זען. נאָר, פון דער צװײטער זײַט, האָט דאָס געהאַט נאָך אַ מער ערנ־סטע פּאָזיטיװע באַדײַטונג, װאָס האָט ראַדיקאַל פאַרלײַכטערט די לאַגע פונם סאָװעטן־לאַנד. ערשטנס, האָט די סאָװעטן־מאַכט באַקומען די מעגלאַכקײט צו אַנולירן דעם רויבערישן ברעסטער שלום, צו אױפהערן צאָלן די קאָנטריבוציע און אָנהױבן פירן אַן אָפענעם קאַמף, אַ מיליטערישן און אַ פּאָליטישן, פאַר באַפרײַען עסטלאַנד, לעטלאַנד, װײַסרוסלאַנד, ליטע, אוקראַאינע, טראַנסקאַװקאַז פונם דרוק פונם דײַטשישן אימפּעריאַליזם. צװײטנס, — און דאָס איז דער עיקר — האָט די עקזיסטענץ פון אַ רעפּובליקאַנישן רעזשים און פון סאָװעטן פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן אין צענטער פון אײראָפּע, אין דײַטש־לאַנד, געדאַרפט רעװאָלוציאָניזירן און האָט װירקלאַך רעװאָלוציאָניזירט די לענדער פון אײראָפּע, װאָס דאָס האָט ניט געקאָנט ניט פאַרפעסטיקן די לאַגע פון דער סאָװעטן־מאַכט אין רוסלאַנד. אמת, די רעװאָליוציע אין דײַטשלאַנד איז געװען אַ בורזשואזע און ניט קײן סאָציאַליסטישע, און די סאָװעטן זײַנען געװען אַ געהאָרכזאַם געצײַג פונם בורזשואזן פּאַרלאַמענט, מחמת אין די סאָ־װעטן האָבן געהערשט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַזױנע פּשרה־מאַכער, װי די רו־סישע מענשעװיקעס, װאָס דערמיט, אײגנטלאַך, דערקלערט זיך טאַקע די שװאַכקײט פון דער רעװאָליוציע אין דײַטשלאַנד. װי שװאַך עס איז דאָרטן געװען די רעװאָליוציע, איז צו זען כאָטשבי דערפון, װאָס זי האָט דערלאָזט,

אז די דײַטשישע װײַסגװאַרדײער זאָלן אומבאַשטראָפט דערמאָרדן אַזעלכע אָנגע־זעענע רעװאָליוציאָנערן, װי ר. ליוקסעמבורג און ק. ליבקנעכט. דאָך איז עס אָבער געװען א רעװאָליוציע, װילהעלם איז אַראָפּגעװאָרפן געװאָרן, די אַרבע־טער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די קייטן, און שױן דאָס אַליין האָט ניט גע־קאָנט ניט צעבינדן די רעװאָליוציע אין מערב, ניט געקאָנט ניט אַרויסרופן קיין אויפשטײַג פון דער רעװאָליוציע אין די אייראָפּעאישע לענדער.

אין אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן א רעװאָליוציאָנערער אויפשטײַג. אין עסטרײַך האָט זיך פאַנאַנדערגעװיקלט א רעװאָליוציאָנערע באַװעגונג. אין אונ־גאַרן איז אַנטשטאַנען א סאָװעטן־רעפּובליק. אויף דער באַזע פון דער רעװאָ־ליוציאָנערער כװאַליע זײַנען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּע.

ס'האָט זיך געשאַפן א רעאַלער באָדן פאַר דער פאַראייניקונג פון די קאָמ־פּאַרטייען אין א דריטן, קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין מערץ 1919־טן יאָר איז אין מאָסקװע אויפן ערשטן קאָנגרעס פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון פאַרשיידענע לענדער לויט דער איניציאַטיװ פון לענינען און פון די באָלשעװיקעס געגרינדעט געװאָרן דער קאָמוניסטישער אינ־טערנאַציאָנאַל. כאָטש די בלאָקאַדע און די פאַרפאָלגונגען פון די אימפּעריאַ־ליסטן האָבן געשטערט פיל דעלעגאַטן צו קומען קיין מאָסקװע, דאָך זײַנען אויפן ערשטן קאָנגרעס בײַגעװען דעלעגאַטן פון די װיכטיקסטע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע. אָנגעפירט מיטן קאָנגרעס האָט לענין.

אינם פאָרטראָג װעגן דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט האָט לענין באַװיזן די באַדײַטונג פון דער סאָװעטן־מאַכט, װי אַן עכטע דעמאָקראַטיע פאַר די אַרבעטנדיקע. דער קאָנגרעס האָט אָנגענו־מען א מאַניפעסט צום אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, אין װעלכן ער האָט גערופן צו אַנטשיידענעם קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פאַרן זיג פון די סאָװעטן אין אַלע לענדער.

דער קאָנגרעס האָט געבילדעט אַן אויספיר־קאָמיטעט פונם קאָמינטערן (אי.ק.ק.אי.), דעם אויספיר־אָרגאַן פונם דריטן, קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אָט אַזױ איז געשאַפן געװאָרן די אינטערנאַציאָנאַלע רעװאָליוציאָנערע פּראָ־לעטאַרישע אָרגאַניזאַציע פונם נײַעם טיפּ — דער קאָמוניסטישער אינטערנאַ־ציאָנאַל, דער מאַרקסיסטיש־לענינישער אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער סיטואַציע פון װידערשפּרעכיקע אומשטענדן, — אין די באַדינ־גונגען פון דער פאַרשטאַרקונג פונם רעאַקציאָנערן בלאָק פון די אַנטאַנט־מלוכות קעגן דער סאָװעטן־מאַכט, פון איין זײַט, און אין די באַדינגונגען פון רעװאָליוציאָנערן אויפשטײַג אין אייראָפּע,—דער עיקר, אין די לענדער, װאָס האָבן געליטן א קריגס־מפּלה, װאָס דאָס האָט שטאַרק פאַרלײַכטערט די לאַגע פונם סאָװעטן־לאַנד, פון דער אַנדערער זײַט, — איז זיך צונױפגעקומען אין מערץ 1919־טן יאָר דער אַכטער צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי.

אויפן צוזאמענפאָר זיינען בייגעווען 301 דעלעגאט מיט באשטימונגס=רעכט, וועלכע האָבן פארטראָטן 313.766 פארטיי=מיטגלידער. דעלעגאטן מיט באראטונגס=רעכט זיינען געווען 102 מאן.

עפענענדיק דעם צוזאמענפאָר, האָט לענין דאָס ערשטע וואָרט זיינס געווידמעט דעם אָנדענק פון יא. מ. סווערדלאָוו, איינעם פון די בעסטע אָרגאניזאטאָרן פון דער פארטיי באָלשעוויקעס, וועלכער איז געשטאָרבן ערב דער עפענונג פונם צוזאמענפאָר.

אויפן צוזאמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן א נייע פראָגראם פון דער פארטיי. אין דער פראָגראם ווערט געגעבן א כאראקטעריסטיק פונם קאפיטאליזם און פון זיין העכסטער סטאדיע — דעם אימפעריאליזם. אין דער פראָגראם ווערן פארגליכן צוויי סיסטעמען פון מלוכות — די בורזשואז=דעמאָקראטישע סיסטעם און די סאָוועטישע. אין דער פראָגראם זיינען גענוי אָנגעוויזן די קאָנקרעטע אויפגאבעס פון דער פארטיי אין קאמף פארן סאָציאליזם: דערפירן ביזן סוף די עקספראָפריאירונג פון דער בורזשואזיע, פירן די ווירטשאפט פונם לאנד לויט אן איינהייטלאכן סאָציאליסטישן פלאן, דער אָנטייל פון די פראָפפאראייניגן אין דער אָרגאניזירונג פון דער פאָלקסווירטשאפט, די סאָציאליסטישע ארבעטס=דיסציפלין, דאָס אויסנוצן די ספּעציאליסטן אין דער פאָלקס=ווירטשאפט אונטערן קאָנטראָל פון די סאָוועטישע אָרגאנען, דאָס שטופנווייזע און פלאנמעסיקע ארייננציען דאָס מיטלפויערטום אין דער ארבעט פון דער סאָציאליסטישער בויאונג.

דער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען לענינס פאָרשלאָג וועגן דעם, אז צוגלייך מיט דעפינירן דעם אימפעריאליזם, ווי די העכסטע סטאדיע פונם קאפיטאליזם, זאָל אין דער פראָגראם איינגעשלאָסן ווערן די באשרייבונג פונם אינדוסטריעלן קאפיטאליזם און פון דער איינפאכער סחורה'דיקער ווירטשאפט, וואָס איז געווען אין דער אלטער פראָגראם, וועלכע איז נאָך אָנגענומען געוואָרן פונם צווייטן פארטיי=צוזאמענפאָר. לענין האָט געהאלטן פאר נויטיק צו דיסקאָנטירן אין דער פראָגראם די קאָמפּליצירטקייט פון אונזער עקאָנאָמיק און אָנצואווייזן דערויף, אז אינם לאנד זיינען פאראן פארשיידענע ווירטשאפטלאכע סיסטעמען, דערונטער אויך די קליין=סחורה'דיקע ווירטשאפט, וואָס דער טרעגער אירער איז דער מיטלפויער. דעריבער איז לענין בעת דער באהאנדלונג פון דער פראָגראם אנטשיידן ארויסגעטראָטן קעגן די אנטיבאָלשעוויסטישע אָנשויאונגען פון בוכארינען, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אויסצושליסן פון דער פראָגראם די פונקטן וועגן קאפיטאליזם, וועגן דער קליין=סחורה'דיקער פראָדוקציע, וועגן דער ווירטשאפט פונם מיטלפויער. בוכארינס אָנשויאונגען האָבן באטייט א מענשעוויסטיש=טראָצקיסטישע לייקענונג פון דער ראָלע פונם מיטלפויער אין דער סאָוועטישער בויאונג. צוזאמען דערמיט האָט בוכארין פארשמירט דעם פאקט, אז פון דער קליינער, סחורה'דיקער פויערים=ווירטשאפט אנטשטייען און וואקסן באלעגופישע עלעמענטן.

לעניִן האָט אויך געגעבן א ווידערשטאַנד די אַנטיבאָלשעוויסטישע אָנ־שוויאונגען פון בוכארינען און פיאַטאַקאָוון אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. זיי האָבן זיך ארויסגעזאָגט קעגן איינשליסן אין דער פּראָגראַם דעם פּונקט וועגן רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג, קעגן דער גלייכבארעכטיקונג פון נאַציעס — מיט דעם אויסרייד, אז דער דאָזיקער לאָזונג שטערט כלומר׳שט דעם זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, שטערט דער פאַראייניקונג פון די פּראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. לעניִן האָט אומגעוואָרפן אָט די שעדלאַכסטע גרויסמעכטישע, שאָוויניסטישע אָנשוויאונגען פון בוכארינען און פיאַטאַקאָוון.

אין ערנסט אָרט אין די ארבעטן פונם אכטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט פאַרנומען די פראַגע וועגן דער באַציאונג צום מיטלפויער. אין רעזאָלוציע פונם באַוואוסטן דעקרעט וועגן דער ערד איז דאָס דאָרף אַלץ מער געוואָרן א מיטל־פויערישס. דער מיטלפויער האָט איצט באַטראָפן די מערהייט פון דער פויערי־שער באַפעלקערונג. די שטימונגען און די אויפפירונג פונם מיטלפויערטום, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, האָבן גע־האַט א קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַרן גורל פונם בירגערקריג און פון דער סאָ־ציאַליסטישער בויאונג. דער אויסגאַנג פונם בירגערקריג איז אין פיל הינזיכטן געווען אָפּהענגיק דערפון, וואוהין וועט זיך א וואַקל טאָן דער מיטלפויער, וואָ־סער קלאַס וועט באַווייזן צוציִען צו זיך דאָס מיטלפויערטום—דער פּראָלע־טאַריאַט אָדער די בורזשואזיע. די טשעכאָסלאָוואַקן, די ווייסגוואַרדייער, די באַ־לעגופים, די עסערן, די מענשעוויקעס האָט זיך זומער 1918־טן יאָר איינגעגעבן אַראָפּצוּוואַרפן די סאָוועטן־מאַכט אין בייוואָלגע דערפאַר, ווייל זיי האָט גע־שטיצט א באַדייטנדיקער טייל פונם מיטלפויערטום. דאָס זעלביקע איז געווען בעת די בונטן, וואָס די באַלעגופים האָבן אָרגאַניזירט אין צענטראַל־רוסלאַנד. נאָך פון הארבסט 1918־טן יאָר אָן איז אין דער שטימונג פון דער מאַסע מי־טלפויערטום פאָרגעקומען א קער אין דער זייט פון דער סאָוועטן־מאַכט. דאָס פויערטום האָט דערזען, אז דער זיג פון די ווייסע ברענגט מיט זיך די אויפ־שטעלונג פון דער מאַכט פון די פּריצים, דאָס אָפּנעמען די ערד ביי די פויע־רים, רויבערײַ, שמיץ און פּייניקונגען פון די פויערים. דער ענדערונג אין דער שטימונג פונם פויערטום האָט אויך מיטגעהאָלפן די טעטיקייט פון די אָרעמ־שאַפט־קאָמיטעטן, וואָס האָבן צעשמעטערט די באַלעגופים. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט לעניִן אין נאָוועמבער 1918־טן יאָר געגעבן דעם לאָזונג:

„קענען דערגרייכן א פאַרשטענדיקונג מיטן מיטלפויער — אויף קיין מינוט ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון קאַמף קעגן דעם באַלעגוף און פעסט אָנשפּאַרנדיק זיך נאָר אויף דער אָרעמשאַפט" (לעניִן, ב. XXIII, ז. 294, רוסיש).

פאַרשטייט זיך, די וואַקלונגען פונם מיטלפויערטום האָבן ניט אויפגעהערט אינגאַנצן; דאָס מיטלפויערטום איז אָבער געוואָרן נעענטער צו דער סאָוועטן־

מאכט, האָט זי געגומען פעסטער שטיצן. דערצו האָט פיל מיטגעהאָלפן די פּאָ־ליטיק בנוגע דעם מיטלפויערטום, וועלכע עס האָט אָנגעמערקט דער אכטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

דער אכטער צוזאַמענפאָר איז געווען א קער־מאָמענט אין דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי בנוגע דעם מיטלפויערטום. לעניגס פּאָרטראָג און די באשלוסן פונם צוזאַמענפאָר האָבן באשטימט א נײַע ליניע פון דער פּאַרטיי אין דער דאָזיקער פראגע. דער צוזאַמענפאָר האָט געפאָדערט, אז די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און אַלע קאָמוניסטן זאָלן שטרענג אונטערשיידן און אָפּטיילן דאָס מיטל־פויערטום פון די באַלעגופים, זאָלן צוציִען דאָס מיטלפויערטום אויף דער זײַט פונם ארבעטער־קלאַס דורך אויפמערקזאַמער באציאונג צו זײַנע נויטבאַדערפע־נישן. קעגן דער אָפּגעשטאַנענקײַט פונם מיטלפויער האָט מען געדאַרפט קעמפן דורך איבערצײַגונג און בכלל ניט דורך צוואַנג־מיטלען, געוואַלט־מיטלען. דערי־בער האָט דער צוזאַמענפאָר געגעבן אן אָנווײַזונג דורכצופירן סאָציאַליסטישע מאָס־מיטלען אין דאָרף (שאַפן קאָמונעס, לאַנדווירטשאַפטלאַכע ארטעלן), ניט דערלאָזנדיק קיין צוואַנג־מיטלען. אין אַלע פאַלן, וואו עס זײַנען אָנגערירט גע־וואָרן די לעבנס־אינטערעסן פונם מיטלפויער, האָט מען געדאַרפט גיין אויף פּראַקטישע פארשטענדיקונגען מיט אים, אויף הנחות דעם מיטלפויער אין באַ־שטימען די א ו פ נ י ם פון דורכפירן די סאָציאַליסטישע איבערגעשטאַלטונגען. דער צוזאַמענפאָר האָט פאָרגעלייגט דורכצופירן א פּאָליטיק פון א פ ע ס ט ן ב ו נ ד מיטן מיטלפויער, בײַם אײַנהיטן אין דעם דאָזיקן בונד די אָ נ פ י ר נ־ד י ק ע ר אָ ל ע פונם פּראָלעטאַריאַט.

די נײַע פּאָליטיק בנוגע דעם מיטלפויערטום, וואָס לענין האָט פּראָקלאַמירט אויפן אכטן צוזאַמענפאָר, האָט געפאָדערט פונם פּראָלעטאַריאַט, ער זאָל זיך אָנשפּאַרן אויף דער אָרעמשאַפט, האַלטן א פעסטן בונד מיטן מיטלפויער און פירן א קאַמף קעגן דעם באַלעגוף. ביז דעם אכטן צוזאַמענפאָר האָט די פּאַרטיי אין אַלגעמיין דורכגעפירט א פּאָליטיק פון נ י ט ר א ל י ז י ר ן דעם מיטלפויער. דאָס הייסט, זי האָט זיך געוואָלט דערשלאָגן פונם מיטלפויער, ער זאָל זיך ניט שטעלן אויף דער זייט פונם באַלעגוף, אויף דער זײַט פון דער בורזשואַזיע בכלל. אצינד אָבער איז דאָס שוין געווען ניט גענוג. פון דער פּאָליטיק פון ניי־טראַליזירן דעם מיטלפויער איז דער אכטער צוזאַמענפאָר אריבערגעגאַנגען צו א פ ע ס ט ן ב ו נ ד מיט אים צוליבן קאַמף קעגן דער ווײַסגוואַרדייִשטישע און אויסלענדישער אינטערווענציע, און אויך צוליב דער דערפאָלגרייכער סאָציאַליס־טישער בויאונג.

די ליניע, וועלכע דער צוזאַמענפאָר האָט גענומען בנוגע די גרונט־מאַסן פויערטום, בנוגע דעם מיטלפויער, האָט געשפּילט אן אנטשיידנדיקע ראָלע אינם דערפאָלגרײַכן אויסגאַנג פונם בירגערקריג קעגן דער אויסלענדישער אינטער־ווענציע און אירע ווײַסגוואַרדייִשע משרתים. אין האַרבסט 1919־טן יאָר, ווען מע האָט געדאַרפט אויסקלײַבן צווישן דער סאָוועטן־מאַכט און דעניקינען, האָט

דאָס פּויערטום געשטיצט די סאָוועטן, און די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור האָט באַזיגט איר געפערלאַכסטן שונא.

באַזונדער איז אויפן צוזאַמענפאָר געשטאַנען די פראַגע וועגן דער בויאונג פון דער רויטער אַרמיי. אויפן צוזאַמענפאָר איז אַרויסגעטראָטן די אַזוי גערופענע „מיליטערישע אָפּאָזיציע". זי האָט פאַראייניקט ניט קיין קליינע צאָל געוועזענע „לינקע קאָמוניסטן". נאָר צוזאַמען מיט פאָרשטייער פונם צעשמעטערטן „לינקן קאָמוניזם" האָט די „מיליטערישע אָפּאָזיציע" אײַנגעשלאָסן אויך טוער, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט באַטייליקט אין קיין שום אָפּאָזיציע, נאָר וואָס זײַנען געווען אומצופרידן מיט טראָצקיס אָנפירונג אין דער אַרמיי. די מערהײַט מיליטערישע דעלעגאַטן איז געווען שאַרף געשטימט קעגן טראָצקין, קעגן זײַן בוקן זיך פאַר די מיליטערישע ספּעציאַליסטן פון דער אַלטער צאַרישער אַרמיי, וואָס אַ טייל פון זיי האָט אונז בפירוש פאַרראַטן בעת'ן בירגערקריג, קעגן טראָצקיס גאווה'דיקער און פײַנטלאַכער באַציאונג צו די אַלטע באָלשעוויסטישע קאַדרען אין דער אַרמיי. אויפן צוזאַמענפאָר זײַנען געבראַכט געוואָרן בײַשפּילן „פון דער פּראַקטיק", ווען טראָצקי האָט געוואָלט צעשיסן אַ גאַנצע ריי פאַראַנטוואָרטלאַכע מיליטערישע קאָמוניסטן — פראָנטקאָמיסאַרן, וואָס זײַנען אים ניט געפעלן געווען, האַנדלענדיק דערמיט לטובת דעם שונא, און בלויז די אַרײַנמישונג פונם צ.ק. און די פּראָטעסטן פון די מיליטער-טוער האָבן אָפּגעהאַלטן דעם אומקום פון די דאָזיקע חברים.

קעמפנדיק קעגן טראָצקיס פאַרקריפּלען די מיליטער-פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, האָט אָבער די „מיליטערישע אָפּאָזיציע" פאַרטיידיקט ניט-ריכטיקע אָנשויאונגען אין אַ ריי פראַגן פון דער מיליטערישער בויאונג. לעניך און סטאַלין זײַנען אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן דער „מיליטערישער אָפּאָזיציע", וואָס האָט פאַרטיידיקט די איבערבלײַבאַכצן פון פאַרטיזאַנערײַ אין דער אַרמיי און וואָס האָט געקעמפט קעגן שאַפן אַ רעגולערע רויטע אַרמיי, קעגן אויסנוצן די מיליטערישע ספּעצן, קעגן יענער אײַזערנער דיסציפּלין, וואָס אָן איר קאָן אַן אַרמיי ניט זײַן קיין עכטע אַרמיי. דערווידערנדיק דער „מיליטערישער אָפּאָזיציע", האָט חבר סטאַלין געפאָדערט צו שאַפן אַ רעגולערע אַרמיי, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון שטרענגסטער דיסציפּלין.

„אָדער, — האָט געזאָגט חבר סטאַלין, — מיר וועלן שאַפן אַן עכטע אַרבעטער-פּויערשע, הויפּטזאַכלאַך אַ פּויערשע, שטרענג-דיסציפּלינירטע אַרמיי און וועלן פאַרטיידיקן די רעפּובליק, אָדער מיר וועלן אומקומען".

אָפּגעוואָרפן אַ ריי פאָרשלאָגן פון דער „מיליטערישער אָפּאָזיציע", האָט דער צוזאַמענפאָר אין דער זעלבער צײַט געגעבן אַ קלאַפּ טראָצקין, פאָדערנדיק צו פאַרבעסערן די אַרבעט פון די צענטראַלע מיליטערישע אַנשטאַלטן און צו פאַרשטאַרקן די ראָלע פון די קאָמוניסטן אין דער אַרמיי.

אין רעזולטאַט פון דער אַרבעט פון דער מיליטערישער קאָמיסיע, וואָס איז

אויסגעטיילט געוואָרן אויפן צוזאמענפאָר, איז דערגרייכט געוואָרן אן איינמו־טיקער באשלוס פונם צוזאמענפאָר איבער דער מיליטער־פראגע.

די באשלוסן פונם צוזאמענפאָר איבער דער מיליטער־פראגע האָבן געפירט צו דער פארפעסטיקונג פון דער רויטער ארמיי און צו איר ווייטערדיקער דער־נעענטערונג מיט דער פארטיי.

ווייטער, איז אויפן צוזאמענפאָר באהאנדלט געוואָרן די פראגע וועגן דער פארטייאישער און סאָוועטישער בויאונג, וועגן דער אָנפירנדיקער ראָלע פון דער פארטיי אין דער ארבעט פון די סאָוועטן. בעת דער באהאנדלונג פון דער דאָזיקער פראגע האָט דער צוזאמענפאָר געגעבן א ווידערשטאנד דער אָפּאָר־טוניסטישער גרופּע פון סאפּראָנאָוו—אָסינסקי, וועלכע האָט געלייקנט די אָנפי־רנדיקע ראָלע פון דער פארטיי אין דער ארבעט פון די סאָוועטן.

ענדלאך, האָט דער צוזאמענפאָר אין צוזאמענהאנג מיטן קאָלאָסאלן צופלוס פון נייע פארטיי־מיטגלידער אָנגענומען א באשלוס וועגן פארבעסערן דעם סאָ־ציאלן באשטאנד פון דער פארטיי און דורכפירן אן איבערגעגיסטרירונג.

דאָס איז געווען אן אָנהויב פון דער ערשטער רייניקונג פון די פארטיי־רייען.

## 3. די פארשטארקונג פון דער אינטערווענציע. די בלאָקאדע קעגן סאָוועטן־לאנד. קאָלטשאקס קריגס־מארש און דאָס צעשמעטערן אים. דעניקינס קריגס־מארש און דאָס צע־שמעטערן אים. דער דריי־חדשים׳דיקער אָטעם־איבערכאפּ. דער נײַנטער פארטיי־צוזאמענפאָר.

באזיגט דייטשלאנד און עסטרייך, האָבן די אנטאנט־מלוכות באשלאָסן צו ווארפן גרויסע מיליטער־כחות קעגן דעם סאָוועטן־לאנד. נאָך דער מפּלה פון דייטשלאנד און נאָך דעם, ווי דאָס דייטשישע מיליטער איז אוועק פון אוקרא־אינע און טראנסקאווקאז, האָבן די ענגלענדער און פראנצויזן פארנומען דאָס אָרט פון דייטשלאנד, געבראכט צו טרייבן זייער פלאָט אין שווארצן ים און ארויסגעזעצט זייער מיליטער אין אָדעס, אין טראנסקאווקאז. דאָס באלעבאטע־ווען פון די אנטאנטישע אינטערווענטן אין די אָקופּירטע געגנטן איז דערגאנגען צו אזא אכזריות׳דיקייט, אז זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר א באוואָפנטער עקזעקוציע איבער גאנצע גרופּעס ארבעטער און פויערים. לסוף, נאָך דער אָקו־פּאציע פון טורקעסטאן, איז די פרעכהייט פון די אינטערווענטן דערגאנגען דערצו, אז זיי האָבן אוועקגעפירט אין טראנסקאספּיע 26 באקוער אָנפירנדיקע באָלשעוויקעס, די חברים שאאומיאן, פיאָלעטאָוו, דזשאפּארידזע, מאליגין, אזיז־בעקאָוו, קאָרגאנאָוו און אנדערע, און מיט דער הילף פון די עסערן זיי אכזר־יות׳דיק צעשאָסן.

אין א געוויסער צייט ארום האָבן די אינטערווענטן דערקלערט א בלאָ־

ס א ד ע קעגן רוסלאנד. עס זײַנען פארכאפּט געוואָרן אלע ים=וועגן און אנדערע פארקער=וועגן מיט דער אויסערלאכער וועלט.

אזויארום איז דאָס סאָוועטן=לאנד געווען ארומגערינגלט כמעט פון אלע זײַטן.

די הויפּט=האָפענונג האָט די אנטאנט דעמאָלט געלייגט אויפן אדמיראל קאָלטשאק, דעם אגענט פון דער אנטאנט אין סיביר, אין אָמסק. ער איז דערקלערט געוואָרן אלס „אויבער=רעגירער פון רוסלאנד“, אים האָט זיך אונטערגעוואָרפן די גאנצע קאָנטר=רעוואָליוציע אין רוסלאנד.

אזויארום איז דער מזרח=פראָנט געוואָרן דער הויפּט=פראָנט.

אין פרילינג 1919=טן יאָר איז קאָלטשאק, וועלכער האָט צונויפגעזאמלט א קאָלאָסאלע ארמיי, דערגאנגען כמעט ביז צו דער וואָלגע. קעגן קאָלטשאקן זײַנען געוואָרפן געוואָרן די בעסטע כחות פון די באָלשעוויקעס; עס זײַנען מאָביליזירט געוואָרן קאָמיוגיסטן, ארבעטער. אין אפּריל 1919=טן יאָר האָט די רויטע ארמיי געבראכט קאָלטשאקן אן ערנסטע מפּלה. אינגיכן האָט די קאָלטשאקישע ארמיי אָנגעהויבן צוריקטרעטן איבערן גאנצן פראָנט.

אין רעכטן ברען פון די אָנגריף=אָפּעראציעס פון דער רויטער ארמיי אויפן מזרח=פראָנט האָט טראָצקי פאָרגעלייגט א פארדעכטיקן פּלאן: אָפּשטעלן זיך בײַ אוראל, איבעררײַסן די פארפאָלגונג פון די קאָלטשאקאָוועצעס און אריבערוואַרפן דאָס מיליטער פונם מזרח=פראָנט אויפן דרום=פראָנט. פארשטייענדיק זייער גוט, אז מע טאָר ניט איבערלאָזן אוראל און סיביר אין די הענט פון קאָלטשאקן, וואו ער קאָן מיט דער הילף פון די יאפּאָנער און ענגלענדער קומען צו=זיך און זיך ווידער שטעלן אויף די פיס,—האָט דער צ.ק. פון דער פארטיי אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פּלאן און האָט געגעבן א דירעקטיוו פאָרצוזעצן דעם אָנגריף. אזוי=ווי טראָצקי איז ניט געווען איינשטימיק מיט אזא דירעקטיוו, האָט ער אָנגעגעבן אין דעמיסיע. דער צ.ק. האָט אָפּגעוואָרפן טראָצקיס דעמיסיע און האָט אים צוזאמען דערמיט פארפליכטעט תיכף צו באזײַטיקן זיך פון באטייליקונג אין דער אָנפירונג מיט די אָפּעראציעס אויפן מזרח=פראָנט. דער אָנגריף פון דער רויטער ארמיי קעגן קאָלטשאקן האָט זיך גענומען פאנאנדערוויקלען מיט א נײַער קראפט. די רויטע ארמיי האָט געבראכט קאָלטשאקן א ריי נײַע מפּלות און האָט באפרײַט פון די ווײַסע אוראל און סיביר, וואו די רויטע ארמיי איז געשטיצט געוואָרן דורך דער מעכטיקער פארטיזאנישער באוועגונג, וואָס איז אנטשטאנען בײַ די ווײַסע אין הינטערלאנד.

זומער 1919=טן יאָר האָבן די אימפּעריאליסטן ארויפגעלייגט אויפן גענעראל יודעניטש, וועלכער איז געשטאנען בראש פון דער קאָנטר=רעוואָליוציע אויף צפון=מערב (אין בייבאלטיק, אונטער פּעטראָגראד), די אויפגאבע אָפּצואווענדן פונם מזרח=פראָנט די אויפמערקזאמקײַט פון דער רויטער ארמיי דורך אן אָנפאל אויף פּעטראָגראד. דער גארניזאָן פון צוויי פאָרטן אונטער פּעטראָ=

גראד, אונטערגעבנדיק זיך דער קאָנטער־רעוואָליוציאָנערער אגיטאציע פון געוועזענע אָפיצירן, האָט אויפגעהויבן א בונט קעגן דער סאָוועטן־מאכט, און אינם שטאב פונם פראָנט איז אויפגעדעקט געוואָרן א קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע פארשווערונג. דער שונא האָט באדראָט פּעטראָגראד. נאָר אדאנק די מאָס־מיטלען, וואָס די סאָוועטן־מאכט האָט אָנגענומען, ביי דער שטיצע פון די ארבעטער און מאטראָסן, זיינען די צעבונטעוועטע פאָרטן באפרייט געוואָרן פון די ווייסע; יודעניטשעס מיליטער האָט געכאפּט א מפּלה און יודעניטש איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן קיין עסטלאנד.

יודעניטשעס מפּלה אונטער פּעטראָגראד האָט פארלייכטערט דעם קאמף קעגן קאָלטשאקן. צום סוף פון 1919־טן יאָר איז קאָלטשאקס ארמיי ענדגילטיק צעשמעטערט געוואָרן. קאָלטשאק אליין איז ארעסטירט געוואָרן און איז צעשאָסן געוואָרן אין אירקוטסק לויטן אורטייל פונם רעווקאָם.

אזוי־ארום איז מיט קאָלטשאקן געווען געענדיקט.

וועגן קאָלטשאקן האָט דאָס פאָלק אין סיביר געזונגען א לידעלע:

„מונדירן ענגלישע,
פּאַגאָנען פראנצויזישער,
טאבאק יאפּאָנסקער,
רעגירער אָמסקער.
מונדיר צעפאָרן,
פּאַגאָנען פארלאָרן,
און דער רעגירער
איז ניט געוואָרן".

זעענדיק, אז קאָלטשאק האָט ניט בארעכטיקט די האָפענונגען, וואָס זיינען אויף אים ארויפגעלייגט געוואָרן, האָבן די אינטערווענטן געענדערט זייער פּלאן פון אָנפאלן אויף דער סאָוועטן־רעפּובליק. דעם דעסאנט אין אָדעס איז אויסגעקומען אוועקצופירן צוריק, ווייל פונם באריר מיטן מיליטער פון דער סאָוועטן־רעפּובליק איז דאָס מיליטער פון די אינטערווענטן אָנגעשטעקט געוואָרן מיט רעוואָליוציאָנערן גייסט און האָט אָנגעהויבן אויפצושטיין קעגן זיינע אייגענע אימפּעריאַליסטישע הערשער. אזוי, אשטייגער, זיינען אין אָדעס אויפגעשטאנען די פראנצויזישע ים־לייט אונטער דער אָנפירונג פון אנדרע מארטי. דעריבער איז אצינד, נאָכן צעשמעטערן קאָלטשאקן, די הויפּט־אויפמערקזאמקייט פון דער אנטאנט געווענדט געוואָרן אויפן גענעראל דעניקין, דעם מיטהעלפער פון קאָרנילאָוון און דעם אָרגאניזאטאָר פון דער „פרייווויליקער ארמיי". דעניקין האָט אין דער דאָזיקער צייט געשאלטעט און געוואלטעט קעגן דער סאָוועטן־מאכט אין דרום, אינם ראיאָן פון קובאן. די אנטאנט האָט באזאָרגט זיין ארמיי מיט א גרויסער צאָל געווער און אמוניציע און א רוק געטאָן זי אויף צפון קעגן דער סאָוועטן־מאכט.

אזויאַרום איז דער דרום־פראָנט געוואָרן דאָס מאָל דער הויפּט־פראָנט.

דעניקין האָט אָנגעהויבן זײַן גרונט־מאַרש קעגן דער סאָוועטן־מאַכט זו־מער 1919־טן יאָר. טראָצקי האָט צערואינירט די אַרבעט אויפן דרום־פראָנט, און אונזער מיליטער האָט געליטן אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה. צו העלפט אָקטאָבער האָבן די ווײַסע געהאַט פאַרנומען גאַנץ אוקראַאינע, גענומען אָריאָל און זײַנען צוגעקומען צו טולע, וועלכע האָט באַזאָרגט אונזער אַרמיי מיט קוילן, מיט ביקסן, מיט קוילנוואַרפער. די ווײַסע האָבן געהאַלטן אין דערנעענטערן זיך צו מאָסקווע. די לאַגע פון דער סאָוועטן־רעפּובליק איז געוואָרן מער ווי ערנסט. די פּאַרטיי האָט אויפגעהויבן אַן אַליאַרם און גערופן דאָס פאָלק צו אַ ווידערשטאַנד. לענין האָט געגעבן אַ לאָזונג: „אַלע צום קאַמף קעגן דעניקינען“. באַגײַסטערטע דורך די באָלשעוויקעס, האָבן די אַרבעטער און פּויערים אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטן, כדי צו צעשמעטערן דעם שונא.

כדי צו אָרגאַניזירן די צעשמעטערונג פון דעניקינען האָט דער צ.ק. געשיקט אויפן דרום־פראָנט די חברים סטאַלין, וואָראָשילאָוו, אָרדזשאָניקידזע, בודיאָני. טראָצקי איז באַזײַטיקט געוואָרן פון דער אָנפירונג מיט די אָפּעראַציעס פון דער רויטער אַרמיי אין דרום. ביזן חבר סטאַלינס קומען האָט די קאָמאַנדע פונם דרום־פראָנט צוזאַמען מיט טראָצקין אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וואָס לויט אים האָט דער הויפּט־קלאַפּ געדאַרפט דערלאַנגט ווערן דעניקינען פון צאַריצין צו נאָוואָראָסעיסק־צו, דורך די דאָנער סטעפּעס, וואו די רויטע אַרמיי וואָלט געטראָפן אין איר גאַנג אַ פולשטענדיקע וועגלאָזיקײַט און וואָלט געדאַרפט דורכגיין דורך ראַיאָנען מיט אַ קאַזאַקישער באַפעלקערונג, וואָס אַ באַדײַטנדי־קער טייל אירער איז דעמאָלט געווען אונטערן אײַנפלוס פון די ווײַסגוואַרדיי־ער. חבר סטאַלין האָט שאַרף קריטיקירט דעם דאָזיקן פּלאַן און האָט פאָרגע־לייגט דעם צ.ק. זײַן פּלאַן פון צעשמעטערן דעניקינען: ווענדן דעם הויפּט־קלאַפּ דורך כאַרקאָוו—דאָנבאַס—ראָסטאָוו. דער דאָזיקער פּלאַן האָט געזיכערט אַ שנעלע פאָראויסבאַוועגונג פון אונזער מיליטער קעגן דעניקינען, צוליב דעם בפירוש'ן מיטגעפיל פון דער באַפעלקערונג אויפן וועג פונם פאָראויסמאַרש פון אונזער אַרמיי דורך די אַרבעטער־ און פּויערים־ראַיאָנען. חוץ דעם, האָט די רײַ־כע נעץ אײַזנבאַנען אין דעם דאָזיקן ראַיאָן געגעבן די מעגלאַכקייט צו זיכערן אונזער מיליטער אַ רעגולערע באַזאָרגונג מיט אַלעם נויטיקן. ענדלאַך, האָט דער דאָזיקער פּלאַן געגעבן די מעגלאַכקײַט צו באַפרײַען דאָנבאַס און זיכערן אונ־זער לאַנד מיט הייצוואַרג.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אָנגענומען דעם פּלאַן פונם חבר סטאַלין. אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער 1919־טן יאָר איז דעניקין, נאָך אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד, צעקלאַפּט געוואָרן דורך דער רויטער אַר־מיי אין די אַנטשיידנדיקע שלאַכטן אונטער אָריאָל און בײַ וואָראָניעזש. דעניקין האָט גענומען שנעל צוריקטרעטן, און דערנאָך האָט ער זיך אוועקגע־קײַקלט צו דרום־צו, פאַרפאָלגט ווערנדיק דורך אונזער מיליטער. אין אָנהויב

1920=טן יאָר זײַנען גאַנץ אוקראַינע און צפון=קאַווקאַז געווען באַפרײַט פון די ווײַסע.

בעת די אַנטשיידנדיקע שלאַכטן אויפן דרום=פראָנט האָבן די אימפּעריאַ=ליסטן ווידער אַ וואָרף געטאָן יודעניטשעס קאָרפּוס אויף פּעטראָגראַד, כּדי אָפּצואווענדן אונזערע כּחות פון דרום און פאַרלײַכטערן די לאַגע פון דעניקינס מיליטער. די ווײַסע זײַנען צוגעגאַנגען האַרט צו דער שטאָט, — צו פּעטראָ=גראַד. דער העראָאישער פּראָלעטאַריאַט פון פּעטראָגראַד האָט מיט לײַב און לעבן זיך געשטעלט צו באַשיצן די ערשטע שטאָט פון דער רעוואָלוציע. די קאָמוניסטן זײַנען, ווי שטענדיק, געווען אין די ערשטע רייען. אין רעזולטאַט פון פאַרביטערטע שלאַכטן זײַנען די ווײַסע צעקלאַפּט געוואָרן און ווי=דער אַרויסגעשלײַדערט געוואָרן אויסער די גרענעצן פון אונזער לאַנד — קיין עסטלאַנד.

אַזוי־אַרום איז מיט דעניקינען אויך געווען געענדיקט.

נאָכן צעשמעטערן קאָלטשאַקן און דעניקינען איז געקומען אַ קורצווײַליקער אָטעם=איבערכאַפּ.

ווען די אימפּעריאַליסטן האָבן דערזעען, אַז דאָס ווײַסגוואַרדייאישע מילי=טער איז צעקלאַפּט, די אינטערווענציע גייט ניט זיך אײַן און די סאָוועטן=מאַכט פאַרפעסטיקט זיך אינעם גאַנצן לאַנד, און אין מערב=אייראָפּע וואַקסט דער צאָרן פון די אַרבעטער קעגן דער מלחמה, וואָס די אינטערווענטן פירן קעגן דער סאָ=וועטן=רעפּובליק, — האָבן זיי אָנגעהויבן ענדערן זייער באַציאונג צו דער סאָ=וועטן=מלוכה. אין יאַנואַר 1920=טן יאָר האָבן ענגלאַנד, פראַנקרײַך און איטאַ=ליע אָנגענומען אַ באַשלוס אָפּצונעמען די בלאָקאַדע קעגן סאָוועטן=רוסלאַנד.

דאָס איז געווען אַ ביז גאָר ערנסטער שפּאַלט, וואָס איז דורכגעבראָכן גע=וואָרן אין דער וואַנט פון דער אינטערווענציע.

דאָס האָט ניט באַטײַט, פאַרשטייט זיך, אַז די סאָוועטן=מלוכה האָט שוין פאַרענדיקט מיט דער אינטערווענציע און מיטן בירגערקריג. עס איז נאָך פאַר=בליבן די געפאַר פון אַן אָנפאַל מצד דעם אימפּעריאַליסטישן פּוילן. עס זײַנען נאָך ניט געווען ענדגילטיק אַרויסגעיאָגט די אינטערווענטן אויפן ווײַטן מזרח, אין טראַנסקאַווקאַז און אין קרים. דאָס לאַנד פון די סאָוועטן האָט אָבער באַ=קומען אַ צײַטווײַליקן אָטעם=איבערכאַפּ און האָט געקאָנט אָנווענדן מער כּחות אויף דער ווירטשאַפטלעכער בויאונג. די פּאַרטיי האָט באַקומען די מעגלעכקײַט צו באַשעפטיקן זיך מיט ווירטשאַפטלעכע פראַגן.

בעת׳ן בירגערקריג זײַנען פיל קוואַליפיצירטע אַרבעטער אוועקגעגאַנגען פון דער פּראָדוקציע, ווײַל עס האָבן זיך פאַרמאַכט פאַבריקן און זאַוואָדן. די קוואַ=ליפיצירטע אַרבעטער האָט אַצינד די פּאַרטיי צוריקגעקערט אויף דער פּראָדוק=ציע צו אַרבעטן לויט דער ספּעציאַליטעט. עטלעכע טויזנט קאָמוניסטן זײַנען געשיקט געוואָרן אויפצושטעלן דעם טראַנספּאָרט, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. ניט האָבנדיק אויפגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט, האָט

מען ניט געקאָנט ערנסט נעמען זיך אויפצושטעלן די גרונט־צווייגן פון דער אינדוסטריע. עס האָט זיך פארשטארקט און פארבעסערט די דערנערונגס־אר־בעט. מע האָט אָנגעהויבן פאנאנדערצוארבעטן א פלאן פון עלעקטריפיצירן רוס־לאנד. אונטער דער ביקס האָבן זיך געפונען ביז 5 מיליאָן רויטארמייער, וואָס דערווייל האָט מען זיי ניט געקאָנט פאנאנדערלאָזן צוליב דער קריגס־געפאר. דעריבער זיינען אייניקע טיילן פון דער רויטער ארמיי אריבערגעפירט געוואָרן אויף דער לאגע פון א ר ב ע ט ס־א ר מ י י ע ן, כדי אויסצונוצן זיי אין געביט פון דערווירטשאפטלאכער בויאונג. דער ראט פון ארבעטער־ און פויערים־שוץ איז רעאָרגאניזירט געוואָרן אינם ר א ט פ ו ן א ר ב ע ט א ו ן ש ו ץ (ס.ט.אָ.). אים צו הילף איז געשאפן געוואָרן די מ ל ו כ ה ׳ ש ע פ ל א ן־ק אָ מ י ס י ע (מלוכה־פלאן).

אין אזעלכע אומשטענדן האָט זיך סוף מערץ 1920־טן יאָר געעפנט דער ניינטער פארטיי־צוזאמענפאָר.

אויפן צוזאמענפאָר זיינען בייגעווען 554 דעלעגאטן מיט באשטימונגס־רעכט, וואָס האָבן פארטראָטן 611.978 פארטיי־מיטגלידער. דעלעגאטן מיט באַ־ראטונגס־רעכט זיינען געווען 162 מאן.

דער צוזאמענפאָר האָט באשטימט די נאָענטסטע ווירטשאפטלאכע אויפגאַ־בעס פונם לאנד אין געביט פונם טראנספּאָרט, פון דער אינדוסטריע און האָט באזונדערס אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט, אז די פראָפעס־אָנעלע פאראיינען זאָלן זיך באטייליקן אין דער ווירטשאפטלאכער בויאונג.

א באזונדערע אויפמערקזאמקייט איז אויפן צוזאמענפאָר געווענדט געוואָרן אויף דער פראגע וועגן דעם אייגהייטלאכן ווירטשאפטלאכן פלאן, וואָס האָט פאָרויסגעזעען, אין דער ערשטער ריי, אויפצוהויבן דעם טראנספּאָרט, דאָס הייצווארג־וועזן, די מעטאלורגיע. דאָס הויפט־אָרט האָט אין דעם דאָזיקן פלאן פארנומען די פראגע וועגן דער עלעקטריפיצירונג פון דער גאנצער פאָלקס־ווירטשאפט, וואָס לעגין האָט זי ארויסגערוקט אלס „גרויסע פראָגראם אויף 10—20 יאָר". אויף דעם דאָזיקן יסוד איז נאָכדעם אויסגעארבעט געוואָרן דער באוואוסטער פלאן פון ג אָ ע ל ר אָ (מלוכה׳שע עלעקטריפיקאציע פון רוסלאנד), וואָס אצינד איז ער שוין לאנג איבערגעשטיגן.

דער צוזאמענפאָר האָט געגעבן א ווידערשטאנד דער אנטיפארטייאישער גרופּע פון „דעמאָקראטישן צענטראליזם", וואָס איז ארויסגעטראָטן קעגן איינ־פערזאָניקער אָנפירונג און קעגן דער פערסאָנעלער פאראנטוואָרטלאכקייט פון די דירעקטאָרן אין דער אינדוסטריע און וואָס האָט פארטיידיקט גרענעצלאָזע „קאָלעגיאלקייט" און אומפאראנטוואָרטלאכקייט אין דער אָנפירונג מיט דער אינדוסטריע. די הויפט־ראָלע האָבן אין דער דאָזיקער אנטיפארטייאישער גרו־פּע געשפּילט סאפראָנאָוו, אָסינסקי, וו. סמירנאָוו. געשטיצט האָבן זיי אויפן צוזאמענפאָר ריקאָוו, טאָמסקי.

## 4. דער אָנפאַל פון די פּוילישע פּאַנעס אויפן סאָוועטן־לאַנד. דער אויספאַל פונם גענעראַל וורַאנגעל. דער דורכפאַל פונם פּוילישן פּלאַן. די צעשמעטערונג פון וורַאנגעלן. דער סוף פון דער אינטערווענציע.

ניט געקוקט אויף דער צעשמעטערונג פון קאָלטשאַקן און דעניקינען, ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס סאָוועטן־לאַנד האָט אַלץ מער פאַרברייטערט זײַן טעריטאָריע, באַפרײַענדיק פון די ווײַסע און פון די אינטערווענטן דעם צפון־קאַנט, טורקעסטאַן, סיביר, דאָן, אוקראַאינע און א.וו., ניט געקוקט דערויף, וואָס די אַנטאַנט איז געווען געצוואונגען אָפּצושאַפן די בלאָקאַדע קעגן רוסלאַנד, האָבן די אַנטאַנט־מלוכות דאָך ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן גערויש, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט זיך אַרויסגעוויזן אומצעשטערבאַר, אַז זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א זיגערן. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן פּאַרצונעמען נאָך איין פּרואוו פון אַן אינטערווענציע קעגן דעם סאָוועטן־לאַנד. דאָס מאָל האָבן די אינטערווענטן באַשלאָסן אויסצונוצן, פון איין זײַט, פּילסודסקין, דעם בורזשואַזן קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן נאַציאָנאַליסט, דעם פאַקטישן הויפּט פון דער פּוילישער מלוכה, און, פון דער צווייטער זײַט, דעם גענעראַל וורַאנגעל, וואָס האָט צונויפגעקליבן אין קרים די רעשטלאַך פון דער דעניקינישער אַרמיי און האָט פון דאָרטן באַדראָעט דאָנבאַס, אוקראַאינע.

דאָס פּאַנסקע פּוילן און וורַאנגעל — דאָס זײַנען, לויט לענינס אויסדרוק, געווען צוויי הענט פונם צווישנפעלקערלאַכן אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט געפּרואווט דערשטיקן דאָס סאָוועטן־לאַנד.

בײַ די פּאָליאַקן איז געווען א פּלאַן: פאַרכאַפּן דעם רעכטברעגיקן טייל פון דער סאָוועטישער אוקראַאינע, פאַרכאַפּן דאָס סאָוועטישע ווײַסרוס־לאַנד, אויפשטעלן אין די דאָזיקע ראַיאָנען די מאַכט פון די פּוילישע פּאַנעס, פאַרברייטערן די גרענעצן פון דער פּוילישער מלוכה „פון ים ביז ים“, פון דאַנציג ביז אָדעס, און פאַר דער הילף, וואָס עס גיט זיי וורַאנגעל, — העלפן וורַאנגעלן צעקלאַפּן די רויטע אַרמיי און אויפשטעלן אין סאָוועטן־רוסלאַנד די מאַכט פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

דער דאָזיקער פּלאַן איז באַוויליקט געוואָרן דורך די אַנטאַנט־מלוכות.

די פּרואוון פון דער סאָוועטישער רעגירונג אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט פּוילן אויף אײַנצוהיטן דעם שלום און אָפּווענדן די מלחמה האָבן ניט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. פּילסודסקי האָט ניט געוואָלט ריידן וועגן שלום. פּילסודסקי האָט געוואָלט מלחמה האַלטן. ער האָט אויסגערעכנט, אַז דאָס רויטע מיליטער, מיד פון די שלאַכטן מיט קאָלטשאַקן און דעניקינען, וועט ניט אויסהאַלטן דעם אָנפאַל פונם פּוילישן מיליטער.

צום קורצווײַליקן אָטעם־איבעררײַס איז געקומען א סוף.

אין אַפּריל 1920־טן יאָר האָט דאָס פּוילישע מיליטער זיך אַרײַנגעריסן אין

די גרענעצן פון דער סאָוועטישער אוקראאינע און פארכאפּט קיעוו. אין דער זעלבער צײַט איז ווראנגעל אריבער אין אן אָנגריף און האָט אָנגעהויבן באַדראָען דאָנבאַס.

אלס ענטפער אויפן אָנפאל פונם פּוילישן מיליטער האָט דאָס רויטע מיליטער פאנאנדערגעוויקלט א קאָנטער־אָנגריף איבערן גאנצן פראָנט. באפרײַט קיעוו און ארויסגעטריבן די פּוילישע פּאנעם פון אוקראאינע און ווײַסרוסלאנד, איז דאָס רויטע מיליטער פונם דרום־פראָנט אין זײַן אָנגרײַפערישן דראנג דערגאנגען ביז צו די טויערן פון לוואָוו אין גאליציע, און דאָס מיליטער פונם מערב־פראָנט האָט זיך דערנעענטערט צו ווארשע. עס האָט געהאלטן בײַ א פולשטענדיקער מפּלה פונם מיליטער פון די פּוילישע פּאנעם.

נאָר די פארדעכטיקע האנדלונגען פון טראָצקין און פון זײַנע אָנהענגער אינם הויפּט־שטאב פון דער רויטער ארמיי האָבן אראָפּגעריסן די דערפּאָלגן פון דער רויטער ארמיי. דער אָנגריף פונם רויטן מיליטער אויפן מערב־פראָנט, צו דער זײַט פון ווארשע, איז — לויט דער שולד פון טראָצקין און פון טוכאַטשעווסקין — געגאנגען אבסאָליוט ניט־אָרגאניזירט: מע האָט דעם מיליטער ניט געלאָזט פארפעסטיקן די דעראָבערטע פּאָזיציעס, די אוואנגארד־טיילן זײַנען פארפירט געוואָרן צו ווײַט פאָראויס, די מענטשן־רעזערוון און שלאכט־מיטלען זײַנען איבערגעלאָזט געוואָרן צו טיף אין הינטערלאנד, די אוואנגארד־טיילן זײַנען, אזויארום, איבערגעלאָזט געוואָרן אָן שלאכט־מיטלען, אָן מענטשן־רעזערוון, די פראָנט־ליניע איז אויסגעצויגן געוואָרן אומענדלאך לאנג און עס איז דעריבער פארלײַכטערט געוואָרן דער דורכרײַס פונם פראָנט. מחמת דעם אלעמען האָט זיך באקומען, אז ווען א ניט־גרויסע גרופּע פּויליש מיליטער האָט דורכגעריסן אונזער מערב־פראָנט אין איינעם פון זײַנע פּונקטן, איז אונזער מיליטער, וואָס איז פארבליבן אָן שלאכט־מיטלען, געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן. וואָס איז שייך דעם מיליטער פונם דרום־פראָנט, וואָס איז געשטאַנען בײַ די טויערן פון לוואָוו און האָט פארפּאָלגט דאָרטן די פּאָליאקן, האָט דער „פּאָרזיצרעוומיליטראַט“ טראָצקי פארווערט דעם דאָזיקן מיליטער צו נעמען לוואָוו און האָט באפוילן אריבערצוווארפן די רײַטער־ארמיי, דאָס הייסט, די הויפּט־קראפט פונם דרום־פראָנט, ווייט אויף צפון־מזרח, כלומר'שט צו הילף דעם מערב־פראָנט, כאָטש עס איז ניט שווער געווען צו פארשטיין, אז דאָס נעמען לוואָוו וואָלט געווען די איינציק־מעגלאכע און בעסטע הילף דעם מערב־פראָנט. נאָר דאָס ארויספירן די רײַטער־ארמיי פונם באשטאנד פונם דרום־פראָנט און איר צוריקגאנג פון לוואָוו האָבן פאקטיש באטײַט א צוריקטריט פון אונזער מיליטער אויך אויפן דרום־פראָנט. אזויארום איז דורך טראָצקיס שעדיקערישן באפעל אָנגעבונדן געוואָרן דעם מיליטער פון אונזער דרום־פראָנט אן אומפארשטענדלאכער און מיט גאָרניט באגרינדעטער צוריקטריט, — צו דער פרייד פון די פּוילישע פּאנעם.

דאָס איז געווען א דירעקטע הילף, אָבער ניט פאר אונזער מערב-פראָנט, נאָר פאר די פוילישע פאנעס און דער אנטאנט.

אין עטלאכע טעג ארום איז דער אָנגריף פונם פוילישן מיליטער אָפּגעשטעלט געוואָרן, און אונזער מיליטער האָט זיך גענומען גרייטן צו א נייעם קאָנטער-קלאפּ קעגן די פּאָליאקן. ניט האָבנדיק אָבער קיין קרעפטן פאָרצוזעצן די מלחמה און וואַרטנדיק מיט אומרו אויפן קאָנטער-קלאפּ פון די רויטע, איז פוילן געווען געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע פּרעטענזיעס צו פארכאפּן די רעכט-ברעגיקע אוקראאינע און ווייסרוסלאנד און האָט געפונען פאר בעסער צו שליסן שלום מיט רוסלאנד. דעם 20-טן אָקטאָבער 1920-טן יאָר איז מיט פוילן געשלאָסן געוואָרן אין ריגע א שלום-אָפּמאך, לויט וועלכן פוילן האָט איינגעהאלטן פאר זיך גאליציע און א טייל ווייסרוסלאנד.

געשלאָסן שלום מיט פוילן, האָט די סאָוועטן-רעפּובליק באשלאָסן א סוף מאכן מיט ווראנגעלן. ווראנגעל האָט באקומען פון די ענגלענדער און פראנצויזן דאָס נייסטע געווער, פּאנצער-אויטאָמאָבילן, טאנקען, אעראָפּלאנען, אמוניציע. ער האָט געהאט ווייסגווארדייאישע שלאָג-טיילן, דער עיקר, אָפיצירישע. ווראנגעלן האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן צונויפצוקלייבן וויפיל-ס'ניט-איז באדייטנדיקע קרעפטן פון פויערים און קאזאקן ארום דעם דעסאנט, וואָס ער האָט ארויסגעזעצט אויף קובאן און אויפן דאָן. דאָך איז ווראנגעל צוגעגאנגען הארט צו דאָנבאס און האָט געשטעלט אונטער א געפאר אונזער שטיינקוילן-ראיאָן. די לאגע פון דער סאָוועטן-מאכט איז נאָך מער קאָמפּליצירט געוואָרן דערמיט, וואָס צו דער דאָזיקער צייט איז די רויטע ארמיי געווען היפּש מיד. די רויט-ארמייער איז ארויסגעקומען צו באוועגן זיך אין אומגעהויער שווערע באדינגונגען, פירנדיק אן אָנגריף קעגן ווראנגעלס מיליטער און שמעטערנדיק גלייכצייטיק די באנדעס פון די אנארכיסטן—מאכנאָווצעס, וואָס האָבן געהאָלפן ווראנגעלן. נאָר ניט געקוקט דערויף, וואָס ווראנגעל האָט אויף זיין זייט געהאט אן איבערוואָג אין טעכניק, ניט געקוקט דערויף, וואָס די רויטע ארמיי האָט ניט געהאט קיין טאנקען, האָט די רויטע ארמיי פארטריבן ווראנגעלן אויפן קרימער האלב-אינזל. אין נאָוועמבער 1920-טן יאָר האָט דאָס רויטע מיליטער פארנומען די באפעסטיקטע פּאָזיציעס פון פּערעקאָפּ, זיך ארייַנגעריסן קיין קרים, צעשמעטערט ווראנגעלס מיליטער און באפרייט קרים פון די ווייסגווארדייער און אינטערווענטן. קרים איז געוואָרן א סאָוועטישער.

מיטן דורכפאל פון די פוילישע גרויסמעכטישע פּלענער און מיטן צעשמעטערן ווראנגעלן ענדיקט זיך דער פּעריאָד פון דער אינטערווענציע.

סוף 1920-טן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די באפרייאונג פון טראנסקאווקאז פון אונטערן יאָך פון די בורזשואזע נאציאָנאליסטן—מוסאוואטיסטן אין אזערביידזשאן, פון די נאציאָנאל-מענשעוויקעס אין גרוזיע, פון די דאשנאקעס אין ארמעניע. די סאָוועטן-מאכט האָט געזיגט אין אזערביידזשאן, אין ארמעניע און אין גרוזיע.

דאָס האָט נאָך ניט באַטײַט, אַז די אינטערווענציע איז אַבסאָליוט אָפּגע=שטעלט. די יאַפּאַנישע אינטערווענציע אויפֿן װײַטן מזרח האָט נאָך געדויערט ביזן סאַמע 1922=טן יאָר. חוץ דעם, זײַנען געווען נײַע פּרואוון צו אָרגאַניזירן אַן אינטערווענציע (דער אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו און דער באַראָן אונגערן אין מזרח, די ווײַספֿינישע אינטערווענציע אין קאַרעליע אין יאָר 1921). נאָר די הויפּט=שונאים פֿונם סאָוועטן=לאַנד, די גרונט=קרעפֿטן פֿון דער אינטערווענציע זײַנען צום סוף פֿון 1920=טן יאָר געווען צעשמעטערט.

די מלחמה פֿון די אויסלענדישע אינטערווענטן און פֿון די רוסלענדישע ווײַסגוואַרדייער קעגן די סאָוועטן האָט זיך געענדיקט מיטן זיג פֿון די סאָוועטן.

די סאָוועטן=רעפּובליק האָט אויסגעקעמפֿט איר מלוכה'שע אומאָפּהענגי=קײַט, איר פֿרײַע עקזיסטענץ.

דאָס איז געווען דער סוף פֿון דער אויסלענדישער קריגס=אינטערווענציע און פֿונם בירגערקריג.

דאָס איז געווען אַ היסטאָרישער זיג פֿון דער סאָוועטן=מאַכט.

## 5. וויאַזוי און פֿאַרוואָס האָט דאָס סאָוועטן־לאַנד באַזיגט די פֿאַראייניקטע קרעפֿטן פֿון דער ענגליש־פֿראַנצויזיש־יאַפּאַניש־פּוילישער אינטערווענציע און פֿון דער בורזשואַז־פּריציש־ווײַסגוואַרדייאישער קאָנטער־רעוואָליוציע אין רוס־לאַנד?

אויב מע זאָל נעמען די גרויסע אײראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע פּרעסע פֿון די צײַטן פֿון דער אינטערווענציע, קאָן מען אָן מי פֿעסטשטעלן, אַז קיין איין אָנגעזעענער שרײַבער, מיליטערישער אָדער ציווילער, קיין איין קענער פֿון מיליטער=וועזן האָט ניט געגלויבט אין זיג פֿון דער סאָוועטן=מאַכט. פֿאַרקערט, אַלע אָנגעזעענע שרײַבער, קענער פֿון מיליטער=וועזן, היסטאָריקער פֿון רעוואָליו=ציעס פֿון אַלע לענדער און פֿעלקער, די אַזוי גערופֿענע מענטשן פֿון דער וויסנ=שאַפֿט,—אַלע האָבן זיי אין איין קול געשריגן, אַז די טעג פֿון דער סאָוועטן=מאַכט זײַנען געציילטע, אַז די מפּלה פֿון דער סאָוועטן=מאַכט איז אומפֿאַרמײַדלאַך.

אין זייער זיכערקײַט אינעם זיג פֿון דער אינטערווענציע זײַנען זיי אַרויסגע=גאַנגען דערפֿון, וואָס דאָס סאָוועטן=לאַנד פֿאַרמאָגט נאָך ניט קיין אויסגעביל=דעטע רויטע אַרמיי, אַז עס וועט אויסקומען צו שאַפֿן זי, אַזוי צו זאָגן, אין גאַנג, בעת די אינטערווענטן און די ווײַסגוואַרדייער האָבן אַ מער אָדער ווײ=ניקער גרייטע אַרמיי.

ווײַטער, זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען דערפֿון, וואָס די רויטע אַרמיי האָט ניט קיין דערפֿאַרענע מיליטער=קאַדרען, ווײַל די מערהײַט אַזוינע קאַדרען איז אַוועק צו דער קאָנטער=רעוואָליוציע, בשעת די אינטערווענטן און די ווײַסגוואַרדייער האָבן יאָ אַזוינע קאַדרען.

ווײַטער, זײַנען זיי ארויסגעגאנגען דערפֿון, וואָס די רויטע ארמיי לײַדט פֿון מאנגל און פֿון שלעכטער קוואליטעט פֿון באוואָפֿענונג, פֿון שלאכט־מיטלען, מחמת דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון דער קריגס־אינדוסטריע פֿון רוסלאנד, און באקומען באוואָפֿענונגס־ארטיקלען פֿון אנדערע לענדער קאָן זי ניט, ווײַל רוס־לאנד איז איבער דער בלאָקאדע פֿארשפֿארט פֿון אלע זײַטן, בעת די ארמיי פֿון די אינטערווענטן און ווײַסגווארדייער ווערט פֿון דער פֿולער האנט באזאָרגט און ווערט באזאָרגט ווערן מיט ערשטקלאסיקער באוואָפֿענונג, מיט שלאכט־מיטלען, מיט קליידונג.

ענדלאַך, זײַנען זיי ארויסגעגאנגען דערפֿון, וואָס די ארמיי פֿון די אינטער־ווענטן און ווײַסגווארדייער האָט דעמאָלט געהאט פֿארנומען די אממערסטן רײַכע דערנערונגס־ראַיאָנען פֿון רוסלאנד, בעת די רויטע ארמיי האָט ניט פֿארמאָגט אזוינע ראַיאָנען און האָט געליטן פֿון מאנגל אין דערנערונג.

און ווירקלאַך, אָט די אלע בלויזן און מאנגלען האָבן טאקע געהאט אן אָרט אין די טיילן פֿון דער רויטער ארמיי.

אין דער דאָזיקער הינזיכט, — נאָר בלויז אין דער דאָזיקער הינזיכט,— זײַנען די הערן אינטערווענטן געווען אבסאָליוט גערעכט.

מיט וואָס זשע קאָן מען, אויב אזוי, דערקלערן, וואָס די רויטע ארמיי, וועל־כע האָט געהאט אזויפֿיל ערנסטע בלויזן, האָט באזיגט די ארמיי פֿון די אינ־טערווענטן און ווײַסגווארדייער, וואָס איז געווען פֿריי פֿון אזוינע בלויזן?

1. די רויטע ארמיי האָט געזיגט דערפֿאר, ווײַל די פּאָליטיק פֿון דער סאָ־וועטן־מאכט, וואָס אין איר נאָמען האָט די רויטע ארמיי מלחמה געהאלטן, איז געווען א ריכטיקע פּאָליטיק, וועלכע אנטשפּרעכט די אינטערעסן פֿונם פֿאָלק, ווײַל דאָס פֿאָלק האָט באזיניקט און פֿארשטאנען די דאָזיקע פּאָלי־טיק, ווי א ריכטיקע, ווי זײַן אייגענע פּאָליטיק, און האָט זי אונטערגעשטיצט ביזן סוף.

די באָלשעוויקעס האָבן געוואוסט, אז אן ארמיי, וואָס קעמפֿט אין נאָמען פֿון א ניט־ריכטיקער פּאָליטיק, וועלכע ווערט ניט געשטיצט פֿונם פֿאָלק, קאָן ניט זיגן. גראָד אזא ארמיי איז געווען די ארמיי פֿון די אינטערווענטן און ווײַס־גווארדייער. די ארמיי פֿון די אינטערווענטן און ווײַסגווארדייער האָט פֿארמאָגט אלץ: אי אלטע דערפֿארענע קאָמאנדירן, אי אן ערשטקלאסיקע באוואָפֿענונג, אי שלאכט־מיטלען, אי קליידונג, אי דערנערונג. עס האָט בלויז געפֿעלט איינס— די שטיצע און מיטגעפֿיל פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאנד, ווײַל די פֿעלקער פֿון רוסלאנד האָבן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט שטיצן די אנטיפֿאָלקישע פּאָליטיק פֿון די אינטערווענטן און פֿון די ווײַסגווארדייאישע „רעגירער“. און די ארמיי פֿון די אינטערווענטן און ווײַסגווארדייער האָט געליטן א מפּלה.

2. די רויטע ארמיי האָט געזיגט דערפֿאר, ווײַל זי איז געווען געטרײַ און איבערגעגעבן ביזן סוף איר פֿאָלק, דערפֿאר טאקע האָט דאָס פֿאָלק זי ליב געהאט און געשטיצט, ווי זײַן לײַבלאכע ארמיי. די רויטע ארמיי איז א קינד

פונם פאָלק, און אויב זי איז געטרײַ איר פאָלק, ווי א געטרײַער זון זײַן מוטער, וועט זי האָבן די שטיצע פונם פאָלק, מוז זי זיגן. אן ארמיי, ווידער, וואָס גייט קעגן איר פאָלק, מוז לײַדן א מפּלה.

3. די רויטע ארמיי האָט געזיגט דערפאַר, ווײַל דער סאָוועטן־מאכט איז געלונגען אויפצוהויבן דאָס גאנצע הינטערלאַנד, דאָס גאנצע לאנד צו דינסט די אינטערעסן פונם פראָנט. אן ארמיי אָן א פעסטן הינטערלאנד, וואָס שטיצט מיט אלע מיטלען דעם פראָנט, איז פאראורטיילט צו א מפּלה. די באָלשעוויקעס האָבן דאָס געוואוסט און טאקע דערפאר האָבן זיי פארוואנדלט דאָס גאנצע לאנד אין א קריגס־לאגער, וואָס האָט באזאָרגט דעם פראָנט מיט באוואָפענונג, מיט שלאכט־מיטלען, מיט קליידונג, מיט דערנערונג, מיט מענטשן־קאָנטינגענטן.

4. די רויטע ארמיי האָט געזיגט דערפאַר, ווײַל: א) די רויטארמייער האָבן פארשטאנען די צילן און אויפגאבעס פון דער מלחמה און האָבן באזיניקט זייער ריכטיקײַט; ב) דאָס באזיניקן די ריכטיקײַט פון די צילן און אויפגאבעס פון דער מלחמה האָט אין זיי פארפעסטיקט דעם גײַסט פון דיסציפּלין און די שלאכטפייאיקײַט; ג) אדאנק דעם האָבן די רויטארמייאישע מאסן אויף טריט און שריט ארויסגעוויזן אין קאמף קעגן די שונאים בײַשפּיללאָזע מסירת־נפש און אומגעזעענעם מאסן־העראָאיזם.

5. די רויטע ארמיי האָט געזיגט דערפאַר, ווײַל דער אָנפירנדיקער קערן פונם הינטערלאנד און פונם פראָנט פון דער רויטער ארמיי איז געווען די פּארטיי באָלשעוויקעס, אן איינהײַטלאכע מיט איר באהעפטקײַט און דיסציפּלין, א שטארקע מיט איר רעוואָלוציאָנערן גײַסט און גרייטקײַט צו גיין אויף אלערליי קרבנות צוליבן דערפאָלג פון דער אלגעמיינער זאך, א ניט־איבערגעשטיגענע מיט איר קענטשאפט צו אָרגאניזירן די מיליאָניקע מאסן און ריכטיק אָנצופירן מיט זיי אין א קאָמפּליצירטער סיטואציע.

„נאָר אדאנק דעם, — האָט לענין געזאָגט, — וואָס די פּארטיי איז געווען אויף דער וואך, וואָס די פּארטיי איז געווען אמשטרענגסטן דיסציפּלינירט, און דערפאַר, ווײַל דער אויטאָריטעט פון דער פּארטיי האָט פאראייניקט אלע אמטן און אנשטאלטן, און נאָכן לאָזונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן פונם צ.ק., זײַנען, ווי איין מענטש, געגאנגען צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער, און אין לעצטן סך־הכל מיליאָנען, און נאָר דערפאַר, ווײַל עס זײַנען געבראכט געוואָרן אומגעהערטע קרבנות, — נאָר דערפאַר טאקע האָט דער געשעענער נס געקאָנט געשעען. נאָר דערפאר טאקע זײַנען מיר, ניט געקוקט אויפן צווייםאָליקן, דרײַמאָליקן און פירמאָליקן מארש פון די אימפּעריאליסטן פון דער אנטאנט און פון די אימפּעריאליסטן פון דער גאנצער וועלט, אימשטאנד געווען צו זיגן“ (לענין, ב. XXV, ז. 96, רוסיש).

6. די רויטע ארמיי האָט געזיגט דערפאַר, ווײַל: א) זי האָט באוויזן אויס־

צושמידן אין אירע רייען אזוינע מיליטער־אָנפירער פונם נײַעם טיפּ, ווי פּרונ־זע, וואָראָשילאָוו, בודיאָני און אנדערע; ב) אין אירע רייען האָבן געקעמפט אזוינע העלדן—געבווירענע טאַלאַנטן, ווי קאָטאָווסקי, טשאפּאיעוו, לאזאָ, שטשאָרס, פּארכאָמענקאָ און פיל אנדערע; ג) מיט דער פּאָליטישער אויפ־קלערונג פון דער רויטער ארמיי האָבן זיך באשעפטיקט אזוינע טוער, ווי לענין, סטאלין, מאָלאָטאָוו, קאלינין, סווערדלאָוו, קאהאנאָוויטש, אָרדזשאָניקידזע, קי־ראָוו, קויבישעוו, מיקאָיאן, זשדאנאָוו, אנדרייעוו, פּעטראָווסקי, יאראָסלאווסקי, יעזשאָוו, דזערזשינסקי, שטשאדענקאָ, מעכליס, כרושטשאָוו, שווערניק, שקיריא־טאָוו און אנדערע; ד) די רויטע ארמיי האָט געהאט אין איר באשטאנד אזוינע אויסערגעוויינלאכע אָרגאניזאטאָרן און אגיטאטאָרן, ווי די מיליטער־קאָמי־סארן, וואָס האָבן מיט זייער ארבעט צעמענטירט די רייען רויטארמייער, אײַנ־געפלאנצט צווישן זיי דעם גײַסט פון דיסציפּלין און שלאכט־געוואגטקײַט, ענער־גיש איבערגעהאקט — שנעל און אָן רחמנות — די פארערעטערישע האנדלונ־גען פון באזונדערע פערזאָנען פונם קאָמאנדיר־באשטאנד און, פארקערט, דרייסט און אנטשיידן געשטיצט דעם אויטאָריטעט און דעם רום פון די קאָמאנדירן, די פּארטייאישע און ניט־פּארטייאישע, וועלכע האָבן באוויזן זייער איבערגע־געבנקײַט דער סאָוועטן־מאכט און זײַנען פּייאיק געווען מיט א פעסטער האנט פארווירקלאכן די אָנפירונג מיט די טיילן פון דער רויטער ארמיי.

„אָן דעם מיליטקאָם וואָלטן מיר ניט געהאט די רויטע ארמיי" — האָט געזאָגט לענין.

7. די רויטע ארמיי האָט געזיגט דערפאר, ווײַל אין הינטערלאנד פון די ווײַסגווארדייאישע ארמייען, אין הינטערלאנד בײַ קאָלטשאקן, דעניקינען, קראס־נאָוון, וראנגעלן האָבן געארבעט אין אונטערערד מערקווירדיקע באָלשעוויקעס, פּארטייאישע און ניט־פּארטייאישע, וועלכע האָבן געהויבן צום אויפשטאנד די ארבעטער און פּויערים קעגן די אינטערווענטן, קעגן די ווײַסגווארדייער, האָבן אונטערגעריסן דאָס הינטערלאנד פון די שונאים פון דער סאָוועטן־מאכט און דערמיט גופא פארלײַכטערט דעם פּאָראויסמארש פון דער רויטער אר־מיי. ס'איז אלעמען באוואוסט, אז די פּארטיזאנער פון אוקראאינע, פון סיביר, פון ווײַטן מזרח, פון אוראל, פון ווײַסרוסלאנד, פון בײַוואָלגע, וואָס האָבן אונטערגעריסן דאָס הינטערלאנד פון די ווײַסגווארדייער און אינטערווענטן, האָבן געגעבן דער רויטער ארמיי אומשאצבארע הילף.

8. די רויטע ארמיי האָט געזיגט דערפאר, ווײַל דאָס סאָוועטן־לאנד איז ניט געווען איינזאם אין זײַן קאמף קעגן דער ווײַסגווארדייאישער קאָנטר־רעוואָ־ליוציע און אויסלענדישער אינטערווענציע, ווײַל דער קאמף פון דער סאָ־וועטן־מאכט און אירע דערפאָלגן האָבן ארויסגערופן מיטגעפיל און הילף מצד די פּראָלעטאריער פון דער גאנצער וועלט. אין דער צײַט, ווען די אימפּעריאַ־ליסטן האָבן געפּרואווט דערשטיקן די סאָוועטן־רעפּובליק דורך אינטער־ווענציע און בלאָקאדע, זײַנען די ארבעטער פון די דאָזיקע אימפּעריאליסטי־

שע לענדער געווען אויף דער זייט פון די סאָוועטן און האָבן זיי געהאָלפן. זייער קאמף קעגן די קאפּיטאַליסטן פון די לענדער, וואָס זיינען פיינטלאך דער סאָוועטן־רעפּובליק, האָט מיטגעווירקט דערצו, אז די אימפּעריאַליסטן זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון דער אינטערווענציע. די ארבעטער פון ענגלאנד, פראנקרייך און פון אנדערע לענדער, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין דער אינטערווענציע, האָבן אָרגאניזירט שטרייקס, זיך אָפּגעזאָגט צו אָנלאָדן קריגס־מאטעריאַלן צו הילף די אינטערווענטן און וייסגווארדייאישע גענעראַלן, האָבן געשאפן „אקציע־קאָמיטעטן" אונטערן לאָזונג — „די הענט אוועק פון רוסלאנד!".

„ווי נאָר, — האָט לענין געזאָגט, — די צווישנפעלקערלאכע בור־זשואזיע פארמעסט זיך אויף אונז, כאפּן זי אָן ביי דער האנט אירע אייגענע ארבעטער" (לענין, ב. XXV, ז. 405, רוסיש).

# קורצע אויספירן.

די פּריצים און קאפּיטאַליסטן צוזאמען מיט די ווייסגווארדייאישע גענע־ראַלן, צעקלאפּטע דורך דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע, ריידן זיך צונויף אויפן חשבון פון די אינטערעסן פון זייער היימלאנד מיט די רעגירונגען פון די לענ־דער פון דער אנטאנט וועגן א געמיינזאמען קריגס־אָנפאל אויפן סאָוועטן־לאנד און וועגן אראָפּווארפן די סאָוועטן־מאכט. אויף דעם דאָזיקן יסוד ווערן אָרגאניזירט א קריגס־אינטערווענציע פון דער אנטאנט און ווייסגווארדייאישע בונטן אין די ראנד־געביטן פון רוסלאנד, וואָס אין רעזולטאט פון זיי ווערט רוסלאנד אָפּגעשניטן פון די דערנערונגס־ און רוווארג־ראַיאָנען.

די קריגס־מפּלה פון דייטשלאנד און די ליקווידירונג פון דער מלחמה פון די צוויי אימפּעריאַליסטישע קאָאַליציעס אין אייראָפּע ברענגען צו א פאר־שטארקונג פון דער אנטאנט, צו א פארשטארקונג פון דער אינטערווענציע, שאפן נייע שוועריקייטן פארן סאָוועטן־לאנד.

די רעוואָליוציע אין דייטשלאנד און די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די לענדער פון אייראָפּע, — פארקערט, — שאפן א גינסטיקע פאר דער סאָוועטן־מאכט צווישנפעלקערלאכע סיטואציע און פאר־לייכטערן די לאגע פונם סאָוועטן־לאנד.

די באָלשעוויסטישע פּארטיי הויבט אויף די ארבעטער און פּויערים צו א פּאַטערלענדישער מלחמה קעגן די אויסלענדישע פארכאפּער און קעגן דער בורזשואז־פּריצ'ישער ווייסגווארדייסטשינע. די סאָוועטן־רעפּובליק און איר רויטע ארמיי צעקלאפּן איינעם נאָכן אנדערן די אגענטן פון דער אנ־טאנט — קאָלטשאקן, יודעניטשן, דעניקינען, קראסנאָוון, וורַאנגעלן; שליידערן ארויס פון אוקראאינע און ווייסרוסלאנד נאָך איין אגענט פון דער אנטאנט—

פּילסודסקין און שלאָגן אָפּ, אזויארום, די אויסלענדישע קריגס=אינטערווענציע, טרײַבן ארויס איר מיליטער פון די גרענעצן פונם סאָוועטן=לאנד.

אזויארום האָט זיך דער ערשטער קריגס=אָנפאל פונם אינטערנאציאָנאלן קאפּיטאל אויפן לאנד פון סאָציאליזם געענדיקט מיט א פולשטענדיקן קראך זײַנעם.

די פּארטייען פון די עסערן, מענשעוויקעס, אנארכיסטן, נאציאָנאליסטן, צעקלאפּטע דורך דער רעוואָלוציע, שטיצן אינם פּעריאָד פון דער אינטערווענציע די ווײַסגווארדייאישע גענעראלן און אינטערווענטן, אָרדענען אײַן קאָנטער=רעוואָליוציאָנערע פארשווערונגען קעגן דער סאָוועטן=רעפּובליק, אָרגאניזירן טעראָר קעגן די סאָוועטישע טוער. די דאָזיקע פּארטייען, וואָס ביז דער אָקטאָבער=רעוואָליוציע האָבן זיי געהאט א געוויסן אײַנפלוס אינם ארבעטער=קלאס, איז אינם פּעריאָד פון בירגערקריג דעמאסקירן זיי זיך גופא פולשטענדיק אין די אויגן פון די פאָלקס=מאסן אלס קאָנטער=רעוואָליוציאָנערע פּארטייען.

דער פּעריאָד פון בירגערקריג און אינטערווענציע איז געווען א פּעריאָד פון פּאָליטישן אומקום פון די דאָזיקע פּארטייען און פון ענדגילטיקן טריאומף פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי אין סאָוועטן=לאנד.

## קאפיטל IX

# די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אינם פּעריאָד פון אריבערגאנג צו פרידלאכער ארבעט פון אויפשטעלן די פאָלקסווירטשאפט.

## *(די יאָרן 1921—1925).*

### 1. דאָס סאָוועטן־לאנד נאָך דער ליקווידירונג פון דער אינ־טערווענציע און בירגערקריג. די שוועריקייטן פון אויפ־שטעלונגס־פּעריאָד.

גענענדיקט מיט דער מלחמה, האָט דאָס סאָוועטן־לאנד גענומען אריבער־גיין אויף די רעלסן פון פרידלאכער ווירטשאפטלאכער בויאונג. מע האָט גע־מוזט פארהיילן די וואונדן, וואָס די מלחמה האָט געבראכט. מע האָט געמוזט אויפשטעלן די רואינירטע פאָלקסווירטשאפט, ברענגען אין אָרדענונג די אינ־דוסטריע, דעם טראנספּאָרט, די לאנדווירטשאפט.

נאָר דעם אריבערגאנג צו פרידלאכער בויאונג איז אויסגעקומען דורכצו־מאכן אין אויסערסט־שווערע אומשטענדן. דער זיג אינם בירגערקריג איז אָנגע־קומען ניט גרינג. דאָס לאנד איז געווען רואינירט דורך דער פיר־יאָריקער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און דריי־יאָריקער מלחמה קעגן דער אינטערווענציע.

די אלגעמיינע פּראָדוקציע פון דער לאנדווירטשאפט האָט אין יאָר 1920 באטראָפן בלויז ארום א העלפט פון דער פאר'מלחמה'דיקער. און דער פאר'־מלחמה'דיקער ניוואָ — דאָס איז דאָך געווען דער ניוואָ פונם דלות'דיקן צארישן רוסלענדישן דאָרף. דערצו זיינען נאָך אין יאָר 1920 פיל גוברניעס געווען ארומגעכאפּט דורך אן אומגערעטעניש. די פּויערישע ווירטשאפט האָט איבערגעלעבט א שווערע לאגע.

נאָך ערגער איז געווען די לאגע פון דער אינדוסטריע, וואָס האָט זיך גע־פונען אין א צושטאנד פון חורבן. די פּראָדוקציע פון דער גרויס־אינדוסטריע איז אין יאָר 1920 געווען כמעט אין זיבן מאָל קלענער פון דער פאר'מלחמה'־דיקער. די מערהייט פאבריקן און זאוואָדן איז געשטאנען, די ארץ־גריבער און די שאכטעס זיינען געווען רואינירט, פארטרונקען. אין א באזונדערס שווערן צושטאנד האָט זיך געפונען די מעטאלורגיע. די אויסשמעלצונג פון טשוהון האָט פארן גאנצן 1921־טן יאָר באטראָפן סך־הכל בלויז 116,3 טויזנט טאָן, דאָס הייסט, ארום 3 פּראָצענט פון דער פאר'מלחמה'דיקער טשוהון־פּראָדוקציע. עס

האָט אויסגעפּעלט הייצוואַרג. דער טראַנספּאָרט איז געווען רואינירט. די רע־זערוון פון מעטאַל און מאַנופאַקטור, וואָס זײַנען געווען אינם לאַנד, זײַנען כמעט אויסגעשעפּט געוואָרן. אין לאַנד איז געווען אַ שאַרפער מאַנגל אינם סאַמע נויטיקן: אין ברויט, פעטס, פלייש, שוכוואַרג, קליידונג, שוועבעלאַך, זאַלץ, קעראָסין, זייף.

כל זמן עס איז געגאַנגען די מלחמה, האָבן מענשן שלום געמאַכט מיט די דאָזיקע בלויזן און מאַנגלען און טיילמאָל אַפילו אויפגעהערט זיי צו באַמערקן. אַצינד אָבער, ווען ס'איז געוואָרן אויס מלחמה, האָבן די מענשן מיט־אַמאָל דערפילט די אומדערטרעגלאַכקייט פון די דאָזיקע בלויזן און מאַנגלען און האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, מע זאָל זיי תיכּף באַזייטיקן.

עס האָט זיך באַוויזן אַן אומצופרידנקייט צווישן די פּויערים. אין פייער פון בירגערקריג האָט זיך געשאַפן און פאַרפעסטיקט דער קריגס־פּאָליטישער בונד פונם אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום. דער דאָזיקער בונד האָט זיך געהאַלטן אויף אַ באַשטימטן יסוד: דער פּויער האָט באַקומען פון דער סאָוועטן־מאַכט ערד און שוץ קעגן דעם פּריץ, קעגן דעם באַלעגוף, די אַרבעטער האָבן באַקומען פונם פּויערטום דערנערונג לויט דער „פּראָדראַזוויאָרסטקע".

אַצינד האָט זיך דער דאָזיקער יסוד אַרויסגעוויזן שוין פאַר ניט גענוג.

די סאָוועטן־מלוכה איז געווען געצוואונגען צו נעמען בײַם פּויער לויט דער „פּראָדראַזוויאָרסטקע" אַלע מותרות פאַר די באַדערפענישן פון לאַנדשוץ. דער זיג אינם בירגערקריג וואָלט ניט מעגלאַך געווען אָן דער „פּראָדראַזוויאָר־סטקע", אָן דער פּאָליטיק פונם קריגס־קאָמוניזם. די פּאָליטיק פונם קריגס־קאָ־מוניזם איז געווען אַרויפגעצוואונגען דורך דער מלחמה, דורך דער אינטער־ווענציע. כל זמן עס איז געפירט געוואָרן די מלחמה, איז דאָס פּויערטום אײַנ־געגאַנגען אויף דער „פּראָדראַזוויאָרסטקע" און האָט ניט באַמערקט דעם מאַנגל אין סחורות. ווען די מלחמה האָט זיך אָבער געענדיקט און די געפאַר, עס זאָל זיך אומקערן דער פּריץ, איז פאַרבײַ, האָט דער פּויער אָנגעהויבן אויס־צודריקן אומצופרידנקייט מיטן אָפּנעמען אַלע מותרות, אומצופרידנקייט מיט דער סיסטעם פון דער „פּראָדראַזוויאָרסטקע" און האָט גענומען פאָדערן, מע זאָל אים באַזאָרגן מיט אַ גענוגנדיקער צאָל סחורות.

די גאַנצע סיסטעם פונם קריגס־קאָמוניזם, ווי לענין האָט פאַרצייכנט, איז געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די אינטערעסן פונם פּויערטום.

די סטיכיע פון אומצופרידנקייט האָט אָנגערירט אויך דעם אַרבעטער־קלאַס. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אויף זיך איבערגעטראָגן די הויפּט־שווערי־קייטן פונם בירגערקריג, קעמפנדיק העראָאיש און מסירת־נפש'דיק קעגן די חילות פון די ווײַסגוואַרדייער און אינטערווענטן, קעגן דעם חורבן און הונגער. די בעסטע, די אַממערסטן באַוואוסטזיניקע, מסירת־נפש'דיקע און דיסציפּלינירטע אַרבעטער האָבן געברענט מיטן פייער פון סאָציאַליסטישן ענטוזיאַזם. נאָר דער ביז גאָר טיפער ווירטשאַפטלאַכער חורבן האָט געהאַט זײַן ווירקונג אויך אויפן

ארבעטער=קלאס. די ווייניקע פאבריקן און זאוואָדן, וואָס האָבן נאָך געארבעט, האָבן געהאַט גרויסע איבערשלאָגן אין דער ארבעט. די ארבעטער זײַנען געווען געצוואונגען צו באשעפטיקן זיך מיט קוסטארערײַ, מיט מאכן צינדמאשינקעס, מיט זעקלארײַ; עס האָט אָנגעהויבן אָפּגעשוואכט צו ווערן די קלאסן=באזע פון דער דיקטאטור פונם פראָלעטאריאט. דער ארבעטער=קלאס האָט גענומען צעשטויבט ווערן; א טייל ארבעטער איז אוועק אין דאָרף ארײַן, האָט אויפגעהערט צו זײַן ארבעטער, איז דעקלאסירט געוואָרן. אויפן באָדן פון הונגער און מידקייט האָט זיך באוויזן אן אומצופרידנקייט בײַ א טייל ארבעטער.

פאר דער פארטיי האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן אויסארבעטן א נײַע אײַנשטעלונג פון דער פארטיי אין אלע פראגן פונם ווירטשאפטלאכן לעבן פון לאנד, וועלכע זאָל אנטשפרעכן דער נײַער סיטואציע.

און די פארטיי איז צוגעטראָטן צו אויסארבעטן די נײַע אײַנשטעלונג אין די פראגן פון דער ווירטשאפטלאכער בויאונג.

דער קלאסן=שונא האָט אָבער ניט געדרעמלט. ער האָט זיך געפרואווט אויסנוצן די שווערע ווירטשאפטלאכע לאגע, געפרואווט אויסנוצן די אומצופרידנקייט פון די פויערים. עס זײַנען אויסגעבראָכן באנדיטישע בונטן, אָרגאניזירט פון ווײַסגווארדייער און עסערן, אין סיביר, אין אוקראאינע, אין טאמבאָווער גובערניע (די אנטאָנאָווטשטשינע). עס האָט אויפגעלעבט די טעטיקייט פון די פארשיידענערליי קאָנטר=רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן — פון די מענשעוויקעס, עסערן, אנארכיסטן, ווײַסגווארדייער, בורזשואזע נאציאָנאליסטן. דער שונא איז אריבערגעגאנגען צו נײַע טאקטישע מעטאָדן פון קאמף קעגן דער סאָוועטן=מאכט. ער האָט זיך גענומען איבערפארבן אין א סאָוועטישן קאָליר און ארויסרוקן שוין ניט דעם אלטן דורכגעפאלענעם לאָזונג: „נידער מיט די סאָוועטן“, נאָר א נײַעם לאָזונג: „פאר סאָוועטן, נאָר אָן קאָמוניסטן“.

א בולט'ע אנטפלעקונג פון דער נײַער טאקטיק פונם קלאסן=שונא איז געווען דער קאָנטר=רעוואָליוציאָנערער קראָנשטאדטער בונט. ער האָט זיך אָנגעהויבן א וואָך פארן צענטן פארטיי=צוזאמענפאָר, אין מערץ 1921=טן יאָר. בראש פון דעם בונט האָבן זיך געשטעלט ווײַסגווארדייער, וואָס זײַנען געווען פארבונדן מיט די עסערן, מענשעוויקעס און מיט פאָרשטייער פון אויסלענדישע מלוכות. זייערע שטרעבונגען אויפצושטעלן די מאכט און דאָס אייגנטום פון די קאפיטאליסטן און פריצים האָבן די בונטאָווטשטשיקעס די ערשטע צײַט זיך באמיט צודעקן מיט א „סאָוועטישער“ שילד. זיי האָבן ארויסגערוקט דעם לאָזונג: „סאָוועטן אָן קאָמוניסטן“. די קאָנטר=רעוואָליוציע האָט זיך געפרואווט אויסנוצן די אומצופרידנקייט פון די קליינבירגערלאכע מאסן, כדי אונטער א כלומר'שט=סאָוועטישן לאָזונג אראָפּווארפן די סאָוועטן=מאכט.

צוויי אומשטענדן האָבן פארלײַכטערט די אנטשטייאונג פונם קראָנשטאדטער בונט: די פארערגערונג פון דעם מאטראָסן=באשטאנד אויף די קריגסשיפן און די שוואכקייט פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע אין קראָנ=



523—20

שטאדט. די אַלטע מאַטראָסן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זײַנען כמעט דורכאויס. אַלע אוועק אויפן פראָנט און האָבן זיך העראָאיש געשלאָגן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. אין פּלאַץ איז גע־קומען אַ נײַע קאָמפּלעקטירונג, וואָס איז ניט געווען פאַרהאַרטעוועט אין דער רעוואָלוציע. די דאָזיקע קאָמפּלעקטירונג האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך נאָך אַן אַבסאָליוט רויע פּויערשע מאַסע, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די אומצופרידנ־קײַט פונם פּויערטום מיט דער „פּראָדראַזווּיאָרסטקע". וואָס איז שייך דער קראָנשטאַדטער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע פון יענעם פּעריאָד, איז זי גע־ווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט דורך אַ ריי מאָביליזאַציעס אויפן פראָנט. די דאָ־זיקע אומשטענדן האָבן געגעבן אַ מעגלאַכקײַט די עס־ערן, מענשעוויקעס און ווײַסגוואַרדייער דורכצוקריכן אין קראָנשטאַדט און פאַרכאַפּן אים.

די בונטאָווטשיקעס האָבן פאַרנומען די ערשטקלאַסיקע פעסטונג, דעם פלאָט, אַ קאָלאָסאַלע צאָל באַוואָפענונג און האַרמאַטן־קוילן. די צווישנפעלקער־לאַכע קאָנטר־רעוואָלוציע האָט געפּײַערט אַ זיג. נאָר צו פרי האָבן די שונאים טריאומפירט. דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט שנעל דערשטיקט דעם בונט. די פּאַרטיי האָט געשיקט קעגן די קראָנשטאַדטער בונטאָווטשיקעס די בעסטע זין אירע — די דעלעגאַטן פונם צענטן צוזאַמענפאָר בראש מיט חבר וואָראָ־שילאָוו. די רויטאַרמייער זײַנען געגאַנגען אויף קראָנשטאַדט איבער דינעם אײַז. דאָס אײַז האָט זיך געבראָכן, און אַ סך האָבן זיך געטרונקען. ס'איז אוים־געקומען צו גיין שטורעמען די כמעט אומצוטריטלאַכע פאָרטן פון קראָנשטאַדט. די איבערגעגעבנקײַט צו דער רעוואָליוציע און די מוט, די גרייטקײַט אָפּ־צוגעבן דאָס לעבן פאַר דער סאָוועטן־מאַכט האָבן גענומען די אויבערהאַנט. די קראָנשטאַדטער פעסטונג איז גענומען געוואָרן דורכן שטורם־אָנגריף פונם רויטן מיליטער. דער קראָנשטאַדטער בונט איז ליקווידירט געוואָרן.

## 2. די דיסקוסיע אין דער פּאַרטיי וועגן די פּראָפּפאַראײַנען. דער צענטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. די מפּלה פון דער אָפּאָ־זיציע. דער אַריבערגאַנג צו דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָלי־טיק (נעפּ).

דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, דער לענינישער מערהײַט זײַ־נער איז געווען קלאָר, אַז נאָך דער ליקווידירונג פון דער מלחמה און דעם אַריבערגאַנג צו פרידלאַכער ווירטשאַפטלאַכער בויאונג איז ניטאָ מער קיין גרונט אײַנצוהיטן דעם האַרבן רעזשים פון קריגס־קאָמוניזם, וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן דורך דער סיטואַציע פון מלחמה און בלאָקאַדע.

דער צ.ק. האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז אָפּגעפאַלן די נויטווענדיקײַט אין דער „פּראָדראַזווּיאָרסטקע", אַז מע דאַרף זי פאַרבײַטן אויף אַ דערנערונגס־שטײַער („פּראָדנאַלאָג"), כדי געבן די מעגלאַכקײַט די פּויערים אויסצונוצן אַ

גרויסן טייל מותרות פון זייער פראָדוקציע לויט זייער אייגענעם אײַנזעען. דער
צ.ק. האָט פארשטאנען, אז אזא מין מאָסמיטל וואָלט געגעבן די מעגלאכקײַט
אויפצולעבן די לאנדווירטשאפט, צו פארברייטערן די פראָדוקציע פון תבואה
און פון טעכנישע קולטורן, וואָס זײַנען נויטיק פאר דער אנטוויקלונג פון דער
אינדוסטריע, אויפצולעבן אין לאנד דעם סחורה=אומזאַץ, פארבעסערן די באַ=
זאָרגונג פון די שטעט, שאפן א נײַעם, א ווירטשאפטלאכן יסוד פונם בונד
פון די ארבעטער און פויערים.

דער צ.ק. האָט זיך אויך אָפּגעגעבן א חשבון דערין, אז די אויפלעבונג פון
דער אינדוסטריע איז די סאמע ערשטע אויפגאבע, ער האָט אָבער געהאלטן,
אז מע קאָן ניט אויפלעבן די אינדוסטריע, ניט האָבנדיק ארײַנגעצויגן אין דער
דאָזיקער זאך דעם ארבעטער=קלאס און זײַנע פראָפּפאראיינען, אז ארײַנצוציִען די
ארבעטער אין דער דאָזיקער זאך קאָן מען, אויב מע וועט זיי איבערצײַגן, אז
דער ווירטשאפטלאכער חורבן איז פונקט אזא געפערלאכער שונא פון פאָלק,
ווי די אינטערווענציע און די בלאָקאדע, אז די פארטיי און די פראָפּפאר=
איינען וועלן אומבאדינגט קענען דורכפירן די דאָזיקע זאך, אויב זיי וועלן בנוגע
דעם ארבעטער=קלאס האנדלען ניט דורך מיליטער=באפעלן, ווי דאָס איז געווען
אויפן פראָנט, וואו עס זײַנען ווירקלאך נויטיק באפעלן, נאָר דורך איבערצײַ=
גונג, דורכן מעטאָד פון איבערצײַגונג.

נאָר ניט אלע פארטיי=מיטגלידער האָבן געטראכט אזוי, ווי דער צ.ק. די
אָפּאָזיציאָנעלע גרופּקעלאך — די טראָצקיסטן, די „ארבעטער=אָפּאָזיציע", די
„לינקע קאָמוניסטן", די „דעמאָקראטישע צענטראליסטן" א.ד.גל. זײַנען געווען
אין א צושטאנד פון צעשפּליטערטקײַט און האָבן איבערגעלעבט וואקלונגען
פאר די שווערקײַטן פונם אריבערגאנג אויף די רעלסן פון פרידלאכער ווירט=
שאפטלאכער בויאונג. אין דער פארטיי זײַנען געווען ניט ווייניק געוועזענע מענ=
שעוויקעס, געוועזענע עסערן, געוועזענע בונדאָוועס, געוועזענע באָראָטביסטן
און פארשיידענערליי האלב=נאציאָנאליסטן פון די ראנד=געביטן פון רוסלאנד.
זיי האָבן זיך מערסטנטייל געהאט אָנגעשלאָסן אָן די אָדער יענע אָפּאָזיציאָ=
נעלע גרופּקעלאך. ניט זײַענדיק קיין עכטע מארקסיסטן, ניט קענענדיק די גע=
זעצן פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, ניט פארמאָגנדיק קיין פארטייאיש=
לעניניסטע פארהארטעוועטקײַט, האָבן די דאָזיקע מענשן בלויז פארשטארקט
די צעשפּליטערטקײַט און די וואקלונגען פון די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּקעלאך.
איינע פון זיי האָבן געהאלטן, אז מע דארף ניט אָפּשוואכן דעם הארבן רעזשים
פונם קריגס=קאָמוניזם, אז מע דארף, פארקערט, — „פארשרויפן שטארקער
די שרויפן". אנדערע האָבן געהאלטן, אז די פארטיי און די מלוכה דארפן אָפּ=
גיין אָן א זײַט פון דער ארבעט פון אויפשטעלן די פאָלקסווירטשאפט, אז די
דאָזיקע ארבעט דארף אינגאנצן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די פראָפּ=
פאראיינען.

ס'איז קלאָר געווען, אז בײַ אזא צעשפּליטערטקײַט אין איניקע צווישנ=

שיכטן פון דער פּאַרטיי וועלן זיך געפינען מענשן, ליבהאָבער פון דיסקוסיעס, פאַרשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע „לידערס", וואָס וועלן זיך באַמיִען אָנבינדן דער פּאַרטיי א דיסקוסיע.

און אַזוי איז עס טאַקע פאָרגעקומען.

די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן פון דער פראַגע וועגן דער ראָלע פון די פּראָפּפאַראיינען, כאָטש די פראַגע וועגן די פּראָפּפאַראיינען איז דעמאָלט ניט געווען די הויפּט-פראַגע פון דער פּאַרטיי-פּאָליטיק.

דער איניציאַטאָר פון דער דיסקוסיע און פונעם קאַמף קעגן לענינען, קעגן דער לענינישער מערהייט פונם צ.ק. איז געווען טראָצקי. וועלנדיק פאַרשאַרפן די לאַגע, איז ער אַרויסגעטראָטן אויף א זיצונג פון די קאָמוניסטן—דעלעגאַטן פון דער פינפטער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די פּראָפּפאַראיינען אין אָנהויב נאָוועמבער 1920-טן יאָר מיטן צווייפלהאַפטן לאָזונג פון „פאַרשרויפן די שרויפן" און „איבערטרייסלען די פּראָפּפאַראיינען". טראָצקי האָט אַרויסגערוקט די פאָדערונג, מע זאָל תיכף „פאַר'מלוכה'ווען די פּראָפּפאַראיינען". ער איז געווען קעגן דעם מעטאָד פון איבערציַיגן די אַרבעטער-מאַסן. ער איז געווען פאַר אַריבערטראָגן דעם מיליטער-מעטאָד אין די פּראָפּפאַראיינען. טראָצקי איז געווען קעגן פאַנאַנדערוויקלען אין די פּראָפּפאַראיינען די דעמאָקראַטיע, קעגן געוויילטקייט פון די פּראָפּפאַראיין-אָרגאַנען.

אָנשטאָט דעם מעטאָד פון איבערציַיגן, וואָס אָן אים איז ניט דענקבאַר די טעטיקייט פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, האָבן די טראָצקיסטן פאָרגעלייגט דעם מעטאָד פון בלויזן צוואַנג, פון בלויז קאָמאַנדעווען. דאָרטן, וואו די טראָצקיסטן זיַינען אַריַינגעפאַלן אין דער אָנפירונג מיט דער פּראָפּפאַראיינישער אַרבעט, האָבן זיי מיט זייער פּאָליטיק אַריַינגעבראַכט אין די פּראָפּפאַראיינען קאָנפליקטן, צעשפּאַלטונג און דעמאָראַליזירונג. די טראָצקיסטן האָבן מיט זייער פּאָליטיק אויפגעשטעלט די אומפּאַרטייאישע מאַסע אַרבעטער קעגן דער פּאַרטיי, געשפּאָלטן דעם אַרבעטער-קלאַס.

די דיסקוסיע וועגן די פּראָפּפאַראיינען האָט פאַקטיש געהאַט א סך א ברייַטערע באַדיַיטונג, איידער די פראַגע וועגן די פּראָפּפאַראיינען. ווי עס איז שפּעטער אָנגעוויזן געוואָרן אין דער רעזאָליוציע פונם פּלענום פון צ.ק. ר.ק.פּ.(ב.) (פונם 17-טן יאַנואַר 1925-טן יאָר), איז פאַקטיש דער שטריַיט געגאַנגען „וועגן דער באַציאונג צום פּויערטום, וואָס האָט זיך גענומען אויפהויבן קעגן דעם קריגס-קאָמוניזם, וועגן דער באַציאונג צו דער אומפּאַרטייאישער מאַסע אַרבעטער, בכלל וועגן דעם צוגאַנג פון דער פּאַרטיי צו דער מאַסע אינם פּעריאָד, ווען דער בירגערקריג האָט זיך שוין געהאַלטן ביַים פאַרענדיקן" (די אַל.ק.פּ.(ב.) אין רעזאָליוציעס, טייל I, ז. 651, רוסיש).

גליַיך נאָך טראָצקין זיַינען אַרויסגעטראָטן אויך די אַנדערע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּעס: די „אַרבעטער-אָפּאָזיציע" (שליאַפּניקאָוו, מעדוועדיעוו, קאָלאָנטאַי און אַנדערע), די „דעמאָקראַטישע צענטראַליסטן" (סאַפּראָנאָוו, דראָבניס,

באָגוסלאַווסקי, אָסינסקי, וו. סמירנאָוו און אנדערע), די „לינקע קאָמוניסטן" (בוכארין, פרעאָבראַזשענסקי).

די „ארבעטער-אָפּאָזיציע" האָט ארויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון איבערגעבן די פארוואלטונג מיט דער גאנצער פאָלקסווירטשאפט צו אן „אלרוסלענדישן צוזאמענפאָר פון פראָדוצירער". זי האָט געמאכט צונישט די ראָלע פון דער פארטיי, געלייקנט די באַדײַטונג פון דער דיקטאטור פון פראָלעטאריאט אין דער ווירטשאפטלעכער בויאונג. די „ארבעטער-אָפּאָזיציע" האָט די פראָפפאראיינען קעגנגעשטעלט דער סאָוועטישער מלוכה און דער קאָמוניסטישער פארטיי. פאר דער העכסטער פאָרם פון אָרגאניזאציע פונם ארבעטער-קלאס האָט זי געהאלטן ניט די פארטיי, נאָר די פראָפפאראיינען. די „ארבעטער-אָפּאָזיציע" איז אין תוך גענומען געווען אן אנארכאָ-סינדיקאליסטישע אנטיפארטייאישע גרופע.

די גרופע „דעמאָקראטישער צענטראליזם" (די דעציסטן) האָט געפאָדערט פולשטענדיקע פרײַהײַט פון פראקציעס און גרופירונגען. די דעציסטן, פונקט ווי די טראָצקיסטן, האָבן זיך באמיט אונטערצורײַסן די אָנפירנדיקע ראָלע פון דער פארטיי אין די סאָוועטן און פראָפפאראיינען. לענין האָט די דעציסטן אָנגערופן פראקציע „העכער פון אלע שרײַער", און די פלאטפאָרם פון די דעציסטן — עסעריש-מענשעוויסטישע.

טראָצקין האָט אין זײַן קאמף קעגן לענינען און דער פארטיי געהאָלפן בוכארין. בוכארין, צוזאמען מיט פרעאָבראַזשענסקין, סערעבריאקאָוון, סאָקאָלניקאָוון האָבן געשאפן א „בופער"-גרופע. די דאָזיקע גרופע האָט פארטיידיקט און פארדעקט די פארביסנסטע פראקציאָנערן—די טראָצקיסטן. בוכארינס אויפפירונג האָט לענין אָנגערופן „העכסטער גראד פון אידייאישער צעפאלונג". אינגיכן האָבן זיך די בוכארינצעס אָפן פאראייניקט מיט די טראָצקיסטן קעגן לענינען.

לענין און די לענינצעס האָבן געווענדט דעם הויפט-קלאפ קעגן די טראָצקיסטן, ווי קעגן דער גרונט-קראפט פון די אנטיפארטייאישע גרופירונגען. זיי האָבן דערוויזן די שולד פון די טראָצקיסטן אין צונויפמישן די פראָפפאראיינען מיט מיליטער-אָרגאניזאציעס, אָנווײַזנדיק זיי, אז מע טאָר ניט אריבערטראָגן די מעטאָדן פון די מיליטער-אָרגאניזאציעס אין די פראָפפאראיינען. אין קעגנזאץ צו די פלאטפאָרמען פון די אָפּאָזיציאָנעלע גרופעס האָבן לענין און די לענינצעס צונויפגעשטעלט זייער פלאטפאָרם. אין דער דאָזיקער פלאטפאָרם איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז די פראָפפאראיינען זײַנען א שול פון פארוואלטונג, א שול פון ווירטשאפט-פירונג, א שול פון קאָמוניזם. די גאנצע ארבעט זייערע דארפן די פראָפפאראיינען בויען אויפן מעטאָד פון איבערצײַגונג. בלויז בײַ דעם דאָזיקן באדינג וועלן די פראָפפאראיינען אויפהויבן אלע ארבעטער צום קאמף קעגן דעם ווירטשאפטלעכן חורבן, וועלן קענען זיי ארײַנציִען אין דער סאָציאליסטישער בויאונג.

אין קאמף קעגן די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגען האָבן זיך די פּארטיי־אָרגאניזאציעס באהעפט ארום לענינען. א באזונדערס אָנגעשטרענגטן כאראקטער האָט דער קאמף אָנגענומען אין מאָסקווע. דאָ האָט די אָפּאָזיציע קאָנצענטרירט אירע גרונט־קרעפטן, שטעלנדיק זיך פאר א ציל צו דעראָבערן די אָרגאניזאציע פון דער הויפּטשטאָט. די באָלשעוויקעס פון מאָסקווע האָבן אָבער געגעבן אן אנטשיידענעם ווידערשטאנד אָט די אינטריגעס פון די פראקציאָנערן. א שארפער קאמף האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט אויך אין די אוקראאינישע פּארטיי־אָרגאניזאציעס. אונטער דער אָנפירונג פונם חבר מאָלאָטאָוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען סעקרעטאר פונם צ.ק. ק.פּ.(ב.)או., האָבן די באָלשעוויקעס פון אוקראאינע צעקלאפּט די טראָצקיסטן און שליאפּניקאָווצעס. די קאָמוניסטישע פּארטיי פון אוקראאינע איז געבליבן א געטרײַער אָנשפּאר פון דער לענינישער פּארטיי. אין באקו איז די צעשמעטערונג פון דער אָפּאָזיציע געווען אָרגאניזירט אונטער דער אָנפירונג פונם חבר אָרדזשאָניקידזע. אין מיטל־אזיע האָט מיטן קאמף קעגן די אנטיפּארטייאישע גרופּירונגען אָנגעפירט חבר ל. קאהאנאָוויטש.

אַלע גרונטיקע אָרטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס האָבן זיך פאראייניקט צו דער לענינישער פּלאטפאָרם.

דעם 8־טן מערץ 1921־טן יאָר האָט זיך געעפנט דער צענטער פּארטיי־צוזאמענפאָר. אויפן צוזאמענפאָר זײַנען בײַגעווען 694 דעלעגאטן מיט באַשטימונגס־רעכט, וואָס האָבן פארטראָטן 732.521 פּארטיי־מיטגלידער. דעלעגאטן מיט בעראטונגס־רעכט זײַנען געווען 296 מאן.

דער צוזאמענפאָר האָט אונטערגעצויגן די סך־הכל'ען פון דער דיסקוסיע וועגן די פראָפפאראיינען און האָט מיט אן איבערוועגנדיקער מערהײַט שטימען באוויליקט די לענינישע פּלאטפאָרם.

עפּענענדיק דעם צוזאמענפאָר, האָט לענין דערקלערט, אז די דיסקוסיע איז געווען א ניט דערלאָזבארער לוקסוס. ער האָט אָנגעוויזן, אז די שונאים האָבן ארויסגעקוקט צו געווינען אויפן אינערלאכן קאמף און אויף א שפּאַלטונג אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

דיסקאָנטירנדיק די גוואלדיקע געפאר, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאר דער באָלשעוויסטישער פּארטיי און פאר דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט די עקזיסטענץ פון פראקציאָנעלע גרופּעס, האָט דער צענטער צוזאמענפאָר א באזונדערע אויפמערקזאמקײַט געשענקט דער פראגע וועגן דער א י י נ ה ײַ ט  פ ו ן  ד ע ר  פ א ר ט י י. מיט א פאָרטראָג איבער דער דאָזיקער פראגע איז ארויסגעטראָטן לענין. דער צוזאמענפאָר האָט פאראורטיילט אַלע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגען און האָט אָנגעוויזן, אז זיי „העלפן פאקטיש די קלאסן־שונאים פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע".

דער צוזאמענפאָר האָט פאָרגעשריבן תיכף פאנאנדערלאָזן אַלע פראקציאָנעלע גרופּעס און האָט באאויפטראָגט אַלע אָרגאניזאציעס שטרענג נאָכצו־

פאַלגן, עס זאָלן ניט דערלאָזט ווערן קיין שום פּראַקציאָנעלע אַרויסטרעטונ־גען; דערביי האָט דאָס ניט־אויספילן די באַשטימונגען פונם צוזאמענפאָר גע־דאַרפט ברענגען צו דער אומבאַדינגטער און תיכף'דיקער אויסשליסונג פון דער פּאַרטיי. דער צוזאמענפאָר האָט געגעבן דעם צ.ק. פולמאכטן, אין פאַל, אויב מיטגלידער פונם צ.ק. וועלן ברעכן די דיסציפּלין און אין פאַל, אויב ס'וועט אויפגעלעבט אָדער דערלאָזט ווערן פּראַקציאָנעלקייט, אָננעמען אַלע מאָס־מיט־לען פון פּאַרטייאישער באַשטראָפונג ביז אויסשליסן זיי פונם צענטראַל־קאָ־מיטעט און פון דער פּאַרטיי.

אָט די אַלע באַשלוסן זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין דער ספּעציעלער רעזאָליוציע „וועגן דער איינהייט פון דער פּאַרטיי", וואָס לענין האָט פּאָרגע־לייגט און דער צוזאמענפאָר האָט זי אָנגענומען.

אין דער דאָזיקער רעזאָליוציע האָט דער צוזאמענפאָר געווענדט די אויפ־מערקזאמקייט פון אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי דערויף, אַז די איינהייט און די באַהעפטקייט פון אירע רייען, די איינהייט פון ווילן פונם אַוואַנגאַרד פונם פּראָלעטאַריאַט איז באַזונדערס נויטיק אין אַזאַ מאָמענט, ווען אַ ריי אומשטענדן אינם פּעריאָד פונם צענטן צוזאמענפאָר האָט פאַרשטאַרקט די וואַקלונגען צווישן דער קליינבירגערלאַכער באַפעלקערונג פונם לאַנד.

„אין דער זעלבער צייט, — איז אָנגעוויזן געוואָרן אין דער רעזאָ־ליוציע, — האָבן זיך נאָך ביז דער אַלגעמיין־פּאַרטייאישער דיסקוסיע וועגן די פּראָפפאַראיינען אַנטפּלעקט אין דער פּאַרטיי אייניקע סמנים פון פּראַקציאָנעלקייט, דאָס הייסט, די אַנטשטייאונג פון גרופּעס מיט באַזונדערע פּלאַטפאָרמען און מיט אַ שטרעבונג ביז צו אַ געוויסער מאָס פאַרשליסן זיך און שאַפן אַן אייגענע גרופּן־דיסציפּלין. ס'איז נוי־טיק, אַז אַלע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער זאָלן קלאָר באַזיניקן די שעד־לאַכקייט און די אומדערלאָזבאַרקייט פון וועלכער ס'איז פּראַקציאָנעל־קייט, וואָס ברענגט אומפאַרמיידלאַך אין דער פּראַקטיק צו אַן אָפּ־שוואַכונג פון דער סאָלידאַרישער אַרבעט און צו פאַרשטאַרקטע, זיך איבער'חזר'נדיקע פּרוואוון מצד די שונאים פון דער פּאַרטיי, וועלכע שמירן זיך צו צו דער רעגירונגס־פּאַרטיי, צו פאַרטיפערן די צע־טיילונג (פון דער פּאַרטיי) און אויסצונוצן זי אין די צילן פון דער קאָנטר־רעוואָליוציע".

ווייטער, האָט געזאָגט דער צוזאמענפאָר אין דער דאָזיקער רעזאָליוציע:

„וויאַזוי די שונאים פונם פּראָלעטאַריאַט נוצן אויס אַלערליי אָפּ־נייגן אָן אַ זייט פון דער שטרענג־אויסגעהאַלטענער קאָמוניסטישער ליניע, האָט זיך מיט דער גרעסטער באַשיימפערלאַכקייט אַנטפּלעקט אויפן ביישפּיל פונם קראָנשטאַדטער בונט, ווען די בורזשואזע קאָנטר־רעוואָליוציע און די ווייסגוואַרדייער אין אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן מיטאמאָל אַרויסגעוויזן זייער גרייטקייט אָנצונעמען די לאָזונגען אפילו פון דער

סאָוועטישער אָרדענונג, אבי נאָר אראָפּוואַרפן די דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט אין רוסלאנד, ווען די עסערן און די בורזשואזע קאָנטר־רעוואָליוציע ביכלאל האָבן אויסגענוצט אין קראָנשטאדט די לאָזונגען פון אויפשטאנד כלומר׳שט טאקע לשם דער סאָוועטן־מאכט קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג אין רוסלאנד. אזוינע פאקטן דערווײַזן פולשטענדיק, אז די ווײַסגווארדייער שטרעבן און קענען זיך איבערפארבן פאר קאָמוניסטן און אפילו פאר „לינקערע“ פון זיי, אבי נאָר אָפּשוואכן און אראָפּוואַרפן די פעסטונג פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אין רוסלאנד. די מענשעוויסטישע פלוגבלעטלאך אין פּעטראָגראד ערב דעם קראָנשטאדטער אויפשטאנד באווײַזן אויפן זעלבן אופן, וויאזוי די מענשעוויקעס האָבן אויסגענוצט די מיינונגס־פארשיידנהײַטן אינעווייניק אין דער ר.ק.פּ., כדי פאקטיש אונטערצושטופּן און שטיצן די קראָנשטאדטער בונטאָוושטשיקעס, די עסערן און ווײַסגווארדייער, ארויסשטעלנדיק זיך אויפן וואָרט ווי קעגנער פון בונטן און ווי אָנהענגער פון דער סאָוועטן־מאכט, בלויז מיט קליינע כלומר׳שט אויסבעסערונגען“.

די רעזאָלוציע האָט אָנגעוויזן, אז די פּארטיי־פּראָפּאגאנדע דאַרף אויספירלאך דערקלערן די שעדלאכקײַט און די געפערלאכקײַט פון פראקציאָנעלקייט פונם שטאנדפּונקט פון דער פּארטיי־איינהײַט און פון פארווירקלאכן די איינהײַט פונם ווילן פון דעם אוואנגארד פונם פּראָלעטאריאט, ווי דעם גרונט־באדינג פונם דערפאָלג פון דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט.

פון דער אנדערער זײַט, איז געזאָגט געוואָרן אין דער רעזאָלוציע פונם צוזאמענפאָר, דאַרף די פּארטיי־פּראָפּאגאנדע דערקלערן די א יי ג נ א ר ט י ק ײ ט פון די נײַסטע טאקטישע מעטאָדן פון די שונאים פון דער סאָוועטן־מאכט.

> „די דאָזיקע שונאים, — האָט אָנגעוויזן די רעזאָלוציע, — האָבנדיק זיך איבערצייגט אין דער האָפענונגסלאָזיקײַט פון דער קאָנטר־רעוואָליוציע אונטער אן אָפן־ווײַסגווארדייאישן פלאג, שטרענגען אצינד אָן אלע כחות, כדי, אויסנוצנדיק די מיינונגס־פארשיידנהײַטן אינעווייניק אין דער ר.ק.פּ., א רוק טאָן די קאָנטר־רעוואָליוציע אזוי אָדער אנדערש דורך איבערגעבן די מאכט צו די פּאָליטישע גרופּירונגען, וואָס זיינען לויטן אויסערלאכן אויסזעען אממערסטן נאָענט צו אָנערקענען די סאָוועטן־מאכט“ (די אל.ק.פּ.(ב.) אין רעזאָלוציעס, טייל I, ז. 373—374, רוסיש).

ווײַטער, האָט די רעזאָלוציע אָנגעוויזן, אז די פּארטיי־פּראָפּאגאנדע „דאַרף אויסקלאָרן אויך די דערפארונג פון די פריערדיקע רעוואָליוציעס, ווען די קאָנטר־רעוואָליוציע פלעגט שטיצן די קליינבירגערלאכע גרופּירונגען, וואָס זײַנען אממערסטן נאָענט צו דער עקסטרעמער רעוואָליוציאָנערער פּארטיי, כדי א וואקל צו טאָן און אראָפּצוואַרפן די רעוואָליוציאָנערע דיקטאטור, עפענען־

דיק דערמיט דעם וועג פאַרן ווײַטערדיקן פולשטענדיקן זיג פון דער קאָנטר⸗רעוואָליוציע, פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים".

צו דער רעזאָליוציע „וועגן דער איינהייט פון דער פּאַרטיי" האָט זיך ענג אָנגעשלאָסן די צווייטע רעזאָליוציע „וועגן דעם סינדיקאַליסטישן און אַנאַרכיסטישן אָפּנויג אין אונזער פּאַרטיי", וואָס איז אויך פאָרגעלייגט געוואָרן דורך לענינען און וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען. אין דער דאָזיקער רעזאָליוציע האָט דער צענטער צוזאַמענפאָר פאַראורטיילט די אַזוי גערופענע „אַרבעטער⸗אָפּאָזיציע". דער צוזאַמענפאָר האָט די פּראָפּאַגאַנדע פון די אידייען פונם אַנאַרכאָ⸗סינדיקאַליסטישן אָפּנויג אָנערקענט פאַר אַזוינס, וואָס פאַרט זיך ניט מיט דער אָנגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און האָט גערופן די פּאַרטיי צו אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם דאָזיקן אָפּנויג.

דער צענטער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען דעם העכסט⸗וויכטיקן באַשלוס וועגן אַריבערגיין פון דער „פּראָדראַזווערסטקע" צום דערנערונגס⸗שטײַער, וועגן דעם אַריבערגאַנג צו דער **נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק** (נעפּ).

אין אָט דעם קער פון דעם קריגס⸗קאָמוניזם צום נעפּ האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע קלוגשאַפט און ווײַטזיכטיקייט פון דער לענינישער פּאָליטיק.

אינם באַשלוס פונם צוזאַמענפאָר איז געזאָגט געוואָרן וועגן פאַרבײַטן די „פּראָדראַזווערסטקע" אויפן דערנערונגס⸗שטײַער. דער נאַטורעלער דערנערונגס⸗שטײַער איז געווען קלענער פון דער „פּראָדראַזווערסטקע". די סומע פונם שטײַער האָט געדאַרפט פאַרעפנטלאַכט ווערן ביז דעם פרילינגס⸗פאַרזיי. עס זײַנען פּינקטלאַך אײַנגעשטעלט געוואָרן די טערמינען פון אָפּגעבן דעם שטײַער. דאָס אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן אויסער דעם שטײַער, איז אַריבער אין פולן רשות פונם פּויער, ווען עס איז געגעבן געוואָרן די פרײַהייט פון האַנדל מיט די דאָזיקע מותרות. די פרײַהייט פון האַנדל, האָט לענין אָנגעוויזן אין זײַן פאָרטראָג, וועט צוערשט ברענגען צו אַ געוויסער אויפלעבונג פונם קאַפּיטאַליזם אין לאַנד. עס וועט אויסקומען צו דערלאָזן פּריוואַטן האַנדל און דערלויבן די פּריוואַטע אינדוסטריעלער צו עפענען קליינע אונטערנעמונגען. מע דאַרף אָבער פאַר דעם ניט מורא האָבן. לענין האָט געהאַלטן, אַז די געוויסע פרײַהייט פון סחורה⸗אומזאַץ וועט שאַפן אַ ווירטשאַפטלאַכע פאַראינטערעסירטקייט בײַם פּויער, וועט העכערן די פּראָדוקטיווקייט פון זײַן אַרבעט און ברענגען צו אַ גיכן אויפשטײַג פון דער לאַנדווירטשאַפט, אַז אויף דעם דאָזיקן יסוד וועט אויפגעשטעלט ווערן די מלוכה'שע אינדוסטריע און עס וועט אַרויסגעשטויסן ווערן דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל, אַז, האָבנדיק אָנגעזאַמלט כחות און מיטלען, קאָן מען שאַפן אַ מעכטיקע אינדוסטריע — דעם עקאָנאָמישן יסוד פונם סאָציאַליזם, און דערנאָך אַריבערגיין אין אַנטשיידענעם אָנגריף, כדי צו פאַרניכטן די רעשטלאַך פונם קאַפּיטאַליזם אין לאַנד.

דער קריגס⸗קאָמוניזם איז געווען אַ פּרוּוו צו נעמען די פעסטונג פון די

קאפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף דורך א שטורם, דורך א פראָנטאַלער אטאקע. אין דעם דאָזיקן אָנגריף איז די פּארטיי פארלאָפן ווײַט פאָראויס, ריזיקירנדיק אָפּצורײַסן זיך פון איר באזע. אצינד האָט לענין פאָרגעלייגט אָפּגיין א ביסל צוריק, אָפּטרעטן אויף א צײַט וואָס נעענטער צו איר הינטערלאנד, אריבערגיין פון דעם שטורם צו א מער דויערהאפטער באלאגערונג פון דער פעסטונג, כדי, האָבנדיק אָנגעזאמלט כחות, ווידער אָנהויבן דעם אָנגריף.

די טראָצקיסטן און די אנדערע אָפּאָזיציאָנערן האָבן געהאלטן, אז דער נעפּ איז בלויז א צוריקטריט. אזא אויסטײַטשונג האָט זיי געלוינט, ווײַל זיי האָבן געפירט א ליניע אויף אויפצושטעלן דעם קאפּיטאַליזם. דאָס איז געווען א טיף שעדלאכע, אן אנטילעניניסטישע אויסטײַטשונג פונם נעפּ. אינדער'אמת'ן, האָט שוין אין א יאָר ארום נאָכן אײַנפירן דעם נעפּ, אויפן עלפטן פּארטיי-צוזאמענפאָר, לענין דערקלערט, אז דער צוריקטריט איז געענדיקט, און האָט ארויסגערוקט דעם לאָזונג: „די צוגרייטונג פון אן אָנגריף אויפן פּריוואַט-ווירטשאפטלאכן קאפּיטאל“ (לענין, ב. XXVII, ז. 213, רוסיש).

זײַענדיק שלעכטע מארקסיסטן און פולשטענדיקע עם-הארצים אין די פראגן פון באָלשעוויסטישער פּאָליטיק, האָבן די אָפּאָזיציאָנערן ניט פארשטאַנען ניט דעם תוך פונם נעפּ, ניט דעם כאראקטער פונם צוריקטריט, וואָס איז פאָרגענומען געוואָרן אין אָנהויב פונם נעפּ. וועגן דעם תוך פונם נעפּ איז שוין גערעדט געוואָרן אויבן. וואָס איז שייך דעם כאראקטער פונם צוריקטריט, זײַנען צוריקטריטן פאראן פארשיידענע. עס טרעפן מאָמענטן, ווען א פּארטיי אָדער אן ארמיי קומט אויס צוריקטרעטן דערפאר, ווײַל זי האָט געליטן א מפּלה. אין אזוינע פאלן טרעט די ארמיי אָדער די פּארטיי אָפּ צוליב דעם, כדי אײַנהיטן זיך און אײַנהיטן אירע קאדרען פאר נײַע שלאכטן. בײַם אײַנפירן דעם נעפּ האָט לענין כלל ניט פאָרגעלייגט אזא מין צוריקטריט, ווײַל די פּארטיי האָט ניט בלויז ניט געליטן קיין מפּלה און איז ניט געווען צעקלאפּט, נאָר, פארקערט, זי האָט אליין צעקלאפּט די אינטערווענטן און ווײַסגווארדייער בעת'ן בירגערקריג. עס טרעפן אָבער אויך אזוינע מאָמענטן, ווען א זיגרײַכע פּארטיי אָדער ארמיי פארלויפט אין איר אָנגריף צו ווײַט פאָראויס, ניט האָבנדיק געזיכערט פאר זיך די הינטערלאנד-באזע. דאָס שאפט אן ערנסטע געפאר. אין אזוינע פאלן געפינט געוואוינלאך א דערפארענע פּארטיי אָדער ארמיי פאר נויטיק, כדי ניט אָפּצורײַסן זיך פון איר באזע, — אָפּצוטרעטן עטוואָס צוריק, נעענטער צו איר הינטערלאנד, כדי צו פארבינדן זיך פעסטער מיט איר הינטערלאנד-באזע, באזאָרגן זיך מיט אלעם נויטיקן און דערנאָך ווידער לאָזן זיך אין אָנגריף מער זיכער, מיט א גאראנטיע פאר דערפאָלג. גראָד אזא מין צײַטווײַליקן צוריקטריט האָט לענין טאקע דורכגעפירט בײַם נעפּ. באריכטנדיק דעם פערטן קאָנגרעס פון

קאָמינטערן וועגן די סיבות פונם איינפירן דעם נעפּ, האָט לענין דירעקט געזאָגט, אַז „אין אונזער עקאָנאָמישן אָנגריף האָבן מיר זיך צו ווייט א רוק געטאָן פאָראויס, אַז מיר האָבן פאַר זיך ניט געזיכערט קיין גענוגנדיקע באַזע", און אַז דעריבער איז נויטיק צו מאַכן אַ צייטווייליקן צוריקטריט צום געזיכערטן הינטערלאַנד.

דער אומגליק פון דער אָפּאָזיציע איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט צוליב איר עם־הארצות ניט פאַרשטאַנען און האָט ביזן סוף פון איר לעבן ניט פאַרשטאַנען אָט די באַזונדערקייט פונם צוריקטריט ביים נעפּ.

דער באַשלוס פונם צענטן צוזאַמענפאָר וועגן נעפּ האָט געזיכערט אַ פעסטן עקאָנאָמישן בונד פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פויערטום פאַר דער בויאונג פונם סאָציאַליזם.

דער דאָזיקער גרונט־אויפגאַבע האָט געדינט אויך אַן אַנדער באַשלוס פונם צוזאַמענפאָר — וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דעם פאָרטראָג איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט געמאַכט חבר סטאַלין. מיר האָבן ליקווידירט דעם נאַציאָנאַלן דרוק, האָט געזאָגט חבר סטאַלין, נאָר דאָס איז ניט גענוג. די אויפגאַבע באַשטייט דערין, מע זאָל ליקווידירן די שווערע ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט — דיווירטשאַפטלאַכע, פּאָליטישע און קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פון די פריער אונטערגעדריקטע פעלקער. מע דאַרף זיי העלפן צו דעריאָגן אין דער דאָזיקער הינזיכט צענטראַל רוסלאַנד.

חבר סטאַלין האָט, ווייטער, אָנגעוויזן אויף צוויי אַנטיפּאַרטייאישע אָפּנייגן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע: דער גרויסמעכטישער (גרויסרוסישער) שאָוויניזם און דער אָרטיקער נאַציאָנאַליזם. דער צוזאַמענפאָר האָט פאַראורטיילטביידע אָפּנייגן, ווי שעדלאַכע און געפערלאַכע פאַרן קאָמוניזם און פאַרן פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. צוזאַמען דערמיט האָט דער צוזאַמענפאָר דעם הויפּט־קלאַפּ זייַנעם געווענדט קעגן דער גרויסמעכטישקייט, ווי קעגן דער הויפּט־געפאַר, דאָס הייסט, קעגן די רעשטלאַך און איבערבלייַבאַכצן פון אַזאַ מין באַציאונג צו די נאַציאָנאַליטעטן, ווי עס האָבן אַרויסגעוויזן בנוגע די ניט־רוסישע פעלקער די גרויס־רוסישע שאָוויניסטן ביים צאַריזם.

## 3. די ערשטע סך־הכל'ען פונם נעפּ. דער עלפטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. די אויסבילדונג פונם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. לענינס קראַנקייט. לענינס קאָאָפּעראַטיווער פּלאַן. דער צוועלפטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

די דורכפירונג פונם נעפּ האָט באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד די ניט־שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן פון דער פּאַרטיי. דער ווידערשטאַנד איז געגאַנגען פון צוויי זייטן. פון איין זייט, זייַנען אַרויסגעטראָטן די „לינקע" שרייַער, פּאָליטישע פאַרזעענישן פונם טיפּ לאָמינאַדזע, שאַצקין און אַנדערע, וועלכע האָבן

„אויפגעוויזן“, אז דער נעפּ — דאָס איז אַן אָפּזאָג פון די דעראָבערונגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע, א צוריק־קער צום קאַפּיטאַליזם, אַן אומקום פון דער סאָוועטן־מאַכט. איבער זייער עם־הארצות אין פּאָליטיק און ניט־קענען די געזעצן פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג האָבן די דאָזיקע מענטשן ניט פארשטאנען די פּאָליטיק פון דער פּארטיי; זיי זײַנען ארײַנגעפאַלן אין פּאַניק און פארשפרייט ארום זיך ירידה־שטימונגען. פון דער צווייטער זײַט, זײַנען ארויסגעטראָטן אָפענע קאַפּיטוליאַנטן, ווי טראָצקי, ראַדעק, זינאָוויעוו, סאָקאָלניקאָוו, קאַמעניעוו, שליאַפּניקאָוו, בוכארין, ריקאָוו און אנדערע, וועלכע האָבן ניט געגלויבט אין דער מעגלאַכקייט פון דער סאָציאַליסטישער אנט־וויקלונג פון אונזער לאַנד, האָבן געקניט פאר דער „מעכטיקייט“ פונם קאַפּי־טאַליזם און, שטרעבנדיק צו פארפעסטיקן די פּאָזיציעס פונם קאַפּיטאַליזם אין סאָוועטן־לאַנד, האָבן זיי געפאָדערט גרויסע הנחות פארן פּריוואטן קאַ־פּיטאַל ווי אינעווייניק אין לאַנד, אזוי אויך אויסער אים, האָבן געפאָדערט אָפּצוגעבן דעם פּריוואטן קאַפּיטאַל א ריי קאָמאַנדע־הויכן פון דער סאָוועטן־מאַכט אין דער פאָלקסווירטשאַפט — אויף די יסודות פון קאָנצעסיע אָדער פון אקציאָנערע געמישטע געזעלשאַפטן מיטן אָנטייל פון פּריוואטן קאַפּיטאַל.

סאַי די, סאַי יענע זײַנען געווען פרעמד דעם מארקסיזם, דעם לעניניזם.

די פּארטיי האָט דעמאַסקירט און איזאָלירט סאַי די, סאַי יענע. די פּאר־טיי האָט געגעבן די פּאַניקיאָרן און קאַפּיטוליאַנטן אַן אנטשיידענעם צו־ריקשטויס.

דאָס, וואָס עס איז געווען אזא ווידערשטאַנד קעגן דער פּאָליטיק פון דער פּארטיי, האָט אַן איבעריק מאָל דערמאָנט וועגן דער נויטיקייט די פּארטיי צו רייניקן פון ניט־שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן. אין פארבינדונג דערמיט האָט דער צ.ק. דורכגעפירט א גרויסע ארבעט צו פארפעסטיקן די פּארטיי, האָבנדיק אָרגאַניזירט אין יאָר 1921 א פּארטיי־רייניקונג. די רייניקונג איז פּאָרגעקומען מיטן אָנטייל פון אומפּארטייאישע, אויף אָפענע פארזאַמלונגען. לענין האָט גע'עצה'ט גרינטלאַך אָפּצורייניקן די פּארטיי „...פון שווינדלער, פון פארביוראָ־קראַטעוועטע, פון אומאָרנטלאַכע, פון ניט־פעסטע קאָמוניסטן און פון מענשע־וויקעס, וואָס האָבן איבערגעפארבט דעם „פּאַסאַד“, נאָר וואָס זײַנען אין הארצן פארבליבן מענשעוויקעס“ (לענין, ב. XXVII, ז. 13, רוסיש).

סך־הכל זײַנען אין רעזולטאַט פון דער רייניקונג אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּארטיי ביז 170 טויזנט מאַן, אָדער בײַ 25 פּראָצענט פונם גאַנצן באַ־שטאַנד פון דער פּארטיי.

די רייניקונג האָט באַדײַטנדיק פארפעסטיקט די פּארטיי, פארבעסערט איר סאָציאַלן באַשטאַנד, פארשטאַרקט דעם צוטרוי פון די מאַסן צו דער פּאר־טיי, געהעכערט איר אויטאָריטעט. די באַהעפטקייט און דיסציפּלינירטקייט פון דער פּארטיי זײַנען אויסגעוואַקסן.

שוין דאָס ערשטע יאָר פון דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק האָט באַ־

וויזן די ריכטיקייט אירע. דער איבערגאנג צום נעפ האָט באַדייטנדיק פאַרפעסטיקט דעם בונד פון די ארבעטער און פויערים אויף א נייעם יסוד. די מעכטיקייט און פעסטקייט פון דער דיקטאטור פונם פראָלעטאריאט זיינען אויסגעוואקסן. ס'איז כמעט פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן דער באַלעגופישער באנדיטיזם. די מיטלפויערים האָבן נאָך דער אָפּשאפונג פון דער „פּראָדראזוויאָרסטקע" געהאָלפן דער סאָוועטן=מאכט צו קעמפן קעגן די באַלעגופישע באנדעס. די סאָוועטן=מאכט האָט איינגעהיט ביי זיך אין די הענט אלע קאָמאנדע=פּאָזיציעס אין דער פאָלקסווירטשאפט: די גרויס=אינדוסטריע, דעם טראנספּאָרט, די בענק, די ערד, דעם אינערלאכן האנדל, דעם אויסערלאכן האנדל. די פארטיי האָט זיך דערשלאָגן אן איבערבראָך אויפן ווירטשאפטלאכן פראָנט. די לאנדווירטשאפט האָט זיך אינגיכן א רוק געטאָן פאָראויס. די אינדוסטריע און דער טראנספּאָרט האָבן זיך דערשלאָגן די ערשטע דערפאָלגן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דערווייל נאָך זייער א לאנגזאמער, נאָר זיכערער ווירטשאפטלאכער אויפשטייג. די ארבעטער און פויערים האָבן געפילט און געזעען, אז די פארטיי שטייט אויף א ריכטיקן וועג.

אין מערץ 1922=טן יאָר איז זיך צונויפגעקומען דער עלפטער פארטיי=צוזאמענפאָר. אויפן צוזאמענפאָר זיינען ביינגעווען 522 דעלעגאטן מיט באשטימונגס=רעכט, וואָס האָבן פארטראָטן 532.000 פארטיי=מיטגלידער, דאָס הייסט, ווייניקער, ווי אויפן פאָריקן צוזאמענפאָר. דעלעגאטן מיט בעראטונגס=רעכט זיינען געווען 165 מאן. די פארקלענערונג פון דער צאָל מיטגלידער דערקלערט זיך מיט דער רייניקונג פון די פארטיי=רייען, וואָס האָט זיך געהאט אָנגעהויבן.

אויפן צוזאמענפאָר האָט די פארטיי אונטערגעצויגן די סך=הכל'ען פונם ערשטן יאָר נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. די דאָזיקע סך=הכל'ען האָבן דערלויבט לענינען צו דערקלערן אויפן צוזאמענפאָר:

„א יאָר זיינען מיר צוריקגעטראָטן. מיר דארפן אצינד זאָגן אין נאָמען פון דער פארטיי: — גענוג! יענער ציל, וואָס דער צוריקטריט איז אויסן געווען, איז דערגרייכט. דער דאָזיקער פעריאָד ענדיקט זיך, אָדער ער האָט זיך געענדיקט. איצט ווערט ארויסגערוקט אן אנדער ציל — אן איבערגרופּירונג פון די כחות" (דאָרטן, ז. 238, רוסיש).

לענין האָט אָנגעוויזן, אז דער נעפ באטייט א פארביטערטן קאמף ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט צווישן דעם קאפּיטאליזם און דעם סאָציאליזם. „ווער—וועמען" אזוי שטייט די פראגע. כדי צו זיגן, דארף מען זיכערן א צוזאמענשלוס צווישן דעם ארבעטער=קלאס און פויערטום, צווישן דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע און דער פויערשער עקאָנאָמיק דורך אן אלמעגלאכער אנטוויקלונג פונם סחורה=אומזאץ צווישן שטאָט און דאָרף. דערצו איז נויטיק אויסצולערנען זיך באלעבאטעווען, איז נויטיק אויסצולערנען זיך האנדלען קולטורעל.

דער האנדל איז אין דעם דאָזיקן פּעריאָד געווען דער גרונט־רינג אין דער קייט אויפגאבעס, וואָס זײַנען געשטאַנען פאר דער פּארטיי. ניט האָבנדיק גע־לייזט די דאָזיקע אויפגאבע, האָט מען ניט געקאָנט פאנאנדערוויקלען דעם סחורה־אומזאץ צווישן שטאָט און דאָרף, האָט מען ניט געקאָנט פארפעסטיקן דעם עקאָנאָמישן בונד פון די ארבעטער און פּויערים, ניט געקאָנט אויפהויבן די לאנדווירטשאפט, ארויספירן פון חורבן די אינדוסטריע.

אין יענער צײַט איז נאָך דער סאָוועטישער האנדל געווען זייער שוואך. זייער שוואך איז געווען דער האנדלס־אפּאראט, קיין געניטקײַט אין האנדל האָבן די קאָמוניסטן נאָך ניט געהאט, דעם שונא — דעם נעפּמאן האָט מען נאָך ניט דערלערנט; מע האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו קעמפן קעגן אים. די פּריוואטע הענדלער, די נעפּלײַט, האָבן אויסגענוצט די שוואכקײַט פונם סאָוועטישן האנדל און האָבן פארכאפּט אין זייערע הענט דעם האנדל מיט מאנופאקטור און מיט אנדערע גאנגבארע סחורות. די פראגע וועגן דער אָרגאניזירונג פונם מלוכה׳שן און קאָאָפּעראטיוון האנדל האָט באקומען א קאָ־לאָסאלע באדײַטונג.

נאָכן עלפטן צוזאמענפאָר האָט די ווירטשאפטלאכע ארבעט אויפגעברויזט מיט א נײַער קראפט. עס זײַנען דערפאָלגרײַך ליקווידירט געוואָרן די פאָלגן פון דער אומגערעמעניש, וואָס האָט געטראָפן דאָס לאנד. עס איז גיך אויפ־געשטעלט געוואָרן די פּויערשע ווירטשאפט. עס האָבן אָנגעהויבן בעסער צו אר־בעטן די אײַזנבאנען. עס האָט זיך אלץ פארגרעסערט די צאָל פאבריקן און זאוואָדן, וואָס האָבן באנײַס אָנגעהויבן צו ארבעטן.

אין אָקטאָבער 1922־טן יאָר האָט די סאָוועטן־רעפּובליק געפײַערט א גרויסן זיג: די רויטע ארמיי און די פּארטיזאנער פונם ווײַטן מזרח האָבן באַ־פרײַט פון די יאפּאַנישע אינטערווענטן וולאדיוואָסטאָק, דעם לעצטן באצירק פון דער סאָוועטישער ערד, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון די אינ־טערווענטן.

אצינד, ווען די גאנצע טעריטאָריע פונם סאָוועטן־לאנד איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די אינטערווענטן, און די אויפגאבעס פון בויען דעם סאָציאַליזם און פון לאנדשוץ האָבן געפאָדערט א ווײַטערדיקע פארפעסטיקונג פונם בונד פון די פעלקער פונם סאָוועטן־לאנד, האָט זיך אויף דער טאָג־אָרדענונג גע־שטעלט די פראגע וועגן א מער ענגער פאראייניקונג פון די סאָוועטישע רע־פּובליקן אין איינהײַטלאכן מלוכה׳שן פארבאנד. מע האָט געדארפט פאר־אייניקן אלע פאָלקס־קרעפטן פאר דער בויאונג פונם סאָציאַליזם. מע האָט גע־דארפט אָרגאניזירן א פעסטע לאנדשוץ. מע האָט געדארפט זיכערן אן אלזײַ־טיקע אנטוויקלונג פון אלע נאציאָנאַליטעטן פון אונזער היימלאנד. צוליב דעם דאָזיקן ציל האָט מען געמוזט נאָך מער דערנעענטערן איינע צו די אנדערע אלע פעלקער פונם סאָוועטן־לאנד.

אין דעצעמבער 1922־טן יאָר איז פאָרגעקומען דער ערשטער אלפארבאנדי־

שער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז לויטן פאָר־
שלאָג פון לענינען און סטאַלינען געשאַפן געוואָרן א פרײַוויליקע מלוכה'שע
פאַראייניקונג פון די סאָוועטישע פעלקער — דער פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָ־
ציאַליסטישע רעפובליקן (פ.ס.ס.ר.). צוערשט זײַנען אין פ.ס.ס.ר. ארײַנגעגאַנגען
די רוסלענדישע סאָוועטישע פעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע רעפובליק (ר.ס.פ.ס.ר.),
די טראַנסקאַווקאַזער סאָוועטישע פעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע רעפובליק
(טר.ס.פ.ס.ר.), די אוקראַאינישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליק (או.ס.ס.ר.)
און די ווײַסרוסישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליק (וו.ס.ס.ר.). א ביסל
שפּעטער האָבן זיך אין מיטל־אַזיע אָרגאַניזירט דרײַ זעלבסטשטענדיקע פאַרבאַנ־
דישע סאָוועטישע רעפובליקן — די אוזבעקישע, טורקמענישע און טאַדזשי־
קישע. איצט האָבן זיך אָט די אַלע רעפובליקן פאַראייניקט אין אן איינהײַט־
לאַכן פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע מלוכות, — אין דעם פ.ס.ס.ר. אויפן יסוד
פון פרײַוויליקײַט און גלײַכבארעכטיקונג, מיטן אײַנהיטן פאַר יעדערער פון זיי
דאָס רעכט פרײַ ארויסצוטרעטן פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָס שאַפן דעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן האָט
באַטײַט א פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטן־מאַכט און א גרויסן זיג פון דער
לענין־סטאַלינישער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס אין דער נאַ־
ציאָנאַלער פראַגע.

אין נאָוועמבער 1922־טן יאָר איז לענין ארויסגעטראָטן אויפן פּלענום
פונם מאָסקווער סאָוועט. אונטערצײכענדיק די סך־הכל'ען פון די פינף יאָר
עקזיסטענץ פון דער סאָוועטן־מאַכט, האָט לענין ארויסגעזאָגט די פעסטע זי־
כערקייט, אז „פון רוסלאַנד דעם נעפּישן וועט זײַן א רוסלאַנד א סאָציאַליס־
טישעס". דאָס איז געווען זײַן לעצטע ארויסטרעטונג פאַרן לאַנד. אין הארבסט
1922־טן יאָר האָט די פּאַרטיי געטראָפן א גרויסער אומגליק: לענין איז
שטאַרק קראַנק געוואָרן. די גאַנצע פּאַרטיי, אַלע ארבעטנדיקע האָבן איבער־
געלעבט לענינס קראַנקייט, ווי זייער אייגענעם גרויסן אומגליק. אַלע האָבן גע־
לעבט אין אומרו פאַרן לעבן פונם באַליבטן לענין. נאָר לענין האָט אויך בעת
דער קראַנקייט ניט אויפגעהערט צו ארבעטן. זײַענדיק שוין שווער קראַנק,
האָט לענין אָנגעשריבן א רײ זייער וויכטיקע ארטיקלען. אין אָט די לעצטע
ארטיקלען האָט ער אונטערגעצויגן די סך־הכל'ען פון דער דורכגעמאַכטער
ארבעט און אָנגעמערקט דעם פּלאַן פון אויסבויען דעם סאָציאַליזם אין אונ־
זער לאַנד דורך ארײַנציִען דאָס פּויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג.
אין דעם דאָזיקן פּלאַן האָט לענין ארויסגערוקט זײַן קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן פון
באַהעפטן דאָס פּויערטום צו דער זאַך פון אויסבויען דעם סאָציאַליזם.

אין דער קאָאָפּעראַציע בכלל, אין דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער קאָאָפּעראַ־
ציע באַזונדערס, האָט לענין געזען דעם צוטריטלאַכן און פאַרשטענדלאַכן
פאַר מיליאָנען פּויערים וועג פון אריבערגאַנג פון דער קליינער אינדיווידועלער
ווירטשאַפט צו גרויסע געמיינשאַפטלאַכע פּראָדוציר־פאַראייניקונגען — צו־

קאָלווירטן. לענין האָט אָנגעוויזן, אז די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט אין אונזער לאַנד דאַרף גיין מיטן וועג פון אַריינציִען די פּויערים אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג דורך דער קאָאָפּעראַציע, מיטן וועג פון שטופנוויַיז אייַנגלידערן אין דער לאַנדווירטשאַפט די יסודות פון קאָלעקטיוויזם, צוערשט אין געביט פון אָפּזאַץ, און נאָכדעם אין געביט פון פּראָדוצירן די פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט. לענין האָט אָנגעוויזן, אז בייַ דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און בייַם בונד פונם אַרבעטער=קלאַס מיטן פּויערטום, בייַם זיכערן פאַרן פּראָלעטאַריאַט די אָנפירונג בנוגע דעם פּויערטום, בייַ דער עקזיסטענץ פון א סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, — איז די ריכטיק=אָרגאַניזירטע פּראָדוציר=קאָאָפּעראַציע, וואָס כאַפּט אַרום מיליאָנען פּויערים, — דאָס מיטל, וואָס מיט זייַן הילף קאָן מען אויסבויען אין אונזער לאַנד די פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

אין אַפּריל 1923=טן יאָר איז פאָרגעקומען דער צוועלפטער פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר. נאָך דעם, ווי די באָלשעוויקעס האָבן גענומען די מאַכט, איז דאָס געווען דער ערשטער צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן לענין האָט ניט געקאָנט בייַזייַן. אויפן צוזאַמענפאָר זייַנען בייַגעווען 408 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס=רעכט, וואָס האָבן פאַרטראָטן 386.000 פּאַרטיי=מיטגלידער, דאָס הייסט, ווייניקער, ווי אויפן פאָריקן פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר. דאָ האָבן זיך אָפּגערופן די רעזולטאַטן פון דער אַלץ דויערנדיקער רייניקונג פון די פּאַרטיי=רייען, וועלכע האָט געבראַכט צום אויסשליסן פון דער פּאַרטיי א באַדייַטנדיקן פּראָצענט פּאַרטיי=מיטגלידער. דעלעגאַטן מיט באַראַטונגס=רעכט זייַנען געווען 417 מאַן.

דער צוועלפטער פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר האָט דיסקאָנטירט און זייַנע באַשלוסן אַלע אָנווייַזונגען לענינס, וואָס ער האָט געגעבן אין זייַנע לעצטע אַרטיקלען און בריוו.

דער צוזאַמענפאָר האָט געגעבן אן אנטשיידענעם ווידערשטאַנד די אַלע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען דעם נעפּ, ווי א צוריקטריט פון די סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס, ווי דאָס אָפּגעבן די אייגענע פּאָזיציעס דעם קאַפּיטאַליזם, וועמען האָט פאָרגעלייגט צו גיין אין פאַרקנעכטונג צום קאַפּיטאַליזם. אזוינע פאָרשלאָגן האָבן געמאַכט אויפן צוזאַמענפאָר טראָצקיס אָנהענגער — ראַדעק און קראַסין. זיי האָבן פאָרגעלייגט אָפּצוגעבן זיך אויפן גענאָד פון די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, אָפּגעבן זיי אין קאָנצעסיע די לעבנסנויטיקע פאַר דער סאָוועטן=מלוכה אינדוסטריע=צווייַגן. זיי האָבן פאָרגעלייגט צו באַצאָלן די חובות פון דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע די אָקטאָבער=רעוואָליוציע האָט אַנולירט. די דאָזיקע קאַפּיטולייאַנטישע פאָרשלאָגן האָט די פּאַרטיי געשטעמפּלט, ווי פאַרראַטערישע. זי האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט אויסצונוצן די פּאָליטיק פון קאָנצעסיעס, נאָר בלויז אין אַזוינע צווייַגן און אין אַזא מאָס, וואָס האָבן געלויגט דער סאָוועטן=מלוכה.

בוכאַרין און סאָקאָלניקאָוו האָבן נאָך ביזן צוזאַמענפאָר פאָרגעלייגט צו

ליקווידירן די מאָנאָפּאָליע פונם אויסערן-האנדל. דער דאָזיקער פּאָרשלאָג איז אויך געווען א רעזולטאט פון פארשטיין העם געפּ, ווי דאָס אָפּגעבן די אייגענע פּאָזיציעס דעם קאפּיטאליזם. לעגין האָט דעמאָלט געשטעמפּלט בוכארינען, ווי א פארטיידיקער פון די ספּעקוליאנטן, נעפּלייט, באַלעגופים. דער צוועלפטער צוזאמענפאָר האָט אנטשיידן אָפּגעוואָרפן די אטענטאטן אויף דער אומדערשיטערלאכקייט פון דער מאָנאָפּאָליע פונם אויסערן-האנדל.

דער צוזאמענפאָר האָט אויך געגעבן א ווידערשטאנד טראָצקיס פּרואוו אָנצובינדן דער פּארטיי אן אומבערעכנגערישע פּאָליטיק בנוגע דעם פּויערטום. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעוויזן, אז מע טאָר ניט פארגעסן דעם פאקט, אז אינם לאנד האָט די אויבערהאנט די קליינפּויערשע ווירטשאפט. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז די אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, דערונטער פון דער שווערער אינדוסטריע, דארף גיין ניט דערווידער די אינטערעסן פון די פּויערים-מאסן, נאָר אין צוזאמענשלוס מיט זיי, אין די אינטערעסן פון דער גאנצער ארבעטנדיקער באפעלקערונג. די דאָזיקע באשלוסן זיינען געווען געווענדט קעגן טראָצקין, וועלכער האָט פאָרגעלייגט צו בויען די אינדוסטריע דורך עקספּלואטירן די פּויערישע ווירטשאפט, וועלכער האָט ניט אָנערקענט אין דער פּראקטיק די פּאָליטיק פון בונד פון דעם פּראָלעטאריאט און פּויערטום.

טראָצקי האָט אין דער זעלבער צייט פאָרגעלייגט צו פארמאכן אזוינע גרויסע זאוואָדן, וואָס האָבן געהאט א לאנדשוץ-באדייטונג, ווי דעם פּוטילאָווער, דעם בריאנסקער און אנדערע, וואָס ברענגען ניט, ווי ער האָט גע'טענה'ט, קיין רוח. דער צוזאמענפאָר האָט מיט אויפגעבראכטקייט אָפּגעוואָרפן טראָצקיס פאָרשלאָגן.

לויט לענינס פאָרשלאָג, וועלכן ער האָט צוגעשיקט אויפן צוזאמענפאָר אין א שריפטלאכער פאָרם, האָט דער צוועלפטער צוזאמענפאָר געשאפן דעם פאראייניקטן אָרגאן צ.ק.ק.—ר.ק.אי. (צענטראלע קאָנטראָל-קאָמיסיע — ארבעטער-פּויערשע אינספּעקציע). אויף אים זיינען ארויפגעלייגט געוואָרן פאראנטוואָרטלאכע אויפגאבעם: אָפּהיטן די איינהייט פון אונזער פּארטיי, פארפעסטיקן די פּארטייאישע און מלוכה'שע דיסציפּלין, מיט אלע מיטלען פארבעסערן דעם אַפּאראט פון דער סאָוועטישער מלוכה.

דער צוזאמענפאָר האָט געשענקט אן ערנסטע אויפמערקזאמקייט דער נאַציאָנאלער פראגע. פאָרטרעגער איבער דער דאָזיקער פראגע איז געווען חבר סטאלין. חבר סטאלין האָט אונטערגעשטראָכן די אינטערנאציאָנאלע באַדייטונג פון אונזער פּאָליטיק אין דער נאציאָנאלער פראגע. די אונטערדריקטע פעלקער אין מערב און אין מזרח זעען אינם סאָוועטן-פארבאנד א מוסטער פון לייזן די נאציאָנאלע פראגע און פון ליקווידירן דעם נאציאָנאלן דרוק. חבר סטאלין האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט פון ענערגישער ארבעט צו ליקווידירן די ווירטשאפטלאכע און קולטורעלע אומגלייכהייט צווישן די פעלקער פונם סאָוועטן-פארבאנד. ער האָט גערופן די גאנצע פּארטיי צו אן אנטשיידע-

געם קאמף קעגן די אָפּנויגן אין דער נאציאָנאַלער פראגע — קעגן דעם גרויס־רוסישן שאָוויניזם און דעם אָרטיקן בורזשואזן נאַציאָנאַליזם.

אויפן צוזאמענפאָר זײַנען דעמאסקירט געוואָרן די נאַציאָנאַל־אָפּנויגלער און זייער גרויסמעכטישע פּאָליטיק בנוגע די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן. דע־מאָלט זײַנען קעגן דער פארטיי ארויסגעטראָטן די גרוזינישע נאַציאָנאַל־אָפּ־נויגלער — מדיוואַני און אנדערע. די נאַציאָנאַל־אָפּנויגלער זײַנען געווען קעגן שאפן די טראנסקאווקאזער פעדעראציע, קעגן פארפעסטיקן די פרײַנטשאפט פון די פעלקער פון טראַנסקאווקאז. די אָפּנויגלער האָבן זיך אויפגעפירט בנוגע די אנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין גרוזיע, ווי אמת׳ע גרויסמעכטישע שאָווי־ניסטן. זיי האָבן ארויסגעזעצט פון טיפליס אַלע ניט־גרוזינער, באזונדערס ארמענער, האָבן ארויסגעגעבן א געזעץ, לויט וועלכן א גרוזינערין, וואָס האָט חתונה מיט א ניט קיין גרוזינער, פארלירט איר גרוזינישע בירגערשאפט. די גרוזינישע נאַציאָנאַל־אָפּנויגלער זײַנען געשטיצט געוואָרן פון טראָצקין, ראַ־דעקן, בוכארינען, סקריפּניקן, ראקאָווסקין.

אינגיכן נאָכן צוזאמענפאָר איז צונויפגערופן געוואָרן א ספּעציעלע באַראַ־טונג פון די טוער פון די נאַציאָנאַלע רעפובליקן איבער דער נאַציאָנאַלער פראגע. אויף דער באראַטונג איז דעמאסקירט געוואָרן די גרופּע טאָטערישע בורזשואזע נאַציאָנאַליסטן — סולטאַן־גאַליעוו און אנדערע און די גרופּע אוז־בעקישע נאַציאָנאַל־אָפּנויגלער—פייזולא כאָדזשאיעוו און אנדערע.

דער צוועלפטער פארטיי־צוזאמענפאָר האָט פאר׳סך־הכל׳ט די רעזולטאטן פון דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פאר צוויי יאָר. די דאָזיקע סך־הכל׳ען האָבן ארײַנגעבראכט מוטערקײַט און זיכערקײַט אינם ענדגילטיקן זיג.

„אונזער פארטיי איז געבליבן א צעמענטירטע, א באהעפטע, אזא, וועלכע האָט אויסגעהאלטן דעם גרעסטן קער, וועלכע גייט פאָראויס מיט א ברייט־פאנאנדערגעוויקלטער פאָן“, — האָט אויפן צוזאמענפאָר דער־קלערט חבר סטאַלין.

## 4. דער קאמף קעגן די שוועריקײַטן פון אויפשטעלן די פאָלקס־ווירטשאפט. די פארשטארקונג פון דער אקטיווקײַט פון די טראָצקיסטן אין צוזאמענהאנג מיט לעגינס קראנקײַט. די נײַע דיסקוסיע אין דער פארטיי. די מפּלה פון די טראָצ־קיסטן. לעגינס טויט. דער לעגינישער פריזיוו. דער דרײַ־צנטער פארטיי־צוזאמענפאָר.

שוין די ערשטע יאָרן פון קאמף פאר דער אויפשטעלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאפט האָבן געבראכט צו באַדײַטנדיקע דערפאָלגן. צום יאָר 1924 האָט זיך געלאָזט מערקן אן אויפשטײַג אין אַלע געביטן. דער פארזיי־שטח האָט זיך

פונם 1921=טן יאָר אָן באַדײַטנדיק פארגרעסערט, — די פויערישע ווירטשאפט האָט זיך אַלץ מער פארפעסטיקט. ס'איז געוואקסן און האָט זיך אנטוויקלט די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע. ס'איז באַדײַטנדיק אויסגעוואקסן אין צאָל דער ארבעטער=קלאס; ס'איז אויסגעוואקסן דער ארבעטסלוין. די ארבעטער און פויערים איז געוואָרן גרינגער און בעסער צו לעבן, איידער אין די יאָרן 1920—1921.

עס האָבן זיך אָבער נאָך אַלץ געלאָזט פילן די רעזולטאטן פון דיעם נאָך ניט ליקווידירטן חורבן. די אינדוסטריע איז נאָך אָפּגעשטאנען פון דעם פאר'=מלחמה'דיקן ניוואָ, איר וואוקס איז באַדײַטנדיק אָפּגעשטאנען פונם וואוקס פון די באדערפענישן פונם לאנד. צום סוף 1923=טן יאָר איז געווען בײַ א מיליאָן ארבעטסלאָזע, — דער לאנגזאמער וואוקס פון דער פאָלקסווירטשאפט האָט ניט געגעבן קיין מעגלאכקייט אויסצוהאָבן די ארבעטסלאָזיקייט. דער האנדל האָט זיך אנטוויקלט מיט איבערשלאָגן, מחמת די צו הויכע פרײַזן אויף שטאָטישע פאבריקאטן, וואָס עס האָבן אָנגעבונדן דעם לאנד די נעפּלײַט און די נעפּמאנישע עלעמענטן אין אונזערע האנדלס=אָרגאניזאציעס. אין צו=זאמענהאנג דערמיט האָט זיך דער סאָוועטישער רובל גענומען שטארק וואק=לען; זײַן ווערט איז געפאלן. דאָס אַלץ האָט טאָרמאָזירט די פארבעסערונג פון דער לאגע פון די ארבעטער און פויערים.

צו הארבסט 1923=טן יאָר האָבן זיך די ווירטשאפטלאכע שוועריקייטן עטוואָס פארשארפט צוליב דעם, וואָס אונזערע אינדוסטריע= און האנדלס=אָרגאנען האָבן געבראָכן די סאָוועטישע פרײַזן=פּאָליטיק. עס איז געווען א שארפע דיפערענץ צווישן די פרײַזן אויף אינדוסטריעלע סחורות און אויף פראָדוקטן פון דער לאנדווירטשאפט. די פרײַזן אויף ברויט זײַנען געווען ני=דעריקע, און די פרײַזן אויף די אינדוסטריעלע סחורות — אומגעהויער הויכע. אין דער אינדוסטריע זײַנען געווען גרויסע בײַ=הוצאות, און דאָס האָט טײַע=רער געמאכט די סחורות. דאָס געלט, וואָס דאָס פויערטום פלעגט אויסלייזן פון פארקויפן תבואה, פלעגט גיך פארלירן זײַן ווערט. צו דעם אַלעם האָט נאָך דער טראָצקיסט פיאטאקאָוו, וועלכער איז דעמאָלט געזעסן אין וו.ס.נ.כ. (העכסטער ראט פון דער פאָלקסווירטשאפט), געגעבן א פארברעכערישע די=רעקטיוו די ווירטשאפטלער — ארויסשלאָגן וואָס מער רוח בײַם פארקויפן אינדוסטריעלע סחורות, העכערן אָן א שיר די פרײַזן, כלומר'שט צוליב דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. אינדער'אמת'ן האָט דער דאָזיקער נעפּמא=נישער לאָזונג געקאָנט ברענגען בלויז צו פארשמעלערן די באזע פון דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע און צו אונטערדרײַסן די אינדוסטריע. בײַ אזוינע באדינגונגען האָט דעם פויערטום ניט געלוינט אײַנצושאפן זיך שטאָטישע סחורות, און עס האָט אויפגעהערט צו קויפן זיי. עס האָט זיך אָנגעהויבן א קריזיס פונם אָפּזאץ, וועלכער האָט זיך אָפּגערופן אויף דער אינדוסטריע. עס זײַנען אויפגעקומען שוועריקייטן אין אויסצאָלן דעם ארבעטסלוין. דאָס האָט

ארויסגערופן אן אומצופרידנקייט ביי די [illegible]עטער. די אממערסטן אָפּגעשטאַנענע ארבעטער האָבן אין אייניקע פאבריקן געוואָרפן די ארבעט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פארטיי האָט אָנגעמערקט די וועגן ווי צו באזייטיקן אָט די אלע שוועריקייטן און חסרונות. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען צו ליקווידירן דעם אָפּזאַץ־קריזיס. ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אן אראָפּזעצונג פון די פרייזן אויף זאכן פון ברייטן געברויך. ס'איז באשלאָסן געוואָרן דורכצופירן א געלט־רעפאָרם — אריבערגיין צו א פעסטער און שטאנדהאפטיקער וואליוטע, צום טשערוואָנעץ. מע האָט איינגערעגולירט דאָס אויסצאָלן דעם ארבעטסלוין די ארבעטער. עס זיינען אָנגעמערקט געוואָרן מאָס־מיטלען צו פאנאנדערוויקלען דעם האנדל דורך די סאָוועטישע און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאנען און צו ארויסשטויסן פונם האנדל די פארשיידענערליי פריוואטניקעס און ספעקוליאנטן.

מע האָט געדארפט סאָלידאריש, פארקאטשענדיק די ארבל, זיך נעמען צו דער ארבעט. אזוי האָבן געדענקט און געטאָן די מענשן, וואָס זיינען איבערגעגעבן דער פארטיי. ניט אזוי האָבן אָבער געהאנדלט די טראָצקיסטן. באנוצנדיק זיך מיט דער אָפּוועזנקייט פון לענינען, וועלכער איז ארויס פון די רייען מחמת זיין שווערער קראנקייט, האָבן זיי אָנגעהויבן א נייעם אָנפאל אויף דער פארטיי און אויף איר אָנפירונג. זיי האָבן באשלאָסן, אז ס'איז געקומען א גינסטיקער מאָמענט, כדי צו צעקלאפּן די פארטיי און אומוואַרפן איר אָנפירונג. אין קאמף קעגן דער פארטיי האָבן זיי אויסגענוצט אלץ: אי די מפּלה פון דער רעוואָליוציע אין דייטשלאנד און בולגאריע אין הארבסט 1923־טן יאָר, אי דיווירטשאפטלאכע שוועריקייטן אינם לאנד, אי לענינס קראנקייט. גראָד אין אָט דעם פאר דער סאָוועטן־מלוכה שווערן מאָמענט, ווען דער פירער פון דער פארטיי איז געווען צוגעשמידט צום בעט, האָט טראָצקי אָנגעהויבן זיין אטאַקע קעגן דער באָלשעוויסטישער פארטיי. צונויפגעקליבן ארום זיך אלע אנטי־לענינישע עלעמענטן אין דער פארטיי, האָט ער צונויפגעשטוקעוועט א פלאַטפאָרם פאר אן אָפּאָזיציע, וואָס איז געווען געווענדט קעגן דער פארטיי, קעגן איר אָנפירונג, קעגן איר פּאָליטיק. די פלאטפאָרם האָט זיך גערופן די מעלדונג פון 46 אָפּאָזיציאָנערן. אין קאמף קעגן דער לענינישער פארטיי האָבן זיך פאראייניקט אלע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגען, — די טראָצקיסטן, די דעציסטן, די רעשטלאך פון די „לינקע קאָמוניסטן“ און פון דער „ארבעטער־אָפּאָזיציע“. אין זייער מעלדונג האָבן זיי פאָראויסגעזאָגט א שווערן עקאָנאָמישן קריזיס און אן אומקום פון דער סאָוועטן־מאכט און האָבן, ווי דעם אייניציקן אויסוועג פון דער לאגע, געפאָדערט די פרייהייט פון פראקציעס און גרופּירונגען.

דאָס איז געווען א קאמף פאר אויפשטעלן די פראקציעס, וואָס זיינען לויט לענינס פאָרשלאָג דורכן צענטן פארטיי־צוזאמענפאָר פארבאָטן געוואָרן.

קיין שום קאָנקרעטע פראגן וועגן פארבעסערן די אינדוסטריע אָדער די לאנדווירטשאפט, וועגן פארבעסערן דעם סחורה־אומזאץ אינם לאנד, פארבע־

טערן די לאגע פון די ארבעטנדיקע האָבן די טראָצקיסטן ניט געשטעלט. דער־מיט האָבן זיי זיך אפילו כלל ניט אינטערעסירט. זיי האָט אינטערעסירט איינס: באַנוצן זיך מיט לעניגס אַפּוועזנקייט, אויפשטעלן די פראַקציעס אינעווייניק אין דער פּאַרטיי און צעטרייסלען די יסודות פון דער פּאַרטיי, צע־טרייסלען איר צ.ק.

באַלד נאָך דער פּלאַטפאָרם פון די 46 איז ארויסגעלאָזט געוואָרן טראָצ־קיס בריוו, וואו ער האָט באַגאָסן מיט שמוץ די פּאַרטייאישע קאַדרען און ס'איז ארויסגערוקט געוואָרן א גאַנצע ריי נייע רכילות'דיקע באַשולדיקונגען אויפן אדרעס פון דער פּאַרטיי. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט טראָצקי איבער־גע'חזר'ט די אַלטע מענשעוויסטישע לידלאַך, וועלכע די פּאַרטיי האָט פון אים געהערט ניט דאָס ערשטע מאָל.

פריער פאַר אַלץ האָבן זיך די טראָצקיסטן ארויסגעוואָרפן אויפן פּאַרטיי־אַפּאַראַט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פּאַרטיי קאָן ניט לעבן און אַרבעטן אָן א פעסטן פּאַרטיי־אַפּאַראַט. די אָפּאָזיציע האָט געפּרואווט צעטרייסלען, צע־שטערן דעם דאָזיקן אַפּאַראַט, קעגנשטעלן די פּאַרטיי־מיטגלידער דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט, און די יוגנט — די אַלטע קאַדרען פון דער פּאַרטיי. אין זיין בריוו האָט טראָצקי גענומען דעם קורס אויף דער שטודירנדיקער יוגנט, אויף די יונגע פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן ניט געוואוסט די געשיכטע פון קאַמף פון דער פּאַרטיי קעגן דעם טראָצקיזם. כדי צו דעראָבערן די שטודירנדיקע יוגנט, האָט זי טראָצקי גע'חנפ'עט, אָנרופנדיק זי „דער ריכטיקסטער באַראָ־מעטער פון דער פּאַרטיי”, און אין דער זעלבער צייט האָט ער דערקלערט וועגן דעם איבערגעבורט פון דער אַלטער לעניניסטישער גוואַרדיע. אָנדייטנדיק אויף די איבערגעבוירענע פירער פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער גע־מאַכט העסלאַכע אָנצוהערענישן, אַז די אַלטע באָלשעוויסטישע גוואַרדיע גייט מיט דעם זעלבן וועג. מיט די געשרייען וועגן איבערגעבורט פון דער פּאַרטיי האָט טראָצקי געפּרואווט צודעקן זיין איינענעם איבערגעבורט און זיינע אַנטי־פּאַרטייאישע פּלענער.

די ביידע דאָקומענטן פון די אָפּאָזיציאָנערן, סאי די פּלאַטפאָרם פון די 46, סאי אויך טראָצקיס בריוו, האָבן די טראָצקיסטן צעשיקט אין די ראַיאָ־נען און קעמערלאַך און געשטעלט אויף דער באַהאַנדלונג פון די פּאַרטיי־מיטגלידער.

מע האָט די פּאַרטיי ארויסגערופן אויף א דיסקוסיע.

אַזוי־אַרום האָבן די טראָצקיסטן, ווי פאַרן צענטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר בעת דער פּראָפּפאַראייניקער דיסקוסיע, אַזוי אויך איצט, אָנגעבונדן דער פּאַרטיי אַן אַלגעמיין־פּאַרטייאישע דיסקוסיע.

ניט געקוקט אויף דער פאַרנומענקייט פון דער פּאַרטיי מיט מער וויכטי־קעווירטשאַפטלאַכע פראַגן, האָט די פּאַרטיי אָנגענומען דעם ארויסרוף און געעפנט א דיסקוסיע.

די דיסקוסיע האָט ארומגעכאפּט די גאנצע פּארטיי. דער קאמף האָט געטראָגן א פארביטערטן כאראקטער. באזונדערס שארף איז געגאנגען דער קאמף אין מאָסקווע. די טראָצקיסטן האָבן געשטרעבט פריִער פאר אלץ צו פארכאפּן די אָרגאניזאציע פון דער הויפּטשטאָט. די דיסקוסיע האָט אָבער ניט געהאָלפן די טראָצקיסטן. זי האָט זיי גאָר צו שאנד געמאכט. די טראָצקיסטן זיינען צעקלאפּט געוואָרן ביזן גרונט סאי אין מאָסקווע, סאי אויך איבּם גאנצן סאָוועטן־פארבאנד. פאר די טראָצקיסטן האָט געשטימט בלויז א קליינע צאָל הויכשול־קעמערלאך און קעמערלאך פון אנשטאלטן.

אין יאנואר 1924־טן יאָר איז זיך צונויפגעקומען די דרייצנטע פּארטיי־קאָנפערענץ. זי האָט אויסגעהערט א פאָרטראָג פונם חבר סטאלין, וועלכער האָט אונטערגעצויגן די סך־הכל'ען פון דער דיסקוסיע. די קאָנפערענץ האָט פאראורטיילט די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע און דערקלערט, אז אין איר פּערזאָן האָט די פּארטיי צו טאָן מיט א קלייבבירגערלאכן אָפּנויג אָן א זייט פון מארקסיזם. די באשלוסן פון דער קאָנפערענץ זיינען נאָכדעם באוויליקט געוואָרן פון דעם דרייצנטן פּארטיי־צוזאמענפאָר און פון דעם פינפטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן. דער אינטערנאציאָנאלער קאָמוניסטישער פּראָלעטאריאט האָט געשטיצט די באָלשעוויסטישע פּארטיי אין איר קאמף קעגן דעם טראָצקיזם.

די טראָצקיסטן האָבן אָבער ניט אויפגעהערט צו פירן זייער אונטערריַיסערישע ארבעט. אין הארבסט 1924־טן יאָר האָט טראָצקי אָפּגעדרוקט אן ארטיקל „די לעקציעס פון אָקטאָבער“, אין וועלכן ער האָט געמאכט א פּרואוו צו פארביַיטן דעם לעניניזם מיט טראָצקיזם. דער דאָזיקער ארטיקל איז געווען א דורכאויסיקע רכילות אויף אונזער פּארטיי, אויף איר פירער — לענינען. פאר דעם דאָזיקן רכילות'דיקן ביכעלע האָבן זיך אָנגעכאפּט אלע שונאים פונם קאָמוניזם און פון דער סאָוועטן־מאכט. די פּארטיי האָט מיט אויפגעבראכטקייט באגעגנט די דאָזיקע טראָצקים רכילות אויף דער העראָאישער געשיכטע פונם באָלשעוויזם. חבר סטאלין האָט דעמאסקירט טראָצקים פּרואוו צו פארביַיטן דעם לעניניזם מיט טראָצקיזם. אין זיינע ארויסטרעטונגען האָט חבר סטאלין אָנגעוויזן, אז „די אויפגאבע פון דער פּארטיי באשטייט דערין, מע זאָל באגראָבן דעם טראָצקיזם אלס אידייאישע שטרעמונג“.

אן ערנסטע באדיַיטונג אין הינזיכט פון אידייאיש צעשמעטערן דעם טראָצקיזם און פון פּארטיידיקן דעם לעניניזם האָט געהאַט חבר סטאלינס טעאָרעטיש ווערק „וועגן די יסודות פונם לעניניזם“, וואָס איז דערשינען אין 1924־טן יאָר. די דאָזיקע בראָשור איז א מייסטערהאפטע דערקלערונג און אן ערנסטע טעאָרעטישע באגרינדונג פונם לעניניזם. זי האָט דעמאָלט באוואָפנט און באוואָפנט אויך איצט די באָלשעוויקעס אין דער גאנצער וועלט מיטן שארפן געווער פון דער מארקסיסטיש־לענינישער טעאָריע.

אין די שלאכטן קעגן דעם טראָצקיזם האָט חבר סטאלין באהעפט די פּארטיי ארום איר צ.ק. און מאָביליזירט זי צום וויַיטערדיקן קאמף פארן זיג פונם

סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד. חבר סטאַלין האָט דערוויזן, אַז די אידייאישע צעשמעטערונג פונם טראָצקיזם איז אַ באַדינג, וואָס איז נויטיק, כדי צו זיכערן די ווײַטערדיקע זיגרײַכע באַוועגונג פאָראויס צום סאָציאַליזם.

אונטערצייענדיק די סך־הכל'ען פון דעם דאָזיקן פעריאָד פון קאַמף קעגן דעם טראָצקיזם, האָט חבר סטאַלין געזאָגט:

„ניט האָבנדיק צעקלאַפּט דעם טראָצקיזם, קאָן מען זיך ניט דערשלאָגן קיין זיג אין די באַדינגונגען פון נעפּ, קאָן מען זיך ניט דערשלאָגן די פאַרוואַנדלונג פון דעם איצטיקן רוסלאַנד אין אַ רוסלאַנד אַ סאָציאַליסטישעם".

די דערפאָלגן פון דער לעניניסטישער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי זײַנען אָבער פאַרשטערט געוואָרן דורך דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס. דעם 21־טן יאַנואַר 1924־טן יאָר איז אין גאָרקי, אונטער מאָסקווע, געשטאָרבן אונזער פירער און לערער, דער שעפער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, לענין. דער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט האָט באַגעגנט די ידיעה וועגן לענינס טויט, ווי די סאַמע שווערע פאַרלוסט. אין דעם טאָג פון לענינס לויה האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט דערקלערט אַ פינפמינוטיקן איבעררײַס פון אַלע מינים אַרבעט. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די אײַזנבאַנען, ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין די זאַוואָדן און פאַבריקן. די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט האָבן מיט טיפסטן טרויער באַגלייט צום קבר זייער פאָטער און לערער, זייער בעסטן פרײַנט און באַשיצער—לענינען.

אויף לענינס טויט האָט דער אַרבעטער־קלאַס פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד געענטפערט מיט נאָך אַ גרעסערער באַהעפטונג אַרום דער לעניניסטישער פּאַרטיי. יעדער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער האָט אין אָט די טרויער־טעג דורכגעטראַכט זײַן באַציאונג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס פאַרווירקלאַכט לענינס געבאָטן. אין צ.ק. פון דער פּאַרטיי זײַנען אָנגעקומען טויזנטער און טויזנטער מעלדונגען פון אומפּאַרטייאישע אַרבעטער מיט אַ בקשה אָנצונעמען זיי אין דער פּאַרטיי. דער צ.ק. איז אַקעגנגעגאַנגען אָט דער באַוועגונג פון די פאָרגעשריטענע אַרבעטער און האָט דערקלערט אַ מאַסן־אויפנעם פון פאָרגעשריטענע אַרבעטער אין דער פּאַרטיי, דערקלערט אַ לענינישן פּריזיוו אין דער פּאַרטיי. אין דער פּאַרטיי זײַנען געגאַנגען נײַע צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. עס זײַנען געגאַנגען יענע, וועמען עס איז גרייט געווען דאָס לעבן אָפּגעבן פאַר דער זאַך פון דער פּאַרטיי, פאַר דער זאַך פון לענינען. העכער צוויי הונדערט פערציק טויזנט אַרבעטער זײַנען אין אַ קורצן טערמין אַרײַנגעטראָטן דעמאָלט אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אין דער פּאַרטיי איז אַרײַן דער פאָרגעשריטענער טייל פונם אַרבעטער־קלאַס, דער אַממערסטן באַוואוסטזיניקער און רעוואָליוציאָנערער, דער אַממערסטן דרייסטער און די־

סציפּלינירטער. דאָס איז געווען דער לענינישער פּריזיוו אין דער פּאַרטיי.

לענינס טויט האָט באַוויזן, ווי נאָענט אונזער פּאַרטיי איז די אַרבעטער־מאַסן און וויאַזוי די אַרבעטער האַלטן טייער די לענינישע פּאַרטיי.

אין די לענינישע טרויער־טעג האָט חבר סטאַלין אויפן צווייטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר פון פ.ס.ס.ר. אין נאָמען פון דער פּאַרטיי געגעבן אַ גרויסע שבועה. ער האָט געזאָגט:

„מיר, קאָמוניסטן, — זײַנען מענטשן פון אַ באַזונדערן שניט. מיר זײַנען אויסגעקנאָטן פון אַ באַזונדערן מאַטעריאַל. מיר — זײַנען יענע, וואָס בילדן די אַרמיי פון דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן סטראַטעגיקער, די אַרמיי פונם חבר לענין. ס'איז ניטאָ קיין זאַך העכער, ווי דער כבוד צו געהערן צו דער דאָזיקער אַרמיי. ס'איז ניטאָ קיין זאַך העכער, ווי דער נאָמען מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וואָס איר גרינדער און אָנפירער איז חבר לענין...

אוועקגייענדיק פון אונז, האָט חבר לענין אונז פאַרזאָגט צו האַלטן הויך און אָפּהיטן אין ריינקייט דעם גרויסן נאָמען פּאַרטיי־מיטגליד. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן מיט ערע אויספילן דעם דאָזיקן געבאָט דײַנעם!..

אוועקגייענדיק פון אונז, האָט חבר לענין אונז פאַרזאָגט צו היטן די איינהייט פון אונזער פּאַרטיי, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן מיט ערע אויספילן אויך דעם דאָזיקן געבאָט דײַנעם!..

אוועקגייענדיק פון אונז, האָט חבר לענין אונז פאַרזאָגט צו היטן און פעסטיקן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן ניט שאַנעווען אונזערע כחות, כדי אויס־פילן מיט ערע אויך דעם דאָזיקן געבאָט דײַנעם!..

אוועקגייענדיק פון אונז, האָט חבר לענין אונז פאַרזאָגט צו פעס־טיקן מיט אַלע כחות דעם בונד פון די אַרבעטער און פּויערים. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן מיט ערע אויספילן אויך דעם דאָזיקן געבאָט דײַנעם!..

חבר לענין האָט אומדערמידלעך גערעדט צו אונז וועגן דער נויטי־קייט פון אַ פרײַוויליקן בונד צווישן די פעלקער פון אונזער לאַנד, וועגן דער נויטיקייט פון זייער ברידערלעכער מיטאַרבעט אין די ראַמען פונם פאַרבאַנד פון די רעפּובליקן. אוועקגייענדיק פון אונז, האָט חבר לענין אונז פאַרזאָגט צו פעסטיקן און פאַרברייטערן דעם פאַרבאַנד פון די רעפּובליקן. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אַז מיר וועלן אויספילן מיט ערע אויך דעם דאָזיקן געבאָט דײַנעם!..

לענין האָט אונז ניט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז די פאַרפעסטיקונג פון

דער רויטער ארמיי און די פארבעסערונג פון איר צושטאנד איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבעס פון אונזער פארטיי... איז לאָמיר שווערן, חברים, אז מיר וועלן ניט שאנעווען קיין כחות, כדי צו פארפעסטיקן אונזער רויטע ארמיי, אונזער רויטן פלאָט...

אוועקגייענדיק פון אונז, האָט חבר לענין אונז פארזאָגט זיין טרײַ צו די פּרינציפּן פונם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל. מיר שווערן דיר, חבר לענין, אז מיר וועלן ניט שאנעווען אונזער לעבן, כדי צו פעסטיקן און פארברייטערן דעם בונד פון די ארבעטנדיקע פון גאָר דער וועלט— דעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל!".

דאָס איז געווען די שבועה פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי צו איר פירער, לענינען, וועלכער וועט לעבן אין דורות.

אין מאי 1924־טן יאָר איז פאָרגעקומען דער דרײַצנטער פארטיי־צוזאַמענפאָר. אויפן צוזאמענפאָר זײַנען בײַגעווען 748 דעלעגאטן מיט באַשטימונגס־רעכט, וואָס האָבן פארטראָטן 735.881 פארטיי־מיטגלידער. די שאַרפע פארגרעסערונג פון דער צאָל פארטיי־מיטגלידער אין פארגלײַך מיטן פאָריקן צוזאמענפאָר דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין די רייען פון דער פארטיי זײַנען ארײַנגעטראָטן בײַ 250 טויזנט נײַע מיטגלידער לויטן לענינישן פּריזיוו. דעלעגאטן מיט בעראטונגס־רעכט זײַנען געווען 416 מאַן.

דער צוזאמענפאָר האָט איינשטימיק פאַראורטיילט די פּלאַטפאָרם פון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע, דעפינירנדיק זי ווי א קלייןבירגערלאַכן אָפּנויג אָן א זײַט פון מארקסיזם, ווי א רעוויזיע פונם לעניניזם, און האָט באַשטעטיקט די רעזאָליוציעס פון דער דרײַצנטער פארטיי־קאָנפערענץ „וועגן דער פארטיי־בויאונג" און „וועגן די סך־הכל'ען פון דער דיסקוסיע".

ארויסגייענדיק פון דער אויפגאבע צו פארפעסטיקן דעם צוזאמענשלוס פון שטאָט און דאָרף, האָט דער צוזאמענפאָר געגעבן אָן אָנווײַזונג וועגן דער ווייטערדיקער פארברייטערונג פון דער אינדוסטריע, אין דער ערשטער ריי, פון דער לײַכטער אינדוסטריע, אונטערשטרײַכנדיק גלײַכצײַטיק די נויטיקײַט פון א גיכער אנטוויקלונג פון דער מעטאלורגיע.

דער צוזאמענפאָר האָט באַשטעטיקט דאָס שאפן דעם פאָלקס־קאָמיסאריאט פון אינערן־האנדל און האָט פאר אַלע האנדלס־אָרגאנען אוועקגעשטעלט די אויפגאבע צו באהערשן דעם מארק און ארויסצושטויסן דעם פּריוואטן קאפּיטאל פונם האנדלס־געביט.

דער צוזאמענפאָר האָט אוועקגעשטעלט די אויפגאבע צו פארברייטערן דעם ביליקן מלוכה'שן קרעדיט פארן פויערטום און ארויסצושטויסן פון דאָרף דעם וואוכערניק.

ווי די הויפּט־אויפגאבע פון דער ארבעט אין דאָרף, האָט דער צוזאמענפאָר ארויסגערוקט דעם לאָזונג פון אַלמעגלאַך קאָאָפּערירן די פויערישע מאַסן.

ענדלאך, האָט דער צוזאמענפאָר אָנגעוויזן אויף דער קאָלאָסאלער באדײַטונג פונם לעניניזם פריזיוו און האָט געווענדט די אויפמערקזאמקײַט פון דער פארטיי אויף פארשטארקן די ארבעט פון לערנען די יונגע פארטיי-מיטגלידער, פרי:ער פאר אלץ — דעם לענינישן פריזיוו, — די יסודות פונם לעניניזם.

## 5. דער סאָוועטן-פארבאַנד צום סוף פונם אויפשטעלונגס-פעריאָד. די פראגע וועגן דער סאָציאליסטישער בויאונג און דעם זיג פונם סאָציאליזם אין אונזער לאנד. די „נײַע אָפאָזיציע” פון זינאָוויעוו—קאמעניעוו. דער פערצנטער פארטיי-צוזאמענפאָר. דער קורס אויף דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזירונג פונם לאנד.

עס איז אריבער העכער פיר יאָר אײַנגעשפארטע ארבעט פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי און פונם ארבעטער-קלאס אויף די וועגן פון דער נײַער עקאָנאָמישער פאָליטיק. ס'האָט זיך דערנענטערט צום סוף די העראָאישע ארבעט פון אויפשטעלן די פאָלקסווירטשאפט. עס איז אלץ מער געוואקסן די ווירטשאפטלאכע און פאָליטישע מעכטיקייט פונם סאָוועטן-פארבאנד.

די צווישנפעלקערלאכע לאגע האָט זיך צו דער דאָזיקער צײַט געענדערט. דער קאפיטאליזם איז בײַגעשטאנען דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן אָנדראנג פון די מאסן נאָך דער אימפעריאליסטישער מלחמה. די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין דײַטשלאנד, איטאליע, בולגאריע, פוילן און א ריי אנדערע לענדער איז דערשטיקט געוואָרן. דערין האָבן דער בורזשואזיע געהאָלפן די פירער פון די פשרה-מאכערישע סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטייען. עס איז אָנגעקומען א צײַטווײַליקער אָפּפלוס פון דער רעוואָליוציע. עס איז אָנגעקומען א צײַטווײַליקע, טיילווײַזע סטאביליזירונג פונם קאפיטאליזם אין מערב-אייראָפּע, — א טיילווײַזע פארפעסטיקונג פון זײַנע פּאָזיציעס. די סטאביליזירונג פונם קאפיטאליזם האָט אָבער ניט באזײַטיקט די גרונט-ווידערשפּרוכן, וואָס צערייסן די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט. פארקערט: די טיילווײַזע סטאביליזירונג פונם קאפיטאליזם האָט פארשארפט די ווידערשפּרוכן צווישן די ארבעטער און די קאפיטאליסטן, צווישן דעם אימפעריאליזם און די קאָלאָניאלע פעלקער, צווישן די אימפעריאליסטישע גרופּעס פון פארשיידענע לענדער. די סטאביליזירונג פונם קאפיטאליזם האָט צוגעגרייט א נײַעם אויפרײַס פון די ווידערשפּרוכן, נײַע קריזיסן אין די לענדער פונם קאפיטאליזם.

צוגלײַך מיט דער סטאביליזירונג פונם קאפיטאליזם איז אויך פאָרגעקומען א סטאביליזירונג פונם סאָוועטן-פארבאנד. די דאָזיקע צוויי סטאביליזירונגען האָבן זיך אָבער ראדיקאל אונטערגעשיידט איינע פון דער אנדערער.

די קאפּיטאַליסטישע סטאַביליזירונג האָט פּאָרגעזאָגט א נײַעם קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם. די סטאַביליזירונג פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט באַטײַט א נײַעם וואוקס פון דער ווירטשאַפטלאַכער און פּאָליטישער מעכטיקײַט פונם לאַנד פון סאָציאַליזם.

ניט געקוקט אויף דער מפּלה פון דער רעוואָליוציע אין מערב, האָט די צווישנפעלקערלאַכע לאַגע פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד דאָך אַלץ ווײַטער זיך גע־פעסטיקט, אמת, מיט א מער לאַנגזאַמען טעמפּ.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין 1922־טן יאָר אײַנגעלאַדן געוואָרן אויף דער צווישנפעלקערלאַכער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ אין דער איטאַליענישער שטאָט גענוע. אויף דער גענוער קאָנפערענץ האָבן די אימפּעריאַליסטישע רעגירונ־גען, דערמוטיקט דורך דער מפּלה פון דער רעוואָליוציע אין די לענדער פונם קאַפּיטאַליזם, געפּרואווט מאַכן א נײַעם אָנדרוק אויף דער רעפּובליק פון די סאָוועטן, דאָס מאָל אין א דיפּלאָמאַטישער פאָרם. די אימפּעריאַליסטן האָבן אַרויסגעשטעלט דעם סאָוועטן־לאַנד פרעכע פאָדערונגען. זיי האָבן געפאָדערט אומצוקערן די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן די פאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָליוציע האָט נאַציאָנאַליזירט, געפאָדערט צו באַצאָלן אַלע חובות פון דער צארישער רעגירונג. בײַ די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן די אימפּעריאַ־ליסטישע מלוכות צוגעזאָגט דער סאָוועטן־מלוכה אומבאַדײַטנדיקע הלוואות.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פאָדערונגען.

די גענוער קאָנפערענץ האָט ניט געגעבן קיין רעזולטאַטן.

די דראָאונג מיט א נײַער אינטערווענציע אין דער פאָרם פון אן אולטימאַ־טום פונם ענגלישן אויסערן־מיניסטער קערזאָן אין יאָר 1923 האָט אויך באַ־קומען דעם געהעריקן ווידערשטאַנד.

א טאָפּ געטאָן די פעסטקײַט פון דער סאָוועטן־מאַכט און זיך איבער־צײַגט אין איר שטאַנדהאַפטיקײַט, האָבן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות איינע נאָך דער אַנדערער גענומען אויפשטעלן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט אונזער לאַנד. אין פאַרלויף פונם יאָר 1924 זײַנען אויפגעשטעלט געוואָרן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ענגלאַנד, פראַנקרײַך, יאַפּאָניע, איטאַליע.

ס'איז קלאָר געווען, אז דאָס סאָוועטן־לאַנד האָט באַוויזן אויסצוקעמפן א גאַנצן פּעריאָד פון פרידלאַכן אָטעם־איבערכאַפּ.

עס האָט זיך אויך געענדערט די סיטואַציע אינעם לאַנד גופא. די מסירת־נפש'דיקע אַרבעט פון די אַרבעטער און פּויערים, אָנגעפירטע פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס, האָט געבראַכט אירע פרוכט. דער שנעלער וואוקס פון דער פאָלקסווירטשאַפט איז געווען א פאַקט. אין 1924—1925 ווירטשאַפטלאַכן יאָר האָט זיך שוין די לאַנדווירטשאַפט געהאַט דערנענטערט צו די פאַר־מלחמה'־דיקע מאַסשטאַבן, האָבנדיק דערגרייכט 87 פּראָצענט פונם פאַר'מלחמה'דיקן ניוואָ. די גרויס־אינדוסטריע פון פ.ס.ס.ר. האָט שוין אין יאָר 1925 געגעבן בײַ

דרײַ פערטל פון דער פאַר'מלחמה'דיקער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. אין 1924—1925 יאָר האָט שוין דאָס סאָוועטן־לאַנד געקאָנט אַרײַנלייגן אין דער קאַפּיטאַלער בויאונג 385 מיליאָן רובל. ס'איז דערפאָלגרײַך געגאַנגען די אויספילונג פונם פּלאַן פון עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד. עס האָבן זיך פאַרפעסטיקט די קאָמאַנדע־פּאָזיציעס פונם סאָציאַליזם אין דער פאָלקסווירטשאַפט. עס זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן ערנסטע דערפאָלגן אין קאַמף קעגן דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין דער אינדוסטריע און אינם האַנדל.

דער ווירטשאַפטלעכער אויפשטײַג האָט מיט זיך געבראַכט א ווײַטערדיקע פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער און פּויערים. דער וואוקס פונם אַרבעטער־קלאַס איז געגאַנגען מיט א שנעלן טעמפּ. ס'איז אויסגעוואַקסן דער אַרבעטסלוין, עס איז געשטיגן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט. עס האָט זיך באַדײַטנדיק פאַרבעסערט די מאַטעריעלע לאַגע פון די פּויערים. די אַרבעטער־פּויערישע מלוכה האָט געקאָנט אין 1924—1925 יאָר אויסטיילן צו הילף דעם ווירטשאַפטלאַך־שוואַכן פּויערטום ביז 290 מיליאָן רובל. אויפן גרונט פון דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער און פּויערים איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די פּאָליטישע אַקטיווקייט פון די מאַסן. עס האָט זיך פאַרפעסטיקט די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. עס זײַנען אויסגעוואַקסן דער אויטאָריטעט און דער איינפלוס פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

די אויפשטעלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט האָט געהאַלטן בײַ פאַרענדיקט ווערן. נאָר דעם לאַנד פון די סאָוועטן, דעם לאַנד פונם זיך בויענדיקן סאָציאַליזם, איז ניט גענוג געווען דאָס איינפאַכע אויפשטעלן די ווירטשאַפט, דאָס איינפאַכע דערגרייכן דעם פאַר'מלחמה'דיקן ניוואָ. דער פאַר'מלחמה'דיקער ניוואָ — דאָס איז געווען דער ניוואָ פון אן אָפּגעשטאַנען לאַנד. מע האָט זיך געדאַרפט באַוועגן ווײַטער. דער דויערנדיקער אָטעם־איבערכאַפּ, וואָס די סאָוועטן־מלוכה האָט אויסגעקעמפט, האָט געזיכערט די מעגלאַכקײַט פון ווײַטערדיקער בויאונג.

נאָר דאָ האָט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט געשטעלט די פראַגע וועגן די פּערספּעקטיוון, וועגן דעם כאַראַקטער פון אונזער אַנטוויקלונג, פון אונזער בויאונג, די פראַגע וועגן דעם גורל פונם סאָציאַליזם אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין וואָס פאַר א ריכטונג דאַרף מען פירן די ווירטשאַפטלאַכע בויאונג אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין דער ריכטונג צום סאָציאַליזם, אָדער אין א וועלכער־עס־איז אַנדער ריכטונג? צי דאַרפן מיר און צי קאָנען מיר אויסבויען די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, אָדער עס איז אונז באַשערט צו באַמיסטיקן דעם באָדן פאַר אן אַנדערער, פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט? צי איז בכלל מעגלאַך אויסצובויען די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט אין פ.ס.ס.ר., און אויב עס איז מעגלאַך, איז צי קאָן מען זי אויסבויען בײַם פאַרציִען זיך פון דער רעוואָלוציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און בײַ דער סטאַביליזירונג פונם קאַפּיטאַליזם? צי איז מעגלאַך דאָס אויסבויען די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט

אויף די וועגן פֿון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס, פֿאַרפֿעסטיקנדיק און פֿאַרברייטערנדיק אַלמעגלאַך די קרעפֿטן פֿונם סאָציאַליזם אינם לאַנד, גיט זי דערווײַל צוזאַמען דערמיט אויך א געוויסן וואוקס פֿון קאַפּיטאַליזם? ווי דאַרף מען בויען די סאָציאַליסטישע פֿאָלקסווירטשאַפֿט, פֿון וואָס פֿאַר אַן עק דאַרף מען אָנהויבן די דאָזיקע בויאונג?

די אַלע פֿראַגן האָבן זיך צום סוף פֿונם אויפֿשטעלונגס-פּעריאָד געשטעלט פֿאַר דער פּאַרטיי שוין ניט ווי טעאָרעטישע פֿראַגן, נאָר ווי פֿראַגן פֿון דער פּראַקטיק, ווי פֿראַגן פֿון דער טאָגטעגלאַכער ווירטשאַפֿטלאַכער בויאונג.

אויף אָט די אַלע פֿראַגן איז נויטיק געווען צו געבן דירעקטע און קלאָרע ענטפֿערס, כדי סאַי אונזערע פּאַרטייאיש-ווירטשאַפֿטלאַכע טוער, וואָס האָבן געבויט די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפֿט, סאַי אויך דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָלן וויסן — וואוהין צו פֿירן די זאַך, — צום סאָציאַליזם, אָדער צום קאַפּיטאַליזם?

אָן קלאָרע ענטפֿערס אויף די דאָזיקע פֿראַגן וואָלט די גאַנצע פּראַקטישע בוי-אַרבעט אונזערע געווען אַן אַרבעט אָן פּערספּעקטיוו, אַן אַרבעט אַ בלינדע, אַן אַרבעט אַ פּוסטע.

אויף אָט די אַלע פֿראַגן האָט די פּאַרטיי געגעבן קלאָרע און באַשטימטע ענטפֿערס.

יאָ, האָט די פּאַרטיי געענטפֿערט, די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿט קאָן מען און מע דאַרף אויסבויען אין אונזער לאַנד, ווײַל מיר האָבן אַלדאָס נויטיקע, כדי אויסצובויען די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿט, אויסצובויען די פֿולע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט. אין אָקטאָבער 1917-טן יאָר האָט דער אַרבעטער-קלאַס באַזיגט דעם קאַפּיטאַליזם פּ אָ ל י ט י ש, האָבנדיק אײַנגעשטעלט זײַן פּאָליטישע דיקטאַטור. פֿון יענער צײַט אָן האָט די סאָוועטן-מאַכט אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי צו צעקלאַפּן די ווירטשאַפֿטלאַכע מעכטיקײַט פֿונם קאַפּיטאַליזם און שאַפֿן די באַדינגונגען פֿאַר אויסבויען די סאָציאַליסטישע פֿאָלקסווירטשאַפֿט. די עקספּראָפּריאַירונג פֿון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים; די פֿאַרוואַנדלונג פֿון דער ערד, פֿון די פֿאַבריקן, זאַוואָדן, פֿאַרקער-וועגן, בענק אין אייגנטום פֿון גאַנצן פֿאָלק; די דורכפֿירונג פֿון דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק; די בויאונג פֿון דער מלוכה'שער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע; די דורכפֿירונג פֿונם לענינישן קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן, — אָט דאָס זײַנען די דאָזיקע מאָס-מיטלען. איצט באַשטייט די הויפּט-אויפֿגאַבע דערין, מע זאָל פֿאַנאַנדערוויקלען איבערן גאַנצן לאַנד די בויאונג פֿון דער נײַער, דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפֿט און דערמיט דערשלאָגן ביזן סוף דעם קאַפּיטאַליזם אויך ע ק אָ נ אָ מ י ש. די גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט אונזערע, די גאַנצע טעטיקײַט אונזערע דאַרפֿן זײַן אונטערגעוואָרפֿן די פֿאָדערונגען פֿון אויספֿילן די דאָזיקע הויפּט-אויפֿגאַבע. דער אַרבעטער-קלאַס קאָן דאָס אויפֿטאָן, און ער וועט דאָס

אויפטאָן. אָנהויבן אויספילן די דאָזיקע גראנדיעזע אויפגאבע דארף מען פון אינדוסטריִאליזירן דאָס לאנד. די סאָציִאליסטישע אינדוסטריִאליזירונג פונם לאנד — אָט דאָס איז דער גרונט-רינג, וואָס פון אים דארף מען אָנהויבן די פאנאנדערוויקלונג פון דער בויאונג פון דער סאָציִאליסטישער פאָלקסווירטשאפט. ניט דאָס פארציִען זיך פון דער רעוואָלוציע אין מערב, ניט די טיילווייזע סטאביליזירונג פונם קאפיטאליזם אין די ניט-סאָוועטישע לענדער קאָנען ניט אָפשטעלן אונזער באוועגונג פאָראויס — צום סאָציִאליזם. די נייע עקאָנאָמישע פאָליטיק קאָן בלויז פארלייכטערן די דאָזיקע זאך, ווייל זי איז איינגעפירט געוואָרן דורך דער פארטיי טאקע צוליב דעם, כדי צו פארלייכטערן די בויאונג פון דעם סאָציִאליסטישן פונדאמענט פון אונזער פאָלקסווירטשאפט.

אזא איז געווען דער ענטפער פון דער פארטיי אויף דער פראגע וועגן דעם זיג פון דער סאָציִאליסטישער בויאונג אין אונזער לאנד.

די פארטיי האָט אָבער געוואוסט, אז דערמיט ווערט ניט אויסגעשעפט די פראָבלעם פון זיג פונם סאָציִאליזם אין איין לאנד. די אויסבויאונג פונם סאָציִאליזם אין פ.ס.ס.ר. שטעלט מיט זיך פאָר א גוואלדיקן קער אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט און א וועלט-היסטאָרישן זיג פונם ארבעטער-קלאס און פויערטום פון פ.ס.ס.ר. דאָך איז עס אן אינערלאכע זאך פון פ.ס.ס.ר. און עס איז בלויז א טייל פון דער פראָבלעם פון זיג פונם סאָציִאליזם. דער אנדער טייל פון דער פראָבלעם איז די צווישנפעלקערלאכע זייט אירע. באגרינדנדיק די הנחה וועגן דעם זיג פונם סאָציִאליזם אין איין לאנד, האָט חבר סטאלין ניט איין מאָל אָנגעוויזן, אז מע דארף אונטערשיידן צוויי זייטן פון דער דאָזיקער פראגע, די אינערלאכע און די צווישנפעלקערלאכע. וואָס איז שייך דער אינערלאכער זייט פון דער פראגע, דאָס הייסט, די קעגנזייטיקע באציאונגען פון די קלאסן אינעווייניק אינם לאנד, קאָנען דער ארבעטער-קלאס און דאָס פויערטום פון פ.ס.ס.ר. פולשטענדיק ביי‍קומען *עקאָנאָמיש* זייער אייגענע בורזשואזיע און אויסבויען די פולשטענדיקע סאָציִאליסטישע געזעלשאפט. ס'איז נאָך אָבער פאראן א צווישנפעלקערלאכע זייט פון דער פראגע, דאָס הייסט, דער געביט פון אויסערלאכע באציאונגען, דער געביט פון די באציאונגען צווישן דעם סאָוועטן-לאנד און די קאפיטאליסטישע לענדער, צווישן דעם סאָוועטישן פאָלק און דער צווישנפעלקערלאכער בורזשואזיע, וואָס האסט די סאָוועטישע אָרדענונג און זוכט א געלעגנהייט צו מאכן א נייע באוואָפנטע אינטערווענציע קעגן דעם סאָוועטן-לאנד, צו מאכן נייע פרואוון אויפצושטעלן דעם קאפיטאליזם אין פ.ס.ס.ר. און אזוי ווי פ.ס.ס.ר. איז דערווייל נאָך דאָס איינציקע לאנד פון סאָציִאליזם, און די איבעריקע לענדער פארבלייבן קאפיטאליסטישע, בלייבט ארום פ.ס.ס.ר. עקזיסטירן א קאפיטאליסטישע ארומרינגלונג, וואָס רופט ארויס די געפאר פון א קאפיטאליסטישער אינטערווענציע. ס'איז קלאָר, אז כל זמן עס איז פאראן א קאפיטאליסטישע ארומרינגלונג, וועט אויך זיין א

געפאר פון א קאפיטאליסטישער אינטערווענציע. צי קאָן דאָס סאָוועטישע פאָלק בלויז מיט זײַנע אייגענע כחות אליין פארניכטן אָט די אויסערלאכע געפאר, די געפאר פון א קאפיטאליסטישער אינטערווענציע קעגן פ.ס.ס.ר.? ניין, עס קאָן ניט. עס קאָן ניט, ווײַל כדי צו פארניכטן די געפאר פון דער קאפי־טאליסטישער אינטערווענציע, איז נויטיק צו פארניכטן די קאפיטאליסטישע ארומרינגלונג, און פארניכטן די קאפיטאליסטישע ארומרינגלונג איז מעגלאך בלויז אין רעזולטאט פון א זיגרײַכער פראָלעטארישער רעוואָליוציע ווייניקסטנס אין עטלאכע לענדער. דערפון דרינגט אָבער ארויס, אז דער זיג פונם סאָציא־ליזם אין פ.ס.ס.ר., וואָס דריקט זיך אויס אין דער ליקווידירונג פון דער קאפי־טאליסטישער ווירטשאפט־סיסטעם און אין דער אויסבויאונג פון דער סאָציא־ליסטישער ווירטשאפט־סיסטעם, קאָן דאָך ניט גערעכנט ווערן פאר אן ע נ ד ג י ל־ט י ק ן זיג, אויף וויפל די געפאר פון א באוואָפנטער אויסלענדישער אינטער־ווענציע און פון די פרואוון צו רעסטאווירן דעם קאפיטאליזם פארבלײַבט ניט באזײַטיקט, אויף וויפל דאָס לאנד פונם סאָציאליזם פארבלײַבט ניט גאראנ־טירט פון אזא געפאר. כדי פארניכטן די געפאר פון אן אויסלענדישער קאפיטא־ליסטישער אינטערווענציע, דארף מען פארניכטן די קאפיטאליסטישע ארומרינגלונג.

פארשטייט זיך, דאָס סאָוועטישע פאָלק און זײַן רויטע ארמיי וועלן בײַ א ריכטיקער פאָליטיק פון דער סאָוועטן־מאכט קאָנען געבן א געהעריקן ווידער־שטאנד דער נײַער אויסלענדישער קאפיטאליסטישער אינטערווענציע פונקט אזוי, ווי זיי האָבן געגעבן א ווידערשטאנד דער ערשטער קאפיטאליסטישער אינטערווענציע אין די יאָרן 1918—1920. דאָס באטײַט נאָך אָבער ניט, אז דערמיט וועט פארניכטעט ווערן די געפאר פון נײַע קאפיטאליסטישע אינטער־ווענציעס. די מפּלה פון דער ערשטער אינטערווענציע האָט ניט פארניכטעט די געפאר פון א נײַער אינטערווענציע, ווײַל דער קוואל פון אן אינטערווענ־ציע־געפאר — די קאפיטאליסטישע ארומרינגלונג — עקזיסטירט נאָך אלץ ווײַטער. אפילו די מפּלה פון א נײַער אינטערווענציע וועט ניט פארניכטן די געפאר פון אן אינטערווענציע, אויב די קאפיטאליסטישע ארומרינגלונג וועט נאָך אלץ עקזיסטירן.

דערפון דרינגט ארויס, אז דער זיג פון דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע אין די קאפיטאליסטישע לענדער איז א בלוט־אייגענער אינטערעס פון די ארבעטנדיקע פון פ.ס.ס.ר.

אזא איז געווען די אײַנשטעלונג פון דער פארטיי אין דער פראגע וועגן דעם זיג פונם סאָציאליזם אין אונזער לאנד.

דער צ.ק. האָט געפאָדערט, אז די דאָזיקע אײַנשטעלונג זאָל באהאנדלט ווערן אויף דער פאָרשטייענדיקער פערצנטער פארטיי־קאָנפערענץ, אז זי זאָל באוויליקט און אָנגענומען ווערן, ווי אן אײַנשטעלונג פון דער פארטיי, ווי א געזעץ פון דער פארטיי, וואָס איז אָ ב ל י ג א ט אָ ר י ש פאר אלע פארטיי־מיטגלידער.

די דאָזיקע אײַנשטעלונג פון דער פארטיי האָט געפלעפט די אָפּאָזיציאָנערן. זי האָט זיי געפלעפט פריער פאר אלץ דערמיט, וואָס די פארטיי האָט איר צוגעגעבן א קאָנקרעט-פראקטישן כאראקטער, האָט זי פארבונדן מיטן פראקטישן פלאן פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזירונג פונם לאנד און האָט געפאָדערט צו פארקערפערן זי אין דער פאָרם פון א פארטיי-געזעץ, אין דער פאָרם פון א רעזאָליוציע פון דער פערצנטער פארטיי-קאָנפערענץ, אן אָבליגאטאָרישע פאר אלע פארטיי-מיטגלידער.

די טראָצקיסטן זײַנען ארויסגעטראָטן קעגן דער אײַנשטעלונג פון דער פארטיי, אקעגנשטעלנדיק איר די מענשעוויסטישע „טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָליוציע", וועלכע האָט נאָר פון חוזק וועגן איבערן מארקסיזם געקאָנט אָנגערופן ווערן מארקסיסטישע טעאָריע און וועלכע האָט געלייקנט די מעגלאכקײַט פונם זיג פון דער סאָציאליסטישער בויאונג אין פ.ס.ס.ר.

די בוכארינצעס האָבן זיך ניט אנטשלאָסן ארויסצוטרעטן דירעקט קעגן דער אײַנשטעלונג פון דער פארטיי. דאָך האָבן זיי אָנגעהויבן שטילינקערהייט אקעגנשטעלן איר זייער אייגענע „טעאָריע" פון פרידלאכער ארײַנוואקסונג פון דער בורזשואזיע אין סאָציאליזם, דערגאנצנדיק זי מיט א „נײַעם" לאָזונג — „באַרײַכערט זיך". בײַ די בוכארינצעס איז אויסגעקומען, אז דער זיג פונם סאָציאליזם באטײַט ניט ליקווידירן די בורזשואזיע, נאָר אויסכאָוועַן און באַרײַכערן זי.

זינאָוויעוו און קאמעניעוו זײַנען איין צײַט געהאט ארויסגעקראָכן מיט א דערקלערונג, אז דער זיג פונם סאָציאליזם אין פ.ס.ס.ר. איז ניט מעגלאך מחמת זײַן טעכניש-עקאָנאָמישער אָפּגעשטאנענקײַט, דערנאָך אָבער זײַנען זיי געווען געצוואונגען צו באהאלטן זיך אין די בושעס.

די פערצנטע פארטיי-קאָנפערענץ (אפריל 1925-טן יאָר) האָט פארורטיילט אָט די אלע קאפיטוליאנטישע „טעאָריעס" פון די אָפענע און פארבאָרגענע אָפּאָזיציאָנערן און האָט באשטעטיקט די אײַנשטעלונג פון דער פארטיי אויפן זיג פונם סאָציאליזם אין פ.ס.ס.ר., האָבנדיק אָנגענומען די אנטשפרעכנדיקע רעזאָליוציע.

צוגעשפארט צו דער וואנט, האָבן זינאָוויעוו און קאמעניעוו געפונען פאר גלײַכער צו שטימען פאר דער דאָזיקער רעזאָליוציע. די פארטיי האָט אָבער געוואוסט, אז זיי האָבן בלויז אָפּגעלייגט זייער קאמף קעגן איר, האָבנדיק באשלאָסן צו „געבן א שלאכט דער פארטיי" אויפן פערצנטן פארטיי-צוזאמענפאָר. זיי האָבן געזאמלט זייערע אָנהענגער אין לענינגראד און האָבן פאָרמירט די אזוי גערופענע „נײַע אָפּאָזיציע".

אין דעצעמבער 1925-טן יאָר האָט זיך געעפנט דער פערצנטער פארטיי-צוזאמענפאָר.

דער צוזאמענפאָר איז פאָרגעקומען אין אן אָנגעשטרענגטער אינערלאַד-פארטייאישער סיטואציע. פאר דער גאנצער צײַט פון דער עקזיסטענץ פון

דער פּאַרטיי איז נאָך ניט געווען אזא לאגע, אז א גאנצע דעלעגאַציע פון א ביז גאָר גרויסן פּאַרטיי־צענטער, ווי די לענינגראַדער דעלעגאַציע, זאָל זיך האָבן געקליבן ארויסצוטרעטן קעגן איר צ.ק.

אויפן צוזאמענפאָר זײַנען בײַגעווען 665 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט און 641 מיט באַראַטונגס־רעכט, וואָס האָבן פאַרטראָטן 643 טויזנט מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און 445 טויזנט קאַנדידאַטן, דאָס הייסט, עטוואָס ווייניקער, ווי אויפן פאָריקן צוזאמענפאָר. דאָ האָבן זיך געלאָזט פילן די רעזולטאַטן פון דער טיילווײַזער רייניקונג פון די הויכשול־קאָמערלאַד און אנשטאַלטן־קאָמערלאַך, וועלכע האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַרמיסטיקט מיט אַנטיפּאַרטייאישע עלעמענטן.

דעם פּאָליטישן באַריכט פונם צענטראַל־קאָמיטעט האָט געמאַכט חבר סטאַלין. ער האָט אָנגעמאָלט א בולט בילד פונם וואוקס פון דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער מעכטיקייט פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אי די אינדוסטריע, אי די לאַנדווירטשאַפט זײַנען, אדאנק די פאָרצוגן פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט־סיסטעם, אויפגעשטעלט געוואָרן אין א פאַרהעלטניס־מעסיק קורצן טערמין און האָבן זיך דערנענטערט צום פאַר'מלחמה'דיקן ניוואָ. ניט געקוקט אויף די דאָזיקע דערפאָלגן, האָט חבר סטאַלין פאָרגעלייגט, מע זאָל זיך ניט באַרואיקן דערויף, ווײַל די דאָזיקע דערפאָלגן האָבן ניט געקאָנט פאַרניכטן דעם פאַקט, וואָס אונזער לאַנד האָט נאָך אַלץ פאָרגעזעצט צו זײַן אן אָפּגעשטאַנענס, אן אגראַרס. צוויי דריטל פון דער גאַנצער פּראָדוקציע האָט געגעבן די לאַנדווירטשאַפט, בלויז איין דריטל — די אינדוסטריע. פאַר דער פּאַרטיי, האָט געזאָגט חבר סטאַלין, שטייט אין דער גאנצער גרויס די פראַגע וועגן פאַרוואַנדלען אונזער לאַנד אין אן אינדוסטריעל לאַנד, אן עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיקס פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס איז מעגלאַך צו טאָן, און מע דאַרף דאָס טאָן. די צענטראַלע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי ווערט דער קאַמף פאַר דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד, דער קאַמף פאַרן זיג פונם סאָציאַליזם.

„פאַרוואַנדלען אונזער לאַנד פון אן אגראַרס אין אן אינדוסטריעלס, וואָס איז פעיִק צו פּראָדוצירן מיט זײַנע אייגענע כּחות די נויטיקע אויסשטאַטונג, — אָט אין וואָס עס איז דער תּוך, דער יסוד פון אונזער גענעראַלער ליניע", — האָט אָנגעוויזן חבר סטאַלין.

די אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד האָט געזיכערט די ווירטשאַפטלעכע זעלבסטשטענדיקייט פונם לאַנד, האָט פאַרפעסטיקט זײַן שוצפעיִקייט און געשאַפן די באַדינגונגען, וואָס זײַנען נויטיק פאַרן זיג פונם סאָציאַליזם אין פ.ס.ס.ר.

קעגן דער גענעראַלער ליניע פון דער פּאַרטיי זײַנען ארויסגעטראָטן די זינאָוויעווצעס. דעם סטאַלינישן פּלאַן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע האָט דער זינאָוויעוועץ סאָקאָלניקאָוו קעגנגעשטעלט א בורזשואזן

פּלאַן, וואָס האָט אַן אומגאַנג צווישן די רויב־פיש פונם אימפּעריאַליזם. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן האָט פ.ס.ס.ר. געזאָלט פאַרבלײַבן אַן אַגראַר לאַנד, וואָס פּראָדוצירט, דער עיקר, רוּוואַרג און דערנערונג, פירט זיי אַרויס קיין אויס־לאַנד און פירט פון דאָרטן אַרײַן מאַשינעס, וואָס אַליין פּראָדוצירט עס זיי ניט און דאַרף ניט פּראָדוצירן. אין די באַדינגונגען פונם 1925־טן יאָר האָט דער דאָזיקער פּלאַן אויסגעזען, ווי אַ פּלאַן פון עקאָנאָמישער פאַרקנעכטונג פון פ.ס.ס.ר. דורך דעם אינדוסטריעל־אַנטוויקלטן אויסלאַנד, ווי אַ פּלאַן פון פאַרפעסטיקן די אינדוסטריעלע אָפּגעשטאַנענקייט פון פ.ס.ס.ר. לטובת די אימ־פּעריאַליסטישע רויב־פיש פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אָננעמען דעם דאָזיקן פּלאַן האָט באַטײַט פאַרוואַנדלען אונזער לאַנד אין אַ הילפלאָזן אַגראַרן, ערדאַרבעטערישן צוגאָב פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, איבערלאָזן עס אומבאַוואָפנט און שוואַך קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג און, אין לעצטן סך־הכל, — באַגראָבן די זאַך פונם סאָציאַ־ליזם אין פ.ס.ס.ר.

דער צוזאַמענפאָר האָט געשטעמפּלט דעם ווירטשאַפטלאַכן „פּלאַן" פון די זינאָוויעוּוצעס, ווי אַ פּלאַן פון פאַרקנעכטן פ.ס.ס.ר.

עס האָבן אויך ניט געהאָלפן דער „נײַער אָפּאָזיציע" אַזוינע גענג, ווי די באַהויפּטונג (טראָץ לעניגנען!) וועגן דעם, אַז אונזער מלוכה'שע אינדוסטריע איז כלומר'שט ניט קיין סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, אָדער די דערקלערונג (אויך טראָץ לענינען!) וועגן דעם, אַז דער מיטלפּויער קאָן כלומר'שט ניט זײַן קיין פאַרבינדעטער פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער זאַך פון דער סאָ־ציאַליסטישער בויאונג.

דער צוזאַמענפאָר האָט געשטעמפּלט די דאָזיקע גענג פון דער „נײַער אָפּאָזיציע", ווי אַנטילעניניסטישע.

חבר סטאַלין האָט דעמאַסקירט דעם טראָצקיסטיש־מענשעוויסטישן תוך פון דער „נײַער אָפּאָזיציע". ער האָט באַוויזן, אַז זינאָוויעוו און קאַמענעוו חזר'ן בלויז איבער די לידעלאַך פון די שונאים פון דער פּאַרטיי, קעגן וועלכע לענין האָט אין זײַן צײַט געפירט אַן אום'ברחמנות'דיקן קאַמף.

ס'איז קלאָר געווען, אַז די זינאָוויעווצעס — דאָס זײַנען שלעכט פאַר־מאַסקירטע טראָצקיסטן.

חבר סטאַלין האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי איז אַ פעסטער בונד פונם אַרבעטער־קלאַס מיטן מיטל־פּויער אין דער זאַך פון בויען דעם סאָציאַליזם. ער האָט אָנגעוויזן אויף די צוויי אָפּנויגן אין דער פּויערים־פראַגע, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען אין דער פּאַרטיי און וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געפאַר פאַר דעם דאָזיקן בונד. דער ערשטער אָפּנויג איז — דאָס ניט־דערשאַצן און דאָס פאַרמינערן די באַלעבאָטישע געפאַר, דער צווייטער איז — די פּאַניק, דער איבערשרעק פאַרן באַלעבאָס און דאָס ניט־דערשאַצן די ראָלע פונם מיטלפּויער. אויף דער

פראגע וועגן דעם, וואָסער אָפּנויג איז ערגער, האָט חבר סטאַלין געענטפערט: „ביידע זיינען זיי ערגער, אי דער ערשטער, אי דער צווייטער אָפּנויג. און אויב די דאָזיקע אָפּנויגן וועלן זיך אנטוויקלען, זיינען זיי פּייאיק צו דעמאָראַליזירן און אומברענגען די פאַרטיי. צום גליק, זיינען ביי אונז אין דער פאַרטיי פאַראַן כחות, וואָס קאָנען אָפּהאַקן אי דעם ערשטן, אי דעם צווייטן אָפּנויג".

די פאַרטיי האָט ווירקלאַך צעשמעטערט און אָפּגעהאַקט אי דעם „לינקן", אי דעם רעכטן אָפּנויג.

אונטערציענדיק די סך=הכל'ען פון די דעבאַטן איבער דער ווירטשאַפטלאַכער בויאונג, האָט דער פערצנטער פאַרטיי=צוזאַמענפאָר איינשטימיק אָפּגעוואָרפן די קאַפּיטולאַנטישע פּלענער פון די אָפּאָזיציאָנערן און האָט פאַרשריבן אין זיין באַרימטן באַשלוס:

> „אין געביט פון דער עקאָנאָמישער בויאונג גייט דער צוזאַמענפאָר ארויס דערפון, אז אונזער לאַנד, דאָס לאַנד פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, פאַרמאָגט „אַלדאָס נויטיקע פאַר אויסבויען די פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט" (לענין). דער צוזאַמענפאָר האַלט, אז דער קאַמף פאַרן זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין פ.ס.ס.ר. איז די גרונט=אויפגאַבע פון אונזער פאַרטיי".

דער פערצנטער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט א נייעם סטאַטוט פון דער פאַרטיי.

פון דעם פערצנטן צוזאַמענפאָר אָן האָט זיך אונזער פאַרטיי אָנגעהויבן רופן אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פאַרטיי (באָלשעוויקעס) — אַל.ק.פ.(ב.).

די זינאָוויעוועצעס, צעקלאַפּטע אויפן צוזאַמענפאָר, האָבן זיך ניט אונטערגעוואָרפן דער פאַרטיי, זיי האָבן אָנגעהויבן פירן א קאַמף קעגן די באַשלוסן פונם פערצנטן צוזאַמענפאָר. באַלד נאָכן פערצנטן צוזאַמענפאָר האָט זינאָוויעוו איינגעאָרדנט א פאַרזאַמלונג פונם לענינגראַדער גובערניאַלן קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד, וואָס זיין אויבערקעפּל איז דורך זינאָוויעוון, זאַלוצקין, באַקאַיעוון, יעוודאָקימאָוון, קוקלינען, סאַפּאַראָוון און אַנדערע צוויי'פּנים'דיקע דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון האס צום לענינישן צ.ק. פון דער פאַרטיי. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט דער לענינגראַדער גובערניאַלער קאָמיטעט פונם קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אָנגענומען אַן אומגעהערטע אין דער געשיכטע פונם אַלפאַרבאַנדישן לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד באַשטימונג וועגן דעם, אז ער זאָגט זיך אָפּ אונטערצואוואַרפן זיך די באַשלוסן פונם פערצנטן פאַרטיי=צוזאַמענפאָר.

דאָס זינאָוויעווישע אויבערקעפּל פונם לענינגראַדער קאָמיוג האָט אָבער אַבסאָליוט ניט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פון די קאָמיוגישע מאַסן פון לענינגראַד. דעריבער איז עם לייכט צעשמעטערט געוואָרן, און אינגיכן האָט די לענינגראַדער קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע באַנייט פאַרנומען דאָס פּאַסיקע פאַר איר אָרט אינם קאָמיוג.

צום שלוס פונם פערצנטן צוזאמענפאָר איז קיין לענינגראד געשיקט געוואָרן א גרופּע דעלעגאטן פונם צוזאמענפאָר — די חברים מאָלאָטאָוו, קיראָוו, וואָראָשילאָוו, קאלינין, אנדרייעוו און אנדערע. מע האָט געדארפט אויפקלערן די מיטגלידער פון דער לענינגראדער פארטיי־אָרגאניזאציע דעם פארברעכערישן, אנטיבאָלשעוויסטישן כאראקטער פון דער פּאָזיציע, וואָס עס האָט פארנומען אויפן צוזאמענפאָר די לענינגראדער דעלעגאציע, וועלכע האָט באקומען אויף א שווינדלערישן אופן די מאנדאטן. די פארזאמלונגען מיט די באריכטן וועגן דעם צוזאמענפאָר זיינען דורכגעגאנגען שטורמיש. עס איז צונויפגערופן געוואָרן א נייע עקסטרע לענינגראדער פארטיי־קאָנפערענץ. די איבערוועלטיקנדיקע מאסע מיטגלידער פון דער לענינגראדער פארטיי־אָרגאניזאציע (העכער 97 פּראָצענט) האָט פולשטענדיק באוויליקט די באשלוסן פונם פערצנטן פארטיי־צוזאמענפאָר און פאראורטיילט די אנטיפארטייאישע זינאָוויעווישע „נייע אָפּאָזיציע". די לעצטע האָט שוין מיט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט גענעראלן אָן אן ארמיי.

די לענינגראדער באָלשעוויקעס זיינען פארבליבן אין די ערשטע רייען פון דער פארטיי פון לענין—סטאלין.

אונטערצייכענדיק די סך־הכל'ען פון דער ארבעט פונם פערצנטן פארטיי־צוזאמענפאָר, האָט חבר סטאלין געשריבן:

„די היסטאָרישע באדייטונג פונם פערצנטן צוזאמענפאָר פון דער אל.ק.פּ. באשטייט דערין, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן אויפצודעקן ביז צו די וואָרצלען די פעלערן פון דער נייער אָפּאָזיציע, האָט אָפּגעוואָרפן אָן א זייט איר אומגלויבן און פּכניקעניש, האָט קלאָר און דייטלאך אָנגעמערקט דעם וועג פונם ווייטערדיקן קאמף פארן סאָציאליזם, האָט געגעבן דער פארטיי די פּערספּעקטיוו פון זיג און באוואָפנט דערמיט גופא דעם פּראָלעטאריאט מיטן אייזנפעסטן גלויבן אינם זיג פון דער סאָציאליסטישער בויאונג" (סטאלין, פראגן פון לעניניזם, ז. 150, רוסיש).

## קורצע אויספירן.

די יאָרן פון אריבערגאנג צו דער פרידלאכער ארבעט פון אויפשטעלן די פאָלקסווירטשאפט זיינען איינער פון די פאראנטוואָרטלאכסטע פעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי. אין אן אָנגעשטרענגטער סיטואציע האָט דער פארטיי זיך איינגעגעבן דורכצומאכן א שווערן קער—פון דער פּאָליטיק פונם קריגס־קאָמוניזם צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. די פארטיי האָט פארפעסטיקט דעם בונד פון די ארבעטער און פויערים אויף א נייעם עקאָנאָמישן יסוד. עס איז געשאפן געוואָרן דער פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפּובליקן.

אויף די וועגן פון דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק זײַנען דערגרייכט געוואָרן אנטשיידנדיקע דערפאָלגן אין דער אויפשטעלונג פון דער פאָלקסווירטשאפט. דאָס לאנד פון די סאָוועטן האָט מיט דערפאָלג דורכגעמאכט דעם אויפשטעלונגס־פּעריאָד אין דער אנטוויקלונג פון דער פאָלקסווירטשאפט און האָט גענומען אריבערגיין צו א נײַעם פּעריאָד, צום פּעריאָד פון אינדוסטריאַליזירן דאָס לאנד.

דער אריבערגאנג פון בירגערקריג צו דער פרידלאכער סאָציאַליסטישער בויאונג איז באגלייט געוואָרן, באזונדערס אין דער ערשטער צײַט, מיט גרויסע שוועריקײַטן. די שונאים פונם באָלשעוויזם, די אנטיפּארטייאישע עלעמענטן אין די רייען פון דער אל.ק.פּ.(ב.), האָבן אין פארלויף פון אָט דעם גאנצן פּעריאָד געפירט א פארביטערטן קאמף קעגן דער לענינישער פּארטיי. בראש פון אָט די אנטיפּארטייאישע עלעמענטן איז געשטאנען טראָצקי. זײַנע געהילפן אין דעם דאָזיקן קאמף זײַנען געווען קאמעניעוו, זינאָוויעוו, בוכארין. די אָפּאָזיציאָנערן האָבן אויסגערעכנט ארײַנברענגען א דעמאָראליזירונג אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי נאָך לענינס טויט, צעשפּאלטן די פּארטיי, אָנשטעקן זי מיט אומגלויבן אין דער זאך פון זיג פונם סאָציאַליזם אין פ.ס.ס.ר. אין תוך גענומען האָבן די טראָצקיסטן געפּרואווט שאפן אין פ.ס.ס.ר. א פּאָליטישע אָרגאניזאציע פון דער נײַער בורזשואזיע, אן אנדער פּארטיי — א פּארטיי פון קאפּיטאליסטישער רעסטאווראציע.

די פּארטיי האָט זיך באהעפט אונטער דער לענינישער פּאָן ארום איר לענינישן צ.ק., ארום דעם חבר סטאלין און האָט געבראכט א מפּלה סאי די טראָצקיסטן, סאי אויך זייערע נײַע פרײַנט אין לענינגראד — דער נײַער אָפּאָזיציע פון זינאָוויעוו—קאמעניעוו.

אָנגעזאמלט כחות און מיטלען, האָט די פּארטיי באָלשעוויקעס צוגעפירט דאָס לאנד צו א נײַעם היסטאָרישן עטאפּ — צום עטאפּ פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאציע.

## קאַפּיטל X

# די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אין קאַמף פאַר דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד.

### (די יאָרן 1926—1929).

## 1. די שוועריקייטן אינם פּעריאָד פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע און דער קאַמף קעגן זיי. די אויסבילדונג פונם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן אַנטיפּאַרטייאישן בלאָק. די אַנטיסאָוועטישע אַרויסטרעטונגען פונם בלאָק. די מפּלה פונם בלאָק.

נאָכן פערצנטן צוזאַמענפאָר האָט די פּאַרטיי פאַנאַנדערגעוויקלט אַ קאַמף פאַר דורכפירן אין לעבן די גענעראַלע אײַנשטעלונג פון דער סאָוועטן־מאַכט אויף דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד.

אינם אויפשטעלונגס־פּעריאָד איז די אויפגאַבע באַשטאַנען דערין, מע זאָל, פריִער פאַר אַלץ, אויפלעבן די לאַנדווירטשאַפט, באַקומען פון דער לאַנדווירטשאַפט רויוואַרג, דערנערונג און ברענגען אין באַוועגונג — אויפשטעלן די אינדוסטריע, אויפשטעלן די עקזיסטירנדיקע זאַוואָדן און פאַבריקן.

די סאָוועטן־מאַכט האָט זיך פאַרהעלטניסמעסיק לײַכט ספּראַוועט מיט די דאָזיקע אויפגאַבעס.

דער אויפשטעלונגס־פּעריאָד האָט אָבער געהאַט דרײַ גרויסע חסרונות.

ערשטנס, האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אַלטע זאַוואָדן און פאַבריקן, מיט דער אַלטער, אָפּגעשטאַנענער טעכניק זייערער, וועלכע האָבן געקאָנט גיך אַרויסגיין פון דער ריי. די אויפגאַבע איז באַשטאַנען דערין, מע זאָל זיי אויפסנײַ אויסשטאַטן אויפן יסוד פון דער נײַער טעכניק.

צווייטנס, האָט דער אויפשטעלונגס־פּעריאָד געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ אינדוסטריע, וואָס די באַזע אירע איז געווען אַ צו שמאָלע, ווײַל צווישן די עקזיסטירנדיקע זאַוואָדן און פאַבריקן האָבן אויסגעפעלט צענדליקער און הונדערטער מאַשינבוי־זאַוואָדן, אַבסאָליוט נויטיקע פאַרן לאַנד, וועלכע מיר האָבן דעמאָלט ניט געהאַט און וועלכע מע האָט געדאַרפט אויסבויען, ווײַל

אָן אזוינע זאוואָדן קאָן קיין אינדוסטריע ניט גערעכנט ווערן פאר א ווירקלאכער אינדוסטריע. די אויפגאבע איז באשטאנען דעריין, מע זאָל די דאָזיקע זאוואָדן שאפן און באוואָפענען זיי מיט א מאָדערנער טעכניק.

דריטנס, האָט דער אויפשטעלונגס־פעריאָד געהאט צו טאָן דער עיקר מיט דער לײַכטער אינדוסטריע, וועלכע ער האָט אנטוויקלט און ארויפגעפירט אויף א וועג. די עצם אנטוויקלונג פון דער לײַכטער אינדוסטריע האָט זיך אָבער שפּעטער געגומען אָנשטויסן אָן דער שוואכקײַט פון דער שווערער אינדוסטריע, שוין אָפּגערעדט פון אנדערע באדערפעגישן פונם לאנד, וועלכע האָבן געקאָנט באפרידיקט ווערן בלויז דורך אן אנטוויקלטער שווערער אינדוסטריע. די אויפגאבע איז באשטאנען דעריין, מע זאָל איצט מאכן א גויג אין דער זײַט פון דער שווערער אינדוסטריע.

אָט די אלע נײַע אויפגאבעס האָט געדארפט לייזן די פּאָליטיק פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזאציע.

עס איז נויטיק געווען אויסבויען א ו י ס נ ײַ א גאנצע ריי אינדוסטריע־צווײַגן, וואָס זײַנען ניט געווען אינם צארישן רוסלאנד, — אויסבויען נײַע מאשינבוי־זאוואָדן, ווערקשטעלבוי־זאוואָדן, אויטאָמאָביל־זאוואָדן, כעמישע זאוואָדן, מעטאלורגישע זאוואָדן, אָרגאניזירן אן אייגענע פּראָדוקציע פון מאָטאָרן און אויסשטאטונג פאר עלעקטריע־סטאנציעס, פארגרעסערן דעם ארויסבאקום פון מעטאל און קוילן, ווײַל דאָס האָט געפאָדערט די זאך פון זיג פונם סאָציאליזם אין פ.ס.ס.ר.

עס איז נויטיק געווען צו שאפן א נײַע לאנדשוץ־אינדוסטריע, — אויסבויען נײַע זאוואָדן פון ארטילעריע, פון הארמאטן־קוילן, פון אוויאציע, פון טאנקען, פון קוילנווארפערס, ווײַל דאָס האָבן געפאָדערט די אינטערעסן פון לאנדשוץ פון פ.ס.ס.ר. אין דער אומגעבונג פון דער קאפּיטאליסטישער ארומרינגלונג.

עס איז נויטיק געווען אויסצובויען טראקטאָר־זאוואָדן, זאוואָדן פון מאָדערנע לאנדווירטשאפטלאכע מאשינעס און באזאָרגן מיט זייער פּראָדוקציע די לאנדווירטשאפט, כדי צו געבן די מעגלאכקײַט די מיליאָנען קליינע אינדיווידועלע פויערשע ווירטשאפטן אריבערצוגיין צו דער גרויסער קאָלווירטישער פּראָדוקציע, ווײַל דאָס האָבן געפאָדערט די אינטערעסן פון זיג פונם סאָציאליזם אין דאָרף.

דאָס אלץ האָט געדארפט געבן די פּאָליטיק פון אינדוסטריאליזאציע, ווײַל דעריין איז באשטאנען די סאָציאליסטישע אינדוסטריאליזירונג פונם לאנד.

ס'איז פארשטענדלאך, אז אזא גרויסע קאפּיטאלע בויאונג האָט זיך ניט געקאָנט באגיין אָן מיליארדיקע געלט־אינוועסטירונגען. אויסרעכענען אויף אויסערלאכע הלוואות איז ניט געווען קיין מעגלאכקײַט, ווײַל די קאפּיטאליסטישע לענדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן הלוואות. עס איז אויסגעקומען

צו בויען אויף די אייגענע מיטלען, אָן דער הילף פון אויסן. און דאָס לאַנד אונזערס איז נאָך דעמאָלט געווען ניט רײַך.

דערין איז אצינד באשטאנען איינע פון די הויפּט=שוועריקייטן.

די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פלעגן געוואוינלאַך שאַפן זייער שווערע אינדוסטריע אויפן חשבון פון א צופלוס פון מיטלען פון אויסן: אויפן חשבון פון בארויבן די קאָלאָניעס, אויפן חשבון פון קאָנטריבוציעס פון די באזיגטע פעלקער, אויפן חשבון פון אויסערלאַכע הלוואות. דאָס לאַנד פון די סאָוועטן האָט פּרינציפּיעל ניט געקאָנט אָנקומען צו אזוינע שמוציקע קוואלן פון באַקומען מיטלען פאר דער אינדוסטריאליזאציע, ווי דאָס בארויבן די קאָלאָניאלע אָדער באזיגטע פעלקער. וואָס איז שייך אויסערלאַכע הלוואות, איז פאר פ.ס.ס.ר. דער דאָזיקער קוואַל געווען פארמאַכט, ווײַל די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אים הלוואות. מע האָט גענדארפט געפינען מיטלען אינעווייניק אין לאַנד.

און אין פ.ס.ס.ר. האָבן זיך געפונען אזוינע מיטלען. אין פ.ס.ס.ר. האָבן זיך געפונען אזוינע אָנזאמלונגס=קוואלן, פון וועלכע עס ווייסט ניט קיין איין קאַפּיטאַליסטישע מלוכה. די סאָוועטן=מלוכה האָט באַקומען אין איר רשות אַלע פאבריקן און זאוואָדן, די גאנצע ערד, וואָס די סאָציאַליסטישע אָקטאָבער=רעוואָליוציע האָט אָפּגענומען בײַ די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, דעם טראנספּאָרט, די בענק, דעם אויסערלאַכן און אינערלאַכן האנדל. דער רווח פון די מלוכה'שע פאבריקן און זאוואָדן, פונם טראנספּאָרט, פונם האנדל, פון די בענק איז אצינד געגאנגען ניט אויפן געברויך פון דעם פּאַראַזיטישן קלאַס קאַפּיטאַליסטן, נאָר אויף דער ווײַטערדיקער פארברייטערונג פון דער אינדוסטריע.

די סאָוועטן=מאַכט האָט אַנולירט די צארישע חובות, פאר וועלכע דאָס פאָלק האָט יערלאַך געצאָלט הונדערטער מיליאָנען גאָלד=רובל בלויז פּראָצענטן אַליין. פארניכטעט דאָס פּריץ'ישע אייגנטום אויף ערד, האָט די סאָוועטן=מאַכט באַפרײַט דאָס פּויערטום פון באצאָלן יערלאַך די פּריצים בײַ 500 מיליאָן גאָלד=רובל ארענדע=אָפּצאָל פאר דער ערד. זיך באַפרײַט פון אָט דער גאנצער לאַסט, האָט דאָס פּויערטום געקאָנט העלפן דער מלוכה בויען א נײַע, מעכטיקע אינדוסטריע. די פּויערים זײַנען געווען בלוטיק פאראינטערעסירט צו באַקומען טראַקטאָרן און לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינעס.

אָט די אַלע הכנסה=קוואלן האָבן זיך געפונען אין רשות פון דער סאָוועטן=מלוכה. זיי האָבן געקאָנט געבן הונדערטער מיליאָנען און מיליארדן רובל פאר שאַפן די שווערע אינדוסטריע. מע האָט נאָר גענדארפט באַלעבאַטיש צוגיין צו דער זאַך און אײַנפירן די שטרענגסטע עקאָנאָמיע אין פארוועגדן דאָס געלט, ראציאָנאליזירן די פּראָדוקציע, אראָפּזעצן דעם קרן=קאָסט פון דער פּראָדוקציע, ליקווידירן די אומפּראָדוקטיווע הוצאות א.ד.גל.

און די סאָוועטן=מאַכט האָט טאַקע אזוי געטאָן.

אדאנק דעם רעזשים פון עקאָנאָמיע האָבן זיך מיט יעדן יאָר גענומען אָנזאמלען אלץ מער באדײַטנדיקע מיטלען פאר דער קאפּיטאלער בויאונג. עס איז געוואָרן מעגלאך צוצוטרעטן צו דער בויאונג פון אזוינע גיגאנטישע אונטערנעמונגען, ווי די דניעפּרישע הידראָעלעקטריע-סטאנציע, די טורקעסטאן-סיבירער אײַזנבאן, דעם סטאלינגראדער טראקטאָר-זאוואָד, ווערקשטעלבוי-זאוואָדן, דעם אויטאָמאָביל-זאוואָד „אמאָ“ („זיס“) און א. וו.

אויב אין יאָר 1926—1927 איז אין דער אינדוסטריע ארײַנגעלייגט געוואָרן בײַ 1 מיליארד רובל, האָט אין דרײַ יאָר ארום זיך שוין אײַנגעגעבן ארײַנצולייגן בײַ 5 מיליארד רובל.

די זאך פון דער אינדוסטריאליזאציע האָט זיך באוועגט פאָראויס.

אין דער פארשטארקונג פון דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט פון פ.ס.ס.ר. האָבן די קאפּיטאליסטישע לענדער אײַנגעזען א געפאר פאר דער עקזיסטענץ פון דער קאפּיטאליסטישער סיסטעם. דעריבער האָבן די אימפּעריאליסטישע רעגירונגען אָנגענומען אלע מעגלאכע מיטלען, כדי צו מאכן א נײַעם דרוק אויף פ.ס.ס.ר., ארײַנברענגען א צעמישונג, אראָפּרײַסן אָדער, יעדנפאלס, פארטאָרמאָזירן די זאך פון דער אינדוסטריאליזאציע פון פ.ס.ס.ר.

אין מאי 1927-טן יאָר האָבן די ענגלישע קאָנסערוואטאָרן (די „הארטקעפּיקע“), וואָס זײַנען געזעסן אין דער רעגירונג, אָרגאניזירט א פּראָוואָקאציאָנעלן אָנפאל אויפן „ארקאָס“ (סאָוועטישע געזעלשאפט פאר האנדל מיט ענגלאנד). דעם 26-טן מאי 1927-טן יאָר האָט די ענגלישע קאָנסערוואטיווע רעגירונג דערקלערט, אז ענגלאנד רײַסט איבער די דיפּלאָמאטישע באציאונגען און די האנדלס-באציאונגען מיט פ.ס.ס.ר.

דעם 7-טן יוני 1927-טן יאָר האָט אין ווארשע א רוסישער ווײַסגווארדייער, א פּוילישער אונטערטאן, דערמאָרדעט דעם געזאנדטן פון פ.ס.ס.ר. חבר וואָיקאָוו.

גלײַכצײַטיק האָבן אויף דער טעריטאָריע פון פ.ס.ס.ר. ענגלישע שפּיאָנען און דיווערסאנטן געוואָרפן באָמבעס אינם פּארטיי-קלוב אין לענינגראד. דערבײַ זײַנען פארוואונדעט געוואָרן בײַ 30 מאן, דערונטער עטלאכע מענשן שווער.

זומער 1927-טן יאָר זײַנען כמעט גלײַכצײַטיק פאָרגעקומען אָנפאלן אויף די סאָוועטישע פּאָלמעכטיקע פארטרעטונגען און האנדלס-פארטרעטונגען אין בערלין, פּעקין, שאנכאי, טיאנצזין.

דאָס האָט געשאפן צוגאָב-שוועריקײַטן פאר דער סאָוועטן-מאכט.

פ.ס.ס.ר. האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן דעם דרוק און האָט לײַכט אָפּגעוואָרפן אָן א זײַט די פּראָוואָקאציאָנעלע אָנפאלן פון די אימפּעריאליסטן און פון זייערע אגענטן.

ניט ווייניקער שוועריקײַטן האָבן דער פּארטיי און דער סאָוועטן-מלוכה פארשאפט די טראָצקיסטן און די אנדערע אָפּאָזיציאָנערן מיט זייער אונ-

טעררײַסערישער ארבעט. ניט אומזיסט האָט חבר סטאלין דעמאָלט געזאָגט, אז קעגן דער סאָוועטן=מאכט „ווערט געשאפן עפעס א מין איינהײַטס=פראָנט פון טשעמבערלענען ביז טראָצקין". ניט געקוקט אויף די באשלוסן פונם פערצנטן פארטיי=צוזאמענפאָר און אויף דער לאָיאלקײַט, וואָס די אָפּאָזיציע האָט דערקלערט, האָבן די אָפּאָזיציאָנערן דאָס געווער ניט אוועקגעלייגט. נאָך מער — זיי האָבן נאָך מער פארשטארקט זייער אונטעררײַסערישע, שפאלטערישע ארבעט.

זומער 1926=טן יאָר פאראייניקן זיך די טראָצקיסטן און די זינאָוויעווצעס אין אן אנטיפארטייאישן בלאָק, באהעפטן ארום דעם בלאָק די רעשטלאך פון אלע צעקלאפטע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס און לייגן די יסודות פון זייער אנטילענינישער אונטערערדישער פארטיי, ברעכנדיק דערמיט גופא אויף א גראָבן אופן דעם פארטיי=סטאטוט און די באשלוסן פון די פארטיי=צוזאמענפאָרן, וואָס פארווערן צו בילדן פראקציעס. דער צ.ק. פון דער פארטיי וואָרנט, אז אויב דער דאָזיקער אנטיפארטייאישער בלאָק, וועלכער איז ענלאך צום באוואוסטן מענשעוויסטישן אויגוסט=בלאָק, וועט ניט פאנאנדערגעלאָזט ווערן, קאָן זיך די זאך ענדיקן שלעכט פאר זײַנע אָנהענגער. די אָנהענגער פונם בלאָק האָבן זיך אָבער ניט אײַנגעשטילט.

אין הארבסט פונם זעלבן יאָר, ערב דער פופצנטער פארטיי=קאָנפערענץ, מאכן זיי אן אויספאל — אויף די פארטיי=פארזאמלונגען אין די זאוואָדן פון מאָסקווע, לענינגראד און אנדערע שטעט, פרואוונדיק זיך אָנצובינדן דער פארטיי א נײַע דיסקוסיע. זיי שטעלן דערבײַ אויף דער באהאנדלונג פון די פארטיי=מיטגלידער זייער פלאטפאָרם, וועלכע איז א קאָפּיע פון דער געוואוינלעכער טראָצקיסטיש=מענשעוויסטישער, אנטילענינישער פלאטפאָרם. די מיטגלידער פון דער פארטיי גיבן די אָפּאָזיציאָנערן א הארבן ווידערשטאנד, און ערטערווײַז יאָגן זיי זיי פשוט ארויס פון די פארזאמלונגען. דער צ.ק. וואָרנט ווידער די אָנהענגער פונם בלאָק, אז די פארטיי קאָן מער ניט דולדן זייער אונטעררײַסערישע ארבעט.

מיט די אונטערשריפטן פון טראָצקין, זינאָוויעוון, קאמעניעוון, סאָקאָלניקאָוון טראָגן די אָפּאָזיציאָנערן ארײַן אין צ.ק. א מעלדונג, וואו זיי פאראורטיילן זייער פראקציאָנעלע ארבעט און זאָגן צו אויף ווײַטער צו זײַן לאָיאל. דאָך זעצט פאָר דער בלאָק פאקטיש צו עקזיסטירן, און די אָנהענגער זײַנע הערן ניט אויף צו פירן זייער אונטערערדישע אנטיפארטייאישע ארבעט. זיי זעצן פאָר צונויפצושלאָגן זייער אנטילענינישע פארטיי, אָרדענען אײַן אן אומלעגאלע דרוקערײַ, שטעלן אײַן מיטגלידס=אָפּצאָל צווישן זייערע אָנהענגער, פארשפרייטן זייער פלאטפאָרם.

אין צוזאמענהאנג מיט אָט דער אויפפירונג פון די טראָצקיסטן און זינאָוויעווצעס שטעלן אוועק די פופצנטע פארטיי=קאָנפערענץ (נאָוועמבער 1926=טן יאָר) און דער פארברייטערטער פלענום פונם אויספיר=קאָמיטעט פונם

קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (דעצעמבער 1926-טן יאָר) אויף דער באַהאַנדלונג די פראַגע וועגן דעם טראָצקיסטיש-זינאָוויעווישן בלאָק און אין זייערע באַשלוסן שטעמפּלען זיי די אָנהענגער פונם בלאָק, ווי שפּאַלטער, וועלכע האָבן זיך אין זייער פּלאַטפאָרם אראָפּגעקײַקלט אויף מענשעוויסטישע פּאָזיציעס.

נאָר אויך דאָס האָט ניט אָנגעלערנט די אָנהענגער פונם בלאָק. אין יאָר 1927, אינם מאָמענט, ווען די ענגלישע קאָנסערוואַטאָרן האָבן איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען און די האַנדלס-באַציאונגען מיט פ.ס.ס.ר., האָבן די אָנהענגער פונם בלאָק ווידער פאַרשטאַרקט זייערע אָנפאַלן אויף דער פּאַרטיי. זיי האָבן צונויפגעשטופּעוועט א נײַע אַנטי-לעניניסטישע פּלאַטפאָרם, די אַזוי גערופענע „פּלאַטפאָרם פון די 83” און האָבן זי גענומען פאַרשפּרייטן צווישן די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, פאָדערנדיק פונם צ.ק. א נײַע אַלגעמיין-פּאַרטייאישע דיסקוסיע.

פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע פּלאַטפאָרמען איז די דאָזיקע פּלאַטפאָרם, אפשר, געווען די סאַמע ליגנערישע און צבוע'קישע.

אויפן וואָרט, דאָס הייסט, אין דער פּלאַטפאָרם, האָבן די טראָצקיסטן און זינאָוויעוועצעס ניט דערווידערט קעגן אָפּהיטן די פּאַרטיי-באַשלוסן און האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר לאָיאַלקײַט; פאַקטיש אָבער האָבן זיי אויפן גראָבסטן אופן געבראָכן די פּאַרטיי-באַשלוסן, איזדיעקעווענדיק זיך איבער יעטווידער לאָיאַלקײַט בנוגע דער פּאַרטיי און איר צ.ק.

אויפן וואָרט, דאָס הייסט, אין דער פּלאַטפאָרם, האָבן זיי ניט דערווידערט קעגן דער איינהייט פון דער פּאַרטיי און האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן א שפּאַלטונג; פאַקטיש אָבער האָבן זיי אויפן גראָבסטן אופן געבראָכן די איינהייט פון דער פּאַרטיי, געפירט א שפּאַלטונגס-ליניע און האָבן שוין געהאַט זייער באַזונדערע אומלעגאַלע, אַנטי-לעניניסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַט אַלץ, וואָס איז נויטיק אויף אַריבערצואַוואַקסן אין אַן אַנטיסאָוועטישער, קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

אויפן וואָרט, דאָס הייסט, אין דער פּלאַטפאָרם, האָבן זיי זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער פּאָליטיק פון אינדוסטריאַליזאַציע און האָבן אפילו באַשולדיקט דעם צ.ק., אַז ער פירט די אינדוסטריאַליזאַציע מיט א ניט-גענוג שנעלן טעמפּ; פאַקטיש אָבער האָבן זיי באַגאָסן מיט שמוץ דעם פּאַרטיי-באַשלוס וועגן דעם זיג פונם סאָציאַליזם אין פ.ס.ס.ר., זיך איזדיעקעוועט איבער דער פּאָליטיק פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע, געפאָדערט אָפּצוגעבן די אויסלענדער אין קאָנצעסיע א גאַנצע ריי זאַוואָדן און פאַבריקן, געלייגט זייערע הויפּט-האָפענונגען אויף די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע קאָנצעסיעס אין פ.ס.ס.ר.

אויפן וואָרט, דאָס הייסט, אין דער פּלאַטפאָרם, האָבן זיי זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער קאָלווירטישער באַוועגונג און האָבן אפילו באַשולדיקט דעם

צ.ק., אז ער פירט די קאָלעקטיוויזאציע מיט א ניט־גענוג שנעלן טעמפּ; פּאַקטיש אָבער האָבן זיי זיך איזדיעקעוועט איבער דער פּאָליטיק פון ארײַנציִען די פּויערים אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג, האָבן געפּריידיקט די אומפּארמײַדלאכקײַט פון „אומדערלייזבארע קאָנפליקטן" צווישן דעם ארבעטער־קלאס און פּויערטום און האָבן געלייגט זייערע האָפענונגען אויף די „קולטורעלע ארענדאטאָרן" אין דאָרף, דאָס הייסט, אויף די באָלעגופּישע ווירטשאפטן.

דאָס איז געווען די סאמע ליגנערישע פּלאטפאָרם פון אלע ליגנערישע פּלאטפאָרמען פון דער אָפּאָזיציע.

זי איז געווען אויסגערעכנט אויף אָפּנארן די פּארטיי.

דער צ.ק. האָט אָפּגעזאָגט אין עפענען תיכּף א דיסקוסיע, האָבנדיק דערקלערט די אָפּאָזיציאָנערן, אז א דיסקוסיע קאָן געעפנט ווערן בלויז אין הסכם מיטן פּארטיי־סטאטוט, דאָס הייסט, צוויי חדשים פאַרן פּארטיי־צוזאמענפאָר.

אין אָקטאָבער 1927־טן יאָר, דאָס הייסט, צוויי חדשים פארן פופצנטן צוזאמענפאָר, האָט דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי דערקלערט אן אלגעמיין־פּארטייאישע דיסקוסיע. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן דיסקוטיר־פארזאמלונגען. די רעזולטאטן פון דער דיסקוסיע האָבן זיך ארויסגעוויזן פארן טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק מער ווי קלאָגעדיק. פאר דער פּאָליטיק פונם צ.ק. האָבן געשטימט 724 טויזנט פּארטיי־מיטגלידער. פארן בלאָק פון די טראָצקיסטן און זינאָוויעוועצעס — 4 טויזנט, דאָס הייסט, ווייניקער פון איין פּראָצענט. דער אנטיפּארטייאישער בלאָק איז צעקלאפּט געוואָרן ביזן גרונט. די פּארטיי האָט מיט אן איבערוועלטיקער מערהײַט אירער איינמוטיק אָפּגעוואָרפן די פּלאטפאָרם פונם בלאָק.

אזא איז געווען דער קלאָר־אויסגעדריקטער ווילן פון דער פּארטיי, וואָס צו איר מיינונג האָבן אפּעלירט אליין די אָנהענגער פונם בלאָק.

נאָר אויך די דאָזיקע לעקציע האָט ניט אָנגעלערנט די אָנהענגער פונם בלאָק. אָנשטאָט אונטערצואווארפן זיך דעם ווילן פון דער פּארטיי האָבן זיי באשלאָסן אראָפּצורײַסן דעם ווילן פון דער פּארטיי. נאָך ביז דער ענדע פון דער דיסקוסיע האָבן זיי, זעענדיק די אומפּארמײַדלאכקײַט פון זייער שענדלאכן דורכפאל, באשלאָסן ווענדן זיך צו מער שארפע פאָרמען פון קאמף קעגן דער פּארטיי און סאָוועטן־רעגירונג. זיי האָבן באשלאָסן אײַנצואָרדענען אן אָפענע פּראָטעסט־דעמאָנסטראציע אין מאָסקווע און אין לענינגראד. פארן טאָג פון זייער דעמאָנסטראציע האָבן זיי אויסגעקליבן דעם 7־טן נאָוועמבער, דעם יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע, ווען די ארבעטנדיקע פון פ.ס.ס.ר. אָרדענען אײַן זייער רעוואָליוציאָנערע אלפאָלקס־דעמאָנסטראציע. די טראָצקיסטן און די זינאָוויעוועצעס האָבן, אזויארום, זיך פארמאָסטן אײַנצואָרדענען א פּאראלעלע דעמאָנסטראציע. ווי מע האָט זיך טאָקע געקאָנט ריכטן, האָט זיך די אָנהענגער פונם בלאָק אײַנגעגעבן ארויסצו־

פירן אויף דער גאס בלויז א נעבאכדיק הייפל פון זייערע קנאפּצאָליקע נאָכטענצער; די נאָכטענצער און זייערע אטאמאנען זיינען צעקוועטשט און ארויסגעשליידערט געוואָרן דורך דער אלפאָלקס=דעמאָנסטראציע.

אצינד האָט שוין ניט געקאָנט זיין קיין שום ספק, אז די טראָצקיסטן און זינאָוויעווצעס האָבן זיך אראָפּגעקייקלט אין אנטיסאָוועטישן זומפּ. אויב אין דער אלגעמיין=פּארטייאישער דיסקוסיע האָבן זיי אפּעלירט צו דער פּארטיי קעגן דעם צ.ק., איז דאָ, בעת דער נעבאכדיקער דעמאָנסטראציע זייערער, האָבן זיי זיך געשטעלט אויפן וועג פון אפּעלירן צו די פיינטלאכע קלאסן קעגן דער פּארטיי און דער סאָוועטן=מלוכה. זיך געשטעלט פאר א ציל אונטערצורייסן די באָלשעוויסטישע פּארטיי, האָבן זיי אומפארמיידלאך זיך געמוזט אראָפּקייקלען אויפן וועג פון אונטעררייסן די סאָוועטן=מלוכה. ווייל די פּארטיי באָלשעוויקעס און די מלוכה איז אינם סאָוועטן=לאנד ניט אָפּצוטיילן. דערמיט גופא האָבן די אטאמאנען פונם טראָצקיסטיש=זינאָוויעווישן בלאָק זיך געשטעלט אויסער דער פּארטיי, ווייל ס'איז אוממעגלאך געווען צו דולדן מער אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי מענשן, וואָס האָבן זיך אראָפּגעקייקלט אין אנטיסאָוועטישן זומפּ.

דעם 14=טן נאָוועמבער 1927=טן יאָר האָט די פאראייניקטע פארזאמלונג פון צ.ק. און צ.ק.ק. אויסגעשלאָסן פון דער פּארטיי טראָצקין און זינאָוויעוון.

## 2. די דערפאָלגן פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזאציע. דאָס אָפּשטיין פון דער לאנדווירטשאפט. דער פופצנטער פּארטיי־צוזאמענפאָר. דער קורס אויף דער קאָלעקטיוויזאציע פון דער לאנדווירטשאפט. די צעשמעטערונג פונם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק. פּאָליטישע צוויי׳פּנים׳דיקייט.

שוין צום סוף 1927=טן יאָר זיינען קלאָר געוואָרן די אנטשיידנדיקע דערפאָלגן פון דער פּאָליטיק פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזאציע. די אינדוסטריאליזאציע אין די באדינגונגען פון נעפּ האָט אין א קורצן טערמין באוויזן צו געבן אן ערנסטע באוועגונג פאָראויס. די אינדוסטריע און די לאנדווירטשאפט אינגאנצן גענומען (אייננעשלאָסן די וואלד=ווירטשאפט און דעם פישפאנג) האָבן לויט זייער ברוטאָ=פּראָדוקציע ניט בלויז דערגרייכט דעם פאר'מלחמה=ניוואָ, נאָר אויך איבערגעשטיגן דעם דאָזיקן ניוואָ. דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דער אינדוסטריע אין דער פאָלקסווירטשאפט איז אויסגעוואקסן ביז 42 פּראָצענט, האָבנדיק דערגרייכט דעם אנטשפּרעכנדיקן ניוואָ פון דער פאר'מלחמה=צייט.

שנעל איז געגאנגען דער וואוקס פונם סאָציאליסטישן סעקטאָר פון דער אינדוסטריע אויפן חשבון פונם פּריוואטן סעקטאָר, האָבנדיק זיך אויפגעהויבן

פון 81 פראָצענט אין 1925—1924 יאָר ביז 86 פראָצענט אין 1926—1927
יאָר, אין דער צייט, ווען דאָס ספעציפישע געוויכט פונם פריוואַטן סעקטאָר
איז פארן זעלבן פעריאָד געפאלן פון 19 פראָצענט ביז 14 פראָצענט.

דאָס האָט באַטייט, אַז די אינדוסטריאַליזאַציע אין פ.ס.ס.ר. האָט אַ שאַרף=
אויסגעדריקטן סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, אַז די אינדוסטריע פון פ.ס.ס.ר.
אַנטוויקלט זיך אויפן וועג פון זיג פון דער סאָציאַליסטישער פראָדוציר=סיס=
טעם, אַז אין געביט פון דער אינדוסטריע איז די פראַגע „ווער—וועמען" שוין
פאָראויס געלייזט לטובת דעם סאָציאַליזם.

פונקט אַזוי שנעל איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פונם האַנדל דער פרי=
וואַטניק, וועמענס חלק ס'איז אין געביט פונם איינצל=האַנדל געפאלן פון 42
פראָצענט אין 1925—1924 יאָר ביז 32 פראָצענט אין 1926—1927
יאָר, שוין אָפגערעדט וועגן דעם הורט=האַנדל, וואו דער חלק פונם פריוואַט=
ניק איז פארן זעלבן פעריאָד געפאלן פון 9 פראָצענט ביז 5 פראָצענט.

מיט נאָך אַ מער שנעלן טעמפּ איז געגאַנגען דער וואוקס פון דער סאָ=
ציאַליסטישער ג ר ו י ס=אינדוסטריע, וועלכע האָט אינעם יאָר 1927, דאָס ער=
שטע יאָר נ אָ כ ן אויפשטעלונגס=פעריאָד, געגעבן אין פארגלייך מיטן פאָ=
ריקן יאָר אַ צוואוואוקס פון דער פראָדוקציע אויף 18 פראָצענט. דאָס איז
געווען אַ רעקאָרד=ציפער פון צוואוואוקס, אַ ניט=צוטריטלאַכער פאַר דער
גרויס=אינדוסטריע פון די העכסט=פאָרגעשריטענע לענדער פונם קאַפּיטאַליזם.

אָן אַנדער בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די לאַנדווירטשאַפט, באַזונ=
דערס — די תבואה=ווירטשאַפט. כאָטש די לאַנדווירטשאַפט אינגאַנצן געניי=
מען האָט אַפילו איבערגעשטיגן דעם פאַר'מלחמה=ניוואָ, האָט די ברוטאָ=
פראָדוקציע פון איר הויפט=צווייג — פון דער תבואה=ווירטשאַפט — באַ=
טראָפן בלויז 91 פראָצענט פונם פאַר'מלחמה=ניוואָ, און דער סחורה'דיקער
טייל פון דער תבואה=פראָדוקציע, וואָס ווערט פארקויפט אויף דער זייט צו
באַזאָרגן די שטעט, האָט קוים דערגרייכט ביז 37 פראָצענט פונם פאַר'=
מלחמה=ניוואָ, דערביי האָבן אַלע אָנגאַבן גערעדט וועגן דעם, אַז ס'איז דאָ
אַ געפאַר, די סחורה'דיקע תבואה=פראָדוקציע זאָל פאַלן ווייטער.

דאָס האָט באַטייט, אַז די צעברעקלונג פון די גרויסע סחורה=ווירטשאַפטן
אין דאָרף אויף קליינע ווירטשאַפטן, און פון די קליינע אויף גאָר קליינע,
וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1918=טן יאָר, דויערט נאָך אַלץ ווייטער, אַז
די קליינע און גאָר קליינע פויערים=ווירטשאַפט ווערט אַ האַלב=נאַטורעלע
ווירטשאַפט, וואָס איז פייאיק צו געבן בלויז אַ מינימום סחורה'דיקע תבואה,
אַז די תבואה=ווירטשאַפט פונם פעריאָד פון 1927=טן יאָר, פראָדוצירנדיק ניט
אויף קיין סך ווייניקער תבואה, ווי די תבואה=ווירטשאַפט פון פאַר דער
מלחמה=צייט, קאָן אָבער פארקויפן אויף דער זייט פאַר די שטעט בלויז
עטוואָס מער ווי אַ דריט=חלק פון יענעם סכום תבואה, וואָס עס איז פייאיק
געווען צו פארקויפן די פאַר'מלחמה'דיקע תבואה=ווירטשאַפט.

עס האָט ניט געקאָנט זײַן קיין צווייפל, אז בײַ אזא צושטאַנד פון דער תבואה־ווירטשאפט האָבן די ארמיי און די שטעט פון פ.ס.ס.ר. זיך געמוזט צוזאַמענשטויסן מיטן פאַקט פון אַ כראָנישן הונגער.

דאָס איז געווען אַ קריזיס פון דער תבואה־ווירטשאפט, וואָס נאָך אים האָט געזאָלט קומען אַ קריזיס פון דער פי־צוכט־ווירטשאפט.

כדי ארויסצוגיין פון אזא מין לאגע, איז נויטיק געווען אריבערצוגיין אין דער לאַנדווירטשאפט צו דער גרויסער פּראָדוקציע, וואָס איז פעאיק צו לאָזן אין גאנג טראַקטאָרן און לאַנדווירטשאפטלאַכע מאשינעס און אויפהויבן אין עטלאַכע מאָל די סחורה׳דיקײַט פון דער תבואה־ווירטשאפט. פאַרן לאַנד זײַנען געשטאַנען צוויי מעגלאַכקײַטן: אָדער אריבערגיין צו דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס וואָלט באַטײַט אַ רואי־נירונג פון די פּויערים־מאַסן, אַן אומקום פונם בונד פון דעם ארבעטער־קלאַס און פּויערטום, אַ פאַרשטאַרקונג פון דעם באַלעגופנטום און אַ מפּלה פונם סאָציאַליזם אין דאָרף; אָדער זיך שטעלן אויפן וועג פון פאַראייניקן די קליין־פּויערישע ווירטשאפטן אין גרויסע סאָציאַליסטישע ווירטשאפטן, אין קאָלווירטן, וואָס זײַנען פעאיק אויסצונוצן טראַקטאָרן און אנדערע מאָדערנע מאשינעס פאַר אַ שנעלן אויפשטײַג פון דער תבואה־ווירטשאפט און פון איר סחורה׳דיקער פּראָדוקציע.

פאַרשטענדלאַך, אַז די פּאַרטיי באָלשעוויקעס און די סאָוועטן־מלוכה האָבן זיך געקאָנט שטעלן בלויז אויפן צווייטן וועג, אויפן קאָלווירטישן וועג פון דער אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאפט.

דערבײַ האָט זיך די פּאַרטיי געשטיצט אויף לענינס פאָלגנדיקע אָנווײַזונגען בנוגע דער נויטיקײַט אריבערצוגיין פון די קליין־פּויערישע ווירטשאפטן צו דער גרויסער, ארטעלישער, קאָלעקטיווער ווירטשאפט אין דער ערדארבעט:

א) „מיט דער קליין־ווירטשאפט איז ניט ארויסצוקריכן פון דער נויט“ (לענין, ב. XXIV, ז. 540, רוסיש).

ב) „אויב מיר וועלן זיצן אויפן אַלטן שטייגער אין די קליין־ווירטשאפטן, כאָטש אפילו ווי פרײַע בירגער אויף פרײַער ערד, דראָעט אונז אַלצאייניס אַן אומפארמײַדלאַכער אומקום“ (ב. XX, ז. 417).

ג) „אויב די פּויערישע ווירטשאפט קאָן זיך אנטוויקלען ווײַטער, מוז מען פעסט זיכערן אויך דעם ווײַטערדיקן אריבערגאַנג, און דער ווײַטערדיקער אריבערגאַנג באַשטייט אומפאַרמײַדלאַך דערין, אַז די אַמווייניקסטן לוינבארע און אַממערסטן אָפּגעשטאַנענע, קליינע, אָפּגעזונדערטע פּויערשע ווירטשאפט זאָל, בהדרגה זיך פאַראייניקנדיק, אָרגאַניזירן אַ געזעלשאפטלאַכע, גרויסע ערדארבעטערישע ווירטשאפט“ (ב. XXVI, ז. 299).

ד) „בלויז אין דעם פאַל, ווען עס וועט זיך אײַנגעבן אין דער

פראקטיק צו באווײַזן די פּויערים די פּאָרצוגן פון דער געזעלשאַפטלאַ־כער, קאָלעקטיווער, געמיינשאַפטלאַכער, ארטעלישער ערד־באַארבעטונג, נאָר ווען עס וועט זיך אײַנגעבן צו העלפן דעם פּויער, מיט דער הילף פון דער געמיינשאַפטלאַכער, ארטעלישער ווירטשאַפט, בלויז דעמאָלט וועט דער ארבעטער־קלאַס, וואָס האלט אין זײַנע הענט די מלוכה־מאַכט, ווירקלאַך דערווײַזן דעם פּויער זײַן גערעכטקײַט, ווירק־לאַך צוציען אויף זײַן זײַט פעסט און אויף דער'אמת'ן די מיליאָנ־ניקע פּויערישע מאַסע" (ב. XXIV, ז. 579).

אזא איז געווען די סיטואַציע פארן פופצנטן פּארטיי־צוזאַמענפאָר.

דער פופצנטער פּארטיי־צוזאַמענפאָר האָט זיך געעפנט דעם 2־טן דע־צעמבער 1927־טן יאָר. אויפן צוזאַמענפאָר זײַנען בײַגעווען 898 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט און 771 מיט באַראַטונגס־רעכט, וואָס האָבן פאַר־טראָטן 887.233 מיטגלידער פון דער פּארטיי און 348.957 קאַנדידאַטן.

פארצייכענענדיק אין זײַן באַריכט־פאָרטראָג די דערפאָלגן פון דער אינ־דוסטריאַליזאַציע און דעם שנעלן וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער אינדוס־טריע, האָט חבר סטאַלין אַוועקגעשטעלט פאַר דער פּארטיי די אויפ־גאַבע:

„פארברייטערן און פארפעסטיקן אונזערע סאָציאַליסטישע קאָמאַנ־דע־הויכן אין אלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט סײַ אין שטאָט, סײַ אויך אין דאָרף, האלטנדיק דעם קורס אויף דער ליקווידירונג פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דער פאָלקסווירטשאַפט".

פארגלײַכנדיק די לאַנדווירטשאַפט מיט דער אינדוסטריע און פארצייכע־נענדיק די אָפּגעשטאַנענקײַט פון דער לאַנדווירטשאַפט, באַזונדערס פון דער תבואה־ווירטשאַפט, די אָפּגעשטאַנענקײַט, וואָס דערקלערט זיך מיט דער צע־שטויבטקײַט פון דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס דערלאָזט ניט קיין אָנווענדונג פון דער מאָדערנער טעכניק, — האָט חבר סטאַלין אונטערגעשטראָכן, אז אזא מין ניט־גלענצנדיקער צושטאַנד פון דער לאַנדווירטשאַפט שאַפט א דראָענדיקע לאַגע פאַר דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט.

„וואו זשע איז דער אויסוועג?"—האָט געפרעגט חבר סטאַלין.

„דער אויסוועג איז, — האָט חבר סטאַלין געענטפערט, — אינם אריבערגאַנג פון די קליינע און צעשטויבטע פּויערשע ווירטשאַפטן צו גרויסע און פאַראייניקטע ווירטשאַפטן אויפן יסוד פון דער געזעל־שאַפטלאַכער ערד־באַארבעטונג, אינם אריבערגאַנג צו דער קאָלעקטיווער ערד־באַארבעטונג אויף דער באַזע פון א נײַער, העכערער טעכניק. דער אויסוועג איז דערין, מע זאָל די קליינע און גאָר קליינע פּויערשע ווירטשאַפטן בהדרגה'דיק, נאָר אומאָפּגעווענדלאַך, ניט אין סדר פון דרוק, נאָר אין סדר פון באַווײַז און איבערצײַגונג, פאַראייניקן אין גרויסע ווירטשאַפטן אויפן יסוד פון דער געזעלשאַפטלאַכער, געמיינשאַפטלאַ־

כער, קאָלעקטיווער ערד-באארבעטונג, מיט דער אָנווענדונג פון לאנדווירטשאפטלאכע מאשינעס און טראקטאָרן, מיט דער אָנווענדונג פון וויסנשאפטלאכע מעטאָדן פון אינטענסיפיצירן די ערדארבעט. קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ״.

דער פופצנטער צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען א באשלוס וועגן אלמעגלאך פאנאנדערוויקלען די **קאָלעקטיוויזאציע** פון דער לאנדווירטשאפט. דער צוזאמענפאָר האָט אָנגעמערקט א פלאן פון פארברייטערן און פארפעסטיקן די נײַע קאָלווירטן און סאָווווירטן און האָט געגעבן דײַטלאכע אָנווײַזונגען וועגן די מיטלען פון קאמף פאר דער קאָלעקטיוויזאציע פון דער לאנדווירטשאפט.

צוזאמען דערמיט האָט דער צוזאמענפאָר געגעבן א דירעקטיוו:

„אנטוויקלען ווײַטער דעם אָנגריף אויפן באלעגופנטום און אָננעמען א ריי נײַע מאָס-מיטלען, וואָס באגרענעצן די אנטוויקלונג פונם קאפּיטאליזם אין דאָרף און וואָס פירן די פויערשע ווירטשאפט אין דער ריכטונג צום סאָציאליזם“ (די אל.ק.פ.(ב.) אין רעזאָלוציעס, ט. II, ז. 260, רוסיש).

ענדלאך, ארויסגייענדיק פון דער פארפעסטיקונג פונם פלאן-פרינציפ אין דער פאָלקסווירטשאפט און האָבנדיק אין זינען צו אָרגאניזירן א פלאנמעסיקן אָנגריף פונם סאָציאליזם קעגן די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן איבערן גאנצן פראָנט פון דער פאָלקסווירטשאפט, האָט דער צוזאמענפאָר געגעבן די אנטשפּרעכנדיקע אָרגאנען א דירעקטיוו וועגן צונויפשטעלן דעם **ערשטן פינפיאָריקן פלאן** פון דער פאָלקסווירטשאפט.

געענדיקט מיט די פראגן פון דער סאָציאליסטישער בויאונג, איז דער פופצנטער פארטיי-צוזאמענפאָר אריבער צו דער פראגע וועגן ליקווידירן דעם טראָצקיסטיש-זינאָוויעווישן בלאָק.

דער צוזאמענפאָר האָט אָנערקענט, אז „די אָפּאָזיציע האָט אידייאיש אײַנגעריסן מיטן לעניניזם, איז איבערגעבוירן געוואָרן אין א מענשעוויסטישער גרופּע, האָט זיך געשטעלט אויפן וועג פון קאפּיטוליאציע פאר די כחות פון דער צווישנפעלקערלאכער און אינערלאכער בורזשואזיע און איז פארוואנדלט געוואָרן אָביעקטיוו אין א געווער פון א דריטער קראפט קעגן דעם רעזשים פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור“ (די אל.ק.פ.(ב.) אין רעזאָלוציעס, ט. II, ז. 232, רוסיש).

דער צוזאמענפאָר האָט אײַנגעפונען, אז די מיינונגס-פארשיידנהײַטן צווישן דער פארטיי און דער אָפּאָזיציע זײַנען אריבערגעוואקסן אין פּראָגראמאטישע, אז די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע האָט זיך געשטעלט אויפן וועג פון אנטיסאָוועטישן קאמף. דעריבער האָט דער פופצנטער צוזאמענפאָר דערקלערט, אז די אָנגעהעריקײַט צו דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע און די



523—23

פראָפּאַגאַנדע פון אירע אָנשוויאונגען פאָרן זיך ניט מיטן זײַן אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַוויליקט די באַשטימונג פון דער פאַראייניקטער פאַרזאַמלונג פון צ.ק. און צ.ק.ק. וועגן אויסשליסן פון דער פּאַרטיי טראָצקין און זינאָוויעוון און האָט באַשטימט אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי אַלע אַק־טיווע טוער פונם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק, ווי ראַדעק, פּרעאָבראַ־זשענסקי, ראַקאָווסקי, פּיאַטאַקאָוו, סערעבריאַקאָוו, אי. סמירנאָוו, קאַמעניעוו, סאַרקיס, סאַפאַראָוו, ליפשיץ, מדיוואַני, סמילגאַ, און די גאַנצע גרופּע פון „דעמאָקראַטישן צענטראַליזם" (סאַפּראָנאָוו, וו. סמירנאָוו, באָגוסלאַווסקי, דראָבנים און אַנד.).

צעקלאַפּטע אידייאיש און צעשמעטערטע אָרגאַניזאַציאָנעל, האָבן די אָנ־הענגער פונם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק פאַרלאָרן די לעצטע רעשט־לאַך פון זייער אײַנפלוס אינם פאָלק.

די פון דער פּאַרטיי אויסגעשלאָסענע אַנטי־לעניניסטן האָבן, אין אַ גע־וויסער צײַט אַרום נאָכן פּופצנטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, געגומען דערלאַנגען מעלדונגען, אַז זיי רײַסן איבער מיטן טראָצקיזם און בעטן אומצוקערן זיי אין דער פּאַרטיי. פאַרשטייט זיך, די פּאַרטיי האָט נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט וויסן, אַז טראָצקי, ראַקאָווסקי, ראַדעק, קרעסטינסקי, סאָקאָלניקאָוו און אַנ־דערע זײַנען שוין פון לאַנג שונאים פונם פאָלק, שפּיאָנען, וואָס זײַנען פאַר־ווערבירט געוואָרן דורך דער אויסלענדישער אויסשפּירונג, אַז קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, פּיאַטאַקאָוו און אַנדערע שטעלן שוין אײַן פאַרבינדונגען מיט די שונאים פון פ.ס.ס.ר. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צוליב „מיטאַרבעט" מיט זיי קעגן דעם סאָוועטישן פאָלק. זי איז אָבער געווען גענוג אָנגעלערנט דורך דער דערפאַרונג, אַז פון אָט די מענטשן, וואָס זײַנען ניט איין מאָל אין די העכסטע פאַראַנטוואָרטלאַכע מאָמענטן אַרויסגעטראָטן קעגן לענינען און קעגן דער לענינישער פּאַרטיי, קאָן מען דערוואַרטן אַלערליי נידערטרעכטיקײַטן. דע־ריבער האָט זיך די פּאַרטיי באַצויגן צו די מעלדונגען פון די אויסגעשלאָסענע אומצוטרוילאַך. צוליב דער ערשטער דורכקאָנטראָלירונג, ווי ווײַט אויפריכטיק עס זײַנען די, וואָס האָבן דערלאַנגט די מעלדונגען, האָט זי ווי אַ באַדינג פאַרן צוריק אויפנעמען אין דער פּאַרטיי געשטעלט פּאָלגנדיקע פאָדערונגען:

א) עפנטלאַך פאַראורטיילן דעם טראָצקיזם, אַלס אַנטיבאָלשעוויסטישע און אַנטיסאָוועטישע אידעאָלאָגיע;

ב) עפנטלאַך אָנערקענען די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, אַלס די איינציק־ריכטיקע;

ג) אומבאַדינגט זיך אונטערוואַרפן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי און פון אירע אָרגאַנען;

ד) דורכגיין אַ אויספּרואוו־טערמין, אין פאַרלויף פון וועלכן די פּאַרטיי קאָנטראָלירט דורך די, וואָס האָבן די מעלדונגען דערלאַנגט, און נאָך דעם

דאָזיקן טערמין שטעלט די פּאַרטיי, אָפּהענגיק פון די רעזולטאַטן פון דער דורכקאָנטראָלירונג, די פראַגע וועגן אויפנעמען צוריק אין דער פּאַרטיי יעדן אויסגעשלאָסענעם באַזונדער.

די פּאַרטיי האָט דערבײַ אויסגערעכנט דערויף, אַז אין עפנטלאַכע אָנער־קענונג פון די דאָזיקע פּונקטן מצד די אויסגעשלאָסענע דאַרף בײַ אַלערליי באַדינגונגען האָבן אַ פּאָזיטיווע באַדײַטונג פאַר דער פּאַרטיי, ווײַל זי וועט צעקלאַפּן די אייגהײַט פון די טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישע רייען, וועט אַרײַנ־ברענגען אין זייער סביבה אַ צעלייגונג, וועט נאָכאַמאָל דורכדעמאָנסטרירן די געדעכטקײַט און די מעכטיקײַט פון דער פּאַרטיי און וועט געבן דער פּאַרטיי אַ מעגלאַכקײַט, אין פאַל, אויב די אויטאָרן פון די מעלדונגען זײַנען אויפריכטיק, — אומצוקערן דער פּאַרטיי די געוועזענע טוער אירע; אין פאַל אָבער, אויב זיי זײַנען ניט אויפריכטיק, — דעמאַסקירן זיי פאַר אַלע־מען אין די אויגן שוין ניט ווי מענשן, וואָס גרײַזן, נאָר ווי אידייענלאָזע קאַריערימטן, אָפּנאַרער פונם אַרבעטער־קלאַס און פאַרפאַלענע צוויי־פּנים־דיקע.

די מערהײַט אויסגעשלאָסענע האָט אָנגענומען די באַדינגונגען פון אויפ־גענומען צו ווערן אין דער פּאַרטיי, וואָס די פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט, און האָט פאַרעפנטלאַכט אין דער פּרעסע די אַנטשפּרעכנדיקע מעלדונגען.

שאַנעוועדיק זיי און ניט וועלנדיק אָפּזאָגן זיי אין דער מעגלאַכקײַט צו ווערן ווידער מענשן פון דער פּאַרטיי און פונם אַרבעטער־קלאַס, האָט זיי די פּאַרטיי אויפגעשטעלט אין די רעכט פון פּאַרטיי־מיטגלידער.

מיט דער צײַט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די מעלדונגען פון די „אַקטיווע טוער" פונם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק זײַנען, מיט קליינע אויסנאַמען, — געווען דורכאויס ליגנערישע, צוויי־פּנים־דיקע מעלדונגען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע הערן האָבן, נאָך איידער זיי האָבן אָנגעגעבן זייערע מעלדונגען, אויפגעהערט צו זײַן אַ פּאָליטישע שטרע־מונג, וואָס איז גרייט צו פאַרטיידיקן פאַרן פאָלק אירע אָנשויאונגען, און זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אידייענלאָזער קאַריעריסטישער קליקע, וואָס איז גרייט צעטרעטן די רעשטלאַך פון זײַערע אָנשויאונגען פאַר אַלע־מען אין די אויגן, וואָס איז גרייט צו רימען די פאַר איר פרעמדע פּאַרטיי־אָנשויאונגען פאַר אַלעמען אין די אויגן, וואָס איז גרייט אָנצונעמען יעטווידע באַפאַרבונג, — אַזוי ווי כאַמעלעאָנען, — אַבי אײַנצוהאַלטן זיך אין דער פּאַרטיי, אינם אַרבעטער־קלאַס, כדי צו האָבן די מעגלאַכקײַט פּאַסקודיען אי דעם אַרבעטער־קלאַס, אי זײַן פּאַרטיי.

די טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישע „אַקטיווע טוער" האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פּאָליטישע שווינדלער, פּאָליטישע צוויי־פּנים־דיקע.

פּאָליטישע צוויי־פּנים־דיקע הויבן געוויינלאַך אָן פון אָפּנאַרערײַ און זיי טוען זייער פינסטערע אַרבעט דורך אָפּנאַרן דאָס פאָלק, דעם אַרבעטער־קלאַס,

די פּאַרטיי פֿונעם אַרבעטער=קלאַס. נאָר פּאָליטישע צוויי'פּנים'דיקע קאָן מען ניט האַלטן בלויז פֿאַר אָפּנאַרער. פּאָליטישע צוויי'פּנים'דיקע שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אידייענלאָזע קליקע פּאָליטישע קאַריעריסטן, וואָס האָט לאַנג שוין פֿאַרלאָרן דעם צוטרוי פֿונעם פֿאָלק און וואָס באַמיט זיך ווידער אַרײַנצוקריכן אין צוטרוי דורך אָפּנאַרערײַ, דורך כאַמעלעאָנישקײַט, דורך שווינדלערײַ, — אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿנים דאָס זאָל ניט זײַן, — אַבי אײַנצוהאַלטן פֿאַר זיך דעם נאָמען פּאָליטישע טוער. פּאָליטישע צוויי'פּנים'דיקע שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ פּרינציפּלאָזע קליקע פּאָליטישע קאַריעריסטן, וואָס זײַנען גרייט אָנצושפּאַרן זיך אויף ווער עס זאָל ניט זײַן, אַפֿילו אויף קרימינעלע עלעמענטן, אַפֿילו אויף די אויסוואָרפֿן פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַפֿילו אויף פֿאַרביסענע שונאים פֿונעם פֿאָלק, — כּדי אינעם „פּאַסיקן מאָמענט“ אַרויסצוקריכן ווידער אויף דער פּאָליטישער סצענע און זיך אַרויפֿזעצן דעם פֿאָלק אויפֿן קאַרק אַלס זײַנע „רעגירער“.

טאַקע פֿאַר אַזוינע פּאָליטישע צוויי'פּנים'דיקע האָבן זיך אַרויסגעוויזן די טראָצקיסטיש=זינאָוויעווישע „אַקטיווע טוער“.

## 3. דער אָנגריף קעגן דעם באַלעגופֿנטום. די בוכאַריניש־ריקאָווישע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּע. דאָס אָננעמען דעם ערשטן פֿינפֿיאָר־פּלאַן. דער סאָציאַליסטישער געווינס. דער אָנהייב פֿון דער מאַסאָווער קאָלווירטישער באַוועגונג.

די אַגיטאַציע פֿונעם טראָצקיסטיש=זינאָוויעווישן בלאָק קעגן דער פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי, קעגן דער בויאונג פֿונעם סאָציאַליזם, קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע, פּונקט ווי די אַגיטאַציע פֿון די בוכאַרינצעס וועגן דעם, אַז מיט די קאָלווירטן וועט זיך גאָרניט באַקומען, אַז מע דאַרף ניט טשעפּען די באַלעגופֿים, ווײַל זיי וועלן אַליין „אַרײַנוואַקסן“ אין סאָציאַליזם, אַז די באַרײַכערונג פֿון דער בורזשואַזיע שטעלט ניט פֿאָר קיין געפֿאַר פֿאַרן סאָציאַליזם, — אָט די גאַנצע אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג צווישן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פֿונעם לאַנד און, פֿריִער פֿאַר אַלץ, צווישן דעם באַלעגופֿנטום. די באַלעגופֿים האָבן אַצינד לויט די אָפּקלאַנגען אין דער פּרעסע געוואוסט, אַז זיי זײַנען ניט איינזאַם, אַז זיי האָבן פּאַרטייִדיקער און שתּדלנים אין פּערזאָן פֿון טראָצקין, זינאָוויעוון, קאַמעניעוון, בוכאַרינען, ריקאָוון און אַנדערע. פֿאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט ניט געקאָנט ניט אויפֿהייבן די ווידערשטאַנד=מוט פֿונעם באַלעגופֿנטום קעגן דער פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטן=רעגירונג. און ווירקלעך, די באַלעגופֿים האָבן זיך גענומען קעגנשטעלן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די באַלעגופֿים האָבן גענומען מאַסנווײַז זיך אָפּזאָגן צו פֿאַרקויפֿן דער סאָוועטן=מלוכה די תּבואה=מותּרות, וואָס האָבן זיך בײַ זיי אָנגעזאַמלט ניט ווייניק. זיי האָבן

גענומען דורכפירן א טעראָר קעגן די קאָלווירטניקעס, קעגן די פּאַרטייאיש־סאָוועטישע טוער אין דאָרף, האָבן גענומען אונטערצינדן קאָלווירטן, תבואה־שיטפּונקטן פון דער מלוכה.

די פּאַרטיי האָט פאַרשטאַנען, אַז כּל זמן עס וועט ניט אײַנגעבראָכן ווערן דער ווידערשטאַנד פונעם באַלעגופנטום, כּל זמן דאָס באַלעגופנטום וועט ניט צעקלאַפּט ווערן אין אָפענעם קאַמף פאַר די אויגן פונעם פּויערטום, וועלן דער ארבעטער־קלאַס און די רויטע אַרמיי לײַדן פון מאַנגל אין ברויט, און די קאָלווירטישע באַוועגונג פון די פּויערים קאָן ניט אָננעמען קיין מאַסן־באַראַקטער.

פאָלגנדיק די דירעקטיוון פונם פופצנטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, איז די פּאַרטיי אַריבער אין אַנטשיידענעם אָנגריף קעגן דעם באַלעגופנטום. אין איר אָנגריף האָט די פּאַרטיי פאַרווירקלאַכט דעם לאָזונג: אָנשפאַרנדיק זיך פעסט אויף דער אָרעמשאַפט און פאַרפעסטיקנדיק דעם בונד מיטן מיטלפּויער, גע־מען פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם באַלעגופנטום. אַלס ענטפער אויפן אָפּזאָג פונם באַלעגופנטום צו פאַרקויפן די תבואה־מותרות דער מלוכה לויט פעסטע פּרײַזן האָבן די פּאַרטיי און די רעגירונג דורכגעפירט א רײ אויסעראָרדנטלאַכע מאָס־מיטלען קעגן דעם באַלעגופנטום, האָבן אָנגעווענדט דעם אַרטיקל 107 פונם קרימינעלן קאָדעקס וועגן קאָנפיסקירן דורכן גערײכט די תבואה־מותרות בײַ די באַלעגופים און ספּעקוליאַנטן, אין פאַל, ווען זיי זאָגן זיך אָפּ צו פאַרקויפן די דאָזיקע מותרות דער מלוכה לויט פעסטע פּרײַזן, און האָבן געגעבן דער אָרעמשאַפט א רײ לײַכטערונגען[?]

די אויסעראָרדנטלאַכע מאָס־מיטלען האָבן געהאַט זייער ווירקונג: די אָרעמשאַפט און די מיטלפּויערים האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם באַלעגופנטום; דאָס באַלעגופנטום איז איזאָלירט געוואָרן; דער ווידערשטאַנד פונם באַלעגופנטום און פון די ספּעקוליאַנטן איז אײַנגע־בראָכן געוואָרן. צום סוף 1928־טן יאָר האָט שוין די סאָוועטן־מלוכה גע־האַט אין איר רשות גענוגנדיקע רעזערוון תבואה, און די קאָלווירטישע באַ־וועגונג איז אַוועק פאָראויס מיט א מער זיכערן טראָט.

אינם זעלבן יאָר איז אויפגעדעקט געוואָרן א גרויסע שעדיקערישע אָר־גאַניזאַציע פון בורזשואַזע ספּעציאַליסטן אינם שאַכטער ראַיאָן פון דאָנבאַס. די שאַכטער שעדיקער זײַנען געווען ענג פאַרבונדן מיט די געוועזענע אייגנ־טימער פון די אונטערנעמונגען — רוסישע און אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, מיט דער אויסלענדישער מיליטערישער אויסשפּירונג. זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר א ציל אָראָפּצורײַסן דעם וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און פאַרלײַכטערן די אויפשטעלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין פ.ס.ס.ר. די שעדי־קער האָבן ניט ריכטיק געפירט די פאַנאַנדעראַרבעטונג פון די שאַכטעס,

כדי צו פארקלענערן דעם קוילן=ארויסבאקום. זיי האָבן קאליע געמאכט מאַשינעס, די ווענטיליאציע, איינגעאָרדנט אָפּוואלגערונגען, אויפרייסן און אונטערצינדרונגען פון שאכטעס, זאוואָדן, עלעקטריע=סטאנציעס. די שעדיקער האָבן באוואוסטזיניק טאָרמאָזירט די פארבעסערונג פון דער מאטעריעלער לאגע פון די ארבעטער, געבראָכן די סאָוועטישע געזעצן וועגן ארבעטס=שוץ.

די שעדיקער זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו פאראנטוואָרטלאכקייט. זיי האָבן באקומען פונם געריכט די געהעריקע שטראָף.

דער צענטראל=קאָמיטעט פון דער פארטיי האָט פאָרגעלייגט אלע פארטיי=אָרגאניזאציעס זיך אָפּצולערנען פונם שאכטער ענין. חבר סטאלין האָט אָנגעוויזן, אז די באָלשעוויקעס—ווירטשאפטלער דארפן אליין ווערן קענער פון דער פּראָדוציר=טעכניק, כדי די שעדיקער פון צווישן די אלטע בורזשואזע ספּעציאליסטן זאָלן זיי אויף ווייטער ניט קאָנען אָפּנארן, אז מע דארף פארשנעלערן די צוגרייטונג פון נייע טעכנישע קאדרען פון צווישן די מענשן פונם ארבעטער=קלאס.

לויט א באשלוס פונם צ.ק. איז פארבעסערט געוואָרן דאָס וועזן פון צוגרייטן יונגע ספּעציאליסטן אין די העכערע טעכנישע לערן=אנשטאלטן. עס זיינען מאָביליזירט געוואָרן צום לערנען זיך טויזנטער פארטייער, קאָמיוגיסטן און איבערגעגעבענע דער זאך פונם ארבעטער=קלאס אומפּארטייאישע.

ביז די פארטיי איז אריבער אין אָנגריף אויפן באלעגופנטום, כל זמן די פארטיי איז געווען באשעפטיקט מיט ליקווידירן דעם טראָצקיסטיש=זינאָוויעווישן בלאָק, האָט זיך די בוכאריניש=ריקאָווישע גרופּע אויפגעפירט מער אָדער ווייניקער שטיל, איז פארבליבן אין רעזערוו פון די אנטיפּארטייאישע קרעפטן, האָט זיך ניט אנטשלאָסן אָפן צו שטיצן די טראָצקיסטן און איז אפילו טיילמאָל ארויסגעטראָטן צוזאמען מיט דער פארטיי קעגן די טראָצקיסטן. ווען די פארטיי איז אריבער אין אָנגריף קעגן דעם באלעגופנטום, ווען מע האָט גענומען אָנווענדן אויסעראָרדנטלאכע מאָס=מיטלען קעגן דעם באלעגופנטום, האָט די בוכאריניש=ריקאָווישע גרופּע אראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאסקע און גענומען ארויסטרעטן אָפן קעגן דער פּאָליטיק פון דער פארטיי. די באלעגופישע נשמה פון דער בוכאריניש=ריקאָווישער גרופּע האָט ניט אויסגעהאלטן, און די אָנהענגער פון דער דאָזיקער גרופּע האָבן שוין גענומען אָפן ארויסטרעטן צו פארטיידיקן דאָס באלעגופנטום. זיי האָבן געפאָדערט אָפּצושאפן די אויסעראָרדנטלאכע מאָס=מיטלען, שרעקנדיק די פּראָסטאקעס, אז אין קעגנפאל קאָן זיך אָנהויבן א „דעגראדאציע" (אן אראָפּשטייג, א ירידה, א צעפאלונג) פון דער לאנדווירטשאפט, באהויפּטנדיק, אז די דעגראדאציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן. ניט באמערקנדיק דעם וואוקס פון די קאָלווירטן און סאָווווירטן, פון אָט די העכסטע פאָרמען פון דער לאנדווירטשאפט, און זעענדיק די ירידה פון דער באלעגופישער ווירטשאפט, האָבן זיי די דעגראדאציע פון דער באלעגופישער ווירטשאפט אָנגעגעבן פאר א דעגרא=

דאציע פון דער לאנדווירטשאפט. כדי אונטערצופעסטיקן זיך טעאָרעטיש, האָבן זיי צונויפגעשטוקעוועט א לעבערלאכע „טעאָריע פון אויסלעשונג פונם קלאסנקאמף“, באהויפטנדיק אויפן גרונט פון דער דאָזיקער טעאָריע, אז וואָס מער דערפאָלגן דער סאָציאליזם וועט האָבן אין זײַן קאמף קעגן די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן, אלץ מער וועט געלינדערט ווערן דער קלאסנקאמף, אז דער קלאסנקאמף וועט אינגיכן אינגאנצן אויסגעלאָשן ווערן, און דער קלאסן־שונא וועט אָפּגעבן אלע זײַנע פּאָזיציעס אָן ווידערשטאנד, אז מחמת דעם איז ניטאָ וואָס פאָרצונעמען קיין אָנגריף אויפן באלעגופנטום. דערמיט גופא האָבן זיי ווידער־אויפגעשטעלט זייער אויסגעדראָשענע בורזשואזע טעאָריע וועגן דער פרידלאכער ארײַנוואקסונג פונם באלעגופנטום אין סאָציאליזם און האָבן געטראָטן מיט די פיס די באוואוסטע הנחה פונם לעניניזם, לויט וועלכער דער ווידערשטאנד פונם קלאסן־שונא וועט אָננעמען אלץ מער שארפע פאָרמען, וואָס מער ער וועט פארלירן דעם באָדן אונטער די פיס, וואָס מער דערפאָלגן עס וועט האָבן דער סאָציאליזם, אז דער קלאסנקאמף קאָן „אויסגעלאָשן ווערן“ ערשט נאָך דער פארניכטונג פונם קלאסן־שונא.

ס'איז ניט שווער געווען צו פארשטיין, אז אין דער פערזאָן פון דער בוכאריניש־ריקאָווישער גרופּע האָט די פארטיי פאר זיך א רעכט־אָפּאָרטוניסטישע גרופּע, וואָס האָט זיך פון דעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק אונטערגעשיידט בלויז לויט דער פאָרם, בלויז דערמיט, וואָס די טראָצקיסטן און זינאָוויעווצעס האָבן געהאט א וועלכע־ס'ניט־איז מעגלאכקײַט צו מאסקירן זייער קאפּיטוליאנטישן תוך מיט לינקע, מיט שרײַענדיק־רעוואָליוציאָנערע פראזן וועגן „פּערמאנענטער רעוואָליוציע“, בעת די בוכאריניש־ריקאָווישע גרופּע, וועלכע איז ארויסגעטראָטן קעגן דער פארטיי אין צוזאמענהאנג מיטן אריבערגאנג פון דער פארטיי אין אָנגריף אויפן באלעגופנטום, האָט שוין ניט געהאט קיין מעגלאכקײַט צו מאסקירן איר קאפּיטוליאנטיש פּנים און איז געצוואונגען געווען צו פארטיידיקן די רעאקציאָנערע כחות פון אונזער לאנד און, פריִער פאר אלץ, דאָס באלעגופנטום — אָפן, אָן באפּוצעכצן, אָן א מאסקע.

די פארטיי האָט פארשטאנען, אז די בוכאריניש־ריקאָווישע גרופּע דארף פריִער אָדער שפּעטער אויסשטרעקן א האנט די רעשטלאך פונם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק צוליב געמיינזאמען קאמף קעגן דער פארטיי.

גלײַכצײַטיק מיט אירע פּאָליטישע ארויסטרעטונגען האָט די גרופּע פון בוכארין—ריקאָוו געפירט אן אָרגאניזאציאָנעלע „ארבעט“ פון צונויפקלײַבן אירע אָנהענגער. דורך בוכארינען האָט זי צונויפגעשלאָגן די בורזשואזע יוגנט, ווי א מין סלעפּקאָוו, מארעצקי, אייכענוואלד, גאָלדענבערג און אנדערע, דורך טאָמסקין — דאָס פארביוראָקראטעוועטע פּראָפפאראיינישע אויבערקעפּל (מעלניטשאנסקי, דאָגאדאָוו און אנד.), דורך ריקאָוון — דאָס דעמאָראליזירטע סאָוועטישע אויבערקעפּל (א. סמירנאָוו, אייסמאָנט, וו. שמידט און אנד.).

אין דער גרופע זיינען געווען געגאנגען מענשן, וואָס זיינען פּאָליטיש דעמאָ־ראליזירט געוואָרן און וואָס האָבן ניט אויסבאהאלטן זייערע קאפיטוליאנטי־שע שטימונגען.

צו דער דאָזיקער צייט האָט בוכארין—ריקאָווס גרופּע באקומען די שטיצע פונם אויבערקעפל פון דער מאָסקווער פּארטיי־אָרגאניזאציע (אוגלא־נאָוו, קאָטאָוו, אוכאנאָוו, ריוטין, יאגאָדא, פּאָלאָנסקי און אנד.). דערביי איז א טייל רעכטע געבליבן פארמאסקירט, ניט ארויסטרעטנדיק אָפן קעגן דער פּארטיי־ליניע. אויף די שפּאלטן פון דער מאָסקווער פּארטיי־פּרעסע און אויף פּארטיי־פארזאמלונגען האָט מען געפּריידיקט, אז עס איז נויטיק געבן הנחות דעם באלעגופנטום, אז עס איז ניט צוועקמעסיק צו באשטייערן דאָס באלע־גופנטום, אז די אינדוסטריאליזאציע איז באלעסטיקנדיק פארן פאָלק, אז עס איז פריצייטיק צו בויען די שווערע אינדוסטריע. אוגלאנאָוו איז ארויסגע־טראָטן קעגן דער בויאונג פון דניעפּערבוי מיט א פאָדערונג אריבערצופירן די מיטלען פון דער שווערער אינדוסטריע אין דער לייכטער. אוגלאנאָוו און אנדערע רעכטע קאפּיטוליאנטן האָבן פארזיכערט, אז מאָסקווע איז געווען און וועט בלייבן א ציצענע מאָסקווע, אז מע דארף אין איר ניט בויען קיין מא־שינבוי־זאוואָדן.

די מאָסקווער פּארטיי־אָרגאניזאציע האָט דעמאסקירט אוגלאנאָוון און זיי־נע אָנהענגער, האָט זיי געגעבן א לעצטע וואָרענונג און האָט זיך נאָך מער באהעפט ארום דעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי. חבר סטאלין האָט אויפן פּלענום פון מאָסקווער קאָמיטעט פון דער אל.ק.פּ.(ב.) אין יאָר 1928 אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו פירן א קאמף אויף צוויי פראָנטן, קאָנ־צענטרירנדיק דאָס פייער קעגן דעם רעכטן אָפּנויג. די רעכטע, האָט געזאָגט חבר סטאלין, שטעלן פאָר אן אגענטור פון דעם באלעגוף אין דער פּארטיי.

„דער זיג פונם רעכטן אָפּנויג אין אונזער פּארטיי וואָלט פאנאנ־דערגעבונדן די כחות פונם קאפּיטאליזם, וואָלט אונטערגעריסן די רע־וואָליוציאָנערע פּאָזיציעס פונם פּראָלעטאריאט און וואָלט געהעכערט די שאנסן אויף דער ווידער־אויפשטעלונג פונם קאפּיטאליזם אין אונ־זער לאנד", — האָט געזאָגט חבר סטאלין (פראגן פון לעניניזם, ז. 234, רוסיש).

אין אָנהויב 1929־טן יאָר ווערט קלאָר, אז בוכארין האָט לויט דער באַ־פולמעכטיקונג פון דער גרופּע רעכטע קאפּיטוליאנטן זיך פארבונדן דורך קא־מעניעוון מיט די טראָצקיסטן און ארבעט אויס א פארשטענדיקונג מיט זיי צוליב געמיינזאמען קאמף קעגן דער פּארטיי. דער צ.ק. דעמאסקירט אָט די פארברעכערישע טעטיקייט פון די רעכטע קאפּיטוליאנטן און וואָרנט, אז די דאָזיקע זאך קאָן זיך ענדיקן קלאָגעדיק פאר בוכארינען, ריקאָוון, טאָמסקין און אנדערע. די רעכטע קאפּיטוליאנטן ווערן אָבער ניט איינגעשטילט. זיי טרעטן ארויס אין צ.ק. מיט א נייער אנטיפּארטייאישער פּלאטפאָרם — א

דעקלאראציע, וועלכע דער צ.ק. פאראורטיילט. דער צ.ק. וואָרנט זיי ווידער, דערמאָנענדיק זיי וועגן דעם גורל פונם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן בלאָק. ניט געקוקט דערויף, זעצט בוכארין—ריקאָווס גרופע פאָר איר אנטיפאר־טייאישע טעטיקייט. ריקאָוו, טאָמסקי און בוכארין דערלאנגען אין צ.ק. א מעלדונג וועגן דעמיסיע, מיינענדיק דערמיט אָנצושרעקן די פארטיי. דער צ.ק. פאראורטיילט אָט די סאבאָטאזש־פּאָליטיק פון דעמיסיעס. לסוף, האָט דער נאָוועמבער־פּלענום פונם צ.ק. פון 1929־טן יאָר אָנערקענט די פּראָפּאגאנדע פון די אָנשויאונגען פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטן אלס אזוינע, וואָס פּאָרן זיך ניט מיטן זיין אין דער פארטיי, און האָט פאָרגעלייגט ארויסצופירן פונם באשטאנד פון דער פּאָליטביוראָ פון צ.ק. בוכארינען, ווי דעם איניציאַטאָר און אָנפירער פון די רעכטע קאפּיטוליאנטן, און ריקאָוון, טאָמסקין און די אנדערע אָנטיילנעמער פון דער רעכטער אָפּאָזיציע איז געמאכט געוואָרן אן ערנסטע וואָרענונג.

זעענדיק, אז דער ענין נעמט אָן א קלאָגעדיקע ווענדונג, דערלאנגען די אטאמאנען פון די רעכטע קאפּיטוליאנטן א מעלדונג וועגן דער אָנערקענונג פון זייערע פעלערן און פון דער ריכטיקייט פון דער פּאָליטישער ליניע פון דער פארטיי.

די רעכטע קאפּיטוליאנטן האָבן באשלאָסן צייטווייליק צוריקטרעטן, כדי איינצוהיטן זייערע קאדרען פון א צעשמעטערונג.

דערויף פארענדיקט זיך דער ערשטער עטאפּ פונם קאמף פון דער פאר־טיי קעגן די רעכטע קאפּיטוליאנטן.

די נייע מיינונגס־פארשיידנהייטן אין דער פארטיי פארבלייבן ניט אומבא־מערקט פאר די אויסערלאנדישע שונאים פון פ.ס.ס.ר. מיינענדיק, אז די „נייע רייסערייען" אין דער פארטיי זיינען א סימן פון אָפּשוואכונג פון דער פאר־טיי, מאכן זיי א נייעם פּרואוו ארייננצוציען פ.ס.ס.ר. אין א מלחמה און אונ־טערצורייסן די נאָך ניט פעסטגעוואָרענע זאך פון דער אינדוסטריאַליזירונג פונם לאנד. זומער 1929־טן יאָר אָרגאניזירן די אימפּעריאַליסטן א קאָנפליקט פון כינע מיט פ.ס.ס.ר., — דאָס פארכאַפּן די כינעזישע מזרח־אייזנבאן (וואָס האָט געהערט צו פ.ס.ס.ר.) דורך די כינעזישע מיליטאריסטן און אן אָנפאל פונם ווייסכינעזישן מיליטער אויף די ווייט־מזרח'דיקע גרענעצן פון אונזער היימלאנד. דער אָנפאלי פון די כינעזישע מיליטאריסטן איז אָבער ליקווידירט געוואָרן אין א קורצן טערמין; די מיליטאריסטן זיינען צוריקגעטראָטן, צע־קלאפּטע פון דער רויטער ארמיי, און דער קאָנפליקט האָט זיך געענדיקט מיט א שלום־פארשטענדיקונג מיט דער מאנדזשורישער מאכט.

די שלום־פּאָליטיק פון פ.ס.ס.ר. האָט באַכאמאָל טריאומפירט, ניט געקוקט אויף קיין שום זאך, ניט געקוקט אויף די אינטריגעס פון די אויסערלאנדישע שונאים און אויף די „רייסערייען" אינעווייניק אין דער פארטיי.

איינניכן זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן די דיפּלאָמאטישע באציאונגען און

האנדלס־באציאונגען פון פ.ס.ס.ר. מיט ענגלאנד, וועלכע די ענגלישע קאָנסער־וואטאָרן האָבן אין זייער צייט איבערגעריסן.

אָפּשלאָגנדיק מיט דערפאָלג די אטאקעס פון די אויסערלאכע און אינער־לאכע שונאים, האָט די פארטיי גלייכצייטיק געפירט א גרויסע ארבעט פון פאנאנדערוויקלען די בויאונג פון דער שווערער אינדוסטריע, פון אָרגאניזירן דעם סאָציאליסטישן געוועט, פון בויען די סאָווכאָזן און קאָלווירטן, ענד־לאך, — פון צוגרייטן די באדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק אויף אָנצונעמען און פארווירקלאכן דעם ערשטן פינפיאָריקן פלאן פון דער פאָלקסווירט־שאפט.

אין אפריל 1929־טן יאָר איז זיך צונויפגעקומען די זעכצנטע פארטיי־קאָנפערענץ. די הויפט־פראגע פון דער קאָנפערענץ איז געווען דער ערשטער פינפיאָר־פלאן. די קאָנפערענץ האָט אָפּגעוואָרפן דעם „מינימאלן" ווואריאנט פונם פינפיאָר־פלאן, וועלכן עס האָבן פארטיידיקט די רעכטע קאפיטוליאנטן, און האָט אָנגענומען דעם „אָפּטימאלן" ווואריאנט פונם פינפיאָר, ווי אן אָבליגאטאָרישן ביי אלערליי באדינגונגען.

די פארטיי האָט, אזויארום, אָנגענומען דעם בארימטן ערשטן פינפיאָר־פלאן פון בויען דעם סאָציאליזם.

לויטן פינפיאָר־פלאן איז די גרויס פון די קאפיטאלע אינוועסטירונגען אין דער פאָלקסווירטשאפט אויף די יאָרן 1928—1933 באשטימט געוואָרן אין 64,6 מיליארד רובל. פון זיי איז אין דער אינדוסטריע צוזאמען מיט דער עלעקטריפיקאציע אָנגעמערקט געוואָרן אריינצולייגן 19 מיט א האלבן מיליארד רובל, אין דעם טראנספּאָרט — 10 מיליארד רובל, אין דער לאנד־ווירטשאפט — 23,2 מיליארד רובל.

דאָס איז געווען א גראנדיעזער פלאן פון באוואָפענען די אינדוסטריע און די לאנדווירטשאפט פון פ.ס.ס.ר. מיט דער מאָדערנער טעכניק.

„די גרונט־אויפגאבע פונם פינפיאָר, — האָט אָנגעוויזן חבר סטאלין, — איז באשטאנען דערין, אז מע זאָל שאפן אין אונזער לאנד אזא אינדוסטריע, וואָס זאָל זיין פייאיק איבערצובאוואָפענען און רעאָרגאניזירן ניט בלויז די אינדוסטריע אינגאנצן גענומען, נאָר אויך דעם טראנספּאָרט, נאָר אויך די לאנדווירטשאפט — אויף דער באזע פונם סאָציאליזם" (סטאלין, פראגן פון לעניניזם, ז. 485, רוסיש).

דער דאָזיקער פלאן איז, ניט געקוקט אויף דער גאנצער גראנדיעזקייט זיינער, דאָך ניט געווען עפעס אומגעריכטס און קאָפּשווינדלענדיקס פאר די באָלשעוויקעס. ער איז געווען צוגעגרייט דורך דעם גאנצן גאנג פון דער אנט־וויקלונג פון דער אינדוסטריאליזאציע און קאָלעקטיוויזאציע. ער איז געווען צוגעגרייט דורך יענעם ארבעטס־אויפשטייג, וואָס האָט ביז אהער ארומגע־כאפט די ארבעטער און פויערים און וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אינם **סאָציאליסטישן געוועט**.

די זעכצנטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָט אָנגענומען א ווענדונג צו אַלע אַרבעטנדיקע וועגן פּאַנאַנדערוויקלען דעם סאָציאַליסטישן געוועט.

דער סאָציאַליסטישער געוועט האָט באַוויזן מערקווירדיקע מוסטערן פון אַרבעט און פון נײַער באַציאונג צו אַרבעט. די אַרבעטער און קאָלווירטניקעס האָבן אין פיל אונטערנעמונגען, אין קאָלווירטן און סאָוווירטן אַרויסגערוקט א נ ט ק ע ג ן ־ פ ל ע נ ע ר. זיי האָבן באַוויזן מוסטערן פון העראָאישער אַרבעט. זיי האָבן ניט בלויז אויסגעפילט, נאָר אויך איבערגעשטיגן די פּלענער פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, וועלכע די פּאַרטיי און די רעגירונג האָבן אָנגעמערקט. עס האָט זיך געענדערט דער קוק פון די מענטשן אויף אַרבעט. די אַרבעט האָט פון א געצוואונגענער און קאַטאָרזשנער פליכט, ווי זי איז געווען בײַם קאַפּיטאַליזם, גענומען פאַרוואַנדלט ווערן „אין א זאַך פון ערע, אין א זאַך פון רום, אין א זאַך פון העלדנמוט און העראָאישקײַט" (ס ט א ל י ן).

איבערן גאַנצן לאַנד איז געגאַנגען א נײַע גיגאַנטישע אינדוסטריעלע בויאונג. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די בויאונג פון דניעפּראָגעס. אין דאָנבאַס האָט זיך אָנגעהויבן די בויאונג פון קראַמאַטאָרסקער און גאָרלאָווקער זאַוואָדן, די רעקאָנסטרוקציע פונם לוגאַנסקער לאָקאָמאָטיווּבוי־זאַוואָד. עס זײַנען אויסגעוואַקסן נײַע שאַכטעס און דאַמבעס. אויפן אוראַל האָבן זיך גענויט אוראַלמאַשינבוי, בערעזניקער און סאָליקאַמסקער כעמישע קאָמבינאַטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די בויאונג פון מאַגניטאָגאָרסקער מעטאַלורגישן זאַוואָד. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די בויאונג פון גרויסע אויטאָמאָביל־זאַוואָדן אין מאָסקווע, גאָרקי. עס האָבן זיך געבויט גיגאַנטישע טראַקטאָר־זאַוואָדן, קאָמבײַן־זאַוואָדן, דער גיגאַנטישער זאַוואָד פון לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינען אין ראָסטאָוו־אויפן־דאָן. עס האָט זיך פאַרברייטערט די צווייטע קוילן־באַזע פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד — קוזבאַס. א ריזיקער טראַקטאָר־זאַוואָד איז אויסגעוואַקסן פאַר 11 חדשים אין סטעפּ, אין סטאַלינגראַד. אויף דער בויאונג פון דניעפּראָגעס און פונם סטאַלינגראַדער טראַקטאָר־זאַוואָד האָבן די אַרבעטער איבערגעשטיגן די וועלט־רעקאָרדן פון אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט.

די געשיכטע האָט נאָך ניט געוואוסט פון אַזא גיגאַנטישן שוואונג פון נײַער אינדוסטריעלער בויאונג, פון אַזא פּאַטאָס פון נײַער בויאונג, פון אַזא אַרבעטס־העראָאיזם פון מיליאָניקע מאַסן פונם אַרבעטער־קלאַס.

דאָס איז געווען אַן עכטער אַרבעטס־אויפשטײַג פונם אַרבעטער־קלאַס, אַן אויפשטײַג, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אויפן גרונט פונם סאָציאַליסטישן געוועט.

די פּויערים זײַנען דאָס מאָל ניט אָפּגעשטאַנען פון די אַרבעטער. אין דאָרף האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַן אַרבעטס־אויפשטײַג פון די פּויערישע מאַסן, וואָס האָבן געבויט קאָלווירטן. די פּויערישע מאַסן האָבן גענומען באַשטימט א קער טאָן זיך אין דער זײַט פון קאָלווירטן. א גרויסע ראָלע

האָבן דאָ געשפּילט די סאָוווירטן און די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס, באַוואָפנטע מיט טראַקטאָרן און אַנדערע מאַשינעס. די פּויערים פּלעגן מאַסנווײַז קומען אין די סאָוווירטן, אין די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס, פּלעגן זיך צוקוקן, ווי עס אַרבעטן די טראַקטאָרן, די לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינעס, פּלעגן אויסדריקן זייער התפּעלות און דאָ אויפן אָרט אָננעמען אַ באַשלוס — „גײן אין די קאָלווירטן". צעקלאַפּטע אויף קלײנע און גאָר קלײנע אינדיווידועלע ווירטשאַפטן, ניט האָבנדיק קײן וויפיל־ס'ניט־איז פּאַסיק געצײַג און שלעפּ־קראַפט, ניט האָבנדיק קײן מעגלאַכקײַט אויפצואַקערן די ריזיקע שטח'ם רויערד, ניט האָבנדיק קײן אויסזיכטן אויף צו פֿאַרבעסערן די ווירטשאַפט, דערשלאָגענע פֿון נויט און אײַנזאַמע, איבערגעלאָזטע אויפן אײגענעם באַראָט, — האָבן די פּויערים געפֿונען סוף כּל סוף דעם אויסוועג, דעם וועג צו אַ בעסער לעבן — אין פֿאַראײניקן די קלײנע ווירטשאַפטן אין קאָלעקטיוון, אין קאָלווירטן, — אין די טראַקטאָרן, וואָס זײַנען פֿייאיק אויפצואַקערן יעטווידע „האַרטע ערד", יעטווידע רויערד, — אין דער הילף פֿון דער מלוכה מיט מאַשינעס, מיט געלט, מיט מענטשן, מיט עצות, — אין דער מעגלאַכקײַט צו באַפֿרײַען זיך פֿון דער פֿאַרקנעכטונג בײַ די באַלעגופים, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט זײ דאָ גאָר ניט לאַנג צעקלאַפּט און צוגעדריקט צו דער ערד — צו דער פֿרייד פֿון די מיליאָניקע מאַסן פּויערטום.

אויף דעם דאָזיקן יסוד האָט זיך נאָכדעם אָנגעהויבן און פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַ מאַסאָווע קאָלווירטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַזונדערס פֿאַרשטאַרקט צום סוף 1929־טן יאָר און וואָס האָט געגעבן אַזוינע אומגעזעענע טעמפּן פֿון וואוקס פֿון די קאָלווירטן, פֿון וועלכע עס האָט נאָך ניט געוואוסט אפילו אונזערע, די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע.

אין יאָר 1928 האָט דער פֿאַרזײ־שטח פֿון די קאָלווירטן באַטראָפֿן 1.390 טויזנט העקטאַר; אין 1929־טן יאָר — 4.262 טויזנט העקטאַר, און אין יאָר 1930 האָבן שוין די קאָלווירטן געהאַט די מעגלאַכקײַט צו פֿאַרפּלאַנירן אַן אויפֿאַקערונג פֿון 15 מיליאָן העקטאַר.

„מע דאַרף אָנערקענען, — האָט חבר סטאַלין געזאָגט וועגן דעם טעמפּ פֿונם וואוקס פֿון די קאָלווירטן אין זײַן אַרטיקל „דאָס יאָר פֿון גרויסן איבערבראָך" (1929־טן יאָר), — אַז פֿון אַזוינע שטורמישע אַנטוויקלונגס־טעמפּן ווייסט ניט אפילו אונזער סאָציאַליזירטע גרויס־אינדוסטריע, וואָס אירע אַנטוויקלונגס־טעמפּן צײכענען זיך אויס בכלל מיט אַ גרויסן שוואונג".

דאָס איז געווען אַן איבערבראָך אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָלווירטישער באַוועגונג.

דאָס איז געווען אַן אָנהויב פֿון דער מאַסאָווער קאָלווירטישער באַוועגונג.

„אין וואָס באַשטײט דאָס נײַע אין דער איצטיקער קאָלווירטישער באַוועגונג?", האָט חבר סטאַלין געפֿרעגט אין זײַן אַרטיקל „דאָס יאָר פֿון גרויסן איבערבראָך". און ער האָט געענטפֿערט:

„דאָס נײַע און אנטשיידנדיקע אין דער איצטיקער קאָלווירטישער באוועגונג באשטייט דעריז, וואָס אין די קאָלווירטן גייען די פּויערים ניט אין איינצלנע גרופּעס, ווי דאָס איז געווען פריער, נאָר גאנצע דערפער, וואָלאָסטן, ראיאָנען, אפילו קרײַזן. און וואָס באטײַט דאָס? דאָס באטײַט, אז אין די קאָלווירטן איז אוועק דער מיטלפּויער. דעריז באשטייט דער יסוד פון יענעם ראדיקאלן איבערבראָך אין דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט, וואָס בילדעט די וויכטיקסטע דערגרייכונג פון דער סאָוועטן־מאכט...“

דאָס האָט באטײַט, אז עס ווערט רײַף, אָדער עס איז שוין רײַף געוואָרן, די אויפגאבע פון ליקווידירן דאָס באלעבאטישקייט, ווי א קלאס, אויפן יסוד פון דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

# קורצע אויספירן.

אין קאמף פאר דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזירונג פונם לאנד איז די פּארטיי אין די יאָרן 1926—1929 בײַגעקומען קאָלאָסאלע אינערלאכע און צווישנפעלקערלאכע שוועריקײַטן. די אָנשטרענגונגען פון דער פּארטיי און פונם ארבעטער־קלאס האָבן געבראכט צום זיג פון דער פּאָליטיק פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזירונג פונם לאנד.

עס איז געלייזט געוואָרן אין גרונט איינע פון די שווערסטע אויפגאבעס פון דער אינדוסטריאליזאציע — די אויפגאבע פון אָנזאמלען מיטלען פאר דער בויאונג פון דער שווערער אינדוסטריע. עס זײַנען געלייגט געוואָרן די יסודות פון דער שווערער אינדוסטריע, וועלכע איז פייאיק איבערצובאוואָפענען די גאנצע פאָלקסווירטשאפט.

עס איז אָנגענומען געוואָרן דער ערשטער פינפיאָר־פּלאן פון דער סאָציאליסטישער בויאונג. עס איז אנטוויקלט געוואָרן א ריזיקע בויאונג פון נײַע זאוואָדן, סאָווכאָזן, קאָלווירטן.

אָט די באוועגונג פאָראויס אויפן וועג פון סאָציאליזם איז באגלייט געוואָרן מיט א פארשארפונג פונם קלאסנקאמף אינעווייניק אין לאנד און מיט א פארשארפונג פונם אינערלאך־פּארטייאישן קאמף. דער וויכטיקסטער סך־הכּל פון דעם דאָזיקן קאמף איז: דאָס דערשטיקן דעם ווידערשטאנד פונם באלעבאטישקייט, דאָס דעמאסקירן דעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן קאפּיטוליאנטישן בלאָק, אלס אנטיסאָוועטישן בלאָק, דאָס דעמאסקירן די רעכטע קאפּיטוליאנטן, אלס באלעבאטישע אגענטור, דאָס ארויסיאָגן די טראָצקיסטן פון דער פּארטיי, דאָס אָנערקענען די אָנשויאונגען פון די טראָצקיסטן און פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטן אלס אזוינע, וואָס פאָרן זיך ניט מיטן אָנגעהערן צו דער אל.ק.פּ.(ב.).

זײַענדיק אידעאָלאָגיש צעקלאפּט דורך דער באָלשעוויסטישער פּארטיי,

האָבנדיק פאַרלאָרן יעטווידן באַדן אינם ארבעטער־קלאַס, האָבן די טראָצ־קיסטן אויפגעהערט צו זײַן א פּאָליטישע שטרעמונג און זײַנען פארוואַנדלט געוואָרן אין א פּרינציפּלאָזער קאַריעריסטישער קליקע פּאָליטישע שווינדלער, אין א באַנדע פּאָליטישע צוויי־פּנים׳דיקע.

האָבנדיק געלייגט די יסודות פון דער שווערער אינדוסטריע, מאָביליזירט די פּאַרטיי דעם ארבעטער־קלאַס און דאָס פּויערטום צום אויספילן דעם ערשטן פינפיאָר־פּלאַן פון דער סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון פ.ס.ס.ר. אינם לאַנד וויקלט זיך פאַנאַנדער א סאָציאַליסטישער געוועט פון מיליאָ־נען ארבעטנדיקע; עס ווערט געבוירן א מעכטיקער ארבעטס־אויפשטײַג; עס ארבעט זיך אויס א נײַע ארבעטס־דיסציפּלין.

דער דאָזיקער פּעריאָד פאַרענדיקט זיך מיטן יאָר פונם גרויסן איבערבראָך, וואָס האָט באַטײַט די גרעסטע דערפאָלגן פונם סאָציאַליזם אין דער אינ־דוסטריע, די ערשטע ערנסטע דערפאָלגן אין דער לאַנדווירטשאַפט, דעם קער פונם מיטלפּויער אין דער זײַט פון קאָלווירטן, דעם אָנהויב פון דער מאַ־סאָווער קאָלווירטישער באַוועגונג.

## קאפיטל XI

# די באָלשעוויסטישע פארטיי אין קאמף פאר דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאנדווירטשאפט.

### (די יאָרן 1930—1934).

## 1. די צווישנפעלקערלאכע סיטואציע אין די יאָרן 1930—1934. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין די קאפיטאליסטישע לענדער. דאָס פארכאפּן מאנדזשוריע דורך יאפּאָניע. דאָס קומען פון די פאשיסטן צו דער מאכט אין דײַטשלאנד. צוויי נעסטן פון מלחמה.

אין דער צײַט, ווען פ.ס.ס.ר. האָט זיך דערשלאָגן ערנסטע דערפאָלגן אין דער סאָציאליסטישער אינדוסטריאליזירונג פונם לאנד און האָט מיט שנעלע טעמפּן אנטוויקלט די אינדוסטריע, איז אין די לענדער פונם קאפּיטאליזם סוף 1929־טן יאָר אויסגעבראָכן און האָט אין די ווײַטערדיקע דרײַ יאָר גענומען זיך פארטיפערן א נאָך ניט געוועזענער לויט זײַן צעשטערונגס־קראפט עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס. דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט זיך איבערגעפלאָכטן מיט א לאנדווירטשאפטלאכן קריזיס, מיט אן אגראר־קריזיס, און דאָס האָט נאָך מער פארערגערט די לאגע פון די קאפּיטאליסטישע לענדער.

אין דער צײַט, ווען אין פ.ס.ס.ר. איז די אינדוסטריע אין די דרײַ קריזיס־יאָרן (1930—1933) אויסגעוואקסן מער ווי אין צוויי מאָל און האָט אין 1933־טן יאָר באטראָפן 201 פּראָצענט אין פארגלײַך מיטן ניוואָ פון 1929־טן יאָר, איז די אינדוסטריע פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע צום סוף 1933־טן יאָר געפאלן ביז 65 פּראָצענט לגבי דעם ניוואָ פון 1929־טן יאָר, די אינדוסטריע פון ענגלאנד — ביז 86 פּראָצענט, די אינדוסטריע פון דײַטשלאנד — ביז 66 פּראָצענט, די אינדוסטריע פון פראנקרײַך — ביז 77 פּראָצענט.

דער דאָזיקער אומשטאנד האָט אן איבעריק מאָל דעמאָנסטרירט דעם פאָרצוג פון דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט־סיסטעם לגבי דער קאפּיטאליסטישער סיסטעם. ער האָט באוויזן, אז דאָס לאנד פון סאָציאליזם איז דאָס איינציקע לאנד אין דער וועלט, וואָס איז פרײַ פון עקאָנאָמישע קריזיסן.

אין רעזולטאַט פונם עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס זײַנען 24 מיליאָן אַרבעטסלאָזע פאַראורטיילט געוואָרן אויף הונגער, דלות, פּײַן. פון דעם אַגראַר־קריזיס האָבן געליטן צענדליקער מיליאָנען פּויערים.

דער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, צווישן די לענדער — זיגער און די לענדער — באַזיגטע, צווישן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות און די קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער, צווישן די אַרבעטער און די קאַפּיטאַליסטן, צווישן די פּויערים און די פּריצים.

חבר סטאַלין האָט אין זײַן באַריכט־פּאָרטראָג אויפן זעכצנטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אָנגעוויזן, אַז די בורזשואַזיע וועט זוכן אַן אויסוועג פונם עקאָנאָמישן קריזיס, פון איין זײַט — אין דערשטיקן דעם אַרבעטער־קלאַס דורך אײַנשטעלן אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור, דאָס הייסט, די דיקטאַטור פון די אַממערסטן רעאַקציאָנערע, אַממערסטן שאָוויניסטישע, אַממערסטן אימפּעריאַליסטישע עלעמענטן פונם קאַפּיטאַליזם, פון דער צווייטער זײַט — אין באַנאַנדערבינדן אַ מלחמה פאַר איבערפאַרטיילן די קאָלאָניעס און די ווירקונגס־ספערן אויפן חשבון פון די אינטערעסן פון די שוואַך באַשיצטע לענדער.

אַזוי איז עס טאַקע פאָרגעקומען.

אין יאָר 1932 האָט זיך פאַרשטאַרקט די געפאַר פון אַ מלחמה מצד יאַפּאָניע. זעענדיק, אַז די אייראָפּעאישע מלוכות און די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זײַנען דורכאויס אַרײַנגעטאָן אין זייערע אינערלאַכע ענינים אין צוזאַמענהאַנג מיטן עקאָנאָמישן קריזיס, האָבן די יאַפּאַנישע אימפּעריאַליסטן באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהײַט און מאַכן אַ פּרואוו אָנצודריקן אויף דער שוואַך באַשיצטער כינע, אונטערטעניקן זי צו זיך און ווערן דאָרטן די באַלעבאַטים פון דער לאַגע. ניט דערקלערנדיק קיין מלחמה כינע און שווינדלעריש אויסנוצנדיק די „אָרטיקע אינצידענטן“, וואָס זיי אַליין האָבן געשאַפן, האָבן די יאַפּאָנישע אימפּעריאַליסטן אויף אַ גנבה׳ישן אופן אַרײַנגעפירט מיליטער אין מאַנדזשוריע. דאָס יאַפּאָנישע מיליטער האָט פולשטענדיק פאַרכאַפּט מאַנדזשוריע, צוגרייטנדיק פאַר זיך באַקוועמע פּאָזיציעס צום פאַרכאַפּן צפון־כינע און צו אָנפאַלן אויף פ.ס.ס.ר. כדי פאַנאַנדערצובינדן זיך די הענט, איז יאַפּאָניע אַרויסגעטראָטן פון דער פעלקער־ליגע און האָט זיך גענומען אינטענסיוו באַוואָפּענען.

דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געשטויסן די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך צו פאַרשטאַרקן זייערע קריגס־ים׳ישע באַוואָפּענונגען אויפן ווײַטן מזרח. יאַפּאָניע האָט בפירוש פאַרפאָלגט דעם ציל — אונטערטעניקן צו זיך כינע און אַרויסשמײַסן פון דאָרטן די אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישע אימפּעריאַליסטישע מלוכות. די לעצטע האָבן דערויף געענטפערט מיט אַ פאַרשטאַרקונג פון זייערע באַוואָפּנונגען.

נאָר יאַפּאָניע האָט געשטעלט פאַר זיך אויך אַ צווייטן ציל — פאַר־

כאפּן דעם סאָוועטישן װײַטן מזרח. ס'איז פארשטענדלאך, אז פ.ס.ס.ר. האָט ניט געקאָנט פארבײַגיין אזא געפאר און האָט גענומען אינטענסיוו פארפעסטיקן די שוצפייאיקײַט פונם װײַט'מזרח'דיקן קאנט.

אזויארום האָט זיך, אדאנק די יאפּאָנישע פאשיזירטע אימפּעריאליסטן, אויפן װײַטן מזרח אויסגעבילדעט די ערשטע מלחמה=נעסט.

דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט פארשארפט די ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאליזם ניט בלויז אויפן װײַטן מזרח. ער האָט זיי אויך פארשארפט אין אייראָפּע. דער פארצויגענער קריזיס פון דער אינדוסטריע און פון דער לאנדווירטשאפט, די קאָלאָסאלע ארבעטסלאָזיקײַט און די געשטיגענע ניט=געזיכערטקײַט פון די ניט=פארמעגלאכע קלאסן האָבן פארשטארקט די אומצופרידנקײַט פון די ארבעטער און פּויערים. די אומצופרידנקײַט איז אריבערגעוואקסן אין א רעוואָליוציאָנערער אויפגעבראכטקײַט פונם ארבעטער=קלאס. די אומצופרידנקײַט האָט זיך באזונדערס פארשטארקט אין דײַטשלאנד, — אינם לאנד, וואָס איז עקאָנאָמיש אויסגעצערט געוואָרן דורך דער מלחמה, דורך די קאָנטריבוציעס לטובת די ענגליש=פראנצויזישע זיגער און דורכן עקאָנאָמישן קריזיס, אינם לאנד, וואו דעם ארבעטער=קלאס איז אויסגעקומען צו שמאכטן אונטערן יאָך פון זײַן אייגענער און פון דער אויסלענדישער, דער ענגליש=פראנצויזישער בורזשואזיע. ווען דעם האָבן קלאָר און דײַטלאך גערעדט די זעקס מיליאָן שטימען, וואָס די דײַטשישע קאָמפּארטיי האָט באקומען בײַ די לעצטע וואלן אין רײַכסטאג, איידער די פאשיסטן זײַנען געקומען צו דער מאכט. די דײַטשישע בורזשואזיע האָט געזען, אז די בורזשואז=דעמאָקראטישע פרײַהײַטן, וואָס זײַנען אײַנגעהיט געוואָרן אין דײַטשלאנד, קאָנען מיט איר אָפּשפּילן א בייז שפּיצל, אז דער ארבעטער=קלאס קאָן אויסנוצן די דאָזיקע פרײַהײַטן אויף פאנאנדערוויקלען די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג. דעריבער האָט זי באשלאָסן, אז כדי אײַנהיטן אין דײַטשלאנד די מאכט פון דער בורזשואזיע איז דאָ בלויז איין מיטל — פארניכטן די בורזשואזע פרײַהײַטן, מאכן צונישט דעם פארלאמענט (דעם רײַכסטאג) און אײַנשטעלן א טעראָריסטישע בורזשואז=נאציאָנאליסטישע דיקטאטור, וואָס איז פייאיק צו דערשטיקן דעם ארבעטער=קלאס און געפינען פאר זיך א באזע צווישן די רעוואנש=געשטימטע קליינבירגערלאכע מאסן. און זי האָט גערופן צו דער מאכט די פארטיי פאשיסטן, וואָס רופט זיך אָן, כדי אָפּצונארן דאָס פאָלק, פארטיי פון נאציאָנאל=ס אָ צ י א ל י ס ט ן, ווײַסנדיק גוט, אז די פארטיי פון די פאשיסטן איז, ערשטנס, דער אמטערסטן רעאקציאָנער און צום ארבעטער=קלאס אמטערסטן פײַנטלאכער טייל פון דער אימפּעריאליסטישער בורזשואזיע, און, צווייטנס, — די אמטערסטן רעוואנשיסטישע פארטיי, וואָס איז פייאיק מיטציִען מיט זיך די מיליאָניקע מאסן פונם נאציאָנאליסטיש=געשטימטן קלייבירגערטום; דערין האָבן איר געהאָלפן די פאררעטער פונם ארבעטער=קלאס — די לידערס פון דער דײַטשישער סאָ=

צ'אל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָבן מיט זייער פשרה־מאכערישער פּאָליטיק אָפּ־געריייניקט דעם וועג פאַרן פאַשיזם.

אָט דאָס זײַנען געווען די באַדינגונגען, וואָס האָבן באַשטימט, אַז די דײַטשישע פאַשיסטן זאָלן אין 1933־טן יאָר באַקומען די מאַכט.

אַנאַליזירנדיק די געשעענישן אין דײַטשלאַנד, האָט חבר סטאַלין אין זײַן באַריכט־פאָרטראָג אויפן זיבעצנטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געזאָגט:

„דעם זיג פונעם פאַשיזם אין דײַטשלאַנד דאַרף מען באַטראַכטן ניט בלויז ווי א סימן פון דער שוואַכקײַט פונעם אַרבעטער־קלאַס און ווי א רעזולטאַט פון די פאַרראַטן בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס מצד דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אָפּגעריייניקט דעם וועג פאַרן פאַשיזם. מע דאַרף אים אויך באַטראַכטן ווי א סימן פון דער שוואַכקײַט פון דער בורזשואַזיע, ווי א סימן דערפון, אַז די בורזשואַזיע איז שוין ניט איימשטאַנד צו געוועלטיקן מיט די אַלטע מעטאָדן פון פּאַר־לאַמענטאַריזם און בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וואָס מחמת דעם איז זי געצוואונגען אָנצוקומען אין דער אינערלעכער פּאָליטיק צו טעראָ־ריסטישע מעטאָדן פון פאַרוואַלטונג...“ (ס ט א ל י ן, פראַגן פון לעני־ניזם, ז. 545, רוסיש).

זייער אינערלעכע פּאָליטיק האָבן די דײַטשישע פאַשיסטן באַצייכנט מיט אונטערציִנדן דעם רײַכסטאַג, מיט חיה'ש דערשטיקן דעם אַרבעטער־קלאַס, מיט פאַרניכטן די אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער־קלאַס, מיט פאַרניכטן די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן. זייער אויסערלעכע פּאָליטיק — מיט אַרויס־גיין פון דער פעלקער־ליגע און מיט אַן אָפענער צוגרייטונג צו א מלחמה פאַר א געוואַלטזאַמען איבערקוקן די גרענעצן פון די איירָאָפּעאישע מלוכות לטובת דײַטשלאַנד.

אַזוי־אַרום האָט זיך, אַדאַנק די דײַטשישע פאַשיסטן, אינם צענטער פון איירָאָפּע אויסגעבילדעט די צווייטע מלחמה־נעסט.

ס'איז פאַרשטענדלאַך, אַז פ.ס.ס.ר. האָט ניט געקאָנט פאַרבײַגיין אַזאַ ערנ־סטן פאַקט. און ער האָט גענומען שאַרף נאָכשפּירן נאָכן גאַנג פון די גע־שעענישן אין מערב, פאַרפעסטיקנדיק די שוצפייאיקײַט פונעם לאַנד אויף זײַנע מערב־גרענעצן.

## 2. פון דער פּאָליטיק פון באַגרענעצן די באַלעגופישע עלע־מענטן צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום, ווי א קלאַס. דער קאַמף קעגן די פאַרקריפּלונגען פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק אין דער קאָלווירטישער באַוועגונג. דער אָנגריף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן איבערן גאַנצן פראָנט. דער זעכצנטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

די מאַסנווייזע אַריינטרעטונג פון די פּויערים אין די קאָלווירטן, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין די יאָרן 1929—1930, איז געווען א רע־זולטאַט פון דער גאַנצער פּאָריקער אַרבעט פון דער פּאַרטיי און רעגירונג. דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, וואָס האָט אָנגעהויבן אויסאַרבעטן מאַסנווייז טראַקטאָרן און מאַשינעס פאַר דער לאַנדווירטשאַפט; דער אַנטשיידענער קאַמף קעגן דעם באַלעגופנטום בעת די תבואה־פאַרגריי־טערישע קאַמפּאַניעס פון די יאָרן 1928 און 1929; דער וואוקס פון דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער קאָאָפּעראַציע, וואָס האָט בהדרגה'דיק צוגעוואוינט דעם פּויער צו דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט; די גוטע דערפאַרונג פון די ערשטע קאָלווירטן און סאָוווירטן, — דאָס אַלץ האָט צוגעגרייט דעם אַרי־בערגאַנג צו דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע, דאָס אַריינטרעטן פון די פּויערים אין די קאָלווירטן גאַנצע דערפערווייז, ראַיאָנענווייז, קרייזנווייז.

דער אַריבערגאַנג צו דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע איז פאָרגעקו־מען ניט אין דער אָרדענונג פון פּשוט'ן און פרידלאַכן אַריינטריט פון די גרונט־מאַסן פּויערטום אין די קאָלווירטן, נאָר אין דער אָרדענונג פון מאַסן־קאַמף פון די פּויערים קעגן דעם באַלעגופנטום. די דורכאויסיקע קאָלעקטיווי־זאַציע האָט באַטייט אַן אַריבערגאַנג פון דער גאַנצער ערד אין ראַיאָן פונם דאָרף אין די הענט פונם קאָלווירט, א באַדייטנדיקער טייל פון דער דאָזיקער ערד האָט זיך אָבער געפונען אין די הענט פון די באַלעגופים, — דעריבער האָבן די פּויערים אַראָפּגעטריבן די באַלעגופים פון דער ערד, אַנטבאַלעגו־פעוועט זיי, אָפּגענומען דאָס פי, די מאַשינעס און געפאָדערט ביי דער סאָ־וועטן־מאַכט צו אַרעסטירן און אַרויסשיקן די באַלעגופים.

די דורכאויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע האָט, אַזוי־אַרום, באַטייט די ליקווידי־רונג פונם באַלעגופנטום.

דאָס איז געווען די פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום, ווי א קלאַס, אויפן יסוד פון דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע.

צו דער דאָזיקער צייט איז אין פ.ס.ס.ר. שוין געווען א גענוגנדיקע מאַטע־ריעלע באַזע, כדי צו מאַכן א סוף צום באַלעגופנטום, איינברעכן זיין ווידער־שטאַנד, ליקווידירן עס, ווי א קלאַס, און פאַרבייטן זיין פּראָדוקציע מיט דער פּראָדוקציע פון די קאָלווירטן און סאָוווירטן.

נאָך אין יאָר 1927 האָבן די באלעגופּים פּראָדוצירט העכער 600 מיליאָן פּוד תבואה, וואָס דערפון האָבן זיי געגעבן סחורה׳דיקע תבואה ביי 130 מיליאָן פּוד. די קאָלווירטן מיט די סאָוווירטן ווידער האָבן אין יאָר 1927 געקאָנט געבן בלויז 35 מיליאָן פּוד סחורה׳דיקע תבואה. אין יאָר 1929, אדאנק דעם פעסטן קורס פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי אויף דער אנטוויקלונג פון די סאָוווירטן און קאָלווירטן און די דערפאָלגן פון דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע, וואָס האָט באזאָרגט דאָס דאָרף מיט טראקטאָרן און לאנדווירטשאפטלאכע מאשינעס, זיינען די קאָלווירטן און סאָוווירטן אויסגעוואקסן אין אן ערנסטער קראפט. שוין אין אָט דעם יאָר האָבן די קאָלווירטן און סאָוווירטן פּראָדוצירט ניט ווייניקער פון 400 מיליאָן פּוד תבואה, וואָס דערפון האָבן זיי שוין געגעבן סחורה׳דיקע תבואה מער פון 130 מיליאָן פּוד, דאָס הייסט, מער, איידער די באלעגופּים אין יאָר 1927. און אין יאָר 1930 האָבן די קאָלווירטן און סאָוווירטן געדארפט געבן און האָבן ווירקלאך געגעבן סחורה׳דיקע תבואה העכער 400 מיליאָן פּוד, דאָס הייסט, אָן אן ערך מער, ווי עס האָט געגעבן דאָס באלעגופּנטום אין יאָר 1927.

דער איבעררוק פון די קלאסן־כחות אין דער עקאָנאָמיק פונם לאנד און די אָנוועזנקייט פון א מאטעריעלער באזע, וואָס איז נויטיק, כדי צו פארביטן די באלעגופּישע תבואה־פּראָדוקציע מיט דער פּראָדוקציע פון די קאָלווירטן און סאָוווירטן, האָט, אזויארום, געגעבן דער באָלשעוויסטישער פּארטיי די מעגלאכקייט אריבערצוגיין פון דער פּאָליטיק פון באגרענעצן דאָס באלעגופּנטום צו א נייער פּאָליטיק, צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באלעגופּנטום, ווי א קלאס, אויפן יסוד פון דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאציע.

ביזן יאָר 1929 האָט די סאָוועטן־מאכט דורכגעפירט א פּאָליטיק פון באגרענעצן דאָס באלעגופּנטום. די סאָוועטן־מאכט האָט באשטייערט דעם באלעגוף מיט א געהעכערטן שטייער, האָט געפאָדערט פון אים צו פארקויפן די תבואה דער מלוכה אויף פעסטע פּרייזן, האָט ביז א געוויסער מאָס באגרענעצט דעם באלעגופּישן ערד־באנוץ דורכן געזעץ וועגן ערד־ארענדע, האָט דורכן געזעץ וועגן דער אָנווענדונג פון געדונגענער ארבעט אין דער אינדיווידועלער פּויערישער ווירטשאפט באגרענעצט די גרויס פון דער באלעגופּישער ווירטשאפט. זי האָט אָבער נאָך ניט געפירט קיין פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באלעגופּנטום, ווייל די געזעצן וועגן ארענדירן ערד און וועגן דינגען ארבעט האָבן דערלאָזט די עקזיסטענץ פונם באלעגופּנטום, און דאָס פארווערן צו אנטבאלעגופּעווען האָט געגעבן אין דעם זין א געוויסע גאראנטיע. אזא פּאָליטיק האָט געפירט דערצו, אז עס האָט זיך פארהאלטן דער וואוקס פונם באלעגופּנטום; עס זיינען ארויסגעשטויסן און רואיגירט געוואָרן באזונדערע שיכטן באלעגופּנטום, וואָס האָבן ניט אויסגעהאלטן די דאָזיקע באגרענעצונגען. זי האָט אָבער ניט פארניכטעט די ווירטשאפטלאכע יסודות

פונם באַלעגופֿנטום, ווי פון א קלאַס, זי האָט ניט געפירט צו דער ליקווידירונג פונם באַלעגופנטום. דאָס איז געווען א פּאָליטיק פון באַגרענעצן, נאָר ניט פון ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום. זי איז נויטיק געווען ביז א געוויסער צײַט, כל זמן די קאָלווירטן און סאָווווירטן זײַנען נאָך געווען שוואַך און האָבן ניט געקאָנט פאַרבײַטן די באַלעגופישע תבואה-פּראָדוקציע מיט זייער אייגענער פּראָדוקציע.

סוף 1929-טן יאָר, אין צוזאַמענהאַנג מיטן וואוקס פון די קאָלווירטן און סאָווווירטן, האָט די סאָוועטן-מאַכט שאַרף א קער געטאָן פון אזא מין פּאָליטיק. זי איז אריבערגעגאַנגען צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן, צו דער פּאָליטיק פון פאַרניכטן דאָס באַלעגופנטום, ווי א קלאַס. זי האָט אָפּגעשאַפט די געזעצן וועגן אַרענדירן ערד און דינגען אַרבעט און האָט, אַזוי אַרום, אָפּגענומען בײַם באַלעגופנטום אי די ערד, אי די געדונגענע אַרבעטסלײַט. זי האָט אַראָפּגענומען דעם פאַרבאָט פון אַנטבאַלעגופעווען. זי האָט דערלויבט די פויערים צו קאָנפיסקירן בײַם באַלעגופנטום דאָס פי, די מאַשינעס און אַנדערן אינווענטאַר לטובת די קאָלווירטן. דאָס באַלעגופנטום איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן. עס איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן פונקט אַזוי, ווי עס זײַנען אין 1918-טן יאָר עקספּראָפּריאירט געוואָרן די קאַפּיטאַליסטן אין געביט פון דער אינדוסטריע, מיט דעם אונטערשייד אָבער, וואָס די פּראָדוציר-מיטלען פונם באַלעגופנטום זײַנען דאָס מאָל אריבער ניט אין די הענט פון דער מלוכה, נאָר אין די הענט פון די פאַראייניקטע פויערים, אין די הענט פון די קאָלווירטן.

דאָס איז געווען א טיפּסטע רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש, א שפּרונג פון דעם אַלטן קוואַליטאַטיוון צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט אין א נײַעם קוואַליטאַטיוון צושטאַנד, וועלכע איז לויט אירע פאָלגן גלײַכבאַדײַטיק צו דער רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש אין אָקטאָבער 1917-טן יאָר.

די אייגנאַרטיקײַט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי איז דורכגעפירט געוואָרן פ ו ן א ו י ב ן לויט דער איניציאַטיוו פון דער מלוכה-מאַכט, בײַ דער דירעקטער שטיצע פ ו ן א ו נ ט ן מצד די מיליאָניקע מאַסן פויערים, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער באַלעגופישער פאַרקנעכטונג, פאַר א פרײַ קאָלווירטיש לעבן.

זי, די דאָזיקע רעוואָלוציע, האָט מיט איין קלאַפּ געלייזט דרײַ ראַדיקאַלע פראַגן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג:

א) זי האָט ליקווידירט דעם סאַמע צאָלרײַכן עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס אין אונזער לאַנד, דעם קלאַס באַלעגופים, דעם זײַל פון דער רעסטאַווראַציע פונם קאַפּיטאַליזם;

ב) זי האָט אריבערגעפירט פונם וועג פון דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט, וואָס געבוירט קאַפּיטאַליזם, אויפן וועג פון דער געזעלשאַפטלאַכער, קאָלווירטישער, סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט דעם סאַמע צאָלרײַכן אַרבעטנדיקן קלאַס אין אונזער לאַנד, דעם קלאַס פויערים;

ג) זי האָט געגעבן דער סאָוועטן־מאַכט א סאָציאַליסטישע באזע אינם סאמע ברייטן און לעבנס־נויטיקן, נאָר אויך אינם סאמע אָפּגעשטאַנענעם געביט פון דער פאָלקסווירטשאפט — אין דער לאנדווירטשאפט.

דערמיט גופא זיינען פארניכטעט געוואָרן אינעווייניק אינם לאנד די לעצ־טע קוואלן פון דער רעסטאווראציע פונם קאפּיטאליזם. און צוזאמען דערמיט זיינען געשאפן געוואָרן נייע, אנטשיידנדיקע באדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק פאר דער אויסבויאונג פון דער סאָציאַליסטישער פאָלקסווירטשאפט.

באגרינדנדיק די פאָליטיק פון דער ליקווידירונג פונם באלעגופנטום, ווי א קלאס, און פארצייכענענדיק די רעזולטאטן פון דער מאסן־באוועגונג פון די פויערים פאר דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאציע, האָט חבר סטאלין אין יאָר 1929 געשריבן:

„עם קראכט און ווערט פארוואנדלט אין שטויב די לעצטע האָפע־נונג פון די קאפּיטאליסטן פון אלע לענדער, וועלכע טרוימען וועגן דער אויפשטעלונג פונם קאפּיטאליזם אין פ.ס.ס.ר., — „דער הייליקער פּרינציפ פון פּריוואט־אייגנטום". די פויערים, וועלכע זיי באטראכטן פאר א מאטעריאל, וואָס באמיסטיקט דעם באָדן פאר קאפּיטאליזם, ווארפן מאסנוויז די געריממע פאָן פון „פּריוואט־אייגנטום" און גייען אריבער אויף די רעלסן פון קאָלעקטיוויזם, אויף די רעלסן פון סאָציא־ליזם. עם קראכט די לעצטע האָפענונג אויף דער אויפשטעלונג פונם קאפּיטאליזם" (סטאלין, פראגן פון לעניניזם, ז. 296, רוסיש).

די פאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באלעגופנטום, ווי א קלאס, איז פאר־פעסטיקט געוואָרן אין דער היסטאָרישער באשטימונג פונם צ.ק. אל.ק.פ.(ב.) פונם 5־טן יאנואר 1930־טן יאָר „וועגן דעם טעמפּ פון דער קאָלעקטיווי־זאציע און די מאָס־מיטלען פון הילף מצד דער מלוכה דער קאָלווירטישער בויאונג". די באשטימונג האָט פולשטענדיק דיסקאָנטירט די פארשיידנארטי־קייט פון די באדינגונגען אין פארשיידענע ראיאָנען פון פ.ס.ס.ר., דעם ניט אלצאיינעם גראד צוגעגרייטקייט צו דער קאָלעקטיוויזאציע אין פארשיידענע געגנטן פון פ.ס.ס.ר.

עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פארשיידענע טעמפּן פון דער קאָלעקטי־וויזאציע. דער צ.ק. אל.ק.פ.(ב.) האָט איינגעטיילט די געגנטן פון פ.ס.ס.ר. פונם שטאַנדפּונקט פון די טעמפּן פון דער קאָלעקטיוויזאציע אין דריי גרופּעס.

צו דער ערשטער גרופּע זיינען פאררעכנט געוואָרן די וויכטיקסטע תבואה־ראיאָנען, די אממערסטן צוגעגרייטע צו דער קאָלעקטיוויזאציע, וואָס האָבן געהאט מער טראקטאָרן, מער סאָוווירטן, מער דערפארונג אין קאמף קעגן דעם באלעגופנטום אין די דורכגעגאנגענע תבואה־פארגרייטערישע קאמפּא־ניעס, — צפון־קאווקאז (קובאן, דאָן, טערעק), מיטל־וואָלגע, נידער־וואָלגע. פאר דער דאָזיקער גרופּע תבואה־ראיאָנען האָט דער צ.ק. פאָרגעלייגט צו פארענדיקן אין גרונט די קאָלעקטיוויזאציע פרילינג 1931־טן יאָר.

די צווייטע גרופּע תבואה־ראַיאָנען, וואוהין עס זיינען אריינגעגאַנגען אוק־ראאינע, די צענטראַלע שוואַרצערדישע געגנט, סיביר, אוראַל, קאַזאַכסטאַן און אנדערע תבואה־ראַיאָנען, האָט געקאָנט פאַרענדיקן אין גרונט די קאָלעק־טיוויזאַציע פרילינג 1932־טן יאָר.

די איבעריקע געגנטן, קאַנטן און רעפּובליקן (מאָסקווער געגנט, טראַנס־קאַווקאַז, די מיטל־אַזיאַטישע רעפּובליקן און א.וו.) האָבן געקאָנט פאַנאַנדער־ציִען די טערמינען פון קאָלעקטיוויזירונג ביזן סוף פינפיאָר, דאָס הייסט, ביזן 1933־טן יאָר.

דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַקסנדיקע טעמפּן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע אָנערקענט פאַר נויטיק נאָך מער צו פאַר־שנעלערן די בויאונג פון די זאַוואָדן, וואָס פּראָדוצירן טראַקטאָרן, קאָמביי־נען, טראַקטאָרישן צוקייטלונגס־אינווענטאַר א.ד.גל. גלייכצייטיק האָט דער צ.ק. געפאָדערט צו געבן „אַן אנטשיידענעם ווידערשטאַנד די טענדענצן פון נים דערשאַצן די ראָלע פון דער פערד־שלעפּ־קראַפט אויף דער געגעבענער סטאַדיע פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג, די טענדענצן, וואָס פירן צום צעטרענצלען און אויספאַרקויפן די פערד".

עס זיינען אין צוויי מאָל פאַרגרעסערט געוואָרן די קרעדיטן פאַר די קאָלווירטן אויפן יאָר 1929—1930 (ביז 500 מיליאָן רובל).

עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו זיכערן די דורכפירונג פון דער ערד־איינאָרדענונג פון די קאָלווירטן אויפן חשבון פון דער מלוכה.

אין דער באַשטימונג איז געגעבן געוואָרן א העכסט וויכטיקע אָנווייזונג, אַז די הויפּט־פאָרם פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג אויפן געגעבענעם עטאַפּ איז דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרטעל, אין וועלכן עס ווערן קאָלעק־טיוויזירט בלויז די גרונטיקע פּראָדוציר־מיטלען.

דער צ.ק. האָט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט געוואָרנט די פּאַרטיי־אָר־גאַניזאַציעס „קעגן א וועלכן עס זאָל ניט זיין „דעקרעטירן" פון אויבן די קאָל־ווירטישע באַוועגונג, וואָס דאָס קאָן שאַפן א געפאַר פון פאַרבייטן דעם ווירק־לאַך סאָציאַליסטישן געוועט אין דער אָרגאַניזירונג פון די קאָלווירטן אויף א שפּיל אין קאָלעקטיוויזאַציע" (די אל.ק.פּ.(ב.) אין רעזאָליוציעס, טייל II, ז. 662, רוסיש).

די דאָזיקע באַשטימונג פונם צ.ק. האָט אריינגעבראַכט א קלאָרקייט אין דער זאַך פון דורכפירן אין לעבן די נייע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דאָרף.

אויפן גרונט פון דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באַלעגופּנטום און איינשטעלן די דורכאויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט א מעכטיקע קאָלווירטישע באַוועגונג. די פּויערים זיינען גאַנצע דערפער־ווייז און ראַיאָנענווייז אריינגעטראָטן אין קאָלווירטן און האָבן אָפּגעראַמט פון וועג דאָס באַלעגופּנטום, באַפרייענדיק זיך פון דער באַלעגופּישער פאַרקנעכטונג.

נאָר צוגלײַך מיט די קאָלאָסאַלע דערפאָלגן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע האָבן זיך אײַנגיכן אָנגעהויבן אַנטפּלעקן אויך דעפעקטן אין דער פּראַקטיק פון די פּאַרטיי־טוער, פאַרקריפּלונגען פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק אין דער קאָלווירטישער בויאונג. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער צ.ק. האָט געוואָרנט, מע זאָל ניט פאַרכאַפּט ווערן איבער דער מאָס מיט די דערפאָלגן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, האָבן פיל פּאַרטיי־טוער גענומען קינסטלאַך פאָרסירן די קאָלעקטיוויזאַציע, ניט רעכענענדיק זיך מיט די באַדינגונגען פון אָרט און צײַט, ניט רעכענענדיק זיך מיטן גראַד צוגעגרייטקייט פון די פּויערים צו אַרײַנטרעטן אין די קאָלווירטן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געבראָכן געוואָרן דער פּרינציפּ פון פרײַוויליקייט אין דער קאָלווירטישער בויאונג. אין אַ ריי ראַיאָנען איז די פרײַוויליקייט פאַרביטן געוואָרן מיט צווינגען אַרײַנצוטרעטן אין די קאָלווירטן אונטער דער דראָאונג צו „אַנטבאַלעבאָטישן“, אָפּנעמען די וואַלרעכט און אַ.וו.

אין אַ ריי ראַיאָנען איז די צוגרייטונגס־אַרבעט און דאָס געדולדיקע אויפקלערן די יסודות פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק אין געביט פון דער קאָלעקטיוויזאַציע פאַרביטן געוואָרן אויף אַ ביוראָקראַטישן, טשינאָווניקישן דעקרעטירן פון אויבן אויפגעבלאָזענע ציפער־אָנגאַבן וועגן כלומר'שט געשאַפענע קאָלווירטן, אויף אַ קינסטלאַכן אויפבלאָזן דעם פּראָצענט קאָלעקטיוויזאַציע.

טראָץ די אָנווײַזונגען פונעם צ.ק. וועגן דעם, אַז דער גרונט־רינג פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג איז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרטעל, אין וועלכן עס ווערן פאַרגעזעלשאַפטלעכט בלויז די גרונטיקע פּראָדוציר־מיטלען, איז אין אַ ריי ערטער געמאַכט געוואָרן אַ לעפּישער איבערשפּרונג איבער דעם אַרטעל צו דער קאָמונע; ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די וואוינונגס־געבײַדעס, פון דעם ניט־סחורה'דיקן מילך־פי און קליין־פי, פון די שטוביקע עופות און אַ.וו.

פאַרכאַפּט פון די ערשטע דערפאָלגן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, האָבן די אָנפירנדיקע טוער פון אייניקע געגנטן געבראָכן די דירעקטע אָנווײַזונגען פונעם צ.ק. וועגן די טעמפּן און טערמינען פון דער קאָלעקטיוויזאַציע. די מאָסקווער געגנט האָט אין יאָגעניש נאָך אויפגעבלאָזענע ציפער גענומען אָריענטירן אירע טוער אויף פאַרענדיקן די קאָלעקטיוויזאַציע פרילינג 1930־טן יאָר, כאָטש זי האָט געהאַט אין איר רשות ניט ווייניקער פון דרײַ יאָר (סוף 1932־טן יאָר). אַ נאָך מער גראָבער ברוך איז דערלאָזט געוואָרן אין טראַנסקאַווקאַז, אין מיטל־אַזיע.

אויסנוצנדיק די דאָזיקע איבערבויגן צוליב פּראָוואָקאַציאָנעלע צילן, זײַנען די באַלעגופים און זייערע אונטערבאָמקער אַרויסגעטראָטן מיט פּאָרשלאָגן צו אָרגאַניזירן אָנשטאָט לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטעלן קאָמונעס, תּיכּף צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די וואוינונגס־געבײַדעס, דאָס קליין־פי, די שטוביקע

עופות. גלײַכצײַטיק האָט דאָס באַלעגופּנטום געפּירט אַן אגיטאַציע פאַר אויסשעכטן דאָס פי איידער מע טרעט אַרײַן אין די קאָלווירטן, אײַנרײידנדיק די פּויערים, אַז אינם קאָלווירט וועט מען „סאַי־ווי־סאַי אָפּנעמען" דאָס פי. דער קלאַסן־שונא האָט אויסגערעכנט, אַז די איבערבוײַגן און די פעלערן, וואָס די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן דערלאָזט בײַ דער קאָלעקטיוויזאַציע, וועלן אויפהעצן דאָס פּויערטום, וועלן אַרויסרופן בונטן קעגן דער סאָוועטן־מאַכט.

אין רעזולטאַט פון די פעלערן, וואָס זײַנען דערלאָזט געוואָרן דורך די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, און אין רעזולטאַט פון די דירעקטע פּראָוואָקאַציע־אַקטן פונם קלאַסן־שונא האָבן אין דער צווייטער העלפט פעברואַר 1930־טן יאָר אויפן פּאָן פון די אַלגעמיינע אומצופרידנקייט דערפאַלגן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע אין א ריי ראַיאָנען זיך באַוויזן געפערלאַכע סימנים פון אַן ערנסטער אומצופרידנקייט פונם פּויערטום. ערגעץ־וואו האָט זיך די באַלעגופּים און זייערע אַגענטן אפילו אײַנגעגעבן אויפצוהעצן די פּויערים צו דירעקטע אַנטיסאָוועטישע אַרויסטרעטונגען.

באַקומען אַ ריי אַליאַרמירנדיקע סיגנאַלן וועגן די פאַרקריפּלונגען פון דער פּאַרטיי־ליניע, וואָס האָבן געדראָעט אָראָפּצורײַסן די קאָלעקטיוויזאַציע, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי תיכף גענומען אויסגלײַכן די לאַגע, גענומען אויסקערעווען די פּאַרטיי־קאַדרען אויפן וועג פון אַמגיכסטן אויספאַרריכטן די דערלאָזטע פעלערן. דעם 2־טן מערץ 1930־טן יאָר איז לויטן באַשלוס פונם צ.ק. פאַרעפנטלאַכט געוואָרן חבר סטאַלינס אַרטיקל „קאָפּשווינדל פון דערפאָלגן". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל איז געמאַכט געוואָרן אַ וואָרענונג צו די אַלע, ווער עס איז, פאַרכאַפּט ווערנדיק פון די דערפאָלגן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, אַרײַנגעפאַלן אין גראָבע פעלערן און האָט אָפּגעווײַכט פון דער פּאַרטיי־ליניע, די אַלע, ווער עס האָט געפּרוּווט אַריבערפירן די פּויערים אויפן קאָלווירטישן וועג מיט די מאָס־מיטלען פון אַדמיניסטראַטיוון דרוק. אינם אַרטיקל איז מיט דער גאַנצער קראַפט אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער פּרינציפּ פון פרײַוויליקייט פון דער קאָלווירטישער בויאונג און ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטיקייט בײַם באַשטימען די טעמפּן און די מעטאָדן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע צו דיסקאָנטירן די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די באַדינגונגען אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון פ.ס.ס.ר. חבר סטאַלין האָט דערמאָנט, אַז דער גרונט־רינג פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג איז דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרטעל, אין וועלכן עס ווערן פאַרגעזעלשאַפטלאַכט בלויז די גרונטיקע פּראָדוציר־מיטלען, דער עיקר, אין דער תבואה־ווירטשאַפט, און עס ווערן ניט פאַרגעזעלשאַפטלאַכט די בײַהויפישע ערד, די וואוינונגס־געבײַדעס, אַ טייל פונם מילך־פי, דאָס קליין־פי, די שטוביקע עופות און אַזוי ווײַטער.

חבר סטאַלינס אַרטיקל האָט געהאַט אַן אויסערסט גרויסע פּאָליטישע באַדײַטונג. דער דאָזיקער אַרטיקל האָט געהאָלפן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס

אויסצופאררירכטן זייערע פעלערן און האָט דערלאַנגט אַ שטאַרקסטן קלאַפּ די שונאים פון דער סאָוועטן־מאַכט, וועלכע האָבן געהאָפט דערויף, אַז אויפן באָדן פון די איבערבויגן וועט זיך זיי איינגעבן אויפצושטעלן דאָס פויערטום קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. די ברייטע מאסן פויערטום האָבן זיך איבערצייגט, אַז די ליניע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָט ניט קיין שום געמיינזאַמס מיט די לע־פישע „לינקע" איבערבויגן, וואָס זיינען דערלאָזט געוואָרן אויף די ערטער. דער אַרטיקל האָט אַריינגעבראַכט אַ באַרואיקונג אין די פויערים־מאַסן.

כדי צו דערפירן ביזן סוף די אַרבעט פון אויספאררירכטן די איבערבויגן און פעלערן, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן מיט חבר סטאַלינס אַרטיקל, האָט דער צ.ק. אַל.ק.פּ.(ב.) באַשלאָסן נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ צו טאָן איבער די דאָזיקע פע־לערן און האָט פאַרעפנטלעכט דעם 15־טן מערץ 1930־טן יאָר די באַשטימונג „וועגן דעם קאַמף קעגן די פאַרקרימונגען פון דער פאַרטיי־ליניע אין דער קאָלווירטשישער באַוועגונג".

אין דער דאָזיקער באַשטימונג זיינען געגוי פאַנאַנדערגעקליבן געוואָרן די דערלאָזטע פעלערן, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פונם אָפּווייכן פון דער לענינישׂ־סטאַלינישער ליניע פון דער פאַרטיי, אַ רעזולטאַט פון דירעקטן ברעכן די דירעקטיוון פון דער פאַרטיי.

דער צ.ק. האָט אָנגעוויזן, אַז די פּראַקטיק פון די „לינקע" איבערבויגן איז אַ דירעקטע הילף דעם קלאַסן־שונא.

דער צ.ק. האָט פאָרגעלייגט: „די טוער, וואָס קענען ניט אָדער וואָס ווילן ניט נעמען פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די פאַרקרימונגען פון דער פאַרטיי־ליניע, אַראָפּצונעמען פון די פּאָסטנס און פאַרבייטן מיט אַנדערע" (די אַל.ק.פּ.(ב.) אין רעזאָלוציעס, ט. II, ז. 663, רוסיש).

דער צ.ק. האָט באַטייט די אָנפירונג פון אייניקע געגנטלעכע און קאַנטישע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס (מאָסקווער געגנט, טראַנסקאַווקאַז), וואָס האָבן דער־לאָזט פּאָליטישע פעלערן און האָבן ניט געקענט זיי אויספאררירכטן.

דעם 3־טן אַפּריל 1930־טן יאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן חבר סטאַלינס אַרטיקל „אַן ענטפער די חברים קאָלווירטניקעס". אין אים איז באַוויזן געוואָרן דער וואָרצל פון די פעלערן אין דער פויערים־פראַגע און די הויפּט־פעלערן אין דער קאָלווירטשישער באַוועגונג: דער ניט־ריכטיקער צוגאַנג צום מיטלפויער, דאָס ברעכן דעם לענינישן פּרינציפּ פון פרייוויליקייט ביים בויען די קאָלווירטן, דאָס ברעכן דעם לענינישן פּרינציפּ פון דיסקאָנטירן די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די באַדינגונגען אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון פ.ס.ס.ר., דאָס אַריבערשפּרינגען אַריבערן אַרטעל צו דער קאָמונע.

אין רעזולטאַט פון די אַלע מאָס־מיטלען האָט זיך די פאַרטיי דערשלאָגן די ליקווידירונג פון די איבערבויגן, וואָס די אָרטיקע טוער האָבן דערלאָזט אין אַ ריי ראַיאָנען.

ס'איז נויטיק געווען די גרעסטע פעסטקייט פונם צענטראַל־קאָמיטעט, זיין

קענען גיין קעגן דעם שטראָם, כדי רעכטצײַטיק א קער צו טאָן אויף א ריכטיקן וועג דעם באדײַטנדיקן טייל פארטיי־קאדרעו, וועלכער, זײַענדיק פארכאפּט פון די דערפאָלגן, האָט זיך האסטיק געקײַקלט אראָפּ, אָן א זייט פון דער ליניע פון דער פארטיי.

די פארטיי האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אז די פארקריפּלונגען פון דער פארטיי־ליניע אין דער קאָלווירטישער באוועגונג זײַנען ליקווידירט געוואָרן.

אויף דעם דאָזיקן יסוד זײַנען פארפעסטיקט געוואָרן די דערפאָלגן פון דער קאָלווירטישער באוועגונג.

אויף דעם דאָזיקן יסוד איז געשאפן געוואָרן א באָדן פאר א נײַעם מעכטיקן וואוקס פון דער קאָלווירטישער באוועגונג.

ביז דעם אריבערגאנג פון דער פארטיי צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באלעגופנטום, ווי א קלאס, איז אן ערנסטער אָנגריף קעגן די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן, מיטן ציל צו ליקווידירן זיי, געגאנגען, דער עיקר, לויט דער ליניע פון דער שטאָט, לויט דער ליניע פון דער אינדוסטריע. די לאנדווירטשאפט, דאָס דאָרף, איז דערווײַל אָפּגעשטאנען פון דער אינדוסטריע, פון דער שטאָט. מחמת דעם האָט דער אָנגריף געהאט אן איינזײַטיקן, ניט קיין פולן, ניט קיין אלגעמיינעם כאראקטער. אצינד אָבער, ווען די אָפּגעשטאנענקײַט פונם דאָרף האָט גענומען ווערן פארגאנגענהײַט, דער קאמף פונם פויערטום פאר דער ליקווידירונג פונם באלעגופנטום האָט זיך אָנגעצייכנט מיט דער גאנצער קלאָרקײַט, און די פארטיי איז אריבערגעגאנגען צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באלעגופנטום, — האָט דער אָנגריף קעגן די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן אָנגענומען אן אלגעמיינעם כאראקטער, דער איינזײַטיקער אָנגריף איז אריבערגעגאנגען אין אן אָנגריף איבערן גאנצן פראָנט. צום מאָמענט, ווען ס'איז צונויפגערופן געוואָרן דער זעכצנטער פארטיי־צוזאמענפאָר, האָט זיך דער אלגעמיינער אָנגריף אויף די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן געהאלטן אין פאנאנדערוויקלען שוין איבער דער גאנצער ליניע.

דער זעכצנטער פארטיי־צוזאמענפאָר איז זיך צונויפגעקומען דעם 26־טן יוני 1930־טן יאָר. אויפן צוזאמענפאָר זײַנען בײַגעווען 1.268 דעלעגאטן מיט באשטימונגס־רעכט און 891 מיט בעראטונגס־רעכט, וואָס האָבן פארטראָטן 1.260.874 מיטגלידער פון דער פארטיי און 711.609 קאנדידאטן.

דער זעכצנטער פארטיי־צוזאמענפאָר איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער פארטיי, ווי „דער צוזאמענפאָר פון פאנאנדערגעוויקלטן אָנגריף פונם סאָציאליזם א י ב ע ר ן ג א נ צ ן פ ר אָ נ ט, פון ליקווידירן דאָס באלעגופנטום, ווי א קלאס, און פון דורכפירן אין לעבן די דורכאויסיקע קאָלעקטיוויזאציע“ (ס ט א ל י ן).

אינם פּאָליטישן באריכט פונם צ.ק. האָט חבר סטאלין באוויזן, וואָס פאר א גרויסע זיגן די באָלשעוויסטישע פארטיי האָט זיך דערשלאָגן, פאנאנדערוויקלענדיק דעם סאָציאליסטישן אָנגריף.

אין געביט פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע איז דערגרייכט געוואָרן אן איבערוואָג פון ספּעציפישן געוויכט פון דער אינדוסטריע אין דער גאַנצער ברוטאָ=פּראָדוקציע פון דער פאָלקסווירטשאַפט איבער דעם ספּעציפישן געוויכט פון דער לאַנדווירטשאַפט. אין 1929—1930 ווירטשאַפטלעכן יאָר האָט דער חלק פון דער אינדוסטריע שוין באַטראָפן ניט ווייניקער ווי 53 פּראָ=צענט פון דער ברוטאָ=פּראָדוקציע פון דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט, און דער חלק פון דער לאַנדווירטשאַפט — בײַ 47 פּראָצענט.

צום פופצנטן צוזאַמענפאָר, אין 1926—1927 יאָר האָט די ברוטאָ=פּראָ=דוקציע פון דער גאַנצער אינדוסטריע געהאַט דערגרייכט סך=הכל 102,5 פּראָצענט פונם פאַר'מלחמה=ניוואָ, צום זעכצנטן צוזאַמענפאָר, ווידער, דאָס הייסט אין 1929—1930 יאָר — בײַ 180 פּראָצענט פונם פאַר'מלחמה=ניוואָ.

עס איז אַלץ פעסטער געוואָרן די שווערע אינדוסטריע, — די פּראָדוקציע פון פּראָדוציר=מיטלען, די מאַשינבויאונג.

„...מיר געפינען זיך ערב דער פאַרוואַנדלונג פון א לאַנד פון אגראַרס אין א לאַנד פון אינדוסטריעלס", — האָט דערקלערט חבר סטאַלין בײַ א שטורמישער באַוויליקונג פונם גאַנצן צוזאַמענפאָר.

נאָר די הויכע טעמפּן פון דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, האָט דערקלערט חבר סטאַלין, האָט מען ניט געטאָרט צונויפמישן מיטן ניוואָ פון דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. ניט געקוקט אויף די אומגעהערטע טעמפּן פון דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, זײַנען מיר לויטן ניוואָ פון דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע נאָך אויף א סך אָפּגעשטאַנען פון די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אַזוי איז געווען מיט דער פּראָדוקציע פון עלעקטריע=ענערגיע, ניט געקוקט אויף די קאָ=לאָסאַלע דערפאָלגן פון דער עלעקטריפיקאַציע אין פ.ס.ס.ר. אַזוי איז עס געווען מיט דער פּראָדוקציע פון מעטאַל. די פּראָדוקציע פון טשוהון אין פ.ס.ס.ר. האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט סוף 1929—1930 יאָר באַטרעפן 5,5 מיליאָן טאָן, בעת אין דײַטשלאַנד האָט אין 1929=טן יאָר די טשוהון=אויסשמעלצונג זיך אויס=געדריקט אין 13,4 מיליאָן טאָן, אין פראַנקרײַך—אין 10,45 מיליאָן טאָן. כדי צו ליקווידירן אינם קירצסטן טערמין אונזער טעכניש=עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענ=קײַט, איז נויטיק געווען א ווײַטערדיקע פאַרשנעלערונג פון די אנטוויקלונגס=טעמפּן פון אונזער אינדוסטריע, איז נויטיק געווען א העכסט אנטשיידענער קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטן, וואָס האָבן געשטרעבט אראָפּצוזעצן די אנטוויק=לונגס=טעמפּן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע.

„...די מענטשן, וואָס פּלוידערן וועגן דער נויטיקײַט אראָפּצוזעצן דעם טעמפּ פון דער אנטוויקלונג פון אונזער אינדוסטריע, זײַנען שונאים פונם סאָציאַליזם, אגענטן פון אונזערע קלאַסן=שונאים", — האָט אָנגע=וויזן חבר סטאַלין (פראַגן פון לעניניזם, ז. 369).

נאָכן דערפאָלגרײַכן אויספילן און איבערשטײַגן דעם פּלאַן פונם ערשטן יאָר פון ערשטן פינפיאָר=פּלאַן איז אין די מאסן אויפגעקומען דער לאָזונג — „אויספילן דעם פינפיאָר אין פיר יאָר“. אין א ריי פאָרגעשריטענע אינדוסטריע=צווײַגן (נאפט=אינדוסטריע, טאָרף=אינדוסטריע, אלגעמיינע מאשינבויאונג, לאנדווירטשאפטלאכע מאשינבויאונג, עלעקטריע=טעכנישע אינדוסטריע) איז די אויספילונג פונם פּלאַן געגאנגען אזוי דערפאָלגרײַך, אז אין די דאָזיקע צווײַגן האָט מען אפילו געקאָנט פארווירקלאכן די פינפיאָר=פּראָגראם אין $2\frac{1}{2}$—3 יאָר. דאָס האָט באשטעטיקט די פולע רעאלקײַט פונם לאָזונג „דעם פינפיאָר אין פיר יאָר“ און האָט דעמאסקירט דעם אָפּאָרטוניזם פון די סקעפּטיקער, וואָס האָבן געצווייפלט אין דער מעגלאכקייט צו פארווירקלאכן אים.

דער זעכצנטער צוזאמענפאָר האָט באאויפטראָגט דעם צ.ק. פון דער פּארטיי צו „זיכערן אויך אויף ווײַטער קעמפערישע באָלשעוויסטישע טעמפּן פון דער סאָציאליסטישער בויאונג, דערשלאָגן זיך א ווירקלאכע אויספילונג פונם פינפיאָר אין פיר יאָר“.

צום זעכצנטן פּארטיי=צוזאמענפאָר איז דערגרייכט געוואָרן א גאָר גרויסער איבערבראָך אין דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט פון פ.ס.ס.ר. די ברייטע מאסן פויערטום האָבן א קערעווע געטאָן צום סאָציאליזם. צום 1=טן מאי 1930=טן יאָר האָט די קאָלעקטיוויזאציע אין די גרונטיקע תבואה=ראיאָנען פון די פּראָדוצירנדיקע געגנטן ארומגעכאפּט 40—50 פּראָצענט פויערשע ווירטשאפטן (אָנשטאָט 2—3 פּראָצענט אין פרילינג 1928=טן יאָר). די פארזיי=שטח'ס פון די קאָלווירטן האָבן באטראָפן 36 מיליאָן העקטאר.

אזויארום איז איבערגעשטיגן געוואָרן די געהעכערטע פּראָגראם, וואָס איז באשטימט געוואָרן אינם באשלוס פונם צ.ק. פון 5=טן יאנואר 1930=טן יאָר (30 מיליאָן העקטאר). די פינפיאָריקע, ווידער, פּראָגראם פון דער קאָלווירטישער בויאונג איז אין פארלויף פון צוויי יאָר שוין געווען איבערגעשטיגן מער ווי אין אָנדערהאלבן מאָל.

די סחורה'דיקע פּראָדוקציע פון די קאָלווירטן איז אין דרײַ יאָר אויסגעוואקסן מער, ווי אין 40 מאָל. שוין אין יאָר 1930 האָט די מלוכה באקומען פון די קאָלווירטן, ניט רעכענענדיק די סאָווווירטן, העכער א העלפט פון דער גאנצער סחורה'דיקער תבואה=פּראָדוקציע אינם לאנד.

דאָס האָט באטײַט, אז דעם גורל פון דער לאנדווירטשאפט וועלן פון הײַנט אָן באשטימען ניט די אינדיווידועלע פויערשע ווירטשאפטן, נאָר די קאָלווירטן און סאָווווירטן.

אויב ביז דעם מאסן=ארײַנטריט פונם פויערטום אין די קאָלווירטן האָט די סאָוועטן=מאכט זיך אָנגעשפּארט, דער עיקר, אויף דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע, איז פון הײַנט אָן האָט זי זיך גענומען אָנשפּארן אויך אויפן שנעל=וואקסנדיקן סאָציאליסטישן סעקטאָר פון דער לאנדווירטשאפט, אויף די קאָלווירטן און סאָווווירטן.

דאָס קאָלווירטישע פּויערטום איז, ווי עס האָט אָנגעוויזן דער זעכצנטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין איינעם פון זײַנע באַשלוסן, געוואָרן אַ „ווירקלעכער און פעסטער אָנשפּאַר פון דער סאָוועטן־מאַכט".

### 3. די אײַנשטעלונג אויף דער רעקאָנסטרוקציע פון אַלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט. די ראָלע פון דער טעכניק. דער ווײַטערדיקער וואוקס פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג. די פּאָליטאָפּטײלן בײַ די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס. די סך־הכל׳ען פון אויספילן דעם פינפיאָר אין פיר יאָר. דער זיג פונם סאָציאַליזם איבערן גאַנצן פראָנט. דער זיבעצנטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

נאָך דעם, ווי עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די שווערע אינדוסטריע און, באַזונדערס, די מאַשינבויאונג זײַנען ניט בלויז געשאַפן און פּאַרפעקטיקט געוואָרן, נאָר זיי אַנטוויקלען זיך אויך ווייטער מיט אַ גאַנץ שנעלן טעמפּ, האָט זיך פאַר דער פּאַרטיי געשטעלט די אָרדנטלעכע אויפגאַבע — רעקאָנסטרואירן אַלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט אויף דער באַזע פון דער נײַער, דער מאָדערנער טעכניק. מע האָט געדאַרפט געבן אַ נײַע, מאָדערנע טעכניק, נײַע ווערקשטעלן, נייע מאַשינעס — דער הייצוואַרג־אינדוסטריע, דער מעטאַלורגיע, דער לײַכטער אינדוסטריע, דער שפּײַז־אינדוסטריע, דער וואַלד־אינדוסטריע, דער מיליטערישער אינדוסטריע, דעם טראַנספּאָרט, דער לאַנדווירטשאַפט. מחמת דעם קאָלאָסאַלן וואוקס פונם נאָכפרעג אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און אינדוסטריעלע אַרטיקלען איז נויטיק געווען צו פאַרצווייפאַכן, פאַרדרײַפאַכן דעם אַרויסלאָז פון דער פּראָדוקציע אין אַלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט. נאָר דערשלאָגן זיך עס איז אוממעגלאַך געווען, ניט האָבנדיק באַזאָרגט די זאַוואָדן און פאַבריקן, די סאָוווירטן און קאָלווירטן מיט אַ גענוגנדיקן סכום נײַער, מאָדערנער אויסשטאַטונג, ווײַל די אַלטע אויסשטאַטונג איז ניט בכח געווען אויפצוהייבן אַזאַ וואוקס פון דער פּראָדוקציע.

אָן דער רעקאָנסטרוקציע פון די גרונט־צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט איז ניט מעגלאַך געווען צו באַפרידיקן די נײַע, אַלץ מער וואַקסנדיקע, באַדערפענישן פונם לאַנד און פון זײַן פאָלקסווירטשאַפט.

אָן דער רעקאָנסטרוקציע איז ניט מעגלאַך געווען צו דערפירן ביזן סוף דעם אָנגריף פונם סאָציאַליזם איבערן גאַנצן פראָנט, ווײַל די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף האָט מען געדאַרפט שלאָגן און דערשלאָגן ניט בלויז מיט דער נײַער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט און פונם אייגנטום, נאָר אויך מיט דער נײַער טעכניק, מיט דער פּאָרצוגלאַכקײַט פון דער אייגענער טעכניק.

אָן דער רעקאָנסטרוקציע איז ניט מעגלעך געווען צו דעריאָגן און אריבער־יאָגן אין טעכניש־עקאָנאָמישער הינזיכט די פאָרגעשריטענע קאפּיטאליסטישע לענדער, ווײַל אויב פונם שטאַנדפּונקט פון די טעמפּן פון דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט פ.ס.ס.ר. איבערגעשטיגן די קאפּיטאליסטישע לענדער, איז אָבער פון שטאַנדפּונקט פונם ניוואָ פון דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, פון שטאַנדפּונקט פון דעם סכום פּראָדוקציע, וואָס ווערט ארויסגעלאָזט, איז פ.ס.ס.ר. נאָך אלץ ערנסט אָפּגעשטאַנען פון זיי.

כדי צו ליקווידירן די דאָזיקע אָפּגעשטאַנענקייט, האָט מען געדאַרפט באַזאָרגן אונזער גאַנצע פאָלקסווירטשאַפט מיט נײַער טעכניק, געדאַרפט רעקאָנסטרואירן אלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט אויף דער באַזע פון דער נײַער, דער מאָדערנער טעכניק.

די טעכניק האָט, אזוי־ארום, באַקומען אן אנטשיידנדיקע באַדײַטונג.

א שטערונג אין דער דאָזיקער זאַך איז געווען ניט אזוי דער מאַנגל אין נײַע מאַשינעס און ווערקשטעלן, — ווײַל די מאַשינבוי־אינדוסטריע האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו געבן נײַע אויסשטאַטונג, — ווי די ניט־ריכטיקע באַציאונג פון אונזערע ווירטשאַפטלער צו דער טעכניק, דאָס ניט־דערשאַצן די ראָלע פון דער טעכניק אינם פּעריאָד פון דער רעקאָנסטרוקציע, די ביטול־באַציאונג צו דער טעכניק. אונזערע ווירטשאַפטלעכע טוער האָבן געהאַלטן, אז טעכניק — דאָס איז א זאַך פאַר „ספּעצן“, א זאַך א צווייטראַנגיקע, וואָס איז פאַרטרויט די „בורזשואזע ספּעצן“, אז די ווירטשאַפטלער—קאָמוניסטן זײַנען ניט מחויב אַרײַנצומישן זיך אין דער טעכניק פון דער פּראָדוקציע, אז זיי דאַרפן זיך באַשעפטיקן ניט מיט קיין טעכניק, נאָר מיט א מער וויכטיקן ענין, נעמלעך — מיט „אַלגעמיינער“ אָנפירונג מיט דער פּראָדוקציע.

די בורזשואזע „ספּעצן“ האָט מען, אזוי־ארום, געלאָזט באַלעבאַטעווען מיט די ענינים פון דער פּראָדוקציע, און די ווירטשאַפטלער—קאָמוניסטן האָבן פאַר זיך איבערגעלאָזט די „אַלגעמיינע“ אָנפירונג, דאָס אונטערשרײַבן פּאַפּירן.

ס'איז נאָר איבעריק צו דערווײַזן, אז בײַ אזא באַציאונג צו דער זאַך האָט די „אַלגעמיינע“ אָנפירונג געדאַרפט דעגענערירן אין פּלוידערײַ וועגן אָנפירונג „בכלל“ און אין פּוסטער פּאַפּיר־אונטערשרײַבערײַ, אין פּאָרען זיך מיט פּאַפּיר.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אז בײַ אזא ביטול־באַציאונג צו דער טעכניק מצד די ווירטשאַפטלער—קאָמוניסטן וואָלטן מיר קיינמאָל ניט געקאָנט ניט בלויז אַריבעריאָגן, נאָר אפילו דעריאָגן די פאָרגעשריטענע קאפּיטאליסטישע לענדער. אזא באַציאונג צו דער טעכניק, און נאָך אינם פּעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע, האָט פאַראורטיילט אונזער לאַנד אויף אָפּגעשטאַנענקייט, און אונזערע אנטוויקלונגס־טעמפּן — אויף אראָפּזעצונג. אין תוך גענומען האָט אזא מין באַציאונג צו דער טעכניק פאַרדעקט, מאַסקירט דעם פאַרבאָרגענעם פאַרלאַנג פון א טייל ווירטשאַפטלער—קאָמוניסטן — צו פאַרלאַנגזאַמערן די אנטוויקלונגס־טעמפּן פון

דער אינדוסטריע, אראָפּזעצן זיי און שאַפן פאר זיך א „רואיקע אטמאָספער", ארויפוואַרפנדיק די פאראנטוואָרטלאכקייט פאר דער פּראָדוקציע אויף די „ספּעצן".

מע האָט געמוזט א קער טאָן די ווירטשאפטלער—קאָמוניסטן מיטן פּנים צו דער טעכניק, אײנפלאַנצן אין זיי א געשמאַק צו טעכניק, באַווײַזן זיי, אַז דאָס באַהערשן די נײַע טעכניק איז די לעבנס־זאַך פון די באָלשעוויקעס—ווירטשאַפטלער, אַז אָן דער באַהערשונג פון דער נײַער טעכניק ריזיקירן מיר צו פאַראורטײלן אונזער היימלאַנד אויף אָפּגעשטאַנענקײט, אויף נעבאַכדיקער עקזיסטענץ.

דאָס איז געווען אַן אויפגאַבע, וואָס אויב מע וואָלט זי ניט געלייזט, וואָלט מען ניט געקאָנט זיך באַוועגן פאָראויס.

א ביז גאָר ערנסטע ראָלע האָט אין דער דאָזיקער הינזיכט געשפּילט חבר סטאַלינס ארויסטרעטונג אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די טוער פון דער אינדוסטריע אין פעברואַר 1931־טן יאָר.

„צומאָל פרעגט מען, האָט חבר סטאַלין געזאָגט אין זײַן ארויסטרעטונג, צי קאָן מען ניט עטוואָס פאַרלאַנגזאַמערן די טעמפּן, אײַנהאַלטן די באַוועגונג. ניין, מע טאָר ניט, חברים! מע טאָר ניט אראָפּזעצן די טעמפּן!.. פאַרהאַלטן די טעמפּן — הייסט אָפּשטיין. און אָפּגעשטאַנענע שלאָגט מען. מיר אָבער ווילן ניט זײַן קיין געשלאָגענע. ניין, מיר ווילן ניט!

די געשיכטע פונם אַלטן רוסלאַנד איז באַשטאַנען, אגב, דערין, וואָס מע האָט עס אומאויפהערלאַך געשלאָגן פאַר אָפּגעשטאַנענקײט. געשלאָגן האָבן די מאָנגאָלישע כאַנען. געשלאָגן האָבן די טערקישע בעקן. געשלאָגן האָבן די שוועדישע פעאָדאַלן. געשלאָגן האָבן די פּויליש־ליטווישע פּאַנעס. געשלאָגן האָבן די ענגליש־פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן. געשלאָגן האָבן די יאַפּאַנישע באַראָנען. געשלאָגן האָבן אַלע — פאַר אָפּגעשטאַנענקײט...

מיר זײַנען אָפּגעשטאַנען פון די פאָרגעשריטענע לענדער אויף 50—100 יאָר. מיר דאַרפן דורכלויפן דעם דאָזיקן מהלך אין צען יאָר. אָדער מיר וועלן דאָס אָפּטאָן, אָדער מע וועט פון אונדז מאַכן א תל...

מאַקסימום אין צען יאָר דאַרפן מיר דורכלויפן דעם מהלך, אויף וועלכן מיר זײַנען אָפּגעשטאַנען פון די פאָרגעשריטענע לענדער פונם קאַפּיטאַליזם. דערצו האָבן מיר אַלע „אָביעקטיווע" מעגלאַכקײטן. עס פעלט נאָר דאָס קענען אויסנוצן ווי געהעריק די דאָזיקע מעגלאַכקײטן. און דאָס הענגט אָפּ פון אונדז. ב ל ו י ז פון אונדז! שוין צײַט, אַז מיר זאָלן זיך אויסלערנען אויסנוצן די דאָזיקע מעגלאַכקײטן. שוין צײַט צו מאַכן א סוף צו דער פוילער אײַנשטעלונג פון ניט אַרײַנמישן זיך אין דער פּראָדוקציע. שוין צײַט צו באַהערשן אַן אַנדערע, א נײַע אײַנשטעלונג, וואָס אַנטשפּרעכט דעם איצטיקן פּעריאָד: אַרײַנמישן זיך אין אַלץ.

ביסט דירעקטאָר פון א זאַוואָד — מיש זיך אַרײַן אין אַלע ענינים, דרינג אַרײַן אין אַלץ, לאָז קיין זאַך ניט דורך, לערן זיך און נאָכאַמאָל לערן זיך. די באָלשעוויקעס דאַרפן באַהערשן די טעכניק. שוין צײַט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן אַליין ווערן ספּעציאַליסטן. די טעכניק אינם פּעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע אַנטשיידט אַלץ" (סטאַלין, פראַגן פון לעניניזם, ז. 444—446, רוסיש).

די היסטאָרישע באַדײַטונג פון חבר סטאַלינס אַרויסטרעטונג איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געמאַכט א סוף צו דער ביטול-באַציאונג בנוגע דער טעכניק מצד די ווירטשאַפטלער—קאָמוניסטן, האָט א קער געטאָן די ווירטשאַפטלער—קאָמוניסטן מיטן פּנים צו דער טעכניק, האָט געעפנט א נײַעם פּעריאָד פון קאַמף פאַר באַהערשן די טעכניק דורך די קרעפטן פון די באָלשעוויקעס גופא און האָט דערמיט גופא פאַרלײַכטערט די זאַך פון פאַנאַנדערוויקלען די רעקאָנסטרוקציע פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

פון איצט אָן איז די זאַך פון טעכניק פאַרוואַנדלט געוואָרן פון א מאָנאָפּאָליע פון די בורזשואַזע „ספּעצן" אין א לעבנס-זאַך פון די באָלשעוויקעס—ווירטשאַפטלער גופא, און די פאַראַכטונגס-צונעמעניש „ספּעציאַליסט" — אין א בכבוד'דיקן נאָמען פון א באָלשעוויק, וואָס האָט באַהערשט די טעכניק.

פון איצט אָן האָבן זיך געדאַרפט באַווײַזן — און עס האָבן זיך ווירקלאַך נאָכדעם באַוויזן — גאַנצע מחנות, טויזנטער און צענדליקער טויזנטער רויטע ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן באַהערשט די טעכניק און זײַנען פיאיק אָנצופירן מיט דער פּראָדוקציע.

דאָס איז געווען א נײַע, סאָוועטישע, פּראָדוציר-טעכנישע אינטעליגענץ פון דעם אַרבעטער-קלאַס און פויערטום, וועלכע שטעלט מיט זיך איצט פאָר די גרונט-קראַפט פון אונזער ווירטשאַפטלאַכער אָנפירונג.

דאָס אַלץ האָט געדאַרפט פאַרלײַכטערן, — און האָט ווירקלאַך פאַרלײַכטערט, — די פאַנאַנדערוויקלונג פון דער רעקאָנסטרוקציע פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט.

די אַנטוויקלונג פון דער רעקאָנסטרוקציע איז געגאַנגען ניט בלויז לויט דער ליניע פון דער אינדוסטריע און פונם טראַנספּאָרט. מיט א נאָך מער פאַרשטאַרקטן טעמפּ האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויקלט לויט דער ליניע פון דער לאַנדווירטשאַפט. און דאָס איז פאַרשטענדלאַך: די לאַנדווירטשאַפט איז געווען ווייניקער פון אַנדערע צווײַגן אָנגעזעטיקט מיט מאַשינעס און זי האָט זיך מער פאַר אַלץ גענויטיקט, מע זאָל איר געבן נײַע מאַשינעס. און א פאַרשטאַרקטע באַזאָרגונג פון דער לאַנדווירטשאַפט מיט נײַע מאַשינעס איז באַזונדערס נויטיק געווען איצט, ווען יעדער חודש, יעדע וואָך האָט געגעבן א נײַעם וואוקס פון דער קאָלווירטישער בויאונג, און, הייסט עס, נײַע פאָדערונגען אויף טויזנטער און טויזנטער טראַקטאָרן און לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינעס.

דאָס יאָר 1931 האָט געגעבן א נײַעם וואוקס פון דער קאָלווירטישער

באוועגונג. אין די גרונטיקע תבואה⸗ראַיאָנען זיינען געווען פאַראייניקט אין די
קאָלווירטן שוין העכער 80 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פּויערשע ווירט⸗
שאַפטן. די דורכאויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע איז שוין דאָ אין גרונט געווען פאַר⸗
ענדיקט. אין די ווייניקער וויכטיקע תבואה⸗ראַיאָנען און אין די ראַיאָנען פון
טעכנישע קולטורן איז אין די קאָלווירטן געווען פאַראייניקט העכער 50 פּראָ⸗
צענט ווירטשאַפטן. 200 טויזנט קאָלווירטן און 4 טויזנט סאָווווירטן האָבן שוין
דערמאָלט פאַרזייט צוויי דריטל פונם גאַנצן פאַרזיי⸗שטח, און די אינדיווידועלע
פּויערים — בלויז איין דריטל.
דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלער זיג פונם סאָציאַליזם אין דאָרף.
דערווייל אָבער האָט זיך די קאָלווירטישע בוי־אונג אַנטוויקלט ניט אין דער
טיף, נאָר אין דער ברייט, ניט לויט דער ליניע פון פאַרבעסערן די קוואַליטעט
פון דער אַרבעט פון די קאָלווירטן און פון זייערע קאַדרען, נאָר לויט דער לי⸗
ניע פון פאַרגרעסערן די צאָל קאָלווירטן און פון אַרומכאַפּן דורך די קאָלווירטן
אַלץ נײַע און נײַע ראַיאָנען. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט זיך דערקלערט
דערמיט, וואָס דער וואוקס פונם קאָלווירטישן אַקטיוו, דער וואוקס פון די
קאָלווירטישע קאַדרען האָט ניט באַוויזן נאָכצויאָגן דעם צאָליקן וואוקס פון די
קאָלווירטן גופא. מחמת דעם איז די אַרבעט אין די נײַע קאָלווירטן ניט שטענ⸗
דיק געפירט געוואָרן צופרידנשטעליק, און אַליין די קאָלווירטן זיינען דערווייל
פאַרבליבן שוואַכע, ניט פעסט געוואָרענע. עס האָבן טאָרמאָזירט די זאַך פון
פאַרפעסטיקן די קאָלווירטן אויך אַזעלכע פאַקטן, ווי דער מאַנגל אין גראַמאָטנע
מענטשן אין דאָרף, וואָס זײַנען נויטיק פאַרן קאָלווירט (חשבון⸗פירער, ווירט⸗
שאַפט⸗פאַרוואַלטערס, סעקרעטאַרן), און די אָפּוועזנהײַט פון דערפאַרונג בײַ די
פּויערים צו פירן אַ גרויסע, קאָלווירטישע ווירטשאַפט. אין די קאָלווירטן זײַנען
געזעסן נעכטיקע אינדיווידואַלן. זיי האָבן געהאַט אַ דערפאַרונג פון פירן אַ
ווירטשאַפט אויף קליינע ערד⸗באַצירקן. זיי האָבן נאָך אָבער ניט געהאַט קיין
דערפאַרונג פון אָנפירן מיט אַ גרויסער, קאָלווירטישער ווירטשאַפט. עס האָט
זיך געפאָדערט צײַט, כדי צו באַקומען אַזאַ דערפאַרונג.
איבער די דאָזיקע אומשטענדן האָבן זיך די ערשטע צײַט אַנטפּלעקט אין
דער קאָלווירטישער אַרבעט ערנסטע פעלערן. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אין די
קאָלווירטן איז געווען נאָך שלעכט אָרגאַניזירט די אַרבעט, ס'איז שוואַך געווען
די אַרבעטס⸗דיסציפּלין. אין פיל קאָלווירטן זײַנען די הכנסות געטיילט געוואָרן
ניט לויט די טעג אַרבעט, נאָר לויט די נפשות. אָפט איז אויסגעקומען אַזוי,
אַז אַ פויליאַק האָט באַקומען מער ברויט, ווי אַ פלײַסיקער, ערלעכער קאָל⸗
ווירטניק. אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע פעלערן פון דער קאָלווירטישער
אָנפירונג האָט זיך פאַרקלענערט די פאַראינטערעסירטקייט פון די קאָלווירטני⸗
קעס אין דער אַרבעט, עס זײַנען געווען פיל פאַלן פון ניט אַרויסגיין צו דער
אַרבעט אפילו אין דער סאַמע הייסער אַרבעטס⸗צײַט, אַ טייל פונם קאָלווירטישן
פאַרזיי פלעגט פאַרבלײַבן ניט אַראָפּגענומען ביזן שניי, און דער עצם אַראָפּ⸗

נעם פלעגט דורכגעפירט ווערן נאכלעסיק, פלעגט געבן גוואלדיקע פארלוסטן פון די קערנער. די אנטפערזענלאכונג פון די מאשינעס און פערד, די אָפּוועזנקײט פון פערסאָנעלער פאראנטוואָרטלאכקײט אין דער ארבעט האָט אָפּגעשוואכט דאָס קאָלווירטישע ווען, האָט פארקלענערט די הכנסות פון די קאָלווירטן.

באזונדערס שלעכט איז געווען אין יענע ראיאָנען, וואו די געוועזענע באלע־גופים און די באלעגופישע נאָכטענצער האָט זיך איינגעגעבן דורכצוקריכן אין די קאָלווירטן אויף די אָדער אנדערע שטעלעס. ניט זעלטן פלעגן זיך די אנט־באלעגופעוועטע אריבערקלײבן אין אן אנדער ראיאָן, וואו מע האָט זיי ניט גע־קענט, און דורכקריכן דאָרטן אין א קאָלווירט, כדי צו שעדיקן און פאסקודיען. טײלמאָל פלעגן די באלעגופים איבער דער אָפּוועזנקײט פון וואכזאמקײט בײַ די פארטייאישע און סאָוועטישע טוער ארײַנדרינגען אין די קאָלווירטן אויך אין זייער אייגענעם ראיאָן. דאָס ארײַנדרינגען פון געוועזענע באלעגופים אין די קאָלווירטן איז פארלײַכטערט געוואָרן דורך דעם אומשטאנד, וואָס אין קאמף קעגן די קאָלווירטן האָבן זיי שארף געענדערט זייער טאקטיק. פריִער פלעגן די באלעגופים אָפן ארויסטרעטן קעגן די קאָלווירטן, פירן א חיה'שן קאמף קעגן די קאָלווירטישע אקטיוויסטן, קעגן די פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס, דער־מאָרדן זיי פון הינטערארום, פארברענען זייערע הײַזער, שפײַכלערס און א. וו. דער־מיט האָבן די באלעגופים געוואָלט אָנשרעקן די פויערשע מאסע, ניט לאָזן זי אין די קאָלווירטן ארײַן. אצינד, ווען דער אָפענער קאמף קעגן די קאָלווירטן האָט געליטן א־מפלה, האָבן זיי געענדערט די טאקטיק זייערע. זיי האָבן שוין ניט געשאָסן פון „אָברעזן“ (א ביקס מיט אן אָפּגעשניטענער רער), נאָר זיך פארשטעלט פאר שטילינקע, הכנעה'דיקע, צוגעלאָזטע, פולשטענדיק סאָוועטישע מענשן. ארײַנדרינגענדיק אין די קאָלווירטן, האָבן זיי שטיל גראָבנדיק געבראכט שאָדן די קאָלווירטן. אומעטום האָבן זיי זיך באמיט צו צעלייגן די קאָלווירטן פון אינעווייניק, צעשיטערן די קאָלווירטישע ארבעטס־דיסציפּלין, פארפּלאָנטערן דעם דיסקאָנט פון דער גערעטעניש, דעם דיסקאָנט פון דער ארבעט. די באלע־גופים האָבן פאר זיך געשטעלט דעם ציל צו פארניכטן דעם פערד־באשטאנד אין די קאָלווירטן און האָבן באוויזן אומצוברענגען א סך פערד. די באלעגופים פלעגן באוואוסטזיניק אָנשטעקן די פערד מיט סאפּ (א געפערלאכע פערד־קרענק), מיט קרעץ און אנדערע קראנקײַטן, פלעגן זיי איבערלאָזן אָן שום אויפ־זיכט און א. וו. די באלעגופים פלעגן קאליע מאכן די מראקטאָרן און מאשינעס.

די באלעגופים פלעגט זיך אײַנגעבן אָפּצונארן די קאָלווירטניקעס און דורכ־צופירן אומבאשטראָפט די שעדיקערײַ דערפאר, ווײַל די קאָלווירטן זײַנען נאָך געווען שוואך און ניט־דערפארן, און די קאָלווירטישע קאדרען האָבן נאָך ניט באוויזן קרעפטיק צו ווערן.

כדי צו מאכן א סוף צו דער באלעגופישער שעדיקערײַ אין די קאָלווירטן און פארשנעלערן די זאך פון פארפעסטיקן די קאָלווירטן, האָט מען געמוזט געבן די קאָלווירטן גיכע און ערנסטע הילף מיט מענשן, מיט עצות, מיט אָנפירונג.

אזא הילף האָט די קאָלווירטן געגעבן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי. אין יאַנואַר 1933 האָט דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי אָנגענומען א באשלוס וועגן אָרגאַניזירן פּאָליטישע אָפּטיילן ביי די מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציעס, וואָס באַדינען די קאָלווירטן. עס זיינען געשיקט געוואָרן אין דאָרף אריין צו הילף די קאָלווירטן 17 טויזנט פּאַרטיי-טוער אויף אַרבעט אין די פּאָליטאָפּטיילן.

דאָס איז געווען אַן ערנסטע הילף.

די פּאָליטאָפּטיילן פון די מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציעס האָבן אין פאַרלויף פון צוויי יאָר (1933 און 1934) באַוויזן דורכצומאַכן א גרויסע אַרבעט אין הינזיכט פון באַזייטיקן די פעלערן פון דער אַרבעט אין די קאָלווירטן, פון אויסכאַוועון א קאָלווירטישן אַקטיוו, פון פאַרפעסטיקן די קאָלווירטן, פון אָפּרייניקן די קאָלווירטן פון פיינטלאַכע, באַלעגופישע, שעדיקערישע עלעמענטן.

די פּאָליטאָפּטיילן האָבן מיט ערע אויסגעפילט זיי אויפגאַבע, וואָס איז פאַר זיי געשטעלט געוואָרן: זיי האָבן פאַרפעסטיקט די קאָלווירטן אין אָרגאַניזאַציאָנעל-ווירטשאַפטלאַכער הינזיכט, אויסגעכאַוועט נייע קאָלווירטישע קאַדרען, איינרעגולירט די ווירטשאַפטלאַכע אָנפירונג פון די קאָלווירטן און אויפגעהויבן דעם פּאָליטישן ניוואָ פון די קאָלווירטישע מאַסן.

א קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר אויפהויבן די אַקטיווקייט פון די קאָלווירטישע מאַסן צום קאַמף פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון די קאָלווירטן האָבן געהאַט דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די קאָלווירטניקעס—שלאָגלער (פעברואַר 1933-טן יאָר) און חבר סטאַלינס אַרויסטרעטונג אויף אים.

פאַרגלייכנדיק אין זיין אַרויסטרעטונג די אַלטע, די ביזקאָלווירטישע אָרדענונג אין דאָרף מיט דער נייער, דער קאָלווירטישער אָרדענונג, האָט חבר סטאַלין געזאָגט:

„ביי דער אַלטער אָרדענונג האָבן די פּויערים געאַרבעט אינדיווידועל, געאַרבעט אויף אַן אַלטן שטייגער, האָבן געאַרבעט ווי די זיידעס, מיט אַלטע אַרבעטס-געציינג, געאַרבעט פאַר די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, פאַר די באַלעגופים און ספּעקוליאַנטן, געאַרבעט, לעבנדיק האַלב-הונגעריק און באַרייכערנדיק אַנדערע. ביי דער נייער, דער קאָלווירטישער אָרדענונג אַרבעטן די פּויערים געמיינזאַם, אַרטעליש, אַרבעטן מיט דער הילף פון נייע געציינג — פון טראַקטאָרן און לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינעס, אַרבעטן פאַר זיך און פאַר זייערע קאָלווירטן, לעבן אָן קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, אָן באַלעגופים און ספּעקוליאַנטן, אַרבעטן צוליב דעם, כדי פון טאָג צו טאָג צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלע און קולטורעלע לאַגע“ (פראַגן פון לעניניזם, ז. 528).

אין זיין אַרויסטרעטונג האָט חבר סטאַלין באַוויזן, וואָס דאָס פּויערטום האָט זיך אין דער ווירקלאַכקייט דערשלאָגן, ווען עס האָט זיך געשטעלט אויפן קאָלווירטישן וועג. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט געהאָלפן די מיליאָניקע מאַסן אָרעמפּויערים אַריינצוגיין אין די קאָלווירטן, באַפרייען זיך פון דער באַ-

לעגנופישער פאַרקנעכטונג. האָבנדיק אָבער אַרײַנגעגאַנגען אין די קאָלווירטן און באַנוצנדיק זיך דאָרטן מיט דער בעסטער ערד און מיט די בעסטע פּראָדוציר-געצײַג, האָבן די מיליאָניקע מאַסן אָרעמפּויערים, וואָס האָבן פריִער געלעבט האַלב-הונגעריק, אַצינד זיך אויפגעהויבן אין די קאָלווירטן ביז צום ניוואָ פון מיטלפּויערים, זײַנען געוואָרן באַזאָרגטע מענשן.

דאָס איז געווען דער ערשטער שריט, די ערשטע דערגרייכונג אויפן וועג פון דער קאָלווירטישער בויאונג.

דער צווייטער שריט, האָט געזאָגט חבר סטאַלין, וועט באַשטיין אין אויפהויבן די קאָלווירטניקעס — אי די געוועזענע אָרעמפּויערים, אי די געוועזענע מיטלפּויערים — נאָך העכער און מאַכן אַלע קאָלווירטניקעס פאַרפאַרמעגלאַכע, און אַלע קאָלווירטן — פאַר באָלשעוויסטישע.

„כדי די קאָלווירטניקעס זאָלן ווערן פאַרמעגלאַכע, האָט געזאָגט חבר סטאַלין, פאָדערט זיך איצט דערצו בלויז איינס — אַרבעטן אין קאָלווירט ערלאַך, ריכטיק אויסנוצן די טראַקטאָרן און מאַשינעס, ריכטיק אויסנוצן דאָס אַרבעטס-פי, ריכטיק באַאַרבעטן די ערד, היטן דאָס קאָלווירטישע אייגנטום" (דאָרטן, ז. 532—533).

חבר סטאַלינס רעדע איז טיף אַרײַנגעדרונגען אינם באַוואוסטזײַן פון מיליאָנען קאָלווירטניקעס, איז געוואָרן אַ פּראַקטישע פּראָגראַם, אַ קאַמפּס-פּראָגראַם פון די קאָלווירטן.

צום סוף 1934-טן יאָר זײַנען די קאָלווירטן געוואָרן אַ פעסטע, אומבאַזיגבאַרע קראַפט. זיי האָבן שוין געהאַט פאַראייניקט צו דער דאָזיקער צײַט בײַ דרײַ פערטל פון אַלע פּויערישע ווירטשאַפטן אין גאַנץ פ.ס.ס.ר. און בײַ 90 פּראָצענט פונם גאַנצן פאַרזיי-שטח.

אין 1934-טן יאָר האָבן שוין אין דער לאַנדווירטשאַפט פון פ.ס.ס.ר. געאַרבעט 281 טויזנט טראַקטאָרן און 32 טויזנט קאָמבײַנען. דער פרילינגס-פאַרזיי פון 1934-טן יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן אויף 15—20 טעג שנעלער, איידער אין 1933-טן יאָר, און אויף 30—40 טעג שנעלער, איידער אין 1932 יאָר, און דער תבואה-פאַרגרייטונגס-פּלאַן איז אויסגעפילט געוואָרן אויף 3 חדשים פריִער, איידער אין 1932-טן יאָר.

אָט אַזוי האָבן זיך אין משך פון צוויי יאָר פאַרפעסטיקט די קאָלווירטן אין רעזולטאַט פון דער קאָלאָסאַלער הילף, וואָס די פּאַרטיי און די אַרבעטער-פּויערישע מלוכה האָט זיי געגעבן.

דער פעסטער זיג פון דער קאָלווירטישער אָרדענונג און דער אויפשטײַג פון דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן, האָבן געגעבן דער סאָוועטן-מאַכט די מעגלאַכקײַט אָפּצושאַפן די קאַרטן-סיסטעם אויף ברויט און אויף אַנדערע פּראָדוקטן און אײַנצושטעלן אַ פרײַען האַנדל מיט דערנערונגס-פּראָדוקטן.

אויף וויפל די פּאָליטאָפּטיילן פון די מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציעס, וואָס זײַ-

נען געשאפן געוואָרן ווי צײַטווײַליקע פּאָליטישע אָרגאנען, האָבן אויסגעפילט זייערע אויפגאבעס, האָט דער צ.ק. אָנגענומען א באשלוס צו רעאָרגאניזירן די פּאָליטאָפּטיילן פון די מ.ט.ס. אין געוויינלאכע פּארטיי-אָרגאנען, האָבנדיק צוגעפּגעאָסן די פּאָליטאָפּטיילן מיט די עקזיסטירנדיקע ראיאָנע פּארטיי-קאָמיטעטן.

אָט די אַלע דערפאָלגן, סאי אין געביט פון דער לאנדווירטשאפט, סאי אויך אין געביט פון דער אינדוסטריע, זײַנען דערגרייכט געוואָרן אדאנק דער דערפאָלגרייכער אויספילונג פונם פינפיאָר-פּלאן.

צום אָנהויב 1933-טן יאָר איז קלאָר געוואָרן, אז דער ערשטער פינפיאָר איז שוין אויסגעפילט, אויסגעפילט פארן טערמין, אויסגעפילט אין פארלויף פון פיר יאָר מיט דרײַ חדשים.

דאָס איז געווען א קאָלאָסאלער, א וועלט-היסטאָרישער זיג פון דעם ארבעטער-קלאס און פויערטום פון פ.ס.ס.ר.

אין זײַן פּאָרטראָג אויפן יאנואר-פּלענום פון צ.ק. און צ.ק.ק. פון דער פּארטיי אין 1933-טן יאָר האָט חבר סטאלין אונטערגעצויגן די סך-הכל'ען פונם ערשטן פינפיאָר. ווי עס איז קלאָר געוואָרן פונם פּאָרטראָג, האָבן די פּארטיי און די סאָוועטן-מאכט זיך דערשלאָגן אינם פארגאנגענעם פעריאָד, אינם פעריאָד פונם אויספילן דעם ערשטן פינפיאָר, פאָלגנדיקע גרונט-רעזולטאטן.

א) פ.ס.ס.ר. איז פון אן אגראר לאנד פארוואנדלט געוואָרן אין אן אינדוסטריעל לאנד, — ווײַל דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין דער גאנצער פּראָדוקציע פון דער פאָלקסווירטשאפט איז אויסגעוואקסן ביז 70 פּראָצענט.

ב) די סאָציאליסטישע ווירטשאפט-סיסטעם האָט ליקווידירט די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן אין געביט פון דער אינדוסטריע און איז געוואָרן די איינציקע ווירטשאפט-סיסטעם אין דער אינדוסטריע.

ג) די סאָציאליסטישע ווירטשאפט-סיסטעם האָט ליקווידירט דאָס באלעבאָטישע פּויערשאפט? — פּנטום, ווי א קלאס, אין געביט פון דער לאנדווירטשאפט און איז געוואָרן די הערשנדיקע קראפט אין דער לאנדווירטשאפט.

ד) די קאָלווירטישע אָרדענונג האָט פארניכטעט דעם דלות, די אָרעמקייט אין דאָרף, — צענדליקער מיליאָנען אָרעמפויערים האָבן זיך דערהויבן צו דער לאגע פון באזאָרגטע מענשן.

ה) די סאָציאליסטישע סיסטעם אין דער אינדוסטריע האָט פארניכטעט די ארבעטסלאָזיקייט, אײַנגעהיט דעם 8-שעה'יקן ארבעטס-טאָג אין א ריי פּראָדוקציע-צווײַגן, איז אריבער אויף א 7-שעה'יקן ארבעטס-טאָג אין דער איבערוועגנדיקער מערהײַט אונטערנעמונגען, האָט אײַנגעשטעלט א 6-שעה'יקן ארבעטס-טאָג אין די אונטערנעמונגען, וואָס זײַנען שעדלאך פארן געזונט.

ו) דער זיג פונם סאָציאליזם אין אלע געביטן פון דער פאָלקסווירטשאפט האָט פארניכטעט די עקספּלואטאציע פון מענש דורך מענש.

די באַדײַטונג פֿון אָט די אַלע דערגרייכונגען פֿונם ערשטן פֿינפֿיאָר איז באַשטאַנען, פֿריִער פֿאַר אַלץ, דערין, וואָס זיי האָבן ענדגילטיק באַפֿרײַט די אַרבעטער און פּויערים פֿון דעם יאָך פֿון עקספּלואַטאַציע און האָבן געעפֿנט דעם וועג פֿאַר אַ ל ע אַרבעטנדיקע פֿון פ.ס.ס.ר. צו זיכערן זיך אַ פֿאַרמעגלאַך און קולטורעל לעבן.

אין יאַנואַר 1934־טן יאָר איז זיך צונויפֿגעקומען דער זיבעצנטער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר. אויפֿן צוזאַמענפֿאָר זײַנען בײַגעווען 1.225 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט און 736 דעלעגאַטן מיט באַראַטונגס־רעכט, וואָס האָבן פֿאַרטראָטן 1.874.488 מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי און 935.298 קאַנדידאַטן.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט אונטערגעצויגן דעם סך־הכּל פֿון דער אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי פֿאַרן פֿאַרגאַנגענעם פּעריאָד, האָט פֿאַרצייכנט די אַנטשיידנדיקע דערפֿאָלגן פֿונם סאָציאַליזם אין אַלע צווײַגן פֿון דער ווירטשאַפֿט און קולטור און האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די גענעראַלע ליניע פֿון דער פּאַרטיי האָט געזיגט איבער דער גאַנצער ליניע.

דער זיבעצנטער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר איז אַרײַן אין דער געשיכטע, אַלס „צוזאַמענפֿאָר פֿון זיגער“.

אין זײַן באַריכט־פֿאָרטראָג האָט חבר סטאַלין פֿאַרצייכנט די ראַדיקאַלע איבערגעשטאַלטונגען, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין פ.ס.ס.ר. אינעם באַריכט־פּעריאָד.

„פ.ס.ס.ר. האָט זיך אין דעם דאָזיקן פּעריאָד איבערגעשטאַלטעט ראַדיקאַל, האָבנדיק אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם אויסזעען פֿון אָפּגעשטאַנענקײַט און מיטלאַלטער. פֿון אַ לאַנד אַן אַגראַרס איז ער געוואָרן אַ לאַנד אַן אינדוסטריעלס. פֿון אַ לאַנד פֿון קליינער אינדיווידועלער לאַנדווירטשאַפֿט איז ער געוואָרן אַ לאַנד פֿון קאָלעקטיווער גרויסער מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפֿט. פֿון אַ לאַנד אַ פֿינסטערס, אַ ניט־גראַמאָטנעם און אומקולטורעלס איז ער געוואָרן — ריכטיקער, ווערט ער — אַ לאַנד אַ גראַמאָטנעם און אַ קולטורעלס, וואָס איז באַדעקט מיט אַ קאָלאָסאַלער נעץ הויכע, מיטלע און נידעריקע שולן, וועלכע פֿונקציאָנירן אויף די שפּראַכן פֿון די נאַציאָנאַליטעטן פֿון פ.ס.ס.ר.“ (ס ט א ל י ן, פֿראַגן פֿון לעניניזם, ז. 553, רוסיש).

די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע האָט שוין צו דער דאָזיקער צײַט באַטראָפֿן 99 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער אינדוסטריע פֿונם לאַנד. די סאָציאַליסטישע לאַנדווירטשאַפֿט — די קאָלווירטן און סאָווווירטן האָבן פֿאַרנומען בײַ 90 פּראָצענט פֿונם גאַנצן פֿאַרזיי־שטח פֿונם לאַנד. וואָס איז שייך דעם סחורה־אומזאַץ, זײַנען די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פֿולשטענדיק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿונם האַנדל.

בײַם אײַנפֿירן די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק האָט לענין געזאָגט, אַז אין אונזער לאַנד זײַנען פֿאַראַן די עלעמענטן פֿון פֿינף געזעלשאַפֿטלעך־עקאָנאָמישע

סיסטעמען. די ערשטע סיסטעם איז די פּאַטריאַרכאַלע ווירטשאַפט, אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס אַ נאַטורעלע ווירטשאַפט, דאָס הייסט, אַזאַ, וואָס פירט כמעט ניט קיין שום האַנדל. די צווייטע סיסטעם איז די קליין-סחורה'דיקע פּראָדוקציע, די מערהײַט פּויערשע ווירטשאַפטן, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט פאַרקויפן לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, און האַנטווערקער. די דאָזיקע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם האָט אין די ערשטע יאָרן פון נעפּ אַרומגעכאַפּט די מערהײַט באַפעלקערונג. די דריטע סיסטעם איז דער פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכער קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט גענומען אויפלעבן אין אָנהויב נעפּ. די פערטע סיסטעם איז דער מלוכה'שער קאַפּיטאַליזם, הויפּטזאַכלעך, קאָנצעסיעס, וועלכע האָבן ניט באַקומען קיין וויפל-ס'ניט-איז באַדײַטנדיקע אַנטוויקלונג. די פינפטע סיסטעם איז דער סאָציאַליזם, די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען שוואַך; די סאָוווירטן און קאָלווירטן, וואָס האָבן אין אָנהויב נעפּ פאַרנומען אַ נישטיק אָרט אין דער פאָלקסווירטשאַפט; דער מלוכה'שער האַנדל און די קאָאָפּעראַציע, וואָס זײַנען אויך אין אָנהויב נעפּ געווען שוואַך.

לענין האָט אויפגעוויזן, אַז פון אַט די אַלע סיסטעמען דאַרף געמען די אויבערהאַנט די סאָציאַליסטישע סיסטעם.

די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק איז געווען אויסגערעכנט אויף אַ פולשטענדיקן זיג פון די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט-פאָרמען.

און דער דאָזיקער ציל איז צום זיבעצנטן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר שוין געווען פאַרווירקלעכט.

„מיר קאָנען איצט זאָגן, האָט מכח דעם געזאָגט חבר סטאַלין, אַז די ערשטע, דריטע און פערטע געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע סיסטעמען עקזיסטירן שוין ניט, די צווייטע געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע סיסטעם איז אָפּגעשטויסן אויף צווייטראַנגיקע פּאָזיציעס, און די פינפטע געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע סיסטעם — די סאָציאַליסטישע סיסטעם, איז די אַבסאָליוט הערשנדיקע און די איינציק קאָמאַנדירנדיקע קראַפט אין דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט“ (פראַגן פון לעניניזם, ז. 555).

די פראַגן פון דער אידייאיש-פּאָליטישער אָנפירונג האָבן פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין חבר סטאַלינס פּאָרטראָג. ער האָט געוואָרנט די פּאַרטיי, אַז כאָטש די שונאים פון דער פּאַרטיי, די אָפּאָרטוניסטן פון אַלע קאָלירן, די נאַציאָנאַל-אָפּנייגלער פון אַלע מינים זײַנען צעקלאַפּט, נאָר די רעשטלעך פון זייער אידעאָלאָגיע לעבן נאָך אין די מוחות פון באַזונדערע פּאַרטיי-מיטגלידער און גיבן וועגן זיך ניט זעלטן צו וויסן. די איבערבלײַבאכצן פונם קאַפּיטאַליזם אין דער עקאָנאָמיק און באַזונדערס אין דעם באַוואוסטזײַן פון די מענשן זײַנען אַ גינסטיקער באָדן פאַר דער אויפלעבונג פון דער אידעאָלאָגיע פון די צעקלאַפּטע אַנטילעניניסטישע גרופּעס. דער באַוואוסטזײַן פון די מענשן שטייט אין זײַן אַנטוויקלונג אָפּ פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע. די איבערבלײַבאכצן פון די בור-

זשואזע אָנשוויאונגען פארבלײַבן דערײַבער אין די מוחות פון די מענטשן און זיי ווערן נאָך פארבלײַבן, כאָטש אין דער עקאָנאָמיק איז שוין דער קאפּיטאליזם ליקווידירט. דערבײַ דארף מען נעמען אין אכט, אז די קאפּיטאליסטישע ארומ=רינגלונג, וואָס קען איר דארף מען דעם פולווער האלטן טרוקן, באמיט זיך אויפלעבן און אונטערהאלטן די דאָזיקע איבערבלײַבאכצן.

חבר סטאלין האָט זיך, אגב, אָפּגעשטעלט אויף די איבערבלײַבאכצן פונם קאפּיטאליזם אינם באוואוסטזײַן פון די מענטשן אין געביט פון דער נא=ציאָנאלער פראגע, דאָרטן, וואו זיי זײַנען באזונדערס לעבהאפט. די פארטיי באָלשעוויקעס האָט געקעמפט אויף צוויי פראָנטן — סאי קעגן דעם אָפּנויג צום גרויס=רוסישן שאָוויניזם, סאי אויך קעגן דעם אָפּנויג צום אָרטיקן נאציאָנא=ליזם. אין א רײ רעפּובליקן (אוקראאינע, ווײַסרוסלאנד און אנד.) האָבן די פארטיי=אָרגאניזאציעס אָפּגעשוואכט דעם קאמף קעגן דעם אָרטיקן נאציאָנא=ליזם, האָבן אים געלאָזט צעוואקסן זיך אזוי, אז ער האָט זיך צונויפגעשלאָסן מיט פײַנטלאכע קרעפטן, זיך צונויפגעשלאָסן מיט אינטערווענציאָניסטן, איז געוואָרן א מלוכה'שע געפאר. ענטפערנדיק אויף דער פראגע, וועלכער אָפּנויג אין דער נאציאָנאלער פראגע איז די הויפּט=געפאר, האָט חבר סטאלין געזאָגט:

„די הויפּט=געפאר שטעלט מיט זיך פאָר יענער אָפּנויג, קעגן וועלכן מע האָט אויפגעהערט צו קעמפן און וועלכן מע האָט, אזויארום, געלאָזט צעוואקסן זיך ביז א מלוכה'שער געפאר" (דאָרטן, ז. 587).

חבר סטאלין האָט גערופן די פארטיי צו פארשטארקן די אידייאיש=פּאָליטישע ארבעט, סיסטעמאטיש דעמאסקירן די אידעאָלאָגיע און די רעשטלאך פון דער אידעאָלאָגיע פון די פײַנטלאכע קלאסן און פון די שטרעמונגען, וואָס זײַנען פײַנטלאך דעם לעניניזם.

חבר סטאלין האָט, ווײַטער, אָנגעוויזן אין זײַן פאָרטראָג, אז דאָס אָננע=מען ריכטיקע באשלוסן זיכערט נאָך ניט אָן און פאר זיך דעם דערפאָלג פון דער זאך; כדי צו זיכערן דעם דערפאָלג פון דער זאך איז נויטיק ריכטיק פאנאנדערשטעלן די מענטשן, וואָס זײַנען פעיאיק דורכצופירן אין לעבן די באשלוסן פון די אָנפירנדיקע אָרגאנען, און אָרגאניזירן א קאָנטראָל פון דער אויספילונג פון די דאָזיקע באשלוסן. אָן די דאָזיקע אָרגאני=זאציאָנעלע מאָס=מיטלען ריזיקירן די באשלוסן צו פארבלײַבן פּאפּירענע באשטי=מונגען, אָפּגעריסענע פונם לעבן. דאָ האָט זיך חבר סטאלין פאררופן אויף לענינס באוואוסטער הנחה וועגן דעם, אז דאָס עיקר'דיקע אין דער אָרגאניזא=ציאָנעלער ארבעט איז—צוקלײַבן די מענטשן און קאָנטראָלירן די אויספילונג. דערבײַ האָט חבר סטאלין אונטערגעשטראָכן, אז דער אײַנרײַס צווישן די אָנגענומענע באשלוסן און דער אָרגאניזאציאָנעלער אר=בעט פון אויספילן די באשלוסן, פון קאָנטראָלירן די אויספילונג פון די דאָזיקע באשלוסן בילדעט דאָס גרונט=בייז פון אונזער פּראקטישער ארבעט.

כדי צו פאַרבעסערן די זאַך פון קאָנטראָלירן די אויספילונג פון די באַשלוסן פון דער פאַרטיי און רעגירונג האָט דער זיבעצנטער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר אָנשטאָט דער צ.ק.ק.—ר.ק.אי., וואָס האָט זינט דעם צוועלפטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר שוין באַוויזן אויסצופילן אירע אויפגאַבעס, געשאַפן א קאָמיסיע פון פאַרטיי־קאָנטראָל בײַם צ.ק. אל.ק.פּ.(ב.) און א קאָמיסיע פון סאָוועטישן קאָנטראָל בײַם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון פ.ס.ס.ר.

חבר סטאַלין האָט אַזוי פאָרמולירט די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבעס פון דער פאַרטיי אויפן נײַעם עטאַפּ:

1) צופּאַסן אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט צו די פאָדערונגען פון דער פּאָליטישער ליניע פון דער פאַרטיי;

2) אויפהויבן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנפירונג ביז צום ניוואָ פון דער פּאָליטישער אָנפירונג;

3) דערשלאָגן זיך דערצו, אַז די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנפירונג זאָל פולשטענדיק זיכערן דאָס דורכפירן אין לעבן די פּאָליטישע לאָזונגען און באַשלוסן פון דער פאַרטיי.

פאַרענדיקנדיק דעם פאָרטראַג, האָט חבר סטאַלין געוואָרנט, אַז כאָטש די דערפאָלגן פונם סאָציאַליזם זײַנען גרויס און זיי רופן אַרויס א געפיל פון געזעצלאַכן שטאָלץ, דאַרף מאַר מען ניט פאַרכאַפּט ווערן פון די דערגרייכטע דערפאָלגן, מע טאָר זיך ניט „פאַררײַסן" און אײַנוויגן זיך.

„...ניט אײַנוויגן דאַרף מען די פאַרטיי, — נאָר אַנטוויקלען אין איר די וואַכזאַמקײַט, ניט אײַנשלעפערן זי, — נאָר האַלטן אין א צושטאַנד פון שלאַכט־גרייטקײַט, ניט אַנטוואָפענען, נאָר באַוואָפענען, ניט דעמאָביליזירן, — נאָר האַלטן זי אין א צושטאַנד פון מאָביליזאַציע צוליב פאַרווירקלאַכן דעם צווייטן פינפיאָר",—האָט אָנגעוויזן חבר סטאַלין (פראַגן פון לעניניזם, ז. 596).

דער זיבעצנטער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעהערט פאָרטראָגן פון די חברים מאָלאָטאָוו און קויבישעוו וועגן דעם צווייטן פינפיאָריקן פּלאַן פון דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט. די אויפגאַבעס פונם צווייטן פינפיאָר־פּלאַן זײַנען געווען נאָך מער גראַנדיעזע, איידער די אויפגאַבעס פונם ערשטן פינפיאָר. צום סוף צווייטן פינפיאָר, אין יאָר 1937, האָט די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע געדאַרפט אויסוואַקסן, אין ערך, אין אַכט מאָל אַזויפיל אין פאַרגלײַך מיטן פאַר'מלחמה־ניוואָ. דער פאַרנעם פון די קאַפּיטאַלע אַרבעטן אין דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט איז אָנגעמערקט געוואָרן אויפן צווייטן פינפיאָר אין דער גרויס פון 133 מיליאַרד רובל לגבי העכער 64 מיליאַרד רובל אינם ערשטן פינפיאָר.

אַזא מין קאָלאָסאַלער שוואונג פון די קאַפּיטאַלע אַרבעטן האָט געזיכערט א פולשטענדיקע טעכנישע איבערבאַוואָפענונג פון אַלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

אינם צווייטן פינפיאָר איז אין גרונט פאַרענדיקט געוואָרן די מעכאַניזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. די מעכטיקייט פונם טראַקטאָר-פּאַרק האָט זיך געדאַרפט פאַרגרעסערן פון צוויי מיט א פערטל מיליאָן פערד-קראַפט אין 1932-טן יאָר ביז העכער אכט מיליאָן פערד-קראַפט אין 1937-טן יאָר. ס'איז אָנגעמערקט געוואָרן אײַנצוגלידערן ברייט די סיסטעם פון אַגראָטעכנישע מאָסמיטלען (ריכטיקע זיי-פּאַרקערן, פאַרזייען מיט ריין-סאָרטיקער זריעה, אויפאַקערן פריר-ערד א.ד.גל.).

קאָלאָסאַלע אַרבעטן זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן אויף רעקאָנסטרואירן טעכניש דעם טראַנספּאָרט און די פאַרבינדונג.

עס איז אָנגעמערקט געוואָרן א ברייטע פּראָגראַם פון ווייטערדיקער העכערונג פונם מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ פון די אַרבעטער און פּויערים.

דער זיבעצנטער צוזאַמענפאָר האָט געשענקט גרויס אויפמערקזאַמקייט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן און האָט אָנגענומען ספּעציעלע באַשלוסן איבער די פראַגן פון דער פּאַרטייאישער און סאָוועטישער בויאונג לויטן פאָרטראָג פונם חבר קאַהאַנאָוויטש. די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגע האָט באַקומען נאָך א גרעסערע באַדײַטונג, ווען די גענעראַלע ליניע פון דער פּאַרטיי האָט געזיגט, ווען די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי איז דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרן דורכן לעבן, דורך דער דערפאַרונג פון מיליאָנען אַרבעטער און פּויערים. די נײַע קאָמפּליצירטע אויפגאַבעס פונם צווייטן פינפיאָר האָבן געפאָדערט צו העכערן די קוואַליטעט פון דער אַרבעט אין אַלע צווײַגן.

„די גרונט-אויפגאַבעס פונם צווייטן פינפיאָר — דאָס ענדגילטיקע ליקווידירן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, דאָס בײַקומען די איבערבלײַבאַכצן פונם קאַפּיטאַליזם אין דער עקאָנאָמיק און אינם באַוואוסטזײַן פון די מענשן, דאָס פאַרענדיקן די רעקאָנסטרוקציע פון דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט אויף דער נייסטער טעכנישער באַזע, דאָס באַהערשן די נײַע טעכניק און די נײַע אונטערנעמונגען, דאָס מאַשיניזירן די לאַנדווירטשאַפט און דאָס אויפהויבן איר פּראָדוקטיווקייט — שטעלן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע וועגן *העכערן די קוואַליטעט פון דער אַרבעט אין אַלע צווײַגן, אין דער ערשטער ריי די קוואַליטעט פון דער אָרגאַניזאַציאָנעל-פּראַקטישער אָנפירונג*“, — איז געזאָגט געוואָרן אין די באַשלוסן פונם צוזאַמענפאָר איבער די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן (די אַל.ק.פּ.(ב.) אין רעזאָליוציעס, ט. II, ז. 591, רוסיש).

אויפן זיבעצנטן צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן א נײַער פּאַרטיי-סטאַטוט, וואָס אונטערשיידט זיך פון דעם אַלטן סטאַטוט פון דער פּאַרטיי פריִער פאַר אַלץ דערמיט, וואָס אינם סטאַטוט איז אַרײַנגעפירט געוואָרן אן אײַנלייטונגס-טייל. אינם אײַנלייטונגס-טייל פונם סטאַטוט ווערט געגעבן א קורצע דעפינירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, א דעפינירונג פון איר באַדײַטונג פאַרן

קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט און דאָס אָרט אירס אין דער סיסטעם אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. דער נייער סטאַטוט רעכנט גענוי אויס די פליכטן פון א פאַרטיי־מיטגליד. עס זיינען אין אים אַריינגעפירט שטרענגערע כּללים פון אויפנעמען אין דער פאַרטיי און א פונקט וועגן גרופּעס פון מיטפילנדיקע. אינם סטאַטוט איז מער גענוי פאַנאַנדערגעאַרבעט די פראַגע וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון דער פאַרטיי, עס זיינען אויף א נייעם אופן פאָרמולירט די פונקטן וועגן די פריערדיקע קעמערלאַך פון דער פאַרטיי — די ערשטיקע אָרגאַניזאַציעס, ווי מע האָט זיי גענומען רופן פון דעם זיבעצנטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. אויף א נייעם אופן זיינען אינם נייעם סטאַטוט אויך פאָרמולירט די פונקטן וועגן דער אינערלאַך־פאַרטייאישער דעמאָקראַטיע און דער פאַרטיי־דיסציפּלין.

## 4. דער איבערגעבורט פון די בוכאַרינצעס אין פּאָליטישע צוויי־פּנים׳דיקע. דער איבערגעבורט פון די טראָצקיסטישע צוויי־פּנים׳דיקע אין א ווייסגוואַרדייאישע באַנדע מערדער און שפּיאָנען. די רוצח׳ישע דערמאָרדונג פון ס. מ. קיראָוו. די מאָס־מיטלען פון דער פאַרטיי צו פאַרשטאַרקן די וואַכזאַמקייט פון די באָלשעוויקעס.

די דערפאָלגן פונם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד האָבן פאַרשאַפט פרייד ניט בלויז דער פאַרטיי, ניט נאָר די אַרבעטער און קאָלווירטניקעס. זיי האָבן פאַרשאַפט פרייד אויך אונזער גאַנצער סאָוועטישער אינטעליגענץ, אַלע ערלאַכע בירגער פון פ.ס.ס.ר.

ניט געפרייט און אַלץ מער בייז געמאַכט האָבן זיי די רעשטלאַך פון די צעקלאַפּטע עקספּלואַטאַרישע קלאַסן.

זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין משוגע׳נער ווילדקייט די אונטערבאָמקער פון די צעקלאַפּטע קלאַסן — די געבאַכדיקע רעשטלאַך פון די בוכאַרינצעס און טראָצקיסטן.

די דאָזיקע הערן האָבן געשאַצט די דערגרייכונגען פון די אַרבעטער און קאָלווירטניקעס ניט פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פונם פאָלק, וואָס האָט באַגריסט יעטווידע אַזא דערגרייכונג, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון זייער געבאַכדיקער, פונם לעבן אָפּגעריסענער און דורך און דורך פאַרפוילטער פראַקציאָנעלער גרופּע. אַזוי ווי די דערפאָלגן פונם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד האָבן באַטייט דעם זיג פון דער פּאָליטיק פון דער פאַרטיי און דעם ענדגילטיקן דורכפאַל פון דער פּאָליטיק פון די דאָזיקע הערן, איז אָנשטאָט דעם, זיי זאָלן אָנערקענען די באַשטימפּערלאַכע פאַקטן און אײַנשליסן זיך אין דער אַלגעמיינער זאַך, האָבן זיי אָנגעהויבן נקמה נעמען פון דער פאַרטיי און

פונם פאָלק פאַר זייערע מפּלות, פאַר זייער דורכפאַל, האָבן אָנגעהויבן פּאַסקודיען און שעדיקן דער זאַך פון די אַרבעטער און קאָלווירטניקעס, אויפרייסן שאַכטעס, אונטערצינדן זאַוואָדן, שעדיקן אין די קאָלווירטן און סאָווווירטן,— כדי אַראָפּצורייסן די דערגרייכונגען פון די אַרבעטער און קאָלווירטניקעס און אַרויסרופן אינעם פאָלק אַן אומצופרידנקייט מיט דער סאָוועטן-מאַכט. און כדי דערביי איינצוהיטן זייער גײַסטיקע גרופּע פון אַ דעמאַסקירונג און צעשמעטערונג, האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אויף זיך אַ מאַסקע פון מענטשן איבערגעגעבענע דער פּאַרטיי, האָבן גענומען אַלץ מער און מער אונטער׳חנפה׳נען זיך צו דער פּאַרטיי, זינגען לויב-געזאַנגען דער פּאַרטיי, קריכן אויף אַלע פיר פאַר איר, פאַרזעצנדיק פּאַקטיש זייער פאַרבאָרגענע אונטערדרייסערישע טעטיקייט קעגן די אַרבעטער און פּויערים.

אויפן זיבעצנטן צוזאַמענפאָר זײַנען בוכאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי אַרויסגעטראָטן מיט תשובה-רעדעס, זינגענדיק שבחים דער פּאַרטיי, דערהויבנדיק ביזן הימל די דערגרייכונגען אירע. דער צוזאַמענפאָר האָט אָבער געפילט, אַז די רעדעס זייערע טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון ניט-אויפריכטיקייט און צוויי-פּנים׳דיקייט, ווײַל די פּאַרטיי פאָדערט פון אירע מיטגלידער — ניט צו זינגען לויב-געזאַנגען און שבחים אירע דערגרייכונגען, נאָר ערלאַכע אַרבעט אויפן פראָנט פונם סאָציאַליזם, וואָס דאָס, אגב, האָט מען שוין לאַנג ניט באַמערקט מצד די בוכאַרינצעס. די פּאַרטיי האָט געזען, אַז פּאַקטיש רופן זיך די דאָזיקע הערן איבער אין זייערע פאַלשע רעדעס מיט זייערע אָנהענגער אויסערן צוזאַמענפאָר, זיי לערנען זיי צוויי׳פּנים׳דיקייט און רופן זיי ניט אַוועקצולייגן דאָס געווער.

אויפן זיבעצנטן צוזאַמענפאָר זײַנען אַרויסגעטראָטן אויך די טראָצקיסטן — זינאָוויעוו און קאַמעניעוו, שמײַסנדיק זיך איבער דער מאָס פאַר זייערע פעלערן און זינגענדיק לויב-געזאַנגען דער פּאַרטיי — אויך איבער דער מאָס — פאַר אירע דערגרייכונגען. דער צוזאַמענפאָר האָט אָבער ניט געקאָנט ניט זען, אַז סײַ די צום האַרצן שלאָגנדיקע זעלבסט-שמײַסונג, סײַ אויך דאָס פריקרעזיסע שבחים-זינגען דער פּאַרטיי שטעלן מיט זיך פאָר די לינקע זײַט פון דעם אומרײַנעם און אומרואיקן געוויסן פון די דאָזיקע הערן. די פּאַרטיי האָט נאָך אָבער ניט געוואוסט, ניט געוואוסט, זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז, אַרויסטרעטנדיק אויפן צוזאַמענפאָר מיט זיסינקע רעדעס, האָבן די דאָזיקע הערן גלײַכצײַטיק געגרייט די רוצח׳ישע דערמאָרדונג פון ס. מ. קיראָוון.

דעם 1-טן דעצעמבער 1934-טן יאָר איז אין לענינגראַד אין סמאָלני פון אַ רעוואָלווער-שאָס רוצח׳יש דערמאָרדעט געוואָרן ס. מ. קיראָוו.

דער מערדער, וואָס איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן אָרט פון פאַרברעכן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַ מיטגליד פון אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער אונטערערדישער גרופּע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון צווישן די אָנטיילנעמער פון דער אַנטיסאָוועטישער זינאָוויעווישער גרופּע אין לענינגראַד.

די דערמאָרדונג פון ס. מ. קיראָוו, דעם ליבלינג פון דער פּאַרטיי, דעם ליבלינג פונם אַרבעטער=קלאַס האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקן צאָרן און טיפן טרויער בײַ די אַרבעטנדיקע פון אונזער לאַנד.

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין יאָר 1933—1934 האָט זיך אין לענינגראַד פון צווישן די געוועזענע אָנטיילנעמער פון דער זינאָוויעווישער אָפּאָזיציע אויסגעבילדעט אַן אונטערערדישע קאָנטער=רעוואָליוציאָנערע טעראָריסטישע גרופּע בראש מיטן אַזוי גערופענעם „לענינגראַדער צענטער". די דאָזיקע גרופּע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערמאָרדן די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַלס ערשטער קרבן איז אָנגעמערקט געוואָרן ס. מ. קיראָוו. פון די באַווײַזן פון די אָנטיילנעמער פון דער דאָזיקער קאָנטער=רעוואָליוציאָנערער גרופּע איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי זײַנען געווען פאַרבונדן מיט פאָרשטייער פון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, האָבן באַקומען פון זיי געלט.

די דעמאַסקירטע אָנטיילנעמער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זײַנען דורך דער מיליטער=קאָלעגיע פונם אויבער=געריכט פון פ.ס.ס.ר. פאַראורטיילט געוואָרן צו דער העכסטער שטראָף=מאָס—צו צעשיסונג.

אינגיכן איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ס'איז פאַראַן אַן אונטערערדישער קאָנטער=רעוואָליוציאָנערער „מאָסקווער צענטער". די אויספאָרשונג און דער געריכט האָבן קלאָר געמאַכט די העסלאַכע ראָלע פון זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, יעוודאָקימאָוו און אַנדערע אָנפירער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אין הינזיכט פון דערציען צווישן זייערע גענויגונגס=קאָלעגן טעראָריסטישע שטימונגען, אין הינזיכט פון צוגרייטן אַ דערמאָרדונג פון די מיטגלידער פונם צ.ק. און פון דער סאָוועטן=רעגירונג.

די צוויי'פּנים'דיקײַט און די נידערטרעכטיקייט פון די דאָזיקע מענשן זײַנען דערגאַנגען דערצו, אַז זינאָוויעוו — איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אינספּיראַטאָרן פונם דערמאָרדן ס. מ. קיראָוו, דער, וואָס האָט צוגעאײַלט דעם מערדער, ער זאָל וואָס גיכער אויספילן די דאָזיקע רציחה, — האָט אָנגעשריבן אַ לויב=נעקראָלאָג אויף קיראָווס טויט, פאָדערנדיק, מע זאָל אים אָפּדרוקן.

פאַרשטעלנדיק זיך אויפן געריכט פאַר בעלי=תשובה, האָבן די זינאָוויעווצעס פאַקטיש אויך אין דעם דאָזיקן מאָמענט פאָרגעזעצט צו זײַן צוויי'פּנים'דיק. זיי האָבן אויסבאַהאַלטן זייער פאַרבינדונג מיט טראָצקין. זיי האָבן אויסבאַהאַלטן, אַז זיי האָבן צוזאַמען מיט די טראָצקיסטן זיך פאַרקויפט צו די פאַשיסטישע אויסשפּירונגען, האָבן אויסבאַהאַלטן זייער שפּיאָניש=שעדיקערישע טעטיקײַט. די זינאָוויעווצעס האָבן אויסבאַהאַלטן אויפן געריכט זייער פאַרבינדונג מיט די בוכאַרינצעס, אַז עס איז פאַראַן אַ פאַראייניקטע טראָצקיסטיש=בוכאַרינישע באַנדע געדונגענע אַגענטן פונם פאַשיזם.

די דערמאָרדונג פונם חבר קיראָוו, ווי דאָס איז קלאָר געוואָרן שפּעטער, איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער דאָזיקער פאַראייניקטער טראָצקיסטיש=בוכאַרינישער באַנדע.

שוין דעמאָלט, אין יאָר 1935, איז קלאָר געוואָרן, אז די זינאָוויעוו־ישע גרופּע איז א פאַרמאַסקירטע ווײַסגווארדייאישע אָרגאַניזאַציע, וואָס פּאַרדינט פּוילשטענדיק, מע זאָל זיך מיט אירע מיטגלידער באַגיין, ווי מיט ווײַסגוואַר־דייער.

אין א יאָר ארום איז באַוואוסט געוואָרן, אז די עכטע, דירעקטע און ווירק־לאכע אָרגאַניזאַטאָרן פון דערמאָרדן קיראָוון און די אָרגאַניזאַטאָרן פון די צו־גרייטונגס־שריט צו דערמאָרדן די אנדערע מיטגלידער פון צ.ק. זײַנען געווען טראָצ־קי, זינאָוויעוו, קאַמענעוו און זייערע קאָמפּאַניאָנען. צום געריכט זײַנען איבערגע־געבן געוואָרן זינאָוויעוו, קאַמענעוו, באַקאַיעוו, יעוודאָקימאָוו, פּיקעל, סמירנאָוו אי. נ., מראַטשקאָווסקי, טער־וואַגאַניאַן, רייינגאָלד און אנדערע. געפּאַקטע בײַ דער האַנט, האָבן די פאַרברעכער געמוזט זיך מודה זײַן עפנטלאך, אויפן גע־ריכט, אז זיי האָבן אָרגאַניזירט ניט בלויז די דערמאָרדונג פון קיראָוון, נאָר זיי האָבן צוגעגרייט א דערמאָרדונג אויך פון אלע איבעריקע אָנפירער פון דער פּאַרטיי און רעגירונג. די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט ווײַטער, אז אָט די רוצחים האָבן זיך געשטעלט אויפן וועג פון אָרגאַניזירן דיווערסיע־אַקטן, אויפן וועג פון שפּיאָנאַזש. דאָס גרויזאַמסטע זיטלאכע און פּאָליטישע פאַלן פון די דאָזיקע מענטשן, דער ערגסטער מין נידערטרעכטיקײַט און פאַרראַט, וואָס איז צוגעדעקט מיט צוויי־פּנים׳דיקע דערקלערונגען וועגן איבערגעגעבנקײַט צו דער פּאַרטיי, זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן אויפן געריכט־פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקו־מען אין מאָסקווע אין יאָר 1936.

דער הויפּט־אינספּיראַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון אָט דער גאַנצער באַנדע מערדער און שפּיאָנען איז געווען דער יודא טראָצקי. טראָצקים מיטהעלפער און אויספילער פון זײַנע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אָנווײַזונגען זײַנען געווען זינאָווי־יעוו, קאַמענעוו און זייער טראָצקיסטישע נאָכשלעפּעניש. זיי האָבן געגרייט א מפּלה פון ס.ס.ס.ר. אין פאַל פון אַן אָנפאַל אויף אים מצד די אימפּעריאַליסטן; זיי זײַנען געוואָרן מפּלה־אָנהענגער בנוגע דער ארבעטער־פּויערשער מלוכה; זיי זײַנען געוואָרן פאַרהאַסטע דינער און אַגענטן פון די דײַטשיש־יאַפּאַנישע פאַ־שיסטן.

די גרונט־לעקציע, וואָס די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געדאַרפט אָפּ־לערנען פון די דורכגעגאַנגענע געריכט־פּראָצעסן איבערן ענין וועגן דער רוצח׳ישער דערמאָרדונג פון ס. מ. קיראָוון, איז באַשטאַנען דערין, אז זיי זאָלן ליקווידירן זייער אייגענע פּאָליטישע בלינדקײַט, ליקווידירן זייער פּאָליטישע זאָרגלאָזיקײַט און העכערן זייער וואַכזאַמקײַט, די וואַכזאַמקײַט פון אלע פּאַר־טיי־מיטגלידער.

אין זײַן בריוו צו די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז ארויסגעגעבן גע־וואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רוצח׳ישער דערמאָרדונג פון ס. מ. קיראָוון, האָט דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי אָנגעוויזן:

א) „מע דאַרף פאַרענדיקן מיט דער אָפּאָרטוניסטישער ווייכמוטי־

קײַט, וואָס גייט אַרויס פון דער פעלערהאַפטער השערה, אַז וואָס מער עס וואַקסן אונזערע כחות ווערט כּלומר'שט דער שונא אַלץ מער צוגעלאָזט און ווייניקער געפערלאַך. אַזאַ השערה איז אין גרונט ניט ריכטיק. זי איז אַן אָפּגעריבץ פונעם רעכטן אָפּנויג, וואָס האָט פאַרזיכערט אַלץ און אַלעמען, אַז די שונאים וועלן פּאַוואָלינקע אַרײַנפּויזען אין סאָציאַליזם, אַז זיי וועלן ווערן סוף כּל סוף עכטע סאָציאַליסטן. ס'איז ניט קיין אַרבעט פאַר באָלשעוויקעס צו רוען אויף די לאָרבער-קרענץ און צו גענעצן. ניט קיין ווייכמוטיקײַט דאַרפן מיר, נאָר וואַכזאַמקײַט, עכטע באָלשעוויסטישע רעוואָליוציאָנערע וואַכזאַמקײַט. מע דאַרף געדענקען, אַז וואָס מער האָפענונגסלאָז עס איז די לאַגע פון די שונאים, אַלץ מער גערן וועלן זיי זיך אָנכאַפּן פאַרן „עקסטרעמסטן מיטל“, ווי פאַר דעם איינציקן מיטל פון די פאַראורטיילטע אין זייער קאַמף קעגן דער סאָוועטן-מאַכט. מע דאַרף דאָס געדענקען און זײַן וואַכזאַם“.

ב) „מע דאַרף אַוועקשטעלן אויף דער געהעריקער הייך דעם אונטערריכט פון דער פּאַרטיי-געשיכטע צווישן די פּאַרטיי-מיטגלידער, דאָס דערלערנען די אַלע און אַלערליי אַנטיפּאַרטייאישע גרופּירונגען אין דער געשיכטע פון אונזער פּאַרטיי, זייערע מעטאָדן פון קאַמף קעגן דער ליניע פון דער פּאַרטיי, זייער טאַקטיק, און — אודאי שוין — דאָס דערלערנען די טאַקטיק און די מעטאָדן פונעם קאַמף פון אונזער פּאַרטיי קעגן די אַנטי-פּאַרטייאישע גרופּירונגען, די טאַקטיק און די מעטאָדן, וואָס האָבן געגעבן אונזער פּאַרטיי די מעגלאַכקײַט בײַצוקומען און צעקלאַפּן ביזן גרונט די דאָזיקע גרופּירונגען. מע דאַרף, אַז די פּאַרטיי-מיטגלידער זאָלן זײַן באַקאַנט ניט בלויז דערמיט, וויאַזוי די פּאַרטיי האָט געקעמפט און איז בײַגעקומען די קאַדעטן, די עסערן, די מענשעוויקעס, די אַנאַרכיסטן, נאָר אויך דערמיט, וויאַזוי די פּאַרטיי האָט געקעמפט און איז בײַגעקומען די טראָצקיסטן, די „דעמאָקראַטישע צענטראַליסטן“; די „אַרבעטער-אָפּאָזיציע“, די זינאָוויעוועצעס, די רעכטע אָפּנויגלער, די רעכט-לינקאַטשישע פאַרזעענישן א.ד.גל. מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז דאָס קענען און פאַרשטיין די געשיכטע פון אונזער פּאַרטיי איז דאָס וויכטיקסטע מיטל, וואָס איז נויטיק, כּדי צו זיכערן פולשטענדיק די רעוואָליוציאָנערע וואַכזאַמקייט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער“.

אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג האָט אין דעם דאָזיקן פעריאָד געהאַט די ריינקונג פון די פּאַרטיי-רייען, דאָס רייניקן זיי פון זיך צוגעשמירטע און פרעמדע עלעמענטן, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין יאָר 1933, און באַזונדערס — די זאָרגזאַמע דורכקאָנטראָלירונג פון די פּאַרטיי-דאָקומענטן און דאָס איבערבײַטן די אַלטע פּאַרטיי-דאָקומענטן אויף נײַע, וואָס איז פאָרגענומען געוואָרן נאָך דער רוצח'ישער דערמאָרדונג פון ס. מ. קיראָוו.

ביז דער דורכקאָנטראָלירונג פון די פּאַרטיי-דאָקומענטן האָט אין פיל פּאַר-

טיי-אָרגאַניזאַציעס געהערשט ווילקיר און נאָכלעסיקייט אין באַגיין זיך מיט די פּאַרטיי-בילעטן. אין אַ רײ אָרטיקע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס איז אויפגעדעקט געוואָרן אַן אַבסאָליוט אומדערלאָזבאַרער כ א אָ ס א י ן ד י ס ק אָ נ ט פ ו ן ד י ק אָ מ ו נ י ס ט ן, וואָס דערמיט האָבן זיך באַנוצט די שונאים פאַר זייערע העסלאַכע צילן, אויסנוצנדיק די פּאַרטיי-בילעטן ווי אַ שירמע פאַר שפּיאָנאַזש, שעדיקערײַ א.ד.גל. די זאַך פון אויפנעמען אין דער פּאַרטיי און פון אַרויסגעבן פּאַרטיי-בילעטן האָבן פיל אָנפירער פון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס איבערפאַרטרויט דריטראַנגיקע פּערזאָנען, און גאַנץ אָפט — אַבסאָליוט ניט-דורכגעקאָנטראָלירטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי.

אין אַ ספּעציעלן בריוו פונעם 13-טן מאַי 1935-טן יאָר צו אַלע אָרגאַניזאַציעס וועגן דיסקאָנטירן, אַרויסגעבן און אָפּהיטן די פּאַרטיי-בילעטן האָט דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי פאָרגעלייגט דורכצופירן אין אַלע אָרגאַניזאַציעס אַ זאָרגזאַמע דורכקאָנטראָלירונג פון די פּאַרטיי-דאָקומענטן, „אײַנפירן אַ באָלשעוויסטישע אָרדענונג אין אונזער אייגענעם פּאַרטיי-הויז“.

די דורכקאָנטראָלירונג פון די פּאַרטיי-דאָקומענטן האָט געהאַט אַ גרויסע פּאָליטישע באַדײַטונג. אין דער רעזאָליוציע פונעם פּלענום פון צ.ק. פון דער פּאַרטיי פונעם 25-טן דעצעמבער 1935-טן יאָר איבערן פּאָרטראָג פונעם סעקרעטאַר פון צ.ק. חבר יעזשאָוו וועגן די סך-הכל'ען פון דער דורכקאָנטראָלירונג פון די פּאַרטיי-דאָקומענטן איז געזאָגט געוואָרן, אַז די דאָזיקע דורכקאָנטראָלירונג איז געווען אַן אָרגאַניזאַציאָנעל-פּאָליטיש מאָס-מיטל פון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט צו פאַרפעסטיקן די רייען פון דער אַל.ק.פּ.(ב.).

נאָכן דורכפירן די דורכקאָנטראָלירונג און דעם איבערבײַט פון די פּאַרטיי-דאָקומענטן איז באַנײַט געוואָרן דער אויפנעם אין דער פּאַרטיי. דערבײַ האָט דער צ.ק. אַל.ק.פּ.(ב.) געפאָדערט, אַז מע זאָל די פּאַרטיי קאָמפּלעקטירן ניט אָהולגע, נאָר אויפן גרונט פון אַ שטרענג-אינדיווידועלן אויפנעם פון „ווירקלאַך פאָרגעשריטענע, ווירקלאַך איבערגעגעבענע צו דער זאַך פונעם אַרבעטער-קלאַס בעסטע מענשן פון אונזער לאַנד, פון צווישן אַרבעטער, פריער פאַר אַלץ, און אויך פון צווישן פּויערים און אַרבעטס-אינטעליגענץ, וואָס זײַנען דורכגעקאָנטראָלירט אויף פאַרשיידענע באַצירקן פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם“.

אָנהויבנדיק אויפסנײַ דעם אויפנעם פון נײַע מיטגלידער אין דער פּאַרטיי, האָט דער צ.ק. פאַרפליכטעט די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס צו געדענקען, אַז די פײַנטלאַכע עלעמענטן וועלן אויך ווײַטער פּרוּוון אַרײַנדרינגען אין די רייען פון דער אַל.ק.פּ.(ב.). מחמת דעם:

„באַשטייט די אויפגאַבע פון יעדער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע דערין, אַז מע זאָל, אַלמעגלאַך העכערנדיק די באָלשעוויסטישע וואַכזאַמקייט, האַלטן הויך די פאָן פון דער לענינישער פּאַרטיי און גאַראַנטירן די פּאַרטיי פון דעם, אַז אין אירע רייען זאָלן ניט אַרײַנדרינגען קיין פרעמדע, פײַנטלאַ-

כע און צופעליקע עלעמענטן" (באשטימונג פונם צ.ק. אל.ק.פ.(ב.) פונם 29-טן סעפטעמבער 1936-טן יאָר. „פּראַווּדאַ", נומ. 270, 1936-טן יאָר).

אָפּריינִיקנדיק אירע רייען און פאַרפעסטיקנדיק זיי, פאַרניכטנדיק די שׂונאים פון דער פאַרטיי און קעמפנדיק אָן רחמנות קעגן די פאַרקריפּלונגען פון דער פאַרטיי-ליניע, האָט זיך די באָלשעוויסטישע פאַרטיי באַהעפט נאָך ענגער אַרום דעם צ.ק. פון דער פאַרטיי, וואָס אונטער זײַן אָנפירונג זײַנען די פאַרטיי און דאָס לאַנד פון די סאָוועטן אַריבערגעגאַנגען צו אַ נײַעם עטאַפּ — צו פאַרענדיקן די בויאונג פון דער קלאַסנלאָזער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

# קורצע אויספירן.

אין די יאָרן 1930—1934 האָט די פאַרטיי באָלשעוויקעס געלייזט די שווערסטע נאָכן דעראָבערן די מאַכט היסטאָרישע אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע — דאָס אַריבערפירן די מיליאָנען קליין-אייגנטימערישעווירטשאַפטן אויפן וועג פון די קאָלווירטן, אויפן וועג פונם סאָציאַליזם.

די ליקווידירונג פונם באַלעגופּנטום, ווי דעם סאַמע צאָלרײַכן עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס און דאָס אַריבערפירן די גרונט-מאַסן פּויערים אויפן וועג פון קאָלווירטן האָבן געבראַכט צום פאַרניכטן די לעצטע וואָרצלען פונם קאַפּיטאַליזם אין לאַנד, צום דערפירן ביזן סוף דעם זיג פונם סאָציאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט, צו דער ענדגילטיקער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטן-מאַכט אין דאָרף.

בײַגעקומען אַ ריי שוועריקייטן פון אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער, האָבן די קאָלווירטן ענדגילטיק זיך פאַרפעסטיקט און זיך געשטעלט אויפן וועג פון אַ פאַרמעגלאַך לעבן.

אין סך-הכל פונם אויספילן דעם ערשטן פינפיאָר-פּלאַן איז אויסגעבויט געוואָרן אין אונזער לאַנד דער ניט-וואַקלבאַרער פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק — די ערשטקלאַסיקע שווערע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע און די קאָלעקטיווע מאַשיניזירטע ערדאַרבעט; ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן די אַרבעטסלאָזיקײַט; ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש; עס זײַנען געשאַפן געוואָרן די באַדינגונגען פאַר אַן אומאויפהערלאַכער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער און קולטורעלער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע פון אונזער היימלאַנד.

אָט די גיגאַנטישע דערפאָלגן האָבן דער אַרבעטער-קלאַס, די קאָלווירטניקעס און אַלע אַרבעטנדיקע פון אונזער לאַנד דערגרייכט אַדאַנק דער דרייסטער, רעוואָלוציאָנערער און קלוגער פּאָליטיק פון דער פאַרטיי און רעגירונג.

שטערנבנדיק אָפּצושוואַכן און אונטערצורײַסן די מעכטיקײַט פון פ.ס.ס.ר., פאַרשטאַרקט די קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג איר „אַרבעט" פון אָרגאַניזירן

אינעווייניק אין פ.ס.ס.ר. באנדעס מערדער, שעדיקער, שפּיאָנען. באזונדערס פארשטארקט זיך די פײַנטלאכע טעטיקײַט פון דער קאפּיטאליסטישער ארומרינגלונג בנוגע פ.ס.ס.ר., ווען צו דער מאכט אין דײַטשלאנד, יאפּאָניע קומען די פאשיסטן. אין פערזאָן פון די טראָצקיסטן, זינאָוויעוועצעס האָט דער פאשיזם באקומען טרײַע דינער, וואָס גייען אויף שפּיאָנאזש, שעדיקערײַ, טעראָר און דיווערסיעס, אויף א מפּלה פון פ.ס.ס.ר. — לשם אויפשטעלן דעם קאפּיטאליזם.

די סאָוועטן=מאכט שטראָפט מיט דער פעסטער האנט אָט די דעגענעראטן פונם מענשלאכן מין און צערעכנט זיך מיט זיי אָן רחמנות, ווי מיט שונאים פונם פאָלק און פארדעטער פונם היימלאנד.

קאפיטל XII

# די באָלשעוויסטישע פּארטיי אין קאמף פאר פארענדיקן די בויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט און דאָס דורכפירן די נײַע קאָנסטיטוציע.

(די יאָרן 1935—1937).

## 1. די צווישנפעלקערלאכע סיטואציע אין די יאָרן 1935—1937. די צײַטווײַליקע לינדערונג פונם עקאָנאָמישן קריזיס. דער אָנהויב פון א נײַעם עקאָנאָמישן קריזיס. דאָס פארכאפּן אביסיניע דורך איטאליע. די דײַטשיש־איטאליענישע אינטערווענציע אין שפאניע. דאָס ארײַנרײַסן זיך פון יאפּאָניע אין צענטראל־כינע. דער אָנהויב פון דער צווייטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די קאפּיטאליסטישע לענדער אין דער צווייטער העלפט 1929־טן יאָר, האָט געדויערט ביזן סוף 1933־טן יאָר. נאָכדעם האָט דאָס פאלן פון דער אינדוסטריע זיך אָפּגעשטעלט, דער קריזיס איז אריבער אין א שטילשטאנד און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דערנאָך א געוויסע אויפלעבונג פון דער אינדוסטריע, א געוויסער אויפשטײַג אירער. דער דאָזיקער אויפשטײַג איז אָבער ניט געווען יענער אויפשטײַג, וואָס נאָך אים הויבט זיך אָן אן אויפבלי פון דער אינדוסטריע אויף א נײַער, העכערער באזע. די קאפּיטאליסטישע וועלט־אינדוסטריע האָט שוין ניט געקאָנט אויפהויבן זיך אפילו ביז צום ניוואָ פונם יאָר 1929 און האָט זיך צו העלפט 1937־טן יאָר דערשלאָגן בלויז 95—96 פּראָצענט פון דעם דאָזיקן ניוואָ. און אין דער צווייטער העלפט 1937־טן יאָר האָט זיך שוין אָנגעהויבן א נײַער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט ארומגעכאפּט, פריער פאר אלץ, די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע. צום סוף 1937־טן יאָר איז די צאָל ארבעטסלאָזע אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע ווידער געשטיגן ביז 10 מיליאָן מאן. עס האָט זיך שנעל גענומען פארגרעסערן די צאָל ארבעטסלאָזע אין ענגלאנד.

נאָך ניט באוויזן קומען צו־זיך פון די קלעפּ פון דעם ניט־לאנג פארגע־

קומענעם עקאָנאָמישן קריזיס, האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַזוי־אַרום, צוזאַמענגעשטויסן מיטן פאַקט פון אַ נײַעם עקאָנאָמישן קריזיס.

דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געבראַכט דערצו, אַז די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע לענדער, ווי אויך צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט — האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, האָבן זיך אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו פאַרשטאַרקן די פּרוּוון פון די אַגרעסיווע מלוכות צו דעקן אויפן חשבון פון אַנדערע, שוואַך באַשיצטע, לענדער די פאַרלוסטן פונעם עקאָנאָמישן קריזיס אינעווייניק אין לאַנד. דערבײַ האָט זיך צו די צוויי באַוואוסטע אַגרעסיווע מלוכות, צו דײַטשלאַנד און יאַפּאָניע, דאָס מאָל פאַראייניקט אַ דריטע מלוכה — איטאַליע.

אין יאָר 1935 איז די פאַשיסטישע איטאַליע אָנגעפאַלן אויף אַביסיניע און האָט זי פאַרשקלאַפט. אָנגעפאַלן איז זי אויף אַביסיניע, ניט האָבנדיק קיין שום גרונט אָדער מאָטיוו דערצו פון שטאַנדפּונקט פונעם „צווישנפעלקערלאַכן רעכט", אָנגעפאַלן אָן אַ מלחמה־דערקלערונג, אויף אַ גנבה'ישן אופן, ווי דאָס איז איצט בײַ די פאַשיסטן אַרײַן אין דער מאָדע. דאָס איז געווען אַ קלאַפּ ניט בלויז איבער אַביסיניע. דער קלאַפּ איז געווען געווענדט אויך קעגן ענגלאַנד, קעגן ענגלאַנדס ים־וועגן פון אייראָפּע קיין אינדיע, קיין אַזיע. די פּרוּוון פון ענגלאַנד צו שטערן איטאַליע זיך פאַרפעסטיקן אין אַביסיניע האָבן ניט געגעבן קיין רעזולטאַטן. כדי פאַנאַנדערצובינדן זיך די הענט, איז איטאַליע נאָכדעם אַרויסגעטראָטן פון דער פעלקער־ליגע און האָט זיך געגומען אינטענסיוו באַוואָפענען.

אַזוי־אַרום האָט אויף די קירצסטע ים־וועגן פון אייראָפּע קיין אַזיע זיך פאַרבונדן אַ נײַער קנופּ פון מלחמה.

דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד האָט דורך אַן איינזײַטיקן אַקט צעריסן דעם ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך און אָנגעמערקט צו פאַרווירקלאַכן אַ פּלאַן פון אַ געוואַלטזאַמען איבערקוקן די גרענעצן פון די אייראָפּעאישע מלוכות. די דײַטשישע פאַשיסטן האָבן ניט אויסבאַהאַלטן, אַז זיי ווילן זיך דערשלאָגן צו אונטערטעניקן צו זיך די שכנות'דיקע מלוכות, אָדער, ווייניקסטנס, צו פאַרכאַפּן די טעריטאָריעס פון די דאָזיקע מלוכות, וואָס זײַנען באַפעלקערט פון דײַטשן. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן ווערט פאָראויסגעזען: פון אָנהויב פאַרכאַפּן עסטרײַך, נאָכדעם אַ קלאַפּ איבער טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָכדעם, מעגלאַך—איבער פּוילן, וואו עס איז אויך פאַראַן אַ דורכאויסיקע טעריטאָריע מיט אַ דײַטשישער באַפעלקערונג, וואָס גרענעצט מיט דײַטשלאַנד, און דערנאָך... דערנאָך „וועט מען זעען".

זומער 1936־טן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגס־אינטערווענציע פון דײַטשלאַנד און איטאַליע קעגן דער שפּאַנישער רעפּובליק. בלומר'שט צוליב שטיצן די שפּאַנישע פאַשיסטן האָבן איטאַליע און דײַטשלאַנד באַקומען די מעגלאַכקײַט בשתיקה אַרײַנצופירן זייערע מיליטער־טײַלן אויף דער טערי־

טאָריע פון שפאניע, אין הינטערלאַנד בײַ פראנקרײַך, און זייער ים־פלאָט — אין די שפאנישע וואסערן, אין די ראיאָנען פון די באלעארן־אינזלען און פון גיבראלטאר אין דרום, אין די ראיאָנען פונם אטלאנטישן אָקעאן אין מערב, אין די ראיאָנען פונם ביסקאיער אײַנגוס אין צפון. אין אָנהויב 1938־טן יאָר האָבן די דײַטשישע פאשיסטן פארכאפּט עסטרײַך, האָבנדיק ארײַנגע־דרונגען אין מיטל־שטראָם פון דונאַי און זיך פארשפּרייט אין דרום־אייראָפּע, וואָס נעענטער צום אדריאטישן ים.

אנטוויקלענדיק די אינטערווענציע קעגן שפאניע, האָבן די דײַטשיש־אי־טאליענישע פאשיסטן אלעמען פארזיכערט, אז זיי פירן א קאמף קעגן די „רויטע“ אין שפאניע און פארפאָלגן ניט קיין שום אנדערע צילן. דאָס איז אָבער געווען א גראָבע און ניט־קלוגע מאסקירונג, וואָס איז אויסגערעכנט אויף דער נאַרישקײַט פון פּראָסטאַקעס. אינדער'אמת'ן, האָבן זיי געצילט דעם קלאַפּ איבער ענגלאנד און פראנקרײַך, ווײַל זיי האָבן איבערגעכאפּט די ים־וועגן פון ענגלאנד און פראנקרײַך צו זייערע קאָלאָסאלע קאָלאָניאלע באזיצן אין אפריקע און אזיע.

וואָס איז שייך דעם פארכאַפּן עסטרײַך, איז דאָס האָט מען שוין בשום אופן ניט געקאָנט אײַנלייגן אין די ראמען פון קאמף קעגן דעם ווערסאלער אָפּמאך, אין די ראמען פון אָפּהיטן די „נאציאָנאלע“ אינטערעסן פון דײַטש־לאנד, וואָס באמיט זיך אומצוקערן פאר זיך די טעריטאָריעס, וועלכע עס האָט אָנגעוואָרן אין צוזאמענהאנג מיט דער ערשטער אימפּעריאליסטישער מלחמה. עסטרײַך איז ניט געווען אין באשטאנד פון דײַטשלאנד ניט פאַר דער מלחמה און ניט נאָך איר. דאָס געוואלטזאמע אָנשליסן עסטרײַך צו דײַטשלאנד באטײַט א ברוטאל־אימפּעריאליסטישע פארכאפּונג פון א פרעמדער טעריטאָריע. עס דעקט, אָן צווייפל, אויף די שטרעבונג פונם פא־שיסטישן דײַטשלאנד צו פארנעמען די הערשנדיקע לאגע אויפן קאָנטינענט פון מערב־אייראָפּע.

דאָס איז, פריער פאר אלץ, געווען א קלאַפּ איבער די אינטערעסן פון פראנקרײַך און ענגלאנד.

אין דרום פון אייראָפּע, אינם ראיאָן פון עסטרײַך און אדריאטיק, ווי אויך אין עקסטן מערב פון אייראָפּע, אינם ראיאָן פון שפאניע און פון די וואסערן, וואָס באשווענקען זי, זײַנען, אזויארום, פארקניפּט געוואָרן נײַע קנופּן פון א מלחמה.

אין יאָר 1937 האָט די יאפּאָנישע פאשיסטישע מיליטער־קליקע פאר־כאַפּט פּעקין, זיך ארײַנגעריסן אין צענטראל־כינע און אָקופּירט שאנכאי. דאָס ארײַנרײַסן זיך פונם יאפּאנישן מיליטער אין צענטראל־כינע איז, פּונקט ווי דאָס ארײַנרײַסן זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק אין מאנדזשוריע, פאָרגעקו־מען אויף א יאפּאנישן אופן, דאָס הייסט, אויף א גנבה'ישן אופן, דורך שווינ־דלערישע צוטשעפּעניש צו פארשיידענע „אָרטיקע אינצידענטן“, געשאפענע

דורך די יאפּאַנער גופא, דורך א פּאקטישן ברעכן אלע און אלערליי „צווישנ־פעלקערלאכע נאָרמעס“, אָפּמאכן, פארשטענדיקונגען א.ד.גל. דאָס פּארכאַפּן טיאנצזין און שאנכאי האָט אָפּגעגעבן דעם שליסל פונם האנדל מיט כינע מיט איר אומגעהויערן מארק — אין די הענט פון יאפּאַניע. דאָס באטייט, אז יאפּאַניע, כל זמן זי האלט אין די הענט שאנכאי און טיאנצזין, קאָן אין יעטווידער צייט ארויסווארפן פון צענטראל־כינע ענגלאנד און די פאראייניק־טע שטאטן פון אמעריקע, וועלכע האָבן דאָרטן קאָלאָסאלע אינוועסטירונגען.

פארשטייט זיך, דער העראָאישער קאמף פונם כינעזישן פאָלק און פון זײַן ארמיי קעגן די יאפּאַנישע פארכאַפּער, דער קאָלאָסאלער נאציאָנאלער אויפשטײַג אין כינע, די קאָלאָסאלע רעזערוון מענשן און טעריטאָריעס אין כינע, ענדלאך, די אנטשלאָסנקייט פון דער כינעזישער נאציאָנאלער רעגירונג צו דערפירן דעם באפרײַאונגס־קאמף פון כינע ביזן סוף, ביזן פולשטענדיקן ארויסיאָגן די פארכאַפּער פון די גרענעצן פון כינע, — דאָס אלץ רעדט אָן שום צווייפל פאר דעם, אז די יאפּאַנישע אימפּעריאליסטן האָבן ניט און קאָ־נען ניט האָבן קיין צוקונפט אין כינע.

ס'איז אָבער אויך ריכטיק דאָס, אז יאפּאַניע האלט דערווײַל אין די הענט די שליסלען פונם האנדל מיט כינע, און איר מלחמה קעגן כינע איז אין תוך געגומען א ביז גאָר ערנסטער קלאַפּ איבער די אינטערעסן פון ענגלאנד און פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע.

אזוי ארום איז אויפן גרויסן אָקעאַן, אינם ראיאָן פון כינע, פאר־קניפּט געוואָרן נאָך איין קנופּ פון מלחמה.

די אלע פאקטן באווײַזן, אז די צווייטע אימפּעריאליסטישע מלחמה האָט זיך פאקטיש שוין אָנגעהויבן. אָנגעהויבן האָט זי זיך בשתיקה, אָן א מלחמה־דערקלערונג. די מלוכות און פעלקער האָבן עפּעס אומבאמערקטערהייט ארײַנ־געפּויזעט אין דער אָרביט פון א צווייטער אימפּעריאליסטישער מלחמה. אָנגעהויבן די מלחמה האָבן אין פארשיידענע עקן וועלט דרײַ אגרעסיווע מלוכות — די פאשיסטישע רעגירנדיקע קרײַזן פון דײַטשלאנד, איטאליע, יאפּאַניע. די מלחמה גייט אָן אויף א ריזיקן שטח — פון גיבראלטאר ביז שאנכאי. די מלחמה האָט שוין באוויזן ארײַנצוציִען אין איר אָרביט העכער א האלבן מיליארד באפעלקערונג. זי גייט אין לעצטן סך־הכל קעגן די קאפּי־טאליסטישע אינטערעסן פון ענגלאנד, פראנקרײַך, פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, ווײַל איר ציל איז צו איבערפארטיילן די וועלט און די ווירק־קונגס־ספערן לטובת די אגרעסיווע לענדער און אויפן חשבון פון אָט די אזוי גערופענע דעמאָקראטישע מלוכות.

דער אונטערשייד־שטריך פון דער צווייטער אימפּעריאליסטישער מלחמה באשטייט דערווײַל דערין, וואָס עס פירן זי און וויקלען זי פאנאנדער די אגרעסיווע מלוכות, בעת די אנדערע מלוכות, די „דעמאָקראטישע“ מלוכות, וואָס קעגן זיי אייגנטלאך איז די מלחמה געווענדט, מאכן אָן אָנשטעל, אז

די מלחמה האָט צו זיי קיין שייכות ניט, אַז זיי זײַנען גאָט די נשמה שול־
דיק, שאַרן זיך אויף צוריק, זינגען שבחים זייער פרידנסגיריקײַט, זידלען די
פאַשיסטישע אגרעסאָרן און... גיבן ביסלעכווײַז אָפּ זייערע פּאָזיציעס די אג־
רעסאָרן, פאַרזיכערנדיק דערבײַ, אַז זיי גרייטן זיך צו א ווידערשטאנד.

די דאָזיקע מלחמה האָט, ווי עס איז צו זעען, א גאַנץ מאָדנעם און איינ־
זײַטיקן כאַראַקטער. דאָס אָבער שטערט איר ניט צו זײַן אַן אכזריות'דיקע
און א ברוטאַל־פאַרכאַפּערישע, וואָס ווערט אָפּגעשפּילט אויפן רוקן פון די
וויייניק־באַשיצטע פעלקער פון אביסיניע, שפּאַניע, כינע.

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו דערקלערן אַזאַ איינזײַטיקן כאַראַקטער
פון דער מלחמה מיט דער מיליטערישער אָדער עקאָנאָמישער שוואַכקײַט פון
די „דעמאָקראַטישע“ מלוכות. די „דעמאָקראַטישע“ מלוכות זײַנען, פאַרשטייט
זיך, שטאַרקער פון די פאַשיסטישע מלוכות. דער איינזײַטיקער כאַראַקטער
פון דער וועלט־מלחמה, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער, דערקלערט זיך מיט דער
אָפּוועזנקײַט פון אַן איינהײַט־פראָנט פון די „דעמאָקראַטישע“ מלוכות קעגן
די פאַשיסטישע מלוכות. פאַרשטייט זיך, די אַזוי גערופענע „דעמאָקראַטישע“
מלוכות באַוויליקן ניט די „עקסטרעמקײַטן“ פון די פאַשיסטישע מלוכות און
האָבן מורא, די לעצטע זאָלן זיך ניט פאַרשטאַרקן. נאָך מער האָבן זיי אָבער
מורא פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע און פאַר דער נאַציאָנאַ־
לער באַפרײַאונגס־באַוועגונג אין אַזיע, האַלטנדיק, אַז דער פאַשיזם איז א
„גוטער קעגנגיפט“ קעגן אָט די אַלע „געפערלאַכע“ באַוועגונגען. דעריבער באַ־
גרענעצן זיך די רעגירנדיקע קרײַזן פון די „דעמאָקראַטישע“ מלוכות, און
באַזונדערס, די רעגירנדיקע קאָנסערוואַטיווע קרײַזן פון ענגלאַנד מיט דער
פּאָליטיק פון אײַנרייד די פאַררייסענע פאַשיסטישע רעדלפירער — זיי זאָלן
„ניט דערפירן די זאַך צו עקסטרעמקײַט“, געבנדיק זיי גלײַכצײַטיק צו פאַר־
שטיין, אַז זיי „פאַרשטייען פולשטענדיק“ און פילן אין גרונט מיט זייער
רעאַקציאָנער־פּאָליציייאישער פּאָליטיק קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג און דער
נאַציאָנאַלער באַפרײַאונגס־באַוועגונג. די רעגירנדיקע קרײַזן פון ענגלאַנד
האַלטן זיך דאָ אומגעפער בײַ אַזאַ מין פּאָליטיק, בײַ וועלכער עס האָבן זיך
געהאַלטן בײַם צאַריזם די רוסישע ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישע בורזשוא, וועל־
כע, מורא האָבנדיק פאַר די „עקסטרעמקײַטן“ פון דער צאַרישער פּאָליטיק,
האָבן זיי נאָך מער מורא געהאַט פאַרן פאָלק, און זײַנען מחמת דעם אַרי־
בער צו דער פּאָליטיק פון אײַנריידן דעם קייסער, — צו דער פּאָליטיק, הייסט
עס, פון אַן אײַנפאַרשטענדעניש מיטן קייסער קעגן דעם פאָלק. ווי
באַוואוסט, האָט די ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישע בורזשואזיע פון רוסלאַנד מײַער
באַצאָלט פאַר אָט דער צווייאיקער פּאָליטיק. מע דאַרף רעכענען, אַז די רע־
גירנדיקע קרײַזן פון ענגלאַנד און זייערע פרײַנט אין פראַנקרײַך און אין די פאַר־
אייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע וועלן אויך באַקומען זייער היסטאָרישע נאָב.

פאַרשטענדלאַך, אַז, זעענדיק אַזאַ מין ווענדונג פון די צווישנפעלקערלאַ־

בע עניִנים, האָט פ.ס.ס.ר. ניט געקאָנט פאַרבײַגיין די דאָזיקע גרויזאַמע געשע־ענישן. יעדע מלחמה, אפילו ניט קיין גרויסע, וואָס איז אָנגעהויבן פון אַג־רעסאָרן, שטעלט מיט זיך פאָר א געפאַר פאַר די פרידנסגיריקע לענדער, און די צווייטע אימפּעריאַליסטישע מלחמה, וואָס האָט זיך אַזוי „אומבאַמערקט" אונטערגע'גנב'עט צו די פעלקער און האָט אַרומגעכאַפּט העכער א האַלבן מיליאַרד באַפעלקערונג, — קאָן געווים ניט זײַן קיין ביז גאָר ערנסטע געפאַר פאַר אַלע פעלקער און, אין דער ערשטער ריי, פאַר פ.ס.ס.ר. וועגן דעם רעדט קלאָר און בולט די שאַפונג פון דעם „אַנטיקאָמוניסטישן בלאָק" צווישן דײַטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַניע. דעריבער האָט אונזער לאַנד, פּי־רנדיק זײַן שלום־פּאָליטיק, צוזאַמען דערמיט פאַנאַנדערגעוויקלט די ווײַטער־דיקע פאַרשטאַרקונג פון דער שוצפייאיקײַט פון אונזערע גרענעצן און פון דער שלאַכט־גרייטקײַט פון דער רויטער אַרמיי און רויטן פלאָט. סוף 1934־טן יאָר איז פ.ס.ס.ר. אַרײַנגעטראָטן אין דער פעלקער־ליגע, וויסנדיק, אַז ניט גע־קוקט אויף איר שוואַכקײַט, קאָן זי דאָך דינען ווי אַן אָרט צו דעמאַסקירן די אַגרעסאָרן און ווי א געוויסער, כאָטש אפילו שוואַכער, אינסטרומענט פון שלום, וואָס טאָרמאָזירט די צעבינדונג פון א מלחמה. פ.ס.ס.ר. האָט געהאַלטן, אַז אין אַזא צײַט דאַרף מען ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט אפילו אַזא שוואַכע צווישנפעלקערלאַכע אָרגאַניזאַציע, ווי די פעלקער־ליגע. אין מאַי 1935־טן יאָר איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן פראַנקרײַך און פ.ס.ס.ר. וועגן קעגנזײַטיקער הילף קעגן א מעגלאַכן אָנפאַל פון די אַגרעסאָרן. גלײַכ־צײַטיק מיט דעם איז אַזא מין אָפּמאַך געשלאָסן געוואָרן מיט טשעכאָסלאָ־וואַקיע. אין מערץ 1936־טן יאָר האָט פ.ס.ס.ר. געשלאָסן מיט דער מאָנגאָלישער פאָלקס־רעפּובליק אַן אָפּמאַך וועגן קעגנזײַטיקער הילף. אין אויגוסט 1937־טן יאָר איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך וועגן קעגנזײַטיקן ניט־אָנפאַלן צווישן פ.ס.ס.ר. און דער כינעזישער רעפּובליק.

## 2. דער ווײַטערדיקער אויפשטײַג פון דער אינדוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט אין פ.ס.ס.ר. די פאַרטערמיניקע אויספילונג פונם צווייטן פינפיאָר. די רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט און די פאַרענדיקונג פון דער קאָלעק־טיוויזאַציע. די באַדײַטונג פון קאַדרען. די סטאַכאַנאָווישע באַוועגונג. דער אויפשטײַג פונם פאָלקס־וואוילשטאַנד. דער אויפשטײַג פון דער פאָלקס־קולטור. די קראַפט פון דער סאָ־וועטישער רעוואָליוציע.

אין דער צײַט, ווען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אין דרײַ יאָר אַרום נאָכן עקאָנאָמישן קריזיס פון די יאָרן 1930—1933 אָנגעקומען א נײַער עקאָנאָמישער קריזיס, איז אין פ.ס.ס.ר. אין אָט דעם גאַנצן פּע־

ר:אָד כסדר געגאַנגען ווײַטער דער אויפשטײַג פון דער אינדוסטריע. אויב די קאַפּיטאַליסטישע וועלט־אינדוסטריע אינגאַנצן גענומען האָט צום מיטן 1937־טן יאָר קוים דערגרייכט 95—96 פּראָצענט לגבי דעם ניוואָ פון 1929־טן יאָר, כדי אין דער צווייטער העלפט 1937־טן יאָר אַרײַנטרעטן אין א פּערוּאָד פון א נײַעם עקאָנאָמישן קריזיס, האָט די אינדוסטריע פון פ.ס.ס.ר. אין איר אָנוואַקסנדיקן אויפשטײַג דערגרייכט צום סוף 1937־טן יאָר 428 פּראָצענט לגבי דעם ניוואָ פון 1929־טן יאָר, און אין פאַרגלײַך מיטן פאַר׳מלחמה־ניוואָ איז זי אויסגעוואַקסן מער, ווי אין זיבן מאָל.

די דאָזיקע דערפאָלגן זײַנען געווען א דירעקטער רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק פון רעקאָנסטרוקציע, וואָס די פּאַרטיי און די רעגירונג האָבן דורכגעפירט מיט דער גאַנצער אײַנגעשפּאַרטקײַט.

אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע דערפאָלגן איז דער צווייטער פינפיאָר־פּלאַן אין דער אינדוסטריע אויסגעפילט געוואָרן פאַרן טערמין. דער צווייטער פינפיאָר איז אויסגעפילט געוואָרן צום 1־טן אַפּריל 1937־טן יאָר, דאָס הייסט, אין 4 יאָר מיט 3 חדשים.

דאָס איז געווען א העכסט גרויסער זיג פונם סאָציאַליזם.

כמעט פּונקט אזא בילד פון אויפשטײַג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די לאַנדווירטשאַפט. דער פאַרזיי־שטח פון אַלע קולטורן איז אויסגעוואַקסן פון 105 מיליאָן העקטאַר אין 1913־טן יאָר (פאַר׳מלחמה־צײַט) ביז 135 מיליאָן העקטאַר אין 1937־טן יאָר. די תבואה־פּראָדוקציע איז אויסגעוואַקסן פון 4 מיליאַרד 800 מיליאָן פּוד אין 1913־טן יאָר ביז 6 מיליאַרד 800 מיליאָן פּוד אין 1937־טן יאָר, די פּראָדוקציע פון רוי־בוימוואָל — פון 44 מיליאָן פּוד ביז 154 מיליאָן פּוד, די פּראָדוקציע פון פלאַקס (פיבר) — פון 19 מיליאָן פּוד ביז 31 מיליאָן פּוד, די פּראָדוקציע פון בורעקעס — פון 654 מיליאָן פּוד ביז 1 מיליאַרד 311 מיליאָן פּוד, די פּראָדוקציע פון אייל־קולטורן — פון 129 מיליאָן פּוד ביז 306 מיליאָן פּוד.

מע דאַרף פאַרצייכענען, אז בלויז די קאָלווירטן אליין (אָן די סאָווווירטן) האָבן אין יאָר 1937 געגעבן דעם לאַנד סחורה׳דיקע תבואה העכער 1 מיליאַרד 700 מיליאָן פּוד, דאָס הייסט, מינימום אויף 400 מיליאָן פּוד מער, ווי די פּריצים, באַלעגופים און פּויערים, צוזאַמען גענומען, אין 1913־טן יאָר.

בלויז איין צווײַג פון דער לאַנדווירטשאַפט — די פי־צוכט — איז נאָך אַלץ אָפּגעשטאַנען פונם פאַר׳מלחמה־ניוואָ און האָט פאָרגעזעצט צו באַוועגן זיך פאָראויס מיט א פאַרלאַנגזאַמערטן טעמפּ.

וואָס איז שייך דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָט מען זי שוין געקאָנט האַלטן פאַר פאַרענדיקט. אין די קאָלווירטן האָבן זיך אין יאָר 1937 געפונען 18 מיט א האַלבן מיליאָן פּויערישע הויפן, וואָס דאָס האָט באַטראָפן 93 פּראָצענט פון אַלע פּויערישע הויפן, און דער פאַרזיי־שטח

פון די קאָלווירטן אונטער תבואה האָט באטראָפן 99 פּראָצענט פונם גאנצן פויערישן פארזיי־שטח אונטער תבואה.

די רעזולטאטן פון דער רעקאָנסטרואירונג פון דער לאנדווירטשאפט און פונם פארשטארקטן באזארגן זי מיט טראקטאָרן און לאנדווירטשאפטלאכע מאשינעס זיינען געווען א באשטימפערלאכער פאקט.

די פארענדיקונג פון דער רעקאָנסטרואירונג פון דער אינדוסטריע און פון דער לאנדווירטשאפט האָט געבראכט דערצו, אז די פאָלקסווירטשאפט האָט זיך ארויסגעוויזן בשפע באזאָרגט מיט ערשטקלאסיקער טעכניק. די אינדוסטריע און די לאנדווירטשאפט, דער טראנספּאָרט און די ארמיי האָבן באקומען א קאָלאָסאלן סכום נייע טעכניק, נייע מאשינעס און ווערקשטעלן, טראקטאָרן און לאנדווירטשאפטלאכע מאשינעס, לאָקאָמאָטיוון און דאמפשיפן, ארטילעריע און טאנקען, עראָפּלאנען און ים'ישע קריגס־שיפן. מע האָט געמוזט לאזן אין גאנג צענדליקער און הונדערטער טויזנטער אויסגעשולטע קאדרען, וואָס זיינען פייאיק צו באזאָטלען אָט די גאנצע טעכניק און ארויספרעסן פון איר דעם מאקסימום דערפון, וואָס איז מעגלאך פון איר ארויסצופרעסן. אָן דעם, אָן א גענוגנדיקער צאָל מענשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, האָט די טעכניק ריזיקירט צו פארוואנדלט ווערן אין א בארג טויטן מעטאל, וואָס בלייבט ניט אויסגענוצט. דאָס איז געווען אן ערנסטע געפאר, וועלכע איז אנטשטאנען אין רעזולטאט פון דעם, וואָס דער וואוקס פון די קאדרען, וואָס קאָנען באזאָטלען די טעכניק, האָט ניט באוויזן נאָכצוקומען און איז ווייט אָפּגעשטאנען פונם וואוקס פון דער טעכניק. די זאך איז פארקאָמפּליצירט געוואָרן דערמיט, וואָס א באדייטנדיקער טייל פון אונזערע טוער האָט ניט באזיניקט די דאָזיקע געפאר און האָט געהאלטן, אז די טעכניק וועט „אליין אָפּטאָן" איר זאך. אויב פריער האָט מען ניט דערשאצט די טעכניק און זיך באצויגן מיט ביטול צו איר, איז אצינד האָט מען זי אָנגעהויבן איבערשאצן, מע האָט זי פארוואנדלט אין א פעטיש. מע האָט ניט פארשטאנען, אז די טעכניק אָן מענשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, — איז טויט. מע האָט ניט פארשטאנען, אז נאָר מיט מענשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, קאָן די טעכניק געבן די העכסטע פּראָדוקטיווקייט.

די פראגע וועגן קאדרען, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, האָט, אזוי ארום, באקומען אן ערשטראנגיקע באדייטונג.

עס איז נויטיק געווען די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע טוער א קער צו טאָן פונם זיין צופיל פארכאפּט מיט דער טעכניק, פון ניט־דערשאצן די באדייטונג פון די קאדרען, — אין דער זייט פון שטודירן די טעכניק, אין דער זייט פון באהערשן די טעכניק, אין דער זייט פון אלמעגלאכן פארשטארקן די ארבעט פון אויסבאָוען צאָלרייכע קאדרען, וואָס זיינען פייאיק צו באזאָטלען די טעכניק און ארויספרעסן פון איר דעם מאקסימום עפעקט.

אויב פריִער, אין אָנהויב פונם רעקאָנסטרוקטיוון פעריִאָד, ווען אין לאַנד האָט זיך געפילט א הונגער אין געביט פון טעכניק, האָט די פארטיי געגעבן דעם לאָזונג — „די טעכניק אינם פעריִאָד פון רעקאָנסטרוקציע אנטשיידט אלץ", איז איצט, בײַ דער שפע טעכניק, נאָכן פארענדיקן אין גרונט דעם פעריִאָד פון רעקאָנסטרוקציע, ווען אינם לאַנד האָט זיך געפילט א שארפער מאנגל אין קאדרען, — האָט די פארטיי געמוזט געבן א נײַעם לאָזונג, וואָס פארשארפט די אויפמערקזאמקײַט שוין ניט אויף דער טעכניק, נאָר אויף די מענטשן, אויף די קאדרען, וואָס זײַנען פייאיק פולשטענדיק אויסצונוצן די טעכניק.

א גרויסע באדײַטונג האָט אין דער דאָזיקער הינזיכט געהאט חבר סטאלינס ארויסטרעטונג אויפן ארויסלאָז פון די אקאדעמיקער פון דער רויטער ארמיי, אין מאי 1935-טן יאָר.

> „פריִער, האָט געזאָגט חבר סטאלין, פלעגן מיר זאָגן, אז „די טעכניק אנטשיידט אלץ". דער דאָזיקער לאָזונג האָט אונז געהאָלפן אין דער הינזיכט, וואָס מיר האָבן ליקווידירט דעם הונגער אין געביט פון טעכניק און האָבן געשאפן א ביז גאָר ברייטע טעכנישע באזע אין אלע צווײַגן פון דער טעטיקײַט אויף באוואָפענען אונזערע מענטשן מיט אן ערשטקלאסיקער טעכניק. דאָס איז זייער גוט. נאָר דאָס איז ווײַט און ווײַט ניט גענוג. כדי צו ברענגען די טעכניק אין באוועגונג און אויסנוצן זי ביזן גרונט, דארף מען האָבן מענטשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, דארף מען האָבן קאדרען, וואָס זײַנען פייאיק צו באהערשן און אויסצונוצן די דאָזיקע טעכניק לויט אלע כללים פון דער קונסט. טעכניק אָן מענטשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, — איז טויט. טעכניק בראש מיט מענטשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק, קאָן און דארף געבן וואונדער. ווען עס וואָלט אין אונזערע ערשטקלאסיקע זאוואָדן און פאבריקן, אין אונזערע סאָוווירטן און קאָלווירטן, אין אונזער רויטער ארמיי געווען א גענוגנדיקע צאָל קאדרען, וואָס זײַנען פייאיק צו באזאָטלען די דאָזיקע טעכניק, וואָלט אונזער לאַנד באקומען אן עפעקט אין דרײַ און פיר מאָל אזויפיל, ווי עס האָט איצט. אָט פארוואָס דער אקצענט דארף איצט געשטעלט ווערן אויף די מענטשן, אויף די קאדרען, אויף די ארבעטסלײַט, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק. אָט פארוואָס דער אלטער לאָזונג — „די טעכניק אנטשיידט אלץ", וואָס איז געווען אן אָפּשפּיגלונג פון דעם שוין דורכגעמאכטן פעריִאָד, ווען עס איז בײַ אונז געווען א הונגער אין געביט פון טעכניק, — דארף איצט פארביטן ווערן מיט א נײַעם לאָזונג, מיטן לאָזונג וועגן דעם, אז „ד י ק א ד ר ע ן א נ ט ש י י ד ן א ל ץ". דערין איז איצט דער עיקר...

מע דארף, סוף כל סוף, פארשטיין, אז פון אלע ווערטפולע קאפּי-

טאַלן, וואָס זײַנען פאַראַן אין דער וועלט, איז דער סאַמע ווערטפולער
און דער סאַמע אַנטשיידנדיקער קאַפּיטאַל די מענשן, די קאַדרען. מע
דאַרף פאַרשטיין, אַז בײַ אונזערע איצטיקע באַדינגונגען איז „די קאַ־
דרען אַנטשיידן אַלץ". וועלן מיר האָבן גוטע און צאָלרײַכע
קאַדרען אין דער אינדוסטריע, אין דער לאַנדווירטשאַפט, אויפן טראַנס־
פּאָרט, אין דער אַרמיי, — וועט אונזער לאַנד זײַן אומבאַזיגבאַר. וועלן
מיר ניט האָבן אַזעלכע קאַדרען — וועלן מיר הינקען אויף ביידע פיס".
דאָס פאַרשנעלערטע אויסכאָוועו קאַדרען פאַר דער טעכניק און דאָס גיכע
באַהערשן די נײַע טעכניק צוליב די צילן פון ווײַטערדיקן אויפשטײַג פון
דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט איז, אַזוי אַרום, געוואָרן אַן ערשטראַנגיקע אויפ־
גאַבע.
דער אַממערסטן בולט'ער בײַשפּיל פון וואוקס פון אַזעלכע קאַדרען, אַ בײַ־
שפּיל פון באַהערשן די נײַע טעכניק דורך אונזערע מענשן און פון ווײַטער־
דיקן וואוקס פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט איז געוואָרן די סטאַכאַנאָווי־
שע באַוועגונג. זי איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין
דאָנבאַס, אין דער קוילן־אינדוסטריע, האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אין אַנ־
דערע אינדוסטריע־צווײַגן, זיך פאַרשפּרייט אויפן טראַנספּאָרט און האָט נאָכ־
דעם אַרומגעכאַפּט די לאַנדווירטשאַפט. די דאָזיקע באַוועגונג איז אָנגערופן
געוואָרן סטאַכאַנאָווישע לויטן נאָמען פון איר איניציאַטאָר — דעם קוילנ־
העקער פון דער שאַכטע „צענטראַלנאַיאַ־אירמינאָ" (דאָנבאַס) אַלעקסיי סטאַ־
כאַנאָוו. נאָך פאַר סטאַכאַנאָוון האָט ניקיטאַ איזאָטאָוו באַוויזן ניט קיין גע־
זעענע ביז דעמאָלט רעקאָרדן פון קוילן־אויסאַרבעטונג. דער בײַשפּיל פון
סטאַכאַנאָוון, וועלכער האָט אויסגעהאַקט פאַר איין וואַכטע דעם 31־טן אוי־
גוסט 1935־טן יאָר 102 טאָן קוילן און האָט איבערגעשטיגן דערמיט גופא
די געוואוינלאַכע נאָרמעס פון קוילן־אַרויסבאַקום אין 14 מאָל, — האָט גע־
מאַכט דעם אָנהויב פון דער מאַסן־באַוועגונג פון די אַרבעטער און קאָל־
ווירטניקעס פאַר העכערן די אויסאַרבעטונגס־נאָרמעס, פאַר אַ נײַעם אויפ־
שטײַג פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט. בוסיגין — אין דער אויטאָמאָביל־
אינדוסטריע, סמעטאַנין — אין דער שוכוואַרג־אינדוסטריע, קריוואָנאָס —
אויפן טראַנספּאָרט, מוסינסקי — אין דער וואַלד־אינדוסטריע, יעוודאָקיאַ ווי־
נאָגראַדאָוואַ און מאַריאַ ווינאָגראַדאָוואַ — אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע,
מאַריאַ דעמטשענקאָ, מאַרינאַ גנאַטענקאָ, פּ. אַנגעלינאַ, פּאָלאַגוטין, קאָלע־
סאָוו, קאָוואַרדאַק, באָרין — אין דער לאַנדווירטשאַפט, — אָט דאָס זײַנען
די נעמען פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער סטאַכאַנאָווישער באַוועגונג.
נאָך זיי זײַנען אַוועק אַנדערע פּיאָנערן, גאַנצע מחנות פּיאָנערן, וואָס
האָבן איבערגעשטיגן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט פון די ערשטע פּיאָנערן.
אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַר דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער סטאַ־
כאַנאָווישער באַוועגונג האָט געהאַט די ערשטע אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג

פון די סטאכאנאָווצעס אין קרעמל, אין נאָוועמבער 1935=טן יאָר, און די ארויסטרעטונג פונם חבר סטאלין אויף איר.

„די סטאכאנאָווישע באוועגונג, האָט געזאָגט חבר סטאלין אין זײַן ארויסטרעטונג, דריקט אויס א נײַעם אויפשטײַג פונם סאָציאליסטישן געוועט, א נײַעם, א העכערן עטאפּ פונם סאָציאליסטישן געוועט... אין דער פארגאנגענהײַט, מיט א יאָר דרײַ צוריק, אינם פּעריאָד פונם ערשטן עטאפּ פונם סאָציאליסטישן געוועט, איז דער סאָציאליסטישער געוועט ניט געווען אומבאדינגט פארבונדן מיט דער נײַער טעכניק. דעמאָלט איז גאָר בא אונז, אייגנטלאך, ניט געווען כמעט קיין נײַע טעכניק. דער איצטיקער עטאפּ ווידער פונם סאָציאליסטישן געוועט — די סטאכאנאָווישע באוועגונג, איז, פארקערט, — אומבאדינגט פארבונדן מיט דער נײַער טעכניק. די סטאכאנאָווישע באוועגונג וואָלט געווען ניט דענקבאר אָן דער נײַער, העכערער טעכניק. איר האָט פאר זיך אזוינע מענשן, ווי די חברים סטאכאנאָוו, בוסיגין, סמעטאנין, קריוואָנאָס, די ווינאָגראדאָוואס און פיל אנדערע, מענשן נײַע, ארבעטער און ארבעטערנס, וועלכע האָבן פולשטענדיק באהערשט די טעכניק פון זייער ארבעט, האָבן זי באזאָטלט און א טרײַב געטאָן פאָראויס. אזוינע מענשן האָבן מיר ניט געהאט אָדער כמעט ניט געהאט מיט א יאָר דרײַ צוריק... די באדײַטונג פון דער סטאכאנאָווישער באוועגונג באשטייט דערין, וואָס זי איז אזא באוועגונג, וועלכע ברעכט די אלטע טעכנישע נאָרמעס, ווי ניט=גענוגנדיקע, זי שטײַגט איבער אין א גאנצער רײ פאלן די ארבעטס=פּראָדוקטיווקײַט פון די פאָרגעשריטענע קאפּיטאליסטישע לענדער און עפּנט, אזוי=ארום, א פּראקטישע מעגלאכקײַט ווײַטער צו פארפעסטיקן דעם סאָציאליזם אין אונזער לאנד, די מעגלאכקײַט צו פארוואנדלען אונזער לאנד אין דעם סאמע פארמעגלאכן לאנד".

כאראקטעריזירנדיק די ארבעטס=מעטאָדן פון די סטאכאנאָווצעס און אויפדעקנדיק די קאָלאָסאלע באדײַטונג פון דער סטאכאנאָווישער באוועגונג פאר דער צוקונפט פון אונזער לאנד, האָט חבר סטאלין געזאָגט ווײַטער:

„קוקט זיך צו צו די חברים סטאכאנאָווצעס. וואָס זײַנען דאָס פאר מענשן? דאָס זײַנען, דער עיקר, — יונגע אָדער מיטליאָריקע ארבעטער און ארבעטערנס, מענשן קולטורעלע און טעכניש=אונטערגעשמידטע, וואָס גיבן מוסטערן פון פּינקטלאכקײַט און אקוראטקײַט אין דער ארבעט, וואָס קענען שעצן דעם פאקטאָר פון צײַט אין דער ארבעט און וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט צו רעכענען די צייט ניט בלויז אויף מינוטן, נאָר אויך אויף סעקונדעס. די מערהײַט פון זיי האָט דורכגעמאכט דעם אזוי גערופענעם טעכנישן מינימום און זעצט פאָר צו דערגאנצן איר טעכנישע בילדונג. זיי זײַנען פרײַ פונם קאָנסערוואטיזם

און פון דער פארגליווערטקייט פון אייניקע אינזשענירן, טעכניקער און
ווירטשאפטלער; זיי גייען דרייסט פאָראויס, ברעכנדיק די פארעלטער=
טע טעכנישע נאָרמעס און שאפנדיק נײַע, העכערע; זיי טראָגן אַרײַן
אויסבעסערונגען אין די פּראָיעקט=מעכטיקייטן און ווירטשאפטלאכע
פּלענער, וואָס עס האָבן צונויפגעשטעלט די אָנפירער פון אונזער אינ=
דוסטריע; זיי האלטן אין איין דערגאנצן און אויסבעסערן די אינזשע=
נירן און טעכניקער, ניט זעלטן לערנען זיי זיי און שטויסן זיי פאָר=
אויס, ווײַל דאָס זײַנען מענשן, וואָס האָבן פולשטענדיק באהערשט
די טעכניק פון זייער ארבעט און וואָס קענען ארויספּרעסן פון דער
טעכניק דעם מאקסימום פון דעם, וואָס מע קאָן פון איר ארויספּרעסן.
הײַנט זײַנען סטאכאנאָווצעס פאראן נאָך ווייניק, ווער קאָן אָבער
צווייפלען, אז מאָרגן וועלן זיי זײַן אין צען מאָל אזויפיל? עס איז
דען ניט קלאָר, אז די סטאכאנאָווצעס זײַנען נאָוואטאָרן אין אונזער
אינדוסטריע, אז די סטאכאנאָווישע באוועגונג שטעלט מיט זיך פאָר
די צוקונפט פון אונזער אינדוסטריע, אז זי אנטהאלט אין זיך דעם
קערן פון דעם קינפטיקן קולטור=טעכנישן אויפשטײַג פונם ארבעטער=
קלאס, אז זי עפנט אונז יענעם וועג, וואָס בלויז אויף אים טאקע
קאָן מען זיך דערשלאָגן די העכסטע צײַגער פון ארבעטס=פּראָדוקטיווי=
קייט, וואָס זײַנען נויטיק פארן אריבערגאנג פון סאָציאליזם צו קאָ=
מוניזם און פאר דער פארניכטונג פון דעם קעגנזאץ צווישן דער אינ=
טעלעקטועלער ארבעט און דער פיזישער ארבעט?"

די פאנאנדערוויקלונג פון דער סטאכאנאָווישער באוועגונג און די פארטער=
מיניקע אויספילונג פונם צווייטן פינפיאָר האָבן געשאפן באדינגונגען פאר א
נײַעם אויפשטײַג פונם וואוילשטאנד און פון דער קולטור=אנטוויקלונג פון די אר=
בעטנדיקע.

דער רעאלער ארבעטסלוין פון די ארבעטער און אָנגעשטעלטע איז אינם
צווייטן פינפיאָר אויסגעוואקסן מער ווי אין צוויי מאָל. דער פאָנד פונם אר=
בעטסלוין איז אויסגעוואקסן פון 34 מיליארד אין 1933=טן יאָר ביז 81 מי=
ליארד אין 1937=טן יאָר. דער פאָנד פון מלוכה'שער סאָציאלער פארזיכערונג
איז אויסגעוואקסן פון 4 מיליארד 600 מיליאָן רובל אין 1933=טן יאָר ביז 5
מיליארד 600 מיליאָן רובל אין 1937=טן יאָר. אויף דער מלוכה'שער פארזי=
כערונג פון די ארבעטער און אָנגעשטעלטע, אויף דער פארבעסערונג פונם שטיי=
גער און אויף קולטור=באדערפעניש, אויף סאנאטאָריעס, קוראָרטן, אָפּרו=
הײַזער און מעדיציניש ער הילף איז בלויז אין 1937=טן יאָר אויסגעגעבן גע=
וואָרן בײַ 10 מיליארד רובל.

אין דאָרף האָט זיך ענדגילטיק פארפעסטיקט די קאָלווירטישע אָרדענונג.
דערצו האָבן שטארק מיטגעווירקט דער **סטאטוט פון דעם לאנד=
ווירטשאפטלאכן ארטעל**, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן צווייטן

צוזאמענפאַר פון די קאָלווירטניקעס—שלאָגלער אין פעברואר 1935טן יאָר, און דאָס פארפעסטיקן פאר די קאָלווירטן די גאנצע ערד, וואָס זיי באאַרבעטן, אויף אייביקן באנוץ. אראנק דער פארפעסטיקונג פון דער קאָלווירטישער אָרדענונג זייגען פארשוואונדן די אָרעמקייט און די ביט־געזוי־בערטקייט אין דאָרף. אויב פריער, מיט א יאָר דרײַ צוריק, פלעגט מען ארויסגעבן צו אייגעם, צו צווי קילאָגראם תבואה אויף א טאָג ארבעט, האָט איצט די מערהײט קאָלווירטניקעס אין די תבואה־ראיאָנען אָנגעהויבן באקו־מען אויף א טאָג ארבעט פון פינף ביז צוועלף קילאָגראם, און פיל פון זיי— ביז צוואנציק קילאָגראם אויף א טאָג ארבעט, שוין אָפגערעדט פון ארויס־געבן אנדערע פראָדוקטן און באקומען געלט־הכנסות. עס האָבן זיך באוויזן מיליאָנען קאָלווירטישע הויפן, וואָס האָבן באקומען פאר א יאָר פון 500 ביז 1500 פוד תבואה אין די תבואה־ראיאָנען, האָבן באקומען צענדליקער טויזנטער רובל יערלאכע הכנסה אין די ראיאָנען פון בוימוואָל, בורעקעס, פלאקס, פי־צוכט, ווײַן־פראָדוקציע, ציטרוסן, פרוכט און גרינס. די קאָל־ווירטן זײַנען געוואָרן פארמעגלאכע. דאָס בויען נײַע שפּײַכלערס און שײַערס איז געוואָרן די הויפּט־זאָרג פונם קאָלווירטישן הויף, ווײַל די אלטע ערטער, וואו מע פלעגט האלטן די פראָדוקטן און וואָס זײַנען געווען אויסגערעכנט אויף אומבאדײַטנדיקע יאָר־רעזערוון, האָבן גיט באפרידיקט קיין צענט'חלק פון די נײַע באדערפענישן פון די קאָלווירטניקעס.

אין יאָר 1936, אין צוזאמענהאנג מיטן וואוקס פונם וואוילשטאנד פון די פאָלקס־מאסן, האָט די רעגירונג ארויסגעגעבן א געזעץ וועגן פארווערן אבאָרטן. גלײַכצײַטיק איז אָנגעמערקט געוואָרן א ברייטע פראָגראם פון בויען געבורטס־הײַזער, יאסליעס, מילך־קיכן, קינדער־גערטנער. אין יאָר 1936 זײַנען אויף די דאָזיקע מאָס־מיטלען אסיגנירט געוואָרן 2 מיליארד 174 מיליאָן רובל לגבי 875 מיליאָן אין יאָר 1935. דורך א ספּעציעלן געזעץ איז אײַנ־געשטעלט געוואָרן באדײַטנדיקע הילף די פאמיליעס מיט פיל קינדער. אויפן גרונט פון דעם דאָזיקן געזעץ איז אין יאָר 1937 ארויסגעגעבן געוואָרן הע־כער א מיליארד רובל שטיצע.

אין רעזולטאט פון אײַנפירן די אלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע בילדונג און פון דער נײַער שול־בויאונג האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט א מעכטיקער אויפשטײַג פון דער קולטורעלקייט פון די פאָלקס־מאסן. עס האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט איבערן גאנצן לאנד א גראנדיעזע שול־בויאונג. די צאָל שילער אין די אָנ־פאנגס־שולן און מיטל־שולן איז אויסגעוואקסן פון 8 מיליאָן אין יאָר 1914 ביז 28 מיליאָן אין די יאָרן 1936—1937. די צאָל שטודירנדיקע אין די הויך־שולן איז אויסגעוואקסן פון 112 טויזנט אין יאָר 1914 ביז 542 טויזנט אין די יאָרן 1936—1937.

דאָס איז געווען א קולטור־רעוואָלוציע.

אינם אויפשטײַג פון דער מאטעריעלער לאגע און פון דער קולטור־אנט־

וויקלונג פון די פֿאָלקס־מאסן האָבן זיך געלאָזט פילן די קראפט, די מעכטי־קײט, די אומבאַזיגבארקײט פון אונזער סאָוועטישער רעוואָליוציע. רעוואָליו־ציעס זײַנען אין דער פארגאנגענהײט אומגעקומען איבער דעם, וואָס, האָבנ־דיק געגעבן דעם פֿאָלק פרײַהײט, האָבן זײ ניט געהאט קײן מעגלאכקײט צוזאמען דערמיט געבן אים אן ערנסטע פארבעסערונג פון דער מאטעריעלער און קולטורעלער לאגע. דערין איז געווען זײער גרונט־שוואכקײט. אונזער רע־וואָליוציע אונטערשײדט זיך פון אלע אנדערע רעוואָליוציעס דערמיט, וואָס זי האָט ניט בלויז דאָס פֿאָלק באפרײַט פונם צאריזם, פונם קאפיטאליזם, נאָר אויך ראדיקאל פארבעסערט זײַן מאטעריעלע און קולטורעלע לאגע. דע־רין איז איר קראפט און אומבאַזיגבארקײט.

„אונזער פּראָלעטארישע רעוואָליוציע, — האָט געזאָגט חבר סטאלין אין זײַן ארויסטרעטונג אויף דער ערשטער אלפארבאנדישער בארמטונג פון די סטאכאנאָווצעס, — איז די אײנציקע רעוואָליוציע אין דער וועלט, וואָס איר האָט זיך אײַנגעגעבן צו באווײַזן דעם פֿאָלק ניט בלויז אירע פּאָליטישע רעזולטאטן, נאָר אויך די רעזולטאטן די מאטעריעלע. פון אלע ארבעטער־רעוואָליוציעס ווײסן מיר בלויז אײנע, וואָס האָט זיך ווי־עס־איז דערשלאָגן מאכט. דאָס איז די פּאריזער קאָמונע. זי האָט, אמת, גע־פּרוּווט צעברעכן די קײטן פונם קאפּיטאליזם, זי האָט אָבער ניט באוויזן צו צעברעכן זײ און האָט געוויס ניט באוויזן צו צײַגן דעם פֿאָלק די גוטע מאטעריעלע רעזולטאטן פון דער רעוואָליוציע. אונזער רעוואָליוציע איז די אײנציקע, וואָס האָט ניט בלויז צעבראָכן די קײטן פונם קאפּיטאליזם און האָט געגעבן דעם פֿאָלק פרײַהײט, נאָר האָט נאָך באוויזן צו געבן דעם פֿאָלק מאטעריעלע באדינגונגען פאר א פאר־מעגלאך לעבן. דערין איז די קראפט און די אומבאַזיגבארקײט פון אונזער רעוואָליוציע".

## 3. דער אכטער סאָוועטן־צוזאמענפאָר. דאָס אָננעמען די נײַע קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר.

אין פעברואר 1935־טן יאָר האָט דער זיבעטער צוזאמענפאָר פון די סאָ־וועטן פונם פארבאנד סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפּובליקן ארויסגעטראָגן א באשלוס וועגן ענדערן די קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר., וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אין 1924־טן יאָר. די נויטיקײט צו ענדערן די קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר. איז ארויסגערופן געוואָרן דורך די קאָלאָסאלע ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אינם לעבן פון פ.ס.ס.ר. זינט דעם יאָר 1924, דאָס הײסט, זינט עס איז אָנגענומען געוואָרן די ערשטע קאָנסטיטוציע פונם סאָוועטן־פארבאנד ביז צו אונזערע טעג. אין די פארגאנגענע יאָרן האָט זיך אבסאָליוט געענ־

דערט די פארהעלטעניש פון די קלאסן=כחות אין פ.ס.ס.ר.: עס איז געשאפן געוואָרן א נײַע סאָציאליסטישע אינדוסטריע, ס'איז צעשמעטערט געוואָרן דאָס באלעגופנטום, עס האָט געזיגט די קאָלווירטישע אָרדענונג, עס האָט זיך באפעסטיקט, ווי א יסוד פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט, דאָס סאָציאליסטישע אייגנטום אויף די פּראָדוציר=מיטלען אין דער גאנצער פאָלקסווירטשאפט. דער זיג פונם סאָציאליזם האָט געגעבן א מעגלאכקײַט אריבערצוגיין צו א ווײַטערדיקער דעמאָקראטיזירונג פון דער וואל=סיסטעם, צום אײַנפירן אלגעמיינע, גלײַכע און דירעקטע וואלרעכט בײַ געהיימער אָפּשטימונג.

א ספּעציעלע קאָנסטיטוציע=קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פונם חבר סטאלין האָט אויסגעארבעט דעם פּראָיעקט פון דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר. דער פּראָיעקט איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף באהאנדלונג פון גאנצן פאָלק, וואָס האָט געדויערט 5 מיט א האלב חדשים. דער פּראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציע איז געשטעלט געוואָרן אויף דער באהאנדלונג פונם אויסעראָרדנטלאכן אכטן סאָוועטן=צוזאמענפאָר.

אין נאָוועמבער 1936=טן יאָר איז זיך צונויפגעקומען דער אכטער סאָוועטן=צוזאמענפאָר, וואָס איז געווען בארופן צו באוויליקן אָדער אָפּצוואַרפן דעם פּראָיעקט פון דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר.

אין זײַן פאָרטראָג אויפן אכטן סאָוועטן=צוזאמענפאָר וועגן דעם פּראָיעקט פון דער נײַער קאָנסטיטוציע האָט חבר סטאלין געשילדערט די גרונט=ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אינם לאנד פון די סאָוועטן, זינט עס איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון 1924=טן יאָר.

די קאָנסטיטוציע פון 1924=טן יאָר איז אויסגעארבעט געוואָרן אינם ערשטן פעריאָד פון נעפּ. דעמאָלט האָט נאָך די סאָוועטן=מאכט דערלאָזט די אנטוויקלונג פונם קאפּיטאליזם צוגלײַך מיט דער אנטוויקלונג פונם סאָציאליזם. דעמאָלט האָט די סאָוועטן=מאכט אויסגערעכנט דערויף, אז אין גאנג פונם געווער פון די צוויי סיסטעמען — פון דער קאפּיטאליסטישער און דער סאָציאליסטישער — זאָל אָרגאניזירט ווערן און געזיכערט ווערן דער זיג פונם סאָציאליזם איבערן קאפּיטאליזם אין געביט פון דער עקאָנאָמיק. דעמאָלט איז די פראגע „ווער—וועמען“ נאָך ניט געווען געלייזט. באזירט אויף דער אלטער און ניט=רײַכער טעכניק, האָט די אינדוסטריע נאָך ניט געהאט דערגרייכט אפילו דעם פאר'מלחמה=ניוואָ. א נאָך מער ניט=צוציענדיק בילד האָט מיט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט די לאנדווירטשאפט. די סאָוווירטן און קאָלווירטן האָבן עקזיסטירט בלויז אין דער פאָרם פון איינצלנע אינזעלאך אינם אומענדלאכן אָקעאן אינדיווידועלע פּויערישע ווירטשאפטן. דעמאָלט האָט זיך געהאנדלט ניט וועגן ליקווידירן דאָס באלעגופנטום, נאָר בלויז וועגן באגרענעצן עס. אין געביט פונם סחורה=אומזאץ האָט דער סאָציאליסטישער סעקטאָר פארנומען בלויז בײַ 50 פּראָצענט.

און אנדער בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פ.ס.ס.ר. אין יאָר 1936. צום

1936־טן יאָר האָט זיך אבסאָליוט געענדערט די עקאָנאָמיק פון פ.ס.ס.ר. צו דער דאָזיקער צײַט זײַנען שוין פולשטענדיק געווען ליקווידירט די קאַפּיטאַליס־טישע עלעמענטן,—עס האָט געזיגט די סאָציאַליסטישע סיסטעם אין אַלע געביטן פון דער פאָלקסווירטשאַפט. די מעכטיקע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע האָט אין זיבן מאָל איבערגעשטיגן די פאַר'מלחמה־פּראָדוקציע און האָט פולשטענדיק ארויסגעשטויסן די פּריוואַטע אינדוסטריע. אין דער לאַנדווירט־שאַפט האָט געזיגט די סאַמע גרויסע אין דער וועלט מאַשיניזירטע, מיט א נײַער טעכניק באוואָפנטע, סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע אין דער פאָרם פון דער סיסטעם פון קאָלווירטן און סאָוווירטן. דאָס באַלעבאָפּנטום איז צום 1936־טן יאָר געווען פולשטענדיק ליקווידירט, ווי א קלאַס, און דער אינדי־ווידועלער סעקטאָר האָט שוין ניט געשפּילט קיין שום ערנסטע ראָלע אין דער עקאָנאָמיק פונם לאַנד. דער גאַנצער סחורה־אומזאַץ איז געווען קאָנ־צענטרירט אין די הענט פון דער מלוכה און קאָאָפּעראַציע. די עקספּלואַ־טאַציע פון מענטש דורך מענטש איז פאַרניכטעט געוואָרן אויף שטענדיק. דאָס געזעלשאַפטלאַכע, סאָציאַליסטישע אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען האָט זיך באפעסטיקט, ווי אַן אומוואַקלבארער יסוד פון דער נײַער, סאָציאַליסטי־שער אָרדענונג אין אַלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט. אין דער נײַער, דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זײַנען אויף שטענדיק פאַרשוואונדן די קריזיסן, דער דלות, די ארבעטסלאָזיקײַט און די רואינירונג. עס האָבן זיך געשאַפן באדינגונגען פאַר א פאַרמעגלאַך און קולטורעל לעבן פאַר אַלע מיטגלידער פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

אין הסכם דערמיט, האָט געזאָגט אין זײַן פּאָרטראַג חבר סטאַלין, האָט זיך אויך געענדערט דער קלאַסן־באשטאַנד פון דער באַפעלקערונג פונם סאָוועטן־פאַרבאנד. דער קלאַס פריצים און די אַלטע אימפּעריאַליסטישע גרויס־בורזשואזיע זײַנען ליקווידירט געוואָרן נאָך אינם פעריאָד פונם ביר־גערקריג. אין די יאָרן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג זײַנען ליקווידירט געוואָרן אַלע עקספּלואַטאַרישע עלעמענטן — די קאַפּיטאַליסטן, סוחרים, באַלעגופים, ספּעקוליאַנטן. עס זײַנען בלויז פאַרבליבן אומבאדײַטנדיקע רעשט־לאַך פון די ליקווידירטע עקספּלואַטאַרישע קלאַסן, וואָס די פולשטענדיקע ליקווידירונג זייערע איז א פראַגע פון דער נאָענטסטער צײַט.

די ארבעטנדיקע פון פ.ס.ס.ר. — די ארבעטער, די פּויערים, די אינטעלי־גענץ — האָבן זיך טיף געענדערט אין די יאָרן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

דער ארבעטער־קלאַס האָט אויפגעהערט צו זײַן אַן עקספּלואַטירטער קלאַס, וואָס איז באַרויבט פון די פּראָדוציר־מיטלען, ווי דאָס איז בײַם קאַפּיטאַליזם. ער האָט פאַרניכטעט דעם קאַפּיטאַליזם, אָפּגענומען בײַ די קאַפּיטאַליסטן די פּראָדוציר־מיטלען, פאַרוואַנדלט זיי אין געזעלשאַפטלאַך אייגנטום. ער האָט אויפגעהערט צו זײַן א פּראָלעטאַריאַט אין דעם אייגנטלאַכן, אַלטן זין פון

וואָרט. דער פּראָלעטאַריאַט פון פ.ס.ס.ר., וואָס באַזיצט די מלוכה־מאַכט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַבסאָליוט נײַעם קלאַס. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַפרײַטן פון עקספּלואַטאַציע אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט פאַרניכטעט די קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפט־סיסטעם און האָט אײַנגעשטעלט דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען, דאָס הייסט, אין אַזאַ אַרבעטער־קלאַס, וואָס פון אַזאַ האָט נאָך ניט געוואוסט די געשיכטע פון דער מענשהײַט.

ניט ווייניקער טיפע ענדערונגען זײַנען פאָרגעקומען אויך אין דער לאַגע פונם פּויערטום פון פ.ס.ס.ר. אין דער אַלטער צײַט האָבן העכער צוויי צענדליק מיליאָן צעוואָרפענע באַזונדערע פּויערישע ווירטשאַפטן, קליינע און מיטעלע, זיך געפּאָרקעט אײַנצלווײַז אויף זייערע ערד־חלקים. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אָפּגעשטאַנענער טעכניק, זײַנען עקספּלואַטירט געוואָרן דורך די פּריצים, באַלעגופים, סוחרים, ספּעקוליאַנטן, וואוכערניקעס א.ד.גל. איצט איז אין פ.ס.ס.ר. אויסגעוואַקסן אַן אַבסאָליוט נײַ פּויערטום: ס'איז ניטאָ מער קיין פּריצים און באַלעגופים, קיין סוחרים און וואוכערניקעס, וואָס וואָלטן געקאָנט עקספּלואַטירן דאָס פּויערטום. די קאָלאָסאַלסטע מערהײַט פּויערישע ווירטשאַפטן איז אַרײַנגעטראָטן אין די קאָלווירטן, וואָס אין יסוד פון זיי ליגט ניט דאָס פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען, נאָר דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דער באַזע פון קאָלעקטיווער אַרבעט. דאָס איז אַ נײַער טיפּ פּויערטום, וואָס איז באַפרײַט פון יעטווידער עקספּלואַטאַציע. פון אַזאַ פּויערטום האָט נאָך אויך ניט געוואוסט די געשיכטע פון דער מענשהײַט.

עס האָט זיך געענדערט אויך די אינטעליגענץ פון פ.ס.ס.ר. אין דער מאַסע איז זי געוואָרן אַן אַבסאָליוט נײַע אינטעליגענץ. אין דער מערהײַט אירער איז זי אַרויסגעקומען פון דער אַרבעטער־ און פּויערים־סביבה. זי דינט ניט דעם קאַפּיטאַליזם, ווי די אַלטע אינטעליגענץ, נאָר דעם סאָציאַליזם. די אינטעליגענץ איז געוואָרן אַ גלײַכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די דאָזיקע אינטעליגענץ בויט צוזאַמען מיט די אַרבעטער און פּויערים די נײַע, סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דאָס איז אַ נײַער טיפּ אינטעליגענץ, וואָס דינט דעם פאָלק און וואָס איז באַפרײַט פון יעטווידער עקספּלואַטאַציע. פון אַזאַ אינטעליגענץ האָט נאָך ניט געוואוסט די געשיכטע פון דער מענשהײַט.

אַזוי־אַרום ווערן אָפּגעווישט די קלאַסן־גרענעצן צווישן די אַרבעטנדיקע פון פ.ס.ס.ר., עס פאַרשווינדט די אַלטע קלאַסאָווע אויסנעמלאַכקײַט. עס פאַלן און עס ווערן אָפּגעווישט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ווידערשפּרוכן צווישן די אַרבעטער, די פּויערים און דער אינטעליגענץ. עס איז געשאַפן געוואָרן דער יסוד פון דער מאָראַליש־פּאָליטישער אייגהײַט פון דער געזעלשאַפט.

אָט די טיפע ענדערונגען אינם לעבן פון פ.ס.ס.ר., אָט די אַנטשיידנדיקע

דערפֿאָלגן פֿונם סאָציאַליזם אין פ.ס.ס.ר. האָבן באַקומען זייער אויסדרוק אין דער נײַער קאָנסטיטוציע פֿון פ.ס.ס.ר.

אין הסכם מיט דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע באַשטייט די סאָוועטישע געזעלשאַפֿט פֿון צוויי פֿרײַנטלאַכע קלאַסן — פֿון אַרבעטער און פּויערים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך נאָך אײַנגעהיט קלאַסן־אונטערשיידן. דער פֿאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן איז אַ סאָציאַליסטישע מלוכה פֿון די אַרבעטער און פּויערים.

דעם פּאָליטישן יסוד פֿון פ.ס.ס.ר. בילדן די סאָוועטן פֿון דעפּוטאַטן פֿון די אַרבעטנדיקע, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן און האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט אין רעזולטאַט פֿון אַראָפּוואַרפֿן די מאַכט פֿון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן און פֿון דעראָבערן די דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט.

די גאַנצע מאַכט אין פ.ס.ס.ר. געהערט די אַרבעטנדיקע פֿון שטאָט און דאָרף אין פּערזאָן פֿון די סאָוועטן פֿון דעפּוטאַטן פֿון די אַרבעטנדיקע.

דער העכסטער אָרגאַן פֿון דער מלוכה־מאַכט פֿון פ.ס.ס.ר. איז דער אויבער־סאָוועט פֿון פ.ס.ס.ר.

דער אויבער־סאָוועט פֿון פ.ס.ס.ר., וואָס באַשטייט פֿון צוויי גלײַכבאַרעכטיקטע פּאַלאַטעס, פֿונם פֿאַרבאַנד־סאָוועט און פֿונם נאַציאָנאַליטעטן־סאָוועט, ווערט אויסגעוויילט דורך די בירגער פֿון פ.ס.ס.ר. אויף אַ טערמין פֿון פֿיר יאָר אויפֿן יסוד פֿון אַלגעמיינעם, דירעקטן און גלײַכן וואַלרעכט בײַ געהיימער אָפּשטימונג.

די וואַלן אין אויבער־סאָוועט פֿון פ.ס.ס.ר., ווי אויך אין אַלע סאָוועטן פֿון דעפּוטאַטן פֿון די אַרבעטנדיקע, זײַנען א ל ג ע מ יי נ ע. דאָס הייסט, אַז אַלע בירגער פֿון פ.ס.ס.ר., וואָס זײַנען אַלט געוואָרן 18 יאָר, אומאָפּהענגיק פֿון ראַסעווער און נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, פֿון גלויבן, פֿון בילדונגס־צענז, פֿון אײַנגעזעסנקייט, פֿון סאָציאַלער אָפּשטאַמונג, פֿון פֿאַרמעגנס־לאַגע און פֿון פֿאַרגאַנגענער טעטיקייט, — האָבן דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן פֿון דעפּוטאַטן און אויסגעוויילט צו ווערן, אויסער משוגעים און פּערזאָנען, וואָס זײַנען פֿאַר׳משפּט דורכן געריכט מיטן אָפּנעמען די וואַלרעכט.

די וואַלן פֿון דעפּוטאַטן זײַנען ג ל ײַ כ ע. דאָס הייסט, אַז יעדער בירגער האָט איין שטים און אַלע בירגער באַטייליקן זיך אין די וואַלן אויף גלײַכע יסודות.

די וואַלן פֿון דעפּוטאַטן זײַנען ד י ר ע ק ט ע. דאָס הייסט, אַז די וואַלן אין אַלע סאָוועטן פֿון דעפּוטאַטן פֿון די אַרבעטנדיקע, אָנגעהויבן פֿונם דאָרפֿישן און שטאָטישן סאָוועט פֿון דעפּוטאַטן פֿון די אַרבעטנדיקע ביז צום אויבער־סאָוועט פֿון פ.ס.ס.ר., ווערן פֿון די בירגער דורכגעפֿירט אוממיטלבאַר דורך דירעקטע וואַלן.

דער אויבער־סאָוועט פֿון פ.ס.ס.ר. ווײַלט אויס אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג

פון ביידע פאַלאַטעס דעם פּרעזידיום פונם אויבער־סאָוועט און דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון פ.ס.ס.ר.

דעם עקאָנאָמישן יסוד פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד בילדן די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־סיסטעם און דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. אין פ.ס.ס.ר. ווערט פאַרווירקלעכט דער פּרינציפּ פון סאָציאַליזם: „פון יעדערן — לויט זיינע פעיִקייטן, יעדערן — לויט זיין אַרבעט".

פאַר אַלע בירגער פון פ.ס.ס.ר. ווערט געזיכערט דאָס רעכט אויף אַרבעט, דאָס רעכט אויף אָפּרו, דאָס רעכט אויף בילדונג, דאָס רעכט אויף מאַטעריעלער פאַרזאָרגונג אויף דער עלטער, און אויך אין פאַל פון קראַנקייט און פון פאַרלירן די אַרבעטספעיִקייט.

דער פרוי ווערן געגעבן גלייכע רעכט מיטן מאַנספּאַרשוין אין אַלע געביטן פון טעטיקייט.

די גלייכבאַרעכטיקונג פון די בירגער פון פ.ס.ס.ר., אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַליטעט און ראַסע, איז אַן אומפאַרענדערלעכער געזעץ.

פאַר אַלע בירגער ווערט אָנערקענט די פרייהייט פון געוויסן און די פרייהייט פון אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

די קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט — אין די אינטערעסן פון פאַרפעסטיקן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט — פרייהייט פון וואָרט, פון פּרעסע, פון פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, דאָס רעכט צו פאַראייניקן זיך אין געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן, אומבאַרירלעכקייט פון וואוינונג און געהיימקייט פון קאָרעספּאָנדענץ, אַזיל־רעכט פאַר אויסלענדישע בירגער, וואָס ווערן פאַרפאָלגט פאַר פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע, אָדער פאַר וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט, אָדער פאַר נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף.

צוזאַמען דערמיט לייגט די נייע קאָנסטיטוציע אַרויף אויף אַלע בירגער פון פ.ס.ס.ר. ערנסטע פליכטן: אויספילן די געזעצן, אָפּהיטן די אַרבעטס־דיסציפּלין, ערלעך באַציִען זיך צו דער געזעלשאַפטלעכער פליכט, אַכטן די כללים פון סאָציאַליסטישן צוזאַמענלעבן, אָפּהיטן און פאַרפעסטיקן דאָס געזעלשאַפטלעכע סאָציאַליסטישע אייגנטום, באַשיצן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד.

„די באַשיצונג פונם פאָטערלאַנד איז אַ הייליקער חוב פון יעדן בירגער פון פ.ס.ס.ר.".

ריידנדיק וועגן דעם רעכט פון די בירגער צו פאַראייניקן זיך אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, האָט די קאָנסטיטוציע אין איינעם פון אירע אַרטיקלען פאַרשריבן:

„די סאַמע אַקטיווע און באַוואוסטזיניקע בירגער פון די רייען פונם אַרבעטער־קלאַס און פון אַנדערע שיכטן אַרבעטנדיקע פאַראייניקן זיך אין דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשע־

וויקעס), וואָס איז דער אוואַנגאַרד־אַטריאַד פון די אַרבעטנדיקע אין זייער קאַמף פאַר דער פאַרפעסטיקונג און אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָנפירנדיקן קערן פון אַלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטנדיקע, ווי פון די געזעלשאַפטלעכע, אַזוי אויך פון די מלוכה'שע".

דער אַכטער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר האָט איינשטימיק באַוויליקט און באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט פון דער נייער קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר.

דאָס לאַנד פון די סאָוועטן האָט, אַזוי אַרום, באַקומען אַ נייע קאָנסטיטוציע, די קאָנסטיטוציע פונם זיג פונם סאָציאַליזם און פון דער אַרבעטער־פּויערישער דעמאָקראַטיע.

דערמיט גופא האָט די קאָנסטיטוציע פאַרפעסטיקט אָט דעם וועלט־היסטאָרישן פאַקט, וואָס פ.ס.ס.ר. איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייעם פעריאָד פון אַנטוויקלונג, אין דעם פעריאָד פון פאַרענדיקן די בויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און פון שטופנווייזן איבערגאַנג צו דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וואו דער אָנפירנדיקער פּרינציפּ פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרף זיין דער קאָמוניסטישער פּרינציפּ: „פון יעדערן — לויט זיינע פייאיקייטן, יעדערן — לויט זיינע באַדערפעניש".

## 4. די ליקווידירונג פון די רעשטלאַך פון די בוכאַרינ־טראָצקיסטישע שפּיאָנען, שעדיקער, פאַררעטער פונם היימלאַנד. די צוגרייטונג צו די וואַלן אין אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. דער קורס פון דער פּאַרטיי אויף אַ פאַנאַנדערגעוויקלטער אינערלאַך־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע. די וואַלן אין אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ס.ר.

דאָס יאָר 1937 האָט אויפגעדעקט נייע פאַקטן וועגן די אויסוואורפן פון דער בוכאַריניש־טראָצקיסטישער באַנדע. דער געריכט־פּראָצעס איבערן ענין פון פּיאַטאַקאָוון, ראַדעקן און אַנדערע, דער געריכט־פּראָצעס איבערן ענין פון טוכאַטשעווסקין, יאַקירן און אַנדערע, לסוף, דער געריכט־פּראָצעס איבערן ענין פון בוכאַרינען, ריקאָוון, קרעסטינסקין, ראָזענגאָלצן און אַנדערע, — די אַלע פּראָצעסן האָבן באַוויזן, אַז די בוכאַרינצעס און די טראָצקיסטן, ווייזט זיך אַרויס, האָבן שוין לאַנג געהאַט געבילדעט איין אַלגעמיינע באַנדע שונאים פונם פאָלק אין דער פאָרם פונם „רעכט־טראָצקיסטישן בלאָק".

די געריכט־פּראָצעסן האָבן באַוויזן, אַז אָט דער אָפּפאַל פונם מענשלעכן מין צוזאַמען מיט די שונאים פון פאָלק — מיט טראָצקין, זינאָוויעוון און קאַמענעוון — זיינען געווען אין אַ פאַרשווערונג קעגן לענינען, קעגן דער פּאַרטיי, קעגן דער סאָוועטן־מלוכה שוין פון די ערשטע טעג אָן פון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָליוציע. די פּראָוואָקאַטאָרישע פּרוּוון אָראָפּ־

צורײַסן דעם בריסקער שלום אין אָנהויב 1918־טן יאָר; די פאַרשווערונג קעגן לענינען און די אײַנפאַרשטענדעניש מיט די „לינקע“ עסערן וועגן ארעסטירן און דערמאָרדן לענינען, סטאַלינען, סווערדלאָוון אין פרילינג 1918־טן יאָר; דער רוצח׳ישער שאָס אין לענינען און דאָס פאַרוואונדן אים זומער 1918־טן יאָר; דער בונט פון די „לינקע“ עסערן זומער 1918־טן יאָר; די בכיוון׳דיקע פאַרשאַרפונג פון די מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן אין דער פאַרטיי אין 1921־טן יאָר מיטן ציל צו צעטרייסלען און אַראָפּוואַרפן פון אינעווייניק לענינס אָנפירונג; די פּרוּוון אַראָפּצוּוואַרפן די אָנפירונג פון דער פאַרטיי בעת לענינס קראַנקײַט און נאָך זײַן טויט; דאָס ארויסגעבן מלוכה׳שע סודות און דאָס באַזאָרגן מיט שפּיאָנישער אינפאָרמאַציע די אויסלענדישע אויסשפּירונגען; די רוצח׳ישע דערמאָרדונג פון קיראָוון; די שעדיקערײַ, דיווערסיעס, אויפרײַסן; די רוצח׳ישע דערמאָרדונג פון מענזשינסקין, קויבישעוון, גאָרקין, — אָט די אַלע און ענלאַכע צו זיי רציחות זײַנען, ווײַזט זיך ארויס, דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרלויף פון 20 יאָר בײַם אָנטייל אָדער בײַ דער אָנפירונג פון טראָצקין, זינאָוויעוון, קאַמענעוון, בוכאַרינען, ריקאָוון און פון זייערע נאָכשלעפּער — לויט די אויפגעבונגען פון די אויסלענדישע בורזשואזע אויסשפּירונגען.

די געריכט־פּראָצעסן האָבן קלאָר געמאַכט, אַז, אויספילנדיק דעם ווילן פון זייערע באַלעבאַטים — די אויסלענדישע בורזשואזע אויסשפּירונגען, האָבן די טראָצקיסטיש־בוכאַרינישע אויסוואָרפן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו צעשטערן די פּאַרטיי און די סאָוועטן־מלוכה, אונטעררײַסן די לאַנדשוץ, פאַרלײַכטערן די אויסלענדישע קריגס־אינטערווענציע, צוגרייטן אַ מפּלה פון דער רויטער אַרמיי, צעגלידערן פ.ס.ס.ר., אָפּגעבן די יאַפּאַנער די סאָוועטישע פּרימאָריע (בײַ־ים־פּראָווינץ), אָפּגעבן די פּאָליאַקן דאָס סאָוועטישע ווײַסרוסלאַנד, אָפּגעבן די דײַטשן די סאָוועטישע אוקראַאינע, פאַרניכטן די דערגאָבערונגען פון די אַרבעטער און קאָלווירטניקעס, אויפשטעלן די קאַפּיטאַליסטישע שקלאַפערײַ אין פ.ס.ס.ר.

אָט די ווײַסגוואַרדייאישע פּיגמייען, וואָס די קראַפט זייערע וואָלט מען געקאָנט צוגלײַכן סך־הכל בלויז צו דער קראַפט פון אַ נישטיק שנעקל, האָבן זיך, קאָנטיק, געהאַלטן — פון חוזק וועגן — פאַר באַלעבאַטים פונם לאַנד און האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיי קאָנען באמת פאַנאַנדערגעבן און פאַרקויפן אָן אַ זײַט אוקראַאינע, ווײַסרוסלאַנד, פּרימאָריע.

אָט די ווײַסגוואַרדייאישע שנעקלאַך האָבן פאַרגעסן, אַז דער באַלעבאָס פונם סאָוועטישן לאַנד איז דאָס סאָוועטישע פאָלק, און די הערן ריקאָווס, בוכאַרינס, זינאָוויעווס, קאַמענעווס זײַנען ניט מער ווי אויף צײַטווײַליקער דינסט בײַ דער מלוכה, וואָס קאָן זיי יעטווידע מינוט ארויסוואַרפן פון אירע קאַנצעליאַריעס, ווי אומנוציקע שמאָכטעס.

אָט די נישטיקע לאַקייען פון די פאַשיסטן האָבן פאַרגעסן, אַז עס איז

געגוג, דאָס סאָוועטישע פאָלק זאָל א ריר טאָן מיטן פינגער, אז עס זאָל פון זיי קיין שפור ניט פארבלייבן.

דער סאָוועטישער געריכט האָט פאר׳משפט די בוכאַרינישַ־טראָצקיסטישע אויסוואורפן צו צעשיסן.

דער קאָמיסאריאט פון אינערלאכע ענינים (נ.ק.וו.ד.) האָט דעם אורטייל אויסגעפילט.

דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט באוויליקט די צעשמעטערונג פון דער בוכארינישַ־טראָצקיסטישער באנדע און איז אריבערגעגאנגען צו די אָרדנטלאכע ענינים.

און די אָרדנטלאכע ענינים זיינען באשטאנען דערין, מע זאָל זיך צוגרייטן צו די וואלן אין אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. און דורכפירן זיי אָרגאניזירט.

די פארטיי האָט פאנאנדערגעוויקלט אין פולן פארנעם די צוגרייטונגס־ארבעט צו די וואלן. די פארטיי האָט געהאלטן, אז דאָס איינפירן די נייע קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר. באטייט א קער אינם פאָליטישן לעבן פונם לאנד. די פארטיי האָט געהאלטן, אז דער דאָזיקער קער באשטייט אינם דורכפירן די פולשטענדיקע דעמאָקראטיזירונג פון דער וואל־סיסטעם, אין אריבערגאנג פון באגרענעצנדיקע וואלן — צו אלגעמיינע וואלן, פון ניט פולשטענדיקע גלייכע וואלן — צו גלייכע, פון פילשטופיקע וואלן — צו דירעקטע, פון אָפענע וואלן — צו פארמאכטע.

אויב ביזן איינפירן די נייע קאָנסטיטוציע האָבן עקזיסטירט באגרענעצונגען פונם וואל־רעכט פאר דיגער פונם קולט, פאר געוועזענע ווייסגווארדייער, געוועזענע באלעבוסים און פעריזאָנען, וואָס באשעפטיקן זיך ניט מיט אלגעמיין־נוצלאכער ארבעט, ווארפט די נייע קאָנסטיטוציע אָפ יעטווידע באגרענעצונגען פונם וואל־רעכט פאר די דאָזיקע קאטעגאָריעס בירגער, מאכנדיק די וואלן פון דעפוטאטן פאר אלגעמיינע.

אויב פריער זיינען די וואלן פון דעפוטאטן געווען ניט קיין גלייכע, ווייל עס האָבן עקזיסטירט פארשיידענע וואל־נאָרמעס פאר דער שטאָטישער און דאָרפישער באפעלקערונג, איז אצינד די נויטיקייט צו באגרענעצן די גלייכהייט פון די וואלן אָפגעפאלן און אלע בירגער האָבן דאָס רעכט צו באטייליקן זיך אין די וואלן אויף גלייכע יסודות.

אויב פריער זיינען די וואלן פון די מיטעלע און העכערע אָרגאנען פון דער סאָוועטן־מאכט געווען פילשטופיקע, דארפן אצינד, לויט דער נייער קאָנסטיטוציע, די וואלן אין אלע סאָוועטן — פון די דאָרפישע און שטאָטישע ביז דעם אויבער־סאָוועט — דורכגעפירט ווערן פון די בירגער אוממיטלבאר דורך דירעקטע וואלן.

אויב פריער פלעגן די וואלן פון דעפוטאטן אין די סאָוועטן דורכגעפירט ווערן דורך אן אָפענער אָפשטימונג און לויט צעטלען, דארף אצינד די אָפּשטימונג ביי די וואלן פון דעפוטאטן זיין א געהיימע און ניט לויט צעט־

לען, נאָר לויט באַזונדערע קאַנדידאַטורן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט לויט די וואַל=קרײַזן.

דאָס איז געווען אַן אומצווייפלהאַפטער קער אינעם פּאָליטישן לעבן פונעם לאַנד.

די נײַע וואַל=סיסטעם האָט געדאַרפט ברענגען און האָט ווירקלעך געבראַכט צו אַ פאַרשטאַרקונג פון דער פּאָליטישער אַקטיווקײַט פון די מאַסן, צו אַ פאַרשטאַרקונג פונעם קאָנטראָל פון די מאַסן בנוגע די אָרגאַנען פון דער סאָוועטן=מאַכט, צו אַ פאַרשטאַרקונג פון דער פאַראַנטוואָרטלאַכקײַט פון די אָרגאַנען פון דער סאָוועטן=מאַכט פאַרן פאָלק.

כדי צו באַגעגענען אָט דעם קער אין פּולער באַוואָפנונג, האָט די פּאַרטיי געדאַרפט זיך שטעלן בראָש פון דעם דאָזיקן קער און פולשטענדיק זיכערן איר אָנפירנדיקע ראָלע אין די פאָרשטייענדיקע וואַלן. דערצו איז אָבער געווען נויטיק, אַז די פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס זאָלן אין זייער פּראַקטישער אַרבעט אַליין ווערן ביזן סוף דעמאָקראַטישע, אַז זיי זאָלן אין זייער אינערלאַך=פּאַרטייאישן לעבן פולשטענדיק דורכפירן די יסודות פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, ווי דאָס פאָדערט דער סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, אַז אַלע פּאַרטיי=אָרגאַנען זאָלן זײַן געוויילטע, אַז די קריטיק און זעלבסטקריטיק זאָלן זיך אַנטוויקלען אין דער פּאַרטיי אין דער פולער מאָס, אַז די פאַראַנטוואָרטלאַכקײַט פון די פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס פאַר דער פּאַרטייאישער מאַסע זאָל זײַן אַ פולשטענדיקע און אַז די פּאַרטייאישע מאַסע אַליין זאָל זײַן פולשטענדיק אַקטיוויזירט.

פון חבר זשדאַנאָווס פּאָרטראָג אויפן פּלענום פונעם צ.ק., סוף פעברואַר 1937=טן יאָר, איבער דער פראַגע וועגן דער צוגרייטונג פון די פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס צו די וואַלן אין אויבער=סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. — איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ גאַנצע רײ פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס ברעכן אויף טריט און שריט אין זייער פּראַקטישער אַרבעט דעם פּאַרטיי=סטאַטוט און די יסודות פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, פאַרבײַטן די געוויילטקײַט — אויף קאָאָפּטירונג, דאָס אָפּשטימען לויט באַזונדערע קאַנדידאַטורן — אויף אָפּשטימען לויט אַ צעטל, די פאַרמאַכטע אָפּשטימונג — אויף אַן אָפענער אָפּשטימונג א.ד.גל. ס'איז פאַרשטענדלאַך, אַז אַזוינע אָרגאַניזאַציעס מיט אַזאַ מין פּראַקטיק האָבן ניט געקאָנט אויספילן זייער אויפגאַבע בײַ די וואַלן אין אויבער=סאָוועט. דעריבער איז נויטיק געווען, פריִער פאַר אַלץ, צו ליקווידירן אַזאַ מין אַנטידעמאָקראַטישע פּראַקטיק פון די פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס און איבערבויען די פּאַרטיי=אַרבעט אויפן גרונט פון פאַנאַנדערגעוויקלטער דעמאָקראַטיע.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער פּלענום פון צ.ק., האָבנדיק אויסגעהערט חבר זשדאַנאָווס פּאָרטראָג, באַשטימט:

„א) איבערבויען די פּאַרטיי=אַרבעט אויפן גרונט פון אומבאַדינגטן און פולשטענדיקן דורכפירן אין לעבן די יסודות פונעם אינער=

לאַך־פּאַרטייאישן דעמאָקראַטיזם, וואָס ווערט פאַרגעשריבן דורכן פּאַר־טיי־סטאַטוט.

ב) ליקווידירן די פּראַקטיק פון קאָאָפּטירן מיטגלידער אין די פּאַר־טיי־קאָמיטעטן און אויפשטעלן, אין הסכם מיטן פּאַרטיי־סטאַטוט, די געוויילטקייט פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזא־ציעס.

ג) פאַרווערן ביים וויילן די פּאַרטיי־אָרגאַנען צו שטימען לויט א צעטל, — דורכפירן די אָפּשטימונג לויט באַזונדערע קאַנדידאַטורן, זיכערנדיק דערביי פאַר אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער דאָס אומבאַגרענעצטע רעכט אָפּצואַווענדן די קאַנדידאַטן און קריטיקירן די לעצטע.

ד) איינשטעלן ביי די וואַלן פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען א פאַרמאַכטע (געהיימע) אָפּשטימונג פון די קאַנדידאַטן.

ה) דורכפירן אין אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס וואַלן פון די פּאַר־טיי־אָרגאַנען, אָנגעהויבן פון די פּאַרטיי־קאָמיטעטן פון די ערשטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און געענדיקט מיט די קאַנטישע, געגנטלאַכע קאָ־מיטעטן און מיט די צ.ק. פון די נאַציאָנאַלע קאָמפּאַרטייען, האָבנדיק פאַרענדיקט די וואַלן נים שפּעטער פונם 20־טן מאַי.

ו) פאַרפליכטן אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס שטרענג אָפּצוהיטן אין הסכם מיטן פּאַרטיי־סטאַטוט די טערמינען פון די וואַלן פון די פּאַר־טיי־אָרגאַנען: אין די ערשטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס — 1 מאָל א יאָר, אין די ראַיאָנע און שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס — 1 מאָל א יאָר, אין די געגנטלאַכע, קאַנטישע און רעפּובליקאַנישע—1 מאָל אין 1½ יאָר.

ז) זיכערן, אז אין די ערשטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זאָל שטרענג אָפּגעהיט ווערן די אָרדענונג פון די וואַלן פון די פּאַרטיי־קאָמיטעטן אויף די אַלגעמיין־זאַוואָדישע פאַרזאַמלונגען, נים דערלאָזנ־דיק צו פאַרביטן די לעצטע מיט קאָנפערענצן.

ח) ליקווידירן די פּראַקטיק, וואָס איז פאַראַן אין א ריי ערשטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, פון פאַקטיש אָפּשאַפן די אַלגעמיינע פאַרזאַמ־לונגען און פון פאַרביטן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיט צעכאָווע פאַר־זאַמלונגען און קאָנפערענצן".

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונג פון דער פּאַרטיי צו די פּאַר־שטייענדיקע וואַלן.

די דאָזיקע באַשטימונג פונם צ.ק. האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַדייטונג. די באַדייטונג אירע איז באַשטאַנען נים בלויז דערין, וואָס זי האָט געמאַכט דעם אָנהויב פון דער וואַל־קאַמפּאַניע פון דער פּאַרטיי צו די וואַלן אין אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. איר באַדייטונג איז, פריער פאַר אַלץ, באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געהאָלפן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס איבער־צובויען זיך, דורכפירן דעם קורס אויף דער אינערלאַך־פּאַרטייאישער דע־

מאָקראַטיע און באַגעגענען אין פולער באַוואָפענונג די וואַלן אין אויבער־סאָוועט.

פּאַנאַנדערוויקלענדיק די וואַל־קאַמפּאַניע, האָט די פּאַרטיי באַשלאָסן אוועקצושטעלן אין צענטער פון איר וואַל־פּאָליטיק די אידייע פון אַ וואַל־בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפּאַרטייאישע. די פּאַרטיי איז געגאַנגען צו די וואַלן אין בלאָק מיט די אומפּאַרטייאישע, אין בונד מיט די אומפּאַרטייאישע, האָבנדיק באַשלאָסן אַרויסצושטעלן צוזאַמען מיט די אומפּאַרטייאישע אַלגעמיינע קאַנדידאַטורן לויט די וואַל־קרייזן. דאָס איז געווען עפּעס ניט געזעענס און אַבסאָליוט אוממעגלאַכס אין דער פּראַקטיק פון די וואַל־קאַמפּאַניעס פון די בורזשואַזע לענדער. דער בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפּאַרטייאישע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אַ פולשטענדיק נאַטירלאַכער דערשיינונג פאַר אונזער לאַנד, וואו עס זיינען ניטאָ מער קיין פיינטלאַכע קלאַסן און וואו די מאָראַליש־פּאָליטישע אייניקייט פון אַלע שיכטן פונם פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט.

דעם 7־טן דעצעמבער 1937־טן יאָר האָט דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי אַרויסגעלאָזט אַ ווענדונג צו אַלע וויילער. אין דער דאָזיקער ווענדונג איז געזאָגט געוואָרן:

„דעם 12־טן דעצעמבער 1937־טן יאָר וועלן די אַרבעטנדיקע פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפן גרונט פון אונזער סאָציאַליסטישער קאָנסטיטוציע וויילן דעפּוטאַטן אין אויבער־סאָוועט פונם פאַרבאַנד ס.ס.ר. די פּאַרטיי באָלשעוויקעס טרעט אַרויס אין די וואַלן אין אַ בלאָק, אין אַ בונד מיט די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, פּויערים, אָנגעשטעלטע, אינטעליגענץ... די פּאַרטיי באָלשעוויקעס צאַמט זיך ניט אָפּ פון די אומפּאַרטייאישע, נאָר, פאַרקערט, זי גייט צו די וואַלן אין אַ בלאָק, אין אַ בונד מיט די אומפּאַרטייאישע, זי גייט אין אַ בלאָק מיט די פּראָפעס:אָנעלע פאַראיינען פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, מיטן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד און מיט די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן פון די אומפּאַרטייאישע. אַלזאָ, די קאַנדידאַטן פאַר דעפּוטאַטן וועלן זיין געמיינזאַמע סאַי פאַר די קאָמוניסטן, סאַי אויך פאַר די אומפּאַרטייאישע, יעדער אומפּאַרטייאישער דעפּוטאַט וועט אויך זיין אַ דעפּוטאַט פון די קאָמוניסטן, פּונקט ווי יעדער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט וועט זיין אַ דעפּוטאַט פון די אומפּאַרטייאישע“.

די ווענדונג פונם צ.ק. האָט זיך פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקן רוף צו די וויילער:

„דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) רופט אַלע קאָמוניסטן און מיטפילנדיקע צו שטימען פאַר די אומפּאַרטייאישע קאַנדידאַטן מיט פּונקט אַזאַ איינ־

מוטיקיַיט, מיט וועלכער זיי דאַרפֿן שטימען פֿאַר די קאַנדידאַטן—קאָמוניסטן.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) רופֿט אַלע אומפּאַרטייאישע ווײלער צו שטימען פֿאַר די קאַנדידאַטן—קאָמוניסטן מיט פּונקט אַזאַ אײנמוטיקייַט, מיט וועלכער זיי וועלן שטימען פֿאַר די אומפּאַרטייאישע קאַנדידאַטן.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) רופֿט אַלע ווײלער צו קומען אַלע, ווי אײנער, דעם 12-טן דעצעמבער 1937-טן יאָר צו די וואַל-קעסטלאַך אויסצוואוויילן דעפּוטאַטן אין פֿאַרבאַנד-סאָוועט און אין נאַציאָנאַליטעטן-סאָוועט.

עס דאַרף ניט זיַין קיין אײן ווײלער, וועלכער זאָל ניט אויסנוצן זײַן בכבוד'יק רעכט אויסצואוויילן דעפּוטאַטן אין דעם אויבער-אָרגאַן פֿון דער סאָוועטן-מלוכה.

עס דאַרף ניט זײַן קיין אײן אַקטיווער בירגער, וואָס זאָל ניט האַלטן פֿאַר זײַן בירגערלאַכן חוב מיטצואווירקן דער באַטייליקונג פֿון אַלע אָן אויסנאַם ווײלער אין די וואַלן אין אויבער-סאָוועט.

דער טאָג פֿונם 12-טן דעצעמבער 1937-טן יאָר דאַרף ווערן א טאָג פֿון גרויסן יום-טוב פֿון אײניקונג פֿון די אַרבעטנדיקע פֿון אַלע פֿעלקער פֿון פּ.ס.ס.ר. אַרום דער זיגערישער פֿאָן פֿון לענין—סטאַלין".

דעם 11-טן דעצעמבער 1937-טן יאָר, ערב די וואַלן, איז חבר סטאַלין אַרויסגעטראָטן אין זײַן וואַל-קרײַז און האָט באַרירט אין זײַן רעדע די פֿראַגע וועגן דעם, וואָס פֿאַר א מין טוער עס דאַרפֿן זײַן די אויסדערוויילטע פֿונם פֿאָלק, די דעפּוטאַטן פֿונם אויבער-סאָוועט פֿון פּ.ס.ס.ר. חבר סטאַלין האָט געזאָגט:

„די ווײלער, דאָס פֿאָלק דאַרפֿן פֿאָדערן פֿון זייערע דעפּוטאַטן, אַז זיי זאָלן פֿאַרבלײַבן אויף דער הויך פֿון זייערע אויפֿגאַבעס; אַז זיי זאָלן אין זייער אַרבעט זיך ניט אַראָפּלאָזן ביז דער שטופֿע פֿון פּאָליטישע באַלעבעסלאַך; אַז זיי זאָלן פֿאַרבלײַבן אויפֿן פּאָסטן פֿון פּאָליטישע טוער פֿונם לענינישן טיפּ; אַז זיי זאָלן זײַן פּונקט אַזוינע לויטערע און באַשטימטע טוער, ווי לענין; אַז זיי זאָלן זײַן פּונקט אַזוינע שרעקלאָזע אין שלאַכט און אָנ'רחמנות'דיקע צו די שונאים פֿון פֿאָלק, ווי עס איז געווען לענין; אַז זיי זאָלן זײַן פֿרײַ פֿון יעטווידער פּאַניק, פֿון יעטווידן סימן פֿון פּאַניק, ווען די זאַך הויבט אָן צו ווערן קאָמפּליצירט און אויפֿן האָריזאָנט מערקט זיך אָן א וועלכע-עס-איז געפֿאַר, אַז זיי זאָלן זײַן פּונקט אַזוי פֿרײַ פֿון יעטווידן סימן פֿון פּאַניק, ווי עס איז פֿרײַ געווען לענין; אַז זיי זאָלן זײַן פּונקט אַזוי קלוג און ניט-

אײַליק בײַם לײזן קאָמפּליצירטע פראגן, וואו מע דארף האָבן אן אלזײַטיקע אָריענטאציע און אן אלזײַטיקן דיסקאָנט פון אלע פּליוסן און מינוסן, ווי עס איז געווען לענין; אז זײ זאָלן זײַן פּונקט אזוי אמת'דיק און ערלאך, ווי עס איז געווען לענין; אז זײ זאָלן פּונקט אזוי ליב האָבן זײער פאָלק, ווי עס האָט עס ליב געהאט לענין".

דעם 12=טן דעצעמבער זײַנען פאָרגעקומען די וואלן אין אויבער=סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. די וואלן זײַנען דורכגעגאנגען מיט א קאָלאָסאלן ענטוזיאזם. דאָס זײַנען געווען ניט פּשוט וואלן, נאָר א גרויסער יום=טוב, א טריאומף פונם סאָוועטישן פאָלק, א דעמאָנסטראציע פון דער גרויסער פרײַנטשאפט פון די פעלקער פון פ.ס.ס.ר.

פון 94 מיליאָן וויילער האָבן זיך באטייליקט אין די וואלן העכער 91 מיליאָן, דאָס הייסט, 96,8 פּראָצענט. פון זײ האָבן פארן בלאָק פון די קאָמוניסטן און אומפּארטייאישע געשטימט 89 מיליאָן 844 טויזנט מאן, דאָס הייסט, 98,6 פּראָצענט. בלויז 632 טויזנט מאן, דאָס הייסט, ווייניקער פון איין פּראָצענט, האָבן געשטימט קעגן די קאנדידאטן פונם בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפּארטייאישע. אלע אָן אויסנאם קאנדידאטן פונם בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפּארטייאישע האָבן זיך ארויסגעוויזן פאר אויסגעוויילטע.

אזויארום האָבן 90 מיליאָן מענשן באשטעטיקט מיט זײער אײנמוטיקער אָפּשטימונג דעם זיג פונם סאָציאליזם אין פ.ס.ס.ר.

דאָס איז געווען א מערקווירדיקער זיג פונם בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפּארטייאישע.

דאָס איז געווען א טריאומף פון דער פּארטײ באָלשעוויקעס.

די מאָראליש=פּאָליטישע אײנהײט פונם סאָוועטישן פאָלק, וועגן וועלכער עס האָט גערעדט חבר מאָלאָטאָוו אין זײַן היסטאָרישער רעדע צום 20=טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע, האָט דאָ באקומען איר גלענצנדיקע באשטעטיקונג.

# שלוס.

וואָס זײַנען די גרונט־סך־הכל'ען פון דעם היסטאָרישן וועג, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי?

וואָס לערנט אונז די געשיכטע פון דער אַל.ק.פּ.(ב.)?

1) די געשיכטע פון דער פּאַרטיי לערנט, פריִער פאַר אַלץ, אַז דער זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, דער זיג פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט איז אוממעגלאַך אָן אַ רעוואָליוציאָנערער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז פרײַ פון אָפּאָרטוניזם, וועלכע איז אומ'בשלום'דיק בנוגע די פּשרה־מאַכער און קאַפּיטוליאַנטן, וועלכע איז רעוואָליוציאָנער בנוגע דער בורזשואַזיע און איר מלוכה־מאַכט.

די געשיכטע פון דער פּאַרטיי לערנט, אַז איבערלאָזן דעם פּראָלעטאַריאַט אָן אַזאַ פּאַרטיי — הייסט איבערלאָזן אים אָן אַ רעוואָליוציאָנערער אָנפירונג, און איבערלאָזן אים אָן אַ רעוואָליוציאָנערער אָנפירונג — הייסט דורכוואַרפן די זאַך פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

די געשיכטע פון דער פּאַרטיי לערנט, אַז אַזאַ פּאַרטיי קאָן ניט זײַן אַ געוויינלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון מערב־אייראָפּעאישן טיפּ, וועלכע איז דערצויגן אין די באַדינגונגען פון בירגער־פרידן, וועלכע שלעפּט זיך אין עק נאָך די אָפּאָרטוניסטן, וועלכע טרוימט וועגן „סאָציאַלע רעפאָרמען" און האָט מורא פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָליוציע.

די געשיכטע פון דער פּאַרטיי לערנט, אַז אַזאַ פּאַרטיי קאָן זײַן בלויז די פּאַרטיי פון דעם נײַעם טיפּ, די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון סאָציאַלער רעוואָליוציע, די פּאַרטיי, וואָס איז פייאיק צוצוגרייטן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַנטשיידנדיקע געראַנגלען קעגן דער בורזשואַזיע און אָרגאַניזירן דעם זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

אַזאַ פּאַרטיי איז אין פ.ס.ס.ר. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי.

„אינם פאָררעוואָליוציאָנערן פּעריאָד, זאָגט חבר סטאַלין, אינם פּעריאָד פון מער אָדער וויניקער פרידלאַכער אַנטוויקלונג, ווען די פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אין דער אַרבעטער־

באוועגונג פֿאָרגעשטעלט די הערשנדיקע קראפֿט, און די פֿארלאמענטישע פֿאָרמען פֿון קאמף האָבן זיך גערעכנט פֿאר די גרונט־פֿאָרמען, — אין די דאָזיקע באדינגונגען האָט די פֿארטיי ניט געהאט און ניט געקאָנט האָבן יענע ערנסטע און אנטשיידנדיקע באדײַטונג, וואָס זי האָט באקומען דערנאָך, אין די באדינגונגען פֿון אָפֿענע רעוואָליוציִאָנערע געראנגלען. פֿארטיידיקנדיק דעם צווייטן אינטערנאציִאָנאל קעגן אָנפֿאלן, זאָגט קאוטסקי, אז די פֿארטייען פֿונם צווייטן אינטערנאציִאָנאל זײַנען אן אינסטרומענט פֿון שלום און ניט פֿון מלחמה, אז דעריבער טאקע זײַנען זיי ניט אימשטאנד געווען צו אונטערנעמען עטוואָס ערנסטעס אין דער צײַט פֿון דער מלחמה, אינם פֿעריִאָד פֿון די רעוואָליוציִאָנערע ארויסטרעטונגען פֿונם פּראָלעטאריאט. דאָס איז אבסאָליוט ריכטיק. נאָר וואָס באטײַט דאָס? דאָס באטײַט, אז די פֿארטייען פֿונם צווייטן אינטערנאציִאָנאל טויגן ניט צום רעוואָליוציִאָנערן קאמף פֿונם פּראָלעטאריאט, אז זיי זײַנען ניט קיין קאמפֿס־פֿארטייען פֿונם פּראָלעטאריאט, וואָס פֿירן די ארבעטער צו מאכט, נאָר א וואל־אפּאראט, וואָס איז צוגעפּאסט צו פֿארלאמענט־וואלן און צו פֿארלאמענטישן קאמף. דערמיט אייגנטלאך דערקלערט זיך עס דער פֿאקט, וואָס אינם פֿעריִאָד פֿון דער הערשאפֿט פֿון די אָפּאָרטוניסטן פֿונם צווייטן אינטערנאציִאָנאל איז די גרונטיקע פּאָליטישע אָרגאניזאציע פֿונם פּראָלעטאריאט געווען ניט די פֿארטיי, נאָר די פֿארלאמענט־פֿראקציע. עס איז באוואוסט, אז פֿאקטיש איז די פֿארטיי אין דעם דאָזיקן פֿעריִאָד געווען א צוגאָב און א באדינענדיקער עלעמענט פֿון דער פֿארלאמענט־פֿראקציע. ס'איז קוים נויטיק צו דערווײַזן, אז בײַ אזוינע באדינגונגען און מיט אזא פֿארטיי אין דער שפּיץ האָט אפֿילו קיין רייד ניט געקאָנט זײַן וועגן דער צוגרייטונג פֿונם פּראָלעטאריאט צו רעוואָליוציע.

די זאך האָט זיך אָבער ראדיקאל געענדערט, ווען עס איז אָנגעקומען דער נײַער פֿעריִאָד. דער נײַער פֿעריִאָד איז א פֿעריִאָד פֿון אָפֿענע צוזאמענשטויסן פֿון די קלאסן, א פֿעריִאָד פֿון רעוואָליוציִאָנערע ארויסטרעטונגען פֿונם פּראָלעטאריאט, א פֿעריִאָד פֿון פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, א פֿעריִאָד פֿון דירעקטן צוגרייטן די קרעפֿטן צו אראָפּוואַרפֿן דעם אימפּעריִאליזם, צו פֿארכאפּן די מאכט דורכן פּראָלעטאריאט. דער דאָזיקער פֿעריִאָד שטעלט פֿארן פּראָלעטאריאט נײַע אויפֿגאבעס וועגן איבערבויען די גאנצע פֿארטיי־ארבעט אויף א נײַעם, א רעוואָליוציִאָנערן שטייגער, וועגן דערציִען די ארבעטער אין גײַסט פֿון רעוואָליוציִאָנערן קאמף פֿאר מאכט, וועגן צוגרייטן און אונטערציִען די רעזערוון, וועגן א בונד מיט די פּראָלעטאריער פֿון די שכנות'דיקע לענדער, וועגן אײַנשטעלן פֿעסטע פֿארבינדונגען מיט דער באפֿרײַאונגס־באוועגונג פֿון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער און

א. וו. א.ד.גל. מיינען, אז אַט די נײַע אויפגאַבעם קאָנען געלייזט ווערן דורך די כחות פון די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס זײַנען דערצויגן געוואָרן אין די פרידלאַכע באַדינגונגען פון פּאַרלאַמענ־טאַריזם, — הייסט פאַראורטיילן זיך אויף האָפענונגסלאָזער פאַרצווייפ־לונג, אויף אַן אומפאַרמיידלאַכער מפּלה. פאַרבלײַבן מיט אַזוינע אויפ־גאַבעם אויף די אַקסלען, האָבנדיק אין דער שפּיץ די אַלטע פּאַר־טייען, — הייסט פאַרבלײַבן אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער אַנט־וואָפענונג. ס'איז קוים נויטיק צו דערווײַזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַזאַ מין לאַגע.

דערפון שטאַמט די נויטווענדיקײַט פון אַ נײַער פּאַרטיי, פון אַ פּאַרטיי אַ קעמפערישער, אַ פּאַרטיי אַ רעוואָליוציאָנערער, אַ גענוג דרייסטער צוליב דעם, כדי צו פירן די פּראָלעטאַריער צום קאַמף פאַר מאַכט, אַ גענוג דערפאַרענער צוליב דעם, כדי פאַנאַנדערצוקלײַבן זיך אין די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען פון דער רעוואָליוציאָנערער סיטוא־ציע, און אַ גענוג בויגעוודיקער צוליב דעם, כדי אויסצומײַדן אַלע און אַלערליי אונטערוואַסער־שטיינער אויפן וועג צום ציל.

אָן אַזאַ פּאַרטיי איז אפילו ניטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן אַראָפּ־וואַרפן דעם אימפּעריאַליזם, וועגן דעראָבערן די דיקטאַטור פונם פּראָ־לעטאַריאַט.

אָט די נײַע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פון לעניניזם" (סטאַלין, פראַגן פון לעניניזם, ז. 62—63, רוסיש).

2) די געשיכטע פון דער פּאַרטיי לערנט, ווײַטער, אַז די פּאַרטיי פונם אַרבעטער־קלאַס קאָן ניט אויספילן די ראָלע פון אַן אָנפירער פון איר קלאַס, קאָן ניט אויספילן די ראָלע פון אַן אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, אויב זי האָט ניט באַהערשט די פאָרגעשרי־טענע טעאָריע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אויב זי האָט ניט באַהערשט די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע.

די קראַפט פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער טעאָריע באַשטייט דערין, וואָס זי גיט דער פּאַרטיי די מעגלאַכקײַט צו אָריענטירן זיך אין דער סיטוא־ציע, פאַרשטיין די אינערלאַכע פאַרבינדונג פון די אַרומיקע געשעענישן, פאָראויסזעען דעם גאַנג פון די געשעענישן און דערקענען ניט בלויז דאָס, ווי־אַזוי און וואוהין די געשעענישן אַנטוויקלען זיך אין דער קעגנוואַרט, נאָר אויך דאָס, וויאַזוי און וואוהין זיי דאַרפן זיך אַנטוויקלען אין דער צוקונפט.

בלויז די פּאַרטיי, וואָס האָט באַהערשט די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע, קאָן זיך באַוועגן פאָראויס זיכער און פירן דעם אַרבעטער־קלאַס פאָראויס.

און, פאַרקערט, אַ פּאַרטיי, וואָס האָט ניט באַהערשט די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע, איז געצוואונגען צו בלאָנקען טאַפּנדיק דעם וועג, זי פאַר־

לירט די זיכערקייט אין אירע אקציעס, איז ניט פייאיק צו פירן פאָראויס דעם ארבעטער=קלאס.

עס קאָן זיך אויסדוכטן, אז באהערשן די מארקסיסטיש=לעניניש טעאָריע — הייסט געוויסנהאפט איינ׳חזר׳ן באזונדערע אויספירן און הנחות, וואָס זײַנען פאראן אין די ווערק פון מארקס—ענגעלס—לענין, אויסלערנען זיך צו דער צײַט ציטירן זיי און בארואיקן זיך דערויף, האָפנדיק, אז די אײַנגע׳חזר׳טע אויספירן און הנחות וועלן צוניצקומען פאר יעטווידער סיטואציע, אויף אלע פאלן פון לעבן. נאָר אזא צוגאנג צו דער מארקסיסטיש=לענינישער טעאָריע איז אן אבסאָליוט ניט=ריכטיקער. די מארקסיסטיש=לעניניש טעאָריע קאָן מען ניט באטראכטן, ווי א זאמלונג פון דאָגמאטן, ווי א קאטעכיזיס, ווי א גלויבנס=סימבאָל, און די מארקסיסטן גופא, — ווי פעדאנטן און סכאָלאסטיקער. די מארקסיסטיש=לעניניש טעאָריע איז א וויסנשאפט וועגן דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, א וויסנשאפט וועגן דער ארבעטער=באוועגונג, א וויסנשאפט וועגן דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, א וויסנשאפט וועגן דער בויאונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט. ווי א וויסנשאפט, שטייט זי ניט און קאָן ניט שטיין אויף איין אָרט, — זי אנטוויקלט זיך און פארפולקומט זיך. פארשטענדלאך, אז אין איר אנטוויקלונג קאָן זי ניט ניט באַרײַכערט ווערן מיט נײַער דערפארונג, מיט נײַע קענטעניש, און באזונדערע אירע הנחות און אויספירן קאָנען ניט ניט געענדערט ווערן מיטן לויף פון דער צײַט, קאָנען ניט ניט פארביטן ווערן אויף נײַע אויספירן און הנחות, וואָס אנטשפרעכן די נײַע היסטאָרישע באדינגונגען.

באהערשן די מארקסיסטיש=לעניניש טעאָריע הייסט כלל ניט — אײַנחזר׳ן אלע אירע פאָרמולעס און אויספירן און קלאמערן זיך אָן יעדן בוכשטאב פון די דאָזיקע פאָרמולעס און אויספירן. כדי צו באהערשן די מארקסיסטיש=לעניניש טעאָריע, דארף מען, פריִער פאר אלץ, אויסלערנען זיך צו אונטערשיידן צווישן איר בוכשטאב און איר תוך.

באהערשן די מארקסיסטיש=לעניניש טעאָריע — הייסט באנעמען דעם תוך פון דער דאָזיקער טעאָריע און אויסלערנען זיך צו באנוצן זיך מיט דער דאָזיקער טעאָריע בײַם לייזן די פראקטישע פראגן פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין פארשיידענע באדינגונגען פונם קלאסנקאמף פונם פּראָלעטאריאט.

באהערשן די מארקסיסטיש=לעניניש טעאָריע — הייסט קענען באַרײַכערן די דאָזיקע טעאָריע מיט דער נײַער דערפארונג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, קענען באַרײַכערן זי מיט נײַע הנחות און אויספירן, קענען אנטוויקלען זי און באוועגן פאָראויס, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאר דעם, אז מע זאָל, ארויסגייענדיק פונם תוך פון דער טעאָריע, פארבײַטן איינציקע הנחות און אויספירן אירע, וואָס זײַנען שוין געוואָרן פארעלטערט, מיט נײַע הנחות און אויספירן, וואָס אנטשפרעכן דער נײַער היסטאָרישער סיטואציע.

די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע טעאָריע איז ניט קיין דאָגמע, נאָר א ריכט־ליניע צו טאָט.

ביז דער צווייטער רוסישער רעוואָליוציע (פעברואַר 1917־טן יאָר) זײַנען די מאַרקסיסטן פון אַלע לענדער אַרויסגעגאַנגען דערפון, אַז די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז די אַממערסטן צוועקמעסיקע פאָרם פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט אינם פעריאָד פונם אַריבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם. אמת, מאַרקס האָט אין די 70־ער יאָרן אָנגעוויזן, אַז ניט די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק, נאָר די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם טיפּ פּאַריזער קאָמונע איז די אַממערסטן צוועקמעסיקע פאָרם פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. צום באַדויערן אָבער, האָט די דאָזיקע אָנווײַזונג מאַרקס'ס ניט באַקומען קיין ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג אין מאַרקס'ס ווערק, און מע האָט עס געלאָזט פאַרגעסן גיין. חוץ דעם, האָט ענגעלסעס אויטאָריטעטע דערקלערונג אין זײַן קריטיק פונם פּראָיעקט פון דער ערפורטער פּראָגראַם אין יאָר 1891 וועגן דעם, אַז „די דעמאָקראַטישע רעפּובליק... איז... א ספּעציפישע פאָרם פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט", ניט איבערגעלאָזט קיין ספק, אַז די מאַרקסיסטן האַלטן נאָך אַלץ די דעמאָקראַטישע רעפּובליק ווי א פּאָליטישע פאָרם פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע הנחה ענגעלסעס איז נאָכדעם געוואָרן אַן אָנפירנדיקער פּרינציפּ פאַר אַלע מאַרקסיסטן, דערונטער אויך פאַר לענינען. נאָר די רוסישע רעוואָליוציע פון 1905־טן יאָר און, באַזונדערס, די רעוואָליוציע אין פעברואַר 1917־טן יאָר האָט אַרויסגערוקט א נײַע פאָרם פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט — די סאָוועטן פון די אַרבעטער־ און פּויערים־דעפּוטאַטן. אויפן גרונט פון דערלערנען די דערפאַרונג פון די צוויי רעוואָליוציעס אין רוסלאַנד איז לענין, אַרויסגייענדיק פון דער טעאָריע פונם מאַרקסיזם, געקומען צום אויספיר, אַז די סאַמע בעסטע פּאָליטישע פאָרם פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט איז ניט די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, נאָר די רעפּובליק פון די סאָוועטן. אויף דעם דאָזיקן גרונט האָט לענין אין אַפּריל 1917־טן יאָר, אינם פעריאָד פון אַריבערגאַנג פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע צו דער סאָציאַליסטישער, אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אָרגאַניזירן א רעפּובליק פון סאָוועטן, ווי די בעסטע פּאָליטישע פאָרם פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. די אָפּאָרטוניסטן פון אַלע לענדער האָבן זיך גענומען קלאַמערן אָן דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק, באַשולדיקנדיק לענינען אין אָפּווײַכן פונם מאַרקסיזם, אין צעשטערן די דעמאָקראַטיע. נאָר אַן עכטער מאַרקסיסט, וואָס האָט באַהערשט די טעאָריע פונם מאַרקסיזם, איז, פאַרשטייט זיך, געווען לענין און ניט די אָפּאָרטוניסטן, ווײַל לענין האָט באַוויזן פאָראויס די מאַרקסיסטישע טעאָריע, באַרײַכערנדיק זי מיט דער נײַער דערפאַרונג, און די אָפּאָרטוניסטן האָבן זי געצויגן צוריק, פאַרוואַנדלט איינע פון אירע הנחות אין א דאָגמע.

וואָס וואָלט געווען מיט דער פּאַרטיי, מיט אונזער רעוואָליוציע, מיטן מאַרקסיזם, ווען לענין וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן בוכשטאַב פונם מאַרקסיזם און וואָלט זיך ניט אַנטשלאָסן צו פאַרבייטן איינע פון די אַלטע הנחות פונם מאַרקסיזם, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן דורך ענגעלסן, מיט אַ נייַער הנחה וועגן דער רעפּובליק פון סאָוועטן, אַ הנחה, וועלכע אַנטשפּרעכט דער נייַער היסטאָרישער סיטואַציע? די פּאַרטיי וואָלט געבלאָנקעט אין דער פינסטער, די סאָוועטן וואָלטן דעזאָרגאַניזירט געוואָרן, מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין סאָוועטן=מאַכט, די מאַרקסיסטישע טעאָריע וואָלט געליטן אַן ערנסטן שאָדן. פאַרשפּילט וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט, געוואונען וואָלטן די שונאים פונם פּראָלעטאַריאַט.

דערלערנענדיק דעם פאָר=אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם, זייַנען ענגעלס און מאַרקס געקומען צום אויספיר, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע קאָן ניט זיגן אין איין, באַזונדער גענומען, לאַנד, אַז זי קאָן זיגן בלויז ביי אַ גלייַכצייַטיקן קלאַפּ אין אַלע אָדער אין דער מערהייט ציוויליזירטע לענדער. דאָס איז געווען אינמיטן XIX יאָרהונדערט. דער דאָזיקער אויספיר איז נאָכדעם געוואָרן אַן אָנפירנדיקע הנחה פאַר אַלע מאַרקסיסטן. נאָר צום אָנהויב XX יאָרהונדערט איז דער קאַפּיטאַליזם דער פאָר=אימפּעריאַליסטישער אריבערגעוואַקסן אין דעם קאַפּיטאַליזם דעם אימפּעריאַליסטישן, דער קאַפּיטאַליזם דער אויפגייענדיקער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם קאַפּיטאַליזם. דעם שטאַרבנדיקן. אויפן גרונט פון דער דערלערנונג פונם אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם איז לענין, אַרויסגייענדיק פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, געקומען צום אויספיר, אַז די אַלטע פאָרמול פון ענגעלסן און מאַרקסן אַנטשפּרעכט שוין ניט דער נייַער היסטאָרישער סיטואַציע, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע קאָן פולשטענדיק זיגן אין איין, באַזונדער גענומען, לאַנד. די אָפּאָרטוניסטן פון אַלע לענדער האָבן זיך גענומען קלאַמערן אָן דער אַלטער פאָרמול פון ענגעלסן און מאַרקסן, באַשולדיקנדיק לענינען אין אָפּווייַכן פונם מאַרקסיזם. נאָר אַן עכטער מאַרקסיסט, וואָס האָט באַהערשט די טעאָריע פונם מאַרקסיזם, איז, פאַרשטייט זיך, געווען לענין און ניט די אָפּאָרטוניסטן, ווייַל לענין האָט באַוועגט פאָראויס די מאַרקסיסטישע טעאָריע, באַרייַכערנדיק זי מיט דער נייַער דערפאַרונג, און די אָפּאָרטוניסטן האָבן זי געצויגן צוריק, פאַרוואַנדלט זי אין אַ מומיע.

וואָס וואָלט געווען מיט דער פּאַרטיי, מיט אונזער רעוואָליוציע, מיטן מאַרקסיזם, ווען לענין וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן בוכשטאַב פונם מאַרקסיזם, ווען עס וואָלט אים ניט געקלעקט קיין טעאָרעטישע מוט אָפּצוואַרפן איינעם פון די אַלטע אויספירן פונם מאַרקסיזם, האָבנדיק אים פאַרביטן מיט אַ נייַעם אויספיר וועגן דער מעגלאַכקייט פונם זיג פונם סאָציאַליזם אין איין, באַזונדער גענומען, לאַנד, מיט אַן אויספיר, וואָס אַנטשפּרעכט דער נייַער היסטאָרישער סיטואַציע? די פּאַרטיי וואָלט געבלאָנקעט אין דער פינסטער, די

פראָלעטארישע רעוואָליוציע וואָלט געבליבן אָן אן אָנפירונג, די מארקסיסטישע טעאָריע וואָלט אָנגעהויבן צאנקען. פארשפּילט וואָלט דער פּראָלעטאריאט, געוואונען וואָלטן די שונאים פונם פראָלעטאריאט.

אָפּאָרטוניזם באטײַט ניט שטענדיק א דירעקטע לייקענונג פון דער מארקסיסטישער טעאָריע אָדער פון באזונדערע הנחות און אויספירן אירע. דער אָפּאָרטוניזם אנטפּלעקט זיך טיילמאָל אין די פּרואוון אָנצוקלאמערן זיך אָן באזונדערע הנחות פונם מארקסיזם, וואָס זײַנען שוין געוואָרן פארעלטערט, און פארוואנדלען זיי אין דאָגמעס, כדי צו פארהאלטן דערמיט די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונם מארקסיזם, — פאָלגלאך, — פאַרהאלטן אויך די אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונם פּראָלעטאריאט.

מע קאָן זאָגן אָן גוזמא, אז נאָך ענגעלסעס טויט איז דער גרעסטער טעאָרעטיקער לענין, און נאָך לענינען — סטאלין און אנדערע שילער לענינס — זײַנען געווען די איינציקע מארקסיסטן, וואָס האָבן באוועגט פאָראויס די מארקסיסטישע טעאָריע און זי באַרײַכערט מיט דער נײַער דערפארונג אין די נײַע באדינגונגען פונם קלאסנקאמף פונם פּראָלעטאריאט.

און טאקע דערפאר, ווײַל לענין און די לענינצעס האָבן א רוק געטאָן פאָראויס די מארקסיסטישע טעאָריע, איז דער לעניניזם א ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונם מארקסיזם, דער מארקסיזם אין די נײַע באדינגונגען פונם קלאסנקאמף פונם פּראָלעטאריאט, דער מארקסיזם פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאליזם און פּראָלעטארישע רעוואָליוציעס, דער מארקסיזם פון דער עפּאָכע פונם זיג פון סאָציאליזם אויף איין זעקסט־חלק פון דער ערד.

די פּארטיי באָלשעוויקעס וואָלט ניט געקאָנט זיגן אין אָקטאָבער 1917־טן יאָר, ווען די פאָרגעשריטענע קאדרען אירע וואָלטן ניט באהערשט די טעאָריע פונם מארקסיזם, ווען זיי וואָלטן זיך ניט אויסגעלערנט צו קוקן אויף דער דאָזיקער טעאָריע, ווי אויף א ריכט־ליניע צו טאט, ווען זיי וואָלטן זיך ניט אויסגעלערנט צו באוועגן פאָראויס די מארקסיסטישע טעאָריע, באַרײַכערנדיק זי מיט דער נײַער דערפארונג פונם קלאסנקאמף פונם פּראָלעטאריאט.

קריטיקירנדיק די דײַטשישע מארקסיסטן אין אמעריקע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די ארבעט פון אָנפירן מיט דער אמעריקאנישער ארבעטער־באוועגונג, האָט ענגעלס געשריבן:

> „די דײַטשן האָבן ניט באוויזן צו מאכן פון זייער טעאָריע א הויבער, וואָס זאָל ברענגען אין באוועגונג די אמעריקאנישע מאסן. אין דער מערהײַט פאלן פארשטייען זיי אליין ניט די דאָזיקע טעאָריע און באציִען זיך צו איר דאָקטרינעריש און דאָגמאטיש, האלטנדיק, אז מע דארף זי אויס׳חזר׳ן אויף אויסווייניק, — און דאָס איז שוין גענוג אויף אלע פאלן פון לעבן. פאר זיי איז דאָס א דאָגמע און ניט קיין ריכט־ליניע צו טאט“ (ק. מארקס און פ. ענגעלס, ב. XXVII, ז. 606).

קריטיקירנדיק קאמעניעוון און אייניקע אלטע באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אין אפריל 1917-טן יאָר זיך געקלאַמערט אָן דער אלטער פאָרמול פון רע־וואָליוציאָנערער דעמאָקראטישער דיקטאטור פון פראָלעטאריאט און פויערטום, אין דער צייט, ווען די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג איז אוועק פאָראויס, פאָ־דערנדיק אן אריבערגאנג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע,—האָט לעניו געשריבן:

„אונזער לערע איז ניט קיין דאָגמע, נאָר א ריכט-ליניע צו טאט — אזוי האָבן שטענדיק געזאָגט מארקס און ענגעלס, וועלכע האָבן מיט רעכט חוזק געמאכט איבער דער אויסגעלערנטער און איינפאכער איבער־חזר'ונג פון די „פאָרמולעס", וואָס זיינען אין בעסטן פאל פייאיק בלויז אָנצוצייכענען די אלגעמיינע אויפגאבעס, וואָס ווערן אומ־באדינגט געענדערט דורך דער קאָנקרעטער עקאָנאָמישער און פאָ־ליטישער סיטואציע פון יעדן באזונדערן פעריאָד פונם היסטאָרישן פראָצעס... עס איז נויטיק צו באנעמען יענעם אומבאשטרייטבארן אמת, אז דער מארקסיסט דארף דיסקאָנטירן דאָס לעבעדיקע לעבן, די פינקטלאכע פאקטן פון דער ווירקלאכקייט און ניט פאָרזעצן צו קלאַמערן זיך אָן דער טעאָריע פונם נעכטיקן טאָג..." (לענין. ב. XX, ז. 100—101, רוסיש).

3) די געשיכטע פון דער פארטיי לערנט, ווייטער, אז אָן א צעשמעטע־רונג פון די קליינבירגערלאכע פארטייען, וואָס זיינען טעטיק אין די רייען פונם ארבעטער-קלאס, וואָס שטויסן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פונם ארבע־טער-קלאס אין די אָרעמס פון דער בורזשואזיע און וואָס צעקלאַפּן, אזוי־ארום, די אייניקייט פונם ארבעטער-קלאס, — איז אוממעגלאך דער זיג פון דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

די געשיכטע פון אונזער פארטיי איז א געשיכטע פון קאמף און צע־שמעטערונג פון די קליינבירגערלאכע פארטייען: פון די עסערן, מענשעווי־קעס, אנארכיסטן, נאציאָנאַליסטן. אָן דעם בייקומען אזוינע פארטייען און אָן דעם ארויסיאָגן זיי פון די רייען פונם ארבעטער-קלאס וואָלט אוממעג־לאך געווען צו דערשלאָגן זיך די אייניקייט פונם ארבעטער-קלאס, און אָן דער אייניקייט פונם ארבעטער-קלאס — וואָלט אוממעגלאך געווען צו פארווירק־לאכן דעם זיג פון דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

אָן א צעשמעטערונג פון די דאָזיקע פארטייען, וואָס זיינען צוערשט גע־שטאנען פאר איינהיטן דעם קאפיטאליזם, און נאָכדעם, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע — פאר אויפשטעלן דעם קאפיטאליזם, וואָלט אוממעגלאך געווען איינצוהיטן די דיקטאטור פונם פראָלעטאריאט, צו באזיגן די אויסלענדישע קריגס-אינטערווענציע, אויסצובויען דעם סאָציאַליזם.

מע קאָן ניט האלטן פאר קיין צופעליקייט דאָס, וואָס אלע קליינבירגער־לאכע פארטייען, וועלכע האָבן זיך, כדי אָפּצונארן דאָס פאָלק, אָנגערופן „רע־

וואָליוציאָנערע" און „סאָציאַליסטישע" פּאַרטייען — די עסערן, מענשעוויקעס, אַנאַרכיסטן, נאַציאָנאַליסטן, — זײַנען געוואָרן קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייען שוין פאַר דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָליוציע, און שפּעטער זײַנען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַגענטן פון די אויסלענדישע בורזשואַזע אויסשפּירונגען, אין אַ באַנדע שפּיאָנען, שעדיקער, דיווערסאַנטן, מערדער, פאַררעטער פונעם היימלאַנד.

„די איינהייט פונעם פּראָלעטאַריאַט, זאָגט לענין, אין דער עפּאָכע פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע קאָן פאַרווירקלאַכט ווערן בלויז דורך דער עקסטרעמער רעוואָליוציאָנערער פּאַרטיי פונעם מאַרקסיזם, בלויז דורכן אומ'ברחמנות'דיקן קאַמף קעגן אַלע איבעריקע פּאַרטייען" (לענין, ב. XXVI, ז. 50, רוסיש).

4) די געשיכטע פון דער פּאַרטיי לערנט, ווײַטער, אַז אָן אַן אומ'בשלום'דיקן קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטן אין אירע אייגענע רייען, אָן אַ צעשמעטערונג פון די קאַפּיטוליאַנטן אין איר אייגענער סביבה קאָן די פּאַרטיי פונעם אַרבעטער־קלאַס ניט אײַנהיטן די איינהייט און די דיסציפּלין פון אירע רייען, קאָן ניט אויספילן איר ראָלע פון אַן אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, קאָן ניט אויספילן איר ראָלע פון אַ בויער פון דער נײַער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פונעם אינערלאַכן לעבן פון אונזער פּאַרטיי איז אַ געשיכטע פון קאַמף און צעשמעטערונג פון די אָפּאָרטוניסטישע גרופּעס אינעווייניק אין דער פּאַרטיי — פון די „עקאָנאָמיסטן", מענשעוויקעס, טראָצקיסטן, בוכאַרינצעס, נאַציאָנאַל־אָפּנוויגלער.

די געשיכטע פון דער פּאַרטיי לערנט, אַז אַט די אַלע קאַפּיטוליאַנטישע גרופּעס זײַנען אין תוך גענומען געווען אַגענטן פונעם מענשעוויזם אינעווייניק אין אונזער פּאַרטיי, אַ נאָכשלעפּ זײַנער, אַ פאָרזעצונג זײַנע. זיי האָבן אויך, אַזוי ווי דער מענשעוויזם, אויסגעפילט די ראָלע פון דורכפירער פון דעם בורזשואַזן אײַנפלוס אינעם אַרבעטער־קלאַס און אין דער פּאַרטיי. דעריבער איז דער קאַמף פאַר דער ליקווידירונג פון די דאָזיקע גרופּעס אין דער פּאַרטיי געווען אַ פאָרזעצונג פונעם קאַמף פאַר דער ליקווידירונג פונעם מענשעוויזם.

ניט האָבנדיק צעקלאַפּט די „עקאָנאָמיסטן" און די מענשעוויקעס, וואָלטן מיר ניט געקאָנט אויסבויען די פּאַרטיי און אוועקפירן דעם אַרבעטער־קלאַס צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

ניט האָבנדיק צעקלאַפּט די טראָצקיסטן און די בוכאַרינצעס, וואָלטן מיר ניט געקאָנט צוגרייטן די באַדינגונגען, וואָס זײַנען נויטיק פאַר דער אויסבויאונג פונעם סאָציאַליזם.

ניט האָבנדיק צעקלאַפּט די נאַציאָנאַל־אָפּנוויגלער פון אַלע און אַלערליי קאָלירן, וואָלטן מיר ניט געקאָנט דערציִען דאָס פאָלק אין גײַסט פון אינ־

טערנאַציאָנאַליזם, וואָלטן מיר ניט געקאָנט פאַרטיידיקן די פאָן פון גרויסער פּרינציפּ פון די פעלקער פון פ.ס.ס.ר., וואָלטן מיר ניט געקאָנט אויס־בויען דעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

עס קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן צופיל צייט אָפּגע־געבן דעם קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי, אַז זיי האָבן איבערגעשאַצט זייער באַדייטונג. נאָר דאָס איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק. מע טאָר ניט דולדן אין דער אייגענער סביבה קיין אָפּאָרטוניזם, ווי מע טאָר ניט דולדן קיין געשוויר אין אַ געזונטן אָרגאַניזם. די פּאַרטיי איז דער אָנפירנדיקער אָטריאַד פונם אַרבעטער־קלאַס, זיין פאָדערשטע פעסטונג, זיין שלאַכט־שטאַב. מע טאָר ניט דערלאָזן, אַז אינם אָנפירנדיקן שטאַב פונם אַרבעטער־קלאַס זאָלן זיצן סקעפּטיקער, אָפּאָרטוניסטן, קאַפּיטוליאַנטן, פאַר־רעטער. פירן אַ טויט־קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, האָבנדיק קאַפּיטוליאַנטן און פאַררעטער אינם אייגענעם שטאַב, אין דער אייגענער פעסטונג — הייסט אַריינפאַלן אין דער לאַגע פון מענטשן, וואָס ווערן באַשאָסן אי פון פראָנט, אי פון הינטערלאַנד. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ מין קאַמף קאָן זיך ענדיקן בלויז מיט אַ מפּלה. פעסטונגען ווערן לייכטער פאַר אַלץ גענומען פון אינעווייניק. כדי צו דערשלאָגן זיך אַ זיג, דאַרף מען, פריער פאַר אַלץ, די פּאַרטיי פונם אַרבעטער־קלאַס, איר אָנפירנדיקן שטאַב, איר פאָדער־שטע פעסטונג אָפּרייניקן פון קאַפּיטוליאַנטן, פון דעזערטירן, פון שטרייק־ברעכער, פון פאַררעטער.

מע קאָן ניט האַלטן פאַר קיין צופעליקייט, וואָס די טראָצקיסטן, בוכאַ־רינצעס, נאַציאָנאַל־אָפּנויגלער האָבן, קעמפנדיק קעגן לענינען, קעמפנדיק קעגן דער פּאַרטיי, געענדיקט מיט דעם זעלבן, מיט וואָס עס האָבן געענדיקט די פּאַרטייען פון די מענשעוויקעס און עסערן, — זיי זיינען געוואָרן אַגענטן פון די פאַשיסטישע אויסשפּירונגען, זיינען געוואָרן שפּיאָנען, שעדיקער, מער־דער, דיווערסאַנטן, פאַררעטער פונם היימלאַנד.

„האָבנדיק אין די אייגענע רייען רעפאָרמיסטן, מענשעוויקעס, זאָגט לענין, קאָן מען ניט זיגן אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, קאָן מען ניט פאַרטיידיקן זי. דאָס איז פּרינציפּיעל קלאָר. דאָס איז באַשיימפּערלאַך באַשטעטיקט דורך דער דערפאַרונג אי פון רוס־לאַנד, אי פון אונגאַרן... אין רוסלאַנד זיינען פיל מאָל געווען שווע־רע לאַגעס, ווען עס וואָלט אויף געוויס אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דער סאָוועטישער רעזשים, אויב די מענשעוויקעס, די רעפאָרמיסטן, די קליינבירגערלאַכע דעמאָקראַטן וואָלטן פאַרבליבן אינעווייניק אין אונזער פּאַרטיי...“ (לענין, ב. XXV, ז. 462—463, רוסיש).

„אויב דער פּאַרטיי אונזערער, זאָגט חבר סטאַלין, האָט זיך איינ־געגעבן צו שאַפן אין זיך אַן אינערלאַכע איינהייט און אַן אומגעהער־טע באַהעפטקייט פון אירע רייען, — איז דאָס, פריער פאַר אַלץ,

דערפאר, ווײַל זי האָט באוויזן באצײַטנס אָפּצורייניקן זיך פון דער אומריינקײַט פונם אָפּאָרטוניזם, האָט באוויזן ארויסצוטרײַבן פון דער פארטיי די ליקווידאטאָרן, די מענשעוויקעס. דער וועג פון אנט־וויקלונג און פארפעסטיקונג פון די פּראָלעטארישע פארטייען גייט דורך דורכן אָפּרייניקן זיי פון אָפּאָרטוניסטן און רעפאָרמיסטן, פון סאָציאַל־אימפּעריאַליסטן און סאָציאַל־שאָוויניסטן, פון סאָציאַל־פּאטריאָטן און סאָציאַל־פּאציפיסטן. די פּארטיי ווערט פּארפעסטיקט דורך דעם, וואָס זי רייניקט זיך אָפּ פון די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן" (סטאַלין, פּראגן פון לעניניזם, ז. 72, רוסיש).

5) די געשיכטע פון דער פּארטיי לערנט, ווײַטער, אז די פּארטיי קאָן ניט אויספּילן איר ראָלע פון אן אָנפירער פונם ארבעטער־קלאס, אויב, פּאר־כאפּט ווערנדיק פון די דערפאָלגן, הויבט זי אָן זיך גרויסהאלטן, אויב זי הערט אויף צו באמערקן די חסרונות פון איר ארבעט, אויב זי האָט מורא צו אָנערקענען אירע פעלערן, האָט מורא רעכטצײַטיק אויסצובעסערן זיי אָפן און ערלאך.

די פּארטיי איז אומבאזיגבאר, ווען זי האָט קיין מורא ניט פאר קריטיק און זעלבסטקריטיק, ווען זי פארשמירט ניט די פעלערן און די חסרונות פון איר ארבעט, ווען זי לערנט און דערציט די קאדרען אויף די פעלערן פון דער פּארטיי־ארבעט, ווען זי קען רעכטצײַטיק אויסבעסערן אירע פעלערן.

א פּארטיי קומט אום, אויב זי באהאלט אויס אירע פעלערן, פארטושט די ווייטעקדיקע פראגן, דעקט צו אירע בלויזן מיט א פאלשן פּאראד פון בשלום׳דיקײַט, דולדעט ניט קיין קריטיק און זעלבסטקריטיק, דריינגט זיך דורך מיטן געפיל פון זעלבסטצופרידנקײַט, גיט זיך איבער דעם געפיל פון זעלבסטפארליבטקײַט און הויבט אָן צו רוען אויף די לאָרבער־קרענץ.

„די באציאונג פון א פּאָליטישער פּארטיי, זאָגט לענין, צו אירע פעלערן איז איינער פון די וויכטיקסטע און ריכטיקסטע קריטעריען פון דער ערנסטקײַט פון דער פּארטיי און פון דעם, ווי:אזוי זי פּילט אויס פאקטיש אירע פליכטן צו איר אייגענעם קלאס און צו די ארבעטנדיקע מאסן. אָפן אָנערקענען א פעלער, אויפדעקן זיינע סי־בות, דורכאנאליזירן די סיטואציע, וואָס האָט אים געבוירן, באהאנד־לען אויפמערקזאם די מיטלען פון אויסבעסערן דעם פעלער — אָט דאָס איז א סימן פון אן ערנסטער פּארטיי, אָט דאָס הייסט, אז זי פּילט אויס אירע פליכטן, אָט דאָס הייסט — דערציִען און לערנען דעם קלאס, און דערנאָך אויך די מאסע" (לענין, ב. XXV, ז. 200, רוסיש).

און ווײַטער:

„אלע רעוואָליוציאָנערע פּארטייען, וואָס זײַנען ביז אהער אומגע־קומען, זײַנען אומגעקומען דערפון, וואָס זיי האָבן זיך געגומען

גרויסהאלטן און האָבן ניט געקענט זעען, אין וואָס באשטייט זייער קראפט, און האָבן מורא געהאט צו ריידן וועגן זייערע שוואכקייטן; מיר וועלן אָבער ניט אומקומען, ווייל מיר האָבן קיין מורא ניט צו ריידן וועגן אונזערע שוואכקייטן, און מיר וועלן זיך אויסלערנען ביי צוקומען די שוואכקייט" (לענין, ב. XXVII, ז. 260—261, רוסיש).

6) ענדלאך, לערנט די געשיכטע פון דער פארטיי, אז אָן ברייטע פאר־בינדונגען מיט די מאסן, אָן א שטענדיקער פארפעסטיקונג פון די דאָזיקע פארבינדונגען, אָן דעם קענען זיך צוהערן צו דער שטים פון די מאסן און פארשטיין זייערע אָנגעווייטעקטע באדערפעניש, אָן דער גרייטקייט ניט בלויז צו לערנען די מאסן, נאָר אויך צו לערנען זיך ביי די מאסן, — קאָן די פארטיי פונם ארבעטער־קלאס ניט זיין קייןווירקלאכע מאסן־פארטיי, וואָס איז פייאיק צו פירן נאָך זיך די מיליאָנען פונם ארבעטער־קלאס און פון אַלע ארבעטנדיקע.

די פארטיי איז אומבאזיגבאר, ווען זי קען, ווי לענין זאָגט, „פארבינדן זיך, דערנעענטערן זיך, ביז א געוויסער מאָס, אויב איר ווילט, צונויפגיסן זיך מיט דער סאמע ברייטער מאסע ארבעטנדיקע, צום אַלעם ערשטן מיט דער פראָלעטארישער, נאָר אויך מיט דער ניט־פּראָלעטארישער ארבעטנדי־קער מאסע" (לענין, ב. XXV, ז. 174, רוסיש).

א פארטיי קומט אום, אויב זי שליסט זיך איין אין איר שמאָל־פארטיי־אישער שאָלאכץ, אויב זי רייסט זיך אָפּ פון די מאסן, אויב זי באדעקט זיך מיט א ביוראָקראטיש הייטל.

„מע קאָן האלטן פאר א כלל, זאָגט חבר סטאַלין, אז כל זמן די באָלשעוויקעס היטן איין די פארבינדונג מיט די ברייטע מאסן פונם פאָלק, וועלן זיי זיין אומבאזיגבאר. און, פארקערט, עס איז גענוג, די באָלשעוויקעס זאָלן זיך אָפּרייסן פון די מאסן און פארלירן די פאר־בינדונג מיט זיי, עס איז גענוג, זיי זאָלן באדעקט ווערן מיט ביוראָ־קראטישן זשאַווער, אז זיי זאָלן פארלירן יעטווידע קראפט און פאר־וואנדלט ווערן אין א פוסטער זאך.

ביי די פארצייטיקע גריכן איז אין דער סיסטעם פון זייער מיטאָ־לאָגיע געווען איינער א בארימטער העלד — אנטעאוס, וועלכער איז געווען, ווי די מיטאָלאָגיע דערציילט, א זון פון פּאָסיידאָן — דעם גאָט פון די ימים, און פון געא — דער געטין פון דער ערד. ער האָט גע־פילט א באזונדערע צוגעבונדנקייט צו דער מוטער זיינער, וואָס האָט אים געבוירן, אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן. ס'איז ניט געווען אזא העלד, וואָס ער זאָל אים ניט באזיגן — דער דאָזיקער אנטעאוס. ער האָט זיך גערעכנט פאר אן אומבאזיגבארן העלד. אין וואָס איז באַ־שטאנען זיין קראפט? זי איז באשטאנען דערין, וואָס יעדעס מאָל,

ווען ער פלעגט האלטן שמאָל אין קאמף קעגן דעם קעגנער, פלעגט ער זיך צורירן צו דער ערד, צו דער מוטער זײַנער, וואָס האָט אים געבוירן און אויפגעהאָדעוועט, און פלעגט באקומען נײַע קראפט. ער האָט אָבער פונדעסטוועגן געהאט אויך זײַן שוואך אָרט — דאָס איז די געפאר אָפּגעריסן צו ווערן אויף וועלכן־עס־איז אופן פון דער ערד. די שונאים האָבן גענומען אין אכט די דאָזיקע שוואכקײַט זײַנע און האָבן אויף אים געלויערט. און אָט האָט זיך געפונען א שונא, וואָס האָט אויסגענוצט די דאָזיקע שוואכקײַט זײַנע און האָט אים באזיגט. דאָס איז געווען הערקולעס. וויאזוי אָבער האָט ער אים באזיגט? ער האָט אים אָפּגעריסן פון דער ערד, אויפגעהויבן אינדערלופטן, אָפּגענומען בײַ אים די מעגלאכקײַט צוצורירן זיך צו דער ערד און האָט אים, אויף אזא אופן, דערשטיקט אינדערלופטן.

איך מיין, אז די באָלשעוויקעס דערמאָנען אונז אָן דעם העלד פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, אנטעאוס. פונקט ווי אנטעאוס, זײַנען זיי שטארק הערמיט, וואָס זיי האלטן פארבינדונג מיט דער מוטער זייערער, מיט די מאסן, וואָס האָבן זיי געבוירן, אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן. און כל זמן זיי האלטן די פארבינדונג מיט זייער מוטער, מיטן פאָלק, האָבן זיי אלע שאנסן צו פארבלײַבן אומבאזיגבאר.

דערין איז דער שליסל פון דער אומבאזיגבארקײַט פון דער באָלשעוויסטישער אָנפירונג" (סטאלין, „וועגן די חסרונות פון דער פארטיי־ארבעט").

אָט דאָס זײַנען די גרונט־לעקציעס פון דעם היסטאָרישן וועג, וואָס עס האָט דורכגעמאכט די באָלשעוויסטישע פארטיי.

ס ו ף.

# אַנמערקונגען (לויטן אלף־בית).

**אוקראאינישע ראדע** — די רעגירונג פון דער נאציאָנאַליסטישער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער אוקראאינישער בורזשואזיע, וואָס האָט אראָפּגעבראכט קיין אוקראאינע דאָס מיליטער פון די עסטרייך־דייטשישע אימפּעריאַליסטן אויף צו דערשטיקן די רעוואָליוציע.

**איקאָנע** — א זאך פון רעליגיעזן קולט, אָפּבילדער פון געטער אָדער הייליקע.

**באָראָטביסטן** — דער לינקער פליגל פון דער נאציאָנאַל־שאָוויניסטישער פּארטיי פון די אוקראאינישע סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערן, וועלכער האָט ביזן 1918־טן יאָר ארויסגעגעבן זיין צענטראַל־אָרגאַן „באָראָטבא“.

**דעקאַבריסטן** — רעוואָליוציאָנערן פון צווישן אדל, וואָס זיינען ארויסגעטראָטן קעגן דער זעלבסטהערשונג און ליבאייגנשאַפט אין דעצעמבער 1825־טן יאָר.

**זעמסקי סאָבאָר** — א פארזאמלונג פון פאָרשטייער פון די שטאנדן אין רוסלאנד; פלעגט צונויפגערופן ווערן אין XVI—XVII יאָרהונדערטן צוליב בעראטונג מיט דער רעגירונג.

**זעמסקער נאטשאלניק** — א נאטשאלניק (א שעף) פון צווישן אדל. אים פלעגן איבערגעגעבן ווערן פּאָליציייאישע און געריכטלאך־אדמיניסטראטיווע רעכט.

**טעכנישער מינימום** — א מינימום נויטיקע טעכנישע קענטענישן, וואָס זיינען איינגעשטעלט פאר די ארבעטער אין דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע.

**טרודאָוויקעס** — א קליינבירגערלאכע גרופּירונג, וועלכע עס האָט געבילדעט אין 1906־טן יאָר אין דער ערשטער מלוכה־דומע א טייל פּויערישע דעפּוטאטן, וואָס בראש פון איר זיינען געשטאנען עסערישע אינטעליגענטן.

**מאנילאָווושטשינע** — זעלבסטצופרידנהייט, אומטעטיקייט, פּוסטע טרוימעריי. מאנילאָוו — איינער פון גאָגאָלס העלדן אין זיין ווערק „טויטע נפשות“ („מיאָרטוויע דושי“).

**נעפּמאן** — א פּריוואטער אונטערנעמער, א הענדלער, א ספּעקוליאנט אינם ערשטן פּעריאָד פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

**צארישע אָכראַנקע** — דער אנשטאלט פון דער געהיימער פּאָליטישער פּאָליציי אינם צארישן רוסלאנד; געשאפן געוואָרן צו קעמפן קעגן דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג.

איבערזעצער.